STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08946

OYF DER LETSTER POZITSYE, MIT DER LETSTER HOFENUNG

Hersh Smolar

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערש סמאָליאַר

אויף דער לעצטער פּאָזיציע
מיט דער לעצטער האָפענונג

דאָס בוך דערשיינט מיט דער מיטהילף פון :
רייזל און דוד פּאַיוס ליטעראַטור־פאָנד בײַם י. ל. פּרץ־פאַרלאַג,
קרן תל־אביב לספרות ולאמנות ע״ש יהושע רבינוביץ,
אליעזר פּינעס־פאָנד פאַר קולטור און ליטעראַטור,
יידישן שרייבער און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל,
קרן להנצחת זכרה של יהדות פולין.

הערש סמאָליאַר

אויף דער לעצטער פּאָזיציע
מיט דער לעצטער האָפענונג

...און די האָפענונג — אַן איינציק ליכטעלע וואָס פלעמלט.

אברהם סוצקעווער

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב, 1982

HERSH SMOLAR

OIF DER LETZTER POZITZIE —
MIT DER LETZTER HOFENUNG

Printed in Israel 1982

אַלע רעכט געהערן דעם אויטאָר
69027, Ramat Aviv, Rhov Fichman 12/31
הילע געצייכנט — רבקה בריסק

דפוס „אור" בע"מ, תל־אביב, שד׳ הר־ציון 104, טל. 822481

אינהאַלט

נייטיקע באַוואָרענישן	7
מיט דעם זעלבן וועג, אָבער אַנדערש	12
נאָר נישט קאַפּיטולירן !	20
ערשטע באַגעגענישן	27
וועגן צוויי אָנהייבן און אַ דריטן	35
איינהייט — פון אויסן, צעריסנקייט — פון אינעווייניק	43
דער טויט אונדזער נאָכאַנאַנדיקער באַגלייטער	50
נאָכן פּאָגראָם	56
„די שטוב ברענט און דער זייגער גייט"	68
אין איינע צוויי־דריי יאָר	76
די זאָרגן פאַרן מאָרגנדיקן טאָג	85
באַזונדער און צוזאַמען	92
דער וויסטער אָנהייב פון אַ גורלדיקן יאָר	102
נאָר נישט איזאָלירט !	109
וועגן די, וואָס זענען נישט געווען	114
„מיט אַ באַזונדער שליחות"	119
צווישן יידן פון דער גאָרער וועלט	130
„אַזוי ווי עס קריסטלט זיך..."	140
דער דורכבראָך אין דעם פּילבאָרסטן אָרט	148
ענדערונגען אָרגאַניזאַציאָנעלע, ענדערונגען פּרינציפּיעלע	155
דער לעצטער טעלעפאָן־שמועס מיט מאָסקווע	162
אויס מיטן „פּעכער"	165
אין סאַמע ברען פון „קאַלטן קריג"	171
א) פון באַלעבאַטים צו ראַטגעבערס	171
ב) צו זעלבסטהילף און זעלבסטשוץ	177
ג) דער וועג צו באַוואָרענען זיך	182
אויף אַ נייעם אופן	192
ליכט און שאָטן און אַלץ גרעסערע געפאַרן	197
... און עס האָט זיך אָנגעהויבן	204
ביים סאַמע אָפּגרונט — באַנייטע האָפענונג	210
אויף די רייגע און שמוציקע כוואַליעס פון „פּוילישן אָקטאָבער"	222
דער סוף פון דער סטאַביליזאַציע	233
„די צווייטע כוואַליע"	239
איבעראַנייס, און אַנדערש	244
„נוסח פּוילן"	251
דורך דער געעפנטער טיר	259
דער פּיינלעכער אָפּשייד פון גוטע פריינד	267
צוריק צום אַלטן און... נאָך ערגער	276
דער בלוט־בלבול	283
נאָר נישט אונטערגעבן זיך !	290
אַהין און צוריק	299
אונדזער ווידערשטאַנד	306
דער פּילזייטיקער אַנטיסעמיטישער אָנגריף	314
... אויך קעגן די דערמאָרדעטע יידן	325
פון וואַנעט וועט קומען די הילף ? !	332

דער פּראָטעסט פֿון דער פּוילישער אינטעליגענץ 339
אַרומגערינגלט מיט פֿאַרדאַכט און פּראָוואָקאַציע 343
דער סוף פֿון דעם „אפשר״ 350
די נקמה צוליב דעם יידישן נצחון 354
וועגן „קאָמאַנדאָסן״ און „הון־וויי־בינען״ 361
דער אָנהייב פֿון פּראָנטאַלן אָנגריף 370
פֿון בירגערס — אונטערטאַנען 379
די אויסגעשטרעקטע האַנט מיט הילף 388
די פּלאַנמעסיקע, שנעלע ליקווידאַציע 397
שונאים פֿון אינעווייניק 407
דער ענדגילטיקער יידישער ענטפֿער 416
וועגן צוויי ענטפֿערס און אַ דריטן 423
די געזעגענונג 429
אַ וואָרט וועגן אָפּשטאַם און צילן פֿון סאָוועטישן אַנטיסעמיטיזם . 431
אַנשטאָט אַ נאָכוואָרט — PRO DOMO SUA 440
רשימה פֿון נעמען 451

נויטיקע באַוואָרענישן

(אָנשטאָט אַן אַריינפיר)

אַ פערטל יאָרהונדערט האָט געדויערט דער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטי־שער אָנשטרענג אין פּוילן, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, צום ווידער אויפבויען, אַנטוויקלען און מיט אַלע כוחות אויפהאַלטן, אין די ראַמען פון דעם מזרח־אייראָפּעיִשן מלוכה־סיסטעם, אַן אָרגאַניזירטן ייִדישן יישוב. געווען איז עס קודם־כל דער אָנשטרענג פון די מיטגלידער פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי פּפּ״ר (שפּעטער פון דער פאַראייניקטער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי — פּזפּ״ר), טוערס פון די ייִדישע קאָמי־טעטן, צווישן וועלכע אַ גרויסער טייל האָט פאַר דער מלחמה געהערט צו דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן (קפּ״פּ).

דער איניציִרנדיקער און פירנדיקער כוח אין צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן, אין זיין פּרעזידיום און אַרבעטס־ביוראָ, זענען געווען די פּפּ״ר־מיטגלידער פון דער אַזוי גערופענער „צענטראַלער פראַקציע״, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט דער אינסטרוקטאָר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פּפּ״ר פאַר יידישע ענינים, **שמעון זאַכאַריאַש** — אַ געוועזענער מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן, און נאָך דער מלחמה (ביזן 4טן צוזאַמענפאָר פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי — פּזפּ״ר) אַ מיטגליד פון דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע.

די אַבסאָלוטע מערהייט יידישע טוערס, אָנגעהעריקע צו פּפּ״ר, איז באַשטאַנען פון מענטשן, וועלכע האָבן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה זיך געפונען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און זענען דאָרט געווען טעטיק אין פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן. אַ טייל פון די דאָזיקע טוערס איז געווען מאָביליזירט אין דער א״ג „אַרבעטס־אַרמיי״, אַנדערע האָבן געדינט אין דער פּוילישער „קאָשטשושקאָ־דיוויזיע״ און אַ קלענער טייל פּפּ״ר־טוערס פון די יידישע קאָמיטעטן האָט אין די אָקופּאַציע־יאָרן זיך געפונען אין די געטאָס און אין פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילן.

דאָס כאַראַקטעריסטישע, וואָס האָט פאַראייניקט די אַלע מענטשן מיט אַ פאַרשידענער לעבנס־דערפאַרונג בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז געווען די שטרעבונג אויפצושטעלן אויף די חורבות פון פאַרניכטעטן

פוילישן יידנטום — אַ יידישן יישוב, וואָס זאָל אין הסכם מיט די פּראָגראַם־איינשטעלונגען פון פוילישן קאָמיטעט פון נאַציאָנאַלער באַפרייונג (פּקוו״נ) האָבן אַלע מעגלעכקייטן פאַר פּאָליטישער, סאָציאַל־עקאָנאָמישער און נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַנטוויקלונג.

חוץ דער דאָזיקער **אַלגעמיינער** שטרעבונג זענען צווישן די יידישע פּפּ״ר־פּזפּ״ר־טוערס געווען צייטנווייז וועזנטלעכע אונטערשיידן אין דעם צוגאַנג צו די נאַציאָנאַלע צילן און צו די פּערספּעקטיוון פון דער אַרבעט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן — אונטערשיידן, וועלכע פלעגן אַרויסקומען פון אויבנאויף בעת שאַרפע ווענדפּונקטן אין דער נאָכמלחמה־געשיכטע פון פוילן.

אויף אַ באַדינגלעכן אופן האָט מען די פּפּ״ר־טוערס אין די יידישע קאָמיטעטן געקענט טיילן אין צוויי גרופּן:

צו דער ערשטער גרופּע האָבן געהערט דער עיקר אַמאָליקע (פון די אומלעגאַלע צייטן) פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן, אין זייער מערהייט — געוועזענע אַרבעטערס, אָפּשטאַמיקע פון די קוואַרטאַלן פון דער יידישער אָרעמקייט, הויפּטזעכלעך פון דעם וואַרשעווער צפון־ראַיאָן (וועלכן מען האָט אין דער פּאַרטיי־טערמינאָלאָגיע באַצייכנט אַלס „מורדזשעל״ — אַ קיצור פון פוילישן „מוראַנאָווסקאַ דזשעלניצאַ״ — מוראַנאָווער ראַיאָן). פאַר די דאָזיקע מענטשן איז אַלס כלל כאַראַקטעריסטיש געווען דאָס אָנווענדן, אַפילו אויף אַ מעכאַנישן אופן, אַלגעמיינע פּאַרטיי־פאָרמולירונגען און באַשלוסן צו דער יידישער סביבה.

אין זייער מערהייט זענען די מענטשן פון דער דאָזיקער גרופּע געווען בעת דער מלחמה אין ראַטן־פאַרבאַנד און האָבן אין אַ גרויסער מאָס אַריבערגעטראָגן די סאָוועטישע אופנים און נאָרמעס קיין פוילן.

צו דער צווייטער גרופּע האָבן געהערט טוערס, וועלכע האָבן אין די פאָרמלחמה־באַדינגונגען געווירקט **אויף אַ לעגאַלן** אופן אין יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס, אין יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, צווישן דער יידישער אינטעליגענץ — צווישן שרייבערס, קינסטלערס, אַקטיאָרן, פּעדאַגאָגן, סטודענטן.

אין אונטערשייד צו די מענטשן פון דער ערשטער גרופּע, וועלכע זענען געווען פאַר דער מלחמה פאַרקאָנספּירירט און ממילא באַגרענעצט אין פאַרבינדונגען מיט ברייטערע יידישע שיכטן, האָבן די טוערס פון דער צווייטער גרופּע געהאַט די מעגלעכקייט צו קומען אין כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט פאַרשידענע קרייזן יידישע אַרבעטערס און אינטעליגענטן, אַרויסטרעטן עפנטלעך מיט רעפעראַטן און טרעפן זיך מיט פאָרשטייערס פון יידישע פּאַרטייען (גאָר באַזונדער אין די דרייסיקער יאָרן, בעת דעם „קולטור־פראָנט״ און „פאָלקס־פראָנט״).

פאַר די דאָזיקע טוערס איז די טעטיקייט אין די יידישע קאָמיטעטן,

אין די יידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס אין פּוילן און בעת דער מלחמה אין „פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן" אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געוועהן אַן אויסדרוק פון זייערע יידישע שטרעבונגען און פאַר־געזעענע פּערספּעקטיוון זיי צו פאַרווירקלעכן אין די באַדינגונגען פון סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג אין פּוילן.

דער אויטאָר פון די דאָזיקע שורות איז אין זיין יאָרנלאַנגער אונ־טערערדישער טעטיקייט אין פּוילן קיין ספּעציעל יידישער טוער נישט געווען, ער איז אָבער געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער צענטראַלער יידישער ביוראָ פון קפּ"פּ. אין משך פון אַלע יאָרן נאָך דער מלחמה האָט ער אַקטיוו מיטגעווירקט צום אויפלעבן די איבערגעשניטענע דורכן היטלעריזם וואָרצלען פון טויזנטיאָריקן יידישן יישוב אין פּוילן. גלייכצייטיק איז פאַר אים אַנטשיידנדיק געווען דער פאַקט, וואָס ער איז אין דעם אַנפירנדיקן יידישן פּפּ"ר־קאָלעקטיוו, אין דער אַזוי גערו־פענער „צענטראַלער פּראַקציע", געווען דער איינציקער, וואָס האָט הינטער זיך געהאַט אַ יאָרנלאַנגע דערפאַרונג פון דער „יידישער אַרבעט" אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. די דאָזיקע דערפאַרונג מיט איר טראַגישן סוף איז פאַר אים אַלע מאָל געווען איינע פון די עיקרדיקע קריטעריעס ביים אָפּשאַצן אַלע דערשיינונגען אין יידישן לעבן אין פּוילן, כדי אויס־היטן זיך פון טיילן דעם גורל פון דער „יידישער אַרבעט" אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי אויך די מעגלעכקייט צו **ווירקן לטובת אַן ענדערונג אין דער לאַגע פון די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד**, וואָס זאָל אין דער אונטערשטער שורה ברענגען צום באַנייען די **סאָוועטישע אַלטערנאַטיוו פאַר אַ גענעראַלער לייזונג פון דער יידן־פּראַגע.**

פאַר דעם אויטאָר פון די דאָזיקע שורות, וועלכער איז פון די ייגנסטע יאָרן דערצויגן געוואָרן לויט נאָרמעס פון אידעיש־פּאָליטישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער דיסציפּלין אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי בעתן זיין אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, און פון דער אומלעגאַלער קאָמו־ניסטישער באַוועגונג אין פּוילן, איז אַפילו אין אָנבליק פון טאָטאַלן פאַרניכטן די רעזולטאַטן פון יאָרנלאַנגן יידישן אָנשטרענג און אויפבוי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, נישט אויפגעקומען דער געדאַנק צו קאַפּיטו־לירן, צום דערקלערן אַלס באַנקראָטירט די אידעע פון סאָציאַליסטישן לייזן די יידן־פּראַגע. אַנטשיידנדיק פאַר אים איז געווען דער ווילן, אַז דאָס אַלזייטיק־אַנטוויקלטע יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־לעבן אין פּוילן זאָל ווערן דאָס פאַרבילד, דער לעבעדיקער מאָנער און די גרונט־פּאָזיציע פאַר אַן ענדערונג אין דער סיטואַציע פון דעם גרעסטן אין אייראָפּע יידישן יישוב.

מיט דער דאָזיקער אַזוי פאָרמולירטער שטרעבונג איז דער אויטאָר פון די שורות, סיי ווען ער איז געווען דער פאָרזיצער פון צענטראַל־

קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן און שפּעטער פּאָרזיצער פון דער הויפּט־פּאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פּאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן, און סיי ווען ער איז יאָרנלאַנג געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער „פֿאָלקס־שטימע", קיין מאָל נישט אַרויסגעקומען — נישט עפנטלעך און נישט אין פּריוואַטע שמועסן. דער שטענדיק־אָנוועזנדיקער „אינערלעכער צענזאָר" האָט אַלע מאָל דיקטירט פּאָרזיכטיקייט, ווייל אין דער נאָענטסטער סביבה זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געדינט אַלס אינפאָרמאַטאָרן פאַר דער פּאָליצייִשער פּאָליציי און ממילא — פאַר די סאָוועטישע „ראַטגעבער".

שווער, זייער שווער איז דעם אויטאָר פון די שורות אָנגעקומען איבערצולעבן דעם צווייטן — נאָכן סאָוועטנפּאַרבאַנדישן — חורבן פון זיינע שטרעבונגען און האָפענונגען. פון זיין יאָרנלאַנגער רעוואָלוציאָנער־רער דערציונג האָט אָבער געשטאַמט דער כוח זיך מודה צו זיין אין דער ענדגילטיקער מפּלה און נישט דערדריקט ווערן דורך איר.

דער דאָזיקער כוח שטאַמט פון דער איבערצייגונג פון דעם אויטאָר, אַז די דערפאַרונג פון אַ פערטל יאָרהונדערט יידיש לעבן אין די באַ־דינגונגען פון פוילן נאָך דעם היטלערישן חורבן, קאָן זיין באַלערנדיק צום בולטערן זען די אומוועגן, די געפאַרן און די פאַראַנענע אַנטוויק־לונגס־וועגן און מעגלעכקייטן פאַר דעם יידישן פאָלק.

געקערעוועט האָט מיטן אויטאָר אויך די איבערצייגונג, אַז מיטן פאַרניכטן די רעזולטאַטן פון שווערן געראַנגל, אין משך פון אַ פערטל יאָרהונדערט, פאַר דער עקסיסטענץ און אַנטוויקלונג פון פויליש־יידישן יישוב אין די סאָציאַל־פּאָליטישע באַדינגונגען פון סאָוועטיש־באַאיינ־פלוסטן מלוכה־סיסטעם, איז ענדגילטיק צעשטערט געוואָרן די לעצטע און וויכטיקסטע פּאָזיציע, אויף וועלכער עס האָט זיך געשטיצט די יידישע קאָמוניסטישע באַוועגונג. עס איז פאַרשוואונדן די לעצטע האָ־פענונג אויף אַ קאָמוניסטישער אַלטערנאַטיוו צום גענעראַלן לייזן די יידן־פראַגע.

די עקסיסטענץ פון יידישן יישוב אין פוילן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, זיינע אַלזייטיקע דערגרייכונגען, האָבן געהאַט געשטאַרקט דעם גלויבן ביי יידישע קאָמוניסטן און יידיש־קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אומעטום, ווו זיי זענען געווען, אַז ס'איז מעגלעך אַן אַנטוויקלט יידיש לעבן אין דער סאָוועטישער זאָנע, נישט געקוקט אויף דער טאָטאַלער צעשטערונג פון יידישן לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד גופא. די פאַרניכ־טונג פון פויליש־יידישן יישוב האָט באַטייט, אַז נישט נאָר קיין אַלזייטיק יידישן לעבן איז דאָרט נישט מעגלעך, נאָר אַז די יידן־שנאה איז דער־הויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַן אָפיציעלער רעגירונגס־פּאָליטיק.

דער אויטאָר פון דעם בוך איז נישט קיין היסטאָריקער און פרע־

טענדירט נישט צו שרייבן די באַטייטונגספולע געשיכטע פון יידישן יישוב אין פוילן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. די ווייטערדיקע שורות שטעלן מיט זיך פאַר בלויז זיין **אייגענעם** זען דעם גאַנג פון געשעענישן, (נישט אַלע מאָל לויט אַ פּינקטלעך־כראָנאָלאָגישן סדר), זיין **אייגענעם** נאָכטראַכטן וועגן זייער באַטייט און טענדענצן. דערפאַר וועלן זיין באַרעכטיקט מעגלעכע טענות, אַז ערטערווייז זענען פאַרזען געוואָרן וויכטיקע פאַקטן, אָדער אַז די אינטערפּרעטאַציע פון די געשעענישן און די כאַראַקטעריסטיק פון מענטשן איז מעגלעך אַ סוביעקטיווע. זאָל דאָס זיין אַ סטימול פאַר אַנדערע, דירעקט באַטייליקטע אין דעם לעצטן קאַפּיטל געשיכטע פון די פּוילישע יידן, אַרויסצוברענגען זייער וויסן און באַלייכטונג פון די געשעענישן.

דער אויטאָר באַנוצט זיך אָפט מיט דער קאָלעקטיווער באַצייכענונג: „מיר". ער האָט דערמיט אין זינען, אין דער מערהייט פאַלן, דעם אָנפירנדיקן קאָלעקטיוו יידישע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוערס. די דאָזיקע באַצייכענונג האָט נישט אַלע מאָל אַ דעקונג אין אַן אַלגעמיין־אָנגענומענער שטעלונג אָדער באַשלוס. זי שטאַמט אָדער פון יאָרנלאַנגער געוווינהייט צו רעדן בלשון רבים, אָדער פון דער... אומ־באַקוועמלעכקייט צו רעדן אין דער ערשטער פּערזאָן. די באַוואָרעניש, אַז דער מחבר דריקט אויס בלויז זיין אייגענעם אופן פון זען און אָפּשאַצן געשעענישן און מענטשן, דאַרף דינען ווי אַ פאַרענטפערונג פאַר אים.

דער אויטאָר באַנוצט אָפט דעם קריפּטאָנים **„מיין אַלטער חבר"**, וועלכער גיט אים איבער וויכטיקע פאַר אונדזער סביבה פּאַרטרוילעכע ידיעות. אין דערווירקלעכקייט האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן איין „אַלטן חבר" נאָר וועגן אייניקע, אין גרעסטן טייל נישט קיין יידן, מיט וועלכע ער האָט זיך גאָר נאָענט צונויפגעלעבט סיי בעת דער אומלעגאַלער פּאַרטיי־אַרבעט, סיי אין די תפיסות אין וועלכע ער איז געזעסן, און סיי אין די פּאַרטיזאַנער־רייען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. זייער דויערנדיקע געטרייע חברישקייט האָבן זיי באַוויזן דורך דעם צוטרוי צו מיר. צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות קען איך נישט, ביים אויסדריקן זיי מיין דאַנקבאַרקייט, אָנרופן זייערע נעמען.

מיט דעם זעלבן וועג, אָבער אַנדערש

1946. דער זעלבער ווייסרוסישער וואָקזאַל אין מאָסקווע. איצט, ווי מיט 18 יאָר צוריק, איז דאָ דער אָנהייב פון מיין וועג אין דער אומבאַוווסטקייט, נאָכן אַריבערגיין די סאָוועטיש־פּוילישע גרענעץ.

איצט, מער ווי דעמאָלט, דריקט די טונקלקייט פון די וואָקזאַל־ווענט, אויף וועלכע עס זעען זיך ריטשקעס טריפּגדיקער שווייס. די געדיכטע, פאַרדומפּטע לופט פאַרהאַלט אַ רגע דעם אָטעם. גיין ווייטער מוז מען גאָר פאָרזיכטיק, כדי נישט פאַרטשעפּען עמעצן, וואָס ליגט אויסגעצויגן אויפן דיל, אָדער זיצט אויף וואָס עס לאָזט זיך. די רייען ביי די בילעטן־קאַסעס שלענגלען זיך איבער דער גאַנצער וואָקזאַל־לענג. מענטשן דרימלען שטייענדיקערהייט. די מערהייט מענער זענען נאָך אין פראָנט־מלבושים, הגם מען איז שוין דעמאָביליזירט פון דער אַרמיי. איצט איז עס אָבער אַנדערש, ווי מיט אַ יאָר אַנדערהאַלבן צוריק, ווען די נערוון־אָנגעשטרענגטקייט פלעגט אָפט, אַפילו אָן שום סיבה, אויספּלאַצן מיט אַ שטראָם זידלערייען. עס איז צוריקגעקומען די געדולדיקייט, די טיפּיש־רוסלענדישע גע־דולדיקייט. מענטשן ווייסן, אַז דאָס ערגסטע האָבן זיי שוין הינטער זיך.

דורכגעשלאָגן זיך צום פּעראָן — מיט אַ בילעט האָט מיך באַזאָרגט דער פּוילישער רעפּאַטריאַציע־אַמט — האָבן די לונגען גענומען זיך אָפּפרישן מיט דער סוף־פרילינגדיקער אָנגעוואַרעמטער לופט.

דער זעלבער פּעראָן און ווי דעמאָלט, מיט 18 יאָר צוריק, וועט קיינער נישט קומען מיך באַגלייטן. דעמאָלט איז עס געווען שטרענג פאַרבאָטן. אַפילו די נאָענטסטע האָבן נישט געטאָרט וויסן וווהין איך לאָז זיך. געהייסן האָט עס, אַז מ'שיקט מיך אַרבעטן ערגעץ ווייט אין סיביר. דעמאָלט איז עס געווען אַ קאָנספּיראַטיווע שליחות *). איצט פאָר איך אָן שום שליחות. דעם באַשלוס זיך אומצוקערן קיין פּוילן האָב איך אָנגענומען אַליין, נישט זייענדיק דערביי זיכער, צי עס וועט מיר געלינגען. האָט זיך דעריבער נישט געוואָלט מטריח זיין קיינעם פון די נאָענטע — דער עיקר פון אַלטע סאָוועטישע בירגערס, אויף וועלכע עס האָט אַלס כלל נאָך געלאַסטעט די מורא פון די סוף דרייסיקער יאָרן צו ווערן באַשולדיקט... אין „פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד". צווישן מיינע מאָסקווער פריינד זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געהאַט געליטן צוליב מיר. אַוודאי וואָלט געקומען מיך באַגלייטן און געזעגענען מיין חברטע פון דער אַמאָליקער קיִעווער

---

*) זע מיין בוך „ווו ביסטו חבר סידאָראָוו".

יוגנט־קאַמונע, כּאַסיע גוטהאַרץ, מיט וועלכער ס׳איז מיר אויסגעקומען נאָך אין די לעצטע טעג לאַנג צו דיסקוסירן נאָכן לייענען איר פילאָסאָפישע דאָקטאָר־אַרבעט. האָב איך אַליין אָבער איר פאַרבאָטן צו קומען. מיר איז פיינלעך געווען, וואָס צוליב מיר איז זי אויסגעשטאַנען פיל צרות אין די שוואַרצע טעג פון דער יעזשאָוו־אויסראָטונג. כ׳האָב געהאַט מיטגעגעבן מיין יוגנט־חבר, דעם געוועזענעם טוער פון די לינקע פועלי־ציון, מרדכי בוימקאַליר, אַ בריוועלע צו איר מיט דער ביטע אים צו העלפן.

ער איז געווען צווישן די ערשטע געפאַנגענע און פאַרשפּאַרטע אין דעם פּוילישן פייניקונג־לאַגער, קאַרטוז־בערעזע. נאָכן באַפרייען איז ער אַ שטיקל צייט אַרומגעפאָרן איבער פראַנקרייך און בעלגיע מיט רעפעראַטן וועגן טעראָר אין פּוילן. נאָך דעם איז ער אַפּגעשיקט געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין 1937 איז ער אַרעסטירט געוואָרן אַלס „פּוילישער שפּיאָן״. דעמאָלט האָט מען זיך עס אַ נעם געטאָן צו יעדן איינעם, מיט וועלכן ער האָט זיך קאָנטאַקטירט. צווישן זיי אַ סך פון מיינע אַלטע פריינד. זיי האָב איך בפירוש געבעטן, בעתן געזעגענען זיך, נישט צו קומען צום צוג.

געווירקט האָט דערביי אויך מיין אומזיכערקייט, צי וועל איך דערפאָרן ביז דער צווייטער זייט גרענעץ. געווען איז די דאָזיקע אומזיכערקייט גאָר אַן אַנדערע, ווי יעדעס מאָל, בעתן „שוואַרצן״ די פּוילישע גרענעץ. דעמאָלט האָט אויף שריט און טריט געלויערט די געפאַר אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער פּוילישער גרענעץ־וואַך און דורך איר — אין די הענט פון דער פּוילישער פּאָליטישער פּאָליציי (דעפענסיווע). איצט בין איך ביז דער לעצטער מינוט נישט זיכער געווען, צי די סאָוועטישע פּאָליציי וועט מיך אויפן וועג נישט אַראָפּנעמען פון צוג. דער אומרו, וועלכן כ׳האָב זיך באַמיט צו פאַרבאָרגן טיף אין זיך, איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם אַלעמען, וואָס איז געשען מיט מיר אין משך פון די לעצטע חדשים.

...אין סעקרעטאַריאַט פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז איציק פעפער דאַרף מיך נייטיק האָבן. ער האָט אויף אַ האַלב־סודותדיקן אופן געזאָגט, אַז מען פאָדערט מיך אַרויס אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער גיט מיר אַ טעלעפאָן־נומער זיך צו דערוויסן די צייט ווען איך דאַרף קומען.

אין דעם ביוראָ, וואָס גיט אַרויס דורכלאָז־שיינען אין דער געביידע פונעם צ״ק, האָט מען שוין געוווּסט גענוי, ווען און ווו איך דאַרף זיך מעלדן. דאָס מאָל איז עס געווען אַנדערש, ווי מיט 12 יאָר צוריק, נאָכן דערמאָרדן קיראָוון, ווען אין דער זעלבער געביידע האָט מען ביי מיר דורכגעפירט אַ גרינטלעכע רעוויזיע און איך האָב דעמאָלט זיך געפילט דערפון טויט־באַליידיקט. איצט האָבן מיך די וואַכלייט דורכגעלאָזן זייער העפלעך, הגם קיין שום פּאַרטיי־דאָקומענטן האָב איך נישט פאַרמאָגט.

איינעם באַשטימטן צימער איז מיר אַנטקעגן געגאַנגען אַ ברונעטער יונגער־מאַן מיט אַ קיילעכדיקן פּנים און מיט אַ קענטיק וואַקסנדיקער ליסענע. ער האָט

מיר פֿאַרגעלייגט זיצן און זיך בעת־מעשה פֿאַרגעשטעלט: יאַן דזשערזשינסקי. ערשט דעמאָלט האָב איך אין אים, דעם זון פֿון פֿעליקס דזשערזשינסקין, דערקענט די שטאַרקע ענלעכקייט צו זיין מוטער, זאָפֿיע — די אָפּשטאַמיקע פֿון דער וואַרשעווער ייִדישער משפּחה מושקאַט. אין די צוואַנציקער יאָרן פֿלעג איך אָפֿט זען די דאָזיקע קליינוווּקסיקע, שיינע פֿרוי מיטן טיפּיש־ייִדישן אויסזען. זי איז דעמאָלט געווען די סעקרעטאַרין פֿון דער צענטראַל־ביוראָ פֿון די פּוילישע סעקציעס ביים צ״ק פֿון דער אַלפֿאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. איר ביוראָ־צימער האָט זיך געפֿונען אין דירעקטער שכנות מיט דער צענטראַל־ביוראָ פֿון די ייִדישע סעקציעס.

יאַן דזשערזשינסקי האָט פֿון אַ טאָוולנער טעקע אַרויסגענומען איין פֿאָטאָ־גראַפֿיע נאָך דער צווייטער, מיך דורכדרינגלעך אָנגעקוקט און מיט אַ דיסקרעטן שמייכל זיך אָפּגערופֿן: „די פֿאַרגאַנגענע, גאָר נישט קיין לייכטע יאָרן, האָבן איך שטאַרק געענדערט״. די פֿאָטאָגראַפֿיע, וואָס ער האָט מיר דערלאַנגט, האָט מיך תּיכּף דערמאָנט די צייט, ווען און צוליב וואָס זי איז געמאַכט געוואָרן. דעמאָלט איז זי געווען באַשטימט פֿאַר דער קאַדרען־אָפּטיילונג פֿון קאָמוניסטישן אינטער־נאַציאָנאַל, וועלכע האָט פֿאַר מיר צוגעגרייט אַ פֿאַלשן פּאַספּאָרט צום באַנוצן זיך מיט אים אין פּוילן.

יאַן דזשערזשינסקי האָט מיר דערלאַנגט נאָך אַ פֿאָטאָגראַפֿיע, וועלכע איז מיר לחלוטין געווען אומבאַקאַנט. געשטאַמט האָט זי פֿון דעם אויספֿאָרשונגס־אַמט פֿון דער פּוילישער פּאָליטישער פּאָליציי. בולט האָט זיך אָנגעזען דער נומער, ווי אויך די דאַטע, ווען איך בין אַרעסטירט געוואָרן. דערזעענדיק דעם פֿאַרחידושטן אויסדרוק אויף מיין פּנים, האָט יאַן דערקלערט, אַז די דאָזיקע פֿאָטאָגראַפֿיע — צוזאַמען מיט די פּראָטאָקאָלן פֿון דער פּאָליציי־אויספֿאָרשונג, זענען אין 1939 יאָר, בעתן אַריינמאַרש פֿון דער רויטער אַרמיי אין מערב־ווייסרוסלאַנד געפֿונען געוואָרן אין ווילנע. ער האָט די פֿאָטאָגראַפֿיעס אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט און זיי מיר דערלאַנגט. „זאָל עס ביי אייך בלייבן אַלס אַן אָנדענק פֿון צייטן, וואָס וועלן זיך שוין מער נישט אומקערן״. כ׳האָב אים באַדאַנקט און זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט. דורכן מוח איז דורך אַ פּלוצעמדיקער ספֿק: צי דען האָט ער מיר גערופֿן בלויז, כּדי צו געבן די דאָזיקע פֿאָטאָגראַפֿיעס? געוווּסט האָב איך, אַז נאָכן ליק־ווידירן דעם קאָמינטערן, איז יאַן דזשערזשינסקין איבערגעגעבן געוואָרן דער אַרכיוו פֿון דער נאָך פֿריער ליקווידירטער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון פּוילן; אַז דער דאָזיקער אַרכיוו האָט אויך „געדינט״ די צענטראַלע אָרגאַנען פֿון דער ענקאַווּעדע צום אויפֿזוכן און פּטרן די קאַדרען פֿון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זיכער איז אויך מיין „טעקע״ געווען אין זייערע הענט און אויף דעם סמך האָבן זיי אין 1937 אַרויסגעשיקט שטעקבריוו נאָך מיר מיט דעם נוסח: „עס ווערט געזוכט דער באַוווּסטער פּוילישער שפּיאָן סמאָליאַר״...

יאַן דזשערזשינסקי האָט מיר געבעטן נאָך אַ ווייל זיצן און ווי אגב־אורחאדיק מיך אַ פֿרעג געטאָן: „ווי האַלט עס ביי אייך מיט עבֿרית?״. אין ערשטן אויגנבליק

האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, ווי איך וואָלט פאַרהערט זיין פראַגע. ער האָט אָבער באַלד צוגעגעבן: „ווי געווייגלעך ביי יידן האָט איר דאָך מסתמא געלערנט אין אַ חדר... אגב שרייבט איר וועגן דעם אין דער אויטאָביאָגראַפיע" — אויפמישנ־דיק בעת־מעשה אַ בלאַט אין דער טעקע מיט פּאַפּירן. ביי מיר איז אויפגעקומען דער חשד, אַז זיין פראַגע איז פאַרבונדן מיט אַ פאָרשלאַג איבערצוזעצן עפּעס וואָס פון העברעיש אויף רוסיש. האָב איך פאַרלויפנדיק פאָרויס אים דערציילט, אַז מיט יאָרן צוריק האָט מען מיר געגעבן איבערצוזעצן אַן אַרטיקל פון „דבר". האָב איך זיך אָפּגעמאַטערט אַ גאַנצן טאָג און מיט דער הילף פון 2 ווערטערביכער קוים עס באַוויזן. אויף יאַן דזשערזשינסקין האָבן מיינע רייד קיין באַזונדערן איינדרוק נישט געמאַכט. די פראַגע וואָס ער האָט געהאַט גרייט, און איז געווען דער אייגנט־לעכער ציל פון אַרויסרופן מיר, האָט מיך ממש פריטשמעלעט: „ווי פאַרקוקט איר זיך אויף אַ פאָרשלאַג צו פאָרן אויף פאַרטיי־אַרבעט קיין פּאַלעסטינע?"

איך האָב ביז דעמאָלט אַלץ געטאָן, כדי וואָס שנעלער פאַרלאָזן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און קומען קיין פּוילן. איך האָב שוין געהאַט אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט דעם ביוראָ פון די פּוילישע קאָמוניסטן אין מאָסקווע, וועלכע האָט מיך געהאַט רעגיסטרירט אַלס אַזאַ, וואָס דאַרף קומען אין רשות פון צ"ק פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי אין וואַרשע. און דאָ... פּאַלעסטינע!

גיכער האָט די יאָרנלאַנגע אויסדרעסירטע דיסציפּלין, איידער די ווירקלעכע איבערצייגונג דיקטירט מיין ענטפער: „כ'בין אַלע מאָל און אומעטום גרייט צו טאָן דאָס נייטיקע פאַר אונדזער באַוועגונג". יאַן דזשערזשינסקי האָט פון שופלאָד אַרויסגענומען אַ צווייטע טעקע און בעת מעשה, נישט קוקנדיק אין מיין זייט געזאָגט: „קיין אַנדער ענטפער האָב איך פון אייך נישט דערוואַרט", און מיר דער־לאַנגט אויסצופילן אַ פיר־זייטלדיקן פראַגע־בויגן.

אין קאָפּ האָבן זיך גענומען פּלאָנטערן פאַרשידענע פראַגעס, אויף וועלכע איך וואָלט באַדאַרפט באַקומען פון אים אַן ענטפער. בין איך דאָך נאָר וואָס אַרויס פון וואַלד. אין מינסק געפינט זיך מיין משפּחה, פון וועלכער איך בין העכער 4 יאָר געווען אָפּגעריסן. וואָס וועט מיט איר זיין? אָנשטאָט זוכן אַן ענטפער אויף די און אַנדערע פראַגעס, האָב איך מיט יאָרנלאַנגער געוווינהייט געענטפערט אויף די פילצאָליקע פראַגעס פון דער אַנקעטע. בלויז ביי איינער האָב איך זיך פאַרהאַלטן: „וואָס פאַרא פּסעוודאָנים קלייבט איר זיך אויס?" געוווּסט האָב איך, אַז זפת איז אין עברית סמאָלע. וועל איך זיך אַ נאָמען געבן זפתן — דאָס וועט מסתמא ענלעך זיין צו מיין סלאַווישן פאַמיליע־נאָמען.

ביים געזעגענען זיך זאָגט מיר אַן יאַן דזשערזשינסקי, אַז כ'זאָל זיין גרייט צו יעדער צייט, ווען מ'וועט מיר צוווּיסן געבן, אַז איך דאַרף זיך לאָזן אין וועג אַריין. דערווייל עצהט ער, אַז כ'זאָל זיך אומקערן קיין מינסק (ווו כ'האָב צו יענער צייט געאַרבעט אין דער ווייסרוסישער ליטעראַרישער וואָכנשריפט). „און וואָס שייך פּאָנאָמאַרענקאָן — וועט שוין אַלץ דערליידיקן דער צ"ק".

פון די לעצטע ווערטער איז מיר דורך אַ קעלט איבערן לייב. פּאָנטיעליימאָן

קאָנדראַטיעוויטש פּאָנאָמאַרענקאָ איז דעמאָלט געווען דער ערשטער סעקרעטאַר פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון ווייסרוסלאַנד און דער פּרעמיער־מיניסטער פֿון דער ווייסרוסישער רעגירונג. זיין שנאה האָב איך אָפּגעפֿילט (נאָך מיין וויזיט ביי אים*) ביז כ׳האָב פֿאַרלאָזט דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, און נאָך מיט יאָרן שפּעטער, ווען ער, שוין אַ דעגראַדירטער נאָך סטאַלינס טויט, איז געווען דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר אין פּוילן. אויב מיט אים דאַרף מען עס „אַלץ דערליידיקן״, איז פֿאַר מיר כמעט זיכער געווען, אַז קיין שום גרייט זיין צום לאָזן זיך אויפֿן נאָענטן מזרח וועט שוין נישט נויטיק זיין.

אַזוי איז עס ווירקלעך געווען. לאַנגע וואָכן זענען אַדורך און קיין שום אַרויסרוף פֿון צענטראַל־קאָמיטעט האָב איך נישט באַקומען. דאַקעגן האָב איך באַקומען אַ צעטל פֿון סאָוועטישן אויסערן־מיניסטעריום, אַז איך ווער איינגעלאַדן אין אַ באַשטימטן טאָג צו קומען אין דעפּאַרטאַמענט, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט פּוילישע ענינים. דאָס האָט מיך שטאַרק דערפֿרייט. געמיינט האָב איך, אַז ס׳איז זיכער שייך אַן אינטערווענץ פֿון וואַרשע מען זאָל מיר דערמעגלעכן אַרויסצופֿאָרן קיין פּוילן. אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער, אַז עס האַנדלט זיך גאָר וועגן עפּעס אַנדערש. אין דעם אַנטשפּרעכנדיקן דעפּאַרטאַמענט האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז אין גיכן וועט אַרויספֿאָרן אַ דעלעגאַציע פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון די יידן אין פּוילן קיין אַמעריקע. מ׳האָט מיר באַוויזן דעם באַשטאַנד פֿון דער דעלעגאַציע פּרעגנדיק, צי קען איך עמעצן פֿון די דאָזיקע מענטשן. איך האָב געענטפֿערט, אַז איניקע זענען מיר באַקאַנט בלויז פֿון זייער פּאָליטישער טעטיקייט פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאַקעגן קען איך פּערזענלעך דעם אדוואָקאַט אַנאַטאָל ווערטהיים, מיט וועלכן מיר זענען צוזאַמען געווען אין דער נאַליבאָקער פּאַרטיזאַנער־באַזע. דער דירעקטאָר פֿון דעפּאַרטאַמענט האָט מיך באַקענט מיט די אויפֿגאַבן וואָס שטייען פֿאַר דער ערשטער דעלעגאַציע פֿון פֿאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וועגן דער נויטיקייט אַנצובינדן קאָנטאַקטן מיט געזעלשאַפֿטלעכע קרייזן און האָט פֿאַרענדיקט דערמיט, אַז איך ווער רעקאָמענדירט צו זיין דער סעקרעטאַר פֿון דער דאָזיקער דעלעגאַציע. דער דירעקטאָר האָט אויסגע־דריקט זיין זיכערקייט (נישט פֿרעגנדיק אפֿילו ביי מיר), אַז כ׳וועל זיך ספּראַווען מיט די אויפֿגאַבן און מיר דערלאַנגט... אַן אַנקעטע מיט פּילצאָליקע פֿראַגעס וועגן אַלץ מיט אַן אַנדערן. בלויז קיין פֿראַגע וועגן פּסעוודאָנים איז דאָ נישט געווען, אַזוי

---

*) וועגן דעם — גענויער אין מיין בוך „ווו ביסטו חבר סידאָראָוו״, (קאַפּיטל 25, זייטן 244—253), ווו איך דערציייל וועגן אַן אויפֿנאַמע, צוזאַמען מיט די יידישע שרייבערס איציק פֿעפֿער, דוד בערגעלסאָן און הירש קאַמעניעצקי ביי דעם ווייסרוסישן פּרעמיער־מיניסטער, פּאָנאָמאַרענקאָ, פֿאַר וועלכן מיר האָבן פֿאַרגעשטעלט די לאַגע פֿון די יידן נאָך דער מלחמה. פּאָנאָמאַרענקאָ האָט אונדז דעמאָלט באַשולדיקט אין יידישן נאַציאָנאַליזם און געמאַכט אונדז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דעם ווידערשטאַנד וואָס יידישע פּראָנט־זעלנער, דער עיקר מלחמה־אינוואַלידן, האָבן געשטעלט די אַנטיסעמיטישע באַנדעס.

איז די אַנקעטע כמעט ענלעך געווען אויף דער, אויף וועלכער איך האָב געענטפערט ביי יאַן דזשערזשינסקין.

ווידער זענען אַדורך טעג און וואָכן. פון דער יידישער צייטונג „דאָס נייע לעבן", וואָס איז דעמאָלט דערשינען אין לאָדזש, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די דעלעגאַציע איז שוין אַרויסגעפאָרן קיין אַמעריקע. איך בין ווידער געבליבן אין אַן אומבאַשטימטער לאַגע, דערטראַכטנדיק זיך פון וועמענס צד עס קומען די שטער־רונגען.

נאָענטע חברים פון דער אָנפירונג פון פאַרבאַנד פון פוילישע פּאַטריאָטן האָבן מיר פאַרטרויט, אַז די „אָרגאַנען" (געמיינט די ענקאַוועדע) פרעגן זיך כּסדר נאָך ביי פאַרשידענע טוערס פאַרוואָס איך וויל פאַרלאָזן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין דער צייט, ווען אין דער פאַרגאַנגענהייט בין איך געווען פאַרבונדן מיט דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, מיט דעם קאָמוניסטישן אונטערערד אין די געגנטן פון מערב־ווייסרוסלאַנד, וועלכע געהערן היינט צום סאָוועטן־פאַרבאַנד.

איך האָב דעמאָלט איבערגעשיקט דורך אַ געלעגנהייט בריוו קיין פוילן, צו אייניקע מיינע חברים, וועלכע האָבן פאַרנומען מיניסטעריאַלע און פאַרטייאישע אָנפירנדיקע פּאָסטנס, בעטנדיק פון זיי הילף ביים אַרויסבאַקומען זיך פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. באַזונדערס ענערגיש האָט זיך גענומען דערצו דער דעמאָלטיקער מיניסטער, ד״ר קאַזשימיעזש פּעטרוסעוויטש *).

מיט „קאַזשיקן" (אַזוי האָבן מיר אים גערופן) בין איך, אַלס באַפולמעכטיקטער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, געווען פאַרבונדן פון די אָנהייב דרייסיקער יאָרן, ווען אין ווילנע איז אַנטשטאַנען די רעוואָלוציאָנערע גרופּע פון דער פּוילישער אינטעליגענץ, די א״ג דעמבינסקי־גרופּע **), אַ דאַנק זיינע באַמיִונגען איז געקומען אַ ספּעציעלע נאָטע פון פּוילישן אויסערן־מיניסטעריום וועגן דערלויבן מיר אַרויסצופאָרן קיין פוילן. דער ענטפער אויף דער דאָזיקער נאָטע, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, איז געווען אַן אויסמיידנדיקער. אין מינסק האָט מייגער

*) היינט אַ באַוווּסטער געלערנטער — ביאָלאָג, אַ מיטגליד פון דער פּוילישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. זיין פאָטער — אַן אָנטיילנעמער אין דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי — איז געווען אַ באַרימטער פּאַרטייזיקער אין פּאָליטישע פּראָצעסן. ער האָט געהאַט פּאַרטיידיקט ה. לייוויקן אין צאַרישן געריכט. נאָך דער מלחמה איז ער געווען דער פּאַרזיצער פון העכסטן געריכט אין פוילן.

**) די דאָזיקע גרופּע, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער געוועזענער פירנדיקער טוער פון דער קאַטוילישער יוגנט, ד״ר הענריק דעמבינסקי, און דער געוו' אָנגעהער־ריקער צו דעם פּילסודסקישן „לעגיאָן פון יונגע", ד״ר סטעפאַן יענדריכאָווסקי, האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער ראַדיקאַליזירונג פון אַ באַטייטנדיקן טייל פּוילישע אינטעליגענץ. די פּרעסע־אָרגאַנען פון דער דאָזיקער גרופּע („פּאָפּראָסטו", „קאַרטאַ") זענען אַנטשיידן אַרויסגעטרעטן קעגן אַנטיסעמיטיזם. אין די סוף דרייסיקער יאָרן בין איך געזעסן אין דער לוקישקער טורמע צוזאַמען מיט די אָנפירערס פון דער דאָזיקער גרופּע.

אַ חבר, אַ באַוווסטער ווייסרוסישער שרייבער מיר איבערגעגעבן, אַז פּאַנאָמאַרענקאָ האָט קאַטעגאָריש דערקלערט: „סמאָליאַר וועט אין ערגעץ נישט פֿאָרן". דעמאָלט האָב איך זיך געווענדעט צום מיטגליד פֿון דער פּאָליטביוראָ פֿון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי און פּאַקטישן וויצע־פּרעמיער, יעקב בערמאַן. זיין אינטערווענץ האָט געהאָלפֿן.

און דאַך... שוין וואַרטנדיק אויפֿן ווייסרוסישן וואָקזאַל אויף דעם צוג, וואָס דאַרף אָפּגיין קיין בריסק, איז פֿון מיר נישט אָפּגעטראָטן דער פּאַרדאַכט, אַז מ'קען ביי מיר אין דער לעצטער מינוט אָפּנעמען די מעגלעכקייט אַרויסצופֿאָרן.

מיינע טרויעריקע מחשבות האָט אַ ביסל צעשטרייט דער אָנקום פֿון אפרים קאַגאַנאָווסקי. אָן אמתע פֿריינדשאַפֿט האָט פֿאַרבונדן דעם באַרימטן יידישן שרייבער מיט מיר, זיין לייענער און פֿאַרערער. געשטאַמט האָט די דאָזיקע פֿריינדשאַפֿט נאָך פֿון יענע שפּעט־האַרבסטיקע טעג פֿון יאָר 1939, ווען אפרים קאַגאַנאָווסקי איז נאָכן פֿאַרלאָזן די אָקופּירטע דורך די נאַציס וואַרשע, אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק. מיר האָבן אים דעמאָלט אויפֿגענומען מיט פֿולער הילפֿסגרייטקייט, זאָרגנדיק פֿאַר אים, פֿאַר זיין משפּחה, כדי זיי זאָלן וואָס ווייניקער אָפּפֿילן די שווערקייטן אין דער איבערגעפֿולטער מיט יידישע פּליטים שטאָט. סיי אין שרייבער־פֿאַרבאַנד, ווו איך בין דאַן געווען דער סעקרעטאַר, און סיי אין דער טעגלעכער צייטונג „דער ביאַליסטאָקער שטערן", ווו איך האָב געאַרבעט, איז אפרים קאַגאַנאָווסקי אויפֿגענומען געוואָרן מיט אַ סך וואַרעמקייט. מיר פֿלעגן זיך קלעפּן צו אים, אויסהערנדיק שטענדיק מיט נייגעריקייט און פֿאַרגעניגן זיינע קלוגע, אַלע מאָל טרעפֿלעכע כאַראַקטעריסטיקעס פֿון סיטואַציעס און מענטשן. זיין גוטמוטיקער אופֿן פֿון באַנעמען זיך מיט מענטשן, זיין איידעלער הומאָר, זיין געלייטערטע סאַטירע האָט אַלע מאָל געווירקט דערמונטערנדיק. אַ סך שווערע דאגות האָט אפרים קאַגאַנאָווסקי געהאַט אין יענער צייט, אָבער קיין מאָל האָב איך נישט געזען, אַז ער זאָל כאָטש אין דער מינדסטער מאָס זיך אונטערגעבן די שווערקייטן, אַריינפֿאַלן אין פֿאַרצווייפֿלונג, וואָס האָט אַנדערע צייטווייז געבראַכט צו דעספּעראַטישע באַשלוסן. זיין מענלעכע האַלטונג האָט אַרויסגערופֿן אַ באַזונדערע אַכטונג צו דעם טיף פֿילנדיקן אויטאָר פֿון דער געשטאַלטן־גאַלעריע פֿון סטאַווקי־גאַס. גרויס דרך־ארץ האָבן אפרים קאַגאַנאָווסקין אַרויסגעוויזן די רוסישע און ווייסרוסישע שרייבערס, וועלכע האָבן זיך ממש געקוויקט מיט די איבערזעצונגען פֿון זיינע נאָוועלן, דערזעענדיק אין אים דעם גרויסן פּראָזע־מייסטער. קאַגאַנאָווסקיס שמועסן ביי אַ גלעזל טיי (ער האָט גוט באַהערשט די רוסישע שפּראַך) פֿלעגן אויפֿגענומען ווערן מיט גרויס אינטערעס. די געקומענע פֿון מאָסקווע און מינסק יידישע סאָוועטישע שרייבערס האָבן אין אפרים קאַגאַנאָווסקין געזען אָן אַלטן באַקאַנטן און אייניקע, ווי פּרץ מאַרקיש, צוליב דער פּערזענלעכער פֿאַרבונדנקייט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, האָבן די באַגעגעניש מיט אפרים קאַגאַנאָווסקין אויפֿגענומען ווי אַ נאַטירלעכע פֿאָרזעצונג פֿון זייער נאָענטקייט אין די צוואַנציקער יאָרן.

דעם ערשטן בריוו, וואָס איך האָב, אַרויסקומענדיק פֿון וואַלד, באַקומען אין

דער חרובער שטאָט מינסק, איז געווען פון אפרים קאַגאַנאָווסקין. געווען איז עס אַ בריוו, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך טרייסט, ווען באַגעגנט האָבן מיר אומעטום אומברחמנותדיקע טרייסטלאָזיקייט ; געשריבן האָט ער וועגן האָפענונג, ווען געדוכט האָט זיך, נאָך דער געטאָ־אויסראָטונג און נאָך דעם על־פּי־נסדיקן לעבנבלייבן, נאָך דעם וואַלד־קאַמף און דער אייז־קאַלטקייט בעת דער באַגעגעניש מיט אָפיציעלע סאָוועטישע קרייזן, אַז קיין שום האָפענונג איז שוין נישטאָ. ווען מיר האָבן זיך געטראָפן אין מאָסקווע האָבן מיר באַשלאָסן, אַז קיין פוילן וועלן מיר זיך אומקערן צוזאַמען.

אויפן ווייסרוסישן וואָקזאַל איז ער אָנגעקומען שפּעטער פון מיר. די מורא, אַז מ׳זאָל אין דער לעצטער מינוט נישט אָפּנעמען ביי מיר די רייזע־דערלויבעניש איז, ווייזט אויס, געלעגן אויף מיין פּנים. דער שטענדיק דיסקרעטער אפרים קאַגאַנאָווסקי, וועלכער האָט געוווּסט וועגן מיין לאַגע, האָט מיט אַ ניי־געהערטן אָנעקדאָט געגומען צעשטרייען מיינע מחשבות. שוין פון דער ווייטנס האָבן מיר באַמערקט די אָנקומענדיקע צום געזעגענען זיך מיט אפרים קאַגאַנאָווסקין. אַ טיפער אומעט איז געלעגן אין די שיינע אויגן פון פרץ מאַרקישן, וועלכער האָט מיך לאַנג, אָן אַ וואָרט צו זאָגן, באַטראַכט. קאַגאַנאָווסקי האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר דער באַוווּסטער אַקטריסע קלאַראַ יונג אַלס זיין „יונגן פריינד״ און מיט־רייזנדער. דער שמועס האָט זיך געפירט מיט האַלבע, אָפּגעהאַקטע פראַזן. וואָס עס האָט געזאָלט געזאָגט ווערן, איז נישט דערזאָגט געוואָרן. דער איינציקער איז געווען קאַגאַנאָווסקי, וועלכער האָט מיט אַ גלייכוואָרט, מיט אַ חכמה געפּרוּווט אָפּווענדן דעם דערדריקנדיקן אומעט פון אַלעמענס פּנימער. באַזונדערס פיינלעך איז געווען צו זען דעם טרויער אויף פרץ מאַרקישעס פּנים — אויף דעם זעלבן פּנים, וועלכער האָט געהאַט אַלע מאָל אויסגעדריקט מוט, ענערגיע, אָפּטימיזם, גלויבן, אַז ס׳וועט נאָך גוט זיין. „האַלט זיך״ — האָט ער ביים געזעגענען זיך מיר געזאָגט, נישט וויסנדיק אוודאי, אַז מיט דעם דאָזיקן פאַראַל פּלעגן מיר, אין אונטערערד, באַגלייטן איינער דעם צווייטן בעתן לאָזן זיך אין אַ געפאַרפולן וועג, וועלכער פלעגט גאַנץ אָפט פירן אין תפיסה אויף לאַנגע יאָרן.

צי וועל איך מיט דעם איצטיקן, פולשטענדיק פריוואַטן וועג דערפאָרן צום לאַנד, ווו ס׳איז געבוירן געוואָרן מיין טרוים, און מיט וועלכן איך פאַרבינד איצט מיין לעצטע האָפענונג ?

נאָר נישט קאַפּיטולירן!

לאַנג האָט זיך געצויגן די קורצע זומער־נאַכט אין דעם צוג מאָסקווע־בריסק. אפרים קאַגאַנאָווסקי איז איינגעשלאָפן. אויף אַ רגע בלויז, בעתן האַסטיקן האַמעווען דעם צוג, פלעגט ער זיך אויפכאַפּן, אַ פרעג טאָן „ווו זענען מיר", און ווידער איינדרימלען. מיך האָט דער שלאָף נישט גענומען. נישט בלויז צוליבן אומרו בעתן דערנענטערן זיך צו מינסק. צי וועט מען מיר דאָ נישט אַראָפּנעמען פון צוג? אין מינסק איז געבליבן מיין משפּחה. קיינער וועט אָבער צום צוג נישט קומען זיך געזעגענען. כ'האָב עס קאַטעגאָריש פאַרבאָטן, כדי נישט ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. דעם שלאָף פון די אויגן האָט אָפּגענומען דער עקבערנדיקער געדאַנק: ווי וועט עס זיין דאָרט, אינעם געבוירן־לאַנד, ווו יידיש לעבן איז ביזן גרונט פאַרניכטעט געוואָרן? צי איז מעגלעך, צי וועט זיך איינגעבן צוריק לאָזן וואָרצלען?

די קורצע נאָכמלחמה־דערפאַרונג האָט נישט געגעבן קיין שום האָפענונג אויף אַזאַ ענדערונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס זאָל מיט זיך ברענגען די מעגלעכקייט אָנצובינדן צו די צוואַנציקער יאָרן פון שטייגנדיקער אַנטוויקלונג פון יידיש־סאָוועטישן לעבן *). אויף אַ מאָמענט בלויז איז אויפגעקומען די האָפענונג, אַז נאָך דעם יידישן חורבן וועלן די ניצול־געוואָרענע, פאַרוואַגלטע אין ווייטע, פרעמדע מקומות פון אַזיע יידישע פליטים, וועלכע האָבן נישט נאָך וואָס זיך אומצוקערן אין די אַמאָליקע, פולשטענדיק אויסגעליידיקטע ווינערטער, קאָנצענטרירט ווערן אין יענער זוניקער געגנט, וועלכע האָט טאַקע אין די צוואַנציקער יאָרן געזאָלט ווערן דער דורכויסיקער שטח פון יידישער קאָלאָניזאַציע — אין קרים. איצט איז דאָך עס זיכער מעגלעך. אין שמועסן, דער עיקר צווישן זיך, אויף אַ חבריש־פריוואַטן אופן, מיט די טוערס פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, אין דער רעדאַקציע „אייניקייט", ביי מיטאָג אין רעסטאָראַן פון שרייבער־פאַרבאַנד, האָט מען זיך איבערגעגעבן פאַרשידענע קלאַנגען און ידיעות — און אַלע אין אַן אולטראַ־אָפּטימיסטישן טאָן, אַז קרים דאַרף עס זיין די פאַרגיטיקונג און דער היילונגס־פּלאַץ נאָך דעם גרויסן בלוט־אָפּפלוס פון דער סאָוועטיש־יידישער באַפעלקערונג; אַז באַזעצן דאָרט יידן איז אַ מלוכה־נויטווענדיקייט, כדי אויפצובויען די דאָרטיקע ווירטשאַפט; אַז יידישע אויסלענדישע קאַפּיטאַלן וועלן זיכער העלפן דערביי. איציק פעפער האָט מיר דערציילט וועגן לאַנגע שמועסן, וואָס

*) אויספירלעך וועגן דעם אין מיין בוך „פון אינעווייניק".

ער האָט געפירט מיטן מיטגליד פון פּאָליטביוראָ, לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש. פון אים איז עס אין 1944 יאָר געקומען דער פאָרשלאָג אָנצושרייבן אַ גרינטלעך־באַגרינדעטן מעמאָריאַל וועגן דעם ענין, באַגלייט מיט דאָקומענטן וועגן דעם גוטן צושטאַנד פון דער ווירטשאַפט אין דעם יידישן ראַיאָן פון קרים פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, וועגן דער אַנטוויקלונג און הויכער אַגראָקולטור אין די יידישע קאָלווירטן, וועלכע האָבן געדינט אַלס מוסטער אין דער גאַנצער געגנט. קאַגאַנאָוויטשעס עצה איז דאָן געווען, אַז דעם מעמאָריאַל זאָלן חוץ די פּרעזידיום־מיטגלידער פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אונטערשרייבן אויך באַקאַנטע יידישע פּערזענלעכקייטן — שרייבערס, קינסטלערס, וויסנשאַפטלערס.

מיט מיר האָט דעמאָלט איציק פעפער גערעדט וועגן דער נויטיקייט צו ווירקן צווישן די יידישע פּליטים פון פּוילן, אַז זיי זאָלן נישט טראַכטן וועגן אומקערן זיך אויף דער פאַרשרפעטער פּוילישער ערד. ער האָט שוין דעמאָלט געוווסט וועגן מאָרדן פון גערעטעוועטע, צוריקגעקומענע יידן און האָט געהאַלטן, אַז מ׳טאָר נישט איינשטעלן דאָס לעבן בעת עס ווילדעווען אַנטיסעמיטישע באַנדעס אין פּוילן און די דאָרטיקע מאַכט איז ערשט אין סטאַדיע פון אָרגאַניזירן זיך. גאָר שנעל האָט אַרום דעם ענין קרים גענומען הערשן אַ טויטע שטילקייט. פון אויער צו אויער איז איבערגעגעבן געוואָרן דער אורטייל פונעם „באַלעבאָס" גופא: „קרים איז נישט פאַר יידן".

היינט, וויסנדיק וועגן סטאַלינס באַציִונג אַפילו צו זיינע נאָענטע מיטאַרבעטערס, וועלכע ער פלעגט שטעלן פאַר געשעענע פאַקטן און באַשלוסן, איז אָנצונעמען, אַז קאַגאַנאָוויטש מיט זיין עצה האָט זיך נישט געריכט אויף אַזאַ קאַטעגאָרישן אָפּזאָג. וואַרשיינלעך האָט ער אויך נישט געוווסט וועגן סטאַלינס פאַרטראַכט וועגן דעם גורל פון קרים.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז לויט סטאַלינס שוין דעמאָלטיקן פּלאַן האָט קרים געדאַרפט זיין אַ בליץ־אַפּלייטער פאַר די אויסגעוואַקסענע נאַציאָנאַל־באַפרייערישע שטימונגען צווישן דער אוקראַיִנישער באַפעלקערונג, הויפּטזעכלעך צווישן דער אינטעליגענץ. און הגם אין קרים, ביז דער מלחמה, איז צווישן דער דאָרטיקער באַפעלקערונג געווען נישט מער ווי צען פּראָצענט אוקראַיִנער, איז די דאָזיקע געגנט — אין דער פאַרגאַנגענהייט די קרימער אויטאָנאָמע רעפּובליק אין די ראַמען פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע — איבערגעגעבן געוואָרן צו אוקראַיִנע.

דער ענין קרים איז לויט אַ שטרענגן באַפעל נישט בלויז אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער טאָג־אָרדענונג. לויט דעם זעלבן באַפעל האָט מען גענומען מחיה־מתים זיין דעם ענין ביראָבידזשאַן, אין וועלכן קיינער האָט נישט געגלויבט און ביז דעמאָלט — אַפילו מער נישט דערמאָנט.

...דער צוג האָט זיך לאַנג פאַרהאַלטן אויף אַ סטאַציע. עס נעמט טאָגן און מיר ווילט זיך פאַרלענגערן די נאַכט פון חשבון הנפש. מיט פאַרמאַכטע אויגן „זע" איך יענע צייט, פּונקט מיט 20 יאָר צוריק. דעמאָלט איז דאָך דאָס זעלבע געשען: קרים איז פאַרבאָטן געוואָרן. אויפגעקומען איז דער אומגעריכטער, ווילד־

פּרעמדער „ענין ביראָבידזשאַן״ *). נאָכדעם — די פולע ליקווידאַציע פון גאַנצן ייִדיש־סאָוועטישן לעבן. שפּעטער — די פיזישע אויסראָטונג פון די ייִדישע פּאָליטישע און אַדמיניסטראַטיוו־מלוכהשע טוערס צוזאַמען מיט אַ באַטייטנדיקן טייל ייִדישע אינטעליגענץ. צי וועט די פולשטענדיקע ענלעכקייט פון דער סיטואַציע ברענגען צו דעם זעלבן רעזולטאַט?!

... ווידער האָט מיך איציק פעפער גערופן צו זיך. עס דאַרף קומען אין אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט דער ערשטער סעקרעטאַר פון ביראָבידזשאַנער געגנט־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, באַכמוטסקי. ער וועט קומען נאָך אַ טרעפונג מיט סטאַלינס „רעכטער האַנט״, דעם פאַקטישן אָנפירער מיט דער גאַנצער פּאַרטיי־אַרבעט, מיט מאַלענקאָוון. איציק פעפער איז בפירוש אויסן געווען מיך צו באַווירקן, אַז כ׳זאָל ענדערן מיין באַשלוס וועגן אומקערן זיך קיין פּוילן.

וועגן גרויסע פּערספּעקטיוון און גאָר גרויסע אויפגאַבן האָט אין אָנהייב 1945 גערעדט מאַלענקאָוו מיט באַכמוטסקין — וועגן אַנטוויקלען די „ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט״, אירע קאָלאָסאַלע נאַטירלעכע רייכטימער. באַכמוטסקי איז געווען ממש באַגייסטערט דערפון, ווי אַזוי מאַלענקאָוו האָט פאַרגעשטעלט די ברייטע אויס־זיכטן פון קולטור־אַנטוויקלונג. ער האָט צוגעזאָגט צו שאַפן אַלע מעגלעכקייטן פאַר אָרגאַניזירן אַ ייִדישן אוניווערסיטעט, פאַר אַרויסגעבן פאַרשידענע ייִדישע אויסגאַבן און נאָך, און נאָך...

איציק פעפער האָט מיך אָבסערווירט מיט אַן אויסדרוק פון אַ טריומפירער. „ביסט נאָך אַלץ סקעפּטיש?״ האָט ער מיך געפרעגט און באַכמוטסקי האָט אויס־געגלאָצט אויף מיר אַ פּאָר אויגן, צוגעבנדיק, אַז דאָס אַלץ קומט פון „סאַמע אויבן״.

כ׳בין אַוועק מיט דער איבערצייגונג, אַז דער איציקער „באַשלוס״ וועט האָבן דעם זעלבן גורל, ווי זיין פאַרגייער מיט קנאַפּע 20 יאָר צוריק, ווען די ייִדישע סאָוועטישע טוערס איז אָנגעוואָרפן געוואָרן „פון אויבן״ דער ענין ביראָ־בידזשאַן.

אויף מיר האָט גענומען ווירקן דער פּחד פון מיינע מינסקער חברים, די דיכטער אייזיק פּלאַטנער און הירש קאַמעניעצקי, וועלכע האָבן שאַרפער ווי איך אָפּגעפילט די דראָענדיקע געפאַרן נאָך אונדזער שמועס מיטן ערשטן סעקרעטאַר פון צ״ק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ווייסרוסלאַנד פּ. פּאָנאָמאַרענקאָ. איך האָב גענומען באַגרייפן, וואָס עס באַטייט דער פאַקט, וואָס דער אינערן־מיניסטער (שעף פון דער זיכערהייט־פּאָליציי) פון ווייסרוסלאַנד, צאַנאַוואַ, וועלכער האָט אין זיין אַרבעט וועגן דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין ווייסרוסלאַנד (דעם מאַנוסקריפּט האָט מיר בסוד געגעבן איבערלייענען אַ רעדאַקטאָר פון מלוכה־פאַרלאַג) מיך ממש באַגנבעט, איבערשרייבנדיק לעבעדיקערהייט גאַנצע זייטן פון מיין בוך וועגן מינסקער געטאָ, האָט ער אָבער אין ערגעץ נישט דערמאָנט מיין נאָמען. נאָך מער, אַפילו דאָרט, ווו בלויז איך האָב געזאָלט פיגורירן, האָט ער

*) געשריבן וועגן דעם אין מיין בוך „פון אינעווייניק״.

עס געפעלשט, אַנגעבנדיק אַנדערע, דער עיקר אומגעבראַכטע חברים. ס'איז קלאָר, אַז פון אַלע זייטן בין איך טרייף...

...פאַר מיינע אויגן זענען אויפגעקומען די אַנצאַליקע קאָנפליקטן, די צעריגטקייט אין דער סביבה פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, די פאַראַכטונג צו אים מצד איליאַ ערענבורגן, די אַנצאַליקע שאַרפע קאָנפליקטן צווישן יידישע שרייבערס — די איינציק־געבליבענע אָרגאַניזירטע יידישע געזעלשאַפטלעכע סביבה אין ראַטן־פאַרבאַנד. דער קעגנזייטיקער קאַמף האָט דאָרט אָפט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון שרייבן דענונציאַציעס צו די „הויכע פענצטער"...

אַלץ צוזאַמען האָט בולט געמאַכט די קאָנטורן פון דראָענדיקע געפאַרן. צי נעמט עס אַ סוף צו מיין לעבנס־ציל? צו אַלע מיינע האָפענונגען?.. וואָס בלייבט? קאַפּיטולאַציע! מודה זיין זיך צו אַ פולשטענדיקער מפלה?!

נאָר נישט דאָס! נאָר נישט קאַפּיטולירן!

...מיט העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק בין איך געקומען אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. געקומען — קודם־כל אַלס ייִד, מיט דער פולסטער איבערצייגונג, אַז די אָקטאָבער־רעוואָלוציע וועט געבן אַ גרינטלעכע לייזונג פאַר אַלע אונדזערע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. עס וועט נעמען אַ סוף צו אונדזער ראַנד־פּאָזיציע אין דעם עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכן לעבן, צו דער דיסקרימינאַציע אין דעם מלוכהשן לעבן.

געווען זענען מאָמענטן פון צווייפל און פאַרצווייפלונג, באַזונדערס בעתן צונויפטרעפן זיך (באַלד נאָכן בירגער־קריג) מיט גרויסע מאַסן פאַראָרעמטע ייִדן, וועלכע האָבן ביי מיר, דעם קאָמסאָמאָל־טוער געפאָדערט אַן ענטפער: פאַר וואָס קומט עס זיי? פאַר וואָס האָט מען ביי זיי אָפּגענומען אַפילו יענע רעכט, וואָס זיי האָבן געהאַט ביים צאַריזם? פאַר וואָס טאָרן זיי נישט שטימען בעתן וויילן די אָרטיקע ראַטן? פאַר וואָס האָבן זייערע קינדער קיין רעכט נישט צו לערנען? פאַר וואָס טעראָריזירט זיי די מאַכט מיט אומגעהויערע שטייערן? פאַר וואָס קענען זיי נישט אַרבעטן, פאַרדינען אויף דער מינימאַלסטער חיונה!

אַפילו אין יענער צייט האָב איך נישט פאַרלוירן די זיכערקייט, אַז מען קען, מען דאַרף, מען מוז ענדערן די לאַגע. און ווען עס איז ווירקלעך געקומען אַן ענדערונג — וויפל פאַרגיטיקונג איז עס געווען פאַר אונדז, די איבערצייגטע, אַז אַלץ מוז זיך ענדערן צום גוטן, צום בעסערן.

און געענדערט האָט זיך צום שלעכטן צום ערגסטן — מיט פולשטענדיקן רויִנירן אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צום סאָוועטיש־ייִדישן לעבן.

איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו דערוויסן זיך דירעקט וועגן דעם בעת איך בין אין 1934טן יאָר, נאָך אַ זיבניאָריקן איבעררייס, ווידער געקומען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. וואָס פאַראַ מוראַדיקע ענדערונגען זענען פאָרגעקומען אין משך די דאָזיקע יאָרן! איך האָב מיינע אייגענע נאָענטסטע חברים, מענטשן פאַרהאַרטעוועטע אין קאַמף, מענטשן דענקענדיקע, נישט דערקענט. זיי האָבן אויסגעמיטן צו ענטפערן אויף מיינע פראַגן, נישט גערן אויסגעהערט מיינע מיינונגען.

מיינע דעמאָלטיקע באַגעגענישן מיט פּריִערדיקע יידישע טוערס האָבן מיר געגעבן דעם פאָרגעפיל פון דראָענדיקער געפאַר. דעם יִאוש האָט פּאַרטויבט אין מיר די שפּאַנונג בעת דער אומלעגאַלער אַרבעט אין פּוילן. אַוודאי איז קיין רעכט נישט געווען צום פאַרצווייפלט ווערן אין די שווערע תפיסה־יאָרן. דעמאָלט האָט כוח געגעבן דער טרוים וועגן אַנדערע, בעסערע צייטן, ווען „פאַרקריפּלונגען", „אָפּווייכונגען" וועלן פאַרביטן ווערן מיט דער איינציק־גערעכטער לייזונג פון אונדזערע פּראָבלעמען. די אומגלויבלעכע איוב־ידיעות פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס פלעגן דערגיין צו אונדז אין תפיסה, האָבן מיר אָפּגעפּטרט מיט דער זיכער־קייט, אַז „ס'איז רכילות פון די שונאים".

נאָך דעם זענען געקומען די צוויי יאָר (1939—1941) פון סאָוועטנמאַכט אין מערבֿ־ווייסרוסלאַנד. די אויפגעקומענע האָפענונג, אַז דאָ וועט אַנדערש זיין, האָט שוין סוף 1940 יאָר גענומען אויסגלאָשן ווערן. דער פּראָצעס פון ליקווידירן דאָס יידישע קולטור־לעבן האָט שנעל זיך געלאָזט פילן אין אַלע שטעט און שטעט־לעך, באַגלייט מיט פילצאָליקע אַרעסטן און פאַרשיקונגען.

אַוודאי האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין צו דעמאָביליזירן זיך בעתן אויסבראָך פון דער מלחמה קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין אַנבליק פון גרעסטן שונא און פון די מוראדיקסטע באַדינגונגען — אין געטאָ, און שפּעטער, ביים שייטער אין וואַלד, האָבן מיר הויך, אויפן קול, געטרוימט: נאָך דער באַפרייונג וועט עס שוין אַנדערש זיין. עוולות וועלן פאַרריכט ווערן... מענטשן האָבן דאָך אין קאַמף — אויפן פראָנט, אין הינטערלאַנד, אין די פּאַרטיזאַנער־רייען — זיך אויסגעלערנט צו טראַכטן און אָפּט האַנדלען זעלבשטענדיק. דערמיט וועט מען זיך מוזן רעכענען.

האָט מען זיך גערעכנט... פּאַרטיזאַנערס האָט מען תיכף, נאָכן אַרויסגיין פון וואַלד, אָפּגעשיקט אויף די סאַמע געפערלעכסטע פראָנט־ליניעס, כדי אַרויס־שלאָגן פון זייערע קעפּ די „פּאַרטיזאַנשטשינע", די זעלבשטענדיקע געדאַנקען.

...ס'איז שוין העלער פרימאָרגן. אויף אפרים קאַגאַנאָווסקיס מיד פּנים ליגט נאָך אויסגעגאָסן די נאַכט. און ביי מיר אין קאָפּ יאָגט האַסטיק איין געדאַנק דעם צווייטן.

אַן אָפּגעפרישטער דורכן פעלד־ווינטל בעתן דורכשפּרייזן הין און צוריק דעם פעראָן פון אַ קליינער סטאַציע, האָט זיך איבער אַ נייס אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם מאָרגנדיקן, אַזוי אומבאַשטימטן טאָג.

די אינפאָרמאַציעס פון פּוילן זענען געווען צופעליקע, אָפּגעריסענע און שאַפן זיך אַ קלאָרע פאַרשטעלונג וועגן דעם, וואָס דאָרט טוט זיך, בפרט מיט די קליינע גרופּן לעבנגעבליבענע יידן, איז גאַנץ שווער געווען. געוויסע ידיעות האָבן גע־ווירקט דערדריקנדיק, האָבן אַרויסגערופן צווייפל, צי לעב איך טאַקע נישט מיט אילוזיעס, מיט אויסגעטרוימטע מאָרגנס, אַנשטאָט דער רעאַלער ווירקלעכקייט?

...אין אַ מיליטערישער סאַנאַטאָריע, אין צפון־קאַווקאַז, האָב איך אין 1945 זיך באַגעגנט מיט אַן אַלטער פּאַרטיי־טוערין, וועלכע איז פון פּוילן געשיקט געוואָרן זיך צו היילן נאָך די אָקופּאַציע־יאָרן. העלענאַ קאָזאָלווסקאַ האָט, נישט געקוקט אויף איר יידישן אויסזען, אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער אָנפירונג

פון דער ניי־אַנטשטאַנענער און אונטערערד פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי. אין דער צייט פון וואַרשעווער אויגוסט־אויפשטאַנד איז זי, די יידישע פרוי, געווען די איינציק־פאַרבליבענע צענטראַלע פּאַרטיי־פאַרשטייערין (אַלע איבעריקע בראש מיט גאָמולקאַן האָבן זיך דורכגעריסן קיין לובלין, וווּ עס האָט זיך שוין געפונען די צייטווייליקע פּוילישע רעגירונג). וויפל צרות איז זי אויסגעשטאַנען פון די אייגענע פּאַרטיי־אָנפירערס, וועלכע האָבן פון איר פאַרלאַנגט, אַז... זי זאָל גיין אין געטאָ, ווייל זי ברענגט מיט זיך די געפאַר פון דורכפאַלן פאַר די עכטע אַריער... וואָר, אויב אַזוי, זענען זיי, די נייע אָנפירערס?

אַן אָנונג וועגן דעם האָט מיר געגעבן אין דער מאָסקווער ביוראָ פון די פּוילישע קאָמוניסטן די סטענאָגראַפירטע אינפאָרמאַציע פון וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ וועגן זיין ערשטער טרעפונג מיט סטאַלינען. געווען איז דעמלט, צווישן אַנדערן, אַ רייד וועגן יידן, וועגן די פּוילישע יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד. גאָמולקאַ האָט אויס־פירלעך דערציילט סטאַלינען וועגן דעם ערשטן פּאָגראָם אויף יידן נאָך דער באַפרייונג, אין קראָקע, אין 1945טן יאָר. גאָמולקאַ האָט עס געבראַכט אַלס אַרגו־מענט קעגן דער רעפּאַטריאַציע קיין פּוילן פון דעם פערטל מיליאָן פּוילישע יידן (לויט די אָנגאָבן פון פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן). זייער צוריקקומען, האָט גאָמולקאַ געזאָגט, וועט פאַרשאַרפן דעם קאַמף קעגן דער נייער רעגירונג מצד די פּוילישע נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן, מצד די וואַלד־באַנדעס. סטאַלין האָט אויפן אָרט נישט געענטפערט וואָס שייך גאָמולקאַס שטעלונג לגבי די פּוילישע יידן. ער האָט בלויז געמאַכט אַן אַלגעמיינע באַמערקונג וועגן יידן, וועלכע האָט לויט דער סטענאָגראַמע אַזוי געקלונגען: „יעדער ייד באַזונדער איז אַ פּרעכטיקער מענטש. אַלע יידן צוזאַמען טויגן צו גאָרנישט נישט".

סטאַלין האָט נישט אָנגענומען די רעקאָמענדאַציע פון גאָמולקאַן צו פאַר־האַלטן די פּוילישע יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד. קאָן זיין, אַז דערצו האָט געווירקט זיין דעמאָלטיקער רעכענען זיך מיטן רעזאָנאַנס אין דער מערב־וועלט, מיט מעג־לעכע פּראָטעסטן קעגן דיסקרימינירן די יידן — געוועזענע פּוילישע בירגערס. מעגלעך אָבער, אַז דערצו האָט געווירקט די איבערצייגונג, וועלכע עס האָט אין דערמאָנטן שמועס מיט איציק פעפערן אויסגעדריקט לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש, אַז אַלע צרות, צוזאַמען מיטן וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם, נעמען זיך... פון די פּוילישע יידן. מען דאַרף פון זיי פּטור ווערן...

„וווהין לאָזטו זיך?!" — דער דאָזיקער אויסרוף איז דערגאַנגען צו מיר אַזש פון אַמעריקע, פון מיין עלטסטן קוזין, וועלכער האָט מיין באַשלוס זיך אומצוקערן קיין פּוילן באַטראַכט אַלס... אַן אַוואַנטורע.

וווהין לאָז איך זיך ווירקלעך?

איך טרייסל אָפּ פון זיך אַלע פלוצלונג־אויפגעקומענע ספקות. נישטאָ קיין צוריקגאַנג! נישטאָ וווהין...

ווי עס זאָל נישט זיין — כ'וועל נישט אָפּווייכן אויף אַ האָר פון דער וואַלד־שבועה: בלויז צווישן יידן! איז דען מעגלעך, אַז אין פּוילן, וווּ ביי דער מאַכט

זענען אַ סך פון מיינע נעכטיקע תפיסה־ און וואַלד ־חברים, זאָל מען נישט באַשיצן די לעבנגעבליבענע און די צוריקגעקומענע? זאָל מען נישט שאַפן אַלע מעגלעכ־קייטן צו היילן די טיפסטע ווונדן, צום אָפּגעפינען אַ היים אויף דער ערד פון אונדזער טויזנטיאָריקן זיין?! רעדט זיך דאָך בפירוש אין דעם מאַניפעסט פון דער נייער מאַכט*) וועגן פאַרזיכערן די פילגעליטענע יידן אַלע רעכט צום צוריק אויפשטעלן דאָס חרובע לעבן. ווער, אויב נישט מיר, וואָס האָבן צענדליקער יאָרן פאַרזיכערט די יידישע מענטשן פון פוילן, אַז ווען די צייט, אונדזער צייט, וועט קומען, וועלן מיר פאַרווירקלעכן אַלע יידישע פאָלקס־שטרעבונגען צו אַ גלייכ־באַרעכטיקט יידיש לעבן!

דערמוטיקט פון אייגענעם טראַכטן קומען אויף ווייטערדיקע אויספירן: נישט איבערחזרן דאָס פעלערהאַפטע, וואָס איז געווען אין דעם סאָוועטישן מאָדעל פון יידישן סאָציאַלן און קולטור־לעבן ביז די יאָרן פון דער סטאַלינישער אויסראָטונג.

און ווייטער — נאָך אַנטשלאָסענער: דווקא אין פוילן, ביי דער סאַמע גרענעץ מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד, דאַרף אויפקומען אַ יידישער יישוב, וועלכער זאָל זיך קערעווען מיט דער אייגענער טראַדיציע און היסטאָרישער דערפאַרונג — אַ יישוב, וואָס בלויז מיט זיין עקסיסטענץ און אַנטוויקלונג זאָל ער ווערן דער באַשולדיקער קעגן דער אויסראָטונג פון יידישן לעבן אין דעם סאָוועטן־לאַנד מיט דער פיל־מיליאָניקער יידישער באַפעלקערונג. און אפשר וועט עס אַזוי געשען, אַז גראָד דער פויליש־יידישער ביישפיל וועט סטימולירן, וועט ווירקן צום אָפּשאַפן די דיסקרימינאַציע פון די סאָוועטישע יידן!

...דער צוג פאַרלאַנגזאַמערט זיין לויף. מיר דערנעענטערן זיך צו בריסק. דער חלום אין דער שלאָפלאָזער קורצער זומער־נאַכט איז געענדיקט. עס בלייבט די איבערצייגונג: פאַראַן אַ ציל. פאַראַן דער עקשנותדיקער ווילן נישט אונטער־צוגעבן זיך. בשום אופן נישט קאַפּיטולירן!

---

*) וועלכער איז אגב פאַרפאַסט געוואָרן דורך די 3 יידן: יעקב בערמאַן, הילאַרי מינץ און סטעפאַן וויערבלאָווסקי.

ערשטע באַגעגענישן

די זעלבע בריסקער באַן־סטאַציע. פון דאַנעט האָט מיט 7 יאָר צוריק געפירט מיין וועג, אַ געשמידטן מיט מיינע גורל־חברים, צום לעצטן „ווערק" פון פאַר־מלחמהדיקן פוילן — צו דער ניי־אויפגעבויטער תפיסה.

איצט האָט אויפן וואָקזאַל אונדז אָפגעוואַרט דער באַפולמעכטיקטער פון פוילישן רעפּאַטריאַציע־אַמט. ער האָט אונדז אָנגעזאָגט, אַז ס'וועט אויסקומען לאַנג צו וואַרטן ביז מיר וועלן האָבן די מעגלעכקייט אַריבערצופאָרן די גרענעץ. דערווייל האָט ער פאַרגעלייגט צו מאַכן אַ באַזוך אין דער שטאָט. איך האָב זיך אָפגעזאָגט דערפון. כ'בין נאָך נישט זיכער, צי אַלץ וועט ביי מיר דורכגיין גלאַטיק. לאָמיר בעסער בלייבן אונטער דער השגחה פון די פוילישע באַאַמטע, איידער אונטער דער אָבסערוואַציע פון די „אויגן און אויערן", וועלכע האָבן מיט זייערע שפּיזיקע בליקן אָבסערווירט די אויסלענדער אין דעם טראַנזיט־אָפּטייל פון וואָקזאַל.

און דער עיקר — וואָס פאַרא אינטערעס האָט שוין פאַר מיר געהאַט די שטאָט, ווו ס'איז קיין זכר נישט געבליבן פון דעם אַמאָליקן, אַזוי דינאַמישן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן! וואָס אַן אמת וואָלט איך דאָ געקענט טרעפן אייניקע מיינע נישט־יידישע חברים, מיט וועלכע מיר זענען געווען אין פאַרמלחמהדיקן אונטער־ערד. זיי האָבן געשפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָל ביים אָרגאַניזירן דעם קאַמף קעגן די היטלעריסטן אין דער בריסקער געגנט, אַ שטייגער אַלעקסאַנדראַ פּעדאַסיוק, די געוועזענע סעקרעטאַרין פון צענטראַל־קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד אין מערב־ווייסרוסלאַנד; מיראַן קרישטאָפּאָוויטש — דער געוועזענער פאַראַנטוואָרטלעכער פון צ"ק פאַר דער ווייסרוסישער נאַציאָנאַל־באַפרייונגס־באַוועגונג. געוווּסט האָב איך אָבער, אַז זיי וועלן זיכער פאַראורטיילן מיין פאַר־לאָזן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

וועגן פוילן, וועלכע איז דאָך געווען פולשטענדיק אָפּהענגיק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט מען צווישן זיך גערעדט מיט פאַראַכט און גרינגשעצונג. דער געוועזענער שטאָב־שעף פון דער פוילישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג (אויף דער סאָוועטישער זייט), סערגיי פּריטיצקי, האָט מיר געהאַט דערציילט, אַז ווען ער איז אין מונדיר פון אַ פוילישן פּולקאָווניק געקומען צום פאָרזיצער פון דער ווייסרוסישער רעגירונג, פּ. ק. פּאַנאָמאַרענקאָ, האָט יענער זיך אויסגעדריקט וועגן פוילישן מלוכה־סימבאָל — דעם ווייסן אָדלער אויף זיין מיליטערישן היטל, אין אַ חוזק־טאָן: „ווען וועסטו שוין אַראָפּוואַרפן דעם האָן פון קאָפּ". אַ צווייטער גדול, דער סעקרעטאַר פון צ"ק פון דער קאָמפּאַרטיי אין ווייסרוסלאַנד ט. גאָרבונאָוו,

האָט פּאַר אַ גרופּע שרייבערס איבערגעגעבן זיינע איינדרוקן פון אַ באַזוך אין וואַרשע און דערביי געלאָזט אַזאַ מין „חכמה״: „דעם נאָמען וואַרשע דאַרף מען איצט ענדערן אויף „באַרשע״ — ס׳איז אַ שטאָט פול מיט באַרן...״

ווען מען איך וואָלט יאָ געוואָלט טרעפן אין דער דאָזיקער שטאָט — דאָס איז מיין אַלטן חבר „מאַקסים״, וועלכער איז מיט קנאַפּע 2 צענדליק יאָר צוריק געווען מיט מיר צוזאַמען אין סעקרעטאַריאַט פון ווילנער קרייז־קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד און האָט אין בריסק, שוין אין ערשטן חודש פון דער היטלערישער אָקופּאַציע, געשאַפן אַ צענטער פון אַנטיפאַשיסטישן קאַמף. זיין אמתער נאָמען איז געווען אורבאַנאָוויטש. זיין יידישע פרוי, באַסיע קנובאָוויעץ, איז צוזאַמען מיט מיר געמשפּט געוואָרן אין ווילנער קרייזגעריכט אין 1937טן יאָר. ער וואָלט מיר זיכער נישט פאַראורטיילט פאַרן אָפּגעזונדערט זיך מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד. איז ער שוין אָבער נישט געווען צווישן די לעבעדיקע. אים האָבן דערמאָרדעט נישט די היטלעריסטן, נאָר סאָוועטישע פּאַרטיזאַנערס. פאַר וואָס? די שפּורן פון דעם דאָזיקן מאָרד זענען אין די זכרונות און אָפּהאַנדלונגען וועגן דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין בריסקער געגנט פולשטענדיק פאַרווישט געוואָרן. זיין נאָמען ווערט זעלטן דערמאָנט. ווידער אַ מאָל: פאַר וואָס? צווישן זיך האָט מען גערעדט, אַז דאָס איז דערפאַר, כדי די געשיקטע פון מאָסקווער שטאַב, ערשט מיט 2 יאָר שפּעטער, אין אַפּריל 1943, בראש מיט סערגיי סיקאָר־סקין, זאָלן בלויז זיך צושרייבן די ראָל פון פּיאָנערן און אָרגאַניזאַטאָרן פון אַנטיפאַשיסטישן קאַמף. ממילא האָט מען זיי און נישט מאַקסימען געמאַכט פאַר „העלדן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד״ און באַשאַנקען מיט פילצאָליקע אָרדנס.

... לאַנג האָבן מיר געוואַרט ביז דער צוג האָט פאַמעלעך זיך גענומען באַוועגן אין דער ריכטונג צו דער נאָענטער פּוילישער גרענעץ. דער פיבערדיקער וואַרטן אויף עפּעס, וואָס קאָן געשען אין דער לעצטער מינוט, האָט מיין בליק צוגעשמידט צו דער וואַגאָן־טיר.

דער צוג האָט זיך פאַרהאַלטן. עס זענען אַריין מענטשן אין פּוילישע אוניפאָרמען, וועלכע האָבן קאָנטראָלירט אונדזערע רייזע־דאָקומענטן. ערשט ווען ס׳איז געקומען די אַנטשפּאַנונג, האָב איך דערשפּירט אַ געוואַלדיקע מידקייט אין גאַנצן גוף. די אויגן האָבן זיך גענומען קלעפּן.

אפרים קאַגאַנאָווסקי איז נישט אָפּגעטרעטן פון פענצטער, הגם ס׳איז שטאַק־פינצטער געווען אַרום און זעלטן ווען האָט זיך באַוויזן ערגעץ אַ פייערל. לאַנג האָט זיך דער צוג פאַרהאַלטן אין וועג. דער וואַגאָן איז אַלץ פולער געוואָרן מיט מענטשן, וועלכע האָבן דורכדרינגלעך אונדז אָנגעקוקט — ווער מיט נייגעריקייט, ווער מיט גרינגשעצונג, ווער מיט חידוש, דערהערנדיק דעם יידיש־לשון פון קאַגאַנאָווסקיס קורצע רעפּליקעס אויף מיין סתם־פרעגן, צי עס וועט אונדז עמעצער אָפּוואַרטן און וווהין וועלן מיר אין מיטן דער נאַכט זיך קערעווען?

אָנגעקומען זענען מיר אויפן אַמאָליקן ווילנער וואָקזאַל, אין פּראַגע. מיר האָבן באַמערקט צווישן עולם אויפן פּעראָן צוויי יידן. איינער פון זיי איז געווען

דער סקולפּטאָר נתן ראַפּאָפּאָרט. דאָס האָב איך געהאַט אים געראָטן וואָס גיכער אַרויספֿאָרן פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. מיר איז שטאַרק פֿאַרדעכטיקט געווען, וואָס דער דערמאָנטער פּאַנאָמאַרענקאָ האָט ממש ווי אַן אויספֿאָרשונג־ריכטער זיך געוואָלט דערוויסן, צי קען איך ראַפּאָפּאָרטן. זיכער איז צו אים שוין דעמאָלט דערגאַנגען, אַז ראַפּאָפּאָרט האָט געאַרבעט איבערן פּראָיעקט פֿון דעם היינט באַוווּסטן אין דער גאַנצער וועלט דענקמאָל פֿון וואַרשעווער געטאָ. (וועגן דער סאָוועטישער באַציִונג צום אויפֿשטעלן אַזאַ דענקמאָל — אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל).

אַריינקומענדיק אין דער חושכדיקער וואָקזאַל־געביידע, וועלכע איז געווען אַזוי באַלעגערט מיט מענטשן, ווי דער וויסערוסישער וואָקזאַל אין מאָסקווע, האָבן פֿון אַלע זייטן געגומען אונדז ממש דורכשטעכן — ווי בייזע, ווי חוזקדיקע בליקן. באַלד האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען: „זיי זענען שוין ווידער דאָ!", „האַ, מאַשקע, נאָך וואָס ביסטו געקומען?!", „זעט, זיי לעבן נאָך!". עס איז געוואָרן אַ שטאַרקער טומל. כ'האָב אָנגעכאַפּט קאַגאַנאָווסקין פֿאַר דער האַנט און וועלנדיק אים פֿאַרשטעלן, אַז די ווילדע אויסרופֿן זאָלן צו אים נישט דערגיין, גענומען שנעל אַרויסגיין, ווי דורך אַ שפּאַלער, פֿונעם וואָקזאַל.

אין דער געדיכטער פֿאַרטאָגיקער פֿינצטערניש זענען מיר געבליבן שטיין אויפֿן טראָטואַר. נישט ווייט פֿון וואָקזאַל, אויף שיראָקע־גאַס, האָט זיך געדאַרפֿט געפֿינען דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון די יידן אין פּוילן. אַהין גייען מיר. מעג אונדז אויסקומען צו בלייבן אין דרויסן — ווער ווייסט אונדז אין מיטן דער נאַכט אַריינלאָזן? — ווילן מיר זיך דאָך דערוואַרטן ביז טאָג, כדי דאָרט צו באַגעגענען אַ יידן.

לאַנג האָבן מיר געקלאַפּט, ביז ס'האָט זיך דערהערט די פֿאַרשלאָפֿענע שטימע פֿון שומר. ער האָט געהערט אונדזער יידיש־לשון, ער האָט באַקומען צוטרוי צו אונדז, אָבער אים איז געווען שטרענג פֿאַרבאָטן צו עפֿענען און אַריינלאָזן ביינאַכט פֿרעמדע מענטשן. געוווירקט האָט אפֿרים קאַגאַנאָווסקיס זכות. ווען איך האָב דעם נאַכטוועכטער געזאָגט, אַז דאָס לאָזט ער אויפֿן גאַס איינעם פֿון אונדזערע גרעסטע שרייבערס, האָט די ליבשאַפֿט צו דער יידישער ליטעראַטור (דער שומר האָט געהערט צום „בונד") גובר געווען. מיר זענען אַריין אין אַ צימער, אָנגעשטעלט מיט שרייבטישן. דאָרט האָבן מיר איבערגענעכטיקט און דערוואַרט זיך דעם טאָג, ווען די פּריינטלעכע האַנט פֿון דעמאָלטיקן סעקרעטאַר פֿון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, פּ. זעליצקי, האָט מיט פֿיל זאָרג גענומען „אָר־גאַניזירן" פֿאַר אונדז די מעגלעכקייט צו קומען צו זיך און נעמען זיך אַרומקוקן וואָס ווייטער צו טאָן.

אפֿרים קאַגאַנאָווסקי איז אָפּגעפֿאָרן קיין לאָדזש, ווו ס'האָבן זיך קאָנצענט־רירט אַלע יידישע שרייבערס אַרום דעם אַנטשטאַנענעם יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פֿאַראיין, אַרום דער יידישער פּרעסע, וואָס איז בלויז דאָרט דער־שינען, אַרום די פֿילצאָליקע יידישע פּאָליטישע, קולטורעלע, געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס. איך האָב באַשלאָסן בלייבן אין וואַרשע.

לאָדזש האָט דעמאָלט געלאָקט, קודם־כל מיט דער באַטייטנדיק גרויסער צאָל

צוריקגעקומענע יידן, מיט דער מעגלעכקייט זיך תיכּף נעמען צו אַן אַרבעט אין דער פּרעסע, אָדער אין אַ געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער אינסטיטוציע. אָפּגערעדט שוין, וואָס לאָדזש האָטווירקלעך געגעבן די מעגלעכקייט איינצוואָרדענען כּמעט אַ נאָרמאַל לעבן. די שטאָט איז געבליבן גאַנץ. דאָרט האָט דאָס אויג זיך געקענט באַפרייען פון דער חורבן־„פּאַנאָראַמע", וואָס האָט געדריקט און געשטיקט אין דער פולשטענדיק צעשטערטער וואַרשע. אויב כ'האָב דאָך באַשלאָסן צו בלייבן אין וואַרשע, איז עס געווען צוליב דער איבערצייגונג, אַז די חרובע הויפּט־שטאָט וועט מיט דער צייט צוריק ווערן דער צענטער אויך פון די יידישע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אינסטיטוציעס.

איידער איך האָב נאָך רעכט זיך אָריענטירט אין דעם אַלעמען, וואָס האָט דעמאָלט באַטייט „יידיש־לעבן" — און אין דער ערשטער מינוט האָט עס פאַר מיר, אַ געקומענעם „פון יענער וועלט", אויסגעזען זייער קאָמפּליצירט — האָב איך באַשלאָסן, ווי אַן „אויסגעדינטער סאָלדאַט", קודם כּל גיין זיך מעלדן אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי, אין דעם קאַדרען־אָפּטייל.

דאָרט האָב איך געטראָפן מיין אַלטן חבר, נאָך פון דער ווילנער אונטערערד און פון תּפיסה — זלמן (זיגמונט) קראַטקאָ. ער האָט מיר פאָרגעשטעלט פאַר „זאָפּיען" — אַזוי האָט מען היימיש גערופן די פּרוי פון וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ — וועלכע האָט געאַרבעט אין דעם קאַדרען־אָפּטייל.

געוווּסט האָב איך שוין דעמאָלט וועגן דער אייגנאַרטיקער שמד־פּראָצעדור, וואָס ווערט אין דעם דאָזיקן אָפּטייל, טאַקע דורך זאָפּיען, דורכגעפירט איבער יידישע קאָמוניסטישע טוערס, וועלכע מען האָט זיך באַמיט, על כּל פּנים דורך ענדערן די נעמען און פאַמיליעס אויף פּויליש־קלינגענדיקע, פאַרוואַנדלען אין ריין־ראַסיקע פּאָליאַקן. וואַרשיינלעך האָט עס פון יידן גופא געשטאַמט די „חכמה־דיקע" באַצייכענונג פון אַזעלכע יידן, אַלס... פּאַפּן (פון די פּוילישע ראשי־תּיבות „פּ.אָ.פּ.", וואָס האָט באַטייט „פּעלנאָנאַנצי אַבאָוויאָנזקי פּאָליאַקאָ", ס'הייסט אַזאַ, וואָס „פּילט אויס די פליכטן פון אַ פּאָליאַק"). ס'איז דאָן אומגעגאַנגען אַ ווערטל, וואָס האָט געזאָלט כאַראַקטעריזירן זאָפּיעס „קריטעריע" ביים באַשטימען יידישע קאָמוניסטישע טוערס אויף אַרבעט: „דאָס פּנים ווי דאָס פּנים (ס'הייסט, אַז מען קען נאָך אָנגיין אַלס „אַריער") אָבער דער פאַמיליע־נאָמען"... וועגן איר גופא האָט מען פאַרקערט געריידט: „דער פאַמיליע־נאָמען ווי דער פאַמיליע־נאָמען (די פרוי פון גאָמולקאַ), אָבער דאָס פּנים — זאָל אייך יעזוס זי נעמען אין שוץ". זי איז געווען אַ קליינוווקסיקע, אַ קיילעכדיקע, מיט אַ טיפּיש־יידישן פּנים.

ווען איך האָב זאָפּיען דערקלערט, אַז זי דאַרף זיך נישט באַמיען וועגן אַרבעט פאַר מיר, ווייל „איך גיי צו שמעונען", האָט אויף איר פאַרזאָרגט פּנים („וואָס טוט מען מיט אָט דעם יידן") תּיכּף זיך באַוויזן אַ גוט־ווינטשנדיקער שמייכל. זי האָט זייער קאָרעקט גענומען בלעטערן מיינע „פּאַפּירן", וואָס זענען איבערגעשיקט געוואָרן פון מאָסקווע, און געמאָלדן, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג.

אַז איך ווער אַריינגעצויגן אין דעם רעיעסטער פון די פּאַרטיי־אַקטיוויסטן.

געמיינט האָב איך, אַז דערמיט האָב איך דערליידיקט מיין פּאַרמעלן פּאַרטיי־חוב און כ׳וועל מיט דעם דאָזיקן מאָדנעם „ראָסן־אַמט״ (אַזוי האָט מען אים גערופן צווישן די „יידישע יידן״) מער ניט האָבן צו טאָן. עס זענען אָבער דורך בלויז עטלעכע טעג און כ׳באַקום אַן אַרויספאָדערונג זיך צו מעלדן צום סאַמע הויפּט פון דער קאַדרען־אָפּטיילונג. איך האָב אַן ערך געוווּסט וועגן וואָס עס קען זיין אַ רייד און האָב באַצייטנס זיך געגרייט צו זאָגן... נישט דאָס וואָס איך טראַכט. עפּעס וואָס פון דער סאָוועטישער פּראַקטיק איז צו מיר צוגעשטאַנען...

איך האָב אין וואַרשע געטראָפן אַ סך פון מיינע אַמאָליקע חברים — אַנפירנ־דיקע טוערס פון קאָמוניסטישן אונטערערד אין פּוילן, וועלכע זענען געווען אויף הויכע פּאָסטנס אין דעם מלוכה־אַפּאַראַט. יעדער איינער פון זיי — אין גרונט איבערגעגעבענע, אידעישע מענטשן און גוטע חברים — האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב צו עצהנען מיר ווהין איך זאָל גיין אַרבעטן. יעדער פאָרשלאָג איז געווען באַגלייט מיטן פּסוק: „דערפאַרענע, איבערגעגעבענע קאָמוניסטן זענען גוואַלדיק נייטיק״.

איינער פון די אָנפירנדיקע טוערס פון זיכערהייט־מיניסטעריום (מיט אַן אָפּשיין פון אַ נעגאַטיווער כאַראַקטעריסטיק האָט מען דעם דאָזיקן אַמט גערופן „בעזפּיעקע״, פון דעם פּוילישן נאָמען „מיניסטערסטוואָ בעספּיעטשענסטוואָ פּוב־ליטשנעגאָ״ — מיניסטעריום פון עפנטלעכער זיכערקייט) האָט מיר נישט גע־עצהט, נאָר ממש געמאָלדן ווי אַ פאַקט, אַז איך בין באַשטימט „פון אויבן״ צו גיין אַרבעטן אין דעם דאָזיקן מיניסטעריום. דעם מענטשן האָב איך געקענט פון דער אונטערערדישער אַרבעט און לויט יענע אַלטע נאָרמעס האָב איך אים אָפן דערקלערט, וואָס איך טראַכט צו טאָן. מיינע רייד האָבן אויף שטענדיק מיך פאַרמשפּט אין זיינע אויגן אַלס אַ „דורכגעפרעסענער דורך און דורך יידישער נאַציאָנאַליסט״. אַ רעזיגנירטער האָט ער אונדזער שמועס פאַרענדיקט מיט דעם אָנזאָג: „וועסט זיך אויסטענהען אויבן״. דער „אויבן״ האָט באַטייט: אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

אַזוי איז עס טאַקע געווען. וועגן דעם זעלבן האָט געשמועסט מיט מיר דער מענטש, וועלכער האָט „פאַנאַנדערגעשטעלט״ די קאַרגע כוחות פון די פאַרמלחמהדיקע קאָמוניסטן, די זיכערע, דורכקאָנטראָלירטע בעת פייניקונגען אין דער דעפענסיווע (פאַרמלחמהדיקע פּאָליטישע פּאָליציי), בעת יאָרנלאַנגער תפיסה און אין די מלחמה־יאָרן. פאַרגעשטעלט האָט ער דעם הויכן אַמט אין דעם זיכערהייט־מיניסטעריום, אויף וועלכן איך בין באַשטימט (אַזוי האָט ער בוכשטעבלעך געזאָגט) אַלס אויסדרוק פון גרויסן צוטרוי מצד דעם „אויבן״ צו מיר. עס גייט אין גאָר אַ וויכטיקן אָפּשניט פון קאַמף קעגן די שונאים פון דער נייער מאַכט.

אוודאי האָב איך אים קיין וואָרט נישט געזאָגט, וואָס איך טראַכט וועגן דעם דאָזיקן אַמט, האָבנדיק פאַרן אויג זיין סאָוועטיש פאָרבילד — דאָס מיניס־

טעריום פון מלוכהשער זיכערהייט (מג״ב), וועלכער האָט אין יעדן דעפּאַרטאַ־מענט, אין יעדן אָפּטייל פון פּוילישן זיכערהייטס־מיניסטעריום געהאַט זיינע „ראַטגעבער״, אַלס ווירקלעכע באַלעבאַטים. איך האָב אים קיין וואָרט נישט געזאָגט, אַז לויט אַלע סימנים — דער אָפּזאָג מיך צו שיקן קיין פּאַלעסטינע, דער אָפּזאָג מיך צו שיקן אַלס סעקרעטאַר פון דער יידישער דעלעגאַציע פון פּוילן קיין אַמעריקע, די שוועריקייטן ביים באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן קיין פּוילן — בין איך פאַררעכנט אַלס פאַרדעכטיקטער. איך האָב בלויז געזאָגט, אַז איך בין אַ יידישער שרייבער און האַלט, אַז ס'איז געקומען די צייט איך זאָל זיך פאַרנעמען דער עיקר מיט ליטעראַריש־זשורנאַליסטישער אַרבעט.

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַזאַ מין פאַרוואונדערונג, ווי פאַר אים וואָלט זיך פּלוצלונג אַנטפּלעקט, אַז עמעצער האָט דאָ פאַרטוישט די יוצרות; אַז די כאַראַקטעריסטיק פון מיין ווייניקייט, וועלכע איז געלעגן פאַר אים, האָט געהאַט אַ שייכות צו עמעצן אַן אַנדערן.

מיט אַ גלייכגילטיקער, מידער שטימע, נישט אָפּרייסנדיק די אויגן פון מיין „פּערסאָנעל־ענין״, האָט ער ביי מיר געפרעגט, צי ער זאָל אָפיציעל מיך קערעווען צו שמעונען.

„צו שמעונען״ — דאָס האָט אין אַלע פאַלן געקלונגען שיער נישט ווי אַ פאַראַל פון די אומלעגאַלע צייטן. באַטייט האָט עס צו דעם מענטשן, וועלכער איז צו יענער צייט געווען דער אינסטרוקטאָר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי פאַר דער אַרבעט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג.

שמעון זאַכאַריאַש האָט געהערט צו די עלטסטע קאָמוניסטן אין פּוילן. ער איז אין 1918טן יאָר געקומען אין דער ניי־געשאַפענער „קאָמוניסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי פון פּוילן״ פון די פּועלי־ציון צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידישע אַרבעטער־טוערס. געשטאַמט האָט ער פון אַ פרומער היים אין אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק, געלערנט אין אַ ישיבה און איז געוואָרן אַן אַרבעטער אין וואַרשע. פון זיין יאָרנלאַנגער טעטיקייט אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג*), הויפּטזעכלעך אין דער יידישער סביבה, האָט ער געבראַכט אַ באַטייטנדיקע דערפאַרונג ווי אַזוי, אין הסכם מיט די אָנגענומענע פּאַרטייִישע נאָרמעס, זיך אָריענטירן און לייזן די ניי־אויפגעקומענע פּראָבלעמען אין דער קאָמפּליצירטער סיטואַציע פון נאָך דעם חורבן און ביי דער מאַכט־פּאָזיציע פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי אין פּוילן. די דאָזיקע דערפאַרונג האָט זיך אָבער ביי אים באַזירט אויף זייער אַ קנאַפּן אינטעלעקטועלן יסוד. דערצו האָט ער נאָך געהאַט אַן אָרגאַנישן חסרון, וואָס איז באַזונדערס קענטיק געווען: ער האָט נישט באַהערשט קיין שום שפּראַך. אַפילו זיין יידיש־לשון איז געווען אַ שטאַרק אָרעמער און פּויליש האָט ער בכלל שוואַך געקענט. דאָס האָט אויף דעם

*) שמעון זאַכאַריאַש איז געווען אין די לעצטע פאַרמלחמה־יאָרן אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן און אַ קורצע צייט אויך פון לאַנד־סעקרעטאַריאַט.

מענטשן מיט גרויסע פּאָליטישע אַמביציעס שטאַרק געלאַסטעט און געשטערט אין זיין פּאַרטייִשער פּאָזיציע.

אין די מלחמה־יאָרן איז ער געווען — פריער אין ביאַליסטאָק און נאָך דעם טיף אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַ טעכנישער אַרבעטער אין אַ קינדער־היים. ערשט מיטן אַנטשטיין פון דעם ביוראָ פון פּוילישע קאָמוניסטן אין מאָסקווע האָט ער זיך באַטייליקט אין זיין אַרבעט.

שמעון זאַכאַריאַש איז פאַר די קאָמוניסטן־טוערס אין דער יידישער סביבה געווען אַן אויטאָריטעט. פאַר די טוערס פון אַנדערע דעמאָלטיקע פּאָליטישע גרופּירונגען, די ציוניסטישע און פון „בונד", איז ער געווען דער אַנערקענטער וואָרטזאָגער פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי און פון דער רעגירונג.

פאַר אַלגעמיין־פּאַרטייִשע און רעגירונגס־טוערס, וועלכע האָבן אים געקענט פון פריער, איז שמעון זאַכאַריאַש געווען דער פאַרקערפּערער פון אַן אַלטער רעוואָלוציאָנערער טראַדיציע, און דערפון — אַן אויפריכטיקער דרך־ארץ פאַר אים. וואָס שייך יידישע פראַגן האָט מען אין די פּאַרטיי־ און רעגירונגס־קרייזן קודם־כל מיט אים זיך באַראַטן. מיט די פּאָליטישע פּאַרטנערן אין דער יידישער סביבה — מיט די ציוניסטן פון אַלע שאַטירונגען און מיט די בונדיסטן — פלעגט ער אַלס כלל רעדן נישט מיט דער שפּראַך פון אַדמיניסטרירן, פון דעקרעטירן און באַפעלן, נאָר פון דיסקוסירן, פון וועלן איבערצייגן. דערביי האָט ער אַרויסגעוויזן באַטייטנדיקע פעיִקייטן צום לאָגישן אַרגומענטירן אויף דעם אופן, ווי מען האָט עס אין פּוילן באַצייכנט, אין פּאָזיטיוון זין, אַלס „געזונטער פויערישער פאַרשטאַנד".

שמעון זאַכאַריאַשן האָב איך געקענט פון פריִער. ווען איך האָב אים געמאָלדן מיין באַשלוס צו אַרבעטן אויסשליסלעך אין דער יידישער סביבה און אַז איך האָב אָפּגעוואָרפן די פאַרשלאָגן פון פּאַרטיי־צ"ק צו גיין אויף „אַלגעמיינער אַרבעט", האָט ער מיר אָנגעקוקט אַ ביסל פאַרחידושט. ער אַליין וואָלט לויט זיין פּאַרטיי־סטאַזש און פּאָזיציע אין די אונטערערדישע צייטן געדאַרפט באַקומען, ווי אַנדערע זיינע מיטצייטלערס, אַ באַטייטנדיקן פּלאַץ אינעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן לעבן. ער איז אָבער איבערגעלאָזן געוואָרן אויף אַ „זייטיקן וועג". ער איז נישט אויסגעווילט געוואָרן אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי, נאָר בלויז אין דער קאָנטראָל־קאָמיסיע און שפּעטער — אין דער קאָנטראָל־קאָמיסיע אויך נישט.

איך ווייס נישט, צי האָט זאַכאַריאַש מיט וועמען נישט איז זיך באַראַטן — (אַ טייל פון די יידישע פפ"ר־טוערס איז נאָך דעמאָלט געווען אין אַמעריקע, אין באַשטאַנד פון דער דעלעגאַציע) — אָבער ער האָט מיר פאָרגעלייגט צו ווערן אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן, שפּעטער פון פּרעזידיום פון צענטראַל־קאָמיטעט, אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער קולטור־ און פּרעסע־אַרבעט.

ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך געווען פאַר אַ מענטשן, וועלכער איז פאַר דער

מערהייט אַנפירנדיקע טוערס פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט געווען אַ לחלוטין־אומבאַקאַנטער? אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז לויט דער סטרוקטור פון די יידישע קאָמיטעטן אין פוילן, בראש מיט דעם צענטראַלן יידישן קאָמיטעט, איז עס געווען פולשטענדיק מעגלעך.

די דאָזיקע קאָמיטעטן זענען צו יענער צייט געשאַפן געוואָרן אויפן יסוד פון אַ פּאַרטיי־שליסל, לויט וועלכן יעדע פּאָליטישע גרופּירונג האָט געהאַט דאָס רעכט צו דעלעגירן אַ געוויסע, פון פאָרויס פאַרשטענדיקטע, צאָל זיינע פאָרשטייער סיי אין דעם פּלענום און סיי אין דעם פּרעזידיום. אַלס כלל איז געווען אָנגענומען, אַז די פאָרשטייערס פון דער הערשנדיקער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי באַקומען אין די קאָמיטעטן אַ פאַרהעלטנישמעסיקע מערהייט, און אַז די שליסל־פּאָזיציעס (דער פאָרזיצער, דער סעקרעטאַר, דער אָנפירער פון דער פּראָדוקטיוויזאַציע־אָפּטיילונג) דאַרפן געהערן צו זיי.

צום שאַפן אַ מערהייט פון פּפּ״ר־אָנגעהעריקע אין דעם יידישן צענטראַל־קאָמיטעט האָט אויך מיטגעהאָלפן דער פאָרשטייער פון יידישן פּאַרטיזאַנער־ און פראָנט־קעמפער־פאַרבאַנד. געווען איז עס דער באַטייליקטער אין דעם פּפּ״ר־אונטערערד, אין דער „גוואַרדיא לודאָוואַ״ בעת דער היטלערישער אָקופּאַציע, ד״ר שערפּינסקי (מרגלית), וועלכער האָט נאָך דער באַפרייונג פאַרנומען אַ פאַראַנט־וואָרטלעכן פּאַרטיי־אַמט, און איז ממילא נישט בכוח געווען זיך אָפּצוגעבן דער אַרבעט אין דער יידישער סביבה. ער איז געווען צופרידן צו דעמיסיאָנירן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן. אויף זיין אָרט בין איך געקומען.

אַזאַ איז געווען מיין אָנהייב.

וועגן צוויי אָנהייבן און אַ דריטן

אין פוילן האָט בכלל אַלץ אויסגעזען אַנדערש, ווי אין די אָנהייב־יאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. גאָר אַנדערש — ביי די אָפּגעראַטעוועטע יידן, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אין די שטעט און שטעטלעך, באַפרייטע דורך די אָנגרייפנדיקע סאָוועטישע און פוילישע אַרמייען. קיין שום אויסערלעכער דרוק, קיין שום אַדמיניסטראַטיווע אַריינמישונג איז דעמאָלט נישט געווען אין דעם אופן, ווי אַזוי און ווו די אָפּגעראַטעוועטע יידן האָבן זיך קאָנצענטרירט און אָרגאַניזירט. די ניי־אַנטשטאַנענע מלוכה־מאַכט האָט אין דעם מאַניפעסט פון „פוילישן קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייונג" זיך באַגרענעצט מיט דעקלאַרירן, אין חודש יולי 1944־טן יאָר, „דאָס צוריקקערן אַלע דעמאָקראַטישע פרייהייטן, די גלייכהייט פון אַלע בירגער, אָן אונטערשייד פון ראַסע, גלויבן און נאַציאָנאַליטעט", און אַז „די יידן, וועלכע זענען בעסטיאַליש געמאָרדעט געוואָרן דורך דעם אָקופּאַנט, וועט פאַרזיכערט ווערן דער אויפבוי פון זייער עקסיסטענץ, ווי אויך די רעכטלעכע און פאַקטישע גלייכבאַרעכטיקונג". די פאַרווירקלעכונג פון די דאָזיקע רעכט איז אַלס כלל געווען פון אָנהייב אָן דער ציל פון די סטיכיש־אויפקומענדיקע יידישע קאָמיטעטן. כאָטש ערטערווייז זענען אַזעלכע קאָמיטעטן אַנטשטאַנען נאָך איידער ס'איז באַוווסט געוואָרן דער מאַניפעסט פון „פוילישן קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייונג".

אין נידער־שלעזיע האָבן שוין בעת דער אָפענסיווע פון דער סאָוועטישער אַרמיי און נאָכן פאַרסירן דעם טייך אָדער, זיך קאָנצענטרירט קרוב 8000 יידישע מענער און פרויען, אַנטלאָפענע פון די פאַרניכטונגס־לאַגערן אין גראָס־ראָזען, בליכהאַמער, גראָסמאָסלאָוויץ, קלעטענדאָרף, סטריגאָוו, גריידיץ, ליודוויקסדאָרף, (לאַגער פאַר יידישע פרויען). שוין דעמאָלט זענען אויף דער נידערשלעזישער ערד אויפגעקומען 6 יידישע קאָמיטעטן. עטלעכע טעג פאַר דער באַפרייונג איז אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין רייכנבאַך (שפּעטער — דזשערזשאָניוו) אַנטשטאַנען אַ „קאָמיטעט פון העפטלינגען", אין באַשטאַנד פון די געזעלשאַפט־לעכע טוערס שמעון באַליצקי, יעקב ראָזנבערג, אייזנבערג און לינקאָווסקי. דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט נאָכן באַפרייען דעם לאַגער זיך גענומען איינצושאַפן קליידונג און עסן, צוטיילן דירות, אָרגאַניזירן מעדיצינישע הילף פאַר די קראַנקע. די געבליבענע דייטשע באַפעלקערונג איז פאַרפליכטעט געוואָרן צוצושטעלן מילך, פּוטער, אייער, גרינסן און פלייש פאַר די קראַנקע יידן. כדי זיך צו באַשיצן פון די צעקלאַפּטע היטלעריסטישע טיילן, וועלכע האָבן געפּרוווט זיך אַרויסרייסן פון

דער אַרומרינגלונג, איז גלייך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ יידישע מיליץ, וועלכע האָט באַקומען געווער פון דער מיליטערישער קאָמענדאַנטור *).

די דאָזיקע יידישע קאָמיטעטן זענען דירעקט געוויילט געוואָרן דורך די געוועזענע אסירים און זענען אומעטום באַשטאַנען פון אַקטיווע, געזעלשאַפטלעך־דערפאַרענע מענטשן, וועלכע זענען ערשט שפּעטער געוואָרן פאַרשטייערס פון פאַרשידענע, אויפגעקומענע לויט דער פאַרמלחמהדיקער אַנגעהעריקייט, פּאָליטישע גרופּירונגען.

אומעטום האָבן די באַפרייטע יידישע מענטשן זיך באַמיט, פון דער ערשטער מינוט, אָנצובינדן צום יידישן שטייגער, אַרויסצוברענגען צווישן זיך פאַרגעדענקטע יידישע ליטעראַרישע, פאָלקלאָריסטישע, מוזיקאַלישע שאַפונגען, ווי אויך יידישע תפילות, איבערהויפּט בעתן דערנענטערן זיך פון די ימים־נוראים. אין זיכרון פון די געראַטעוועטע אין נידער־שלעזיע זענען געבליבן, ווי אַן אָנזאָג פון דויערנדיקן יידישן לעבן, די ערשטע אויפטריטן פון די באַפרייטע פון לאַגער יידישע בינע־קינסטלער, זלמן קאָלעשניקאָוו און חיהלע ראָזענטאַל — די פּיאָנערן פון צוריק אויפגעקומענעם אין פוילן יידישן טעאַטער.

כאַראַקטעריסטיש איז געווען דער אָנהייב פון יידישן אויפקום אין דער אַלט־יידישער שטאָט לובלין, וועלכע איז אין יולי 1944 געוואָרן דער זיצאָרט פון דעם „פּוילישן קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייונג“ און פון דעם אַרויס־געקומענעם פון אונטערערד „נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט“ (קר״נ).

די ערשטע האָבן זיך דאָרט אָרגאַניזירט די יידישע מענטשן, וועלכע זענען מיט געווער אין די הענט צוריקגעקומען פון די פאַרטיזאַנער־וועלדער. די יידן — פאַרטיזאַנער־קאָמאַנדירן, כיל גרינשפּאַן און גרשון אַלעף (גוסטאַוו באַלקאָוויאַק), די פאַרטיזאַנער, צווישן וועלכע עס איז געווען דער באַוווסטער שרייבער סטאַניסלאַוו יעזשי לעץ און די שרייבערין געלבאַרד־„טשאַיקאַ“, האָבן געטראָפן אין לובלין הונדערטער הונגעריקע, קראַנקע, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע יידן, וועלכע זענען אַרויס פון באַהעלטענישן, פון וועלדער, פון טויט־לאַגערן. צוזאַמען מיטן יידישן מיניסטער פאַר די ענינים פון מלחמה־אַנטשעדיקונג, ד״ר עמיל זאָמער־שטיין, איז מען צוגעטרעטן צום אָרגאַניזירן די געראַטעוועטע יידן. אויף נאָוואָ־ריבנע־גאַס נומ׳ 8, אין לובלין, איז פאָרגעקומען די ערשטע אָרגאַניזיר־פאַרזאַמלונג פון 250 יידישע פאַרטיזאַנערס, וועלכע האָבן אויסגעוויילט אַלס פאָרזיצער פון דעם געשאַפענעם יידישן פאַרטיזאַנער־פאַרבאַנד דעם דערמאָנטן ג. אַלעף — באַלקאָ־וויאַק **). אויף דער זעלבער נאָוואָריבנע־גאַס איז אויך פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג

*) זע, יעקב עגיט „צו אַ ניי לעבן“, ווראָצלאַוו 1947.

**) ג. אַלעף שטאַמט פון לאָמזשע. געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט. פאַר דעם אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער הילפס־אַקציע לטובת די יידן, וועלכע זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דייטשלאַנד אין דער פּוילישער גרענעץ־שטאָט זבאָנשין. אין וואַרשעווער געטאָ האָט ער

פון יידן, וועלכע האָבן אויסגעוויילט אַ הילפס־קאָמיטעט — דעם פאָרגייער פון לובלינער יידישן קאָמיטעט, בראש מיט זיין פאָרזיצער שאַפּיראָ. און דאָ, אַזוי ווי אין נידער־שלעזיע, זענען עס געווען די בינע־קינסטלער, וועלכע האָבן מיט זייער יידיש וואָרט און געזאַנג געבראַכט דערמוטיקונג און האָפענונג די געראַ־טעוועטע פון אומקום יידישע מענטשן. אויף דעם ערשטן יידישן קאָנצערט אין לובלין זענען געקומען אַלע יידן, וועלכע האָבן דעם אויפטריט פון די באַרימטע יידישע קינסטלערס יאַנאַס טורקאָוו און דיאַנאַ בלומענפעלד אויפגענומען ווי אַ בשורה וועגן יידישן דויער. צו דעם יידישן קאָנצערט זענען אויך געקומען די מיטגלידער פון דער ערשטער פוילישער רעגירונג.

צוויי וואָכן נאָך דער באַפרייונג פון לאָדזש — די איינציקע שטאָט, ווו די היטלעריסטן האָבן צוליב דער שנעלער אָפענסיווע פון דער סאָוועטישער אַרמיי נישט באַוויזן אויסצומאָרדן די לעצטע עטלעכע הונדערט יידן (פאַר וועלכע עס זענען שוין צוגעגרייט געווען גריבער) — איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון העכער 2000 יידן, וועלכע האָבן אויסגעוויילט אַ יידישן קאָמיטעט. קיין לאָדזש זענען אָנגעקומען אַלץ מער געראַטעוועטע יידן און שוין אין אָנהייב 1945 זענען אין יידישן קאָמיטעט געווען רעגיסטרירט קרוב 10.000 מענער און פרויען. קינדער ביז 14 יאָר — 1600. לאָדזש איז געוואָרן דער צוציִונג־צענטער פאַר דער יידישער אינטעליגענץ. דאָרט האָבן זיך געפונען די צענטראַלע אינסטאַנצן פון אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען*). אין לאָדזש איז אויפגעשטעלט געוואָרן די ערשטע יידישע דרוקעריי און דאָרט איז דעם 10־טן אַפּריל 1945 דערשינען די ערשטע יידישע צייטונג נאָך דער מלחמה, „דאָס נייע לעבן“, אונטער דער רעדאַקציע פון מיכאל מירסקי (אויף זיין אָרט, ווען ער איז אין באַשטאַנד פון דער דעלעגאַציע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן געפאָרן קיין אַמעריקע, איז געקומען בער מאַרק). די רעדאַקציע־קאָלעגיע איז באַשטאַנען פון פאָרשטייערס פון אַלע פאַרטייען.

באַגלייך מיט דעם רייך־געזעלשאַפטלעכן אופן פון יידישער אָרגאַניזאַציע אין אַלע באַפרייטע פון אָקופּאַנט שטעט און שטעטלעך, איז אין אָנהייב פון חודש אויגוסט 1944־טן יאָר, געשאַפן געוואָרן אין לובלין, לויט אַ פאַראָרדענונג פון פאָרזיצער פון „פּוילישן קאָמיטעט פון נאַציאָנאַלער באַפרייונג“, עדוואַרד אָסובקאַ־מאָראַווסקי**), ביי דעם פרעזידיום פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט, אַ „זעלבשטענדיקער רעפעראַט פאַר די ענינים פון הילף דער יידישער באַפעלקערונג“.

געהערט צו דער פוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי און איז געווען דער קאָמאַנדיר פון די יידישע קאַמפס־גרופּן פון דער „גוואַרדיאַ לודאָוואַ“. ער איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין וואַלד. נאָך דער מלחמה האָט ער פאַרנומען אַ ריי פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן אין גענעראַל־שטאַב פון דער פוילישער אַרמיי אַלס פּולקאָווניק.

*) די אָנפירונג פון די יידישע פפ"ר־טוערס און פון „בונד“ האָט, נאָך לובלין, זיך געפונען אין וואַרשע.

**) דער פירער פון יענע פוילישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט אין אונטערערד

די אַנטשטייונג פון דעם דאָזיקן ייִדישן רעגירונגס־אָרגאַן האָט אַרויסגערופן אַן אַסאָציאַציע מיטן געשעפענעם גלייך נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אין 1918 יאָר, אין פעטראָגראַד, יידישן קאָמיסאַריאַט. צוזאַמען דערמיט — דער חשד פון פרוּוון אונטערוואָרפן די ייִדישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַנען אַן אַדמיניסטראַטיוו־מלוכהשער קאָנטראָל. דער אָנפירער פון דעם ייִדישן רעגירונגס־„רעפעראַט", ד״ר שלמה הערשנהאָרן, איז לויט זיינע פּאָליטישע איינשטעלונגען געווען אָריענטירט קודם כל אויף אַנטוויקלען דאָס ייִדישע געזעלשאַפטלעכע לעבן. ער איז געווען אַ מיטגליד פון פּרעזידיום פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן.

ד״ר שלמה הערשנהאָרן איז געווען אַ ברייט־באַקאַנטער אין פאַרמלחמהדיקן לובלין יידישער געזעלשאַפטלעכער טוער. ער האָט געהערט צום „בונד" און איז אַלס בונדישער ראַטמאַן אין לובלינער שטאָט־ראַט געווען באַוווּסט פון זיין אַל־זייטיקער טעטיקייט לטובת דער אָרעמער באַפעלקערונג. דער מעדיצין־דאָקטער שלמה הערשנהאָרן האָט פאַרקערפּערט די מעלות פון אַ ייִדישן פאָלקס־אינטעלי־גענט, וועלכער איז דורך די ייִדישע אַרבעטס־מענטשן באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אייגענער, ווי אַ פאַרטיידיקער פון זייערע אינטערעסן. ער איז געווען אַן אַקטיווער מיטבויער פון דער וועלטלעכער ייִדישער קולטור און איר לובלינער סימבאָל — דאָס פּרץ־הויז.

בעת דער מלחמה איז ער פרייוויליק אַריינגעטרעטן אין דעם געשאַפענעם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, לויט דער איניציאַטיוו פון „פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן", פּוילישן מיליטער און האָט זיך דערדינט צום ראַנג פון אַ מאַיאָר.

אַלס דערפאַרענער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער טוער, האָט ד״ר ש. הערשנהאָרן פון דער ערשטער מינוט אָן זיך באַמיט צו פירן די אַרבעט פון דעם „זעלבשטענדיקן רעפעראַט פאַר די ענינים פון הילף דער ייִדישער באַפעלקערונג" שטיצנדיק זיך דער עיקר אויף געזעלשאַפטלעכע כוחות, קודם כל אויף די אויפגעקומענע ייִדישע קאָמיטעטן. ביי די אומגעהויער־באַגרענעצטע מאַטעריעלע און קאַדרען־מעגלעכ־קייטן, האָט ד״ר ש. הערשנהאָרן אַנטוויקלט אַ פילזייטיקע אַרבעט לטובת די געראַטעוועטע ייִדן, רעאַגירנדיק נאָך אַנאַנד, אין זיינע ווענדונגען צו פאַרשידענע רעגירונגס־אָרגאַנען, קעגן אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען, קעגן גלייכגילטיקייט מצד אָרטיקע נאַציאָנאַל־ראַטן לגבי די נויטן פון די געראַטעוועטע ייִדן. פון די באַריכטן פון ד״ר שלמה הערשנהאָרן *) איז בולט צו זען, אַז שוין 2 וואָכן נאָך דער

מיט דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּפּ״ר) ביים שאַפן דעם קאָנספּיראַטיוון נאַציאָ־נאַלן לאַנד־ראַט (קר״ב). געווען פּרעמיער־מיניסטער און נאָך דער פאַראייניקונג פון פּפּ״ס מיט פּפּ״ר — דערוויייטערט פון דער אָנפירונג.

*) זיי זענען אָפּגעפונען געוואָרן דורך דעם ד״ר מיכאל שולקין אין דעם „אַרכיוו פון נייע אַקטן" אין וואַרשע און זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם „ביולעטין פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט" (נומ. 79 פון 1971). ד״ר מיכאל שולקין האָט געהערט פאַר דער מלחמה צו דער דעמבינסקי־גרופּע. אַלס דאָצענט פון דעם פּעדאַגאָגישן פאַקולטעט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט האָט ער אין 1968 יאָר זיך סאָלידאַריזירט מיט די קעמפנדיקע סטודענטן און איז דערפאַר אָפּגעזאָגט געוואָרן פון דער אַרבעט.

באַפרייונג זענען חוץ אין לובלין אויפגעקומען נאָך 10 ייִדישע קאָמיטעטן (אין כעלעם, ביאַליסטאָק, מעזריטש, זאַמאָשטש, פּערעמישל, לוקאָוו, פּאַרטשעוו, וולאָ־דאַווע, ריישע און יאַראָסלאַוו), וועלכע האָבן אָפּט באַגעגנט אַ שלעכטע באַציִונג מצד דער ניי־אויפגעקומענער אָרטיקער מאַכט. לויט דער איניציאַטיוו פון ד״ר שלמה הערשנהאָרן, געשטיצט דורך דעם מיניסטער ד״ר עמיל זאָמערשטיין, האָט דאָס פּרעזידיום פון „פּוילישן קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייונג״ זיך גע־ווענדעט צו די נאַציאָנאַל־ראַטן (דעם 16 סעפּטעמבער 1944) מיט אַ בריוו אין וועלכן עס ווערט געזאָגט, אַז „עס דערגייען צו אונדז ידיעות, אַז די יידן, וועלכע גייען אַרויס פון די וועלדער און פון זייערע באַהעלטענישן אויף די באַפרייטע געביטן, באַגעגענען זיך נישט מיט קיין גענוגנדיקער פאַרשטענדעניש מצד די אַנטשפּרעכנדיקע אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דערקלערן מיר, אַז די דאָזיקע ייִדן דאַרף מען העלפן מיט געבן שפּייז און דירות. מיט אַ באַזונדער אויפזיכט דאַרף מען אַרומרינגלען די פרויען און קינדער״.

דער „רעפעראַט פאַר די ענינים פון הילף דער ייִדישער באַפעלקערונג״ האָט זיך באַמיט צו העלפן די יידישע קאָמיטעטן מיט רעגירונגס־סובסידיעס, מיט אינטערווענצן ביים אָפּנעמען ייִדישע פאַרמעגנס, צווישן אַנדערע אויך פון דעם געוועזענעם מאַגאַזין פון דער געסטאַפּאָ (אויף שאָפּען־גאַס אין לובלין). דער רעפעראַט האָט געזאָרגט פאַר רעמאָנטירן דאָס פּרץ־הויז, ווו עס האָבן זיך באַזעצט העכער 350 ייִדן, הויפּטזעכלעך פרויען און קינדער, אין די שווערסטע באַדינ־גונגען *). ד״ר שלמה הערשנהאָרן איז אַרויסגעפאָרן אין אַ ריי שטעט (קיין ראַדזין, וולאָדאַווע, מינסק־מאַזאָוויעצק) ווו ער האָט אויף זיצונגען פון די אָרטיקע נאַציאָ־נאַל־ראַטן געפאָדערט צו געבן אַלזייטיקע הילף די געראַטעוועטע ייִדן און קודם־כל זיי אומקערן די פאַרמעגנס. קומענדיק קיין פּראַגע (נאָך איידער וואַרשע איז געוואָרן באַפרייט) האָט ד״ר הערנשהאָרן געהאָלפן אָרגאַניזירן דאָרט אַ וואָיעוואָדישן ייִדישן קאָמיטעט, פאַר וועלכן ער האָט באַקומען 100.000 זלאָטעס און 1000 קילאָגראַם קאַשע... אין אָטוואָצק איז שוין דעמאָלט געשאַפן געוואָרן אַ ייִדישע קינדער־היים.

צו די צוויי אָנהייב־פאָרמען פון טעטיקייט לטובת די צוריקגעקומענע צום לעבן יידן — די געוויילטע יידישע קאָמיטעטן און דעם באַשטימטן רעגירונגס־אָרגאַן — דעם „זעלבשטענדיקן רעפעראַט פאַר די ענינים פון הילף דער יידישער באַפעלקערונג״, איז צוגעקומען די פאָרעם, וועלכע איז מיט דער צייט געוואָרן די עיקרדיקע ראַם פון אָרגאַניזירטן יידישן לעבן אין פּוילן: די צווישנפּאַרטייִשע פאַרשטענדיקונג וועגן דעלעגירן פאָרשטייערס פון יעדער פּאָליטישער גרופּירונג אין באַשטאַנד פון די יידישע קאָמיטעטן, פון זייערע פּרעזידיומס און אַרבעטס־אָרגאַנען. דאָס האָט פאַרוואַנדלט די יידישע קאָמיטעטן אין אַ דאַך־אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס זענען אַריין פאָרשטייערס פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי,

*) אויף דער ווענדונג פון ד״ר הערשנהאָרן האָט דער וויצע־פּאָרזיצער פון „פּוילישן קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייונג״, וויטאָס, (אַ ברודער פון באַוווסטן פּויערים־פירער) פאַראָרדנט צו געבן בוי־מאַטעריאַל פאַר דעם פּרץ־הויז.

פון בונד, פון די לינקע פועלי־ציון, פון די פועלי־ציון אָריענטירטע אויף „אחדות העבודה", פון השומר הצעיר און פון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער פּאַרטיי „איחוד".

אַלס פאַרבילד פון אַזאַ אופן פון אָרגאַניזאַציע האָט פאַר די אָרטיקע יידישע קאָמיטעטן געדינט דער אַנטשטאַנענער אין לובלין, אין דער ערשטער העלפט פון חודש נאָוועמבער 1944, ציטווייליקער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן, לויטן פּרינציפּ פון פּאַרטייִשער פאַרשטייערשאַפט. פאַרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט איז געוואָרן דער באַקאַנטער ציוניסטישער טוער, געוועזענער דעפּוטאַט פון פוילישן סיים און מיטגליד פון דער ערשטער פוילישער רעגירונג נאָך דער באַפרייונג, ד"ר עמיל זאָמערשטיין. צווישן די איבעריקע מיטגלידער, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט פאַרשידענע פּאַרטייען, זענען געווען ווייניק־באַקאַנטע אין דער פאַרגאַנגענהייט טוערס. די ערשטע פאַרטרעטערס פון דער פוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי זענען געווען דער אַרויסגעקומענער פון אַ באַהעלטעניש (נאָכן אַנטלויפן פון מיידאַנעק) מלך (מאַרעק) ביטער, וועלכער איז פאַר דער מלחמה געווען פאַר־בונדן מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין פוילן, און דער צוריקגעקומענער, אַלס איינער פון די ערשטע רעפּאַטריאַנטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, פּנחס (פּאַוועל) זעליצקי, וועלכער האָט אַ צייט געהערט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פוילן און איז געוואָרן דער סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן. צו דעם דאָזיקן צענטראַל־קאָמיטעט האָט אויך געהערט דער פאַרזיצער פון יידישן פּאַרטיזאַנער־פאַרבאַנד, ג. אַלעף־באַלקאָוויאַק, ווי אויך יאַנאָס טורקאָוו אַלס פאַ־ראַנטוואָרטלעכער פאַר דער קולטור־ און פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט.

דער ציטווייליקער צושטאַנד האָט געדויערט ביז דעם מאָמענט, ווען גאַנץ פוילן מיט וואַרשע בראש איז באַפרייט געוואָרן פון דער היטלערישער אָקופּאַציע. דעמאָלט זענען צוגעקומען אַ ריי אָנפירנדיקע טוערס פון אַנטינאַצישן יידישן ווי־דערשטאַנד, אַזעלכע ווי יצחק צוקערמאַן (אַנטעק) פון דער חלוצישער באַוועגונג, ד"ר אַדאָלף בערמאַן פון די לינקע פועלי־ציון, יוסף סאַק פון די רעכטע פועלי־ציון, סאַלאָ פישגרונד און י. פאַלק פון „בונד", חיהקע גראָסמאַן פון „השומר הצעיר". פון די אָנפירנדיקע אונטערערדישע יידישע טוערס פון דער פוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי האָט זיך קיינער נישט געראַטעוועט. פון פאַרמלחמהדיקע יידישע קאָמו־ניסטישע טוערס איז דער ערשטער ביים אָרגאַניזירן די יידישע קאָמיטעטן און דעם צענטראַל־קאָמיטעט געווען דער יידישער לערער און שרייבער, מיכאל מירסקי (טאַבאַטשניק). ער איז צוריקגעקומען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט דער פוילישער אַרמיי, אין וועלכער ער האָט געדינט אַלס פּאָליטישער דערציִער.

דעם 2טן פעברואַר 1945 איז אין לובלין פאָרגעקומען אַ צווישנפּאַרטייִשע באַראַטונג, וועלכע האָט באַשלאָסן צו רעאָרגאַניזירן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן, אַריינגעמענדיק אין זיין באַשטאַנד פאַרשטייערס פון אַלע יידישע פּאָליטישע גרופּירונגען. דעמאָלט זענען אויך לויט אַ פּאַרטייִשן שליסל באַשטימט געוואָרן די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר די פאַלגנדיקע אָפּטיילונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט: פאַר סאָציאַלער הילף, פּראָדוקטיוויזאַציע, קולטור און פּראָפּאַגאַנדע,

שול־אָפּטיילונג, יורידישע הילף, רעגיסטראַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג, פינאַנץ־אָפּטיילונג. שפּעטער זענען צוגעקומען אויך אַנדערע אָפּטיילונגען, אַזעלכע ווי פאַר פאַרבינדונג מיט לאַנדסמאַנשאַפטן אין דער וועלט, פאַר אַרבעט צווישן דער יוגנט, פאַר עמיגראַציע, פאַר דער אינערלעכער ווירטשאַפט א״אַנד.

שוין פון די ערשטע טעג פון זיין עקסיסטענץ איז ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן געשאַפן געוואָרן אַ צענטראַלע יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע, וועלכע האָט גענומען זאַמלען מאַטעריאַלן, גבית־עדותן וועגן אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו יידן בעת דער היטלערישער אָקופּאַציע. אין לובלין האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אַ יידישע ראַדיאָ־אווידיציע אונטער דער אָנפירונג פון דעם פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר דער קולטור־ און פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן, דעם באַוווּסטן בינע־קינסטלער יאָנאַס טורקאָוו, ווי אויך אַ יידישע פּרעסע־אַגענץ, אָנגעפירט דורך דעם זשורנאַליסט יהושע שליין, (שפּעטער — דורך דעם געוו׳ רעדאַקטאָר פון דער ווילנער ציוניסטישער טאָג־צייטונג „די צייט״, א. צינצינאַטוס). סיי די ראַדיאָ־אווידיציע און סיי די ביולעטינען פון דער פּרעסע־אַגענץ האָבן געדינט אַלס וויכטיקסטער קוואַל פון אינפאָרמאַציע פאַר די יידן אין דער וועלט, פאַר דער יידישער פּרעסע, וועגן אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו די יידן אין פוילן.

מיטן מאָמענט, ווען דער „קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייונג״ (וועלכער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער צייטווייליקער רעגירונג) איז אין 1945 יאָר אַריבערגעפאָרן אין דער פולשטענדיק־חרובער וואַרשע, איז אויך דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן אַריבער קיין וואַרשע, אין אַ געביידע אויף טאַרגאָווע־גאַס אין פּראַגע.

די וואַרשעווער פאָרשטאָט פּראַגע איז באַפרייט געוואָרן מיט חדשים פריִער איידער עס האָט אין יאַנואַר 1945 זיך אָנגעהויבן די אָפענסיווע פון דער סאָוועטישער אַרמיי צום פאַרסירן די ווייסל און פאַרנעמען וואַרשע. ממילא איז די דאָזיקע פאָרשטאָט געראַטעוועט געוואָרן פון דער דייטשער פאַרניכטונג בעת דעם פוילישן אויפשטאַנד אין אויגוסט 1944. אַ סך רעגירונגס־אינסטיטוציעס האָבן געפונען פאַר זיך לאָקאַלן אין פּראַגע. אין וואַרשע איז נישט געבליבן קיין געביידע, וואָס האָט אַ מאָל געהערט צו יידישע אינסטיטוציעס. דאָס רוב געראַטעוועטע יידן האָט זיך איינגעאָרדנט אין פּראַגע. פאַר יידן איז פּראַגע אין יענער צייט געווען אַ מער זיכער אָרט. נישט ווייט פון די לאָקאַלן פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, פון וואַרשעווער יידישן קאָמיטעט, פון דער יידישער קיך, האָט זיך געפונען די סאָוועטישע מיליטערישע קאָמענדאַנטור. יידן האָבן זיך געפילט זיכערער אין איר שכנות. אין פּראַגע האָט מען אויך נישט געפילט אַזוי שטאַרק דעם חורבן, ווי אין דער וויסטער וואַרשע, וווהין עס איז נישט לייכט געווען צו קומען, ווייל אַלע בריקן איבער דער ווייסל זענען געווען אויפגעריסן און בלויז איין פאָנטאָן־בריק האָט געפירט אַהין.

אין פּראַגע פלעגן אויך פאָרקומען פאַרזאַמלונגען פון דער יידישער באַפעל־

קערונג, מיטינגען און קולטור־אונטערנעמונגען, וועלכע פלעגן אַלס כלל איינגע־אָרדנט ווערן אין די שבתדיקע פּרימאָרגנס סיי דורך דעם וואַרשעווער יידישן קאָמיטעט און סיי דורך פאַרשידענע פּאָליטישע פּאַרטייען.

דער אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטישער סימן פון אַ געביידע, ווו עס האָבן זיך געפונען יידישע אינסטיטוציעס, קודם כל — יידישע קאָמיטעטן, זענען געווען די באַקלעפּטע פון אויסנווייניק און אינעווייניק ווענט מיט מעלדונגען פון לעבנ־געבליבענע, צוריקגעקומענע פון טויט־לאַגערן, פון באַהעלטענישן, פון דער „אַרי־שער זייט" און מאָסקווייז — פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועלכע זוכן משפחה, באַקאַנטע.

צוגלייך מיט דער עווידענץ־אָפּטיילונג ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן, (פאַר וועלכער עס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך דער פאָרזיצער פון צ"ק פון די פּועלי־ציון — צ. ס. יוסף סאַק), וועלכע האָט צונויפגעפירט פיל הונדערטער יידן מיט זייערע געראַטעוועטע משפחה־גלידער, האָבן די וואַנט־מעלדונגען אָפּ־געשפּילט אַ גרויסע ראָל און האָבן אונטערגעהאַלטן די האָפענונג, אַז עמעצער פון די אייגענע וועט זיך נאָך אָפּגעפינען.

אַ גרויסע ראָל האָט דערביי אויך געשפּילט דער אָרגאַן פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, „דאָס נייע לעבן", וועלכער האָט אָפּגעגעבן גאַנצע זייטן פאַר זוכן קרובים. די אָפּרופן, אָדער דאָס פעלן פון אָפּרופן אויף אַלע אופנים פון זוכן קרובים, האָבן אין אַ גרויסער מאָס אַנטשיידן דעם ווייטערדיקן גורל פון אַ סך יידן.

ביי דער אַלגעמיינער טענדענץ אויסצובררייטערן די טעטיקייט פון די יידישע קאָמיטעטן, אַלס אָרגאַנען וואָס דאַרפן נאָכקומען די פּילזייטיקע באַדערפענישן פון די פּולשטענדיק־אויסגעוואָרצלטע יידן, האָט די זאָרג פאַר דעם טאָג־טעגלעכן שטיקל ברויט, פאַר באַקומען אַ דאַך איבערן קאָפּ פאַרנומען אין יענער אָנהייב־צייט דעם אויבנאַן.

די איינשטימיקייט צווישן די פאָרשטייער פון אַלע יידישע פּאָליטישע ריכ־טונגען אין די יידישע קאָמיטעטן און זייערע פּרעזידיומס אין דער דאָזיקער הינזיכט, האָט געשאַפן די מעגלעכקייט צו זוכן און אָפּט געפינען די פאָרמען פון עפעקטיווער צוזאַמענאַרבעט אויך אויף אַנדערע געביטן. דאָס האָט געדינט די יידישע פאָרשטייערס פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי ביים באַגרינדן דעם זין און אינהאַלט פון די יידישע קאָמיטעטן אין פּוילן — אַלס אָרגאַנען פון יידישער נאַציאָנאַלער איינהייט.

„די יידישע קאָמיטעטן בראש מיטן צענטראַל־קאָמיטעט — ווערט געזאָגט אין דער רעזאָלוציע פון דער ערשטער לאַנד־באַראַטונג פון די יידישע פּפּ"ר־טוערס, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער צווייטער העלפט פון 1945 — רעאַליזירן די נאַציאָנאַלע איינהייט פון יידישן פאָלק".

איינהייט – פון אויסן, צעריסנקייט – פון אינעווייניק

נישט אַלע יידישע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פּאַקטאָרן האָבן אויף איין און דעם זעלבן אופן אויפגענומען דעם אינהאַלט, כאַראַקטער און אויפגאַבן פון די יידישע קאָמיטעטן אַלס פּאַרקערפּערער פון נאַציאָנאַלער איינהייט. עס זענען געווען אַזעלכע, קודם־כל צווישן די אַלגעמיינע ציוניסטן, וועלכע האָבן געוואָלט זען אין די יידישע קאָמיטעטן אַ פּאַרזעצונג פון די פּאַרמלחמהדיקע קהילות, לגבי וועלכע די קאָמוניסטן האָבן, אַלס כלל, געהאַט אַ נעגאַטיווע באַציִונג *). צווישן די בונדישע טוערס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן די קאָמיטעטן באַטראַכט אַלס פּאָרם פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, הגם קיינער פון זיי האָט נישט נעגירט, אַזוי ווי די לינקע בונדיסטן אין דעם יידישן קאָמיסאַריאַט נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, די נויטיקייט צו פירן אַ ברייטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע טעטיקייט.

די יידישע קאָמוניסטן האָבן קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן יעדע פאָרמולירונג, וואָס האָט אויף אַ וועלכן עס איז אופן דערמאָנט אין דער בונדישער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, אויסטייטשנדיק זי אַלס שטרעבונג צו איזאָלירן די יידן פון דעם אַלגעמיין־מלוכהשן לעבן אין לאַנד.

פאַר דעם אַקטיווסטן טייל פון די ציוניסטישע גרופּירונגען, הויפּטזעכלעך פאַר די חלוצישע אָרגאַניזאַציעס, האָבן די יידישע קאָמיטעטן געדינט אַלס לעגאַלע שוצוואַנט צו פירן די נישט גאָר לעגאַלע אַרבעט, וועלכע זיי האָבן באַטראַכט אַלס עיקרדיקע: די אָרגאַניזאַציע פון דער בריחה, פון אַרויספירן וואָס מער יידן פון פּוילן, און דורך פּוילן אויך פון סאָוועטן־פאַרבאַנד — קיין דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליע, אין די זאַמלפּונקטן פאַר אַ מאַסן־עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל. קעגן דער דאָזיקער טעטיקייט האָבן זיך אַרויסגעזאָגט די פאַרשטייערס פון פפ״ר בעת צווישן פּאַרטייִשע באַגעגענישן.

צווישן די יידישע קאָמוניסטן גופא זענען נישט געווען קיין חלוקי־דעות וואָס שייך דעם כאַראַקטער פון די יידישע קאָמיטעטן, הגם זייער פונקציע אַלס אָרגאַנען פון יידישער נאַציאָנאַלער איינהייט איז אויפגענומען געוואָרן אויף אַ פאַרשידענעם אופן. פאַר אַ טייל איז עס געווען בלויז אַ יידישע איבערזעצונג פון דער אַלגעמיין־פּאַרטייִשער איינשטעלונג אויף אַן אַלפּוילישן פראָנט פון

*) אַלס באַפולמעכטיקטער פון צ״ק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָב איך געהאַט רעקאָמענדירט דער ווילנער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין 1935 (אָדער 1936טן) יאָר, זיך יאָ צו באַטייליקן אין די וואַלן צו דער דאָרטיקער קהילה.

נאַציאָנאַלער איינהייט, אַלס אָנשפּאַר פאַר דעם נייעם מלוכה־אָרגאַניזם — פאַר דער פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק. דאָס האָט מעגלעך געמאַכט, אַז מענטשן, וועלכע האָבן יאָרנלאַנג פאַראורטיילט נאַציאָנאַלע איינהייט אַלס אופן פון אָפּציִען יידישע אַרבעטערס פון קלאַסן־קאַמף, זאָלן ווערן אירע הויפּט־פאַריידיקער און צעמענטירער, שטרעבנדיק זי אויסצובברייטערן דורך צוציִען אַפילו די רעליגיעזע קהילות, וועלכע זענען אומעטום אויפגעקומען גלייכצייטיק מיט די יידישע קאָמיטעטן.

פאַר יענע יידישע קאָמוניסטישע טוערס, וועלכע האָבן פאַר דער מלחמה זיך דירעקט באַטייליקט אין שאַפן דעם איינהייטלעכן פראָנט, דעם פאָלקס־פראָנט, דעם קולטור־פראָנט, זענען די יידישע קאָמיטעטן, ווי געזאָגט געווען די רעאַליזירונג פון אַזאַ צוזאַמענאַרבעט אין באַדינגונגען, ווען עס זענען אויפגעקומען אויפגאַבן פון אַלגעמיין־נאַציאָנאַלן באַטייט: צוריק אויפבויען אַ יידיש לעבן אויף דער פּוילישער ערד.

נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע, אין דער צווייטער העלפט פון 1946, איז אויף איינער פון די זיצונגען פון דער צענטראַלער פפ"ר־פראַקציע *) פאָרמולירט געוואָרן אַ שטעלונג, וועלכע איז פאָרמעל אָנגענומען געוואָרן דורך די פאָרשטייער פון אַלע יידישע פאַרטייען: די יידישע קאָמיטעטן אין פּוילן זענען לויט זייער אָפּשטאַם אַ פאָרזעצונג פון דער איינהייט אין וואַרשעווער, ביאַליסטאָקער און אַנדערע געטאָס.

אויך אין די באַדינגונגען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט דער געשאַפענער אין חודש אויגוסט 1944 אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון די פּויליש יידן ביי דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן, געטראָגן (נישט אָפיציעל) דעם כאַראַקטער פון אַ צווישן־פאַרטייִשן אָרגאַן. די דאָמינירנדיקע ראָל האָבן אויך דאָרט געשפּילט די אָנגעהעריקע צו דער פּוילישער אַרבעטער־פאַרטיי.

דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר די דעמאָלטיקע צווישנבאַציִונגען צווישן די פּויליש־יידישע טוערס פון אַלע ריכטונגען איז געווען די טאָלעראַנץ ביים באַהאַנדלען די פאַרשידנסטע פראַגן, קאָרעקטע פּאָלעמיק מיט אַנדערש־דענקנדיקע, אָנווענדונג פון אַרגומענטן אַנשטאָט אינוועקטיוון (ווי דאָס איז אַלס כלל געווען אָנגענומען פאַר דער מלחמה), קאָנסעקווענטער אָנשטרענג צו איבערצייגן און נישט אָנוואָרפן, נישט דעקרעטירן. דערפון האָט געשטאַמט דער ווילן אויסצומיידן אין דער מערהייט פאַלן אָפּשטימונגען בעת די זיצונגען פון פּרעזידיום פון צענטראַלן יידישן קאָמיטעט, נאָר דערגרייכן איינשטימיקע באַשלוסן דורך קאָמפּראָמיס־פאָר־מולירונגען און לייזונגען.

פאַר איינהייט אין די ראַמען פון די יידישע קאָמיטעטן און גלייכצייטיק פאַר

---

*) אַזוי האָט מען גערופן דעם אָנפירנדיקן אָרגאַן פון די יידישע קאָמוניסטן, טעטיקע אין די יידישע קאָמיטעטן. צו דער „צענטראַלער פראַקציע" האָבן דעמאָלט געהערט: ש. זאַכאַריאַש, מ. ביטער, פּ. זעליצקי, י. לאַזעבניק און ה. סמאָליאַר. צו די זיצונגען, וועלכע פלעגן פאָרקומען אין דער געביידע פון צ"ק פפ"ר, זענען אָפט איינגעלאַדן געוואָרן די פירנדיקע טוערס פון די יידישע קאָמיטעטן — מיטגלידער פון פפ"ר — פון לאָדזש, וואָרצלאַוו און שטשעטשין.

הייבן זייער חשיבות אין די אויגן פון די יידישע מענטשן האָט אין יענע אָנהייב־יאָרן געהאַט אַ וויכטיקע באַטייטונג די שטעלונג צו דער ארץ־ישראל־פראַגע. ביי דעם טיפן פרינציפיעלן אונטערשייד צווישן דעם ציוניסטישן און קאָמוניסטישן צוגאַנג וואָס שייך דעם באַטייט און דער ראָל פון ארץ־ישראל פאַר דעם גורל פון יידישן פאָלק, איז אָבער געקומען צו אַ באַטייטנדיקער פּאָליטישער דערנעענטערונג ביים אָפּשאַצן דעם פרייהייט־קאַמף פון ישראל־פאָלק. ווען קיין פוילן איז אין חודש פעברואַר 1946 אָנגעקומען די ענגליש־אַמעריקאַנער קאָמיסיע, וועלכע האָט גע־פאָרשט די פּאַלעסטינע־פראַגע, איז פאַר איר אויפגעטרעטן אַ דעלעגאַציע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן מיט אַ פולשטענדיק איינהייטלעכער שטעלונג. אין באַשטאַנד פון דער דאָזיקער דעלעגאַציע זענען געווען פאָרשטייערס פון אַלע פּאָליטישע ריכטונגען, וועלכע האָבן צוזאַמען געפאָדערט פרייע עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל און די רעכט אויף אַ יידישער מדינה. אונטער די דאָזיקע לאָזונגען איז אין לאָדזש, ביי דעם „גראַנד האָטעל", ווו עס האָט זיך אָפּגעשטעלט די ענגליש־אַמעריקאַנער קאָמיסיע, פאָרגעקומען אַ יידישע מאַסן־דעמאָנסטראַציע. דער צענ־טראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן האָט אין דער זעלבער צייט אָנגענומען אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן דעם ענגלישן טעראָר אין ארץ־ישראל. דערויף האָט רעאַגירט מיט אַ שאַרפער נאָטע צו דער פּויל־שער רעגירונג די ענגלישע אַמבאַסאַדע אין וואַרשע.

נישט געקוקט דערויף האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן אַרויסגעשיקט אַ ספּעציעלע טעלעגראַמע צום ועד הלאומי, אין וועלכער עס איז איבערגעגעבן געוואָרן, אַז „די יידישע עפנטלעכקייט פון פוילן לאָזט נאָך שטאַרקער הערן איר פאָדערונג תיכף צו עוואַקויִרן דאָס בריטישע מיליטער פון ארץ־ישראל, לעגאַליזירן די הגנה ווי דעם פאַרטיידיקונגס־כוח פון יידישן יִשוב". די טעלעגראַמע האָט זיך געענדיקט מיטן ווונטש: „זייט געשטאַרקט אין אייער קאַמף".

אויך דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון די פּוילישע יידן אין מאָסקווע האָט ביים אָנמערקן זיינע גרונט־אויפגאַבן דערקלערט וועגן זיין „פּאָזיטיווע באַציִונג צום פּאַלעסטינע־יִשוב און זיין קאַמף פאַר אומאָפּהענגיקייט".

די פּרינציפּיעלע שטעלונג און פּראַקטישע טעטיקייט פון די יידישע קאָמיטעטן אין פוילן לטובת דעם יידישן באַפרייונגס־קאַמף אין ישראל, באַזונדערס בעת דער באַפרייונגס־מלחמה („מלחמת השיחרור") — וועגן וואָס עס וועט זיין אַ רייד ווייטער — האָט באַרעכטיקט דעם אויספיר פון ד"ר משה סנה, אַז „די ארץ־ישראל־פראַגע, וועלכע האָט געהאַט געטיילט דאָס יידישע פאָלק, איז געוואָרן דער פאַקטאָר פון פאַראייניקן אים".

אין דער שטעלונג און טעטיקייט פון די יידישע קאָמיטעטן זענען געווען אויך אַנדערע פאַקטאָרן, וואָס האָבן אַלעמען פאַראייניקט. דאָס איז קודם־כל געקומען צום אויסדרוק אין דער באַציִונג צו דער נייער מאַכט און מלוכה־אָרדענונג אין פוילן. אין דעם פּאָליטישן קאַמף קעגן די אינערלעך־פּוילישע קעגנערס פון דער

נייער מאַכט, וועלכע זענען אין דער זעלבער צייט געווען די אָרגאַניזאַטאָרן פון אַנפאַלן און מאָרדן יידן, האָט געהערשט פולע איינהייט צווישן אַלע מיטבאַטייליקטע אין די יידישע קאָמיטעטן. אַנדערש איז עס אָבער געווען אין דער באַציִונג צו יענע אויסלענדישע יידישע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן אָפן אַרויסגעוויזן זייער פיינטשאַפט לגבי דער נייער מלוכה־מאַכט אין פוילן. דאָ איז קענטיק געווען אַ פולער אונטערשייד צווישן דער אָפן־קעמפערישער שטעלונג פון די יידישע פפ״ר־טוערס און דער אויסמיידנדיקער שטעלונג מצד אַלע אַנדערע מיטבאַטייליקטע אין די יידישע קאָמיטעטן.

פולשטענדיקע איינהייט האָט געהערשט אין דער אָפשאַצונג און שטעלונג פון די יידישע קאָמיטעטן לגבי די נישט דערשלאָגענע רעשטן פון די נאַציס, אַלאַר־מירנדיק נאָך אַנאַנד די יידישע עפנטלעכקייט וועגן די געפאַרן וואָס זיי זאָגן אָן.

די און ענלעכע שטעלונגען, וועלכע האָבן פאַר דער עפנטלעכקייט אין פוילן און פאַר דער אויסערלעכער יידישער וועלט דעמאָנסטרירט אַ געאייניקטע יידישע אָנפירונג, האָבן דער עיקר געהאַט אַ שייכות צו דער אַזוי גערופענער „הויך־פּאָליטיק״. אַנדערש האָט עס אָבער אויסגעזען, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די פּרינציפּיעלע און פּראַקטישע פראַגן, וואָס האָבן דורך דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט געדאַרפט פורעמען דעם סאָציאַל־פּאָליטישן און קולטורעלן אָנבליק פון דעם יידישן יישוב.

שוין אויף דער ערשטער קאָנסטיטויִרונג־זיצונג פון צייטווייליקן יידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין לובלין, דעם 29טן אָקטאָבער 1944, זענען אָנגעמערקט געוואָרן די גרונט־צילן פון די יידישע קאָמיטעטן. אויפן ערשטן אָרט איז אַוועק־געשטעלט געוואָרן דער ענין פון באַשעפטיקונג, פון מאַטעריעלן אָנהאַלט פון די צום לעבן צוריקגעקומענע יידן. שוין דאַן האָט עס באַקומען די אַלגעמיינע, הגם נישט פולקאָם אַדעקוואַטע באַצייכענונג: „פּראָדוקטיוויזאַציע״, וועלכע האָט אויף אַ פאַרשידענעם אופן באַגלייט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין פוילן אין משך פון אַלע יאָרן פון איר עקסיסטענץ.

דער ענין פּראָדוקטיוויזאַציע איז דורך די יידישע פפ״ר־טוערס דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַן עיקרדיקן פּרינציפּ, אַלס אויסדרוק פון דער שטרעבונג, אַז דער ניי־אויפגעקומענער יידישער יִשוב אין פוילן זאָל זיין אַ פולשטענדיק־אַרבעטנדיקער. אַרויסגעגאַנגען איז מען דערביי פון דער הנחה, אַז קודם־כל דורך אַרבעטס־איינאָרדענונג וועט זיך איינגעבן צו פאַרפעסטיקן דעם יידישן יִשוב, אים צוגעבן דעם נויטיקסטן עלעמענט פאַר אַ סטאַביל־איינגעאָרדנט לעבן. אָפגערעדט שוין דערפון, וואָס אַזוי אַרום וועט וואַקסן די ספּעציפישע געוויכט פון יידישן יִשוב אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פון לאַנד.

קיין אָפענע דערווידערונגען קעגן דער דאָזיקער שטעלונג זענען פון קיין שום צד נישט געווען. עס זענען אָבער יאָ געווען איינשטעלונגען און געוויסע פּראַקטישע שריט, וואָס האָבן אויסגעדריקט אַן אַנדער שטרעבונג, לויט וועלכער די עיקר־טעטיקייט פון די יידישע קאָמיטעטן דאַרף זיך קאָנצענטרירן אַרום דער סאָציאַלער

הילף, אין אָנהייב — פאַר די צוריקגעקומענע פון די לאַגערן, שפּעטער — פאַר די רעפּאַטריאַנטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און לגביביידע טיילן — אין פאַל ווען זיי ווילן עמיגרירן. בעתן באַהאַנדלען בודזשעט־פראַגן אויף די זיצונגען פון פּרעזידיום פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן פלעגט אָפּט דערגיין, הגם אויף אַ קאָרעקטן אופן, צום פאָרמולירן קעגנזעצלעכע שטאַנדפּונקטן. צווישן זיך, אָבער, אויף די זיצונגען פון אונדזער „צענטראַלער פראַקציע" פלעגן די ענינים באַצייכנט ווערן אויפן סאַמע בולטסטן אופן: די פאַרטנערן פון אַלע ציוניסטישע גרופּן איז געגאַנגען אין פאַרלענגערן ווי ווייט מעגלעך דעם צושטאַנד פון צייטווייליקייט, פון „זיצן אויף די וואַליזעס" און „לעבן פון גרייטן" — מיט די מיטלען פון סאָציאַלער הילף, מיט די שפּייז־ און קליידער־צוטיילונגען, וואָס פלעגן אַלץ רעגולערער און אין אַ גרעסערן סכום אָנקומען דורכן „דזשאָינט". נישט איינרייסנדיק מיט קיינעם פון די מיטבאַטייליקטע אין די קאָמיטעטן איז פאַר די יידישע פּפּ"ר־טוערס געשטעלט געוואָרן די אויפגאַבע טאָג־טעגלעך צו פאַרשטאַרקן די אַרבעט לטובת דער פּראָדוקטיוויזאַציע. בראש פון די פּראָדוקטי־וויזאַציע־אָפּטיילונגען פון די יידישע קאָמיטעטן זענען אומעטום געשטעלט געוואָרן דערפאַרענע טוערס — אין זייער מערהייט — פאַרמלחמהדיקע קאָמוניסטן.

חילוקי־דעות זענען אויך געווען, דער עיקר מיט די פאַרשטייערס פון „איחוד", וועגן די פאָרמען פון פּראָדוקטיוויזאַציע. די יידישע פּפּ"ר־טוערס זענען געווען פאַר שאַפן קאָלעקטיווע אַרבעט־וואַרשטאַטן, קאָאָפּעראַטיוון פון פאַרשידענע בראַנזשעס. באַגרינדעט האָט מען עס דערמיט, וואָס אויף אַזאַ אופן וועט מעגלעך זיין צום בעסטן זיך אָנשליסן אין דער אַלגעמיין־מלוכהשער ווירטשאַפטלעכער סיסטעם און ממילא דורך איר געשטיצט ווערן. געגאַנגען איז אין דעם, אַז דורך קאָנצענטרירן אין גרעסערע, קאָלעקטיווע וואַרשטאַטן, וועט געלינגען בעסער צו ווירקן אויף די יידישע אַרבעטערס אַלס עיקרדיקן סאָציאַלן אָנשפּאַר פאַר סטאַביליזירן דעם יידישן יישוב. די פאַרשטייערס פון די אַלגעמיינע ציוניסטן (קודם־כל דער ד"ר פרנס) זענען געווען פאַר מיטהעלפן אין דער ברייטסטער מאָס דער אַנטוויקלונג פון אינ־דיווידועלן האַנטווערק, שאַפן וואָס מער טראַדיציאָנעל־יידישע בעל־מלאכהשע וואַרשטאַטן.

די אינערלעכע אָפּשאַצונג פון דער פּפּ"ר־פראַקציע איז אויך אין דעם פאַל געווען אַן איינדייטיקע: דורך שטעלן דעם טראַפּ אויפן אינדיווידועלן האַנטווערק איז געקומען צום אויסדרוק: 1) די קעגנערשאַפט מצד די אידעישע פאַרשטייערס פון די בירגערלעכע עלעמענטן לגבי די סאָציאַליסטישע אַרבעטס־פאָרמען און 2) די אויסרעכענונג אויף בעסערע מעגלעכקייטן צום פּאָליטישן באַווירקן די האַנטווערקערס און זייערע משפחות.

אין דעם דאָזיקן שטריט האָבן די פאַרשטייערס פון אַלע איבעריקע פּאַרטייען נישט פאַרנומען עפנטלעך קיין דעצידירטע שטעלונג. פאַר זיך האָבן זיי אָבער געמאַכט אויספירן, וואָס זענען געווען דירעקט געווענדעט קעגן דער אַרבעט־סיסטעם פון די יידישע קאָמיטעטן. די בונדישע אָרגאַניזאַציע און די לינקע פּועלי־

ציון האָבן גענומען שאַפן אייגענע קאָאָפּעראַטיוון, פּאַראַלעל צו די עקסיסטירנדיקע, אַפילו פון די זעלבע בראַנזשעס. אויף אַזאַ אופן זענען אָפּגעצויגן געוואָרן באַ־טייטנדיקע כוחות און מיטלען (הויפּטזעכלעך באַקומענע פון אויסלאַנד) פון דער אַלגעמיינער פּראָדוקטיוויזאַציע־אַרבעט. דער ציל איז דערביי געווען אַ ריין־פּאַלי־טישער: די געשאַפענע קאָאָפּעראַטיוון האָבן געזאָלט דינען אַלס פּאָזיציעס פאַר פּאַרטייאישער באַווירקונג. פאַר די חלוצישע גרופּן איז די קאָאָפּעראַטיווע פאָרעם געווען אַן עפנטלעכע „דעקונג" פאַר דער „הכשרה"־אַרבעט.

די שטרעבונג פון די פּפּ״ר־טוערס אין די יידישע קאָמיטעטן איז געווען צו שאַפן אַן איינהייטלעך־יידישן שול־סיסטעם אָריענטירט אויף די אַלגעמיין־מלוכהשע שול־פּאָרמען. די ציוניסטן און דער „בונד" האָבן געשאַפן, כדי פּאָליטיש צו באַווירקן, אייגענע שולן, פּאַרשולן און קינדער־קלובן. דאָס האָט געבראַכט צו אַ צעדרויבלונג פון די קנאַפּע פּעדאַגאָגישע כוחות און צו אַ פּאָליטישער דיפערענ־ציאַציע צווישן די קינדער גופא. עס איז אָפט דערגאַנגען צו אַזעלכע קוריאָזן, ווי אין דער שטשעטשינער יידישער שול, ווו די שילער־זעלבסטפּאַרוואַלטונג איז צונויפגעשטעלט געוואָרן לויט... אַ פּאַרטיי־שליסל, אַזוי ווי די יידישע קאָמיטעטן.

די אַלע און פיל אַנדערע שטרייטן, אָפט אַרום פראַגן פון לאָקאַלן כאַראַקטער, דער עיקר ביים אָנווענדן דעם פּאַרטיי־שליסל לגבי דעם באַשטאַנד פון די יידישע קאָמיטעטן און זייערע אָפּטיילן, זענען אין אַלגעמיין געגומען געפירט געוואָרן אין די ראַמען פון דער יידישער געזעלשאַפט. אָבער שוין דעמאָלט האָט אַ ספּעציעל קעמערל אין די אָרגאַנען פון זיכערהייטס־מיניסטעריום, בראש מיטן געוועזענעם העברעיִשן לערער פון ווילנע, ליבערמאַן, זיך שטאַרק „אינטערעסירט" מיט אַלע יידישע ענינים, ווערבירנדיק אינפּאָרמאַטאָרן צווישן אַלע יידישע ריכטונגען, צייטנ־וויַז אַפילו צווישן זייערע אָנפירנדיקע טוערס.

אויף פּילצאַליקע זיצונגען פון פּרעזידיום פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט האָט מען לאַנג דיסקוטירט וועגן די פראַגן, וואָס האָבן געטיילט און האָבן געדראָט אַרויסצוקומען אויף אויסן אַלס באַוויַז, אַז די יידישע נאַציאָנאַלע איינהייט האָט באַקומען אַ טיפן ריס, אַז זי הויזט מער אין דער ווערבאַלער ספערע, איידער אין דער פּראַקטישער טעטיקייט. דערצו האָט מען אָבער נישט געטאָרט דערלאָזן. דאָס וואָלט דעמאָלט געווען אין קעגנזאַץ צו די פּראָצעסן, וואָס האָבן געהאַט אַן אָרט אין אַלגעמיין־מלוכהשן לעבן. עס איז געווען די צייט פון שאַפן אַ פּוילישע רע־גירונג פון ברייטער נאַציאָנאַלער איינהייט, אין וועמענס באַשטאַנד, אַלס וויצע־פּרעמיער־מיניסטער, האָט זיך געפונען דער געוועזענער פּרעמיער פון דער לאָנ־דאָנער עמיגראַנטישער רעגירונג, סטאַניסלאַוו מיקאָלייטשיק. עס איז געווען די צייט פון נאָכאַנאַנדיקע אונטערהאַנדלונגען צווישן די קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן (צווישן פּפּ״ר און פּפּ״ס) וועגן שאַפן אַן איינהייטלעכע פּאַרטיי. אין אַזאַ מאָמענט דערפירן צו אַן אָפענעם ריס אין דער יידישער סביבה וואָלט קודם־כל געשטעלט אין אַ שווערער סיטואַציע די יידישע פּפּ״ר־טוערס. האָט מען זיך באַמיט מיט אַלע כוחות צו „פּאַרקלייען", צו לייגן לאַטעס, דאָרט ווו עס זענען אַנטשטאַנען לעכער.

דאָס גאַנצע ביטער האַרץ צוליבן „פאַרצאַפּן דאָס בלוט" ביי דער דאָמינירנ־דיקער צענטראַלער פפ"ר־פראַקציע, האָט מען אַנטפּלעקט אויף די אינערלעכע זיצונגען, אין דער געביידע פון צ"ק פון פפ"ר. צוזאַמען מיט די אָנפירנדיקע טוערס פון די גרעסערע יישובים האָט מען זיך באַראַטן וועגן טאַקטישע פראַגן, וועגן אופן איינצוהאַלטן און פאַנאַנדערבויען די איינקייט, נישט פאַרזעענדיק די שטרעבונגען מצד די קאָנטראַהענטן צו פאַרוואַנדלען פוילן אין אַן איבערגאַנגס־פּונקט פאַר ווייטערדיקן יידישן אויסוואַנדערן — פריִער אין די דייטשע לאַגערן, און נאָך דעם קיין ארץ־ישראל.

אין הסכם מיט די ריכטליניעס, וואָס זענען אָנגעצייכנט געוואָרן אויף די אינערלעכע זיצונגען פון דער צענטראַלער פפ"ר־פראַקציע און פון צייט צו צייט — אויף ספּעציעל־יידישע פּאַרטיי־באַראַטונגען פון פפ"ר־טוערס אין אַלע יידישע קאָמיטעטן און אינסטיטוציעס, האָט מען מיט אַלע כוחות זיך באַמיט צו דעמאָנ־סטרירן אויף אויסן די איינהייט פון די יידישע קאָמיטעטן. עס איז געווען די איינהייט צווישן קעגנזעצלעכע טענדענצן, שטרעבונגען און צילן.

דער טויט — אונדזער נאָכאַנאַנדיקער באַגלייטער

יעדן אין דער פרי, אײדער מיר פלעגן זיך פאַנאַנדערגיין, יעדער — זײַן וועג, יעדער צו זײַן אַרבעט, פלעגן מיר, די פּרעזידיום־מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די ייִדן אין פּוילן, זיך צונויפקומען אין דעם צימער פון סעקרעטאַר, זעליצקי. פון אים פלעגן מיר באַקומען די לעצטע ידיעות, וואָס עס האָבן געבראַכט טעלעפאָן־רופן, בייגאַכטיקע טעלעגראַמעס, אָפּט — ספּעציעלע שליחים פון שטעט און שטעטלעך. געווען זענען עס אין יענע טעג דער עיקר ראַפּאָרטן וועגן באַנדיטישע אָנפאַלן און פאַרשניטענע ייִדישע לעבנס, אין גרעסטן טייל פון מענטשן, וועלכע האָבן באַוויזן זיך ראַטעווען פון דער היטלערישער שחיטה. געקומען זענען די בלוטיקע ידיעות פון אַלע עקן פּוילן — פון לובלין און פון קראָקע, פון לאָדזש און פון דאַנציג, פון ביאַליסטאָק און פון ריכבאַך, פון ביאַלע פּאָדלאַסקאַ און פון ביטאָם.

מיר זיצן אַלע ביי זעליצקין מיט פאַרקלעמטע הערצער, וואָס האָבן אין די דאָזיקע שחיטה־טעג נישט געהאַט קיין שום פּאַרטיי־עמבלעמען. עס האָט מסתמא יעדער פון אונדז דעמאָלט אַלץ איינס געפילט, ווי אין אים ווערט פאַרגליווערט דאָס בלוט, אויסהערנדיק דעם „באַריכט" פון נאָוויטאַרג, אַז פון אַן אויטאָ האָבן די „פּאַטריאָטישע" באַנדיטן אַרויסגעשלעפּט 5 ייִדן — אַלע צוריקגעקומענע פון היטלערישע טויטלאַגערן — און זיי אויף דעם בעסטיאַלישסטן אופן אומגעבראַכט. געראַטעוועטע ייִדן האָבן געהאַט געשאַפן אַ קאָמיטעט. האָט מען ביי אים אַראָפּגענומען דעם קאָפּ — דעם פאָרזיצער, דוד גראָסגרינגן, דערשאָסן.

געקומען איז אַן ערשטע גרופּע ייִדישע רעפּאַטריאַנטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. האָבן זיי זיך געלאָזט אין די היימישע ערטער זוכן אַ שפּור פון משפּחה. ביי טשאָרשטין זענען זיבן פון זיי דערמאָרדעט געוואָרן.

פון דער ידיעה יענעם טאָג האָבן שוין די הענט ביי מיר נישט געגומען זיך צו קיין שום אַרבעט. פון דעם צוג, אויפן וועג פון מעזריטש קיין ביאַלע פּאָדלאַסקי האָבן פּוילישע מערדער אַרויסגעשלעפּט מיין קאַמפּס־חבר, דעם פּאַרטיזאַנער ישראל זילבערשטיין און די צוריקגעקומענע פון אַ היטלערישן טויט־לאַגער, געניע אַדלערשטיין, און זיי ביידע דערשאָסן. די צוגן קיין און פון ביאַליסטאָק זענען טאָג־טעגלעך באַלעגערט געוואָרן און עס איז אָנגעגאַנגען דער ווילדסטער געיעג אויף ייִדן. עס זענען דערמאָרדעט געוואָרן אויך סאָוועטישע אָפיצירן, זעלנערס, וועלכע האָבן נישט באַוויזן צו שטעלן קיין שום ווידערשטאַנד. אויפן ביאַליסטאָקער געטאָ־בית־עלמין זענען צוגעקומען פרישע קברים פון ייִדן,

וועלכע האָבן געהאַפּט, געגלויבט, אַז דער היטלערישער בלוטיקער שניט האָט זיך געענדיקט.

אין לאָדזש האָט די לוויה פֿון דערמאָרדעטן בונדישן טוער, פּישקע ניימאַן, זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ מאַסן־דעמאָנסטראַציע פֿון יידישן טרויער און צאָרן. דאָס זעלבע אין ריכבאַך, בעתן ברענגען צו קבורה דעם אָנפֿירער פֿון אַ דאָרטיקן קיבוץ, זילבערבערג.

סיגנאַלן זענען אָנגעקומען וועגן דעם, אַז אין אייניקע שטעט געפֿינען זיך די יידן אין גרויס געפֿאַר. אין טשענסטאָכאָוו איז געווען אַ פּרוּוו פֿון אַ בלוט־בילבול. עס איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אַ פּויליש ייִנגל, עדוואַרד יאַקובאָווסקי. ווען מ׳האָט אים געפֿונען האָט ער דערציילט, אַז ער האָט באַקומען געלט פֿון צוויי אומבאַקאַנטע, כדי ער זאָל זאָגן, אַז יידן האָבן אים געכאַפּט און פֿאַרשפּאַרט אין אַ קעלער אויף גאַריבאַלדי־גאַס.

פּרוּוון פֿון פּאָגראָמען זענען געווען אין ראַדאָם, מיעכוּוו, כזשאַנוּוו און אין ראַבקע.

דעם 11טן אויגוסט 1945 האָט אין קראָקע זיך אָנגעהויבן אַ פּאָגראָם לויט אַלע „קלאַסישע״ מוסטערן פֿון די צאַרישע און פֿאַרמלחמהדיקע צייטן אין פּוילן — מיט רויבן רעשטן פֿון אָפּגעראַטעוועטן יידישן פֿאַרמעגן, מיט זוכן, אַרויסשלעפּן און מאָרדן יידן דורך גרויסע, וואַקסנדיקע אין צאָל גרופּן צעווילדעוועטע פּאָגראָמ־שטשיקעס, צווישן וועלכע עס זענען געווען סטודענטן און סקויטן (האַרצערן) אין זייערע מונדירן. און ווי עס האָט איבערגעגעבן דער דעמאָלטיקער סעקרעטאַר פֿון קראָקעווער וואָיעוואָדישן קאָמיטעט פֿון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי, קאָוואַלסקי, האָט אַ טייל פֿון דער מיליץ זיך באַטייליקט אין שלאָגן יידן.

די לאַגע איז געוואָרן אַלץ מער דראָענדיק. די אָרטיקע מאַכט האָט זיך פֿולשטענדיק פֿאַרלוירן. געראַטעוועט דאָס לעבן פֿון די יידן האָט דער יידישער מיליטערמאַן, דער שפּעטערדיקער שעף פֿון שטאַב פֿון „קאָרפּוס פֿאַר אינערלעכער זיכערקייט״, עדוואַרד קאָנינסקי.*) ער האָט אַרויסגעשיקט פֿאַרשטאַרקטע, גוט־באַוואָפֿנטע מיליטער־טיילן, וועלכע האָבן געמאַכט אַ סוף צום ווילדעווען פֿון די פּאָגראָמשטשיקעס. אייניקע פֿון זיי זענען שפּעטער פֿאַרמשפּט געוואָרן צו תּפֿיסה.

פֿינף טעג נאָכן פּאָגראָם איז זיך צונויפֿגעקומען דער סעקרעטאַריאַט פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי צום באַטראַכטן די לאַגע. דער דעמאָלטיקער סעקרעטאַר פֿון צ״ק, ראָמאַן זאַמבראָווסקי, וועלכער האָט

---

*) עדוואַרד (אליהו) קאָנינסקי, געבוירן אין 1919, האָט געשטאַמט פֿון שטעטל זדונסקאַ־וואָליאַ. אין 1943 איז ער אַריינגעטראָטן אין דער ערשטער פּוילישער קאָשטשושקאָ־דיוויזיע אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, געווען פֿאַרטרעטער פֿון אַ פּולק־קאָמאַנדיר. ער האָט אָנטייל גענומען אין אַלע שלאַכטן פֿון דער דאָזיקער דיוויזיע קעגן די היטלעריסטן. געשפּילט אַן אָנפֿירנדיקע ראָל ביים פֿאַרטיידיקן דעם „פּוילישן אָקטאָבער״. בעתן „רייניקן״ די פּוילישע אַרמיי פֿון יידן איז ער, אין דעם ראַנג פֿון אַ פּולקאָווניק, „באַפֿרייט״ געוואָרן.

איבערגעגעבן וועגן דאָס געשעענע אין קראָקע, האָט דערקלערט, אַז דער קראָקעווער פּאָגראָם, ווי אויך אַנדערע אָנגריפן אויף יידן, זענען געווען פון פּאָרויס פּלאַנירט און געקערעוועט פון איין צענטער. אויך לעגאַלע פּאָליטישע פּאַרטייען, אַזעלכע ווי וויטאָסעס רעכטע פויערים־פּאַרטיי, האָבן זיך באַנוצט אין זייער אַגיטאַציע מיט אַנטיסעמיטישע אַרגומענטן. דער געוועזענער מיניסטער קערניק און דער באַקאַנטער פּראָפעסאָר קאָשיזשאַנאָווסקי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען שטעלונג צו דעם פּאָגראָם, וואָס האָט עדות געזאָגט וועגן די אַנטי־יידישע שטימונגען צווישן טיילן פון דער אינטעליגענץ. ר. זאַמבראָווסקי האָט אויך אָנגעוויזן, אַז די באַציִונג צו די פּאָגראָמען מצד דעם דעמאָקראַטישן טייל פון דער פּוילישער געזעלשאַפט איז אין אַלגעמיין גענומען געווען אַ פּאַסיווע. אַפילו אין דעם פּאָרויסגייענדיקן טייל פונעם אַרבעטער־קלאַס זענען פאַראַן אַנטיסעמיטישע שטימונגען.

די דאָזיקע פעסטשטעלונגען זענען זיך פולשטענדיק צונויפגעפאַלן מיט דער פריער דערמאָנטער אָפּשאַצונג פון גאָמולקאַן בעת זיין מאָטיווירן אין שמועס מיט סטאַלינען פאַרוואָס מ׳דאַרף נישט לאָזן די פּוילישע יידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד צוריקקומען קיין פּוילן.

הגם אַזאַ מין אויספיר איז אויף דער דערמאָנטער זיצונג פון סעקרעטאַריאַט פון צ״ק פּפּ״ר נישט געמאַכט געוואָרן, האָט אָבער ר. זאַמבראָווסקי (אגב — פון יידישן אָפּשטאַם) אויך גערעדט וועגן אַ באַשטימטער שולד... פון די יידן גופא. „די נישט פּראָדוקטיוויקייט פון די יידן אין פּוילן דינט אַלס שפּייז פאַר די אַנטי־סעמיטישע אַרויסטרעטונגען״ האָט ער דערקלערט. דאָס איז געווען אַ רייד וועגן דער „נישט פּראָדוקטיוויקייט״ פון יענע, ביי וועלכע עס איז אָפּגענומען געוואָרן יעדער אָנהאַלט אין לעבן, וועלכע זענען צוריקגעקומען אָן משפחות, אָן געזונט, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. די גרויסע רעפּאַטריאַציע פון די פּוילישע יידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט נאָך דעמאָלט נישט געהאַט זיך אָנגעהויבן.

די פאָרשטייערס פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן פלעגן אַלע באַקומענע ידיעות וועגן אָנפאַלן אויף יידן, וועגן צוגעגרייטע פּאָגראָמען, וועגן אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע תיכּף איבערגעבן די פּאַרטייִשע און רעגירונגס־אָרגאַנען. צייטנווייז פלעגן קומען באַרויִקנדיקע פאַרזיכערונגען, אַז ס׳זענען אָנגענומען געוואָרן אַנטשפּרעכנדיקע מיטלען.

נאָך אָן אויספירלעכן באַטראַכטן די לאַגע האָט אונדזער צענטראַלע פּאַרטיי־פראַקציע באַשלאָסן, אַז זאַכאַריאַש און איך זאָלן זיך ספּעציעל טרעפן מיטן מיניסטער פון עפנטלעכער זיכערקייט, סטאַניסלאַוו ראַדקעוויטש, כדי פאָרשטעלן פאַר אים די לאַגע און מאַכן נייטיקע פאָרשלאָגן. מיר זענען דערגאַנגען צום אויספיר, אַז צום באַשיצן דאָס לעבן פון די יידן דאַרפן זיך נעמען די יידן גופא. אין הסכם מיט דער דורותדיקער יידישער זעלבשוץ־טראַדיציע, ווי אַ פאַרזעצונג פון דעם קאַמף אין די געטאָס.

אַנשטאָט צו ענטפערן אויף אונדזערע פאָרשלאָגן האָט ראַדקעוויטש אַרויס־

גענומען אַ גרויסע טעקע און פון איר אַרויסגעלייענט באַקומענע ראַפּאָרטן וועגן אָנפאַלן פון די „וואַלדמענטשן" אויף צענדליקער מיליץ־פּאָסטנס, וועגן אָן אַ שיער דערהרגעטע מיליטער־לייט, אונטערגעצונדענע דערפער.

פון אַ צווייטער טעקע האָט ער אַרויסגענומען פּאַפּירן מיטן שטעמפּל „שטרענג פאַרטרויליך" און אונדז געגעבן צו לייענען. דאָס זענען געווען ראַפּאָרטן, געשריבן אין מיליטערישן נוסח, וועגן אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען, מיט די נעמען פון אַגיטאַטאָרן און זייער פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט, וועגן צוגעגרייטע און באַצייטנס געשטערטע פּאָגראָם־פּרוון. נישט אַלע פאַקטן זענען אונדז געווען באַקאַנט. אין זיין אויספיר — „ס'איז בירגער־קריג", האָבן מיר דערפילט זיין פּרווו אָפּצושוואַכן אונדזער אַלאַרעם און פאָדערונג צו לעגאַליזירן ספּעציעל־יידישע באַוואָפנטע אָפּטיילן צום באַשיצן די יידן. ער האָט זיך געווענדעט צו מיר: „דו געדענקסט דאָך, ווי אַזוי דאָס האָט אויסגעזען אין אוקראַינע, אין ווייסרוסלאַנד בעתן בירגער־קריג". מיין ענטפער, אַז טאַקע דאָרט זענען אויפגעקומען ספּעציעל־יידישע מיליטער־איינהייטן, באַוואָפנטע זעלבשוץ, האָט ער אויפגענומען גלייכגילטיק, נישטערנדיק בעת מעשה צווישן די פּאַפּירן. איידער ער האָט גענומען עפּעס וואָס פאַרלייענען פאַר אונדז, האָט ער ווי פרעגנדיק אַן עצה אָנגעשטעלט אויף אונדז זיין פאַרשנדיקן בליק: „וואָס וועט איר זאָגן וועגן יענע יידן, וואָס העלפן די מערדער?". געמיינט האָב איך, אַז ער וועט נעמען באַלד לייענען אויסצוגן פון אַרויסטרעטונגען אין אויסלאַנד, פון יידישע פאַקטאָרן, וועלכע באַקעמפן די נייע מאַכט אין פּוילן, שטיצן די עמיגראַנטישע עלעמענטן און טראַכטן אויס פאַרשידענע גרויל־געשיכטעס. דאָס אָבער, וואָס ער האָט פאַרגעלייענט איז געווען פאַר אונדז פולשטענדיק אומדערוואַרט. דאָס איז געווען אַ לענגערער ראַפּאָרט פון דער פּוילישער גרענעץ־וואַך וועגן אַ פאַרהאַלטענער גרופּע יידן, וועלכע האָבן געשמוגלט פון טשעכאָסלאָוואַקיע קיין פּוילן לייכטגעווער, אויטאָמאַטן און אפילו טיילן פון קוילנוואַרפערס.

ראַדקעוויטש האָט אָפּגעווענדעט זיינע אויגן, פול מיט צאָרן, פון דעם ראַפּאָרט און דירעקט אונדז געשטעלט זיין פראַגע: — פאַר וועמען, מיינט איר, האָבן זיי געשמוגלט דאָס געווער? פאַר אייער יידישן זעלבשוץ? ניין, פאַר יענע, וועלכע מאָרדן יידן, גרייטן דורכצופירן נאָך גרעסערע פּאָגראָמען...

מיר זענען אַ לענגערע צייט געבליבן זיצן געפּלעפּטע. מיר האָבן געוווסט, אַז עס גייט אָן אַ „צווישנמלוכהשער" שמוגל, אַ שוואַרצער האַנדל מיט וואַלוטע און אַז אויך יידן פאַרנעמען זיך דערמיט. אָבער שמוגלען געווער צום פאַרקויפן אונדזערע שונאים!...

ראַדקעוויטשעס אויספיר, אַז דער משפּט איבער דער באַנדע וועט באַווייזן די גרויס פון דעם פאַרראַט, האָט נאָך אַנגעשטרענגטער געמאַכט די אַטמאָספער. מיר האָבן אים גענומען שטעלן פראַגן, וואָרענען, אַז אַזאַ משפּט קען ברענגען אַן אומגליק אויף אַלע יידן, אַז ער וועט בלויז אַריינשפּילן אין די הענט פון די אַלע, וואָס פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע קעגן יידן; אַז פּאָגראָמען וועלן נעמען

מאַכן אויך אָנהעגגער פון דער היינטיקער מאַכט, מיטן אויסרייד פון כלומרשטן באַשיצן זי פון יידישע שונאים. צי וואָלט נישט גלייכער געווען תיכף אַריבערצו־וואַרפן די געכאַפּטע יידן איבער דער גרענעץ, מיטן אָנזאָג, אַז זייער פוס זאָל זיך מער נישט ווייזן? מ׳טאָר נישט אַרויסברענגען דעם עניין פאַר דער עפנטלעכקייט. ראַדקעוויטש האָט דערויף סאַרקאַסטיש געענטפערט: „פאַר וואָס? ווייל „אַמכאָ״?. ער האָט אָבער באַגעגענענדיק זאַכאַריאַשעס רעאַקציע: „מיך גייסטו לערנען אינטערנאַציאָנאַליזם?!״ — זיך צוריקגעצויגן, דערקלערנדיק, אַז דעם דאָזיקן עניין ווי אויך די פאָרשלאָגן וועגן באַוואָפנטע יידישע גרופן וועט מען דורכטראַכטן.

קיין פראָצעס איבער די יידישע ליפעראַנטן פון געווער פאַר די וואַלד־באַנדעס איז נישט פאָרגעקומען. יידישע באַוואָפנטע גרופן האָבן זיך גענומען שאַפן, אַלס כלומרשטע „אינערלעכע וואַך״, ביי די יידישע קאָמיטעטן. און ווען עס איז אויסגעבראָכן, דער גרעסטער צו יענער צייט, פּאָגראָם, האָבן די צעווילדעוועטע מערדער, מיט דער הילף פון טיילן פון דער מיליץ, קודם כל אָפּגענומען דאָס געווער ביי דער „אינערלעכער יידישער וואַך״.

☆

דער פּאָגראָם אין קעלץ האָט זיך אָנגעהויבן דאָנערשטיק דעם 4־טן יולי 1946. דער מאָרד־פּאַראָל איז אויך דאָס מאָל געווען דער אויסגעפּרוווטער אין משך פון דורות פּאָגראָם־רוף: „נקמה נעמען אין די יידן, וועלכע האָבן דערהרגעט אַ קריסטלעך קינד״.

מיט אַ טאָג פריער זענען געקומען אין דער מיליץ דער מאַן און די פרוי בלאַשטשיק און געמאָלדן, אַז שוין 3 טעג ווי עס איז פאַרפאַלן געוואָרן זייער יינגל, הענריק. אויף צו מאָרגנס זענען זיי געקומען מיטן יינגל, וועלכער האָט דערציילט, אַז יידן האָבן אים פאַרשפאַרט און געפּייניקט אין דעם קעלער פון דעם הויז אויף פּלאַנטי 7, ווו עס האָבן זיך געפונען אַלע אינסטיטוציעס פון די 180 צוריקגעקומענע יידן — דער יידישער קאָמיטעט, די רעליגיעזע קהילה, די קיך און דער איחוד־קיבוץ. אַהין האָט זיך באַלד געלאָזט אַ באַוואָפנטער מיליץ־אָפּטייל. געגאַנגען איז דער אָפּטייל דורך דער הויפּט־גאַס — שענקעוויטש. אויפן וועג זענען צו אים צוגעשטאַנען אַלץ מער פּוילישע מענער, פרויען, יוגנט־לעכע, וועלכע האָבן היסטעריש געשריגן: „יידן מאָרדן פּוילישע קינדער!״. צוקו־מענדיק צום הויז, ווו עס איז בכלל קיין קעלער נישט געווען, האָט דער צערייצטער המון גענומען אים באַוואַרפן מיט שטיינער, אויסגעהאַקט אַלע שויבן, אַרויסגעריסן די טירן. די מיליץ האָט זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט. 3 מיליץ־אָפיצירן זענען אַריין אין דער געביידע, ווו עס זענען געווען צענדליקער יידן און האָבן פאַרלאַנגט פון דעם פאָרזיצער פון יידישן קאָמיטעט, דעם געוועזענעם פּאַרטיזאַן ד״ר סעווערין כהנא, אַז די יידישע וואַך פון קאָמיטעט און פון קיבוץ זאָל אָפּגעבן דאָס געווער. „פאַר דער אָרדענונג זענען פאַראַנטוואָרטלעך בלויז מיר״. זיי האָבן נישט דערלאָזט

דעם ד״ר כהנא מעלדן דורכן טעלעפאָן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן וועגן דער דראָענדיקער סיטואַציע.

ווען דער צעווילדעוועטער המון האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם יידישן הויז און גענומען הרגענען יידישע מענער, פרויען, קינדער, האָט די מיליץ קיין שום ווידערשטאַנד נישט געשטעלט. איינקע צווישן זיי, ווי דער מיליציאָנער וולאַדיסלאַוו בלאַכוט, האָבן געשאָסן אין די יידן, פירנדיק נאָך זיך די פּאָגראָמשטשיקעס זיי זאָלן אויסקוילען אַלע יידן. קיין הילף די פּאָגראָמירטע יידן איז פון קיין אײן זייט נישט געקומען. דער בלוטיקער סך הכל איז געווען: פון 180 צוריקגעקומענע יידן זענען 42 דערמאָרדעט געוואָרן. צווישן די דערמאָרדעטע זענען געווען שוואַנגערנדיקע פרויען, אויך קינדער. 50 יידן זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן. זיי זענען אָפּגעפירט געוואָרן קיין לאָדזש, אין די אָרטיקע שפּיטאָלן.

קיין קעלץ זענען מיט אַן עראָפּלאַן אָנגעקומען פאָרשטייערס פון דער רעגירונג בראש מיטן צעקלעמטן, פאַרטרויערטן יעקב בערמאַן, דעם מיטגליד פון דער פּאָליטביוראָ פון דער פוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי און פאַקטישן וויצע־פּרעמיער־מיניסטער. אָנגעקומען זענען אויך די פאָרשטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן, ד״ר א. בערמאַן, י. צוקערמאַן („אַנטעק״) פּ. זעליצקי, ס. פיש־גרונד און קאָסאָוער. אין דער לוויה האָבן זיך באַטייליקט די שרייבערס חיים גראַדע, יהודה עלבערג און יוסף רובינשטיין, די געקומענע פון די פאַראייניקטע שטאַטן פּסח נאָוויק, ראובן זאַלצמאַן, ש. שניידערמאַן און אַ סך פאָרשטייערס פון דער אויסלענדישער פּרעסע.

אויף דעם מאַסן־קבר איז געבליבן אַ שטיין — אַ מצבה מיטן לאַקאָנישן אויפשריפט:

„ה׳ ינקום את דמם״.

נאָכן פּאָגראָם

די ידיעה וועגן דער מוראדיקער שחיטה אין קעלץ האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער גאַנץ פּוילן. זי איז באַלד דערגאַנגען צו די מערב־מדינות דורך די אויס־לענדישע קאָרעספּאָנדענטן, וועלכע האָבן נאָך באַוויזן אַנצוטרעפן אויף די שפּורן פון דער ווילדער אַנטיסעמיטישער רציחה.

אין די ערשטע טעג איז אונדזער אַלגעמיינער איינדרוק געווען אַזאַ, ווי די יידן פון שטעט און שטעטלעך וואָלטן פון אומגעריכטקייט געליימט געוואָרן און זענען דעריבער נישט בכוח געווען אויף וועלכן נישט איז אופן תיכף צו רעאַגירן אויף דער וויסטער בשורה.

די יידישע קאָמיטעטן, וועלכע פלעגן אַרויסווייזן אַ סך איניציאַטיוו ביים רעאַגירן אויף די פאַרשידנסטע דערשיינונגען — נישט נאָר אין פּוילן, נאָר אומעטום אין דער וועלט — האָבן ווי פאַרלוירן דאָס לשון. מענטשן זענען אַרומ־געגאַנגען מיט אבלים־טריט, קוקנדיק איינער דעם אַנדערן אין די אויגן מיט דער שטומער פראַגע: ווי אַזוי איז עס געווען מעגלעך? וואָס וועט ווייטער זיין?

דאָס געשעענע אין קעלץ איז געקומען אומדערוואַרט סיי פאַר דער צענטראַלער פּוילישער מאַכט און סיי פאַר דעם צענטראַלן יידישן קאָמיטעט. הגם עס האָבן אין דער צייט פאַרן פּאָגראָם זיך געמערט די פאַלן פון מאָרדן יידן, פון אָנפאַלן אויף די וועגן, אין די באַנען, האָט מען זיך דאָך נישט געריכט אויף אַזאַ מאַסן־שחיטה, אין מיטן העלן טאָג. אומדערוואַרט איז געווען, אַז אַזעלכעס זאָל פאָרקומען נישט ווייט פון דער הויפּטשטאָט און אין אַ געגנט, וואָס האָט גראָד געדינט בעת דער היטלערישער אָקופּאַציע אַלס וויכטיקע באַזע פאַר דער לינקער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, פאַר דער „גוואַרדיאַ ליודאָוואַ". דערפון האָט געשטאַמט אַ באַשטימטע פאַרלוירנקייט אויך אין די רעגירונגס־קרייזן בעתן באַשליסן וואָס צו טאָן אין אָנבליק פון דער קעלצער שחיטה.

וואָס עס האָט באַלד נאָכן פּאָגראָם געטראַכט אין זיך יעדער איינער פון די אָנפירנדיקע פּפ"ר־טוערס פון די יידישע קאָמיטעטן, איז שווער געווען צו וויסן. אויף אַלעמענס פּנימער איז געלעגן דער זעלבער יידישער טרויער. קיינעם איז נישט אָנגעקומען גרינג צו פאַרטרייבן דעם אָנבליק פון פאַרלוירנקייט, הגם „אויף אויסן" האָט מען זיך באַמיט אונטערצושטרייכן דעם ווילן נישט אונטערצוגעבן

זיך און מיט אַלע כוחות זיך אַנטקעגנשטעלן דעם צוזאַמענבראָך פון די האָפענונגען ביים פאַרלייגן דעם יסוד פון אַ נייעם יידישן יישוב אין פוילן.*)

גערי‌כט האָט מען זיך אויף אַ באַלדיקן ספּאָנטאַנעם אויסבראָך פון פּאַניק, פון „אויסוואַרצלען" זיך פון די נאָך נישט אַנגעוואַרעמטע ערטער. דער איינדרוק אָבער פון די ערשטע נאָכפּאָגראָם־טעג איז געווען אין אַלגעמיין אַזאַ, ווי יידישע מענטשן וואָלטן אַוועק „אין זיך", כדי זיך מישב־זיין וואָס ווייטער צו טאָן, ווי אַזוי און וווהין קערעווען די אייגענע צוקונפט, נאָך אַזאַ געפערווּטקייט בעת די מלחמה־יאָרן. דער דאָזיקער צושטאַנד האָט עס געגעבן די מעגלעכקייט דעם פּרעסע־אָרגאַן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן צו שרייבן, אַז „עס איז באמת געווען צו באַוווּנדערן און צו באַגריסן די פעסטע און באַהערשטע האַלטונג פון אונדזער יישוב אין די טראַגישע טעג פון קעלץ".**)

די ווירקלעכקייט האָט אָבער באַוויזן, אַז דאָס איז געווען בלויז אַ שטילקייט פאַר אַ שטורעם. דער אופן, ווי אַזוי עס האָבן צו דעם קעלצער פּאָגראָם זיך באַצויגן גאָר גרויסע טיילן פון פּוילישן פאָלק, אַפילו פון דעם אַרבעטער־קלאַס, האָט פאַרשנעלערט דעם באַשלוס פון צענדליקער טויזנטער יידן צו אַנטלויפן פון דער ערד, וואָס האָט אויסגעזען צו ברענען אונטער די פיס. די הילפלאָזיקייט פון דער מאַכט, וועלכע האָט נישט בלויז נישט באַוויזן אויפן אָרט צו באַהערשן די לאַגע, נאָר אירע טיילן — און דאָס פון צווישן די זיכערהייט־אָרגאַנען, האָבן דירעקט זיך באַטייליקט אין דעם פּאָגראָם,***) האָבן איבערצייגנדיקער געווירקט אויף דעם יידישן מענטשן, ווי אונדזער רופן נישט צו לאָזן זיך באַהערשן פון פּאַניק נאָר אָננעמען באַשלוסן נאָך אַן אַלזייטיקן „וועגן און מעסטן". און דער עיקר — וויסן דערביי, אַז די פאָלקס־מאַכט, קעגן וועלכער די פּאָגראָם־מאַכער האָבן אויפגעהויבן זייערע מיט יידיש בלוט באַפלעקטע הענט, וועט זיך אַנברחמנותדיק צערעכענען מיט זיי.

אָפּערירן מיט באַוויזן, וואָס זאָלן באַקרעפטיקן אונדזער שטעלונג, איז געווען זייער שווער. וואָס אַן אמת איז אויף 9 אַקטיווע פּאָגראָמשטשיקעס, אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ טויט־אורטייל. געווירקט האָט אָבער מער דער פאַקט, וואָס אין דער

*) אין איינעם פון יענע טעג האָבן איך אויף מיין ביוראָ־טיש געפונען אַ פאַרחתמעטן קאָנווערט, אין וועלכן עס איז געווען אַ צעטל, געשריבן מיט גרויסע אותיות: „טראָג זיך אָפּ פון פוילן, אַנדערש וועסטו האָבן דעם זעלבן סוף ווי די זשידעס אין קעלץ". צום סוף — מיט שוואַרצן טוש, אין דער פאָרם פון אַ שטעמפּל — „אַ טויט די זשידעס! זאָל לעבן פוילן".

**) „דאָס נייע לעבן" נומ. 27 פון 19־טן אויגוסט 1946.

***) איך בין געווען אַן עדות דערפון, ווי דער פּולקאָווניק וולאַדיסלאַוו סאָבטשינסקי, דער דעמיסיאָנירטער שעף פון קעלצער וואָיעוואָדישן זיכערהייט־אַמט, האָט ענערגיש זיך פאַרטיידיקט ביי זאַכאַריאַשן אין צימער, אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי, קעגן די פאָרוואורפן, אַז ער איז שולדיק אין דערלאָזן צום קעלצער פּאָגראָם און אַז זיינע מענטשן האָבן געהאָלפן די מערדער.

פראָלעטאַרישער שטאָט לאָדזש, וועלכע איז באַוווּסט געווען מיט אירע לאַנגאַניקע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס, ווו יידישע אַרבעטער האָבן געמומען אַ באַזונדער גרויסן אָנטייל אין אַלע פרייהייט־קאַמפן, האָבן פוילישע טעקסטיל־אַרבעטערס דערקלערט אַ שטרייק אַלס פּראָטעסט קעגן פאַרמשפּטן צום טויט די 9 פּאָגראָמ־שטשיקעס.

פאַר דער פוילישער צענטראַלער מאַכט האָט זיך בולט אַנטפּלעקט די לאַגע, אַז זי קאָן נישט זיין זיכער מיט אַלע מענטשן פון אייגענעם אַפּאַראַט. די פּרעסע פון דער פוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי, פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פון אַלע גרופּירונגען, וועלכע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם דעמאָקראַטישן בלאָק, האָט שאַרף פאַראורטיילט דעם פּאָגראָם, האָט באַצייכנט אַלס היטלעריסטישע נאָכפאָלגער די מערדער און זייערע אינספּיראַטאָרן פון דער גס״ז („נאַראָדאָווע סילי זבראָינע״, „נאַציאָנאַלע באַוואָפנטע כוחות״ — אַזוי האָט זיך גערופן די אונטער־ערדישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט מיט טעראָר געקעמפט קעגן דער נייער מאַכט און האָט געקוילעט יידן אומעטום, ווו נאָר זי האָט זיי באַגעגנט). דער באַוואָפנטער קאַמף קעגן די וואַלד־באַנדעס האָט זיך פאַרשטאַרקט. געוווּסט האָט מען אָבער, אַז די גרעסטע ווירקונג אויף די ברייטסטע פוילישע מאַסן האָט דער קאַטוילישער קלער און די רעכטע פויערישע מאַסן־פּאַרטיי פּס״ל (פוילישע פאָלקס־פּאַרטיי בראש מיט איר איינפלוסרייכן פירער, דעם איינגעוואַנדערטן פון לאָנדאָן צו פאַרנעמען דעם אַמט פון וויצע־פּרעמיער, סטאַניסלאַוו מיקאָלייטשיק).

אין פאַרשטענדיקונג מיטן צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן און מיטן אַנטשפּרעכנדיקן אַמט פאַר די ענינים פון רעליגיעזן קולט האָט זיך אַ גרופּע רבנים געווענדעט, 6 וואָכן פאַרן קעלצער פּאָגראָם, צו דעם הויפּט־פירער פון דער קאַטוי־לישער קירך אין פוילן, קאַרדינאַל הלאָנד, מיט דער ביטע אויפגעוומען צו ווערן דורך אים כדי פאַרצושטעלן די לאַגע פון די יידן, רופן צום קעגנשטעלן זיך דער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע און פאַראורטיילן די אָנפאַלער. דער קאַרדינאַל הלאָנד האָט זיך אָפּגעזאָגט אויפצונעמען די רבנים־דעלעגאַציע. ערשט נאָך דעם קעלצער פּאָגראָם האָט דער זעלבער הלאָנד דערקלערט, אַז די בלוט־פאַרגיסונגען זענען אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס די יידן פאַרנעמען אַ פירנדיקן אָרט אין דער רעגירונג...

אַ דעלעגאַציע פון לובלינער יידישן קאָמיטעט אין באַשטאַנד פון ס. סלושני (פון פּפּ״ר) און מ. שילדקרויט (פון פּועלי־ציון) האָט זיך געווענדעט צו דעם צווייטן אין דער קאַטוילישער היעראַרכיע (און נאָכן טויט פון קאַרדינאַל הלאָנד — הויפּט־אָנפירער פון דער קאַטוילישער קירך אין פוילן), בישאָף סטעפאַן ווישינסקי. דער בישאָף האָט די דעלעגאַציע אויפגענומען. לויט דעם שריפטלעכן באַריכט, וואָס די דעלעגאַציע האָט צוגעשטעלט, האָט דער בישאָף דערקלערט, אַז די סיבות פון די קעלצער געשעענישן שטעקן „אין דעם אַלגעמיינעם אומווילן לגבי יידן, וועלכע נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם איצטיקן פּאָליטישן לעבן״ און אַז „אין פוילן ווערן דערמאָרדעט נישט בלויז יידן, נאָר אויך פּאָליאַקן... אַ סך פון זיי זיצן אין די תפיסות און לאַגערן״.

צום סוף פון דער אויפנאַמע האָט דער בישאָף דערקלערט, אַז „קיין אָפיציעלע דעקלאַראַציע וועגן די קעלצער געשעענישן קען ער נישט געבן", אָבער אין די גאָענטסטע טעג, אויף דעם צוזאַמענפאָר פון קאַטוילישע גייסטלעכע, וועט ער אויפקלערן די פראַגע אין גייסט פון באַרויִקן די גלויביקע.

א פולשטענדיק אַנדערע שטעלונג האָט גראַד פאַרנומען דער בישאָף פון דער היפּער־קאַטוילישער שטאָט טשענסטאָכאָוו, ד"ר קובינאַ, וועלכער האָט אין זיין דערקלערונג פאַראורטיילט דעם פּאָגראָם און די פּוילישע יידן־מערדער. הרב הער־צאָג פון ירושלים האָט דערויף רעאַגירט מיט אַ דאַנק־דעפּעשע צום הויכן קאַטוי־לישן גייסטלעכן.

דער אָרגאַן פון דער רעכטער „פּוילישער פּויערים־פּאַרטיי" האָט אויסדריקנדיק זיך כלומרשט מיטפילנדיק וועגן פאַרגאָסענעם בלוט, געטייטלט אין דער זייט פון די יידן, וועלכע זאָלן האָבן מיט זייער האַלטונג מיטגעווירקט צו די געשעענישן...

דער פאָרזיצער פון דער וועלט־פעדעראַציע פון די פּוילישע יידן, ד"ר יוסף טענענבוים, וועלכער איז אין יענער צייט געקומען פון אַמעריקע קיין פּוילן, האָט זיך געווענדעט מיט אַ דעפּעשע צום פּויפּסט, פאַרלאַנגענדיק פון אים צו פאַר־אורטיילן די פּאָגראָמשטשיקעס. דער פּויפּסט, וועלכער האָט בעת דער מלחמה נישט רעאַגירט אויף דעם היטלערישן מאָרד פון 6 מיליאָן יידן, האָט אויך אין דעם פאַל געשוויגן.

אַן אויפשוידערנדיקן איינדרוק האָט אויף די יידן געמאַכט דאָס, וואָס האָט געהאַט אַן אָרט אין חודש אויגוסט 1946, אויפן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון געריכט־פאָרזיצערס און פּראָקוראָרן פון גאַנץ פּוילן. דער פּראָקוראָר פון קעלץ, ווזשעשטש, האָט אין זיין רעדע פּראָטעסטירט קעגן באַצייכענען דעם קעלצער פּאָגראָם אַלס שאַנד פון פּוילישן פאָלק. „דער פּאָגראָם איז געווען אַן אַקט פון מאַסן־אויפברויז" — האָט ער דערקלערט און פון זאַל האָט מען געענטפערט מיט אַפּלאָדיסמענטן...

מיט צאָרן און פּראָטעסט האָבן אויפן קעלצער פּאָגראָם רעאַגירט די פאַר־שידנסטע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין דער גאָרער וועלט. טעלעגראַמעס און רעזאָ־לוציעס פון באַקאַנטע יידישע אַלוועלטלעכע און לאָקאַלע פּאָליטישע, סאָציאַלע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס זענען אָנגעקומען אין פּרעזידיום פון מיניסטאָרן־ראָט. עס זענען געווען פאַלן, ווען יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן זיך געווענדעט צו דער לאָקאַלער מאַכט פון זייערע פּוילישע אָפּשטאַם־שטעט. פון אַ ספּעציעלן כאַראַקטער זענען געווען די טעלעגראַמעס, רעזאָלוציעס און אויספירלעכע בריוו געווענדעט צום צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן. חוץ צאָרן איז אין זיי אַלע, אַן אויסנאַם, געווען דער אויסדרוק פון מיטלייד. געווען זענען אָבער דערביי אויך טיפע אונטערשיידן. טייל בריוו און טעלעגראַמעס האָבן צוזאַמען מיט די מיטלייד־אויסדרוקן — דערמוטיקט, צוגעזאָגט צו פאַרשטאַרקן די הילף פאַרן יידישן יישוב אין פּוילן. אַזעלכע טעלעגראַמעס און בריוו זענען געקומען קודם־כל מצד די לינקע יידישע אָרגאַניזאַציעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן, פון קאַנאַדע, פון אַרגענטינע און פון אַנדערע דרום־אַמעריקאַנער לענדער, ווי אויך פון יידיש־פּוילישע לאַנדס־

מאַנשאַפטן. עס זענען אָבער געווען נישט ווייניק דעפּעשן און בריוו, וואָס האָבן צוזאַמען מיט פאַראורטיילן די מערדער, צוזאַמען מיט מיטלייד פאַר די געליטענע, אויסגעדריקט אומגלויבן אין דער מעגלעכקייט, אַז אויף דער דורכגעזאַפּטער מיט יידיש בלוט פוילישער ערד זאָל קענען געדייען אַ יידיש לעבן.

פון די שפּאַלטן פון דער יידישער פּרעסע, חוץ דער „לינקער", אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן, אין פראַנקרייך און אין אַנדערע לענדער, וועלכע האָבן פון די ערשטע טעג נאָך דער מלחמה פאַרנומען אַ נעגאַטיווע שטעלונג לגבי דעם נייעם פוילן און גאָר באַזונדער לגבי די פוילישע „יעווסעקעס", האָט זיך דערהערט דער פאַראַל: יציאת פוילן! דער רוף צום אָפּזאָגן זיך פון יעדער האָפענונג אויף אַן אויפגעריכט יידיש לעבן. אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין פוילן האָבן געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישע, אָרגאַניזאַציאָנעלע און פינאַנציעלע טעטיקייט צום סטימו־לירן די יידישע עמיגראַציע, צום קערעווען זי אין די אויפגעקומענע איבערגאַנג־לאַגערן, דער עיקר אין דער ענגלישער און אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־זאָנע פון מערב־דייטשלאַנד, אויך קיין איטאַליע און עסטרייך — מיט דער פּערספּעקטיוו אָנצוקומען קיין ארץ־ישראל. די מאַסן־קאָנצענטראַציע פון יידן אין די דאָזיקע לאַגערן האָט געדאַרפט מיטווירקן צום ברעכן די ענגלישע באַגרענעצונגען פאַר דער עליה קיין ארץ־ישראל.

די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער טעטיקייט האָבן זיך גאָר שנעל געלאָזט פילן. קודם־כל אין די קלענערע יישובים פון וואַנעט עס איז געקומען דער פּאָפּולערער צו יענער צייט שפּראַך: „נישטאָ שוין באַלד וועמען צו זאָגן אַ גוט־מאָרגן". שטימונגען פון יאוש, פון רעזיגנאַציע האָבן זיך באַוויזן אויך צווישן פּפּ״ר־טוערס פון די אָרטיקע יידישע קאָמיטעטן. די פּרוּוון צו געפינען אַ לייזונג, וואָס זאָל געבן וועלכע עס איז שאַנסן צום אויסדויערן, באַהערשן די לאַגע, האָבן אויסגעזען ווי אויסזיכטלאָז. שוועריקייטן זענען געקומען פון פאַרשיידענע זייטן. קודם־כל פון דער אינערלעך־ווידערשפּרעכלעכער שטעלונג לגבי דער עמיגראַציע. די „צענט־ראַלע פּראַקציע" איז, אין הסכם מיט דער שטעלונג פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי און פּוילישער רעגירונג, געווען קעגן אַדמיניסטראַטיוון באַגרענעצן אָדער גאָר פאַרבאָטן די יידישע עמיגראַציע (הגם צווישן די יידישע פּפּ״ר־טוערס זענען געווען אויך אַזעלכע שטימונגען און פאַרשלאָגן). אין דער זעלבער צייט האָט די אָנפירונג פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי פאַרלאַנגט פון אונדז צו פאַר־שטאַרקן אויף אַלע מעגלעכע אופנים די פּאָליטיש־פּראָפּאַגאַנדיסטישע אויפקלער־רערישע טעטיקייט קעגן יידישן אויסוואַנדערן פון פוילן. די פּאַרטיי און רעגירונגס־אינסטאַנצן האָבן געזען אין דער יידישער מאַסן־עמיגראַציע פון פוילן אַ פאַקטאָר, וואָס שוואַכט אָפּ דעם אַזוי אויך באַגרענעצטן צוטרוי מצד דעם מערב צו דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער אָרדענונג אין פוילן. דער שטראָם פּוילישע יידן אין די דייטשע און אַנדערע לאַגערן איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַן אויסדרוק פון אומ־צוטרוי צום „טראַדיציאָנעל־אַנטיסעמיטישן פוילן".

די „לייזונג" פאַר דער דאָזיקער „קוואַדראַטור פון קרייז" האָט די „צענטראַלע

פראַקציע״ דעמאָלט געזען דער עיקר נישט אין אַגיטירן דירעקט קעגן עמיגראַציע, נאָר אין אַנטקעגנשטעלן זיך דער פּאַניק און דעם פּאַניק־לאָזונג „יציאת פּוילן״. דיסקוסיעס, אינדיווידועלע שמועסן, אונטערהאַנדלונגען זענען געפירט געוואָרן מיט אַלע ציוניסטישע פראַקציעס, וואָס זענען געווען פאַרטראָטן אין צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן און אין רעזולטאַט האָט די „צענטראַלע פראַקציע״ באַקומען זייער אַלעמענס הסכמה אַרויסצוטרעטן איינהייטלעך קעגן דער פּאַניק און פּאַניק־מאַכעריי.

„פּאַניק און כאַאָס — איז געזאָגט געוואָרן אין דעם אויפרוף, אונטער וועלכן עס איז געווען אונטערגעשריבן דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן — ברענגען אומגליק. פּאַניק און יִאוש זענען שונאים פון יידישן פאָלק. מיר רופן די פּוילישע יידן צום קאָמפּראָמיסלאָזן קאַמף קעגן די דאָזיקע דערשיינונגען, וואָס באַדראָען אונדזער פאָלקס־געזונט און אונדזער אָרגאַניזירטן נאַציאָנאַלן כוח״.

דער אָרגאַן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן „דאָס נייע לעבן״ האָט אין הסכם מיט דער ווירקלעכקייט קאָנסטאַטירט, דעם 19טן אויגוסט 1946, אַז „... גרויסע טיילן פּוילישע יידן פאַרבינדן זייער צוקונפט און די צוקונפט פון יידישן פאָלק ווי אַזעלכן מיט דער אידעע פון אויפבויען אַ יידישע מלוכה, צי אַ יידישע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל... נאָך מער, מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז געוויסע מענטשן זענען פסיכיש נישט מסוגל צו בלייבן אין פּוילן, אויף די ערטער, וווּ עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן מיליאָנען יידן, אַז זיי זענען נישט בכוח אויסצודויערן ביז די באַנייטע יידנפרעסערישע העצעס פון די פאַשיסטישע עלעמענטן וועלן אינגאַנצן דערשטיקט ווערן״. און דער אויספיר — קעגן דער יציאת־פּוילן־פּאַניק: „...מיטמאַכן אַ נייע יציאת־פּוילן — דאָס וואָלט באַטייט אַ זיג פון היטלעריזם, אַ זיג פון זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם״ *).

אַוודאי איז מער געווען אַן אויסדרוק פון ווילן, איידער פון ווירקלעכן צושטאַנד, די פעסטשטעלונג, אַז „אָט דעם אמת (קעגן דער יציאת־פּוילן־פּאַניק) האָבן פאַרשטאַנען אַלע פּאַרטייען, וואָס גייען אַריין אינעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּוילישע יידן״. אַזוי האָט עס אויסגעזען אויסערלעך. אין דער אמתן האָבן חוץ די פפ״ר־טוערס, אַלע אינערלעכע יידיש־געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן, יעדער אויף זיין

---

*) אין אַ בריוו צו מלך ראַוויטש (דעם 12 אויגוסט 1946) האָט בער מאַרק אויף אַזאַ אופן כאַראַקטעריזירט די לאַגע אין יענע טעג: „מיר לעבן דאָ איצט איבער שווערע טעג. עס שטייט אין קאָן דער גורל פון דעם יישוב. מיר האָבן דאָ געשפּירט, ווי מיר וואַקסן, ווי מען וויל אונדז, ווי מען דאַרף אונדז; און מיטאַמאָל — אַ געוואַלטיקע אַנטוישונג. איך וויל קיינעם נישט באַשולדיקן. אַוודאי זענען דאָ אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר דעם. אָבער עס ווייטיקט דאָס האַרץ, ווען מען זעט, ווי עס גייט אונטער, ווי עס פאַרשווינדט דאָס, וואָס איז מיט אַזויפיל מי און ליבשאַפט אויסגעבויט געוואָרן... ניין, נישט צו דעם זענען מיר געקומען אַהער פון מאָסקווע, מיר זאָלן ווערן קברנים פון אַ לעבעדיקן יישוב״.

(פון בער מאַרק־אַרכיוו)

אופן, מיטגעווירקט צו פאַרשנעלערן און פאַרגרעסערן די עמיגראַציע*)

קעגן דער דאָזיקער צווייענדיקער בוכהאַלטעריע פון די מיטשותפים האָט די „צענטראַלע פראַקציע" געגומען אַנווענדן אירע אייגענע צוויי מאָסן — איינע אין די ראַמען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן, וועלכע האָט געמוזט זיין אַן אויסדרוק פון יידישער איינהייט אַפילו דעמאָלט, ווען אַזאַ איינהייט איז נישט געווען; די צווייטע — אין די אייגענע, דירעקט־פּאַרטייִשע ראַמען.

אַן אויסדרוק פון דער ערשטער מאָס זענען געווען די איינהייטלעכע דער־ווידערונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן קעגן יציאת־פוילן; אַן אויסדרוק פון דער צווייטער מאָס זענען געווען די רעזאָלוציעס, וועלכע זענען אָנגענומען געוואָרן אויף לאַנד־באַראַטונגען פון די יידישע פפ"ר־טוערס און די אַרטיקלען אין דער פּעריאָדישער (שפּעטער — וועכנטלעכער) יידישער אויסגאַבע פון דער פּוי־לישער אַרבעטער־פּאַרטיי „פאָלקס־שטימע".

אין יענער צייט האָבן שוין אַלע יידישע פּאַרטייען אַרויסגעגעבן זייערע פּרעסע־אָרגאַנען, דער עיקר אין יידיש, אייניקע — דער „בונד", השומר הצעיר און דער „איחוד" אויך אין פּויליש. הגם דער שעף־רעדאַקטאָר פון דעם אָרגאַן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן „דאָס נייע לעבן" איז צו יענער צייט געווען דער אָנגעהעריקער צו פפ"ר, בער מאַרק, איז אָבער נישט מעגלעך געווען אויף זיינע שפּאַלטן אַרויסצוקומען מיט אַ ריין־פּאַרטייִשער שטעלונג. דעמאָלט איז געשאַפן געוואָרן די „פאָלקס־שטימע" אַלס אָרגאַן פון פפ"ר, אונטער דער רעדאַקציע פון מ. מירסקי. אויף אירע שפּאַלטן איז מען אַריבער אין אַ קאָנטעראָנגריף קעגן די אינערלעכע פריידיקער פון יציאת פוילן. כדי דאָך נישט איינצורייסן מיט די שותפים אין די יידישע קאָמיטעטן, האָט די „פאָלקס־שטימע" געפונען אַן אויסוועג אין אָנווייזן, אַז „די געדריקטע שטימונג נאָך קעלץ האָבן אויסגענוצט די אגודיסטיש־רעוויזיאָניסטישע און אַנדערע רעאַקציאָנערע עלע־מענטן, וועלכע האָבן זיך געשאַפן אַ נעסט אין געוויסע ציוניסטיש־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס און האָבן אָנגעמאַכט אַ בהלה אונטער דער לאָזונג „יציאת פוילן" **).

צווישן די אַרגומענטן קעגן דער מאַסן־אויסוואַנדערונג איז אויך געווען אַ פעסטשטעלונג, אַז „עס פאַרן אַוועק די נישט אַרבעטנדיקע". אין דער ווירקלעכקייט האָט עס אָבער אויסגעזען אַנדערש. אין דעם עמיגראַציע־שטראָם האָט זיך נישט געלאָזט דורכפירן קיין שום סאָציאַלע שיידליניע.

מיטן שטייגן פון דער עמיגראַציע איז אַלץ שאַרפער געוואָרן דער דירעקטער

---

*) אין „בונד" זענען געווען סיי קעגנערס און סיי אָנהענגערס פון פאַרלאָזן פוילן. די לעצטע זענען געשטיצט געוואָרן דורך דעם בונדישן צענטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

**) „פאָלקס־שטימע" נומ. 7, 1946. די ווערסיע וועגן „אגודיסטיש־רעוויזיאָניסטישע עלע־מענטן" איז געקומען נאָך אַן אינפאָרמאַציע פון די זיכערהייטס־אָרגאַנען, וועלכע האָבן אַרעסטירט דריי יידן — דוד דראַזנין, אַדור' ראַטשקאָ און פערלאַ, אַלס באַשולדיקטע אין אָרגאַניזירן אַן אומלעגאַלע רעוויזיאָניסטן־פּאַרטיי.

קאַמף פון די יידישע פפ״ר־טוערס קעגן די פאַרבינדעטע אין די קאָמיטעטן. מיט צוויי נומערן ווייטער קאָנסטאַטירט די „פאָלקס־שטימע״, אַז „בעת אַנדערע פּאַר־טייען האָבן זיך דערהויפּט פאַרנומען מיט בויען פאַרטייִשע עמיגראַנטן־הייזער פאַר אַלט און יונג... מיט אונטערוואַרעמען פּאַניק־שטימונגען פון דער דעקלאַ־סירטער, אויסגעוואָרצלטער יידישער באַפעלקערונג און טראַנספּאָרטירן זיי אין די דייטשע און עסטרייכישע אומקום־לאַגערן, ווען די דאָזיקע פאַרטייען האָבן געמאַכט באַמיִונגען צו פאַרוואַנדלען די יידישע קאָמיטעטן אין עמיגראַציע־ביוראָען — האָט אונדזער פאַרטיי גענומען די איניציאַטיוו אין די יידישע קאָמיטעטן צו ריכטן זייער הויפּט־אויפגאַבע אויף צו באַשעפטיקן די יידן, צו שיקן זיי אין די מלוכה־פאַבריקן, אין פּריוואַטע אונטערנעמונגען, קאָאָפּעראַטיוון א״א״.

גאָר שנעל האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען טרויעריקע ידיעות פון די לאַגערן, וווּהין יידן פון פּוילן זענען מאַסנווייז אָנגעקומען. די לאַגע איז דאָרט געווען אַן אומגעהויער שווערע. די באַציִונגען מצד דער דייטשער באַפעלקערונג איז אין אַ סך פאַלן געווען אַן אָפן־פיינטלעכע. סיי אין דער פּרעסע און סיי בעת אַרויס־טרעטונגען אויף מיטינגען זענען אויסגענוצט געוואָרן דורך אונדז אַזעלכע ידיעות פון די אויסלענדישע צייטונגען און פון לעבעדיקע עדות — צוריקגעקומענע קיין פּוילן. דער געוועזענער אַמעריקאַנער אונראַ־דירעקטאָר אין דילהיים, סידניי פּלאַטאָן, האָט געהאַט איבערגעגעבן, אַז אין משך פון 11 וואָכן זענען אין די לאַגערן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד 27 יידן. דער מיטגליד פון דער עקזעקוטיוו פון דער יידישער אַגענץ, אליהו דאָבקין, האָט אַלאַרמירט וועגן דער וואַקסנדיקער אַנטיסעמיטישער באַציִונג מצד די דייטשן, איבערגעבנדיק דערביי, אַז אין איין וואָך זענען דערמאָרדעט געוואָרן 3 יידן; אַז אין מינכען האָט מען אַרויסגעוואָרפן יידן פון די טראַמווייען.

די דאָזיקע פאַקטן האָבן געמאַכט אַן איינדרוק, באַזונדערס אויף יענע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געוואַקלט, אָדער האָבן זיך געפילט אידעיִש־נאָענט צו דער פפ״ר. דער עמיגראַציע־שטראָם איז אָבער דורך דעם נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן. אין משך פון איין חודש סעפּטעמבער 1946 זענען אין דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־זאָנע צוגעקומען ביי 28.000 יידן (צוזאַמען זענען שוין דאָרט געווען קרוב 108.000 יידן), אין דער ענגלישער זאָנע זענען בלויז אין בערגען־בעלזען געווען 10.000 יידן.

נישט געקוקט אויף די פאַרזיכערונגען, וואָס דער מיניסטער פאַר עפנטלעכער זיכערקייט האָט געגעבן, אַז מ׳וועט קוקן צווישן די פינגער אויף דער „אומלע־גאַלער״ עמיגראַציע, זענען פון צייט צו צייט דאָך דערגאַנגען אויף דער גרענעץ מיט טשעכאָסלאָוואַקיע צו אינצידענטן, אַפילו צו אַ שיסעריי מיט קרבנות מצד די יידן. אַזוי זענען אויף דער גרענעץ ביי קלאָדזק פאַרהאַלטן געוואָרן 30 יידן. אין אַלע אַזעלכע פאַלן פלעגן די ציוניסטישע קאָמיטעט־מיטגלידער זיך ווענדן וועגן אינטערווענצן צו דער „צענטראַלער פראַקציע״, וועלכע האָט אַרויסגעוויזן, נישט געקוקט אויף דער אַנטי־עמיגראַציע־פּראָפּאַגאַנדע, פיל איניציאַטיוו ביים פאַרלייכטערן יענע, וועלכע האָבן זיך אַנטשלאָסן אויסצוּוואַנדערן. אויף דעם גרע־

נעץ־פונקט ביי קלאָדזק איז מיט דער הילף פון „דזשאָינט" איינגעאָרדנט געוואָרן אַ קיך פאַר די „אומלעגאַלע" עמיגראַנטן. אין דער אַגיטאַציע, צום באַווייזן די יידיש־הומאַניטאַרע שטעלונג פון די פפ"ר־טוערס, איז די דאָזיקע קיך באַצייכנט געוואָרן אַלס אויסדרוק פון ווילן, אַז די עמיגראַנטן זאָלן מיט אַ גוט וואָרט געזעגענען פוילן.

צו די קעגנזאַצן, וואָס זענען אַרויסגעדרונגען פון דער „צעשפּאָלטנקייט" אין דער שטעלונג סיי לגבי דער יידישער אויסוואַנדערונג פון פוילן (פולע פרייהייט פאַר עמיגראַציע, אויך פאַר דער „אומלעגאַלער", און פּאָליטישע פּראָפּאַגאַנדע קעגן פאַרלאָזן פוילן) און סיי לגבי דער יידישער נאַציאָנאַלער איינציקייט (אין די יידישע קאָמיטעטן — איינהאַלטן זיי מיט אַלע כוחות און אין דער פּאַרטייִשער פּראָפּאַגאַנדע — באַקעמפן די ציוניסטישע מיטשותּפים פאַר זייערע באַמיִונגען צו פאַרוואַנדלען די יידישע קאָמיטעטן אין עמיגראַציע־ביוראָען), זענען צוגעקומען אויך די ווידערשפּרוכן אין דער באַציִונג צו די יידיש־אויסלענדישע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן געווירקט סיי אין פוילן און סיי מחוץ פון אים.

מיר האָבן געוווסט, אַז די פאַרשטייערשאַפט פון „דזשאָינט" אין פוילן האָט ביי זיך אָרגאַניזירט אַן עמיגראַציע־אָפּטייל, וואָס האָט געהאָלפן פאַרבינדן משפחות און אויסוואַנדערן דירעקט אין מערב־לענדער, איבערהויפּט אין די לאַגערן. באַזונדערע באַמיִונגען זענען געמאַכט געוואָרן מצד דעם „דזשאָינט" מיט דער הילף פון פאַרשידענע אינערלעך־יידישע קערפּערשאַפטן, אויסצוגעפינען יידישע קינדער, וואָס זענען געראַטעוועט געוואָרן דורך פוילישע משפחות, דורך קאַטוילישע גייסטלעכע, דורך קלויסטער־שוועסטערס און זיי ברענגען אין יידישע קינדער־היימען. פון דאָרט פלעגט מען אָפט אַרויספירן די קינדער אין פאַרשידענע לענדער.

נאָך זייער באַזוך אין פוילן האָט דער רעדאַקטאָר פון דער אַמעריקאַנער יידישער טאָג־צייטונג „דער טאָג", ד"ר מאַרגאָשעס, צוזאַמען מיט דעם פירער פון די רעכטע פועלי־ציון אין די פאַראייניקטע שטאַטן, לואי סיגאַל, געפירט אונטערהאַנדלונגען מיטן פרעמיער־מיניסטער פון שוועדן, האַנסאָן, וועגן אַרויספירן 2.000 יידישע קינדער פון פוילן. אַ גרעסערע גרופּע יידישע קינדער זענען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין מעקסיקע. די הילף פון „דזשאָינט" איז אין אַלע אַזעלכע פאַלן געווען זייער אַ באַטייטנדיקע. קעגנווירקן דער עמיגראַציע־טעטיקייט פון „דזשאָינט" איז געווען נישט מעגלעך. דאָס וואָלט געבראַכט צו אַ קאָנפליקט מיט דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געפירט אַ זייער ברייטע הילפס־טעטיקייט לטובת דער יידישער פאַראָרעמטער און אויסגעמאַטערטער באַפעלקערונג. דערצו נאָך האָבן פאַר דער פוילישער מלוכה־מאַכט געהאַט אַ קענטיקע באַטייטונג די דאָלאַרן, וואָס דער „דזשאָינט" האָט אַריינגעבראַכט. האָט מען דעריבער געמוזט „פאַרזען" די מיטווירקונג פון „דזשאָינט" ביים פּראַקטישן רעאַליזירן די „יציאת־פוילן"־פּאָליטיק.

אַן ענלעכע באַציִונג איז אויך געווען צו אַנדערע יידיש־אויסלענדישע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן אין אונטערשייד צום „דזשאָינט" געהאַט בלויז באַגרענעצטע

צו באַשטימטע פּאָליטישע סביבות אויפגעגעבן. אַזוי איז עס געווען מיטן אַמעריקאַנער יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, וועלכער האָט דער עיקר געשטיצט די אינסטיטוציעס פון „בונד", פון די פּועלי־ציון (זייערע פּאַרטייִשע קאָאָפּעראַטיוון, שולן, קינדער־אָרגאַניזאַציעס א"א).

אַרויסטרעטן קעגן אַזעלכע און ענלעכע יידיש־אויסלענדישע פאַקטאָרן, האָבן די יידישע קאָמיטעטן נישט געקענט, ווייל אַלע אָן אויסנאַם פּאַרטנערן וואָלטן נישט אונטערגעהאַלטן אַזאַ אַרויסטריט פון די פּפּ"ר־פאַרשטייערס און ממילא וואָלט עס געוואָרן אַ פאַקטאָר און אויסדרוק פון אינערלעכער צעשפּאָלטנקייט.

די אויפגעצווונגענע טאָלעראַנץ פלעגט צייטנווייז זיך ענדיקן, ווען אויסלענדישע געסט — און זייער צאָל איז כסדר געוואַקסן — פלעגן אויסנוצן זייער באַזוך, כדי אָפּן אַרויסטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען אין פאַרשידענע שטעט מיטן רוף פון יציאת פּוילן. אַזוי איז עס געווען מיטן שליח פון ארץ־ישראל, רוקח, וועלכער איז אַרויס־געטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען אין לאָדזש, אין ביעלסק און אין אַנדערע שטעט מיט אַזעלכע רייד, ווי „די פּראָדוקטיוויזאַציע פון יידן אין פּוילן האָט נישט קיין שום ווערט", „די יידן וועלן סיי ווי פאַרלאָזן פּוילן" און די דערקלערונג, וועלכע האָט אַרויסגערופן אַן אויפרעגונג, אַז „מיר דאַרפן נישט אייערע פּראָטעסטן קעגן ענגלישן טעראָר אין ארץ־ישראל".

צו אַ שאַרפן, עפנטלעכן רעאַגירן איז געקומען נאָך אַן אַרויסטרעטונג פון דעם באַקאַנטן פון פאַר דער מלחמה זשורנאַליסט, ד"ר עזריאל קאַרלעבאַך, וועל־כער איז געקומען פון ארץ־ישראל. ער האָט זיך באַמיט צו פאַרגרעסערן די פּאַניק צווישן יידישן עולם מיטן רוף: אַנטלויפט!. לויט אַ פאָרשלאַג פון דער פּפּ"ר־פראַקציע האָט דאָס פּרעזידיום פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט אָנגענומען וועגן דעם אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע, אין וועלכער עס ווערט באַצייכנט, אַז „ד"ר ע. קאַרלעבאַך האָט מיסגעברויכט מיט זיינע רעכט אַלס גאַסט".

די אַלגעמיינע טאָלעראַנץ, וואָס איז אַרויסגעוויזן געוואָרן לגבי אַלע פּילצאָ־ליקע באַזוכער פון אויסלאַנד (אייניקע פלעגן ספּעציעל איינגעלאַדן ווערן אויף זיצונגען פון פּרעזידיום פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, פריינדלעך באַגריסט ווערן און מ׳פלעגט מיט זיי דורכפירן אַ מיינונגס־אויסטויש אויף אַקטועלע טעמעס) און אַפילו די ספּעציעלע רעזאָלוציע קעגן מיסברויכן מיט דער פּוי־ליש־יידישער גאַסטפריינדלעכקייט, האָט נישט געווירקט אויף אָפּצוהאַלטן פון פאַרשפּרייטן פּאַניק־שטימונגען צווישן די יידן. אַלץ שאַרפער זענען געוואָרן די אַרויסטרעטונגען מצד די פּפּ"ר־טוערס אין די יידישע קאָמיטעטן, נאָר באַזונדער אין דער „פאָלקס־שטימע", קעגן די וואָס קומען שטערן, אָנשטאָט צו העלפן.

עס איז אַפילו געווען אַ פאַל, ווען אַ באַקאַנטער יידישער זשורנאַליסט האָט בעת זיין באַזוך אין פּוילן אָנגעבונדן קאָנטאַקטן מיטן אַנטיסעמיטישן קלער, און פראָדוצירט אַ פילם וועגן איבערגעפּולטע קאָשטשאָלן. דעם דאָזיקן פילם האָט ער פאַרקויפט די פיינטלעכע צו פּוילן עמיגראַנטן אַלס באַווייז, אַז די נייע מאַכט האָט נישט קיין ווירקונג צווישן פּוילישן פאָלק.

די דאָזיקע און פיל ענלעכע פאַקטן זענען באַוווּסט געווען די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי האָט געהאַט צו אונדז פּרעטענזיעס צוליב דעם צו גרויסן ליבעראַליזם לגבי מענטשן, וועלכע נוצן אויס זייער באַזוך אין פּוילן, כדי צו שטערן, צו פאַרגרעסערן די צעטומלעניש, וואָס האָט געהערשט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג.

די איינציקע וועלכע האָבן אָן שום באַוואָרענישן זיך געשטעלט אין שוץ פון די בויערס פון יידישן יישוב אין נייעם פּוילן און האָבן אָרגאַניזירט אַ ממשותדיקע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע און באַטייטנדיק־מאַטעריעלע הילף, זענען געווען די ראַדיקאַלע, לינקע אָרגאַניזאַציעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, אַרגענטינע, אורוגוואַי, בראַזיל און פון אַנדערע לענדער, וועלכע האָבן, נישט געליטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. צווישן די ערשטע, וועלכע זענען שוין אין 1945 געקומען מיט דער פולער גרייטקייט צו העלפן, איז געווען דער שליח פון די לינקע אָרגאַניזאַציעס אין קאַנאַדע, שלמה ליפשיץ. מיט אַ צייט שפּעטער איז פון דאָרט געקומען איינער פון די פּאָפּולערסטע יידישע אַרבעטער־טוערס, דער פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַט י. ב. זאַלצבערג, דער רעדאַקטאָר פון דער לינקער יידישער פּרעסע י. גערשמאַן, דער סעקרעטאַר פון פאָלקס־אָרדן, מ. בידערמאַן. אין זייערע אַרויסטרעטונגען אויף פילצאָליקע מאַסן־פאַרזאַמלונגען האָבן זיי אַרויסגעהויבן דעם באַטייט פון נייעם יידישן יישוב אין פּוילן און גערופן צו באַרויִקונג.

אין דער צייט פון קעלצער פּאָגראָם האָבן אין פּוילן זיך געפונען דער רעדאַקטאָר פון דער ראַדיקאַלער יידישער טאָג־צייטונג אין אַמעריקע „מאָרגן־פרייהייט", פּסח נאָוויק, און דער אָנפירער פון דער מאַסן־אָרגאַניזאַציע, „אינטערנאַציאָנאַלער פאָלקס־אָרדן", ראובן זאַלצמאַן. זיי האָבן שטאַרק געהאָלפן מיט זייערע אַרויסטרעטונגען כמעט אין אַלע יידישע יישובים פון פּוילן צום אָנטקעגנשטעלן זיך די פּאַניק־שטימונגען. זיי האָבן נישט בלויז צוגעזאָגט, נאָר האָבן ממשותדיק אָרגאַניזירט אַ הילפס־אַקציע. די מאַטעריעלע הילף מצד דעם „אָרדן" האָט אין די דעמאָלטיקע באַדינגונגען געהאַט אַ גרויסע באַטייטונג. דער „אָרדן" האָט אויך געהאָלפן מיט לינאָטיפּן פאַר דער יידישער דרוקעריי פון „דאָס נייע לעבן" אין לאָדזש, ווו עס האָבן צו יענער צייט זיך געדרוקט די יידישע אויסגאַבן פון אַלע פּאַרטייען.

אויף אַ ספּעציעלער זיצונג פון פּרעזידיום פון צענטראַל־־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן בעתן געזעגענען די געטרייע פריינד פון אַמעריקע, איז ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן די באַטייטונג פון דער מאָראַלישער, פּאָליטישער און מאַטעריעלער הילף מצד די יידישע ראַדיקאַלע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן און זייערע שליחים פּ. נאָוויק און ר. זאַלצמאַן. מיט מאָראַלישער און מאַטעריעלער הילף זענען אויך געקומען די טוערס פון „אַרבעטער־רינג" אין לאָנדאָן, אַליק וואַטערמאַן, אברהם האָלאַנד א"א. צו אַ הילפס־אַקציע איז אויך צוגעטרעטן דער „פאַרבאַנד פון די פּוילישע יידן אין פראַנקרייך" בראש מיט זיין פאָרזיצער, דעם געוועזענעם בערעזע־געפאַנגענעם, פאַווין. אַ דעלעגאַציע פון

פֿאַרשידענע אַמעריקאַנער פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען, בראש מיט די באַקאַנטע אַרבעטער־טוערס י. ווינאָגראַדסקי און אייב פֿיינגלאָס האָט מיט זיך געבראַכט הילף פֿאַר די יידישע קאָאָפּעראַטיוון און האָט אומעטום דערמוטיקט די אַרבעטער צום אויסדויערן.

געאיילט האָבן מיט אויסדרוקן פֿון טיפֿער צוגעבונדקייט צו די פּוילישע יידן די יידישע שרייבערס פֿון פֿראַנקרייך — משה שולשטיין, בנימין שלעווין, ד״ר חיים סלאָוועס. אַ לאַנגע צייט איז געווען אין פּוילן דער אַמעריקאַנער יידישער דיכטער אורי סול, וועלכער האָט זיך „איינגעשפּאַנט״ אין דער אידעיִש־געזעלשאַפֿטלעכער הילפֿס־אַרבעט, אַרויסטרעטנדיק אויף פֿילצאָליקע מאַסן־פֿאַרזאַמלונגען מיט לידער און פֿאָעמעס געשאַפֿענע אין פּוילן. געווײלט אין פּוילן און פֿיל מאָל אַרויסגעטרעטן צווישן יידן אין פֿאַרשידענע שטעט האָבן די דיכטערין דאָראַ טייטלבוים מיט איר מאַן ד״ר ה. מייער. די יונגע יידישע קינסטלערין פֿון ניו־יאָרק, עסטעל טאָמאַס, האָט זיך מאָביליזירט צו העלפֿן און איז געבליבן אַ צייט אַרבעטן אין דער פּיעש־יצער יידישער קינדער־היים. מיט אַ סך וואַרעמקייט זענען אומעטום אויפֿגענומען געוואָרן די באַוווּסטע אַקטיאָרן מאַלי פּיקאָן און יעקב קאַליך.

די און אַנדערע יידישע פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכע און קולטור־טוערס האָבן געשטאַרקט דעם מוט ביי יענע יידן, וועלכע האָבן זיך געוואַקלט און ביי די, וועלכע האָבן נאָך אַ לאַנגן יישוב־הדעת באַשלאָסן צו בלייבן אין פּוילן, העלפֿנדיק אין אַ באַטייטנדיקער מאָס צום „קומען צו זיך״ די געבליבענע נאָך דעם קעלצער פּאָגראָם.

די באַציִונג מצד אויסלענדישע יידישע פּאָליטישע, געזעלשאַפֿטלעכע, קולטור־רעלע אינסטיטוציעס און אינסטאַנצן, מצד באַזונדערע טוערס צו דעם יידישן יישוב אין פּוילן, צו דער נויטיקייט און מעגלעכקייט פֿון זיין ווייטערדיקער עקסיסטענץ, איז אין יענער צייט געוואָרן אַ צענטראַלע שייך־ליניע אין דעם יידישן לעבן אין די לענדער פֿון דעם מערב.

„די שטוב ברענט און דער זייגער גייט"

געברענט האָט פון אַלע זייטן. אין בשורה האָט אָנגעיאָגט די צווייטע: פון שטשעטשין, ווו עס האָבן שוין געגומען אָנקומען די ערשטע טראַנספּאָרטן מיט פּוילישע יידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז פון 11 טויזנט יידן געבליבן, אין משך פון אַ קורצער צייט, בלויז זיבן טויזנט. פון אויבער־שלעזיע זענען אין די ערשטע חדשים נאָך קעלץ אַוועק העכער 5 טויזנט יידן. פון קראָקע — 4 טויזנט, פון וואַרשע און דער געגנט — קרוב 7 טויזנט. אין טשענסטאָכאָוו זענען פאַרן קעלצער פּאָגראָם געווען 2500 יידן. גלייך נאָך קעלץ איז געבליבן אַ העלפט. אַנדערש האָט עס אין אָנהייב אויסגעזען אין נידער־שלעזיע, ווו עס איז געווען קאָנצענטרירט אַ פּיל־צאָליקער קאָלעקטיוו פון פּפּ"ר־טוערס אין די יידישע קאָמיטעטן. דאָרט האָט זיך געדוכט, ווען עס זיין אַנדערש. געווען זענען אָבער אויך דאָרט שטעט, ווי שווידניץ, ווו עס זענען געבליבן גאָר ווייניק יידן.

די אַלגעמיינע שטימונג ביי דער יידישער באַפעלקערונג האָט ערטערווייז זיך איבערגעגעבן אויף די יידישע פּפּ"ר־טוערס. די מיטגלידער פון דער „צענטראַלער פראַקציע" זענען נאָך אַנאַנד אַרומגעפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך, באַמיִענדיק זיך צו באַהערשן די לאַגע, רופנדיק די אַלטע קאָמוניסטישע טוערס צו גיין קעגן שטראָם, וועקן ביי די יידן צוטרוי צו דער נייער אָרדענונג, צו דער רעגירונג, וועלכע איז אַנטשלאָסן צו צערעכענען זיך מיט די שונאים.

אונדזערע באַמיִונגען צו באַווירקן די פּאָליטישע פּאַרטנערן אין די יידישע קאָמיטעטן *), אַז אין הסכם מיט דער אָנגענומענער דורך אַלע ווענדונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן, וועלכע איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אומעטום זאָלן זיי אויך „צולייגן אַ האַנט" צום באַרויִקן דעם עולם, האָבן קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן נישט געגעבן. חוץ אייניקע בונדישע טוערס, וועלכע האָבן זיך אָריענטירט אויף בלייבן אין פּוילן, ווי אויך אַ טייל פאַרשטייערס פון פּועלי־ציון, האָט קיינער נישט געהאָלפן אָפּצווענדן די שרעק, וואָס האָט געהערשט אין יידישע משפּחות. מען איז כלומרשט מסכים געווען מיט אונדז, אַז פּאַניק איז שעדלעך, אַז אַפילו פאַרלאָזן פּוילן דאַרף מען אויך אָן בהלה, אָבער אין דער פּראַקטיק האָט מען אַלץ געטאָן, כדי צו פאַרגרעסערן די צאָל אויסוואַנדערער. בלויז איינער פון צווישן די, וועלכע זענען געווען קעגן אונדזער איינשטעלונג, האָט זיך אַנטשלאָסן צו זאָגן אָפן, וואָס אַנדערע האָבן ביי זיך געטראַכט און האָבן דאָך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ

*) אין דעם פּאָליטישן זשאַרגאָן פון יענער צייט האָט מען זיי איראָניש באַצייכנט אַלס „דער פעכער" — אין פּויליש „וואַכליאַזש".

ווי אַ באַגײַטיקונג פֿאַר אונדזערע רייד. געווען איז עס דער אַקטיווער קעמפֿער פֿון וואַרשעווער געטאָ, דער שטילער, זייער באַשיידענער מענטש, וועלכער האָט רע־פּרעזענטירט די פּועלי־ציון — צ״ס, טוביה באָזשיקאָווסקי. ער איז עפֿנטלעך אַרויסגעטראָטן אין זײַן פּאַרטייִשן אָרגאַן „אונדזער וואָרט״ *) קעגן דער ווענדונג פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון די יידן אין פּוילן. „די ווונד האָט זיך אַרויסגעוויזן נישט צום פֿאַרהיילן — האָט ער געשריבן — אויב דער יידישער צענטראַל־קאָמי־טעט מיינט באמת די טובה פֿון די יידישע מאַסן, און אין דעם צווייפֿלען מיר נישט, זאָל ער זיך שטעלן בראש פֿון דער גרויסער מאַסן־באַוועגונג, וועלכע ציט צו די גרענעצן און אויסנוצן זײַן אויטאָריטעט אויף אַרײַנצוברענגען פּלאַנמעסיקייט און אָרגאַניזירן הילפֿס־אינסטיטוציעס אויף די גרענעץ־פּונקטן, וועלכע זאָלן העלפֿן און פֿאַרלײַכטערן דאָס אויסוואַנדערן פֿון די יידן״...

ווען צו יענעם מאָמענט, וואָלט אונדזער „צענטראַלע פּראַקציע״ צוזאַמען מיט דעם אָנפֿירנדיקן קערן פֿפּ״ר־טוערס אין אַלע יידישע קאָמיטעטן נישט אַרויסגעוויזן קיין געגנוגנדיקע אַנטשלאָסנקייט ביים פּאַרטייִדיקן די עקסיסטענץ־מעגלעכקייטן פֿון דעם יידישן יישוב אין פּוילן, וואָלט קיין אָרגאַניזירט יידיש לעבן מער קיין שום האָפּט נישט געקאָנט האָבן. עס וואָלטן העכסטנס געבליבן געציילטע מגינים יידן אַרום רעליגיעזע קהילות. ס׳וואָלטן אין אַ גרעסערער צאָל געבליבן בלויז יענע, וועלכע האָבן זיך באַמיט אָפּצומעקן יעדן סימן פֿון זייער יידישן אָפּשטאַם. דער אַלגעמיינער אויסקלאַנג פֿון אַזאַ סיטואַציע וואָלט שוין דעמאָלט געווען, אַז פּוילן, נאָך דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, באַווייזט, אַז אין די לענדער פֿון סאָוועטישן בלאָק איז נישטאָ קיין אָרט פֿאַר אַן אַלזייטיק־גלײַכבאַרעכטיקט יידיש לעבן. דאָס וואָלט באַטײַט, אַז די פּראָגראַם־איינשטעלונגען פֿון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן לגבי יידן האָבן פֿולשטענדיק באַנקראָטירט. דערמיט האָבן מיר, לאַנגיאָריקע קאָמוניסטישע טוערס, נישט געקאָנט און נישט געוואָלט שלום מאַכן.

דער גרויסער אַרבעט־אָנשטרענג פֿון די פֿפּ״ר־פֿאַרשטייערס אין די יידישע קאָמיטעטן איז אין יענער נאָכפּאָגראָם־צייט געווען געווענדעט אויף אײַנצוהאַלטן און באַשיצן די עקסיסטירנדיקע יידישע ווירטשאַפֿטלעכע און קולטור־־אינסטי־טוציעס, קאָנצענטרירן אַרום זיי וואָס מער געזעלשאַפֿטלעכע טוערס, איבערהויפּט אומפּאַרטייִשע, וועלכע זאָלן אין דער אַרבעט באַקומען דאָס געפֿיל פֿון געזעל־שאַפֿטלעכער מיטפֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דעם פֿאַראַנענעם יידישן פֿאַרמעגן.

אין אונדזער דעמאָלטיקער מאַסן־פּראָפּאַגאַנדע איז די אײַנשטעלונג געווען; נישט פֿאַראורטיילן אויף אַ דירעקטן אופֿן די אויסוואַנדערונג, נאָר אַרויסהויבן די מעגלעכקייט פֿון ווײַטערדיקער עקסיסטענץ, פֿון בייקומען די שוועריקייטן און געפֿאַרן.

מצד דער רעגירונג איז די באַציִונג געווען אַזאַ, אַז אין אַלע פֿאַלן איז מען אונדז דעמאָלט אַנטקעגנגעקומען מיט ממשותדיקער הילף. די פּאָליטישע אָנפֿירונג

---

*) נומער 6 פֿון 27טן אויגוסט 1946.

פון פוילן האָט געהאַט בדעה אַרויסצוקומען מיט אַ ספּעציעלן אַקט, וואָס זאָל געבן די יידן די זיכערקייט, אַז די רעגירונג וועט זאָרגן פאַר זייערע אַלזייטיקע אינ־טערעסן.

פון פּרעזידיום פון מיניסטאָרן־ראַט האָט מען צו וויסן געגעבן, אַז מיט מיר וויל זיך זען „דער אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר” (אַזוי האָט מען, צווישן זיך, באַצייכנט דעם מיטגליד פון פּאָליטביוראָ פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי, מיט וועלכן דער פּרעמיער־מיניסטער, וועלכער האָט רעפּרעזענטירט די פּוילישע סאָציאַליס־טישע פּאַרטיי (פּפּ״ס), פלעגט זיך באַראַטן אין אַלע פראַגן פון פּרינציפּיעלן כאַראַקטער). נאָך עטלעכע פראַגן וועגן מיין פּערזענלעכער לאַגע, וועגן משפּחה־ענינים (מיר זענען געווען אַלטע באַקאַנטע), האָט ער מיר געפרעגט, ווי וואָלט איך זיך פאַרקוקט אויפן פאָרשלאַג אָוועקצוגיין פון דער אַרבעט אין צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן. אויף מיין מאָמענטאַלער רעאַקציע, אַז איך בין נישט גרייט צו גיין אַרבעטן מחוץ דער יידישער געזעלשאַפטלעכער סביבה, האָט ער מיט אַ שמייכל צוגעגעבן, אַז עס האַנדלט זיך טאָקע וועגן אַן אַרבעט, וואָס וועט זיין דירעקט פאַרבונדן מיט יידן. ער האָט מיר געמאָלדן, אַז די רעגירונג האָט אָנגע־נומען אַ באַשלוס צו שאַפן אַ ספּעציעלן קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע ענינים ביים פּרעזידיום פון מיניסטאָרן־ראַט. בראש וועט שטיין אַ רעגירונגס־קאָמיסאַר. ער האָט מיר אָנגערופן דעם נאָמען פון באַשטימטן קאָמיסאַר — איגנאַצי ווזשאַס, אַן אַלטער קאָמוניסט, אַ פּאָליאַק *). מיר ווערט פאָרגעלייגט צו ווערן דער וויצע־קאָמיסאַר. אויף מיין איראָנישער באַמערקונג, אַז איך דאַרף עס זיין דער „אוטשאַני יעוורעי”, האָט ער מיט חידוש מיך אָנגעקוקט, נישט רעאַגירט און באַלד פאַרגעזעצט אין פריערדיקן טאָן וועגן דעם, אַז דורכן שאַפן דעם קאָמיסאַריאַט וועט קומען צום אויסדרוק די זאָרג פון דער רעגירונג פאַר דער איינאָרדענונג פון די יידן, וועלכע בלייבן אין פוילן און פאַר די מאַסן יידן, וועלכע קומען צוריק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

ער האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט מיינע רייד, מאָמענטנווייז זיך עפּעס פאַרצייכנט, מאַכנדיק דערביי קייקעלעך אַרום געוויסע ווערטער. איך האָב אים געזאָגט, אַז שוין דער נאָמען אַליין וועט אַרויסרופן חשד ביי דער פּילגעפּרוווטער יידישער באַפעלקערונג. „קאָמיסאַריאַט” וועט זיך אַסאָציירן מיט רעגירונגס־אינס־טיטוציעס אין די פאַרגאַנגענע צייטן, וועלכע האָבן אין פּוילן אַלע מאָל געווירקט קעגן די יידן. ער האָט מיר איבערגעריסן מיט דער באַמערקונג, אַז דער נאָמען איז נאָך נישט פּרעציזירט. ווירקלעך האָט אין דעם פאַרעפנטלעכטן דעקרעט זיך שוין

---

*) איגנאַצי ווזשאַס, אַ מאַיאָר פון דער פּוילישער אַרמיי, איז ביזן באַשטימען אים אַלס רעגירונגס־קאָמיסאַר פאַר דער פּראָדוקטיוויזאַציע פון דער יידישער באַפעל־קערונג געווען הויפּט־דירעקטאָר פון מלוכהשן אויטאָמאָבילן־אַמט.
אין די אָנהייב פופציקער יאָרן איז ער באַשטימט געוואָרן דורכן זיכערהייט־מיניסטעריום אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרן דורכפירן די אַזוי גערופענע פאַספּאָר־טיזאַציע פון דער באַפעלקערונג אין פּוילן.

גערעדט וועגן אַ רעגירונגס־קאָמיסאַר פאַר די ענינים פון פראָדוקטיוויזירן די יידישע באַפעלקערונג אין פוילן.

מיין דערוויידערונג איז דער עיקר געווען וועגן תוך פון די אויפגאַבן פון קאָמיסאַריאַט, וועלכער וועט ווערן אַ קאָנקורענט פון די יידישע קאָמיטעטן, וועט זיי אָפּשוואַכן און אַפילו ווירקן צו זייער ליקווידאַציע, ממילא צום ליקווידירן דעם גאַנצן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. איך האָב מיט קיין וואָרט נישט געגעבן אָנצוהערן וועגן דער סאָוועטישער דערפאַרונג. וואָס שייך מיר פערזענלעך בין איך נישט גרייט צו טוישן מיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אויף אַן אַדמיניסטראַטיווער. איך פיל מיך לחלוטין נישט פּאַסיק צו ווערן אַ רעגירונגס־באַאַמטער...

ביי די לעצטע ווערטער איז אין צימער אַריינגעקומען דער פרעמיער־מיניסטער. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט פאַרווונדערונג הערנדיק, אַז איך זאָג זיך אָפּ אָנצונעמען דעם אַמט פון אַ וויצע־קאָמיסאַר. „צי ווייסט איר אַז דאָס איז אַן אַמט, וואָס לויט דער נאָמענקלאַטור און זיין ראַנג איז ער גלייך צו אַ וויצע־מיניסטער ?...״ איך האָב אים געענטפערט, אַז איך האָב זיך קיין מאָל נישט געזען אויף אַזאַ מין אַמט. דערביי האָב איך געפרעגט, צי האָבן זיי נישט קעגן, אַז כ׳זאָל דעם גאַנצן שמועס רעפערירן פאַר דער „צענטראַלער פראַקציע״. ניין, זיי האָבן נישט קעגן און דערוואַרטן פון מיר אַ שנעלן, פּאָזיטיוון ענטפער.

ווען איך האָב וועגן דעם אַלעמען דערציילט שמעון זאַכאַריאַשן, האָב איך באַקומען דעם איינדרוק, אַז ער איז וועגן אַלץ געווען גוט אינפאָרמירט. עס איז געבליבן צווישן אונדז, אַז אויף אַ ספּעציעל־צונויפגערופענער זיצונג פון דער „צענטראַלער פראַקציע״ וועלן מיר דעם ענין אַלזייטיק באַטראַכטן. דאָרט האָב איך צום ערשטן מאָל אַרויסגעבראַכט די אַנאַלאָגיע מיטן יידישן קאָמיסאַריאַט, וואָס איז אין 1918 געשאַפן געוואָרן אין פּעטראָגראַד און גערעדט וועגן דעם, אַז אַ יידיש לעבן קען געדייען בלויז ביי די מעגלעכקייטן פון אַ ברייטער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, אַריענטירנדיק זיך נישט אויף קיין ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט, וואָס דעקרעטירט פון אויבן, נאָר אויף דער זעלבסטטעטיקייט פון אַ וואָס גרעסערער צאָל יידן און פון זייערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. דער קאָמיסאַריאַט וועט לויט דעם רעגירונגס־באַשלוס זיך דאַרפן פאַרנעמען מיט אויפגאַבן, וועלכע זענען ביז דעמאָלט געווען די עיקרדיקע פונקציע פון די יידישע קאָמיטעטן. ממילא קען קומען דערצו, אַז די יידישע קאָמיטעטן זאָלן אין הסכם מיטן רעגירונגס־דעקרעט ווערן בלויז אַ צולייג, אַלס ראַטגעבערישע אינסטאַנצן, צו דעם קאָמיסאַריאַט. אין דעם דעקרעט רעדט זיך אויך בפירוש וועגן „אויפזיכט איבער דער טעטיקייט פון די יידישע ווילטעטיקע אינסטיטוציעס״. פון דאַנעט די געפאַר, אַז די סאָציאַלע הילף, וועלכע האָט דעמאָלט פאַרנומען אַ גרויסן אָרט אין דער טעטיקייט פון די יידישע קאָמיטעטן, זאָל אונטערגעאָרדנט ווערן דעם רעגירונגס־אַפּאַראַט, אַזוי ווי דאָס איז אין זיין צייט געווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיין פאָרשלאָג איז געווען: זיך אַרויסזאָגן קעגן דער נויטווענדיקייט צו שאַפן אַזאַ קאָמיסאַריאַט און אין פאַל, ווען ער וועט דאָך אַנטשטיין — נישט מיטאַרבעטן מיט אים.

דער קאָמיסאַריאַט איז געשאַפֿן געוואָרן. דער קאָמיסאַר ווזשאָס האָט זיך פֿאַרנומען ברייט און גענומען אויסבויען אַ גאַנצן מיניסטעריאַלן אַפּאַראַט מיט וואָיעוואָדישע קאָמיסאַרן אין יענע געגנטן, ווו ס'האָט זיך קאָנצענטרירט אַ גרעסערע יידישע באַפֿעלקערונג. ער האָט גענומען אַרויסרופֿן צו זיך „אויף שמועסן" פֿאָרשטייערס פֿון אַלע ציוניסטישע ריכטונגען. כמעט אַלע האָבן אויסגעדריקט די גרייטקייט מיטצואַרבעטן מיטן קאָמיסאַר. די בונדישע דעלעגאַציע האָט נאָר געמאַכט אַ באַוואָרעניש, אַז זי זעט די אויפֿגאַבע פֿון קאָמיסאַריאַט אין באַקעמפֿן דעם אַנטיסעמיטיזם. בלויז מיר, פֿון דער „צענטראַלער פֿראַקציע", האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פֿירן שמועסן און מיטאַרבעטן מיטן קאָמיסאַר *).

אַזאַ לאַגע האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. מצד דעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי איז געקומען אַ קאַטעגאָרישע פֿאָדערונג מיר זאָלן מיטהעלפֿן דעם קאָמיסאַריאַט אין זיין אַרבעט. אין דער „פֿאָלקס־שטימע" האָבן זיך גלייך באַוויזן אַרטיקלען לטובת דעם קאָמיסאַריאַט. אין אַ רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף אַ לאַנד־קאָנפֿערענץ פֿון די יידישע קאָמיטעטן אין פּוילן (דעם 30־טן אָקטאָבער 1946), איז דערקלערט געוואָרן, אַז „דער רעגירונגס־קאָמיסאַריאַט קאָן אָפּשפּילן אַ פּאָזיטיווע ראָל אין לעבן פֿון די יידן אין פּוילן". דער קאָמיסאַר ווזשאָס פֿון זיין זייט האָט געמאַכט גרויסע באַמיִונגען צו געווינען די סימפּאַטיע פֿון דער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט. אין אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַר אַ יידישן עולם אין קראָקע (אין חודש אָקטאָבער 1946), האָט ער דערקלערט, אַז דער קאָמיסאַריאַט שטרעבט „דורכצוברעכן און באַזייטיקן דעם גאַנצן קאָמפּלעקס שוועריקייטן, וואָס קומען פֿון אַדמיניסטראַטיוון און קאָמונאַלן אַפּאַראַט, וועלכער איז נישט שטענדיק פֿריי פֿון אַנטיסעמיטיזם". ווירקלעך האָט דער קאָמיסאַריאַט זיך פֿאַרנומען מיט אינטערווענצן ביי פֿאַרשידענע מלוכה־אָרגאַנען וועגן ענינים, וואָס האָבן פֿאַרלאַנגט אַ שנעלע לייזונג אָדער ווען עס זענען געווען אָנקלאַגעס מצד די יידישע קאָמיטעטן, מצד פֿאָרשטייערס פֿון די יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען און אויך פֿון איינצלנע יידן. קיין שום פֿונקציע פֿון די יידישע קאָמיטעטן האָט דעם קאָמיסאַריאַט זיך נישט איינגעגעבן איבערצונעמען. זיינע מעגלעכקייטן, וואָס שייך קאַדרען און פֿינאַנסן, זענען געווען אָן אַן ערך קלענערע, ווי די מעגלעכקייטן פֿון די יידישע קאָמיטעטן. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז אין אַ יאָר אַרום, אין חודש אָקטאָבער 1947, האָט דער מיניסטער פֿאַר עפֿנטלעכער אַדמיניסטראַציע, וולאַדיסלאַוו וואָלסקי, דערקלערט אויף אַ לאַנד־קאָנפֿערענץ פֿון די יידישע קאָמיטעטן, אַז „די פּוילישע רעגירונג וועט אויך ווייטער, דורך דער אינסטיטוציע פֿון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכער שטעלט מיט זיך פֿאָר די רעפּרעזענטאַנץ פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין פּוילן, געבן די יידן אַלע מעגלעכקייטן פֿאַר אַ געזונט לעבן און מיר האָפֿן, אַז אַלע אייערע

*) אין דער אויסלענדישער יידישער פּרעסע האָט זיך באַוויזן פּונקט אַ פֿאַרקערטע ידיעה, אַז בלויז מיר זאָלן האָבן צוגעזאָגט מיטצואַרבעטן מיטן קאָמיסאַריאַט און אַלע איבעריקע פּאַרטייען האָבן זיך דערפֿון כלומרשט אָפּגעזאָגט.

פראָבלעמען וועלן דורך דער רעגירונג ווערן גינסטיק געלייזט". מיט קיין איין וואָרט איז שוין נישט דערמאָנט געוואָרן דער „רעגירונגס־קאָמיסאַריאַט פאַר פּראָדוקטיוויזירן די יידישע מאַסן". ער איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, בלייבנדיק אין משך פון דער גאַנצער צייט פון זיין עקסיסטענץ אין שאָטן פון דער פּילזייטיקער, דינאַמישער געזעלשאַפטלעכקייט און איר רעפּרעזענטאַנץ — די יידישע קאָמיטעטן.

די געפאַר פון אַן אַנטוויקלונג אין דער ריכטונג פון סאָוועטיזירן דאָס יידישע לעבן אין פּוילן, דורך אונטערוואָרפן די יידישע סביבה דעם צענטראַליזירטן מלוכה־אַפּאַראַט, איז צום צווייטן מאָל פאַרביי.

די פאַרשטאַרקטע אַלזייטיקע טעטיקייט פון די יידישע קאָמיטעטן, ווי אַן אויס־דרוק פון זעלבסטפאַרטיידיקונג אין אָנבליק פון דער עמיגראַציע־כוואַליע, האָט גלייכצייטיק מיטגעווירקט צום שטילן פאַרשווינדן פון דעם רעגירונגס־קאָמי־סאַריאַט.

אין יענער צייט — קודם כל אין דער צווייטער העלפט פון 1946טן יאָר — האָט עס ווירקלעך אויסגעזען ווי אין דעם אַנעקדאָט וועגן דער באַגעגעניש אויפן ים פון שיפן מיט יידן, וואָס פאָרן אין קעגנזײַטלעכע ריכטונגען. אין די אויסגעליי־דיקטע וווינונגען פון יידן, וועלכע זענען אַוועק איבער די מערב־גרענעצן, האָבן די יידישע קאָמיטעטן געגומען באַזעצן די אָנגעקומענע פון סאָוועטישן מזרח יידישע רעפּאַטריאַנטן. געווען איז עס אַן אַרבעט, וואָס האָט פאַרלאַנגט אַן אומגעט־הויערן אָנשטרענג. די מאַכט־אָרגאַנען האָבן געקוקט דורך די פינגער אויף דעם מאַסנהאַפטן פאַרנעמען דירות אַן דער דערלויבעניש פון די קאָמונאַלע אינסטאַנצן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן צענדליקער טויזנטער יידן. בלויז ביז דער העלפט פון חודש יוני 1946טן יאָר זענען אָנגעקומען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אַן ערך 115 טויזנט יידן, צווישן זיי 10 טויזנט קינדער. אין וועג האָבן זיך געפונען נאָך 20.000 יידן. מיר פלעגן סיסטעמאַטיש באַקומען ידיעות וועגן דער צאָל יידישע רעפּאַטריאַנטן, פון וואָס פאַראַ סאָוועטישע געגנטן זיי קומען און וווהין זיי ווערן געקערעוועט. אין דעם צענטראַלן רעפּאַטריאַציע־אַמט איז דעלעגירט געוואָרן דער מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן, י. פאַלק (פאַרשטייער פון „בונד") און ער פלעגט סיי אָפּעראַטיוו און סיי בעת זיצונגען פון פּרעזידיום, כסדר אינפאָרמירן וועגן גאַנג פון דער רעפּאַטריאַציע און וועגן די שוועריקייטן, וואָס זענען דערביי אויפגעקומען. אַזוי למשל האָט זיך געשאַפן אַן אומגעהויער־שווערע סיטואַציע אין שטשעטשין ווו עס זענען מיט אַ מאָל אָנגעקומען העכער 20 טויזנט יידן און עס איז נישט געווען קיין שום מעגלעכקייט צו שאַפן פאַר זיי אַ דאַך איבערן קאָפּ, שוין אָפּגערעדט וועגן באַשעפטיקן זיי. 200 יידן זענען אָנגעקומען אַרבעטן אין דאָרטיקן פּאָרט, 93 משפחות זענען אַוועק אין דער לאַנדווירט־שאַפט. דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון יידן אין פּוילן איז אויסגעקומען צו פאָדערן, אַז קיין שטשעטשין זאָל מען קיין רעפּאַטריאַנטן מער נישט שיקן.

גרויסע שוועריקייטן זענען אויך געווען אין נידער־שלעזיע. אויף 1500 יידן,

וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין שווידניץ, זענען 500 געווען אָן דירות. טראַנספּאָרטן זענען געבליבן שטיין אויף זייטיקע באַנרעלסן, ביז די יידן האָבן נישט באַקומען קיין דירות אין די נאָענטע שטעט און שטעטלעך. מיטן איינאָרדענען אין דירות און אָרגאַניזירן די ערשטע הילף, קודם כל מיט שפּייז־אַרטיקלען, האָבן זיך פאַרנומען די יידישע קאָמיטעטן פון שכנישע יישובים. צו זיי פלעגן זיך תיכף ווענדן סיי די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען, וועלכע זענען אינפאָרמירט געוואָרן וועגן טראַנספּאָרטן מיט יידישע רעפּאַטריאַנטן, און סיי דעלעגאַציעס פון די אָנגעקומענע יידן גופא. אַלס כלל פלעגן די רעפּאַטריאַנטן, שוין בעתן אַרויספאָרן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, אויסוויילן קאָמיטעטן, וועלכע האָבן געזאָרגט פאַר דער גוטער אָרגאַניזאַציע בעת דער לאַנגער רייזע. עס זענען געווען פאַלן, ווען די דאָזיקע רעפּאַטריאַנטן־קאָמיטעטן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין יידישע קאָמיטעטן פון די שטעטלעך, ווו זיי האָבן זיך באַזעצט. די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען האָבן אין הסכם מיט די דירעקטיוון פון מיניסטעריום און פון צענטראַלן רעפּאַטריאַציע־אַמט געהאָלפן די יידישע קאָמיטעטן אין דער שווערער אַרבעט צום אויסטיילן וווינונגען פאַר די יידישע רעפּאַטריאַנטן. דערביי איז די שטרעבונג פון די יידישע קאָמיטעטן געווען, אַז מ׳זאָל איינאָרדענען די ניי־געקומענע אין ערטער, ווו עס זענען שוין פאַראַן יידן, אָדער שיקן גרעסערע גרופן צוזאַמען, כדי שאַפן אַ נייעם יידישן יישוב. די יידישע קאָמיטעטן האָבן ענערגיש זיך קעגנגעשטעלט יעדן פרווו צו שיקן איינצלנע רעפּאַטריאַנטן־משפחות אין ערטער, ווו עס זענען נישטאָ קיין יידן.

צו יעדן ניי־אָנקומענדיקן טראַנספּאָרט מיט יידן־רעפּאַטריאַנטן פלעגן אויך קומען שליחים פון ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן אַגיטירט איבערצוגיין אין זייערע קיבוצים,*) זיי האָבן אויך געגעבן אינפאָרמירט ווי אַזוי מ׳קען פון פוילן אויסוואַנדערן אויפן מערב, כדי אָנצוקומען קיין ארץ־ישראל. אַלס כלל האָבן די פאַרשטייערס פון פפ״ר זיך באַמיט אויסצומיידן קריגערייען ביי די וואַגאָנען מיט די, וועלכע האָבן אַגיטירט צו פאַרלאָזן פוילן. עס זענען אָבער געווען פאַלן, ווען עס פלעגט דערגיין צו שאַרפע קאָנפליקטן. די ציוניסטישע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פלעגן בעת זיצונגען פון פרעזידיום אַרויסקומען מיט אינטערפעלאַציעס וועגן אַזעלכע פאַלן.

די יידישע קאָמיטעטן פלעגן אין יענער צייט ווערן ממש באַלאַגערט דורך גרויסע מאַסן יידן, קודם־כל דורך די רעפּאַטריאַנטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. געקומען איז מען דער עיקר צו די אָפּטיילן פון סאָציאַלער הילף. די פּאָזיציע פון סאָציאַלער הילף אין דעם אַלגעמיינעם בודזשעט פון די יידישע קאָמיטעטן איז דעמאָלט געווען די גרעסטע. דער „דזשאָינט" האָט דערויף געגעבן נישט בלויז באַטייטנדיקע געלט־סומעס, נאָר גרויסע סכומים שפּייז־פּראָדוקטן און אַ סך קליי־

*) ווי עס האָט איבערגעגעבן די פּרעסע פון די לינקע פועלי־ציון האָבן זיי צו יענער צייט געהאַט העכער 20 קיבוצים מיט אַן ערך טויזנט מיטגלידער.

דונג. אַ דאַנק דער בריית־אָרגאַניזירטער הילף האָבן יידישע מענטשן באַקומען מיט דער צייט אַן אַנדער אויסזען. עס איז ביסלעכווייז פאַרשוווּנדן די מלחמה־נויט, וועלכע איז געלעגן אויף זייערע פּנימער און איז באַזונדער קענטיק געווען אין דער קליידונג. פאַר די קינדער זענען אין דעם בודזשעט פון די יידישע קאָמיטעטן געווען אויסגעטיילט באַזונדערע פּאָזיציעס.

דאָס יידישע לעבן נאָך קעלץ האָט אָנגעהויבן צו באַקומען נאָרמאַלע קאָלירן. עס האָט אויסגעזען אַזוי, ווי עס וואָלט אויפּסניי אויפגעקומען די פּערספּעקטיוו פון אַן איינגעאָרדנטן, אָדער ווי מ׳האָט עס דעמאָלט באַצייכנט — פון אַ סטאַ־ביליזירטן יידישן לעבן, כאָטש די אויסוואַנדערונג האָט ווייטער געדויערט און עס זענען אין דעם שטראָם אַריינגעצויגן געוואָרן אויך יידישע משפּחות, וואָס האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך צו באַזעצן אין פּוילן.

אין איינע צוויי־דריי יאָר

געווען זענען עס פּאָר אונדז יאָרן פון צוריק־אויפגעקומענער האָפענונג, אַפילו פון זיכערקייט, אַז מיר וועלן בייקומען די שווערקייטן, וואָס האָבן זיך געשאַפן אין רעזולטאַט פון דער מאַסן־עמיגראַציע. געשטאַמט האָט די האָפענונג דערפון, וואָס די אויסוואַנדערונג, הגם זי האָט נאָך אָנגעהאַלטן אויך אין 1947טן יאָר, טיילווייז אַפילו אין 1948טן יאָר, האָט אָבער שוין געהאַט פאַרלוירן דעם אָנהייב־טעמפּ. קיין פּאַניק איז מער נישט געווען. די מורא, אַז מיר בלייבן פאַר־איינזאַמט און ס׳וועט נישט זיין וועמען „אַ גוט־מאָרגן" צו זאָגן, איז טיילווייז פאַרשוווּנדן. ווער עס האָט באַשלאָסן אַרויסצופאָרן, האָט עס געטאָן נאָך אַ גרינט־לעכן איבערלייגן.

די ענדערונג איז געקומען אין רעזולטאַט פון אַ ריי סיבות, צווישן וועלכע די וויכטיקסטע זענען געווען: 1) דער אָנקום פון מאַסן יידישע רעפּאַטריאַנטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד; 2) דער פאַרשטאַרקטער אָנשטרענג צום עקאָנאָמיש־ווירט־שאַפטלעכן פאַרפעסטיקן דעם יִשוב און 3) די פּראָפּאַגאַנדיסטישע און אָרגאַני־זאַציאָנעלע באַמיִונגען פון די יידישע קאָמיטעטן, פון זייער אָנפירנדיקן קערן — די פאַרשטייערס פון פפּ"ר.

שטעט, ווו עס האָט גענומען צאַנקען דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן, האָבן מיטן אָנקום פון די יידישע רעפּאַטריאַנטן צוריק אויפגעלעבט. חוץ דעם אומגע־הויער־גרויסן אָנשטרענג צו באַזעצן די יידן אין דירות און זיי איינאָרדענען אויף אַרבעט, איז אויפגעקומען די נויטווענדיקייט צום אויסברייטערן דאָס יידישע קול־טור־לעבן. די פּוילישע יידן, וועלכע האָבן אין ראַטן־פאַרבאַנד נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו באַטייליקן זיך אין אַ יידיש־געזעלשאַפטלעך און קולטור־לעבן, האָבן מיט גרויס גיריקייט אויפגענומען דאָס אַלץ, וואָס איז צו זיי געקומען אין יידישן וואָרט און שריפט. מאַסנווייז האָבן זיי זיך גענומען באַטייליקן אין די פּילצאָליקע מיטינגען און פאַרזאַמלונגען, וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן דורך די יידישע קאָמיטעטן און דורך די פאַרשידענע פּאָליטישע גרופּירונגען.

אַלס ביישפּיל קענען דינען די פאָלגנדיקע „קאַלענדאַרן" פון יידישע אונטער־נעמונגען אין לאָדזש און אין שטשעטשין אין משך פון איין זומערדיקן זונטיק פון 1946טן יאָר.

אין לאָדזש

9.30 אין דער פרי: אַ מיטינג פון די יידישע פּפּ"ר־טוערס געווידמעט דעם נאָענטן רעפערענדום, וועלכן די רעגירונג פירט דורך אין לאַנד.

11 אַ זייגער — אַ מיטינג פון „בונד" אויף דער זעלבער טעמע.

11 אַ זייגער — אַ קבלת־פּנים פאַר די דיכטער אברהם סוצקעווער און חיים גראַדע, איינגעאָרדנט דורך די ווילנער לאַנדסלייט.

2.30 נאָכמיטאָג: אַ פאָרשטעלונג פון יידישן טעאַטער „כאַסיע די יתומה".

4 נאָכמיטאָג: אַן אויפנאַמע אין יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין פאַרן באַוווסטן יידישן זשורנאַליסט בערנאַרד זינגער, וועלכער איז געקומען אויף אַ באַזוך פון לאָנדאָן.

5 אַ זייגער: אַ ליטעראַרישער נאָכמיטאָג אין דער יוגנט־היים פון יידישן קאָמיטעט מיטן אָנטייל פון די שרייבער יוסף אָקרוטני, שלמה בערלינסקי, יצחק יאַנאַסאָוויטש, חיים־לייב פוקס און משה קנאַפּהייס.

8 אין אָוונט: אַ פּאָליטישער פאָרום פון די לינקע פּועלי־ציון.

אין דער זעלבער צייט: אַ מסיבה פון רעליגיעזע קיבוצים.

אין שטשעטשין

אין דער פרי: 1) איינגעאָרדנט דורך די יידישע טוערס פון פּפּ"ר אַ פרימאָרגן פאַר יידיש־פּוילישער דערנעענטערונג; 2) השומר הצעיר — אַ רעפעראַט פון דעם דיכטער פון ישראל, בנימין טענענבוים אויף דער טעמע: „די נייע העברעישע קולטור אין ארץ־ישראל"; 3) אַפענער פאָרום פון „בונד"; 4) ליטעראַריש־וואָקאַלער פרימאָרגן איינגעאָרדנט דורך די לינקע פּועלי־ציון.

אין אָוונט: 5) אַ קאָנצערט, איינגעאָרדנט דורך די פּועלי־ציון — צ"ס.

" 6) אַ פאַרווײַלונג־אָוונט, איינגעאָרדנט דורך „איחוד".

" 7) אַ פאָרשטעלונג פון נידערשלעזישן יידישן טעאַטער „דער בלוטיקער שפּאַס" פון שלום־עליכם.

אַזוי אַן ערך האָט עס אויסגעזען אין אַנדערע גרעסערע ייִשובים. אין די קלענערע פלעגן אויך פאָרקומען אין משך פון פרייטן טאָג (שבת אָדער זונטיק) פּאָליטישע און קולטור־אונטערנעמונגען, הויפּטזעכלעך מיטן אָנטייל פון דעלע־גירטע פון די גרעסערע שטעט. בעת פאַרזאַמלונגען און מיטינגען, וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן דורך די יידישע קאָמיטעטן, פלעגן אַלס כלל קומען צום וואָרט, לויט אַ פאַרויסיקער פאַרשטענדיקונג, פאַרשטייערס פון אַלע פּאָליטישע ריכטונגען.

אַ באַזונדער גרויסע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון יידישן קולטור־לעבן האָבן געשפּילט די יידישע שרייבערס. זייערע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען, די פּיל־צאָליקע צונויפטרעפן מיט לייענערס, זייערע לידער, דערציילונגען און עסייען, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין דער גאַנצער יידישער פּרעסע, האָבן געשפּילט

אַ גרויסע ראָל ביים צוריקברענגען צום קולטור־לעבן מאַסן יידן, וועלכע זענען געווען אָפּגעריסן פונעם יידישן וואָרט בעת די מלחמה־יאָרן. טייל אַרויסטרעטונגען האָבן באַזונדער געווירקט צום באַרויִקן די יידישע געמיטער, אַפילו צום שטרעבן זיך איינצוּוואָרצלען אין דעם פוילישן באָדן. אין זיין „אגרת פוילן" האָט לעאָ פינקעלשטיין געשריבן: „דאָס גערעכטע בלוט־געשריי טאָר נישט דערשטיקן אונדזער פאָלקס־ווילן ווייטער צו לעבן און שאַפן אויף דער פוילישער ערד מיט וועלכער מיר זענען אָרגאַניש צונויפגעוואַקסן".

ווי אַ דערמוטיקנדיקער פאַקטאָר האָבן דעמאָלט געווירקט די פילצאָליקע באַריכט־רעפעראַטן פון די מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט נאָכן צוריקקומען פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, ווו דער אינטערעס צום גורל פון די פוילישע יידן און צו די פערספּעקטיוון פון יידישן ישוב אין פוילן איז געווען זייער גרויס.

פון דער אַנדערער זייט האָט שטאַרק דערדריקנדיק געווירקט דער פאַקט, וואָס דער דעמאָלטיקער פאָרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן, ד"ר עמיל זאָמערשטיין, איז נישט צוריקגעקומען פון אַמעריקע. קיין אַמעריקע איז אויך אַוועקגעפאָרן און שוין דאָרט געבליבן דער פאָרזיצער פון יידישן שרייבער־און זשורנאַליסטן־פאַראיין לעאָ פינקעלשטיין. עס איז נישט צוריקגעקומען פון קאָנגרעס פון די פּען־קלובן אין שוועדן די דעלעגירטע דורכן שרייבער־פאַראיין דיכטערין רחל קאָרן.

אָן רעש האָבן זיך געגרייט אַוועקצופאָרן קיין פּאַריז אַ סך פון די יידישע שרייבערס, וועלכע זענען אין פוילן, אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה, דער־מוטיקט געוואָרן אין זייער שאַפן און באַקומען די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן זייערע ביכער. זיי זענען אַוועקגעפאָרן מיט דער איבערצייגונג, אַז קיין יידישער ישוב וועט אין פוילן נישט זיין.

יעדן אַזאַ אַרויספאָר האָבן מיר שווער איבערגעלעבט, עס אויפגענומען ווי אַ באַווייז, אַז ביי אַלע ווירקלעכע דערגרייכונגען, וואָס האָבן געזאָלט געבן דעם יידישן מענטשן דאָס געפיל פון מעגלעכן באַפרידיקן זיינע פילזייטיקע באַדער־פענישן, קען נאָך קיין רייד נישט זיין וועגן אַ סטאַביליזירטן יידישן ישוב אין פוילן.

מיט אַלץ אַ גרעסערער עקשנות און ענערגיע איז די טוערס פון די יידישע קאָמיטעטן אויסגעקומען צו אַרבעטן, כדי צו שאַפן און באַפעסטיקן די עקאָנאָמיש־מאַטעריעלע באַזע פון דער יידישער באַפעלקערונג. אונדזער שטרעבונג איז געווען אַריבערצוטראָגן שטופנווייז דעם שווערפּונקט אין דער אַרבעט פון די יידישע קאָמיטעטן פון דער סאָציאַלער הילף אויף דער קאָנסטרוקטיווער פּראָדוקטיווי־זאַציע־אַרבעט.

אויף איינער פון די זיצונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן איז דערגאַנגען צו אַ שאַרפן שטרייט אַרום אונדזער פאָרשלאָג, אַז ביים באַטראַכטן ביטעס וועגן געבן מאַטעריעלע הילף, זאָלן די אָפּטיילן פון סאָציאַלער שוץ אַלע מאָל זיך פאַרשטענדיקן מיט די פּראָדוקטיוויזאַציע־אָפּטיילן. מיר האָבן מאָטיווירט

דעם דאָזיקן פֿאָרשלאָג דערמיט, וואָס אַ באַשטימטע צאָל יידן מיידט אויס צו גיין אַרבעטן, באַקומענדיק סיסטעמאַטישע פֿינאַנסיעלע שטיצע פֿון די יידישע קאָמי־טעטן. עס איז אונדז געגאַנגען אין דעם, אַז אַזעלכע יידן זאָלן איינגעאָרדנט ווערן אויף אַרבעט אַלס תנאי ווייטער צו באַקומען די סאָציאַלע הילף ווי אַ צוגאָב צום אַרבעטס־לוין.

דער דאָזיקער אופֿן פֿון מאַטעריעלן סטימולירן די פּראָדוקטיוויזאַציע איז ברייט אָנגעווענדעט געוואָרן לגבי גאַנצע גרופּן יידישע אַרבעטער, הויפּטזעכלעך פֿון דער שווער־אינדוסטריע. אַזוי, למשל, האָבן אַלע 1034 יידישע קוילנגרעבער פֿון די וואַלבזשיכער און אויבערשלעזישע גרובנס, באַקומען צוגעצאָלט פֿון די יידישע קאָמיטעטן אַ רעגולערן חודש־צוגאָב. דאָס זעלבע איז פּראַקטיצירט גע־וואָרן לגבי יענע, וועלכע האָבן זיך איבערקוואַליפֿיצירט אָדער געלערנט זיך אַ וועלכן עס איז פֿאַך אויף די קורסן פֿון „אָרט״.

צוזאַמען מיט דעם מאַטעריעלן סטימול האָבן מיר זיך באַמיט, סיי אין דער פּראָפּאַגאַנדע און סיי אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט, אַרויסצוהייבן דעם געזעלשאַפֿטלעך־פּאָליטישן אָנזעען פֿון דער יידישער פּראָדוקטיווער אַרבעט, איר נאַציאָנאַלן באַטייט ביים ענדערן דעם סאָציאַלן פּראָפֿיל פֿון דער יידישער באַפֿעל־קערונג — דעם איבערגאַנג פֿון די טראַדיציאָנעל־יידישע פֿאַכן צו די גרונט־צווייגן פֿון דער גרויסער אינדוסטריע. אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט אונדז דעמאָלט געדינט, אין אַ גאָר גרויסער מאָס, די איבערשיכטונג וואָס איז פֿאָר־געקומען צווישן אַ באַטייטנדיקן טייל פּוילישע יידן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד בעת די מלחמה־יאָרן. אַזוי, למשל, זענען צווישן 5600 פּוילישע יידן אין סווערדלאָווסק (אוראַל) געווען 26% הויך־קוואַליפֿיצירטע אינדוסטריע־אַרבעטער, הויפּטזעכלעך מעטאַליסטן; 22,5% ווייניקער־קוואַליפֿיצירטע מעטאַל־אַרבעטער; 38% אַרבעטער אין די אַרטעלן (אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון); 11% — גייסטיקע פּראָפֿעסיעס און 2% אין דער לאַנדווירטשאַפֿט*). אין פֿערגאַנאַ האָבן 70% יידישע אַרבעטער באַקומען נייע קוואַליפֿיקאַציעס. 900 פּוילישע יידן האָבן געאַרבעט אויפֿן „פֿאַר־כאַדסטראַי״. אין אַנדיזשאַן זענען 80% פֿון די דאָרטיקע פּוילישע יידן געווען פֿאַרנומען מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט. אַפֿילו אין טאַשקענט, וואָס האָט די סאָ־וועטישע אַנטיסעמיטן געדינט אַלס סימבול פֿון יידישן בלייבן אין הינטערלאַנד און פֿאַרנעמען זיך מיט ספּעקולאַציע, זענען 89% פּוילישע יידן געווען פֿאַרנומען מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט**).

די גרעסטע מעגלעכקייט צום איינאָרדענען אויף אַרבעט האָט געגעבן די גרויס־אינדוסטריע, הויפּטזעכלעך אין די נייע פּוילישע מערב־געביטן. אַ גרויסער טייל פֿון די פֿריִערדיקע קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער, זענען געווען דייטשן. זיי זענען

*) פֿון „ביולעטין פֿון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פֿון די פּוילישע יידן ביי דער הויפּט־פֿאַר־וואַלטונג פֿון פֿאַרבאַנד פֿון פּוילישע פּאַטריאָטן אין מאָסקווע (1טער נאָוועמבער 1945).

**) פֿון דעם זעלבן ביולעטין.

אָדער מאָביליזירט געוואָרן אין דער היטלערישער אַרמיי, אָדער זענען עוואַקויִרט געוואָרן קיין דייטשלאַנד. קוואַליפיצירטע פּוילישע אַרבעטער, וועלכע זאָלן לאָזן אין גאַנג די דעוואַסטירטע פאַבריקן, איז געווען זייער ווייניק. די געקומענע יידישע אַרבעטער האָבן גלייך פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט. אין דער וראָצלאַווער וואַגאָנען־פאַבריק זענען אין 1946טן יאָר געווען 500 יידישע אַרבעטער; אין דער גאַז־אונטערנעמונג, אין די טראַמוויי־וואַרשטאַטן זענען געווען העכער 100 יידן. אַ באַטייטנדיקע צאָל יידישע אַרבעטער איז געווען אין די לאָדזשער מלוכהשע טעקסטיל־פאַבריקן.

נישט געקוקט אויף די גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס עס האָט געגעבן די מלוכהשע גרויס־אינדוסטריע, איז אָבער די פּראָדוקטיוויזאַציע־טעטיקייט פון די יידישע קאָמיטעטן געווען הויפּטזעכלעך קאָנצענטרירט אַרום דער אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון.

שוין אין דער ערשטער העלפט פון 1946טן יאָר זענען דורך די יידישע קאָמיטעטן געשאַפן געוואָרן 50 קאָאָפּעראַטיוון. בראש פון די דאָזיקע קאָאָפּעראַטיוון זענען אַלס כלל געשטאַנען קוואַליפיצירטע יידישע אַרבעטער, לאַנגיאָריקע טוערס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָבן זייערע קענטעניש און דערפאַרונג אָפּגעגעבן דער אָרגאַניזאַציע פון קאָלעקטיווע אַרבעט־וואַרשטאַטן.

שאַפן אַ קאָאָפּעראַטיוו איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע קאָסטן (אין דער צייט ווען איינאָרדענען אויף אַרבעט אין דער מלוכה־אינדוסטריע איז געווען פאַרבונדן בלויז מיטן צוצאָלן צום אַרבעטס־לוין) און גאַרנישט לייכט איז אָנגעקומען צו געפינען פאַסיקע לאָקאַלן, און דאָך איז די צאָל יידישע אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון כסדר געוואַקסן. צום סוף פון 1946טן יאָר זענען בלויז אין נידער־שלעזיע געווען 80 יידישע קאָאָפּעראַטיוון און אין לאָדזש — 23. צוזאַמען מיט אַנדערע שטעט זענען צו יענער צייט שוין געווען 125 יידישע קאָאָפּעראַטיוון. אין גרעסטן טייל זענען דאָס געווען וואַרשטאַטן פון די טראַדיציאָנעל־יידישע בראַנזשעס (שניידעריי, שוסטעריי). די צאָל באַשעפטיקטע אין די קאָאָפּעראַטיוון איז נישט געווען קיין גרויסע. ביז צום 1טן יולי 1946, זענען אויף דער אַלגעמיינער צאָל 43.000 באַשעפטיקטע יידן געווען אין די קאָאָפּעראַטיוון בלויז 3400, אין דער צייט ווען אין דעם אינדיווידועלן האַנטווערק זענען געווען צוועלף טויזנט יידישע בעל־מלאכות. און דאָך זענען די פּראָדוקטיוויזאַציע־אָפּטיילן פון די יידישע קאָמיטעטן און דער ספּעציעל־געשאַפענער (נאָך אין לובלין) באַנק פאַר פּראָדוקטיוויזאַציע, געווען הויפּטזעכלעך פאַרנומען מיט העלפן פאַרפעסטיקן די עקסיסטירנדיקע קאָאָפּעראַטיוון און שאַפן נייע. די הילף איז באַשטאַנען אין געבן סובסידיעס און הלוואות, אין באַמיִען זיך צו באַקומען דורכן „דזשאָינט" רויוואַרג, צייטנווייז אַרבעטס־אינסטרומענטן. נישט ווייניק איז אויסגעקומען צו אינטערווענירן ביי די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען בעתן באַגעגענען שוועריקייטן. עס זענען געווען פאַלן, ווען די לאָקאַלע מאַכט האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם שאַפן יידישע קאָאָפּעראַטיוון

מיטן אויסרייד, אַז מ׳דאַרף נישט אָפּטיילן די יידישע אַרבעטער פון די פּוילישע, אַז דאָס איז נאַציאָנאַליזם אד״גל.

הגם עפּנטלעך און צווישן זיך האָט מען עס נישט געזאָגט, האָט אָבער די באַזונדער ענערגישע אַרבעט פון די יידישע קאָמיטעטן לטובת די קאָאָפּעראַטיוון געשטאַמט פון דער איבערצייגונג, אַז דורך קאָנצענטרירן אויסשליסלעך יידישע אַרבעטער אין וואַרשטאַטן, איבער וועלכע די יידישע קאָמיטעטן האָבן די אפּוט־רופּסות, שאַפט מען אַ זיכערע אינסטיטוציאָנעלע באַזע פאַר דער עקסיסטענץ און אַנטוויקלונג פון יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן. הגם מיר האָבן כסדר אַגיטירט פאַר אויסנוצן די מעגלעכקייטן צו אַרבעטן אין די גרויסע פאַבריקן *) און געמאַכט באַמיִונגען צו שאַפן ספּעציעלע פאָרמען פון אָרגאַניזירן יידישע אַרבעטער פון דער מלוכה־אינדוסטריע, ווי אויך די האַנטווערקערס פון די פּריוואַטע וואַרשטאַטן, איז אָבער די „צענטראַלע פיגור״ אין דער טעטיקייט פון די יידישע קאָמיטעטן געווען דער יידישער אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוו. אַ דאַנק דער הילף פון דעם יידישן קאָמיטעט אין וואָרצלאַוו איז דער שניידער־קאָאָפּעראַטיוו „זגאָדאַ״, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט דער באַקאַנטער וואַרשעווער יידישער אַרבעטער־טוער, יידל פלאַץ, אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסער, מאָדערנער פאַבריק מיט אַ הויך־קוואַליטאַטיווער פּראָדוקציע. אַן ענלעכער קאָאָפּעראַטיוו אין שטשעטשין איז אין זיין אַנטוויקלונג, ביי דער כסדרדיקער מיטהילף פון דאָרטיקן יידישן קאָמיטעט, דערגאַנגען צו אַזאַ פּאָזיציע אין דער אָרטיקער ווירטשאַפט, אַז די מאַכט־אָרגאַנען האָבן באַשלאָסן אים ביי אונדז צונעמען און פאַרוואַנדלען אין אַ מלוכה־פאַבריק.

צווישן די יידישע רעפּאַטריאַנטן איז אויך געווען אַ קליינער טייל, וועלכער האָט אין דער פאַרגאַנגענהייט געהאַט זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט (אין גאַליציע און אין ווילנער געגנט), אָדער האָט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד מיטגעבראַכט באַשטימטע אַגראַר־קענטענישן. זיי האָבן אויסגעדריקט דעם ווילן צו באַקומען ערד. די יידישע קאָמיטעטן אין נידער־שלעזיע און שטשעטשין האָבן אַקטיוו מיטגעווירקט צום איינאָרדענען קרוב 100 יידישע משפחות סיי אין אינדיווידועלע ווירטשאַפטן (אין דזשערזשאָניוו, ניעמטשע, ביעלאַווע) און סיי אין קאָאָפּעראַטיווע (אין סטאָוואָ, שטשעטשינער געגנט און אין קידלין, וואָרצלאַווער געגנט).

פון צייט צו צייט פלעגן פאָרקומען סיי וואָיעוואָדישע און סיי צענטראַלע באַראַטונגען פון די טוערס פון די פּראָדוקטיוויזאַציע־אָפּטיילונגען. אַ סך פון די דאָזיקע טוערס, וועלכע זענען אין דער פאַרגאַנגענהייט געווען אַרבעטערס, האָבן באַקומען פיל קענטענישן אין געביט פון דער ווירטשאַפט־אַדמיניסטראַציע בכלל און האָבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן פאַרנומען אָנגעזעענע שטעלעס אין אַלגעמיין־מלוכהשע ווירטשאַפט־אָרגאַנען.

---

*) דער פאָרשטייער פון „איחוד״ אין צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן, ד״ר ה. פרנס, האָט אין אָרגאַן פון די אַלגעמיינע ציוניסטן „אָפּיניאָ״ באַצייכנט דאָס שיקן יידישע אַרבעטער אין די מלוכה־פאַבריקן אַלס קינסטלעכע פּראָדוקטיוויזאַציע.

אַ באַטייטנדיקע גרופּע יידישע אינטעליגענץ, הויפּטזעכלעך מיט טעכנישער בילדונג, האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום די „אָרט"־קאָמיטעטן און אינסטיטוציעס. הגם דער „אָרט" האָט עקסיסטירט ווי אַן אויטאָנאָמער אָרגאַניזם, איז אָבער זיין טעטיקייט געווען אויפן ענגסטן אופן פאַרבונדן מיט די יידישע קאָמיטעטן, מיט די פּראָדוקטיוויזאַציע־אָפּטיילן. צום אונטערשייד פון „דזשאָינט" אין יענער צייט, בראש פון וועלכן עס איז געשטאַנען אַן אַמעריקאַנער בירגער און זיין טעטיקייט איז געווען אָפּהענגיק פון דעם דייטשן־פּאָליציי־צענטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז בראש פון „אָרט" געווען אַ קאָמיטעט אויסשליסלעך פון יידישע אָרטיקע טוערס, מענטשן איבערגעגעבענע דער פאָכשולונג און דער איבערקוואַליפיצירונג פון אַ סך יידן, הויפּטזעכלעך געקומענע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט פּראָפעסיעס, וועלכע האָבן קיין אָנווענדונג נישט געהאַט אין פּוילן. דער קאָמיטעט פון „אָרט" אין פּוילן איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דער אייראָפּעיִשער אָנפירונג פון „אָרט", וועלכע האָט זיך געפונען אין זשענעווע און האָט אַלע מאָל אַרויסגעוויזן אַ סך פילבאַרקייט און גרויס פאַרשטענדעניש לגבי די ספּעציעלע יידישע נויטן אין פּוילן. די „אָרט"־אָנפירונג אין זשענעווע איז הויפּטזעכלעך באַשטאַנען פון מענטשן, וועלכע זענען טראַדיציאָנעל געווען פאַרבונדן מיט יידישע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. די צוזאַמענאַרבעט מיט זיי איז אַלע מאָל געווען די סאַמע נאָענטסטע. אויב מיט דער „דזשאָינט"־אָנפירונג פלעגט צייטנווייז דערגיין צו שטרייטן אַרום בודזשעט־פראַגן און דעם אופן פון אויסנוצן די פינאַנסן, זענען מיטן „אָרט" כמעט נישט געווען וועלכע עס איז ווידעראַנאַנדן. אונדזער אַלעמענס באַציִונג צום „אָרט" און זיינע טוערס איז געווען פול מיט אָנערקענונג און גרייטקייט מיט אַלץ צו העלפן. די נשמה פון „אָרט" אין פּוילן איז געווען דער יידישער פאָלקס־אינטעליגענט, דער אינזשיניער דוד סלאָבאָדקין, וועלכער האָט ביז דער לעצטער מינוט אָפּ־געגעבן זיינע כוחות דער פּילזייטיקער פאָכשולונג.

צו די אויסלענדישע יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געאיילט מיט הילף דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן, האָט אויך געהערט דער וועלט־פאַרבאַנד „אָזע" — די אָרגאַניזאַציע אָפּצוהיטן דעם געזונט פון דער יידישער באַפעלקערונג. „אָזע" האָט אַזוי ווי דער „אָרט" געפירט זיין אַרבעט אין פּוילן בלויז דורך אָרטיקע יידישע טוערס, הויפּטזעכלעך באַקאַנטע יידישע דאָקטוירים, וועלכע זענען גע־שטאַנען בראש פון דער געשאַפענער אָרגאַניזאַציע „טאָז" *). די אַרבעט פון „טאָז" איז געגאַנגען אין צוויי ריכטונגען: 1) פאָרשן דעם געזונט־צושטאַנד פון די יידן נאָך דער מלחמה, נאָך די געטאָס און היטלערישע לאַגערן; 2) שאַפן אַ ברייטע נעץ פון הייל־אַנשטאַלטן, וועלכע זאָלן זיך ספּעציעל פאַרנעמען מיט גרינטלעכער הילף פאַר קראַנקע יידן. צום באַדויערן איז די פאָרשאַרבעט פון „טאָז" נישט אויסגענוצט געוואָרן פאַר ווויסנשאַפטלעכער פאַראַלגעמיינערונג **), אָבער אין דער

---

*) קיצור פון פּוילישן נאָמען „טאָוואַזשיסטוואָ אָכראָני זדראָוויאַ" — „געזעלשאַפט אָפּ־צוהיטן דאָס געזונט".

**) די מאַטעריאַלן געפינען זיך אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע.

היילונג־פּראַקטיק איז זי צו נוץ געקומען. דאַקעגן האָט דער „טאָז״ אויסגעבויט אין אַלע דעמאָלטיקע יידישע יישובים אין פּוילן (אין העכער 30 שטעט און שטעטלעך) אַמבולאַטאָריעס מיט אַ גרויסן פּערסאָנאַל דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטערס. דער „אָזע״־צענטער פון אייראָפּע האָט באַזאָרגט די דאָזיקע אַמבו־לאַטאָריעס מיט די נייעסטע מעדיקאַמענטן, וואָס זענען אין פּוילן נישט בנימצא געווען, ווי אויך מיט אַן אַנטשפּרעכנדיקער אַפּאַראַטור פאַר ספּעציעלע מעדיצינישע קאַבינעטן, כעמיש־באַקטעריאָלאָגישע לאַבאָראַטאָריעס א״א.

דער „טאָז״ האָט געמאַכט ספּעציעלע אָנשטרענגונגען צו היילן די פּילצאָליקע לונגען־קראַנקע. אין די געביידעס פון דער פאַרמלחמה־אָרגאַניזאַציע „בריאות״ אין אָטוואָצק, ביי וואַרשע, האָט דער „טאָז״ געשאַפן אַ סאַנאַטאָריע פאַר לונגען־קראַנקע. אַזאַ סאַנאַטאָריע איז אויך געשאַפן געוואָרן אין נידער־שלעזיע, אין דער שיינער געגנט יאַר, ווי אויך אַ קינדער־פּרעווענטאָריע אין נידער־שלעזיע. אין וואַלבזשיך איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעל יידישער שפּיטאָל. דער „טאָז״ האָט געמאַכט אַ סך באַמיונגען איינצואָרדענען יידישע קראַנקע אין אַלגעמיינע סאַנאַ־טאָריעס. חוץ די לונגען־קראַנקע איז אויסגעקומען צו געבן אַ סך הילף די יידישע מענטשן, וועלכע זענען נאָך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד קראַנק געוואָרן אויף מאַלאַריע. מיט גרויס איבערגעגעבנקייט האָבן די טוערס פון „טאָז״ געאַרבעט צום ראַטעווען דאָס געזונט פון יידישע קינדער און יוגנט. בלויז אין נידער־שלעזיע האָט דער „טאָז״ געשאַפן 16 אַנשטאַלטן פאַר יידישע זויג־קינדער.

קיין באַזונדער מזל האָט ביי אונדז נישט געהאַט די יידישע עמיגראַציע־געזעלשאַפט „היאַס״, וועלכע האָט אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן אָפּגעשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָל ביים העלפן יידן עמיגרירן אין פאַרשידענע לענדער פון אַמערי־קאַנער קאָנטינענט. קיין שום סימפּאַטיע צו סתם־עמיגראַציע איז נישט געווען ביי קיינעם פון די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן (חוץ ביי אייניקע פאַרשטייערס פון „בונד״ און גאָר באַזונדער — ביי פאַרשידענע שליחים פון פּילצאָליקע יידישע ווילטעטיקע אָרגאַניזאַציעס, דער עיקר יאַהודישע). דערפון האָט עס געשטאַמט, וואָס אַרום „היאַס״ איז נישט געווען קיין שום געזעל־שאַפטלעכע אַטמאָספער. מיט אירע שליחים איז קיין סיסטעמאַטישער קאָנטאַקט נישט אָנגעהאַלטן געוואָרן, הגם דער דזשאָינט פלעגט שטיצן פינאַנסיעל די משפחות, וועלכע פלעגן מיט דער הילף פון „היאַס״ באַקומען מעגלעכקייטן צו עמיגרירן אין מערב־לענדער *).

די שטרעבונג צו געזעלשאַפטלעכער אַקטיווקייט, וועלכע איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך די יידישע קאָמיטעטן און האָט דורך זיי, אין אַ סך פאַלן, באַקומען אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן אויסדרוק, האָט אויך געבראַכט צו ריין־לאָקאַלער איניציאַטיוו. אַזוי למשל, איז אין לאָדזש געשאַפן געוואָרן אַ יידישער בירגער־קאָמיטעט אויפ־

*) לויט אָפיציעלע ידיעות זענען אויף אַ לעגאַלן אופן, מיט אויסלענדישע פּאַספּאָרטן, אַרויסגעפאָרן אין 1946טן יאָר 158 יידישע משפחות, פון זיי 105 אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

צונעמען און העלפן איינאָרדענען די רעפּאַטריאַנטן; אין וואַלבזשיך — אַ געזעל־שאַפט פאַר קולטור און קונסט. פיל יידישע מענטשן האָבן זיך באַטייליקט אין דער אַנטשטאַנענער צו יענער צייט „ליגע צום קאַמף קעגן ראַסיזם״ בראש מיט דעם באַקאַנטן פוילישן סאָציאַליסטישן טוער ב. גורעצקי. ביי דער אַלפוילישער פּרויען־ליגע זענען אַנטשטאַנען יידישע פּרויען־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אַקטיוו מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט פון די יידישע קאָמיטעטן אין געביט פון שוץ איבער מוטער און קינד, אין דער אָרגאַניזאַציע פון זומער־קאָלאָניעס.

אין דער צווייטער העלפט 1946 האָבן מיר ענדלעך באַקומען די דערלויבעניש צו אָרגאַניזירן יידישע באַוואָפנטע אָפּטיילן ביי אַלע יידישע קאָמיטעטן. כדי צו לעגאַליזירן די דאָזיקע יידישע זעלבשוץ איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די יידישע באַוואָפנטע אָפּטיילן וועלן פיגורירן אַלס טיילן פון דער אַלגעמיין־מלוכהשער פרייוויליקער אָרגאַניזאַציע צו העלפן דער בירגער־מיליץ — „אָרמאָ״ (קיצור פון דעם פוילישן נאָמען „אָרגאַניזאַציאַ מיליציי אָביוואַטעלסקעי״ — אָרגאַניזאַציע פון דער בירגער־מיליץ), בראש פון דעם דאָזיקן יידישן זעלבשוץ האָבן מיר געשטעלט דעם לאַנגיאָריקן אַרבעטער־טוער שלמה כּץ *), וועלכער האָט געהאָלפן שאַפן און אינסטרויִרן די באַוואָפנטע יידישע גרופּן אין אַלע שטעט און שטעטלעך. די אַנטשטייונג פון דער יידישער זעלבשוץ האָט געשטאַרקט צווישן יידן דאָס געפיל פון זיכערקייט.

צוזאַמען מיט דער פילזייטיקער טעטיקייט פון די יידישע קאָמיטעטן און פון די ספּעציעלע יידישע אָרגאַניזאַציעס — די צענטראַלע, ווי די אָרטיקע — האָט דאָס געהאָלפן אין אַ באַטייטנדיקער מאָס בייצוקומען די וואַקלונגען, וואָס האָבן געהערשט ביי יידישע משפחות אַרום דער פראַגע „יאָ פאָרן — נישט פאָרן״, די ספיקות לגבי דעם מאָרגנדיקן טאָג, צי עס וועט קענען געדייען און זיך אַנטוויקלען אַ יידיש לעבן אויף די חורבות, אונטער וועלכע עס איז געלעגן באַגראָבן דער סאַמע דינאַמישסטער און שעפערישער יידישער ייִשוב אין אייראָפּע.

---

*) שפּעטער — דאָקטאָר פון מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן, דאָצענט פון וואַרשעווער פּאָ־ליטעכניקום, היינט — אין חיפהער פּאָליטעכניקום.

די זאָרג פאַרן מאָרגנדיקן טאָג

פאַר דער מערהייט טוערס פון די יידישע קאָמיטעטן, אין וואַרשע ווי אין אַנדערע גרעסערע און קלענערע שטעט, איז די אַרבעט נישט געווען קיין אופן פון לעבן „פון קעשענע אין מויל". געקערעוועט האָט מען זיך מיט דער איבער־צייגונג, אַז מיט דער פילזייטיקער טעטיקייט שאַפט מען רעאַלע מעגלעכקייטן פאַר אַנטוויקלען אַן אייגנאַרטיק, לויט די באַדינגונגען, יידיש לעבן. די דאָזיקע טוערס האָבן געטראַכט וועגן די פּערספּעקטיוון פון דער אַרבעט און אירע וייטגרייכנדיקע רעזולטאַטן.

געווען זענען אויך אויסנאַמען, דער עיקר צווישן די אָנפירנדיקע טוערס פון דער „צענטראַלער פראַקציע". אייניקע האָבן מיט זייער מאָטיווירן דעם זין פון דער אַרבעט פולשטענדיק דערמאָנט יענע צענטראַלע יעווסעקציע־טוערס אין סאָ־וועטן־פאַרבאַנד פון סוף־צוואַנציקער יאָרן, וועלכע האָבן „באַגרינדעט" די נויטיקייט פון דער אַזויגערופענער „יידישער אַרבעט" מיט דער חי־שעה און מיט דעם אַלגעמיינעם געבאָט פונעם מאָמענט, אָפּפרעגנדיק דעם נאַציאָנאַל־יידישן כאַראַק־טער, גאָר באַזונדער די נאַציאָנאַלע פערספּעקטיוון. די דאָזיקע מענטשן זענען געווען די שטענדיקע „איבערזעצערס" פון דער אַלגעמיין־פּאַרטיישער אָפּשאַצונג און ליניע, כדי זי אָנצווענדן אין דער יידישער סביבה. זייער אָפּט איז עס געטאָן געוואָרן אויף אַ מעכאַנישן אופן. ממילא איז וועגן די ריין־יידישע אויסזיכטן פון דער אַרבעט קיין אָפּענע רייד נישט געווען. גערעדט האָט מען וועגן אַלץ אין קאָנטעקסט פון די טאָג־טעגלעכע אַלגעמיין־מלוכהשע, פּאָליטישע און ווירטשאַפט־לעכע אויפגאַבן און זייער צילגעווענדקייט — די סאָציאַליסטישע בויונג פון לאַנד.

בולט האָט זיך אָנגעזען די באַציִונג צום מאָרגנדיקן טאָג מצד די ציוניסטישע פּאַרטנערן אין די יידישע קאָמיטעטן. זיי האָבן זיך באַטייליקט אין באַהאַנדלען די פאַרשידנסטע פראַגן פון דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטיק, אָבער אין זייערע פאַרשלאָגן האָט זיך אַלע מאָל אָנגעזען די איינשטעלונג אויף אַ „קורצער דיסטאַנץ", די אויסרעכענונג אויף אַ קורצדויערנדיקן לעבן אין פּוילן, הגם אָפן האָט מען וועגן דעם נישט גערעדט.

אויף איין פּונקט איז מען אָבער צו יענער צייט זיך פולשטענדיק צונויפ־געקומען — אויף דער נויטיקייט אָפּצוהיטן די שפּורן פון אונדזער פאַרניכטעטן נעכטן, גאָר באַזונדער פון דעם אומקום און פונעם ווידערשטאַנד־קאַמף בעת דער היטלערישער אָקופּאַציע פון פּוילן.

פאַר אַלעמען אָן אויסנאַם איז הייליק געווען דער פּלאַץ ביי דער אַמאָליקער

מיליטערישער תפיסה אין וואַרשע, אויף דער קרייצונג פון די גאַסן זאַמענהאָף און גענשע, ווו אַ פוילישער סקולפּטאָר האָט אויסגעפורעמט אַ פּליטע פון ברוינעם שטיין — אַן אָנדענק נאָך די יידישע אויפשטענדלערס, וועלכע האָבן אין פּסח־פאַרטאָג פון יאָר 1943 באַגעגנט מיט פייער די דייטשע אויסראָטערס. ביי דעם דאָזיקן שטיין האָבן נאָכן פאַרטרייבן די היטלערישע אָקופּאַנטן זיך פאַרזאַמלט די לעבנגעבליבענע אָנטיילנעמערס אין דעם יידישן קאַמף — יצחק צוקערמאַן (אַנטעק), מאַרעק עדעלמאַן, אַדאָלף בערמאַן, סאַלאָ פישגרונד, גוסטאַוו אַלעף־באָלקאָוויאַק, צוזאַמען מיט די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן. געווען איז עס די ערשטע אזכרה אין דעם צווייטן יאָרטאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד. דאָרט איז עס געבוירן געוואָרן דער געדאַנק אויפצושטעלן אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ אַ דענקמאָל, וואָס זאָל עדות זאָגן לדורות וועגן יידישן גורל און יידישן העלדנמוט. אַרום דעם פּראָיעקט פון אַזאַ דענקמאָל, וועלכער איז ביים סקולפּטאָר נתן ראַפּאַפּאָרט נאָך געבוירן געוואָרן בעת די מלחמה־יאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט זיך אַנטוויקלט אַן אינטערעסאַנטע דיסקוסיע. געווען איז אַ מיינונג, אַז די בראָנדזענע פיגורן פון די יונגע און אַלטע אויפשטענדלערס זאָלן האָבן בולטערע יידישע שטריכן, ווייל אין דעם סקולפּטאָרס פּראָיעקט זעען זיי אויס צו „אַלמענטשלעך". די מערהייט צווישן אונדז האָט געהאַלטן, אַז גראָד אויף דעם אופן קומט בולט צום אויסדרוק דער היסטאָרישער אויפטו פון די יידישע אויפשטענדלערס, דער אַלמענטשלעכער באַטייט פון דעם ערשטן אין אייראָפּע באַוואָפנטן אויפשטאַנד. געווען איז אויך אַ שטרייט, צי אין דעם אויסגעהאַמערטן פון שטיין „מאַרש צום טויט", אויף דער צווייטער זייט פון דענקמאָל, זאָלן זיך בולט אָנזען יענע, וועלכע האָבן געטריבן צום אומקום. די מערהייט איז מסכים געווען מיטן סקולפּטאָר, אַז קיין שום געשטאַלט פון די מערדער טאָר נישט פאַר־אומרייניקן דעם מאָנומענט פון יידישן אומקום און העלדנמוט. בלויז אַ סימבאָל, אַן אָנדייט דאַרף זיין. אַזאַ בלוטער אָנדייט זענען די טיפּיש־דייטשע מעטאַלענע קאַסקעס און די אַרויסשטאַרצנדיקע באַגנעטן איבער דער מאַסע צום טויט גע־טריבענע יידן.

צו דער אַרבעט ביים פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן, צום שאַפן די נויטיקע פינאַנציעלע מיטלען און דעם מאַטעריאַל פאַר אויפשטעלן דעם דענקמאָל, האָבן זיך גענומען אַלע אַן אויסנאַם געזעלשאַפטלעכע טוערס. צוויי מיטגלידער פון פּרעזידיום פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט — מ. ביטער און ס. פישגרונד —ביידע האָבן איבערגעלעבט דעם היטלערישן חורבן — זענען ספּעציעל אויסגע־טיילט געוואָרן, כדי זיך צו פאַרנעמען מיט דער גאַנצער אַרבעט ביים בויען דעם דענקמאָל. אין אַלע יידישע יישובים אין פוילן און אין דער גאַנצער וועלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ געלטזאַמלונג אונטער דער לאָזונג: „דאָס גאַנצע יידישע פאָלק בויט דעם דענקמאָל פון זיינע קעמפערס און מאַרטירערס" *).

*) דער טעקסט פון דעם אויפשריפט אויפן דענקמאָל אין יידיש, העברעיש און פויליש,

מיט דער הילף פון דעם פאַרשטייער פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין שוועדן, הלל שטאָרך, האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען די טייערע שטיינער־מאַסיוון, וועלכע זענען דורך די נאַצי־הערשער געווען פאַרגרייט אויף אויפצובויען זייער נצחון־דענקמאָל נאָכן פאַרשקלאַפן גאַנץ אייראָפּע. די זעלטענע שטיינער זענען געוואָרן דער יסוד פאַרן מאָנומענט.

ביי דער הילף פון די יידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס אין פראַנקרייך האָט מען דאָרט אויסגעגאָסן די מעטאַלענע פיגורן. אין דער גאָרער וועלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צו שיקן שליחים קיין וואַרשע, צו דעם 5טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, ווען דער דענקמאָל וועט אַנטהילט ווערן.

די ווירקלעך־אַלפאָלקישע אַקציע ביים אויפשטעלן דעם דענקמאָל, דער ברייטער רעזאָנאַנס אין דער גאָרער וועלט, האָט פאַרשטאַרקט ביי אונדז די האָפענונג אויף דעם מאָרגן פון פויליש־יידישן יישוב אַלס דעם היטער פון דער אויפשטאַנד־טראַדיציע און שטענדיקן מאָנער צו געדענקען וועגן די שולדיקע אין דעם אומקום.

☆

די גרעסטע זאָרג פאַרן „מאָרגנדיקן טאָג" האָבן ביי יעדער געלעגנהייט אויסגעדריקט יענע יידישע משפחות, וועלכע האָבן געטראַכט וועגן דעם תכלית פון די יידישע קינדער און יוגנט, וועגן זייער צוקונפט.

די פראַגן וואָס שייך דעם אונטערוואַקסנדיקן דור, זענען אָפט געשטאַנען פאַרן צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן. 2 אָפּטיילונגען האָבן זיך ספּעציעל מיט זיי פאַרנומען. געווען זענען עס: די יוגנט־אָפּטיילונג און די שול־אָפּטיילונג, אין וועלכער עס האָבן זיך קאָנצענטרירט הויך־קוואַליפיצירטע יידישע פּעדאַגאָגן.

די יוגנט־אָפּטיילונג איז לויט איר געבוי געווען ענלעך אויף די יידישע קאָמיטעטן. פאַרטרעטערס פון אַלע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס: פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי (זוו"מ — פאַרבאַנד פון יוגנט־קאַמף), פון השומר הצעיר, פון יוגנט־בונד „צוקונפט", פון דער לינק־פועלי־ציוניסטישער „יוגנט", פון „דרור" און „עקיבא" האָבן אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג געזאָרגט פאַר דער עלטערער שול־יוגנט, פאַר די יידישע סטודענטן, פאַר די יונגע אַרבעטערס, וועלכע האָבן זיך געלערנט פאַכן אָדער האָבן שוין געאַרבעט אין פאַרשידענע אינדוסטריע־צווייגן. די יוגנט־אָפּטיילונג האָט געווירקט צום שאַפן און האָט אָנגעפירט מיט 20 ספּעציעלע היימען (בורסעס), אין וועלכע עס האָבן געוווינט ביי 900 לערן־ און אַרבעטער־יוגנט, די מערהייט יתומים אָדער האַלבע יתומים. אַלע סטודענטן, ווי אויך שילער פון די עלטערע קלאַסן פון די מיטלשולן האָבן באַקומען סטיפּענדיעס. די אַרבעטער־יוגנט פלעגט באַקומען אַ ספּעציעלן צוגאָב צום גרונט־לוין. די אָפּטיילונג האָט אָרגאַניזירט זומער־קאָלאָניעס פאַר דער יוגנט און האָט

וועלכער איז פאַרגעשטעלט געוואָרן דורך אונדז, צוזאַמען מיטן פּרעזידיום־מיטגליד יוסף סאַק, איז געווען: „דאָס יידישע פאָלק — זיינע קעמפער און מאַרטירער".

אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן, אילוסטרירטן זשורנאַל „אויפגאַנג״, אין וועלכן עס האָבן סיסטעמאַטיש מיטגעאַרבעט אַ סך פון די יידישע שרייבערס אין פּוילן. אין „אויפגאַנג״ זענען אויך געווען (אַנהייבנדיק פון 15טן נומער) 8 זייטן אין דער פּוילישער שפּראַך. דער זשורנאַל האָט אָפּגעשפּיגלט, ביי זיין אָנהייב, די טעטיקייט פון אַלע יידישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און גאָר באַזונדער די אַרבעט פון די יוגנט־אָפּטיילונגען ביי די יידישע קאָמיטעטן.

אַ באַזונדער פּילזייטיקע טעטיקייט האָבן געפירט די שול־אָפּטיילונגען ביי די יידישע קאָמיטעטן. זיי האָבן קודם־כל זיך פאַרנומען מיט די יידישע פאַרשולן, קינדערהיימען און שולן — מיט זייערע אָרגאַניזאַציאָנעל־טעכנישע און פּעדאַגאָגיש־דערציִערישע פראַגן. אַלע יידישע דערציִונג־ און בילדונגס־אַנשטאַלטן — חוץ די ריין פּאַרטייִשע — זענען געווען אין יענער צייט אין אויסשליסלעכן רשות פון די יידישע קאָמיטעטן, וועלכע פלעגן זאָרגן פאַר באַקומען הילף אויך מצד די אַלגעמיין־מלוכהשע בילדונגס־אינסטאַנצן.

די ערשטע יידישע שול איז געשאַפן געוואָרן אין ביאַליסטאָק, ווו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט גרעסטעוועטע יידן פון דער אַרומיקער געגנט, ווי אויך די געקומענע פון פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילן. קינדער איז אין אָנהייב געווען זייער ווייניק. מיטן אָנקומען פון אַ גרעסערער צאָל רעפּאַטריאַנטן — די צאָל יידן דאָרט האָט שוין אין דער העלפט פון 1946טן יאָר דערגרייכט ביז אָנדערטהאַלבן טויזנט — איז די שול פאַרגרעסערט געוואָרן. די קינדער האָט מען געלערנט יידיש, העברעיִש און רעכענען. אין לאָדזש איז שוין צום אָנהייב שול־יאָר 1945—1946 געווען אַן 8־קלאַסיקע יידישע שול מיט 350 קינדער און 15 לערער. ביים סוף פון 1945 זענען יידישע שולן געווען אויך אין וואַרשע, לובלין, קראָקע, טשענסטאָכאָוו, ריכבאַך (דזשערזשאָניוו) און כאָזשוו. אין נידער־שלעזיע איז ביז צו דער רע־פּאַטריאַציע פון די יידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד געווען בלויז 1 שול. אָבער שוין אין חודש יוני 1946 זענען דאָרט געווען 16 יידישע שולן מיט קרוב 1300 קינדער. ביזן סוף יאָר האָבן שוין אין די דאָרטיקע 23 שולן מיט קרוב 1700 קינדער געאַרבעט 116 פּעדאַגאָגן. געווען זענען דאָס מענטשן מיט אַ פאַרשידענער צו־גרייטונג, אָפּט מאָל אָפּילו אָן אַ שום פּעדאַגאָגישער דערפאַרונג. די שולאַרבעט האָט מען געפירט אָן אַן אַלגעמיינער פּראָגראַם, אָן לערנביכער און מכשירים. זיי אַלעמען האָט אָבער כאַראַקטעריזירט אומגעהויערע געטריישאַפט און איבער־געבנקייט צום יידישן קינד.

אין צוויי צענטערן זענען גלייכצייטיק געמאַכט געוואָרן פרוון צו פאַרמולירן די צילן און די לערן־פּראָגראַמען פון די יידישע שולן — אין וראָצלאַוו און אין לאָדזש. שוין אין חודש אַפּריל פון 1946 האָט דער יידישער קאָמיטעט פון וראָצלאַוו צונויפגערופן אַ קאָנפערענץ פון יידישע שול־ און קולטור־טוערס פון גאַנץ נידער־שלעזיע. אין דעצעמבער 1946 איז אין וראָצלאַוו פאָרגעקומען דער ערשטער סעמינאַר פאַר 45 יידישע לערערס. שוין דאָרט זענען אויפגעקומען פּראָבלעמען, וועלכע האָבן געפאָדערט אַן אַלגעמיינע לייזונג: וועגן כאַראַקטער

פון די יידישע שולן אין פוילן, וועגן דעם אינהאַלט פון דער דידאַקטישער און דערציִערישער אַרבעט.

אויפֿן פֿאָרשלאָג פון דער בילדונגס־אָפּטיילונג האָט דאָס פּרעזידיום פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן באַשלאָסן צונויפצורופן אין לאָדזש אַ לאַנד־קאָנפערענץ פון יידישע שול־טוערס. דער פּראָיעקט פון די ריכטליניעס פון יידישן שולוועזן האָט אַרויסגערופן אַ ברייטע דיסקוסיע צווישן די מיטגלידער פון פאַרשידענע פראַקציעס אין דעם יידישן צענטראַל־קאָמיטעט. די פאָרשטייערס פון פפ״ר, פון בונד און לינקע פועלי־ציון זענען מסכים געווען, אַז די לערן־פּראָגראַמען פון די יידישע שולן דאַרפן זיך שטיצן, אין גרונט גענומען, אויף דער רייכער דערפאַרונג פון די יידישע וועלטלעכע שולן פון פאַרמלחמהדיקן „ציש״אָ״ (צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע), מיט אַ פיל ברייטערן פּראָגראַם פון די יידיש־לימודים, וועלכע דאַרפן אַרויסברענגען די ענדערונגען אין יידישן לעבן נאָך דעם חורבן און יידישן ווידערשטאַנד בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. די אַלגעמיינע איינשטעלונג פון די יידישע שולן דאַרף אַנטשפּרעכן די צילן, וועלכע זענען פאָרמולירט געוואָרן אין די פּראָגראַמען פון בילדונגס־מיניסטעריום.

דעם 1טן נאָוועמבער 1946 האָט אין לאָדזש זיך אָנגעהויבן אַ לאַנד־קאָנפע־רענץ געווידמעט דער יידישער שול אין פוילן. פיר טעג האָט געדויערט די דאָזיקע קאָנפערענץ מיטן אָנטייל פון 150 פּעדאַגאָגן, שולטוערס פון אַלע שטעט מיט גרעסערע יידישע ייִשובים. אין דער קאָנפערענץ האָט זיך באַטייליקט אַן אָפּי־ציעלער פאָרשטייער פון בילדונגס־מיניסטעריום. די לאַנג־דויערנדיקע דעבאַטן האָבן זיך הויפּטזעכלעך קאָנצענטרירט אַרום די נאַציאָנאַל־יידישע עלעמענטן אין דער לערן־ און דערציִונגס־פּראָגראַם, וועגן אָרט פון העברעיִש־לימוד, וועגן דער צענטראַלקייט פון ארץ־ישראל, אָדער גלייכקייט מיט אַלע יידישע ייִשובים אין דער וועלט. איינשטימיקייט האָט געהערשט בנוגע דעם באַשלוס, אַז די אונטערריכט־שפּראַך דאַרף פון ערשטן קלאַס אָן זיין יידיש, הגם דאָס רוב קינדער, געקומענע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט קיין יידיש נישט געקענט. העברעיִש דאַרף מען אָנהייבן לערנען פון 2טן קלאַס *). דאָס זעלבע אויך פּויליש. יידישע געשיכטע דאַרף זיין הן ווי אַ זעלבשטענדיקער לימוד און הן ווי אַנטשפּרעכנדיקע פּראַג־מענטן אין דעם אַלגעמיינעם געשיכטע־לימוד.

נאָך לאַנגדויערנדיקע דעבאַטן איז מען זיך צונויפגעקומען אויף אַזאַ פאָרמול וואָס שייך די צילן פון די יידישע שולן אין פוילן: „די יידישע שול האָט דעם ציל צו געבן דעם יונגן יידישן דור אַ נאַציאָנאַלע, דעמאָקראַטישע און וועלטלעכע דערציִונג אין גייסט פון די פּראָגרעסיווע אידעען פון אונדזער צייט״. אין דער אידעען־דעקלאַראַציע פון דעם לערער־צוזאַמענפאָר איז דערקלערט געוואָרן, אַז

*) דאָס בילדונגס־מיניסטעריום האָט פאָרלאַנגט, אַז מ׳זאָל העברעיִש אָנהייבן לערנען ערשט פון 4טן קלאַס. מיר זענען דערמיט נישט מסכים געווען און ס׳איז געבליבן אַזוי ווי ס׳האָט באַשלאָסן די לאַנד־קאָנפערענץ פון די יידישע שול־טוערס.

די אויפגאַבע באַשטייט אין דעם, אַז „דאָס קינד זאָל דערצויגן ווערן מיטן באַ־וווסטזיין פון קרובהשאַפט מיט אַלע יידישע יישובים".

די קאָנפערענץ האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר איינהייטלעכע, נישט פּאַרטייִשע שולן. „...אַלע פּרווון צו גרינדן באַזונדערע לערן־אַנשטאַלטן, מחוץ דער נעץ פון צענטראַל־קאָמיטעט — ווערט געזאָגט אין דער רעזאָלוציע — דאַרפן באַטראַכט ווערן אין איצטיקן מאָמענט אַלס פאַרשוועכונג פון נאַציאָנאַלע כוחות".

ביים אָפּשטימען דעם דאָזיקן באַשלוס האָבן אַ טייל דעלעגאַטן פון די ציוניסטישע גרופּירונגען זיך אָפּגעהאַלטן. די רעזאָלוציע איז געווען געווענדעט קעגן דער עקסיסטענץ פון פּאַרטייִשע לערן־ און דערציִונגס־אַנשטאַלטן. אין לאָדזש איז אין יענער צייט געווען אַ העברעיִשע שול מיט 7 קלאַסן און 10 לערערס. ס'האָבן דאָרט געלערנט 260 קינדער. ענלעכע שולן, אין אַ פיל קלענערן מאַסשטאַב, אָפּט ווי העברעיִשע לערן־גרופּן, האָבן עקסיסטירט אין אַ ריי אַנדערע שטעט. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „החלוץ" האָט אַרויסגעגעבן העברעיִשע לערנביכער (ווי „דע את השפה") און אַ זשורנאַל „חבר". אויסגעפעלט האָבן גראָד יידישע לערנביכער. פאַרביטן האָט מען זיי טיילווייז מיט אַ ספּעציעלער קינדער־ביילאַגע צו דער צייטונג „דאָס נייע לעבן". מען האָט אויך אויסגענוצט טעקסטביכער פון אַמעריקע און אַרגענטינע, וועלכע זענען צוגעשיקט געוואָרן דורך די דאָרטיקע יידישע שול־אָרגאַניזאַציעס.

אין אַלע יידישע לערן־ און דערציִונגס־אַנשטאַלטן האָט מען זיך באַמיט אין דער ברייטסטער מאָס צו פייערן יידישע יום־טובים, גאָר באַזונדער חנוכה, פּורים, ל"ג בעומר, באַהעפטנדיק צום יידישן שטייגער דעם יונגן דור, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן אים. דערביי זענען באַזונדער אַרויסגעהויבן געוואָרן די נאַציאָנאַל־באַפרייערישע עלעמענטן פון די יום־טובים.

ביים אויספאָרמירן דעם נאַציאָנאַל־פאַרגעשריטענעם כאַראַקטער פון דער גאַנצער לערן־ און דערציִונגס־סיסטעם האָבן אַן אַנטשיידנדיקע ראָל געשפּילט די יידישע לערערס פון די פאַרמלחמהדיקע יידישע וועלטלעכע שולן. צוזאַמען מיט זייערע קענטענישן און גרויסער דערפאַרונג האָבן זיי געבראַכט זייער אידעאַליזם, זייער בענקשאַפט נאָך אַ פולבאַרעכטיקטע יידישע שול — די בענקשאַפט פון פאַר דער מלחמה, בעת די וועלטלעכע יידישע שולן זענען דיסקרימינירט און פאַרפאָלגט געוואָרן און די בענקשאַפט פון די מלחמה־יאָרן, בעתן פאַרוואָגלט ווערן אין די ווייטסטע מקומות פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. פּוילישע שולן און פּוילישע קינדערהיימען זענען דאָרט געשאַפן געוואָרן באַלד ווי עס איז אויפגעקומען דער פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן. קיין יידישע שולן פאַר די יידישע קינדער פון פּוילן זענען דאָרט נישט געשאַפן געוואָרן. ביי דער לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען דאָס גאַנצע יידישע קולטור־לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז אַפילו נישט געשטעלט געוואָרן די פראַגע, אַז פאַר קינדער פון יידישע עלטערן, אָפּ־שטאַמיקע פון פּוילן, זאָל שוין דעמאָלט געגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו לערנען אין אַ יידישער אָדער אין אַ פּויליש־יידישער שול.

די 4 טעג אויף דער ערשטער יידישער שול־קאָנפערענץ נאָך דער מלחמה האָט אין מיר, וועלכער האָט פון אייגענער דערפאַרונג געקענט דעם וועג — פון אויפקום ביז צום אונטערגאַנג — פון דער יידישער שול אין סאָוועטן־לאַנד, געשטאַרקט דעם גלויבן אין דעם מאָרגנדיקן טאָג. די גאַראַנטיע פאַר אונדזער מאָרגן האָב איך געזען אין דער מעגלעכקייט אַז די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אַליין, אָן דער אפּוטרופּסות פון אַנדערע פאַקטאָרן, זאָל אַנטשיידן וועגן אונדזער וועג און גאַנג, וועגן אונדזערע צילן און אופן פון זייער פאַרווירקלעכן.

באַזונדער און צוזאַמען

קיין שום באַגרענעצונגען מצד די צענטראַלע פּאַרטייִישע און מלוכהשע אינ־סטאַנצן, וועלכע האָבן זיך זייער אינטערעסירט מיט דער לאַגע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, זענען דעמאָלט אין אונדזער אַרבעט נישט געווען. מען האָט זיך פולשטענדיק פאַרלאָזט אויף דער „צענטראַלער פּראַקטיק". געווען זענען אָבער סוגעסטיעס מצד אַלגעמיינע טוערס, דער עיקר ייִדן פון צענטראַלן פּאַרטיי־אַפּאַראַט, אַז מיר זאָלן זיך נישט אַזוי צעשפּרייטן, מיר זאָלן מיט אונדזערע אַרויסטריטן נישט רייצן, נישט אַרויסרופן קיין אַנטי־ייִדישע רעאַקציע. אַ סך טענות פון דעם מין זענען געווען אין שייכות מיט ד״ר אַדאָלף בערמאַנס רעדעס אין דעם נאַציאָ־נאַלן לאַנדראַט (קר״נ), וועלכע זאָלן האָבן צו פּאַטעטיש און גענעראַל אויסגעדריקט כלל־ייִדישע שטיצע (אויף פון די ייִדן אין אויסלאַנד) פאַר דער רעגירונג פון פאָלקס־פּוילן. ס׳איז לויט די דאָזיקע טוערס אויסגעקומען, אַז אַזוי אַרום שפּילט מען אַריין אין די הענט פון דער רעאַקציע, וועלכע טענהט, אַז די מאַכט אין פּוילן ליגט אין ייִדישע הענט.

נישט צופרידן איז מען געווען אין יענע פּאַרטיי־קרייזן אויך פון דעם צווייטן ייִדישן דעפּוטאַט, דעם פּאַרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד", ד״ר מ. שולדענפריי, וועלכער האָט אָנגעוויזן אויף אַנטיסעמיטישע עלעמענטן אין די מאַכט־אָרגאַנען גופא און פאַרלאַנגט אַן ענערגישן קאַמף קעגן זיי. די לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז אין דעם דעמאָלטיקן פּוילישן פּאַרלאַמענט זענען אַלס פאַרטרעטערס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג געווען אַ פּועלי־ציוניסט און אַ בונדיסט. אויף מיין פראַגע, בעת אַ טרעפונג אין צענטראַל־קאָמיטעט פון פּפּ״ר, פאַר וואָס איז נישט אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַ קאָמוניסטישער ייִדישער טוער, איז דער ענטפער געווען, אַז „אין דער פּפּ״ר־פּראַקטיק זענען דאָ געוויסע ייִדן..." עס איז געגאַנגען אין דעם, אַז די פּאָליטישע באַזע פון דער מאַכט זאָל אויך אין דער ייִדישער סביבה אויסגעברייטערט ווערן מיט נישט קיין קאָמוניסטישע פאַרשטייערס. אַזוי אַרום האָט זיך באַקומען, אַז בעת די וואַלן צום געזעצגעבערישן סיים אין 1947־טן יאָר, איז אויפן חשבון פון דער צאָל פּפּ״ר־מאַנדאַטן אויף דער ליסטע נומער 3 פון דעמאָ־קראַטישן בלאָק, אַרויסגעשטעלט געוואָרן דער פאַרזיצער פון די פּועלי־ציון — צ״ס יוסף סאַק. אויף דער פראַגע, פאַר וואָס נישט אַזוי ווי פריער — אַ לינקער פּועלי־ציוניסט? — איז דער ענטפער געווען: ווייל די רעכטע פּועלי־ציון האָבן אַ גרעסערע ווירקונג אין אויסלאַנד, און אַן אָנשפּאַר אין דער גרעסטער ארץ־ישראל־פּאַרטיי — מפא״י.

אַדאָלף בערמאַן האָט באַקומען אַ „פאַרגיטיקונג‟, ער איז אין חודש פעברואַר 1947 אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאַרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן, אויפן אָרט פון ד״ר עמיל זאָמערשטיין, וועלכער איז פאַרבליבן אין אַמעריקע.

אַ באַטייטנדיקע ראָל אין דער אויסברייטערונג פון דער אַרבעט פון די יידישע קאָמיטעטן האָט געשפּילט די אָרטיקע איניציאַטיוו, וועלכע איז נישט געווען באַגרענעצט פון „אויבן‟. פאַרקערט — זי איז דורכן צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן אָפט אַרויסגעהויבן און פאַראַלגעמיינערט געוואָרן.

גרויס אָנזען אין דעם היגזיכט האָט געהאָט די דערפאַרונג און איניציאַטיוו פון די יידישע טוערס אין נידער־שלעזיע, דאָרט ווו עס זענען אָנגעקומען העכער 85 טויזנט יידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. בראש פון דעם וואָיעוואָדישן יידישן קאָמיטעט איז געשטאַנען דער זייער דינאַמישער טוער, יעקב עגיט, וועלכער איז פאַר דער מלחמה געווען איינער פון די פירער פון דער „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־פּאַרטיי‟ (אַיאַ״פּ) אין לעמבערג. נישט געקוקט אויף באַגענטע העמונגען מצד אָרטיקע „היטערס פון דער ליניע‟, מענטשן מיט אַ היפּער־פאַרזיכטיקייט־קאָמפּלעקס (אַלס געבראַכטן „באַגאַזש‟ פון סאָוועטן־פאַרבאַנד) און פון אַ קנאַפּן קולטור־ניוואָ, איז נידער־שלעזיע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין יענער צייט אין דער פּרווו־סטאַציע פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. פון דאָרט איז געקומען די איניציאַטיוו צו שאַפן אַ באַזונדער יידישע קולטור־געזעלשאַפט. אין דעצעמבער 1946 איז אין ווראָצלאַוו פאָרגעקומען, אין דעם דאָרטיקן גרעסטן זאַל, די ערשטע יידישע קולטור־קאָנפערענץ (אין וואָיעוואָדישן מאַסשטאַב). צוזאַמען מיט די אויסגעוויילטע 400 דעלעגאַטן האָבן קרוב אַנדערטהאַלבן טויזנט יידן בייגעווען די קאָנפערענץ, וועלכע האָט באַהאַנדלט פילצאָליקע פראַגן פון יידישער קולטור־אַנטוויקלונג. די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט אין אַ ספּעציעלער ווענדונג צו די יידן אין פוילן דערקלערט, „...מיר האָבן געבויט און וועלן ווייטער בויען אונדזער קולטור מיט די אָנשטרענגונגען פון אַלע פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס פון דער יידישער באַפעלקערונג אויף דער באַזע פון דער דעמאָקראַטישער איינהייט פון יידישן פאָלק‟.

די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן צו שאַפן אין נידער־שלעזיע אַ יידישע קולטור־ און קונסט־געזעלשאַפט.

די נויטיקייט פון אַזאַ געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיך ווידמען אויסשליסלעך דער יידישער קולטור־אַנטוויקלונג, האָט געשטאַמט פון דעם אַלץ גרעסערן אָרט, וואָס די קולטור־טעטיקייט האָט פאַרנומען אין לעבן פון די פּוילישע יידן. די קולטור־אָפּטיילונגען פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט און פון די אָרטיקע קאָמיטעטן זענען מער נישט בכוח געווען אָנצופירן מיט די פאַרשידענע געביטן פון דער דאָזיקער אַרבעט. אין די יידישע יישובים, אַפילו אין די קלענסטע, זענען אויפגעקומען ביבליאָטעקן, דראַמאַטישע קרייזן, כאָרן. פון אומעטום האָט מען געפאָדערט לעקטאָרן, אינסטרוקטאָרן פאַר דער קונסט־טעטיקייט. עס איז געשאַפן

געוואָרן אַ יידישע טעאַטער־סטודיע, אַ פילם־קאָאָפּעראַטיוו, אַ באַלעט־שול, אַ מוזיק־שול. בעת אַ ספּעציעלן צונויפטרעף מיט די יידישע שרייבערס אין דער ניי־אויפגעבויטער געביידע פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט אויף שעננע 60, איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרוואַנדלען די „יידישע שריפטן" אין אַ פּעריאָדישער אויסגאַבע פאַר ליטעראַטור און קונסט, אַלס אָרגאַן פון יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין און אויך שאַפן אַ יידישן ביכער־פאַרלאַג. פון ישראל איז ספּעציעל איינגעלאַדן געוואָרן (מיטן הסכם פון בילדונגס־מיניסטעריום) דער פּראָפעסאָר רפאל מאהלער צום לייענען אַ קורס לעקציעס וועגן יידישער געשיכטע פאַר יידישע לערערס און קולטור־טוערס. עס איז אויך פאַרבעטן געוואָרן דער פּראָפ. ש. אייזנשטאַט, וועמענס לעקציעס אין פיל שטעט האָבן אַלע מאָל צוגעצויגן אַ גרויסן עולם.

העלפן אַנטוויקלען די אַלע אויסדרוקן פון יידישן קולטורוווקס איז מעגלעך געווען דורך דעם ברייטסטן געזעלשאַפטלעכן אָנטייל פון דער יידישער אינטעליגענץ.

די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון אַ צענטראַלער יידישער קולטור־געזעלשאַפט איז פאַרגעקומען זומערצייט 1947 אין לאָדזש. די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן צו בויען די געזעלשאַפט אויפן יסוד פון מיטגלידערשאַפט. נאָך אַ געהעריקער צוגרייטונג, וואָס האָט געדאַרפט באַשטיין אין שאַפן אָרטיקע אָפּטיילונגען און אויסוויילן צייטווייליקע פאַרוואַלטונגען, איז רעקאָמענדירט געוואָרן צו רופן אַ לאַנד־קאָנפערענץ. אין דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט זענען אַריין אפרים קאַגאַנאָווסקי, רחל אויערבאַך, שמואל הורוויטש, מאיר מעלמאַן, מענדעלסאָן, י. סאַמסאָנאָוויטש, הערש סמאָליאַר, דוד ספאַרד, נחום שטראַכמאַן און ה. שנער. אַלס פאַרזיצער פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט בין איך אויסגעוויילט געוואָרן, אַלס וויצע־פאַרזיצער — שמואל הורוויטש און אַלס סעקרעטאַר — דוד ספאַרד.

פאַר מיינע אויגן האָב איך כסדר געהאַט די ביטערע לערע פון דער סאָוועטישער דערפאַרונג און אין דער דעצענטראַליזאַציע פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן האָב איך געוואָלט זען אַ מיטל צו ראַטעווען, בעת מעגלעכע געפאַרן, געוויסע יידישע פּאָזיציעס *). צוליב דעם, צווישן אַנדערן, בין איך געווען איינשטימיק מיט דעם פאַרשלאַג אויסצוטיילן די יידישע אַרבעטס־קאָאָפּעראַציע אין אַ באַזונדער צענטראַלער ווירטשאַפט־אָרגאַניזאַציע „סאָלידאַרנאָשטש" **), מיט וועלכער עס האָט

---

*) אַזוי איז נאָכן 1937טן יאָר געשען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווען געבליבן זענען אַזעלכע יידישע פּאָזיציעס, ווי אַ ביכער־פאַרלאַג, טעאַטערס, אַ יידישער שרייבער־ביוראָ, אַפילו אייניקע יידישע שולן אין דער ווייטער פּראָווינץ. אַזוי איז אויך געווען בעת דער ליקווידאַציע פון די יידישע דעמאָקראַטישע קאָמיטעטן און דעם „איקוף" אין רומעניע, ווו עס איז גאַנץ געבליבן דער יידישער טעאַטער און אייניקע אַנדערע אינסטיטוציעס פון דער יידישער וועלטלעכער קולטור.

**) אין דעם פּראָגראַם פון דעם דעמאָלט־עקסיסטירנדיקן יידישן קליינקונסט־טעאַטער בראש מיט ש. דזשיגאַן און י. שומאַכער, איז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע אָנגערופן געוואָרן „פאַרנוסאָשטש"...

אָנגעפירט פּ. זעליצקי מיט אַ גרופּע קוואַליפיצירטע טוערס. פּ. זעלציקיס אָרט אַלס סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן האָט פאַרנומען דער צוריק־געקומענער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַמאָליקער סעקרעטאַר פון דעם יידישן ביוראָ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פוילן, יואל (יוליאַן) לאַזעבניק.

מיטן אַנטשטיין פון די צוויי זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציעס, זענען די פונקציעס פון צענטראַלן יידישן קאָמיטעט באַטייטנדיק באַגרענעצט געוואָרן אין די עיקר־געביטן — אין דער קולטור־בויונג און אין דער פּראָדוקטיוויזאַציע. דעמאָלט אָבער האָט קיין שום געפאַר פאַר דער עקסיסטענץ פון דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער פאָרם פון יידישער רעפּרעזענטאַנץ אין פוילן, נישט געדראָאָט. די פּאָליטיש־געזעל־שאַפטלעכע אויפגאַבן האָבן אין יענעם מאָמענט זיך אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט און זיי האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן געווידמעט גרויס אויפמערקזאַמקייט.

געהאַנדלט האָט עס זיך קודם־כל, לויט דער איינשטעלונג פון דער „צענטראַלער פּראַקציע", אין פאַרשטאַרקן די פּאָליטיש־אידעיִשע ווירקונג און אָרגאַניזאַציאָנעל קאָנסאָלידירן אַלע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס שאַפן באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס פאַר דעם געביט פון יידישער קולטור־טעטיקייט און עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכער אַרבעט, האָט געדאַרפט דינען דעם דאָזיקן ציל. דאָס זעלבע איז שייך געוועזן דער אָרגאַניזאַציע פון אַ יידישן האַנטווערקער־פאַרבאַנד, וועלכער האָט אַרומגענומען אין נידער־שלעזיע און לאָדזש קרוב 800 יידישע זעלבשטענדיקע בעלי־מלאכות. דעם זעלבן ציל האָט געדאַרפט דינען דאָס שאַפן אַן איינהייטלעכע יידישע קינדער־אָרגאַניזאַציע אין פוילן. נישט געקוקט אויף דעם שטאַרקן ווידער־שטאַנד מצד די פאַרשטייערס פון אַלע יידישע פּאַרטייען — אָנהייבנדיק פון „בונד" און ענדיקנדיק מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן פון „איחוד" און אָן זייער אַלעמענס הסכמה האָבן מיר צוזאַמען מיטן פּעדאַגאָג אברהם שוואַרצמאַן אויסגעאַרבעט די אידעיִשע ריכטליניעס פון אַ יידישער סקויטן־אָרגאַניזאַציע אין פוילן, געשטיצט אויף די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַפרייונגס־טראַדיציעס פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, גאָר באַזונדער אין משך פון דער טויזנט יאָריקער געשיכטע פון יידן אין פוילן. מיר האָבן זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער אַלגעמיין־פּוילישער סקויטן (האַרצערן)־אָרגאַניזאַציע און פון זיי באַקומען הילף ביים שאַפן יידישע סקויטן־גרופּן אין אַלע יידישע שולן און ביים אָרגאַניזירן צוזאַמענפליִען בעת די זומער־וואַקאַציעס.

מיר זענען צוגעטראָטן צום רעאַקטיוויזירן דעם יידישן פּאַרטיזאַנער־פאַרבאַנד, וועלכער האָט שוין אין דער אָנהייבצייט (1944—1945) געהאַט רעגיסטרירט קרוב צו 1000 מיטגלידער. צוזאַמען מיט דעם דעמאָלטיקן פאָרזיצער פון פּאַרטיזאַנער־פאַרבאַנד, א. ווערטהיים, האָבן מיר אָנגעהייבן גרייטן אַ לאַנד־צוזאַמענפאָר — שוין נישט בלויז פון געוועזענע פּאַרטיזאַנער, נאָר פון אַלע, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן נאַציזם אין די געטאָס, טויטלאַגערן, אין די רייען פון די סאָוועטישע און פּוילישע אַרמייען, ווי אויך אין די אַרמייען פון די מערב־פאַרבינדעטע. מיר האָבן

זיך אויך געווענדעט צו די יידישע קעמפערס פון דער דאַמבראָווסקי־בריגאַדע, פון דער באַטווין־קאָמפּאַניע אין שפּאַניע, וועלכע זענען די ערשטע אַרויסגעטראָטן אין באַוואָפנטן קאַמף קעגן פאַשיזם.

דער לאַנד־צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַרשע, האָט צוגעצויגן אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט פון דער עפנטלעכער מיינונג אין פּוילן. מיט אַ רעפעראַט וועגן די אויפגאַבן פון די געוועזענע אָנטיילנעמער אין באַוואָפנטן קאַמף קעגן פאַשיזם איז אַרויסגעטראָטן דער גענעראַל פראַנטשישעק יוזשוויאַק — „וויטאָלד", וועלכער איז דעמאָלט געווען דער פּאָרזיצער פון אַלפּוילישן פאַרבאַנד פון קעמפערס קעגן פאַשיזם. וועגן די אויפגאַבן פון די יידישע קעמפערס קעגן היטלעריזם האָב איך רעפערירט. די ברייט אַנטוויקלטע דיסקוסיע, אין וועלכער עס האָבן אויך אָנטיילגענומען די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן, דער פאָרשטייער פון די יידישע ווידערשטאַנד־קעמפער פון פראַנקרייך, א. רייסקי א"א, האָט אַרויסגעבראַכט סיי דעם גרויסן בייטראַג פון די פּוילישע יידן אין דעם קאַמף קעגן די נאַצישע דם־שונאים פון יידישן פאָלק, און סיי די אחריות־דיקע אויפגאַבן ביים אויפריכטן דאָס לעבן פון די יידישע מאַסן.

אין דער הויפּט־פאַרוואַלטונג זענען געוויילט געוואָרן די געטאָ־ און פּראַנט־קעמפער: טוביה באַזשיקאָווסקי, חיהקע גראָסמאַן, סטעפאַן גרייעק, אַדוו' אַנאַטאָל ווערטהיים, ד"ר טאַרטאַן, פאָרוטשניק מינקאָווסקי, אַדוו' נייטער, הערש סמאָליאַר און מאַיאָר פנחס שטערן. אויף איר ערשטער זיצונג האָט די הויפּט־פאַרוואַלטונג מיך אויסגעוויילט אַלס פאָרזיצער און פנחס שטערן — אַלס סעקרעטאַר. אין צוזאַמענהאַנג מיטן אויסברייטערן די אויפגאַבן פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, האָט דער צוזאַמענפאָר געענדערט איר נאָמען. אַנשטאָט אַ פאַרטיזאַנער־פאַרבאַנד — אַ „פאַרבאַנד פון יידן, געוועזענע אָנטיילנעמער אין באַוואָפנטן קאַמף קעגן פאַשיזם".

די שטרעבונג מצד דער יידישער באַפעלקערונג צום באַטייליקן זיך, אויף פאַרשידענע אופנים אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין הסכם מיט די אינדיווי־דועלע פאַראינטערעסירונגען, האָט געפונען אַן אויסדרוק אין דער אַנטשטייונג פון אַ ריי אָרטיקע און צענטראַלע, ריין־ספּעציאַליסטישע געזעלשאַפטן. אַזוי, למשל, איז אין נידער־שלעזיע אַנטשטאַנען אַ פאַראיין פון יידישע לאַנדווירטן. אין וואַרשע איז געשאַפן געוואָרן אַ יידישער קונסט־פאַראיין בראש מיט די באַוווסטע קינסט־לערס חיים האַנפט, נתן ראַפּאָפּאָרט, דעם קונסט־פאָרשער יוסף סאַנדעל און דעם פאָרזיצער פון יידישן שרייבער־פאַראיין בער מאַרק. אַן ענערגישע טעטיקייט האָט געפירט די פאַראייניקונג פון יידישע קינסטלערס אין לאָדזש, וועלכע האָט אָרגאַ־ניזירט פילצאָליקע אויסשטעלונגען, זיך באַטייליקט אין קאָנקורסן אויף קינסטלע־רישע פּלאַקאַטן (גאָר באַזונדער אין צוזאַמענהאַנג מיטן אָפּמערקן דעם יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ) און געשאַפן אַ קאָאָפּעראַטיוו, וואָס האָט אָנגענומען באַשטעלונגען פון פאַרשידענע אינסטיטוציעס. די בינע־קינסטלערס פון די 2 יידישע טעאַטערס — אין לאָדזש און אין ווראָצלאַוו — האָבן באַנייט די טעטיקייט פון דעם פאַרמלחמהדיקן יידישן אַרטיסטן־פאַראיין.

די דאָזיקע אַלע אויסדרוקן פון געזעלשאַפטלעכער באַזונדערקייט האָבן אַ דאַנק דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן נישט געבראַכט צו קיין צע־דרויבלונג פון די כוחות, צום „מאַכן שבת פאַר זיך״. פאַרקערט, זיי האָבן אַקטי־וויזירט גרעסערע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג, באַזונדער יענע, וועלכע האָבן אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט געזוכט אַ טרייסט און אָנהאַלט אין זייער פאַריתומטקייט נאָכן חורבן.

די באַזונדערקייט האָט אין פאָליטיש־וויכטיקע פאַלן נישט געשטערט צום פאַראייניקן אַלע כוחות פאַר געמיינזאַמע שטרעבונגען. אַזוי איז עס געווען אין 1946 בעתן דורכפירן די פאָלקס־ציילונג, ווען אַלע טיילן פון דער יידישער געזעל־שאַפטלעכקייט האָבן אַגיטירט, אַז אַלע יידן, אויך די וואָס האָבן פיגורירט זינט דער דייטשער אָקופּאַציע מיט פוילישע נעמען *) זאָלן זיך אָנגעבן אַלס אָנגעהעריקע צו דער יידישער נאַציאָנאַליטעט. אַזוי איז עס געווען בעת די סיים־וואַלן אין 1947טן יאָר, ווען אין אַ סך שטעט און שטעטלעך זענען געשאַפן געוואָרן ספּעציעל־יידישע וואַל־קאָמיטעטן מיט פאָרשטייער פון אַלע פּאָליטישע גרופּירונגען און סאָציאַלע שיכטן, צו שטיצן די ליסטע נומ׳ 3 פוןביידע אַרבעטער־פּאַרטייען און דעמאָקראַטישע ריכטונגען. דערביי זענען ספּעציעל אַקצענטירט געוואָרן די אויפ־גאַבן פון קאַמף קעגן אַלע אויסדרוקן פון אַנטיסעמיטיזם **).

מיטן דערנעענטערן זיך פון דער לייזונג פון דעם פּאַלעסטינע־פּראָבלעם, אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס, איז אַלץ מער געקומען צום אויסדרוק די קאָנסאָלידירטע שטעלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן. רעזאָלוציעס פון פּלענאַרע זיצונגען פון צענטראַלן יידישן קאָמיטעט און פון די אָרטיקע יידישע קאָמיטעטן, פּילצאָליקע אַרויסטרעטונגען אויף מיטינגען, אַרטיקלען אין דער פּרעסע האָבן געפאָדערט צו שאַפן אַ יידישע מדינה. אַלץ אָפטער פלעגן קומען שליחים פון פאַרשידענע ארץ־ישראל־פּאַרטייען (משה ערעם, י. ברזלי, מ. קאָלאָדני (קול), מלך ניישטאַט א״א), וועלכע האָבן אינפאָרמירט וועגן יידישן קאַמף קעגן דער ענגלישער מאַנדאַט־מאַכט. פאַר די יידישע טוערס פון פפ״ר האָט געהאַט אַ וויכטיקע באַטייטונג די אויפקלערונג און די שטעלונג פון דער פּאַלעס־טינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן האָט נאָך אַנאַנד געבראַכט צום אויסדרוק זיין שטרעבונג איינצושטעלן אַן ענגע פאַרבינדונג און צוזאַמענ־

---

*) דאָס זענען אויטענטישע פאַקטן: פון מיצמאַכער איז בעת דער אָקופּאַציע געוואָרן טשאַפּינסקי, פון צימבערקנאָפּ — גוזשינסקי, פון ביק — ביקאָווסקי, פון פּיכטענהאָלץ — כּאָסנאַ־דזשעוויצקי, פון גאָלדענבערג — זלאָטאָגורסקי, פון מענדל ראַבינאָוויטש — קאָלאָסאַנטי לוקאַשעק, פון אפרים פּיערניק — אָנופרי קלימטשוק.

**) אין לאָדזשער נאַציאָנאַל־ראַט, למשל, האָט מען נישט געוואָלט רעגיסטרירן קיין יידישע נעמען פון קינדער. דער ענערגישער קאַמף פון די יידישע ראַטמענער האָט געצוווּנגען אָפּצושאַפן די דאָזיקע גזירה.

אַרבעט מיט אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס. ביי יעדער געלעגנהייט — סיי אויף קאָנפערענצן אין אויסלאַנד און סיי בעת באַזוכן פון אויסלענדישע יידישע פאַר־שטייערס אין פוילן — איז אויסגעדריקט געוואָרן דער פאַרלאַנג צום ענגן קאָאָפּע־רירן מיט יידישע יִשובים אין דער גאַרער וועלט. צווישן די יידישע יִשובים פון מזרח־ און מיטל־אייראָפּע האָט זיך איינגעשטעלט אַ קאָנטאַקט און אַ טיילווייזע צוזאַמענאַרבעט. מיר איז אויסגעקומען, אין די יאָרן 1947—1948 צו זיין אין טשעכאָסלאָוואַקיע, בולגאַריע און רומעניע, אינפאָרמירנדיק וועגן אונדזער טעטי־קייט אין פוילן. אין אייניקע פאַלן האָבן מיר געהאָלפן מיט אונדזערע אויסגאַבן און מאַטעריאַלן צו אָריענטירן אין די פּראָבלעמען פון יידישן לעבן, באַזונדער וואָס שייך דער יידישער קולטור־טעטיקייט.

אונדזער דעלעגאַציע האָט אויף דער ערשטער נאָך דער מלחמה אייראָפּעיִשער קאָנפערענץ פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין 1945 אין לאָנדאָן, ברייט אַנטוויקלט די פאָרשלאָגן און באַדינגונגען פון צוזאַמענאַרבעט מיטן יידישן וועלט־קאָנגרעס.

פאַר אונדז איז אויפגעקומען די פראַגע נישט בלויז וועגן צוזאַמענאַרבעט, נאָר וועגן אָריינטרעטן אין דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס. זיינע פאָרשטייערס — נח באַרו, אַלעקס איסטערמאַן, אַרמאַנד קאַפּלאַן, אינזש׳ אַנשל רייס, פּראָפ׳ אריה טאַרטאַקאָווער, מ. עלמאַן האָבן אין די יאָרן 1946—1948 אייניקע מאָל באַזוכט פוילן, געפירט מיט אונדז שמועסן וועגן די באַדינגונגען פון אונדזער אָריינטריט אין יידישן וועלט־קאָנגרעס. בעת דער צווייטער אייראָפּעיִשער קאָנפערענץ פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין פּראָג, אין 1947, האָבן אונדזערע פאָרשטייערס שאַרף זיך אַנטקעגנגעשטעלט די פּריידיקער פון „יציאת אייראָפּע״ און „יציאת פוילן״. אַ דאַנק אונדזער איניציאַטיוו האָט דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון קאָנגרעס אַרויס־געגעבן אַ דערקלערונג וועגן דער אומבאַרירלעכקייט פון די פוילישע מערב־גרענעצן. די דאָזיקע דערקלערונג האָט געהאַט אַ געהעריקן אָפּקלאַנג אין די פוילישע פּאָליטישע קרייזן.

וועגן אונדזער באַציִונג צום יידישן וועלט־קאָנגרעס האָבן מיר זיך פאַר־שטענדיקט מיט אַ ריי יידישע ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס אין פראַנקרייך, פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, כדי ביי אַ מעגלעכן באַשלוס אַריינצוטרעטן אין קאָנגרעס, פאָרשטעלן מיט זיך אַ באַשטימטן כוח, כדי צו ווירקן אויף זיין סטרוקטור און פּאָליטיק. אין קאַמף פאַר יידישער אייניקייט האָט אַ באַטייטנדיקן אָרט פאַר־נומען די באַמיִונג פון צענטראַלן יידישן קאָמיטעט צו דערפירן צו אַן איינהייט־לעכן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. די צענטראַלע יידישע קולטור־אָרגאַ־ניזאַציע („ציק״אָ״) אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט בשום אופן נישט מסכים געווען אויף א געמיינזאַמען קאָנגרעס מיטן „איקוף״ *).

*) דער אַנטאַגאָניזם איז דאָרט געווען אַזוי גרויס, ווי עס האָבן דערציילט די מיטגלידער פון אונדזער דעלעגאַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַז בעת אַ טרעפונג מיט פאָרשטייער פון „יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט״ האָט מען זיי בוכשטעבלעך דערקלערט:

אַן אַן אָפּקלאַנג איז געבליבן די ווענדונג פון אפרים קאַגאַנאָווסקי בעת דער אָרגאַניזיר־קאָנפערענץ פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט אין פוילן: „איך ווענד זיך פון דער טריבונע צו אַלע מיינע פריינט, קאַלעגן שרייבערס, ברידער — שלום אַש, לייוויק, אָפּאַטאָשו, טייערער חבר בערגעלסאָן, ליבע חברים פיכמאַן און שלאָנסקי. אויב עס זענען דאָ ערגעץ אַזעלכע, וואָס באַמיִען זיך צעררייסן די איינהייט, וואָס איז אונדז אַזוי נויטיק, ווי לופט, מוזן מיר זיי זאָגן, אַז זיי שפּייען אין דעם קוואַל, פון וועלכן זיי האָבן געטרונקען, אַז זיי פאַרלייקענען אונדזער מי און העלפן צונישט מאַכן דעם גרויסן און וויכטיקן פאַקט, אַז יידן אין פוילן לעבן און שאַפן״.

דער פאָרזיצער פון יידישן ליטעראַטן־פאַראיין, ב. מאַרק האָט דעמאָלט זיך געווענדעט מיט דער פראַגע: „פאַר וואָס קענען נישט זיצן ביי איין טיש שניאור מיט אַשן, לייוויק מיט הירשביינען, אָפּאַטאָשו מיט בערגעלסאָנען? מיר קעמפן פאַר איין יידישער קולטור״.

אין דער זעלבער צייט האָבן מיר אונטערגענומען שריט, כדי צו רופן אַן אייראָפּעיִשע קולטור־קאָנפערענץ. צו אונדזער איניציאַטיוו זענען צוגעשטאַנען יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס פון אַ ריי מערב־לענדער, ווי אויך פון אַלע מזרח־ און מיטל־אייראָפּעיִשע מדינות. קיין שום ענטפער האָבן מיר נישט באַקומען פון דעם יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע, הגם מיר האָבן געוווּסט, אַז מיטן האַרצן זענען זיינע אָנפירערס געווען פאַר אונדזערע פאָרשלאָגן און וואָלטן געשיקט די סאַמע רעפּרעזענטאַטיווע דעלעגאַציע. דער באַשלוס איז אָבער נישט פון זיי געווען אָפּהענגיק.

מיר האָבן אויף אַ זיצונג פון פּרעזידיום פון צענטראַלן יידישן קאָמיטעט אָנגענומען אַן איינשטימיקן באַשלוס איינצולאַדן אַ דעלעגאַציע פון יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט צו באַזוכן פוילן. אויך אויף דעם איז קיין פּאָזיטיווער ענטפער נישט געקומען.

מיט אונדזערע אַלע איינהייט־באַמיִונגען האָבן מיר חוץ די דערוואַרטע ממשותדיקע רעזולטאַטן ביים צוריקאויפבויען דאָס חרובע יידישע קולטור־לעבן אין אייראָפּע, זיך באַמיט אַנטקעגנצושטעלן מיט מעשים אונדזערע פּילצאָליקע קעגנערס. פאַר אַ סך פּשוטע יידן איז שווער געווען צו באַנעמען פון וואַנעט עס האָט געשטאַמט אַזאַ ביטערער האַס לגבי אונדז, אַזאַ פאַרלייקענונג פון אונדזערע דערגרייכונגען מצד אַ ריי ווירקזאַמע פאַקטאָרן און פּערזאָנען. דער קלענסטער יידישער יִשוב אויפן מערב איז פאַר יענע געווען „געזעצלעך״. אָבער דער יִשוב פון די גרעסטע פון די פוילישע יידן, וועלכער האָט נישט געקוקט אויף אַלע פאַרלוסטן און שווערקייטן אַרויסבאַוויזן אַ גרויסן דראַנג צום לעבן און שאַפן — אים האָבן געוויסע טוערס פון מערב־לענדער נאָך אַנאַנד פאַרלייקנט.

מיט אונדזערע אַרויסטרעטונגען אויף די פאַרשידנסטע יידישע צונויפקומען

„פּונקט ווי ס׳איז נישט מעגלעך צו בלייבן לעבן נאָכן אַרויסטאַנצן פון 20טן שטאָק, אַזוי איז נישט מעגלעך צוזאַמענצואַרבעטן מיט די קאָמוניסטן״ (געמיינט דעם „איקוף״).

אויפֿן מערבֿ האָבן מיר זיך אָנטקעגנגעשטעלט די פּאַרלייקענער. אַ גרויסע הילף האָבן אונדז דערביי אַרויסגעוויזן אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, ווי דער פֿירער פֿון „אחדות העבודה״ יצחק טאַבענקין, וועלכער האָט אויף אַ זיצונג פֿון צענטראַלן יידישן קאָמיטעט אין 1946 דערקלערט: „איך בין פּונקט אַזוי איבערראַשט מיט דעם ריזיקן פֿאַרנעם פֿון דער צעשטערונג, ווי מיט דעם, וואָס איך זע דאָ, ווו ביי איין טיש זיצן און באַראַטן זיך פֿאַרשטייערס פֿון די פֿאַרשיידנסטע פּאָליטישע אַרבעטער־פּאַרטייען צום וווּיל פֿון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפֿט. איך וואָלט געוואָלט, אַז אויך ביי אונדז, אין ארץ־ישראל, זאָל אַזוי זיין״.

דערמוטיקנדיק זענען פֿאַר אונדז געווען די רייד, אויך די קריטישע, פֿון דעם באַקאַנטן בונדישן פֿירער, חיים וואַסער, וועלכער האָט אויפֿריכטיק, חבֿריש־גוט־ווינטשנדיק אָפּגעשאַצט אונדזער דעמאָלטיקע לאַגע און טעטיקייט. איך האָב חיים וואַסערן באַגלייט אויף זיין באַזוך אין דעם טויטלאַגער טרעבלינקע, וועלכער איז צו יענער צייט געווען אַ רויבפֿעלד פֿאַר מענטשן־היענעס. געזוכט האָבן זיי אוצרות אין דעם אַש פֿון די פֿאַרברענטע יידן. אין אונדזערע שמועסן האָט חיים וואַסער פֿאַרזיכערט, אַז ער וועט זיך אַנטקעגנשטעלן די קדישזאָגער נאָכן יידישן ייִשובֿ אין פּוילן. און ווירקלעך האָט ער אין אַן אינטערוויו פֿאַר דער ניו־יאָרקער טאָג־צייטונג „מאָרגן־זשורנאַל״ דערקלערט: „יעדער שריט, וואָס ווערט געמאַכט, כדי אָפּצושוואַכן דעם דאָזיקן ייִשובֿ איז אַ פֿאַרברעכן. די עקסיסטענץ און אַנטוויקלונג פֿון יידישן ייִשובֿ אין פּוילן איז וויכטיק פֿאַר די יידן פֿון דער גאַנצער וועלט״.

גרויס פֿאַראינטערעסירונג און אַ פֿריינטלעכע באַציִונג צו אונדזער טעטיקייט האָבן אַרויסגעוויזן דער שעף־רעדאַקטאָר פֿון דער ייִדישער טאָגצייטונג אין אַרגענטינע, „די פּרעסע״ י. באַטאַשאַנסקי און דער דעמאָלטיקער שעף־רעדאַקטאָר פֿון „דבֿר״, זלמן רובאַשאָוו (שז״ר).

אַ דערמוטיקונג פֿאַר די פּפּ״ר־טוערס פֿון די יידישע קאָמיטעטן איז געווען דער פֿאַקט, וואָס דער סעקרעטאַריאַט פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי האָט אויף זיין זיצונג, דעם 14טן יולי 1947, פֿולשטענדיק באַגיטיקט אונדזער שטעלונג לגבי די צווישנפּאַרטייִשע באַציִונגען אין די יידישע קאָמיטעטן, אין דער פֿראַגע וועגן אַריינטרעטן אין יידישן וועלט־קאָנגרעס, וועגן דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דער פּראָדוקטיוויזאַציע און קולטור־אַרבעט. אין דער דיסקוסיע וועגן די דאָזיקע אַלע פֿראַגן האָבן זיך אַרויסגעזאָגט די סעקרעטאַריאַט־מיטגלידער ראָמאַן זאַמבראָווסקי, זענאָן קלישקאָ, יעקבֿ בערמאַן, פֿראַנטשישעק מאַזור, סטעפֿאַן יענדריכאָווסקי און אַנטאָני אַלסטער.

פֿאַר אונדז איז געשטאַנען די אויפֿגאַבע אונטערצופֿירן אַ סך־הכּל פֿון דער שווערער מי במשך פֿון דעם יאָר 1947. סוף אָקטאָבער איז אין דער געביידע פֿון צ״ק פּפּ״ר פֿאַרגעקומען אַ לאַנד־באַראַטונג פֿון די יידישע פּפּ״ר־טוערס, אין וועלכער עס האָט זיך באַטייליקט דער וועטעראַן פֿון דער פּוילישער אַרבעטער־

באוועגונג, פראַנטשישעק פידלער *). וועגן דער פּאָליטישער סיטואַציע אין לאַנד האָט רעפערירט סטעפאַן יענדריכאָווסקי, וועגן די פּראָבלעמען פון יידישן לעבן אין פוילן — שמעון זאַכאַריאַש, וועגן דער באַציִונג צום ציוניזם — בער מאַרק, וועגן די עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכע פראַגן — פ. זעליצקי און וועגן יידישע קאַדרען־פראַגן — הערש סמאָליאַר. די דאָזיקע באַראַטונג האָט אָנגעמערקט די פּערספּעקטיוו פון ווייטערדיקער אַלזייטיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין פוילן.

פול מיט האָפענונג האָבן מיר אַרויסבאַגלייט דאָס יאָר 1947. אַלס גוטן אָנזאָג האָבן מיר באַטראַכט די ידיעה, אַז אין לאָדזשער קימפּעטאָרן־אַנשטאַלט פון „טאָז" איז געבוירן געוואָרן דאָס פינפהונדערטסטע יידישע קינד. פון יאַנואַר 1947 ביז יאַנואַר 1948 זענען געבוירן געוואָרן 249 יינגלעך און 251 מיידלעך. אויך אין דעם האָבן מיר געזען אַן אָנזאָג פון אַן ענדערונג צו אַ נאָרמאַלער דעמאָגראַפישער סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג. די ציילונג פון יאָר 1946 האָט באַוויזן, אַז ביי יידן זענען אויף 100 מענער געווען בלויז 84 פרויען, אין דער צייט, ווען ביי די פּאָליאַקן איז אויף 100 מענער געווען 108 פרויען.

... אין אַ פּראַסטיקן אָוונט זענען מיר זיך צונויפגעקומען אין דער רחבות־דיקער געביידע פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, כדי צו באַגעגענען דאָס נייע 1948טע יאָר. מיט אונדז זענען דעמאָלט געווען דער געטרייער פריינד פון דעם יידישן יִשוב אין פוילן, דער באַוווּסטער אַרבעטער־טוער פון קאַנאַדע, י. ב. זאַלצבערג און דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַלעסטינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ש. מיקוניס. אין אַ וואַרעם־חברישער אַטמאָספער האָט מען זיך געטיילט מיט זכרונות פון פאַרגאַנגענע שווערע צייטן.

כ'האָב זיך שטיל „אַרויסגעגנבעט" פון דער וואַרעמער געביידע און זיך גע־לאָזט צום ווילנער וואָקזאַל אויף פּראַגע. פון דעם צוג וואָס איז אָנגעקומען פון מאָסקווע איז אויסגעשטיגן דער דיכטער בינעם העלער מיט זיין טעכטערל דינהלע. גרויס איז געווען די פרייד פון דער באַגעגעניש אין זאַל פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט. מיר האָבן זיך געווונטשן אַ יאָר פון גוטע בשורות.

אָבער ווען די מיטאַרבעטערין פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט מיטן אוישוויצער לאַגער־נומער אויף דער האַנט, רוטקע קירשנבלאַט, האָט מיט איר האַרציקער שטימע אויפגעזונגען מרדכי געבירטיגס „עס ברענט", האָט אַלעמען דורכגענומען אַ טיפער ציטער. עס האָט זיך דערהערט אַ שטיל יאָמערן.

נישט מיט קיין לייכט געמיט האָבן מיר אַריבערגעשפּרייזט די גרענעץ צווישן אָפּגייענדיקן און אָנקומענדיקן יאָר.

---

*) ער האָט געהאַט דאָס גליק צו בלייבן אין פראַנקרייך בעת אַלע מיטגלידער פון דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פוילן זענען אַרויסגערופן געוואָרן קיין מאָסקווע און דאָרט אומגעבראַכט געוואָרן. נאָכן צוריקקומען קיין פוילן האָט ער, דער פולשטענדיק אַסימילירטער, זיך דעמאָנסטראַטיוו רעגיסטרירט אַלס ייד מיט זיין ווירקלעכן פאַמיליע־נאָמען — טרוסקער, אין דער עווידענץ פון וואַרשעווער יידישן קאָמיטעט.

דער וויסטער אָנהייב פון אַ גורלדיקן יאָר

לויט אונדזער פּאַרויסזען האָט דאָס יאָר 1948 געדאַרפט ברענגען אַ באַטייטנ־דיקע אויסברייטערונג פון אונדזערע פּראַקטישע מעגלעכקייטן און פּאָליטישע ווירקונגען — און דאָס ווייט איבער די גרענעצן פון פּוילן. די האָפענונג דערויף האָט געשטאַמט פון דעם באַשלוס און פּלאַן צו פֿאַרוואַנדלען די אַנטהילונג פון דענקמאָל פון די העלדן און מאַרטירער פון וואַרשעווער געטאָ אין אַ גרויסער, אַלוועלטלעך־יידישער איינהייט־דעמאָנסטראַציע. אונדזערע פֿאָרשלאָגן איינצולאַדן יידישע פֿאָלקס־אָרגאַניזאַציעס פון אַלע ייִשובים אין דער וועלט קיין וואַרשע, צום 5טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, דעם 19טן אַפּריל 1948, זענען באַשטעטיקט געוואָרן דורך די אָנפירנדיקע פּאַרטיי־אָרגאַנען. אַנטשפּרעכנדיקע רעגירונגס־אינסטאַנצן, קודם־כל דאָס אויסערן־מיניסטעריום, האָבן באַקומען אַ דירעקטיוו אַנטקעגנצוקומען אונדז מיט אַלעם נייטיקן. צווישן זיך האָבן די מיט־גלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן זיך איינגעטיילט די פונקציעס ביים צוגרייטן דעם צונויפקום פון יידישע שליחים פון דער גאָרער וועלט. די עיקרדיקע פונקציע ה. שנערס און מיינע איז געווען צו זאָרגן פֿאַר אַן אַנטשפּרעכנדיקן אויפקלער־מאַטעריאַל פֿאַר דער פּרעסע — פֿאַר דער פּוילישער, ווי פֿאַר דער אויסלענדישער, ווי אויך פֿאַר דעם אַנטייל פון דער יידישער אינטע־ליגענץ — פון די שרייבערס, קינסטלערס, אַרטיסטן, לערערס — אין דער צו־גרייטונג פון פֿאַרשידענע פֿאָרמען פון אָפּמערקן די היסטאָרישע דאַטע.

מיר האָבן דערקלערט אַ קאָנקורס אויף אַ קינסטלערישן פּלאַקאַט געווידמעט דעם געטאָ־אויפשטאַנד, פּראָדוצירט אַ ספּעציעלן זילבערנעם אָנדענק־צייכן און אַ פּאָסט־מאַרקע. רחל אויערבאַך האָט זיך גענומען שרייבן אַ גרעסערע אַרבעט אין איכה־נוסח. דער קאָמפּאָזיטאָר לעאָן וויינער האָט פֿאַרפֿאַסט אַ קאַנטאַטע, וועלכע איז אויסגעפירט געוואָרן דורכן כאָר פון דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע בעת דער פייערלעכער פֿאַרזאַמלונג. די יידישע בינע־קינסטלערס האָבן געגרייט אַנטשפּרעכנדיקע פּראָגראַמען. די יידישע און יידיש־פּוילישע פּרעסע האָט גע־גרייט ספּעציעלע נומערן געווידמעט דעם געטאָ־אויפשטאַנד.

מצד דער „צענטראַלער פראַקציע" האָב איך באַקומען אַ צוגאָב־אויפגאַבע: זיך שטעלן אין פֿאַרבינדונג מיט דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אין וואַרשע וועגן שיקן אַן אַנטשפּרעכיק־רעפּרעזענטאַטיווע יידישע דעלעגאַציע פון סאָוועטן־פֿאַר־באַנד.

צייט איז געווען וויניק און אַרבעט איז געווען זייער אַ סך. מ'האָט געדאַרפט

אין די שווערע ווינטער־באַדינגונגען זיך איילן, כדי דורכפירן די בויאַרבעט ביים אויפשטעלן דעם דענקמאָל *). מ׳האָט געדאַרפט באַווייזן אָפּצוגיסן באַצייטנס די בראָנדזענע פיגורן פון דעם דענקמאָל. די גערעכטע אַמביציע פון דעם שעפער פון דענקמאָל, נתן ראַפּאָפּאָרט, איז געווען, אַז דאָס זאָל געטאָן ווערן אין פּאַריז, אין דער באַוווּסטער אַלעקסיס רודיע גיסעריי, (דאָרט ווו ס׳זענען אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן די וועלט־באַרימטע סקולפּטורן פון ראָדען). דערצו האָט מען חוץ גרויסע געלט־מיטלען געדאַרפט האָבן מער צייט. דער שעפער פון דענקמאָל איז קאַטעגאָריש געווען דערפאַר, אַז די בראָנדזענע פיגורן זאָלן אָפּגעשיקט ווערן קיין פּוילן נישט מיט דער באַן, נאָר מיט אַ שיף. נישט אַלע האָבן דעמאָלט געוווּסט פון וואַנעט עס האָט געשטאַמט די דאָזיקע פאָדערונג. מיטן ים האָט דאָך דער טראַנספּאָרט געדאַרפט לענגער דויערן, בעת אין פּאַריז איז געגאַנגען אַ שטרייט מיט דער דירעקציע פון דער גיסעריי פאַר יעדן איבעריקן טאָג און צום סוף — אַפילו פאַר יעדער שעה.

געשטאַמט האָט עס פון פאַרזיכטיקייט, צוליב דער מורא פאַר דער סאָוועטישער קאָנטראָל אין בערלין דורך וואַנעט עס פירט דער וועג פון פּאַריז קיין וואַרשע. נתן ראַפּאָפּאָרט האָט נאָך זייענדיק אין סאָוועטן־פאַרבאַנד צוגעשטעלט דעם פּראָיעקט פון דענקמאָל דעם קאָמיטעט פאַר קונסט־ענינים ביים מיניסטאָרן־ראַט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, כדי צו באַקומען זיין סאַנקציע און ממילא די נייטיקע הילף ביים אויספאָרמירן דעם דענקמאָל **). אָנשטאָט דעם איז געקומען אַ קאַטעגאָרישער אָפּזאָג מיט דער „רעקאָמענדאַציע”, אַז דער קינסטלער זאָל זיך נישט פאַרנעמען מיט „ענג־נאַציאָנאַלע שאַפונגען” און זאָל בעסער זיך ווידמען „אַלגעמיינע” טעמעס.

יעדן טאָג פלעגן מיר באַקומען בריוו פון פאַרשידענע יידישע אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס מיט אָנפראַגעס וועגן דעם אופן פון דורכפירן דעם פייערלעכן אַקט פון אַנטהילן דעם דענקמאָל. אַ סך פון די בריוו זענען געווען באַגלייט מיט טשעקן אויף באַטייטנדיקע געלט־סומעס לטובת דעם דענקמאָל. מיט מאָסקווע איז דער קאָנטאַקט געווען אַ סיסטעמאַטישער. צווישן איציק פעפערן און מיר איז געווען אָפּגערעדט, אַז יעדן פרייטיק, 12 אַ זייגער לויט מאָסקווער צייט, רעדן מיר טעלעפאָניש — איין פרייטיק רופט ער מיר אָפּ, דעם צווייטן — איך אים. מיר האָבן געוווּסט, ווי נישט איינפאַך עס איז די פּראָצעדור ביים באַשליסן וועגן שיקן אַ דעלעגאַציע קיין אויסלאַנד (אַפילו אין אַ לאַנד פון מזרח־אייראָפּע), און דערפאַר

*) צוליב דער דאָזיקער אייליקייט, צוליבן אויספעלן פון געוויסע נויטיקע בוי־מאַטעריאַלן און צוליב נאָך אַנדערע סיבות איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויסגעקומען עטלעכע מאָל צו רעמאָנטירן דעם דענקמאָל, וועלכער ווערט צעזעצט פון שניי און רעגן און ברענגט דערצו, אַז עס פלאַצן די טייערע, געבראַכטע פון שוועדן שטיינער. די אַמאָר־טיזאַציע פון דענקמאָל האָט שוין זייער אַ סך אָפּגעקאָסט.

**) איינער פון די פאַרמלחמהדיקע אָנפירנדיקע טוער פון ווייסרוסלאַנד, קולאַגין, האָט בעת דער מלחמה אַ סך מיטגעהאָלפן נתן ראַפּאָפּאָרטן און אים געעצהט צו באַקומען די סאַנקציע פאַרן דענקמאָל־פּראָיעקט מצד די צענטראַלע סאָוועטישע רעגירונגס־אינסטאַנצן.

אַרויסגעשיקט קודם־כל קיין מאָסקווע אונדזער איינלאַדונג וועגן אַ דעלעגאַציע צו דער אַנטהילונג פון דענקמאָל. אין אונדזער באַגלייט־בריוו האָבן מיר אָפּ־געמערקט, אַז מיר דערוואַרטן דעלעגאַציעס פון דער גאַרער וועלט און אַז די ראָל פון אַ יידיש־סאָוועטישער דעלעגאַציע וועט זיין אַ זייער וויכטיקע. איציק פעפער האָט אַ צופרידענער באַשטעטיקט, אַז די איינלאַדונג האָבן זיי איבערגע־שיקט צו די „אַנטשפּרעכנדיקע אָרגאַנען" און וואַרטן אויף אַן ענטפער.

...אין יענעם פּריוויטיק האָט דער טעלעפאָן געדאַרפט קומען פון מאָסקווע. לאַנג האָב איך געוואַרט און קיין רוף איז נישט געווען. דאַן האָב איך באַשטעלט אַ שמועס. אָפּגערופן האָט זיך, ווי געווייגלעך, מירע זשעלעזנאָווא, פּעפערס סעק־רעטאַרין. אָבער נישט ווי געווייגלעך האָט געקלונגען איר שטימע. זי האָט שוין ביי מיר נישט געפרעגט וואָס פאַר אַ וועטער עס איז אין וואַרשע. זי האָט מיט אַ צוגעדישעטער שטימע מיר געמאָלדן, אַז איציק פעפער איז גראָד נישטאָ. נאָך אַ קורצער פויזע האָט זי, מיט אַ שטאַרק געענדערטער שטימע, מיר אָנגעזאָגט, אַז „סאָלאָמאָן מיכאַילאָוויטש איז שוין בכלל נישטאָ"... דער ערשטער רעפלעקס איז געווען, אַז מ'האָט שלמה מיכאָעלסן צוגענומען, אַרעסטירט... אפשר אויך פעפערן... כ'בין שנעל געקומען צו זיך און געבעטן ביי מירען זי זאָל מיך פאַר־בינדן מיטן רעדאַקטאָר פון „איינִיקייט", זשיצן *). ער האָט מיר שוין איבערגעגעבן אַלץ, וואָס איז אים דעמאָלט געווען באַוווּסט, וועגן דעם טויט פון שלמה מיכאָעלס.

אונדזער „צענטראַלע פראַקציע" איז זיך תיכף צונויפגעקומען אין דער גע־ביידע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פפּ"ר. איך האָב איבערגעגעבן אַלץ, וואָס כ'האָב זיך דערוווּסט פון זשיצן. קיין שום חשד, אַז דאָס איז געווען אַ פון פאַרויס פּלאַנירטער מאָרד, איז ביי קיינעם פון אונדז דעמאָלט נישט געווען, אָבער אין מיין איבערדערציילן וועגן מיכאָעלסעס טויט און זיין באַטייט, האָב איך איבער־געשריטן די מאָס פון פאַרזיכטיקייט און האָב דערקלערט, אַז מיט שלמה מיכאָעלסעס טויט זענען די שאַנסן אויף צוריק אויפבויען דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן. דאָס האָט געקלונגען ווי אַ פאַרלייקענונג פון דעם קאָנאָניזירטן סטאַליניִשן שפּרוך, וועלכער פלעגט כסדר איבערגעחזרט ווערן זינט די מאַסן־אַרעסטן אין די יאָרן 1937—1938, אַז „ס'זענען נישט פאַראַן קיין מענטשן נישט צום פאַרבייטן". קיין צווייטער יידישער געזעלשאַפטלעכער און קולטור־טוער, וואָס זאָל האָבן אַזאַ פּאָזיציע אין דעם סאָוועטישן לעבן, ווי שלמה מיכאָעלס, איז נישט געווען. ממילא האָט מיט זיין טויט פאַרפעלט דער שליח ציבור, וועלכער האָט געהאַט אַ צוטריט צו אַלע יענע אינסטאַנצן, ביי וועלכע מען האָט געדאַרפט זיך איינשטעלן פאַר יידישע אינטערעסן. ברייט באַוווּסט איז געווען די באַצייכענונג, וואָס דער פאַרזיצער פון העכסטן סאָוועט, מיכאַיִל איוואַנאָוויטש קאַלינין, האָט געגעבן מיכאָעלסן: „שלמה דער חכם". פאַר קיינעם, ווי פאַר מיכאָעלסן, האָבן זיך נישט געעפנט אַזוי פיל טירן

*) סיי מירע זשעלעזנאָווא און סיי ג. זשיץ זענען מיט 4 יאָר שפּעטער געווען צווישן די צום טויט פאַרמשפּטע און דערמאָרדעטע דעם 12טן אויגוסט 1952.

און בלויז ער איז בכוח געווען אַריבערצושפּרייזן זייערע שוועלן, כדי איבערצוגעבן וועגן דער איניציאַטיוו פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט און אויספּועלן נייטיקע מעגלעכקייטן זיי צו פאַרווירקלעכן. פון די שמועסן מיט מיכאָעלסן, גלייך נאָך מיין אַרויסקומען פון וואַלד, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז אין זיין צעווייטיקטקייט זעט ער נישט די טרייסט, וואָס עס האָט צו יענער צייט געבראַכט זיין פּרעכטיק־געשטעלטע נחמו־פאַרשטעלונג „פריילעכס״.

דער טעלעפאָן פון מאָסקווע האָט אַליין אָפּטער און מיט גרעסערן אומרו איבערגעחזרט: „קיין שום באַשלוס וועגן אַ דעלעגאַציע צו דעם געטאָ־יאָרטאָג איז נאָך נישטאָ״. איציק פעפער האָט געגומען אַנדייטן, אַז מיר, אין וואַרשע, זאָלן נעמען דערמאָנען. פון דעמאָלט אָן בין איך אייך מאָל אין וואָך געקומען אין דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע, פריִער צום קולטור־אַטאַשע, נאָך דעם צום אַמבאַסאַדאָר וויקטאָר לעבעדיעוו גופא, כלומרשט צו אינפאָרמירן וועגן דעם ברייטן, אַלוועלטלעכן פאַרנעם פון די געטאָ־טעג אין וואַרשע, וועגן די פאַרשידענע באַגעגענישן און שמועסן, וועלכע וועלן פאָרקומען מיט די געקומענע פון אויסלאַנד. אין איין פאַל האָב איך געפּרוּווט אַפילו אונטעררוקן אַזאַ ידיעה: ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אַלבערט איינשטיין זאָל קומען. געטאָן האָב איך עס אויפן סמך פון אַ בריוו פון אַמעריקע, אַז דער גרויסער געלערנטער גרייט אַ ספּעציעלע ווענדונג דורך זיינעם אַ שליח קיין וואַרשע. אויף דער פראַגע, וואָס הערט זיך מכוח אַ סאָוועטישער דעלעגאַציע, איז דער ענטפער אַלע מאָל געווען: „מיר האָבן נאָך פון מאָסקווע קיין שום ידיעה נישט באַקומען״.

אין צווישנצייט האָט אונדז געטראָפן אַן אומגליק, וועלכער האָט זיך שווער אָוועקגעלייגט אויף אונדזערע געמיטער: פון קאַטאָוויץ האָט אונדז אַלאַרמירט דער טעלעפאָן, אַז מיר זאָלן תיכף קומען. דער אויטאָ, מיט וועלכן ס׳איז געפאָרן גרשון דוא־באָגען, האָט זיך אויסגעגליטשט און זיך אַריינגעקייקלט אין אַ ראָוו מיט וואַסער. גרשון לעבט נישט. זיין באַגלייטער און דער שאָפער זענען אַרויס גאַנץ. צוזאַמען מיט זאַכאַריאַשן זענען מיר שנעל אַרויסגעפאָרן קיין קאַטאָוויץ און געטראָפן אַליין גרייט צום אָפּפירן דעם ארון מיט גרשונען קיין וואַרשע.

גרשנוס טויט האָט אונדז שטאַרק געטראָפן. סך הכל עטלעכע חדשים נאָך זיין קומען קיין פּוילן איז עס געשען. פאַר דער צייט האָט ער, דער אַלטער אַרבעטער־טוער, באַוויזן צו זיין כמעט אין אַלע שטעט אין פּוילן, ווו נאָר עס איז געווען אַ יידישע באַפעלקערונג. אומעטום האָט מען אים אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, חוץ... אין צענטראַל־קאָמיטעט פון פפ״ר, בראש פון וועלכן עס זענען געשטאַנען מענטשן, וואָס האָבן געוווּסט וועגן דער ראָל פון דוא־באָגען אין דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג, אייניקע האָבן אַפילו צוזאַמען מיט אים געאַרבעט.

גרשון דוא־באָגען איז מיר באַקאַנט געווען נאָך פון דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז אַלס צענטראַלער טוער פון די פּועלי־ציון אין פּוילן, אונטערן פּסעוודאָנים „אדמוני״, אַרומגעפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך מיט רעפעראַטן וועגן יידישן סאָציאַליזם. אַ פאַרפאָלגטער פון דער פּאָליציי פון

דער אויפגעקומענער פּוילישער רעפּובליק איז ער אַוועק קיין פּאַלעסטינע. זיין נאָמען פיגורירט אויף דעם גרינדונגס־אַקט פון דער הסתדרות. דאָ איז ער געוואָרן דער מיטאָרגאַניזאַטאָר פון דער פּאַלעסטינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. נאָך זיין צוריקקומען פון פּאַלעסטינע קיין פּוילן איז ער איבערגעגאַנגען צו אומלעגאַלער קאָמוניסטישער אַרבעט, געוואָרן אַ מיטגליד פון סעקרעטאַריאַט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון מערב־ווייסרוסלאַנד, אָנגעפירט מיט אַ שול צום אויסבילדן פּאַרטיי־קאַדרען, פאַרנומען זיך מיט פּובליציסטישער אַרבעט, געשריבן בראָשורן, וועלכע זענען דערשינען אין מאָסקווע. מיטן אויסברוך פון בירגער־קריג אין שפּאַניע איז גרשון אַהין אַוועק. ער האָט זיך באַטייליקט אין שאַפן די יידישע קאַמפּס־איינהייט א״נ פון נפתלי באָטווין. בעתן אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך געפונען אין פראַנקרייך. ער באַוויזט אַנטרונען צו ווערן פון די היטלעריסטן מיט אַ שיף, וואָס האָט געפירט קיין קובאַ. דאָרט שליסט ער זיך איין אין דער יידישער קולטור־אַרבעט, שרייבט פּיעסעס פאַר דראַמאַטישע קרייזן, טרעט אַרויס מיט לעקציעס אויף ליטעראַרישע טעמעס.

נאָכן באַפרייען פּוילן פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט זיך גרשון עטלעכע מאָל געווענדעט צום צענטראַל־קאָמיטעט פון פּפּ״ר וועגן צוריק קומען. דער ענטפער פון גאָמולקאַן אויף אונדזער ווענדונג איז געווען: זאָל ער בעסער בלייבן אין קובאַ... געשטאַמט האָט עס פון גאָמולקאַס קעגנערשאַפט צו די אַלטע יידישע קאָמוניסטישע קאַדרען בכלל און בפרט לגבי יענע, וועלכע האָבן געשטרעבט צוריק אויפצובויען אַ יידיש לעבן אין פּוילן. אין זיי האָט ער געזען אַ געפאַר פאַר זיין נאַציאָנאַליסטישער איינשטעלונג וועגן פּוילן אַלס איין־נאַציאָנאַלע מלוכה, פאַרלייקענענדיק די עקסיסטענץ פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. צו גרשונען איז דערגאַנגען וועגן דער דאָזיקער באַציִונג צו אים. ער האָט אין אַ בריוו צו מיר געפרעגט וואָס צו טאָן. איך האָב אים געעצהט, אַז ער זאָל קומען אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן, ווו עס האָבן אין דער דיפּלאָמאַטישער פאָרשטייערשאַפט פון פּוילן געאַרבעט אייניקע אַלטע פּאַרטיי־טוערס, וועלכע האָבן אים גוט געקענט. אַזוי איז עס געשען. אָן צו באַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש איז גרשון פון דאָרט אַוועק קיין פּוילן. מיר האָבן אים אויפגענומען אויפן סאַמע וואַרעמסטן אופן. אַ סך פון די טוערס פון אַנדערע פּאַרטייען אין יידישן צענטראַל־קאָמיטעט האָבן גרשונען געקענט פון די פּועלי־ציוניסטישע צייטן און האָבן זיך באַצויגן צו אים זייער פריינטלעך. גראָד איז געשען אַזוי, אַז זאַכאַריאַש איז צו יענער צייט קראַנק געוואָרן און האָט זיך געפונען אין אַ סאַנאַטאָריע. גרשון איז תיכף אַריין אין דער אַרבעט, באַקומען אָנזען אין די יידישע קרייזן. ער איז געווען אַ פּרעכטיקער מאַסן־רעדנער, אַ באַהאַוונטער אין דער יידישער געשיכטע און ליטעראַטור און דערביי אין אַ באַטייטנדיקער מאָס פריי פון סעקטאַנטישע העמונגען. אין זיין אַרבעטס־סטיל, אין זיין אופן פון שטעלן פראַגן האָט זיך געפילט די פראַנצייזישע און שפּאַנישע פאָלקס־פּראַקטיקע ווירקונג. דאָס איז אונדז שטאַרק געווען צום האַרצן. עס זענען אָבער אויך געווען אַנדערע, וועלכע האָבן גענומען שפּינען אַרום גרשונען אינטריגעס. פון זיינע פּילצאָליקע רייזעס איבער שטעט און שטעטלעך

פלעגט ער קומען אַ דערמוטיקטער. ער האָט ממש אויפגעבליט. און באַלד זענען זיינע העלע אויגן אויסגעלאָשן געוואָרן. געשען איז עס נאָכן צוריקקומען פון אַ שמועס מיטן סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פפ"ר, ראָמאַן זאַמבראָווסקי, מיט וועלכן ער האָט געהאַט געאַרבעט צוזאַמען אין די אומלעגאַלע צייטן. די באַגעגעניש צווישן זיי איז געווען אַן אייז־קאַלטע. גרשון האָט זיך דערפילט ווי אַן איבעריקער. ער האָט פאַר מיר עטלעכע מאָל איבערגעחזרט: „זיי האָבן גאָר־נישט געלערנט פון דעם, וואָס מיט אונדז איז געשען" און געגעבן דערביי אָנצו־הערן וועגן דאָס געשעענע אין 1937טן יאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

באַלד איז געקומען די קאַטאַסטראָפע.

שוין אין יענע טעג זענען אויפגעקומען פראַגע־צייכנס, אויף וועלכע קיין ענטפער איז נישט געווען. אויף דער זעלבער לינקער זייט פונעם אויטאָ האָט זיך דאָך אויך געפונען דער שאָפער און ער איז אַרויס פולשטענדיק גאַנץ. דער באַגלייטער, וועלכער איז געזעסן פון רעכטס, לעבן גרשונען, — אַ פּעטלייביקער פּאַרשוין — איז אַרויס גאַנץ. ער האָט מיט זיין שווערן קערפּער צוגעדושעט גרשונען און געבראַכט דערצו, אַז ער איז דערטרונקען געוואָרן אין דעם נישט טיפן וואַסער.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען ס'איז אויסגעקומען פאַר זיך אַליין צו רעקאָפּיטולירן אַלע פאַקטן — די שלעכטע באַציִונג צו גרשונען מצד פּאַרטיי־אַנפירערס פאַר וועלכע ער איז, ווייזט אויס, געווען אומבאַקוועם; דער חשד ביי אייניקע, אַז ער גייט ווערן דער דעה־זאָגער אין אונדזער „צענטראַלער פּראַקציע", דער אופן פון זיין אומקום, דאָס נישט פירן אים אין שפּיטאָל, ווען ער האָט נאָך געלעבט און דאָס נישט דורכפירן אַפילו קיין סעקציע, כדי צו דערגיין די סיבה פון זיין טויט — איז געבוירן געוואָרן דער חשד, אַז גרשון איז נישט געווען סתם קיין קרבן פון אַ קאַטאַסטראָפע. בפרט, אַז זיין באַגלייטער איז געווען באַקאַנט אַלס קאָנפידענט פון דער זיכערהייט־פּאָליציי. ער האָט אויף זיין חשבון געהאַט אַ סך אומגעבראַכטע יידישע לעבנס אין דער סאָוועטישער שטאָט סאַראַנסק, וווּ ער האָט זיך געפונען בעת דער מלחמה. ער פלעגט זיך פאַרנעמען מיט שיקן מסירות אין דער נקווו"ד אויף יידן אַלס אַקטיווע ציוניסטן אָדער בונדיסטן.

✡

מיט אַ יאָר שפּעטער האָט אַ באַוווּסטער ווייסרוסישער שרייבער מיר דער־ציילט, אַז לעבן זיין דירה איז געשען דער אומגליק מיט מיכאָעלסן און זיין רוסישן באַגלייטער. דער שרייבער האָט דערהערט דעם שאַרפן גרילץ פון פּלוצ־לונגדיקן האַמעווען אַ שווערן אויטאָמאָביל. פון זיין פענצטער האָט ער דערזען אַ לאַסטאויטאָ, וואָס איז פון מיטן וועג אַרויף אויפן טראָטואַר. 2 מענטשן זענען געלעגן געהרגעטע און מען האָט זיך געפּאָרעט אַרום זיי. דער ערשטער געדאַנק איז ביים שרייבער געווען, אַז דער שאָפער איז געווען שיכור. אָבער די מענטשן, וועלכע האָבן גענומען אָפּשלעפּן אויף צוריק דעם לאַסטאויטאָ, זענען געווען פולשטענדיק ניכטער.

צו קיין פּאַראַלגעמיינערטע אויספירן וועגן דעם באַטייט און סיבה פון דער דאָזיקער מאָרד־פּראַקטיק, בין איך דעמאָלט נישט דערגאַנגען. אָבער אויפן געמיט האָט זיך עס געלייגט מיט אַ מוראדיקער לאַסט. בלויז די אַרבעט און דער אָנוווקס פון נייע געשעענישן און זאָרגן האָבן אָפּגעטעמפּט דעם נאָגנדיקן ווייטיק.

נאָר נישט איזאָלירט!

אין יענעם יאָר 1948 האָבן מיר געמאַכט אַ באַזונדער־גרויסן אָנשטרענג, כדי זיך צו פֿאַרבינדן און צוזאַמענאַרבעטן מיט פֿאַרשידענע יידישע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס אויפֿן מערב. אין אונדזער אינערלעכער מאָטיוואַציע האָט, חוץ דער צייטיקייט צו באַקומען ממשותדיקע הילף, געגאָלטן די איינשטעלונג, אַז די פֿאַר־בינדונגען מיט אויסלאַנד דאַרפֿן געבן די מעגלעכקייט אַריסצוברענגען אונדזער שטעלונג הן לגבי אַלגעמיין־פּאָליטישע פּראָבלעמען פֿון יענע ערשטע נאָכמלחמה־יאָרן און הן לגבי דער יידישער פּראָבלעמאַטיק. די דאָזיקע איינשטעלונג איז פֿולשטענדיק באַגיטיקט געוואָרן דורך דער אַלגעמיין־פּאַרטייִשער אָנפֿירונג, וועלכע האָט אונדז דעמאָלט געגעבן ברייטע מעגלעכקייטן פֿאַר אייגענער איניציאַטיוו.

אין דער אויסברייטערונג פֿון אונדזערע אויסלענדיש־יידישע קאָנטאַקטן האָבן מיר געזען אַן אופֿן בייצוקומען דאָס געפֿיל פֿון איינזאַמקייט, פֿון אָפּגעשלאָסנקייט פֿון דער וועלט, אין אָנבליק פֿון דעם חורבן־פּייזאַזש, אויף וועלכן די צוריקגע־קומענע פּוילישע יידן האָבן זיך אָנגעטראָפֿן אין זייערע אָפּשטאַם־שטעטלעך און שטעט.

גאָר גרויסע מעגלעכקייטן פֿון קאָנטאַקטן מיט אויסלענדישע יידישע אָרגאַ־ניזאַציעס און טוערס האָבן מיר געהאַט — די אָנפֿירנדיקע טוערס פֿון דעם קולטור־אָפּטייל פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון די יידן אין פּוילן. אונדזערע ווענ־דונגען וועגן קולטור־הילף האָבן אַלע מאָל באַקומען דעם ברייטסטן אָפּרוף פֿון אַלע עקן וועלט. אין דער הינזיכט האָט אויפֿגעהערט צו ווירקן די בפֿירושע רעזערוו־באַציִונג, אָדער אַפֿילו די נעגאַציע מצד יענע רעכטע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן, אַלס כּלל, אויסגעמיטן אונדז צו העלפֿן.

מיר האָבן זיך געענויטיקט אין יידישע ביכער פֿאַר קרוב 30 ניי־געשאַפֿענע ביבליאָטעקן. מיר האָבן געדאַרפֿט יידישע כרעסטאָמאַטיעס פֿאַר אונדזערע שולן. דער „דזשאָינט" האָט באַשטימט ספּעציעלע סומעס אויף איינצוקויפֿן פֿאַר אונדז ליטעראַטור. מיר האָבן באַקומען ביכער־מתּנות פֿון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן, פֿון „איקוף", פֿון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, פֿון דער פֿעדעראַציע פֿון פּוילישע יידן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, פֿון די פּויליש־יידישע לאַנדסמאַנשאַפֿטן אין פֿאַרשידענע לענדער, פֿון יידישע פֿאָלקס־אָרגאַניזאַציעס אין קאַנאַדע, אין אַרגענטינע, בראַזיל, אורוגוואַי. ביכער פֿאַר דעם העברעיִש־לימוד אין די יידישע שולן זענען צו אונדז צוגעשיקט געוואָרן פֿון ארץ־ישראל. אַ גרויסע קאָרעספּאָנ־דענץ האָט זיך געפֿירט מיט באַוווּסטע יידישע קולטור־טוערס, וועלכע פֿלעגן אונדז

אַרויסוווייזן אַלע מאָל זייער הילפסגרייטקייט. אין מיינע אויגן האָט די אויסברייטערונג פון די דאָזיקע קאָנטאַקטן געהאַט אַ באַזונדער פּנים. פאַר מיין בליק האָב איך אַלע מאָל געהאַט די דערפאַרונג און דעם גורל פון דעם יידיש־סאָוועטישן לעבן. די קאָנטאַקטן מיט יידן אין דער וועלט זענען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געווען ביז גאָר באַגרענעצט, הויפּטזעכלעך צו שפּיצן־געשפּרעכן מיט אויסלענדיש־יידישע אָרגאַניזאַציעס וועגן הילף פאַר דער ערד־איינאָרדענונג. אַפילו מיט די פּראָסאָוועטישע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד האָט די פאַרבינדונג געהאַט ריין־פּראָפּאַגאַנדיסטישע צילן. די מעגלעכקייט פון ווירקלעכער קעגנזייטיקער דערקענטעניש און צוזאַמענאַרבעט מיט יידישע יִשובֿים האָט דאָרט נישט עקסיסטירט. גאָר אַנדערש האָט עס אויסגעזען אין פּוילן.

אויף די זיצונגען פון אונדזער „צענטראַלער פּראַקציע" פלעגן זייער אָפט באַטראַכט ווערן אויסלענדישע פּראַגן, אין מערסטע פאַלן ווי אַ צוגרייטונג צום באַהאַנדלען אויף זיצונגען פון פּרעזידיום, אָדער פון פּלענום פון צענטראַל־קאָמיטעט. דאָס זענען געווען סיי פּרינציפּיעלע און סיי טאַקטיש־אָפּעראַטיווע פּראַגן. אַלס כלל פלעגן אונדזערע באַשלוסן פאָרגעשטעלט ווערן דער אויסלענדישער אָפּטיילונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פפ״ר בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער אַלטער קאָמוניסט אָסטאַפּ דלוסקי (לאַנגער). זיין באַציִונג צו אונדז איז אַלע מאָל געווען די סאַמע פּאָזיטיווסטע. אין געוויסע פאַלן פלעגט ער איבערטראָגן אונדזערע פּראַגן צום סעקרעטאַריאַט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פפ״ר. אין גאָר אויסנאַמיקע פאַלן פלעגט אונדזערער אַן ענין דערגיין דעמאָלט צו דעם פּאָליטביוראָ. אַזאַ פאַל איז געווען מיט אונדזער פאָרשלאַג אַריינצוטרעטן אין יידישן וועלט־קאָנגרעס.

ווי דערמאָנט האָבן אונדזערע פאָרשטייערס שוין אין 1945 אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיטן יידישן וועלט־קאָנגרעס. אונדזערע אַ דעלעגאַציע האָט זיך באַטייליקט אין דער ערשטער נאָך דער מלחמה אייראָפּעיִשער קאָנפערענץ פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין לאָנדאָן. עס האָבן זיך איינגעשטעלט צווישן אונדז מיט דעם עקזעקוטיוו פון קאָנגרעס זאַכלעך־קאָרעקטע באַציִונגען. צו אונדז איז געקומען דער פירנדיקער טוער פון קאָנגרעס נח באַרו, מיט וועלכן מיר האָבן געפירט לאַנגע שמועסן. אונדזערע עיקרדיקע פאַרלאַנגען זענען געווען צו דעמאָקראַטיזירן דעם קאָנגרעס, נישט צו מאַיאָריזירן די מינדערהייט, נישט דיסקרימינירן קיין שום יידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, האָבנדיק אין זינען די לינקע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן, פון קאַנאַדע און פון אַרגענטינע, מיט וועלכע מיר זענען געשטאַנען אין פאַרבינדונג און מיט זיי, ווי מיטן „אוניאָן" אין פראַנקרייך, זיך באַראַטן וועגן מעגלעכן אָנשלוס אין יידישן וועלט־קאָנגרעס. די פאָרשטייערס פון קאָנגרעס — חוץ נח באַרו זענען צו אונדז געקומען די עקזעקוטיוו־מיטגלידער, פּראָפ׳ אריה טאַרטאַקאָווער, אינזש׳ אַנשל רייס (פון ארץ־ישראל), אַלעקסאַנדער איסטערמאַן (פון ענגלאַנד) א״אנד — האָבן זיך באַמיט אונדז אויפצוקלערן דעם ווירקלעכן כאַראַקטער פון דער דאָזיקער, גאַנץ לויזער פאַראייניקונג פון יידישע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען פולשטענדיק אויטאָנאָם אין זייער

טעטיקייט. קיין שום רעקאָמענדאַציעס, ווער רעדט נאָך באַשלוסן פון דעם קאָנ־גרעס, זענען נישט אָבליגאַטאָריש פאַר די אָנגעשלאָסענע אין אים אָרגאַניזאַציעס. מען האָט צוגעזאָגט נישט צו מאַיאָריזירן אונדזערע פאָרשלאָגן דורך פאָרמעלע אָפּשטימונגען און פאַרזיכערן אונדזער אָנטייל אין די אָנפירנדיקע קאָנגרעס־אָרגאַנען. חוץ די אָפיציעלע שמועסן, אין וועלכע עס האָבן מצד דער פפ״ר־פראַקציע זיך באַטייליקט ש. זאַכאַריאַש, י. לאַזעבניק און איך, האָבן די פאָר־שטייערס פון יידישן וועלט־קאָנגרעס געהאַט באַזונדערע טרעפונגען מיט די פאָר־שטייערס פון אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען. בלויז די בונדישע פראַקציע האָט קאַטעגאָריש זיך קעגנגעשטעלט דעם אָנשלוס אין יידישן וועלט־קאָנגרעס. אין פּריוואַטע שמועסן מיט אונדזערע טוערס — מיטגלידער פון דער פּוילישער אַר־בעטער־פּאַרטיי — האָבן די פאָרשטייערס פון קאָנגרעס אַרויסגעפילט אַ דיפערענ־צירטע באַציִונג צום אַריינטרעטן אין יידישן וועלט־קאָנגרעס. פאַר קיינעם איז קיין סוד נישט געווען דער דאָמינירנדיק־ציוניסטישער כאַראַקטער פון קאָנגרעס.

אויף אייניקע צווישן אונדז האָט געלאַסטעט דער פאַרמלחמהדיקער צוגאַנג צום ציוניזם ווי צו דעם שטאַרקסטן קעגנער פון דער קאָמוניסטיש־סאָוועטישער אַלטערנאַטיוו צום לייזן די יידן־פראַגע. אַנדערע האָבן אין דעם אָנשליסן זיך געזען די מעגלעכקייט צו באַקומען אַ וויכטיקע טריבונע צום פּאָפּולאַריזירן אונדזערע אָנשויונגען. אויף דעם סמך איז אין די קרייזן פון וועלט־קאָנגרעס געווען אָנגענומען, אַז מיר זענען אינערלעך צעטיילט אויף „האַרטנעקיקע״ און „ווייכע״. אין דער אמתן האָט אין דער פּרינציפּיעלער באַציִונג צום קאָנגרעס מצד אַלע אונדזערע טוערס אַנטשיידן די אַלגעמיינע פּאָליטישע ליניע פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג, וועלכע האָט אין דעם זעלבן 1948טן יאָר געבראַכט צו אַ גרינטלעכער איבעראָריענטירונג אין די באַציִונגען מיט אויסלענדישע יידישע אָרגאַניזאַציעס.

נאָך מיט אַ יאָר פאַר דעם, אין חודש אַפּריל 1947, האָבן מיר דעם ענין וועגן אונדזער שטעלונג לגבי דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס אַריבערגעטראָגן אויף אַ פּלענאַרער זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן. אויף דער דאָ־זיקער זיצונג זענען איינגעלאַדן געוואָרן פאָרשטייערס פון דער יידישער רעליגיעזער קאָנגרעגאַציע בראש מיטן געוו' הויפּט־ראַבינער פון פּוילישן מיליטער, פּולק' כהנא. אונדז איז געגאַנגען אין דעם, אַז דער באַשלוס וועגן אַריינטרעטן אין דעם קאָנגרעס, זאָל זיין מצד דער פאָרשטייערשאַפט פון גאַנצן יִשוב. מיר האָבן דערביי געהאַט אין זינען צו דערפירן גלייכצייטיק צו אַ באַשטימטער פאַראייניקונג, אין די ראַמען פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, מיט דער רעליגיעזער פאָרשטייערשאַפט. אַרום דער דאָזיקער פראַגע זענען צווישן אונדז אַליין געווען חילוקי־דעות. עס זענען געווען מיינונגען, אַז דער אַריינטריט פון די רעליגיעזע קאָנגרעגאַציעס וועט שטערן דעם סעקולערן כאַראַקטער פון די יידישע קאָמיטעטן. איבערגעוויגן האָט דער שטאַנדפּונקט, אַז דאָס וויכטיקסטע פאַר אונדז איז די אייניקייט צווישן אַלע טיילן פון יידישן יִשוב אין די ראַמען פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט אַלס דאַך־

אָרגאַניזאַציע. נישט ווייניק האָט געווירקט אויף צואיילן דעם דאָזיקן באַשלוס דער ביישפּיל פון דער אַלגעמיינער רעגירונגס־פּאָליטיק, וועלכע האָט געמאַכט גרויסע באַמיִונגען, כּדי צו געפינען אַן אָנשפּאַר צווישן דעם קאַטוילישן קלער. אונדזער אייגענע אויסבעסערונג דערבּיי איז געווען, אַז די פאַראייניקונג מיט די פאָרשטייערס פון דער יידישער רעליגיעזער געמיינדע וועט געפינען אַ גוטן אָפּקלאַנג אין אויס־לאַנד און וועט נייטראַליזירן אפילו די עקסטרעמע קעגנערס.

גרינג איז געווען אויפן האַרצן נאָך דער דאָזיקער פּלענאַרער זיצונג. פאַר מיין בליק איז אויפגעקומען דער מהלך פון יענע פאַרנאַכטן, ווען מיט פאַקלען האָבן מיר דעמאָנסטרירט אין אוקראַיִנישע שטעט און שטעטלעך אין די ערב יום־טובים, מיט אפּיקורסישע לאָזונגען און אויסרופן קעגן די רבנים — ביז זיצן אין איין אָנפירונג צוזאַמען מיט פאָרשטייערס פון דער רעליגיעזער יידישער קאָנ־גרעגאַציע. דערבּיי איז מען אויף דעם זעלבן פּלענום נאָכגעקומען דעם פאַרלאַנג פון די רעליגיעזע פאָרשטייערס, אַז שבת און יום־טוב וועלן אַלע אינסטיטוציעס פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט זיין געשלאָסן.

☆

אַ „שווער ביסן" איז פאַר אונדז געווען צו אַנטשיידן, ווי אַזוי צו האַנדלען לגבּי דער איניציאַטיוו, וואָס איז געקומען פון די פאַראייניקטע־שטאַטן, צו רופן צוויי וועלט־צוזאַמענפאָרן געווידמעט דער יידישער קולטור. דער אונטערשייד צווישן די איניציאַטאָרן איז דער עיקר געווען אַ פּאָליטישער — פון איין זייט דער „איקוף", אַרום וועלכן עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די לינקע קולטור־טוערס, מענטשן מיט אַ פּראָסאָוועטישער אָריענטאַציע און מיט אַ סך איבערגעגעבנקייט לגבּי דעם אויפקומענדיקן פּוילישן־יידישן ישוב; פון דער צווייטער זייט — די סאַמע באַוווסטע יידישע שרייבערס, וועלכע זענען געווען קעגנעריש צום „איקוף" און האָבן צוזאַמען מיט באַקאַנטע יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוערס געשאַפן די ציק"אָ (צענטראַלע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע). געשטיצט די ציק"אָ האָט דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, וועלכער האָט אַקטיוו געהאָלפן אַראָפּ־צוברענגען קיין אַמעריקע און קיין אַרגענטינע אַ גרויסן טייל פון די יידישער שרייבערס פון פּוילן.

ווען פאַר דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן וואָלט געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן אַן אויסוואַל: אין וועלכן צוזאַמענפאָר זאָלן מיר זיך באַטייליקן — וואָלט עס געבראַכט צו אַן אינערלעכער פאַנאַנדערטיילונג. די ציוי־ניסטישע און בונדישע מיטגלידער וואָלטן זיכער געשטימט פאַר אָנטיילנעמען אין דעם ציק"אָ־צוזאַמענפאָר. אַן אויסנאַם וואָלטן אפשר געווען אייניקע פון די לינקע פּועלי־ציון (ד"ר רפאל מאַהלער, דער לינקער פּועלי־ציוניסט, האָט דעמאָלט גע־הערט צו דער רעדאַקציע פונעם „איקוף"־אָרגאַן „יידישע קולטור"), אָבער אַנט־שיידן וואָלט מסתּמא זייער פאַרבונדנקייט מיטן יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. אונדז ווידער איז געווען צום האַרצן דער צוזאַמענפאָר פון „איקוף". אָנוואַרפן אונדזער

שטעלונג זענען מיר נישט געווען בכוח. דער פּרינציפּ פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט איז געווען, אַז מען שטעלט נישט צום אָפּשטימען פראַגן, לגבי וועלכע עס זענען פאַראַן קעגנזעצלעכע מיינונגען.

אַ באַשטימטן אויסוועג פאַר זיך האָבן מיר געזען אין דעם פאָרשלאַג, מיט וועלכן מיר האָבן זיך געווענדעט קודם־כל צו דעם „אוניאָן" אין פּאַריז, וועגן רופן אַן אַלאייראָפּעיִשע יידישע קולטור־קאָנפערענץ. דערביי האָבן מיר פאָרגע־לייגט, אַז די דאָזיקע קאָנפערענץ זאָל פאָרקומען זומערצייט 1948, גלייך נאָך דער גענעראַל־סעסיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, צו וועלכער עס וועלן קומען דעלעגאַטן פון אַלע אייראָפּעיִשע לענדער.

דער געדאַנק וועגן אַן אייראָפּעיִשער קולטור־קאָנפערענץ האָט געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג. מיר האָבן זיך געגומען גרייטן צו איר, פאַנאַנדערטיילנדיק די הויפּט־רעפעראַטן צווישן די טוערס פון פאַרשידענע לענדער, קודם־כל אָבער צווישן אונדזערע קולטור־טוערס, וועלכע האָבן געדאַרפט אַרויסברענגען די דער־פאַרונג פון קנאַפּע 4 יאָר קולטור־אַרבעט אין פּוילן נאָך דער מלחמה.

מיר האָבן אויך באַשלאָסן אַרויסצוקומען מיט אונדזער איניציאַטיוו וואָס שייך דער אייראָפּעיִשער קולטור־קאָנפערענץ אויף דער גענעראַל־סעסיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס.

אויף מיין פראַגע, בעת דעם נאָענטסטן טעלעפאָן־געשפּרעך מיט איציק פעפערן, פון וועמען זאָל קומען די איינלאַדונג צום יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, איז זיין ענטפער געווען: „פון אַלעביידע", ד"ה סיי פון אונדז און סיי פון פּאַריז. געמיינט האָט ער, אַז אין צווייען וועט שטאַרקער זיין.

וואָס נעענטער מיר זענען געווען צו דעם חודש אַפּריל, אַלץ מער האָט זיך געפילט אונדזער פאַרבונדנקייט מיט יידיש לעבן, מיט יידישע פראַגן מחוץ אונדזער אייגענעם, אַזוי נערוועזן, אַזוי נישט סטאַביליזירטן יידישן יִשוב. די מורא פאַר איינזאַמקייט, פאַר איזאָלאַציע איז שטאַרק אָפּגעטראָטן.

וועגן די וואָס זענען נישט געווען

אַ צייט פֿאַרן 19טן אַפּריל 1948, דעם טאָג פֿון אָנטהילן דעם דענקמאָל פֿון ייִדישן אומקום און קאַמף, האָט אַלץ אין דער ייִדישער סביבה אין פּוילן געלעבט מיט דעם פֿאַרשטייענדיקן אָנדענק־אַקט אויף די חורבות פֿון וואַרשעווער געטאָ. טויזנטער און טויזנטער אַקטיוויסטן פֿון די ייִדישע קאָמיטעטן, פֿון אַלע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, סתּם ייִדישע מענטשן האָבן זיך באַטייליקט אין דער זאַמל־אַקציע פֿאַר דעם פֿאָנד פֿון אויפֿבויען דעם דענקמאָל. אויף דער ווענדונג פֿון ייִדישן צענטראַל־קאָמיטעט האָבן זיך אָפּגערופֿן אַלגעמיין־מלוכהשע אינסטי־טוציעס מיט באַשטייערונגען אויף באַטייטנדיקע סומעס. געעענטפֿערט האָבן מיט אָפּשפּאָרונגען גרויסע אַרבעטער־קאָלעקטיוון. ייִדישע קינדער אין די שולן האָבן אָפּגעשיקט די באַקומענע זלאָטעס פֿון די עלטערן צוזאַמען מיט רירנדיקע בריוו־לעך, וואָס האָבן אויסגעדריקט זייער פֿאַרערונג פֿאַר די אומגעקומענע אין קאַמף.

אין וואַרשע גופֿא האָט דער ייִדישער קאָמיטעט דערקלערט אַ מאָביליזאַציע פֿון ייִדישער יוגנט און פֿון ייִדישע אַרבעטס־קאָלעקטיוון, כּדי אָפּצורייניקן דעם פּלאַץ פֿון געטאָ־דענקמאָל פֿון די אָנגעהויפֿטע בערג ציגל, ברוכוואַרג און מיסט. מענטשן האָבן געאַרבעט מיט גרויס אָנשטרענגונג און געטריישאַפֿט, באַמִיִענדיק זיך מיט אַלע כּוחות צו צאָלן אַזוי אַרום דעם חוב לגבי די, וועלכע האָבן נישט דערלעבט און וועמענס אָנדענק דאַרף אויף דעם געטאָ־פּלאַץ אויפֿלעבן.

יעדן טאָג פֿלעגן טעלעגראַמעס פֿון דעלעגאַציעס פֿון פֿאַרשידענע לענדער אָנגעבן דעם טאָג און שעה פֿון זייער אָנקומען אין וואַרשע. מיר האָבן גענוי געוווּסט די גרייס פֿון יעדער דעלעגאַציע און צוגעגרייט ערטער אין אַלע, דעמאָלט זייער־ווייניקע האָטעלן. צווישן זיך האָבן מיר, די מיטגלידער פֿון פּרעזידיום פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿאַנאַנדערגעטיילט ווער־וועמען עס באַגעגנט, ווען טרעפֿן מיר זיך מיט יעדער דעלעגאַציע, כּדי אָפּצוהאַלטן שמועסן, אָרגאַניזירן באַזוכן אין ייִדישע אינסטיטוציעס און דער עיקר — רעדן וועגן תּכלית, וועגן הילף, וועגן געמיינזאַמע אַקציעס.

פֿאַר אונדז, די טוערס פֿון דער קולטור־אָפּטיילונג פֿון צענטראַל־קאָמיטעט, איז באַזונדערס טייער געווען דער אָנקום פֿון אויסלענדישע ייִדישע שרייבערס. געווען זענען עס די אַזוי נאָענטע און באַוווּסטע דעם ייִדישן לייענער פֿון פּוילן — דער דיכטער משה שולשטיין און דער פּראָזאַיִקער בנימין שלעווין פֿון פּאַריז. געווען איז עס דער דיכטער פֿון די פּאַראַייניקטע שטאַטן אורי סול, וועלכער האָט באַוויזן צו ווערן היימיש מיט אונדזער עולם אין פֿיל שטעט און שטעטלעך. פֿון

לאָנדאָן איז געקומען יעקב זאָנטאָג. אין באַשטאַנד פון דער גרויסער און זייער רעפּרעזענטאַטיווער דעלעגאַציע פון ארץ־ישראל איז געווען דער דיכטער אברהם שלאָנסקי. מיט אַ צייט פריִער איז געקומען קיין פוילן דער העברעיִשער דיכטער בנימין טענענבוים, וועלכער האָט איבערזעצט פיל שאַפונגען פון די יידישע שרייבערס אין פוילן אויף עברית.

אַ באַזונדער גרויסע איבערלעבונג איז פאַר אונדז געווען צו באַגעגענען דעם געקומענעם פון לאָנדאָן, אַלס פאַרשטייער פון יידישן פּען־קלוב, איציק מאַנגער. לאַנג זענען מיר געשטאַנען, געקוקט איינער אויפן אַנדערן און נישט בכוח געווען אַ וואָרט אויסצוריידן...

שפּעטער פלעגן מיר זיך מיט איציק מאַנגערן זייער אָפט באַגעגענען. אַלע מאָל איז ער צו מיר צוגעשטאַנען מיט איין און דער זעלבער פראַגע: „ווען קומט דער קאָמיסאַר?" געמיינט האָט ער דערמיט איציק פעפערן, אויף וועלכן ער האָט געוואַרט, כדי זיך מיט אים אָפּצורעכענען... איציק מאַנגער האָט געהאַט אַ באַזונדערן חשבון מיטן „קאָמיסאַר". ער האָט בשעתו זיך געהאַט געווענדעט צו פעפערן מיט דער ביטע, אַז ער זאָל מיטהעלפן אים אַראָפּצובריענגען פון ענגלאַנד, כדי זיך באַזעצן אין ראַטן־פאַרבאַנד. און פעפער האָט אַפילו נישט געפּרוּווט העלפן. איך האָב עס געוווּסט טאַקע פון פעפערן גופא. ער האָט מיר בלויז געגעבן אָנצוהערן וואָס איציק מאַנגערן קען דערוואַרטן אין ראַטן־פאַרבאַנד, נאָך דער „דערפאַרונג" מיט די געקומענע פון פוילן משה קולבאַק, מאַקס עריק א"אַנד.

יענעם ערב־פרילינג־טאָג איז מיר איציק מאַנגער אַנטקעגן געקומען אויף די טרעפּ פון דער געביידע פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט אויף שענגע־גאַס 60, האָט אָנגעהויבן מיט זיין געוויינלעכער פראַגע וועגן קאָמיסאַר און האָט פּלוצעם איבערגעריסן, אָנכאַפּנדיק מיר פאַר דער האַנט: „וואָס איז מיט אייך?!" איך בין געבליבן שטיין אויף די טרעפּ אַזוי ווי אַ געליימטער, נישט געקענט ממש שטעלן אַ טראָט. דער ווייטיק אין די פיס האָט ווייזט אויס זיך אָפּגעשפּיגלט אויף מיין פנים. ווען כ'בין אַ ביסל געקומען צו זיך האָט ער ווידער געפרעגט: „דער קאָמיסאַר איז שוין דאָ? ווער נאָך איז פון מאָסקווע געקומען?"

— ניין, נישטאָ. נישט געקומען... קיינער איז נישטאָ... קיין שום ידיעה...

און דאָס איז געווען דער איינציקער ליגן אין מיין ענטפער: אַ ידיעה איז שוין דאָס מאָל יאָ געווען. זי טאַקע איז עס געווען די סיבה פון מיין קוים דערשלעפּן זיך צום אויבערשטן שטאָק פון דער געביידע, ווו אויף מיר האָבן אומגעדולדיק געוואַרט מיינע חברים פון דער „צענטראַלער פראַקציע".

...דער טעלעפאָן פון מאָסקווע האָט אַלץ אָפטער געקלונגען. איציק פעפערס סעקרעטאַרין, מירע זשעלעזנאָוואַ, האָט מיט אַמאָל אויפגעהערט צו פרעגן „וואָס פאַר אַ וועטער איז איצט אין וואַרשע". זי האָט בלויז שטיל געמאָלדן, אַז באַלד וועט מיט מיר רעדן „איסאַק סאָלאָמאָנאָוויטש". פעפערס רייד זענען געוואָרן אַלץ מער נערוועזער. זיין פראַגע „וואָס טוט איר?" האָט באַטייט, אַז די האָפענונג צו קענען קומען אַלס דעלעגאַציע לייגן זיי אויף אונדזערע באַמיִונגען אין וואַרשע.

און מיר האָבן זיך באמת דורך אַלע מעגלעכע קאַנאַלן. טאָג־איין טאָג־אויס פלעג איך זיך פאַרבינדן טעלעפאָניש — אַמאָל מיטן קולטור־אַטאַשע, אַמאָל מיטן סעקרעטאַר פון דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע. דער ענטפער איז אַלע מאָל געווען, אַז קיין שום ענטפער איז פון מאָסקווע נישט געקומען.

מיר האָבן געשטעלט די פראַגע פאַרן צענטראַל־קאָמיטעט פון פפ״ר, פאַרשטעלנדיק ווי וויכטיק עס איז, אַז גראַד פון ראַטן־פאַרבאַנד זאָל קומען אַ דעלעגאַציע; אַז אַלע געקומענע פון אויסלאַנד זענען איבערצייגט, אַז אַזאַ דעלעגאַציע וועט קומען. עס האָבן דאָך שוין אָנגעזאָגט אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס פון מזרח־בלאָק, אַז זיי שיקן רעפּרעזענטאַטיווע פאַרשטייערס; אַז דאָס נישט קומען פון אַ יידישער דעלעגאַציע פון מאָסקווע וועט פאַרערגערן אונדזער אייגענע לאַגע און וועט אַריינשפּילן אין די הענט פון אונדזערע קעגנערס. מיר זענען געווען ביים דעמאָלטיקן פּרעמיער־מיניסטער יוזעף ציראַנקעוויטש, און ער האָט אונדז צוגעזאָגט תיכף זיך צו פאַרבינדן מיט מאָסקווע.

בעת דעם לעצטן טעלעפאָן־שמועס מיטן סעקרעטאַר פון דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע, נאָכן באַקומען דעם געוויינלעכן ענטפער, האָב איך געבעטן צו באַשטימען פאַר מיר אַן אויפנאַמע ביים אַמבאַסאַדאָר, וויקטאָר לעבעדיעוו.

דער אַמבאַסאַדאָר האָט מיך זייער פריינטלעך אויפגענומען. אין אונטערשייד צום קולטור־אַטאַשע און סעקרעטאַר פון דער אַמבאַסאַדע, וועלכע פלעגן צו מיר רעדן פּער „גראַזשדאַנין״ (בירגער), האָט דער אַמבאַסאַדאָר מיך גלייך „טיטולירט״ אַלס חבר („טאָוואַרישטש״), אַרויסווייזנדיק גוטע אינפאָרמירטקייט וועגן מיין אַמאָליקער טעטיקייט אין ראַטן־פאַרבאַנד, וועגן מיין אָנגעהעריקייט צו דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און וואָס פאַרן סאָוועטישע אָרדנס און מעדאַלן איך פאַרמאָג. מיט איין וואָרט — אַן אָנזאָג אויף אַן אָפנהאַרציקן שמועס.

אַזאַ איז דער שמועס טאַקע געווען. ניין, — האָט ער דערקלערט — קיין דעלעגאַציע פון ראַטן־פאַרבאַנד וועט נישט קומען. אַזוי האָט מען אים איבערגעגעבן פון מאָסקווע.

לאַנג, ווייזט אויס, בין איך געבליבן זיצן אַזוי ווי אַ פּריטשמעליעטער, אָן אַ וואָרט אַרויסצוזאָגן. לעבעדיעוו האָט מיט אַ געמאַכטער האָפלעכקייט פאַרגעלייגט צו נעמען אַ גלעזעלע. דאָס ביסל בראָנפן האָט מיר געגומען ברי׳ען דעם אינגעוויד און מסתמא העכער ווי געוויינלעך איז געווען מיין מאָנענדיקע פראַגע: פאַר וואָס? פאַר וואָס!

דער אַמבאַסאַדאָר לעבעדיעוו האָט זיך נעענטער צוגעזעצט צו מיר, אָנגעגאָסן נאָך אַ גלעזל וואָדקאַ און פאַרטרויליך געגומען רעדן: „איר מוזט עס פאַרשטיין. עס גייט וועגן אַ מער אַלגעמיינעם ענין״. און דער „מער אַלגעמיינער ענין״ איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן, לויט דעם ענטפער פון סאָוועטישן אויסערן־מיניסטער, וויאַטשעסלאַוו מיכאַילאָוויטש מאָלאָטאָוו, וועלכער האָט דערקלערט: „עס קען נישט געמאָלט זיין, אַז דער ערשטער נאָך דער מלחמה דענקמאָל אין פּוילן, וווּ עס זענען אומגעקומען אַזוי פיל פּאָליאַקן, זאָל זיין פאַר יידן. דאָס איז אַ פעלער און מיר

ווילן עס מיט דער אָפּוועזנהייט פון אונדזערער אַ דעלעגאַציע אונטערשטרייכן".

דער אַמבאַסאַדאָר האָט זיך באַוואָרנט, אַז דאָס גיט ער מיר איבער שטרענג־פּאַרטרויליך. אַ צייט לאַנג האָב איך וועגן דעם געשוויגן. כ'האָב געוווּסט, אַז דער דאָזיקער אָנשוילעכער פּאָרוווּרף די פּוילישע פּאָליטישע פירערס מצד סטאַלינס „רעכטע האַנט", וו. מ. מאָלאָטאָוו, קען בלויז האָבן אַ שלעכטע אויסווירקונג לגבי אונדז, פּוילישע יידן, די דירעקט „שולדיקע" אין דורכפירן די גרעסטע יידישע וועלט־דעמאָנסטראַציע אויף די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ *).

נישט דערטראַכט האָב איך זיך בלויז, אַז מאָלאָטאָווס ענטפער האָט גיכער אַ שייכות געהאַט צו דעם סטאַלינישן פּלאַן פון ליקווידירן מיט 7 חדשים שפּעטער דעם יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט צוזאַמען מיט זיינע מיטגלידער און מיט־אַרבעטערס.

ביז דער לעצטער מינוט האָבן מיר קיינעם, חוץ דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון „אוניאָן", א. רייסקין נישט געזאָגט, אַז קיין דעלעגאַציע פון ראַטן־פאַרבאַנד וועט נישט קומען. דעם גרעסטן אָנשטרענג האָבן מיר געדאַרפט מאַכן, כדי די פּילצאָליקע דעלעגאַטן, געקומענע פון 24 לענדער, זאָלן אין אונדז נישט דערקענען דעם צעבראָכענעם געמיט נאָכן באַקומען דעם פּילבאַרסטן קלאַפּ.

דערקענט האָט מען אָבער יאָ אונדזער אויפגערעגטקייט האַרט פאַרן 19טן אַפּריל און דאָס צוליב דער דעלעגאַציע פון ארץ־ישראל. אין איר באַשטאַנד זענען געווען פאָרשטייערס פון כמעט אַלע ישראלדיקע פּאָליטישע ריכטונגען. עס האָבן באַזונדערס זיך אָנגעזען די מענטשן, וועלכע זענען ברייט־באַקאַנט געווען די פּוילישע יידן נאָך פון פאַר דער מלחמה, אַזעלכע ווי יצחק גרינבוים, י. זרובבל, מ. קליינבוים (סנה) א"אַנד. די פאָרשטייערס פון אַלע ריכטונגען האָבן געוואָלט האַלטן רעדעס אָדער בעת דער גרויסער פאָלקס־פאַרזאַמלונג, ערב דעם 19טן אַפּריל, אָדער אויף צומאָרגנס — ביים דענקמאָל גופא. די ציוניסטישע פאָרשטייערס אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט האָבן זיך באַמיט דורכצופירן דעם מאַקסימום זייערע רעדנערס. עס האָט געדראָט, אַז די פייערונג זאָל באַקומען אַן אַנדערן, ווי דעם געפּלאַנטן כאַראַקטער.

בעת די זיצונגען פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט איז דערגאַנגען צו מוראדיקע געשרייען, צו סקאַנדאַלן, וואָס האָבן געדראָט אַרונטערצורייסן די עצם־עקסיסטענץ פון צענטראַל־קאָמיטעט. ווי געווייגלעך האָט זיך אין די לעצטע שעהען געפונען

---

*) מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט מען פון פּוילישן אויסערן־מיניסטעריום מיר פאָר־געלייגט צו באַגלייטן „זייער אַ וויכטיקן סאָוועטישן פאָרשטייער" ביים באַזוכן דעם דענקמאָל פון די מאַרטירער און קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ. געווען איז עס... וו. מ. מאָלאָטאָוו. איך האָב אים דערציילט די געשיכטע פון דענקמאָל, וועגן זיין אַליידישן אָפּשטאַם און באַטייט און וועגן דער קאָנצעפּציע פון זיין שעפער, נתן ראַפּאַפּאָרט. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט מאָלאָטאָוו זיך דערווייטערט פון מיר, אַליין באַטראַכט יעדע זייטן פון דענקמאָל. צוריקקומענדיק האָט ער אַ באַגייסטערטער זיך אָפּגערופן: „עפּעס ענלעכעס, מעכטיקס און שיינס האָב איך נאָך דער מלחמה נישט געזען"...

אַ קאָמפּראָמיס־אויסוועג. די פּילצאָליקע רעדעס האָבן נישט באַוויזן אָפּצושוואַכן דעם אַלגעמיינעם אומגעהויער־טיפן איינדרוק, וואָס די יידישע דעמאָנסטראַציע ביים געטאָ־דענקמאָל האָט געמאַכט אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג.

צענדליקער טויזנטער יידן, אויך פּאָליאַקן, האָבן געשטראָמט צו דעם פּלאַץ אַנטקעגן דער אַמאָליקער מיליטערישער טורמע אויף זאַמענהאָף־גאַס. מענטשן זענען אַרויפגעקראָכן אויף די חורבות, אויף די פאַרברענטע ווענט, האָבן באַזעצט יעדן פרייען ווינקל און אין אַ האַלבן קרייז אַרומגענומען דעם גרויסן שטח.

די טויטע שטילקייט איז איבערגעריסן געוואָרן דורך אַן אַלץ העכערן שלוכצן, ביזן אויפרייס פון יתומדיקע געוויינען, ווען אויף דער לינקער זייט פון דענקמאָל־שטח האָבן יידן אין טליתים אָנגעהויבן אָפּריכטן תּפילות. אַזאַ ווירקונג פון דעם „אל מלא רחמים" אויף צענדליקער טויזנטער יונגע און אַלטע, האָב איך מער קיין מאָל אין מיין לעבן נישט געזען. בעת די רייד פון אָפיציעלע רעגירונגס־פאַרשטייערס און פון די יידישע רעדנערס איז מען געקומען צו זיך. אַ האַלבער דענקמאָל איז באַדעקט געוואָרן מיט בלומען.

פון דעמאָלט אָן איז דער דאָזיקער פּלאַץ, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון די געטאָ־העלדן און גרענעצט זיך מיט די גאַסן, וואָס טראָגן אַזעלכע נעמען, ווי מרדכי אַניעלעוויטש, יוסף לעוואַרטאָווסקי, געוואָרן דאָס אָרט, ווו יעדער ייד קומט פאַרנייגן דעם קאָפּ פאַר די, וואָס זענען געבליבן לעבן אין פאָלק־זכרון.

ערב דעם 19טן אַפּריל איז אין דעם דעמאָלט־גרעסטן זאַל פון וואַרשע אָפּ־געהאַלטן געוואָרן די פאָלקס־פאַרזאַמלונג. דער פּלאַץ אויף נאָוואָגראָדסקי־גאַס איז געווען איבערגעפּולט. אַריינקומען אינעווייניק, אין דעם זאַל, איז אָנגעקומען מיט גרויסע שוועריקייטן. דעם פּרעמיער יוזעף ציראַנקעוויטש און דעם מיטגליד פון פּאָליטביוראָ, יעקב בערמאַן, איז אויסגעקומען דורכצושטופּן, ממש מיט כוח, כדי זיי אַריינברענגען אין זאַל.

נאָך דעם זענען אין אַלע שטעט און שטעטלעך, ווו נאָר עס זענען געווען יידן, פאָרגעקומען מאַסן־פייערונגען, בעת וועלכע פּלעצער און גאַסן האָבן באַקומען דעם נאָמען פון די אויפשטענדלער פון וואַרשעווער געטאָ.

פון דער גאַנצער וועלט זענען צו אונדז דערגאַנגען סאָלידאַריטעט־אויסדרוקן. עס האָט געשריבן צו אונדז אַלבערט איינשטיין. אויך ליאָן פויכטוואַנגער. עס האָבן צוגעשיקט זייערע טיף וויטיקדיקע און טרייסטנדיקע ווערטער שלום אַש און זלמן שניאור. מיט אונדז צוזאַמען זענען אין זייער ספּעציעלער ווענדונג געווען ה. לייוויק און י. אָפּאַטאָשו.

נישט געווען זענען בלויז די אַזוי נאָענטע צו אונדזערע הערצער און צו אונדזערע גרענעצן — די סאָוועטישע יידן ,מיט וועלכע עס האָט אונדז פאַרבונדן דער זעלבער גורל און די זעלבע איבערלעבונגען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

טיף אין זיך איז אויסגעקומען אויסצובאַהאַלטן דעם פּחד פאַר זייער — און אפשר אויך פאַר אונדזער ! — מאָרגנדיקן טאָג.

„מיט אַ באַזונדער שליחות״

אַ סך צייט האָבן אונדז פאַרנומען בעת דער אַרבעט אין צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן די אויפנאַמעס און שמועסן מיט פילצאָליקע שליחים פון ישראל.

די פּראָצעדור דערביי איז געווען אַ דיפערענצירטע: ווען עס האָט זיך גע־האַנדלט וועגן אַ פירנדיקער פּערזענלעכקייט פון פּאָליטישן לעבן אין ישראל, פלעגן זיך צונויפקומען די מיטגלידער פון פּרעזידיום פון צענטראַל־קאָמיטעט, כדי ביי אַ גלעזל טיי באַגריסן דעם חשובן גאַסט און אויסהערן זיין גרוס. אַנדערש איז עס געווען מיט פאַרשידענע שליחים פון קלענערן מאַסשטאַב, וועלכע זענען גע־קומען ווי געסט פון באַזונדערע ציוניסטישע גרופּירונגען מיט איין און דער זעלבער עיקר־אויפגאַבע: העלפן אין דער פּראָפּאַגאַנדע לטובת דער עליה קיין ארץ־ישראל (וואָס האָט, פּראַקטיש גענומען, באַטייט צוגרייטן צום אַרויספאָרן אין די לאַגערן אין דייטשלאַנד און עסטרייך). ביי דער גאַנצער גאַסטפריינטלעכקייט און טאָלעראַנץ מצד די טוערס פון דער „צענטראַלער פראַקציע״ און פון די אָרטיקע יידישע פּפּ״ר־טוערס, האָבן מיר אין די דאָזיקע שליחים געזען די פּראַקטישע פאַרווירקלעכער פון דער פּאָליטיק פון „יציאת פוילן״. ממילא פלעגן מיר אָנווענדן אַ צוזייענדיקע מאָס לגבי זיי: אויסערלעך — קאָרעקט, מיט גרויס אינטערעס צו דעם וואָס זיי האָבן דערציילט וועגן דעם אָנוווּקס פון באַפרייונגס־קאַמף אין ישראל; גלייכצייטיק זענען געגעבן געוואָרן דירעקטיוון אין יענע ערטער, ווו די שליחים האָבן געווירקט, זיך אַנטקעגנצושטעלן זייער „עמיגראַציאָניזם״.

די דאָזיקע שליחים פלעגן געוויינטלעך קומען אין סעקרעטאַריאַט פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, באַגלייט דורך טוערס פון דער ציוניסטישער ריכטונג צו וועלכער דער שליח האָט געהערט. דעמאָלט פלעגן מיר אין צימער פון סעקרעטאַר זיך צונויפקומען זאַלבעדריט — דער סעקרעטאַר, דער וויצע־פאַרזיצער מ. ביטער און איך. די דאָזיקע באַגעגענישן פלעגן שוין נישט טראָגן קיין בלויזן קורטואַזיע־כאַראַקטער. מיר פלעגן מיט פילצאָליקע פראַגן זיך באַמיִען צו באַקומען אַ רעאַל בילד וועגן דער לאַגע אין ישראל, וועגן די אינערלעכע פּאָליטישע צווישנבאַציִונ־גען, וועגן דעם כאַראַקטער פון דעם באַפרייונגס־קאַמף.

פון די דאָזיקע שמועסן פלעגן מיר האָבן גרויס נוצן. מיר, די יאָרנלאַנגע אַנטיציוניסטן, האָבן אין אונדזער אידעיִשן אַרסענאַל פאַרמאָגט אַ גרייטע אויס־געפּרוּווטע סכעמע, באַגרינדעט דורך אַ צאָל אַרגומענטן, וועלכע האָבן דעם ציוניזם, דעם פּאַלעסטיניזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען, פאַרגעשטעלט אַלס שטערונג אין

קאַמף פאַר די אינטערעסן פון די יידישע מאַסן אין זייערע וווינערטער. גאַר באַזונדער האָבן מיר אונטערגעשטראָכן די דעפעטיסטישע ווירקונג פון ציוניזם קעגן די מעגלעכקייטן און ווירקזאַמקייט פון געמיינזאַמען קאַמף פון די פוילישע און יידישע אַרבעטער־מאַסן פאַר דעם סאָציאַליזם, וועלכער דאַרף מיט זיך ברענגען די פולע לייזונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם.

אין אָנבליק פון דער לאַגע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָך דער אויס־ראָטונג פון די מזרח־אייראָפּעיִשע יידן און קודם־כל — נאָך דער פאַרניכטונג פון גרעסטן יידישן ישוב אין פוילן, האָבן אין אונדזער אַנטי־ציוניסטישער סכעמע זיך באַוויזן קענטיקע ריסן. די לאַגע פון די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועלכע איז גוט באַוווּסט געווען פון אייגענער, נאָענטער דערפאַרונג אַלע צוריקגעקומענע פון דאָרט פוילישע יידן, האָט אַפילו אין אונדזערע אייגענע רייען אַרויסגערופן שטאַרקע ספיקות, צי איז נאָך דאָרט בכלל מעגלעך אַן ענדערונג אין דער ריכטונג פון „אונדזער" אופן פון לייזן די יידישע פראַגע. מיר האָבן מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט, אַז אין פוילן זאָל זיין אַנדערש און מיט דער אַנדערשקייט באַווירקן די מזרח־אייראָפּעיִשע יידישע יִשובים, קודם־כל — דעם גרעסטן, דעם סאָוועטישן.

דער ריס אין אונדזער איינגעפונדעוועטער אידעיִש־פּאָליטישער סכעמע איז גרעסער געוואָרן נאָך די שמועסן מיט אַ ריי שליחים פון ישראל, וועלכע האָבן הן מיט זייער פּראַקטישן פאַרשטעלן די לאַגע אין ארץ־ישראל, הן מיט זייער פּערזענלעכן אָנטייל אין דירעקטן, פאַרביטערטן קאַמף קעגן דער ענגלישער מאַנ־דאַט־מאַכט און הן מיט זייער לעבנס־שטייגער אַרויסגעבראַכט אַ לחלוטין־אומ־באַקאַנטע ווירקלעכקייט.

פאַר אַזאַ איינעם ווי איך, וועלכער האָט צענדליקער יאָרן פּאָלעמיזירט מיטן ציוניזם, באַקעמפט זיין אויסערן־ און אינערן־פּאָליטיק, געשריבן פילצאָליקע אַר־טיקלען, פּאַמפלעטן, בראָשורן וועגן פאַרשידענע אַספּעקטן פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק און פּראַקטיק, איז די באַגעגעניש מיט ישראל־שליחים, דער עיקר מיט נישט קיין פּראָפעסיאָנאַלן, געווען ממש אַן אַנטפּלעקונג. כ'האָב אַלץ מער זיך דערוווּסט, ווי... ווייניק איך האָב געוווּסט.

דער ערשטער טיפער איינדרוק איז ביי מיר און ביי אייניקע אַנדערע חברים געקומען נאָך דעם צוזאַמענטרעף מיט 2 ישראל־קאָמוניסטן, וועלכע זענען גע־קומען „מיט אַ באַזונדער שליחות". געווען איז עס דער אַמאָליקער אונטערערדי־שער טוער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פוילן, קלמן געלבאַרד, און דער יוגנט־טוער, דעמאָלט נאָך אַ סטודענט פון ירושלימער אוניווערסיטעט, שמואל עטינגער. זיי ביידע האָבן רעפּרעזענטירט אַן אָפּאָזיציע אין דער דעמאָלטיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּאַלעסטינע, אַ באַזונדערע ריכטונג אַלס „קומוניסטים עיבריים". זיי האָבן באַקעמפט דעם נאַציאָנאַלן ניהיליזם פון דער דעמאָלטיקער פּק"פּ־אָנפירונג, אירע פּראָאַראַבישע איינשטעלונגען, רופנדיק צו באַטייליקן זיך אין דעם נאַציאָנאַלן באַפרייונגס־קאַמף פון דער הגנה, פון זיינע פאָדערשטע פלמ"ח־רייען. קלמן געלבאַרד האָט אין זיינע פילצאָליקע שמועסן און נישט

אָפיציעלע פאַרזאַמלונגען (אין פּריוואַטע דירות) זיך כסדר געשטיצט אויף די פּראָגראַם־איינשטעלונגען און נאַציאָנאַלער פּראַקטיק פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי, רופנדיק אָנצווענדן זי אין דעם קאַמף פאַר יידישער באַפרייונג, פאַר יידישער נאַציאָנאַלער מלוכהשער זעלבשטענדיקייט אין ישראל. מיטן גאַנצן הארצן און מיטן באַוווסטזיין בין איך געווען מיט קלמן געלבאַרדן און שמואל עטינגערן און דאָך... אויף אונדז אַלע, וועלכע האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט זייער שטעלונג, האָט געלאַסטעט דאָס שרעקוואָרט: פּראַקציע, און דער גורל פון אַלע פראַקציעס אין דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

די ביידע שליחים האָבן זיך פּאַרטיידיקט, אַז זייער מיין איז נישט צו צעברעכן די פּאַרטיי, אַז פאַרקערט, — דאָס טוען גראָד די אָנפירערס פון דער פּק״פּ, וועלכע באַקעמפן זיי אַלס כלומרשטע נאַציאָנאַליסטן, אַלס „ציוניסטישע דיווערסיע״ אד״גל. קלמן געלבאַרד האָט אויסגענוצט זיינע אַמאָליקע קאָנטאַקטן מיט פּוילישע קאָמוניסטישע טוערס, האָט באַמיט זיך אָנצוקומען צו דער אָנפירונג פון פּפּ״ר. אומעטום האָט ער באַגעגנט די זעלבע צעשפּאָלטנקייט: פולשטענדיקע סימפּאַטיע פאַר די אידעען פון די קאָמוניסטן־עיבריים און... פולשטענדיקן אָפּזאָג זיך אַריינצומישן אין די אינערלעכע ענינים פון די פּאַלעסטינער קאָמוניסטן.

אין 1947 איז צו אונדז געקומען דער מיטגליד פון דעם פּאָליטביוראָ פון פּק״פּ, אליהו גאָזשאַנסקי („אַליאָשאַ״). געווען איז עס נאָך פאַר דעם באַשלוס פון דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון אונ״אָ וועגן צעטיילן פּאַלעסטינע און שאַפן די יידישע מדינה. פון „אַליאָשען״ האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן אַ סך ענינים „פון דער קיך״, וועגן דער ענערגישער אַרבעט צו באַווירקן אינטערנאַציאָנאַלע פאַקטאָרן לטובת אַ יידישער מדינה. דעמאָלט האָב איך פאַר אים געשטעלט די פראַגע וועגן צוריק צוציִען די גרופּע פון שמחה צבר — קלמן געלבאַרד, וועלכע איז דאָך געווען די פאַרקעמפערין פאַר אַ געענדערטער באַציִונג לגבי דעם יידישן נאַציאָנאַלן באַפרייונגס־קאַמף. „אַליאָשאַ״ האָט זיך דערפון אָפּגעטרייסלט. איך האָב דערשפּירט דעם באַקאַנטן, נאָך פון די צוואַנציקער יאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, נוסח פון באַקעמפן אַנדערש דענקנדיקע און וויטזיכטיקע.

אַ סך מאָל איז קלמן געלבאַרד געקומען צו מיר מיטן פאַרשלאַג זיך „אַריינצולייגן״ צום מאַכן שלום צווישן אים מיט דער שפּעטערדיקער מק״י־אָנפירונג. מיינע ווענדונגען צו דער אויסלענדישער אָפּטיילונג פון צ״ק פּפּ״ר וועגן דעם, זענען אָבער געבליבן אָן רעזולטאַטן. מען האָט מיך געעצהט, אַז כ׳זאָל מיט דעם דאָזיקן ענין אויפהערן בכלל זיך צו פאַרנעמען... *).

אין זכרון זענען פאַרבליבן די שמועסן מיט מאיר יערי, י. ריפטין, י. ברזילי (דער שפּעטערדיקער אַמבאַסאַדאָר פון מדינת ישראל אין פּוילן) און משה סנה.

---

*) קלמן געלבאַרד איז אין צווישנצייט קראַנק געוואָרן. פון גרויס פאַרצווייפלונג איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אין די אָנהייב זעכציקער יאָרן האָט דאָס פּוילישע זיכערהייטס־מיניסטעריום געפֿונען מיך פאַרשן וואָס פאַר אַ שייכות איך האָב געהאַט צו קלמן געלבאַרדן און זיין גרופּע.

פיל פראַגן פון גרויסן פּרינציפּיעלן באַטייט זענען דיסקוטירט געוואָרן און די ענינים האָבן אויסגעזען אַזוי אַנדערש, אַזוי וויכטיק און באַטייטונגספול, אַז מינוטנ־ווייז האָט די אייגענע, אַזוי ברייט־פאַרמאָסטענע אַרבעט אין פּוילן, לטובת אַן איינגעפונדעוועטן יידישן יישוב, אַנגעהויבן אויסצוזען... וואָכעדיק. בפרט, אַז אין גיכן איז מיר אויסגעקומען זיך איינצושליסן אין אַן אַרבעט, וואָס איז דירעקט געווען פאַרבונדן מיטן נאַציאָנאַלן באַפרייונגס־קאַמף אין ארץ־ישראל.

☆

דאָס גאַנצע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן פון אַלע יידן אין פּוילן איז אין יענער צייט געשטאַנען, אין אַ גרויסער מאָס, אונטערן צייכן פון און אַרום די געשעענישן אין ארץ־ישראל *). נאָך דעם 29טן נאָוועמבער 1947, ווען די אונ״אָ־פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען דעם באַשלוס וועגן צעטיילן פּאַלעסטינע אויף צוויי מדינות — אַ יידישע און אַראַבישע, איז צונויפגערופן געוואָרן אַן אויסעראָרדנט־לעכע פּלענאַרע זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן מיט דער באַטייליקונג פון אַלע פאָרזיצערס און סעקרעטאַרן פון די יידישע קאָמיטעטן פון גאַנץ פּוילן, ווי אויך פון אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס.

אויף דער דאָזיקער זיצונג איז אַלזייטיק אַרויסגעבראַכט געוואָרן די שטעלונג לגבי דער אויפקומענדיקער יידישער מדינה. אַלס פאָרשטייער פון אַלע ציוניס־טישע ריכטונגען איז דעמאָלט אַרויסגעטראָטן צבי שנער. די „צענטראַלע פראַק־ציע״ האָט מיר באַפולמעכטיקט אַרויסצוקומען מיט אונדזער שטעלונג **) מיין דערקלערונג, אַז „דער באַשלוס פון דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון אונ״אָ אין לעיק סאַקסעס דעם 29טן נאָוועמבער 1947, איז אַ באַשטעטיקונג פון די אומ־באַשטרייטבאַרע רעכט פון יידישן פאָלק אויף אייגענער, מלוכהשער זעלבשטענ־דיקייט אין ארץ־ישראל״, איז אויפגענומען געוואָרן מיט באַגיטיקונג, דורך טייל — אויך מיט חידוש: ווי קומען אַזעלכע רייד אין מויל פון אַן אַלטן קאָמוניסט?! די מענטשן האָבן נישט געוווּסט, אַז די אידעע פון רעכט פון יידישן פאָלק אויף אייגענער מלוכהשקייט איז פון 1925טן יאָר, אין סאָוועטישע באַדינגונגען און מיט דער אָריענטאַציע אויפן ראַטן־פאַרבאַנד, געוואָרן די עיקר־שטרעבונג אין מיין שפּעטערדיקער טעטיקייט ***). קיינער האָט אָבער זיך נישט געחידושט, ווען גראָד

*) אויף אַ זיצונג פון פּרעזידיום פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט האָט דער פאָרשטייער פון „בונד״ פאַרגעוואָרפן, אַז יעדע פאַרזאַמלונג וואָס ווערט גערופן דורך די יידישע קאָמיטעטן, ווערט פאַרוואַנדלט אין... אַ ציוניסטישן מיטינג.

**) בכלל האָב איך געהאַט דאָס מזל באַשטימט צו ווערן אַלס רעדנער אין סיטואַציעס, ווען אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז „בעסער זיין פאָרזיכטיק״. אַזוי איז אויך געווען, ווען די „צענטראַלע פראַקציע״ האָט מיך דעלעגירט צום באַגריסן דעם 1טן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון „בונד״ נאָך דער מלחמה.

***) זע מיין בוך „פון אינעווייניק״.

איך בין אויסגעטיילט געוואָרן דורכן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי זיך צו פאַרנעמען מיט די ענינים, מיט וועלכע די שליחים פון דער „הגנה" זענען געקומען קיין פּוילן.

און געשען איז אַזוי:

אין די לעצטע טעג פון 1947 בין איך אַרויסגערופן געוואָרן צום אָנפירער פון דער אויסלענדישער אָפּטיילונג פון צ"ק פפּ"ר, אָסטאַפּ דלוסקי. איך האָב דעם דאָזיקן אַלטן, פירנדיקן קאָמוניסטישן טוער (פון די איינצלנע געראַטעוועטע פון דעם סטאַלין־מאָרד) זייער געשעצט, קודם־כל צוליב זיין אָפנהאַרציקייט און באַשיידנקייט.

דער שמועס איז פון אָנהייב אָן גלייך אַוועק וועגן די ישראל־ענינים. אים איז באַקאַנט געווען מיין רעדע בעתן אויסעראָרדנטלעכן פּלענום פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט און ער האָט אין אַלגעמיין זי באַגיטיקט, הגם ער האָט געהאַט באַוואָרענישן קעגן דעם, פאַר וואָס איך האָב נישט אונטערגעשטראָכן דעם אַנטיקאָלאָניאַלן כאַראַקטער פון דעם באַשלוס וועגן אַ יידישער מדינה און נישט גענוג אַקצענטירט די נויטיקייט פון אַ יידיש־אַראַבישן צונויפירעדן זיך. ער האָט אָפנהאַרציק געזאָגט, אַז אים איז נעענטער געווען צום האַרצן די שטעלונג פון יוגאָסלאַוויע, וועלכע איז אגב געווען אויך די שטעלונג פון „השומר הצעיר", וועגן אַ בינאַציאָנאַלער מדינה פון יידן און אַראַבער. אָבער ס'איז געשען אַזוי ווי ס'איז געשען.

דלוסקי האָט מיר אינפאָרמירט וועגן דער נויטווענדיקייט וואָס דרינגט אַרויס פון דער שטעלונג פון פּוילן, ווי פון אַלע סאָציאַליסטישע מלוכות, וועלכע האָבן געשטיצט דעם באַשלוס וועגן אַ יידישער מדינה, פּאָליטיש צו באַווירקן דעם פּראָצעס פון אויפקום פון דער מדינה. דאָס קאָן געטאָן ווערן דורך דירעקטער הילף. בקיצור: איך בין באַשטימט געוואָרן דורכן סעקרעטאַריאַט פון צ"ק פפּ"ר דירעקט זיך צו פאַרבינדן מיט די ספּעציעלע שליחים פון ישראל, און אין הסכם מיט די געהעריקע אָרגאַנען — טאָן וואָס איז נויטיק, כדי אַרויסקומען מיט ממשותדיקער הילף.

איך בין געבליבן אין גרויס פאַרלעגנהייט. צי זאָל דאָס באַטייטן, אַז כ'וועל דאַרפן אַוועקגיין פון דער אַרבעט אין יידישן צענטראַל־קאָמיטעט? קיין ענטפער דערויף האָט מיר אָסטאַפּ דלוסקי נישט געגעבן. ער האָט מיר בלויז פאָרגעלייגט זיך צו פאַרבינדן מיטן גענעראַל וואַצלאַוו קאָמאַר, ווי אויך מיט גאַדאָמסקין, וועלכער קען גוט די ישראל־פאַרהעלטענישן (ער איז מיט אַנדערסעס אַרמיי געקומען קיין ארץ־ישראל און איז דאָרט געווען פאַרבונדן מיט פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע קרייזן).

די ביידע פאַרמלחמהדיקע קאָמוניסטן האָב איך געקענט פון פריִער. וואַצלאַוו קאָמאַר איז געווען באַוווּסט פון זיין אָנפירנדיקער ראָל בעת דעם בירגער־קריג אין שפּאַניע. ער איז געווען אַ קאָמאַנדיר פון איינער פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס. מיט גאַדאָמסקין האָב איך זיך געהאַט צונויפגעטראָפן אין ביאַליסטאָק,

אין 1939טן יאָר, בעת איך בין געווען דער סעקרעטאַר פון שרייבער־פאַראיין. זיין דעמאָלטיקע פרוי, יאַנינאַ בראַניעווסקאַ, איז געווען די אָנפירערין פון דער פוילישער שרייבער־סעקציע.

ביי דעם גאַנצן אָפנהאַרציקן (צייטנווייז אַפילו ווילעונגערישן) אופן פון וו. קאָמאַרס שמועסן מיט מיר, האָט עס גאָר אַנדערש אויסגעזען ווי ביי דלוסקין. ער האָט עטלעכע מאָל מיר געוואָרנט צו זיין פאָרזיכטיק, וואַכזאַם, ווייל „דער טיוול וייס זיי וועמען אַלץ עס טראָגט אָן אַהער". לויט זיינע רייד איז אויס־געקומען, אַז מיין אויפגאַבע דאַרף זיין צו „צוימען די ציוניסטישע אַפעטיטן" און דער עיקר — וועגן אַלץ זיך מיט אים בעראַטן. איך האָב אים פון אָרט געענטפערט, אַז דאָ איז, ווייזט אויס, געשען אַ טעות. איך בין צו דעם נישט דער פאַסיקער מענטש און כ'וועל תיכף איבערגעבן וועגן דעם אין צ"ק. קאָמאַר האָט גענומען זיך צוריקציִען, באַשר איך האָב אים שלעכט פאַרשטאַנען... ער האָט פון אַ צוגעגרייטער טעקע אַרויסגענומען עטלעכע פּאַפּירן און שוין נישט קוקנדיק אויף מיר דערציילט: קיין פוילן איז געקומען אַ שליח. נישט אַזאַ איינער, ווי די פילצאָליקע שליחים, דער עיקר רעדנערס, נאָר גאָר פון אַ באַזונדערן כאַראַקטער. מיט אים דאַרף איך זיך פאַרבינדן. לויטן פּאַספּאָרט הייסט ער איגנאַצי פּאָליאַ־קעוויטש, כלומרשט אַ האַנדלס־אַגענט. די מענטשן פון השומר הצעיר קענען אים אונטער זיין ישראלדיקן נאָמען: יצחק פלגי. הגם אויבנאויף זעט עס אויס ווי ער וואָלט, ווי אַנדערע שליחים, זיך פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן די עליה קיין ארץ־ישראל, האָט ער אָבער גאָר אַ באַזונדער שליחות — ער איז באַשטימט אַלס פאַרשטייער פון דער „הגנה" אין פוילן און מיין אויפגאַבע איז צוזאַמענ־אַרבעטן מיט אים. וועגן פראַגן פון פּרינציפּיעלן כאַראַקטער, וועלכע וועלן אויפ־קומען בעת דער צוזאַמענאַרבעט, וועל איך זיך דאַרפן בעראַטן סיי אין צ"ק און סיי מיט אים.

דער ענין האָט אָנגעהויבן אויסצוזען גאָר אַנדערש. איך האָב קאָמאַרן דער־קלערט, אַז כ'האָב נישט בדעה אַוועקצוגיין פון מיין אַרבעט אין יידישן צענטראַל־קאָמיטעט און טראַכט דעריבער וועגן דער מעגלעכקייט צוציִען נאָך אַ מענטש אַלס אָפּעראַטיוון, טאָגטעגלעכן מיטאַרבעטער. אין אָנהייב האָט קאָמאַר קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג, אונטערשטרייכנדיק, אַז מ'דאַרף טאָן די אַרבעט שטרענג קאָנספּיראַטיוו. ווען איך האָב אים אָבער אָנגערופן דעם עווענטועלן קאַנדידאַט, זענען די קגייטשן אויף זיין שטערן פאַרשוווּנדן. „מ'דאַרף אַ טראַכט טאָן". איך האָב אים פאָרגעלייגט דעם געוועזענעם שפּאַניע־קעמפער, וועלכער איז געקומען פון ארץ־ישראל אין די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס, לעאָן לעווי (באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים „משה גוי"). ער באַהערשט גוט עברית און פאַר־שטייט זיך גוט אויף די ישראל־ענינים.

אונדזער ערשטע באַקאַנטשאַפט מיטן פאַרשטייער פון דער „הגנה" אין פוילן איז פאָרגעקומען דורך דער פאַרמיטלונג פון מאַיאָר פנחס שטערן — אַ מיטגליד פון דער אָנפירונג פון השומר הצעיר אין פוילן, מיט וועלכן מיר, אַלס פאָרזיצער

פון יידישן פּאַרטיזאַנער־ און פראָנט־קעמפער־פאַרבאַנד איז אויסגעקומען טאָג־טעגלעך צוזאַמענאַרבעטן. ער איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון פאַרבאַנד.

איך האָב דערזען פאַר זיך אַ הויכן, שטאַלטנעם, פעסטגעבויטן יונגנמאַן מיט אַ באַחנטן, גוטמוטיקן פּנים. ער רעדט יידיש, זיין פויליש איז אַ פּערפעקטער און דאָ שטעלט אים פּנחס שטערן פאַר מיר פאַר: — אָט האָט איר פאַר זיך אַן אָריגינעלן ארץ־ישראלדיקן פויער...

אין דער ערשטער מינוט האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז פּנחסעס אַ וויץ. אַלע מיינע דערפאַרונגען בעת פּילצאַליקע באַגעגענישן מיט יידישע פויערים סיי אין ווילנער געגנט, סיי אין די יידישע קאָלאָניעס אין אוקראַינע און סיי אין די ביישטעטלדיקע לאַנדווירטשאַפטן אין ווייסרוסלאַנד, האָבן אָפּגעלייקנט די מעגלעכקייט, אַז יצחק פּלגי (אָדער „איגנאַץ", ווי עס האָבן אים גערופן די מענטשן, וועלכע האָבן אים געקענט פון ישראל), זאָל האָבן עפּעס פויערישעס אין זיין אַנבליק. זיין געשטאַלט האָט גיכער עדות געזאָגט וועגן אַ מיליטערמאַן, בפרט אַז די אויפגאַבן מיט וועלכע ער דאַרף זיך פאַרנעמען אין פּוילן זענען דאָך פון מיליטערישן כאַראַקטער.

יצחק פּלגי איז ווירקלעך געווען אַ לאַנדווירט, איינער פון די גרינדער פון דעם שיין־אַנטוויקלטן קיבוץ „עין שמר" (אין דער געגנט פון חדרה). ביז צו דעם מאָמענט, ווען ער איז דורך דער הויפּט־אָנפירונג פון דער „הגנה" געשיקט געוואָרן אין רשות פון דעם „הגנה"־באַפולמעכטיקטן אין איראָפּע, נחום שדמי, איז יצחק געווען אין קיבוץ — אַ קיבוצניק מיט אַלע גלייך, אָבער מיט אַ באַזונדערע פונקציע: אָרגאַניזירן די באַשיצונג פון קיבוץ קעגן די לויערנדיקע שונאים. הייסט עס, אַז ער איז ווירקלעך געווען סיי אַ „פויער" און סיי אַ מיליטערמאַן — אַ באַפולמעכטיקטער פון דער „הגנה", אַן אָרגאַניזאַטאָר פון אויפנעמען אין דער חשכות פון דער נאַכט ניי־געקומענע יידן, וועלכע האָבן זיך דורכגעשמוגלט דורך די בריטיש־מיליטערישע פאַרצוימונגען.

יצחקס אופן פון שטעלן פראַגן — סיי פאַרן גענעראַל וואַצלאַוו קאָמאַר, מיט וועלכן ער האָט זיך געטראָפן, סיי פאַר אונדז, די באַפולמעכטיקטע פון פפ"ר, ווען מיר זענען געקומען אין זיין „שטאַב־קוואַרטיר" אין לאָדזש, אויף קילינסקי־גאַס 45, וווּ עס האָט זיך אויך געפונען זיין סעקרעטאַר ישראל גאָלדשטיין („לאָלעק") — איז געווען אַ פולשטענדיק אָפּנהאַרציקער: מ'דאַרף שאַפן באַדינ־גונגען צום גרייטן וואָס מער שלאַכטלייט פאַר דעם נאַציאָנאַל־באַפרייונג־קאַמף פון ישראל. מ'דאַרף געוויער צום שולן און געוויער צום שיקן קיין ישראל. מ'דאַרף פינאַנסיעלע הילף, בכלל הילף אין אַלע מעגלעכע פאָרמען.

אין גיכן איז געפונען געוואָרן אַ פּאַסיקער פּלאַץ צום איינאָרדענען אַ מיליטערישע שול פון דער „הגנה". אין נידער־שלעזיע, אין אַ וויטליגנדיקן ווינקל, האָט זיך געפונען אַ שטעטל באַלקווו, ווייניק איינוווינער זענען דאָרט געווען. יידן — סך הכל 130. לויט די נאַטור־באַדינגונגען האָט דאָס שטעטל געהאַט אַלע

מעלות. אַ וואַלד צום אויפשטעלן דאָרט ביידלעך, אַ פעלדקיך, מעגלעכקייטן צום לערנען ווי אומצוגיין זיך מיט כל המינים געווער... אָבער קיין געווער איז נישט געווען און קאַמאַר האָט אויף מיינע פאַרשלאָגן געענטפערט מיט אַ האַלבן מויל — „אַלץ אין זיין צייט" — האָט ער געטענהט. האָט מען זיך טיילווייז אָן עצה געגעבן מיט דעם, וואָס איז יאָ געווען. און געווען איז אַ ביסל געווער אין די קיבוצים פון די פאַרשידענע ציוניסטישע ריכטונגען. בעת מיר האָבן באַקומען אין זיין צייט געווער פאַר דער אָרגאַניזירטער דורך אונדז זעלבשוץ ביי די יידישע קאָמיטעטן, האָבן מיר אַ טייל איבערגעגעבן די קיבוצים, כדי זיי זאָלן בכוח זיין זיך באַשיצן אין פאַל פון אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן. דאָס דאָזיקע געווער האָט מען געבראַכט קיין באַלקוווו, צוזאַמען מיט אומלעגאַל איינגעשאַפטע פיסטאַלעטן. פאַרשטייט זיך, אַז די זיכערהייט־מאַכט האָט זיך שנעל וועגן דעם דערוווּסט. עס זענען אַפילו געווען רעוויזיעס און אַן אַרעסט פון עטלעכע קיבוצניקעס. מצד דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן זענען תיכף געמאַכט געוואָרן באַמיִונגען און די אַרעסטירטע זענען באַפרייט געוואָרן.

מיט דער אינערלעכער אָרגאַניזאַציע פון דער מיליטערישער שולונג אין באַלקוווו האָט זיך דירעקט פאַרנומען אַ צווייטער שליח פון דער „הגנה" — יעקב נאַטעל, אַ קעמפער פון פּלמ"ח און אַזוי ווי יצחק — אַ קיבוצניק (פון „עין חרוד").

קיין אינסטרוקטאָרן צום אויסשולן מיליטעריש די ערשטע 30 מאַן, וועלכע זענען אָנגעקומען קיין באַלקוווו, זענען נישט געווען. שפּעטער זענען אונטערגעקומען אייניקע, וועלכע האָבן געדינט אין דער סאָוועטישער און פוילישער אַרמיי. די דאָזיקע מענטשן, אַפּט הויכע אָפיצירן, האָבן אָבער קיין אַנונג נישט געהאַט וועגן די שלאַכט־באַדינגונגען אין ארץ־ישראל. וואָס האָט מען געקענט מאַכן מיט אַ הויכן אָפיציר, וועלכער איז בשעתו געווען אַ קאָמאַנדיר פון אַ סאָוועטישן קאַוואַלעריע־דיוויזיאָן, וויבאַלד די ישראל־לאַנדשאַפט גיט נישט קיין אָרט פאַר קיין קאַוואַלעריע־אָנפאַלן?

די לאַגע האָט זיך געענדערט מיטן מאָמענט, ווען פון מינכען זענען אָנגעקומען אייניקע מיליטעריש־אויסגעשולטע הגנה־אינסטרוקטאָרן. אויך דער ענין געווער האָט מיט דער הילף פון א. דלוסקין באַקומען אַ לייזונג. דורכן וויצע־פאָרזיצער פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט מ. ביטער, וועלכער האָט געהאַט די אויפזיכט איבער דער סאָציאַלער הילף, האָט מען באַקומען פון די דזשאָינט־מאַגאַזינען אין גדיניע־צאָפּאָט אַ גאַנצן טראַנספּאָרט אַמעריקאַנער מיליטערישע קליידונג, וועלכער איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם באַלקוווו־באַפולמעכטיקטן, יהודה קאָמפּט (קאַנעט). ווען איך בין נאָך דעם געקומען אין דעם מיליטערישן שולונגס־לאַגער אין באַלקוווו, האָבן די יונגע חברה שוין געהאַט דעם אויסזען פון רע־גולערע מיליטער־לייט. די אָרטיקע פּאַליאַקן האָבן אָפּן גערעדט וועגן דעם, אַז דאָס איז „זשידאָווסקע וואָיסקאָ". אין דער דעמאָנסטראַציע דעם 1טן מאַי אין באַלקוווו האָט דער דיסציפּלינירטער, מונדורירטער אָפּטייל פון די הגנה־מענטשן געמאַכט דעם גרעסטן איינדרוק.

אין יאַנואַר 1948 איז קיין וואַרשע ווידער געקומען „אַליאַשע" — א. גאָזשאַנסקי. דאָס מאָל — אויסשליסלעך מיטן ציל צו מאָביליזירן די הילף פון פּוילן לטובת דעם יידישן באַפרייונגס־קאַמף. איך האָב אים געוואָלט צונויפפירן מיט יצחקן. ער האָט מיר שטאַרק אַגיטירט, אַז איך זאָל מסכים זיין צו פאַרלאָזן פּוילן און קומען קיין ישראל. ער האָט די פראַגע געשטעלט פאַר אָנפירנדיקע טוערס פון פפּ"ר און האָט באַקומען אַן אָפּזאָג. כ'בין צוזאַמען מיט אים געפאָרן קיין פּראָג, ווו מיר האָבן געהאַט באַגעגענישן מיט פּאַרטיי־טוערס, וועלכע זענען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער הילף לטובת ישראל. צוזאַמען זענען מיר געווען אין אַ גרויסן שולונגס־צענטער פון קאָמאַנדירן, וועלכע זענען געקומען דירעקט פון ארץ־ישראל. אין פּראָג האָט צו יענער צייט זיך געפונען די אייראָפּעיִשע אָנפירונג פון דער „הגנה" און די מאָביליזאַציע און צוגרייטונג פון מיליטערישע קאַדרען האָט דאָרט געהאַט אַ גאָר ברייטן פאַרנעם. עס האָט זיך פאַרגעדענקט „אַליאַשע" גאָשאַנסקיס באַהויפּטונג, אַז מצד אַלעמען פון די דאָרטיקע פּאַרטייִשע און מלוכהשע אָנפירנדיקע קאַדרען האָט ער באַגעגנט די סאַמע גינסטיקע באַציִונג, חוץ מצד... סלאַנסקין, דעם דעמאָלטיקן גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון טשעכאָסלאָוואַקיע. מצד דעם זעלבן סלאַנסקין, וועלכער איז מיט עטלעכע יאָר שפּעטער פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט פאַר... ציוניסטישער טעטיקייט.

☆

קאָמפּליקאַציעס זענען געווען מיט אָפּשיקן די אויסגעשולטע מענטשן קיין ארץ־ישראל. קיין „אָפענע גרענעצן" זענען שוין מער נישט געווען. די מאַכט אין פּוילן האָט זיך שוין געהאַט פאַרפעסטיקט און דאָס אַריינקומען און אַרויספאָרן פון לאַנד איז רעגולירט געוואָרן דורך די געהעריקע מלוכה־אָרגאַנען. די מיליטעריש־אויסגעשולטע מענטשן זענען מיט רייזע־דאָקומענטן אָפּגעשיקט געוואָרן דער עיקר מיט דער באַן, אויך מיט שיפן. די נאָמענטלעכע ליסטעס פון די קאַנדידאַטן האָבן פריִער געמוזט באַשטעטיקט ווערן אין זיכערהייטס־מיניסטעריום, פּראַקטיש — דורך 2 יידישע באַאַמטע, דורך דעם געוועזענעם שפּאַניע־קעמפער, ווינקלער, און דעם פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר „יידישע עניִנים" — ליבערמאַן, וועלכער האָט געהאַט זיינע נאָענטע קאָנטאַקטן מיט טוערס פון אַלע יידישע פּאָליטישע גרופּירונגען, איז געווען דירעקט אינפאָרמירט דורך אייניקע פון זיי און האָט באַוויזן נישט בלויז צו אינפילטרירן אין דעם אינערלעכן לעבן פון פאַרשידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס, נאָר אויך צו טעראָריזירן געוויסע מענטשן. מיר האָבן געהאַט זיך דירעקט געווענדעט אין מיניסטעריום קעגן ליבערמאַנס אַרעסטירן די באַקאַנטע ווידערשטאַנד־קעמפערין פון וואַרשעווער געטאָ, וואַנדאַ אַלסטער, און זיין ברוטאַלן באַציִען זיך צו איר.

די צעטלען מיט די נעמען פון די באַשטימטע צום אָפּשיקן דירעקט אין

רשות פון די באַוואָפנטע כוחות פון ישראל, פלעגן איבערגעגעבן ווערן דעם זיכערהייט־מיניסטעריום דורך אונדזער פאַרשטייער, לעאָן לעווי, וועלכער איז צו יענער צייט איינגעשלאָסן געוואָרן אין דעם אַפּאַראַט פון פּאַלעסטינע־אַמט, אַלס אינסטאַנץ, וואָס האָט זיך פאַרמעל, פאַר די מאַכט־אָרגאַנען, פאַרנומען מיט אָפּשיקן די מענטשן. אַלס כלל זענען קיין שטערונגען מצד דעם מיניסטעריום נישט געווען און די באַשטעטיקונג פון די אַרויספאָרנדיקע האָט אויסגעזען ווי אַ בלויזע פאָרמאַליטעט. מיט איין אויסנאַם — לגבי מענטשן, וועלכע האָבן געהערט... צו דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

מיר האָבן דורך די פּראַקציעס פון פפּ"ר אין די אָרטיקע יידישע קאָמיטעטן געפירט אַן אינערלעך־פּאַרטייִשע אויפקלערונג וועגן דער נויטיקייט, אַז יידישע קאָמוניסטן זאָלן זיך מאָביליזירן פאַר דעם קאַמף אין ישראל. אין רעזולטאַט האָט אַ באַשטימטע צאָל מיטגלידער פון פפּ"ר און פון יוגנט־פאַרבאַנד זיך געשטעלט אין רשות פון דער „הגנה" צום באַקומען אַ מיליטערישע אויסשולונג אין באַלקווו.

מיט אייניקע פון די דאָזיקע מענטשן האָבן די באַאַמטע פון זיכערהייטס־מיניסטעריום אָנגעבונדן אַ דירעקטן קאָנטאַקט און געמאַכט אָפּהענגיק דאָס באַשטעטיקן זיי צום אָפּפאָרן פון זייער הסכם מיטצואַרבעטן מיט די זיכערהייטס־אָרגאַנען, צום ווערן אינפאָרמאַטאָרן סיי וועגן די מענטשן און שטימונגען אין דעם מיליטערישן שולונגס־צענטער, און סיי דירעקט פון ישראל, וועגן באַשטימטע פראַגן, וואָס אינטערעסירן די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען.

דורך וועגן און אומוועגן פלעגן יידן זיך דערוויסן, ווען עס גייען אָפּ טראַנספּאָרטן מיט די הגנה־קעמפער. אויף אַ סך באַן־סטאַנציעס זענען די אָפּפאָרנדיקע באַגעגנט געוואָרן מיט אָוואַציעס, מיט טראַנספּאַרענטן, מיט בלומען. באַגריסט האָבן זיי אויך פּוילישע מענטשן, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן זייער סימפּאַטיע פאַר דעם יידישן באַפרייונגס־קאַמף.

די אַלגעמיינע סימפּאַטיע פון דער יידישער באַפעלקערונג, ווי אויך פון באַטייטנדיקע טיילן פּאָליאַקן פאַר דעם יידישן באַפרייונגס־קאַמף אין ארץ־ישראל איז אויף אַ באַזונדערן מאַסן־אופן געקומען צום אויסדרוק בעת דער פּראָקלאַמירטער זאַמלונג לטובת דעם קעמפנדיקן ארץ־ישראל. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן האָט פון זיין בודזשעט אויסגעטיילט 5 מיליאָן זלאָטעס. אין גאַנץ פּוילן איז אין אַ קורצער צייט צונויפגעזאַמלט געוואָרן 115 מיליאָן זלאָטעס. מענטשן האָבן אָפּגעגעבן ווערטזאַכן, צירונג. געווען אַ טענדענץ אייננצוקויפן פאַר דעם געלט סאַניטאַר־אַמבולאַנסן. יצחק פלגי האָט אַלס פאַרשטייער פון דער „הגנה" קאַטעגאָריש זיך קעגנגעשטעלט, פאָדערנדיק, אַז פאַר דער גאַנצער סומע זאָל איינגעקויפט ווערן געווער, אַמוניציע. אַזוי איז עס ווירקלעך געשען.

די שטימונג אין לאַנד איז געווען אַזאַ, אַז די „קאָנספּיראַציע" פון דער הגנה־פאַרשטייערשאַפט אין פּוילן האָט אויפגעהערט צו גילטן. אויף דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין דעמאָלט־גרעסטן זאַל פון וואַרשע „ראָמאַ", איז צום ערשטן מאָל, אַלס אָפיציעלער שליח פון דעם הגנה־שטאַב, אַרויסגעטרעטן יצחק פלגי. ער איז

ענטוזיאַסטיש אויפגענומען געוואָרן דורך דעם גרויסן עולם, וועלכער איז גע־קומען מאַניפעסטירן לטובת אַן אומאָפּהענגיקער יידישער מדינה אין ארץ־ישראל.

לויט דער איניציאַטיוו פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט איז אָפּגעשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישראל אַ טראַנספּאָרט פון 150 וואַגאָנען תבואה. ווען נאָכן פּראָקלאַמירן די יידישע מדינה, דעם 14טן מיי 1948, האָבן זיך אָנגעהויבן די שלאַכטן קעגן די אָנגרייפנדיקע אַראַבישע אַרמייען, זענען אין אַ ריי שטעט געעפנט געוואָרן ספּעציעלע פּונקטן, ווו יידן האָבן געגעבן זייער בלוט לטובת די פאַרוווּנדעטע יידישע שלאַכטלייט. אונדזער קולטור־אָפּטייל האָט צוזאַמען מיט באַשע בערמאַן צוגעגרייט אַ טראַנספּאָרט פון 60 טאָן צונויפגעזאַמלטע נאָכן חורבן יודאַיִסטיק און עס אָפּגעשיקט צום העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים. אין וואַרשע איז געשאַפן געוואָרן אַ געזעלשאַפט „פריינד פון העברעיִשן אוניווערסיטעט" בראש מיטן באַרימטן געלערנטן פּראָפ' קאָטאַרבינסקי און דעם דיכטער יוליאַן טווים.

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, אין חודש אויגוסט 1948 איז אונדז אויסגע־קומען צו געזעגענען זיך מיט דעם שטילן, באַשיידענעם, אָבער זייער ענערגישן פאַרשטייער פון דער „הגנה" אין פּוילן — מיט „איגנאַצן" — יצחק פּלגי. ער איז אָפּגערופן געוואָרן קיין ישראל אין סאַמע ברען פון די דויערנדיקע קאַמפן. אויף זיין אָרט האָט די אייראָפּעיִשע פאַרשטייערשאַפט פון דער „הגנה" געשיקט אַב־ראַמאָווסקין, מיט וועלכן כ'האָב זיך באַגעגנט אין באַלקווו, ווו ער האָט זיך דירעקט פאַרנומען מיט צואיילן די מיליטערישע אויסשולונג. די באַפרייונגס־מלחמה אין ישראל האָט געפאָדערט, אַז די רעזערוון פון אומעטום זאָלן וואָס גיכער אָריין אין דער באַפרייונגס־שלאַכט. ביז צום סוף 1948 זענען אַלע אויס־געשולטע אין דעם באַלקווער צענטער אָפּגעשיקט געוואָרן קיין ישראל. עטלעכע הונדערט פון זיי זענען בראש מיט יעקב נאַטעלן אָפּגעפאָרן מיט דער פּוילישער שיף „בעניאָווסקי". דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל „הגנה אין פּוילן".

פאַר דער קורצער צייט זענען אויסגעשולט און אָפּגעשיקט געוואָרן אין רשות פון דער „הגנה" אין ישראל קרוב 7 טויזנט יונגע, קאַמפּספּעיִקע און קאַמפּס־גרייטע יידישע שלאַכטלייט פון פּוילן. צוזאַמען מיט קאַמפּס־גרופּן פון פראַנט, זענען צו אונדז דערגאַנגען די ערשטע ידיעות וועגן געפאַלענע אין דער באַ־פרייונגס־שלאַכט. צווישן די ערשטע געפאַלענע איז געווען דער מאַיאָר פון דער פּוילישער אַרמיי, דער געקומענער פון קאַטאָוויץ — מעסינג.

צווישן ייִדן פון דער גאָרער וועלט

שוין אין די אָנהייב־חדשים פונעם יאָר 1948 האָבן מיר עפּעס וואָס געוווּסט וועגן אַנוואַקסנדיקע אינערלעכע שטרייטן אין דער אָנפירונג פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּפּ״ר). דערגאַנגען זענען אָפּגעריסענע ידיעות, קלאַנגען, אָפּט פליאַטקעס וועגן נאָך אַנאַנד דויערנדיקע זיצונגען פון דעם פּאָליטביוראָ, וועגן דיסקוסיעס אין אַן אָנגעגליטער אַטמאָספער פון קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען. דער דעמאָלטיקער גענעראַל־סעקרעטאַר פון פּפּ״ר, וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ (אָפּטער גערופן מיט זיין פּסעוודאָנים פון דער אָקופּאַציע־צייט „וויעסלאַוו״) איז דורך דער מערהייט פון דער אָנפירונג באַשולדיקט געוואָרן אין אַ רעכט־נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג. דער וואָרטזאָגער מצד די באַשולדיקערס איז קודם־כל געווען דער איינפלוסרייכער אין דער פּאַרטיי און רעגירונג יעקב בערמאַן. מ׳האָט גאָמולקאַן פאָרגעוואָרפן שטעלונגען, אַרויסזאָגונגען און פּאָליטישע האַנדלונגען, וועלכע האָבן אָפּגעפרעגט יסודותדיקע, קודם־כל סאָוועטישע, סטאַלינישע איינשטעלונגען וואָס שייך דעם וועג צום סאָציאַליזם. דאָס האָט גאָמולקאַ פּראָקלאַמירט ערב דער פאַראייניקונג פון פּפּ״ר מיט דער דעמאָלטיקער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּפּ״ס), אַז אין יסוד פון דער לייזונג פון דער פּוילישער נאַציאָנאַלער פראַגע ליגט דער פּראָגראַם פון פּפּ״ס, פאַרלייקענענדיק די פּראָגראַמאַטישע איינשטעלונגען פון די קאָמוניסטן אין פּוילן. דאָס האָט גאָמולקאַ פאַרזיכערט, אַז קיין קאָלעקטיוויזאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט אין פּוילן וועט נישט דורכגעפירט ווערן. דאָס האָט ער פיל מאָל אַרויסגעבראַכט אָפּשאַצונגען וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָבן פאַרן אויער פון אַלטע קאָמוניסטישע טוער געקלונגען ווי אויסגעבאָרגטע ביי נאַציאָנאַליסטישע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן די פּוילישע קאָמוניסטן באַשולדיקט אין אַנטיפּוילישע שטעלונגען.

אין אָנהייב איז נאָך שווער געווען צו זען אין דעם דאָזיקן קאַמף די דירעקטע אויסווירקונג פון דעם פּאָליטישן קער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — דעם אָנגריף קעגן די ליבעראַליזירנדיקע טענדענצן לגבי דער סאָוועטישער געזעלשאַפט, ליטעראַטור און קונסט, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, קעגן די בולטע אויסדרוקן פון אַרויסהויבן די נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכקייטן און טראַדיציעס פון די פעלקער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. די אַזוי גערופענע זשדאַנאָווטשטשינע איז מען אין אונדזער סביבה גרייט געווען צו זען בלויז ווי אַ לאָקאַליזירטע, באַגרענעצטע צו דער ליטעראַטור־ און קולטור־ספערע און נישט ווי אַן אויסדרוק פון אַ גענעראַלן סטאַלינישן קורס.

אין דער סביבה פון די יידישע פפ״ר־טוערס זענען קיין סימפּאַטיקער פון דער גאָמולקאַ־ריכטונג נישט געווען. גאָמולקאָס קריטיק לגבי דער פאַרגאַנגענהייט פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין פוילן האָט טיף געטראָפן די יידישע קאַדרען, וועלכע האָבן דעם אינטערנאַציאָנאַליזם פון דער קפּ״פּ געהאַלטן פאַר דעם עיקרדיקן קענצייכן און גאַראַנטיע אין קאַמף קעגן יעדער נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע. אין אונדזער סביבה האָט מען אויך געוווּסט וועגן גאָמולקאָס נעגאַטיווער באַציִונג צו אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו יידן. אונדז האָט שטאַרק שאָקירט, וואָס ער האָט בעתן שרייבן אָדער רעדן וועגן דער צייט פון דער היטלערישער אָקופּאַציע, קיין מאָל נישט באַצייכנט דעם באַוואָפנטן קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ אַלס אויפשטאַנד. ער האָט זיך שטענדיק געהאַלטן ביי דער מינימיזירטער באַצייכענונג: „זעלבשוץ״. מיר האָבן אויך געוווּסט, אַז גאָמולקאַ האָט זיך קעגנגעשטעלט אונדזער ווענדונג, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן און זיינע אָרטיקע אָפּטיילונגען זאָלן באַקומען די רעכט פון העכערער נוצלעכקייט — יורידישע רעכט, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיט באַטייטנדיקע פּריווילעגיעס.

אַן אַבסאָלוטע דערווידערונג און שטאַרקן פאַרדראָס האָט צווישן אונדז, יידישע פפ״ר־טוערס אַרויסגערופן די פיל מאָל איבערגעחזרטע דורך גאָמולקאַן פעסטשטעלונג בעת זיינע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען, אַז פוילן נאָך דער מלחמה איז מער נישט קיין פילנאַציאָנאַלע מלוכה, ווי ביז דעם יאָר 1939, נאָר אַן איינהייטלעך־נאַציאָנאַלע פּוילישע מלוכה. די דאָזיקע דערשיינונג, וועלכע גאָמולקאַ האָט אַרויסגעבראַכט אין אַ טריומפירנדיקן טאָן אַלס וועזנטלעך וויכטיקע דערגרייכונג, האָט ער מיט קיין וואָרט נישט באַגרינדעט, אַז דאָס האָבן די היטלעריסטן דערצו דערפירט, אַז די יידן, וועלכע האָבן פאָרגעשטעלט מיט זיך אין דער פאַרגאַנגענהייט 10 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון פוילן, זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן. שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז מיט דער דאָזיקער פעסטשטעלונג האָט גאָמולקאַ „אַראָפּגעוואָרפן פון חשבון״ דעם האַלבן מיליאָן אוקראַיִנער, וועלכע האָבן נישט געקוקט אויף אַלע פּראָפּאַגאַנדיסטישע און טעראָר־מיטלען נישט געוואָלט פאַרלאָזן פוילן *), ווי אויך אַזעלכע קאָנצענטרירטע אין ביאַליסטאָקער געגנט נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, ווי די ווייסרוסן (העכער 200.000 מענטשן) און ליטווינער. שוין אָפּגערעדט פון די דייטשן, וועלכע זענען אין אַ באַטייטנדיקער

*) די אוקראַיִנישע באַפעלקערונג פון לובלינער, כעלעמער געגנט און פון דער טייל גאַליציע, וואָס איז געבליבן ביי פוילן, האָט מען מיט צוואַנג אַריבערגעפירט אין די געוו' דייטשע געביטן אויף מערב, פונקט אַזוי ווי מ'האָט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד „עוואַקויִרט״ די טאָטערן פון קרים, די דייטשן פון דער וואָלגאַ־רעפּובליק און אַ ריי פעלקער פון טראַנסקאַווקאַז. אוקראַיִנישע חברים, אַלטע קאָמוניסטן, האָבן מיר דערציילט, אַז מען האָט אַראָפּגעלאָזט פון די רעלסן אַ צוג מיט פאַרטריבענע אוקראַיִנישע משפחות און הונדערטער מענטשן זענען דערביי אומגעקומען. אין פוילן זענען אַלע יאָרן געווען באַקאַנט פאַלן, ווען אוקראַיִנער פלעגן קומען צוריק אין זייערע אַמאָליקע וווינערטער, כדי „שטאַרבן אויף דער אייגענער ערד״.

צאָל געווען אין אויבער־שלעזיע און האָבן פאַרנומען אַ גאָר וויכטיק אָרט אין דער באַרג־אינדוסטריע. קיין איינער פון די דאָזיקע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן איז בשעתו נישט דערלויבט געוואָרן זיך צו אָרגאַניזירן אין נאַציאָנאַלע פאַרבאַנדן בראש מיט קאָמוניסטישע קאַדרען. קיין אויבער־שלעזיע זענען נישט דערלאָזט געוואָרן דעמאָלט קיין צייטונגען, קאָמוניסטישע אויסגאַבן אין דער דייטשער שפּראַך. אַלץ לשם דער גאָמולקאַ־טעזע וועגן אַן איינהייטלעך־נאַציאָנאַלער פּוי־לישער מלוכה...

קיין שום פּאַראַגראַף ווי אַזוי דער אינערלעך־פּאַרטייִשער קאַמף וועט זיך אויסווירקן אויף דער יידישער סביבה, האָבן מיר אין אָנהייב יאָר נישט געהאַט. פאַרקערט, דער גרויסער פּאַרנעם פון אָפּמערקן דעם פינפטן יאָרטאָג פון אויפ־שטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, די מיטבאַטייליקונג פון צענטראַלע פּאַרטיי־ישע און רעגירונגס־פאַרשטייערס ביים אויפדעקן דעם דענקמאָל לכבוד די יידישע העלדן און מאַרטירער, די באַציִונג צו די פּילצאָליקע יידישע אויסלענדישע דעלעגאַציעס און דער הסכם דערויף, אַז אַ גרויסע, רעפּרעזענטאַטיווע דעלעגאַציע פון פאַר־שטייערס פון אַלע יידישע פּאַרטייען אין פּוילן זאָל אַרויספאָרן אין דער שווייץ, כדי זיך צו באַטייליקן אין דער 2טער גענעראַל־סעסיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס — דאָס אַלץ האָט געשטאַרקט אין אונדז די איבערצייגונג, אַז עס שטייט פאַר אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פּוילן.

אין באַשטאַנד פון דער דעלעגאַציע פון פּוילן צו דער 2טער סעסיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס האָבן זיך געפונען: ד״ר א. בערמאַן (לינקע פּועלי־ציון), י. סאַק (רעכטע פּועלי־ציון), ד״ר ה. פּרנס (אַלגעמיינע ציוניסטן), פּ. שטערן (השומר הצעיר), ד״ר דוד כהנא (רעליגיעזע געמיינדע) און דריי פּאַרשטייערס פון דער „צענטראַלער פראַקציע״ — י. לאַזעבניק, מ. מירסקי און ה. סמאָליאַר. אין באַ־שטאַנד פון דער דעלעגאַציע האָט זיך אויך געפונען דער סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד״, ס. פישגרונד, נישט געקוקט אויף דער דערווידערונג פון זיין פּאַרטיי קעגן אַנשלוס אין קאָנגרעס. צום קאָנגרעס איז ספּעציעל דעלעגירט געוואָרן דער דעמאָלטיקער רעדאַקטאָר פון אָרגאַן פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט „דאָס נייע לעבן״, ב. מאַרק.

אַ צייט פאַר דעם, ווי אונדזער דעלעגאַציע איז אַרויסגעפאָרן אין דער שווייץ, האָבן מיר זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די לינקע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין פאַרשידענע לענדער, באַקענענדיק זיי מיט די מאָטיוון פון אונדזער אַריינ־טריט אין יידישן וועלט־קאָנגרעס און די צילן וואָס מיר שטעלן פאַר זיך בעת דער פאָרשטייענדיקער סעסיע. זיי אַלעמען האָבן מיר פאָרגעלייגט אויסצונוצן די געלעגנהייט, כדי זיך טרעפן און באַראַטן וועגן די פראַגן, וואָס שטייען אויף דער טאָג־אָרדענונג פון דער סעסיע פון קאָנגרעס, ווי אויך וועגן ענינים וואָס זענען געמיינזאַמע אין דער טאָג־טעגלעכער פּאָליטישער טעטיקייט פון די לינקע אין אַלע לענדער.

מיט יאָרן פריִער איז אין יידישן וועלט־קאָנגרעס שוין געווען אָנגעשלאָסן

די לינקע יידישע אָרגאַניזאַציע „אוניאָן" אין פראַנקרייך, וועלכע האָט אין אַ געוויסן מאָמענט דערקלערט, אַז זי וועט איבעררייסן איר צוזאַמענאַרבעט מיטן קאָנגרעס ווי באַלד דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט וועט נישט מסכים זיין אַריינצונעמען אירע פאָרשטייער אין דער אָנפירונג. מיר האָבן פאָרגעלייגט דעם „אוניאָן" צו שטעלן די דאָזיקע פראַגע בעת דער סעסיע, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע לינקע יידישע גרופּירונגען.

אין מאָנטרע (שווייץ), ווו אין חודש יוני 1948 איז פאָרגעקומען די סעסיע פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס, האָבן מיר זיך דערפילט גאַנץ היימיש. דעלעגאַטן פון פאַרשידענע לענדער האָבן אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס צו אונדז. מיט אַ טייל דעלעגאַטן האָבן מיר זיך געקענט פון זייערע באַזוכן אין פוילן, גאָר באַזונדער מיט יענע, וועלכע האָבן מיט 2 חדשים פאַר דעם זיך באַטייליקט אין דער אַנטהילונג פון דעם געטאָ־דענקמאָל. דעלעגאַציעס פון אַ ריי לענדער האָבן געוואָלט ספּעציעל זיך טרעפן מיט אונדז, די פאָרשטייערס פון דער „צענטראַלער פראַקציע". די ציוניסטישע דעלעגאַטן פון פוילן האָבן יעדער לויט זיין פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט, זיך פאַרבונדן מיט די פאָרשטייערס פון זייערע צענטערן אין ארץ־ישראל. מיר האָבן קודם־כל זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די אָנפירערס פון די מזרח־אייראָפּעיִשע דעלעגאַציעס. מיט אייניקע פון זיי, אַ שטייגער מיט די טוערס פון די יידישע דעמאָקראַטישע קאָמיטעטן און פון „איקוף" אין רומעניע, האָבן מיר שוין געהאַט פון פריִער איינגעשטעלט ענגע קאָנטאַקטן *). מיר האָבן זיך געטראָפן סיי באַזונדער און סיי אויף אַ געמיינזאַמער באַראַטונג מיט די לינקע דעלעגאַטן פון פראַנקרייך, ענגלאַנד, פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, אַרגענטינע, עסטרייך, דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער. געווען איז אַפילו אַ דעלעגאַט — אַ קאָמוניסט פון אינדיע, וועלכן עס איז אויסגעקומען אויפצוקלערן אין ענגליש די שמועסן, וואָס מיר האָבן געפירט וועגן פאַראייניהייטלעכן אונדזער שטעלונג. צונויפגערעדט האָבן מיר זיך אויך מיט דער מפ"ם־דעלעגאַציע וועגן פאַרלאַנגען די דעמאָקראַטיזירונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, פאַראורטיילן דיסקרימינאַציעס צוליב פּאַרטייִיש־פּאָליטישע טעמים, פאַרשאַרפן דעם קאַמף קעגן די פאַרשטעקטע און אַנטפּלעקטע נאַציס, שטיצן די איניציאַטיוו צום אויפלעבן און אַקטיוויזירן די יידישע קולטור־טעטיקייט אין אייראָפּע. אין קאָנטעקסט פון אַ ריי פאָדערונגען, וואָס האָבן געצילט צו דעמאָקראַטיזירן דעם קאָנגרעס, האָבן מיר זיך געהאַט פאַרשטענדיקט מיט מפ"ם, אַז מיר וועלן שטיצן די קאַנדידאַטור פון ד"ר משה סנה אַלס גענעראַל־

*) בראש פון די דאָזיקע קאָמיטעטן זענען געשטאַנען: דער מיטגליד פון דער רומענישער אַקאַדעמיע באַרבו לאַזאַרעאַנו (פאָרזיצער), בערקו פעלדמאַן (סעקרעטאַר), פּ. איסקאָוויטש, ה. לייבאָוויטש־שערבאַן און אי. באַקאַל. דער לעצטער איז נאָך דעם, ווי די יידישע דעמאָקראַטישע קאָמיטעטן און דער „איקוף" זענען אויף אַן אַדמיניסטראַטיוון אופן ליקווידירט געוואָרן דורך דער מאַכט, טעטיק געווען אַלס פאָרזיצער פון דער פעדעראַציע פון די יידישע געמיינדעס אין רומעניע.

סעקרעטאַר פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. וואָס שייך דעם פּאַראורטיילן פּאָליטישע דיסקרימינאַציע האָט עס געהאַט אַ שייכות צו דער באַציִונג צו די לינקע יידישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס — דעם פֿאָלקס־אָרדן אין קאַנאַדע און אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע מ׳האָט נישט געוואָלט דערלאָזן צו זיין דירעקט־פאַרטראָטן אין דער אַלגעמיינער אָנפירונג. דער באַשלוס צו שטיצן די איניציאַטיוו אויפצולעבן די יידישע קולטור־טעטיקייט אין אייראָפּע, האָט באַטייט: ווירקן, אַז דער קאָנגרעס זאָל זיך אָפיציעל באַטייליקן אין דער אייראָפּעיִשער קולטור־קאָנפערענץ, וועלכע איז צונויפגערופן געוואָרן דורכן צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן און דורכן „אוניאָן" אין פּאַריז, גלייך נאָך דער סעסיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס.

מיט די מפ״ם־פאָרשטייערס האָבן מיר זיך אויך צונויפגערעדט, אַז אויף דער זיצונג געווידמעט דער אַנטשטייונג פון מדינת־ישראל זאָל צוגלייך מיט אַ פאַר־שטייער פון ישראל אַרויסטרעטן אויך אונדזערער אַ דעלעגאַט. צוזאַמען מיט דער מפ״ם־פראַקציע, וועלכע האָט געהאַט 26 דעלעגאַטן האָבן די לינקע מיט זייערע 32 דעלעגאַטן פאָרגעשטעלט אַ קענטיקן כוח, הגם די מערהייט אויפן קאָנגרעס האָט געהערט צו דער מפא״י־פראַקציע (40 דעלעגאַטן) צוזאַמען מיט 32 אַלגעמיינע ציוניסטן און 18 פון מזרחי.

אויף דער באַראַטונג פון די לינקע דעלעגאַטן איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויס־צוטרעטן מיט דער שאַרפסטער קריטיק און באַשולדיקונג קעגן דער אָנפירונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס פאַר נישט אונטערנעמען קיין שום שריט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, כדי צו ראַטעווען די יידן פון אייראָפּע פון דער היט־לערישער אויסראָטונג. די פּרווון מצד דעם דעמאָלטיקן גענעראַל־סעקרעטאַר פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, אריה קובאָוויצקי, אָפּצווענדן די דאָזיקע באַשולדיקונג, זענען מצד דעלעגאַטן פון פאַרשידענע פראַקציעס אויפגענומען געוואָרן מיט שאַרפע אויסרופן.

אין דרייען האָבן מיר זיך אויך באַגעגנט מיט אַ דעלעגאַציע פון דער וועלט־אָנפירונג פון מפא״י. געווען זענען עס די באַקאַנטע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע טוער מ. יאַרבלום, י. יעפּרויקין (פון פראַנקרייך) און י. באַטאַשאַנסקי (פון אַר־געַנטינע). זיי האָט באַזונדערס אינטערעסירט אונדזער צוזאַמענאַרבעט מיטן יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע און די אויסווירקונג פון אונדזער פיל־זייטיקער טעטיקייט אויף די סאָוועטישע יידן. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן אויס־געמיטן צו דערציילן ווי ווייט באַגרענעצט עס זענען אונדזערע פאַרבינדונגען און וועגן דער אַבסאָלוטער מאַכטלאָזיקייט פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט צו באַשליסן וועגן זיין אָנטייל אין קאָנפערענצן. פון די פּריוואַטיקע טעלעפאָן־שמועסן מיט איציק פעפערן האָב איך געוווּסט, אַז נאָך דעם אָפּזאָג מצד די „דעצידירנדיקע פאַקטאָרן" צו שיקן אַ יידיש־סאָוועטישע דעלעגאַציע קיין וואַרשע צו דער אַנטהילונג פון געטאָ־דענקמאָל, האָבן זיי געהאַט ווייניק האָפענונגען צו קומען אין דער שווייץ אויף דער סעסיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, הגם אין

די אַרטיקלען אין „אייניקייט" איז דיסקרעט געגעבן געוואָרן אָנצוהערן אַ פּאָזי־טיווע באַציִונג צום קאָנגרעס.

די דעלעגאַציע פון מפא"י האָט אויסגעהערט אונדזערע טענות צו דער אָנ־פירונג פון דעם קאָנגרעס און דעם ווילן צו ווירקן אויף זיין פּאָליטיק און אויף זיין ביזאיצטיקן געבוי.

צווישן זיך האָב מיר געהאַט באַשלאָסן, אַז מ. מירסקי וועט זיין פאַרטראַטן אין דער פּאָליטישער קאָמיסיע, י. לאַזעבניק — אין דער קאָמיסיע פאַר אָרגאַני־זאַציאָנעלע פראַגן און איך — אין דער קאָמיסיע פאַר קולטור און דערציִונג. אין די אַלע קאָמיסיעס האָבן מיר מיט אונדזערע אַרויסטרעטונגען און קאָנקרעטע פאָרשלאָגן דערגרייכט אַ ריי וועזנטלעכע באַשלוסן, וואָס זענען געווען אין הסכם מיט די גרונט־איינשטעלונגען, וועלכע מיר האָבן געהאַט פאָרמולירט נאָך אין וואַרשע און אויף די באַראַטונגען אין מאָנטרעאל מיט די לינקע פאָרשטייערס פון פאַרשידענע לענדער. אַזוי למשל האָט זיך איינגעגעבן, קעגן דעם ענערגישן ווידערשטאַנד מצד די מפא"י־דעלעגאַטן און דעם אָנפירער פון קולטור־דעפּאַר־טאַמענט פון קאָנגרעס ה' שטיינבערג, דורכצופירן אַ באַשלוס, וואָס באַגריסט אונדזער איניציאַטיוו צונויפצורופן די אייראָפּעיִשע קולטור־קאָנפערענץ אין פּאַריז און רעקאָמענדירט דעם אייראָפּעיִשן טייל פון דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון קאָנגרעס צו זיין פאַרטראָטן אויף דער קאָנפערענץ. די מפא"י־פאָרשטייערס האָבן אין דעם דאָזיקן באַשלוס איינגעזען אַ טענדענץ אָפּצוציִען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם פּלאַנירטן אַלוועלטלעכן ציקאָ־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק.

אונדזערע באַמיִונגען — סיי וועגן אַ פאַרטרעטער פון די לינקע מאַסן־אָרגאַ־ניזאַציעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון קאָנגרעס, און סיי וועגן אויסוויילן ד"ר משה סנה אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון דעם קאָנגרעס, האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ העפטיקן ווידערשטאַנד מצד דער מפא"י־מערהייט. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָבן מיר אויף אַ ספּעציעל־צונויפגערופענער באַראַטונג פון אַלע לינקע דעלעגאַטן באַשלאָסן זיך אָפּצוהאַלטן פון שטימען בעתן וויילן דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, ווי אויך אַריבערטראָגן צום באַהאַנדלען אין יעדן לאַנד באַזונדער וועגן דעם אופן פון רעאַגירן קעגן דער באַשיימפּערלעכער דיסקרימינאַציע לגבי די לינקע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

מיר זענען געווען פאַראינטערעסירט, אַז צו דער יידישער עפנטלעכקייט אין דער וועלט זאָל דערגיין אונדזער שטעלונג צו דער פראַגע וועגן מדינת־ישראל. דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון קאָנגרעס האָט געהאַט באַשלאָסן, אַז אויף אַ ספּעצ־יעל־פייערלעכער זיצונג פון קאָנגרעס וועט זיין איין רעדע, בלויז פון אַ פאָר־שטייער פון ישראל. מיר האָבן פאַרלאַנגט, אַז עס זאָל זיין אויך אַ רעדע פון אונדזערן אַ פאָרשטייער. דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט איז דערויף איינגעגאַנגען. נאָך דער רעדע פון ישראל־דעלעגאַט, דעם מפא"י־טוער ארגוב, איז אַרויסגעטרעטן בער מאַרק. זיין טיף־עמאָציאָנעלע און פּרינציפּיעלע רעדע איז אויסגעהערט גע־

וואָרן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט דורכן קאָנגרעס. אַלע האָבן די רעדע אָפּגע־שאַצט אַלס שטעלונג פון די יידישע פאַקטאָרן פון גאַנצן מזרח־איראָפּעיִשן בלאָק.

פאַרן אָפּפאָרן פון דער שווייץ האָבן מיר געהאַט טרעפונגען און באַראַטונגען מיט די דעלעגאַציעס פון די מזרח־איראָפּעיִשע און פון די לינקע יידישע אָרגאַ־ניזאַציעס פון די מערב־לענדער. מיר האָבן באַטראַכט סיי די סך־הכלען פון קאָנגרעס און סיי די אופנים פון ווייטערדיקער צוזאַמענאַרבעט.

אַ טיפן איינדרוק האָט איבערגעלאָזן די באַגעגעניש מיטן אָנפירער פון דער דעלעגאַציע פון בולגאַריע, זשאַק נאַטאַן. מיט דעם דאָזיקן מענטשן, וועלכער איז צו יענער צייט געווען דער פאָרזיצער פון דער קאָנסיסטאָריע פון די בולגאַרישע יידן*) האָט מיך פאַרבונדן אונדזערע ביידנס לערניאָרן אין מאָסקווע. ער — אין דער אינטערנאַציאָנאַלער לענין־שול און איך (ווי אויך זיין פרוי, רענאַטאַ) — אין מערב־אוניווערסיטעט.

זשאַק נאַטאַן האָט מיר דערציילט, אַז בעת די פאַראייניקטע נאַציעס האָבן אין לייק סאַקסעס דעבאַטירט די פראַגע וועגן פאַנאַנדערטיילן פּאַלעסטינע אויף צוויי מדינות, איז ער מיט נאָך איינעקע יידישע טוערס אַרויסגערופן געוואָרן שפּעט ביינאַכט צו געאָרגי דימיטראָוון, דעם דעמאָלטיקן פּרעמיער־מיניסטער פון בול־גאַריע. דימיטראָוו האָט צו זיי גערעדט וועגן דעם היסטאָרישן באַטייט פון דער אַנטשטייונג פון דער יידישער מדינה. ער האָט עס באַטראַכט פאַר אַ גרויסן היס־טאָרישן שאַנס פאַרן יידישן פאָלק. ווי אַזוי דער דאָזיקער שאַנס וועט אויסגענוצט ווערן, איז אָפּהענגיק פון די יידן, וועלכע וועלן קומען אין דער מדינה. דאָס אָנקומען קיין ישראל פון די בולגאַרישע יידן מיט זייערע דעמאָקראַטישע און קאַמפס־טראַדיציעס, ווי אויך יידישע אַרבעטערס און פאָלקס־מענטשן פון אַנדערע לענדער, וועט בכוח זיין אַרויפצולייגן זייער חותם אויפן פּראָגרעסיוון, דעמאָקראַ־טישן פאָלקס־כאַראַקטער פון דער מדינה.

זשאַק נאַטאַן האָט געהאַלטן, אַז דימיטראָווס רייד האָבן געהאַט אַ גרויסע וויר־קונג אויף די בולגאַרישע יידן, וועלכע האָבן אין זייער אַבסאָלוטער מערהייט, אין משך פון אַ קורצער צייט, אויסגעוואַנדערט קיין ארץ־ישראל.

נאָך דער דאָזיקער טרעפונג האָבן די יידישע פאָרשטייערס מיט דער באַגיי־טיקונג פון דימיטראָוון, זיך געווענדעט טעלעגראַפיש צו סטאַלינען וועגן שטיצן די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון פּילגעפּרוווטן יידישן פאָלק.

✡

בעתן אָנקומען קיין פּאַריז האָבן מיר דאָרט שוין געטראָפן די פּילפּערזאָניקע דעלעגאַציע פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט אין פּוילן. אין איר באַשטאַנד

*) מיט אַ צייט שפּעטער איז ער אַוועק פון דער יידישער אַרבעט. ער איז געוואָרן פּראָפעסאָר פון עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן אין סאָפיער אוניווערסיטעט און אַ מיטגליד פון דער בולגאַרישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

זענען געווען די שרייבערס אפרים קאַגאַנאָווסקי, לייב אָליצקי, ישראל אַשענדאָרף, בינעם העלער, אלחנן וואָגלער, דוד ספאַרד, די פאָרשטייערין פון יידישן טעאַטער — אידאַ קאַמינסקאַ, דער אַנטיילנעמער אין דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ — שמואל וויס, די אַנפירערין פון דער צענטראַלער יידישער ביבליאָטעק — באַשע בערמאַן, דער פאָרשטייער פון דער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע — אהרון אייזנבאַך, די פעדאַגאָגן ל. לאַזאָווסקי און א. קאַגאַן, דער זשורנאַליסט אהרון צינצינאַטוס, די טוערס פון די יידישע קאָמיטעטן ש. הורוויטש, י. וואַסערשטרום, נחום שטרייכמאַן. צו דער דאָזיקער דעלעגאַציע זענען צוגעשטאַנען מיר אַלע, אַנטיילנעמערס אין דער סעסיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. דעלעגאַציעס זענען געקומען פון גאַנץ אייראָפּע. אין זייער מערהייט זענען עס געווען מענטשן פון די לינקע קרייזן. עס זענען אויך געווען דעלעגאַטן מיט אַ ציוניסטישער און בונדישער אָריענטאַציע. די גרעסטע צאָל רעפּרעזענטן האָבן אויף די פּלענאַרע זיצונגען און אין די קאָמיסיעס געהאַט די פאָרשטייערס פון פראַנקרייך און פון פוילן. די איינשטעלונג אין אַלע רעפּרעזענטן איז געווען צום שאַפן אַן איינהייטלעכע פּלאַטפאָרם פאַר אַלע אידעישע ריכטונגען אין יידישן לעבן מיטן ציל צוריק אויפצושטעלן די יידישע קולטור־פּאָזיציעס אין אייראָפּע נאָך דעם היטלערישן חורבן. די רעפּרעזענטן פון פוילן האָבן קודם־כל זיך געטיילט מיט דער דערפאָרונג פון 4 יאָר יידישער קולטור־טעטיקייט דאָרט, ווו די דייטשן האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזט אַ פולשטענדיקן חורבן. די באַשלוסן פון דער אייראָפּעישער קולטור־קאָנפערענץ האָבן דער עיקר זיך קאָנצענטרירט אויף דער קאָנקרעטער קולטור־טעטיקייט, אויף דער צוזאַמענאַרבעט און קעגנזייטיקער הילף צווישן די אייראָפּעישע יידישע יישובים און אַלע אַן אויסנאַם קולטור־אינסטאַנצן. די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַ פאַרבינדונגס־ביוראָ אין פּאַריז, כדי העלפן פאַרווירקלעכן די צוזאַמענאַרבעט און די געמיינזאַמע פּלענער. דער אַלגעמיינער איינדרוק פון דער קאָנפערענץ איז געווען אַ דערמוטיקנדיקער. מיר האָבן פאַר דער צייט פון אונדזער זיין אין דער שווייץ און אין פּאַריז זיך טיילווייז באַפרייט פון דער ווירקונג, וואָס די שפּאַנונג אין פוילן האָט געהאַט אויף אונדז אין צוזאַמענהאַנג מיטן אינערלעך־פּאַרטייישן קאַמף.

די שפּאַנונג איז אָבער צוריקגעקומען, ווען צו אונדז איז בעת דער קאָנפערענץ דערגאַנגען די ידיעה, אַז אַ קויל פון די באַוואָפנטע וואַלד־גרופּן האָט געטראָפן דעם דעמאָלטיקן פּוילישן פּאַרטיידיקונגס־מיניסטער, גענעראַל קאַראָל שווערטשעווסקי (באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים „וואַלטער", אַלס קאָמאַנדיר פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס בעתן בירגער־קריג אין שפּאַניע). ער איז געווען אַן אויפריכטיקער יידן־פריינט. מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז דער דאָזיקער מאָרד וועט האָבן אַן אויסווירקונג אויף דער אינערלעכער לאַגע אין פוילן. אַ צווייטער פאַקט האָט געהאַט אַ שייכות צו דער סיטואַציע אין דעם גאַנצן סאָוועטישן בלאָק, אָבער האָט זיך באַזונדערס אויסגעווירקט אויף פאַרשאַרפן דעם אינערלעך־פּאַרטייישן קאַמף אין פוילן. גראָד אין דער צייט, ווען מיר זענען געווען

אין פּאַריז, איז געווען די אַרויסטרעטונג פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער יוגאָ־סלאַווישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, בראָז־טיטאָ קעגן דעם אינפאָרמביוראָ פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, וועלכער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין בעלגראַד, קעגן דער דאָמינאַציע פון דער סאָוועטישער פּאָליטיק, אַלס ווידערשפּרעכלעכע צו די שטרעבונגען פון דער יוגאָסלאַווישער רעפּובליק.

פאַר אונדז, וועלכע זענען באַקאַנט געווען מיט דער אַבסאָלוטער איינהייט, וואָס האָט אַלע מאָל געהערשט אויף די באַראַטונגען פון דעם אינפאָרמביוראָ*) איז די אַרויסטרעטונג פון דער יוגאָסלאַווישער אָנפירונג געווען אַן אַבסאָלוט אומגעריכטע. זינט דער ליקווידאַציע פון דער לעצטער אָפּאָזיציע אין ראַטן־פאַרבאַנד (פון בוכאַרין, ריקאָוו, טאָמסקי) זענען קיין שום עפנטלעכע אָפּאָזיציאָנעלע אַרויסטרעטונגען קעגן דער סטאַלין־פּאָליטיק מער נישט געווען. אַזוי אַרום איז מען שוין צוגעוווינט געווען דערצו, אַז אין דעם קאָמוניסטישן לאַגער זאָל הערשן פולע איינשטימיקייט. און פּלוצלונג — אַזאַ אָפּאָזיציע און דערצו מצד אַ גאַנצער פּאַרטיי און נישט בלויז פון אַ פראַקציע. די אומגעריכטקייט איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דערמיט, וואָס גראַד יוגאָסלאַוויע פלעגט אַרויסווייזן אַ סך איבערגעגעבנקייט לגבי דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. יעדע אַנאַלאָגיע מיט דער פאַרגאַנגענהייט, ביים טראַכטן וועגן די פאָלגן פון דער יוגאָסלאַווישער אַרויסטרעטונג, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט באַרעכטיקט. דאָ איז אַ גאַנצע מלוכה, אין נאָמען פון אַ גאַנץ פאָלק, אַרויסגעטראָטן קעגן דעם גרויסן סאָוועטן־פאַרבאַנד, דעם זיגער אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס איז אויפגעקומען דאָס געשפּענסט פון אַ קאַמף אין דעם סאָוועטישן בלאָק. אפשר פון אַ מלחמה קעגן דער נישט גרויסער יוגאָסלאַווישער מדינה...**)

אין דעם זעלבן טאָג, ווען די פראַנצויזישע פרעסע האָט געבראַכט די ידיעה וועגן טיטאָס אַרויסטרעטונג, האָב איך זיך געטראָפן מיטן פאָרזיצער פון דער דעלעגאַציע פון די יוגאָסלאַווישע יידן, פּראָפ' אַלבערט ווייס, וועלכער איז, אַזוי ווי מיר, געקומען פון דער סעסיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס צו דער אייראָפּעישער יידישער קולטור־קאָנפערענץ אין פּאַריז. ער איז געווען שטאַרק באַאומרויִקט פון די געשעענישן און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געזוכט אַן עצה וואָס צו טאָן. איך האָב אים געעצהט, אַז ער זאָל דערווייל בלייבן

*) טייל באַראַטונגען זענען פאַרגעקומען אין וואַרשע מיטן אָנטייל פון מאַלענקאָוו און זשדאַנאָוו. פון מיין גוטן פריינד, דעם פּראָפעסאָר לעאָן פלאַצקער, וועלכער האָט געהאַט די מעדיצינישע אויפזיכט איבער די אָנטיילנעמער פון די באַראַטונגען, האָב איך געוווּסט, אַז ביז דער אַרויסטרעטונג פון י. טיטאָ איז נישט געווען קיין איין פאַל פון דערווידערונג לגבי די סאָוועטישע איינשטעלונגען.

**) מיט יאָרן שפּעטער, בעת מיין באַזוך אין יוגאָסלאַוויע האָט מען מיר געוויזן אַ פולשטענדיק־אויסגעשטאַטע פּאַרטיזאַנער־באַזע אין די בערג, וואָס איז בעתן קאָנפליקט מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד ספּעציעל צוגעגרייט געוואָרן אין פאַל פון אַן אָנגריף פון דער סאָוועטישער אַרמיי.

אין פּאַריז, ביז די סיטואַציע וועט אויפגעקלערט ווערן. כ׳האָב זיך דערבײַ באַנוצט מיט דעם שפּרוך פון געוועזענעם מיטגליד פון דעם פּאָליטביוראָ פון דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי, אַלפרעד לאַמפּע, אַז „אין נישט קלאָרע סיטואַציעס גיט מען נישט קיין קלאָרע ענטפערס״. פּראָפ׳ אַלבערט ווייס האָט מיין עצה... נישט געהערט און גאָר שנעל האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ער האָט זיך פולשטענדיק סאָלידאַריזירט מיט דער אַלגעמיין־יוגאָסלאַווישער, אַנטיסטאַלינישער אײַנשטעלונג. אין רעזולטאַט האָט עס געבראַכט דערצו, אַז די פאַרבינדונגען צווישן אונדז זענען איבערגעריסן געוואָרן אויף זייער אַ לאַנגער צייט.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין וואַרשע האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז צו די פּריַערדיקע באַשולדיקונגען קעגן גאָמולקאַן און זײַנע אָנהענגערס איז צוגעקומען די סאַמע אַקטועלסטע און דראַענדיקסטע: די באַשולדיקונג אין סימפּאַטיזירן און שטיצן די שטעלונג פון יוגאָסלאַוויע. גאָמולקאַ איזווירקלעך געווען קעגן פאַר־אורטיילן אַלס רענעגאַטן די אָנפירערס פון דער יוגאָסלאַווישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דאָס האָט אין דער לעצטער שורה אַנטשיידן וועגן גורל פון דער גאָמולקאַ־גרופּע.

דאָס אַלץ האָבן מיר בעתן שטעלן זיך צוריק צו דער אַרבעט, געזען ווי אַל־געמיין־פּאַרטייִשע ענינים, וואָס ווערן דירעקט זיך נישט אויסווירקן אויף דער טעטיקייט פון די יידישע קאָמיטעטן. פאַר אונדזער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג האָט זיכער געזאָלט האָבן אַ פּאָזיטיווע באַטייטונג דער באַריכט, וועלכן מיר האָבן תיכף נאָך אונדזער צוריקקומען פון אויסלאַנד צוגעשטעלט דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי. אין דעם דאָזיקן באַריכט האָבן מיר אַל־זײַטיק פאַרגעשטעלט די ראָל פון אונדזערע דעלעגאַציעס סיי אויף דער סעסיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס און סיי אויף דער אייראָפּעיִשער יידישער קולטור־קאָנפערענץ, דעם ברייטן אָפּקלאַנג פון אונדזערע אַרויסטרעטונגען, אין וועלכע עס איז אַלע מאָל בולט אַרויסגעבראַכט געוואָרן די פּאָליטיק פון דער פּוילישער פאָלקס־רעגירונג לגבי דער יידישער באַפעלקערונג.

אין די אָנגעבונדענע קאָנטאַקטן מיט צאָלרייכע יידישע אָרגאַניזאַציעס און פּערזענלעכקייטן פון אַלע וועלטטיילן האָט זיך געוואָלט זען די מעגלעכקייט, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן זאָל ווערן אַ מער ווירקזאַמער פּאָליטישער פאַקטאָר און אַזוי אַרום זײַן באַוואָרנט פון עווענטועלע באַגרענעצונגען (האָבנדיק דערבײַ, ווי אַלע מאָל, פאַרן אָנבליק דעם נוסח־מאָסקווע).

אונדזערע ברייטע קאָנטאַקטן מיט אויסלאַנד האָבן אויסגעזען צו זײַן אַ וויכ־טיקער סטימול פאַר ווייטערדיקע דערגרייכונגען אין אַלע געביטן פון דער יידיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין פּוילן.

„אַזוי ווי עס קריסטלט זיך"...

געדוכט האָט זיך, אַז די זיצונג פון דער „צענטראַלער פּראַקציע" (ווי אַלע מאָל — אין דער געביידע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פּפּ"ר), בעת וועלכער מיר האָבן געדאַרפט אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן די פאַרגעקומענע קאָנפערענצן אין מאָנטרעאָל און פאַריז, וועט האָבן אַ ריין־פאָרמעלן כאַראַקטער — פאַר דעם פּראָטאָקאָל בלויז. עס איז דאָך באמת שוין נישט געווען וואָס צוצוגעבן צו די אינפאָרמאַציעס בעת פילצאָליקע באַגעגענישן מיט די נאָענטסטע חברים.

געשען איז אָבער אַנדערש, גרינטלעך אַנדערש. נאָך אונדזערע גאַנץ קורץ־פאָרמולירטע אויספירן וועגן דעם פאַרנעם און באַטייט פון די פאַרגעקומענע קאָנפערענצן און פון אונדזער אָנטייל אין זיי, זענען אַפילו קיין שום פראַגן נישט געשטעלט געוואָרן. קיינער האָט קיין וואָרט נישט געבעטן, וואַרטנדיק בלויז אויף דעם געוויינלעכן „לעצטן וואָרט" פון ש. זאַכאַריאַש. זיין וואָרט איז אָבער דעמאָלט געווען נישט דאָס לעצטע, נאָר דער אָנהייב פון אַ פראָנטאַלן אָנגריף קעגן אונדז דריי, קעגן דער גאַנצער דעלעגאַציע פון פוילן און קעגן דער האַלטונג פון אַלע לינקע דעלעגאַטן בעת דער סעסיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. זאַכאַריאַשס אַרויסטרעטונג האָט געקלונגען ווי אַ באַשולדיקונג קעגן אונדז, שיער נישט אַלס אַ יידישע אויפלאַגע פון דעם אַלגעמיינעם „רעכט־נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג".

הגם אַזוי איז עס נישט פאָרמולירט געוואָרן, נישט אין זאַכאַריאַשעס רייד און נישט אין די פאַרשריבענע אָפּשאַצונגען, איז אָבער קלאָר געווען, אַז דאָ גייט אין מקיים זיין דעם אַקטועלן געבאָט אויך אין אונדזער סביבה. „אַזוי ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך".

די פאַרוואורפן און באַשולדיקונגען קעגן אונדז זענען געווען, אַז מיר זענען אויף דער סעסיע פון קאָנגרעס נישט אַרויסגעטראָטן מיט קיין אייגענער רעזאָלוציע בנוגע אַלע עיקרדיקע פּאָליטישע פּראָבלעמען און ממילא נישט באַקעמפט דעם פּרווו פון דער אָנפירונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס צו טיילן אויף צוויי בלאָקן דעם צוגאַנג צו יידישע פּראָבלעמען, פאַרווישנדיק אַזוי אַרום דיווירקלעכע שיידליניע צווישן די דעמאָקראַטישע און רעאַקציאָנערע כוחות;

מיר האָבן נישט אַרויסגעבראַכט אין דער געהעריקער מאָס די ראָל פון ראַטן־פאַרבאַנד און פון די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער אין קאַמף פאַר שלום, פאַר פעלקער־פרייהייט און דעמאָקראַטיע;

מיר זענען נישט אַרויסגעקומען מיט קיין אייגענער רעזאָלוציע וועגן ישראל, און אַזוי אַרום פאַרשוויגן די היסטאָרישע ראָל פון ראַטן־פאַרבאַנד און פון די

פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער ביים אויפקום פון דער מדינה. מיר האָבן נישט באַקעמפט דעם שטאַנדפונקט פון ד״ר נחום גאָלדמאַן, אַז מען דאַרף זיך נישט אַריינמישן אין די ענינים פון ישראל;

מיר האָבן נישט אַריינגעטראָגן, צוזאַמען מיט אַלע לינקע, קיין אייגענע קאַנדידאַטן־ליסטע צו די אָנפירנדיקע אָרגאַנען פון דעם קאָנגרעס און נישט געענוג באַקעמפט די דיסקרימינאַציע לגבי דעם לינקן „פאָלקס־אָרדן״ אין אַמע־ריקע, וועלכער איז נישט צוגעלאָזן געוואָרן אין דער אָנפירונג פון דעם קאָנגרעס.

אַלץ צוזאַמען איז לויט דער אָנגענומענער רעזאָלוציע געווען אַ רעזולטאַט פון אונדזער פאַלשן שטרעבן צו איינהייט פאַר יעדן פרייז. די איינהייט־פּראַקטיק אין די ראַמען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן איז דורך אונדזער דעלעגאַציע מעכאַניש אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ גאַנץ אַנדער סיטואַציע, לגבי דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס.

נאָך דער דאָזיקער תוכחה האָט קיינער פון אונדז קיין וואָרט נישט געבעטן, קיין פראַגן נישט געשטעלט, כאָטש דער פאַרדראָס פון נישט זען קיין אײן פּאָזי־טיוון מאָמענט אין אונדזער שטעלונג און האַלטונג, איז מסתמא געווען ביי יעדן פון אונדז. געווען איז אַפילו מיטלייד, פשוט־חברישער מיטלייד אין דעם בליק פון די איבעריקע מיטגלידער פון דער „צענטראַלער פראַקציע״.

אָן שום דערווידערונג איז באַשלאָסן געוואָרן צו רופן אַ לאַנד־באַראַטונג פון די פפ״ר־טוערס אין די יידישע קאָמיטעטן. אויף דער דאָזיקער באַראַטונג דאַרף געענוי אַנאַליזירט ווערן דאָס אַלץ, וואָס דרינגט פאַר אונדז אַרויס פון די באַשלוסן פון אויגוסט־פּלענום פון צ״ק פפ״ר וועגן קאַמף קעגן רעכט־נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג. עס דאַרף פאַרקומען אַ פּלענאַרע זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן, כדי צוזאַמען מיט אַלע ציוניסטישע פאַרשטייערס קריטיש באַ־האַנדלען, אין גייסט פון די „פעסטגעשטעלטע״ פּעלערן, די האַלטונג און שטעלונג פון אונדזער דעלעגאַציע אויף דער סעסיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס.

אַ רעפעראַט אויף דער דאָזיקער טעמע האָט אין „אָרדענונג פון זעלבסט־קריטיק״ צוגעגרייט מ. מירסקי, וועלכער האָט איבערגעחזרט אויף דעם פּלענום פון צ״ק פון די יידן אין פוילן (דעם 2טן נאָוועמבער 1948) די שטעלונג, וואָס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף דער זיצונג פון דער „צענטראַלער פראַקציע״.

דאָס איז אָבער געווען בלויז דער אָנהייב פון אַ גרינטלעכן קער אין דער באַציִונג צו די וויכטיקסטע פראַגן און צו די געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג פון פוילן.

געווען איז עס פאַר אונדז אַ צייט פול מיט סתירות. פון איין זייט האָט געדויערט און זיך אויסגעברייטערט אויף פאַרשידענע אופנים די טעטיקייט לטובת ישראל, אין וועלכער דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן און די אָרטיקע יידישע קאָמיטעטן זענען געווען דירעקט באַטייליקט. פון דער צווייטער זייט איז די קעגנערשאַפט צום ציוניזם, צו דער פּאָליטיק און טעטיקייט פון אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען אין פוילן און די קריטיק לגבי דער דעמאָלטיקער באַציִונג

דערצו מצד די יידישע פּפּ״ר־טוערס גופא, (וועגן וואָס עס איז געווײנלעך געווען אַ רייד בלויז בעת די זיצונגען פון די יידישע פּפּ״ר־פראַקציעס), איז אַרויסגע־בראַכט געוואָרן עפנטלעך אויף אַ שאַרפן אופן.

מיט גרויס סימפּאַטיע האָט מען אין אַלע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפט זיך באַצויגן צו דער אַקציע פון געבן בלוט פאַר די פאַרוואונדעטע שלאַכטלייט פון דער „הגנה״. מיט שטאָלץ האָט מען צווישן די יידישע פּפּ״ר־טוערס גערעדט און וועגן דעם דערציילט אויף פאַרזאַמלונגען און מיטינגען, אַז די ישראל־קאָמו־ניסטן באַטייליקן זיך אַקטיוו אין דער באַפרייונגס־מלחמה. אַן אויסדרוק דערפון איז געווען דער פאַקט, וואָס פון 5 מיטגלידער פון סעקרעטאַריאַט פון קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד, זענען 4 פאַרוואונדעט געוואָרן אין די שלאַכטן. מיט אַלגעמיינער צופרידנקייט האָט מען אויפגענומען די ידיעה וועגן דער פּוילישער שיף „טאַרון״, וועלכע איז דעם 13טן סעפּטעמבער 1948 אָפּגעשוווּמען קיין חיפה מיט דער מתנה פון די פּוילישע יידן — 150 וואַגאָנען תבואה, וואָס זענען מיט אַ ספּעציעל גרויסן פלייס, בלויז אין משך פון אַנדערטהאַלבן מעת־לעת, אויפגעלאָדן געוואָרן דורך די פּוילישע פּאָרט־אַרבעטערס. דער אָנקום קיין וואַרשע מיט אַ טאָג נאָך דעם פון ערשטן געזאַנדטן פון מדינת ישראל, דעם פירנדיקן טוער פון מפ״ם, י. ברזילי, האָט אַרויסגערופן אַ טיפן אָפּקלאַנג צווישן אַלע יידן. גאָר אַ סך מענטשן זענען געקומען באַגעגענען דעם ערשטן מלוכה־פאַרשטייער פון ישראל. עלטערע יידן האָבן אויפן פלי־פּלאַץ בעת־מעשה געמאַכט אַ שהחיינו, ווען ס׳האָט זיך באַוויזן י. ברזילי און די אָפיציעלע פאַרשטייערס פון פּוילישן אויסערן־מיניסטעריום האָבן אים באַגריסט. דעם ישראל־געזאַנדטן האָט באַגעגנט אַ גרויסע דעלעגאַציע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן אין באַשטאַנד פון ד״ר א. בערמאַן און געניע לעווי (פון די לינקע פּועלי־ציון), י. לאַזעבניק (פּפּ״ר), ד״ר פרנס און אינזש׳ אברהם ראָזענמאַן (אַלגעמיינע ציוניסטן), פּ. שטערן (השומר הצעיר), ס. פישגרונד און ד״ר ש. הערשנהאָרן (בונד). געקומען איז אויך אַ דעלעגאַציע פון דעם ועד הקהילות, אונטערשטרייכנדיק אַזוי אַרום, אַז די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון פּוילן, אָן אויסנאַם, באַגריסט, אין דער פּערזאָן פון דעם ערשטן דיפּלאָמאַטישן פאַרשטייער די אַנטשטאַנענע אין קאַמף יידישע מדינה.

אין אָנבליק פון דער דעמאָנסטרירטער ביי יעדער געלעגנהייט טיפער פאַר־בונדנקייט פון די יידן אין פּוילן מיט דער יידישער מדינה און מיט יידישע ישובים אין דער גאַנצער וועלט, איז מיט דערשטוינונג און אומרו אויפגענומען געוואָרן איליאַ ערענבורגס אַרטיקל אין צענטראַלן אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ראַטן־פאַרבאַנד „פּראַוודאַ״ (פון 21טן סעפּטעמבער 1948)*) אין וועלכן ער חזרט איבער, אויף זיין פעליעטאָניסטישן אופן, די סטאַלינישע דאָגמע,

*) געווײנלעך פלעגן אי. ערענבורגס אַרטיקלען זיין געדרוקט אין דעם אָרגאַן פון דער סאָוועטישער אַרמיי „קראַסנאַיאַ זוויעזדאַ״ און אין דעם אָרגאַן פון אויבערראַט פון פּסס״ר „איזוועסטיאַ״. דאָס באַוויזן זיך פון דעם אויבנדערמאָנטן אַרטיקל גראַד אין „פּראַוודאַ״ האָט עדות געזאָגט, אַז צו אים ווערט צוגעגעבן אַ באַזונדערע באַטייטונג.

אַז יידן פון פאַרשידענע לענדער האָבן קיין שום שייכות נישט צווישן זיך אויף וויפל זיי שטעלן נישט פאַר מיט זיך קיין שום נאַציע.

צום ערשטן מאָל, נאָך דער אַזוי באַטייטונגספולער רעדע פון אַנדריי גראָמיקאָ, וועלכער האָט באַגרינדעט די פולע סאָוועטישע אונטערשטיצונג פאַר דעם אויפקום פון דער יידישער מדינה*) זענען פון די שפּאַלטן פון צענטראַלן פּאַרטיי־אָרגאַן געקומען קריטישע, וואָרנענדיקע רייד לגבי ישראל. פאַר מיר, וועלכער האָט פון אייגענער דערפאַרונג געוווּסט ווי אַזוי עס דערשיינען אָפּשאַצונגען פון אַזאַ פּאָליטישן געוויכט אויף די שפּאַלטן פון דער צענטראַלער סאָוועטישער פּרעסע, איז אויפגעקומען דאָס געשפּענסט פון די סוף צוואַנציקער יאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, דאַן ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די שטופנווייזע און לסוף געוואַלטזאַמע ליקווידאַציע פון דער סאָוועטיש־יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

צי וועט עס, צי מוז עס זיך אויסווירקן אויך אויף אונדז אין פּוילן?!

אָפּטרייבן דעם אָנוואַקסנדיקן אומרו האָב איך דעמאָלט געפּרוּווט דורך אַ רייזע, אויף אַ פּריוואַטן אופן (אין חודש סעפּטעמבער 1948) קיין טשעכאָסלאָוואַקיע און קיין בולגאַריע. אין פּראַג האָב איך, אין דער געביידע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ פון טשעכאָסלאָוואַקיע, זיך באַטייליקט אין אַ באַראַטונג, אויף וועלכער איך האָב רעפערירט וועגן די אויפגאַבן, וואָס דרינגען אַרויס פאַר אונדז פון דער אייראָפּעישער יידישער קולטור־קאָנפערענץ. אין סאָפיע, אין דעם פאַרזאַמלונג־זאַל פון דער יידישער קאָנסיסטאָריע, האָב איך פאַר אַ גרע־סערן עולם רעפערירט וועגן די פּראָבלעמען פון יידישן לעבן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. מיט די צענטראַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס פון ביידע לענדער האָבן מיר איינגעשטעלט אַן ענגערע צוזאַמענאַרבעט. מיר האָבן זיך קעגנזייטיק אינ־פאָרמירט וועגן אונדזערע אויפטוען און שוועריקייטן. געזאָלט האָט עס, לויט מיר, שאַפן גאַראַנטיעס קעגן עווענטועלע אויסווירקונגען פון אַ ליקווידאַציע־קורס.

קיין וואַרשע בין איך צוריקגעקומען ערב אַ ספּעציעל־צונויפגערופענער לאַנד־באַראַטונג פון יידישע פפ״ר־טוערס, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 25טן אָקטאָבער 1948, אין איינעם פון די קאָנפערענץ־זאַלן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פפ״ר.

אויף דער דאָזיקער באַראַטונג זענען געהאַלטן געוואָרן 2 רעפעראַטן אויף איין און דער זעלבער טעמע: וועגן דעם קאַמף קעגן דעם רעכטן נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג אין דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

די באַשלוסן פון דעם אויגוסט־פּלענום פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פפ״ר האָט רעפערירט דער מיטגליד פון דער פּאָליטביוראָ, עדוואַרד אָכאַב. דער יידישער

*) אַ גוט־אינפאָרמירטער מאָוועטישער פּאָליטישער טוער האָט מיר דערציילט ווי אַן אויטענטישן פאַקט, אַז נאָך דעם, ווי סטאַלין האָט איבערגעלייענט און צוגעגעבן זיינע אויסבעסערונגען צו אַנדריי גראָמיקאָס רעדע אין די פאַראייניקטע נאַציעס וועגן דער נויטיקייט צו שאַפן די יידישע מדינה אין ארץ־ישראל, האָט ער, אויפשטייענדיק, זיך געווענדעט צו די אָנוועזנדיקע דערביי, קודם־כל צו מאָלאָטאָוון, מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „נו, וואָס וועט איר זאָגן דערויף, וואָס סטאַלין איז אויף די עלטערע יאָרן געוואָרן אַ ציוניסט!״

אַקטיוו האָט מיט אים זיך געפּילט באַזונדערס היימיש. ע. אַכאַב האָט שוין אין אָנהויב פֿון 1945 זיך באַטייליקט אין באַראַטונגען פֿון יידישע טוערס וועגן די מעגלעכקייטן פֿון אַ יידישן יִישוב אין נייעם פּוילן. ער איז אַלע מאָל גרייט געווען צו העלפֿן אין דער יידישער אַרבעט, סיי ווען ער איז געווען אַ מיניסטער, סיי ווען ער האָט אָנגעפֿירט מיט די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען, מיט דער קאָאָפּעראַ־טיווער באַוועגונג, און סיי ווען ער איז פֿולשטענדיק איבערגעגאַנגען צו אינערלעך־פּאַרטייִישער אַרבעט.

אין זיין רעפֿעראַט האָט ער אויספֿירלעך זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם נאַציאָ־נאַליסטישן כאַראַקטער פֿון דער גאָמולקאַ־פּאָליטיק, אויף אירע אַנטיסאָוועטישע אַקצענטן, אויף דער בולט אָפּאָרטוניסטישער שטעלונג לגבי אַ ריי וועזנטלעכע סאָציאַלע פּראָבלעמען. אַכאַב האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דער שוואַכער ווידער־שטאַנד קעגן אַנטיסעמיטיזם איז אַן עלעמענט פֿון נאַציאָנאַליסטישן אונטערגעבן זיך רעאַקציאָנערע שטימונגען.

די פֿאַרזאַמלטע האָבן מיט גרויס אויפֿמערקזאַמקייט אויסגעהערט עד. אַכאַבס רעפֿעראַט, אָנערקענענדיק אים אַלס ריכטליניע אין דער ווייטערדיקער טעטיקייט.

אַן אַנדער שטימונג האָט געהערשט בעת דעם צווייטן און סאַמע עיקרדיקן פּאַר דער דאָזיקער באַראַטונג רעפֿעראַט — וועגן דער אויסווירקונג פֿון רעכטן נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג אין דער שטעלונג און פּראַקטיק פֿון די פּפּ״ר־טוערס אין דער יידישער סביבה.

אין אונטערשייד צו דער אָפּשאַצונג פֿון דער שטעלונג פֿון אונדזער דעלעגאַציע בעת דער סעסיע פֿון יידישן וועלט־קאָנגרעס, איז דאָס מאָל ש. זאַבאַריאַשעס רעפֿעראַט נישט געווען צוגעשפּיצט צו אַ קריטיק פֿון טאַקטישע פֿעלערן. עס איז אין זיין רעפֿעראַט געווען אַ גרינטלעכער אידעאָלאָגישער קער און אומקער צו די פֿאַרמלחמהדיקע קאָמוניסטישע איינשטעלונגען און פֿאַרמלחמהדיקע אַרגומענטן ביים אַנטוויקלען אַ פּראָנטאַלן קאַמף קעגן ציוניזם, אַן דעם מינדסטן פּרווו פֿון אַ דיפֿערענצירטן צוגאַנג צו זיינע פֿאַרשידענע אידעיִש־פּאָליטישע טיילן.

די אָנפֿירנדיקע קאַדרען פֿון די פּפּ״ר־טוערס אין דער יידישער סביבה זענען אין דעם רעפֿעראַט באַשולדיקט געוואָרן אין דעם שווערסטן חטא: אין אידענ־טיפֿיצירן דעם נאַציאָנאַלן באַפֿרייונגס־קאַמף פֿון די פֿאָלקס־מאַסן פֿון ישראל מיט דער אידעאָלאָגיע פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג. באַזונדער שאַרף איז גראָד געווען דער אָנגריף קעגן דעם „קליינבירגערלעך־אוטאָפּישן חלוציזם״, וועלכער איז פֿעלערהאַפֿט אָפּגעשאַצט געוואָרן אַלס איינער פֿון די פֿאַקטאָרן פֿאַרן אַנטשטיין פֿון מדינת־ישראל. די דאָזיקע אָפּשאַצונג האָט עס געווירקט, לויט זאַכאַריאַשן, אַז די ראָל פֿון דעציידירנדיקן פֿאַקטאָר — פֿון די פֿאָלקס־דעמאָקראַטישע מלוכות בראש מיטן ראַטן־פֿאַרבאַנד, זאָל דורך אונדז נישט גענוג בולט אַרויסגעבראַכט ווערן.

די יידישע פּפּ״ר־טוערס האָבן נישט באַקעמפֿט די ציוניסטישע קאָנצעפּציע, אַז די יידישע יִישובים אין די לענדער פֿון פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם

דאַרפֿן דינען אַלס הינטערלאַנד פֿאַר מדינת ישראל. צווישן די באַשולדיקטע אין די אַלע אָפּנייגן האָט אויך פֿיגורירט דער יידישער אָרגאַן פֿון פפ״ר, „פֿאָלקס־שטימע״, וועלכע איז צו יענער צייט דערשינען ווי אַ וואָכנבלאַט. דער פֿאַרוואָרף איז דאָ געווען, אַז די „פֿאָלקס־שטימע״ האָט צו ווייניק באַקעמפֿט אידעאָלאָגיש דעם ציוניזם, די רעאַקציאָנערע קאָנצעפּציע פֿון „יציאת פּוילן״, און אַלע דער־שיינונגען פֿון נאַציאָנאַליזם.

פֿאַר אַלעמען איז קלאָר געווען דער איבערגאַנג צו אַ שאַרפֿן פּאָליטיש־אידעאָלאָגישן קאַמף קעגן ציוניזם, און נישט בלויז אין די פֿראַגן פֿון ישראל. אַזוי למשל איז אַ שווערע באַשולדיקונג פֿאַרמולירט געוואָרן קעגן די יידישע היסטאָריקערס און רעפֿערענטן, וועלכע זאָלן האָבן „עקלעקטיש באַלויכטן די טרייב־קרעפֿטן פֿון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, נישט דערשאַצנדיק די אָנ־פֿירנדיקע ראָל פֿון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּפּ״ר) אַלס איניציאַטאָר און הויפּט־כּוח פֿון די באַוואָפֿנטע אויפֿשטאַנדן אין די געטאָס״.

צו יענער צייט איז אַלץ אָפֿטער אַרויסגעקומען די פֿראַגע וועגן אונטערנעמען די איניציאַטיוו צו פֿאַרוואַנדלען אַלע יידישע שולן אין מלוכהשע, אין הסכם מיט דער פֿאַרמלחמהדיקער איינשטעלונג פֿון די קאָמוניסטן וועגן דעראָבערן פֿאַר יידן „אַ שול אין דער מוטער־שפּראַך אויפֿן חשבון פֿון דער מלוכה״. צווישן אונדז זענען געווען טוערס, וועלכע האָבן געשטרעבט אָפּצושטופּן די דאָזיקע מעגלעכקייט צוליב דעם, ווייל אין אַזאַ פֿאַל וואָלטן די יידישע קאָמיטעטן אויפֿגעהערט צו זיין די באַלעבאַטים איבער דעם גאַנצן יידישן שולוועזן און עס וואָלטן גענומען גילטן אַלגעמיין־מלוכהשע לערן־פּראָגראַמען, וואָס פֿאַלן זיך נישט צונויף פֿולשטענדיק מיט אונדזערע איינשטעלונגען לגבי דער בילדונג און דערציִונג פֿון יידישן קינד, פֿון דער יידישער יוגנט. די פֿאַרמלוכהשונג פֿון די יידישע שולן וואָלט אַרויס־גערופֿן אַ דערווידערונג ביי אונדזערע ציוניסטישע פּאַרטנערן אין די יידישע קאָמיטעטן, וועלכע האָבן ערטערווייז געשאַפֿן אייגענע שולן. די שטעלונג לגבי דעם יידישן שול־ענין איז אין דעם רעפֿעראַט אויף דער דאָזיקער באַראַטונג פֿאַרמולירט געוואָרן ווי אַ באַשולדיקונג, אַז „עס איז נישט גענוג באַקעמפֿט געוואָרן דער נאַציאָנאַליסטישער שטאַנדפּונקט, אַז די פֿאַרמלוכהשונג פֿון די יידישע שולן באַטייט זייער ליקווידאַציע״. עס איז דערביי אונטערגעשטראָכן געוואָרן דער „נישט גענוגנדיקער קאַמף קעגן דער צעבראָכערישער טעטיקייט פֿון די ציוניסטישע פּאַרטייען אויפֿן אָפּשניט פֿון יידישן שולוועזן״.

געווען איז אין דער אַלץ־אַרומנעמענדיקער קריטיק לגבי דער ביז דעמאָל־טיקער שטעלונג פֿון די פּפּ״ר־טוערס אין די יידישע קאָמיטעטן אַ ספּעציעלע באַשולדיקונג לגבי די טוערס אויפֿן קולטור־געביט. מיר זענען באַשולדיקט גע־וואָרן „אין עקלעקטיזם, אין אָפּאָרטוניסטישער פּאָליטיק פֿון צופּאַסן זיך צו דער קליינבירגערלעכער נאַציאָנאַליסטישער אידעאָלאָגיע״ אין פֿעלן פֿון אָנווענדן דעם מעטאָד פֿון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם...

פֿאַר מיר, דעם אַמאָליקן סאָוועטיש־יידישן טוער, האָט די דאָזיקע באַשולדיקונג

געקלונגען ווי אַ בוכשטעבלעכע איבערחזרונג פון דער „קריטיק" מצד די יידישע אולטראַ־לינקע אין די אָנהייב־יאָרן פון דער סטאַלינישער ליקווידאַציע — מצד ש. אַגורסקי, א. אַשעראָוויטש, י. בראַנשטיין און ח. דוניעץ.

דער קריטישער אַנאַליז האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט בלויז מיט אַלגעמיינע אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע פעסטשטעלונגען. פון אַזאַ מין באַשולדיקונג, אַז דער יידישער פּפּ"ר־אַקטיוו האָט זיך נישט גענוג קעגנגעשטעלט דער פאַלשער בונדיש־ציוניסטישער אָפּשאַצונג פון דער ראָל און כאַראַקטער פון די יידישע קאָמיטעטן, פון דער יידישער ווירטשאַפט־צענטראַלע, פון „טאָז", פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט, פון דעם האַנטווערקער־פאַרבאַנד א"א. — פון דעם איז אַרויסגע־דרונגען, אַז עס דאַרף קומען אַ גרינטלעכע ענדערונג אין דעם אינהאַלט און סטרוקטור פון די דאָזיקע אַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אַרום זיך גרופּירט אַ באַטייטנדיקע צאָל סיי געזעלשאַפטלעכע טוערס און סיי אַפּאַראַט־מענטשן.

ווירקלעך איז דער אויספיר פון דער דאָזיקער אָפּשאַצונג געווען: אָנהייבן איינפירן אַ נייע סטרוקטור פון די יידישע קאָמיטעטן. דער ציל איז געווען אַ בולטער: באַגרענעצן די ווירקונג פון דעם אַזוי גערופענעם „פּעכער" — פון די יידישע פּאַרטייען אַלס די איינציקע מיטשותּפים, לויט אַ פּאַריטעט־שליסל, פון די יידישע קאָמיטעטן. די אָנגענומענע רעזאָלוציע האָט פאַרגעלייגט איבערצובויען די יידישע קאָמיטעטן אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן נישט באַשטיין בלויז פון פּאַר־שטייערס פון פּאַרטייען, נאָר אויך פון די יידישע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, פון אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון, פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט, פון „אָרט", פון „טאָז". עס איז אויך פאָרגעלייגט געוואָרן, אַז אין באַשטאַנד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן זאָלן אַריינגיין פאָרשטייערס פון די גרעסטע אָרטיקע יידישע קאָמיטעטן.

פון דעם אַלגעמיינעם גייסט, וואָס עס האָט געווייעט פון דער דאָזיקער איינ־שטעלונג, האָט מען געקענט דערוואַרטן אַן ענדערונג אין דער באַציִונג צום יידישן וועלט־קאָנגרעס און צו די יידישע אָרגאַניזאַציעס פון דער מערב־וועלט. אָבער אַזאַ ענדערונג איז אין דער אָנגענומענער רעזאָלוציע (וועלכע האָט איבער־געחזרט די קריטיק לגבי אונדזער האַלטונג בעת דער סעסיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס) נישט געקומען. פאַרקערט, די באַראַטונג האָט באַשטעטיקט אונדזער אָנטייל אין דעם קאָנגרעס. דאָס האָט דעמאָלט טיילווייז אָפּגעשוואַכט דעם פאַר־דאַכט, אַז עס גייט צו אַן אַלגעמיינער אָנווענדונג פון דער סאָוועטישער פּראַקטיק לגבי די יידן אין פּוילן.

פאַר קיינעם האָט נישט געקענט זיין קיין ספק, אַז די באַשלוסן פון דער פאַרגעקומענער לאַנד־באַראַטונג פון די יידישע פּפּ"ר־טוערס זענען אַן אָפּשפּיגלונג פון דער אַלגעמיינער סיטואַציע אין פּוילן בעת דעם פאַרשאַרפטן קאַמף קעגן דער אַזוי גערופענער גאָמולקאָווששטשינע; אַז די דאָזיקע באַשלוסן זאָגן אָן אַ גרינטלעכע ענדערונג אין דעם גאַנצן געבוי און אינהאַלט פון דעם יידישן געזעל־

שאַפטלעכן לעבן אין פּוילן — אַן ענדערונג מיט אויסווירקונגען, וועלכע עס איז נאָך שווער געווען אין יענעם מאָמענט פאָרויסצוזען.

ווי דיסציפּלינירטע פּאַרטיי־טוערס — דער גרעסטער טייל פון אונדז דער־פּאַרענע אין באַזונדערס שווערע קאַמפן אין אונטערערד — האָבן מיר די ביטערע קריטיק און דעם שאַרפן קער אויפגענומען ווי אַ געזעץ, קעגן וועלכן מען דער־ווידערט נישט. יעדער פון אונדז האָט אויף זיין אַרט גענומען רעדן און טאָן אין הסכם מיט די אויבנדערמאָנטע פאָרמולירונגען און באַשלוסן. זייערע ווירקונגען האָבן זיך גאָר גיך געלאָזט אָפּפילן.

דער דורכבראָך אין דעם פּילבאַרסטן אָרט

קיין קאָנקרעטע פאָרשטעלונג האָבן מיר נישט געהאַט ווי עס וועט ווייטער אויסזען דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן, נאָך די אַלע חטאים, וועלכע זענען מיט אונדזער אייגענעם הסכם צוגעשריבן געוואָרן זיך אַליין אַלס יידישן פראַגמענט פון דעם „רעכט־נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג״.

געאַנט האָבן מיר בלויז, אַז אין אונטערשייד צו דער אַלגעמיין־פּוילישער געזעלשאַפט, ווו עס האָט ווייטער געדייעט דער אייגנאַרטיקער פּאָליטיש־פּאַר־טייִשער פּלוראַליזם, וועלכער האָט ביז אַ צייט אַפילו דערלאָזט די עקסיסטענץ פון מיקאָלייטשיקס רעכטער „פּוילישער פּאָלקס־פּאַרטיי״ (פּס״ל), וועט עס ביי אונדז זיין אַנדערש. דער אָפענער פּאָליטישער אָנגריף מצד דער „צענטראַלער פראַקציע״ קעגן אַלע אָן אויסנאַם ציוניסטישע פּאַרטייען, דער פאָרשטייענדיקער נייער אָר־גאַניזאַציאָנעלער געבוי פון די יידישע קאָמיטעטן מיט וואַלן פון דעלעגאַטן דירעקט פון די אַרבעטס־פּלעצער — דאָס אַלץ האָט אָנגעזאָגט, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף פון דער ביז איצטיקער סטרוקטור פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פּוילן, וועלכער האָט בשעתו אַרויסגערופן באַגייסטערונג (ווי מיר האָבן עס שוין אָפּגעמערקט) מצד אַזעלכע באַוווסטע יידישע פּאָליטישע טוערס פון קעגנזעצלעכע לאַגערן, ווי יצחק טאַבענקין פון „אחדות עבודה״ און חיים וואַסער פון „בונד״.

דערווייל האָט נאָך אַלץ אויסגעזען אַזוי ווי געוועזן. עס זענען דערשינען די פּרעסע־אויסגאַבן פון אַלע יידישע פּאָליטישע ריכטונגען אין פּוילן, מיט אַ טיראַזש פון 60 טויזנט עקזעמפּלאַרן, רעגולער, 3 מאָל אַ וואָך, איז דערשינען דער אָרגאַן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן — „דאָס נייע לעבן״ (רעדאַקטאָר — בער מאַרק), דאָס וואָכנבלאַט „פאָלקס־שטימע״ אַלס אָרגאַן פון צ״ק פון דער פּוי־לישער אַרבעטער־פּאַרטיי (רעדאַקטאָר — מ. מירסקי). 3 מאָל אין דער וואָך איז דערשינען אין פּויליש דער אָרגאַן פון „השומר הצעיר״ „מאָסטי״ (אין דער פּויל־שער שפּראַך, רעדאַקטאָר — מ. וויינטרויב, היינט מ. גפן). די לינקע פּועלי־ציון האָבן אַרויסגעגעבן פּעריאָדיש די „אַרבעטער־צייטונג״ און אין פּויליש „נאַשע סלאָוואָ״ (רעדאַקטאָרן ד״ר א. בערמאַן און ד״ר פויערמאַן). דאָס זעלבע דער „בונד״ — די „פאָלקס־צייטונג״ און אין פּויליש „גלאָס בונדו״ (רעדאַקטאָרן — ג. יאַשונסקי און י. סאַמסאָנאָוויטש), די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן אַרויסגעגעבן אַ חודש־שריפט אין פּויליש „אָפּיניאַ״, און אין וואָרצלאַוו זענען דערשינען 2 אָרטיקע פּעריאָדישע אויסגאַבן: אין יידיש — „נידערשלעזיע״ (רעדאַקטאָר —

יצחק גרודבערג־טורקאָוו), און אין פּויליש — „גאָווע זשיטשע" (רעדאַקטאָר בידערמאַן).

די קולטור־ און פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט האָט פּעריאָדיש אַרויסגעגעבן דעם ביולעטין פון דער „יידישער פּרעסע־אַגענטור", וועלכער פלעגט פּאַנאַנדערגעשיקט ווערן צו די יידישע צייטונגען און פּרעסע־אַגענטורן אין דער גאַרער וועלט. אין דעם צענטראַלן פּוילישן ראַדיאָ זענען גע־געבן געוואָרן רעגולערע אוידיציעס אין דער יידישער שפּראַך, קודם־כל פאַר אויסלאַנד. אויך די אָרטיקע ראַדיאָ־סטאַציעס אין וואָרצלאַוו און שטשעטשין האָבן אָפּגעגעבן אַ באַשטימטע צייט פאַר אוידיציעס אין יידיש.

דער פילם־קאָאָפּעראַטיוו, אָנגעפירט פון שאול גאָסקינד, האָט פּראָדוצירט אַ פילמעטערדיקן יידישן פילם „מיר זענען דאָ", וואָס האָט געטריי אָפּגעשפּיגלט דאָס דעמאָלטיקע יידישע לעבן אין פּוילן, אַ פילם „אונדזערע קינדער" מיטן אָנטייל פון דזשיגאַנען און שומאַכערן און 3 קורצע פילמען.

די עקאָנאָמיש־סאָציאַלע פּראָגן האָבן כסדר פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער טעטיקייט פון די יידישע קאָמיטעטן. מיט גרויס זאָרג האָבן מיר שוין דאָן אויפ־גענומען פילצאָליקע פאַקטן, ווען טייל יידישע אַרבעטערס פון די קוילנגרובן און פון גרויסע פאַבריקן האָבן גענומען צוריק איבערגיין צו די טראַדיציאָנעלע יידישע פאַכן, אין די יידישע לעדער־ און קליידער־קאָאָפּעראַטיוון. די סיבה איז קודם־כל געווען אַ ריין־עקאָנאָמישע: ביי דעם נאָכמלחמהדיקן הונגער אין אַרטיקלען פון טאָג־טעגלעכן געברויך איז געווען אַ גאָר גרויסער נאָכפראַגע אויף דער פּראָדוקציע פון די יידישע קאָאָפּעראַטיוון. די לוינען זענען דאָ געווען באַטייטנדיק גרעסערע, ווי אין דער גרויס־אינדוסטריע. געווירקט האָט אויך די שטרעבונג צו זיין אין אַ היימישער יידישער סביבה. די יידישע אַרבעט־וואַרשטאַטן זענען דעמאָלט געווען קעמערלעך פון אַ קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

ווי אַלע מאָל זענען די שבתדיקע און זונטיקדיקע טעג געווען באַשטימט פאַר פילצאָליקע מיטינגען און פאַרזאַמלונגען פון די יידישע קאָמיטעטן און פון אַלע פּאָליטישע גרופּירונגען, פאַר קאָנצערטן און פאַרשטעלונגען פון יידישן טעאַטער.

אַ באַזונדער שטאַרק־פּולסירנדיקער ריטעם האָט זיך אָפּגעפילט אין דער אַרבעט פון די יידישע קאָמיטעטן אין נידער־שלעזיע, ווו עס האָבן צו יענער צייט זיך קאָנצענטרירט (שוין נאָך דעם מאַסן־אַרויספאָר באַלד נאָכן קעלצער פּאָגראָם) העכער 50 טויזנט יידן (בלויז אין וראָצלאַוו — 15000 יידן).

דער וואָיעוואָדישער יידישער קאָמיטעט אין וראָצלאַוו, וועלכער איז אַזוי ווי דער צענטראַלער יידישער קאָמיטעט באַשטאַנען פון פאַרשטייער פון אַלע פּאַר־טייען, האָט פאַר דער קורצער צייט פון זיין עקסיסטענץ זיך ממש פאַרוואַנדלט אין אַ לאַבאָראַטאָריע פון יידישער געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו, פון אָנווענדן אַלץ נייע אַרבעטס־אופנים צום מאַכן אינהאַלטרייכער דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, צום אַריינציען אין אים וואָס מער יידישע מענטשן. דער נידערשלעזישער וואָיע־וואָדישער קאָמיטעט האָט אין אַ גרויסער מאָס געדינט אַלס ביישפּיל פאַר אַלע

יידישע קאָמיטעטן. דער שפּעטער פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט, וועלכער איז בראש פון אים געשטאַנען פון 1945טן יאָר אָן, איז געווען יעקב עגיט, איינער פון די ערשטע יידישע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טוערס וועלכע זענען צוריקגעקומען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אין אונטערשייד צו איניקע דעמאָלטיקע פאָרשטייערס פון פפ״ר אין צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן, וועלכע זענען פאַר דער מלחמה נישט געווען באַקאַנט מיט זייער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און פּאָזיציע, האָט י. עגיט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ דערפאַרענעם פּאָליטישן טוער. ער איז אין די דרייסיקער יאָרן געווען צווישן די איניציאַטאָרן און אָנפירער פון דער ראַדי־קאַלער יידישער מאַסן־אָרגאַניזאַציע „איאַפּ״ (אַלגעמיינע יידישע אַרבעטער־פּאַרטיי), וועלכע האָט אין די באַדינגונגען פון דער וואַקסנדיקער סאָציאַלער רעאַקציע און אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן געפירט אַ ברייט־פאַרצווייגטע טעטיקייט, דער עיקר אין מזרח־גאַליציע. דער פּרעסע־אָרגאַן פון „איאַפּ״ האָט געהאַט אַ גרויסן טיראַזש און נישט געקוקט אויף די כסדרדיקע רעפּרעסיעס און קאָנפיסקאַציעס איז ער דערגאַנגען צו די יידישע יישובים אין גאַנץ פּוילן.

אין אָנהייב 1945 יאָר, ווען יעקב עגיט האָט זיך געשטעלט אין רשות פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, זענען אָנגעקומען די ערשטע ידיעות פון די פאַר־נומענע דורך די סאָוועטישע און פּוילישע אַרמייען מערב־געביטן, אַז דאָרט גע־פינען זיך יידן, באַפרייטע פון די היטלערישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. די דאָזיקע יידן האָבן פאַרלאַנגט תיכפדיקע הילף. אין יענע געגנטן האָבן זיך באַוויזן אַ סך אַנטלאָפענע אוקראַאינישע קאָלאַבאָראַנטן. די סאָוועטישע אַרמיי־אָנפירערס האָבן איבערגעגעבן אין די הענט פון די דאָזיקע היטלעריסטישע העלפערס, נישט האָבנדיק קיין אַנדערע, דאָס רעכט צו באַלעבאַטעווען אין די שטעט און שטעטלעך. זיי האָבן זיך אויך גענומען צו די לעבנגעבליבענע יידן. קיין נידער־שלעזיע זענען תיכף דעלעגירט געוואָרן דורכן יידישן צענטראַל־קאָמיטעט יצחק צוקערמאַן („אַנטעק״) און יעקב עגיט. זיי האָט זיך איינגעגעבן צו ווירקן, אַז די אוקראַאינישע היטלער־לייט זאָלן תיכף דערווייטערט ווערן. אויף אַ ריי וויכטיקע, פירנדיקע פּאָזיציעס זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן קרוב 500 געוועזענע יידישע קאַצעטלערס. יעקב עגיט איז שוין צוריק קיין וואַרשע נישט געפאָרן. ער איז געבליבן אין דער שטאָט ריכבאַך (היינט — דזשערזשאָניוּוו) און דאָרט געשאַפן דעם יידישן צענטער פאַר גאַנץ נידער־שלעזיע, ביז דער צייט, ווען אין וואַרצלאַוו האָבן גענומען אָנ־קומען יידישע רעפּאַטריאַנטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און דאָרט איז אַנטשטאַנען דער גרעסטער דעמאָלט יידישער יישוב אין פּוילן. פון יענער צייט אָן איז די פּיל־זייטיקע טעטיקייט ביים שאַפן יידישע יישובים אין נידער־שלעזיע, ביים באַשעפּ־טיקן צענדליקער טויזנטער יידן און באַשיצן זיי פון באַנדיטיש־אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן, ביים אַנטוויקלען אַ ברייט, אינהאַלטסרייך יידיש קולטור־לעבן, ביים מיטאַרבעטן אויף אַ טאָלעראַנטן אופן מיט דעם גאַנצן פּאָליטישן „פּעכער״ — מיט די פאָרשטייערס פון אַלע יידישע פּאַרטייען, פאַרבונדן געווען מיט דער

אַנפירונג און איניציאַטיוו פון יעקב עגיטן. פון דאָנעט האָט געשטאַמט דאָס פריינטלעכע באַצייכענען אים דורך די יידן פון נידער־שלעזיע מיטן טיטל: „דער יידישער וואָיעוואָדע".

ווען וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ, וועלכער איז צו יענער צייט געווען דער וויצע־פרעמיער־מיניסטער און מיניסטער פאַר די נייע מערב־געביטן *) האָט דורכגעפירט אַ רעגירונגס־באַשלוס איינצואָרדענען אין ברייטסטן פאַרנעם אַן אויסשטעלונג אין ווראָצלאַוו, וואָס זאָל באַווייזן די דערגרייכונגען פאַר די פיר יאָר פוילישע הער־שאַפט אין די פריִערדיקע דייטשע געביטן, האָט דער ווראָצלאַווער יידישער וואָ־יעוואָדישער קאָמיטעט באַשלאָסן אויפצושטעלן דאָרט אַ יידישן פּאַוויליאָן. דער דאָזיקער באַשלוס איז באַגיטיקט געוואָרן דורך דעם יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכער האָט באַשטימט פאַר דעם ציל אַ ספּעציעלע דאָטאַציע.

צום פאַרווירקלעכן די דאָזיקע אידעע האָט זיך גענומען אַ גרויסער קאָלעקטיוו פון איבערגעגעבענע יידישע געזעלשאַפטלעכע טוערס צוזאַמען מיט ספּעציאַליסטן — קינסטלערס, אינזשיניערן, סטאַטיסטיקערס, היסטאָריקערס. דער באַוווסטער קינסט־לער חיים האַנפט האָט געשאַפן אַ פּרעכטיקע סקולפּטור פון דער צענטראַלער פיגור פאַר דעם יידישן פּאַוויליאָן — אַ יידישן אַרבעטס־מענטש, וועלכער האָט פאַרקערפּערט עקשנות און אַרבעטס־ווילן. עס זענען צוגעגרייט געוואָרן ספּעציעלע פרעסקן אין יידישן נוסח, בילדער פון יידישע אַרבעטס־העלדן מיט גענויע אָנגאַבן וועגן זייערע דערגרייכונגען. דער יידישער פּאַוויליאָן איז צוגעגרייט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אַז ער האָט בולט באַוויזן די פּיאָנערישע ראָל פון די יידן אויף דער ערד, וואָס האָט געדינט די היטלעריסטן אַלס פּלאַצדאַרם ביים אָנהייבן די צווייטע וועלט־מלחמה.

וואָס צו באַווייזן איז געווען. דאָס האָבן דאָך יידישע מענטשן זיך די ערשטע געשטעלט צו דער אַרבעט ביים אַראָפּנעמען די גערעטעניש פון די פאַרלאָזענע פעלדער. דאָס האָבן יידישע אַרבעטערס געהאָלפן אויסרעמאָנטירן די גרעסטע אינ־דוסטריעלע אונטערנעמונגען, וועלכע זענען דעוואַסטירט געוואָרן בעת די שלאַכטן. דאָס האָבן הויכקוואַליפיצירטע יידישע אַרבעטערס, לאַנגיאָריקע פּאָליטישע אַרעס־טאַנטן אין דעם פאַרמלחמהדיקן פוילן, געשאַפן אַ גרויסע צאָל אַרבעטס־קאָאָפּע־ראַטיוון, האָבן אָרגאַניזירט אַ געזעלשאַפטלעכע האַנדלס־נעץ. גרויסע אויפטוען זענען געווען אויפן קולטור־ און בילדונגס־געביט, וועלכע האָבן יעדן יידישן קינד און יוגנטלעכן געגעבן די מעגלעכקייט צו לערנען, זיך גרייטן אָנצוקומען אין הויכשולן, אין טעכנישע שולן. עס האָט זיך אַנטוויקלט דער נידער־שלעזישער יידישער טעאַטער. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געדאַרפט בולט באַווייזן דעם קאָנ־סטרוקטיוון ביישטייער פון יידן אין דער צייט, ווען צווישן פּאָליאַקן איז געווען גאַר

*) אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון פּפּ"ר האָט ער מיט אינערלעך־פּאַרטייִשע פראַגן זיך כמעט נישט פאַרנומען. דער פאַקטישער אָנפירער מיט דער פּאַרטיי־טעטיקייט איז דעמאָלט געווען דער יידן־אָפּשטאַמיקער ראָמאַן זאַמבראָווסקי.

אַ גרויסע צאָל אַזוי גערופענע „שאַבראַוואַניקעס" — מענטשן וועלכע זענען פון גאַנץ פּוילן געקומען רויבן, גנבענען, אַרויספירן דאָס האָב און גוטס, וואָס איז געבליבן נאָך די פאַרטריבענע דייטשן.

אַלץ איז געווען גרייט צום עפענען דעם יידישן פּאַוויליאָן — דעם ערשטן באַשיימפּערלעכן סך הכל פון יידישע אויפטוען. פּלוצלונג איז פון וואַרשע, פון מיניסטעריום פאַר די מערב־געביטן, אַראָפּגעקומען אַ שליח — דער שפּעטערדיקער פּוילישער אַמבאַסאַדאָר אין מדינת ישראל, בידאַ *), כדי זיך ספּעציעל צו באַקענען מיט דעם יידישן פּאַוויליאָן. מיט פיל קאָמפּלימענטן הן וועגן דער קאָנסטרוקציע פון פּאַוויליאָן און הן וועגן די אילוסטראַציעס, האָט דער מיניסטעריאַלער שליח געשטעלט די פראַגע, וועלכע האָט געקלונגען פאַר די יידישע טוערס ווי אַן אומ־דערוואַרטער אורטייל: צו וואָס דאַרף מען עס? פאַר וואָס אויסטיילן די יידן? צי איז עס אין די אינטערעסן פון פּוילן און פון די יידן גופא?

קיין שום דיסקוסיע האָט נישט געהאָלפן. עס איז געקומען דער אומאָפּפרעג־לעכער אורטייל: קיין ספּעציעל יידישער פּאַוויליאָן וועט נישט זיין! אַלע עקס־פּאָנאַטן דאַרפן פאַנאַנדערגעטיילט ווערן צווישן די איבעריקע פּאַוויליאָנען, לויט דער אַנטשפּרעכנדיקער טעמאַטיק.

כדי דעם דאָזיקן אורטייל צו באַקרעפטיקן און נישט דערלאָזן צו קיין שום אַפּעלאַציע, איז יעקב עגיט אַרויסגערופן געוואָרן צום דעמאָלטיקן ערשטן סעק־רעטאַר פון וואָיעוואָדישן קאָמיטעט פון פפ"ר, קאַזשימיעזש וויטאַשעווסקי. ער האָט י. עגיטן פאַרגעוואָרפן יידישן נאַציאָנאַליזם, טענדענצן צום אָפּרייסן זיך פון דער אַלגעמיין־פּוילישער ווירקלעכקייט און זיך איינשליסן אין אַ יידישן געטאָ, ענגע צוזאַמענאַרבעט מיט אויסלענדישע יידישע פאַקטאָרן — קודם כל מיטן „דזשאָינט", אויך מיט שליחים פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע. ק. וויטאַשעווסקי האָט די באַשול־דיקונגען באַגרינדעט מיט זיין ספּעציפישן „פּראָלעטאַרישן" לשון און מיט פיל־צאָליקע „באַווייזן", וועלכע האָבן קודם־כל באַוויזן, אַז די סביבה פון די יידישע קאָמיטעטן געפינט זיך אונטער דער טאָג־טעגלעכער אָבסערוואַציע פון דער פּאָליטישער פּאָליציי, וועלכע האָט אירע אַגענטן צווישן די יידישע טוערס גופא.

באַלד נאָך דעם איז געקומען דער באַשלוס פון וואָיעוואָדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט צו „באַפרייען" יעקב עגיטן פון דעם „אַמט", וועלכן ער אַליין האָט באַשאַפן מיט זיין אומדערמידלעכער אַרבעט. כדי דורכצופירן דעם דאָזיקן באַשלוס איז קיין וורצלאַוו אַראָפּגעקומען דער דעמאָלטיקער סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן, י. לאַזעבניק. קיין שום באַשלוס פון דער „צענטראַלער פראַקציע" וועגן אַראָפּנעמען יעקב עגיטן פון זיין פּאָזיציע איז נישט געווען. עס איז אויך נישט געווען קיין פאָרמעלער באַשלוס וועגן דעלעגירן י. לאַזעבניקן קיין וורצלאַוו, כדי די דאָזיקע „אָפּעראַציע" דורכצופירן כלומרשט אין נאָמען פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט. דער ענין איז „דערלידיקט" געוואָרן לויט אַן אָנווייזונג

*) בנוגע אים פלעגט מען אַלע מאָל אָנווענדן דאָס פּוילישע שפּריכוואָרט: „יאַק בידאַ, טאָ דאָ זשידאַ".

פון „אויבן". *) י. לאַזעבניק האָט אויף זיין שטייגער, מיט חנדלעך און קאָמפּלימענטן אָפּגעשאַצט, בעת אַ פּלענאַרער זיצונג פון וורּאַצלאַווער יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט, יעקב עגיטס טעטיקייט, מיט אַן „אָבער" — „מיר שטייען פאַר אַ נייעם עטאַפּ און עס איז נייטיק אַן אַנדער צוגאַנג און אַנדערע מעטאָדן אין דער אַרבעט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג".

דער גאַנצער ענין מיטן צעשטערן דעם יידישן פּאַוויליאָן און גלייכצייטיקן אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט דעם אָרגאַניזאַטאָר און פּיליאָריקן אַנפירער מיט דער טעטיקייט פון די יידישע קאָמיטעטן אין נידער־שלעזיע, איז געווען אַ סיגנאַל, אַז די פאַרשטייענדיקע ענדערונגען וועלן האָבן אַ שייכות נישט בלויז צו דעם געבוי פון די יידישע קאָמיטעטן, נאָר אויך צום תוך פון זייער ווייטערדיקער טעטיקייט און צום גורל פון זייערע גרונט־קאַדרען.

ווי אַלע מאָל איז אויך אין דעם פאַל אויפגעקומען פאַר מיר די אַנאַלאָגיע מיט ענלעכע סיטואַציעס אין דער יידיש־סאָוועטישער סביבה. איז דאָך בשעתו אָרגאַניזירט געוואָרן אין מאָסקווע אַ ספּעציעל־יידישער פּאַוויליאָן אויף דער ערשטער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג (אין 1923־טן יאָר) און דערביי איז אין זיין נאָענטער שכנות געווען דער פּאַוויליאָן פון דער קאָאָפּעראַטיווער, קיבוצישער באַוועגונג אין ארץ־ישראל. האָט מען דאָך אין יענע יאָרן קיינעם פון די יידישע טוערס נישט אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט צוליב באַשולדיקן אין נאַציאָנאַליזם. פאַרקערט, אָפּגעזאָגט האָט מען גראָד יענע אָנפירנדיקע יעווסעקעס אין אוקראַינע, וועלכע האָבן געפירט אַ נאַציאָנאַל־ניהיליסטישע, אַסימילאַטאָרישע פּאָליטיק.

צי איז „דער פאַל עגיט" נישט קיין בולטער באַוויז, ווי ווייט מען איז אַוועק פון יענער צייט, פון יענע נאָרמעס און געזעצן לגבי אונדז?

צי איז דער פאַל מיטן נידערשלעזישן פּאַוויליאָן — דער אופן פון אַדמיניס־טראַטיוון אַריינמישן זיך און באַפוילן צו ליקווידירן אונדזער איניציאַטיוו און נישט דערלאָזן עפנטלעך צו באַוויזן אונדזערע אַלגעמיין־מלוכהשע אויפטועןן און יידישע דערגרייכונגען — צי איז עס נישט קיין סיגנאַל, אַז מען גייט אונדז אָנוואַרפן דעם אַקטועלן „נוסח מאָסקווע" און דערפירן די יידישע קאָמיטעטן אין פּוילן צו דער מדרגה פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד?

קומען מיט די דאָזיקע ספיקות איז נישט געווען צו וועמען. פאַר זיך אַליין האָט זיך געשטעלט די פראַגע פון אַלע פראַגעס: וואָס טוט מען אין דער דאָזיקער לאַגע? פאַר די יידן זענען דאָך מיר, דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן, מיר, די „צענטראַלע פראַקציע" — די פאַרשטייערס פון דער הערשנדיקער פּאַרטיי, די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר אַלע געשעענישן און ענדערונגען. פון אונדז האָט מען פאַרלאַנגט אַן ענטפער, וואָס עס באַטייט דער וורּאַצלאַווער דורכבראָך

*) ווען צו אונדז זענען דערגאַנגען ידיעות, אַז יעקב עגיט איז שווער קראַנק געוואָרן, האָט ש. זאַכאַריאַש זיך אויסגעדריקט: „איצט איז די פּאַסיקע צייט, אַז עגיט זאָל שטאַרבן. עס וועלן אים באַגלייטן שבחים פאַר זיינע גוטע אויפטועןן...".

אין אונדזער ביז איצטיקער טעטיקייט. און דער ענטפער איז געווען... אין קעגנזאַץ צו דעם אייגענעם טראַכטן וועגן מעגלעכע געפאַרן, וואָס דראָען אונדז אין דער סיטואַציע פון פאַרשאַרפטן קאַמף קעגן דעם „רעכט־נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג" און פון דער אָנוואַקסנדיקער „קאַלטער מלחמה" אין דער וועלט.

ענדערונגען — אָרגאַניזאַציאָנעלע,
ענדערונגען — פּרינציפּיעלע

אויבנאויף האָט דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין פּוילן זיך ווייטער אַנטוויקלט לויט דעם איינגעשטעלטן נוסח אין דער טעטיקייט פון די יידישע קאָמיטעטן און פון די פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. באַמערקט האָט זיך בלויז אַ באַשטימטע ענדערונג אין דער האַלטונג פון די טוערס פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. זיי זענען בעת עפנטלעכע אַרויסטריטן און אין דער אַרבעט פון די יידישע קאָמיטעטן געוואָרן צוריקגעהאַלטענער. עס איז קענטיק געווען, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן צו קאָנצענטרירן זיך דער עיקר אויף אינערלעך־ציוניסטישע פּראָבלעמען און אויפגאַבן, קודם־כל אויף דער עליה קיין ישראל פון דער אייגענער מיטגלידערשאַפט, פון די אייגענע פּאַרטיי־קאַדרען. דורכן אויסברייטערן דעם באַשטאַנד פון די יידישע קאָמיטעטן מיט פאָרשטייערס פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, מיט מענטשן, וועלכע האָבן אין זייער מערהייט געהערט צו דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי, איז די פּאָליטישע וואָג פון די פאָרשטייערס פון די ציוניסטישע פּאַרטייען געוואָרן שטאַרק פאַרקלענערט. צוזאַמען מיטן געענדערטן באַשטאַנד פון די יידישע קאָמיטעטן האָט זיך אויך באַטייטנדיק געענדערט דער קרייז פּראַגן, וואָס איז דורך זיי באַהאַנדלט געוואָרן. דעם אויבנאָן האָבן פאַרנומען ענינים, וואָס זענען געווען דירעקט פאַרבונדן מיט דער טאָג־טעגלעכער אַרבעטס־פּראַקטיק, פאַרקלענערנדיק ביז אַ מינימום די יידיש־פּאָליטישע פּראָבלעמאַטיק, אַרום וועלכער עס פלעגן געוויינלעך פאָרקומען העפטיקע שטרייטן צווישן די טוערס פון פפ״ר מיט די ציוניסטישע, טיילווייז מיט די בונדישע פאָרשטייערס. עס איז אַלץ בולטער קענטיק געוואָרן, אַז דער אַזוי גערופענער פּאָליטישער „פעכער” הערט אויף צו זיין דער קענצייכן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַן אָרגאַניזאַציאָנעל־פּאָליטישער אויסדרוק דערפון איז געווען דער באַשלוס (אין אָנהייב 1949) אויסצוטיילן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן אַן אויספיר־ביוראָ, וועלכער האָט פאַקטיש פאַרביטן דעם ברייטערן פּרעזידיום, אין וועלכן עס זענען געווען פאָרשטייערס פון אַלע פּאַרטייען.

אין דעם אויספיר־ביוראָ זענען אַריין ד״ר א. בערמאַן — אַלס פּאָרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט, ה. סמאָליאַר — אַלס וויצע־פּאָרזיצער, י. לאַזעבניק — אַלס סעקרעטאַר, מ. ביטער — אַלס קאַסיר און ס. פישגרונד. אויף 5 מיטגלידער — דריי אָנגעהעריקע צו דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי; איינער — אויפן שוועל פון אָנשליסן זיך אין פפ״ר (דער סעקרעטאַר פון צ״ק. פון בונד, ס. פיש־

גרונד) און איין ציוניסט (דער פירער פון די לינקע פועלי־ציון, ד״ר א. בערמאַן).

די דאָזיקע כמו־אָרגאַניזאַציאָנעלע ענדערונג איז געוואָרן אַ סיגנאַל פאַר ענלעכע ענדערונגען אין די אָרטיקע יידישע קאָמיטעטן. פון דעם פּאָליטישן פּלוראַליזם אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט זענען שוין געבליבן בלויז רעשטן, מיט דער אויסזיכט אויף פולשטענדיקן פאַרשווינדן. פאַר מיינע אויגן איז אויפגעקומען ווי לעבעדיק די ענלעכקייט מיט דער געשיכטע פון יידישן קאָמיסאַריאַט אין סאָוועטן־רוסלאַנד, נאָכן אויסשליסן פון זיין באַשטאַנד די לינקע עסערן און די „פועלי־ציון״.*)

געקומען איז אויך אין אַ קורצער צייט אַרום אַ באַטייטנדיקע ענדערונג אין דעם באַשטאַנד פון די אָנפירנדיקע טוערס פון די אָרטיקע יידישע קאָמיטעטן. געהאַט האָט עס אַ שייכות צו אָנגעזעענע פאָרשטייערס פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי. פון לאָדזשער יידישן קאָמיטעט זענען אַוועק סיי דער פאָרזיצער (מ. מירסקי, וועלכער איז געקומען קיין וואַרשע, כדי דאָרט אַרויסגעבן די וואָכנשריפט „פאָלקס־שטימע״) און סיי דער סעקרעטאַר (א. ווערטהיים, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אויף אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן אין אַ מיניסטעריום), ווי אויך די אָנפירערין פון דער פּראָדוקטיוויזאַציע, ר. וואָיסקאָווסקאַ, וועלכע איז אַוועק אַרבעטן אין לאָדזשער קאָמיטעט פון פּפּ״ר. פון וורצלאַווער יידישן קאָמיטעט האָט מען „באַפרייט״, ווי מיר האָבן שוין איבערגעגעבן, זיין פאָרזיצער י. עגיט (וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אַלס דירעקטאָר פון דעם פאַרלאַג „יידיש בוך״ אין וואַרשע); מיט דער צייט איז אויך אַוועק דער סעקרעטאַר פון וורצלאַווער קאָמיטעט, אינזש׳ לעווי (ער איז אַריבער קיין וואַרשע אַרבעטן אין צענטראַלן פּאַרטיי־אָרגאַן „טריבונאַ לודו״). אויף אַ פאַראַנטוואָרטלעכן רעגירונגס־פּאָסטן אין וואַרשע איז באַשטימט געוואָרן דער פאָרזיצער פון שטשעטשינער יידישן קאָמיטעט, ל. באָרנשטיין. איינער נאָכן צווייטן זענען פון דעם ליגניצער יידישן קאָמיטעט אַוועק זיינע פירנדיקע טוערס — מ. גרינבערג (אין דער אַרבעטס־קאָאָפּעראַציע, שפּעטער אין מיניסטעריום פון דער קליין־אינדוסטריע) און גאָרין (אַלס מיליטערישער ריכטער). דאָס זעלבע איז געווען מיטן פאָרזיצער פון וואַלבזשיכער יידישן קאָמיטעט, מיימאָן, וועלכער איז אָנגעקומען אַרבעטן אין אויסערן־מיניסטעריום. די דערמאָנטע אין אַ ריי אַנדערע טוערס, וועלכע זענען אַוועק פון דער אַרבעט אין די יידישע קאָמיטעטן, זענען אין זייער מערהייט געווען מענטשן מיט אַ באַטייטנדיקער פּאָליטישער דערפאַרונג נאָך פון די פאַרמלחמה־יאָרן. זיי האָבן אָפּגעשפּילט אַ גרויסע ראָל ביים אָרגאַניזירן דעם יידישן יישוב אין פּוילן און אין דעם אידעיש־פּאָליטישן קאַמף פאַר איינהאַלטן און פאַרפעסטיקן אים. אין דער נייער סיטואַציע, ווען די ספּעציעל־יידישע פּאָליטישע אויפגאַבן זענען אָדער רעדוצירט געוואָרן ביז אַ מינימום, אָדער האָבן זיך גענומען קאָנצענטרירן אויף אַן אָפּענעם, פאַרשאַרפטן קאַמף קעגן ציוניזם, איז אין פאָדערגרונט געשטעלט געוואָרן די טאָג־טעגלעכע פּראַקטישע אַרבעט. דערביי האָט מען זיך באַגעגנט מיט אַ סך שוועריקייטן און

*) זע מיין בוך „פון אינעווייניק״, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1978.

מיט אַ בולטער טענדענץ צו פאַרשמעלערן די קאָמפּעטענצן פון די יידישע קאָמיטעטן.

אַ באַשטימטע צאָל הויך־קוואַליפיצירטע טוערס האָט דעמאָלט פאַרלוירן דעם אינטערעס צו דער „יידישער אַרבעט".*)

די גרויסע שוועריקייטן, מיט וועלכע עס איז אויף טריט און שריט אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט, ביים לייזן און רעאַליזירן וויכטיקע יידישע ענינים, זענען דעם יידישן מאַסן־מענטש געווען כמעט אומבאַקאַנט. פון אויסן האָט עס אויסגעזען, אַז מיר זענען „אויסגעקאָכט" מיט דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי און פון דער רעגירונג און זענען בכוח אַלץ דורכצופירן. אין דערווירקלעכקייט, צווישן זיך, האָבן מיר געוווּסט וועגן אויפגעקומענע צו יענער צייט שוועריקייטן און אָפטע שטערונגען. געשטאַמט האָבן זיי: 1) מצד יידן, פּאַרטיי־ און רעגירונגס־טוערס, וועלכע האָבן אָדער אָפּן פאַרנומען אַן אַסימילאַטאָרישע פּאָזיציע און האָבן אונדזער שטרעבן און טעטיקייט צום פאַרברייטערן די אַרבעט צווישן די יידן באַטראַכט אַלס צייטווייליקע דערשיינונגען, אָדער האָבן אין זייער ווילן צו באַווייזן זיך אַלס „פּויפּסטלעכער פאַרן פּויפּסט", אַלס היפּערגעטרייע פּאָליאַקן געפּרוווט האַמעווען אונדזער איניציאַטיוו; 2) מצד געוויסע אַלגעמיינע פּאַרטיי־ און רעגירונגס־פאַקטאָרן, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז די אויסברייטערונג פון אונדזער טעטיקייט און דאָס עפנטלעכע אונטערשטרייכן אונדזערע דערגרייכונגען, שפּילט אַריין אין די הענט פון די אַנטיסעמיטן, וועלכע פריידיקן, אַז די מאַכט אין פּוילן איז אַ יידישע**) און אַז די יידן באַנוצן זיך מיט ספּעציעלע רעכט און פּריווילעגיעס.

אַזוי, למשל, האָבן מיר פאַר דער רעגירונג געהאַט געשטעלט די פראַגע וועגן אָנערקענען דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן אַלס יורש פון דעם איבערגעבליבענעם נאָכן היטלער־חורבן יידישן געזעלשאַפטלעכן פאַרמעגן, קודם־כל פון דער גרויסער צאָל יידישע קהילה־געביידעס (בלויז אין איין ווראָצלאַוו זענען אַזעלכע געווען גאָר אַ גרויסע צאָל). מיר האָבן אַלס פּרעצעדענט אָנגעגעבן די לאַגע אין קאַטאָוויץ, ווו די אָרטיקע פּאַרטיי־צייטונג האָט פאַרנומען אַן אַמאָליקע יידישע געביידע און האָט געצאָלט רעגולער דירה־געלט דעם דאָרטיקן יידישן קאָמיטעט. מיר האָבן זיך אויך אויף דער פּראַקטיק אין רומעניע און בולגאַריע, ווו די יידישע אָרגאַניזאַציעס זענען די דיספּאָנענטן פון יידישן געזעל־

---

*) צו יענער צייט האָבן זיך אויך ליקווידירט אַ ריי יידישע קאָמיטעטן פון די קלענערע שטעט. נאָך ביים סוף פון 1947טן יאָר זענען בלויז אין דער לאָדזשער וואָיעוואָדשאַפט געווען 12 אָרטיקע יידישע קאָמיטעטן (אין אַזעלכע שטעט, ווי פּיאָטרקוו, קאַליש, קוטנע, פּאַביאַניץ, אָזאָרקאָוו, טאָמאַשאָוו א"א). מיט זייער ליקווידאַציע — סיי צוליב דער עמיגראַציע און סיי צוליבן אַריבערפאָרן פון אַ סך יידישע משפּחות אין די גרויסע שטעט — האָט זיך באַטייטנדיק פאַרשמעלערט דער שטח, אויף וועלכן די יידישע קאָמיטעטן האָבן געווירקט.

**) אין אַ שמועס, וואָס דער פירער פון פּס"ל (פּוילישע פאָלקס־פּאַרטיי) מיקאָלייטשיק, האָט געהאַט מיט אַ פאַרשטייער פון „פאָרווערטס", האָט ער דערקלערט: „די יידן וועלן נאָך אַמאָל באַצאָלן פאַר די מינצס און בערמאַנס".

שאַפטלעכן פאַרמעגן*). אונדזער יוריס־קאָנסול האָט געשריבן וועגן דעם צו די אַנטשפּרעכנדיקע רעגירונגס־אינסטאַנצן אויספירלעך־באַגרינדעטע, מיט פאַקטן און ציפערן באַקרעפטיקטע מעמאָריאַלן. מיר האָבן וועגן דעם געפירט שמועסן מיט פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרטיי־טוערס. דערביי איז עס אָבער געבליבן...

מיר האָבן געליטן אַ מפּלה אויך מיט אונדזער ווענדונג צום פּרעזידיום פון מיניסטאָרן־ראַט וועגן געבן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן און ווינע אָרטיקע אָפּטיילונגען דאָס רעכט פון גענעלשאַפטן פון העכערער נוצלעכקייט. אַזעלכע רעכט האָבן געהאַט אייניקע געזעלשאַפטן אין פּוילן, וועלכע האָבן אַ דאַנק דעם געניאָסן פון וועזנטלעכע פּריווילעגיעס, פון באַטייטנדיק גרעסערע רעגירונגס־סובסידיעס און ברייטערע אַרבעטס־מעגלעכקייטן אויף די פאַרשידנסטע געביטן. לאַנג האָבן מיר קיין שום ענטפער נישט באַקומען. צום סוף איז געקומען אַ נישט מאָטיווירטער אָפּזאָג.

דאַקעגן איז אין אַ גאַנץ שנעלן טעמפּ פאָרגעקומען די פאַרמלוכהשונג פון באַזונדער וויכטיקע יידישע אינסטיטוציעס און דאָס צונויפגיסן אייניקע יידישע אָרגאַניזאַציעס מיט אַלגעמיין־פּוילישע.

אַ דעלעגאַציע פון דער שול־אָפּטיילונג פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכע איז אויפגענומען געוואָרן פאַרן סוף פון שול־יאָר 1948 דורכן דעמאָלטיקן בילדונגס־מיניסטער, סקשעשעווסקי האָט אונדז איבערגעגעבן, אַז אָנהייבנדיק פון נייעם שול־יאָר 1948/49 וועלן 9 גרעסערע יידישע שולן פאַראייניקט ווערן צו דעם אַלגעמיינעם שול־סיסטעם מיט אַלע מלוכהשע רעכט און פליכטן, וואָס דרינגען דערפון אַרויס. דערביי איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז די אונטערריכט־שפּראַך וועט זיין יידיש און העברעיִש וועט געלערנט ווערן אַלס קעגנשטאַנד.

הגם דער מיניסטער האָט פאַרזיכערט, אַז אין אַלע פראַגן, איבערהויפּט וואָס שייך דעם יידישן טייל פונעם לערן־פּראָגראַם, וועלן די בילדונגס־אָרגאַנען צוזאַמענאַרבעטן מיטן יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, האָבן אייניקע צווישן אונדז אָפּגעפּילט, אַז מיר וועלן ווערן בלויז מיטהעלפערס לגבי דעם יידישן שולוועזן און נישט קיין דעה־זאָגערס און באַשטימערס, ווי מיר זענען עס ביז דעמאָלט געווען.

גאָר גיך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צווישן אונדז אַליין האָבן זיך געפונען מענטשן, און דאָס דערפאַרענע שולטוערס, וועלכע זענען געקומען מיט פאָר־שלאָגן צו ענדערן די שטעלונג וואָס שייך דער אויסשליסלעכער פּאָזיציע פון יידיש אַלס אונטערריכט־שפּראַך אין די יידישע שולן.

שוין אין חודש מערץ 1949, בעת אַ לאַנד־באַראַטונג פון יידישע לערערס, איז דער לאַנגיאָריקער יידישער שול־טוער, דער געוועזענער לערער פון דער

*) וואָס שייך פּריוואַטן יידישן פאַרמעגן איז געווען אַ ספּעציעלער דעקרעט פון דער פּוילישער רעגירונג, וועלכע האָט אָנערקענט דאָס רעכט אים אָפּצונעמען אין משך פון 10 יאָר (ביזן יאָר 1954) דורך אייגנטימער און יורשים. די דאָזיקע רעכט (וועלכע איז לגבי אַמעריקאַנער בירגער שפּעטער פאַרלענגערט געוואָרן), האָבן אויסגענוצט אַ סך יידן.

יידישער גימנאַזיע אין ווילנע, ל. לאָזאָווסקי *) אַרויסגעטרעטן מיט אַ פאָרשלאָג, אַז פון 5טן קלאַס אָן זאָל מען מאַטעמאַטיק, פיזיק און כעמיע לערנען אין דער פוילישער שפּראַך. מאָטיווירט האָט ער עס מיט דער נויטיקייט צו דערנענטערן די יידישע קינדער צו דער פוילישער קולטור...

כלפּי דער יידישער עפנטלעכקייט, בעת אונדזערע אַרויסטרעטונגען אויף פאַרזאַמלונגען און אין אַרטיקלען אין דער פּרעסע, האָבן מיר דעם ענין פון פאַרוואַנדלען די יידישע שולן אין מלוכהשע, אַרויסגעהויבן אַלס נצחון פון אונדזער יאָרנלאַנגן קאַמף, נאָך אין פאַרמלחמהדיקן פוילן, פאַר אַ שול אין דער מוטער־שפּראַך מיט אַלע רעכט און אויף מלוכהשער אויסהאַלטונג.

אין דער זעלבער צייט איז אויך געקומען דער באַשלוס צונויפצוגיסן די יידישע אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון מיט דער אַלגעמיין־פוילישער קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזאַציע „פּראַצאַ". די יידישער קאָאָפּעראַטיוו־אָרגאַניזאַציע (אָדער ווי מ'האָט זי גערופן די ווירטשאַפט־צענטראַלע „סאָלידאַרנאָשטש"), האָט געציילט 15,000 מיטגלידער, דאַקעגן די אַלגעמיין־פוילישע אַרבעטס־קאָאָפּעראַציע האָט געהאַט 145 טויזנט מיטגלידער. פאַר אייניקע פון אונדז איז קלאָר געווען, אַז די מעג־לעכקייטן צו באַווירקן די יידישע אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע זענען חוץ ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזמען געווען שטיצפּונקטן פאַר דער יידישער געזעלשאַפט־לעך־פּאָליטישער און קולטורעלער טעטיקייט, וועלן דורך דער פאַראייניקונג באַטייטנדיק פאַרקלענערט ווערן. שוין די פריערדיקע ליקווידאַציע פון די פּראָדוק־טיוויזאַציע־אָפּטיילונגען ביי די יידישע קאָמיטעטן און דאָס איבערגעבן זייערע פונקציעס דער זעלבשטענדיקער יידישער ווירטשאַפט־צענטראַלע „סאָלידאַר־נאָשטש" האָט אין אַ באַשטימטער מאָס פאַרקלענערט די קאָמפּעטענצן פון די יידישע קאָמיטעטן אויף דעם וויכטיקסטן, עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכן געביט. ביים אַריינגיסן די יידישע קאָאָפּעראַטיוון אין דער אַלגעמיינער אַרבעטס־פאַראייניקונג האָט געדראָט די געפאַר, אַז זיי זאָלן אויפהערן צו עקסיסטירן אַלס יידישע און ממילא נישט בכוח זיין מיטצווווירקן ביים פּראָדוקטיוויזירן יידישע מענטשן. פאַר אונדז איז אַלע מאָל געשטאַנען די נויטיקייט צו באַזאָרגן יידן מיט באַשעפטיקונג. די ברייט־אַנטוויקלטע פאַך־קורסן פון „אָרט" האָבן די אויסגעשולטע פאַכלייט הויפּטזעכלעך געשיקט אַרבעטן אין די יידישע קאָאָפּעראַטיוון. מען האָט זיך געדאַרפט באַוואָרענען די דאָזיקע רעכט אויף ווייטער. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט בין איך געווען ביים סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פּפּ"ר פּראַנטשישעק מאַזור, וועלכער האָט צו יענער צייט זיך פאַרנומען מיט אַלע באַזונדער שווערע ענינים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער יידישער באַפעלקערונג (אַ שטייגער מיט דער עמיגראַציע, מיט דער עקסיסטענץ פון יידישע פּאַרטייען, מיט צונויפגיסן פאַרשידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס מיט אַלגעמיין־פוילישע אדג"ל). אויף מיין

*) אין אַ צייט אַרום איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס מיניסטעריאַלער אינספּעקטאָר פון די שולן פון אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין פוילן.

פֿאָרשלאָג צו באַוואָרענען בעת דער פֿאַראייניקונג די מעגלעכקייט, אַז די יידישע קאָמיטעטן זאָלן קענען שיקן יידישע מענטשן אַרבעטן אין די ספּעציעל־יידישע קאָאָפּעראַטיוון, האָט ער מיר מיט כעס געענטפֿערט: „מיר ווילן דעם סאָציאַליזם אין פּוילן אויסבויען אָן אייערע ספּעציעל־יידישע קאָאָפּעראַטיוון". מיר האָט דאָס בלוט אַ שלאָג געטאָן אין פּנים און כ'האָב אַ נישט־באַהערשטער אים געענטפֿערט: „איך זע נישט קיין אונטערשייד אין אייער דערקלערונג מיט דער אַנטיסעמיטישער העצע קעגן וועלכער מיר קעמפֿן". מאַזור האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון הינטער זיין ביוראָ־טיש און כ'האָב באַקומען דעם איינדרוק ווי ער וואָלט זיך געלאָזט קעגן מיר מיט אַ פֿאַרביילטער פֿויסט. כ'האָב דעמאָלט, שוין אַ באַהערשטער אים געזאָגט: „בלויז אין דער דעפּענסיווע האָט מען מיך געשלאָגן... איך בין בכוח צו ענטפֿערן... כ'בין געבליבן אַ פּאַרטיזאַן..."

ער איז פֿון מיר אָפּגעטראָטן און איך האָב שנעל פֿאַרלאָזן זיין קאַבינעט, נישט ענטפֿערנדיק זיין סעקרעטאַרין אויף איר פֿראַגע וואָס אַזוינס איז צווישן אונדז פֿאַרגעקומען.

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך געווען אויף אַן אויפֿנאַמע אין דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע לכבוד דעם יאָרטאָג פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. איך בין געשטאַנען און געשמועסט מיט מיין אַלטן קאַמפּס־חבר, דעם געקומענעם בראש פֿון אַ סאָוועטישער שרייבער־דעלעגאַציע, דעם באַוווּסטן דיכטער מאַקסים טאַנק. פּלוצלונג איז צו אונדז צוגעקומען פֿראַנטשישעק מאַזור*) און מיט אויסגעשטרעקטע הענט (שוין נישט קיין געביילטע) זיך געווענדעט צו מיר ממש אַ צעשטראַלטער: „וואָס מאַכסטו, פּאַרטיזאַן? ווי גייען אונדזערע ענינים..." כ'האָב זיך אויסגעדרייט צו מאַקסים טאַנקן, וועלכער האָט אַ דערשטוינטער דערהערט פֿון מיין מויל אַ פּיל־עטאַזשיקע, עכט־רוסישע ברכה...

יענער אָוונט האָט זיך מיר באַזונדער פֿאַרגעדענקט אויך דערמיט, וואָס אין אַ ווינקל פֿון דעם אויפֿנאַם־זאַל, איינער אַליין מיט זיין פֿרוי, איז געשטאַנען דער מענטש, וועמענס נאָמען מען פֿלעגט נאָך דאָ נישט לאַנג סקאַנדירן בעת מאַסן־פֿאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס: „וו־י־ע־סל־אַוו"! געווען איז עס דער געוועזענער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי, וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ, וועלכער איז אויף אַ פּלענום פֿון צ"ק פֿון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי „באַפֿרייט" געוואָרן פֿון דעם העכסטן פּאַרטיי־אַמט, אַלס אויס־דריקער פֿון דעם „רעכטן נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג". אַזוי ווי אַ קרעציקן האָבן אַלע אויסגעמיטן דעם חבר „וויעסלאַוו", וועלכער איז נאָך מיט עטלעכע חדשים צוריק געווען דער אָנערקענטער פֿירער פֿון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי. בלויז דער

*) לויט דער נאַציאָנאַליטעט — אַן אוקראַינער, אַן אָפּשטאַמיקער פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, איז ער געשיקט געוואָרן אַרבעטן אין דער אָנפֿירונג פֿון דער אומלעגאַלער מערב־אוקראַינישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. נאָך דער מלחמה האָט ער פֿאַרפּויליִשט זיין נאָמען און פֿאַמיליע. ער איז באַקאַנט געוואָרן אַלס „מייסטער פֿון טונקעלע געשעפֿטן", האָט זיך פֿאַרנומען מיט שאַפֿן פֿינאַנסן פֿאַר דער פּאַרטיי, מיט וואַלוטע. אין דער פּאַרטיי האָט מען אים געהאַלטן פֿאַר אַ געפֿערלעכן אינטריגאַנט.

סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר האָט זיך מיט אים באַגריסט. און דאָס איז געווען נישט צופעליק. ווי איך האָב זיך דערוווּסט שפּעטער מיט אַ חודש, אין דעצעמבער 1948, בעת דעם פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר, אויף וועלכן עס איז געשאַפן געוואָרן די פּוילישע פאַראייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי, האָט דער פאָרזיצער פון דער סאָוועטי־שער דעלעגאַציע אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר, פּ. ק. פּאָנאָמאַרענקאָ, באַקומען פון סטאַלינען, אין אַ טעלעפאָנישן געשפּרעך, דעם אָנזאָג, אַז מ׳זאָל זיך מיט גאָמולקאַן באַגיין מיט רחמים. דערמיט האָט זיך דערקלערט, וואָס דער דעטראָני־זירטער פירער איז דאָך אויסגעוויילט געוואָרן אין פּרעזידיום פון דעם צוזאַמענפאָר און צום סוף אויך אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי (פּזפּ״ר). צו יענער צייט איז עס געווען אַ פּרעצעדענטלאָזער „אָפּנייג״ פון דעם סאָוועטישן נוסח, לויט וועלכן אַן אַראָפּגענומענער פון אַ פירנדיקן אַמט איז תיכף פאַרשוווּנדן פון דער אויבערפלאַך. מיט גאָמולקאַן איז עס געשען ערשט שפּעטער.

מיט דער פּראַקטיק פון פּראַנטשישעק מאַזור, וועלכע האָט גראָד צוגעקליבן צו זיך אַלס פּאַרטרעטערס און געהילפן 3 ייִדן — אַלטע קאָמוניסטישע טוערס — אַנטאָני אַלסטער, מאַטיע אָקס און דוד גוטערמאַן — איז אונדז אין גיכן ווידער אויסגעקומען זיך צונויפצוטרעפן, דעמאָלט, ווען עס איז געפאַלן דער פּאַרטיי־באַשלוס צו ליקווידירן דעם „דזשאָינט״ און „אָרט״ אין פּוילן.

דער לעצטער טעלעפאָן־שמועס מיט מאָסקווע

געווען איז עס ווי אַלע מאָל, פרייטיק, 12 אזייגער בייטאָג, ווי עס איז געווען אָפּגערעדט מיט איציק פעפערן, אַז לויט דער ריי רופן מיר אָפּ איינער דעם צווייטן, כדי זיך קעגנזייטיק אינפאָרמירן וועגן ענינים וואָס אינטערעסירן אונדז. פעפערן האָט שטאַרק אינטערעסירט די שטעלונג פון פאַרשידענע דעלעגאַציעס און פערזאָנען בעת דער לעצטער סעסיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. ער פלעגט קומען מיט אַלץ נייע פראַגן, מער דעטאַלע, נישט נאָר וועגן די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען, נאָר אויך וועגן די פירנדיקע טוערס פון קאָנגרעס. מיך האָט צווישן די גאָר וויכטיקע ענינים פון קולטור־צוזאַמענאַרבעט כסדר אינטערעסירט דער גורל פונעם גראָדנער יידישן מיידל אַניע רוד.

פאַר מיין אָפּפאָרן פון מאָסקווע קיין וואַרשע האָט מיר איציק פעפער צוגעזאָגט צו טאָן אַלץ, וואָס אין זיינע כוחות, כדי די העלדישע יידישע פּאַרטיזאַנערין פון ביאַליסטאָקער געטאָ, זאָל באַפרייט ווערן פון לוביאַנקער תפיסה. איר נאָענטסטע חברטע, ליזע טשאַפּניק, האָט ממש „איינגעלייגט וועלטן“, כדי זי אַרויסבאַקומען פון לוביאַנקע. ביידע האָבן געהערט צו דער גרופּע העלדישע יידישע מיידלעך, וועלכע האָבן אויפגעטאָן ווונדער ביים פאַרבינדן די קאָמפּס־אָרגאַניזאַציע פון געטאָ מיט דער „אַרישער זייט“, מיט פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילן. צו דער זעלבער גרופּע האָט געהערט חייקע גראָסמאַן. די אויפטוען פון די דאָזיקע יידישע מיידלעך מיט „אַרישע“ דאָקומענטן, זענען אָפּגעמערקט געוואָרן, בעתן באַפרייען ביאַליסטאָק, אין דעם באַפעל פון סאָוועטישן גענעראַל־שטאַב. און דאָך איז עס אַניען נישט בייגעשטאַנען, ווען אַ רוסישער פּאַרטיזאַנער האָט דערלאַנגט אויף איר אַ מסירה וואָס שייך אַ פולשטענדיק אויסגעטראַכטן ענין.

אין יענעם פרייטיק, ווען איציק פעפער האָט מיר איבערגעגעבן אַ גרוס פון אַניען, וועלכע האָט זיך שוין געפונען ביי אים אין קאַבינעט, בין איך אַרומגעלאָפן זוכן חייקע גראָסמאַן, כדי איר אָנזאָגן די אויסערגעוויינלעכע בשורה, אַז אַפילו פון לוביאַנקער תפיסה האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצוראַטעווען אַן אומשולדיק אַרעסטירטע פּאַרטיזאַנערין. חייקע איז אָבער נישט געווען אין וואַרשע. זי איז שוין געווען אויפן וועג קיין ישראל, אָדער אין ישראל גופא.

... די וואַרשעווער טעלעפאָניסטין האָט, ווייזט אויס, דערפילט מיין אומרו צוליב דעם, וואָס דאָס מאָל האָט פון מאָסקווע קיינער זיך נישט אָפּגערופן. זי האָט מיר געבעטן אָנוועקלייגן דאָס טעלעפאָן־טרייבל, זי וועט אַליין זיך באַמיִען אַז איך זאָל באַקומען אַ פאַרבינדונג. איך גיב איר אָן עטלעכע טעלעפאָן־נומערן, אויך פון

דער רעדאַקציע „אייניקייט", פון מיין אוניווערסיטעט־חבר, דעם הויפּט־רעדאַקטאָר ג. זשיץ.

דער אומרו איז געוואַקסן אין מיר פון מינוט צו מינוט. אַזוינס איז נאָך ביז איצט נישט געשען. אויפן געמיט האָט געדריקט דער כמורנער שפּעט־האַרבסטיקער טאָג. דער אָנגעצונדענער עלעקטרישער טישלאָמפּ האָט פאַרשפּרייט אויף אַ קליינעם קרייז בלויז אַ געלבלעכן אָפּשיין. אַרום איז אַלץ געדיכטער געוואָרן די טונקלקייט. פּלוצלונג האָב איך דערהערט אין טעלעפאָן־טרייבל אַ האַסטיק־שנעלן באַפעל אין רוסיש: „גאַוואָריטיע!" (רעדט). פון דער ווייט האָב איך דערהערט אַ פרעמד מגושמדיק קול, אַ לחלוטין מיר אומבאַקאַנטער, וואָס פרעגט ביי מיר וועמען איך דאַרף. איך האָב געענטפערט, נישט לויט דעם געוויינלעכן שטייגער, אַז כ'וויל רעדן מיטן חבר פעפער, נאָר גאַנץ אָפיציעל: „איך בעט רופן צום טעלעפאָן איסאַק סאָלאָמאָנאָוויטשן". ווידער האָט זיך געהערט די גראָבע, האַרטע שטימע, וואָס האָט איבערגעפרעגט פאַרחידושט: „וו־ע־מ־ע־ן?!" איך חזר איבער, שוין דאָס מאָל אָנגעבנדיק איציק פעפערס אַמטלעכע פּאָזיציע אין יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. כ'האָב פּלוצלונג קלאָר דערהערט, ווי דער מענטש פון יענער זייט טעלעפאָן־ליניע האָט אויפגעהערט צו דעכען און זיין שטימע האָט באַקומען באַפעלערישע האַרטקייט: „דאָ איז נישטאָ קיין שום איסאַק, קיין שום סאָלאָמאָנאָוויטש און קיין שום פעפער! ווי פאַניאַלי! (איר האָט פאַרשטאַנען?).

כ'האָב גיכער דערפילט, איידער פאַרשטאַנען, אַז ס'איז געקומען אַ גרויסער בראָך. אין דער מאָסקווער געביידע אויף קראָפּאָטקין־גאַס 10 איז מער קיינער פון מיינע נאָענטע נישטאָ. ס'איז מער נישטאָ צו וועמען צו טעלעפאָנירן. און מער האָב איך שוין קיין מאָסקווע נישט טעלעפאָנירט.

כ'בין אַרויסגעלאָפן פון מיין צימער, כדי צו געפינען עמעצן מיט וועמען זיך טיילן מיטן חשד, אַז ס'איז געשען אַ גרויס אומגליק. כ'בין אַריין אין צימער פון סעקרעטאַר פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, יואל (אָדער יוליאָן) לאַזעבניק, און אָנשטאָט איבערנעמען זיך מיט דער ידיעה און מיט מיין חשד, האָט ער אויף זיין פרום־יעזויטישן שטייגער מיך „באַרויִקט": „די פּאַרטיי ווייס וואָס זי טוט...".

אוי, האָט זי געוווסט! אין אַ קנאַפּן חודש אַרום האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו באַקומען — וואָס אַן אמת פון דער צווייטער האַנט — אַן אויטאָריטעטע „אויפקלערונג" וועגן דעם, וואָס עס איז געשען מיטן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט.

אין חודש דעצעמבער 1948 איז אין דעם אויפגעריכטן גרויסן האָל פון פּאָליטעכנישן אינסטיטוט אין וואַרשע פאָרגעקומען דער פאַראייניקונגס־קאָנגרעס פון דער פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי (פּפּ"ר) און דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּפּ"ס). צו דעם דאָזיקן קאָנגרעס זענען געקומען דעלעגאַציעס פון קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון אַ סך לענדער. בראש פון אַ פיל־פּערזאָניקער דעלעגאַציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געווען מיין אַלטער „גוטער פריינד" (וועלכער האָט מיט 2 יאָר פאַר דעם נישט געוואָלט מיך אַרויסלאָזן קיין פּוילן), דער געוועזענער ערשטער סעקרעטאַר פון צ"ק פון דער קאָמוניסטישער

פּאַרטיי פון ווייסרוסלאַנד און פּרעמיער־מיניסטער פון דער ווייסרוסישער ראַטן־רעפּובליק, פּאַנטעלײמאָן קאָנדראַטיעוויטש פּאָנאָמאַרענקאָ. צו יענער צייט איז ער דורך סטאַלינען נאָך מער עולה לגדולה געוואָרן — ער איז אַרײַן אין באַשטאַנד פון העכסטן אָרגאַן — אין פּרעזידיום פון צ״ק פון דער אַלפּאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דירעקט זיך ווענדן צו אים האָב איך נישט געוואָלט. ער האָט זיכער נישט געקענט מיר מוחל זײַן, וואָס איך האָב באַצײַטנס באַוויזן זיך אַרויסגליטשן פון זײַנע הענט. האָב איך פּאָר מײַנעם אַן אַלטן חבר, וועלכער איז געווען דעלעגירט פון דער פּוילישער זײַט צו באַדינען די סאָוועטישע דעלעגאַציע, אָנגעשריבן עטלעכע פראַגן, כּדי צו באַקומען אויף זיי אַן ענטפער פון פּאָנאָמאַרענקאָן. דעם ענטפער האָב איך באַקומען אויף צו מאָרגנס און ער איז געווען אַן אײַנדייטיקער. ער האָט נישט איבערגעלאָזט קיין אָרט פאַר די מינדסטע ספקות.

דער ענטפער איז געווען:

1) דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט איז געשאַפן געוואָרן בעת דער מלחמה און צוליב צילן, וואָס האָבן געדינט דעם קאַמף קעגן די היטלעריסטן. היינט, שוין נאָך דער מלחמה, האָט נישט דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט קיין ווייטערדיקע עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג.

2) אין דעם יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט האָבן געווירקט נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן. פון זיי האָט מען געמוזט זיך באַפרײַען.

3) וואָס שייך אַ וועלכער עס איז אַנדערער יידישער אינסטאַנץ, איז ביז דעמאָלט קיין שום באַשלוס נישט געווען.

נאָך דעם דאָזיקן ענטפער איז אויפגעקומען דער נאַגנדיקער אומרו פאַר דעם גורל פון מײַנע פילצאָליקע חברים און פרײַנד פון אַלע מאָסקווער יידישע אינסטיטוציעס, וועלכע זענען אויף אַ דירעקטן אָדער אומדירעקטן אופן געווען פאַרבונדן מיטן יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. די צופעליקע ידיעות אין דער אויסלענדישער פּרעסע וועגן אַרעסטן, זענען דורך אויטאָריטעטע פּערזאָנען, אַ שטייגער דורכן סעקרעטאַר פון סאָוועטישן שרײַבער־פאַרבאַנד, א. פאַדייעוו (וועלכער האָט אגב געגעבן זײַן סאַנקציע צו אַרעסטירן די יידישע שרײַבערס, אָבער וועגן דעם האָבן מיר זיך דערוווּסט אַ צייט שפּעטער) אָפּגעלייקנט געוואָרן. אויך איליאַ ערענבורג זאָל האָבן דעזאינפאָרמירט וועגן דעם, וואָס איז געשען מיט די גרעסטע יידישע שרײַבערס. אין אַ שמועס מיט מיר (אין 1961), האָט ער קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן די באַשולדיקונג אין געבן פאַלשע ידיעות וועגן גורל פון די יידישע שרײַבערס. מײַנע אייגענע פּרוּוון זיך צו דערוויסן וואָס עס איז געשען מיט די יידישע שרײַבערס און קולטור־טוערס, האָבן זיך נישט אײַנגעגעבן.

דער געדיכט־שוואַרצער שאָטן פון דעם געשעענעם אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט מיך גענומען באַגלייטן אויף טריט און שריט. דעם מוח האָט געעקבערט דער חשד, אַז די „מאָסקווער פּראַקטיק״ קען נעמען זיך אויסווירקן אויך אויף אונדז; אַז פון דער האָפענונג צו באַווירקן מיט אונדזער ברייט־פאַרמאָסטענער און פילזײַטיקער יידישער אַרבעט צום ענדערן די באַציִונג פון ראַטן־פאַרבאַנד צו דער פּילמיליאָניקער יידישער באַפעלקערונג און אירע באַדערפעניש, וועט גאָר נישט ווערן.

אויס מיטן „פעכער"

נאָכן אופקום פון מדינת־ישראל האָט די מאַזור־עקיפּע אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּויליִשער אַרבעטער־פּאַרטיי (שפּעטער — פּוילישע פאַראייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי) זיך גענומען ענערגיש צו „סטימולירן" די אָנפירנדיקע טוערס פון אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען זיי זאָלן פאַרשנעלערן דעם אַרויספאָר פון פּוילן פון אַלע זייערע מיטגלידער — „אין הסכם מיט זייערע פּאָליטישע איינשטעלונגען". אין אוניסאָן צו די פּאָליטישע אַרגומענטן — הויפּטזעכלעך מצד מאַזורס פאַרטרעטער, אַנטאָני אַלסטער — האָט געווירקט אַ באַשטימטער אַדמיניסטראַטיווער דרוק מצד די מענטשן פון זיכערהייטס־מיניסטעריום, וועלכע האָבן געהאַט זייערע אינפאָרמאַטאָרן אומעטום. פון די פירערס פון די פאַרשידענע ציוניסטישע גרופּירונגען האָט מען פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן מיט זייער אָפּפאָרן דינען אַלס ביישפּיל פאַר זייערע אָנהענגערס. אויף זיין ציניִשן אופן האָט פּ. מאַזור זיך געהאַט פאַר אונדז אויסגעדריקט: „איידער מיר זאָלן זיי דאַרפן זעצן אין תפיסה — זאָלן זיי בעסער אַוועקפאָרן".

פון אונדזער פריִערדיקער, מער־ווייניקער טאָלעראַנטער צוזאַמענאַרבעט, אין די ראַמען פון די יידישע קאָמיטעטן, מיט די ציוניסטישע פאָרשטייערס, איז גאָר גיך געבליבן בלויז אַ בלאַסער זכר.

פון דעם „פּאָליטישן פעכער" זענען אָפּגעפאַלן זייַנע לעצטע פעדערן. עס האָט אויפגעהערט, אַזוי ווי פון זיך אַליין, צו גילטן דער פּרינציפּ פון פּאַריטעטער פאָרשטייערשאַפט. אויף די פּאָוויאַטאָווע קאָנפערענצן פון די יידישע קאָמיטעטן אין וראָצלאַווער וואָיעוואָדשאַפט (אָנהייב אַפּריל 1949) זענען צווישן די 214 דעלעגאַטן געווען 158 מיטגלידער פון פּזפּ"ר, 24 פון פּועלי־ציון (רעכטע און לינקע), 12 פון „איחוד", 6 פון „השומר הצעיר" און 14 אומפּאַרטייִישע. אַן ענלעכער באַשטאַנד איז געווען אויף דער קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמיטעטן אין קראָקעווער געגנט (אויך אין חודש אַפּריל 1949). צווישן די 96 דעלעגאַטן זענען געווען 72 מיטגלידער פון פּזפּ"ר, 5 פון די לינקע פּועלי־ציון, 2 פון די רעכטע פּועלי־ציון, 7 פון „איחוד" און 2 פון השומר הצעיר.

גאָר אַנדערש האָט זיך פאָרגעשטעלט די פראַגע וועגן גורל פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע. די לייזונג האָט אויסגעזען צו זיין אין הסכם מיט די אָנגעווענדעטע פּרינציפּן לגבי דער פאַראייניקונג פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּפּ"ר) מיט דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּפּ"ס), דאָס הייסט, אַז ס'האָט געדאַרפט אויסגעאַרבעט ווערן אַן איינהייטלעכע אידעיִש־פּאָליטישע פּלאַטפאָרם, וואָס זאָל

פאַרמולירן די צילן און אויפגאַבן פון דער קומענדיקער פּאַראייניקטער פּאַרטיי אַלס פירנדיקער כוח אין לאַנד. די שטרייטן האָבן זיך געפירט אַרום פּרינציפּיעלע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן.

נישט אַזוי האָט עס אויסגעזען בעת די אונטערהאַנדלונגען מיט די בונדישע פאַרשטייערס. פאַר זיי איז געשטעלט געוואָרן אַלס באַדינג ביים צושטיין צו דער פאַראייניקטער פּאַרטיי, זיי זאָלן דורכפירן אַ גרינטלעכע קריטיק לגבי דער פאַר־גאַנגענהייט. לגבי „דעם בונדישן סעפּאַראַטיזם, אָפּאָרטוניזם און נאַציאָנאַליזם״. אַ טייל פון דער בונדישער פאַרשטייערשאַפט האָט דערויף געענטפערט מיט דער קעגנפאָדערונג: זאָלן די יידישע קאָמוניסטן דורכפירן אַ גרינטלעכע קריטיק פון זייער שפּאַלטונגס־פּאָליטיק אין דער יידישער אַרבעטער־סביבה, פון דעם שאַפן באַזונדערע, פּאַראַלעלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, פון די צעפּלאַקערטע ברודער־קאַמפן, פון דעם אָנגריף אויף דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, פון באַצייכענען דעם „בונד״ אַלס סאָציאַל־פאַשיסטישע פּאַרטיי אד״גל.

צווישן די אָנפירנדיקע טוערס פון בונד זענען געווען אייניקע, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט פון איינגיין אויף אַזאַ אויסגלייך, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן דעם „בונד״ זיך צו געפינען אין די רייען פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי. קודם־כל איז עס געווען דער אָנגעהעריקער נאָך פאַר דער מלחמה צום לינקן פליגל פון „בונד״ און סעקרעטאַר פון צ״ק פון „בונד״ נאָך דער מלחמה — סאַלאָ פישגרונד. אויף אַן ענלעכן שטאַנדפּונקט זענען געשטאַנען: דער יונגער, פעיִקער בונדישער טוער, שמואל הורוויטש, דער רעדאַקטאָר פון דעם בונדישן אָרגאַן אין דער פּוילישער שפּראַך אי. סאַמסאָנאָוויטש, ווי אויך די אָרטיקע טוערס לייב פּודלאָווסקי, מרדכי פאַגעל און בינעם שאַפּיר. קעגן ליקווידירן דעם „בונד״ איז שאַרף אַרויסגעטרעטן דער פירנדיקער טוער א. פאַלק. קעגן אָננעמען די פאָדערונג פון קריטיק לגבי דער פאַרגאַנגענהייט זענען אַרויסגעטרעטן דער פאַרזיצער פון צ״ק פון „בונד״, ד״ר מיכאל שולדנפריי, דער רעדאַקטאָר פון דעם בונדישן אָרגאַן „פאָלקס־צייטונג״. ג. יאַשונסקי, די מיטגלידער פון בונדישן צענטראַל־קאָמיטעט — פּראָפ׳ א. גאָלדשמיד, ד״ר הערשנהאָרן, מושקאַט, ליבער ברענער, משה לעדערמאַן.

אויף דער ספּעציעל־צונויפגערופענער אין ווראצלאַוו (דעם 15טן יאַנואַר 1949) קאָנפערענץ פון „בונד״, איז אָנגענומען געוואָרן אַ דעקלאַראַציע, וואָס זאָגט זיך אַרויס פאַר דעם אַריינטריט פון „בונד״ אין די רייען פון דער פּוילישער פאַר־אייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי, אויסמיידנדיק דערביי וועלכע עס איז שאַרפע אַק־צענטן לגבי דער פאַרגאַנגענהייט. אַ ריי אָנפירנדיקע טוערס פון „בונד״ (די קעגנערס פון ליקווידאַציע און אויך די קעגנערס פון קריטיקירן די פאַרגאַנגענהייט פון בונד) זענען צו דער דאָזיקער קאָנפערענץ בכלל נישט געקומען. אַנדערע זענען נאָך דער קאָנפערענץ אַוועק פון פּוילן (אי. פאַלק, מ. פאַגעל און ל. פּוד־לאָווסקי). אַלע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד״ זענען אויטאָ־מאַטיש פאַררעכנט געוואָרן אַלס מיטגלידער פון פּזפּ״ר. אַן אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן לגבי דעם געוו׳ פאַרזיצער פון צ״ק פון „בונד״, ד״ר מיכאל שולדנפריי,

וועלכער האָט צו יענער צייט פאַרנומען אַ גאָר וויכטיקן אַמט אין דער פּוילישער רעגירונג, אַלס איר יורידישער הויפּט־ראַטגעבער און איז באַזונדער געשעצט געווען דורך דעם פּרעמיער־מיניסטער יוזעף ציראַנקעוויטש. פון ד״ר מ. שולדנפריי, ווי אויך פון ג. יאַשונסקי האָט מען געפאָדערט זיי זאָלן אונטערשרייבן אַ ספּעציעלע דעקלאַראַציע. ביידע האָבן זיך דערפון אָפּגעזאָגט און זענען געבליבן מחוץ דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי. דעקלאַראַציעס האָט מען אויך פאַר־לאַנגט פון אַלע אַרטיקע טוערס און מיטגלידער פון „בונד״. מיט וואָס האָט זיך דערקלערט אַזאַ דיפערענצירטער צוגאַנג איז מיר נישט געווען באַוווסט. די דאָזיקע ענינים זענען דערליידיקט געוואָרן הינטער די פּלייצעס פון דער „צענטראַלער פּראַקציע״.

וואָס שייך דער „צענטראַלער פראַקציע״ גופא האָט זי אין צוזאַמענהאַנג מיט די פּאָליטישע ענדערונגען אין דער יידישער סביבה, מיטן איינשרומפּן, צוליב דער עמיגראַציע, פון די ציוניסטישע ריכטונגען און מיט דער ליקווידאַציע פון „בונד״, פאַרלוירן אירע עיקרדיקע פונקציעס. דער אַמט פון אינסטרוקטאָר פון צ״ק פּזפּ״ר פאַר יידישע ענינים איז ליקווידירט געוואָרן. אַלע פראַגן וואָס שייך דער אַרבעט פון די יידישע קאָמיטעטן, זענען אַריבערגעטראָגן געוואָרן צום פריערדיקן באַהאַנדלען אין דעם קאָלעקטיוו פון פּזפּ״ר ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן, און אין באַזונדער־וויכטיקע פאַלן — צום פאַרשטענדיקן זיך מיט די אַנטשפּרעכנדיקע אָפּטיילן פון צ״ק פּזפּ״ר. צום באַשטאַנד פון פאַרטיי־קאָלעקטיוו ביים צ״ק פון די יידן אין פּוילן זענען צוגעקומען די געוועזענע פירנדיקע טוערס פון „בונד״ ס. פישגרונד און ש. הורוויטש. אין דעם דאָזיקן קאָלעקטיוו זענען קענטיק געווען באַשטימטע ניואַנסן אין דעם אופן פון באַטראַכטן פראַגן. דאָס האָט אָבער קיין שייכות נישט געהאַט צו דער עיקרדיקער פראַגע, וועלכע איז צום אָפּטסטן באַטראַכט געוואָרן אין יענער צייט — צו דעם פאַר־שאַרפטן קאַמף קעגן ציוניזם. אין דעם דאָזיקן קאַמף זענען קיין שום חילוקי־דעות צווישן די אַלטע קאָמוניסטן און די ניי־געקומענע פון „בונד״ נישט געווען. אַלע אָפטער און בולטער האָט דער דאָזיקער קאַמף — סיי אויף די שפּאַלטן פון דעם וואָכנבלאַט פון פּזפּ״ר „פאָלקס־שטימע״, און סיי אין די אַרויסטרעטונגען אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען — געגנומען דערמאָנען די פאַרמלחמה־צייטן. דאָס האָט זיך אָנגעזעצן סיי אין דער אַרגומענטאַציע און סיי אין דעם באַנוצן זיך מיט אינ־ווועקטיוון, מיט זידלערייען פון פערזענלעכן כאַראַקטער. אַזוי למשל איז עס געווען לגבי דעם פירער פון די לינקע פּועלי־ציון, ד״ר א. בערמאַן, וועלכער איז פון פעברואַר 1947, ביז מיי 1949 געווען דער פאָרזיצער פון צ״ק פון די יידן אין פּוילן. נאָך גאָר נישט לאַנג האָט מען צוזאַמען מיט אים באַהאַנדלט פראַגן אויף די זיצונגען פון צענטראַלן יידישן קאָמיטעט, אָבער מיט קנאַפּע 4 חדשים שפּעטער האָט די „פאָלקס־שטימע״ (נומ. 38, סעפּטעמבער 1949) געשריבן: „מיר קענען נישט האָבן קיין טענות צו זייגע (א. בערמאַנס) פּוסטע פראַזן. דאָס איז אַ געוויינהייט פון א. בערמאַן, דאָס איז אַ טייל פון זיין תוך״. און אין עטלעכע חדשים אַרום, אין

צוזאַמענהאַנג מיט אַ דערקלערונג אין שטשעטשין, אַז ער איז אַרויסגערופן געוואָרן אויף אַ שמועס צום פּאָליטביוראָ פון פּזפּ״ר, ווו מ׳זאָל אים האָבן דערקלערט, אַז „דאָס פּאָליטביוראָ פאַרשטייט און דערשאַצט דעם פאַקט, וואָס די יידן פאָרן קיין ישראל, ווייל דאָס איז דאָס פאָטערלאַנד פון די יידן״ — דעמענטירט די „פאָלקס־שטימע״ ד״ר בערמאַנס דערקלערונג, כאַראַקטעריזירנדיק זי אַלס „שאַנטאַזש און האָכשטאַפּלעריי״.

אין אַ ווענדונג פון צענטראַלן יידישן קאָמיטעט צו אַלע אָרטיקע קאָמיטעטן (אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פּראָקלאַמירטן אינטערנאַציאָנאַלן טאָג פון קאַמף פאַר שלום), אין אָנהייב אָקטאָבער 1949, ווערט געשטעלט אַלס אויפגאַבע צו „דע־מאַסקירן די שענדלעכע ראָל פון דער טראָצקיסטיש־ציוניסטיש־בונדיסטישער רעאַקציע אין אויסלאַנד און דעם נאַציאָנאַלן פאַרראַט פון דער איצטיקער אָנ־פירונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס דינען די אינטערעסן פונעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם״.

ביי דער באַשולדיקונג אין נאַציאָנאַלן פאַרראַט און אין אַנדערע זינד — איז אַלע מאָל צו יענער צייט אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דאָס האָט אַ שייכות צו „דער איצטיקער״ אָנפירונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. געזאָלט האָט עס הייסן, אַז ביי אַ געענדערטער אָנפירונג וועט זיך ענדערן אונדזער שטעלונג צום יידישן וועלט־קאָנגרעס. אַלס סיבה (אָדער סיבות) פאַרן איבעררייסן מיטן יידישן וועלט־קאָנגרעס (סך הכל עפּעס מער ווי אַ יאָר נאָכן אָנשליסן זיך אין אים) איז אָנגעגעבן געוואָרן: 1) די רכילותדיקע אינפאָרמאַציעס וועגן פּוילן און אַנדערע פאָלקס־דעמאָקראַטישע מדינות אין דעם אינפאָרמאַטיוון ביולעטין פון קאָנגרעס; 2) די דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק מצד דעם אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס לגבי דאָרטיקע לינקע אָרגאַ־ניזאַציעס (צוויי פון זיי זענען באַזייטיקט געוואָרן פון דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט). אין דער דערקלערונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן איז קאָנסטאַ־טירט געוואָרן, אַז „דער יידישער וועלט־קאָנגרעס האָט זיך נאָך שטאַרקער אַ קער געטאָן אין דער ריכטונג פון רעאַקציע. דער פּראָצעס פון באַהערשן דעם קאָנגרעס דורך די מאַרשאַל־עלעמענטן הייבט אָן אָנצונעמען ראַשיקע טעמפּן״.

דער יידישער עולם אין די שטעט און שטעטלעך פון פּוילן האָט תיכף אָפּ־געפילט די שאַרף־געענדערטע אַטמאָספער אין די געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען, וועלכע האָבן אין אַ באַשטימטער מאָס אָנגעהייבן צו ווערן ענלעך צו דער אַט־מאָספער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער דאָזיקער צושטאַנד, צוזאַמען מיט די טרוי־עריקע גרוסן פון מאָסקווע, האָבן אין אַ באַטייטנדיקער מאָס מיטגעווירקט צום פאַרשטאַרקן ביי גרויסע טיילן יידן — אַפילו נישט קיין ציוניסטן אָדער סימפּאַ־טיקער פון ציוניזם — דעם ווילן צו פאַרלאָזן פּוילן. שוין אָפּגערעדט פון יענע יידן, וועלכע האָבן אין אָנבליק פון דער באַפרייונגס־מלחמה אין ארץ־ישראל געשטרעבט צו קומען אַהין און האָבן זיך באַצייטנס רעגיסטרירט אויף אַרויס־צופאָרן. צום פאַרשטאַרקן דעם ווילן זיך וואָס שנעלער צו רעגיסטרירן און צו באַקומען אַן עמיגראַציע־דאָקומענט (וואָס האָט איבערגעשטראָכן די פּוילישע

בירגערשאַפֿט און האָט פֿאַרלוירן זיין גילטיקייט גלייך נאָכן אַריבערפֿאָרן די פּוילישע גרענעץ) האָבן מיטגעווירקט די סיסטעמאַטיש פֿאַרשפּרייטע קלאַנגען וועגן נאָענטן פֿאַרענדיקן די רעגיסטראַציע. ס'איז געווען אַ סברה, אַז דאָס ווערט געטאָן דורך באַשטימטע פּוילישע פֿאַקטאָרן, כדי פֿאַרסירן די מעגלעכקייט פּטור צו ווערן פֿון וואָס אַ גרעסערער צאָל יידן. צווישן יידן איז געוואַקסן דער פּחד, אַז מען קען אָפּגעשניטן ווערן פֿון אָפּגעפֿונענע משפּחה־גלידער, פֿון דער מעג־לעכקייט צו קומען אין מדינת־ישראל. צווישן די טוערס פֿון די יידישע קאָמיטעטן איז געוואַקסן דער אומרו, צוזעענדיק ווי עס ווערט קלענער די צאָל יידן, ווי עס ווערן ליקווידירט גאַנצע אינסטיטוציעס. מען האָט פֿאַרלאַנגט פֿון די טוערס פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון די יידן אין פּוילן זיי זאָלן אויפֿקלערן די לאַגע, זאָלן פֿאַרלאַנגען עפֿנטלעכע דערקלערונגען מצד די אַנטשיידנדיקע פּאָליטישע פֿאַק־טאָרן וועגן זייער באַציִונג צו דער מעגלעכקייט פֿון דער עקסיסטענץ פֿון אַ יידישן יישוב אין פּוילן. אַ דעלעגאַציע אין באַשטאַנד פֿון די פּרעזידיום־מיטגלידער פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון די יידן אין פּוילן, מ. ביטער, י. לאַזעבניק און ס. פֿישגרונד האָט פֿון פּ. מאַזורן באַקומען דעם ענטפֿער, אַז ס'איז נאַטירלעך, וואָס יידן ווילן פֿאָרן אין דער אייגענער מדינה און ס'איז נישטאָ קיין גרונט זיך צו באַאומרויִקן. דער ענין איז שפּעטער דערגאַנגען צו דעם פּאָליטביוראָ, וועלכער האָט אויסגעטיילט אַ קאָמיסיע בראש מיטן מיטגליד פֿון דעם פּאָליטביוראָ, אַלעקסאַנדער זאַוואַדסקי, צום פּרעצעזירן די שטעלונג לגבי דער יידישער עמיגראַציע. אין באַשטאַנד פֿון דער דאָזיקער קאָמיסיע האָב איך זיך אויך געפֿונען. דער באַשלוס איז געווען נישט צו באַגרענעצן אויף אַן אַדמיניסטראַטיוון אופֿן דעם אַרויספֿאָר פֿון יידן קיין ישראל. גלייכצייטיק אָבער פֿאַרשטאַרקן אַלע פֿאַרמען פֿון אידעיִש־פּאָליטישן באַווירקן, אַז יידישע אַרבעטער און אינטעליגענץ זאָלן בלייבן אין פּוילן, איינשליסנדיק זיך פֿולשטענדיק אין פּראָצעס פֿון בויען דעם סאָציאַליזם. דעם דאָזיקן שטאַנד־פּונקט האָט נאָך דעם געבראַכט צום אויסדרוק דער צענטראַלער אָרגאַן פֿון פּפּ״ר „טריבונאַ לודו" (פֿון 1טן פֿעברואַר 1950), וועלכע האָט געשריבן:

„די אַקטיווע אַנטיילנעמערס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג וועלן עמיגרירן, אין הסכם מיט זייער שטעלונג, אָבער די מאַסע פֿון דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפֿעלקערונג, וואָס נעמט אַנטייל אין פּראָדוקציע־פּראָצעס וועט בלייבן אין פּוילן.

די דעמאָקראַטישע כוחות פֿון פֿאָלקס־פּוילן זײַנען פֿאַראינטערעסירט, אַז די יידישע אַרבעטערס, די יידישע אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ און האַנטווערקערס זאָלן קאָנטינויִרן זייער שעפֿערישע אַרבעט אין פּוילן".

די דאָזיקע אָפֿיציאַלע דערקלערונג איז געווען געווענדעט סיי קעגן דער אויס־לענדישער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע האָט זיך געשטיצט אויף אַ פֿאַלשער אינפֿאָר־מאַציע, אַז די דעמאָקראַטישע פּוילישע רעגירונג איז פֿאַראינטערעסירט אין דעם אַרויספֿאָר פֿון וואָס אַ גרעסערער צאָל יידן, און סיי קעגן די אינערלעכע פּאַניק־שטימונגען, וועלכע האָבן געשטערט די יידישע קאָמיטעטן איבערצובויען אויף נייע יסודות דעם גאַנצן סיסטעם פֿון זייער אַרבעט.

אין דער דאָזיקער סיטואַציע איז פאַר מיר פּערזענלעך געקומען דאָס סאַמע אומדערוואַרטע. ביים סוף פון חודש אַפּריל 1949 בין איך אַרויסגערופן געוואָרן אין דער קאַדרען־אָפּטיילונג פון צ״ק פּזפּ״ר, ווו מ'האָט מיר געמאָלדן, אַז לויט אַ באַשלוס פון צ״ק וועט איך רעקאָמענדירט צו ווערן דער פאָרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן. אַלע מיינע טענות, אַז כ'טויג זיך נישט פאַר אַן אַמט, וואָס האָט דער עיקר רעפּרעזענטאַטיווע פונקציעס (אַזוי ווי דאָס האָבן באַוויזן די פריִערדיקע פאָרזיצערס, ד״ר עמיל זאָמערשטיין און ד״ר אַדאָלף בערמאַן), אַז מיין שטרעבונג איז אַלע מאָל געווען צו זיין פאַרנומען מיט אַ קאָנקרעטער אַרבעט, קודם־כל אויפן געביט פון יידישער קולטור, זענען אָפּגעוואָרפן געוואָרן. „וועסט האָבן גענוג אַרבעט, הלוואי זאָלסטו באַווייזן זיך אַן עצה צו געבן".

אין אַ קנאַפּן חודש אַרום, דעם 16טן מיי 1949, האָט דער פאַרברייטערטער פּלענום פון צענטראַל־קאָמיטעט פון יידן אין פּוילן, מיטן אָנטייל פון פאָרשטייערס פון אַלע יידישע קאָמיטעטן, מיך אויסגעוויילט אַלס פאָרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט.

„אין סאַמע ברעו פון קאַלטן קריג"

א) פון באַלעבאַטים צו ראַטגעבער

פאַר דעם רוב מנין פון די יידן אין פוילן, וועלכע האָבן פון דער נאָענט דערקענט (און אָפט אָפּגעפּילט אויף זיך) בעת די מלחמה־יאָרן, די סאָוועטישע אינוויגילאַציע און רעפּרעסיעס־פּראַקטיק, האָבן די געשעענישן פון די סוף פער־ציקער און אָנהייב פופציקער יאָרן אָנגעזאָגט, אַז „ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבן..." הגם הויך האָט מען וועגן דעם נישט גערעדט, אָבער מענטשן האָבן געוווּסט, אַז עס זענען דורכגעפירט געוואָרן אַרעסטן צווישן די באַשולדיקטע אין „רעכטן נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג". געלעבט האָט מען מיט קלאַנגען. באַוויזן האָבן זיך נאָר ידיעות וועגן אַ ליקווידירטער פאַרצווייגטער דיווערסיע אין פוילישן מיליטער מצד העכערע אָפיצירן, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון עמיגראַציע און זאָלן האָבן געהאַט די אויפגאַבע, אין דינסט פון אימפּעריאַליזם, צו שעדיקן פון אינע־וויניק די באַוואָפנטע כוחות פון פאָלקס־פוילן. אַרעסטירט זענען געוואָרן די גענעראַלן טאַטאַר, קוראָפּיעסקאָ און אייניקע פירנדיקע טוערס פון דער א"ק („אַרמיאַ קראַיאָוואַ" — אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע בעת דער היטלערישער אָקופּאַציע, וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן דורך באַפולמעכטיקטע פון דער פוילישער עמי־גראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן). נאָענטע חברים פון דער אַרמיי־אָנפירונג האָבן מיר געהאַט פאַרטרויט וועגן מיליטערישע שנעל־געריכטן, וועלכע האָבן דעמאָלט אַרויסגעגעבן 19 טויט־אורטיילן אויף העכערע אָפיצירן.

אַלץ מער האָט מען אָפּגעפילט די אַטמאָספער פון שטייגנדיקן טעראָר, וועלכער האָט גענומען זיך אויסשפּרייטן אויך אויף אַנדערע סביבות. איינע פון זיי איז אונדז, יידן, באַזונדער נאָענט געווען — די סביבה פון די געוועזענע שפּאַניע־קעמפער. עס האָט ממש אויפגעשוידערט די ידיעה וועגן אַרעסט פון גענעראַל וואַצלאַוו קאָמאַר *), וועלכער איז געווען דער קאָמאַנדיר פון איינער פון די אינ־טערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס. אַרעסטירט איז געוואָרן דער געקומענער פון ארץ־ישראל נאָך פאַרן קריג, מישע בראָנשטיין (מיכאַל בראָן), וועלכער האָט אַ מאָל

*) מיט וואַצלאַוו קאָמאַרן, ווי כ'האָב פריער דערציילט, בין איך פאַרבונדן געווען בעתן מיליטערישן גרייטן מענטשן פאַר דער באַפרייונגס־מלחמה אין ארץ־ישראל.

געהערט צום „השומר הצעיר״ *). אַרעסטירט איז געוואָרן ד״ר יונגעריס ווי אויך דער ד״ר טאובענפליגל, וועלכן מען האָט צוגענומען בעת ער האָט אָפּערירט אַ קראַנקן. מ׳האָט אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן די אָפּעראַציע.

בליץ שנעל האָט זיך פאַרשפּרייט דער קלאַנג, אַז די זיכערהייט־מאַכט האָט אַרעסטירט דעם ממש לעגענדאַרן ד״ר פלאַטאָ, וועלכער האָט בשעתו דורכגעמאַכט דעם „גרויסן מאַרש״ פון דער אַרמיי פון מאָאָ טסע־טונג, אַלס שטאַב־דאָקטאָר **) און איז געווען גוט באַקאַנט די שפּאַניע־קעמפּערס מיט זיין געטריישאַפט און שטענדיקער הילפס־גרייטקייט. ווי מיין „אַלטער חבר״ האָט מיר איבערגעגעבן זענען די אַרעסטן צווישן די שפּאַניע־קעמפּערס, ווי אויך צווישן די אָנפירנדיקע טוערס פון פוילישן „רויטן קרייץ״, געווען צוליב קאָנטאַקטן מיט די אַמעריקאַנער בירגערס — די ברידער נאָעל און הערמאַן פילד, וועלכע האָבן געהאָלפן די געוועזענע שלאַכטלייט פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס. איינער פון די פילדס איז נאָך דער מלחמה געקומען קיין פוילן און איז אויפגענומען געוואָרן אויף אַ שמועס מיט דעם דעמאָלטיקן פירנדיקן פאַרטיי־ און רעגירונגס־טוער, יעקב בערמאַן. די זיכערהייטס־אָרגאַנען האָבן באַצייכנט די פילדס אַלס אַגענטן פון אַמעריקאַנער אויסשפּיר. די סעקרעטאַרין פון י. בערמאַן, די געוועזענע פאַרבינדלערין צווישן קעמפנדיקן וואַרשעווער געטאָ און דער „אַרישער זייט״, אַננאַ דוראַטש (די פרוי פון דעם העלדישן קעמפער קעגן די נאַציס, יעזשי דוראַטש) איז דעמאָלט אַרעס־טירט געוואָרן אונטער דער באַשולדיקונג פון פאַרבינדן „דעם אַמעריקאַנער שפּיאָן״ מיט בערמאַנען. אויך דער אַרעסט פון גאָמולקאַס נאָענטן מיטאַרבעטער, גענעראַל גזשעגאָזש קאָרטשינסקי, האָט געהאַט אַ יידישן מאָמענט. ער איז באַשולדיקט געוואָרן, אַז אַלס קאָמאַנדיר פון אַ פוילישן פאַרטיזאַנער־אָפּטייל אין די יאַנאָווער וועלדער, האָט ער באַפוילן צו שיסן אין יידן, וועלכע האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען. מאַטעריאַלן וועגן דעם האָבן זיך געפונען אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט און אויף זיי האָט זיך געשטיצט דער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן גזשעגאָזש קאָר־טשינסקין ***).

אַלץ בולטער האָט זיך גענומען אָנזען דער פּראָצעס פון אָנווענדן דעם

*) אין דער וואַרשעווער וואָכנבלאַט „קולטוראַ״ (פון 14 אויגוסט 1981) איז פאַרעפנט־לעכט געוואָרן אַ קאַפּיטל פון מ. בראַנס צוגעגרייטן צום דרוק בוך, „נאָטיצן פון פּריוואַטן אַרכיוו״, אין וועלכן ער דערציילט וועגן דער אויספאָרשונגס־פּראָצעדור, וואָס איז לגבי אים אָנגעווענדעט געוואָרן, און האָט אינגאַנצן דערמאָנט די שרעקלעכע לוביאַנקע־פּייניקונגען פון דער נקוו״ד.

**) ווי כ׳האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, האָט דער כינעזישער פּרעמיער־מיניסטער, טשו ען־לאַי, דירעקט אינטערווענירט ביי דער פוילישער רעגירונג, בעת זיין וויזיט אין וואַרשע, פאַדערנדיק צו באַפרייען דעם ד״ר פלאַטאָ.

***) אין אַ „גריפּס״, וואָס קאָרטשינסקי האָט געפּרוּווט אַרויסשיקן פון תפיסה און איז איבערגעכאַפּט געוואָרן דורך דער אַדמיניסטראַציע, האָט ער געשריבן, אַז אויב ער וועט אַרויס אויף דער פריי, וועט ער זיך נוקם זיין אין די יידן.

סאָוועטישן מוסטער הן אין פּאָליטיש־סאָציאַלן לעבן, הן אין דער עקאָנאָמיק און הן אין דער אויסערן־פּאָליטיק פון פּוילן.

נאָכן אַראָפּזעצן די גאָמולקאַ־אָנפירונג האָט עס באַקומען אַ באַזונדער בולטן אויסדרוק אין דער קאָנצענטרירונג פון די העכסטע פּאַרטייִשע און רעגירונגס־אַמטן אין איינע הענט. באָלעסלאַוו ביערוט *), וועלכער איז בשעתו פאַרגעשטעלט געוואָרן פאַר די מערב־פאַרבינדעטע אַלס אומפּאַרטייִשער און איז געוואָרן דער פּרעזידענט פון פאָלקס־פּוילן, איז באַשטימט געוואָרן אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון צ״ק פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי און גלייכצייטיק אַלס פּרעמיער־מיניסטער.

אין מוח האָט געעקבערט די פראַגע ווי וועלן די דאָזיקע ענדערונגען זיך אויסווירקן אויף דער יידישער סביבה? צי מוז עס ברענגען צו די זעלבע רעזול־טאַטן ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד? קומען מיט די דאָזיקע פראַגעס צו וועמען עס איז פון די מיטגלידער פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט איז נישט מעגלעך געווען. אַזוי ווייט האָט דער קעגנזייטיקער צוטרוי נישט געגרייכט. אונדזער סביבה איז נישט פריי געווען פון דעם ספּעציעלן מין „אינפאָרמאַטאָרן”. דאַקעגן האָבן מיר אָפט צווישן זיך געשמועסט און דיסקוטירט וועגן דעם, וואָס פאַראַ ענדערונגען דאַרפן אין דער איצטיקער סיטואַציע פאָרקומען אין דעם געבוי פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

כאָטש מיר האָבן זיך דערויף געריכט, האָט אָבער דער רעגירונגס־באַשלוס צו ליקווידירן די טעטיקייט פון „דזשאָינט” אין פּוילן, געבראַכט צו אַ קענטיקער פאַרלוירנקייט צווישן אונדז. מיר זענען אין אונדזער טעטיקייט אין אַ גאַר גרויסער מאָס געווען אויסגעשטעלט אויף די סובסידיעס, וואָס מיר פלעגן באַקומען פון „דזשאָינט” צום אויסהאַלטן און אַנטוויקלען די יידישע ווירטשאַפטלעכע, קולטור־ און בילדונגס־אינסטיטוציעס, אָפּגערעדט שוין פון די סומעס, וואָס זענען געווען באַשטימט פאַר סאָציאַלער הילף. די צאָל יידישע מענטשן, וועלכע האָבן אין אַזאַ הילף זיך גענויטיקט — זקנים, געליטענע אין היטלעריסטישע לאַגערן, קינדער־יתומים — איז געווען אַ גאַר באַטייטנדיקע.

אַ שווערן איינדרוק האָט געמאַכט דער אופן ווי אַזוי ס׳איז ליקווידירט געוואָרן דער „דזשאָינט” אין פּוילן. אין זכרון איז נאָך פריש געווען דער פייערלעכער אַקט פון דעקאָרירן מיט עטלעכע יאָר פאַר דעם די טוערס פון „דזשאָינט” בראש מיטן הויפּט־פאַרשטייער אין אייראָפּע, דירעקטאָר שוואַרץ, און דעם פאַרשטייער אין פּוילן, וויליאַם ביין, מיט די העכסטע פּוילישע מלוכה־אויסצייכענונגען, אַלס

*) ביזן סוף פון יאָר 1943 האָט ב. ביערוט זיך געפונען אין דער אָקופּירטער הויפּט־שטאָט פון ווייסרוסלאַנד, מינסק. הגם מיט דעם קאָמיטעט פון דער דאָרטיקער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע האָבן מיטגעאַרבעט אויך געקומענע פון פּוילן, איז אָבער ב. ביערוט צווישן זיי נישט געווען. לויט קלאַנגען איז ער געווען „פאַרשטעקט” אין דער אָקופּאַנטישער שטאָט־פאַרוואַלטונג און פון דאָרט האָט אים געבראַכט קיין וואַרשע דער ספּעציעלער שליח — דער קאָמוניסטישער יוגנט־טוער, יאַן קראַשיצקי.

אויסדרוק פון אָנערקענונג פאַר זייער טעטיקייט — און דער סוף, וואָס איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ פּאָליציי־אָנפאַל אויף דער דאָזיקער אינסטיטוציע און פאַרחתמענען דעם צימער מיט די מאַטעריאַלן וועגן דער הילף, וואָס דער „דזשאָינט" האָט געגעבן פאַר די יידן, וועלכע האָבן עמיגרירט פון פּוילן.

וועגן ווייטערדיקן גורל פון אונדזערע פילצאָליקע אינסטיטוציעס האָבן מיר בעת מעשה קיין אַנונג נישט געהאַט. אָן די „דזשאָינט"־דאָטאַציעס וואָלטן קיין קיום נישט געהאַט די אינטערנאַטן פאַר יידישע יונגע אַרבעטערס און סטודענטן, די האַלב־אינטערנאַטן, קינדער־הייזער, פאַרשולן, זומער־קאָלאָניעס. היינט די פינאַנ־ציעלע הילף פאַר די פילצאָליקע קולטור־אינסטיטוציעס. מיר האָבן צו יענער צייט שוין געהאַט אָרגאַניזירט און באַזאָרגט מיט 17.000 יידישע ביכער (אַ גרויסער טייל באַקומענע פון פּריינטלעכע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, אַרגענטינע א״א) 35 ביבליאָטעקן, חוץ דער צענטראַלער יידישער ביבליאָטעק אין וואַרשע, ווו עס זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן פיל צענדליקער טויזנטער יידישע ביכער. אונדזערע 2 טעאַטערס — אין ווראָצלאַוו און לאָדזש — האָבן געגאָסן פון אַ סיסטעמאַטישער פינאַנציעלער הילף. אויך 26 דראַמאַטישע קרייזן, 12 כאָרן, אַ טעאַטער־סטודיע, אַ יידישע מוזיק־שול, אַ ריטמיק־שול, אַ פילם־סעקציע, וואָס האָט אונטער דער אָנפירונג פון די ברידער גאָסקינד פּראָדו־צירט יידישע פילמען.

ווי וועלן מיר דאָס אַלץ, אָן דער פינאַנציעלער הילף פון „דזשאָינט" בכוח זיין ווייטער צו אַנטוויקלען ?

אַ פּרעזידיום־זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן האָט באַשטימט אַ דעלעגאַציע, וואָס זאָל זיך ווענדן צום צענטראַל־קאָמיטעט פון פּזפּ״ר, כדי אויפצוקלערן, וואָס און ווי אַזוי צו טאָן, כדי דאָך איינצוהאַלטן אונדזערע אינסטיטוציעס. מיר האָבן דערביי מאָטיווירט מיט דעם אַקטועלסטן דעמאָלט אַרגומענט, אַז די ליקווידאַציע, צוליב פינאַנציעלע טעמים, פון וועלכער עס איז יידישער אינסטיטוציע, וועט פאַרשטאַרקן דעם דראַנג צו פאַרלאָזן פּוילן. די רעגיסטראַציע פון יידן, וועלכע האָבן זיך געווענדעט וועגן מעגלעכקייטן צו עמיג־רירן, האָט געדויערט, הגם עס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן קלאַנגען, אַז אַ ליאַדע טאָג קאָן קומען אַ פאַראָרדענונג צו פאַרענדיקן דערמיט.

באַלד זענען מיר אינפאָרמירט געוואָרן, אַז דער ליקווידאַציע־באַשלוס איז אויך שייך דעם „אָרט" אין פּוילן. די דאָזיקע ידיעה האָט אונדז באַזונדערס שווער געטראָפן. דער „אָרט" איז אָנגעפירט געוואָרן דורך באַקאַנטע יידישע געזעל־שאַפטלעכע טוערס, די נשמה פון דער „אָרט"־אַרבעט איז געווען דער אינזשינער דוד סלאָבאָדקין, וועלכער איז חוץ מיט גרינטלעכער פאַכמענערישקייט געווען באַשאָנקען מיט די בעסטע אייגנשאַפטן פון אַ יידישן פאָלקס־טוער (ער האָט געהאַט געהערט צום „בונד"). בראש פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון „אָרט" איז גע־שטאַנען פּראָפ׳ מ. מושקאַט. דער „אָרט" איז געווען אַרומגערינגלט מיט פילצאָליקע טוערס־פריינד אין אַלע שטעט און שטעטלעך. אויף העכער הונדערט שולונגס־

קורסן האָבן זיך געלערנט פאַכן הונדערטער יידישע יוגנטלעכע און עלטערע, וועלכע פלעגן באַקומען, נאָכן ענדיקן, פולשטענדיק־אָנערקענטע דורך די מלוכה־אָרגאַנען קוואַליפיקאַציע־דאָקומענטן. אַ גרויסער טייל פון די „אָרט״־שילער איז דער עיקר געגאַנגען אַרבעטן אין די יידישע קאָאָפּעראַטיוון. מיט דער הילף פון „דזשאָינט״ פלעגן די קורסאַנטן באַקומען סטיפּענדיעס בעת דער גאַנצער לערנצייט. צי וועט מיטן ליקווידירן דעם „אָרט״ זיך ענדיקן די יידישע פאַכשולונג?

אויך דער „טאָז״ — די געזעלשאַפט אָפּצוהיטן דאָס געזונט פון דער אַזוי געליטענער יידישער באַפעלקערונג וואָס איז, ווי דער „אָרט״ אָנגעפירט געוואָרן דורך באַקאַנטע אָרטיקע יידישע דאָקטוירים, האָט געדאַרפט ליקווידירט ווערן. דער „טאָז״ האָט פאַר די יאָרן פון זיין טעטיקייט נאָך דער מלחמה זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ברייטער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע מיט 10.000 מיטגלידער. 22 אַמבולאַטאָריעס, אַ שפּיטאָל אין וואַלבזשיך, אַ סאַנאַטאָריע פאַר טובערקולאָז־קראַנקע, ספּעציעלע באַדינונג פאַר צוויגקינדער — די אַלע אינסטיטוציעס האָבן אַ סך געהאָלפן די יידן, וועלכע זענען צוריקגעקומען פון די לאַגערן, פון וועלדער און באַהעלטענישן, ווי אויך אַ סך פון די רעפּאַטריאַנטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, צו פאַרריכטן זייער געזונט, צום באַקומען אַ טאָג־טעגלעכע מעדיצינישע הילף. אין רשות פון די אינסטיטוציעס פון „טאָז״ זענען געווען די מאָדערנסטע אויסלענדישע היילמיטלען. אָפט פלעגן מלוכהשע אַמטן זיך ווענדן צום „טאָז״, כדי צו באַקומען נייטיקע מעדיצינען. וואָס וועט פון דעם אַלעמען ווערן?

פון דער פאַרטיי־אָנפירונג האָבן מיר באַקומען אַן ענטפער, אַז אַ ספּעציעלע באַראַטונג אין צענטראַל־קאָמיטעט מיט אונדזער אָנטייל וועט לייזן די פראַגע, וואָס עס האָט אונדז באַאומרואיקט — איז געווען די צוקונפט פון די אַלע געשאַפענע, אויך מיט דער הילף פון אויסלענדישע פריינד, יידישע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און קולטור־פּאָזיציעס. ווירקלעך האָבן מיר שנעל באַקומען אַן איינלאַדונג... מצד דעם שוין דערמאָנטן פראַנטשישעק מאַזור, דעם „ספּעץ״ אויף „לייזן״ קיצלדיקע פראַגן, וועלכער איז נישט פאַררעכנט געווען צו אונדזערע פריינד *)

אין מאַזורס קאַבינעט האָבן זיך פאַרזאַמלט פאָרשטייערס פון אַ ריי מיניסטעריומס און רעגירונגס־אינסטאַנצן. מיט אייניקע פון זיי, באַזונדערס מיט די פאַר־

*) צווישן די מיטגלידער פון דער העכסטער פאַרטיי־ און רעגירונגס־אָנפירונג זענען געווען פיל אויפריכטיקע פריינד, וועלכע פלעגן אין יענער צייט אונדז העלפן. גרויס אינטערעס און באַהאַוונטקייט אין יידישע ענינים האָבן אייניקע אַרויסגעוויזן בעת דער אויפנאַמע אין דעם בעלוועדער־פּאַלאַץ (אין יאַנואַר 1950) לכבוד ש. זאַכאַריאַשס 50טן געבוירנטאָג. אין דעם פרייען, חברישן שמועס וועגן דער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועגן אונדזער טעטיקייט, האָבן זיך באַטייליקט ב. ביערוט, י. ציראַנקעוויטש, י. בערמאַן, ר. זאַמבראַווסקי, א. זאַוואַדסקי, ע. אָכאַב, פּ. פידלער, דלוסקי א״אַנד. אויפקלערונגען פון אונדזער זייט האָבן געגעבן ש. זאַכאַריאַש, י. לאַזעבניק, מ. מירסקי און איך. מעגלעך, אַז אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אויפמערקזאַמקייט צו אונדזער טעטיקייט האָט פּ. מאַזור שפּעטער געענדערט דעם טאָן בעת דער באַראַטונג, מיט וועלכער ער האָט אָנגעפירט, וועגן באַוואָרענען די עקסיסטענץ פון טייל יידישע אינסטיטוציעס.

שטייערס פון קולטור־מיניסטעריום, פון בילדונגס־מיניסטעריום, פון מיניסטעריום פאַר אַרבעט — און סאָציאַלער אויפזיכט, האָבן מיר זיך גוט געקענט פון אונדזער צוזאַמענאַרבעט ביים לייזן פאַרשידענע פראַגן.

פ. מאַזור מיט זיינע געהילפן האָבן פאַרגעשטעלט אַ פּלאַן איבערצוגעבן אין רשות פון די אַנטשפּרעכנדיקע מיניסטעריומס אונדזערע אינסטיטוציעס, כדי זיי בודזשעטירן און פאַרזיכערן זייער אַנטוויקלונג אויף דעם זעלבן אופן, ווי די אַלגעמיין־מלוכהשע ענלעכע אינסטיטוציעס. אַלס ביישפּיל איז געבראַכט געוואָרן די לאַגע פון די יידישע שולן און פון די יידישע אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון. מיר האָבן אין אונדזערע אַרויסזאָגונגען אונטערגעשטראָכן די ספּעציעלע אויפגאַבן און כאַראַקטער פון די יידישע אינסטיטוציעס, וועלכע זיי דאַרפן נישט פאַרלירן אין רעזולטאַט פון איבערגיין אין רשות פון אַלגעמיין־מלוכהשע רעסאָרטן. מיר האָבן פאָרגעשלאָגן — און אַזאַ רעקאָמענדאַציע איז אָנגענומען געוואָרן — אַז אַלע אַנטשפּרעכנדיקע מיניסטעריומס און רעגירונגס־אינסטאַנצן דאַרפן זיך קאָנסולטירן מיט דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן און זיינע אָפּטיילונגען ביים לייזן פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער אַרבעט פון די יידישע אַנשטאַלטן. אַזאַ צושטאַנד האָט זיך ווירקלעך איינגעשטעלט אין דער צוזאַמענאַרבעט צווישן ביל־דונגס־מיניסטעריום מיט דער בילדונגס־אָפּטיילונג פון יידישן צענטראַל־קאָמי־טעט; מיט דעם קולטור־מיניסטעריום, באַזונדערס דעמאָלט, ווען עס איז אַנטשטאַנען ביי אים אַ ספּעציעלער דעפּאַרטאַמענט פאַר די קולטור־פראַגן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. גאָר אַן ענגע צוזאַמענאַרבעט איז געווען צווישן אונדז מיטן מיניסטער פון אַרבעט און סאָציאַלער אויפזיכט, דעם געוועזענעם וואַרשעווער טראַמוויי־אַר־בעטער, סטאַניסלאַוו זאַוואַדסקי (וועלכער האָט אגב נישט שלעכט גערעדט יידיש), מיט דעם רעגירונגס־קאָמיטעט פאַר פּראָפעסיאָנעל־טעכנישער בילדונג, בראש פון וועלכן עס איז געשטאַנען אונדזער גוטער פריינד, גענעראַל יאַנוש זאַזשיצקי. ער האָט ביים איבערנעמען די פּילצאָליקע אינסטיטוציעס פון „אָרט" פאַרגעלייגט, אַז זייער אָנפירער, אינזש' דוד סלאָבאָדקין, זאָל איבערגיין אַרבעטן אין דעם רעגירונגס־קאָמיטעט. מיר זענען דערפון געווען צופרידן. אויך דער מיטגליד פון דעם „אָרט"־קאָמיטעט, פישמאַן, איז אַריבער אַרבעטן אין דעם רעגירונגס־קאָמיטעט. מיר האָבן אין קאָנקרעטע פאַלן זיך אויך צונויפגערעדט מיט דעם מיניסטעריום פאַר דער לייכטער און קליין־אינדוסטריע און מיט דעם פינאַנץ־מיניסטעריום.

ביי דער אַלעמען האָט דער כאַראַקטער פון דער אַרבעט פון צענטראַל־קאָמי־טעט און פון די אָרטיקע קאָמיטעטן פון די יידן אין פּוילן זיך געענדערט אויף אַ קענטיקן אופן. פון באַלעבאַטים און אָנפירערס פון פּילצאָליקע יידישע אינסטיטו־ציעס זענען מיר געוואָרן ראַטגעבערס, קאָנסולטאַנטן, און אויך בלויז דעמאָלט, ווען מ'האָט זיך צו אונדז געווענדעט, אָדער אַ באַשטימטע לאַגע האָט עס פון אונדז פאַרלאַנגט.

צווישן אונדז זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערן

אייפער ביים צוזאַמענשטעלן דעם פּראָצעס פון איבערגעבן נישט בלויז אונדזערע אינ־סטיטוציעס, נאָר אויך זייער פאַרמעגן, וועלכער איז אונדז נייטיק געווען אין דער ווייטערדיקער אַרבעט. דערביי האָט זיך באַזונדער „אויסגעצייכנט" דער סעקרע־טאַר פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, י. לאַזעבניק, וועלכער האָט געהאַלטן פאַר „אַ פּאַרטיי־חוב" אָוועקצוגעבן אַלץ (אפילו... די פרידזשידערס), אַלע קליידער־מאַגאַזינען, וועלכע זענען אונדז געבליבן פון די „דזשאָינט"־טראַנספּאָרטן א"א, זיין „פרומקייט" איז באַגלייט געוואָרן מיט אינפאָרמאַציעס, וועלכע ער האָט אי־בערגעגעבן „ווו מ'דאַרף", וועגן אַ ווידערווילן ביי אייניקע פון אונדז לגבי דער פאַרמלוכהשונג פון אונדזערע אינסטיטוציעס.

דער קאָנפליקט צווישן אונדז איז אויף אַזויפיל פאַרשאַרפט געוואָרן, אַז ס'איז געפאַלן אַ באַשלוס צו דערוויטערן מיר, דעם פאַרזיצער, פון דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט אין יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, דורך באַשטימען כ'זאָל איינצייטיק זיין דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דעם אָרגאַן פון צענטראַל־קאָמיטעט „דאָס נייע לעבן".

דער דאָזיקער באַשלוס איז מאָטיווירט געוואָרן מיט דער געשאַפענער לאַגע. דער ביז דעמאָלטיקער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, בער מאַרק, האָט געדאַרפט איבערגיין אַרבעטן אין דער צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע, אַלס איר אָנפירער, און איך האָב אַזוי אַרום, געזאָלט אים פאַרבייטן.

די אויסרעכענונג, אַז די אַרבעט אין דער רעדאַקציע, וועלכע האָט זיך געפונען ווייט פון דער געביידע פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט וועט מיך פולשטענדיק איינשלינגען, האָט זיך נישט באַרעכטיקט. אַפילו אין דער געשאַפענער סיטואַציע בין איך געבליבן אַקטיוו אין דער אַרבעט פון צענטראַל־קאָמיטעט, בפרט אַז עס האָט זיך דערנענטערט אַ לייזונג וואָס שייך דעם ווייטערדיקן כאַראַקטער פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פוילן — אַ לייזונג אַ צוזאַגנדיקע און גלייכצייטיק אַן אָנגעלאָדענע מיט געפאַרן.

ב) צו זעלבסטהילף און זעלבשוץ

די דאָזיקע צוויי טראַדיציאָנעל־יידישע באַגריפן זענען דעמאָלט דורך קיינעם פון אונדז נישט אַרויסגעבראַכט געוואָרן. מיר האָבן אָבער געפילט, אַז טאָן מוזן מיר, כדי דאָס איבערגעבן אויף מלוכהשער אויסהאַלטונג אונדזערע אינסטיטוציעס זאָל נישט ברענגען צום איינשרומפן זייער טעטיקייט. און וואָס נאָך ערגער — צום פאַרלירן זייער יידישן כאַראַקטער. אַליין זיך העלפן, אַליין זיך באַשיצן — אַזאַ איז געווען די נישט פאָרמולירטע אויפגאַבע, וועלכע מיר האָבן פאַר זיך געשטעלט. אַ באַשטימטע דערפאַרונג ווי אַזוי זיך צו העלפן האָבן מיר שוין געהאַט אין דער פאַרגאַנגענהייט. בעתן צוטרעטן צום בויען דעם דענקמאָל פאַר די העלדן און מאַרטירער פון וואַרשעווער געטאָ האָבן מיר אָנגעהויבן אַ זאַמל־אַקציע, וואָס האָט חוץ דעם באַטייטנדיקן פינאַנציעלן עפעקט, באַוויזן די גרייטקייט פון יידישע מענטשן בייצוטראָגן זייער דירעקטע הילף ביים אויפשטעלן דעם גרויסן מאָנומענט.

דער לאָדזשער יידישער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן אויפצובויען אַ ספּעציעלע געביידע פאַרן יידישן טעאַטער, האָבן יידישע מענטשן צונויפגעזאַמלט צווישן זיך אַ גרויסע סומע — 32 מיליאָן זלאָטעס. (די רעגירונגס־סובסידיע פאַר דעם צוועק האָט באַטראָפן 30 מיליאָן זלאָטעס). אַזעלכע און ענלעכע זעלבסטהילף־אַקציעס האָבן דורכגעפירט די יידישע קאָמיטעטן אין פיל שטעט און שטעטלעך, דער עיקר אין נידער־שלעזיע. דער בולטסטער רעזולטאַט איז געווען, אַז גראָד אין דער צייט ווען מיר זענען געבליבן אָן דער הילף פון „דזשאָינט", זענען אַנטשטאַנען ביי 16 יידישע פאָלקס־קלובן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך באַזונדער אויסגעטיילט מיט זייער גרייס, עסטעטישן אויסזען און פאַרשידנאַרטיקער קולטור־טעטיקייט (און נישט אָן באַטייטונג — מיט די בופעטן פון יידישע מאכלים) די קלובן אין לאָדזש און אין ווראָצלאַוו. אין קאַטאָוויץ האָבן יידן זיך באַשטייערט מיט אַ מיליאָן זלאָטעס, כדי אָרגאַניזירן אַ יידישן קלוב; אין גליוויץ האָט מען פאַרן זעלבן צוועק צונויפגעזאַמלט 600 טויזנט זלאָטעס, אין ביעלסקאָ — העכער אַ האַלבן מיליאָן.

אין דער דעמאָלטיקער געדריקטער אַטמאָספער פון אומזיכערקייט, צי עס וועלן אונדז אויסמיידן די רעפּרעסיעס, האָט די זעלבסטהילף און אירע רעזולטאַטן גע־שטאַרקט דעם גלויבן ביי די טוערס פון די יידישע קאָמיטעטן, ביי יענע יידן, וועלכע האָבן זיך נישט אַנטשלאָסן אויסצוואַנדערן, ווי אויך ביי אַ באַטייטנדיקן טייל וואַקלענדיקע, אַז די עקסיסטירנדיקע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט וועט ווייטער געדייען, אַז דער „מאָסקווער ביישפּיל" וועט נישט אָנגעווענדעט ווערן לגבי אונדז אין פּוילן.

אַ וויכטיקער פאַקטאָר פון דערמוטיקונג איז געווען דער לאַנד־צוזאַמענפאָר פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט, וועלכער איז פאָרגעקומען אין ווראָצלאַוו אין חודש אָקטאָבער 1949.

די יידישע קולטור־געזעלשאַפט האָט אין משך פון די צוויי יאָר פון איר עקסיסטענץ באַוויזן צו קאָנצענטרירן אַרום זיך אַ גרויסע צאָל אַקטיווע טוערס, וועלכע זענען אין אונטערשייד צו די טוערס פון די יידישע קאָמיטעטן נישט געווען קיין געצאָלטע אָנגעשטעלטע. דאָס זענען דער עיקר געווען יידישע אַר־בעטס־מענטשן, דערצויגענע אין דער קולטור־סביבה פון די פאַרמלחמהדיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און בילדונגס־אָרגאַניזאַציעס, איבערגעגעבענע פריינד פון יידישן בוך, פון דער יידישער פּרעסע, אָנטיילנעמערס אין די פאַרשידנסטע פאָרמען פון יידישער אַמאַטאָרן־קונסט, שטענדיקע באַזוכערס פון די קולטור־אונטערנעמונגען. אַ באַזונדער ראָל ביים אַנטוויקלען די פאַרשידנסטע פאָרמען און אויסדרוקן פון יידישן קולטור־שאַפן האָבן געשפּילט די לערערס פון די עק־סיסטירנדיקע צו יענער צייט 19 יידישע שולן. 15 טויזנט מיטגלידער, אָרגאַני־זירטע אין 49 אָרטיקע אָפּטיילונגען פון דער קולטור־געזעלשאַפט, האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די באַזע פאַר דער פאַרשידנאַרטיקער קולטור־טעטיקייט — פאַר דער אַרבעט אין די עקסיסטירנדיקע 20 קולטור־קלובן, 13 דראַמאַטישע קרייזן, 7 כאָרן, 4 אָרקעסטערס, 69 קרייזן צום ליקווידירן דעם אַנאַלפאַבעטיזם און אָוונט־

קורסן מיט קרוב אַנדערטהאַלבן טויזנט שילערס. צו יענער צייט זענען שוין געווען 43 יידישע ביבליאָטעקן מיט 50 טויזנט ביכער און העכער 4000 שטענדיקע אַבאָ־נענטן, וועלכע האָבן זיך צוריק באַהעפט מיטן יידישן בוך נאָך יאָרן פון געצוווּנגענער אָפּגעריסנקייט.

מיר האָבן פון פאָרויס פּלאַנירט און זיך געגרייט צו פאַרוואַנדלען דעם צוזאַ־מענפאָר אין אַ קולטור־יום־טוב, וואָס זאָל אַנטקעגנווירקן די גערדריקטע שטימונ־גען צווישן אַ טייל יידן. חוץ רעפעראַטן — סיי פון אידעאָלאָגישן און סיי פון אָרגאַניזאַציאָנעל־אַפּעראַטיוון כאַראַקטער — זאָל נישט בלויז איינשטעלונגען און ציפערן באַשטעטיקן די ווירקלעכע אויפטוען פאַר אַ קורצער צייט, נאָר טייל דערגרייכונגען זאָלן דעמאָנסטרירט ווערן אויפן אָרט, אין גאַנג פון צוזאַמענפאָר. פון אַ סך שטעט און שטעטלעך זענען געקומען די אָנטיילנעמערס אין די פאַרשידנסטע פאָרמען פון יידישער אַמאַטאָרן־קונסט. דער איינגעאָרדנטער פעסטיוואַל האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו באַווייזן אינטערעסאַנטע ספּעקטאַקלען פון דראַמאַטישע קרייזן, אויפטריטן פון כאָרן און טאַנץ־גרופּן, ווי אויך צו הערן דאָס געזאַנג פון פעיִקע סאָליסטן און דאָס קינסטלערישע פאָרלייענען פון רעצי־טאַטאָרן. דער פעסטיוואַל האָט באַוויזן וויפל טאַלאַנטן עס זענען פאַראַן צווישן דעם יידישן עולם און ווי איבערגעגעבן עס מיִען זיך די הונדערטער אָנטיילנעמערס אין דער יידישער אַמאַטאָרן־קונסט. טייל כאָרן זענען אויך אויפגעטרעטן מיט יידישע פאָלקס־לידער אין דעם וורראָצלאַווער ראַדיאָ.

אין דעם אָרטיקן היסטאָרישן מוזיי איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אויסשטעלונג פון 200 בילדער פון יידישע פּלאַסטיקערס. פיל טויזנטער יידן און פּאָליאַקן האָבן באַזוכט די אויסשטעלונג, וועלכע האָט באַקומען אַ הויכע אָפּשאַצונג מצד קונסט־קריטיקער אויפן אָרט און אין דער פּרעסע. די וורראָצלאַווער יידישע ביבליאָטעק האָט איינגעאָרדנט אַ ביכער־אויסשטעלונג. דער וורראָצלאַווער יידישער טעאַטער (אָנגעפירט פון יצחק גרודבערג־טורקאָוו, שעפטל זאַק און יעקב קורלענדער) האָט צוגעגרייט אַ ספּעציעלע פּרעמיערע־פאָרשטעלונג, חיים סלאָוועסעס קאָמעדיע „המנס מפּלה”.

כדי דאָס בילד פון די פילזייטיקע קולטור־אויפטוען זאָל זיין אַ פולס, זענען די הויפּט־רעפעראַטן מיט דעם אַלגעמיינעם סך הכל און די אָנגעצייכנטע ריכטליניעס פאַר דער צוקונפט באַגלייט געוואָרן מיט קאָררעפעראַטן וועגן יעדן קולטור־געביט באַזונדער.

דער רעזאָנאַנס פון דעם צוזאַמענפאָר האָט געדאַרפט זיין אַ וואָס גרעסערער אויך מחוץ פוילן. מיר האָבן געשיקט איינלאַדונגען צו פאָרשטייערס פון יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין אַ ריי לענדער, דער עיקר צו „לינקע”, מיט וועלכע מיר זענען געשטאַנען אין פאַרבינדונג. געקומען זענען פון פראַנקרייך ד״ר ח. סלאָוועס און דער סעקרעטאַר פון „אוניאָן”, מאַניקאָווסקי; פון „איקוף” אין די פאַראייניקטע שטאַטן — די קינסטלערס פרענק קוירק און וויליאַם גראָפּער; פון קאַנאַדע — דער פאָרדינסטפולער קולטור־טוער ש. ליפּשיץ; פון רומעניע —

דער רעזשיסאָר פון יידישן טעאַטער איזאַ שאַפּיראָ; פון מעקסיקע — דער שרייבער לעאָ קאַץ. אַ סך באַגריסונגען זענען אָנגעקומען פון פאַרשידענע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, פון יידישע שרייבערס און געזעלשאַפטלעכע טוערס פון אַלע עקן וועלט. געשאַפן האָט עס דאָס געפיל פון נאָענטקייט, פון פאַרבונדקייט מיטן יידישן לעבן אין פאַרשידענע לענדער און דאָס אין אַ צייט, ווען אין דער אַטמאָספער פון דער שטייגנדיקער "קאַלטער מלחמה" האָט געדראָט, אַז די פאַרבינדונגס־פעדעם מיט אויסלאַנד זאָלן אין גאַנצן איבערגעריסן ווערן.

ביים צוגרייטן דעם צוזאַמענפאָר האָט געהאַט אַן אָרט אַ שטאַרקער גרילץ, וועלכן ס'איז אויסגעקומען צו פאַרשווייגן.

בעתן פאָרשטעלן פאַר דעם מיטגליד פון פּאָליטביוראָ פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי יעקב בערמאַן דעם פּלאַן פון דעם צוזאַמענפאָר, האָבן מיר אויסגעדריקט דעם פאַרלאַנג, אַז עס זאָל דעלעגירט ווערן אַן אָפיציעלער פאָרשטייער פון דער רעגירונג צום צוזאַמענפאָר, וועלכער זאָל מיט זיין רעדע דערמוטיקן די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין פּוילן. לויטן אויפטראָג פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג האָב איך זיך געווענדעט צום דעמאָלטיקן פאַקטישן אָנפירער פון קולטור־מיניסטעריום, וולאָדזשימיעזש סאָקאָרסקי. (הגם מיניסטער איז געווען דער פאָרשטייער פון דער פּויערים־פּאַרטיי, סטעפאַן דיבאָווסקי). בעת איך האָב סאָקאָרסקין פאָרגעשטעלט די באַטייטונג פון דעם צוזאַמענפאָר, האָט ער מיר נערוועז איבערגעריסן מיט דער דערקלערונג, אַז ער פאַרשטייט עס זייער גוט, אָבער... ער וועט נישט קומען, ער איז שטאַרק פאַרנומען. בעת־מעשה האָט זיין אָפּזאָג מיר אויסגעזען צו זיין בלויז אַ גרינגשעצנדיקער לגבי דעם אויפטראָג פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג. שפּעטער איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז סאָקאָרסקיס אָפּזאָג האָט געשטאַמט פון זיין פיינטלעכער באַציִונג צו יידן בכלל. וועגן דעם האָבן געוווסט די מענטשן פון דעם געשאַפענעם בעת דער מלחמה ביוראָ פון פּוילישע קאָמוניסטן אין מאָסקווע *). אַלס פאָרשטייער פון דער רעגירונג איז דעלעגירט געוואָרן דער געוועזענער טוער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פפ"ס), דער שפּעטערדיקער פאָרזיצער פון מלוכה־ראַט, הענריק יאַבלאָנסקי.

יענע טעג אין ווראָצלאַוו האָבן זיך לאַנג פאַרגעדענקט. העכער 300 דעלעגאַטן זענען געקומען פון שטעט און שטעטלעך, ווו עס זענען געווען יידישע יישובים. די וולאָדקאָוויץ־גאַס איז געווען פול מיט יידישע מענטשן. איבער דער ברייט פון דער גאַס זענען אויף לייוונטן געווען מיט גרויסע יידישע אותיות געמאָלט באַגריסונגס־ווערטער לכבוד די בויערס פון דער יידישער קולטור, לכבוד די דעלעגאַטן.

---

*) וול. סאָקאָרסקי האָט אינטריגירט, אָנשפּאַרנדיק ביז סטאַלינען, קעגן דעם שעפער פון דער אידיש־פּאָליטישער קאָנצעפּציע וועגן דעם קומענדיקן אייגנאַרטיקן מלוכה־בוי פון דעם באַפרייטן פּוילן, אַלפרעד לאַמפּע און זיינע אָנהענגער — אַלטע קאָמוניסטן (אין זייער מערהייט פון יידישן אָפּשטאַם) אָנטקעגנשטעלנדיק זיינע "אַן אייגענע" — אַ קאָפּירטע סאָוועטישע סכעמע. אין סאָקאָרסקיס אינטריגעס האָט דער אַנטי־יידישער נאַכריח זיך שטאַרק געלאָזט פילן.

די יום־טובדיקייט האָט אַפילו נישט געליטן דערפון, וואָס דער צוזאַמענפאַר איז אין הסכם מיט די אַלגעמיינע איינשטעלונגען וועגן קאַמף קעגן רעכטן נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג, דורכגעגאַנגען אונטער די לאָזונגען פון קאַמף קעגן יידישן נאַציאָנאַליזם, קעגן ציוניזם. געקומען איז עס צום אויסדרוק אין מיינע, אַלס פאַרזיצער פון דער קולטור־געזעלשאַפט, רעדעס בעתן עפענען און שליסן דעם צוזאַמענפאַר, אין דעם באַריכט־רעפעראַט פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קולטור־געזעלשאַפט, ד״ר י. ספאַרד, אין דעם רעפעראַט פון מ. מירסקי וועגן דעם אידעאָלאָגישן יסוד פון אונדזער קולטור־שאַפונג, ווי אויך אין איניקע קאָררעפעראַטן (וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין נייעם פוילן — פון בינעם העלער; וועגן דער יידישער היסטאָרישער וויסנשאַפט אין פוילן — פון בער מאַרק). פּראַקטישע קולטור־ענינים איז געווען געווידמעט דער רעפעראַט פון וויצע־פאַרזיצער פון דער קולטור־געזעלשאַפט, ש. הורוויטש. מיט קאָררעפעראַטן זענען נאָך אַרויסגעטראָטן אידאַ קאַמינסקאַ — וועגן יידישן טעאַטער; ל. לאָזאָווסקי — וועגן די יידישע מלוכה־שולן און העגריק העכטקאָפּף — וועגן דער יידישער פּלאַסטישער קונסט.

די ברייט־אַנטוויקלטע דיסקוסיע האָט דער עיקר אַרויסגעבראַכט די דערגרייכונגען און פּראָבלעמען פון דער קאָנקרעטער קולטור־טעטיקייט אין די שטעט און שטעטלעך. פּאָלעמישע אַקצענטן זענען אַרויסגעקומען נאָך דער אַרויסטרעטונג פון מגר׳ הערש וואַסער, וועלכער האָט אַלס צענטראַלער טוער פון דער פאַרקריגיקטער ציוניסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (לינקע פּועלי־ציון און השומר הצעיר אין פוילן) געצויגן די אויפמערקזאַמקייט אויף דער נויטיקייט צו דערקענען און צואייגענען די קולטור־דערגרייכונגען פון מדינת־ישראל. מיט אַ צייט צוריק וואָלט דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט נישט אַרויסגערופן קיין דערווידערונג, בפרט אַז צו הערש וואַסער, אַלס נאָענטן מיטאַרבעטער פון ד״ר רינגעלבלום ביים שאַפן דעם געטאָ־אַרכיוו, איז געווען אַ ספּעציעל־פריינטלעכע באַציִונג. אין דער דעמאָלטיקער אַטמאָספער פון קאַמף קעגן רעכט־נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג האָט עס געבראַכט דערצו, אַז שמעון זאַכאַריאַש, וועלכער האָט רעזומירט די דיסקוסיע, איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער רעדע פון ה. וואַסער און קעגן די איינשטעלונגען אין ד״ר אַדאָלף בערמאַנס אַ רעדע אויף דער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין פּאַריז. אויף אַזאַ אופן האָט דער קאַמף קעגן רעכטן נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג באַקומען אויף דעם קולטור־צוזאַמענפאַר אַ קאָנקרעטן אַדרעסאַט.

אַ באַשטימטע קאָנסטערנאַציע האָט ביים עולם אַרויסגערופן ש. זאַכאַריאַשס קריטיק פון חיים סלאָוועסעס קאָמעדיע „המנס מפלה״, וועלכע איז מיט אַן אָוונט פריער געוויזן געוואָרן די דעלעגאַטן און איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס צופרידנקייט, הן צוליב איר אַקטועלער טענדענץ, נאָך דער מפלה פון היטלערן, און הן צוליב איר אָריגינעלן, „קאָמעדי דע ל׳אַרטע״־געבוי און קאָלירפולער אויפפירונג. אין דער דאָזיקער קאָמעדיע האָט ש. זאַכאַריאַש איינגעזען... יידישן נאַציאָנאַליזם.

נישט אויף לאַנג איז געבליבן דער איינדרוק פון דער דאָזיקער, פאַרשטענד־

לעכער אין יענער צייט קריטיק. די דעלעגאַטן זענען זיך פאַנאַנדערגעפאָרן מיטן אַלגעמיינעם איינדרוק, אַז נישט געקוקט אויף דער שווערער צייט שטייען אונדז פאַר מעגלעכקייטן צום פאַרווירקלעכן די אויפגאַבן, וואָס דער קולטור־צוזאַמענפאָר האָט אָנגעמערקט.

פאַר אונדז, די טוערס פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן, האָט דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר אַרויסגעבראַכט דאָס פאָרבילד ווי אַזוי עס דאַרף אין דער געשאַפענער לאַגע אויסזען דאָס ווייטערדיקע יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן.

ג) דער וועג צום באַוואָרענען זיך

ווען אידאַ קאַמינסקאַ האָט געמאָלדן דעם קולטור־צוזאַמענפאָר, אַז פון 1טן יאַנואַר 1950 וועט דער יידישער טעאַטער אין פוילן צום ערשטן מאָל באַקומען אַלע מלוכהשע רעכט און וועט הייסן: „מלוכהשער יידישער טעאַטער", האָט עס ביי אַלעמען אַרויסגערופן גרויס באַגייסטערונג. צוזאַמען מיט דעם אַקט פון פול־שטענדיקער גלייכבארעכטיקונג (וואָס איז אגב גלייך באַוויזן געוואָרן דורך דעם באַשלוס פון קולטור־מיניסטעריום, אַז צוזאַמען מיט די בעסטע פוילישע טעאַטערס אין לאַנד זאָל אויך דער יידישער זיך באַטייליקן אין דעם פעסטיוואַל פון דער דראַמאַטישער קונסט) איז געקומען די פאַרזיכערונג, אַז אונדזער טעאַטער וועט געניסן פון דער פולער פינאַנציעלער הילף מצד דעם מלוכה־בודזשעט. עס איז אַזוי אַרום אָפּגעפאַלן אַן עיקרדיקע זאָרג פאַר דער ווייטערדיקער עקסיסטענץ פון אונדזער טעאַטער.

גערעדט האָט זיך אָבער דערביי וועגן איין טעאַטער, הגם מיר האָבן דעמאָלט פאַרמאָגט צוויי — איינעם אין לאָדזש און איינעם אין ווראָצלאַוו. צוזאַמען מיט די אָרגאַניזאַטאָרן און פאַרשטייערס פוןביידע טעאַטערס האָבן מיר באַשלאָסן זיי צונויפגיסן אונטער דער קינסטלערישער אָנפירונג פון אידאַ קאַמינסקאַ. נישט אַלע זענען פון דעם באַשלוס צופרידן געווען. געשפילט האָט דאָ אַ געוויסע ראָל דער נידערשלעזישער רעגיאָנאַליזם און ס'איז אויסגעקומען צו געפינען אַ באַשייד פאַר די לאָקאַלע באַוואָרענישן. די באַזע פון דעם טעאַטער איז געווען אין לאָדזש, ווו ס'האָט זיך צו יענער צייט קאָנצענטרירט די גרעסטע צאָל יידישע אינטעלי־גענץ — שרייבערס, פּלאַסטיקערס, וויסנשאַפטלערס. אין לאָדזש איז שוין אויך געווען אַן אָנגעזאַמלטע טעאַטער־דערפאַרונג פון זינט עס האָט זיך דאָרט אָרגאַ־ניזירט דאָס יידישע קולטור־לעבן. דאָרט איז אויפגעקומען דער ערשטער נאָך דער מלחמה יידישער טעאַטער בראש מיט דעם באַוווסטן בינע־קינסטלער משה ליפּמאַן און מיט אַ קאָלעקטיוו דערפאַרענע יידישע אַקטיאָרן (אַזעלכע ווי פּריזאַ־מענט, עני ליטאַן א"א) וועלכע זענען צוריקגעקומען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

בעת מעשה איז אָבער אויפגעקומען די זעלבע זאָרג, ווי ביים איבערנעמען דורך דער מלוכה אַלע אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס: ווי אַזוי פאַרזיכערן, אַז דער טעאַטער זאָל הן מיט זיין רעפּערטואַר און הן מיט זיין קינסטלערישער

ליניע זיך אַנטוויקלען ווי אַ קולטור־ווירקנדיקער נאַציאָנאַלער פּאַקטאָר, וויבאַלד ער וועט אָפּהענגיק זיין פון די אַלגעמיין־מלוכהשע אָרגאַנען און נאָרמעס. וועגן דעם האָבן מיר ערב דעם קולטור־צוזאַמענפאָר זיך בּאַראַטן מיט די אָנפירערס פון דעם טעאַטער. אונדזער אַלעמענס שטעלונג האָט אין איר רעדע אַרויסגעבראַכט, אין אַ געוויסער מאָס, אידאַ קאַמינסקאַ: ס׳מוז איינגעשטעלט ווערן אַן ענגער געזעלשאַפטלעכער קאָנטאַקט צווישן דעם טעאַטער און דער יידישער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפטלעכקייט; אין דער אַרבעט פון טעאַטער דאַרף עס באַקומען דעם אויסדרוק דורך שאַפן אַ באַראַטנדיקן געזעלשאַפטלעכן אָרגאַן, וואָס זאָל אורטיילן קודם־כל וועגן די רעפּערטואַר־פּלענער, ווי אויך וועגן אַלע אַנדערע וועזנטלעכע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צום טעאַטער, צום קינסטלערישן קאָלעקטיוו, צו זיין קאָנסאָלידירונג און מעגלעכקייטן פון אַנטוויקלונג. אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען דער טעאַטער־ראַט. אין זיין באַשטאַנד האָבן זיך געפונען פאָרשטייערס פון דער דירעקציע, ווי אויך אַ טייל אַקטיאָרן און צוזאַמען מיט ספּעציעל־דעלעגירטע מצד דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן (שפּעטער — מצד דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד). געווען איז עס אַן אינאָוואַציע, וואָס האָט קיין פּרעצעדענט נישט געהאַט אין דעם טעאַטער־לעבן אין פּוילן. דערויף האָבן מיר באַקומען אַ הסכם מצד דעם קולטור־מיניסטעריום. אין משך פון קרוב צוויי צענדליק יאָר איז דער טעאַטער־ראַט געווען אַ ווירקנדיקער געזעל־שאַפטלעכער אָרגאַן צום באַהאַנדלען און לייזן די פּילצאָליקע, אָפט קאָמפּליצירטע פראַגן, וואָס זענען אויפגעקומען פאַרן טעאַטער אַלס איינע פון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס אין דעם קולטור־לעבן פון די יידן אין פּוילן.

מיט טיילוויז אַן ענלעכן וועג זענען מיר געגאַנגען, ווען פאַר אונדז איז אויפ־געקומען אַ לחלוטין נייע סיטואַציע פאַר דער אינסטיטוציע, וואָס איז פון דעם ערשטן טאָג אָן, ווי עס איז אַנטשטאַנען דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן (נאָך אין לובלין), באַטראַכט געוואָרן ווי איינע פון די וויכטיקסטע פאַר דעם ניי־אויפגעקומענעם יידישן יִשוב — די צענטראַלע יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע. פון לובלין איז זי אַריבער קיין לאָדזש, וווּ עס האָט זיך קאָנצענטרירט אַ באַטייטנדיקע צאָל יידישע אינטעליגענץ און איז געווען איינער פון די צאָל־מעסיק־גרעסטע יידישע יִשובים. פּאַראַלעל האָט זייער אַקטיוו געאַרבעט די יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע אין קראָקע, וועלכע האָט געהאַט באַזונדער גרויסע דערגרייכונגען אין דער פאַרלעגערישער אַרבעט,ביים אַרויסגעבן אַרטיקע דאָקו־מענטן, טאָג־ביכער און גבית־עדותן וועגן דער צייט פון יידישן אומקום און ווידערשטאַנד.

מיטן מאָמענט, ווען דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן איז פון לובלין אַריבער קיין וואַרשע, איז אויפגעקומען די נויטיקייט, אַז אויך די צענטראַלע יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע זאָל זיך געפינען אין דער הויפּט־שטאָט. צו דעם צוועק איז צוריק אויפגעבויט געוואָרן דער בנין, וווּ עס האָט פאַר דער מלחמה זיך געפונען דער יודאַיִסטישער אינסטיטוט. (אין שכנות מיט דער גרויסער סינאַ־

גאַגע, וועלכע איז לויטן באַפעל פון דעם פאַרניכטער פון וואַרשעווער געטאָ, עס־עס־גענעראַל יורגען סטראָאָפּ, אויפגעריסן געוואָרן אַלס צייכן, אַז „וואַרשע איז שוין יודענריין"). אין דער דאָזיקער געביידע איז אויך געווען די רעדאַקציע פונעם אָרגאַן פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט „דאָס נייע לעבן" און אונדזער אייגענע יידישע דרוקעריי. דער איבערגאַנג קיין וואַרשע האָט מיט זיך געבראַכט אייניקע וועזנטלעכע ענדערונגען אין דעם סטאַטוס און אויפגאַבן פון דער אינסטיטוציע, וועלכע האָט שוין צו יענער צייט פאַרמאָגט אַ גרויסן און וויכטיקן דאָקומענטאַלן מאַטעריאַל, קודם־כל וואָס שייך דער לאַגע, דעם ווידערשטאַנד און אומקום פון די יידן אין די געטאָס פון פוילן. חוץ דעם איז אויפגעקומען די נויטיקייט אַרויס־צוברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט די מאַטעריאַלן, וואָס זענען אַ דאַנק די אָנ־ווייזונגען פונעם געוועזענעם סעקרעטאַר פון דעם „עונג שבת"־קאָלעקטיוו*) הערש וואַסער, אויסגעגראָבן געוואָרן (דעם 18טן סעפטעמבער 1946) פון אונטער די חורבות פון דער געביידע אויף נאָוואָליפּקי־גאַס נומ' 68. געווען זענען עס די מאַטעריאַלן פון דעם ערשטן טייל פון רינגעלבלום־אַרכיוו. (דער צווייטער טייל איז אָפּגעפונען געוואָרן ערשט אין דעצעמבער 1950). פאַר דער רעגירונג איז געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן פאַרוואַנדלען די צענטראַלע יידישע היס־טאָרישע קאָמיסיע אין אַן אינסטיטוט. דער פּאָזיטיווער רעגירונגס־באַשלוס האָט פאַרגעזען די אויסברייטערונג פון די פונקציעס און קאָמפּעטענצן פון דער אינסטי־טוציע, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט" און איז אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן איינגעשלאָסן געוואָרן אין די ראַמען פון דער פּוילישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. כדי צו פאַרזיכערן די פולע זעלבשטענדיקייט פון אינסטיטוט, וועלכער וואָלט פאָרמעל געדאַרפט זיין בלויז אַ סוב־סעקציע אין דעם אַלגעמיינעם אינסטיטוט פון געשיכטע פון דער פּוילישער וויסנשאַפט־אַקאַ־דעמיע, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז עס ווערט געשאַפן אַ געזעלשאַפט מיטן נאָמען „יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט", וואָס וועט זיך געפינען אין די ראַמען פון דער פּוילישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע און וועט דורך איר סובסידירט ווערן. אויף אַזאַ אופן זענען געלייזט געוואָרן ביידע אויפגעקומענע בעת־מעשה פּראָבלעמען: די באַוואָרענונג פון דער זעלבשטענדיקייט פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, פון זיין געזעלשאַפטלעך־יידישן כאַראַקטער און די מאַטעריעלע פאַרזיכערונג, וועלכע איז נאָכן ליקווידירן דעם „דזשאָינט" אין פּוילן געוואָרן אַן עיקר־באַדינג פאַר רעאַליזירן די אויסגעוואַקסענע אויפגאַבן פון דעם אינסטיטוט.

פיל זאָרג האָט אונדז פאַרשאַפט די פראַגע וועגן יידישע וויסנשאַפטלעכע קאַדרען, וועלכע זאָלן פאַרזיכערן די אַנטוויקלונג און ניוואָ פון דער פאַרשונגס־אַרבעט און פון די אויסגאַבן פון דעם אינסטיטוט — די „בלעטער פאַר געשיכטע"

---

*) „עונג שבת" איז געווען דער קריפּטאָנים פון דער פאַרקאָנספּירירטער אינסטיטוציע אין וואַרשעווער געטאָ, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען ד"ר עמנואל רינגעלבלום, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט זאַמלען מאַטעריאַלן, דאָקומענטן, באַשרייבונגען, ליטע־ראַרישע שאַפונגען א"א וועגן לעבן, קאַמף און אומקום פון די יידן.

אין יידיש און דעם „ביולעטין" אין פויליש. צו יענער צייט האָבן עמיגרירט פון פוילן די אָנפירער פון דער וואָיעוואָדישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין קראָקע — מיכאל באָרוויטש (באָרוכאָוויטש), אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער אין דער אַנטיהיטלערישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, און יוסף וואולף, אַ געוועזענער אסיר אין אָשוויענטשים. די טעטיקייט פון דער דאָזיקער קאָמיסיע, וועלכע האָט גלייך נאָך דער באַפרייונג אָנגעהויבן אינטענסיוו צו זאַמלען דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן, גבית־עדותן פון געראַטעוועטע וועגן דער היטלערישער אויסראָטונג און יידישן ווידערשטאַנד־קאַמף, איז נאָך זייער אַוועקפאָרן אָפּגעשוואַכט געוואָרן. געוווּסט האָבן מיר אויך, אַז דער אָנפירער פון דער צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין איר לאָדזשער פעריאָד, נחמן בלומענטאַל און דער היסטאָריקער ד"ר יוסף קערמיש האָבן בדעה צו באַזעצן זיך אין ישראל. דעם דירעקטאָר פון דעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט בער מאַרק *), האָט זיך איינגעגעבן צו רעאָרגאַניזירן און אויסברייטערן די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט (קום־כל וואָס שייך דעם גורל פון דער יידישער באַפעלקערונג בעת דער היטלערישער אָקופּאַציע) מיט דער הילף פון קאָלעקטיוו, צו וועלכן עס האָבן געהערט דער נאָענטער חבר פון ד"ר עמנואל רינגעלבלום — אהרון אייזנבאַך (מיט יאָרן שפּעטער באַקומען דעם פּראָפעסאָרן־טיטל), דער היסטאָריקער רפאל גערבער (שפּעטער — פּראָפעסאָר, אַ צייט געווען סעקרעטאַר פון אינסטיטוט), די פאָרשערס פון דער אָקופּאַציע־צייט, טאַטיאַנאַ בערנשטיין, א. רוטקאָווסקי, דער פאָרשער פון די קהילה־פּנקסים און גרינטלעכער קענער פון דער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור — אפרים קופּפער, דער קונסט־פאָרשער י. סאַנדעל, און אַ ריי אַנדערע מיטאַרבעטער פון דעם וואַקסנדיקן אַרכיוו, פון דער גרויסער ביבליאָטעק און פון אַנדערע אינסטיטוט־אָפּטיילן.

אין הסכם מיט דעם נייעם סטאַטוט האָבן די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט „יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט" אויסגעוויילט אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אַ פאַרוואַלטונג. אין איר באַשטאַנד זענען אַריין די אָנפירערס פון דעם אינסטיטוט, אייניקע אַקטיווע פריינד און העלפערס, ווי אויך פאָרשטייערס פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן.

אַזוי אַרום איז לגבי דעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, ווי לגבי דעם יידישן מלוכה־טעאַטער, געשאַפן געוואָרן די ראַם, וואָס האָט אין דער נייער סיטואַציע, ביי זייער נייעם סטאַטוס, פאַרבונדן די דאָזיקע וויכטיקסטע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס מיטן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַלס זיינע גרונט־טיילן.

אַנדערש האָט זיך פאָרגעשטעלט די לאַגע מיט דעם יידישן ליטעראַטן־ און

*) מיט 4 יאָר שפּעטער האָט דער מלוכה־ראַט פון דער פוילישער פאָלקס־רעפּובליק, לויט דער רעקאָמענדאַציע פון דער פוילישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע באַשלאָסן צו געבן בער מאַרקן דעם פּראָפעסאָר־טיטל, אָפּשאַצנדיק זיינע פאַרדינסטן פאַר דער היסטאָרישער וויסנשאַפט הן מיט זיינע פאַרמלחמהדיקע ווערק און הן מיט זיין פאָרשונג פון יידישן קאַמף אין אומקום בשעת דער אָקופּאַציע.

זשורנאַליסטן־פּאַראיין, וועלכער איז גלייך נאָך דער באַפרייונג געשאַפן געוואָרן אין לאָדזש און איז געוואָרן אַ צענטראַלע קולטור־שאַפערישע פּאָזיציע פון דעם ניי־אויפקומענדיקן יידישן יישוב. דאָס הויז אין לאָדזש, אויף נאַרוטאָוויטש־גאַס 23, איז געוואָרן דער צענטראַלער זאַמל־פונקט פאַר אַלע יידישע פען־מענטשן, פאַר די לעבנגעבליבענע נאָכן געטאָ און קאַצעטן, פאַר די אַרויסגעקומענע פון באַהעלטענישן אויף דער אַרישער זייט און פאַר די אַלע, וועלכע זענען מיט דער רעפּאַטריאַציע צוריקגעקומען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. בראש פון דעם יידישן ליטע־ראַטן־ און זשורנאַליסטן פאַראיין זענען געשטאַנען לעאָ פינקעלשטיין אַלס פאַר־זיצער, בער מאַרק — וויצע פאַרזיצער און משה גראָסמאַן (נאָך זיין אַוועקפאָרן — אברהם זאַק) אַלס סעקרעטאַר. הגם שרייבערס מיט פאַרשידענע, אָפט קעגנזעצלעכע פּאָליטישע אַנשויונגען, איז אָבער אַלעמענס שטרעבונג געווען אויפצולעבן אין דער דאָזיקער געביידע דעם נוסח פון דעם באַוווסטן אין דער גאָרער יידישער וועלט וואַרשעווער ליטעראַטור־צענטער אויף טלאָמאַצקע 13. וועגן דעם גורל פון דער יידישער ליטעראַטור נאָכן מוראדיקן חורבן, וועגן די פּלענער און פאַרמאָגטע כתב־ידן פון דיכטערס, פּראָזאַיקערס און קריטיקערס — וועגן דעם איז קודם־כל געווען אַ רייד ביי די טישלעך פון די רחבותדיקע זאַלן בעתן מיטאָגעסן אין ניי־אַנטשטאַנענעם יידישן שרייבער־צענטער. מען איז אַהין געקומען נאָך הילף ביים איינאָרדענען זיך — געפינען אַ דירה, באַקומען קליידונג, שפּייז־אַרטיקלען און שיקן די קינדער לערנען. פאַר דעם אַלעמען האָט געזאָרגט, אָט אַזוי ווי אין געטאָ, די שרייבערין רחל אויערבאַך. מיט דער ברייטער האַנט איז אין אַלץ אַנטקעגנ־געקומען דער לאָדזשער יידישער קאָמיטעט.

אין דעם גרויסן זאַל פון דעם שרייבער־הויז זענען אָפט פאָרגעקומען עפנטלעכע קולטור־אונטערנעמונגען, ליטעראַרישע אָוונטן, דיסקוסיעס אויף קולטור־היסטאָ־רישע טעמעס, וועלכע פלעגן צוציִען אַן אָפּגעקליבענעם עולם פון יידישער פאָלקס־אינטעליגענץ. פון אָנהייב אָן האָט זיך אין דער געביידע פון יידישן ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין לאָדזש איינגעשטעלט דער גייסט פון טאָלעראַנץ לגבי אָנגעהעריקע צו פאַרשידענע פּאָליטישע ריכטונגען. אַלעמען האָט געדינט די טריבונע אויף נאַרוטאָוויטש־גאַס פריי אַרויסצוזאָגן זייערע שטעלונגען לגבי די פאַרשידנסטע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן. די דאָזיקע טאָלעראַנץ איז באַזונ־דערס בולט אַרויסגעוויזן געוואָרן בעתן אויפנעמען געקומענע פון אויסלאַנד, אפילו לגבי אַזעלכע, וועלכע זענען נישט אַלע מאָל גרייט געווען צו העלפן. אַ סך פריינדשאַפט האָבן באַגעגנט די שרייבערס פון ישראל, דער אינטערעס צו דער דאָרטיקער העברעיִשער און יידישער ליטעראַטור איז געווען אַן אַלגעמיינער. בפרט ווען אַזאַ ישראל־דיכטער, ווי בנימין טענענבוים (הייגט — טנה), וועלכער איז אַ לענגערע צייט געווען אין פּוילן און האָט איבערגעזעצט אין עברית די שאַפונגען פון אַ ריי יידישע פּאָעטן — ער האָט אומעטום באַגעגנט די סאַמע פריינטלעכסטע באַציִונג.

מיט גרויס דרך־ארץ איז אין יידישן שרייבער־פאַראיין אויפגענומען געוואָרן

איליאַ ערענבורג, ווי אויך אַ דעלעגאַציע פון באַוווסטע סאָוועטישע שרייבערס. ביי אַ סך איז נאָך פריש געווען אין זכרון די הילף, וואָס די סאָוועטישע שרייבער־אָרגאַניזאַציע און באַוווסטע ליטעראַטן האָבן געגעבן די פּליטים־שרייבערס אין דער שווערסטער מלחמה־צייט.

ביי דעם אַלעמען, וואָס עס האָט נאָך די מוראדיקע מלחמה־יאָרן געגעבן די יידישע פּען־מענטשן די מעגלעכקייט זיך אומצוקערן צו אַן איינגעאָרדנטן לעבן, ביי אַ גרויסער אויפמערקזאַמקייט און פריינדשאַפט מצד די אָנפירנדיקע פאַקטאָרן און מצד מאַסן יידישע פאָלקס־מענטשן, וועלכע פלעגן זייער גערן קומען אויף די פּילצאַליקע באַגעגענישן מיט די שרייבערס — האָט זיך אָבער געפילט, אַז אויף אַ צווייטער פלאַך, אויף אַ נישט עפנטלעכן אופן, קומט פאָר ביי אַ סך שרייבערס און זשורנאַליסטן אַן אינערלעכער געראַנגל: וואָס טוט מען ווייטער? בלייבן אין פוילן, אָדער זיך לאָזן אין דער וועלט? וווהין? אַלץ אָפטער פלעגט בלייבן ליידיק אַ פּלאַץ פון אַ תושב אין יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין. ווען אין שליחות פון פאַראיין, אַלס דעלעגאַט אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פּען־קאָנגרעס, איז געפאָרן קיין שוועדן די באַקאַנטע יידישע דיכטערין רחל קאָרן און איז מער נישט צוריקגעקומען, האָט עס ביי אַ סך פאַרשטאַרקט דעם אומרו — אפשר דאַרף מען זיך קלייבן אין וועג אַריין? שווער, זייער שווער האָב איך איבערגעלעבט די ידיעה, אַז ס'איז אַוועקגעפאָרן ז'ער דיכטער אברהם סוצקעווער. הגם פאַר דער צייט, ווען ער האָט זיך געפונען אין לאָדזש, האָט ער זיך זעלטן באַטייליקט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, (עס האָט זיך פאַרגעדענקט בלויז אַ ספּע־ציעלער אָוונט, וואָס עס האָבן לכבוד אים און חיים גראַדען איינגעאָרדנט די ווילנער לאַנדסלייט), האָט אָבער דער בלויזער פאַקט, וואָס ער, דער באַרימטער דיכטער פון ווילנער געטאָ, דער דיכטער־פּאַרטיזאַן, געפינט זיך אין פוילן, צו־געגעבן חשיבות דעם יישוב. דער פאַקט, וואָס אַנדערש ווי אַ סך אַנדערע שרייבער, האָט ער גאַנץ קורץ זיך פאַרהאַלטן אין פּאַריז און אין דער סאַמע שווערסטער צייט — ערב דער באַפרייונגס־מלחמה — זיך געלאָזט קיין ישראל, האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו ענטפערן איליאַ ערענבורגן, בעתן באַגעגענען זיך אין וורצלאַוו אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן צונויפקומען פון אינטעלעקטואַלן לטובת דעם שלום, אַז א. סוצקעווער איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל אַלס דיכטער (אָרגאַ־ניזאַטאָר און רעדאַקטאָר פון דער „גאָלדענער קייט") און אַלס פּאַרטיזאַן (אין די באַדינגונגען פון גורלדיקן קאַמף פאַר דער עקסיסטענץ פון דער אַנטשטאַנענער מדינת ישראל). ערענבורג האָט מיט צופרידנקייט מיר געדריקט די האַנט.

אַוועקגעפאָרן און אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל איז אויך משה גראָסמאַן, וועלכער איז נאָך פאַר דער מלחמה געווען באַקאַנט מיט זיין בעלעטריסטישן ווערק וועגן ראָזאַ לוקסעמבורג און אַ ריי אַנדערע. פון זיין זייט האָבן מיר דער־וואַרט אָנגריפן קעגן אונדז, הגם פון דער ערשטער מינוט אָן, ווען ער איז אין אָקטאָבער 1939 אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק, זענען פאַר אים געשאַפן געוואָרן מאַקסימאַל מעגלעכע עקסיסטענץ־באַדינגונגען (ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס

פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר אָפּהיטן די אויטאָרן־רעכט פון שרייבערס אויף דער טעריטאָריע פון מערב־ווייסרוסלאַנד). ער האָט מיט אונדזער הילף זיך באַמיט צו ברענגען זיין משפחה פון וואַרשע און ווען דאָס איז נישט געלונגען (דער פּאָזיטיווער ענטפער פון סאָוועטישן אויסערן־מיניסטעריום וועגן איניקע שרייבער־משפחות איז אָנגעקומען ערב דעם היטלערישן אָנגריף אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד), האָט ער זיך פאַרשריבן אומצוקערן קיין וואַרשע. דעמאָלט האָבן די סאָוועטישע רעפּרעסיע־אָרגאַנען אים פאַרשיקט און ער איז אויסגעשטאַנען אין משך פון די מלחמה־יאָרן אָן אַ שיִער צרות. אַ מענטש מיט אַ שאַרף־פּאָלעמישער פען האָט ער מיט גאַל געשריבן וועגן אונדז און אונדזער שטרעבונג איינצוהיטן און אַנט־וויקלען אַ יידיש לעבן אין פּוילן.

אַוועקגעפאָרן איז חיים גראַדע. צווישן די ערשטע 4 ביכער, וואָס מיר האָבן שוין אין יאָר 1947 אַרויסגעגעבן אין דעם נאָר וואָס אַנטשטאַנענעם פאַרלאַג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן „יידיש בוך", איז געווען חיים גראַדעס פּאָעמע „אויף חורבות". דער יידישער עולם האָט שטאַרק ליב געהאַט זיין פּאָעזיע און האָט מיט גרויס אינטערעס זיך צוגעהערט צו זיינע טיפע רייד בעת עפנטלעכע אַרויסטריטן, באַזונדערס אין שרייבער־פאַראיין. אַ לענגערע צייט איז חיים גראַדע, ווי די מערהייט אויסגעוואַנדערטע שרייבערס, געבליבן אין פּאַריז ביז ער איז אָנגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווו ער האָט מיט זיין שאַפן — אַלס דיכטער און אַלס פּראָזאַיִקער — דערהויבן די יידישע ליטעראַטור צו אַן אומ־געהויערער הייך. אין די פאַראייניקטע שטאַטן זענען אויך אָנגעקומען די דיכטער יוסף רובינשטיין און נחום באָמזע. אויסגעוואַנדערט און זיך פאַרהאַלטן אין פּאַריז האָט דער דיכטער יצחק יאַנאַסאָוויטש, וועלכער איז פאַר דער צייט, ווען ער האָט געלעבט אין לאָדזש, געווען דער סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע און איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטער פון דער צייטונג „דאָס נייע לעבן". זיינע אַרטיקלען און פעליעטאָנען (אונטער פּסעוודאָנימען) האָבן געהערט צו די צום מערסטן געלייענטע דורך דעם יידישן עולם. פון פּאַריז האָט ער עמיגרירט קיין אַרגענטינע. אַהין זענען אויך אַוועק די געקומענע פון פּוילן דיכטערס אברהם זאַק, ישראל אַשענדאָרף, משה קנאַפּהייס, שמערקע קאַטשערגינסקי און דער שפּעטער צוגע־קומענער פּראָזאַיִקער יוסף אָקרוטני.

קיין פּאַריז איז אַוועק דער דיכטער אלחנן וואָגלער, וועלכער איז אַ צייט לאַנג געווען דער רעדאַקטאָר פון דער ליטעראַטור־זייט אין דעם וואָכנבלאַט „פּאָלקס־שטימע".

ווען קיין פּאַריז האָט זיך אויסגעקליבן דער באַליבטער שרייבער און גאָר נאָענטער פריינד, דער לעבעדיקער פאַרקערפּערער פון דער י. ל. פּרץ־טראַדיציע — אפרים קאַגאַנאָווסקי, האָט דאָס געפיל פון פאַריתומקייט אַ צייט לאַנג מיך געהאַלטן אין קלעם. הגם קאַגאַנאָווסקי האָט פאַרזיכערט, אַז ער וועט אָנהאַלטן מיט אונדז די ענגסטע פאַרבינדונג — און אַזוי איז עס ווירקלעך געווען — האָט דאָך פאַר־פעלט דער טאָג־טעגלעכער קאָנטאַקט מיט דעם מענטשן, וועמענס מיינונג פלעגט

זייער העלפן סיי ביים רעדאַגירן די צייטונג און סיי אין דער אַרבעט פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט.

מיר האָבן געזוכט מיטלען ווי אַזוי קעגנצווווירקן דער דאָזיקער אויסוואַנדערונג. אין דעם רחבותדיקן זאַל פון דער צוריק אויפגעשטעלטער געביידע אויף שענגע־גאַס האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן איינגעאָרדנט אַ געמיינ־זאַמע קאָנפערענץ מיט די יידישע שרייבערס, פאַר וועלכע עס זענען פאָרגעשטעלט געוואָרן די ברייטע פאַרלעגערישע מעגלעכקייטן, וואָס וועלן געשאַפן ווערן. עס איז איבערגעגעבן געוואָרן דער באַשלוס פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט צו פאַר־וואַנדלען די פעריאָדישע אויסגאַבע „יידישע שריפטן" — אין אַ סיסטעמאַטיש־דערשיינענדיקן אָרגאַן פון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן. אויך וועגן

די שטייגער־באַדינגונגען פון די שרייבערס איז צוגעזאָגט געוואָרן צו זאָרגן.

אין צווישנצייט איז פון לאָדזש אַריבערגעפירט געוואָרן קיין וואַרשע די מערהייט יידישע פרעסע־אויסגאַבן מיט וועלכע יידישער שרייבערס האָבן מיט־געאַרבעט. קודם־כל זענען עס געוועזן די רעדאַקציעס פון „דאָס נייע לעבן", די „פאָלקס־שטימע", „יידישע שריפטן" א"א. אַלץ וויניקער שרייבערס פלעגן זיך באַווייזן אין דעם לאָקאַל אויף נאַרוטאָוויטש־גאַס. עס האָט דאָרט אויך פאַרפעלט די מוטערלעכע זאָרג פון רחל אויערבאַך, וועלכע איז אַוועק קיין ארץ־ישראל. אין וואַרשע, ווו עס האָט זיך קאָנצענטרירט אַ טייל פון די שרייבערס, וועלכע האָבן נישט אויסגעוואַנדערט, האָט מען באַהאַנדלט צווישן זיך די פראַגע: וואָס ווייטער? פאַרזעצן די עקסיסטענץ אַלס זעלבשטענדיקער פאַראיין איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט סיי צוליב דער באַטייטנדיק פאַרקלענערטער צאָל מיט־גלידער און סיי צוליבן מאַנגל אין פינאַנסיעלע מיטלען.

נאָך אַ ריי שמועסן מיט די אָנפירערס פון פאַראיין פון פוילישע שרייבער איז מען געקומען צום באַשלוס וועגן שאַפן ביים אַלגעמיין־פוילישן פאַראיין אַ קלוב פון יידישע שרייבערס. דער דאָזיקער קלוב האָט געדאַרפט האָבן רייך־שעפערישע אויפגאַבן, ווי דורכפירן אָפּהאַנדלונגען וועגן די שאַפונגען פון באַזונ־דערע שרייבערס, וועגן ניי־דערשינענע ביכער און אויך צוזאַמענטרעפן מיט יידישע לייענערס. דער יידישער שרייבער־קלוב דאַרף שטרעבן צו באַקענען מיט דער יידישער ליטעראַטור די פוילישע שרייבערס, איינאָרדענען צוזאַמען מיט זיי באַגעגענישן מיט לייענערס. וואָס שייך שטייגערישע און אַנדערע ענינים פון די יידישע שרייבערס, דאַרף פאַר זיי זאָרגן די פאַרוואַלטונג פון פוילישן שרייבער־פאַראיין אין דער זעלבער מאָס, ווי פאַר אַלע מיטגלידער. אין חודש יוני 1950 איז פאָרגעקומען די לעצטע פאַרזאַמלונג פון דעם לעצטן זעלבשטענדיקן יידישן שרייבער־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין פוילן און די ערשטע פאַרזאַמלונג פון דעם קלוב פון יידישע שרייבערס ביים פוילישן שרייבער־פאַראיין. אין דער פאַר־וואַלטונג פון יידישן שרייבער־קלוב זענען אויסגעוויילט געוואָרן: לייב אָליצקי, בינעם העלער, בער מאַרק, דוד ספאַרד און משה שקליאַר.

די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג פון יידישן שרייבער־קלוב זענען אַלע

געווען אויפן ענגסטן אופן פאַרבונדן מיט דער קולטור־טעטיקייט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. אויך די אַלע ביז דעמאָלט געבליבענע אין פוילן יידישע שרייבערס זענען געווען פאַרבונדן פּראָפעסיאָנעל און אידעיִש מיט באַזונדערע געביטן און אינסטיטוציעס פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. ממילא האָט עס געגעבן די זיכערקייט, אַז דאָס ליטעראַרישע שאַפן וועט אויך אַן אָרגאַנישן אופן באַווירקן דעם יידישן מענטשן. און דאָך האָט די דאָזיקע ענדערונג אַנדערש זיך געזען, ווי די ענדערונגען אין שייכות מיטן פאַרמלוכהשן דעם יידישן טעאַטער און פאַרוואַנדלען די היסטאָרישע קאָמיסיע אין אַ היסטאָרישן אינסטיטוט. די דאָזיקע ביידע ענדערונגען האָבן אַנגעזאָגט גרעסערע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן. דער איבערגאַנג פון אַ פאַראיין צו אַ יידישן שרייבער־קלוב האָט ליקווידירט די ביז גאָר וויכטיקע זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע און דערמיט אָפּגענומען די שאַנסן צו זיין אַ פאַרזעצונג פון „טלאָמאַצקע 13”. אין די באַדינגונגען פון קאַמף קעגן רעכטן נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג איז דאָס בלויזע דערמאָנען וועגן די טראַדיציעס פון אַזוי באַוווּסטן פאַרמלחמהדיקן יידישן שרייבער־פאַראיין, וועגן וועלכן מ׳האָט ציטנווייז, צווישן זיך, גערעדט מיט נאָסטאַלגיע, געווען פּשוט נישט דענקבאַר. צוזאַמען מיט דער אַרבעט, וועלכע עס האָבן שפּעטער אַנטוויקלט דער יידישער שרייבער־קלוב, דער פאַרלאַג „יידיש בוך” איז, אין אַ באַשטימטער מאָס, געשטילט געוואָרן דער אינערלעכער אומרו פאַרן גורל פון דעם יידישן ליטעראַרישן שאַפן אין נייעם פוילן.

ביז צום יאָר 1950 האָט ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן עקסיסטירט אַ געזעלשאַפטלעכער געריכט, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט משפּטן אַזעלכע, קעגן וועמען עס זענען געווען אָנקלאַגעס פאַר זייער אויפפירונג אין די געטאָס און לאַגערן. דער באַשטאַנד פון די ריכטער איז נישט געווען קיין שטענדיקער. בעת יעדן פאַל פלעגן די מיטגלידער פון געריכט באַשטימט ווערן דורכן יידישן צענטראַל־קאָמיטעט.

אין משך פון אַ וואָך צייט, פון 19טן ביזן 25סטן דעצעמבער 1948, האָט דער געזעלשאַפטלעכער יידישער געריכט באַהאַנדלט דעם ענין פון ד״ר מ. וויכערט. אין באַשטאַנד פון געריכט אונטערן פאָרזיץ פון אַדוואָקאַט שמעון ראַגאָזשינסקי (פאָרזיצער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן — איחוד), זענען געווען פאַרשטייער פון אַלע יידישע פּאַרטייען. געווען זענען פּראָפעסיאָנעלע, באַוווּסטע אַדוואָקאַטן — סיי מצד דער באַשולדיקונג און סיי מצד דער פאַרטיידיקונג. דאָס געריכט האָט אויסגעהערט פילצאָליקע עדות, אויך פּאָליאַקן. די מערהייט האָט באַשולדיקט דעם ד״ר וויכערט אין אַריינפירן אין טעות יידישע פאַקטאָרן אין אויסלאַנד דורך זיין פאַרלאַנגען הילף פאַר יידן, אין דער צייט ווען אַלע געטאָס זענען שוין געווען פאַרניכטעט; אין נישט אונטערוואַרפן זיך דעם באַפעל פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע צו ליקווידירן זיין „הילפס־אינסטיטוציע”, וועלכע איז כאַראַקטעריזירט געוואָרן אַלס קאָלאַבאָראַנטישע. געווען זענען עדות, וועלכע

האָבן פּאַרטיידיקט דעם ד״ר װײַכערט, אַז ער האָט געהאָלפן יידן, װעלכע האָבן זיך געפונען אין קאָנצלאַגער.

די גאַנצע צייט פון פּראָצעס האָט זיך געטראַכט װעגן דעם אָנספּקדיקן אורטייל, דורך װעלכן מיר װעלן פאַרלירן דעם טאַלאַנטפולן יידישן קולטור־טוער, דעם שעפער פון באַרימטן „יונג־טעאַטער״ אין װאַרשע.

דער אורטייל איז אַרויסגעטראָגן געװאָרן איינשטימיק דורך אַלע מיטגלידער פון געריכט. ד״ר װײַכערט איז אויסגעשלאָסן געװאָרן פון דער יידישער געזעל־שאַפט.

געמשפּט האָבן מיר אויך דעם באַװוּסטן פאַר דער מלחמה באָקסער, שעפּסל ראַטהאַלץ. ער איז באַשולדיקט געװאָרן, אַז אַלס פּאָליציאַנט אין געטאָ האָט ער ברוטאַל זיך באַצויגן צו די יידן. ער איז אויף 2 יאָר אויסגעשלאָסן געװאָרן פון דער יידישער געזעלשאַפט.

מיר זענען נישט נאָכגעקומען די ביטע פון מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פּפּ״ר, לאָגאַ־סאָװינסקי, נישט צו באַשטראָפן דעם באַװוּסטן באָקסער, װעלכער איז נויטיק געװען דעם פּױלישן ספּאָרט.

פאַרגעדענקט האָט זיך דער פאַל מיטן משפּט איבערן פינאַנץ־לייטער פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, דעם אָנפירנדיקן מיטגליד פון דער פּאַרטיי פון אַל־געמיינע ציוניסטן, מרדכי זאַנשיין (שפּעטער אָנפירער פון פאַרלאַג „מנורה״ אין ישראל). קעגן אים, אַלס פאָרזיצער פון יודנראַט אין שטעטל סטאַשעװ, איז געװען אַן אָנקלאַגע פון אַ יידישע פרוי פון געטאָ, אַז ער האָט שלעכט באַהאַנדלט די יידן. פאָרזיצער פון געריכט בין איך געװען, װיצע־פאָרזיצער — לעאָן לענעמאַן (דוכט זיך, אַלס פאַרשטייער פון השומר הצעיר). קעגן מיין פאָרשלאַג צו פאַראורטיילן זאַנשיינען זענען אַרויסגעטרעטן סיי ל. לענעמאַן און סיי געניע לעװי (פון די לינקע פועלי־ציון). דער פרינציפּ פון די יידישע געזעלשאַפטלעכע געריכטן איז געװען, אַז דער אורטייל מוז זיין אַן איינשטימיקער. אין דעם פאַל איז קיין שום אורטייל נישט אַרויסגעטראָגן געװאָרן.

דער יידישער געזעלשאַפטלעכער געריכט האָט פאַקטיש אויפגעהערט צו עקסיסטירן מיטן מאָמענט, װען עס האָט אויפגעהערט צו װירקן דער פּאָליטישער פּלוראַליזם אין דער יידישער סביבה.

אויף אַ נייעם אופן

די קאָנטורן פון אַ נייער אָרגאַניזאַציע פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן נאָך דעם, ווי עס איז ליקווידירט געוואָרן דער עיקר־סימן פון די יידישע קאָמיטעטן — דער פּאָליטישער פּלוראַליזם, האָבן זיך גענומען אָנמערקן בעת און נאָך דעם קולטור־צוזאַמענפאָר. בולטער זענען זיי געוואָרן נאָכן פאַרזיכערן די עקסיסטענץ און אַנטוויקלונג פון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס, אַלס אָרגאַנישע באַשטאַנד־טיילן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. דער איינשטימיקער אויספיר פון אונדז אַלעמען איז געווען: די יידישע קאָמיטעטן אַלס דאַך־אָרגאַניזאַציע — פון איין זייט; אַלס בלויזער אַפּאַראַט — פון דער צווייטער זייט, האָבן נישט מער נישט קיין עקסיסטענץ־מעגלעכקייטן און נישט קיין עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג. וואָס, אויב אַזוי, דאַרף קומען אויף זייער אָרט?

אַרום דער דאָזיקער פראַגע איז אין פרילינג 1950 אויפגעקומען אַ שטרייט וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אַ לייזונג האָט געמוזט אַנטשיידן דער העכסטער פּאָליטישער פאַקטאָר — דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער פאַראייניק־טער אַרבעטער־פּאַרטיי.

ש. זאַכאַריאַש האָט פאָרגעלייגט צו ליקווידירן די קאָמיטעטן אַלס אָרגאַנען, וועלכע האָבן געהאַט אויסצופירן באַשטימטע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע און סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישע פונקציעס אין באַדינגונגען, ווען פאָלקס־פּוילן האָט זיך געפונען אויפן אָנהייב־עטאַפּ פון איר אַנטוויקלונג און די יידישע סביבה איז געווען אַ פּאָליטיש־דיפערענצירטע. אין די נייע באַדינגונגען, ווען די מלוכה האָט איבער־גענומען די זאָרג פאַר די וויכטיקסטע באַדערפענישן פון דער יידישער באַפעל־קערונג, איז פאַראַן אַן אָביעקטיווע נויטווענדיקייט אין דער עקסיסטענץ פון אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען בלויז מיט יידישע קולטור־ענינים, אַ מין „איקוף" ווי אין רומעניע צו יענער צייט. (וועגן אַמעריקאַנער „איקוף" איז קיין רייד נישט געווען). אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז שוין פאַראַן — מיט אַ קולטור־אַקטיוו, מיט אַ גרויסער מיטגלידערשאַפט, מיט באַטייטנדיקע אויפטוען — דאָס האָט בולט באַוויזן דער וורצלאַווער צוזאַמענפאָר. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע דאַרף פאַרנעמען דאָס אָרט פון די יידישע קאָמיטעטן.

אַ צווייטן שטאַנדפּונקט האָב איך אַרויסגעבראַכט. עס איז אַן אילוזיע צו טראַכטן, אַז בלויז אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט זיך פאַרנעמען מיט קולטור־אַרבעט, וועט בכוח זיין צו פאַרענטפערן די פילצאָליקע פראַגן, וואָס שטייען פאַר די יידן אין די קאָנקרעטע פּוילישע באַדינגונגען. מיר נייטיקן זיך ווייטער אין אַן אָרגאַני־

זאַציע, וואָס זאָל לגבי דער מלוכה און לגבי אויסלאַנד רעפּרעזענטירן די פּיל־זייטיקע אינטערעסן פון די יידן אין פּוילן. האָט דאָך די צענטראַלע אָנפירונג פון פּראָגנט פון פאָלקס־איינהייט אָנערקענט אונדזער רעכט צו פאַרטרעטן די יידישע באַפעלקערונג אין דער דאָזיקער אַלפּאָלקישער אָרגאַניזאַציע*); הגם פאַר די סאָציאַל־עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די יידן דאַרפן זאָרגן אַנטשפּרעכנדיקע מיניסטעריומס, פאָדערט אָבער די לאַגע פון די רוינירטע, אָפּט דעקלאַסירטע יידן אַ באַזונדערע זאָרג. דערצו איז באַרופן אַ יידישע אָרגאַניזאַציע צו וועלכער יידן זאָלן האָבן אַ דירעקטן צוגאַנג. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מיר האָבן נישט מער קיין מיטלען צו העלפן נויטליידנדיקע יידן, טאָרן מיר זיך נישט אָפּזאָגן פון זאָרגן פאַר די אָרעמע, הילפלאָזע מענטשן מיט אונדזער אינטערוועניץ ביי די אַנטשפּרעכנדיקע מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס פון סאָציאַלער הילף. וואָס שייך דער קולטור־אַרבעט איז דער ענין פולשטענדיק אויפגעקלערט געוואָרן דורך דעם וורא‍צלאַווער צוזאַמענפאָר. דער אויספיר: עס דאַרף קומען צו אַ פאַראייניקונג פון די יידישע קאָמיטעטן מיט דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט אין איין פאַרבאַנד, וועלכער דאַרף אויך מיט זיין נאָמען אונטערשטרייכן די ברייטע פּאָליטיש־סאָציאַלע און קולטור־אויפגאַבן, וואָס וועלן שטיין פאַר אים. די נייע אָרגאַניזאַציע דאַרף זיך שטיצן אויף אַ פרייוויליקער מיטגלידערשאַפט ביי אַ מינימאַלן אַפּאַראַט. געזעלשאַפטלעכע איניציאַטיוו און טעטיקייט דאַרף זיין דער הויפּט־פּרינציפּ פון דער נייער אָרגאַניזאַציע.

ווידער האָט ביים אַנטוויקלען דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט מיר געדינט דער ווילן צו באַוואָרענען זיך און אויסמיידן די פּראַקטיק פון דער יעווסעקציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַלס אַפּאַראַט, און צו שטיצן זיך אויף אַ ברייטער געזעלשאַפטלעכער באַזע, אויף דעם אַקטיוון אָנטייל פון די דירעקט פאַראינטערעסירטע יידן. וועגן דעם איז אָבער קיין אָפענע רייד נישט געווען. דאַקעגן האָט אַלס ארגומענט מיר געדינט דער פאַקט, וואָס אין רומעניע האָט צו יענער צייט חוץ דעם „איקוף" אַלס קולטור־אָרגאַניזאַציע אויך עקסיסטירט אַ געזעלשאַפטלעכע רעפּרעזענטאַנץ — די אַזוי גערופענע „יידישע דעמאָקראַטישע קאָמיטעטן", וועלכע זענען ליקווידירט געוואָרן בעת דער אַנטיסעמיטישער וואַקכאַנאַליע אין די פופציקער יאָרן, ווען יידישע מענטשן זענען דאָרט מאַסנווייז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון די פּאַרטייאישע און מלוכהשע אָרגאַנען. אויך אין בולגאַריע האָט די „קאָנסיסטאָריע" בראש מיטן פּראָפ' זשאַק נאַטאַן, פאָרגעשטעלט מיט זיך די רעפּרעזענטאַנץ פון די דאָרטיקע יידן און דעם דיספּאָזיטאָר פון יידישן געזעלשאַפטלעכן פאַרמעגן.

די מערהייט טוערס פון די יידישע קאָמיטעטן האָבן געשטיצט מיין פאָרשלאָג. לויט דעם אַלטן פּרינציפּ, ווען אין צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן זענען געווען פאַרטראָטן פאָרשטייערס פון פאַרשידענע פאַרטייען, האָט מען קיין

*) ביז די אָנהייב זעכציקער יאָרן בין איך געווען אַ מיטגליד פון אַלפּוילישן קאָמיטעט פון פראָנט פון פאָלקס־איינהייט און עטלעכע מאָל דאָרט אַרויסגעטרעטן וועגן באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם.

אָפּשטימונג נישט דורכגעפירט. קיין פּרווו פון קיין קאָמפּראָמיס־פאָרשלאָג איז אויך נישט געווען. איז געבליבן איבערצוטראָגן דעם גאַנצן ענין אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי.

אין קאַבינעט פון דעם סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט, עדוואַרד אָכאַב, וועלכער איז געווען גוט אינפאָרמירט וועגן די יידישע ענינים און האָט אַלע מאָל אַרויסגעוויזן אַ סך פאַרשטענדעניש פאַר זיי, האָט יעדער פון אונדז פאַרגעשטעלט — מיט אַלע מעגלעכע אַרגומענטן זיין שטאַנדפּונקט. איך בין געקומען מיט אַ צוגאַב־פאָרשלאַג — וועגן דעם נאָמען פון דער נייער אָרגאַניזאַציע, וואָס דאַרף אויפקומען אין רעזולטאַט פון פאַראייניקן די יידישע קאָמיטעטן מיט דער קולטור־געזעלשאַפט. דער נאָמען האָט געקלונגען כמעט ווי אַ קאָמפּראָמיס, און ע. אָכאַב האָט עס אין זיין וואָרט, שטיצנדיק מיין פאָרשלאָג, אונטערגעשטראָכן. דער באַשלוס איז געווען: פאַראייניקןביידע אָרגאַניזאַציעס און שאַפן אַ נייע מיטן נאָמען „קולטור־געזעל־שאַפטלעכער פאַרבאַנד פון די יידן אין פּוילן" און דאָס האָט באַטייט נישט בלויז אַ קולטור־אָרגאַניזאַציע, נאָר אויך אַ געזעלשאַפטלעכע (אין ערשטן פּראָיעקט איז געווען „קולטור־סאָציאַלע") און „פון די יידן אין פּוילן" בכלל.

דער נייער נאָמען האָט זיך זייער שנעל אַנגענומען און איז אַפילו איבער־גענומען געוואָרן (מיטן אונטערשטרייכן די ספּעציפיק) דורך אַ ריי אַלגעמיין־פּוילישע אָרגאַניזאַציעס.

מיר האָבן זיך גענומען אינטענסיוו גרייטן צו דער פאַראייניקונגס־קאָנפערענץ, אין וועלכער מיר האָבן געוואָלט זען נישט בלויז קיין פאָרמעלן אַקט, נאָר אַ נייעם, ווירקלעך־געזעלשאַפטלעכן נוסח. דערוואַרט האָבן מיר אויך, אַז עס וועט קומען צו אַ טיילווייזער באַנייונג פון די אַנפירנדיקע קאַדרען. די „צענטראַלע פיגור" דאַרף ווערן נישט דער אַנגעשטעלטער, נאָר דער געזעלשאַפטלעכער טוער. ס׳וועלן אַוועקגיין די פּראָפעסיאָנאַליזירטע קאָמיטעטשיקעס, ממילא וועט דער סטיל פון דער אַרבעט און די באַציונגען צווישן די טוערס מיט די מיטגלידער זיין אַנדערע, מער דירעקטע, חברישע.

מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבער שטעט און שטעטלעך צום פאַרשטעלן אויף פאַרזאַמלונגען דעם אופן פון איבערגיין צו אַ נייעם עטאַפּ אין געזעלשאַפט־לעכן לעבן פון די יידן אין פּוילן. בעתן סומירן די דערפאַרונג ווי אַזוי עס זענען אויפגענומען געוואָרן אונדזערע פאָרשלאָגן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין 34 שטעט און שטעטלעך האָבן זיך באַטייליקט אין די פאַרזאַמלונגען העכער 20 טויזנט יידן. די פראַגן, וואָס זענען געשטעלט געוואָרן בעת די דיסקוסיעס זענען געווען אַ פולשטענדיקער באַווייז, אַז פון דער פאַראייניקטער געזעלשאַפט דערוואַרט מען אַ טעטיקייט אויף די פאַרשידנסטע געביטן, וואָס זענען נוגע די יידישע מענטשן. אין דער דיסקוסיע אויף אַ סך פאַרזאַמלונגען איז מיט אומרו גערעדט געוואָרן וועגן די קלאַנגען, אַז מען גייט אָפּשטעלן דאָס אַרויספאָרן פון יידן קיין ישראל. ווירקלעך איז דעם 31טן אויגוסט 1950 אָפּגעשטעלט געוואָרן די רעגיסטראַציע צו פאָרן קיין ישראל. לויט אונדזערע ידיעות זענען צו יענעם מאָמענט געווען

פאַרשריבן צום אַרויספאָרן 50 טויזנט יידן. מיר האָבן מיט אונדזער פראָפּאַגאַנדע (בלויז אין נידער־שלעזיע האָבן 650 אַגיטאַטאָרן „באַזוכט" 3000 יידישע דירות) און מיט דער געשאַפענער אַטמאָספער פון קאָנקרעטע אויפטוען לטובת אַן איינ־געאָרדנטן, פּילזייטיקן יידישן לעבן, געווירקט אויף אַ סך, אַז זיי זאָלן צוריקציִען זייערע אַרויספאָר־ביטעס. מען פלעגט זיך צו אונדז אָפט מאָל ווענדן מיר זאָלן העלפן באַקומען דערלויבנישן פאַר קרובים צוריקצוקומען פון ישראל. אַלס פּראָ־פּאַגאַנדע־מאַטעריאַל פלעגט די „פאָלקס־שטימע" דרוקן „בריוו פון אויסגעניכ־טערטע". מיר האָבן געוווּסט וועגן רייען ביי דער פּוילישער אַמבאַסאַדע אין תל־אביב פון יידן, וועלכע ווילן צוריק קומען. וועגן דעם פלעגן מיר דערציילן בעת פאַרזאַמלונגען און דערביי דערקלערט, אַז מיר וועלן אַלץ טאָן, כדי צו באַפרידיקן די אַלזייטיקע באַדערפעניש פון די יידן, וועלכע וועלן בלייבן אין פּוילן. אין אַלע אונדזערע רעדעס זענען געווען שאַרפע אַנטי־ציוניסטישע אַקצענטן, פול מיט קריטיק לגבי דער פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג. צופרידן דערפון זענען געווען יענע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַנטשלאָסן צו בלייבן אין פּוילן. אַנדערע האָבן עס אויפגענומען ווי אַן אויפגעצוווּנגענעם יידישן בייטראָג צום קאַמף קעגן „רעכטן נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג". הגם קיין קאָנקרעטער ציוניסטישער אַדרעסאַט איז שוין נישט געווען אין פּוילן, זענען אָבער געווען יידן, וועלכע עס האָט פאַרדראָסן יעדער אונדזער קריטישער וואָרט לגבי ישראל און איר פּאָליטיק. געווען זענען אומצופרידענע — ווי מערקווירדיק דאָס זאָל אין יענער צייט נישט אויסזען — אויך צווישן די אַסימילירטע, ווייטע פון דער יידישער סביבה — די באַצייכנטע אַלס „פּאָליאַקן פון יידישן אָפּשטאַם". דאָס האָט זיך געלאָזט דערקלערן מיט דער ווירקונג פון דער גרויסער, כמעט אַלגעמיינער סימ־פּאַטיע מצד די פּוילישע פאָלקס־מאַסן לגבי דער אויפגעקומענער יידישער מדינה און אירע נצחונדיקע באַוואָפנטע כוחות. אין אונדזער פּרעסע — סיי אין „דאָס נייע לעבן" וועלכע איך האָב רעדאַגירט, סיי אין דער „פאָלקס־שטימע", וועלכע ס'האָט רעדאַגירט מ. מירסקי — איז אַלץ שאַרפער געקומען צום אויסדרוק דער אַנטי־ציוניזם, די שאָטן־זייטן פון לעבן אין ישראל (אין די קאָרעספּאָנדענצן פון מק"י־מענטשן און פון צוריק געקומענע קיין פּוילן פון ישראל).

אויף די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען ערב דער אַנשטייונג פון קולטור־געזעל־שאַפטלעכן פאַרבאַנד זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן די פּאַקטישע אויפטוען אין יעדן אָרט און געביט און סיי די נויטן פון די דאָרטיקע יידן. מיר האָבן באַקומען אין אַ געוויסער מאָס אַ רעאַל בילד וועגן די שטימונגען און דערוואַרטונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג, גרייטנדיק זיך אויף דעם סמך צו דער פאָרשטייענ־דיקער פאַראייניקונגס־קאָנפערענץ.

פאָרגעקומען איז די דאָזיקע קאָנפערענץ דעם 29טן אָקטאָבער 1950 אין וואַרשע, אין דעם אויפגעבויטן דורך אונדז (אין פּראַגע, אויף דער יאַגעלאָנער גאַס) קליינעם טעאַטער־בנין. אין מיין רעפעראַט, ווי אין דער דיסקוסיע, איז דער טראָפּ געשטעלט געוואָרן אויף דעם אַקטיוון, דירעקטן אָנטייל פון וואָס אַ גרעסערער צאָל

יידישע מענטשן אין אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן און קולטור־לעבן. געווען זענען קריטישע אָפּשאַצונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט, וועגן צוליב שלעכט פאַרשטאַנענער איינהייט האָט מען נישט געגוג אָנטשיידן באַקעמפט די יציאת־פוילן־פרײַדיקער. צו דעם גאַנג פון דער קאָנפערענץ האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט דער אַטאַשע פון דער אַמבאַסאַדע פון מדינת ישראל, אַ באַקאַנטער טוער פון די לינקע פּועלי־ציון, יעקב פּעטערזייל.

די הויפּט־פאַרוואַלטונג, וועלכע איז אויסגעוויילט געוואָרן אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ, איז באַשטאַנען פון אַקטיווע טוערס פון די אָרטיקע יידישע קאָמיטעטן, פון דער קולטור־געזעלשאַפט און פון אַרבעטערס אין מלוכהשע און קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען. דאָס פּרעזידיום פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעל־שאַפטלעכן פאַרבאַנד האָט זיך קאָנסטיטויִרט אויף פאָלגנדיקן אופן: פּאַרזיצער — הערש סמאָליאַר, וויצע־פּאַרזיצערס — שמואל הורוויטש און דוד ספּאַרד (ביידע זענען געווען די אָנפירערס פון דער קולטור־געזעלשאַפט). אַלס סעקרעטאַר איז אַ קורצע צייט נאָך פאַרבליבן י. לאַזעבניק. אַלס מיטגלידער פון פּרעזידיום זענען אויסגעוויילט געוואָרן: אידאַ קאַמינסקאַ, בינעם העלער, י. וואַסערשטרום (פון נידער־שלעזיע, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אויפן אָרט פון י. עגיטן), שמעון זאַכאַריאַש, בער מארק, מיכאל מירסקי און ס. פישגרונד. אין דעם דאָזיקן באַשטאַנד פון פּרעזידיום האָט זיך בולט אָנגעזען די איבערוואָג פון קולטור־טוערס, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט די וויכטיקסטע יידישע אינסטיטוציעס און האָבן מיט אַלע כוחות געשטרעבט צו נייע דערגרייכונגען אויף אַלע אַרבעטס־געביטן. הגם מען האָט זיך צווישן זיך נישט געהאַט צונויפגערעדט, האָבן אָבער אַ סך פון אונדז געשטרעבט מיט דער שטייגנדיקער פּראַקטישער אַרבעט שטילן דעם אינערלעכן אומרו אין אָנבליק פון דעם פאַרשאַרפטן קאַמף קעגן רעכטן נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג אין פוילן, פון דעם אָנגריף קעגן פירנדיקע טוערס פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין אַ ריי לענדער פון סאָוועטישן בלאָק, און גאָר באַזונדער צוליב דער העצע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד קעגן די אַזוי גערופענע קאָסמאָפּאָליטן.

זיכער האָבן מיר אַלע אָפּגעפילט דעם שאַרפן אַנטי־יידישן ריח, וואָס האָט זיך פון דאָרט געטראָגן, און אַוודאי האָט מען ביי זיך געטראַכט, צי וועט עס נישט אַריבערגייען די אַזוי נאָענטע גרענעץ און גרייכן צו אונדז. קיינער האָט עס אָבער פאַרן מויל נישט אַרויסגעבראַכט. מען האָט געלעבט מיט דער פּראַק־טישער אַרבעט און מיט אירע קענטיקע רעזולטאַטן.

ליכט און שאָטן און אַלץ גרעסערע געפֿאַרן

יאָ, מיר האָבן דעמאָלט זיך ממש פֿאַרבלינגעט מיט אַלץ נײַע איניציאַטיוון און אויפֿטוען. די באַנײַטע אָנפֿירונג אין וואַרשע, ווי אין אַלע שטעט און שטעטלעך, ווו עס זענען געווען אָפּטיילונגען פֿון קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרבאַנד, האָט געשטרעבט דערצו, אַז אַרום יעדן אַרבעטס־געביט זאָלן זיך קאָנצענטרירן וואָס מער יידישע מענער און פֿרויען לויט אַ פֿרײַען אויסוואַל, לויט זייערע נייגונגען און פֿעיִקייטן. 46 קאָמיסיעס מיט העכער 500 מיטגלידער האָבן געגעבן דערצו די מעגלעכקייט. געווען איז עס אַן אופֿן צום קעגנווירקן דעם ביוראָקראַטישן צענטראַליזם, וועלכער האָט אין יענער צײַט, לויטן סאָוועטישן מוסטער, זיך אַלץ מער אײַנגעבירגערט אין די אַלגעמיין־פּוילישע אָרגאַנען. שול־קאָמיסיעס בײַ די פֿאַרוואַלטונגען, עלטערן־קאָמיטעטן בײַ די שולן האָבן געזאָרגט פֿאַר די באַדער־פֿענישן פֿון די יידישע שולן. דאָס איז בולט באַוויזן געוואָרן אויף דער צונויפֿגערופֿענער דורך אונדז לאַנד־קאָנפֿערענץ פֿון די עלטערן־קאָמיטעטן. צווישן די 220 דעלעגאַטן פֿון 16 שטעט זענען אַ העלפֿט געווען פֿרויען, אין זייער מערהייט — הויז־באַלעבאָסטעס. צום סוף פֿון שול־יאָר פֿלעגן מיר אײַנאָרדענען ספּעציעלע באַגעגענישן („צוזאַמענפֿלי״ האָט עס געהייסן) פֿון די אַביטוריענטן פֿון אַלע יידישע פֿאָלקס־שולן. מיר פֿלעגן בעת מעשה שמועסן מיט די קינדער וועגן זייער חוב לגבי דעם לאַנד און לגבי דער יידישער געזעלשאַפֿט, געראַטן באַצײַטנס טראַכטן וועגן תּכלית, וועדנדיק זייערע בליקן אין דער זײַט פֿון טעכנישע פֿאַכן, אין וועלכע דאָס לאַנד נייטיקט זיך. לויט דער איניציאַטיוו פֿון דער שול־אָפּטיילונג בײַ דער הויפּט־פֿאַרוואַלטונג פֿון פֿאַרבאַנד האָט דאָס בילדונגס־מיניסטעריום אײַנגעאָרדנט קורסן צום פֿאַרפֿולקאָמען די לערערס פֿון די יידישע שולן. לעקציעס וועגן פּעדאַגאָגישע און יידיש־געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען האָבן געלייענט ל. לאָזאָווסקי (דעמאָלט שוין מיניסטעריאַלער אינספּעקטאָר) ש. פֿערדמאַן, ש. לאַסטיק, ב. מאַרק, מ. מירסקי, ד. ספֿאַרד, ה. סמאָליאַר. עס גיט זיך אונדז דאַן אײַן צו שאַפֿן אַ יידישן ליצײ אין וואָרצלאַוו (מיט דער האָפֿענונג, אַז פֿון דאָרט וועלן אויך קומען יונגע לערערס פֿאַר אונדזערע שולן). דאָס בילדונגס־מיניסטעריום איז אַנטקעגנגעקומען אונדזער פֿאָרשלאַג אַז אין די קלענערע שטעט, אַזעלכע ווי זשאַרי, שווידניץ, סטשעגאָם, זשעמביץ און פּיעשיץ, ווו קיין ספּעציעל־יידישע שולן האָבן נישט געקענט עקסיסטירן צוליב דער קליינער צאָל יידישע שול־קינדער, זאָל מען יידיש לערנען, לויטן פֿאַרלאַנג פֿון די עלטערן, אין די אַלגעמיין־מלוכהשע שולן.

אין הסכם מיט דעם רעגירונגס־פּלאַן צו ליקווידירן דעם אַנאַלפאַבעטיזם אין פּוילן, באַקומען מיר אַ ספּעציעלע סובסידיע צו פאַרנעמען זיך אין דער יידישער סביבה מיט דער דאָזיקער אַרבעט. מיר שאַפן העכער 100 קורסן און ציִען צו אַלס אינסטרוקטאָרן יידישע שילערס פון די העכערע מיטלשול־קלאַסן. מיר באַמיִען זיך דערביי קודם־כל צו לערנען מיט די אַנאַלפאַבעטן די יידישע שפּראַך. ווען מיר האָבן באַקומען אַ סיגנאַל, אַז דער פאַראייניקטער פאַרבאַנד פון די אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון איגנאָרירט די יידישע שפּראַך, האָבן מיר דערויף זייער שאַרף רעאַגירט.

מיר האָבן איינגעאָרדנט אַ ספּעציעלע טרעפונג מיט יידישע אַבסאָלווענטן פון די פּוילישע הויכשולן. אין אַלעמענס נאָמען פאַרפליכטעט זיך דער יונגער אינזשיניער, שייע שריפט, צו בלייבן געטריי די שטרעבונגען פון די יידישע פאָלקס־מאַסן.

זייער אַן ענערגישע אַרבעט האָבן אַנטוויקלט די קאָמיסיעס צום פאַרשפּרייטן דאָס יידישע בוך און פּרעסע. י. עגיט, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אַלס דירעקטאָר פונעם פאַרלאַג „יידיש בוך" (די רעדאַקציע־קאָלעגיע פון פאַרלאַג איז באַשטאַנען פון לייב אָליצקי, בינעם העלער און דוד ספאַרד) קומט מיט די סאַמע דרייסטע פּלענער: אַרויסגעבן אין משך פון יאָר נישט ווייניקער ווי 34 ביכער (אין 1948 האָט דער פאַרלאַג אַרויסגעגעבן 8 ביכער, אין אַ יאָר אַרום — 10 ביכער, און אין 1951 — 23 ביכער). גלייכצייטיק העכערן דעם טיראַזש פון יעדן בוך ביז 6000 עקזעמפּלאַרן. די דאָזיקע פּלענער האָבן אויסגעזען צו זיין גאַנץ רעאַלע, ווי באַלד דורך דער אַקטיווער ווירקונג פון די בוך־ און פּרעסע־קאָמיסיעס האָט זיך איינגעגעבן צו שאַפן אין נידער־שלעזיע 2000 יערלעכע אַבאָנענטן פון פאַרלאַג, אין לאָדזש — 800, אין שטשעטשין — 400.

צו יענער צייט איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּזפּ"ר) וועגן דער יידישער פּרעסע. אויך אין דעם פאַל איז געקומען צו אַ פאַראייניקונג פון דעם אָרגאַן פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט „דאָס נייע לעבן" מיטן יידישן פּאַרטיי־אָרגאַן „פאָלקס־שטימע". דער באַשלוס איז געווען, אַז די צייטונג זאָל דערשיינען 4 מאָל אַ וואָך, פיגורירנדיק אַלס פּאַרטיי־אָרגאַן. איבערגעגעבן האָט מען דעמאָלט, אַז ס'האָט זיך פאַר אונדז באַוויזן אַ נייער אָרגאַן („די יידן זאָלן זיך נישט פילן באַעוולט") באַלעסלאַוו ביערוט און אויף זיין פאַרשלאַג איז באַשטעטיקט געוואָרן אַרויסצוגעבן אויך אַן אילוסטרירטע ביילאַגע צו דער צייטונג. מיר האָבן אויך אַרויסגעגעבן אַ קינדער־ביילאַגע „צו הילף די שולן", רעדאַגירט דורך די פּעדאַגאָגן יהודה קערש און אַניע וואַרקאָוויצקאַ. שפּעטער האָבן מיר סיסטעמאַטיש אַרויסגעגעבן אַ ביילאַגע אין דער פּוילישער שפּראַך פאַר דער יידישער יוגנט.

אין דעם זעלבן 1951טן יאָר האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרריכטן די עוולה נאָך פון דער פאַרמלחמה־צייט, ווען אויף דעם קבר פון דעם באַליבטן ביי די יידישע מאַסן שרייבער, איטשע־מאיר ווייסענבערג, איז נישט געווען קיין מצבה.

אויף דעם גענשער בית־עולם, אין דער ליטעראַטן־אַלעע איז צוגעקומען אַ וויר־דיקער דענקמאָל פון שוואַרצן מאַרמאָר ביי וועלכן מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט, כדי אָפּגעבן כבוד וויסענבערגס אָנדענק.

מיר האָבן זיך געווענדעט צו דער וואַרשעווער שטאָט־פאַרוואַלטונג (נאַציאָנאַל־ראַט) מיטן פאָרשלאַג אָנצורופן אויפן נאָמען פון י. ל. פרץ די צעגלאַנע־גאַס, ווו עס האָט געהאַט געוווינט אונדזער גרויסער שרייבער. אַזאַ באַשלוס איז שנעל געקומען און מיר האָבן דעם דאָזיקן אַקט אָפּגעמערקט אויף אַ פייערלעכן אופן. ענלעכע באַשלוסן, לויט די פאָרשלאָגן פון די אָרטיקע פאַרוואַלטונגען פון פאַר־באַנד, זענען אָנגענומען געוואָרן אין אַ ריי שטעט פון פוילן, ווו סיי גאַסן און סיי פּלעצער זענען אָנגערופן געוואָרן אויפן נאָמען פון י. ל. פרץ.

צום הונדערטסטן געבוירנטאָג פון דעם קלאַסיקער פון דער יידישער ליטע־ראַטור האָבן מיר אין אונדזער גרויסן פאַרזאַמלונגס־זאַל איינגעאָרדנט אַ פייער־לעכע פרץ־סעסיע און אַרויסגעגעבן אין פאַרלאַג „יידיש בוך" אַ ספּעציעל זאַמלבוך מיט אַרטיקלען פון ב. העלער, מ. מירסקי, ש. לאַסטיק, ב. מאַרק, ה. סמאָליאַר, ל. אָליצקי, י. טורקאָוו. י. עגיט און ש. הורוויטש. לידער געווידמעט י. ל. פּרצן האָבן אין דעם זאַמלבוך פאַרעפנטלעכט די דיכטער משה שקליאַר, משה זאַלצמאַן, לייב מאָרגענטוי, דוד ספאַרד און לייב אָליצקי. אין דעם צוג צום „אוהל פרץ" אויפן גענשער בית־עולם האָבן צוזאַמען מיט די יידישע שרייבערס און פאַר־שטייערס פון אַלע טיילן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פוילן זיך באַטייליקט די באַקאַנטע שעפער פון דער פוילישער ליטעראַטור — פאַלאַ גאָיאַוואַטשינסקאַ, זביגניעוו ביענקאָווסקי און קאַזשימיעזש קאָזשעניעווסקי. דאָס בילדונגס־מיניס־טעריום האָט אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן צירקולאַר וועגן אָפּמערקן דעם 100סטן געבוירנטאָג פון י. ל. פרץ. די גרויסע פאַרערונג פאַר אונדזער קלאַסיקער האָט באַקומען אַן אויסדרוק אין אַלע שטעט און שטעטלעך ווו עס האָבן געלעבט יידן.

לויט דער איניציאַטיוו פון יידישן שרייבער־קלוב האָט די פּאָעטן־סעקציע פון פּוילישן ליטעראַטן־פאַראיין איינגעאָרדנט אַ ברייטע אָפּהאַנדלונג וועגן דער יידישער פּאָעזיע. נאָך אַ גרינטלעכן רעפעראַט פון בער מאַרק האָבן אין דער דיסקוסיע זיך באַטייליקט אַרטור סאַנדאַוער, לעאָן פּאַסטערנאַק, וויקטאָר וואָראָ־שילסקי, אַנדזשעי בראַון, יאַן קאָפּראָווסקי, ש. לאַסטיק און מ. מירסקי. אין וואַרשע און אין לאָדזש זענען פאָרגעקומען געמיינזאַמע אָוונטן פון פּוילישע און יידישע דיכטערס. צוזאַמען מיט אַנטאָני סלאָנימסקי און אַרנאָלד סלוצקי לייענען זייערע לידער בינעם העלער און דוד ספאַרד. אין לאָדזש זענען אַרויסגעטרעטן צוזאַמען אויף אַן אָוונט פון פּאָעזיע די דיכטערס וו. סלאָבאָדניק, יאַן הושטשאַ און לייב קופערשמיד, לייב מאָרגענטוי און יצחק גוטערמאַן.

די נייטיקייט צו פאַראינטערעסירן וואָס ברייטערע קרייזן מיטן יידישן ליטע־ראַרישן שאַפן איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן דורך אַ ספּעציעלער זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג פון אַלפּוילישן ליטעראַטן־פאַראיין אונטערן פאָרזיץ פון באַוווסטן שרייבער לעאָן קרוטשקאָווסקי. דער גרינטלעכער רעפעראַט פון ב. מאַרק האָט

אַרויסגערופן אַ ברייטע דיסקוסיע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אַנטאָני סלאָנימסקי, קאַזשימיעזש בראַנדיס, י. מאַלישעווסקי, י. קאַזשעניעווסקי, בינעם העלער, ד. ספּאַרד, יעזשי פּוטראַמענט און לעאָן קרוטשקאָווסקי.

די גוטע אַטמאָספער און די פּאַראינטערעסירונג מיט די יידישע שרייבערס ברענגט דערצו, אַז עס קומט אויף די נייטיקייט אַרויסצוגעבן אַ ריי יידישע ווערק אין דער פּוילישער שפּראַך.

מיר האָבן אַנגעהייבן אַנווענדן נייע פאָרמען צום סטימולירן אַלץ אַ גרעסערן פאַרנעם פון דער געזעלשאַפטלעכער און קולטור־טעטיקייט. צווישן דער לאָדזשער אָפּטיילונג פון פאַרבאַנד און דער וורוצלאַווער איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פּאַר־מעסט פאַר וואָס גרעסערע דערגרייכונגען. אין די אַרבעטס־אונטערנעמונגען האָט מען אָנגעהייבן צו ווילן אַקטיוויסטן־גרופּן, וועלכע זאָלן אָנהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די מיטגלידער, זיי איבערגעגעבן די באַשלוסן פון די פאַרוואַלטונגען און צוציִען צו באַזונדערע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אַקציעס. צו אַזעלכע אַקציעס, וואָס האָבן אָנגענומען אַ באַזונדער גרויסן פאַרנעם און האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג צווישן יידן, איז געווען דער פּראָטעסט קעגן דעם משפּט און אורטייל אויף עטל און יוליוס ראָזענבערג; דער פּראָטעסט קעגן דער „ווידער־גוטמאַכונג" מצד מערב־דייטשלאַנד, מיט שאַרפע אַרויסטרעטונגען קעגן דער בן גוריון־פּאָליטיק. אַוודאי האָבן מיר אַלעמען גערופן זיך צו באַטייליקן אין די־פּאָליטישע אַקציעס, וואָס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די מלוכה־אָרגאַנען, דורך דעם פראָנט פון פאָלקס־איינהייט א"א. צוזאַמען האָט עס געשאַפן אַן אַט־מאָספער פון דינאַמישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס האָט געזאָלט העלפן באַפרייען פון די דריקנדיקע שטימונגען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האַרבן פּאַרטיי־קורס אין פוילן און אין אַנדערע לענדער פון מזרח־אייראָפּע.

אין גאַנג פון דער פּילזייטיקער פּראַקטישער אַרבעט האָבן מיר אַלץ אָפטער אָפּגעפּילט באַשטימטע העמונגען, אַפילו אַ ווידערשטאַנד אין אונדזער אייגענער סביבה. עס קומט אויף אַ שרעקוואָרט, וואָס הייסט „קולטוריזם". אויף אַ פּלענאַרער פאַרזאַמלונג פון אונדזער הויפּט־פאַרוואַלטונג ווערט אונדז פאַרגעוואָרפן די באַ־שולדיקונג אין „קולטוריזם", און גראַד קומט עס פון יענע, וועלכע האָבן אין אונדזער פאַרבאַנד געוואָלט זען בלויז אַ קולטור־אָרגאַניזאַציע. דאָס האָט געדאַרפט הייסן, אַז מען פאַרנעמט זיך ביי אונדז מיט קולטור לשם קולטור און מען פאַר־נאַכלעסיקט דעם פּאָליטישן קאַמף קעגן יידישן נאַציאָנאַליזם. אַ צווייטע „טעאָריע" קומט אויף און ווערט געפּריידיקט סיי בעת אַ צונויפקום פון די מיטגלידער פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג און סיי אין דער פּרעסע: „די יידן פון פוילן זענען אַ באַשטאַנדטייל פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער נאַציע". ממילא געהערן מיר שוין נישט צום יידישן פאָלק. די דאָזיקע „טעאָריע" האָט עס געדאַרפט באַרעכטיקן אונדזער פולע איזאָלאַציע פון די יידישע צענטערן אין דער וועלט, אַפילו פון די יידן פון סאָוועטישן בלאָק. געווען איז עס נישט בלויז קיין אַבסטראַקטע טעאָריע. עס קומט באַלד דער באַשלוס, אַז אין די יידישע שולן זאָל מען פון 5טן קלאַס

לערנען די מערהייט קעגנשטאַנדן אין דער פּוילישער שפּראַך, „כּדי דערנענטערן די קינדער צו דער פּוילישער קולטור". קיין מעגלעכקייט אַרויסצוטרעטן קעגן די נאַציאָנאַל־ניהיליסטישע, מאַסקירט־אַסימילאַטאָרישע „טעאָריעס" איז נישט געווען אין יענער צייט, ווען תיכף וואָלט מען באַשולדיקט געוואָרן אין יידישן „רעכט־נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג". אין דער פּראַקטישער אַרבעט האָבן מיר די דאָזיקע „טעאָריעס" לויט די מעגלעכקייטן פּאַרלייקנט. אַ שטייגער — מיר האָבן געשאַפן ביי די שולן יידישע קינדער־קלובן, כּדי נישט לאָזן די שילערס אָפּפרעמדן פון דער יידישער קולטור־ווירקונג.

כ'וויס נישט זיכער לויט וועמענס איניציאַטיוו, אָבער פּלוצלונג ווער איך אַרויסגערופן אין דער קאַדרען־אָפּטיילונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פּזפּ"ר, ווו מ'זאָגט מיר אָן די בשורה, אַז כ'ווער באַשטימט צו פאָרן קיין פּראַג, אַלס שטענדיקער פאָרשטייער פון דער פּוילישער פּאַרטיי אין דעם אינפאָרמביוראָ פון די קאָמוניס־טישע פּאַרטייען (אויפן מערב האָט מען עס גערופן „קאָמאינפאָרם") — אין דער רעדאַקציע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער צייטשריפט „פאַר דויערנדיקן שלום, פאַר פאָלקס־דעמאָקראַטיע". כ'האָב געדאַנקט פאַרן כבוד און דערקלערט, אַז כ'בין נישט גרייט אָנצונעמען דעם פאָרשלאַג. כ'בין פאַרבונדן מיט אַן אַרבעט פון וועלכער כ'וויל נישט אַוועקגיין. מ'האָט מיך תיכף פאַרבונדן מיט אַ מיטגליד פון דעם פּאָליטביוראָ, פון וועלכן דער באַשלוס איז געווען אָפּהענגיק. כ'האָב פאַר אים אויסגעלייגט אַלע קאָנטראַרגומענטן. ער האָט מיר פון דעסטוועגן געראָטן זיך צו באַטראַכטן.

אַ שלעכט געפיל האָט מיר דעמאָלט באַהערשט. „עמעצער" איז פאַראינטע־רעסירט געווען פּטור צו ווערן פון מיר אַלס פאָרזיצער, אַלס אַקטיוון טוער פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד. לייכטער אויפן האַרצן איז אונדז אַלעמען געוואָרן ווען אָנשטאָט לאַזעבניקן, וועלכן מ'האָט געשיקט אַרבעטן אין דער צענזור *), איז אַלס סעקרעטאַר פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג באַשטימט געוואָרן ד"ר ד. ספאַרד. אַן אַנדער אַטמאָספער און סביבה האָט זיך דעמאָלט געשאַפן אין דער הויפּט־פאַרוואַלטונג.

ווידער האָט מען מיך גערופן אין צענטראַל־קאָמיטעט פון פּזפּ"ר, דאָס מאָל צום מיטגליד פון דער פּאָליטביוראָ, וועלכער איז געווען דער ממונה איבערן אידעאָלאָגישן פראָנט. ער האָט מיר געוויזן אַ דאָקומענט, אַ לעצטן בריוו פון אַ פּאָליאַק פון שטשעטשין, וועלכער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אין דעם בריוו איז געווען געשריבן, אַז אין זיין טויט זענען שולדיק די יידן, וועלכע האָבן

---

*) צו מיר האָט זיך געהאַט אַמאָל געווענדעט דער געוועזענער פירנדיקער טוער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּפּ"ס), סטאַניסלאַוו שוואַלבע, מיט דער פראַגע, ווער עס איז אַזעלכער לאַזעבניק, און וואָס פאַראַ קוואַליפיקאַציעס פאַרמאָגט ער צו זיין דער היטער פון כשרות פון דער פּוילישער ליטעראַטור? כ'האָב אים געענטפערט, אַז מ'האַלט פון אים... אַלס נישט קיין שלעכטן דאַמסקן שניידער, אָבער זיינע ידיעות אין דער פּוילישער ליטעראַטור זענען מער ווי באַגרענעצטע.

געפירט קעגן אים אַ העצע. אויף מיין פראַגע, צי איז דער ענין אויסגעפּאַרשט געוואָרן און צי מ׳וויס קאָנקרעט וועגן וועמען און אין וואָס עס האַנדלט זיך, איז געקומען דער ענטפער, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ מער אַלגעמיינעם ענין: מען דאַרף זאָגן די יידישע חברים, אַז זיי זאָלן זיצן שטילער, זאָלן זיך נישט צופיל שטופן...

מיר איז קאַלט געוואָרן אויף דער נשמה. הייסט עס, אַז אַן איינצלנער, נישט קיין געגנוי אויסגעפּאַרשטער פאַל, דאַרף זיין אַ פּרעטעקסט צום הייסן יידישע מענטשן זיי זאָלן נישט צופיל זיך שטופן?! כ׳האָב געפרעגט וועמען אייגנטלעך דאַרפן מיר, די טוערס פון יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, עס עצהגען? כ׳האָב אים אינפאָרמירט, אַז לויט אונדזערע ידיעות זענען אויף די פּאַראַנענע ביז דעמאָלט העכער 80 טויזנט יידן, 43 טויזנט פאַרנומען מיט פיזישער אַרבעט. פון זיי 10 טויזנט אין אונדזערע 300 אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון, 5000 אין פּריוואַטע אונטערנעמונגען, 4 טויזנט אין דער לייכטער אינדוסטריע, 2000 אין דער שווער־אינדוסטריע, 3000 אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע און אַ באַשטימטע, נישט קיין פעסטגעשטעלטע נאָך צאָל אין מלוכהשן און קאָאָפּעראַטיוון האַנדל. די דאָזיקע מענטשן שטעלן מיט זיך פאָר די גרונט־באַזע פון אונדזער אַרבעט און ווירקונג. צי קען מען דען קומען צו די דאָזיקע מענטשן מיטן רוף: שטופּט זיך נישט?! יענע ווידער, וועלכע פאַרנעמען הויכע רעגירונג־ און פּאַרטיי־פּאָסטנס — זיי האָבן מיט אונדזער סביבה קיין שום שייכות נישט.

דער מיטגליד פון פּאָליטביוראָ האָט מיט אומצופרידנקייט אויפגענומען מיין אָפּווענדן זיין פאָרשלאָג. ער האָט בלויז איינס געזאָגט: „שמעון האָט אַנדערש גערעדט...״ ווירקלעך האָט שמעון זאַכאַריאַש אַנדערש גערעדט. ער האָט אויף פאַרזאַמלונגען אין די שטעט און שטעטלעך איבערגעחזרט דעם פּאַראָל: „שטופּט זיך נישט״ און יידישע מענטשן, קודם־כל פּאַרטיי־חברים, האָבן עס אויפגענומען שטאַרק אומצופרידענע. קיינער פון אונדז איז דערמיט קיין מאָל נישט אַרויסגע־קומען.

געווען איז אַ פאַל, ווען עטלעכע פון אונדז זענען גערופן געוואָרן אין דער פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג פון צ״ק פון דער פּאַרטיי. געהאַנדלט האָט זיך אין אַן אָנקלאָגע מצד דעם רענאָמירטן פּאַרטיי־פילאָזאָף, אַדאַם שאַף, קעגן דער רעדאַקציע פון אונדזער ליטעראַרישער אויסגאַבע „יידישע שריפטן״ פאַרן דרוקן אַן אַרטיקל פון יידישן פּובליציסט, אהרון וואַל, אין וועלכן ער האָט אָפּגעפרעגט אַ ריי טעזן אין שאַפס אַ בוך. אהרון וואַל איז נאָך פון פאַר דער מלחמה געווען באַקאַנט אַלס קאָמוניסטישער טוער, וועלכער איז צוליב זיינע זעלבשטענדיקע שטעלונגען אויס־געשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי. די פּוילישע פּאָליציי האָט אים פון דעסטוועגן פאַרשיקט אין דעם קאַרטוז־בערעזער לאַגער. דאָרט האָט ער אונטערגעשריבן אַ לאָיאַליטעט־דעקלאַראַציע און איז ממילא באַקאַטירט געוואָרן דורך די בערעזער אַרעסטאַנטן. בעת דער מלחמה האָט ער זיך געראַטעוועט אין אַ באַהעלטעניש אויף דער אַרישער זייט. ער איז אַרויסגעקומען אַ קראַנקער, צעבראָכענער מענטש.

ער פלעגט גאַנצע טעג אָפּזיצן אין דעם שרייבער־קלוב אויף נאַרוטאָוויטש־גאַס און דאָרט געשריבן זיינע אַרטיקלען. אַדאַם שאַף האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן, אַז דער דאָזיקער „דעקלאַראַנט" זאָל אים קריטיקירן. דער מענטש פון צ"ק האָט געפּסקנט, אַז די „יידישע שריפטן" זענען באַגאַנגען אַ פעלער. דערויף האָט זיך דאָס אָבער נישט געענדיקט. אהרון וואָל איז שפּעטער אַרעסטירט געוואָרן לויט אַן אַרטיקל פון אַזוי גערופענעם „קליינעם קאָדעקס" פאַרן... מיטהעלפן דעם פאַשיסטישן רעזשים אין פוילן. אהרון וואָל איז אַ צייט אָפּגעזעסן אין תפיסה און איז קורץ נאָכן באַפרייען געשטאָרבן. דער גאַנצער ענין האָט זיך שווער געלייגט אויפן געמיט. עס האָט זיך פון אים געטראָגן דער סאָוועטישער ריח פון מסירה און נקמה.

מיר האָבן צו יענער צייט געוווּסט וועגן דעם, אַז פון דער פּוילישער אַרמיי וואַרפט מען אַרויס יידישע אָפיצירן. ס'איז קיין צווייפל נישט געווען, אַז דאָ ווירקן סאָוועטישע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן ביי זיך שוין געהאַט דורכגעפירט אַ גרינט־לעכע „רייניקונג".

דעם פּולקאָווניק שוביטש האָב איך געקענט. ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, האָב איך זיך נישט געחידושט, הגם מיט טיפן וויטיק האָב איך אויפגענומען די ידיעה. אַ יידישער בחור פון ווילנער קאַנט האָט ער פון די ייִנגסטע יאָרן זיך באַטייליקט אין דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער טעטיקייט. אין דער פּוילישער קאָשטשושקאָ־דיוויזיע האָט ער דורכגעמאַכט, בעת דער מלחמה איר גאַנצן שלאַכטוועג. העלדיש, געטריי און באַשיידן־חבריש איז ער אַלס העכערער אָפיציר געווען מיט לייב און לעבן אַריינגעטאָן אין דער אַרמיי־טעטיקייט. ער האָט נישט געקאָנט מסכים זיין מיטן אומגערעכטן אורטייל צו באַפרייען אים פון דער אַרמיי. איז אים געבליבן בלויז צו פאַרענדיקן מיט דער הילף פון פּיסטאָלעט.

אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן דער חשד, אַז די געפאַר דערנענטערט זיך צו אונדזער יידישער סביבה. בפרט ווען פון די שכנישע לענדער זענען אַלץ אָפטער דערגאַנגען צו אונדז ידיעות וועגן אַ בולטער אַנטי־יידישער פּאָליטיק.

...און עס האָט זיך אָנגעהויבן

ווען מיר פלעגן ענטפערן אַ צופעליק־באַגעגנטן באַקאַנטן פון מערב־איראָפּע אָדער אַמעריקע, אַז מיר האָבן נישט קיין שום ידיעות וועגן גורל פון די יידישע שרייבערס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט מען זיך אָפט מיט אומצוטרוי באַצויגן צו אונדז. מענטשן האָבן נישט געקאָנט גלויבן, אַז חוץ פון אויסלענדישע צייטונג־ידיעות און פון אַ זעלטן געהערטער מערבדיקער ראַדיאָ־אוידיציע, ווייסן מיר מער גאָרנישט וועגן דעם גורל פון די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און אין די לענדער פון סאָוועטישן בלאָק.

בעת אַ פּריוואַטער רייזע, אויף אָפּרו קיין בולגאַריע, האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ פירנדיקן טוער פון דער „קאָנסיסטאָריע", אַ קאָמוניסט נאָך פון די צייטן פון אונטערערד, און ער האָט אַ פולשטענדיק איינגעבראָכענער מיר דערציילט, אַז ערב די וואַלן צו דער „פאָלקס־פאַרזאַמלונג" (פּאַרלאַמענט), איז מען פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג געקומען צו אים מיטן „פאָרשלאַג", אַז ער זאָל צוריקציִען זיין קאַנדידאַטור אַלס דעפּוטאַט. אַרויסגעשטעלט אים אַלס קאַנדידאַט האָט גראָד דער סאָפיער פּאַרטיי־קאָמיטעט. אויף מיין פראַגע, צי איז עס נישט אַן איינצלנער פאַל צוליב געוויסע טענות קעגן אים פערזענלעך, האָט ער דערקלערט, אַז דאָס איז נישט קיין איינצלנער פאַל און צו אים, אַלס פּאַרטיי־מיטגליד האָט מען גאָרנישט. ער איז אין דער לעצטער מינוט דיסקוואַליפיצירט געוואָרן אַלס ייד... דער אַנטי־סעמיטיזם האָט געגרייכט צו דעם לאַנד, ווו קיין אַנטיסעמיטיזם איז נישט געווען, ווו אין דער שווערסטער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען די דאָרטיקע יידן אָפּגעראַטעוועט געוואָרן.

מיט אַ גרופּע פּאַרטיי־טוערס איז געפאָרן קיין מאָסקווע ש. זאַכאַריאַש. איך האָב מיט אים מיטגעגעבן אַ בריוו צו מיין גאָר נאָענטן יוגנט־חבר, דעמאָלט שוין דעם באַרימטן רוסישן שרייבער, עמנואל קאַזאַקעוויטש, וועלכער האָט פאַר זיין ווערק, וועלכן ער האָט פון יידיש איבערזעצט אין רוסיש — „דער שטערן" — באַקומען די סטאַלין־פּרעמיע. אַלס פּרעטעקסט פאַר זאַכאַריאַשס באַזוך ביי אים האָט געדינט מיין פאָרשלאַג, אַז ער אַליין זאָל איבערזעצן אויף יידיש זיין נייעסטן רוסישן בוך „דער פרילינג אויפן טייך אָדער", כדי מיר זאָלן עס אין פאָרזעצונגען קענען דרוקן אין דער „פאָלקס־שטימע". דעם אמת געזאָגט האָט מיך בעתן לייענען דאָס דאָזיקע בוך געוווּנדערט, וואָס ביינאַנד מיט פערסאָנאַזשן פון די פאַרשידנסטע פעלקער, איז אין דעם גאַנצן ווערק נישט אַרויסגעבראַכט געוואָרן קיין איין יידישער שלאַכטמאַן. פאַר מיר, וועלכער האָט געדענקט עמקען (אַזוי פלעגן מיר

אים רופן) פון זיינע ערשטע יידישע לידער, וועלכע איך האָב געדרוקט, איז נישט דענקבאַר געווען צו זען אין אים אַ פּחדן, אַ צופּאַסלער, פון יענע לייט, וועלכע האָבן געלייקנט דעם העלדן־קאַמף פון יידן קעגן היטלערס אַרמייען. דער עיקר אין מיין בריוו איז אָבער געווען, אַז ער זאָל דורך דעם מענטשן, וועלכער קומט צו אים — און ער מעג צו אים האָבן צוטרוי, אַזוי ווי צו מיר אַליין — איבער־געבן גענוי וועגן גורל פון אונדזערע ביידנס חברים און באַקאַנטע — יידישע שרייבערס — וואָס עס הערט זיך ביי זיי, ווו זענען זיי, וואָס טוען זיי?

עמנואל קאַזאַקעוויטש האָט קודם־כל אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג, אַז ער אַליין זאָל איבערזעצן פאַר דער „פאָלקס־שטימע" זיין נייעסטן ווערק. ער פאַרלאָזט זיך פולשטענדיק אויף מיר, אַז איך וועל עס גוט מאַכן. פון אַ שמועס וועגן גורל פון די יידישע שרייבערס האָט ער זיך פולשטענדיק אַרויסגעדרייט. ער ווייס נישט, ער איז שטאַרק פאַרנומען, ער טרעפט זיך נישט מיט קיינעם...

כ'האָב אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט, דורך וואַרשעווער קרובים, מיטן יידישן שרייבער פון מאָסקווע, יעקב ריוועס — און ווידער מיטן פאָרשלאָג צו דרוקן אין דער „פאָלקס־שטימע" זיינע אַ דערציילונג. ער איז דערויף מסכים געווען און באַלד זיך צוריקגעצויגן. קיין שום ידיעה וועגן די באַוווסטע יידישע שרייבערס האָב איך אויך פון אים נישט באַקומען.

דער איינציקער קוואַל פון אונדזער (נישט) וויסן איז געווען די סאָוועטישע פּרעסע מיט איר בולט־אַנטיסעמיטישן „דעמאַסקירן" די יידישע נעמען און פּאַ־מיליעס פון די „קאָסמאָפּאָליטן". מיר האָבן זיך בלויז אָנגעשטויסן, אַז ס'איז שלעכט, אַז ס'איז געשען אַ גרויס אומגליק. און מיר זענען לחלוטין הילפלאָז, זענען נישט בכוח אַפילו זיך צו דערוויסן וועגן גורל פון די אַזוי נאָענטע, אַזוי געשעצטע און באַוווסטע אין דער גאַנצער יידישער וועלט שרייבערס, קינסטלערס, געזעלשאַפטלעכע טוערס.

פון נאָענטע חברים פון אויסערן־מיניסטעריום און פון דער אויסלענדישער אָפּטיילונג פון צ"ק האָב איך זיך גאָר פרי דערוווּסט וועגן די אַרעסטן אין אונגאַרן (ווידער אין אונגאַרן! — און מיר דערמאָנט זיך יענער טאָג אין פרילינג 1935, ווען אין דער געביידע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אין דער פּוילישער סעקציע, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מ'האָט אַרעסטירט די אָנפירער פון דער אונגאַרישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי צוזאַמען מיט בעלאַ קון, דעם געוועזענעם פּאָרזיצער פון דער אונגאַרישער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג). דאָרט איז אַרעס־טירט און פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דער צענטראַלער פּאַרטיי־טוער לאַשלאָ ראַיק. אויך אין בולגאַריע איז דאָס זעלבע געטאָן געוואָרן מיט טראַיטשאָ קאָסטאָוון. אַן ענלעכער אורטייל איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אין רומעניע אויף די צענטראַלע פּאַרטיי־טוערס ל. פּאַטראַסקאַנו און וואַסילע לוקאַ. באַלד איז געקומען דער טויט־אורטייל אויף דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי, רודאָלף סלאַנסקי.

פּאַרוואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן גראָד די דאָזיקע טוערס, וועלכע האָבן

אין הינטערלאַנד פון שונא געקעמפט מיטן היטלעריזם, מענטשן — אויסגעפּרוּווטע, אויף וועלכע עס איז כּסדר געהאַנגען אַ טויט־געפאַר — דערויף האָב איך קיין ענטפער נישט באַקומען. אין מוח האָט געענומען אויפקומען די אַנאַלאָגיע מיט סטאַלינס אויסראָטן אַלע פירערס פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, וועלכע זענען געשטאַנען בראש פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אַרויסברענגען פאַר עמעצן דעם דאָזיקן חשד איז נישט דענקבאַר געווען. געוווּסט האָב איך שוין דעמאָלט, אַז אין אַלע פאַלן, גאַר באַזונדערס בעת דעם נאָענטן סלאַנסקי־פּראָצעס, האָט פיגורירט די באַשולדיקונג אין קאָנטאַקט מיט דער „צפון־אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש־צענטראַלע", דורך די אַמעריקאַנער בירגערס, די ברידער נאָעל און הערמאַן פילד (אַזוי ווי לגבי די שפּאַניע־קעמפּערס אין פּוילן).

מיין „אַלטער חבר" האָט מיר איבערגעגעבן: ווען אין פּראָג האָט זיך אָנגעהויבן דער אַזוי גערופענער סלאַנסקי־פּראָצעס, האָט דער פּוילישער פּרעמיער־מיניסטער און גענעראַל־סעקרעטאַר פון פּזפּ"ר, באָלעסלאַוו ביערוט, אַרויסגעשיקט אַהין אַ ספּעציעלן אָבסערוואַטאָר. געווען איז עס דער וויצע־מיניסטער פון קאָמיטעט פאַר זיכערהייט, ראָמאַן ראָמקאָווסקי. „מיין אַלטער חבר" איז געווען דערביי, ווען ראָמקאָווסקי האָט דערציילט פאַר איניקע זיינע מיטאַרבעטער וואָס פאַראַ שרעקלעכן איינדרוק זיין אינפאָרמאַציע האָט געמאַכט אויף ביערוטן. ער האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ, ווען ראָמקאָווסקי האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז דער גאַנצער פּראָצעס טראָגט אַ פולשטענדיק־אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער. ביערוט האָט גענומען שפּאַנען הין און צוריק איבער זיין קאַבינעט און עטלעכע מאָל איבער־געחזרט: „וואָס זענען זיי דאָרט — משוגע געוואָרן!".

באַוווּסט איז געווען, אַז ביערוט האָט דעמאָלט באַשיצט יעקב בערמאַנען, ווי איניקע אַנדערע טוערס־יידן, צו וועלכע די טויטע האַנט פון דער נקג"ב האָט זיך געהאַט נאָענט אויסגעצויגן. צו קיין שום פּראָצעסן לויטן ביישפּיל פון אונגאַרן, בולגאַריע און טשעכאָסלאָוואַקיע איז אין פּוילן נישט דערגאַנגען. הגם — אַזאַ מין פּראָצעס האָט זיך געגרייט און דאָס דירעקט געווענדעט קעגן אונדז.

צום סעקרעטאַר פון אונדזער הויפּט־פאַרוואַלטונג, ד"ר ד. ספאַרד איז באַלד אין דער פרי, דעם 24טן פעברואַר 1953, געקומען די פרוי פון דירעקטאָר פון פאַרלאַג „יידיש בוך", קלאַראַ עגיט, און איבערגעגעבן, אַז ביינאַכט האָט מען אַרעסטירט איר מאַן, יעקב עגיט. באַלד האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די זעלבע נאַכט האָט מען אויך אַרעסטירט דעם געוועזענעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון „דזשאָינט" אין פּוילן י. גיטלער־באַרסקי. אַ צייט שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַרעסטירט איז אויך געוואָרן אין דער זעלבער צייט דער מיטאַרבעטער פון דער ישראל־געזאַנדשאַפט, דער פּוילישער בירגער לערער. איך האָב דעמאָלט קיין איין מינוט נישט געצווייפלט, אַז דאָס איז דער אָנהייב פון אונדזער סוף, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַן איבערחזרונג פון דעם מאָסקווער האַרבסט 1948, ווען ס'איז ליקווידירט געוואָרן דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט.

כ'האָב אַנטשלאָסן געפאָדערט אַ תיכּפדיקע אויפנאַמע ביים סעקרעטאַר פון

צענטראַל־קאָמיטעט פון פּזפּ״ר, עדוואַרד אָכאַב. דער אָנפירער פון זיין סעקרעטאַריאַט, מאַלטשיק, האָט וויזט אויס דערשפּירט אין וואָס פאַראַ צושטאַנד איך געפין זיך און האָט נאָך אַנאַנד איבערגעפרעגט ביי מיר: „וואָס איז מיט דיר געשען?״ איך האָב אים בלויז געענטפערט: „עפּעס שרעקלעכעס״...

איך דערמאָן זיך קוים, אַז ווען עס איז אין מיין לעבן, אין די שווערסטע באַדינגונגען, זאָל איך זיך האָבן געפונען אין אַזאַ צושטאַנד פון פאַרלוירנקייט, פון נישט וויסן וואָס צו טאָן, און האָב ממילא אויסגעקליבן... דאָס ערגסטע: איך האָב פון אָכאַבן געפאָדערט ער זאָל מיר באַפרייען פון מיין ביז איצטיקער אַרבעט, סיי אַלס פאָרזיצער פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן און סיי אַלס הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקס־ שטימע״. כ׳וויל נישט טראָגן די מינדסטע אחריות פאַר דעם, וואָס די „בעזפּיעקע״ גרייט זיך צו טאָן מיט דער יידישער סביבה אין פוילן, לויטן ביישפּיל דערפון, וואָס איז געטאָן געוואָרן מיטן יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט.

עדוואַרד אָכאַב האָט קענטיק זיך שטאַרק איבערגענומען מיט מיין צושטאַנד. ער האָט זיך אַנטשולדיקט און געבעטן מיר אונטערוואַרטן אַ קורצע צייט אין אַלגעמיינעם אויפנאַם־צימער. ווען ער האָט מיר אַריינגערופן צו זיך, איז ביי אים געווען דער אָנפירער פון דער אָפּטיילונג פאַר פּראָפּאַגאַנדע און פּרעסע (שפּעטער סעקרעטאַר פון צ״ק) אַרטור סטאַרעוויטש.

אָכאַב האָט מיר געפּרוווט באַרויִקן מיט דער „אינפאָרמאַציע״, (וועלכע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ נישט ריכטיקע), אַז וואָס שייך יעקב עגיטן, דעם דירעקט פאַרבונדענעם מיט אונדזער יידישע סביבה, זענען די באַשולדיקונגען קעגן אים שייך פאַרמלחמהדיקע ענינים און ממילא איז קיין גרונט נישטאָ צו טראַכטן, אַז עס האַנדלט זיך בכלל וועגן דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. וואָס שייך מיין פאַרלאַנג צו טוישן די אַרבעט, איז ער מסכים. ער האָט מיר איבערגעגעבן, און אַרטור סטאַרעוויטש האָט עס אויפן אָרט באַשטעטיקט, אַז מיר ווערט פאָרגעלייגט צו ווערן דער רעדאַקטאָר פון אַ ווייסרוסישער צייטונג *) אָדער גיין אַרבעטן אין דער פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג פון צענטראַל־קאָמיטעט. איך בין אַוועק מיטן צוזאָג זיך צו באַטראַכטן און האָב שוין אויפן אָרט געפילט, אַז כ׳האָב געהאַנדלט אין אַ צושטאַנד פון פאַרלוירנקייט, אַז כ׳האָב נישט געהאַט קיין שום מאָראַלישע און געזעלשאַפטלעכע רעכט צו שטעלן אין אַזאַ סיטואַציע די פראַגע וועגן מיין אַוועקגיין פון דער באַדראָטער יידישער סביבה. איך האָב ביידע, אָכאַבן און סטאַרעוויטשן, געמאָלדן, אַז איך בלייב אויף מיין אַרבעט.

צו יענער צייט האָב איך זיך אויך געווענדעט צו דער וויצע־פאָרזיצערין פון

*) ביז דעמאָלט איז נישט דערלויבט געווען, אין הסכם מיט גאָמולקאָס און שפּעטער — גערעקס „טעאָריע״ וועגן פוילן אַלס איין־נאַציאָנאַלע מלוכה — צום אַרויסגעבן צייטונגען אין די שפּראַכן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אַן אויסנאַם זענען געווען די יידן. אין 1953 האָט מען געענדערט די שטעלונג. עס זענען אויפגעקומען אָרגאַניזאַציעס און פּרעסע־אָרגאַנען פון די אוקראַיִנער, ווייסרוסן, טשעכן א״א.

דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע, מיט וועלכער איך האָב צוזאַמענגעאַרבעט אין די אומלעגאַלע צייטן, ליובא יאַנקאָווסקאַ, וועלכע האָט מיר באַשטעטיקט דאָס זעלבע, וואָס דער סעקרעטאַר פון צ״ק אָכאַב האָט מיר געזאָגט וועגן עגיטן *). אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז די פּאָליטישע פּאָליציי, וועלכע האָט אַרעסטירט י. עגיטן, האָט בעת דער אויספאָרשונג בכלל זיך נישט אינטערעסירט מיט קיין שום ענינים פון זיין פּאָליטישער פאַרגאַנגענהייט. אין דעם ספּעציעלן געהיימען אַרעסט־אָרט (30 קילאָמעטער פון וואַרשע, אין אַ וואַלד אויף דער אָטוואָצקער ליניע), וועלכן מ׳האָט גערופן „פּיעקעלקאָ״ (,גיהנומל׳) האָט מען חדשים־לאַנג געהאַלטן י. עגיטן. מען האָט אים באַשולדיקט אין וועלן אָפּרייסן נידער־שלעזיע, כדי עס איבערגעבן אַדענאַוערס דייטשלאַנד. די אינספּיראַציע דערצו זאָל האָבן געקומען פון אַמעריקאַנער אויסשפּיר דורך י. שוואַרצן — דעם דירעקטאָר פון „דזשאָינט״ אין אייראָפּע; די פאַרבינדונגען מיט דער ישראל־געזאַנדשאַפט זאָל עגיט האָבן אָנגעהאַלטן דורך איר מיטאַרבעטער, דעם פּוילישן בירגער לערער.

קיין באַרויִקונג אין מיין געמיט איז נישט געקומען נאָך די „אויפקלערונגען״ פון אָכאַבן און יאַנקאָווסקאַן, בפרט, אַז אַלץ אָפטער זענען געוואָרן די קלאַנגען וועגן אויפגעבויטע צווישן ביאַליסטאָק און גראָדנע לאַגערן פאַר די פּוילישע יידן. אַלץ שאַרפער האָט גענומען עקבערן דער געדאַנק, אַז עס איז ענדגילטיק געקומען אַ סוף צו דער האָפענונג, אַז מיר, מיט אונדזער אַרבעט און אויפטוען אין פּוילן, וועלן דינען אַלסביישפּיל און ווירקן צום ענדערן די לאַגע פון דער דיסקרימי־נירטער — פּאָליטיש און קולטורעל — יידישער באַפעלקערונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד: אַז עס וועט נאָך קומען די צייט ווען דער סאָוועטן־פאַרבאַנד צוזאַמען מיט פּוילן און רומעניע וועלן לייזן דעם יידישן פּראָבלעם אויף אַ גענעראַלן, סאָציאַליסטישן אופן. און ביי דעם אַלעמען — ווי שווער, אוי ווי שווער עס איז געווען צו קאַפּיטולירן, צום אָנערקענען זיך אַלס פאַרשפּילטע אין יאָרנלאַנגן קאַמף פאַר אונדזער אלטערנאַטיוו צום לייזן די יידן־פראַגע. ממילא האָבן מיר מיטגעמאַכט — מיט איבערצייגונג און אָן איבערצייגונג — דעם אַלגעמיין־פאַר־טייִשן קאַמף קעגן ציוניזם, קעגן ישראל. בפרט, אַז צו יענער צייט האָט די פּוילישע רעגירונג געפאָדערט, אַז דער געזאַנדטער פון מדינת ישראל, אריה קובאָווי, וועלכער איז דערקלערט געוואָרן אַלס „פּערסאָנאַ נאָן גראַטאַ״, זאָל פאַר־לאָזן פּוילן. אין דער דאָזיקער לאַגע האָב איך, אַלס שעף־רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקס־שטימע״, געגעבן אין דער צייטונג פילצאָליקע אַרטיקלען און קאַריקאַ־טורן, הויפּטזעכלעך איבערגעדרוקטע פון דער סאָוועטישער און פּוילישער פּרעסע, קעגן דער פּאָליטיק פון מדינת ישראל, קעגן ציוניזם — און דאָס אין דער צייט פון דעם דאָקטוירים־בלבול אין מאָסקווע. ביי פיל לייענער אין פּוילן און אין אויסלאַנד האָט עס אַרויסגערופן אַ דערווידערונג. עס זענען צו מיר אָנגעקומען פּראָטעסט־בריוו. אָבער נישט דרוקן די אָפיציעלע ווערסיע וועגן די דאָקטוירים

*) געווען איז קעגן אים אַ מסירה פון דעם צוריקגעקומענעם פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, שוואַם.

און די באַגלייטע קאָמענטאַרן, האָבן מיר נישט געקאָנט, הגם זעלטן ווער איז בכוח געווען אויפצונעמען דעם סטאַלינישן ליגן, וואָס האָט געצילט אין די יידן בכלל און האָט געזאָלט דינען, ווי עס איז שפּעטער באַוווסט געוואָרן, אַלס פּרע־טעקסט פאַר אַרויסשיקן די יידן פון די גרעסטע שטעט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

„מיין אַלטער חבר" האָט מיר איבערגעגעבן: „דיינער אַ מענטש — געמיינט אַ מיטגליד פון פּרעזידיום פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפט־לעכן פאַרבאַנד — האָט אין משך פון 4 שעה אויפגעקלערט פאַר די אָנפירנדיקע קאַדרען פון מיניסטעריום פאַר זיכערקייט אין אַ רעפעראַט און אין זיינע ענטפערס אויף פראַגן, ווי אַזוי ס׳איז אויפגעקומען און וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער ציוניזם". דערביי האָט ער מיר אויך דערציילט, אַז מיין באַקאַנטער פון די צייטן פון דער אומלעגאַלער אַרבעט און איצט שעף פון דעם קאַדרען־דעפּאַרטאַמענט פון זיכערהייט־מיניסטעריום, פּולקאָווניק אַרעכוואַ, האָט אין זיין וואָרט דערקלערט: „אַוודאי איז אינטערעסאַנט צו וויסן, ווי דער לעקטאָר האָט עס דערקלערט, אַז דער ציוניזם איז געבוירן געוואָרן אין די קאַבינעטן פון די ענגלישע אימפּעריאַ־ליסטישע אידעאָלאָגן און פּאָליטיקער. אָבער נאָך וואָס דאַרפן מיר גיין אַזוי וויט, וויבאַלד מיר האָבן דעם ציוניזם ביי זיך אין מיניסטעריום". און נאָך דעם — האָט דערציילט „מיין אַלטער חבר" — האָט מען אָנגעהויבן אַרויסרופן אין קאַדרען־דעפּאַרטאַמענט און אָפּשיקן אַהיים „די ציוניסטן" — ס׳הייסט אַלע יידישע מיט־אַרבעטערס. מיט איראָניע האָט ער נאָך צוגעגעבן: „געהאָלפן ,דעם גוי׳ האָט דערביי דיין ייד..."

אין דער דאָזיקער אַטמאָספער פון נישט זיכערקייט מיט דער היינטיקער נאַכט און מיטן מאָרגנדיקן טאָג, האָבן מיר אויף קיין מינוט נישט אָפּגעשוואַכט אונדזער אָנשטרענג אין דער פראַקטישער אַרבעט. עס איז ווירקלעך געווען אַזוי: די שטוב האָט געברענט — דער זייגער איז געגאַנגען...

ביים סאַמע אָפּגרונט — באַנייטע האָפענונג

פאַר זיך האָט, מסתמא, יעדער איינער פון אונדזערע אָנפירנדיקע יידישע טוערס געפּרווט זוכן אַן ענטפער אויף דאָס געשעענע אין פּוילן צו יענער צייט, אויף דער פאַרסירטער סאָוועטיזאַציע פון דער מלוכה־אָרדענונג, אויף דער אָנגעווענדטער לויטן סאָוועטישן מוסטער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, אויף דער באַשיימפּערלעכער פאַרשנעלערונג פון דער קאָלעקטיוויזאַציע אין דער לאַנדווירטשאַפט, אויף די פאַר־שטאַרקטע באַמיִונגען אַנצווווענדן דעם „סאָציאַליסטישן רעאַליזם", די זשדאַנאָוו־פּאָליטיק, אין דער קולטור־ספערע, הויפּטזעכלעך אין דער ליטעראַטור. קודם־כל האָט זיך געשטעלט פאַר אונדז די פראַגע: וואָס דערוואַרט דער יידישער געזעל־שאַפט אין דער נאָענטער צוקונפט?

עפנטלעך, בעת זיצונגען און באַראַטונגען, האָט מען עס פאַרן מויל נישט אַרויסגעבראַכט. אָן אויסנאַם האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט צוויי מיטגלידער פון אונדזער פּרעזידיום, וועלכע האָבן פאַר אונדזער אַ זיצונג געהאַט געפירט צווישן זיך הויך, אויפן קול, אַ שמועס ווי אַזוי פּינקטלעכער דעפינירן דעם איצטיקן עטאַפּ פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע אין פּוילן? ביידע זענען מסכים געווען מיט דער „טעאָריע" פון 2 עטאַפּן: דער ערשטער עטאַפּ, וועלכער האָט געהאַט אין זיך באַטייטנדיקע עלעמענטן פון דער בירגערלעכער דעמאָקראַטיע; דער צווייטער און העכערער עטאַפּ, וועלכער באַטייט דעם פולן איבערגאַנג צו דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. ממילא האָט דאָס אַלץ, וואָס איז צו יענער צייט פאָרגעקומען אין פּוילן, איינגעשלאָסן דעם פאַרשטאַרקטן טעראָר, געפונען אַ באַרעכטיקונג אין דער דאָזיקער „טעאָריע".

אין דעם „טעאָרעטישן" שמועס צווישן דעם, וועלכן מ'האָט באַצייכנט אַלס דעם, „לאָגיש־דענקענדיקן" און דעם, וועלכער האָט פון אים באַקומען סמיכות אַלס „דיאַלעקטיקער", האָט קיינער פון אונדז נישט גענומען קיין אָנטייל. נישט איינער האָט מסתמא, אַזוי ווי איך, מיט אַ שווער האַרץ אויפגענומען זייער אַל־געמיינעם אויספיר, וועלכער האָט דאָך געעפנט אויך פאַר אונדזער סביבה אַ גאַנץ בולטע, לויטן סאָוועטישן מוסטער, געצייכנטע פּערספּעקטיוו...

אין שלאָפלאָזע נעכט זענען אויפגעקומען אַפּיקורסישע מחשבות. אַ שטייגער: צי געפינען נישט סאָציאַלע דערשיינונגען אַ ווירקלעכע פאַרענטפערונג אין... ביאָלאָגישער געזעצמעסיקייט *)? ווי יעדער לעבעדיקער אָרגאַניזם מאַכן דורך

---

*) עס האָט זיך דערמאָנט די הייסע דיסקוסיע בעת דער אוניווערסיטעט־לערע, די שאַרפע קריטיק מצד דעם פּראָפ' טוביה הייליקמאַן, זיינע אַרגומענטן קעגן דעם פּאָזיטיוויזם פון XIX י"ה, — קעגן דעם אָסטראָפּאָמאָרפיזם, וואָס האָט פאַרגליכן דעם סאָציאַלן אָרגאַניזם צו דעם אינדיווידועל־מענטשלעכן.

אויך רעוואָלוציעס, אויך אין אונדזער צייט, איין און די זעלבע ביאָלאָגישע סטאַדיעס: יונגקייט, וואָס באַקומט איר אויסדרוק אין שוווּנג, אין דרייסטקייט פון געדאַנק און טאַט, אין אידעאַליזם, אין קרבנות־גרייטקייט; מיטליאָריקייט, וואָס ווערט כאַראַקטעריזירט דורך דער שטרעבונג צו סטאַבילקייט, געזעצטקייט, דורך אָפּהאַלטן דעם רעוואָלוציאָנערן דראַנג און אויפשטעלן אַ סיסטעם פון ביוראָקראַטישע צוימען; עלטער, פאַר וועלכער עס איז כאַראַקטעריסטיש ווערבאַלע איבערחזרונג פון אַמאָליקע לאָזונגען, אידעען, אָבער פולשטענדיק אויסגעהוילטע פון רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט; פאַרוואַנדלונג אין כמעט אַ קירכלעכן ריטואַל געוויסע אויפפירונג־נאָרמעס פון דער כלומרשט סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט מיטן פאַר־הייליקטן פירער־פּרינציפּ אַלס איר גרונטיקן קען־צייכן, פאַרשטאַרקטע פּאָליציייִשע פאַרפאָלגונג פון יעדן זעלבשטענדיק דענקענדיקן בירגער, אומצוטרוי צום יונגן דור, קורצזיכטיקער פּראַגמאַטיזם ביים לייזן די אָנגעווייטיקטע טאָג־פּראָבלעמען פון די בירגער.

דער געדאַנק וועגן דער ממש היסטאָרישער, אַנטשיידנדיקער ווירקונג פון דעם ביאָלאָגישן פאַקטאָר האָט דאָך באַקומען זיין פולסטע באַשטעטיקונג אין יענע טעג, ווען פון מאָסקווע איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן סטאַלינס טויט. דער טויט איז דאָ געווען דער אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר, וואָס האָט אין דער חשכות פון יענער צייט געבראַכט מיט זיך אַ שיין פון האָפענונג אויף אַן ענדערונג צום גוטן.

גלייך נאָכן XXטן צוזאַמענפאָר האָט אַ סעריע טויטן באַגלייט די דאָזיקע האָפענונג. גאָטוואַלד, דער פירער פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ביערוט *) —ביידע האָבן אויסגעהויכט זייער לעבנס־אָטעם נישט ביי זיך אין דער היים, נאָר אין מאָסקווע, נאָכן אויסהערן דעם „געהיימען" באַריכט פון ניקיטאַ כרושטשאָוו וועגן דעם סטאַלינישן עטאַפּ אין דער געשיכטע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, פאַר וועלכן מ'האָט אויסגעבאָרגט ביי מאַרקסן די באַצייכענונג „קולט פון יחיד". וועגן ביידע האָט מען דעמאָלט זיך איבערגעגעבן בסוד, אַז זיי האָבן אַליין אויסגעקליבן דעם טויט, אַלס באַוואָרענונג קעגן פאָלקס־משפט פאַר דאָס געשעענע אונטער זייער אָנפירונג, לויטן סטאַלין־נוסח, אין יעדן פון זייערע לענדער.

געקומען איז די שיין פון האָפענונג נאָך עטלעכע קאָנקרעטע מאָסמיטלען מצד דער אָנפירונג פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּזפּ"ר) צו צוימען דעם צעווילדעוועטן פּאָליציייִשן טעראָר, וועלכער האָט לויט דער אינספּיראַציע פון מאָסקווע שוין געהאַט געגרייכט מיט זיינע נעגל צום האַלדז פון...

*) וועגן דעם טויט פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי, באָלעסלאַוו ביערוט, זענען געווען צוויי קאָמוניקאַטן און יעדער איינער האָט אָנגעגעבן אַן אַנדער סיבה פון טויט. אין ערשטן קאָמוניקאַט איז געמאָלדן געוואָרן, אַז ביערוט איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק; אין צווייטן קאָמוניקאַט — פון אַ לונגען־אָנצינדונג. ביידע קאָמוניקאַטן זענען אונטערגעשריבן געוואָרן דורך סאָוועטישע דאָקטוירים און בלויז דורך איינעם פון פּוילן. געווען איז עס דער יידישער דאָקטער (שפּעטער פּראָפעסאָר) פייגין.

די פּאַרטיי־ און רעגירונגס־פירערס גופא, דער ספּעציעל־געשאַפענער „צענטער דעפּאַרטאַמענט" אין דעם זיכערהייט־מיניסטעריום האָט זיך פאַרנומען מיט פאָרשן און אויסגעפינען „פאַרדעכטיקטע" פאַקטן אין די ביאָגראַפיעס און מעשים פון די אָנגעזעענסטע פירנדיקע טוערס, וועלכע זענען אַרומגעשטעלט געוואָרן מיט שפּיצלעס, מוסרים און אַגענטן פון סאָוועטישן אויסשפּיר *).

דער באַשלוס צו ליקווידירן דעם זיכערהייט־מיניסטעריום און אויף זיין אָרט שאַפן אַ קאָמיטעט — אַ קאָלעקטיוון אָרגאַן פון מענטשן, וואָס זענען געקומען דירעקט פון דער פּאָליטישער אָנפירונג — צענטראַלע פּאַרטיי־טוערס, האָט געזאָלט געבן די גאַראַנטיע אויסצוואָרצלען די טיפע דעמאָראַליזאַציע און דעם ווילדן ווילקיר, וואָס האָט געהערשט צווישן די „בעזפּיעקע"־אָנפירערס און קאַדרען. איינער פון די הויפּט־אָנפירערס פון דער „בעזפּיעקע", דער וויצע־מיניסטער ראָמאַן ראָמקאָווסקי, איז אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער מערדערישער פּראַקטיק אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי און געשטעלט געוואָרן פאַרן געריכט. דאָס זעלבע איז געשען מיט די דעפּאַרטאַמענט־דירעקטאָרן פון דעם זיכערהייט־מיניסטעריום, פיגין און רוזשאַנסקי, וועלכע זענען באַשולדיקט גע־וואָרן אין פיינִיקן אַרעסטירטע בשעתן „פאַרשן".

די דאָזיקע געשעענישן האָבן חוץ זייער אַלגעמיין־מלוכהשן אויסקלאַנג אויך געהאַט אַ בולט אַנטי־יידישן ווידערקול. צווישן די אַרעסטירטע „בעזפּיעקע"־לייט, באַשולדיקטע אין די ווילדסטע אופנים פון פּייניקן די אַרעסטאַנטן, זענען אַ סך געווען פון יידישן אָפּשטאַם. עס האָבן זיך אין צוזאַמענהאַנג דערמיט גע־שטאַרקט די אַנטיסעמיטישע שטימונגען ביי די פאַרשידנסטע טיילן פון פּוילישן פאָלק, צווישן וועלכע עס האָט בכלל געהערשט די איבערצייגונג, אַז דעם סאָ־וועטישן סיסטעם און די גאַנצע ווילדע „רוסישע פּראַקטיק" האָבן מיט זיך געבראַכט קיין פּוילן די יידן, וועלכע זענען נאָך דער מלחמה צוריקגעקומען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אַ טיילווייז מאַסקירטע אַנטי־יידישע פּאָזיציע האָט פאַרנומען אַ גרופּע אַלטע קאָמוניסטן — פּאַליאַקן, וועלכע האָבן מיט אַ צייט שפּעטער געשאַפן די פּראָ־סטאַלינישע ריכטונג אין פּזפּ"ר. זיי האָט אַריינגעשפּילט אין די הענט דער פאַקט, וואָס קיין מערב־בערלין איז אַריבער איינער פון די פירנדיקע טוערס פון פּוילישן זיכערהייט־מיניסטעריום, פון יידישן אָפּשטאַם, מיטן געענדערטן נאָמען שוויאַטלאָ. די רעוועלאַציעס פון שוויאַטלאָן, וועלכע זענען איבערגעגעבן געוואָרן דורך כמעט אַלע מערבדיקע ראַדיאָ־סטאַציעס, מיט פיל פאַקטן וועגן דער טעראָריסטישער פּראַקטיק פון די „בעזפּיעקע"־אָרגאַנען, וועגן דער אחריות פאַר דעם פון פירנדיקע

*) מיט אַ צייט פריִער איז דעמאַסקירט געוואָרן דער מיניסטער פאַר עפנטלעכער אַדמי־ניסטראַציע, וו. וואָלקאָווי, אַלס אַגענט פון דעם סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר, וויקטאָר לעבעדיעוו, וועלכן ער פלעגט צושטעלן אינפאָרמאַציעס־מסירות וועגן די מיטגלידער פון פּוילישן צענטראַל־קאָמיטעט, וועגן זייער שטעלונג צו די פאַרשידנסטע פּראָבלע־מען פון דער אינערלעכער און אויסערן־פּאָליטיק.

פּאַרטיי־טוערס, וועגן דער ראָל פון די סאָוועטישע „ראַטגעבערס", וועגן גורל פון אַ סך אַרעסטאַנטן — געוועזענע טוערס פון דער אונטערערדישער א"ק (בעת דער דייטשער אָקופּאַציע) און וועגן די ווייטגייענדיקע פּלענער, לויטן ביישפּיל פון די סאָוועטישע, אונגאַרישע, בולגאַרישע, רומענישע „זיכערהייט־אָרגאַנען", געווענדעט קעגן אַ טייל פון די אַלטע קאָמוניסטישע טוערס — דאָס אַלץ איז דעמאָלט געוואָרן אַ וועלט־סענסאַציע. וועגן דעם אַלעמען האָט מען זיך דערוווּסט אין פּוילן, און דאָס איז געוואָרן די טעמע פון פּאַרטרוילעכע און אָפענע שמועסן. די שנאה צום טעראָר־אַפּאַראַט האָט גענומען זיך אויסברייטערן אויף דער גאַנצער הערשונג־סיסטעם און איז אָפּט אַרויס אויבנאויף. דאָס האָט אין אַ גרויסער מאָס געווירקט, אַז די פּאַרטיי־אָנפירונג זאָל שאַרף פאַראורטיילן און פּרווון ענדערן דעם געבוי און פּראַקטיק פון די זיכערהייט־אָרגאַנען. דערמוטיקט דערצו האָבן אויך די ידיעות פון סאָוועטן־פאַרבאַנד וועגן מאַסנהאַפטן אופן פון באַפרייען פּאָליטישע אַרעסטירטע פון די לאַגערן און זייער רעהאַביליטירן.

סטאַלינס טויט האָט אין פּוילן געהאַט אַ פילזייטיקע און פאַרשידענע ווירקונג. די מענטשן פון דעם ברייט־פאַנאַנדערגעוואַקסענעם פּאַרטיי־ און רעגירונגס־אַפּאַראַט האָבן די טויט־בשורה אויפגענומען מיט פּחד פאַר דעם מאָרגנדיקן טאָג. דער קאָנסערוואַטיווער טייל, הויפּטזעכלעך צווישן די אַלטע קאָמוניסטן, האָט זיך באַזונדערס איבערגענומען מיט די ידיעות וועגן די אינערלעכע רייסענישן צווישן סטאַלינס יורשים, ווי אויך מיט די ערשטע סימנים פון עפנטלעכער קריטיק לגבי דער טעראָריסטישער פּראַקטיק אין פּוילן גופא. נישט גרינג איז אויסגעקומען אַ סך פון זיי זיך צו באַפרייען פון דער בלינדער פאַרערונג פאַר דעם „פירער פון די פעלקער" *).

אַנדערש האָט סטאַלינס טויט געווירקט אויף די פּשוטע בירגערס. צווישן די פּאָליאַקן איז אויפגעקומען די האָפענונג, אַז אפשר וועט די אָפּהענגיקייט פון מאָסקווע קלענער ווערן. אַ גרונט דערצו האָט געגעבן דאָס באַפרייען אַ באַטייטנ־דיקע צאָל פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, מענטשן פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" (א"ק), וועלכע איז בעת דער מלחמה געווען פאַרבונדן מיט דער לאָנדאָנער עמיגראַנטי־שער רעגירונג.

מיט אַ פאַרלייכטערטע האַרץ האָבן מיר אויפגענומען די באַפרייונג פון תפיסה און פולע רעהאַביליטאַציע פון י. עגיטן, י. גיטלער־באַרסקין און לערערן. ביי דעם יידישן עולם האָבן זיך פאַנאַנדערגעבונדן די צינגער. מען האָט דערוואַרט אַן ענדערונג אויך אין דער באַציִונג צו די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. גאָר באַזונדער האָט זיך פאַרשטאַרקט די דאָזיקע האָפענונג נאָכן אָפיציעלן סאָוועטישן קאָמוניקאַט וועגן דער פּראָוואָקאַציע קעגן די דאָקטוירים און זייער רעהאַביליטאַציע. מיט שטייגנדיקער אומגעדולדיקייט האָבן מיר אויסגעקוקט אויף אַ ידיעה וועגן די

*) וועגן איינעם אַ מיטגליד פון אונדזער הויפּט־פאַרוואַלטונג האָט מען איבערגעגעבן, אַז בעתן אַראָפּנעמען פון דער וואַנט ביי זיך אין דער היים סטאַלינס פּאָרטרעט, איז ער געפאַלן אין חלשות...

סאָוועטישע יידישע שרייבערס, קינסטלערס און געזעלשאַפטלעכע טוערס. עס זענען דורך לאַנגע חדשים און — נישט געקוקט אויף אונדזערע באַמיִונגען — האָבן מיר זיך גאָרנישט דערוווּסט. ערשט נאָך דעם 20טן צוזאַמענפֿאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן מיר געקאָנט עפנטלעך אַרויס־קומען מיט דעם יידישן פּראָבלעם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

געשען איז אַזוי, אַז גלייך ווי די דעלעגאַציע פון פּוילן איז צוריקגעקומען פון מאָסקווע, האָב איך באַקומען די מעגלעכקייט צו לייענען דעם סטענאָגראַם פון ניקיטאַ כרושטשאָווס רעפעראַט אויף דער „געשלאָסענער זיצונג" פון 20טן צו־זאַמענפאָר. די ווירקונג פונעם לייענען איז אין דער ערשטער מינוט געווען אַזאַ, ווי עס וואָלט זיך אָפּגעשטעלט דאָס האַרצקלאַפּן און ווי דער מוח וואָלט אויפ־געהערט צו באַנעמען דאָס געלייענטע. ביסלעכווייז איז געקומען דער אויספיר, אַז עס גייט וועגן רעווידירן אַ גאַנצע עפּאָכע, אַ באַגלייטע מיט אַ „טעאָריע", וואָס האָט געגאָלטן ווי אַ געזעץ נישט אָפּצופרעגן און מיט אַ פּראַקטיק, וואָס האָט מיט „באָלשעוויסטישער וואַכזאַמקייט" און „גראָדלייניקייט" באַרעכטיקט דעם מאַסנהאַפטן פיזישן אויסראָטן קודם־כל די קאַדרען פון דער רעוואָלוציע, און באַלד — מיליאָנען לחלוטין אומשולדיקע בירגערס.

דער נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל דורכגעלייענטער טעקסט האָט מיך אַריינ־געוואָרפן אין פאַרצווייפלונג: וואָס זאָל דאָס באַטייטן? קיין איין זאַץ אין דער אויספירלעכער כרושטשאָוו־רעדע האָט נישט דערמאָנט אַפילו וועגן דעם טעראָר לגבי דער יידישער באַפעלקערונג, וועגן דעם פולשטענדיק ליקווידירטן יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן, וועגן דעם גורל פון די אַרעסטירטע אין 1937 יאָר יידישע שרייבערס, געזעלשאַפטלעכע, קולטור־ און בילדונגס־טוערס, מיט קיין איין וואָרט איז נישט דערציילט געוואָרן וועגן דער ליקווידאַציע פון די לעצטע סאָוועטיש־יידישע פּאָזיציעס אין 1948 — וועגן דעם יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, וועגן דעם יידישן מלוכה־טעאַטער, וועגן דעם יידישן ביכער־פאַרלאַג „עמעס", און קודם־כל וועגן די באַוווּסטע יידישע סאָוועטישע שרייבערס! וואָס זאָל דאָס באַטייטן? צי אונטערליגט נישט די טעראָריסטישע האַנדלונג לגבי יידן דער זעלבער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע איז פאַראורטיילט געוואָרן אין כרושטשאָווס רעפעראַט?!

דעמאָלט איז אויפגעקומען דער געדאַנק צו פּרוּוון אַליין „דערגענצן" דעם דאָזיקן דאָקומענט מיט אונדזערע יידישע טענות און מאַנונגען. ווי אַזוי טוט מען עס אָבער, ווען קיין שום זיכערע ידיעות וועגן דעם גורל פון די יידישע פּאָליטישע און קולטור־טוערס, פון די יידישע שרייבערס און קינסטלערס האָבן מיר נישט! עס איז פאַראַן ביי אונדז בלויז אַ חשד, אַ באַפעסטיקטער דורך דער גאַנצער מאָרד־פּראַקטיק פון דער סטאַלין־אַנפירונג, אַזוי ווי זי איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך כרושטשאָוון. צי איז עס געגנוג, כדי אַרויסקומען דערמיט אין דער עפנטלעכקייט?

אין יענע טעג האָט זיך צוריקגעקערט פון מאָסקווע און זיך אָפּגעשטעלט אין וואַרשע דער מיטרעדאַקטאָר פון דער ניו־יאָרקער יידישער טאָג־צייטונג

„פאָרווערטס‟, קריסטאָל. מיר זענען צוזאַמען אַרויס פון זיין האָטעל־צימער, כדי זיך דורכשמועסן מחוץ „די ווענט, וואָס האָבן אויערן‟. קריסטאָל האָט מיר דער־ציילט וועגן דעם, וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן צו דערוויסן אין מאָסקווע. ער האָט באַשטעטיקט דעם חשד וועגן דער אויסראָטונג פון די אַרעסטירטע יידישע שרייבערס און געזעלשאַפטלעכע טוערס אין די יאָרן 1937—1948. עס האָט געקאָנט בלויז זיין אַ ספק, צי אַלע אונדז באַקאַנטע זענען דערמאָרדעט געוואָרן, אפשר איז עמעצער דאָך געבליבן לעבן. איך האָב קריסטאָלן דערקלערט, נישט האָבנדיק אויף דעם קיינעמס הסכם, אַז מיר קלויבן זיך אַרויסצוקומען אין דער עפנטלעכ־קייט מיט אונדזער שטעלונג.

נאָך איינער אַ פּיבערדיקער נאַכט פון כסדרדיקן קריגן זיך מיטן „אינערלעכן צענזאָר‟, איז פאַרטאָג געווען גרייט מיין אַרטיקל מיטן „קאָפּ‟: „אונדזער וויטיק און אונדזער טרייסט‟.

געווען איז אין דעם אַרטיקל אַן איבערזיכט איבער דער אַנטוויקלונג פון יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פון אָנהייב פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע ביז דעם פּעריאָד פון סיסטעמאַטישן פאַרניכטן די רעזולטאַטן פון פּיליאַריקן גרויסן יידיש־סאָוועטישן אָנשטרענג. און דאָן זענען געקומען די נעמען פון די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן, — און זיי אַלע האָב איך פּערזענלעך געקענט — וועלכע זענען דורך דעם יעזשאָוו־בעריאַ־טעראָר אומ־געבראַכט געוואָרן. און הגם כ׳האָב זיך דעמאָלט בלויז אָנגעשטויסן, ווי געזאָגט, ווער אַלץ פון די באַוווסטע יידיש־סאָוועטישע פּערזענלעכקייטן איז דערמאָרדעט געוואָרן, האָט די טרויעריקעווירקלעכקייט שפּעטער באַוויזן, אַז צום אומגליק, האָב איך קיין טעות דערביי נישט געהאַט.

געבליבן איז די פראַגע וואָס פאַרזאָ אויספיר זאָל קומען נאָכן „אַנטפּלעקן‟ דעם גורל פון דער סאָוועטיש־יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און פון אירע פאָר־שטייערס. די אַלגעמיינע לאַגע, די ידיעות וועגן ענדערונגען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, דאָס געשעענע אין פּוילן האָבן דערמוטיקט צו געבן די פּערספּעקטיוו, אַז עס וועט קומען אַ טרייסט אויף פאַר אונדז, אַז עס וועלן פאַרריכט און פאַרגיטיקט ווערן די עוולות און עס וועלן זיין מעגלעכקייטן אויפצובויען דאָס חרוב־געוואָרענע יידישע לעבן. אָן אַזאַ אויספיר וואָלט דער אַרטיקל געבראַכט דערצו, אַז אונדזער אייגענע סביבה וואָלט פאַרלוירן די פּערספּעקטיוו, וואָס עס האָט זיך געזען אין ליכט פון 20טן צוזאַמענפאָר.

באַלד אין דער פרי זענען מיר זיך צוזאַמענגעקומען אין דרייען — ש. זאַכאַריאַש, מ. מירסקי און איך. נאָכן דורכלייענען דעם פּראָיעקט פון אַרטיקל זענען מיר אַלע מסכים געווען, אַז ער דאַרף געדרוקט ווערן ווי אַ רעדאַקציאָנעלער, אָן מיין אונטערשריפט. עס זענען אין דעם פּראָיעקט געמאַכט געוואָרן אַ ריי אויסבעסע־רונגען, קודם־כל כדי נישט צו ריזיקירן, אַז די צענזור זאָל זיך צוטשעפּען. באַשלאָסן איז אויך געוואָרן, אַז דער דאָזיקער אַרטיקל, וועלכער דאַרף געדרוקט ווערן אין דער „פאָלקס־שטימע‟, דעם יידישן אָרגאַן פון דער פּוילישער פאַראייניקטער

אַרבעטער־פּאַרטיי, דאַרף באַקומען די סאַנקציע פון צענטראַל־קאָמיטעט. איך בין אַוועק מיט דעם אַרטיקל צו דעם מיטגליד פון דער פּאָליטביוראָ, יעזשי מאָראַווסקי, וועלכער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם „אידעאָלאָגישן פראָנט". כ'האָב געהאַט אַ גרונט צו טראַכטן, אַז גראָד ער וועט תיכף געבן זיין הסכם צו דרוקן, ווייל מאָראַווסקי, נאָך פריִער פון טאָליאַטין, האָט אָנשטאָט דעם עופעמיזם „קולט פון יחיד", וואָס האָט געזאָלט פאַרענטפערן דעם זין פון דער סטאַלין־עפּאָכע, דעפינירט, אַז די שולד ליגט אין דעם גאַנצן סיסטעם. דער זעלבער יעזשי מאָ־ראַווסקי, וועלכער האָט געהאַט גענוג דרייסטקייט צו פאָרמולירן ווייטגרייכנדיקע, דעמאָקראַטיזירנדיקע אויספירן וואָס שייך דער גאַנצער קאָמוניסטישער באַוועגונג (און איז אין גיכן, אונטערן דרוק פון די סאָוועטישע פאַקטאָרן, אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דעם פּאָליטביוראָ), האָט לאַנג אָפּגעהאַלטן ביי זיך דעם אַרטיקל מיטן אויסרייד, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין צייט אים צו לייענען. עס איז שוין געווען סוף מערץ פון 1956טן יאָר (כרושטשאָוו האָט זיין רעדע געהאַלטן דעם 25טן פעברואַר 1956) און קיין ענטפער פון מאָראַווסקין האָבן מיר נישט באַקומען. אין איינעם אַ טאָג, ווען צוזאַמען מיטן סעקרעטאַר פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג, ד"ר ד. ספאַרד, זענען מיר געגאַנגען אויף אַ באַראַטונג אין צ"ק פון דער פּאַרטיי, האָבן מיר צופעליק באַגעגנט מאָראַווסקין. דאָ בין איך אַרויס מיט לשון און אין אַ געהעכערטן טאָן פאַרלאַנגט פון אים אַן ענטפער. אויף צומאָרגנס האָט ער מיר געמאָלדן, אַז ער האָט איבערגעגעבן דעם אַרטיקל צו באַשליסן דעם אָנפירער פון דער פרעסע־אָפּטיילונג פון צ"ק טאַדעוש גאַלינסקי. דער דרייסטער צום אַרויס־הייבן די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון יענער צייט, האָט פחדנותדיק געהאַנדלט לגבי דער ווייטיקדיקסטער יידישער פראַגע, וועלכע איז פאַרשוויגן געוואָרן אין דעם כרושטשאָוו־רעפעראַט. טאַדעוש גאַלינסקי האָט מיר נאָך דעם זעלבן טאָג געמאָלדן, אַז ער זעט נישט קיין שום מניעה צום פאַרעפנטלעכן דעם אַרטיקל.

דער רעזאָנאַנס, נאָך דעם ווי דעם 4טן אַפּריל 1956 האָט זיך דער אַרטיקל באַוויזן אין דער „פאָלקס־שטימע", איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך גרויסער. חוץ כמעט דער גאַנצער יידישער פרעסע אין דער וועלט, איז ער ציטירט געוואָרן אין די גרעסטע צייטונגען פון אייראָפּע און אַמעריקע. אין ישראל איז ער דערשינען אין אַ ספּעציעלער אויסגאַבע. אַ סך האָבן דעם אַרטיקל געהאַלטן פאַר אַן אָפּיציאָזן, אַן אינספּירירטן פון מאָסקווע, ביז... פון מאָסקווע איז געקומען אַ שאַרפער אָנגריף אויף דער „פאָלקס־שטימע". אין אַן אינטערוויו פון דער אַמעריקאַנער זשורנאַליסטין, טאַביטאַ פּעטראַן פון דער וואָכנשריפט „נעשאַנאַל גאַרדיען", האָט דער שעף פון פרעסע־דעפּאַרטאַמענט פון סאָוועטישן אויסערן־מיניסטעריום, לעאָניד איליטשאָוו, באַצייכנט אונדזער אַרטיקל אַלס... אַנטיסאָוועטישן. די דעמאָלטיקע קולטור־מיניסטאָרין, יעקאַטערינאַ פורצעוואַ, האָט פאַר דער זעלביקער אַמעריקאַנער זשורנאַליסטין דערקלערט, אַז ס'איז נישט אמת דאָס, וואָס עס שרייבט די „פאָלקס־שטימע". עס איז נישט געווען קיין שום אָנגריף אויף די יידן, אָדער אויף דער יידישער קולטור. דערביי האָט זי אַרויסגעבראַכט דעם

אַנטיסעמיטישן אַרגומענט וועגן „צופיל יידן”. מיר האָבן דעמאָלט באַשלאָסן, אַז ש. זאַכאַריאַש שרייבט אָן אַ טעקסט פון אַ בריוו צו ל. איליטשאָוון, פאַרלאַנגענדיק פון אים אַן ענטפער, פאַר וואָס ער האָט די „פאָלקס־שטימע” פאַראורטיילט און זי באַצייכנט אַלס אַנטיסאָוועטישע. אין דעם בריוו איז אויך געזאָגט געוואָרן, אַז אויב אין משך פון אַ חודש וועלן מיר פון אים נישט באַקומען קיין ענטפער, וועלן מיר פאַרעפנטלעכן אונדזער בריוו צו איליטשאָוון. דעם פאַרזיכטיק־פאָרמו־לירטן אָבער דעצידירטן בריוו פון ש. זאַכאַריאַשן האָבן מיר אין אַ חודש אַרום פאַרעפנטלעכט אין דער „פאָלקס־שטימע”. מיר האָבן אויך פאַרעפנטלעכט אַ גרע־סערן אַרטיקל פון מ. מירסקי וועגן דעם אופן ווי אַזוי דעם 15טער באַנד פון דער „גרויסער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע” (דערשינען אין 1952) „באַלייכט” דעם קאַפּיטל „יידן”. אין דער צייט, ווען אין דער אויסגאַבע פון דער זעלבער ענציקלאָפּעדיע פון יאָר 1932 האָט פאַרנומען דער אַרטיקל וועגן יידן 112 שפּאַלטן, האָט די נייעסטע אויסגאַבע געגעבן בלויז 4 שפּאַלטן, וועלכע נעגירן בכלל די עקסיסטענץ פון יידישן פאָלק.

אין גיכן האָב איך באַקומען אַ ידיעה, אַז אונדזערע אַרטיקלען און דער בריוו צו איליטשאָוון זענען דערגאַנגען צו די העכסטע פּאַרטיי־אָרגאַנען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

געשען איז אַזוי: מיינער אַ באַקאַנטער פּוילישער גענעראַל האָט געבעטן איבערזעצן אין רוסיש דעם אַרטיקל „אונדזער וויטיק און אונדזער טרייסט”. עס האָבן אים געוואָלט לייענען הויכע אָפיצירן פון דער סאָוועטישער אַרמיי. אין אייניקע טעג אַרום האָט מיין באַקאַנטער מיר איבערגעגעבן, אַז די סאָוועטישע גענעראַלן האַלטן דעם אַרטיקל פאַר אַ ריכטיקן. פון זיי האָב איך אומדירעקט זיך דערוווּסט, אַז דער אַרטיקל צוזאַמען מיטן בריוו צו איליטשאָוון איז דער־גאַנגען צו דער פּאָליטביוראָ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַר־באַנד און אַלס פּאַרטיידיקער פון אונדזער שטעלונג איז אַרויסגעטרעטן דער שפּעטערדיקער פאָרזיצער פון אויבער־ראַט פון פסס”ר און מיטגליד פון דער פּאָליטביוראָ, אַנאַסטאַס מיקאָיאַן. ער האָט דערקלערט, אַז ער זעט נישט קיין שום שלעכטס אין דעם אַרטיקל.

און דאָך... און דאָך איז אַלץ געבליבן ביים אַלטן.

אויף אַ פאַרשידענעם אופן האָבן אויף אונדזערע אַרטיקלען און שטעלונג רעאַגירט יידישע קאָמוניסטישע טוערס און אָרגאַניזאַציעס אין פאַרשידענע לענדער.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן יידישע שרייבערס, קולטור־טוערס, פאַר־שטייערס פון פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און טוערס פון פראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען זיך געווענדעט אין חודש אָקטאָבער 1956, מיט אַ מעמאָ־ראַנדום צום פאָרזיצער פון אויבער־ראַט פון פסס”ר ק. י. וואָראָשילאָוו און צום סאָוועטישן פּרעמיער־מיניסטער נ. א. בולגאַנין. אין דעם דאָזיקן מעמאָראַנדום

זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַ ריי פֿאַקטן און זייער באַלייכטונג אין דער „פֿאָלקס־שטימע״.

אויך אַן ענערגישן אופֿן האָבן רעאַגירט די יידישע קאָמוניסטישע טוערס פֿון קאַנאַדע. דער דעמאָלטיקער מיטגליד פֿון דעם פּאָליטביוראָ פֿון דער קאַנאַדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דער איינציקער קאָמוניסטישער פּאַרלאַמענט־מיטגליד י. זאַלצבערג, איז ספּעציעל געקומען קיין מאָסקווע, וווּ ער האָט געהאַט אַ טרעפֿונג מיט נ. כרושטשאָוון. דרייסט, ווירדיק און אַנטשלאָסן האָט י. זאַלצבערג אַרויס־געבראַכט די יידישע פּאָסטולאַטן און געפֿאָדערט אַ גרינטלעכע ענדערונג אין דער סאָוועטישער פּאָליטיק לגבי יידן. פֿון י. זאַלצבערגס דערציילן און פֿון זיינע אַרטיקלען וועגן דער דאָזיקער טרעפֿונג „אויפֿן העכסטן שטאַפּל״ איז פּאַר אונדז קלאָר געוואָרן, אַז די דערוואַרטע און אַנגעזאָגטע דורך אונדז טרייסט, איז גאָר נישט נאָענט.

אויך די צייטונג פֿון די פּראָגרעסיווע („אוניאָן״) אין פֿראַנקרייך, „די נייע פּרעסע״, האָט איבערגעדרוקט אונדזער אַרטיקל, הגם געטאָן האָט עס די רעדאַקציע נישט גערן, ווייל די פֿראַנצייזישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט געוווּסט וועגן כרושטשאָווס רעפֿעראַט, (איר פֿירער מאָריס טאָרעז, איז געווען צווישן דער קליינער גרופּע אויסלענדישע קאָמוניסטן, וועלכע עס איז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו זיין אויף דער „געהיימער זיצונג״) האָט נאָכן פֿאַרעפֿנטלעכן אין „ניו־יאָרק טיימס״, דעם 4טן יוני 1956 דעם פֿולן טעקסט, געלייקנט, אַז עפּעס אַזוינס איז געווען און אַז דער פֿאַרעפֿנטלעכטער רעפֿעראַט אין דער גאַנצער וועלט־פּרעסע איז אַ פֿאַלסיפֿיקאַט. אין דער „נייער פּרעסע״ האָט זיך באַוויזן אַן אַרטיקל קעגן אונדזערע „נאַציאָנאַליסטישע אָפּנייגן״. דער רושם אָבער פֿון אונדזער אַרטיקל צווישן די מיטגלידער און פּעריפֿעריע פֿון „אוניאָן״ איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער צ״ק פֿון דער פֿראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט געגעבן זיין הסכּמה, אַז אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע פֿון פֿירנדיקע טוערס פֿון דער פּראָגרעסיווער „אוניאָן״ זאָל אַרויספֿאָרן קיין מאָסקווע, כּדי אויפֿן אָרט זיך דער־וויסן ווי אַזוי עס שטעלט זיך פּאָר די לאַגע. ווען די דעלעגאַציע איז צוריקגעקומען, האָבן בלויז צוויי פֿון זיי — יודין און ווילנער — אונטערגעשריבן אַ קאָמוניקאַט, וואָס האָט געפּרוּווט פֿאַרגלעטן די פֿאַרגאַנגענהייט און מילדערן דעם אַקטועלן צושטאַנד. דער דריטער מיטגליד פֿון דער דעלעגאַציע, ד״ר חיים סלאָוועס, האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן דעם קאָמוניקאַט, באַלייכטנדיק די לאַגע אין הסכּם מיט דערווירקלעכקייט.

אין דרום־אַמעריקע, אין אַרגענטינע און אורוגוואַי, האָבן פּראָגרעסיווע טוערס גענומען אַרויסגעבן אַן אייגענע צייטשריפֿט „קלאָרקייט״, וועלכע האָט איבער־געדרוקט די אַרטיקלען פֿון דער „פֿאָלקס־שטימע״, פֿון דער „מאָרגן־פֿרייהייט״, פֿון י. ב. זאַלצבערג („מיין שליחות אין מאָסקווע״) א״אַ. די אָפּיציעלע פֿירערס פֿון אַרגענטינער „איקוף״, ר. סינאַי און צאַלעל בליץ האָבן אין זייער אָרגאַן

„טריבונע" אונטערגעהאַלטן דעם סאָוועטישן אופן פון פאַרשווייגן אָדער פאַר־לייקענען דאָס געשעענע מיט די יידן.

קעגן דער דאָזיקער פּאָליטיק פון פאַקטישן באַרעכטיקן דעם פּאָגראָם אויף דעם יידישן לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, דעם מאָרד פון די יידישע שרייבער און קולטור־טוער, זענען אַרויסגעטרעטן פּילצאָליקע טוערס פון אָרגאַניזאַציע „איקוף", צווישן זיי פירנדיקע, לאַנגיאָריקע אַרבעטער־טוערס. אויך אין בראַזיל, אין סאַן־פּאולאָ, זענען פאַרדינסטפולע אַרבעטער־טוערס, בראש מיט לאָזער גאָלדבלום, יוסף סאַנדאַטש, לייב קאַפּעטאַל, אהרון גאָלדשטיין, שאול קליינמאַן א״א דרייסט אַרויס־געטרעטן קעגן פאַרשווייגן דעם טרויעריקן יידישן גורל אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, קעגן דעם סטאַליניזישן דאָגמאַטיזם. אין אויסטראַליע האָבן די דאָרטיקע טוערס פון „יידישן פּראָגרעסיוון צענטער" זיך פולשטענדיק געשטעלט אויפן שטאַנד־פּונקט פון דער „פאָלקס־שטימע".

אַנדערש איז געווען אין ישראל. אין דער דעמאָלטיקער נאָך נישט געשפּאָל־טענער מק״י, האָט מען זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער פאַרשפּרייטונג פון אמת וועגן דער לאַגע פון די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, דער אַנטפּלעקונג וועגן מאָרד פון די דאָרטיקע יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוערס. די דאָזיקע לאַגע איז אין אַ שמועס מיט מיר אָנגעזאָגט געוואָרן, באַלד נאָך דעם 20סטן צוזאַמענפאָר, דורך דעם דעמאָלטיקן סעקרעטאַר פון מק״י, ש. מיקוניס. פון מאָסקווע איז ש. מיקוניס געקומען קיין וואַרשע, כדי זיך צו באַטייליקן אין דער לוויה פון באָלעסלאַוו ביערוט. ער האָט מיר געבעטן קומען צו אים אין האָטעל, ווייל ער פילט זיך „נישט מיט אַלעמען". אויף מיין ווענדונג ער זאָל מיר דערציילן גענויער, וואָס עס איז פאַר־געקומען אויפן 20סטן צוזאַמענפאָר, האָט ער מיר טאַקע געגוי און פּינקטלעך פאָרמולירט איבערגעגעבן... דאָס אַלץ, וואָס איך האָב שוין געהאַט געלייענט אין דער מאָסקווער „פּראַוודאַ", דאָס הייסט די רעדעס אויף די אָפענע פלענאַרע זיצונגען פון צוזאַמענפאָר. אויף מיין פראַגע וועגן כרושטשאָווס רעפעראַט אויף דער „געהיימער זיצונג", האָט ער אַ פאַרוואונדערטער מיר אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל געהערט וועגן אַזאַ זיצונג. דער אמת איז, אַז צו דער „געהיימער זיצונג" זענען צוגעלאָזן געוואָרן בלויז אייניקע פירערס פון די וויכטיקסטע אויס־לענדישע קאָמוניסטישע פאַרטייען, אַזעלכע ווי טאָרעז, טאָליאַטי, ביערוט, גאָטוואַלד און אפשר נאָך אייניקע. די איבעריקע צענדליקער דעלעגאַטן פון אויסלענדישע פאַרטייען, צווישן זיי אויך דער פאָרשטייער פון ישראל, זענען נישט צוגעלאָזט געוואָרן.

אויף מיקוניסעס ביטע האָב איך געגומען אים איבערגעבן אַלץ, וואָס כרוש־טשאָוו האָט געזאָגט. ער האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט און צום סוף דערקלערט, בוכשטעבלעך, אין רוסיש: „עטאָ ווסיאָ נאַס ניע קאַסאַיעטסאַ" — „דאָס אַלץ האָט צו אונדז קיין שייכות נישט". אַנטוישונג האָט אַרויסגערופן די ידיעה, אַז דעם זעלבן שטאַנדפּונקט האָט אָנגענומען דער שטאַרק געשעצטער דורך אַלעמען, ד״ר משה סנה.

פאַר אונדז איז באַשיימפּערלעך געוואָרן, אַז די פּאָליטיק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד לגבי יידן שוין נאָך דעם צוואַנציקסטן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט אויף קיין וועזנטלעכן אופן זיך נישט געענדערט. מיר האָבן באַקומען גרויסן וועגן אַנטי־יידישע ענטפערס מצד פירנדיקע טוערס פון סאָוועטן־פאַרבאַנד *). גאָר באַזונדער האָט אויף אונדז געווירקט דער שמועס פון נ. כרושטשאָוו מיט אַ דעלעגאַציע פון דער פראַנצייזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אויף דער פראַגע וועגן דער באַציִונג צו יידן האָט כרושטשאָוו געענטפערט... מיט אַנטיסעמיטישע אַנעקדאָטן. אַלס מיטגליד פון דער נאַציאָנאַליטעטן־קאָמיסיע פון צ״ק פון דער פּאַרטיי האָב איך פאַרלאַנגט אַן עקסטרע־זיצונג פון פּרעזידיום פון דער קאָמיסיע. איר פאָרזיצער איז דעמאָלט געווען ד״ר יעזשי שטאַכעלסקי, מיינער אַ גוטער פריינד נאָך פון די אומלעגאַלע צייטן. (ער האָט געהערט צו דער ראַדיקאַלער פּוילישער אינטעליגענץ פון דער דעמבינסקי־גרופּע אין ווילנע). צו דער זיצונג פון דער קאָמיסיע זענען מיר געקומען אין דרייען — מ. מירסקי, ד. ספּאַרד און איך. מיר האָבן קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז מיר קענען נישט בלייבן גלייכגילטיק צו כרושטשאָווס אַנטיסעמיטישע שטיק; אַז מיר ווילן אַרויסטרעטן אין דער „פאָלקס־שטימע״ מיט אונדזערער אַ דערקלערונג. די מיטגלידער פון פּרעזידיום פון דער נאַציאָנאַליטעטן־קאָמיסיע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט מיט פולער פאַר־שטענדעניש פאַר אונדזער רעאַקציע אויף כרושטשאָווס געמיינע רייד, אָבער... און דער „אָבער״ האָט געהאַט אין זיך די שטענדיקע מורא פאַר דער סאָוועטישער רעאַקציע, ווייל דאָ האַנדלט זיך שוין נישט וועגן אַן איליטשאָוו, נאָר וועגן דעם סאַמע „דעצידירנדיקן פאַקטאָר״. י. שטאַכעלסקי האָט אונטערגעשטראָכן, אַז אונדזער ענטפער דאַרף קומען דורך פאַרגרעסערן די הילף פון דער פּאַרטיי פאַר דער יידישער געזעלשאַפט אין פּוילן. אויף אַזאַ אופן וועט בולט דעמאָנסטרירט ווערן, אַז מיר גרענעצן זיך אָפּ פון דער אַנטי־יידישער שטעלונג, וואָס קומט פון „יענער זייט״.

ביי דעם אַלעמען איז פון דעסטוועגן געווען אַ האָפענונג, אַז די געענדערטע אַטמאָספער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד וועט דאָך דערמעגלעכן צום שטעלן די פראַגע וועגן די סאָוועטישע יידן, וועגן דער סאָוועטיש־יידישער געזעלשאַפט און קולטור, כדי צו געפינען אַ געהעריקע לייזונג. מיט גרויס פרייד האָבן מיר אויפגענומען די ידיעה, אַז פון די סאָוועטישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן זענען צוריקגעקומען די באַוווסטע און באַליבטע יידישע שרייבערס שמואל האַלקין, איציק קיפּניס, יעקב

*) דער פּאָליטגראַמאַטע־טעאָרעטיקער, סוסלאָוו, האָט געהאַלטן פאַר נישט נייטיק בלויז יענע שטעלן אין דעם סטאַלינישן „קורצן קורס געשיכטע פון אלק״פּ״, ווו עס רעדט זיך וועגן „בונד״. ווייל קיינעם אינטערעסירט נישט מער דער דעמאָלטיקער שטרייט מיט דער דאָזיקער יידישער פּאַרטיי...

שטערנבערג*). אַ גרויסע איבערלעבונג איז פאַר מיר געווען דאָס צוריקקומען פון מיינע נאָענטע מינסקער חברים, די דיכטערס אייזיק פלאַטנער און הירש קאַמענעצקי, וועלכע האָבן מיט יאָרן צוריק, נאָך אונדזער „וויזיט" ביים פרעמיער־מיניסטער פון ווייסרוסלאַנד, פאַרויסגעזען וואָס עס דערוואַרט זיי **). עס לעבן אויך מיינע יוגנט־חברים, די דיכטער משהקע טייף און מאָטל גרוביאַן. קיין קיִעוו איז צוריקגעקומען דער פּראָזאַיִקער הערשל פּאָליאַנקער, וועלכן איך געדענק נאָך פון אומאַן אַלס קליין יאַטל. פון פראָנט זענען צוריקגעקומען אַרקע קושניראָוו און עזרא פינינבערג. ס'דערגייט שוין צו אונדז די פרייד און דערמוטיקנדיקע ידיעה, אַז אַ דעלעגאַציע בראש מיט שמואל האַלקינען איז אַוועק אין צ"ק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, כדי צו פאַרלאַנגען די עלעמענטאַרע רעכט פון די יידישע שרייבערס צו ווערן געדרוקט און די רעכט פון קולטור־טוערס אָפּצוגעבן זייערע טאַלאַנטן און כוחות לטובת די אַזוי געליטענע און באַרויבטע פון אַלץ יידישע פאָלקס־מאַסן.

פרייד געמישט מיט טיפן, אומענדלעכן טרויער! נישטאָ דוד האָפשטיין און נישטאָ דוד בערגעלסאָן. עס זענען נישט צוריקגעקומען — נישט פּרץ מאַרקיש און נישט לייב קוויטקאָ, נישט דער נסתר און נישט איציק פעפער. מיר ווייסן שוין אויך וועגן דער טרויעריקער דאַטע — 12טער אויגוסט 1952, דער שוואַרצער טאָג, ווען די מערדער האָבן געשאָסן אין סאַמע האַרץ פון דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור.

אין אָנבליק פון דער דאָזיקער לאַגע קומט אויף דער באַשלוס: העלפן אונדזערע סאָוועטישע ברידער. שטעלן אין זייער רשות אונדזער פרעסע. באַזאָרגן זיי מיט אַלעם מעגלעכן — מיט ביכער, צייטשריפטן אָבער אויך מיט רפואות — מיט די נייעסטע מעדיצינישע פּרעפּאַראַטן. און דאָס וויכטיקסטע: מיט אונדזער אַלץ ברייטער פאַרמאָסטענער אַרבעט דינען זיי ווי אַ סטימול און ביישפּיל פאַר אַ באַנייט יידיש געזעלשאַפטלעך און קולטור־לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

*) אין דעם זעלבן 1956טן יאָר האָב איך אין בוקאַרעשט זיך געטראָפן מיט יעקב שטערנבערגן און פון אים, דעם ערשטן, זיך דערוווּסט דעם שוידערלעכן אמת וועגן „פּראָצעס" און מאָרד פון די יידישע שרייבערס און קינסטלערס. ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז בעתן „פאַרשן" אין נקוו"ד האָט מען פון אים געפאָדערט אַן ענטפער, ווען מירביידע האָבן זיך געטראָפן און וועגן וואָס האָבן מיר גערעדט און באַשלאָסן...

**) זע מיין בוך „ווו ביסטו חבר סידאָראָוו", זייטן 250—244.

אויף די ריינע און שמוציקע כוואַליעס פון „פּוילישן אָקטאָבער"

נאָך אַ צייט פאַר דעם 20טן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אין פּוילן זיך אָנגעהייבן דער פּראָצעס פון דעסטאַליניזאַציע. אין לאַנד איז ברייט באַוווּסט געוואָרן, אַז וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ־„וויעסלאַוו", זיין נאָענטסטער מיטאַרבעטער זענאָן קלישקאָ און אייניקע אַנדערע באַשולדיקטע אין רעכטן נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג זענען שוין אויף דער פרייַ. אַלץ אָפטער און העכער האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען, אין דער פּאַרטיי גופא און מחוץ דער פּאַרטיי, וועגן אומקערן גאָמולקאַן צו דער אָנפירונג. דער דעמאָלטיקער 1טער סעקרעטאַר פון צ"ק פּזפּ"ר (אויפן אָרט פון פאַרשטאָרבענעם באָלעסלאַוו ביערוט) עדוואַרד אָכאַב, וועלכן מיר האָבן באַטראַכט אַלס אונדזערן אַ גוטן פריינד, האָט זיך עקשנותדיק געהאַלטן ביי אַלטע איינשטעלונגען. לויט אים איז געבליבן גילטיק די באַצייכענונג לגבי דער גאָמולקאַ־גרופּע אַלס רעכטע נאַציאָנאַליסטישע, הגם רעפּרעסיע־מיטלען קעגן איר זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן. עד. אָכאַבס אַן עפנט־לעכער ענטפער אויף מיינער אַ פראַגע האָט אַרויסגערופן אַ טיפע אַנטוישונג צווישן יידישע קאָמוניסטן. געווען איז עס בעת דער ערשטער באַגעגעניש פון עד. אָכאַבן, אַלס 1טן סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, מיט דעם וואַרשעווער פּאַרטיי־אַקטיוו. אין דעם גרויסן זיצונג־זאַל פון פּוילישן מלוכה־ראַט זענען זיך צונויפ־געקומען פאַרשטייערס פון די גרעסטע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס צוזאַמען מיט די אָנפירנדיקע פּאַרטיי־ און רעגירונגס־טוערס. אין אַ פאַרזיכטיק קריטישן איבער־בליק פון דער פאַרגאַנגענהייט האָט עד. אָכאַב פאָרגעשטעלט אַ פּראָגראַם פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און אַ באַשיידענעם פּלאַן פון דעמאָקראַטישע מאָס־מיטלען, וואָס זאָלן באַוואָרענען קעגן ברעכן „די נאָרמעס פון סאָציאַליסטישער געזעצלעכקייט". אַ סך פראַגן זענען פאַרגעבן געוואָרן דעם 1טן סעקרעטאַר. הויך, אויפן קול, האָט ער איבערגעלייענט מיין פראַגע: „ווי אַזוי באַציט איר זיך צו דעם ענין „רעגולאַציע פון נאַציאָנאַלן באַשטאַנד פון די קאַדרען"? געהאַנדלט האָט זיך וועגן זייער אַ פיינלעכן ענין, וואָס איז דירעקט נוגע געווען די יידישע קאַדרען. אויף דעם 7טן פּלענום פון צ"ק פּזפּ"ר איז מיט דעם דאָזיקן ענין אַרויס־געטרעטן דער דעמאָלטיקער מיטגליד פון דעם פּאָליטביוראָ, זענאָן נאָוואַק, געוווּסט האָט מען צווישן זיך, אַז ער איז אויפן ענגסטן אופן פאַרבונדן מיטן סאָוועטישן אַפּאַראַט. אַן אָפּשטאַמיקער פון אויבער־שלעזיע האָט ער נאָך פאַר דער מלחמה געהערט צום צענטראַלן אַקטיוו פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן. אָבער

בעת דער מלחמה, אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, האָט ער זיך געהאַלטן פֿון דער וויַיטן סיי בעתן אָרגאַניזירן די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי אין אָקופּירטן לאַנד, סיי בעתן אָרגאַניזירן דעם פֿאַרבאַנד פֿון פּוילישע פּאַטריאָטן און דעם ביוראָ פֿון פּוילישע קאָמוניסטן אין מאָסקווע. קיין פּוילן איז ער צוריקגעקומען איינער פֿון די לעצטע. די פֿאָרמול און פּאָליטיק פֿון „רעגולאַציע פֿון נאַציאָנאַלן באַשטאַנד פֿון די קאַדרען" האָט געשטאַמט פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, פֿון סטאַלינס אורטייל, אַז „די ייִדישע קאַדרען האָבן זיך נישט באַרעכטיקט". דאָס האָט געדינט אַלס יסוד פֿאַר „אָפּ־רייניקן" דעם פּאַרטיי־ישן און רעגירונגס־אַפּאַראַט פֿון ייִדן.

אויף מיין פֿראַגע האָט עד. אָכאַב געענטפֿערט: יאָ, ער האַלט אַז ס'איז נייטיק אָנצווענדן די פּאָליטיק פֿון רעגולירן דעם נאַציאָנאַלן באַשטאַנד פֿון די קאַדרען. דערמיט האָט ער פֿאַקטיש געגעבן זיין סאַנקציע פֿאַרן סיסטעמאַטישן אַרויסוואַרפֿן ייִדישע פֿאַרדינסטפֿולע אָפֿיצירן פֿון דער אַרמיי*) און האָט גדעינט, קעגן זיין ווילן, דער אַנטי־ייִדישער העצע, וועלכע איז געקומען און זיך געשטאַרקט גראָד אויף די כוואַליעס פֿון „פּוילישן אָקטאָבער".

מיט יעדן טאָג איז געוואַקסן די באַוועגונג פֿאַר דעמאָקראַטיע; פֿאַר אינערלעך־פּאַרטייִשער דעמאָקראַטיע; פֿאַר אַנטשלאָסענעם אָפּזאָגן זיך פֿון דעם סטאַלינישן סיסטעם. הגם אָפֿן איז דאָס אין אָנהייב נישט אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך קיינעם, איז אָבער די עיקר־שטרעבונג ביי די ברייטסטע פּוילישע פֿאָלקס־מאַסן און ביי אַ גרויסן טייל פּאַרטיי־טוערס געווען צו באַוואָרענען די מלוכהשע אומאָפּהענגיקייט פֿון פּוילן, לייזער צו מאַכן די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אָפּהענגיקייט פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

געוווסט האָט מען, אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד קוקט מען מיט גרויס אומרו אויף דעם אָנוווקס פֿון דער גרויסער פֿאָלקס־באַוועגונג אין פּוילן, בפֿרט נאָך די געשעע־נישן אין פּויזן, ווו די 15000 אַרבעטער פֿון דער צעגעלסקי־פֿאַבריק זענען אַרויס אין שטרייק און אַלס ענטפֿער אויף זייער מאַסן־ דעמאָנסטראַציע זענען 86 מענטשן דערהרגעט געוואָרן און הונדערטער פֿאַרווונדעט דורך די טעראָר־אָרגאַנען פֿון דער מאַכט. די דראָונג פֿון פּרעמיער־מיניסטער „אָפּצוהאַקן די הענט", דירעקט געווענדעט קעגן אַרבעטער־קלאַס, האָט אַנטפּלעקט דעם טיפֿן קריזיס פֿון דער מאַכט. גלייכצייטיק איז אויסגעוואַקסן די געפֿאַר פֿון אַן אינטערווענץ מצד דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. דערציילט האָט מען דעמאָלט, אַז עדוואַרד אָכאַב האָט זיך גע־

*) קעגן דער דאָזיקער דיסקרימינאַציע לגבי ייִדישע אָפֿיצירן האָט אויף אַ זיצונג פֿון גענעראַל־שטאַב פֿון דער פּוילישער אַרמיי שאַרף פּראָטעסטירט דער אָנפֿירער פֿון דער פּוילישער מיליטערישער אַוויאַציע, גענעראַל פּריי־ביעלעצקי. ער האָט דערקלערט אַז די באַציונג צו ייִדן איז אַלע מאָל געווען די קריטעריע צום אונטערשיידן צווישן רעאַקציע און פּראָגרעס. ער איז באַשולדיקט געוואָרן אין... בונדיזם און איז דעמי־סיאָנירט געוואָרן. גענעראַל פּריי־ביעלעצקי, אַן אָפּשטאַמיקער פֿון אַ פּראָגרעסיווער פּוילישער משפּחה, האָט אַלס סטודענט פֿון וואַרשעווער פּאָליטעכניקום געהערט צום קאָמוניסטישן יוגנט־פֿאַרבאַנד.

װענדעט צו מאָאָ טסע־טונג און פֿון אים באַקומען די פֿאַרזיכערונג, אַז כינע װעט שטיצן פּוילן ביים איינהיטן איר אומאָפּהענגיקייט.

אין קעגנזאַץ צו דער װאַקסנדיקער באַװעגונג, װאָס האָט געשטרעבט צו דעמאָ־קראַטישע רעפֿאָרמען, איז אױפֿגעקומען אַ גרופּע פֿון אַלטע פּוילישע פּאַרטיי־טוערס, װעלכע האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט און דערקלערט אַלס רעװיזיאָניסטן יענע אַלע, װעלכע האָבן געפֿירט אַן אַקטיװן קאַמף פֿאַר אָפּרייניקן דאָס גאַנצע עפֿנטלעכע לעבן פֿון סטאַליניזם. די דאַזיקע גרופּע איז באַצייכנט געװאָרן אַלס „נאַטאָלינער״, לויט דעם נאָמען פֿון דעם װאַרשעװער אונטערשטאָטישן דאַטשע־אָרט, װוּ די אָנפֿי־רער פֿון דער קאָנסערװאַטיװער, נעאָסטאַלינישער גרופּע האָבן געהאַט זייערע װילעס. בראָש פֿון דער דאָזיקער גרופּע איז געשטאַנען דער פֿריער דערמאָנטער מיטגליד פֿון פּאָליט־ביוראָ און װיצע־פּרעמיער־מיניסטער זענאָן נאָװאַק. צװישן די באַזונדער באַקאַנטע „נאַטאָלינער״ זענען געװען דער פֿאַרזיצער פֿון ראַט פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען, װיקטאָר קלאָשעװיטש, דער צענטראַלער פּאַרטיי־טוער פֿראַנטשישעק מאַזור, דער גענעראַל „װיטאַלד״־ פֿראַנטשישעק יוזשװיאַק, דער מיניסטער קאַ־זשימיעזש מייאַל (װעלכער איז שפּעטער אַנטלאָפֿן קיין אַלבאַניע), דער גענעראַל קאַזשימיעזש װיטאַשעװסקי, דער געװעזענער פּפּ״ס־טוער סטעפֿאַן מאַטושעװסקי, דער מיניסטער באָלעסלאַװ רומינסקי און אַ ריי אַנדערע.

קעגן דער דאָזיקער גרופּע איז אַרױסגעטראָטן אַ צװייטע, װעלכע האָט אַקטיװ זיך באַטייליקט אין דעם דעמאָקראַטיזירונג־פּראָצעס, אין אַרונטעררייסן די בולטע אױסדרוקן פֿון סטאַליניזם אין דער פּאַרטיי און אין מלוכה־לעבן. די דאָזיקע גרופּע האָט מען אָנגערופֿן „פּולאַװער״, װייל אַ גרױסער טייל פֿון אירע אָנגעזעענע פֿאַר־שטייערס האָבן געװױנט אין איין הויז, אויף פּולאַװער גאַס אין װאַרשע. די נעאָ־סטאַליניסטן, די „נאַטאָלינער״, האָבן באַקעמפֿט די אַנטיסטאַליניסטן, באַצייכע־נענדיק זיי אַלס רעװיזיאָניסטן, אַלס אָפּטריניקעס פֿון מאַרקסיזם־לעניניזם. צו די רעפּרעזענטאַטיװע פּערזענלעכקייטן צװישן די קעמפֿערס קעגן דער סטאַלינישער ירושה אין דער פּוילישער פּאַרטיי האָבן געהערט אַ ריי צענטראַלע טוערס פֿון יינגערן דור, אַזעלכע װי דער מיטגליד פֿון דעם פּאָליטביוראָ, יעזשי מאָראַװסקי, דער פֿאַרזיצער פֿון פֿאַרבאַנד פֿון דער פּוילישער יוגנט, װלאַדיסלאַװ מאַטװין, די לעגענדאַרע קעמפֿערין קעגן די נאַציס, העלענאַ יאַװאָרסקאַ, דער סעקרעטאַר פֿון צ״ק פּזפּ״ר, אַלברעכט, דער גענעראַל יאַנוש זאַמביצקי, א״אַ. צו דער דאָזיקער גרופּע האָט געהערט אַ באַטייטנדיקע צאָל אָנפֿירנדיקע טוערס פֿון יידישן אָפּשטאַם, אַזעלכע װי דער אָנפֿירער פֿון דער אױסלענדישער אָפּטיילונג פֿון צ״ק אָסטאַפּ דלוסקי, דער רעדאַקטאָר פֿון צענטראַלן פּאַרטיי־אָרגאַן „טריבונאַ לודו״, לעאָן קאַסמאַן, דער סעקרעטאַר פֿון װאַרשעװער פּאַרטיי־קאָמיטעט, סטעפֿאַן סטאַשעװסקי, די די־רעקטאָרין פֿון דער צענטראַלער פּאַרטיי־שול, ראָמאַנאַ גראַנאַס, דער אָנפֿירער פֿון דער פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג פֿון צ״ק אַרטור סטאַרעװיטש א״אַ. צװישן די טוער פֿון קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרבאַנד פֿון די יידן אין פּוילן, װי בכלל צװישן דער יידישער באַפֿעלקערונג, איז די סימפּאַטיע פֿולשטענדיק געװען אויף דער

זייט פון די אַקטיווע אַנטיסטאַליניסטן*) די „גאָמאָלינער האָבן דאָס אויסגענוצט צום „דיסקרעדיטירן" די אַנטיסטאַליניסטן מיט אַנטיסעמיטישע אַרגומענטן, צום באַצייכענען זיי שוין דעמאָלט אַלס ציוניסטן, אַלס אגענטור פון וועלט־ציוניזם.

איינע פון די גרונט־פאָדערונגען פון די אַנטיסטאַליניסטן, וועלכע האָט באַקומען די ברייטסטע אונטערשטיצונג צווישן די פאָלקס־מאַסן איז געווען: „גאָמולקאָ — צוריק צו דער אָנפירונג!". אין דעם דאָזיקן לאַגער האָט מען קודם־כל געזען די מעגלעכקייט צו ווערן טיילוויז אומאָפּהענגיק פון מאָסקווע. געדענקט האָט מען, אַז גאָמולקאַ האָט בשעתו פאַרנומען אַ מער אומאָפּהענגיקע שטעלונג, אַרויסזאָגנדיק זיך קעגן סאָוויעטיזירן פוילן, קעגן איינפירן קאָלכאָזן, פאַר ברייטערע מעגלעכקייטן צום אַנטוויקלען די פריוואַטע איניציאַטיוו אין האַנטווערק און אין קליינהאַנדל, פאַר באַשטימטע הנחות לגבי דעם קאַטוילישן קלויסטער. געטראַכט האָט מען, אַז דער געליטענער פון רעפּרעסיעס גאָמולקאָ און זיינע מענטשן וועלן אַוודאי קאָנסעקווענט באַקעמפן דעם סטאַלינישן סיסטעם, די פולשטענדיקע אָפּהענגיקייט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די אָנפירונג בראש מיט עדוואַרד אָכאַבן האָט געמוזט זיך אונטערגעבן דעם דרוק פון אינעווייניק, פון די פּאַרטיי־מיטגלידער און פון די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן. פון גאַנצן לאַנד זענען אָנגעקומען רעזאָלוציעס, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן סיי דורך פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען און סיי דורך מאַסן־מיטינגען מיט דער פאָדערונג אַז „וויעסלאַוו"־גאָמולקאָ זאָל געשטעלט ווערן בראש פון דער אָנפירונג.

די דאָזיקע באַוועגונג אין פוילן האָט אַרויסגערופן גרויס אומרו ביי דער אָנפירונג פון דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פאַרטיי. ביז דעמאָלט איז קיין פּרעצעדענט נישט געווען, אַז אַ באַזייטיקטער און רעפּרעסירטער פּאַרטיי־פירער זאָל צוריק באַקומען זיין אַמאָליקע פּאָזיציע. אין מאָסקווע האָט מען פאַרויסגעזען דאָס ערגסטע — פוילן זאָל זיך אָפּרייסן פון סאָוועטישן בלאָק. קעגן דעם האָט די סאָוועטישע אָנפירונג געוואָלט זיך באַוואָרענען סיי מיט פּאָליטישע און סיי מיט מיליטערישע מיטלען.

די שפּאַנונג אין לאַנד איז געוואַקסן, ווען ס'איז ברייט באַוווּסט געוואָרן, אַז מיט דער הילף פון סאָוועטישע פאַקטאָרן גרייטן זיך די „גאָמאָלינער" דורכצופירן מאַסן־אַרעסטן **). ווען עס זענען דערגאַנגען ידיעות, אַז פון דער זייט פון בריסק האָבן סאָוועטישע טאַנקן־איינהייטן זיך געלאָזט צו דער פוילישער גרענעץ, און אַז פון ליגניץ, וווּ עס האָט זיך געפונען דער שטאַב פון סאָוועטישן מיליטער, וואָס האָט סטאַציאָנירט אין פוילן, זענען אַרויס אין דער ריכטונג פון וואַרשע גרויסע

*) אַן אויסנאַם האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער באַקאַנטער נאָך פון פאַר דער מלחמה יידישער קאָמוניסטישער טוער, יצחק גאַרדין (אַלעקסאַנדער לענאַוויטש), וועלכער איז שפּעטער פולשטענדיק אַריבער אויף כינעזישע מאַאיסטישע פּאָזיציעס.

**) מיין „אַלטער חבר" האָט מיר דרינגענדיק געגעבן צו וויסן, אַז איך געפין זיך „אויף דער ליסטע" פון די, וואָס דאַרפן אַרעסטירט ווערן, און געראָטן נישט צו נעכטיקן ביי זיך אין דער היים.

סאָוועטישע באַוואָפנטע כוחות, האָט זיך אָנגעהויבן אין פוילן אַ צווייענדיקע מאַסן־מאָביליזאַציע: פון אַרבעטער־קלאַס און פון אַ טייל פון פוילישן מיליטער, בראש פון וועלכן עס איז געשטאַנען דער באַפרייטער פון תפיסה שפּאַניע־קעמפער, גענעראַל וואַצלאַוו קאָמאַר. וועגן אַ מאָביליזאַציע פון דער גאַנצער פוילישער אַרמיי האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין, ווייל פאַרטיידיקונגס־מיניסטער אין פוילן איז דעמאָלט געווען דער סאָוועטישער מאַרשאַל (פון פוילישן אָפּשטאַם) קאָנסטאַנטין ראָקאָסאָווסקי.

אויף די גרעסטע פוילישע פאַבריקן, קודם כל אויף דער וואַרשעווער אויטאָ־מאָבילן־פאַבריק, איז דערקלערט געוואָרן אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע. טייל אַר־בעטערס האָבן באַקומען געווער.*) אין וואַרשע איז געשאַפן געוואָרן אַ שטאַב צום פאַרטיידיקן די הויפּטשטאָט. אויף אַ ספּעציעלער זיצונג פון דעם דאָזיקן שטאַב האָט דער פּולקאָווניק עדוואַרד קאָנינסקי (דער זעלביקער, וועלכער האָט געהאַט אָנגעפירט מיטן קאַמף קעגן פּאָגראָם אויף יידן אין קראָקע) פאָרגעשטעלט די לאַגע אויף אַזאַ אופן: „...מעכאַניזירטע טיילן פון דער סאָוועטישער אַרמיי, וועלכע האָבן זייער באַזע אין נידער־שלעזיע, דערנענטערן זיך צו וואַרשע און רינגלען אַרום די הויפּטשטאָט. דער מאַרשאַל ראָקאָסאָווסקי האָט באַפוילן צו דערקלערן אין פוילישן מיליטער שאַרפן גרייטקייט־צושטאַנד, און די העכערע אָפיצירן האָט ער, אונטערן אויסרייד, אַז עס גייט וועגן איבערשולן די קאַדרען, קאָנצענטרירט אין דער וואַרשעווער ציטאַדעל, אין די מיליטער־טיילן זענען געבליבן בלויז סאָוועטישע קאָמאַנדירן. דער דאָזיקער מאַנעווער איז דורכגעפירט געוואָרן, כדי צו איזאָלירן די העכערע אָפיצירן פון דער פוילישער אַרמיי פון דעם אַלפאָלקישן קאַמף פאַר צוריק אומקערן די לעניניסטישע נאָרמעס פון גלייכבאַרעכטיקונג פון קליינע און גרויסע פעלקער.

„מיר שטייען איצט פאַר אַן אויסוואַל: אָדער אונטערגעבן זיך דעם צוואַנג, אָפּזאָגן זיך פון באַנייונג, סאַנקציאָנירן די נישט געזעצלעכקייט, אָדער קעמפן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען ביזן נצחון. די פאַרטיי־אָנפירונג האָט אויסגעוויילט דעם קאַמף און האָט מיר באַאויפטראַגט די מיליטערישע באַשיצונג פון וואַרשע".

אין זיין וויטערדיקער רעדע האָט פּולקאָווניק קאָנינסקי פאָרגעשטעלט די פּראָגראַם, פאַר וועלכער עס גייט דער קאַמף:

1) פוילן זאָל צוריק באַקומען אירע סוווערענע רעכט, עס זאָלן אָפּגערופן ווערן די סאָוועטישע ראַטגעבערס און סאָוועטישע אָפיצירן פון דער פוילישער אַרמיי, פון אויסשפּיר, פון דער מיליטערישער אינפאָרמאַציע, פון דער באַוואָפענונגס אינדוסטריע און פון שיפּבוי.

*) צו יענער צייט איז אויפגעקומען אין דער עפנטלעכקייט. אַלס וואָרטזאָגער פון אַר־בעטער־קלאַס, דער 25־יאָריקער מעטאַליסט פון דער זשעראַנער אויטאָמאָבילן־פאַבריק. דער סעקרעטאַר פון דער דאָרטיקער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, לעשעק גאָזשדזשיק. זיינע פּלאָמיקע רעדעס האָבן באַווירקט מאַסן אַרבעטער און סטודענטן, וועלכע זענען גרייט געווען צום קאַמף קעגן סאָוועטישן מיליטער.

2) פֿאַרריכטן די עוולה לגבי גאָמולקאָן, ספּיכאַלסקין, קלישקאָ, קאָמאַרן און אַנדערע חברים, וועלכע זענען לויט דער אינפֿאָרמאַציע פֿון די סאָוועטישע זיכערהייט־אָרגאַנען אַרעסטירט געוואָרן אויפֿן סמך פֿון פֿאַלשע דאָקומענטן וועגן זייער כלומרשט־פֿיינטלעכער טעטיקייט. דערלאָזן אַ פֿרייע דיסקוסיע אין דער פּאַרטיי. אומקערן די לענינישע נאָרמעס פֿון אינערלעך־פּאַרטיייִשער דעמאָקראַטיע און דעמאָקראַטישע וואַלן פֿון די פּאַרטיי־אָרגאַנען.

3) אַנולירן דעם אָנגעוואָרפֿענעם שטיינקוילן־אָפּמאַך, לויט וועלכן פּוילן דאַרף צושטעלן יאָר־יערלעך דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד 18 מיליאָן טאָן קוילן — 12 מיליאָן טאָן אַלס קאָמפּענסאַציע פֿאַרן דייטשן אייגנטום אין די פֿאַרנומענע מערב־געביטן און 6 מיליאָן טאָן לויטן פּרייז — 5 דאָלאַר פֿאַר אַ טאָן, אין דער צייט ווען אויפֿן וועלט־מאַרק האָט מען געצאָלט 18 דאָלאַר פֿאַר אַ טאָן. ווייטער זענען געווען אייניקע אַנדערע פֿאָדערונגען פֿון עקאָנאָמישן כאַראַקטער. און צום סוף צוויי פֿאָדערונגען פֿון אַ ספּעציעלן באַטייט: א) געבן אַ מעגלעכקייט ביי 300 טויזנט פּוילישע בירגערס, וועלכע געפֿינען זיך אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, צוריקצוקומען קיין פּוילן, צווישן זיי הונדערטער קאָמוניסטן, וועלכע זענען פֿאַרמשפּט געוואָרן זינט 1937 יאָר און ב) דערקלערן אַ פֿולע רעהאַביליטאַציע פֿון די פֿירערס פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון פּוילן און איבערגעבן אַלע דאָקומענטן וועגן דעם ענין די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען.

וואָס שייך דער מיליטערישער לאַגע האָט עד. קאָנינסקי איבערגעגעבן, אַז „אָפּגעקליבענע טיילן פֿון דעם פּוילישן קאָרפּוס פֿון אינערלעכער זיכערקייט (קב״וו) פֿון גרענעץ־מיליטער (וואַ״פּ.), אָפּעראַטיווע טיילן פֿון דער מיליץ און פֿון די זיכערהייט־אָרגאַנען געפֿינען זיך אין קאַמפּס־גרייטקייט. מיר האָבן די פֿאַרזיכערונג פֿון העכערע פּוילישע אָפֿיצירן, אַז אין פֿאַל פֿון אַ באַוואָפֿנטן קאָנפֿליקט וועלן זיי בלייבן געטריי די באַפֿעלן פֿון דער רעגירונג און פֿון דער פּאַרטיי און נישט פֿון דעם מאַרשאַל ראָקאָסאָווסקי. מיר האָבן צוגעגרייט באַוואָפֿענונג פֿאַר 50 טויזנט זעלנער און ווען עס וועט נייטיק זיין וועלן מיר קענען אָרגאַניזירן 5 דיוויזיעס צום באַשיצן וואַרשע. מיר האָבן פֿאַראָרדנט, אַז פֿון היינטיקן טאָג אָן נעמען איבער אָפּטיילן פֿון קאָרפּוס פֿון אינערלעכער זיכערקייט די באַשיצונג פֿון די רעגירונגס־ און פּאַרטיי־געביידעס, ווי אויך די פּערזענלעכע באַשיצונג פֿון די פּאַרטיי־פֿירערס. דער וויצע־מיניסטער פֿון קאָמיטעט פֿאַר זיכערהייט־ענינים, חבר אַלסטער האָט אַרויסגעגעבן אַ פֿאַראָרדענונג צו איזאָלירן די סאָוועטישע ראַטגעבערס פֿון די אינערלעך פּוילישע ענינים. די „באַטאַלינער" זענען גענומען געוואָרן אונטער אַ שטענדיקער אָבסערוואַציע, כדי זיי נישט דערמעגלעכן זיך דורכצורייסן צום אָפּעראַטיוון שטאַב פֿון סאָוועטישן מיליטער, ווו זיי וואָלטן עווענטועל געשאַפֿן אַן אַליין־באַשטימטע רעגירונג און אַ נייעם פּאָליטביוראָ".

וועגן די אַלע מאָסמיטלען און וועגן דער גרייטקייט פֿון די פֿאָלקס־מאַסן אַרויסצוגיין אין קאַמף, האָט זיכער געוווּסט די סאָוועטישע אָנפֿירונג, וועלכע איז געצווונגען געווען אָפּצוהאַלטן דעם מיליטערישן מאַרש אויף וואַרשע און איבערגיין

צו פּאָליטישע מאַסמיטלען. אין דעם מאָמענט, ווען אין חודש אָקטאָבער 1956 איז זיך צונויפגעקומען דער 8טער פּלענום פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי, איז פּלוצלונג אַראָפּגעקומען קיין וואַרשע די גאַנצע דעמאָלט אָנפירנדיקע עקיפּע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד — ניקיטאַ כרושטשאָוו, וויאַטשעסלאַוו מאָלאָטאָוו, לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש, אַנאַסטאַס מיקאָיאַן. אין משך פון אַ גאַנצן טאָג האָט געדויערט דער „שמועס" אין אַן אָנגעשטרענגטער, נערוועזער אַטמאָספער מיט די מיטגלי־דער פון דעם פּוילישן פּאָליטביוראָ, אין דעם שמועס האָט זיך אויך באַטייליקט וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ, הגם ער איז פאָרמעל, נאָך נישט געווען אין דער פּאַרטיי־אָנפירונג און דאָס האָט באַזונדערס דענערווירט כרושטשאָוון און מאָלאָטאָוון. געווירקט צום אָפּטעמפּן די שאַרפקייט פון די סאָוועטישע רייד האָט נאָך אַנאַנד אַנאַסטאַס מיקאָיאַן. אייניקע פאַרזיכערונגען, גאָר באַזונדער, אַז פּוילן וועט נישט אַרויסטרעטן פון וואַרשעווער פּאַקט, האָבן געבראַכט צו אַ באַרויִקונג און צום אָפּפאָרן פון דער סאָוועטישער דעלעגאַציע.

דער 8טער פּלענום פון צ"ק פּזפּ"ר האָט צוריק אויפגעשטעלט אין זייערע רעכט די רעפּרעסירטע גאָמולקאַ־אָנהענגער און וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַן אויסגעוויילט אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי.

צום פלאַץ ביי דעם „פּאַלאַץ פון קולטור און וויסנשאַפט" (די „סטאַלינישע מתנה", וועלכע פּוילישע פּויערים האָבן גערופן „דער גרויסער קאָשטשאָל") האָבן געשטראָמט מאַסן מענטשן פון אַלע עקן וואַרשע. צו די 500 טויזנט פאַרזאַמלטע, וועלכע האָבן אָן אויפהער סקאַנדירט „וויע־סלאַוו! וויע־סלאַוו", האָט גערעדט דער געוועזענער פירער, שפּעטערדיקער אַרעסטאַנט און ווידער אויסגעוויילטער אַלס פירער, וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ. געווען איז עס אַ רעדע, וואָס האָט שאַרף פאַרורטיילט די סטאַלינישע פּראַקטיק און אָנגעזאָגט אַ ווייט־גרייכנדיקע פּראָגראַם פון דעמאָקראַטיזירונג.

צום 8טן פּלענום פון צ"ק פּזפּ"ר איז אַוועק אַ דעלעגאַציע פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פּוילן מיט אַ דעקלאַראַציע, וואָס האָט פולשטענדיק באַגיטיקט די אָנגעזאָגטע פּראָגראַם פון דעמאָקראַטיזירונג פון גאַנצן עפנטלעכן לעבן. „מיט דער דאָזיקער פּראָגראַם פאַרבינדן די לעבנגעבליבענע יידן זייערע האָפענונגען אויף דער הילף מצד דער פּאַרטיי און רעגירונג ביים אויפבויען אין דער ווייט־מעגלעכסטער מאָס דאָס הרובע יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־לעבן".

אונדזער דעקלאַראַציע האָט אויף אַן אַנטשיידנדיקן אופן געפאָדערט צו דערקלערן אַ קאַמף יעדן אויסדרוק פון ראַסיזם, פון שאָוויניזם, פון אַנטיסעמיטיזם. מיר האָבן פאַראורטיילט די טעאָריע וועגן „נאַציאָנאַלער רעגולאַציע פון די קאַדרען", וועלכע איז בלויז געווענדעט קעגן יידן און ברענגט דערצו, אַז גראַד אויף די כוואַליעס פון באַנייונג זאָל אָנוואַקסן אַ פאַרשטאַרקטע אַנטיסעמיטישע העצע און פּראַקטיק. מיר האָבן פאָרגעלייגט, אַז דער פּלענום זאָל אין אַ ספּעציעלער

דערקלערונג „אויסדריקן דעם אַנטשיידנדיקן ווילן זיך אַנטקעגנצושטעלן אַלע דערשיינונגען פון אַנטיסעמיטיזם און נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע״.

אונדזער דעקלאַראַציע האָט געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג: די אָנפירונג פון דעם „פאַרבאַנד פון דער פּוילישער יוגנט״ (זמ״פּ) האָט אין אירער אַ דערקלערונג פאַרלאַנגט, אַז „די פּאַרטיי זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן דאָס פּאַנאַנדערפלאַקערן נאַציאָנאַליסטיש־אַנטיסעמיטישע שטימונגען און פאַראורטיילן יעטוועדע טעאָריע און פּראַקטיק פון נאַציאָנאַלער „רעגולאַציע״.

אין דער וורָאצלאַווער טאָג־צייטונג „גאַזעטאַ ראָבאָטניטשאַ״ פון 21טן אָקטאָבער 1956 האָט י. לעוויצקאַ געשריבן, אַז „...מיט אָביעקטיוו־אַנטיסעמיטישע, מער ווייניקער מאַסקירטע נאַציאָנאַליסטישע אַרויסזאָגונגען, קאָן מען זיך אָנטרעפן אַפילו צווישן מענטשן, וועמען די פּאַרטיי האָט אָפּט אָנפאַרטרויט זייער הויכע מלוכהשע, ווי פּאַרטייִשע פּאָסטנס, אויך אין צענטראַל־קאָמיטעט״.

געהאַנדלט האָט זיך עס קודם כל וועגן דעם וורָאצלאַווער וואָיעוואָדע און מיטגליד פון מלוכה־ראַט הילאַרי כעלכאָווסקי*). אין זיינער אַ רעדע האָט ער געפאָדערט, אַז מ׳זאָל לגבי אַנטיסעמיטיזם נישט אָנווענדן די פּאַראַגראַפן פון שטראָף־קאָדעקס און אַז די „נאַציאָנאַלע רעגולאַציע״ פון די קאַדרען דאַרף אומבאַדינגט פּראַקטיצירט ווערן אויף אַלע פּאַרטייִשע און מלוכהשע שטאַפּלען.

אין דרייצן זענען מיר אַוועק צו די סעקרעטאַרן פון פּאַרטיי־צ״ק וויטאָלד יאַראָשינסקי און וולאַדיסלאַוו מאַטווין און זיי איבערגעגעבן אַ ריי מאַטעריאַלן, וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז אונטערן דעקמאַנטל פון קאַמף קעגן סטאַליניזם ווערט געפירט אַן אַנטיסעמיטישע העצע. מיר האָבן איבערגעגעבן אַ רעזאָלוציע פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פּוילן, וועלכע האָט אָנגעוויזן, אַז „אין משך פון דער לעצטער צייט האָבן סיי די מיליץ און סיי די אָרגאַנען פון דער פּראָקוראַטור אין אַזעלכע שטעט ווי וואַלבזשיך, דזשערזשאָניוו, וורָאצלאַוו און אין אַ ריי קלענערע ערטער, נישט פאַרנומען קיין ריכטיקע שטעלונג לגבי אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען. זיי האָבן נישט רעאַגירט ענערגיש און שטרענג״. די רעזאָלוציע האָט אָנגעוויזן אויף די פּרוּוון צו ווענדן די דעמאָקראַטיזאַציע־פּראָצעסן נאָכן 20טן צוזאַמענפאָר פון דער קפּס״פּ אין אַ פאַלשער ריכטונג.

אונדזער נאָך אַנאַנדיקער אַלאַרמירן וועגן אָנוואַקסנדיקן אַגרעסיוון אַנטיסעמיטיזם, ווי אויך די אינפאָרמאַציעס פון די אָרטיקע פּאַרטיי־אָרגאַנען האָבן געווירקט, אַז די פראַגע וועגן דער אַנטיסעמיטישער געפאַר זאָל געשטעלט ווערן אויף אַ זיצונג פון סעקרעטאַריאַט פון צ״ק פּזפּ״ר. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויסצואַרבעטן אַ

*) אונטערן פּסעוודאָנים „דער לאַנגער יאַנעק״ איז כעלכאָווסקי, אין דער צייט פון דער היטלערישער אָקופּאַציע, געווען טעטיק אין דער „גוואַרדיאַ לודאָוואַ״ אין קעלצער געגנט, אין דעם אָפּטייל מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט מ. מאָטשאַר. שוין דעמאָלט איז ער אַרויסגעטרעטן קעגן „פּאַריידישן״ די קאָנספּיראַטיווע פּאַרטיי־לאָקאַלן און נישט צולאָזן קיין יידן אין די פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילן.

ספּעציעלן פּאַרטיי־דאָקומענט, וואָס זאָל זיין געווענדעט צו אַלע וואָיעוואָדישע, שטאָטישע און ראַיאָנע פּאַרטיי־קאָמיטעטן מיט דער פאָדערונג צו באַקעמפן יעדן אויסדרוק פון אַנטיסעמיטיזם. צום אויסאַרבעטן אַזאַ דאָקומענט איז באַשטימט געוואָרן אַ קאָמיסיע פון 3 פּערזאָן — צוויי מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט — פּראַנטשישעק בלינאָווסקי און לעאָן קאַסמאַן און איך. בעתן אויסאַרבעטן דעם דאָזיקן איינציקן אין דער געשיכטע פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי דאָקומענט, זענען אָפּט געווען מיינונגס־פאַרשיידנהייטן צווישן מיר און לעאָן קאַסמאַנען, וועלכער האָט געשטרעבט דער עיקר אונטערצושטרייכן אין דעם דאָקו־מענט דאָס רעכט אויף אַסימילאַציע און דעם פּרינציפּ פון אַליין באַשטימען די נאַציאָנאַלע אַנגעהעריקייט.

דער דאָקומענט האָט פעסטגעשטעלט, אַז „הגם אין גרונט זענען געשאַפן געוואָרן אָביעקטיווע באַדינגונגען, אין משך פון 12 יאָר פאָלקס־מאַכט, צום אויס־וואָרצלען אין אונדזער געזעלשאַפט דעם אַנטיסעמיטיזם, האָבן די רעזולטאַטן אין דער הינזיכט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט גענוגנדיקע״.

פולשטענדיק קלאָר איז אין דעם דאָקומענט פאַראורטיילט געוואָרן „די טעאָריע וועגן דער אַזוי גערופענער נאַציאָנאַלער רעגולאַציע, וואָס האָט געשאַפן גינסטיקע באַדינגונגען, אַז נאַציאָנאַליסטישע, אַנטיסעמיטישע שטימונגען זאָלן דורכדרינגען אויך אין ווייניקער ווידערשטאַנד־פעיִקע גרופּן אין אונדזער פּאַרטיי״.

אויפן סמך פון דעם צוגעשטעלטן דורך אונדז מאַטעריאַל האָט דער דאָקומענט מיט דער חתימה פון סעקרעטאַריאַט פון צ״ק פּזפּ״ר איבערגעגעבן, אַז „עס זענען דאָ פאַקטן פון אָפּזאָגן פון דער אַרבעט בלויז צוליב דער יידישער אַנגעהעריקייט. עס ווערן אַנטזאָגט יידישע אַרבעטערס און מייסטערס פון פאַבריקן, הויך־קוואַליפי־צירטע בעלי־מלאכות פון אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון, עס ווערן באַזייטיקט אַנגע־שטעלטע פון יידישן אָפּשטאַם פון אינסטיטוציעס און אַמטן. עס קומען פאַר שענד־לעכע פאַקטן פון דראָען און דריקן צום פאַרלאָזן די דירות. עס טרעפן זיך כוליגאַ־נישע אַרויסטרעטונגען קעגן בירגערס־יידן אויף די גאַסן פון אונדזערע שטעט. עס זענען אַפילו פאַראַן פאַקטן פון שיקאַנירן קינדער אין די שולן״.

נאָך אַ באַשטימטן איבערבליק איבער דער געשיכטע און ווירקונג פון אַנטי־סעמיטיזם ווערט פאַרגעלייגט די פּאַרטיי־קאָמיטעטן אַ ריי מאַסמיטלען אין קאַמף קעגן דער הצעה און ווירקונג פון די אַנטי־יידישע עלעמענטן.

„מען טאָר נישט טאָלערירן אין דער פּאַרטיי קיין מענטשן, וועלכע פּרווון פאַרסמען אירע רייען מיטן סם פון נאַציאָנאַליזם און אַנטיסעמיטיזם... די פּאַרטיי קעמפט פאַרן פולן אָפּהיטן די קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט, וועלכע גאַראַנטירן יעדן בירגער די רעכט אויף אַרבעט, אויף פאַרנעמען יעדן מלוכהשן, געזעלשאַפטלעכן און פּאַרטייִשן אַמט אין הסכם מיט די פּראָפעסיאָנעלע און פּאָליטיש־מאָראַלישע קוואַליפיקאַציעס״.

דער פּאַרטיי־דאָקומענט האָט אין אַ ספּעציעלן פּונקט אונטערגעשטראָכן „די נויטווענדיקייט קאָנסעקווענט צו רעאַליזירן דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער גלייכ־

באַרעכטיקונג פֿאַר אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן — דאָס רעכט אויף שולן אין דער מוטער־שפּראַך, צום פֿולן שעצן און קולטיווירן די טראַדיציעס פֿון דער נאַציאָנאַלער קולטור, דאָס רעכט צום שאַפֿן קולטור־אָרגאַניזאַציעס, צייטשריפֿטן אין דער מוטערשפּראַך א״א״.

אַלע פּאַרטיי־אינסטאַנצן זענען אויפֿגעפֿאָדערט געוואָרן „דורכצודיסקוטירן אויף זייערע פֿאַרזאַמלונגען דעם דאָזיקן בריוו פֿון צ״ק און מאַכן געהעריקע אויספֿירן פֿאַר זייער טעטיקייט ביים באַקעמפֿן די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען״.

צום ערשטן מאָל האָט אויף אַ באַזונדער פּאָרזיכטיקן אופֿן גענומען אַ וואָרט (און דאָס בלויז וועגן אַ פֿראַגמענט פֿון ענין אַנטיסעמיטיזם) דער 1טער סעקרעטאַר פֿון צ״ק פּזפּ״ר, וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ (דער זעלבער, וואָס האָט מיט קנאַפּע זיבן יאָר שפּעטער געהאַלטן די שאַרפֿע יידן־פֿיינטלעכע רעדעס). אויף אַ באַראַטונג פֿון דעם פּאַרטיי־אַקטיוו, וואָס איז פֿאָרגעקומען דעם 4טן נאָוועמבער 1956 אין וואַרשע, האָט ער געזאָגט: „אומאָפּהענגיק פֿון די דאָזיקע פּרינציפּיעלע פֿראַגן (וועגן דעם אינהאַלט פֿון דער דעמאָקראַטיזאַציע — ה. ס.) האָבן זיך אַנטפּלעקט אַנדערע פֿראַגן, וועלכע האָבן געבראַכט צו אַ ריס אין דער פּאַרטיי־אָנפֿירונג. צו די דאָזיקע פֿראַגן געהערט דאָס פּערסאָנעלע באַזעצן דעם פּאַרטיי־ און מלוכה־אַפּאַראַט לויט אַ נאַציאָנאַלן קוקווינקל. אייניקע חברים זענען צוגעגאַנגען צו דער דאָזיקער פֿראַגע אויף אַ פֿאַראיינפֿאַכטן אופֿן, וואָס האָט געקאָנט באַטראַכט ווערן אַלס גלייכווערטיק מיט אַנטיסעמיטיזם״.

די דאָזיקע פֿאַרעווע אָפּשאַצונג (אַלס „פֿאַראיינפֿאַכטן ענין״) האָט אין דער מינדסטער מאָס נישט אָפּגעשוואַכט די אָנוואַקסנדיקע כוואַליע פֿון דיסקרימינאַציע לגבי יידן — מלוכה־ און פּאַרטיי־טוערס. אַלץ עזותדיקער זענען געוואָרן די אַנטי־סעמיטישע עלעמענטן, וועלכע האָבן געפֿירט אַן אָפֿענע העצע קעגן יידן. דער פּאַרטיי־מיטגליד פֿון דער זשעראַנער אויטאָמאָביל־פֿאַבריק זאַושיצקי, האָט אָפֿן דערקלערט: „איך וועל נישט דערלויבן, אַז מיט מיר זאָלן אָנפֿירן די אַבראַמס״ (געמיינט די צוויי יידישע אַרבעטער אברהם ליפּסקי און יעקב סאָבעלמאַן). אין לאָדזש זענען פֿאַרשפּרייט געוואָרן אויפֿרופֿן נישט צו ווילן קיין יידן אין די פֿאַרוואַלטונגען פֿון די אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון (וועלכע זענען געשאַפֿן געוואָרן דורך יידישע אַרבעטערס...). אין ליגניץ האָבן צעווילדעוועטע אַנטיסעמיטן אַרויס־געוואָרפֿן אויף אַ ברוטאַלן אופֿן דעם אָנפֿירער פֿון אַן אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוו, לייבוש מאַלאַטשינסקי — אַליין אַ לאַנגיאָריקער אַרבעטער און אַקטיווער אָנטייל־נעמער אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. אַ רעזאָלוציע וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף אַ פּאַרטיי־פֿאַרזאַמלונג אין ביעלאַווער בוימוואָל־קאָמבינאַט האָט געפֿאָדערט, אַז אין די אָנפֿירנדיקע אינסטאַנצן זאָלן נישט זיין קיין פֿרעמדע בירגערס — יידן, רוסן און גריכן... ערטערווייז איז דערגאַנגען דערצו, אַז עס האָט גענומען דראָען מיט אַ פּאָגראָם.

אַ טעלעפֿאָן פֿון אָנפֿירנדיקע טוערס פֿון קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרבאַנד אין וואַלבזשיך האָט אין איינעם אַן אָוונט אַלאַרמירט, אַז די דאָרטיקע יידן זענען

אויסגעשטעלט אויף גרויס געפּאַר. די האָפענונג איז אויף אונדז. ראַטעוועט וואָס שנעלער, ווייל עס קען זיין צו שפּעט...

אין אַ וואַלבזשיכער פליישׂ־געשעפט, אין וועלכן עס האָט געאַרבעט אַ יידישער קצב, איז דערגאַנגען צו אַ קאָנפליקט מיט אַ פּוילישער פרוי. אויף אירע געוואַלדן, אַז „דער זשיד האָט זי אָפּגענאַרט", האָבן אָנגעהויבן זיך זאַמלען אַרום דעם געשעפט מאַסן פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אָנגענומען אַ דראָענדיקע שטעלונג. דער ייד האָט זיך פאַרשלאָסן אין דעם געשעפט. צום מאָמענט, ווען איך האָב באַקומען דעם ערשטן טעלעפאָן, האָבן אויף דעם פּלאַץ לעבן דעם פליישׂ־געשעפט זיך געהאַט פאַרזאַמלט עטלעכע הונדערט מענטשן. כ׳האָב זיך תּיכף פאַרבונדן מיטן וויצע־מיניסטער פאַר זיכערהייט, אַנטאָני אַלסטער. ער האָט צוגעזאָגט, אַז ס׳וועלן אָנגענומען ווערן געהעריקע מיטלען. אַ צווייטער טעלעפאָן פון וואַלבזשיך האָט געגעבן צו וויסן, אַז אויפן פּלאַץ ביים פליישׂ־געשעפט זענען שוין פאַרזאַמלט ביי טויזנט מענטשן... עס הערן זיך אַנטיסעמיטישע אויסרופן... עס שמעקט מיט פּאָגראָם!

אויף מיין קאַטעגאָרישער פאָדערונג אַרויסצושיקן גרעסערע אָפּטיילן מיליץ אָדער מיליטער פון קב"וו (קאָרפּוס פון אינערלעכער זיכערקייט) האָט מיר דער וויצע־מיניסטער אַנטאָני אַלסטער געענטפערט מיט דער עצה... נישט אַריינצופאַלן אין פּאַניק. מיין דראָונג, אַז ער וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ מעגלעכן פּאָגראָם, האָט געהאָלפן. דער טעלעפאָן פון וואַלבזשיך האָט שפּעטער איבערגעגעבן, אַז פון ווראָצלאַוו זענען אָנגעקומען מילטער־אָפּטיילן, „וועלכע האָבן באַהערשט די לאַגע".

אָנשטאָט באַרויִקונג איז געקומען נאָך אַ גרעסערער אומרו. אין ווראָצלאַוו, אויף אַנטאָני־גאַס, איז דערמאָרדעט געוואָרן דער יידישער אַרבעטער פון דעם קאָאָפּעראַטיוו „פּרעציזיאַ", חיים נוטקעוויטש, אַ זייגערמאַכער פון פאַך. די מיליץ האָט פעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז נישט געווען קיין רויב־מאָרד. דער געכאַפּטער מערדער, וולאַדיסלאַוו באַטשינסקי, האָט אָפן דערקלערט, אַז ער „האָט זיך נוקם געווען אין די יידן". ער איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. קיין באַרויִקונג האָט עס נישט געבראַכט. אויפן פּלאַץ ביים ווראָצלאַווער וואָקזאַל האָט מען געפונען דעם קערפּער פון נאָך אַ דערמאָרדעטן יידן. די פּאַניק צווישן דער יידישער באַפעלקערונג איז געוואַקסן. פון שטעט און שטעטלעך האָט מען אונדז אַלאַרמירט, געפאָדערט צו אינטערוועגירן ביי דער רעגירונג ווידער צו דערלויבן יידן זיך רעגיסטרירן אויף אַרויסצופאָרן. צווישן די ערשטע, וועלכע האָבן דאָס געפאָדערט פון אונדז איז געווען די משפּחה פון דערמאָרדעטן חיים נוטקעוויטש.

דער סוף פון דער סטאַביליזאַציע

געדוכט האָט זיך, אַז אין משך פון די צװעלף יאָר, זינט ס׳איז אָפּגעשטעלט געװאָרן די רעגיסטראַציע פון די יידן אויף אַרויסצופאָרן קיין ישראל, איז געקומען צו אַ באַשטימטער סטאַביליזאַציע פון דעם יידישן יישוב. די אינטענסיװע, דינאַמישע טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן (איינגעשלאָסן אויך די טעטיקייט פון די רעליגיעזע קהילות, װעלכע האָבן צו יענער צייט באַװיזן צו באַקומען אויסלענדישע פינאַנציעלע הילף) האָט געבראַכט צו אַ טיילװייזער באַרויִקונג, קודם־כל צװישן די װאַקלענדיקע, צװישן יענע יידישע משפחות, װו עס זענען געװען חילוקי־דעות װעגן װייטערדיקן לעבנס־װעג. נישט װייניק האָבן צו אַזאַ באַרויִקונג מיטגעװירקט די גרוסן פון ישראל, די בריװ פון מענטשן, װעלכע האָבן געבעטן זיי צו העלפן צוריק צו קומען, די ידיעות װעגן גרויסע רייען ביי דער פּוילישער אַמבאַסאַדע אין תל־אביב. דער ענין איז דערגאַנגען צו דער פּאַרטיי־אָנפירונג. דער פּוילישער געזאַנדטער אין תל־אביב האָט פאַרלאַנגט אַ דירעקטיװ פון װאַרשע װי אַזוי צו האַנדלען. דער באַשלוס פון סעקרעטאַריאַט פון צ״ק פּזפּ״ר אין דער פראַגע האָט אויף אונדז געמאַכט זייער אַ שװערן איינדרוק מיט זיין ראַסיסטישן נאָכריח: אַ דערלויבעניש זיך אומצוקערן קיין פּוילן דאַרפן באַקומען בלויז פּוילישע פּרויען פון יידישע מענער, װעלכע „ליידן אין ישראל פון נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע״. עס זענען געװען איינציקע פאַלן, װען „איינפלוסרייכע קרייזן״ האָבן אינטערװענירט לטובת געװיסע יידישע משפחות, װעלכע זענען צוריקגעקומען. אַלס כלל האָבן די מענטשן פון די גרויסע רייען ביי דער פּוילישער געזאַנדשאַפט אין תל־אביב נישט באַקומען קיין דערלויבעניש זיך אומצוקערן קיין פּוילן.

די געשעענישן אין דער צייט פון „פּוילישן אָקטאָבער״, דער אָפענער, אַגרעסיװער אַנטיסעמיטיזם, די ידיעות װעגן װידער פאַרגאָסענעם יידישן בלוט, װעגן דער פּאָגראָם־געפאַר אין איניקע ערטער, װעגן מאַסנהאַפטן אופן פון אָפּזאָגן יידן פון זייערע פּאָסטנס, האָבן אַרויסגערופן אַ שטייגנדיקע פּאַניק. יידישע משפחות, װעלכע האָבן שוין געהאַט צוריקגעצויגן זייערע ביטעס װעגן אַרויספאָרן, אַפילו מענטשן, װעלכע האָבן געהאַט פעסט באַשלאָסן, אַז זיי בלייבן אין פּוילן, האָבן פון אונדז פאַרלאַנגט מיר זאָלן זיך באַמיִען װעגן צוריק עפענען די גרענעצן צו דער איינציקער ריכטונג אין יענער צייט — צו מדינת ישראל.

אונדזערע אַ דעלעגאַציע האָט פאָרגעשטעלט אין אינערן־מיניסטעריום די גשאַפענע לאַגע און פאָרגעלייגט אָפּצורופן דעם באַשלוס, װעלכער האָט געהאַט

אָפּגעשטעלט דעם אַרויספאָר פון פוילן, כדי צו ברענגען באַרויִקונג צווישן דער ייִדישע באַפעלקערונג האָבן מיר אויך פאָרגעלייגט צו פאַרקירצן ביז אַ מינימום די דויערצייט פון דעם מאָמענט פון רעגיסטרירן ביזן באַקומען דעם רייזע־דאָקומענט *). אין דער זעלבער צייט האָבן מיר זיך אויך געווענדעט צום פּרעמיער־מיניסטער יוזעף ציראַנקעוויטש, אַז ער זאָל אין זיין רעדע בעת דער נאָענטסטער זיצונג פון סיים (פאַרלאַמענט), מאַכן אַ ספּעציעלע דערקלערונג וועגן דער באַציִונג צו די ייִדן, וואָס זאָל ווירקן באַרויִקנדיק. דער פּרעמיער האָט צוגעזאָגט און זיין וואָרט געהאַלטן. מיר האָבן זיך באַמיט צו מאָביליזירן די פּוילישע עפנטלעכע מיינונג, כדי צו פאַראורטיילן יעדן אויסדרוק פון אַנטיסעמיטיזם. צוזאַמען מיטן וויצע־פאָרזיצער פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, שמואל הורוויטש, זענען מיר געווען אויף אַ זיצונג פון דער סיים־קאָמיסיע, וואָס האָט ספּעציעל באַטראַכט די פראַגע ווי אַזוי זיך אַנטקעגנשטעלן דער אַנטי־ייִדישער העצע. מיר האָבן זיך געווענדעט, אין נאָמען פון דער רעדאַקציע „פאָלקס־שטימע", צו אַ ריי פּוילישע פּאָליטישע טוערס, אינטעלעקטואַלן, קינסטלערס מיט דעם פאָרשלאַג צו ענטפערן אויף די פאָרמולירטע דורך אונדז פראַגן וועגן דער באַציִונג צו דעם אַקטועלן אַנטיסעמיטיזם און זיין אויסווירקונג. די ענטפערס זענען ביי אַלע געווען אַנטשיי־דענע, שאַרף קעגנערישע לגבי די אַנטיסעמיטישע עלעמענטן און זייער פּראַקטיק. בלויז איינער איז געקומען מיט אַן „אָבער". געווען איז עס דער וויצע־פּרעמיער־מיניסטער, דער פאַרמלחמהדיקער ראַדיקאַלער פּויערים־טוער, איגנאַר. ער האָט פאַראורטיילט דעם אַנטיסעמיטיזם, אָבער... די ייִדן אַליין — לויט אים — ווירקן מיט זייער האַנדלונג צום אַרויסרופן צו זיך שנאה. ווו נאָר אַ ייִד געפינט זיך אויף אַ באַשטימטן פּאָסטן, נעמט ער גלייך אַריינשלעפּן אין דעם אַמט נאָך און נאָך ייִדן... איך האָב זיין אַרטיקל אים אָפּגעשיקט מיט אַ שאַרפער כאַראַקטעריסטיק פון זיין אַנטיסעמיטישער אַרגומענטאַציע.

דעם 29טן נאָוועמבער 1956 איז אין קאָנגרעס־זאַל פון „פּאַלאַץ פון קולטור און וויסנשאַפט" פאָרגעקומען אַ לאַנד־קאָנפערענץ פון דעלעגאַטן פון „פראַנט פון פאָלקס־איינהייט". העכער 3000 מענטשן האָבן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט אויס־געהערט די פּראָגראַם־רעדע פון וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ. וועגן אַלץ איז געווען אין דער דאָזיקער רעדע — סיי קריטיק לגבי דער פאַרגאַנגענהייט און סיי צוזאָגן וועגן גרינטלעכע ענדערונגען פון דעמאָקראַטישן כאַראַקטער אין פּאָליטיש־געזעל־שאַפטלעכן לעבן. ניִשט געווען איז בלויז קיין איין וואָרט וועגן דער שטייגנדיקער

*) מיר האָבן געהאַט איבערגעגעבן דעם אינערן־מיניסטער, אַז מיר זענען קעגן דער פּראָצעדור פון אַרויסגעבן ייִדן בלויז אַ רייזע־דאָקומענט און דאָס מיטן באַדינג פון אָפּזאָגן זיך פון דער בירגערשאַפט — אַ דאָקומענט וואָס פאַרלירט זיין באַטייט גלייך נאָכן אַריבערפאָרן די גרענעץ. מיר האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ דיסקרימינאַציע לגבי ייִדן, ווייל פּאָליאַקן וועלכע פלעגן אויסוואַנדערן קיין קאַנאַדע, פאַראייניקטע שטאַטן א״א פלעגן באַקומען נאָרמאַלע אויסלענדישע פּעסער. מען האָט אונדז געענטפערט, אַז די רייזע־דאָקומענטן זענען געמאַכט געוואָרן לויטן פאָרשלאַג פון... דער רעגירונג פון ישראל, כדי אַזוי אַרום אויסצומיידן דאָס צוריקפאָרן.

אַנטיסעמיטישער כוואַליע, וועלכע איז בולט געזען געוואָרן אויך אין דער הויפּט־שטאָט, בעת אַ דעמאָנסטראַציע אויף דער נייוועלט־גאַס. כ׳האָב אָנגעשריבן צום פאָרזיצער פון דער קאָנפערענץ, דעם פאָרזיצער פון מלוכה־ראָט (פּרעזידענט) פון דער פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק, אַלעקסאַנדער זאַוואַדסקי, און אים געבעטן, אַז ער זאָל מיר אומבאַדינגט געבן אַ וואָרט פאַר אַ קורצער דערקלערונג. זיכער בין איך נישט געווען, צי כ׳וועל באַקומען די מעגלעכקייט צו רעדן, ווייל די איינגעשטעלטע פון פאָרויס אָרדענונג איז געווען, אַז עס טרעטן אַרויס בלויז איינצלנע פאָרשטייערס פון יעדן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט פון „פראָנט פון פאָלקס־איינהייט״. איך האָב אָבער געהאָפט, אַז אפשר וועט א. זאַוואַדסקי דאָך אַנטקעגנקומען מיין פאַרלאַנג, כאָטש צוליב אונדזער לאַנגיאָריקער באַקאַנטשאַפט *). אַזוי איז ווירקלעך געשען. ווען אַ. זאַוואַדסקי האָט אויסגערופן, אַז עס וועט רעדן דער פאָרשטייער פון יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, האָבן פון זאַל זיך דערהערט חוזק־אויסרופן: „אַ, זיי זענען אויך דאָ״ א״א. ווען איך האָב אָבער, אין אַ נערוועזן, געהעכערטן טאָן דערמאָנט, אַז דאָס פאַרגאָסענע יידישע בלוט דורך די היטלערישע מערדער האָט נאָך די פּוילישע ערד נישט באַוויזן איינצוזאַפּן, און ווידער איז אויסגעוואַקסן די געפאַר פאַר דער קליינער צאָל אָפּגעראַטעוועטע יידן — האָט אין זאַל געהערשט אַ פולשטענדיקע שטילקייט. מיט אַ בייזן בליק פון אונטער די ברילן האָט מיך דורכגענומען גאָמולקאַ, צו וועלכן כ׳האָב זיך פון דער טריבונע דירעקט געווענדעט וועגן מאַכן אַ סוף צו דער אַנטי־יידישער פּראָפּאַגאַנדע און פּראַקטיק.

מיר האָבן באַשלאָסן צונויפצורופן אַ ספּעציעלע פּלענאַר־ע פאַרזאַמלונג פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פּוילן מיטן אָנטייל פון פאָרשטייערס פון אַלע אָרטיקע פאַרוואַלטונגען פון פאַרבאַנד און פון די רעליגיעזע קהילות, כדי צו באַטראַכטן די לאַגע.

די שטימונג אין זיצונגס־זאַל איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך געשפּאַנטע. רעדנערס נאָך רעדנערס האָבן פאַרלאַנגט, אַז צו דער פאַרזאַמלונג זאָל קומען אַ פאָרשטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי.

צוזאַמען מיט ד. ספאַרדן זענען מיר, אַלס דעלעגירטע פון דער פאַרזאַמלונג, אַוועק אָוונטצייט אין צענטראַל־קאָמיטעט פון פּזפּ״ר. קיינער פון די סעקרעטאַרן איז נישט גרייט געווען אָפּצוגעבן אַ דערקלערונג פאַר אונדזערע טוערס וועגן דער לאַגע און וועגן דער באַציִונג צו אונדזערע יידישע פּראָבלעמען. געווען זענען מיר ביי דעם דעמאָלטיקן אָנפירער פון דער קולטור־אָפּטיילונג פון צ״ק, אַנדזשיי ווערבלאַן. נאָכן פאָרשטעלן אים די לאַגע און דעם גאַנג פון אונדזער קאָנפערענץ, האָבן מיר פון אים דערהערט, בוכשטעבלעך, אַזעלכע „טרייסט־ווערטער״: „איר

*) מיר זענען צוזאַמען געזעסן, ביזן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין דער בריסקער תפיסה און נאָכן אויפברעכן די טורמע־טויערן אין סעפּטעמבער 1939, האָבן מיר צוזאַמען זיך באַראַטן וואָס די פּאָליטישע אַרעסטירטע זאָלן טאָן ווייטער.

האָט נישט קיין גרונט מער פון מיר זיך צו באַאומרויִקן... אויב מ'וועט קומען מאַכן מיט אונדז אַ סוף — וועט מען מיך פריִער אויפהענגען...". אַזוי ווייט האָט אין יענע טעג געגרייכט די צערודערונג אין דער נייער גאָמולקישער אָנפירונג. פון איין זייט — די וואַקסנדיקע מאַסן־באַוועגונג, וואָס איז אַרויס אין גאַס מיט פאָדערונגען צו דעמאָקראַטיזירן דעם מלוכה־סיסטעם; פון דער צווייטער זייט — די אַגרעסיווע שטעלונג פון די פּראָסטאַליניסטישע נאַטאָלין־עלעמענטן, וועלכע זענען אָפן געשטיצט געוואָרן דורך דעם סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר אין פּוילן, פּ. ק. פּאָנאָמאַרענקאָ *). די דאָזיקע לייט האָבן באַצייכנט אַלע טוערס, וועלכע האָבן געפאָדערט גרינטלעך צו פאַרענדיקן מיט דער סטאַלינישער ירושה, אַלס רע־וויזיאָניסטן. ווערבלאַנען בתוכם.

מיט ליידיקע הענט זענען מיר שפּעט אין אָוונט צוריקגעקומען צו אונדזער פאַרזאַמלונג. אַלעמען האָט באַהערשט אַ שטאַרקע אויפרעגונג. די שפּאַנונג איז געוואַקסן. קליין איז געווען די צאָל רעדנערס, וועלכע זענען געקומען מיט פאַר־שלאָגן, ווי אַזוי צו באַרויִקן די יידישע מענטשן. די אויבערהאַנט האָבן געהאַט יענע, וועלכע האָבן שאַרף קריטיקירט און אָנגעוויזן אויף גרויסע חסרונות און גרינטלעכע פעלערן אין דער טעטיקייט און פּאָזיציע פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד. רעדנערס האָבן געפאָדערט נישט צו באַטראַכטן די יידן, וועלכע פאָרן אַוועק, אַלס קעגנערס; ענדערן אונדזער באַציִונג צו מדינת ישראל; פאָדערן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד גרינטלעך צו לייזן די געזעלשאַפטלעכע און קולטור־פּראָבלעמען פון די יידישע מאַסן.

אין דער אָנגענומענער רעזאָלוציע איז צום ערשטן מאָל שאַרף קריטיקירט געוואָרן די סאָוועטישע רעגירונג צוליב איר פּראָטעסט קעגן דער רעגירונג פון ישראל אין צוזאַמענהאַנג מיט דער סיני־מלחמה. אין פאַרגלייך מיטן סאָוועטישן פּראָטעסט קעגן ענגלאַנד און פראַנקרייך איז דער פּראָטעסט קעגן ישראל געווען אַן אומפאַרגלייכלעך שאַרפערער, בפירוש דראָענדיקער און גראָב באַליידיקנדיקער.

אַ סך אָרט אין דער אָנגענומענער רעזאָלוציע האָט פאַרנומען די פּרינציפּיעלע קריטיק פון דער שטעלונג און טעטיקייט פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, וועלכע „...האָט נישט באַוויזן אין אַ גענוגנדיקער מאָס דורכצודרינגען די קולטור־בויונג מיט אַזאַ יידישן אינהאַלט, וואָס זאָל אַלזייטיק אַנטשפּרעכן די קולטור־באַדערפענישן און נאַציאָנאַלע געפילן פון די יידן; אָנ־ווענדנדיק אין אונדזער אַרבעט די אַלגעמיין־פּראַקטיצירטע אין לאַנד, באַזירטע אויף סטאַלינישע קאָנצעפּציעס, אופנים און מוסטערן פון טעטיקייט — האָבן מיר אין אַ געוויסער מאָס באַגרענעצט די נאַציאָנאַלע ראַמען פון אונדזער קולטור־בויונג... נישט אָנערקענט קיין שום יידישע יום־טובים, אַפילו פון אַ פאָלקס־כאַראַקטער. מיר האָבן נישט סטימולירט קיין דיסקוסיע איבער די פּראָבלעמען

*) ער פלעגט זיך פאַרבינדן דירעקט מיט פאַבריק־אָרגאַניזאַציעס און אַגיטירן פאַר די פּראָסטאַליניסטן.

פון דער יידישער געשיכטע, ספּעציעל פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און פון יידישן ווידערשטאַנד, וועלכע האָבן געפּאָדערט אַ רעוויזיע".

אין דער רעזאָלוציע איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער נייטיקייט צו רעווידירן סטאַלינס פאָרמול וועגן דעם יידישן פאָלק. דער רעדאַקציע „פאָלקס־שטימע" איז געמאַכט געוואָרן אַ פאָרוואָרף, אַז זי האָט נישט געגעבן קיין גענוג־ברייטע אינ־פאָרמאַציעס וועגן יידישן לעבן אין אויסלאַנד, בפרט פון מדינת ישראל. „אָפט מאָל איז די אינפאָרמאַציע געווען אַן איינזייטיקע". אין דער רעזאָלוציע איז געווען אַ ספּעציעלער פּאַסוס וועגן רעהאַביליטירן די דערמאָרדעטע דורך די סאָוועטישע אָרגאַנען פירער פון „בונד" — הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער.

אַלס קאָנקרעטע אויפגאַבע איז פאַרגעלייגט געוואָרן דורך דער הויפּט־פאַר־וואַלטונג צו העלפן אין יעדן פאַל די יידן, וועלכע ווילן אַרויספאָרן קיין ישראל (דערביי איז צוגעגעבן געוואָרן: „און אין אַנדערע לענדער") און אויך זיך פאַר־בינדן מיט דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס, כדי צו באַהאַנדלען מיט אים די מעגלעכ־קייטן און אופנים פון אָנגעהעריקייט צו אים.

די אָנגענומענע רעזאָלוציע, ווי דער גאַנצער גאַנג פון דער קאָנפערענץ האָט געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין דער יידישער פרעסע אין דער וועלט. פון ישראל זענען צו אונדז אָנגעקומען באַגריסונגען און דערמוטיקונג־בריוו. אין ראַטן־פאַר־באַנד האָט דער געוועזענער פאָרזיצער פון אַ יידישן קאָלכאָז, גרשון שאַפּירא, פאַרעפנטלעכט די מאַטעריאַלן פון דער קאָנפערענץ, צוזאַמען מיט אונדזער רעזאָ־לוציע, אין אַ שפּעטערדיקער ספּעציעלער סאַמיזדאַט־אויסגאַבע, וואָס איז דערשי־נען אין אָדעס.

שוואַכער איז געווען דער אָפּקלאַנג צווישן די יידן אין פוילן גופא. די רעזאָ־לוציע פון אונדזער קאָנפערענץ, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ פּראָגראַם פון גרינטלעכן ענדערן דעם אינהאַלט פון אונדזער ווייטערדיקער טעטיקייט, האָט אינטערעסירט דעם גרעסטן טייל פוילישע יידן בלויז אין דעם טייל, ווו עס האָט זיך גערעדט וועגן מאַכן באַמיִונגען צו פאַרלייכטערן יענע, וועלכע ווילן וואָס שנעלער פאַרלאָזן פוילן, זיי זאָלן באַקומען תיכף די רייזע־דאָקומענטן קיין ישראל.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער צווייטער, נאָכן קעלצער פּאָגראָם, מאַסנהאַפטער אַרויספאָר, וועלכער איז באַצייכנט געוואָרן אַלס „גאָמולקאַ־עליה", און די געגנט אין ישראל, אין רמת־אביב, ווו עס האָבן געפונען זייער היים אַ סך פון די אָנגע־קומענע יידן פון פוילן, איז, מעשה־חוזק, אָנגערופן געוואָרן דורך זיי „גאָמולקאָוואָ".

די געשעענישן אין אונגאַרן, ווו סאָוועטישע טאַנקען האָבן דעם 4טן נאָוועמבער 1956 אָנגעהויבן מאָרדן די מענטשן, וועלכע זענען אַרויס דעמאָנסטרירן זייער סאָלידאַריטעט מיטן „פוילישן אָקטאָבער", האָבן פאַרשטאַרקט דעם דראַנג פון יידן צו געפינען זיך וואָס גיכער מחוץ פוילן. בפרט, אַז עס זענען געווען קלאַנגען וועגן אַרויסטריטן אין בודאַפּעשט, בעת וועלכע עס איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז די דורכפירערס פון דער טעראָריסטישער דיקטאַטור, מאַטיאַס ראַקאָשי, גערע, פאַרקאַס א"א זענען יידן.

אַ געקומענער פון אונגאַרן פאַרטיי־טוער האָט געהאַט איבערגעגעבן אין דער אויסלענדישער אָפּטיילונג פון צ״ק פזפּ״ר, אַז געריע, וועלכער איז געקומען אויפן אָרט פון ראַקאָשין, פאַר די געשעענישן, האָט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון בודאַפּעשטער פאַרטיי־אַקטיוו געראַטן די „טוערס פון יידישן אָפּשטאַם״ זיך צו באַזאָרגן מיט אויסלענדישע פּאַספּאָרטן...

„די צווייטע כוואַליע"

פון טאָג צו טאָג זענען אַלץ גרעסער געוואָרן די רייען — אין וואַרשע ווי אין אַ ריי וואָיעוואָדישע שטעט — ביי דעם אַמט, וואָס האָט רעגיסטרירט די יידן, וועלכע האָבן באַשלאָסן אַוועקצופאָרן קיין ישראל. צו אונדז זענען אָנגעקומען ידיעות פון קלענערע יישובים אין נידער־שלעזיע, אַז כמעט די גאַנצע אָרטיקע יידישע באַפעלקערונג גרייט זיך אין וועג אַריין.

אין דעם טאַקע איז באַשטאַנען איינער פון די גרונט־אונטערשיידן צווישן דער „צווייטער כוואַליע" פון פאַרלאָזן פוילן און דער ערשטער, נאָך דעם קעלצער פּאָגראָם. דעמאָלט זענען אַוועקגעפאָרן אין גרויס פּאַניק מאַסן יידן, וועלכע האָבן נאָך נישט געהאַט באַוויזן זיך איינצואָרדענען. אַ סך זענען נאָך „געזעסן אויף די וואַליזעס". אַנדערש האָט אויסגעזען די „צווייטע כוואַליע". עס זענען געפאָרן משפחות, וועלכע האָבן שוין געהאַט זיך איינגעאָרדנט — מיט דירות, מיט מעבל, מיט אַרבעטס־פּלעצער, מיט פּרנסה. קינדער האָבן געלערנט. די יוגנט האָט אָדער געאַרבעט אָדער שטודירט. אין אַזאַ לאַגע איז דער באַשלוס אַלץ צו ליקווידירן און זיך לאָזן אין וועג אַריין, נישט אָנגעקומען גרינג. בפרט אַז דאָס אייגנאַרטיקע יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־לעבן האָט צו יענער צייט זיך אַנטוויקלט אין אַ בולט־דינאַמישן מאַסן־פאַרנעם און אַ סך פון די אַוועקפאָרנדיקע זענען געווען אַקטיוו־מיטבאַטייליקטע אין אים.

מיט אַ קורצער צייט פאַר דער „צווייטער כוואַליע" איז אויף אַ פּלענאַרער זיצונג פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אָפּגעמערקט געוואָרן אַ באַטייטנדיקער וווּקס פון דער געזעלשאַפטלעכער אַקטיווקייט פון די יידן. אין משך פון איין האַלב יאָר זענען אין שטעט און שטעטלעך פאַרגעקומען קרוב פערטהאַלבן הונדערט פאַרזאַמלונגען און קולטור־אונטערנעמונגען מיט העכער דרייסיק טויזנט באַזוכערס. די צאָל יערלעכע אַבאָנענטן פון יידישן בוך האָט איבערגעשטיגן 5.000. אומעטום זענען אויפגעקומען לייען־קרייזן, עס זענען צוגעקומען נייע אַמאַטאָרישע קונסט־קרייזן. ערב דעם „פּוילישן אָקטאָבער", איז אין דעם שול־יאָר 1954—1955, געוואַקסן די צאָל קינדער אין די יידישע שולן. אין דעם ערשטן קלאַס פון דער פּרץ־שול אין לאָדזש זענען צוגעקומען 100 קינדער. די יידישע שול אין שטעטשין האָט געעפנט 2 פּאַראַלעלע ערשטע קלאַסן. עס זענען גרייט געווען יידישע לערן־ביכער פאַרן 5טן און 6טן קלאַס. אַ ספּעציעלע אָפּשאַצונגס־קאָמיסיע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורכן בילדונגס־מיניסטעריום (אין איר באַשטאַנד זענען געווען לייב אָליצקי, ישראל פּעלהענדלער

און הערש סמאָליאַר), האָט רעקאָמענדירט צום דרוקן אַ צוגעגרייטן בוך פאַרן 7טן קלאַס. אין דער פּערספּעקטיוו זענען געווען ווייטערדיקע יידישע אויסגאַבן. די געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער אַרום די יידישע שולן, אין וועלכע עס האָבן געאַרבעט פּעדאַגאָגן מיט אַ לאַנגיאָריקער פּראַקטיק, קודם־כל געוועזענע ציש״אָ־לערערס, איז געווען זייער אַ וואַרעמע. די עלטערן־קאָמיטעטן האָבן געטריי געזאָרגט, אַז אונדזערע שולן זאָלן זיין באַזאָרגט מיט אַלעם נויטיקן פאַר דער דידאַקטישער און דערציִערישער אַרבעט.

די צאָל מיטגלידער פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד איז באַטייטנדיק אויסגעוואַקסן. אין משך פון דעם יאָר פאַר דער „צווייטער כוואַליע" זענען צוגע־קומען העכער 3000 נייע מיטגלידער. בלויז די 42 אַמאַטאָרישע קונסט־קרייזן האָבן געציילט קרוב טויזנט אָנטיילנעמערס. אין דעם לאַנד־פעסטיוואַל, וואָס איז דעמאָלט פאָרגעקומען, האָבן זיך באַטייליקט 700 יידישע פרויען און מענער. 50 טויזנט ביכער אין די אָרטיקע ביבליאָטעקן זענען געשטאַנען אין רשות פון יידישן לייענער. אין דעצעמבער 1955 איז אויף אַ לאַנד־קאָנפערענץ געווידמעט דעם יידישן בוך באַשטעטיקט געוואָרן אַ פּלאַן ווי אַזוי צו פאַרגרעסערן די צאָל לייענערס און אַבאָנענטן פון אונדזערע אויסגאַבן. אַן אַנאַליז פון די לייענער־אַבאָנענטן פון דער „פאָלקס־שטימע" האָט באַוויזן, אַז די צייטונג דערגייט אין פּוילן גופא צו 80 שטעט און שטעטלעך (אין איינצלנע פאַלן — אַפילו אין דערפער).

איינע פון אונדזער עיקר־זאָרגן איז אין יענער צייט געווען ווי אַזוי צו פאַר־גרעסערן די צאָל און קוואַליטעט פון די געזעלשאַפטלעכע טוערס אין פאַרשידענע געביטן, קודם־כל אין דער קולטור־אַרבעט. די צאָל אינטעליגענץ איז געווען נישט קיין גרויסע און די באַדערפענישן זענען אין פּראָצעס פון דער אַרבעט אויס־געוואַקסן.

מיר האָבן זיך שטאַרק דערפרייט, ווען פון פראַנקרייך איז קיין פּוילן אָנגעקומען אַ גרופּע באַקאַנטע אָנפירנדיקע טוערס פון דער דאָרטיקער לינקער באַוועגונג, פון „אוניאָן", מיט וועלכער מיר זענען אַלע יאָרן נאָך דער מלחמה געווען ענג פאַרבונדן און צוזאַמענגעאַרבעט בעת פאַרשידענע פּאָליטישע אַקציעס און קאָנפערענצן. געווען זענען עס דערפאַרענע טוערס און אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פאַרמלחמהדיקער „קולטור־ליגע", גרינדער און רעדאַקטאָרן פון דער לינקער יידישער פּרעסע, אָנטיילנעמערס אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג קעגן די נאַציס, באַוווסטע מאַסן־רעדנערס, אַזעלכע ווי ל. גראָנאָווסקי, זש. קאַמינסקי, א. ראַיסקי, י. קאַרמאַן, עד. טשאַרני. צו אונדזער באַדויערן האָט אָבער די האָפענונג אויף דער הילף פון די דאָזיקע מענטשן אין דער אַרבעט צווישן די יידן, אַזוי ווי זיי האָבן עס געטאָן אין פּאַריז, זיך נישט באַרעכטיקט. חוץ אין איין פאַל — צו אונדז איז געקומען און מיט אונדז פאַרבליבן דער געוועזענער גענעראַל־סעקרעטאַר פון „אוניאָן", יידל קאַרמאַן־באַרשטשעווסקי. מיר האָבן אים תיכף צוקאָאָפּטירט צום פּרעזידיום פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד און צו דער רעדאַקציע־קאָלעגיע „פאָלקס־שטימע". די דערשיינונג, ווען מענטשן, וועלכע זענען אויסגע־

וואַקסן אַלס פּאָליטישע טוערס אין דער סביבה פון יידישע אַרבעטערס און פּאָלקס־מענטשן און דאָך האָבן זיי נישט געפילט קיין באַדערפעניש און חוב צו קומען אונדז העלפן — מיט זייער וואָרט, מיט זייער שרייבן אין אונדזער פּרעסע, האָט געלאָזט אַ סך נאָכטראַכטן. פאַר מיר, דעם געוועזענעם יידישן טוער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז אויפגעקומען די אַנאַלאָגיע, מיט די דאָרטיקע „אָפּטשי־ראַבאָטניקי", מיט די יידן וועלכע האָבן אויסגעמיטן די יידישע סביבה.

די „צווייטע כוואַליע" איז געקומען אין אַ מאָמענט, ווען עס האָבן זיך בולט אָנגעזען די מעגלעכקייטן אויסצוברייטערן און אויספילן מיט נייעם אינהאַלט אונדזער ווירקונג און טעטיקייט צווישן די יידן. גראָד האָבן מיר אָנגעמערקט פאַר זיך קאָנקרעטע שריט, ווי אַזוי צוריקצוקערן זיך צו אַרבעט־פאָרמען און געביטן, וועלכע זענען אונטערן דרוק פון דער „קאַלטער מלחמה"־אַטמאָספער געפּסלט געוואָרן.

אין דרייען — שמואל הורוויטש, דוד ספאַרד און איך — זענען מיר אַוועק צו דעם אויסערן־מיניסטער אַדאַם ראַפּאַצקי און פאַר אים געשטעלט די פראַגע וועגן באַנייען די טעטיקייט פון „דזשאָינט" און „אָרט" אין פּוילן. אַוודאי האָבן מיר געוווּסט, אַז אַזאַ באַשלוס איז נישט אָפּהענגיק פון אַ. ראַפּאַצקין, הגם ער איז געווען אַ מיטגליד פון פּאָליט־ביוראָ. באַשליסן וועט דער סעקרעטאַריאַט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פּזפּ"ר, אָבער צום סעקרעטאַריאַט זיך ווענדן — וואָלט געהייסן אָפּשלעפּן „אין דער לאַנגער באַנק" און אפשר באַגעגענען אַ ווידערשטאַנד. דאַקעגן, אַ. ראַפּאַצקי, אַלס אויסערן־מיניסטער, קאָן קומען מיט אַרגומענטן, וועלכע וועלן זיין איבערצייגנדיק אפילו פאַר יענע, וועלכער געהערן נישט צו אונדזערע גוטווינטשער. אַזוי איז עס געשען. מיר האָבן אין אַדאַם ראַפּאַצקין — דעם געוועזענעם צענטראַלן טוער פון פפ"ס (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי), דעם זייער איידעלן מענטשן, געהאַט אַ גוטן, געטרייען פריינד. ער איז מסכים געווען מיט אונדזער שטעלונג צו פאַרבינדן זיך ווידער מיטן יידישן וועלט־קאָנגרעס, איינצולאַדן דעם „דזשאָינט" און דעם „אָרט" צו באַנייען זייער טעטיקייט אין פּוילן. וועגן „אָזע" (אין פּוילן — „טאָז") איז באַשלאָסן געוואָרן צו שטעלן זיך פון מאָל צו מאָל אין פאַרבינדונג מיט דער צענטראַלער אָנפירונג אין פּאַריז, כדי צו באַקומען נויטיקע מעדיקאַמענטן. וואָס שייך „היאַס" איז געבליבן, אַז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע צו העלפן דער עמיגראַציע האָט נישט קיין עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג אין פּוילן, ווייל די אַרויספאָרערס פון דער „צווייטער כוואַליע" לאָזן זיך, אַלס כלל, קיין ארץ־ישראל און נייטיקן זיך נישט אין דער הילף פון „היאַס".

דער באַשלוס פון סעקרעטאַריאַט פון צ"ק פּזפּ"ר איז שנעל געקומען. געהאַט האָט ער אַ שייכות בלויז צום „דזשאָינט" מיט דער באַוואָרעניש, אַז ער זאָל נישט שאַפן קיין פאַרשטייערשאַפט אין פּוילן, נאָר די גאַנצע הילפס־אַרבעט זאָל געטאָן ווערן דורך די אָרטיקע יידישע געזעלשאַפטלעכע טוערס. מיר האָבן זיך צונויפגערעדט מיט דער דירעקציע פון „דזשאָינט" אין אייראָפּע, בראש מיטן אַמעריקאַנער בירגער ה' דזשאָרדאַן, וועגן באַהאַנדלען צוזאַמען מיט די אָנפירנדיקע טוערס פון

קולטור־געזעלשאַפטלעכן פֿאַרבאַנד די בודזשעטן, די פֿאַרשלאָגן וועגן פֿאַרשיידענע אַרבעטס־געביטן. די קאָנטראָל איבער די הוצאות וועלן די פֿאַרשטייערס פֿון „דזשאָינט״ דורכפֿירן פֿון ציית צו צייט, בעת זייערע באַזוכן אין פּוילן. דאָס זעלבע איז שייך געווען דער באַנייטער אַרבעט פֿון „אָרט״.

און דאָך האָט די בולטע פּערספּעקטיוו צו פֿאַרבעסערן, אויסברייטערן, פֿאַר־טיפֿערן די אַרבעט צווישן דער יידישער באַפֿעלקערונג נישט באַוויזן צו פֿאַרקלע־נערן אין וועלכער עס איז מאָס דעם אַרויספֿאָר פֿון פּוילן. די איבערצייגונג, אַז אַפֿילו דער דעמאָקראַטיזירונגס־פּראָצעס איז נישט אימשטאַנד צו צוימען דעם אַנטיסעמיטיזם, דאָס שטאַרקע געפֿיל פֿון באַעוולטקייט ביי די יידישע מענטשן, וועלכע זענען אַראָפּגענומען געוואָרן — מיט פֿאַרשידענע אויסריידן — פֿון זייערע פּאָסטנס, איז געווען דער דאָמינירנדיקער פֿאַקטאָר, וואָס האָט באַוויגן צו פֿאַר־לאָזן פּוילן.

אין אונטערשייד צו דער „ערשטער כוואַליע״, נאָכן קעלצער פּאָגראָם, ווען מאַסנוויַיז זענען אַרויסגעפֿאָרן בלויז עמך — איז דאָס כאַראַקטעריסטישע פֿאַר דער „צווייטער כוואַליע״ געווען דער אַרויספֿאָר פֿון אַ סך מענטשן, וועלכע האָבן מיט דער יידישער סביבה קיין שייכות נישט געהאַט, זענען געווען אַסימילירט און אָפּט עפֿנטלעך דעמאָנסטרירט זייער פּוילישקייט, גאָר באַזונדער ווען דאָס זענען געווען נאַציאָנאַל־געמישטע משפּחות.

אַ באַטייטנדיקער טייל טוערס פֿון קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרבאַנד האָט אין דער „צווייטער כוואַליע״ געזען דעם אָנהייב — אויב נישט פֿון סוף פֿון אונדזערע באַמיִונגען צום געשטאַלטיקן אין די ספּעציעלע באַדינגונגען פֿון דער פּוילישער פֿאָלקס־רעפּובליק אַ פּילזייטיק־אַנטוויקלטן יידישן יִשוב, איז על כּל פּנים — פֿון אַ באַטייטנדיקער איינשרומפּונג פֿון דער יידישער סביבה, פֿון אירע מעגלעכקייטן זיך אויסצולעבן ווי אַ נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו.

לויט די ידיעות פֿון אינערן־מיניסטעריום האָט די צאָל רעגיסטרירטע צום אַרויספֿאָרן קיין ישׂראל געגרייכט קרוב צו 40 טויזנט. פֿון די אָרטיקע אָפּטיילונגען פֿון קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרבאַנד האָבן מיר באַקומען באַריכטן, וואָס האָבן אָנגעזאָגט אַ קענטיקע פֿאַרקלענערונג פֿון דער צאָל מיטגלידער, פֿון דער צאָל אַקטיווע טוערס, פֿון די אָנטיילנעמערס אין די פֿאַרשידנסטע קרייזן.

ביי דעם אַלעמען זענען צווישן די מיטגלידער פֿון דער אָנפֿירונג נישט געווען צו יענער צייט קיין רעזיגנאַציע־שטימונגען. מיטגעווירקט דערצו האָט אין אַ באַטייטנדיקער מאָס דאָס געשעענע אין רעזולטאַט פֿון די אונטערהאַנדלונגען צווישן די רעגירונגען פֿון פּוילן און פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד וועגן אַן אַנדער „צווייטער כוואַליע״ — וועגן אַ נייער רעפּאַטריאַציע. געהאַנדלט האָט עס זיך וועגן פּוילישע בירגערס, וועלכע האָבן בעת דער ערשטער רעפּאַטריאַציע (אין די יאָרן 1946—1948) נישט באַוויזן, נישט געקאָנט אָדער האָבן זיך נישט אַנטשלאָסן אַרויסצופֿאָרן פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד קיין פּוילן. אין דעם דאָזיקן פֿאַל איז שוין

קיין שום ספק נישט געווען, אַז די רעפּאַטריאַציע האָט אַ שייכות אויך צו יידן, אָפּשטאַמיקע פון פוילן. אונדז איז פאָרגעשטאַנען אַ נייער גרויסער אָנשטרענג, כדי אויפצונעמען און איינאָרדענען טויזנטער יידן.

איבעראַנייס און אַנדערש

נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די נייע רעפּאַטריאַציע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיך אונדז איינגעגעבן צוריקברענגען קיין פּוילן דעם דיכטער ישראל עמיאָט. פון אים האָבן מיר זיך געניויער דערוווסט וועגן דעם גורל פון די יידיש־סאָוועטישע שרייבערס, קינסטלערס און געזעלשאַפטלעכע טוערס. מיר האָבן אַלץ געטאָן, כדי עמיאָט זאָל קומען צו זיך. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דעם רעדאַקציע־קאָלעקטיוו, אַלס מיטאַרבעטער פון דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג פון דער „פאָלקס־שטימע”, אָפּפילנדיק די באַזונדער חברישע זאָרג מצד איר פאַרוואַלטער, דעם דיכטער משה שקליאַר. אים האָבן שטאַרק מקרב געווען גאָר אָנגעזעענע פּוילישע דיכטערס, וועלכע האָבן איבערגעזעצט עמיאָטס לידער אויף פּויליש. אונדזער פאַרלאַג האָט תיכף אַרויסגעגעבן אַ ביכל זיינע לידער. אַ דירה האָבן מיר פאַר אים באַקומען אין סאַמע צענטער פון וואַרשע — אויף די יערוזאַלימער אַלעען. מיר האָבן אָבער געפילט, אַז לאַנג וועט עמיאָט מיט אונדז נישט בלייבן.

נאָך דעם איז געקומען, צו אונדזער אַלעמענס (קורץ דויערנדיקער) פרייד, דער באַוווסטער דיכטער משה בראָדערזאָן מיט זיין פרוי, די באַקאַנטע צווישן פּוילישע יידן בינע־קינסטלערין, שיינע־מרים. טעג און נעכט זענען מיר מיט אים געזעסן און אויסגעהערט זיין דערציילן וועגן זיינע מוראדיקע איבערלעבונגען אין די נקוו״ד־קאַזעמאַטן, אויף די עטאַפּן, אין די לאַגערן, און דערביי האָט ער אויף זיין שטייגער אַרויסגעבראַכט געשטאַלטן פון יידישע מענטשן מיט אָן אַ שיִער העלדנמוט ביים באַשיצן און העלפן איינער דעם צווייטן.

מיר האָבן נישט באַוויזן גענוג אויסצושמועסן און פרייען זיך מיט משה בראָדערזאָנען — און בריוו זענען אָנגעקומען פון שטעט און שטעטלעך מיטן פאַרלאַנג צו האָבן די זכיה, אַז משה בראָדערזאָן זאָל זיך באַגעגענען מיט זיינע לייענערס און פאַרערערס — איז געקומען דער סאַמע אומגעריכטער טויט. ער איז פּלוצלונג געשטאָרבן דעם 17טן אויגוסט 1956, 3 וואָכן נאָך זיין אָנקומען קיין פּוילן. לאַנג איז פון אונדז נישט אָפּגעטראָטן דער דערדריקנדיקער טרויער. בריוו פון אויסלאַנד — מיטפילנדיקע פון פריינד, פול מיט חשד מצד קעגנערס — האָבן כסדר דערמאָנט, ווי גרויס עס איז געווען אונדזער פאַרלוסט.

אין צוויי פאַלן האָבן אונדזערע באַמיִונגען צו ברענגען יידישע שרייבערס פון סאָוועטן־פאַרבאַנד קיין פּוילן באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד. אַזוי איז עס געווען מיט דעם שווער געליטענעם דיכטער נפתלי הערץ קאָן (וועגן דעם אין אַ ווייטער־

דיקן קאַפּיטל), וועלכער איז אָבער דאָך, נאָך ספּעציעלע באַמיִונגען, געקומען קיין וואַרשע. שלעכט האָט זיך געענדיקט דער פּרווו מיטן דיכטער יוסף קערלער. אים ברענגען קיין פּוילן האָט זיך נישט איינגעגעבן, הגם זיין פרוי, אַן אָפּשטאַמיקע פון אַ געגנט, וואָס האָט פאַר דער מלחמה געהערט צו פּוילן, האָט געהאַט דאָס רעכט אויף רעפּאַטריאַציע. די פּערזענלעכע אינטערווענץ פון פּוילישן אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע, טאַדעוש געדע, האָט באַגעגנט אַ שאַרפן ווידערשטאַנד מצד די סאָוועטישע אָרגאַנען, מיטן אָנזאָג נישט אַריינצומישן זיך אין זייערע ענינים...

מיר האָבן אָבער זיך באַמיט מיט אַלע מעגלעכע מיטלען יאָ אַריינצומישן זיך. קיין מאָסקווע איז אַרויסגעפאָרן אַ ספּעציעלע פּוילישע רעפּאַטריאַציע־קאָמיסיע. אין איר באַשטאַנד זענען געווען אייניקע מיינע חברים נאָך פון דעם פאַרמלחמהדיקן אונטערערד. מיט זיי האָבן מיר געהאַט זיך צונויפגערעדט, אַז אין פאַל ווען מיר וועלן זיך ווענדן וועגן פאַרלייכטערן מענטשן צוריקצוקומען קיין פּוילן — זאָלן זיי האַנדלען נישט פאָרמעל. געגאַנגען איז אין דעם, אַז עס זאָלן קענען געניסן פון דער רעפּאַטריאַציע יידן, וועלכע זענען געבליבן אין רוסלאַנד נאָך פון די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אָדער מענטשן, וועלכע זענען אַוועק אומלעגאַל פון פּוילן און האָבן ממילא קיין שום דאָקומענטן נישט געהאַט וועגן זייער אַמאָליקער בירגערשאַפט. אין אַ סך פאַלן פלעגן מיר אַרויסשיקן „באַשטעטיקונגען", וועלכע די קאָמיסיע אין מאָסקווע פלעגט אָננעמען אַלס גענוגנדיקן גרונט צו געבן זיי דאָס רעכט אַרויסצופאָרן קיין פּוילן.

ווידער אַמאָל איז פאַר אונדז אויפגעקומען די האַרבע פראַגע ווי אַזוי צו העלפן די ניי־געקומענע יידן, קודם כל ווי אַזוי צו באַזאָרגן זיי מיט דירות. די לאַגע איז אין מיטן די זעכציקער יאָרן געווען אַן אַנדערע, ווי גלייך נאָך דער מלחמה. אין די פערציקער יאָרן זענען פיל איינגעאָרדנטע וווינונגען געשטאַנען אין אונדזער רשות — קודם־כל אין נידער־שלעזיע, אין אויבער־שלעזיע, אין שטשעטשין און אַפילו אין לאָדזש, ווו ס'האָבן פאַר דער מלחמה געוווינט אַ סך דייטשן, וועלכע זענען אַנטלאָפן צוזאַמען מיט די געשלאָגענע היטלער־אַרמייען. פאַרנעמען אַ דירה איז נישט געווען פאַרבונדן מיט קיין פאָרמעלע שוועריקייטן. די מאַכט־אָרגאַנען, האָבן אין יענער צייט זיך פולשטענדיק פאַרלאָזט אויף די יידישע קאָמיטעטן. אין די זעכציקער יאָרן איז עס אַנדערש געווען. די דירות־ענינים זענען געווען קאָנצענטרירט אין ספּעציעלע אַמטן ביי די אָרטיקע נאַציאָנאַל־ראַטן. אָן זייער דערלויבעניש האָט מען קיין דירה נישט געקאָנט באַקומען. צייטווייליק האָט מען די אָנגעקומענע יידן — אין אונטערשייד צו די פּאָליאַקן, וועלכע זענען תיכף געפאָרן צו זייערע קרובים — באַזעצט אין באַראַקן, אויך אין דער געגנט פון וואַרשע. מיר האָבן אונדזער אָפּרו־הויז און שרודבאָרווו פולשטענדיק אָפּגעגעבן פאַר ניי־געקומענע יידן, קודם־כל פאַר שרייבערס, קינסטלערס, געלערנטע, אָבער אויך פאַר אַרבעטערס, וועלכע האָבן געהאַט אויסזיכטן זיך איינצואָרדענען אין וואַרשע.

לויט אונדזער פאַרלאַנג האָט דער וויצע־פּרעמיער־מיניסטער צונויפגערופן אַ ספּעציעלע באַראַטונג מיטן אָנטייל פון פאָרשטייערס פון די מיניסטעריומס פאַר

קאָמונאַלע ענינים, פאַר אַרבעט און סאָציאַלער שוץ, קולטור און בילדונג. אויף דער דאָזיקער באַראַטונג זענען אָנגענומען געוואָרן אונדזערע פאָרשלאָגן, אַז יידישע רעפּאַטריאַנטן זאָלן געשיקט ווערן בלויז דאָרט, וווּ עס זענען פאַראַן יידישע יִשובים; אַז די קאָמונאַלע אָרגאַנען זאָלן קוקן „צווישן די פינגער”, ווען יידישע רעפּאַ־טריאַנטן גייען אַריין אין „פרייע דירות” — אַזעלכע זענען געווען בלויז יענע, וועלכע זענען געבליבן ליידיק נאָך דעם ווי זייערע פריערדיקע אייגנטימער זענען אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. דאָס מיניסטעריום פון דער קליין־אינדוסטריע און די צענטראַלע אָנפירונג פון דער אַרבעט־קאָאָפּעראַציע האָבן באַקומען אַ דירעקטיוו צו העלפן באַזאָרגן די ניי־געקומענע יידן מיט אַרבעט.

אַלע אָנגענומענע באַשלוסן זענען געווען גינסטיק פאַר אונדז. עס איז נאָר געווען די פראַגע, צי עס וועלן אונדז סטייען כוחות, כדי זיי צו פאַרווירקלעכן און ממילא קירצן און פאַרלייכטערן די שווערע איבערגאַנג־צייט צו אַן איינגעאָרדנטן לעבן.

ווי נאָר עס זענען געווען פאַרוואַלטונגען פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַר־באַנד האָט מען „געלייגט אַ האַנט” אויף די דירות פון די אַוועקגעפאָרענע יידן. די פראַגע וועגן פּרנסה איז פאַר אונדז געשטאַנען נאָך איידער עס האָט זיך אָנגע־הויבן די רעפּאַטריאַציע. אַ סך יידישע מענטשן, וועלכע זענען אין די „האַניק־טעג” פון „פּוילישן אָקטאָבער” אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זייערע פּאָסטנס, האָבן באַשלאָסן זיך אומצוקערן צו זייערע יוגנט־פאַכן. אָבער אויך דאָס איז נישט לייכט אָנגעקומען, ווען קיין דעה איבער די אַמאָליקע יידישע אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון האָבן מיר שוין נישט געהאַט. אָפּט זענען די מערהייט אַרבעטערס אין אַן אַמאָליקן יידישן קאָאָ־פּעראַטיוו געווען פּאָליאַקן. האָבן מיר באַשלאָסן אָנצוהויבן איבעראַנייס.

אָנגעהויבן האָבן מיר פון... איין אַרבעטער. געווען איז עס דער באַוווּסטער נאָך אין דער פאַר־מלחמה־צייט יידישער אַרבעטער־טוער יידל פלאַץ, אַ הויך קוואַליפיצירטער שניידער, וועלכער האָט אין ווראָצלאַוו אויפגעבויט, צוזאַמען מיט אַנדערע באַקאַנטע אַרבעטער־טוערס איינעם פון די גרעסטע אַרבעטס־קאָאָפּעראַ־טיוון אין פּוילן — „זגאָדאַ”. דער דאָזיקער אַלטער אַרבעטער־טוער האָט אין אַ צימער פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד זיך אַוועקגעזעצט איינער אַליין אַרבעטן מיט דער נאָדל. באַלד איז באַוווּסט געוואָרן צווישן יידן וועגן דער אַנטשטייונג פון דעם „איינפּערזאָניקן קאָאָפּעראַטיוו”. די צאָל באַשעפטיקטע איז אינגיכן דערגאַנגען ביז 35 מאַן, צווישן וועלכע עס זענען געווען 26 געוועזענע אָנגעשטעלטע, אָפּט אויף פאַראַנטוואָרטלעכע רעגירונגס־אַמטן, 9 זענען געווען רעפּאַטריאַנטן. עס האָט זיך פאַרגעדענקט אַ פאַל, ווען צו יידל פלאַץ האָט זיך געווענדעט אַ געוועזענער אַמבאַסאַדאָר מיט דער ביטע צו ווערן אַ מיטגליד פון דעם שניידער־קאָאָפּעראַטיוו. געווען איז עס, צום צווייטן מאָל, דער אָנהייב פון שאַפן אייגענע יידישע אַרבעט־פּלעצער.

פון אַ ריי שטעט האָט מען זיך צו אונדז געווענדעט נאָך הילף, כדי צו שאַפן ענלעכע אַרבעט־מעגלעכקייטן. דער ענין איז צו יענער צייט געוואָרן פאַר אונדז

אַ צענטראַלער. די הילף פון „דזשאָינט" און פון „אָרט" האָט אונדז געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך אַן עצה געבן ביים לייזן די דאָזיקע פראַגע.

אין הסכם מיט די דירעקטיוון פון פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט איז קיין פאָרשטייערשאַפט פון „דזשאָינט" אין פּוילן נישט געשאַפן געוואָרן. דאַקעגן איז לויטן באַשלוס פון אונדזער פּרעזידיום אַנטשטאַנען אַ „צענטראַלע יידישע הילפס־קאָמיסיע" אַלס געזעלשאַפטלעכער אָרגאַן, וועלכער איז געשטאַנען אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט דער אָנפירונג פון „דזשאָינט" אין זשענעווע איז דורך איר סובסידירט און קאָנטראָלירט געוואָרן. בראש פון דער „צענטראַלער הילפס־קאָמיסיע" האָבן מיר געשטעלט דעם לאַנגיאָריקן יידישן אַרבעטער־טוער, דעם געוועזענעם סעקרעטאַר פון צ"ק פון „בונד" בעת דער דייטשער אָקופּאַציע און נאָך דער באַפרייונג, ביזן אַריינטרעטן אין דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי — סאַלאָ פישגרונד. געווען איז עס אַ מענטש פון גרויסער געזעלשאַפטלעכער אחריות און קרישטאָל־ריינער ערלעכקייט אין באַציִונג צום געזעלשאַפטלעכן גראָשן. הגם ער האָט אַלס כלל דורכגעפירט אין לעבן די ליניע פון אונדזער הויפּטפאַרוואַלטונג אין דער גאַנצער הילפס־אַרבעט, פלעגט אָבער אָפט דערגיין צו מיספאַרשטענדענישן צוליב זיין היפּער־גראָדליניקייט און אַבסאָלוטער געטריישאַפט צו די איינשטעלונגען פון דער צענטראַלער „דזשאָינט"־אָנפירונג.

ענלעכע הילפס־קאָמיסיעס זענען געשאַפן געוואָרן אין אַלע גרעסערע יידישע יִישובים. זייער אויפגאַבע איז געווען צו היטן, אַז די הילף זאָל געגעבן ווערן בלויז יענע, וועלכע נייטיקן זיך באמת. מיט די רעקאָמענדאַציעס פון די אָרטיקע קאָמיסיעס האָט זיך גערעכנט די צענטראַלע קאָמיסיע, וועלכע פלעגט אויך באַשליסן וועגן די נייטיקע סומעס פאַר אָרטיקע יידישע אינסטיטוציעס. ווי אַ כלל פלעגן אַלס מיטגלידער פון די אָרטיקע הילפס־קאָמיסיעס באַשטימט ווערן באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע טוערס, צו וועלכע דער יידישער עולם האָט געהאַט פולן צוטרוי. אין משך פון אַלע יאָרן ווען עס האָבן געאַרבעט די הילפס־קאָמיסיעס, זענען נישט פאַרצייכנט געוואָרן קיין שום פאַלן פון מיסברויכן, הגם עס זענען געווען רעגירונגס־פאַקטאָרן און יידישע העלפערס, וועלכע האָבן מיט אַ צייט שפּעטער שטאַרק געזוכט און באַגערט צו אַנטפּלעקן אומאָרדענונגען, נישט געזעצלעכע און אפשר — גניבות. צום אָפּהיטן די פינאַנציעלע געזעלשאַפטלעכע נאָרמעס האָט אַ סך מיטגעהאָלפן דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער דאָקומענטאַציע, דער אַרבעטער־טוער און פּעדאַגאָג, ליבער ברענער.

צוריק אויפשטעלן דעם „אָרט" איז אונדז אָנגעקומען נישט שווער. צו דער אַרבעט אין די נייע באַדינגונגען האָבן מיר באַשטימט דעם פריערדיקן דירעקטאָר, דעם דערפאַרענעם און אויטאָריטעטן „אָרט"־טוער דוד סלאָבאָדקין. אונדזער צוזאַמענאַרבעט מיט אים איז אַלע מאָל געווען די סאַמע בעסטע. צום „אָרט"־קאָמיטעט איז אַלס זיין פאָרזיצער, מצד אונדזער פּרעזידיום דעלעגירט געוואָרן י. וואַסערשטרום.

דער פּראָצעס פון באַנייען די טעטיקייט פון „דזשאָינט" און „אָרט" אין פּוילן

איז באַגלייט געווען מיט אָפטע דיסקוסיעס, אַפילו מיט חילוקי־דעות צווישן אונדז און דער אָנפירונג פון „דזשאָינט" אין איראָפּע, מיט איר דירעקטאָר ה' דזשאָרדאַן, מיט זיין באַפולמעכטיקטן ד"ר כהנא — אַן אָפּשטאַמיקער פון קראָקע — וועלכע פלעגן אָפט קומען קיין פוילן. זעלטענער זענען געווען חילוקי־דעות מיט דער אָנפירונג פון „אָרט" אין זשענעווע, מיט איר דירעקטאָר ה' ברוידע, מיט דעם באַפולמעכטיקטן פאַר פוילן, ה' האַלבערשטאַט *). אין מערסטע פאַלן האָבן מיר אָבער געפונען פולע פאַרשטענדעניש ביי די אָנפירערס פון ביידע אָרגאַניזאַציעס. מיר האָבן וועגן אַלץ זיך צונויפגערעדט מיט דער דעלעגאַציע פון „אָרט", וועלכע איז געקומען צו אונדז בראש מיט ד"ר וולאַדימיר האַלפּערין. וועגן צוויי ענינים פון פּרינציפּיעלן כאַראַקטער האָבן מיר געהאַט אָפּגעשטימט צווישן זיך פון דער ערשטער מינוט אָן: 1) אַלס אַבסאָלוטע קעגנערס פון דער „פאַרגיטיקונג"־פּאָליטיק מצד דייטשלאַנד, וועט די הילף פאַר אונדז אין קיין שום פאַל נישט קומען פון די א"ג קליימס־געלטער: 2) די באַניטע הילפס־אַרבעט דאַרף טראָגן אַ קאָנס־טרוקטיוון כאַראַקטער מיט דער שטרעבונג צו שטעלן די געקומענע יידן פון סאָוועט־רוסלאַנד „אויף די אייגענע פיס".

אין אָנהויב איז אָבער אויסגעקומען צו זאָרגן קודם־כל פאַרן שטיקל ברויט. דער מצב פון די אָנגעקומענע יידן איז געווען אַ פאַרשיידענער. אין דירעקטער הילף האָבן זיך קודם־כל געניטיקט די געקומענע פון די אַלטע סאָוועטישע געגנטן. צווישן זיי זענען געווען אַ טייל באַפרייטע פון די לאַגערן, וועלכע האָבן גאָרנישט פאַרמאָגט. פאַר פאַכלייט איז נישט שווער געווען צו קריגן אַן אַרבעטספּלאַץ. עס זענען אָבער געווען ביי 25 פּראָצענט פון די געקומענע יידן מיט טיפּיש־סאָוועטישע ספּעציאַליטעטן, וואָס האָבן אין פוילן נישט געהאַט קיין אָנווענדונג. ס'איז דרינ־גענדיק נייטיק געווען זיי איבערצוקוואַליפיצירן, זיי אויסלערנען נייע, צוגעפּאַסטע צו די פוילישע באַדינגונגען פאַכן. די אַרבעט פון „אָרט" איז אין דעם פאַל געווען ממש אַ לעבנס־נויטווענדיקייט. צו הילף איז געקומען דער „דזשאָינט", וועלכער האָט באַשטימט ספּעציעלע סומעס אַלס סטיפּענדיעס פאַר די, וואָס האָבן געלערנט אויף די פאַכקורסן פון „אָרט". אַזעלכע פאַכקורסן זענען ביזן סוף 1958 געווען העכער 100. זיי האָבן געגעבן קוואַליפיקאַציעס ביי 2500 יידן.

אין אַ קורצער צייט האָבן די אָרטיקע טוערס פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, פון אייגענער איניציאַטיוו, געשאַפן אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע זענען געבליבן „הענגען אין דער לופטן" — זיי האָבן נישט געהערט צו דעם אַלגעמיינעם צענטער פון די קאָאָפּעראַטיוון. אָנגעלערנט פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווען די יידישע קאָאָפּעראַטיוון זענען איינגעשלונגען געוואָרן דורך די פוילישע, האָבן מיר געשטרעבט צו באַוואָרענען זיך, אַז די ניי־געשאַפענע אין די סוף פופציקער יאָרן זאָלן בלייבן אין אונדזער רשות און מיר זאָלן קענען באַזאָרגן

*) אַן אָפּשטאַמיקער פון פוילן, האָט ער זיך באַמיט אַנטקעגנצוקומען אונדזערע באַדער־פעניש. אויף אים האָט אָבער געוואָרפן אַן אויג די פוילישע פּאָליציי, וועלכע האָט ביי האַלבערשטאַטן אָפּגענומען די מעגלעכקייט צו קומען קיין פוילן.

ייִדישע מענטשן, קודם־כּל די געקומענע פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, מיט אַרבעט. כּדי דאָס זאָל געשען האָבן מיר געמוזט באַקומען אַ סאַנקציע מצד די אָנפֿירנדיקע פּאַרטיי־אָרגאַנען. מאָטיווירן אונדזער שטרעבונג צו בלייבן באַלעבאַטים פֿון די נייע קאָאָפּעראַטיוון מיט ריין־ייִדישע מאָטיוון האָט נישט געגעבן קיין גאַראַנטיע, אַז די פּאַרטיי־אָנפֿירונג וועט דערויף מסכּים זײַן, הגם מיר האָבן געהאַט אַזאַ ווירקנדיקן אַרגומענט, ווי די דאָלאַרן־הילף מצד דעם „דזשאָינט”. האָבן מיר דעריבער די לייזונג געזוכט אויף אַן אַנדער אופֿן. מיר האָבן זיך צונויפֿגערעדט מיט די אָנפֿירערס פֿון די פֿאַרבאַנדן פֿון די אוקראַיִנער און ווײַסרוסן וועגן אַרויס־קומען מיט אַ געמיינזאַמען פֿאָרשלאַג צו שאַפֿן אַרבעטס־אונטערנעמונגען בײַ אַלע נאַציאָנאַלע פֿאַרבאַנדן, כּדי אַזוי אַרום פֿאַרגרעסערן די זייער באַגרענעצטע בודזשעטן פֿון די אָרגאַניזאַציעס פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן צום אויסברייטערן זייער טעטיקייט. מיט דעם פֿאָרשלאַג זענען מיר אַלע געקומען אויף אַ זיצונג פֿון דער נאַציאָנאַליטעטן־קאָמיסיע פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי און מיט אַלעמענס שטימען איז באַגיטיקט געוואָרן אונדזער איניציאַטיוו.

נאָך דעם ווי דער באַשלוס איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך אַלע מעגלעכע אינסטאַנצן, האָבן מיר געשאַפֿן אַ צענטראַלע פֿאַראייניקונג פֿון די 15 ייִדישע קאָאָפּעראַטיוון מיטן נאָמען „בומעט”. אין דעם אָנגענומענעם סטאַטוט האָבן מיר ווירקלעך זיך באַוואָרנט, אַז אַ באַשטימטער פּראָצענט פֿון דעם ריינעם פֿאַרדינסט פֿון די קאָאָפּעראַטיוון דאַרף גיין לטובֿת דעם קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרבאַנד. פֿון דעמאָלט אָן זענען מיר געוואָרן די פֿאַקטישע באַלעבאַטים פֿון אַלע ניי־געשאַפֿענע ייִדישע קאָאָפּעראַטיוון. נישט ווייניק זאָרג האָט עס אונדז פֿאַרשאַפֿט. אָפֿט פֿלעגן די זיצונגען פֿון פּרעזידיום פֿון אונדזער הויפּט־פֿאַרוואַלטונג זיך פֿאַרנעמען דער עיקר מיט זוכן אַ לייזונג פֿאַר שווערע ווירטשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען, אויף וועלכע אַ סך פֿון אונדז זענען קיין מבֿינים נישט געווען. און ווידער איז אונדז צו הילף געקומען דער „דזשאָינט”. מיר האָבן בײַ אים געפּועלט, אַז אָנשטאָט אַ באַשטימטער סומע געלט זאָלן מיר באַקומען אַזאַ מין רויוואַרג פֿון אויסלאַנד, וואָס איז אין פּוילן נישט בנימצא געווען. אַזוי אַרום האָבן אונדזערע קאָאָפּעראַטיוון פֿאַרגרעסערט דעם אומזאַץ־קאַפּיטאַל. זייערע אויסאַרבעטונגען האָבן געפֿונען אַ גוטן אָפּזאַץ־מאַרק.

צוויי ניי־געשאַפֿענע קאָאָפּעראַטיוון — ביידע אין וואַרשע — האָבן געהאַט אַ ספּעציעלן כאַראַקטער: אַ קאָאָפּעראַטיוו פֿאַר ייִדישע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן גוט באַהערשט אויסלענדישע שפּראַכן. זייער באַשעפֿטיקונג איז געוואָרן מאַכן איבערזעצונגען. קיין ספּעציעלן אַרבעטס־פּלאַץ האָט מען נישט געדאַרפֿט, מענטשן פֿלעגן באַקומען באַשטעלונגען און די אַרבעט האָבן זיי געטאָן בײַ זיך אין דער היים. דער דאָזיקער קאָאָפּעראַטיוו מיטן פּויליש́ן נאָמען „טלומאַטש” („איבערזעצער”) איז גאָר גיך פּאָפּולער געוואָרן. קיין אַרבעט האָט אים נישט געפֿעלט און ייִדישע אינטעליגענטן האָבן באַקומען פּרנסה.

אַ צווייטע קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציע איז געווען דער רעסטאָראַן „אַמיקאַ”

מיט טראַדיציאָנעל יידישע מאכלים. דער דאָזיקער רעסטאָראַן, עסטעטיש איינגעאָרדנט, מיט בילדער פון יידישע קינסטלער, האָט צוגעצויגן אַ סך מענטשן. די קליענטן פלעגן בעתן עסן הערן דאָס געזאַנג פון יידישע פאָלקס־לידער.

אַ נייעס איז געווען די איניציאַטיוו פון „אָרט" צוזאַמען מיט דער שול־אָפּטיילונג פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון אונדזער פאַרבאַנד צו שאַפן ביי אַלע יידישע שולן און יידישע קינדער־קלובן גוט־אויסגעשטאַטע וואַרשטאַטן מיט געניטע אינסטרוקטאָרן, וועלכע האָבן זיך באַמיט צוגעוווינען די יידישע קינדער צו אַרבעט.

אין שטעט און שטעטלעך — אַזעלכע ווי ליגניץ און שווידניץ, ביעלאַווע און דזשערזשאָניוו — פון וואַנעט יידן זענען מאַסנוויז אַרויסגעפאָרן קיין ישראל, האָבן אָנגעהויבן אָנקומען גרופן, אַז די אָרטיקע אָפּטיילונגען פון אונדזער פאַרבאַנד ווערן באַלעגערט פון די ניי־געקומענע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיט די קנאַפּע געבליבענע כוחות איז שווער געווען זיך אַן עצה צו געבן. צו דער אַרבעט אין קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד זענען צוגעצויגן געוואָרן אַ סך פון די רעפּאַטריאַנטן. זיי האָבן אין 11 שטעט מיטגעהאָלפן צו שאַפן 40 פאַכקורסן, וועלכע האָבן באַוויזן אין משך פון 9 ביז 12 חדשים איבערצוקוואַליפיצירן קרוב 4000 יידישע מענער און פרויען. די דאָזיקע מענטשן האָבן געדינט אַלס באַזע פאַר די נייע קאָאָפּעראַטיוון אין וואַרשע, ווראָצלאַוו, לאָדזש, שווידניץ, ביטאָם, גליוויץ און זשאַרי. מיט דער הילף פון די ניי־געקומענע יידן איז געשאַפן געוואָרן אַן אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוו אַפילו ביי דער מערבדיקער גרענעץ־שטאָט זגאָזשעלעץ (די צווייטע העלפט שטאָט געהער צו מזרח־דייטשלאַנד), ווו ס'איז פאַר דער רעפּאַטריאַציע נישט געווען קיין יידישער יִשוב. דאָס אַרבעטס־מיניסטעריום האָט אַלס הילף פאַר די רעפּאַטריאַנטן געגעבן אַ באַטייטנדיקע סובסידיע לטובת די ניי־אויפגעקומענע יידישע אַרבעט־וואַרשטאַטן. אויף קרוב 1200 קאָאָפּעראַטיוו־אַרבעטער אין דער ערשטער צייט, זינט דער אַנטשטייונג פון אונדזערע וואַרשטאַטן, זענען 450 געווען רעפּאַטריאַנטן. 300 צווישן זיי האָבן באַקומען פאַכשולונג אויף די „אָרט"־קורסן.

אַ באַטייטנדיקער טייל יידישע רעפּאַטריאַנטן איז אַוועק אַרבעטן אין דער גרויס־אינדוסטריע. געווען זענען עס יידן, וועלכע האָבן זייערע קוואַליפיקאַציעס באַקומען אין דער סאָוועטישער שווער־אינדוסטריע, אין טעכניקומס און אינסטיטוטן אַלס אינזשיניערן. אָבער אויך זיי איז אויסגעקומען צו העלפן מיט מאָנאַטלעכע סובסידיעס, ביז זיי האָבן זיך פולשטענדיק איינגעאָרדנט.

די רעזולטאַטן פון אונדזערע באַמיִונגען צו פאַרלייכטערן דעם פּראָצעס פון איינאָרדענען זיך אין די באַדינגונגען פון פוילן, וועלכע האָבן אויף אַ וועזנטלעכן אופן זיך אונטערשיידט פון די באַדינגונגען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָבן מיט דער צייט זיך געלאָזט אָפּפילן. קודם־כל — אין דעם וואַקסנדיקן אינטערעס פון די ניי־געקומענע צו אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום יידישן לעבן, קודם־כל — צו דער יידישער קולטור־טעטיקייט, וועלכע איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד מער נישט געווען.

„נוסח פוילן"

נישט מיר אין פוילן האָבן אַזוי באַצייכנט דעם אייגנאַרטיקן יידישן לעבן, וואָס האָט געשטרעבט צום גערייען אין דעם לאַנד פון פולשטענדיקן יידישן חורבן, אין דער נאָענטער שכנות מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווו אַלץ וואָס איז געווען יידיש, איז פולשטענדיק אויסגעראָטן געוואָרן.

דעם באַגריף „נוסח פוילן" האָבן צום ערשטן מאָל אַרויסגעבראַכט אונדזערע פריינד פון די פּאַראייניקטע שטאַטן בעת אַ באַגעגעניש אין פּאַריז, אויף אַ געמיינזאַמער קאָנפערענץ. געדאַרפט האָט עס באַטייטן, אַז דאָס יידישע לעבן אין פוילן איז אַ פאַרלייקענונג פון דעם, וואָס עס טענהן די קעגנערס, אַז אין דער סאָוועטישער ווירקונג־ספערע קען קיין יידיש לעבן נישט זיין; אַז אַלץ, וואָס עס ווערט געטאָן אין פוילן דורך די יידישע קאָמוניסטן איז בלויז לשם פּראָפּאַגאַנדע *).

„נוסח פוילן" — האָבן געהאַלטן אונדזערע פריינד אין די מערב־לענדער — איז אַ פאַרבילד פון אַן אַלזייטיק־אַנטוויקלטער יידישער געזעלשאַפט אין די פּאָליטיש־געאָגראַפישע באַדינגונגען פון מזרח־איראָפּע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. אויף אַ פּאַרוואַלירטן אופן זענען די רייד וועגן „נוסח פוילן" געווען געווענדעט צום סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט דער האָפענונג, אַז די דאָרטיקע דעציזירנדיקע פאַקטאָרן וועלן סוף כל סוף איינזען ווי נייטיק און ווי נוצלעך עס איז צו פאַרריכטן די עוולה לגבי די סאָוועטישע יידן.

אין דער פּראַקטיק האָט „נוסח פוילן" אין דעם נאָך־סטאַלין־פּעריאָד באַטייט די מעגלעכקייט זיך אַלזייטיק אויסצולעבן אויף אַ וועלטלעך־יידישן אופן. קודם־כל האָבן מיר אין משך פון אַלע יאָרן נאָך „דער צווייטער כוואַליע" געווענדעט מאַקסימום כוחות לטובת דער בילדונג און דערציִונג פון די יידישע קינדער און יוגנט. די ידיעות וועגן שווערן מצב פון די יידישע שולן בעת דעם מאַסן־אַרויספאָר פון פוילן, די פאַרקלענערונג פון דער צאָל שילער (פון דער לאָדזשער פּרץ־שול

---

*) אין זיין אַרטיקל „אונדזער קולטור־ירושה" וואָס איז געווען געדרוקט אין דער „מאָרגן־פרייהייט" פון חודש אָקטאָבער 1957, האָט משה קאַץ געשריבן:

„עס האָט אויסגעזען, אַז דאָס פּוילישע יידנטום און זיין קולטור איז אויף שטענדיק אָפּגעווישט געוואָרן. אָבער — דער שטורעם איז פאַריבער, אויף די אויסגעשערפטע פעלדער, פון אונטער די אויסגעברענטע חורבות האָבן זיך ביים ערשטן צייכן פון געענדערטע אומשטענדן אין אַ פוילן, וואָס מאַכט דורך זיין סאָציאַליסטישן איבערבוי, באַוויזן גרינע גרעזעלעך פון נייע האָפענונגען, פון נייע קרעפטן".

די דאָזיקע „נייע האָפענונגען" האָבן געהאַט נישט בלויז די יידישע טוערס אין פוילן, נאָר אויך זייערע פילצאָליקע פריינט אין דער וועלט.

זענען אַוועק העכער הונדערט קינדער; אין דער וואָלבזשיכער שול זענען געבליבן 150 קינדער; אין פינף קלאַסן פון דער ביעלאַוועער שול זענען געווען בלויז 40 שילערס, און אַזוי אין אַלע יידישע שולן), האָט אויפן סאַמע פּילבאַרסטן אופן געטראָפן יענע צווישן אונדז, וועלכע האָבן אין דעם נאָכוווקס געזען די גאַראַנטיע פאַר דער עקסיסטענץ און אַנטוויקלונג פון דעם פּויליש־יידישן ישוב. אַפילו אַ צאָלמעסיק — שטאַרק פאַרקלענערטן.

די לאַגע האָט אויף אַ באַשיימפּערלעכן אופן זיך געענדערט מיטן אָנקומען פון די יידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. די קינדער פון די רעפּאַטריאַנטן האָבן גערעדט הויפּטזעכלעך רוסיש. די עלטערן האָבן מורא געהאַט זיי צו שיקן אין די אַלגעמיינע שולן, ווו עס וואָלט געווען צו זיי אַ באַציִונג ווי צו... רוסן, וועלכע מען האָט נישט שטאַרק ליב געהאַט. אַ גרויסער טייל פון די געקומענע יידן — פון ליטע, לעטלאַנד, מערב־ווייסרוסלאַנד און מערב־אוקראַיִנע האָבן בכלל געשטרעבט, אַז זייערע קינדער זאָלן קענען יידיש. דערפון האָט געשטאַמט דער פּלוצלונגדיקער וווקס פון די יידישע שולן. די ליגניצער קאַרטשאַק־שול האָט צו יענער צייט באַטייטנדיק זיך פאַרגרעסערט. די צאָל שילערס האָט אַריבערגעשטיגן 750. מ'האָט געעפנט 16 קלאַסן. לערערס זענען געווען 19. די מערהייט קינדער זענען געווען פון די רעפּאַטריאַנטן. די וואָלבזשיכער פּרץ־שול האָט שוין געציילט 300 שילערס און די דירעקטאָרין, אסתר קעלבערמאַן, האָט ענערגיש געפּאָדערט צו שאַפן דאָרט אַ יידישן ליציי. באַטייטנדיק אויסגעוואַקסן איז די צאָל שילערס אין לאָדזש, ווו ס'זענען געווען 13 פּאַראַלעלע קלאַסן. אין ווראָצלאַוו האָט מען פּלאַנירט אויסצובויען אַ נייע שול־געביידע מיט אַן אינטערנאַט פאַר שילערס פון די קלענערע ישובים. פון אַ ריי שטעט, ווו די יידישע באַפעלקערונג איז שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן, האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פאָדערונגען צו עפענען יידישע שולן. אַזוי האָט מען עס פאַרלאַנגט פון שווידניץ, פון זשאַרי, פון גלייוויץ, אַפילו פון דער ביי־גרענעצדיקער זגאָזשעלעץ, ווו קיין יידישע שול איז קיין מאָל נישט געווען. מיר האָבן באַשלאָסן צו שאַפן ביי די יידישע קלובן, אין די שטעט ווו קיין שולן זענען נישט געווען, ספּעציעלע קינדער־קורסן צום לערנען יידיש, יידישע געשיכטע און ליטעראַטור. אין שווידניץ, למשל, האָבן אַלע יידישע שילערס פון דער פּוילישער שול באַזוכט די יידישע קורסן ביי אונדזער פאַרבאַנד־קלוב. מיר האָבן שטאַרק אָפּגעפילט דעם מאַנגל אין יידישע לערערס. הגם פון צווישן די רעפּאַטריאַנטן האָבן מיר צובאַקומען אַ צאָל פּעדאַגאָגן. אַ העלפט לערערס פון דער וואָלבזשיכער יידישער שול זענען געווען רעפּאַטריאַנטן (צווישן זיי 4 מיט הויכער בילדונג). אַזעלכע ניי־צוגעקומענע פּעדאַגאָגן, ווי דוד צעפּעלעוויטש, וועלכער האָט באַטייטנדיק געהאָלפן אונדזער שול־אָפּטיילונג, ווי שולמית וואָלפע פון דער דזשערזשאָניוווער שול, ווי די יונגע לערערין ביילע טייטעל פון דער וואָלבזשיכער שול, האָבן אַריינגעבראַכט אַ סך פריש לעבן אין די יידישע שולן, וועלכע האָבן זיך שוין געפונען אין אַ צושטאַנד פון איינשרומפּונג. צו די צוויי יידישע מיטל־שולן — אין ווראָצלאַוו און אין לאָדזש — איז צוגעקומען אַ דריטע, אין ליגניץ. די אויפ־

גאָבן פון אונדזער שול־אָפּטיילונג, פון אירע צוויי אָנפירנדיקע טוערס — ישראל פעלהענדלער און ליובע בורשטיין — זענען שטאַרק אויסגעוואַקסן. אַלץ אָפטער און אָפטער פלעגן שול־פראַגן, פּראָבלעמען פון אַרבעט צווישן דער יוגנט און קינדער פאַרנעמען דעם אויבנאָן אויף די זיצונגען פון פּרעזידיום פון אונדזער הויפּט־פאַרוואַלטונג. עס האָבן ווי פון זיך אַליין געגומען אָפּפאַלן די העמונגען פון דער צייט „פון פעלערן און פאַרקריפּלונגען" — ווי מען האָט אין פּוילן באַצייכנט דעם סטאַלינישן פּעריאָד. עס איז געווען אַ רייד וועגן לערנען יידיש שוין פון ערשטן קלאַס, וועגן יידישער געשיכטע אַלס זעלבשטענדיקן לימוד פון 5טן קלאַס אָן. און וואָס וועט זיין מיט אונדזער יוגנט נאָכן באַקומען די מאַטורע? עס קומט אויף דער טרוים וועגן אַ פאַרגאַנצטער יידישער בילדונגס־סיסטעם — פון דער אָנפאַנגשול ביז דער הויכשול. מיר באַשליסן צו פאַרלאַנגען אַ יידיש־קאַטעדרע ביי דעם וואַרשעווער אוניווערסיטעט. אויף דער זיצונג פון דער נאַציאָ־נאַליטעטן־קאָמיסיע פון צ"ק פאַררוף איך זיך אויף אַ פּרעצעדענט: פאַראַן ביים וואַרשעווער אוניווערסיטעט אַן אוקראַיִניש־ווייסרוסישע קאַטעדרע. מיר האָבן פאַר אַ יידיש־קאַטעדרע הויך־קוואַליפיצירטע וויסנשאַפטלערס. דער פאַרשטייער פון בילדונגס־מיניסטעריום אין דער נאַציאָנאַליטעטן־קאָמיסיע שטיצט דעם פאַרשלאַג. עס בלייבט אַריבערצוטראָגן דעם ענין אין דער אָפּטיילונג פאַר קולטור און ביל־דונג ביים צ"ק פון דער פּאַרטיי. און דאָרטן איז עס באַגראָבן געוואָרן, נישט אָנגעבנדיק קיין שום מאָטיוו. מיר פירן דורך אין בילדונגס־מיניסטעריום אַ באַשלוס צו שאַפן אַ יידישן לערער־שטודיום ביי אַ וואַרשעווער פּוילישן פּעדאַגאָגישן ליציי. אונדזערע בעסטע לעקטאָרן גיבן אָפּ אַ סך צייט און קענטענישן די 20 אַביטוריענטן פון די יידישע מיטלשולן, וועלכע גרייטן זיך צו זיין יידישע לערערס.

„נוסח פּוילן" האָט באַטייט אַן אָריענטאַציע אין דער יידישער געזעלשאַפט־לעכער און קולטור־טעטיקייט אויף דעם פריידוויליקן אַקטיוון אָנטייל פון יידישע מענער און פרויען, וועלכע זאָלן וואַקסן צוזאַמען מיט די אויסגעקליבענע דורך זיי אַרבעטס־געביטן. די דאָזיקע איינשטעלונג, וועלכע האָט דעם שווערפּונקט אַריבערגעטראָגן פון דעם אַפּאַראַט (די צאָל געצאָלטע טוערס איז איבערהויפּט געווען אַ שטאַרק־באַגרענעצטע) אויף דעם „מענטשן פון דער ריי", האָט אין רעזולטאַט געגעבן סיי אַן אויסברייטערונג פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און סיי אַ וווּקס פון יידישע פאָלקס־טוערס, דערצויגענע אין פּראָצעס פון דער פּראַקטישער אַרבעט. דורך אַ סיסטעם פון קאָמיסיעס האָט יעדער איינער געקאָנט געפינען פאַר זיך אַ פּאַסיקן אָרט אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. געווען זענען עס קאָמיסיעס: 1) פאַר אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן צו ווערבירן נייע מיטגלידער, צו האַלטן פאַרבינדונגען מיט די מענטשן אויף זייערע אַרבעט־פּלעצער, צום איבערגעבן זייערע פאַרלאַנגען און פאַרשלאָגן די פאַר־וואַלטונגען פון פאַרבאַנד; 2) פאַר קולטור־אַרבעט, מיט אַ סובקאָמיסיע פאַר אָנפירן מיטן יידישן קלוב. די דאָזיקע קאָמיסיע פלעגט אויסאַרבעטן חודש־פּלענער וועגן אַלע פאָרמען פון קולטור־טעטיקייט, איבערהויפּט פון עפנטלעכע רעפעראַטן

און מאַסן־אונטערנעמונגען, אָבער אויך פון דער אַרבעט פון די לייענער־קרייזן; 3) אַ פּרויען־קאָמיסיע, וועלכע האָט זיך פאַרנומען מיט שטייגער־פראַגן, מיט זאָרג פאַר אייניזאַמע און קראַנקע. גלייכצייטיק האָט די דאָזיקע קאָמיסיע אָרגאַניזירט קרייזן פון דער אַלגעמיינער „פרויען־ליגע"; 4) אַ קאָמיסיע פאַר אַמאַטאָרן־קונסט, וועלכע האָט געזאָרגט פאַר דער סיסטעמאַטישער אַרבעט פון כאָר, אָרקעסטער און דראַמאַטישן קרייז; 5) אַן אַפּוטרופּסים־קאָמיסיע פאַר דער יידישער שול, וועלכע האָט אַ סך מיטגעהאָלפן צום לייזן מאַטעריעל־ווירטשאַפטלעכע פראַגן; 6) אַ קאָמיסיע פאַר זומער־קאָלאָניעס, וועלכע פלעגט העלפן געפינען פּאַסיקע ערטער פאַרן זומער־אָפּרו פון יידישע קינדער און יוגנט, פאַר זייער אָרגאַניזירטן אַרויספאָרן און צוריקקומען, פאַר אַ געהעריקן הילפס־פּערסאָנאַל; 7) אַ ביבליאָטעק־קאָמיסיע, וועמענס מיטגלידער פלעגן אין באַשטימטע שעהען אַרויסגעבן ביכער, איינשאַפן נייע און האַלטן אין אָרדענונג דעם גאַנצן ביכער־פאָנד. אָפט זענען אויפגעקומען קאָמיסיעס פון לאָקאַלן כאַראַקטער. אַזוי למשל זענען אין אַ ריי שטעט געשאַפן געוואָרן, צוזאַמען מיט דער רעליגיעזער קהילה, קאָמיסיעס צו ברענגען אין אָרדענונג און אָפּהיטן די בית־הקברות.

די דאָזיקע אַרבעטס־סיסטעם האָט אָנגעטראָפן אויף זייער אַ גינסטיקער באַציִונג מצד די ניי־געקומענע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַ גרויסער טייל פון זיי איז, ווי געזאָגט, אין משך פון לאַנגע יאָרן געווען פולשטענדיק אָפּגעריסן פון אַ יידישער קולטור־סביבה און דאָ האָבן זיי געפונען גאָר ברייטע מעגלעכקייטן צו געניסן פון בילדונג אין יידיש — מיר האָבן אָרגאַניזירט אין וואַרשע, ווראָצלאַוו, לאָדזש, קאַטאָוויץ און שטשעטשין יידישע פאָלקס־אוניווערסיטעטן און לעקטאָרן פון וואַרשע פלעגן דאָרט סיסטעמאַטיש געבן לעקציעס. די מעגלעכקייט צו לייענען, זיך איינצושאַפן אַלס אייגנס אַ יידיש בוך און פון צייט צו צייט זיך דירעקט באַגעגענען מיט שרייבערס, וועלכע נעמען אויף מיט גרויס אַכטונג צום לייענער זיינע איינדרוקן און מיינונגען — דאָס האָט קעגנזייטיק שטאַרק געווירקט. די צייטונג „פאָלקס־שטימע", דער ליטעראַרישער זשורנאַל „יידישע שריפטן" האָבן נאָך אַ צייט פון שטאַרק פאַרקלענערטע טיראַזשן, געעומען „קומען צו זיך". עס איז צוגעקומען אַ נייער לייענער, וועלכער האָט מיט גרויס אינטערעס אויפגענומען דאָס אַלץ, וואָס קומט פאָר אין פּוילן, גאָר באַזונדער צווישן יידן. אין דער „פאָלקס־שטימע" האָט זיך ווידער באַוויזן, אין אַ קלענערן פאַרנעם, ווי אין די ערשטע נאָך־מלחמה־יאָרן, די רובריק פון זוכן קרובים — אין פּוילן און אין דער גאָרער יידישער וועלט. געזוכט האָבן סיי געקומענע אין פּוילן און סיי יידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד גופא. די פאָרשטעלונגען פון יידישן מלוכה־טעאַטער האָבן באַקומען אַ נייעם, זייער אַקטיוון צושויער. די טעאַטער־זאַלן אין די גרויסע שטעט זענען אַלע מאָל געווען פול מיט יידן *). כדי די יידן פון די קלענערע שטעט

*) נישט געערעכט איז דער פּויליש־שרייבער און געוועזענער אַקטיאָר פון יידישן טעאַטער, הענריק גרינבערג, וועלכער דערציילט אין זיינס אַ בוך, אַז מען פלעגט שפּילן פאַר ליידיקע זאַלן.

זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט צו זען די פאָרשטעלונגען, פלעגן די אָרטיקע פאַר־וואַלטונגען פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אָרגאַניזירן קאָלעקטיווע אַרויס־פאָרן אין די נאָענטסטע שטעט, וווהין עס פלעגט קומען אונדזער טעאַטער.

„נוסח פוילן" האָט באַטייט שטאַרקן די טאָג־טעגלעכע קאָנטאַקטן צווישן יידישן עולם — דעם „אַלטגעזעסענעם" און דעם ניי־געקומענעם. אַ גרויסע ראָל האָבן דערביי געשפּילט די יידישע פאָלקס־קלובן, וועלכע זענען ווירקלעך געוואָרן „די צווייטע היים" פאַר גאָר אַ סך יידן. אַלץ היימישער האָבן זיך גענומען פילן די רעפּאַטריאַנטן. אין רעזולטאַט זענען 35 פּראָצענט מיטגלידער פון די אָרטיקע פאַרוואַלטונגען פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד (אין אייניקע ערטער אַפילו ביז 60 פּראָצענט) געווען רעפּאַטריאַנטן.

דער פאַרנעם און אויסקלאַנג פון דער פּילזייטיקער עקאָנאָמישער, געזעל־שאַפטלעכער און קולטור־טעטיקייט איז אין אַ גרויסער מאָס באַדינגט געווען דורך די פינאַנציעלע מעגלעכקייטן, וועלכע מיר האָבן באַקומען סיי דורך דער רעגולערער סובסידיע פון „דזשאָינט", סיי דורך אַ גאַנץ־באַגרענעצטער בודזשע־טירונג פון דער רעגירונג, און סיי דורך אַ באַשטימטן פּראָצענט פון דעם רווח פון די יידישע אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון. אַ קליינע הכנסה האָבן מיר געהאַט פון דעם מיטגליד־אָפּצאָל, ווי אויך פון די פאַרקויפטע ביכער, טיילווייז אין אויסלאַנד. אַלץ צוזאַמען האָט געגעבן די מעגלעכקייט אויסצוברייטערן אונדזער טעטיקייט אַפילו דעמאָלט, ווען דאָס האָט געפאָדערט נישט ווייניק מיטלען, ווי למשל, סובסידירן דעם יידישן טעאַטער און ספּעציעלע אַקטיאָרן־גרופּן, כדי זיי זאָלן אויך באַזוכן קליינע יישובים, אָדער דאָס שאַפן יוגנט־אַנסאַמבלען פון יידישן פאָלקס־ליד.

„נוסח פוילן" האָט באַטייט: באַפרידיקן אין דער ווייט־מעגלעכער מאָס די באַדערפענישן פון דער יידישער באַפעלקערונג — אָנהייבנדיק פון די קינדער ביז דעם יידן אויף דער עלטער (אַ טייל פון זיי האָט געפונען אַן אָרט אין יידישן אַלטנהיים).

סימבאָליזירן דעם „נוסח פוילן", וועלכער האָט געשטרעבט אָנצובינדן צו די פאַרגעשריטענע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טראַדיציעס פון דורותדיקן פּוילישן יידנטום, האָט געזאָלט אַ ספּעציעל־אויפגעבויט יידיש הויז אויף דעם גזשיבאָוו, ווו עס איז בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע געווען דאָס „קליינע געטאָ". אין דעם דאָזיקן הויז האָט געזאָלט זיך געפינען די הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפט־לעכן פאַרבאַנד, דאָס יידישע מלוכה־טעאַטער, פאַר וועלכן עס האָבן געדאַרפט איינגעאָרדנט ווערן די מאָדערנסטע איינריכטונגען אין אַ זאַל פאַר עטלעכע הונ־דערט מענטשן (אויך אַלס אָרט פאַר גרעסערע יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אונטערנעמונגען) ווי אויך די וואַרשעווער יידישע אַרבעט־קאָאָפּעראַטיוון.

„נוסח פוילן" איז מיט דער צייט געוואָרן אַ דערמוטיקער פאַר אַ סך יידן אין די פאַרשידנסטע, אַפילו סאַמע ווייטסטע געגנטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. צו אונדז זענען טאָג־טעגלעך אָנגעקומען בריוו פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע, פון

סיביר און אוראַל, פון מיטל־אַזיע און פון בּיראָבּידזשאַן — און אַלע כמעט אין איין נוסח: טוט אונדז אַ טובה, שיקט אונדז אייער צייטונג, אייער זשורנאַל, אייערע ביכער! און מיר האָבּן געשיקט, הגם אונדזערע מעגלעכקייטן זענען געווען באַגרענעצטע. אויסשרייבּן אין סאָוועטן־פאַרבּאַנד גופא אונדזערע אויסגאַבּן האָט מען נישט געקאָנט. די דאָרטיקע פּאָסט־אַמטן האָבּן געהאַט אַ דירעקטיוו וועלכע אויסגאַבּן פון פּוילן מעג מען אויסשרייבּן, באַצאָלנדיק מיט סאָוועטיש געלט. קיין יידישע אויסגאַבּן האָבּן אין דער דאָזיקער דירעקטיוו נישט פיגורירט, אָבּער אַ געשיקטע פון פּוילן יידישע צייטונג, אַ יידיש בּוך, פלעגט דורכגעלאָזט ווערן. דער פאַרלאַג, וועלכער האָט אַרויסגעגעבּן די „פאָלקס־שטימע", האָט אויף אונדזער פאָדערונג צו העכערן דעם טיראַזש פון דער צייטונג פאַרלאַנגט צו דעקן פינאַנציעל די פאַרגרעסערונג פון די פּאָסט־הוצאות. דעמאָלט האָבּן מיר אָנגעהויבּן פון זיך, אין רעדאַקציע, יעדער פון אונדז האָט אָבּאָנירט די צייטונג פאַר באַקאַנטע, קודם־כל פאַר יידישע שרייבּערס, קולטור־טוערס אין סאָוועטן־פאַרבּאַנד. דאָס איז אָבּער געווען אַ טראָפּן אין ים. דעמאָלט האָבּן מיר געגעבּן אַ דירעקטיוו צו אַלע פאַרוואַלטונגען פון אונדזער פאַרבּאַנד: זעט, אַז וואָס מער יידן זאָלן אויסשרייבּן די צייטונג, דעם זשורנאַל, יידישע ביכער פאַר אונדזערע בּרידער אין סאָוועטן־פאַרבּאַנד. דער טיראַזש איז באַלד קענטיק געוואַקסן. אָבּער נאָך אַלץ נישט גענוג. אַ סימן: צו אונדז אין רעדאַקציע האָבּן גענומען אָנקומען פון סאָוועטישע יידן גאַנצע קעסטלעך... מיט געטריקנטע פּרוכטן, אויך פּעקלעך טרוקענע ווורשט (איין מאָל אַפילו עטלעכע קליינע קעסטעלעך קאַוויאַר) — און דאָס אַלץ צו דעקן דעם אַבּאָנאַמענט־אָפּצאָל פאַר דער צייטונג *).

ווען כ׳האָבּ וועגן דעם געהאַט דערציילט די פאַרשטייערס פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, וועלכע זענען צו יענער צייט געקומען צו אונדז פירן אונטערהאַנדלונגען וועגן אונדזער אַריינטריט אין דעם קאָנגרעס, האָט פּראָפעסאָר אריה טאַרטאַקאָווער, גאַנץ דיסקרעט פאַרגעלייגט צו פינאַנסירן דאָס אַרויסשיקן אונדזער צייטונג אין סאָוועטן־פאַרבּאַנד. איך האָבּ זיך דערפון אָפּגעזאָגט מיטן אויסרייד, אַז מיר וועלן זיך אַליין אַן עצה געבּן. אין דער אמתן בּין איך זיכער געווען, אַז ווען מיר זאָלן ווירקלעך אָננעמען דעם פאַרשלאַג פון פּראָפ׳ טאַרטאַקאָווער, וואָלט עס גיך געוואָרן דערטראָגן צו די פּוילישע זיכערהייט־אָרגאַנען און ממילא אויך צו די סאָוועטישע. אָבּער די סוגעסטיע וועגן פינאַנסיעלער הילף פון אויסלאַנד, כדי צו באַזאָרגן די סאָוועטישע יידן מיט אונדזער יידיש וואָרט, האָט געבּראַכט דערצו, אַז מיר האָבּן זיך פאַרבּונדן מיט די גוטע פריינד אין די פאַראייניקטע שטאַטן און האָבּן פון דעם פּאַרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע פון פּוילישע יידן, סיימאָן פעדערמאַן, באַקומען יעדן חודש אַ סומע, וואָס האָט געסטייערט צום אַבּאָנירן אונדזער צייטונג

*) שוין אין ישראל האָט אַ ייד פון בעסאַראַביע מיר געוויזן אַן עקזעמפּלאַר פון דער „פאָלקס־שטימע", פון וועלכן עס איז געווען שווער עפּעס וואָס איבערצולייענען. „אַזוי זעט עס אויס — האָט ער מיר געזאָגט — נאָך דעם ווי די צייטונג איז געלייענט געוואָרן דורך פיל צענדליקער יידן".

פאַר פיל הונדערטער יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. וועגן דער דאָזיקער נישט־לעגאַלער אָפּעראַציע האָבן געוווּסט בלויז 3 מיטגלידער פון אונדזער פּרעזידיום. עפּעס וואָס האָט די פּוילישע „בעזפּיעקע" דערשנאַפּט און האָט אַפילו געפּרוווט זיך דערוויסן ביי דער אַדמיניסטראַציע ווער זענען עס יענע, וועלכע באַשטעלן אַזוי פיל יידישע צייטונגען פאַר סאָוועטישע בירגערס. דער מענטש, וועלכער האָט סיסטעמאַטיש איבערגעשיקט צום פאַרלאַג די אַדרעסן פון סאָוועטישע אַבאָנענטן, האָט אין הסכם מיטן אמת איבערגעגעבן, אַז עס קומען צו אונדז אַ סך יידן, וועלכע באַצאָלן כדי שיקן די צייטונג צו זייערע קרובים און באַקאַנטע.

באַלד האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען צו אונדז בריוו פון סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט פאַרשידענע פאַרשלאָגן און ביטעס. מיר האָבן באַקומען נייע קאָרעספּאָנדענטן, וועלכע האָבן איבערגעגעבן וועגן יעדער דערשיינונג פון יידישער איניציאַטיוו אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס האָט זיך געוואָלט זען אין יעדן נייעם בוך פון אַ סאָוועטיש־יידישן שרייבער, הגם אין יענער צייט אַן איבערגעזעצטן און אַרויס־געגעבן אין רוסיש, אין יעדן אויפטריט פאַר טויזנטער יידן פון נחמה ליפשיץ — אַן אָנזאָג, אַז עס וועט קומען דער טאָג פון פאַרריכטן די מוראַדיקע עוולה לגבי די מיליאָנען סאָוועטישע יידן, וועלכע בענקען נאָך אַ יידיש וואָרט, נאָך אַ יידישן ניגון, נאָך אַ יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן.

פאַרשטאַרקט די דאָזיקע האָפענונג האָט אויך דער ערשטער בריוו פון מאָסקווע מיטן אונטערשריפט: לייב טרעפּער. דעם דאָזיקן מענטשן האָט מיר רעקאָמענדירט אונדזערע ביידנס באַליבטער לערער, דער באַוווּסטער יידישער שפּראַך־פאָרשער און מלחמה־העלד, דאָצענט אליהו פאַלקאָוויטש. לויט פאַלקאָוויטשעס כאַראַקטע־ריסטיק איז אויסגעקומען, אַז נישט געקוקט אויף שווערע איבערלעבונגען (גענויער וועגן טרעפּערס גורל האָב איך זיך ערשט שפּעטער דערוווּסט) איז טרעפּער פול מיט מוט און איז גרייט אַלץ צו טאָן, כדי מיטצוהעלפן ביים צוריק אויפריכטן דאָס פאַרניכטעטע לעבן פון די סאָוועטישע יידן. געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט טרעפּערן איז נישט געווען שווער. ביידע זענען מיר געווען אַבסאָלווענטן פון יידישן סעקטאָר פון מערב־אוניווערסיטעט אין מאָסקווע (איך — פריִער מיט אַכט יאָר); ביידע האָבן מיר געהאַט געאַרבעט (איך — פריִער פאַר טרעפּערן) אין דער רעדאַקציע פון דער טאָג־צייטונג „דער עמעס". ווען איך האָב באַקומען פון טרעפּערן געשריבענע דורך אים דאָקומענטן, האָבן זיי פולשטענדיק באַשטע־טיקט פאַלקאָוויטשעס כאַראַקטעריסטיק. געווען זענען עס: אַן אויספירלעך־מאָטי־ווירטער בריוו צו ניקיטאַ כרושטשאָוון וועגן דער לאַגע פון די סאָוועטישע יידן; אַ מעמאָריאַל צו דעם פּאָליטביוראָ פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי וועגן דער נויטיקייט זיך אומצוקערן צו דער פּראַקטיק פון פאַרן „קולט" לגבי דער יידישער באַפעלקערונג און אַ ברייט־מאָטיווירטע ווענדונג צום אויבערראַט פון די סאָוועטן וועגן אומקערן די נאַציאָנאַלע רעכט פון די סאָוועטישע יידן. די אַלע דאָקומענטן האָבן באַשטעטיקט, אַז עס האָט זיך געפונען אַ מענטש, וואָס האָט זיך אַנטשלאָסן צו מאָנען גערעכטיקייט פאַר די סאָוועטישע יידן. גאָר גיך

איז אָבער געקומען אַן אַנטוישונג. טרעפֿער האָט מיר געמאָלדן, אַז ער קלייבט זיך צו קומען און זיך באַזעצן אין פּוילן... הייסט עס, אַז ער האָט פֿאַרלוירן די האָפֿענונג עפּעס וואָס צו דערגרייכן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. הייסט עס, איז קיין מאָנער וועט דאָרט מער נישט זיין...

מיר האָבן טרעפֿערן און זיין משפּחה אויפֿגענומען מיט אָפֿענע אָרעמס, אים באַלד געשטעלט בראש פֿון פֿאַרלאַג „יידיש בוך” און גיך אים איינגעבירגערט אין דעם יידישן קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. אָבער געבליבן איז אין האַרצן די ביטערקייט: וועט ווער מאָנען, ווער וועט פֿאָדערן אַ סוף צו מאַכן צו דער נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע פֿון די סאָוועטישע יידן?!

„נוסח פּוילן” האָט באַטייט: זיין נאָך אַנאַנד, הגם אויף אַן אומדירעקטן אופֿן, די דערמוטיקערס פֿאַר סאָוועטישע יידן, אַז זיי זאָלן נישט מיד ווערן צו פֿאַרלאַנגען זייערע עלעמענטאַרע נאַציאָנאַלע רעכט. ס'פֿלעגן צו אונדז אָנקומען ידיעות וועגן ווענדונגען פֿון סאָוועטישע יידן צו פּלעריליי פּאַרטייִשע און רעגירונגס־אינסטאַנצן וועגן אַרויסגעבן אַ יידישע צייטונג, יידישע ביכער, וועגן אַ שטענדיקן יידישן טעאַטער, אַפֿילו וועגן איינלאַדן אויף גאַסטראָלן דעם יידישן מלוכה־טעאַטער פֿון פּוילן בראש מיט אידאַ קאַמינסקי. ווען מיט עטלעכע יאָר שפּעטער בין איך געקומען קיין מאָסקווע און אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון יידישע שרייבערס רעפֿערירט, ווי אַזוי עס זעט אויס דאָס יידישע געזעלשאַפֿטלעכע און קולטור־לעבן אין פּוילן און וואָס טראַכטן מיר צו טאָן אין דער צוקונפֿט, האָבן איינער נאָכן אַנדערן באַקאַנטע יידישע דיכטערס און פּראָזאַיִקערס, קריטיקערס און זשורנאַליסטן אונ־טערגעשטראָכן, אַז דאָס האָבן מיר, אין פּוילן, זיי געדינט אַלסביישפּיל און געשטאַרקט זייער האָפֿענונג אויף אַן ענדערונג אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. אַפֿילו דער היפּער־פּאַרזיכטיקער ליטעראַטור־פֿאַרשער (מיט אַ גאַנץ צווייפֿלהאַפֿטער האַלטונג בעת די אַרעסטן פֿון די יידישע שרייבערס) נחום אויסלענדער האָט דערקלערט, אַז דאָס האָבן מיר אין פּוילן, זיי דערמוטיקט צום שאַפֿן, צום שטאַרקן דעם גלויבן אין בעסערע צייטן *). אין די רייד פֿון מיינע יוגנט־חברים, די געקומענע פֿון די סאָוועטישע לאַגערן — משה טייף און מאָטל גרוביאַן האָט זיך געפֿילט סיי קינאה לגבי אונדז און סיי סקעפּטיציזם לגבי דער צוקונפֿט אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. איינער פֿון די שרייבערס, מיינער אַן אַלטער חבר, האָט מיר אַפֿילו געוואָרנט אין דער שטיל: „דו זעסט דעם פּוטליאַר און דו מיינסט, אַז דאָרט איז נאָך דאָ אונדזער אַלט פֿידעלע. ניין, דאָרט איז שוין קיין פֿידל בכלל נישטאָ. ס'איז אַ פּוסטע כּלי”. אַזוי האָט ער דעמאָלט אָפּגעשאַצט די לאַגע אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

און דאָך איז געבליבן די האָפֿענונג, אַז אונדזערע אויפֿטוען אין פּוילן וועלן געפֿינען דעם נייטיקן אָפּקלאַנג אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, לטובת די דאָרטיקע יידן.

*) בלויז ווערגעליס האָט געהאַט אַ טענה צוליבן פֿאַרעפֿנטלעכן דעם אַרטיקל „אונדזער ווייטיק און אונדזער טרייסט”, און זיין געהילף, דער דיכטער אברהם גאָנטאַר („זשעניטשקע”) האָט געהאַלטן, אַז מ'דאַרף נישט אַזוי פֿיל מאָל אונטערשטרייכן אין דער „פֿאָלקס־שטימע”: יידיש, יידיש, יידיש...

דורך דער געעפנטער טיר

מיט אַ קורצער צייט פאַר דעם „פוילישן אָקטאָבער" האָבן מיר געפּרוּווט, אויף פאַרשידענע אופנים, אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער יידישער וועלט, פון וועלכער מיר זענען פולשטענדיק אָפּגעשניטן געוואָרן אין די סוף פערציקער יאָרן. ביסלעכוויז האָבן זיך איינגעשטעלט בריוולעכע פאַרבינדונגען מיט די לעבנגעבליבענע יידישע שרייבערס, זשורנאַליסטן, וויסנשאַפטלערס און קולטור־טוערס פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין דער רעדאַקציע „פאָלקס־שטימע" האָט געגאָלטן אונדזער איינשטימיקער באַשלוס: קודם־כל דרוקן דאָס אַלץ, וואָס עס שיקן אונדז צו יידישע שרייבערס פון אַלע ווינקלעך פון ראַטן־פאַרבאַנד. מיר האָבן איינגעלאַדן צו שטענדיקער מיטאַרבעט קאָרעספּאָנדענטן פון ווילנע, פון ריגע און מיט פרייד אויפגענומען די מיטאַרבעט פון אַלטן יידישן זשורנאַליסט, קאַצענעלסאָן. ער פלעגט צונויפנעמען ידיעות וועגן דעם מינדסטן אויסדרוק פון יידישער שעפערישקייט און אויף זיין רעפּאָרטערישן אופן עס אונדז איבערגעגעבן *).

צו אונדז פלעגן אָנקומען בריוו, וועלכע האָבן אונדז געשטעלט אין פאַר־לעגנהייט: דאָס זענען געווען וואָרענונגען נישט צו דרוקן געוויסע יידישע שריי־בערס באשר זיי זענען דאָך געווען... מוסרים, אינפאָרמאַטאָרן פון דער קג"ב, לויט וועמענס באַשטעלונג זיי פלעגן שרייבן „רעצענזיעס" אויף די דערשינענע ווערק פון די אַרעסטירטע יידישע שרייבערס, באַצייכענענדיק זיי אַלס... נאַציאָנאַ־ליסטישע. די דאָזיקע „רעצענזיעס" האָבן געדינט די מערדערס צום באַשולדיקן און פאַרמשפּטן צום טויט די גרעסטע יידיש־סאָוועטישע שרייבערס. מיר האָבן דעם ענין באַטראַכט און באַשלאָסן נישט צו נעמען אויף זיך די ראָל פון ריכטערס. מיר האָבן געהאַלטן, אַז ווער עס איז נישט געווען אין דער דאָרטיקער לאַגע, האָט נישט קיין רעכט צו משפּטן. אָן אויסנאַם האָבן מיר באַשלאָסן צו מאַכן לגבי די שרייבערס חיים מעלאַמוד און הירש בלאָשטיין. די ביידע זענען שוין אין די נאָך־סטאַלינישע צייטן אַרויסגעקומען אין אַן אוקראַאינישער צייטונג מיט

---

*) אין מאָסקווער „עמעס" פלעגט ער שרייבן אונטערן פּסעוודאָנים „א. ד. מיראַל" — דאָס האָט משה ליטוואַקאָוו אים אָנגערופן „אַדמיראַל" נאָך דעם, ווי ער האָט געהאַט פאַרקירצט זיין פאַמיליע־נאָמען אויף „נעלסאָן".

אַ מסירה אויף דעם דיכטער מאיר חרץ, באשר ער דרוקט זיך אין דער אויס־לענדישער יידישער נאַציאָנאַליסטישער פּרעסע (קודם־כל געמיינט די „פאָלקס־שטימע", וועלכע האָט זייער אָפט געדרוקט די לידער פון דעם ביז דעמאָלט אומ־באַקאַנטן אונדז פּאָעט). אין דעם פאַל האָבן מיר באַשלאָסן די דאָזיקע מוסרים קיין מאָל נישט דרוקן *). ביידע אונדזערע רעדאַקציעס — פון דער „פאָלקס־שטימע" און פון „יידישע שריפטן" — האָבן אויף אַן אַנטשיידענעם אופן אָפּ־געוואָרפן די פאָדערונג פון א. ווערגעליסן צו זיין דער פּוסק וועמען פון די יידיש־סאָוועטישע שרייבערס מיר מעגן דרוקן און וועמען נישט. מיר האָבן געדרוקט, נישט געקוקט אויף פּראָטעסטן, געשריבענע אין סטאַלינישן נוסח, די גרעסערע אַרבעט פון דאַצענט אליהו פאַלקאָוויטש וועגן דער אומגעקומענער אין סאָוועטישן לאַגער מ. פרומקין („אסתר") — די געוועזענע פירערין פון רוסלענדישן „בונד" און נאָכן 1921טן יאָר — פירנדיקער מיטגליד פון צענטראַל־ביוראָ פון די יידישע סעקציעס ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. מיר האָבן אָפּגעזאָגט צו דרוקן די צוגעשיקטע סעריע אַרטיקלען פון געוועזענעם מיטגליד פון דער צענטראַל־ביוראָ פון די יידישע סעקציעס, משה אַלטשולער, וועגן דער נאַציאָנאַלער און יידישער פראַגע, צוליב זיין איבערחזרן די סטאַלינישע „טעאָריע" און זיינע אייגענע אַסימילאַטאָרישע איינשטעלונגען **). כדי צו פאַרשטאַרקן די קאָנטאַקטן מיט די, וועלכע האָבן צו יענער צייט פאַרגעשטעלט דעם אָנהייב פון אַן אָרגאַניזירטער יידישער סאָוועטישער סביבה בין איך, נאָך דעם ווי ס'האָט אָנגעהייבן דערשיינען דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", געפאָרן קיין מאָסקווע און מינסק. איך האָב פון דאָרט באַקומען אַ „ווונק", אַז כ'מעג שוין קומען, קיין געפאַר איז נישטאָ מער. כ'האָב שוין נישט געטראָפן מיינע חברים, די צוריקגעקומענע פון די קאָנצלאַגערן יידישע פּאָעטן — אייזיק פלאַטנער און הירש קאַמעניעצקי. ביידע זענען אויסגעגאַנגען קורץ נאָכן „רעהאַביליטירט" ווערן. בלויז מיט איינעם האָב איך זיך באַגעגנט אין מינסק, מיטן דיכטער חיים מאַלטינסקי, וועלכער איז געוועזן אין זייער אַ שווערן מצב. צוזאַמען מיט זיין דערציילן וועגן חורבן אין דעם יידישן לעבן, האָט ער מיר געלייענט זיינע מינאָר־לידער, וועלכע כ'האָב מיטגענומען און אָפּגעדרוקט אין „פאָלקס־שטימע". מיט מיינע חברים, ווייסרוסישע שרייבערס, קודם־כל מיט מאַקסים טאַנק, פיליפּ פּיעסטראַק און יאַנקאָ ברילן, האָב איך זיך געהאַט צונויפגערעדט, אַז זיי וועלן איבערזעצן חיימס לידער און מיט אַלץ מעג־

*) דעם דאָזיקן באַשלוס האָבן געבראָכן, נאָכן פאַרלאָזן פּוילן דורך כמעט אַלע מיטגלי־דער פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע אין די סוף זעכציקער יאָרן, די הייניטיקע „מאַכערס" פון דעם וואָכנבלאַט.

**) אין אַ שמועס מיט מיר האָט משה אַלטשולער אויסגעדריקט זיינע „באַוואָרעניש" קעגן סטאַלינען און זיין באַציאונג צו דער יידן־פראַגע אויף אַזאַ אופן: „סיי ווי האָט די יידישע געזעלשאַפט, די יידישע קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיך געהאַלטן מיט די לעצטע כוחות. סטאַלינס „שולד" איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט דעם יידישן גוסס — דערמאָרדעט".

לעכן אים העלפֿן. זיי האָבן מיר אויך צוגעזאָגט איבערצוזעצן משה קולבאַקס, איזי כאַריקס, אייזיק פּלאַטנערס לידער און די שאַפֿונגען פֿון אַלע אַנדערע יידישע שרייבערס. זיי האָבן זייער וואָרט געהאַלטן.

אין מאָסקווע האָב איך געטראָפֿן אַ צעריסענע, צעקריגטע יידישע שרייבער־סביבה. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז די שטרייטן האָבן צו יענער צייט נישט געטראָגן קיין פּרינציפּיעלן כאַראַקטער. צו דער פֿאַרזאַמלונג פֿון די שרייבערס, בעת איך האָב רעפּערירט וועגן דער יידישער לאַגע אין פּוילן, זענען די קעגנערס פֿון ווערגעליסן נישט געקומען. מיט זיי האָב איך זיך געטראָפֿן באַזונדער און דערביי פֿאַרזיכערט, אַז אונדזער באַציִונג צו זיי וועט אין דער מינדסטער מאָס נישט ווערן באַווירקט דורך זייער שטעלונג לגבי „סאָוועטיש היימלאַנד" און זיין רעדאַקטאָר אהרון ווערגעליס.

אין דעם פּריוואַטן צימער פֿון מיין גוטן חבר, דעם העלדישן פּאַרטיזאַן און טאַלאַנטפֿולן שרייבער מישע לעוו, האָב איך זיך באַזונדער געטראָפֿן מיט אהרון ווערגעליסן. אויפֿן טיש האָב איך אָװעקגעשטעלט אַ גאַנצן ליטער פּוילישע וואָדקאַ און באַוווּנדערט ווערגעליסעס כוח צו טרינקען נאָך אַנאַנד און נישט ווערן אַפֿילו בגילופֿין. כ'האָב אים אָפֿן דערקלערט, אַז פֿון פֿאַרשידענע מענטשן דערגייען צו אונדז ידיעות, אַז ער האָט דירעקט מיטגעאַרבעט מיט דער קג"ב בעת דער פּאָגראָם־אַקציע קעגן די יידישע שרייבערס אין מאָסקווע און גאָר באַזונדער — אין ביראָ־בידזשאַן. ער האָט לאַנג גערעדט, מיט קורצע פּויזעס אויף אויסטרינקען, וועגן זיין לאַגע בעת די אַרעסטן פֿון די יידישע שרייבערס. ער האָט דערציילט, אַז מען האָט אים פֿאַרפֿאָלגט, אויסגעשלאָסן פֿון שרייבער־פֿאַראיין, ער האָט נישט געקאָנט באַקומען קיין אַרבעט אַפֿילו אַלס מויערער, בעת ביים בויען הייזער האָבן זיך געפֿאָדערט אַ סך הענט. ער האָט אָנגערופֿן נעמען פֿון שרייבערס, וועלכע ווילן אים דיסקרעדיטירן, הגם אַליין האָבן זיי לויט אַ באַשטעלונג פֿאַרפֿאַסט, אין דער געביידע פֿון קג"ב אויף לוביאַנקע, גאַנצע „שאַפֿונגען" קעגן די אַרעסטירטע יידישע שרייבערס. אַנשטאָט צו הערן פֿון אים, כאָטש אונטער דער טיילווייזער ווירקונג פֿון דער אויסגעלייטיקטער פֿלאַש וואָדקאַ, אויפֿריכטיקע רייד וועגן זיין ראָל בעת דער שחיטה אויף די סאָוועטיש־יידישע שרייבערס, האָב איך געהערט בלויז זיין פֿאַרלייקענען די באַשולדיקונגען פֿון דעם דיכטער ישראל עמיאָט און פֿון אַנדערע. זיך האָט ער פֿאַרגעשטעלט אַלס קרבן, כאָטש אַרעסטירט איז ער נישט געוואָרן.

אַ ביז גאָר חבריש־פֿריינטלעכן כאַראַקטער האָט געטראָגן די באַזונדערע טרעפֿונג מיט אליהו פֿאַלקאָוויטשן, מיט דער זייער טאַלענטירטער שרייבערין שירע גאָרשמאַן, מיט דער אַלטער יידישער אַרבעטער־טוערין גוטע מאַרגאָליס און אַנדערע גאָר נאָענטע חברים, פֿריינד. בעת יענער באַגעגעניש ביי פֿאַלקאָוויטשן אין דער היים האָבן אייניקע פֿון זיי מסכים געווען, אַז מ'דאַרף נישט צוליב ווערגעליסן (וועגן וועלכן מ'האָט גערעדט מיט פֿאַראַכטונג) באָיקאָטירן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד"; פֿאַרקערט, מ'דאַרף אַרום אים קאָנצענטרירן וואָס מער יידישע אינ־טעליגענץ — נישט נאָר שרייבערס, נאָר אויך שאַפֿערס פֿון די פֿאַרשידנסטע

יידישע קולטור־געביטן; אַז מ׳דאַרף ווירקן איינצואָרדענען מיט זיי טרעפונגען, כדי אויסצוהערן זייערע מיינונגען און באַגערן וועגן אינהאַלט פון זשורנאַל; אַז מ׳דאַרף דערמעגלעכן די שרייבערס אַרויסצופאָרן אין פאַרשידענע שטעט מיט אַ גרעסערער יידישער באַפעלקערונג, כדי צו פּאָפּולאַריזירן דעם זשורנאַל און פאַרלייענען זייערע שאַפונגען.

שפּעטער, שוין אין פּוילן, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די דאָזיקע פאָרשלאָגן האָבן אָנגעהויבן רעאַליזירט ווערן. די רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד״ האָט געוווּנען איינאָרדענען ספּעציעלע באַראַטונגען מיט יידישע קאָמפּאָזיטאָרן, מיט פאָלקלאָריסטן, מיט בינע־קינסטלערס און אַנדערע, סטימולירנדיק אַזוי אַרום צום באַרייכערן די יידישע קולטור־שאַפונג. אין אַ ריי גרויסע שטעט זענען פאָרגעקומען יידישע מאַסן־פאַרזאַמלונגען מיטן אָנטייל פון שרייבערס — פאָרשטייערס פון דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד״. אין ווילנע איז אויפגעקומען אַ יידישער פאָלקס־טעאַטער, אין ריגע און טאַלין — יידישע כאָרן. אַלץ האָט אויסגעזען אַזוי, ווי עס וואָלט, ביי אַ געהעריקער איניציאַטיוו, זיך געשאַפן די מעגלעכקייט אויס־צופאָרמירן אַ יידיש געזעלשאַפטלעך און קולטור־לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיר האָבן די דאָזיקע ידיעות אויפגענומען ווי אַן אויסדרוק דערפון, אַז „עפּעס רירט זיך״ לטובת די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

☆

קורץ פאַר דעם „פּוילישן אָקטאָבער״ האָבן מיר באַקומען די מעגלעכקייט זיך צו באַגעגענען מיט פאָרשטייערס פון יונגן יידישן דור פון אַ סך מערב־לענדער. אין 1955 איז אין וואַרשע פאָרגעקומען דער אָרדנטלעכער אַלוועלטלעכער פעסט־טיוואַל פון דער לינקער יוגנט. געווען איז עס אַן אימפּרעזע פון אַ גאָר ברייטן פאַרנעם, בעת וועלכער די פּאָליטיש־פּראָפּאַגאַנדיסטישע צילן, צום קאָמוניסטישן באַווירקן גרויסע טיילן פון דער יוגנט, זענען געפּאָרט געווען מיט אונטערנעמונגען פון פאַרשידענע קונסט־זשאַנערן. די אויפטריטן פון דער פּילצאָליקער ישראל־דעלעגאַציע, אין וועלכער עס האָבן דאָמינירט די מיטגלידער פון השומר הצעיר און פון ישראלדיקן קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד, האָבן געפונען אַ באַזונדער גרויסן אָפּקלאַנג צווישן דער באַפעלקערונג בכלל און גאָר באַזונדער צווישן יידן. מיט ענטוזיאַזם ממש זענען אויפגענומען געוואָרן די טענץ פון די תימנער און דאָס פרעכטיקע געזאַנג פונעם כאָר. צווישן די אויסלענדישע דעלעגאַציעס זענען געווען העכער 700 יידישע יונגעלייט, וועלכע זענען צו אונדז געקומען זיך דער־וויסן וועגן דער לאַגע פון די יידן אין פּוילן, וועגן דעם כאַראַקטער און צילן פון אונדזער טעטיקייט. עס זענען געווען יוגנטלעכע, וועלכע האָבן אין יידישקייט געזען בלויז דעם רעליגיעזן עלעמענט און קודם־כל אויסגעפרעגט ווי זעט עס אויס ביי אונדז, אין דער קאָמוניסטישער מדינה. אַנדערע, און נישט בלויז פון ישראל, האָבן דעם אינהאַלט פון יידישקייט געזען אין דער אידענטיפיצירונג מיטן

ציוניזם. געווען אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן אויף אונדז געקוקט ווי אויף אַ בייז ווונדער: אין אַ קאָמוניסטיש לאַנד זיך אָפּזונדערן! דאָס איז דאָך... נאַציאָנאַליזם. מיר האָבן באַשלאָסן איינאָרדענען אַן אַלגעמיינעם יידישן יוגנט־צונויפקום. אין אַ גרויסן זאַל פון אַ מיניסטעריום, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון אונדזער הויפּט־פאַרוואַלטונג, זענען זיך צונויפגעקומען ביי 400 יידישע יוגנטלעכע פון פראַנקרייך און ענגלאַנד, איטאַליע און האָלאַנד, בעלגיע און מערב־דייטשלאַנד, אויך פון טשעכאָסלאָוואַקיע און רומעניע, פון צפון־ און דרום־אַמעריקע.

מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט האָט מען אויסגעהערט אונדזערע אויפקלערונגען, וועלכע זענען איבערגעזעצט געוואָרן פון יידיש אויף עטלעכע שפּראַכן. עס זענען געווען אויך צווישנרופן, דער עיקר מצד דער ישראלדיקער דעלעגאַציע. די אַל־געמיינע אַטמאָספער איז אָבער פאַר אונדז געווען אַ גינסטיקע. יוגנטלעכע פון פאַרשידענע לענדער זענען געקומען אונדז באַדאַנקען און מיר האָבן גלייכצייטיק אויפגענומען זייערע אַדרעסן, כדי אָנצוהאַלטן מיט זיי אַ פאַרבינדונג. געווען איז ביי אונדז דאָס גוטע געפיל פון אָטעמען מיט פרישער לופט, וואָס איז געקומען דורך דער געעפנטער טיר צו דער וועלט.

אין חודש אָקטאָבער 1957 איז צו אונדז געקומען אַ דעלעגאַציע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס מיט פּראָפ׳ טאַרטאַקאָווער, א. איסטערמאַן, (וועלכער האָט זיך באַצייכנט אַלס „סקאָטלענדישער ליטוואַק״) און אינזש׳ אַנשל רייס, מיט וועלכע מיר זענען פון לאַנג געווען באַקאַנט, נאָך פון דער צייט, ווען מיר האָבן באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין יידישן וועלט־קאָנגרעס. אין די פריִערדיקע יאָרן, פאַר דער צייט פון קאַמף קעגן „נאַציאָנאַליסטישן, רעכטן אָפּנייג״ האָבן די שמועסן מיט די פאָרשטייערס פון יידישן וועלט־קאָנגרעס געווייגלעך געפירט שמעון זאַכאַריאַש, יואל לאַזעבניק און איך. דאָס מאָל איז עס שוין געווען אַנדערש. די שמועסן האָבן הויפּטזעכלעך געפירט ד״ר ד. ספּאַרד, אַלס סעקרעטאַר פון דער הויפּט־פאַר־וואַלטונג, און איך, אַלס פאָרזיצער. מיר האָבן געהאַט באַשלאָסן (אין הסכם מיט דעם וועגן וואָס מיר האָבן געהאַט זיך צונויפגערעדט מיטן אויסערן־מיניסטער, אַדאַם ראַפּאַצקי), אַז מיר באַנייען אונדזער צוזאַמענאַרבעט מיטן יידישן וועלט־קאָנגרעס, אָבער אויף זיין נאָענטסטער סעסיע, אין זשענעווע, וועלן מיר קומען אַלס אָבסערוואַטאָרן. מיר האָבן פאָרויס דערקלערט, אַז מיר וועלן פאַראורטיילן די פּאָליטיק פון „ווידערגוטמאַכונג״, די קליימס־קאָנפערענץ, לויט דער איניציאַטיוו פון פרעזידענט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, ד״ר נחום גאָלדמאַן. אין דער דאָזיקער פּאָליטיק האָבן מיר געזען אַן אַקט פון מוחל זיין די, וועלכע האָבן אומגעבראַכט 6 מיליאָן יידן, אַן אופן פון דעקן די פאַרברעכערס צוליב די באַקומענע פון מערב־דייטשלאַנד „פאַרגיטיקונג״־געלטער. אַרום דעם האָט זיך געפירט צווישן אונדז אַ לאַנגע דיסקוסיע. הגם קיינער פון די פאָרשטייערס פון קאָנגרעס האָט נישט נעגירט דאָס רעכט אַרויסצוקומען מיט אונדזער שטעלונג בעת דער סעסיע פון קאָנגרעס, האָבן זיי דאָך באַשטרייט אונדזער קאַטעגאָרישע באַצייכענונג אַלס פאַרראַט לגבי דעם אָנדענק פון די פאַרפייניקטע יידן פון אייראָפּע.

קיין זשענעווע זענען מיר געקומען אין דרייען: מ. מירסקי, ד״ר ד. ספאַרד און איך. בעת דער סעסיע גופא איז דערגאַנגען צו זייער אַ שאַרפן קאָנפליקט מיט דעם ד״ר נחום גאָלדמאַן. געשען איז אַזוי, אַז נאָך ד״ר גאָלדמאַנס הויפּט־רעפעראַט האָב איך, אַלס ערשטער אין דער דיסקוסיע, אַרויסגעבראַכט אונדזער שטעלונג לגבי די עיקרדיקע פּראָבלעמען. דערביי איז מיר נישט באַגרענעצט געוואָרן די צייט און ס׳האָט זיך ממילא באַקומען ווי אַ קאָררעפעראַט, וועלכער האָט באַשטרייט ד״ר גאָלדמאַנס פעסטשטעלונג, אַז נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָך דער אויסראָטונג פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, האָט דער אַנטי־סעמיטיזם פאַרלאָרן זיין ווירקונג. דער נעאָנאַציזם אין מערב־דייטשלאַנד איז אַ פולשטענדיק בולטער באַוויז ווי נישט ריכטיק און דעמאָביליזירנדיק עס איז ד״ר גאָלדמאַנס באַגאַטעליזירן דעם נאָך־מלחמהדיקן אַנטיסעמיטיזם.

דער ענין „גוטמאַכונג״ האָט געגעבן די מעגלעכקייט, אַלס פאַרשטייער פון פּוילן, אַרויסצוברענגען פאַר דער סעסיע די גרייס פון אונדזער נאַציאָנאַלן בראָך, וואָס קאָן נישט און טאָר נישט פאַרגעסן ווערן, אַוודאי נישט פאַרן פּרייז פון די דייטשע „פאַרגיטיקונג־געלטער״. כ׳האָב דערביי אילוסטרירט, ווי אַזוי עס האָט רעאַגירט אַזאַ גרויסער יידישער פּאָעט און געטאָ־קעמפער, ווי אַברהם סוצקעווער, ווען ער האָט אין ישראל דערזען שפּילצייג, וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרן אין דייטשלאַנד. כ׳האָב פאַרענדיקט מיט דער באַשולדיקונג, אַז די „קליימס־קאָנפע־רענץ״, גערופן לויט דער איניציאַטיוו פון ד״ר גאָלדמאַן, איז אַ פאַרזעצונג פון דער פּאָליטיק בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען אויף אונדזער רוף פון די געטאָס איז קיין הילף נישט געקומען.

אין זיין ענטפער האָט דער ד״ר נחום גאָלדמאַן געוואָרפן אויף אונדז די באַשולדיקונג, אַז אויך מיר, אין פּוילן, באַנוצן זיך מיט די דייטשע געלטער.

איך האָב אים פון אָרט געענטפערט, אַז ביי דער פּוילישער שליאַכטע איז געווען אַ געזעץ, אַז ווען עמעצער האָט געזאָגט אַ ליגן, האָט מען אים געצוווּנגען אַרונטערצוקריכן אונטערן טיש און אָפּבילן... ד״ר גאָלדמאַן וועט דאָס נאָך מוזן טאָן!

מיר האָבן גלייך נאָך דעם פאַרלאָזט דעם זיצונגס־זאַל און זענען אַוועק צו דער דירעקציע פון „דזשאָינט״. דאָרט האָבן מיר באַקומען אַ שריפטלעכע באַ־שטעטיקונג, אַז די אַלע געלט־סומעס, וועלכע זענען באַשטימט פאַר די יידן אין פּוילן, שטאַמען נישט פון די קליימס־געלטער, נאָר פון „יונייטעד דזשוּיִש אַפּיל״ — פון דעם געזאַמלטן געלט ביי די אַמעריקאַנער יידן. מיט דער דאָזיקער דערקלערונג זענען מיר צוריקגעקומען צו דער סעסיע. אין איר ווייטערדיקן גאַנג האָבן מ. מירסקי און ד. ספאַרד אַרויסגעבראַכט אונדזער שטעלונג לגבי די אַלע פּראָבלעמען, וואָס זענען געשטאַנען פאַרן יידישן פאָלק אין דער פאַרשאַרפטער נאָך־מלחמה־צייט.

ביי די אָנפירער פון יידישן וועלט־קאָנגרעס איז געווען אַ מיינונג וועגן אַן אונטערשייד אין דער שטעלונג פון די מיטגלידער פון אונדזער דעלעגאַציע. מיך האָט מען פאַררעכנט צו די „האַרטע״. אין דער אמתן איז סיי בעת די שמועסן מיט דער דעלעגאַציע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין וואַרשע, און סיי אין אונדזערע

אַרויסטרעטונגען בעת דער סעסיע אין דער שווייץ — קיין שום וועזנטלעכער אונטערשייד נישט געווען. אַ נאַטירלעכער אונטערשייד איז בלויז געווען אין דעם סטיל, אין דעם נוסח פון איבערגעבן אונדזער אַלגעמיינע שטעלונג.

געווען איז אַ פּרוּוו צו באַנייען ענגערע קאָנטאַקטן מיט יידישע אינסטיטוציעס אין רומעניע. געקומען בין איך דאָרט, ווען ס'איז אָנגעגאַנגען אויף אַ גרינטלעכן אופן דער פּראָצעס פון „אויסרייניקן" די פּאַרטיי און רעגירונגס־אַמטן פון יידן, ווען אויפן בוקאַרעשטער פליפעלד זענען נאָך געשטאַנען אַזש צוויי סטאַטועס פון סטאַלינען, הגם דאָס איז שוין געווען נאָכן 20טן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמפּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. קיין זכר פון די אַמאָליקע יידישע דעמאָקראַטישע קאָמי־טעטן איז שוין נישט געווען. אויך דער „איקוף" איז געווען ליקווידירט *). געבליבן זענען בלויז די יידישע רעליגיעזע קהילות בראש פון וועלכע עס זענען אין אַלע שטעט געשטאַנען... קאָמוניסטן. זיי האָבן די „מאַכט" דאָרט געטיילט מיט די רעליגיעזע טוערס, וועלכע זענען מיט דער צייט געוואָרן, אויף אַ נאַטירלעכן אופן, די איינציקע אָנפירערס פון די קהילות. געווען איז עס פאַרבונדן מיט אַ טיף־פּרינציפּיעלער ענדערונג לגבי דער יידישער באַפעלקערונג: פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט מיט אירע אַלזייטיקע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע, קולטורעלע און רע־ליגיעזע באַדערפעניש'ן ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען די יידן אין רומעניע, בעת דער פאָלקס־מאַכט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעליגיעזער מינ־דערהייט, הגם מיט געוויסע וועלטלעכע אויסדרוקן. דער אָרגאַניזירטער אַרויספאָר (פאַר גאָר אַ היפּשן פּרייז) קיין ישראל, האָט אין אַ באַטייטנדיקער מאָס פאַר־קלענערט די צאָל יידן אין רומעניע. דער איינציקער וועלטלעכער קולטור־פאַקטאָר אין דעם אַמאָל גרויסן רומעניש־יידישן ייִשוב, וועלכער האָט געהאַט אַרויסגעגעבן פון זיך באַוווּסטע טאַלאַנטן אויפן געביט פון וויסנשאַפט, פון יידישער ליטעראַטור און קונסט, איז געבליבן דאָס יידישע מלוכה־טעאַטער.

מיט פאַרשטייערס פון יידישע אָרגאַניזאַציעס אין טשעכאָסלאָוואַקיע, אין אונ־גאַרן, אין מזרח־דייטשלאַנד — זיי אַלע האָבן רעפּרעזענטירט רעליגיעזע פאַר־באַנדן — און פון יוגאָסלאַוויע און בולגאַריע פלעגן מיר זיך באַגעגענען בלויז בעתן אָפּמערקן די יאָרטעג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, אָדער בעת געמיינזאַמע פּאָליטישע אַקציעס, דער עיקר קעגן נעאָנאַציזם אין מערב־דייטשלאַנד. קיין אַרבעטס־קאָנטאַקטן ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט זענען צווישן אונדז מער נישט געווען.

ענגערע און אָפטערע פאַרבינדונגען האָבן מיר אָנגעהאַלטן מיט די אָנפירנ־דיקע טוערס פון די יידישע לינקע אָרגאַניזאַציעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין פראַנקרייך, קאַנאַדע, טיילווייז אויך אין אַרגענטינע. מיר פלעגן זיך קעגנ־

*) אויף מיין פראַגע צו דעם באַגעגנטן אין בוקאַרעשט געוועזענעם פאַרזיצער פון „איקוף" אין רומעניע: „ווו פאַרברענגט היינט אַזאַ ייד, ווי איר?", האָט ער מיר געענטפערט: „זייער אָפט אין בית־מדרש — דאָס איינציקע אָרט, ווו עס קומען זיך נאָך צונויף יידן אין דער סאָציאַליסטישער רומעניע..."

זייטיק אינפֿאָרמירן וועגן פּראַגן, וואָס זענען אויפֿגעקומען אין דער יידישער פֿאָלקס־סביבה און צייטנווייז אונטערנעמען צוזאַמען קאָנקרעטע אַקציעס.

צוזאַמען מיטן עפּענען „טיר און טויער" פֿאַר ברייטע פֿאַרבינדונגען מיט יידישע אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט, זענען מיר געווען געצוווּנגען אָפּצוהאַלטן זיך פֿון פֿאַרבינדונגען מיט גאָר נאָענטע אונדז מענטשן און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אויסגעדריקט אידעען און שטעלונגען, וואָס זענען ערשט מיט יאָרן שפּעטער געוואָרן אונדז אייגן נאָענט.

דער פיינלעכער אפשייד פון גוטע פריינד

אין דער זעלבער צייט, ווען מיר האבן אנגעהויבן ארויסגיין פון דער געצוואונגענער איזאלאציע און האבן באקומען פארבינדונגען מיט ברייטערע יידישע געזעלשאפטלעכע קרייזן אויפן מערב (דער עיקר בעת דער סעסיע פון יידישן וועלט־קאנגרעס און בעת אלץ אפטערע באזוכן אין פוילן פון אויסלענדישע יידישע דעלעגאציעס), האבן מיר פולשטענדיק איבערגעריסן די פארבינדונגען מיט גאר נאענטע, איבערגעגעבענע פריינד. געווען זענען עס לאנגיאריקע אנפירנדיקע טוערס פון דער יידישער קאמוניסטישער באוועגונג; געווען זענען עס באוווּסטע יידישע שרייבערס, קולטור־טוערס, וועלכע האבן מיט זייער שאפן און געזעלשאפטלעכער טעטיקייט באווירקט ברייטע שיכטן יידישע פאלקס־מענטשן. געווען זענען עס מענטשן, וועלכע האבן געהאלטן, אז עס איז האפענונגסלאז לענגער צו ווארטן אויף דער מעגלעכקייט, אז די סאוועטישע פירער פון דער נאך־סטאלין־צייט זאלן אומקערן די סאוועטישע יידן די סאציאל־פאליטישע און נאציאנאל־קולטורעלע גלייכבארעכטיקונג דורך אפשאפן די אנטי־יידישע אויסנאם־נארמעס. דערפון — דער אויספיר, וועלכן זיי האבן געמאכט: איבעררייסן מיט דער קאמוניסטישער באוועגונג, ארויסקומען עפנטלעך מיט פראטעסט־דערקלערונגען, מיט דעמאסקירן די אנטי־יידישע פאליטיק אין סאוועטן־פארבאנד.

אזוי איז עס געשען אין קאנאדע, ווו די געוועזענע צענטראלע פארטיי־טוערס, מיטגלידער פון דעם פאליטביורא אדער אנפירערס פון וויכטיקע מאסן־ארגאניזאציעס — קודם־כל די באוווּסטע ארבעטער־טוערס יוסף ב. זאלצבערג, הערי בינדער, סעם ליפשיץ, מאריס בידערמאן, און לויט זייער ביישפיל א סך אנדערע, האבן עפנטלעך דערקלערט, אז זיי טרעטן ארויס פון דער קאמוניסטישער פארטיי און רייסן איבער מיט יענע ארגאניזאציעס, וואס געפינען זיך אונטער א קאמוניסטישער ווירקונג. זיי האבן באשלאסן צו שאפן אן ארגאניזאציע — די „נייע פראטערנאלע יידישע געזעלשאפט", וועלכע דארף — לויט דער דערקלערונג פון איר מיטגרינדער, סעם ליפשיץ — „אין איר אריענטאציע און אין אירע טעטיקייטן זיין באהויכט פון די פונדאמענטאלע אידעען פון אמתן יושר און ברידערלעכקייט, אין א וועלט פון פרייהייט פאר אלע פעלקער, אבער אין דער ערשטער ריי פארן יידישן פאלק און פאר זיין פעסטונג — מדינת ישראל".

אזוי איז געשען אין פראנקרייך, ווו די קאמוניסטישע פארטיי האט געהאט גרויסע ווירקונגען צווישן די יידישע ארבעטס־מענטשן און אינטעליגענץ. פון דער פראקאמוניסטישער יידישער ארגאניזאציע „אוניאן" זענען אוועק די יידישע

שרייבערס און פּילצאָליקע אַרבעטער־טוערס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, פון די לאַנדסמאַנשאַפטן. דעם ווי און צאַרן צוליב דער סאָוועטישער שחיטה איבער די וויכטיקסטע שעפערס פון דער דאָרטיקער יידישער ליטעראַטור, פון יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן, האָט אויפן טיפסטן אופן אויסגעדריקט דער דיכטער משה שולשטיין אין זיין פּאָעטיש ווערק „בלומען פון באַדויער". דעם אינערלעכן געוויסן־געראַנגל פון יידישע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן מוראדיק שווער איבערגעלעבט דעם דויערנדיקן סטאַליניסטן פאַרלייקענען די יידישע נאַציאָ־נאַלע רעכט, האָט אין פּראָזע־ווערק אַרויסגעבראַכט דער שרייבער בנימין שלעווין, וועלכער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע צייטשריפט מיטן פּילזאָגנדיקן נאָמען „אונדזער אייניקייט", וואָס איז געווען געווידמעט דער לאַגע פון די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. טיף האָט געגרייכט דער אַנאַליז פון דעם ליטעראַטור־פאָרשער מרדכי ליטווין וועגן דאָס געשעענע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אַזוי איז געווען אין אַרגענטינע. פון דער דאָרטיקער פּראָסטאַלינישער „איקוף"־אָרגאַניזאַציע זענען אַוועק אַלטע פאַרדינסטפולע אַרבעטער־טוערס, שרייבערס און פּובליציסטן, אַזעלכע ווי, נחמן דרעקסלער, שמעון לעוונטאַל, מימי פּינזאָן, זיינוול פּזשעדבאָרסקי, ד"ר סאַלאָמאָן געלער, גריגאָרי לערנער. זיי האָבן געשאַפן אַ נייע אָרגאַניזאַציע — „אַרגענטינער יידישע קולטור־באַוועגונג", וועלכע האָט זיך אַנגעשלאָסן אויף דעם אַקטיווסטן אופן אין דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. זייער פּרעסע־אָרגאַן — „פרייע שטימע" דערשיינט אין יידיש און אין שפּאַניש.

אַנדערש האָט אויסגעזען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווו די לינקע באַוועגונג איז בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה שטאַרק אויסגעוואַקסן און האָט ביז אַ צייט קאָנצענטרירט אַרום זיך די גרעסטע שעפערס פון דער יידישער ליטעראַטור, באַוווּסטע געלערנטע און אָנגעזעענע טוערס פון דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג. אין קעגנזאַץ צו דער דאָרטיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט שקלאַפיש־טריי איבערגעחזרט די מאָסקווער ליניע אויך אין דער יידישער פראַגע, האָט די פּראָגרעסיווע יידישע באַוועגונג דערקלערט אין די פּופּציקער יאָרן איר אומ־אָפּהענגיקייט פון וועלכע עס איז פּאַקטאָרן, חוץ פון דעם ווילן און שטעלונג פון די יידישע אַרבעטס־מענטשן, וועלכע האָבן זיך אָרגאַניזירט אין די יידישע קולטור־קלובן (ווי אַ פאַרזעצונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרגאַן, וועלכער איז בעת דעם מאַק־קאַרטי־טעראָר ליקווידירט געוואָרן), אין דעם „איקוף" און אין אַ ריי קרובישע אָרגאַניזאַציעס און גרופּן. די דאָזיקע אומאָפּהענגיקע שטעלונג, וועלכע האָט צווישן אַנדערן זיך אויסגעדריקט אין מאָגען — אין דער „מאָרגן־פרייהייט", אין דער „יידישער קולטור" און אין ווענדונגען צו דער סאָ־וועטישער אָנפירונג צום אומקערן די יידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד די מעגלעכקייט פאַר יידישער קולטור־אַנטוויקלונג, האָט געבראַכט דערצו, אַז דער רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן־פרייהייט", פּסח נאָוויק, איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי. דאָס זעלבע אַזעלכע אָנפירנדיקע יידישע טוערס, ווי חיים סולער, ישראל פריד, גדליה סאַנדלער. טייל שרייבערס און זשורנאַליסטן זענען אַליין

אַוועק פון דער דאָזיקער אולטראַ־סעקטאַנטישער, פּראָסטאַלינישער פּאַרטיי.

דער וועג פון פאַרלאָזן די קאָמוניסטישע פּאַרטייען האָט אונדז, אין פּוילן, דאַן אויסגעזען ווי אַן אָפּזאָג פון דעם בעסטן אופן צו באַווירקן די סאָוועטישע פירערס זיי זאָלן ענדערן זייער שטעלונג לגבי די מיליאָנען סאָוועטישע יידן — פון דעם אינערלעך־קאָמוניסטישן דרוק, פון דער נאָך אַנאַנדיקער פאָדערונג מצד קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין לענדער מיט אַ גרויסער יידישער באַפעלקערונג צום אומקערן זיך צו דער פּאָליטיק לגבי די סאָוועטישע יידן, אַזוי ווי זי איז אַנגעווענדעט געוואָרן ביז די דרייסיקער יאָרן. מיר האָבן געוווסט וועגן די באַמיונגען אין דער היניזיכט מצד דעם פירער פון די פראַנצייזישע קאָמוניסטן, מאָריס טאָרעז, אויך פון אַ ריי קאָמוניסטישע פירערס פון אַנדערע לענדער. דאָס אַוועקגיין פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג פון אַזאַ פירנדיקער פּערזענלעכקייט, ווי י. ב. זאַלצבערג, וועלכער האָט געהאַט באַוויזן צו שטעלן פאַר כרושטשאָוון דרייסט און אַנטשלאָסן דעם יידיש־סאָוועטישן פּראָבלעם, האָט אונדז אויסגעזען ווי אַ פאַרקלענערונג פון די מעגלעכקייטן דירעקט צו באַווירקן די סאָוועטישע פירערס.

דער צושטאַנד אין אַ ריי לענדער, ווו יידישע אַרבעטער־טוערס און אינטעלעקטואַלן האָבן מאַסנווייז געגומען פאַרלאָזן די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, האָט אויסגעזען, ווי דער אָנהייב פון פאַנאַנדערפאַלן פון דער יידישער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וועלכע האָט אין משך פון צענדליקער יאָרן קאַמף און אידעאָלאָגישער ווירקונג געהאַט דערגרייכט אַ ביז גאָר וויכטיקע פּאָזיציע נישט בלויז צווישן יידישע אַרבעטערס, נאָר אויך צווישן גרויסע מאַסן פון פּויפּעריזירטן יידישן בירגערטום. אַ באַוועגונג, וואָס האָט דערצויגן פיל טויזנטער איבערגעגעבענע מיט לייב און לעבן, אויסגעפּרוווטע קעמפערס, וועלכע זענען נישט איינגעבראָכן געוואָרן דורך דעם צעווילדעטן טעראָר; אַ באַוועגונג, וואָס האָט מיט אירע פּראָגראַם־איינשטעלונגען פאַרגעשטעלט, ביזן סטאַלינישן פּעריאָד, אַן אַלטערנאַטיוו צום גענעראַלן לייזן די יידן־פּראָגע; אַ באַוועגונג, וואָס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל ביים אָרגאַניזירן אין די געטאָס און טויט־לאַגערן דעם ווידערשטאַנד קעגן היטלעריזם.

אויף אונדז האָבן אָבער צו יענער צייט נאָך געווירקט די קאָמוניסטישע נאָרמעס, וואָס האָבן פאַרפּליכטעט איבערצורייסן די פאַרבינדונג מיט יאָרנלאַנגע קאַמפּס־חברים, וועלכע האָבן אין די שווערסטע יאָרן נאָך דער מלחמה אונדז געהאָלפן. אין דער זעלבער צייט האָבן מיר זיך אַנטשלאָסן אויף אַ שריט, וואָס האָט געבראָכן די שטרענגסטע נאָרמעס פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. נישט געקוקט אויף דער מעגלעכקייט באַשולדיקט צו ווערן אין אַרויסטרעטן ווי אַ פראַקציע, דערצו נאָך פון נאַציאָנאַלן (גיכער פון נאַציאָנאַליסטישן) כאַראַקטער, האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצוקומען מיט אַ קאָלעקטיווער ווענדונג אונטער וועלכער עס זאָלן זיין די אונטערשריפטן פון לאַנגיאָריקע יידישע קאָמוניסטישע טוערס, אָנטיילנעמערס אין דער פאַרמלחמהדיקער אונטערערדישער טעטיקייט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן — מיטגלידער פון דער אָנפירונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן

פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן. ביי יעדן אונטערשריפט איז צוגעגעבן געוואָרן דאָס יאָר פון אַריינטרעטן אין קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד און אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דער איינציקער, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן דעם דאָקומענט איז געווען... שמעון זאַכאַריאַש.

אונדזער ווענדונג איז געווען אַדרעסירט, צוליב ריין פאָרמעלע טעמים, צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי, אָבער אונדזער שטרעבונג איז געווען, (און אַזוי איז געמאָלדן געוואָרן) אַז דער דאָקומענט זאָל דערגיין צו אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען, וועלכע האָבן געזאָלט, צום ערשטן מאָל נאָכן ליקווידירן דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, זיך צונויפקומען אויף אַ קאָנפערענץ אין מאָסקווע.

אונדזער ווענדונג האָט זיך אָנגעהויבן אויף פאָלגנדיקן אופן:

„די אונטערגעשריבענע אונטן טוערס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פוילן און פון דער פוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכע זענען אין משך פון אַ סך יאָרן טעטיק צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, באַגערן צו ווענדן אייער אויפמערקזאַמקייט אויף דער טראַגישער און דראַנגדיקער מיט פאַטאַלע רעזולטאַטן פּאָליטישער דערשיינונג, וואָס האָט אַן אָרט אין אַלע לענדער, ווו עס געפינט זיך אַ יידישע באַפעלקערונג.

נאָכן 20סטן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד לאָזט זיך אָבסערווירן אַ מאַסנהאַפטער פאַרלאָזן די רייען פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען דורך זייערע מיטגלידער פון יידישער נאַציאָנאַליטעט, ווי אויך אַ פאַרקלענערונג פון דער סימפּאַטיע פאַר דעם פּסס״ר און דער קאָמוניסטישער באַוועגונג מצד די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן. אַזאַ צושטאַנד הערשט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין ענגלאַנד, קאַנאַדע, אַרגענטינע, בראַזיל, פראַנקרייך און ישראל. אין פוילן האָט די דאָזיקע דערשיינונג אָנגענומען אַן אַנדער כאַראַקטער. די אָפּגעראַטעוועטע נאָך דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע רעשטן פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַרלאָזן מאַסנווייז דאָס לאַנד. צווישן די וואָס פאָרן אַוועק זענען אויך דאָ מיטגלידער פון אונדזער פּאַרטיי, פון דער פוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי. אַ סך פון זיי זענען מענטשן, וועלכע האָבן צענדליקער יאָרן געקעמפט אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. זיי פאַרלאָזן דאָס לאַנד, זיי זאָגן זיך אָפּ פון דער פּאַרטיי. אַזאַ מין, צייטנווייז נאָך מער דערדריקנדיקע שטימונג, הערשט צווישן די יידן־רעפּאַטריאַנטן, וועלכע קערן זיך לעצטנס צוריק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. נישט ווייניק צווישן זיי זענען געוועזענע מיטגלידער פון דער קפּס״פּ. דאָס זענען מענטשן אַנטוישטע, רעזיגנירטע.

אָבסערווירנדיק די דאָזיקע טרויעריקע פאַקטן, קומט אויף די פראַגע: ווו שטעקן די סיבות פון דער דאָזיקער דערשיינונג, וואָס האָט נישט קיין פּרעצעדענט אין דער געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג צווישן

דער אַרבעטנדיקער יידישער באַפעלקערונג? ווי דאַרף מען אָפּשאַצן די דאָזיקע פאַקטן? די דאָזיקע ענינים באַאומרויִקן נישט בלויז די קאָמוניסטישע טוערס צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. זיי באַאומרויִקן ביי אונדז קאָמוניסטן בכלל, די פוילישע אינטעליגענץ. מענטשן זוכן אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער טראַגישער פראַגע״.

אונדזער ווענדונג האָט געמאַכט אַן איבערבליק איבער דער געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג צווישן יידן, אָנהייבנדיק פון דער צייט נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. דערביי האָבן מיר אונטערגעשטראָכן, אַז „די קאָמוניסטישע באַוועגונג איז געוואָרן אַ מעכטיקער גראַוויטאַציע־כוח נישט בלויז פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך פאַר אַנדערע סאָציאַלע שיכטן״. געשען איז עס דערפאַר, ווייל

„די יידישע מאַסן, וועלכע זענען געוואָרן סאָציאַל און נאַציאָנאַל אונטערדריקט, האָבן געליטן פון פּאָגראָמען, האָבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד באַקומען נישט בלויז פולע בירגער־גלייכבאַרעכטיקונג, נאָר אויך נאַציאָנאַלע. זיי האָבן באַקומען אַזעלכע רעכט, וועלכע עס האָט אַפילו ריין פאָרמעל נישט פאַרזיכערט קיין שום בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע אויפן מערב״.

ווייטער זענען אויסגערעכנט געוואָרן, אַזוי ווי אין דעם אַרטיקל „אונדזער ווייטיק און אונדזער טרייסט״, די אַלע דערגרייכונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער בויונג פון נאַציאָנאַלע, מלוכהשע און קאָמונאַלע אָרגאַנען און גאָר באַזונדער אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער פאָלקס־קולטור, פון דער יידישער סאָוועטישער בילדונג.

פאַרשטעלנדיק דעם אַקטועלן צושטאַנד האָט אונדזער דאָקומענט אונטערגעשטראָכן, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד „איז נישטאָ קיין שום אויסדרוק פון געזעלשאַפטלעכן, קולטורעלן און וויסנשאַפטלעכן לעבן אין דער יידישער שפּראַך. די דאָזיקע שפּראַך איז פאַקטיש געלייגט געוואָרן אין חרם״.

אונדזער ווענדונג האָט דערביי געמאַכט אַן איבערבליק איבער דעם, ווי אַזוי דאָס איז געשען זינט דער ליקווידאַציע פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, פון דער צייטונג „אייניקייט״, פון די ליטעראַרישע יידישע זשורנאַלן, פון דעם „עמעס״־פאַרלאַג, ביזן דערמאָרדן די באַוווסטע אין דער גאָרער וועלט יידישע שרייבערס, „מען דאַרף באַמערקן״ — זאָגט זיך אין אונדזער דאָקומענט, אַז

„...אין דעם ענין פון די שרייבערס איז נישט בעתן דורכפירן די אַרעסטן, נישט אין די שפּעטערדיקע יאָרן און נישט נאָכן דערשיסן זיי, ביז דעם לעצטן מאָמענט, נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן קיין שום עפנטלעכער דאָקומענט, וואָס קלערט אויף דעם ענין, וואָס רעהאַביליטירט עפנטלעך די אומשולדיק־דערמאָרדעטע און שטעלט צוריק אויף די נישט־געזעצלעך ליקווידירטע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס״.

דער דאָקומענט דערמאָנט דעם ענין פון בייזוויליקן אַנטפלעקן אין דער סאָ־

וועטישער פּרעסע די פּסעוודאָנימען און קריפּטאָנימען פון אַ ריי ליטעראַטור־קריטיקערס פון יידישן אָפּשטאַם. עס ווערן אַרויסגעבראַכט די שווערע איבערלעבונגען פון די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד בעת תדעם דאָקטוירים־בילבול, דער אָפענער אַנטיסעמיטיזם אויף די גאַסן פון די סאָוועטישע שטעט און אין די טראַמוויען, דער באָיקאָט אויף יידישע דאָקטוירים.

אין הסכם מיטן אמת זענען די אונטערגעשריבענע אונטער דעם דאָקומענט זיך מודה, אַז

„די ליקווידאַציע פון 1948 איז פאַר אונדז, אַלטע פּאַרטיי־מיטגלידער, קפּ״פּ־אָוצעס געווען אומפאַרשטענדלעך און האָט געבראַכט צו אַן איינערלעכער צעריסנקייט... מיר האָבן געטראַכט, אַז עס איז אַ מיספאַרשטענדעניש, וואָס וועט מיט דער צייט אויפגעקלערט ווערן, אַז ס׳איז געמאַכט געוואָרן אַ טעות, וואָס וועט אַוודאי פאַרריכט ווערן. אין אונדזערע הערצער האָט זיך געעפנט אַ נייע וווּנד לעבן יענער, וואָס איז געקומען צוליב ליקווידירן אונדזער העלדישע פּאַרטיי — די קפּ״פּ״.

ערשט נאָכן 20טן צוזאַמענפאַר פון דער קפּס״פּ — דערקלערן די אויטאָרן פון דער ווענדונג —

„...האָבן מיר זיך אָנגעהויבן צו פאַרטראַכטן איבער דעם גאַנצן ענין און מיר זענען געקומען צום אויספיר, אַז דער ענין מיט די יידישע שרייבערס, די ליקווידאַציע פון אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אינסטיטוציעס, דער זאָקטוירים־ענין שטעלן נישט פאַר מיט זיך קיין אָפּגעריסענע דערשיינונגען, נאָר בינדן זיך אויף אַ טראַגישן אופן מיט דער פאַלשער פּאָליטיק לגבי דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אַ סך פריִער — נאָך אין דער צווייטער העלפט פון די דרייסיקער יאָרן״.

דער דאָקומענט נעמט שטעלונג צו די רייד וועגן דער כלומרשטער פולער אַסימילאַציע פון די סאָוועטישע יידן און דערקלערט, אַז דאָס, וואָס געשעט איצט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט די דאָרטיקע יידן, איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי צוואַנגס־אַסימילאַציע, דערביי בלויז אַ שפּראַכלעכע אַסימילאַציע״.
אין דעם גאַנצן דאָקומענט ווערט אַ סך מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז פון דעם צושטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געווינט קודם־כל דער יידישער נאַציאָנאַליזם. אייניקע מאָל ווערט אונטערגעשטראָכן די קעגנערשאַפט לגבי דעם ציוניזם, לגבי דעם בונד.

„געוויסע פאַקטאָרן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער — זאָגט זיך אין דעם דאָקומענט — הויבן אָן צו דערקלערן אַלס אידענטיש די סאָציאַליסטישע בויונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט דער פּאָליטיק פון צוואַנג־אַסימילאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג, מיט ליקווידירן די נאַציאָנאַלע פאָרמען פון איר געזעלשאַפטלעכן, קולטורעלן און מאָראַלישן אויסלעבן זיך.

די דאָזיקע פּאָליטיק רופט אַרויס צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין דער גאַרער וועלט די מיינונג, אַז דער סאָציאַליזם איז נישט פעיִק צו לייזן און לייזט נישט די יידן־פראַגע, נידעריקט אַראָפּ דעם באַטייט פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אַלס נאַציאָנאַל־באַפרייונגס־באַוועגונג. די דאָזיקע פּאָליטיק דינט אַלס שפּייז פאַרן יידישן נאַציאָנאַליזם און קלעריקאַליזם״.

דער דאָקומענט ענדיקט זיך מיטן רוף:

„מיר ווענדן זיך צו אייך מיט דעם דאָזיקן פּיינלעכן ענין מיט דער האָפענונג, אַז איר וועט העלפן דערפירן צו זיין גערעכטער לייזונג״.

מיט דעם דאָזיקן דאָקומענט בין איך אַוועק צו דעם פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר דעם א״ג „אידעאָלאָגישן פראָנט״, דעם מיטגליד פון פּאָליטביוראָ און סעק־רעטאַר פון צ״ק, יעזשי מאָראַווסקי. הגם מיט קנאַפּע האָפענונגען, אַז ער וועט העלפן ברענגען אונדזער ווענדונג צו די אָנטיילנעמערס אין דער ערשטער נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען (אין זכרון איז נאָך פריש געווען זיין אָפּשלעפּן מיטן באַשטעטיקן אונ־דזער אַרטיקל נאָכן 20טן צוזאַמענפאָר), איז ער אָבער געווען דער באַרופענער צו נעמען שטעלונג צו אַזאַ מין דאָקומענט. און ער האָט אויך דאָס מאָל... זיך אַרויסגעדרייט. ער האָט לאַנג געקוקט אויף מיר נאָכן איבערלייענען די 9 זייטלעך מאַשינשריפט און האָט געפונען דעם תירוץ: ער פאַרט דאָך נישט קיין מאָסקווע אין באַשטאַנד פון דער דעלעגאַציע, אַזוי אַז ער קען נישט העלפן דער דאָקומענט זאָל דערגיין. ער וועט מיר תיכף פאַרבינדן מיטן סעקרעטאַר פון צ״ק, ראָמאַן זאַמבראָווסקי, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אַלס דעלעגאַט אויף דער אינטער־נאַציאָנאַלער קאָמוניסטן־קאָנפערענץ.

זאַמבראָווסקי האָט גענומען לייענען אונדזער ווענדונג און האָט אין מיטן איבערגעריסן. ער האָט גענומען האַסטיק שפּאַנען איבערן קאַבינעט, אויף אַ רגע זיך אָפּגעשטעלט לעבן מיר און מיט פאַרכמורעטע אויגן מיך שטרענג אָנגעקוקט. באַלד האָט ער זיך צוריק אַוועקגעזעצט און גענומען ווייטער לייענען.

— צי גיט איר זיך אָפּ אַ חשבון, אַז איר האָט אָנגעשריבן אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דער מעכטיקסטער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דער וועלט? אַז איר פאַרלאַנגט פון אונדז מיר זאָלן העלפן שטעלן די דאָזיקע פּאַרטיי פאַרן משפּט פון אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין דער וועלט? אַז אַנשטאָט דער שטרעבונג צו שטאַרקן די אייניקייט צווישן די פּאַרטייען — דאַרף די באַציִונג צו דער יידן־פראַגע דינען אויף אַרויסצורופן חילוקי־דעות?!

כ׳האָב אים געענטפערט, אַז דער דאָזיקער אינערלעכער דאָקומענט רופט צום פאַרריכטן די עוולות לגבי דעם סאַמע געליטענעם פאָלק; אַז מיר זענען עס מחויב צו טאָן, אַז נישט וואָלטן מיר נישט דערפילט אונדזער חוב לגבי דעם פאָלק אין זיין גרויסער נויט; אַז דעם אופן, ווי אַזוי אונדזער ווענדונג זאָל ברענגען צו אַ גערעכטער לייזונג, זאָלן באַשליסן די פאַרשטייערס פון די

וויכטיקסטע קאָמוניסטישע פּאַרטייען, אַזעלכע ווי טאָליאַטי (פון איטאַליע), טאָרעז (פון פראַנקרייך) צוזאַמען מיט די פּאַרשטייערס פון פּוילן. זיי וועלן געפינען אַ וועג פון עפעקטיווער ווירקונג.

דעם שמועס האָט ר. זאַמבראָווסקי געענדיקט מיטן צוזאָג איבערצוגעבן דעם דאָקומענט גאָמולקאַן און צוזאַמען מיט אים באַשליסן וואָס צו טאָן. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז נאָכן קומען פון דער קאָנפערענץ, וועט ער מיר איבערגעבן וועגן דעם רעזולטאַט.

ער האָט זיין וואָרט נישט געהאַלטן. אָבער דערוווּסט האָב איך זיך, אַז אונדזער דאָקומענט איז דערגאַנגען צו דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. דורך אַ מיטאַרבעטער פון דער „פאָלקס־שטימע", וועלכער איז געפאָרן צו אַ ברודער קיין מאָסקווע, האָב איך איבערגעשיקט אַ בריוו צו איינער פון דעם עלטסטן דור באָלשעוויקעס, יעלענאַ סטאַסאָוואַ, וועלכע איז נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע געווען דער סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. אָן אָפּשטאַמיקע פון דער רוסישער אַריסטאָקראַטיע האָט זי גאָר יונג זיך פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. זי האָט אַרויסגעוויזן אַלע מאָל גרויס אינטערעס צו דער לאַגע פון די יידן. מיין באַקאַנטשאַפט מיט איר האָט געשטאַמט פון די אָנהייב דרייסיקער יאָרן, ווען זי איז געווען די פאַרזיצערין פון מאָפּ"ר (אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע צו העלפן פּאָליטישע אַרעסטירטע) און האָט אויסגעהערט מיינע אַן אינפאָרמאַציע וועגן דער לאַגע אין די פּוילישע תּפיסות.

גלייך נאָכן אַרויסקומען פון וואַלד בין איך געווען ביי איר, כּדי זיך דערוויסן וועגן די אויסזיכטן צוריק אויפצובויען דאָס חרובע יידישע געזעלשאַפט־לעבנס און קולטור־לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אויף מיין בריוו מיט דער אינפאָרמאַציע וועגן אונדזער ווענדונג צו אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען, האָט זי געענטפערט, אַז זי האָט זיך געענוי דערוווּסט סיי וועגן אינהאַלט פון בריוו און סיי וועגן דעם, אַז ער איז דערגאַנגען „ווו מען דאַרף". זי האָט איר בריוו געענדיקט מיטן אָנזאָג: „פּראָדאָלזשאַיטיע וו־טאָם זשע דוכע!" — „זעצט פאָר אין דעם זעלבן גייסט!". גלייכצייטיק האָט זי מיטגעשיקט אירע זכרונות וועגן דער יידישער רעוואָלוציאָנערין מרים שאַוער, כּדי צו פאַרעפנטלעכן אין דער „פאָלקס־שטימע".

קיין שום ידיעות, אַז מ'זאָל זיך גרייטן אויף אַ וועזנטלעכן אופן צום ענדערן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד די באַציִונג צו די באַדערפעניש פון דער יידישער באַפעלקערונג, האָבן מיר נישט געהאַט. עס זענען געווען קלאַנגען וועגן דעם, אַז בקרוב דאַרף דערשיינען אַ יידישע צייטונג, אַ יידישער זשורנאַל, וועגן אַ שטענדיקן יידישן טעאַטער. די דאָזיקע קלאַנגען זענען אָבער געווען נישט מער ווי חלשות־טראָפּנס. קיין ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס האָט געמאַטערט ביז ווייטיק — פון וואַנעט שטאַמט דאָס עקשנותדיקע אַנטקעגנשטעלן זיך צום געבן די קרוב 4 מיליאָן סאָוועטישע יידן די זעלבע רעכט, ווי די קלענסטע עטנישע

גרופּן — האָבן מיר נאָך צו יענער צייט נישט געהאַט. אויפן זכרון איז געקומען די טיף באַליידיקנדיקע, בולט־אַנטיסעמיטישע „פראַגע״, וואָס עס האָט מיר געהאַט געשטעלט גלייך נאָכן אַרויסקומען פון וואַלד, דער סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ווייסרוסלאַנד זאַקור־דאַיעוו: „פאַר וואָס האָט מען קיינעם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד נישט אַזוי פיינט, ווי די יידן?!״ *)

און דאָך האָט געלעבט די האָפענונג, אַז עס מוז, אַז עס וועט קומען אַן ענדערונג; אַז ווירקן דאַרף מען פון אינעווייניק, ווי באַזאָרגטע פאַר דעם גורל פון דער גאַנצער באַוועגונג; אַז מיט אונדזער טאָג־טעגלעכער, אַלזייטיקער געזעלשאַפטלעכער און קולטור־אַרבעט, וועגן וועלכער עס האָבן געוווסט סאָוועטישע יידן און זענען דורך איר דערמוטיקט געוואָרן צו פאָדערן זייערע רעכט, וועלן מיר עפעקטיוו ביַיטראָגן לטובת אַ גרינטלעכן קער אין דער באַציִונג פון דער סאָוועטישער אָנפירונג צו דער יידישער באַפעלקערונג.

*) זע מיין בוך „ווו ביסטו חבר סידאָראָוו״, זייט 235.

צוריק צום אַלטן און... נאָך ערגער

אויף צוריקוועגס פונעם גרויסן מיטינג אין חודש אָקטאָבער 1956, ווען גאָמולקאַ האָט אין זיין פּראָגראַם־רעדע אָנגעזאָגט גרינטלעכע דעמאָקראַטישע ענדערונגען אין פּוילן, האָט דעם מוח געעקבערט די פראַגע: ווי קומט עס, וואָס די געשיכטע, בעת אירן אַ גרינטלעכן קער, גיט אָפּט איבער דעם גורל פון פעלקער און לענדער אין צום ווייניקסטנס באַרופענע הענט? אַזוי איז עס געשען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווו דער אינטעלעקטועל באַגרענעצטער כרושטשאָוו, איז גע־שטעלט געוואָרן בראש פון דעם פּראָצעס פון אָפּרייניקן דעם סאָוועטישן אָרגאַניזם פון דעם סטאַליניסטן ווילדפּלייש; אַזוי איז עס געשען אין פּוילן, ווו דער אויטאָ־קראַטישער גאָמולקאַ איז געוואָרן דער אָנזאָגער פון דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער הערשנדיקער פּאַרטיי און מלוכה־רעזשים.

דער סוף אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געווען: צוריק צום אַלטן.

דער סוף אין פּוילן — דער זעלבער, און נאָך ערגער.

אין דעם אינערלעכן פּאַרטייאישן שטרייט צווישן די פּראָסטאַליניסטישע „נאַטאָ־לינער" און די „פּולאַווער", וועלכע האָבן אויפריכטיק געשטרעבט צו געוויסע דעמאָקראַטישע ענדערונגען, האָט „דער באַנייער", וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ, זיך אַנטשלאָסן נאָכצוגעבן דער נאַטאָלין־ריכטונג, וועלכע איז אָפן געשטיצט געוואָרן דורך דער סאָוועטישער אָנפירונג. בפרט, אַז צו די נאַטאָלינער „העלדן פון נעכטיקן טאָג" זענען צוגעשטאַנען די לייט פון „פּאַקס".

די אָרגאַניזאַציע „פּאַקס" איז אַנטשטאַנען לויט דער אויסשליסלעכער איני־ציאַטיוו פון די סאָוועטישע אָרגאַנען מיטן ציל צו דינען אַלס דיווערסיע־אַגענטור קעגן דער אָפיציעלער קאַטוילישער היעראַרכיע אין פּוילן. בראש פון „פּאַקס" איז געשטעלט געוואָרן באָלעסלאַוו פּיאַסעצקי *) — דער געוועזענער אָנפירער פון דער פּאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע „אָנ"ר" („נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציע"), וועלכע האָט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געפירט די ווילדסטע אַנטיסעמי־טישע העצע אין פּוילן. ער איז אַרעסטירט געוואָרן דורך די סאָוועטישע אָרגאַנען

---

*) מיין „אַלטער חבר" האָט מיר דערציילט, אַז בעת איינער פון די שטורמישע פאַר־זאַמלונגען אין זיכערהייט־מיניסטעריום („בעזפּיעקע" — פּאָליטישע פּאָליציי), נאָך סטאַלינס טויט, האָט לונאַ בריסטיגער, די דירעקטאָרין פון 5טן דעפּאַרטאַמענט פון דעם דאָזיקן מיניסטעריום (דער דעפּאַרטאַמענט צו באַקעמפן דיווערסיעס און אויס־לענדישע, חוץ סאָוועטישע, ווירקונגען אין פּוילן) דערקלערט, אַז מיט פּיאַסעצקין און זיין אָרגאַניזאַציע האָבן דירעקט אָנגעפירט בלויז סאָוועטישע פאַקטאָרן און אַז זי האָט מיטן פירער פון „פּאַקס" געהאַט זיך באַגעגנט בלויז צוויי־דריי מאָל.

גלייך נאָך דער באַפרייונג פון פּוילן און אין דער צייט פון אַרעסט האָט מען מיט אים אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט באַפרייט ווערן, כדי צו שאַפן דעם „פּאַקס". פּיאַסעצקי האָט מיטגעהאָלפן די סאָוועטישע אָרגאַנען צו ליקווידירן די דעלעגאַטור פון דער לאָנדאָנער עמיגראַציע־רעגירונג אין פּוילן. „פּאַקס" איז דער עיקר געווען אַ קאַדרען־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט באַקומען די ברייטסטע פינאַנציעלע מעגלעכקייטן דורך אָנפירן מיט ווירטשאַפטלעך־קאָמערציעלע אונטערנעמונגען און מיט אַ גרויסן ביכער־פאַרלאַג. אַרום „פּאַקס" האָבן זיך דער עיקר קאָנצענטרירט קאָרומפּירטע עלעמענטן פון צווישן דער פּוילישער אַנטיסעמיטישער אינטעליגענץ. „פּאַקס" האָט באַקומען די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן אַ טעגלעכע צייטונג אין דער צייט, ווען דעם קאַטוילישן קלער איז געגעבן געוואָרן די באַגרענעצטע דורך דער צענזור מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן בלויז אַ וואָכנבלאַט, וועלכער איז זייער אָפט קאָנפיסקירט געוואָרן.

די אָנפירונג פון „פּאַקס" האָט פולשטענדיק זיך סאָלידאַריזירט מיט די פּראָ־סטאַלינישע עלעמענטן. באָלעסלאַוו פּיאַסעצקי, וועלכער האָט אין דער צייט פון דער היטלערישער אָקופּאַציע געהאָלפן אויסראָטן יידן און איז זיך נוקם געווען אין פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אויסבאַהאַלטן יידן, איז מיט דער צייט באַשטימט געוואָרן אַלס מיטגליד פון פּוילישן מלוכה־ראַט און צום סוף — אַלס וויצע־פּאַרזיצער פון מלוכה־ראַט (וויצע־פּרעזידענט פון פּוילן).

אין הסכם מיט גאָמולקאַס נעאָסטאַלינישער ליניע זענען שטופּנווייז „באַ־פרייט" געוואָרן פון דער אָנפירונג די רעפּרעזענטאַנטן פון דער ריכטונג, וואָס האָט געשטרעבט צו אַ באַשטימטער באַנייונג. פון דעם פּאָליטביוראָ איז אויס־געשלאָסן געוואָרן יעזשי מאָראַווסקי, שפּעטער אויך ראָמאַן זאַמבראָווסקי. דער סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט, וולאַדיסלאַוו מאַטווין איז אַראָפּגענומען גע־וואָרן פון דער אַרבעט. אָפּגעזאָגט איז געוואָרן דער בילדונג־מיניסטער וולאַדיסלאַוו ביענקאָווסקי, *) דער פּאַרזיצער פון וואַרשעווער נאַציאָנאַל־ראַט גענעראַל יאַנוש זאַזשיצקי. לויט אַ פּאָדערונג פון גאָמולקאַן איז ליקווידירט געוואָרן דאָס וואָכנ־בלאַט „פּאָפּראָסטו", וועלכער האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך אַ קאָלעקטיוו יונגע, דרייסטע, טאַלאַנטפולע זשורנאַליסטן. „פּאָפּראָסטו" האָט אָפּגעשפּילט אַן אומגע־הויער וויכטיקע ראָל ביים אַרויסברעכנגען אויף דער ליכטיקער שיין די סטאַלינישע

---

*) וולאַדיסלאַוו ביענקאָווסקי איז אין דער צייט פון דער היטלערישער אָקופּאַציע געווען איינער פון די פירערס פון פפּ"ר (פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי), און דער אויטאָר פון אירע וויכטיקסטע פּראָגראַם־דאָקומענטן. אַלס בילדונג־מיניסטער, נאָך גאָמולקאָס אומקערן זיך צו דער מאַכט, האָט ער דורכגעפירט אַ ריי וויכטיקע רעפאָרמען אין דעם פּוילישן שולוועזן. ער האָט אויך דערלויבט צו לערנען רעליגיע מיט קינדער, וועמענס עלטערן האָבן דאָס פאַרלאַנגט. ער איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי אַלס „רעוויזיאָניסט". אין אויסלאַנד, דער עיקר אין פּאַריז, זענען דערשינען אַ ריי זיינע ביכער, וועלכע קריטיקירן אויף אַ גרינטלעכן אופן די סאָציאַלע און קולטור־פּאָליטיק פון דער פּוילישער רעגירונגס־סיסטעם. וו. ביענקאָווסקי האָט גע־הערט צו דעם אָפּאָזיציאָנעלן „קאָמיטעט צום פאַרטיידיקן די אַרבעטער" („קאָר").

פאַרקריפּלונגען פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער מלוכה־אָרדענונג, האָט דעמאָס־קירט דאָס ברעכן די געזעצלעכקייט דורך די מאַכט־אָרגאַנען, דאָס פאַרטאַכלעווען דעם פאָלקס־פאַרמעגן, קודם־כל אין יענע ווירטשאַפט־צווייגן, וועלכע זענען אָנ־געפירט געוואָרן דורך מאָסקווער דערצויגלינגען און זייערע סאָוועטישע ראַט־געבערס. געטריי דער טראַדיציע פון דער פאַרמלחמהדיקער, אָפט קאָנפיסקירטער און לסוף ליקווידירטער דורך דער צענזור צייטשריפט „פּאָפּראָסטו", וועמענס רעדאַקטאָר עס איז געווען ד״ר הענריק דעמבינסקי, האָט די ליקווידירטע דורך גאָמולקאַן „פּאָפּראָסטו" געהאַט געדרוקט ביז גאָר שאַרפע אַרטיקלען קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם און זיינע פּריידיקערס — די „נאַטאָליגער" און „פּאַקס"־לייט. קעגן דער גאָמולקאַ־ליקווידאַציע זענען אין צענטער פון וואַרשע פאַרגעקומען פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס פון דער סטודענטישער יוגנט. דער פּאַרטיי־שער און מלוכה־אַפּאַראַט איז אַלץ מער באַהערשט געוואָרן דורך פּראָסטאַלינישע עלעמענטן.

ליקווידירט איז געוואָרן, צוליב זיין ראַדיקאַל־קריטישן אַנאַליז און פאַרגע־שלאָגענע רעפאָרמען, דער עקאָנאָמישער ראַט ביים מיניסטאָרן־קאַבינעט, וועלכער איז באַשטאַנען פון באַוווסטע געלערנטע — עקאָנאָמיסטן, סאָציאָלאָגן, ווי אויך פון מענטשן מיט אַ פּיליאָריקער ווירטשאַפטלעכער פּראַקטיק, בראש מיטן טעאָרע־טיקער־עקאָנאָמיסט פּראָפ' אָסקאַר לאַנגע. די געשאַפענע בעתן „פּוילישן אָקטאָבער" אַרבעטער־זעלבסטפאַרוואַלטונגען זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רעכטלאָזע „קאָנ־פערענצן פון אַרבעטער־זעלבסטפאַרוואַלטונגען", וועלכע זענען אין זייער מערהייט באַשטאַנען פון פאַרשטייערס פון די פאַבריק־אַדמיניסטראַציעס, פון פאַרטיי־פונק־ציאָנערן און פון פּראָפאַראייניגשע ביוראָקראַטן. ס'איז ליקווידירט געוואָרן דער „קאָמיטעט פאַר עפנטלעכער זיכערקייט", וועלכער איז געקומען, נאָך סטאַלינס טויט, אויפן אָרט פון זיכערהייט־מיניסטעריום און זיין טעראָריסטישער פּראַקטיק. דער דאָזיקער קאָמיטעט איז הויפּטזעכלעך באַשטאַנען פון אַלטע קאָמוניסטישע טוערס, וועלכע האָבן זיך געהאַט פאַרנומען מיט אינערלעך־פּאַרטיייִשער אַרבעט. *) גאָמולקאַ האָט אָנשטאָט דעם קאָמיטעט צוריק אויפגעשטעלט דאָס אינערן־מיניס־טעריום, איינשליסנדיק אין זיין באַשטאַנד די פּאָליטישע פּאָליציי, די „בעזפּיעקע", אַלס דאָמינירנדיקן אָרגאַן. דעמאָלט איז פאַר דער עפנטלעכקייט אויפגעקומען דאָס שרעקבילד פון דעם מענטש, וועלכער איז באַצייכנט געוואָרן דורך יידן אַלס

---

*) פאַרזיצער פון דעם קאָמיטעט איז געווען דער געוועזענער סעקרעטאַר פון צ״ק, פּופּ״ר פּשטשולקאָווסקי, זיין פאַרטרעטער — דער מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פּופּ״ר א. אַלסטער, אַלס מיטגלידער פון קאָמיטעט — דער געוו' סעקרעטאַר פון לאָדזשער פּאַרטיי־קאָמיטעט, פּטאַשינסקי, דער געוו' פּאַרטיזאַן פון ווילנער געגנט, שענקעוויטש און פּולק' פּאַשקאָווסקי.

„פוילישער הימלער״.*) דער געענדערטער נאָמען מיעטשיסלאַוו מאָטשאַר האָט געהערט דעם אָפּשטאַמיקן פון די „קרעסן״ (פוילישע מזרחדיקע ראַנד־געביטן) ניקאָלאַי דעמקאָ, וועלכער האָט זיך אָנגעגעבן אַלס אָנגעהעריקער צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פאַר דער מלחמה. לאַדזשער קאָמוניסטן האָבן עס געלייקנט. אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך געפונען אין ביאַליסטאָק און פון דאָרט איז ער אַוועק אין דער אָקופּירטער דורך די היטלעריסטן וואַרשע. מאָטשאַר האָט אָרגאַניזירט די ערשטע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג אין דער קעלצער געגנט, וועלכע איז געווען אין רשות פון שטאַב פון דער „גוואַרדיאַ ליודאָוואַ״. פון יענער צייט האָט געשטאַמט זיין כּעס אויף די סאָוועטישע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט אים באַזאָרגן מיט געווער. זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר נישט קיין זיכערן. ווי ס׳איז אונדז באַוווּסט געוואָרן, האָט שוין דעמאָלט זיך בולט אָנטפּלעקט זיין אַנטי־יידישע רציחה צוליב דעם, וואָס דעם ייד לעאָן קאַסמאַן, וועלכער איז אויף אַ פאַלשירעם אַראָפּגעלאָזט געוואָרן הינטער וואַרשע, כּדי צו שאַפן די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, האָבן די סאָוועטן נישט געזשאַלעוועט קיין געווער.

נאָך גאָמולקאַס רעהאַביליטאַציע איז מ. מאָטשאַר באַשטימט געוואָרן אַלס וויצע־אינערן־מיניסטער, אין וועמענס אויסשליסלעכן רשות עס האָבן זיך געפונען אַלע זיכערהייט־ענינים, די גאַנצע פּאָליטישע פּאָליציי. בראש פון מיניסטעריום איז געשטאַנען דער געוועזענער סעקרעטאַר פון וואַרשעווער פּאַרטיי־קאָמיטעט, וולאַדיסלאַוו וויכאַ, וועלכער האָט קיין שום באַשלוס נישט אָנגענומען אָן דער סאַנקציע פון מאָטשאַרן. אין אַ צייט אַרום איז וויכאַ, ווי מען האָט זיך אויסגעדריקט אין פוילן, „אַרויפגעקאָפּעט געוואָרן אויבן״. כּדי צו באַפרייען דעם אַמט אַלס אינערן־מיניסטער פאַר מאָטשאַרן, איז וויכאַ באַשטימט געוואָרן אַלס איינער פון די סעקרעטאַרן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, מיט די סאַמע באַגרענעצטע קאָמפּעטענצן.

איינער פון די ערשטע אַנטיסעמיטישע אויפטועט פון מאָטשאַרן איז געווען צו שאַפן אַ ספּעציעלן „יידנאָמט״ בראש מיט דעם באַוווּסטן יידן־שונא, וואַליכנאָווסקי. פאַר דעם דאָזיקן אַמט האָט מאָטשאַר געשטעלט די אויפגאַבע דורכצופירן קודם־כל אַ גענויעם דיסקאָנט פון יידן, פון פאַרשטעלטע יידן, פון משומדים, פון אָפּשטאַמיקע פון יידן. דערביי איז איבערגעשטיגן געוואָרן די היטלערישע נאָרמע, וועלכע האָט פאַררעכנט דעם יידישן אָפּשטאַם ביזן דריטן דור — וואַליכנאָווסקיס דירעקטיוו

---

*) בעת עס איז באַקעמפט געוואָרן, ביים סוף פון די פערציקער יאָרן, די גאָמולקאַ־גרופּע, איז מאָטשאַר, דער אָנגעהעריקער צו דער דאָזיקער גרופּע, נישט בלויז געשוינט געוואָרן, נאָר איז באַשטימט געוואָרן אויף אָנפירנדיקע רעגירונג־פּאָסטנס (אַלס וואָיעוואָדע און אַלס מיניסטער). אים איז צו יענער צייט זיכער בייגעשטאַנען זיין שאַרף דעמאַסקירנדיקע רעדע קעגן גאָמולקאָן אויף אַ פּלענום פון צ״ק. און דאָך האָט אים גאָמולקאַ מוחל געווען בעת ער איז צוריק געוואָרן דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי.

איז געווען צו גרייכן וויטער, ביזן פערטן דור. *) די דאָזיקע ראַסיסטישע מאַטשאַר־פּאָליטיק, ווי אַ צוגרייטונג צום גרינטלעכן „אויסרייניקן" דעם פּאַרטייִשן און רעגירונגס־אַפּאַראַט פון יידן, האָט אַרויסגערופן אַ דערווידערונג אַפילו צווישן „בעזפּיעקע"־לייט, אַלטע קאָמוניסטן. אַזוי, למשל, האָט דער שעף פון דעם וואַר־שעווער זיכערהייט־אַמט, פּאָלקאָווניק דזשעמידאָוו, זיך אָפּגעזאָגט איינצופירן די ספּעציעלע „יידישע טעקעס" מיט אַנקעטעס פון 100 ביז 1000 פראַגן. אַלס פּראָ־טעסט קעגן דער דאָזיקער היטלערישער פּאָליטיק האָט ער זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע.

ביז גאָר שווערע צייטן זענען אָנגעקומען פאַר דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פּוילן. אין משך פון אַלע יאָרן פון אונדזער טעטיקייט זענען מיר געווען דירעקט פאַרבונדן מיט די צענטראַלע פּאַרטיי־אָרגאַנען — מיט די אָפּטיילונגען פאַר קולטור, פאַר אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן, פאַר פּרעסע, מיט דער אויסלענדישער אָפּטיילונג — אָפּהענגיק פון די פראַגן וועלכע האָבן פאַרלאַנגט אַ פּאַרטייִשע סאַנקציע אָדער אינטערווענץ ביי פאַרשידענע אָרגאַנען. וואָס שייך בודזשעט־פראַגן און ענינים, וואָס זענען שייך געווען די אַדמיניסטראַטיווע אָר־גאַנען אין צענטער און אין די וואָיעוואָדישע שטעט, פלעגן מיר עס דערליידיקן דורך דעם אַמט פון וויצע־פּרעמיער.

די לאַגע האָט זיך טיילוויז געענדערט ווען מיט אַלע אונדזערע ענינים אין צ"ק פון דער פּאַרטיי האָבן מיר זיך געדאַרפט קודם־כּל ווענדן צו דעם פאַרוואַלטער מיט דער אָפּטיילונג פאַר אַדמיניסטראַציע, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט דער פּוילישער דרוקער־אַרבעטער, אַן אַלטער קאָמוניסט, אַלעקסאַנדער סלאָוו. ער איז גלייכצייטיק אויך געווען דער סעקרעטאַר פון דער נאַציאָנאַליטעטן־קאָמיסיע פון צ"ק.

אומדערוואַרט איז א. סלאָוו אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זיין אַמט, אָן צו זאָגן אים פאַר וואָס. פאַרשטענדלעך איז עס געוואָרן, ווען א. סלאָוו האָט מיר איבערגעגעבן ווער עס איז באַשטימט געוואָרן אויף זיין אָרט. אַלס פאַרוואַלטער פון דער אָפּ־טיילונג פאַר אַדמיניסטראַציע איז באַשטימט געוואָרן איינער פון די זיילן פון די „נאַטאָלינער", גענעראַל קאַזשימיעזש וויטאַשעווסקי (געוועזענער אָנפירער מיט דער „פּאָליטיש־דערציִערישער פאַרוואַלטונג" פון דער פּוילישער אַרמיי, געהילף פון דעם מאַרשאַל ק. ראַקאָסאָווסקי, און נאָכן „פּוילישן אָקטאָבער" איז ער „דע־גראַדירט" געוואָרן צום אַמט פון אַמבאַסאַדאָר אין טשעכאָסלאָוואַקיע). צו איינעם פון זיינע פריִערדיקע „אויפטוען" האָט געהערט די רייניקונג פון דער פּוילישער

*) אין וואַרשע איז געווען אַ פּריווילעגירטע מיטלשול פאַר קינדער פון די „הויכע פּענצטער". ב. וואָליכנאָווסקי האָט געהאַט אַ חשד, אַז דער דירעקטאָר רעדליך איז אַ פאַרשטעלטער ייד. ער האָט אַרויסגעשיקט ספּעציעלע שליחים אין דער געבוירן־שטאָט פון דעם דירעקטאָר, כדי צו זען אויב אויף זיין טאַטנס קבר איז פאַראַן אַ צלם...

אַרמיי פון יידישע אָפיצירן.*) פאַר אונדז איז קלאָר געווען, וואָס מיר האָבן צו דערוואַרטן פון דעם נייעם פאַרוואַלטער פון דער אַדמיניסטראַציע־אָפּטיילונג, וועמענס קאָמפּעטענצן זענען שטאַרק אויסגעברייטערט געוואָרן. ער האָט באַקומען די פּאַרטייישע אויפזיכט איבער אַלע מיניסטעריומס, איינגעשלאָסן דאָס אינערן־מיניסטעריום. (חוץ די ווירטשאַפטלעכע און די מיניסטעריומס פאַר נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג און אויסערן־ענינים). **)

נישט לאַנג איז אויסגעקומען צו וואַרטן אויף וויטאַשעווסקיס ענדערונגען. לויטן ביישפּיל פון די פאַרמלחמהדיקע רעאַקציאָנערע פוילישע רעגירונגען זענען אַלע אָרגאַניזאַציעס פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן (חוץ רעליגיעזע) געשטעלט געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון אינערן־מיניסטעריום, פּאַקטיש — אונטער מאַטשאַרס „בעזפּיעקע". דערביי איז אַלס דירעקטאָר פון דעם דעפּאַרטאַמענט, וועלכער האָט געדאַרפט אָנפירן מיט די אָרגאַניזאַציעס פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, באַשטימט געוואָרן דער געוועזענער וויצע־דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט צו באַקעמפן... אויסלענדישע דיווערסיעס און ווירקונגען — הענריק כמיעלעווסקי.

שוין בעת אונדזער טרעפונג מיט כמיעלעווסקין איז דערגאַנגען צו אַ שאַרפן קאָנפליקט. פון אים האָב איך דערהערט, אויף אַן איבערפּראַזירטן אופן, די „עצה" נישט צו שטופן זיך... ביי אים האָט עס געהייסן „נישט צופיל זיך צעשפּרייטן, ווייל... עס האָבן טענות די אוקראַינער — און זיי האָבן דאָך פאַר זיך אַ פּעריפעריע פון קרוב 400.000 בירגערס פון זייער נאַציאָנאַליטעט; עס האָבן טענות די ווייס־רוסן — ביי אַ פערטל מיליאָן זענען זיי, קאָנצענטרירט אין דער ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדשאַפט. זיי טענהען: אַזוי וויניק יידן זענען פאַראַן און דאָך האָבן זיי אַ צייטונג, אַ ליטעראַרישן זשורנאַל, אַ ביכער־פאַרלאַג, אַ מלוכה־טעאַטער, אַ היס־טאָרישן אינסטיטוט אאַ"וו. הכלל — זיי, די אוקראַינער און ווייסרוסן פאָדערן

---

*) בעת איינער אַ באַגעגעניש מיט ק. וויטאַשעווסקין האָט ער צו מיר זיך אָפּגערופן: „איך ווייס, אַז איר האַלט מיר פאַר אַן אַנטיסעמיט. דאָס האָט דאָך אָבער ר. זאַמ־בראָווסקי, דער סעקרעטאַר פון צ"ק, געהאַט צו מיר טענות פאַר וואָס עס גייט צו אַזוי פּאַמעלעך די רייניקונג אין דער אַרמיי פון די יידישע קאַדרען". אַלס באַווייז פון זיין יידן־פריינטשאַפט האָט ער איבערגעגעבן, אַז ער האָט געהאַט איינגעלאַדן צו זיך אַהיים, בעת ער איז געווען פאַרזיצער פון צענטראַל־ראַט פון די פּראָפעסיאָ־נעלע פאַראיינען, דעם שליח פון דער הסתדרות אויף אַ צוזאַמענפאָר אין פוילן, און אים מכבד געווען... מיט געפילטע פיש. (וויטאַשעווסקיס פּרוי איז אַ יידישע).

**) דער געוועזענער גענעראַל־פּראָקוראָר פון פוילן, פּראָפעסאָר אַנדזשיי בורדאַ דער־ציילט אין „טיגאָדניק פּאָווסעכני" (נומ. 26 פון 1981), אַז צו אַן אינסטרוקטיווער קאָנפערענץ פון וואָיעוואָדישע פּראָקוראָרן איז געקומען וויטאַשעווסקי, דער דעמאָל־טיקער אָנפירער פון דער אַדמיניסטראַטיווער אָפּטיילונג פון צ"ק, וועלכן ער כאַראַק־טעריזירט אויף פאָלגנדיקן אופן: „אַ באַגרענעצטער מענטש, פול מיט אומצוטרוי צו מיר ווי צו אַ ,ליבעראַל'. ער האָט גענומען אַ וואָרט און האָט אָנגערעדט אַ וועלט מיט אומזיניקייטן. און ער האָט זיך נאָך געווענדעט צו מיר מיט דער פראַגע, ווי אַזוי ס'האָט זיך באַקומען. איך האָב אים געזאָגט, אַז צום בעסטן וואָלט געווען, ווען ער וואָלט בכלל נישט געקומען און נישט גענומען קיין וואָרט".

דאָס זעלבע". איך האָב אים געענטפערט, אַז דאָס אַלץ קומט זיי בפירוש, אַלס גלייכבאַרעכטיקטע בירגערס. וואָס שייך דער צאָל יידן — זאָלן זיי אויך ציילן די יידן, וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די אוקראַינער באַנדעראָווצעס, דורך דער ווייסרוסישער „סאַמאָאָכאָווא", דורך דער גראַנאַט־פּאָליציי און די „שמאַלצאָווניקעס", ווי אויך דעם פאַרניכטעטן טויזנטיאָריקן קולטור־פאַרמעגן פון די פּוילישע יידן...

כמיעלעווסקי האָט אַן אַנגעברוגזטער זיך אויפגעשטעלט, וועלנדיק איבער־רייסן מיינע רייד. ער, דער „בעזפּיעקע"־מענטש, איז נישט געווען געוווינט צו דערווידערונגען. „מיר וועלן נאָך שמועסן" — האָט ער אָנגעזאָגט. און אַוועק איז בקרוב אַ „שמועס", דורך כמיעלעווסקיס אויבער־באַלעבאָס, וואָס האָט אָנגעזאָגט אַ ביז גאָר גרויסע געפאַר פאַר די יידן, וועלכע זענען נאָך ביידע אַרויספאַר־כוואַליעס געבליבן אין פּוילן.

דער בלוט־בלבול

דעם 20טן יאַנואַר 1957 זענען פאָרגעקומען אין פּוילן (לויטן אָנגענומענעם סאָוועטישן נוסח) וואַלן צום סיים. די טוערס און מיטגלידער פון קולטור־געזעל־שאַפטלעכן פאַרבאַנד, קודם־כל די מיטגלידער פון פּזפּ״ר, זענען געווען אַקטיוו באַטייליקט אַלס אַגיטאַטאָרן, אַלס מיטגלידער פון די וואַל־קאָמיסיעס, כאָטש קיין איין יידישער ייד האָט נישט פיגורירט אויף די קאַנדידאַטן־ליסטעס.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז צו דער עפנטלעכקייט דערגאַנגען די סענ־סאַציאָנעלע ידיעה, אַז דעם 22טן יאַנואַר, איז אין מיטן העלן טאָג, פאַרכאַפּט געוואָרן דער 17 יאָריקער זון פון „פּאַקס״־פירער, באָלעסלאַוו פּיאַסעצקי, באַהדאַן. אונדז האָט די ידיעה ממש פּריטשמעליעט, ווייל אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם ענין איז אַרעסטירט געוואָרן דער יידישער טאַקסי־שאָפער ז. עקערלינג.

אַ צייט לאַנג האָט ז. עקערלינג געאַרבעט אַלס שאָפער אין צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן, שפּעטער אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט. מיר האָבן צוזאַמען מיט זיין הויזגעזינט געוווינט אויף קאָנאָפּאַצקי־גאַס, אין פּראַגע, אין אַ געביידע, ווו עס זענען געווען בלויז יידישע משפחות. ביי אונדז איז אויפגעקומען דער חשד, צי מ׳וויל נישט אַמאָל צוטשעפּן דעם פאַרברעכן צו יידן, בפרט, אַז פּיאַסעצקיס לייט האָבן גאָר גיך צוגעשטעלט אַ „יאָר־עדות״, אַן אייגנטימער פון אַ צייטונגס־קיאָסק, וועלכער זאָל האָבן „געזען״, ווי ז. עקערלינג איז געפאָרן אין דער ריכטונג פון נאָוואָגראָדסקי־גאַס, ווו עס האָט זיך געפונען די געביידע פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פּוילן.

אונדז איז פריִער פאַר אַלץ געגאַנגען אין דעם צו וויסן גענוי אין וואָס מ׳איז חושד עקערלינגען, וואָס האָט מען פון אים געוואָלט אין דעם „מאָסטאָווסקי־פּאַלאַץ״ (די געביידע פון דער וואַרשעווער „בעזפּיעקע״). מיר האָבן געראָטן עקערלינגס פרוי תיכף זיך צו פאַרבינדן מיטן אַדוואָקאַט אַנאַטאָל ווערטהיים, דעם געוועזענעם סעקרעטאַר פון לאָדזשער יידישן קאָמיטעט.

בעת דער ערשטער אויספאָרשונג האָט די פּאָליציי געוואָלט זיך דערוויסן אין וואָס פאַראַ ריכטונג איז עקערלינג יענעם טאָג געפאָרן מיט זיין טאַקסי פון דער גרונט־סטאַציע אויפן ראָג פון זשעלאַזנע און לעשנאַ־גאַס. ער האָט אויסגערעכנט זיינע אַלע קורסן. צווישן אַנדערן האָט ער דערציילט, אַז ס׳זענען צו אים צוגעגאַנגען צוויי יונגעלייט און געראָדט אים געבעטן, הגם ער איז מיט זיין טאַקסי געווען דער דריטער אין דער ריי, ער זאָל מיט זיי פאָרן אין דער ריכטונג פון מאָקאָטאָוו (אַ ראַיאָן אין וואַרשע). דאָרט האָבן זיי, לעבן אַ

מיטלשול, געהייסן אים צוואַרטן. אין געציילטע מינוטן זענען זיי צוריקגעקומען מיט אַ שילער און געבעטן פאָרן צוריק אויף לעשנאַ־גאַס, צו דער געריכט־געביידע. אויפן וועג האָבן די פּאַסאַזשירן פריינטלעך געשמועסט צווישן זיך, אַזוי ווי אַלטע באַקאַנטע, וועגן פאַרשידענע ענינים, אויך וועגן אַ פילם, וואָס מ׳האָט געוויזן אין אַ וואַרשעווער קינאָ.

אויף לעשנאַ־גאַס זענען אַלע דריי אַרויס פון דער טאַקסי און אַוועק אין דער ריכטונג פון דער געריכט־געביידע. קיין שום באַזונדערס האָט ז. עקערלינג נישט באַמערקט אין זייער האַלטונג.

נאָך דער ערשטער אויספאָרשונג איז ז. עקערלינג באַפרייט געוואָרן. עטלעכע חדשים זענען דורך און מ׳האָט דעם שאָפער אַזוי ווי צו רו געלאָזן. פון פריִער האָט ער געהאַט באַשלאָסן צו פאָרן מיט דער משפחה קיין ישראל. אַלע פאָרמאַ־ליטעטן האָט ער געהאַט דורכגעפירט און באַלד זיך געלאָזט אין וועג.

ביי דער גרענעץ האָט מען אים אַראָפּגענומען פון דער באַן און באַפוילן צוריקפאָרן מיט דער משפחה קיין וואַרשע. דאָרט איז ער באַלד אַרעסטירט געוואָרן.

די לאַגע האָט אויסגעזען צו ווערן דראַמאַטיש. צום פאַרטיידיקן דעם יידישן שאָפער האָט מען אויך געדאַרפט צוציִען אַדוואָקאַטן — פּאָליאַקן, באַוווּסטע פון זייער פריינטשאַפט לגבי יידן. דער אַדוואָקאַט א. ווערטהיים האָט באַקומען דערויף די הסכמה צו באַטייליקן זיך אין דער פאַרטיידיקונג, פון דעם געוועזענעם וויצע־יוסטיץ־מיניסטער, אַדוו׳ סאַדורסקי און פון דעם באַקאַנטן פאַרטיידיקער אין פּאָליטישע פּראָצעסן פאַר דער מלחמה, אַדוו׳ מאַרקעוויטש.

אַ פּאָליצייִישער קאָמוניקאַט האָט איבערגעגעבן, אַז אַרבעטערס, וועלכע האָבן געבויט דעם מוראַנאָוו־יִישוב (אין דער געגנט פון געוועזענעם וואַרשעווער געטאָ) האָבן אין די רויִנען פון אַ קעלער געפונען דעם קערפּער פון באַהדאַן פּיאַסעצקי. באַלד האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז פּיאַסעצקיס זון איז געווען צוגענאַגלט, אַזוי ווי געקרייצט, צו דער וואַנט.

מיר האָבן באַקומען ידיעות, פון עטלעכע שטעט — ממש אַלאַרעמס, אַז עס ווערט ברייט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, הויפּטזעכלעך צווישן דער דאָרפישער באַפעל־קערונג און שטאָטישן קליינבירגערטום, אַז דאָס האָבן יידן דערמאָרדעט פּיאַסעצקיס זון. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז אין איינעם אַ טאָג האָבן מאַסן פּאָליאַקן, דער עיקר פרויען, זיך גענומען זאַמלען ביי דעם גאַנץ־געבליבענעם קלויסטער אויף לעשנאַ־גאַס אין וואַרשע, כדי צו זען דעם „וווּנדער" — די באַנייונג און באַגילדונג פון דעם צלם אויף דעם קלויסטערשפּיץ. צווישן פאַרזאַמלטן עולם איז אַוועק אַ קלאַנג, אַז דאָס האָט זיך באַוויזן, „גאָטס מוטער" נאָך דעם, ווי פּיאַסעצקיס זון איז געקרייצט געוואָרן דורך יידן.

די גענעראַל־פּראָקוראַטור האָט אַרויסגערופן דעם סעקרעטאַר פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון אונדזער פאַרבאַנד, ד"ר דוד ספאַרד. דאָס האָט דער פּערסאָנאַל־

לייטער *) פון דער הויפּט־פּאַרוואַלטונג, דער אַנגעוואָרפענער אונדז פון אויבן „טוער" פון אויבער־שלעזיע, חיים טשעשינסקי, געמאָלדן דער פּראָקוראַטור, אַז ד"ר ספּאַרד איז עס געווען דער יעניקער, וועלכער האָט אינטערווענירט ביי די מאַכט־אָרגאַנען זיי זאָלן פּאָזיטיוו דערליידיקן די ביטע פונעם שאָפער ז. עקערלינג און געבן אים די מעגלעכקייט צו פאָרן קיין ישראל. אַזעלכע אינטערווענצן פון אונדזער זייט זענען ווירקלעך געווען און נישט וויניק. מיר האָבן אָפּט געהאָלפן יידישע מענטשן, ווען זיי פלעגן באַגעגענען שוועריקייטן מצד די מלוכה־אָרגאַנען.

די שטראָפנדיקע האַנט פון דער „פאָלקס־גערעכטיקייט" האָט גענומען אונדז דראָען. בעת מיר האָבן געדאַרפט פאָרן קיין שטאָקהאָלם, אויף דער גענעראַל־סעסיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, האָט מען „אָפּגעשלעפּט" מיטן אַרויסגעבן ד"ר ספּאַרדן אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט, ביז מיר האָבן נישט געמאַכט אַ טומל אין צ"ק פּזפּ"ר. געשען איז אויך אַזוי, אַז צו יענער צייט בין איך געווען אין אַ סאַנאַטאָריע (נאָך אַן אָפּעראַציע) אין קריניצע. איך האָב פּלוצלונג דערפילט מיטן חוש פון אַן אונ־טערערד־טוער, אַז מ'גייט מיר נאָך. כ'האָב אָנגעהויבן צו „מאַנעווורירן", כדי זיך איבערצייגן, צי ווירקלעך געפינט איך זיך אונטער דער „אויפזיכט" פון אַ געהיים־אַגענט. דער נפש איז טראַט נאָך טראַט מיר נאָכגעגאַנגען. כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט און אויף אַ „פּאַרשטענדלעכן לשון" דערקלערט, אַז אויב ער וועט ווייטער מיר נאָכגיין, וועל איך אויף אַ פּאַרטיזאַנישן אופן זיך פון אים „אָפּטשעפּען".

מיר האָבן באַשלאָסן אָנצונעמען שריט, כדי נישט צו דערלאָזן צו קיין פּוילישער אויפלאַגע פון אַ ביילים־פּראָצעס און קעגן מעגלעכע אַנטי־יידישע אַרויסטרעטונגען. מיר האָבן באַאויפטראַגט דעם וויצע־פּאָרזיצער פון אונדזער הויפּט־פּאַרוואַלטונג, שמואל הורוויטש, אַז ער, אַלס יוריסט, זאָל תיכף זיך פאַרבינדן מיט די געהעריקע אָרגאַנען, ווי אויך מיטן אַרעסטירטן יידישן שאָפער און זאָל ווערן זיין פאַרטיידיקער.

אונדז איז באַקאַנט געוואָרן, אַז פּיאַסעצקי האָט אָנגאַזשירט אַ גאַנצע עקיפּע באַוווסטע פון פאַר דער מלחמה אַדוואָקאַטן, וועלכע האָבן בשעתו געהערט צו דער אַנטיסעמיטישער „ענדעציע" און צו דער פאַשיסטישער אָנ"ר. זיי האָבן צווישן זיך פונאַנדערגעטיילט די ראָלן, כדי אויפן פּראָצעס „באַווייזן", אַז דער שאָפער ז. עקערלינג איז געווען דער שליח „פון אינטערנאַציאָנאַלן יידנטום". אונדז איז אויך באַוווסט געוואָרן, אַז פּיאַסעצקין האָט מען דערלויבט צו קומען צו עקערלינגען אין דער תפיסה־צעל — עפּעס אַזוינס וואָס האָט נישט געהאַט קיין פּרעצעדענט — און ער האָט צוגעזאָגט דעם שאָפער, אַז אים וועט גאָרנישט געשען ווי באַלד ער וועט אַרויסגעבן די פאַראַנטוואָרטלעכע און שולדיקע אין פאַרכאַפּן און דערמאָרדן זיין זון.

אין דער זעלבער צייט האָבן די פּוילישע אַדוואָקאַטן, וועלכע האָבן געהאַט זיך אונטערגענומען צו פאַרטיידיקן דעם יידישן שאָפער, זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן אונטערן בפירושן דרוק פון דער „בעזפּיעקע". פון אַ שמועס מיטן גענעראַל־

---

*) אין פּוילן איז אַלגעמיין באַוווסט, אַז פּערסאָנאַל־לייטערס זענען אַגענטן פון דער פּאָליטישער פּאָליציי.

פּראָקוראָר קאַלינאָווסקי, בעתן אינטערוועניִרן וועגן אַרויסלאָזן עקערלינגען פון תפיסה, האָט דער אַדוואָקאַט אַנאַטאָל ווערטהיים באַקומען די אָנצוהערעניש, אַז אַנדערע פאַקטאָרן אַנטשיידן אין דעם גאַנצן ענין...

נאָך דעם ווי אונדזער וויצע־פּאָרזיצער, אַדוואָקאַט שמואל הורוויטש, האָט גענומען אויף זיך צו פאַרטיידיקן ז. עקערלינגען, זענען געקומען צו אים אין דער היים, באַלד אין דער פרי, 3 יונגעלייט פון „יענעם מקום", כדי אים צו ברענגען אין דער „בעזפּיעקע". אויף ש. הורוויטשס פראַגע, צי פירט מען אים אַלס באַשולדיקטן, האָבן זיי געענטפערט, אַז בלויז אַלס עדות, אָבער דאָך מוז ער גיין אין זייער „באַגלייטונג"...

אין דער „בעזפּיעקע" איז ש. הורוויטש „אויפגענומען" געוואָרן דורך אַ פאַר־טרעטער פון גענעראַל־פּראָקוראָר און צוויי הויכע אָפיצירן פון זיכערהייט־אַמט. זיי האָבן ממש זיך צעשריגן, אַז ש. הורוויטשס פאַרטיידיקונג איז נישט קיין געזעצלעכע ווייל... ער האָט עס נישט דערליידיקט דורך אַן אַדוואָקאַטן־קאָלעגיע, ווי דאָס איז אָנגענומען אין פּוילן. נאָך דעם זענען זיי אַרויס מיט קלאָרע דיבורים: זיי ווילן נישט, אַז דער וויצע־פּאָרזיצער פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פּוילן זאָל זיין דער פאַרטיידיקער אין פאַרשטייענדיקן פּראָצעס. זיי האָבן געדראָט: „איר ווילט דעם עקערלינג־פּראָצעס פאַרוואַנדלען אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן יידישן ענין. מיר וועלן דערצו נישט דערלאָזן". עקערלינג אַליין האָט געהאַט דערציילט, און ש. הורוויטש האָט עס אַרויסגעלייענט פון די אַקטן, אַז בעת דער אויספאָרשונג האָט מען דעם שאָפער פאַרגעוואָרפן, אַז אין דער צייט ווען ער האָט געפירט די אויטאָס פון צענטראַלע יידישע אינסטיטוציעס, פלעגט ער זיך טרעפן מיט יידישע טוערס פון אויסלאַנד און זיי האָבן עס אים געדונגען צו זיין דער נקמה־נעמער אין פּיאַסעצקין...

בעת דעם „שמועס" מיט ש. הורוויטשן, האָט מען אין דער „בעזפּיעקע" אים געדראָט, אַז ער וועט טייער באַצאָלן פאַר זיין ראָל אין דעם ענין. דאָס זעלבע האָבן זיי געדראָט דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אַלס גאַנצן, אַז ער וועט האָבן צו געדענקען דעם דאָזיקן פּראָצעס.

איך בין אַוועק צום סעקרעטאַר פון צ"ק, אונדזער גוטן פריינד יעזשי אַלברעכט און אים פאַרגעשטעלט די לאַגע. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז די געריכט־אינס־טאַנצן אין פּוילן זענען נישט די זעלבע, ווי פאַרן „פּוילישן אָקטאָבער" און מען דאַרף צו זיי האָבן צוטרוי, אַז זיי וועלן נישט דערלאָזן צו קיין פּראָוואָקאַציע.

גרינגער אויפן האַרצן איז נישט געוואָרן פון אַלברעכטס פאַרזיכערונג. נישט לייכט איז מיר אָנגעקומען צו ווערן אויפגענומען דורך דעם צווייטן, נאָך גאָמולקאַן, סעקרעטאַר פון צ"ק, זענאָן קלישקאָ. ער האָט מיר אויסגעהערט האַלטנדיק די גאַנצע צייט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און צום סוף מיר דערקלערט... דאָס זעלבע וואָס אַלברעכט: „מ'דאַרף האָבן צוטרוי צו אונדזער געריכט".

ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז עס דערנענטערט זיך דער טערמין פון פּראָצעס, זענען ש. הורוויטש און ד. ספאַרד אַוועק אין דעם אַמט פון פּרעמיער־

מיניסטער. דאָרט האָט מען זיי איבערגעגעבן די דערקלערונג פון פּרעמיער ציראַנקעוויטש: „די טוערס פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד מעגן זיין רויק, קיין פּראָצעס וועט נישט פאָרקומען". ווי מיר האָבן זיך דערוווּסט איז די דער־קלערונג געקומען נאָך דעם, ווי ציראַנקעוויטש האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט גאָמולקאַן, וועלכער האָט געהאַט זיין גאַנץ טרויעריקן חלק אין דעם גאַנצן ענין.

דאָס געריכט האָט אויף זיין ערשטער זיצונג אָנגענומען אַ פאָרמעלן באַשלוס איבערצוגעבן דעם באַשולדיקונגס־אַקט צום ווייטערדיקן דערגענצן אים דורך דער אויספאָרשונג. ז. עקערלינג איז אַרויס אויף דער פריי, אָבער אונטער אַ פּאָליציייִשער אויפזיכט.

☆

אַ סך סברות זענען געווען וועגן דעם, ווער עס האָבן געקאָנט זיין די איינס־פּיראַטאָרן און אויספירערס פון דעם פּאָליטישן מאָרד. אין אייניקע סביבות האָט מען געהאַלטן, אַז דאָס איז געווען אַ נקמה־אַקט מצד קאַטוילישע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן געלייגט אין חרם פּיאַסעצקין און זיין סאָוועטיש־אַגענטורעלע „פּאַקס"־אָרגאַניזאַציע. אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז דאָ שטעקט „די האַנט פון מאָסקווע", וועלכע זאָל האָבן אירע חשבונות מיט פּיאַסעצקין. פון די „זבאָוויד"־קרייזן האָט מען צילמעסיק געקערעוועט דעם חשד אין דער זייט פון די ייִדן, וועלכע זאָלן האָבן מיט דעם מאָרד זיך נוקם געווען אין דעם פּאָגראָמשטשיק באָלעסלאַוו פּיאַסעצקי.

דורך „מיין אַלטן חבר" האָט זיך מיר איינגעגעבן צו באַקומען פאָלגנדיקע זיכערע ידיעות ווי אויך דערקלערונגען, וואָס לייגן זיך אויפן שכל.

גלייך נאָכן פאַרכאַפּן פּיאַסעצקיס זון האָט די אָנפירונג פון אינערן־מיניס־טעריום, אין הסכם מיטן צ"ק פון דער פּאַרטיי, איבערגעגעבן צו פירן די אויס־פאָרשונג דעם דירעקטאָר פון 3טן דעפּאַרטאַמענט (קאָנטראַויסשפּיר און קאַמף קעגן אונטערערד) פון אינערן־מיניסטעריום, פּולקאָווניק באַהדאַן פּאַשקאָווסקי, פּאַראַלעל — אויך דער מיליץ.

פּולקאָווניק פּאַשקאָווסקי איז בעת דער דייטשער אָקופּאַציע געווען דער סעקרעטאַר פון אַ ראַיאָן־קאָמיטעט פון פּפּ"ר אין וואַרשע. נאָכן ליקווידירן דאָס זיכערהייט־מיניסטעריום איז פּאַשקאָווסקי באַשטימט געוואָרן אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון „קאָמיטעט פאַר זיכערהייט". ער איז געווען באַקאַנט מיט זיין פּרינציפּיעלקייט און גראַדליניקייט.

נאָך אַן ענערגישן און אַלזייטיקן פאָרשן (אויך מיט דער הילף פון אונטערהערן טעלעפאָנישע געשפּרעכן) איז פּאַשקאָווסקי געקומען צום אויספיר, אַז די פאַר־כאַפּערס און מערדער פון באָהדאַן פּיאַסעצקי האָבן באַוויזן צו פאַרלאָזן פּוילן. הילף דערביי האָבן זיי באַקומען פון די מאָטשאַרישע „פּאַרטיזאַנער־קרייזן", קודם־כל מצד דעם גענעראַל קופּעל (שעף פון דער אינערלעכער מיליטערישער דינסט —

קאָנטערשפּיאָנאַזש) און מצד דעם גענעראַל קאַרטשינסקי, (וויצע־פּאַרטיידיקונג־מיניסטער, שעף פון 2טן (שפּיאָנאַזש) אָפּטייל פון גענעראַל־שטאַב).

פּולק׳ פּאַשקאָווסקי איז אין איינעם אַן אָוונט אַרויסגערופן געוואָרן צו גאָמולקאַן מיטן אָנזאָג מיטצונעמען דעם גאַנצן אויספאָרשונג־מאַטעריאַל. ער איז ביי גאָמולקאַן אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט. דעם אויספאָרשונג־מאַטעריאַל, די אונטערגעהערטע שמועסן, די ראַפּאָרטן פון זיינע מיטאַרבעטער, וועלכע האָבן געפאָרשט דעם ענין, האָט גאָמולקאַ צוגענומען און דערביי באַפוילן, אַז קיינער זאָל זיך מער נישט פאַרנעמען מיט דעם דאָזיקן ענין.

אין אַ וואָך אַרום איז דער פּולקאָווניק פּאַשקאָווסקי אַרויסגערופן געוואָרן זיך צו שטעלן פאַר אַ מעדיציניש־ער קאָמיסיע, כדי צו פאָרשן זיין געזונט־צושטאַנד. די קאָמיסיע האָט „פעסטגעשטעלט", אַז עס דראָט אים אַ האַרץ־אַטאַק, ער מוז דעריבער תיכף אָפּגעשיקט ווערן אין אַ סאַנאַטאָריע. ווען פּאַשקאָווסקי איז אין עטלעכע וואָכן אַרום צוריקגעקומען איז זיין אָרט אין זיכערהייט־מיניס־טעריום שוין געווען פאַרנומען דורך אַ צווייטן. אויך זיינע מיטאַרבעטערס, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט פאָרשן דעם ענין, זענען דערוייטערט געוואָרן פון מיניסטעריום. לויטן אָנזאָג פון מאָטשאַרן איז די ווייטערדיקע „אויספאָרשונג" געפירט געוואָרן אויסשליסלעך אין דער ריכטונג פון באַשולדיקן יידן, אַז זיי האָבן עס דערמאָרדעט פּיאַסעצקיס זון.

דער שאָפער ז. עקערלינג איז פון מאָל צו מאָל גערופן געוואָרן אין דער „בעזפּיעקע". דער מענטש האָט אָנגעהויבן אויסצוזען ווי אַ סקעלעט. זיין פרוי און קינדער האָבן באַקומען די מעגלעכקייט צו פאַרלאָזן פּוילן. ז. עקערלינג איז אויסגעגאַנגען אַ פאַרפאַלגטער, ביז דער לעצטער מינוט, דורך דעם מאָטשאַרישן טעראָר־אַפּאַראַט.

✡

מיט מיינע ידיעות וועגן דעם ענין, אַזוי ווי וועגן אַנדערע „געפערלעכע" ענינים, האָב איך זיך מיט קיינעם נישט געטיילט. אַזאַ איז געווען דער באַדינג פון מיין „אַלטן חבר", וועלכער האָט מיר אַפילו געהאַט פאַרטרויט ווער פון אונדזער יידישער סביבה דינען אַלס „אינפאָרמאַטאָרן" פון דער „בעזפּיעקע" (אויספירלעכער וועגן דעם — ווייטער).

אויפן סמך פון די פאַרטרוילעכע ידיעות, וועלכע איך האָב באַקומען, בין איך דערגאַנגען צו פאָלגנדיקע אויספירן:

דאָס פאַרכאַפּן און דערמאָרדן באַהדאַן פּיאַסעצקין האָבן אָרגאַניזירט די אַזוי גערופענע "פּאַרטיזאַנערס", בראש פון וועלכע עס איז געשטאַנען מיעטשיסלאַוו מאָטשאַר. כדי דורכצופירן די דאָזיקע „באַסע אַרבעט" האָבן זיי צוגעגרייט ספּע־ציעל־געשולטע מערדערס, וועלכע זענען מיט דער הילף פון דער „בעזפּיעקע" תיכף אַריבערגעוואָרפן געוואָרן קיין מערב־אייראָפּע.

די איניציאַטאָרן פון דעם מאָרד זענען „געדעקט" און באַשיצט געווען דורך דעם 1טן סעקרעטאַר פון צ"ק פזפ"ר, וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ („וויעסלאַוו").

מיט דעם דאָזיקן מאָרד האָבן די מאָטשאַר־לייט געשטרעבט צו דערגרייכן צוויי צילן:

1) הייבן דעם שטאַרק געפאַלענעם (צוליבן שטיצן די „נאַטאָלינער") אָנזען אין דער פוילישער געזעלשאַפט פון דעם אַמאָליקן פאַשיסטן־פירער און אַקטועלן פאַרבינדעטן פון פוילישן נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, באָלעסלאַוו פּיאַסעצקי *), שאַפן אַרום אים דעם אָרעאָל פון אַ קרבן, כדי עס אויסצונוצן לטובת די וויטערדיקע צילן פון מאָטשאַרן און זיינע לייט, וועלכע האָבן זיך געריסן צו דער מאַכט.

2) קערעווען די באַשולדיקונג אין מאָרד און די פּראָפּאַגאַנדע קעגן די פאַר־האַסטע דורך די יידן.**) כדי אַזוי אַרום געווינען פאַר די נאַענטסטע מאַכט־פּלענער פון דער מאָטשאַר־גרופּע די שטיצע פון גרויסע מאַסן פּאָליאַקן.

הגם צו קיין נייעם בייליס־פּראָצעס איז נישט דערגאַנגען — אין אַ גרויסער מאָס צוליב אונדזער דראָונג, אַז אין דער גאַנצער וועלט וועט עס אויפגענומען ווערן ווי אַ בלוט־בלבול און אין פוילן גופא קען דערגיין צו פּאָגראָמען — איז אָבער דער ענין, ביז עקערלינגס טויט נישט ליקווידירט געוואָרן.

וויטערדיקע פּראָוואָקאַציעס קעגן אונדז האָבן לאַנג נישט געלאָזט אויף זיך וואַרטן.

---

*) בעת די פאַרגעקומענע סיים־וואַלן, אין יאַנואַר 1957, איז פּיאַסעצקיס קאַנדידאַטור אַלס דעפּוטאַט אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין יעלעניאַ גוראַ (נידער־שלעזיע). גערעכנט האָבן זיך די „אָרגאַניזאַטאָרן פון די וואַלן" דערמיט, אַז די באַפעלקערונג באַשטייט דאָרט דער עיקר פון געקומענע פון די געביטן, וואָס זענען אַריבער צום סאָוועטן־פאַרבאַנד. זיי האָבן וועגן פּיאַסעצקין ווייניק געוווסט. געווען איז דאָרט גאָר אַ קליינע צאָל יידן, און ממילא, האָט מען געטראַכט, וועט פּיאַסעצקיס קאַנדידאַטור גלאַטיק דורכגיין. געשען איז אַנדערש. אַ גאָר גרויסע צאָל וויילערס (ביז 35 פּראָצענט) האָבן געשטראָכן פּיאַסעצקיס קאַנדידאַטור.

**) אין מערץ 1963, בעת מיין זיין אין ישראל, האָב איך אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ אין „בית־סוקולוב" באַשולדיקט אַ תל־אביבער צייטונג, אַז זי האָט אריינגעשפּילט אין די הענט פון די מאָטשאַר־לייט מיט אַן אָפּגעדרוקטער „ידיעה", אַז די מערדערס פון פּיאַסעצקיס זון געפינען זיך... אין ישראל. די אַנוועזנדיקע זשורנאַליסטן האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט מיין פאַראורטיילן אַזאַ מין „אינפאָרמאַציע".

נאָר נישט אונטערגעבן זיך!

ווייניק צווישן די טוערס און מיטגלידער פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַר־באַנד האָבן געוווּסט וועגן אונדזערע שווערע איבערלעבונגען אין יענער צייט, וועגן די געפאַרן וואָס האָבן אויף אונדז געלויערט. מיר האָבן זיך אָפּגעהיט פון פאַר־שפּרייטן קלאַנגען, ידיעות, וועלכע וואָלטן אָן ספק אַרויסגערופן פּאַניק, קודם־כל ביי די ניי־געקומענע יידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. די פאַרזיכערונג פון דעם פּרע־מיער־מיניסטער, אַז צו קיין עקסצעסן־פּראָצעס וועט נישט דערגיין, האָט אונדז אין אַ געוויסער מאָס באַרויִקט. מיט נאָך מער עקשנות האָבן מיר זיך באַמיט צו טאָן אונדזער געזעלשאַפטלעכע, וויִרטשאַפטלעכע און קולטור־אַרבעט, טיילווייז אויף אַ נייעם אופן.

אונדזער צאָלמעסיק שטאַרק־פאַרשמעלערטע באַזע — געוועזן איז אין פּוילן צו יענער צייט סך־הכל ביי 35 טויזנט יידן,*) — האָבן מיר זיך באַמיט צו קאָמ־פּענסירן אויף דריי אופנים:

1) דורך אויסברייטערן אונדזער ווירקונג אויף יענע יידישע סביבות, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פון דער ווייטנס פון אונדזער פאַרבאַנד און האָבן נאָכן אָוועקפאָרן פון זייערע נאָענטסטע זיך דערפילט פאַראייִנזאַמט. זיי האָבן דעריבער געזוכט אַ קאָנטאַקט מיט דער יידישער געזעלשאַפט.

2) דורך אַריינציִען אין אונדזער גאַנצער טעטיקייט וואָס מער יוגנטלעכע אַבסאָלווענטן פון די 3 יידישע מיטלשולן, סטודענטן פון פאַרשידענע הויכשולן, אַרבעטער־יוגנט פון די „אָרט"־פאַכשולן און פון די יידישע אַרבעטס־קאָאָפּעראַ־טיוון. די אַרבעט צווישן דער יוגנט האָט געדאַרפט געפירט ווערן אויסשליסלעך לויטן פּרינציפּ פון אַלזייטיקער זעלבסטפאַרוואַלטונג.

3) דורך פאַרטיפערן און אויף אַ פאַרשידנאַרטיקן אופן פירן אונדזער גאַנצע אַרבעט.

אַ ריי נייע פאַקטאָרן האָבן צו יענער צייט אונדז געהאָלפן זיך אַן עצה געבן מיט דער דאָזיקער אויפגאַבע. דער צופלוס אין אונדזערע אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון פון מענטשן, וועלכע האָבן פריער געאַרבעט אויף פאַרשידענע רעגירונג־פּאָסטנס, האָט דערנענטערט צו אונדזער פאַרבאַנד אויך זייערע פריינד און באַקאַנטע, אָפט דערפאַרענע טוערס מיט וויסן „ווו איין און ווו אויס", כדי זיך דערשלאָגן צו לייזן

*) לויט די אָנגאָבן פון אינערן־מיניסטעריום זענען אָוועקגעפאָרן בעת דעם „פּוילישן אָקטאָבער", קרוב 50 טויזנט יידן — אין דער אַבסאָלוטער מערהייט קיין ישראל. געבליבן זענען: „אַלטגעזעסענע" ביי 20 טויזנט יידן. צוגעקומען זענען אין 1957 העכער 15 טויזנט יידן — רעפּאַטריאַנטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

פראַגן, וועלכע פלעגן באַגעגענען שווערקייטן מצד דעם ביוראָקראַטיזירטן מלוכהשן און קאָמונאַלן אַפּאַראַט.

גאָר אַ גרויסן אָנשטרענג האָבן מיר געמאַכט, כדי אַריינציען וואָס מער יידישע יוגנט אין אַקטיווער, אָפּט אָנפירנדיקער אַרבעט פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד. מיט אונדזער הילף, קודם־כל מצד דער בילדונגס־אָפּטיילונג פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג, האָבן יידישע יוגנטלעכע אָרגאַניזירט און סיסטעמאַטיש אָנגעפירט מיט אַ ריי וויזנטלעך וויכטיקע פּאָזיציעס, וועלכע האָבן באַווירקט טויזנטער און טויזנטער יידישע בחורים און מיידלעך, זיי דערנענטערט צו אונדזער יידישן לעבן, צו יידישער פּראָבלעמאַטיק, צו דער יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און קונסט. צו די עיקרדיקע פּאָזיציעס, וועלכע זענען דירעקט אָנגעפירט געוואָרן דורך אונדזער יוגנט, האָבן געהערט די פאָלגנדיקע:

1. די ביילאַגע אין דער פּוילישער שפּראַך צו דער „פאָלקס־שטימע", וועלכע איז אין די לעצטע יאָרן רעדאַגירט געוואָרן דורך די אַבסאָלווענטן פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט — שמואל טענענבלאַט, מאַרעק וועב, נתן טענענבוים און דעם אַבסאָלווענט פון וואַרשעווער פּאָליטעכניקום, יוסף סאָבעלמאַן — אַלץ יונגע מענטשן פון יידישע היימען, וועלכע האָבן געריעדט יידיש (חוץ נתן טענענבוימען, וועלכער האָט אָבער אויף אַזוי פיל שפּעטער באַהערשט די שפּראַך, אַז ער האָט באַוויזן איבערצוזעצן אין פּויליש לידער פון יידישע דיכטערס). דער אָנגענומענער פּרינציפּ איז געווען, אַז דער גאַנצער פּובליציסטישער און אינפאָרמאַטיווער מאַטעריאַל אין דער פּוילישער ביילאַגע דאַרף זיין בלויז וועגן יידישן לעבן, וועגן יידישע פראַגן, יידישער ליטעראַטור און קונסט. די פּוילישע ביילאַגע צו דער „פאָלקס־שטימע" איז געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר צום דערנענטערן די יידישע יוגנט צו די יידישע וואַרצלען, צו דער יידישער קולטור.

2. די יידישע יוגנט־קלובן. אַלס ביישפּיל האָט געדינט דער וואַרשעווער יידישער יוגנט־קלוב „באַבעל", וועלכער האָט איינגעאָרדנט סיסטעמאַטישע לעקציעס וועגן דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן. יעדן מיטוואָך פלעגן פאָרקומען טרעפונגען מיט אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייטן. ביים קלוב האָט עקסיסטירט אַ טעאַטער פון קליינע פאָרמען, וועלכער האָט אויף אַ מאָדערניסטישן אופן אינסצעניזירט דערציילונגען פון יידישע שרייבערס. עס האָבן אויך עקסיסטירט אַ ליטעראַרישער קאַבאַרעט, אַ פילם־קלוב און אַ מוזיק־קרייז. די מעגלעכקייט אין דעם גרעסטן טייל אָרטיקע אָפּטיילונגען פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד זענען געווען אַ סך באַגרענעצטערע. אין אַלע גרעסערע יידישע קלובן זענען אויסגעטיילט געוואָרן ספּעציעלע צימערן פאַר דער יוגנט־טעטיקייט. דאָרט ווו דאָס איז נישט מעגלעך געווען, זענען באַשטימט געוואָרן ספּעציעלע טעג און שעהן, ווען די קלובן זענען געווען אין רשות פון דער יוגנט. אַלס כלל איז אָפּגעהיט געוואָרן דער פּרינציפּ פון זעלבסטפאַרוואַלטונג, הגם עס זענען נישט אויסגעמיטן געוואָרן קיין דורות־קאָנפליקטן. אין די יידישע יוגנט־קלובן האָט צוזאַמען מיט די פאַרווייילערישע עלעמענטן (טענץ, געזאַנג, שפּיל) פאַרנומען אַ באַשטימטן אָרט פאַרלעזונגען

פון דער יידישער ליטעראַטור. יידישע יום־טובים, דער עיקר חנוכה, האָבן גענומען זיך איינבירגערן אין דעם שטייגער פון אונדזערע קינדער און יוגנט. ערטערווייז פלעגן פאָרקומען פורים־קאַרנאַוואַלן.

אין אַלע קלובן זענען פאָרגעקומען דיסקוסיע־אָוונטן וועגן די פאַרשידנסטע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן אינטערעסירט אונדזער דענקנדיקע יוגנט. פּוילישע און יידישע אינטעלעקטואַלן פלעגן הויך אָפּשאַצן די אינטעליגענץ פון אונדזער יוגנט, וועלכע פלעגט נאָך זייערע לעקציעס אַקטיוו און קאָמפּעטענט זיך באַטייליקן אין די דיסקוסיעס.*) פון די יוגנט־קלובן אין לאָדזש און אין ליגניץ האָבן געשטאַמט די צוויי געשאַפענע יידישע יוגנט־אַנסאַמבלען פון פאָלקס־ליד און טאַנץ, וועלכע האָבן פאַרשאַפט אַ סך נחת די יידן אין פוילן. געזען האָט מען אין דער דאָזיקער טאַלאַנטפולער יוגנט ווירקלעכע יורשים און פאַרזעצערס פון דער אידיי אויפצולעבן די איבערגעשניטענע וואָרצלען פון יידיש־פוילן. מיט דער הילף פון בילדונגס־מיניסטעריום און אין דער באַגלייטונג פון זיינעם אַ פאַר־שטייער, זענען אונדזערע יוגנט־אַנסאַמבלען אויפגעטרעטן מיט גרויס דערפאָלג אין פראַנקרייך און אין בעלגיע. די יוגנטלעכע זענען צוריקגעקומען באַגייסטערטע פון דער יידישער גאַסטפריינטלעכקייט און ליבשאַפט, וואָס זיי האָבן אומעטום באַגעגנט.**)

3. די יידישע זומער־קאָלאָניעס. מיט דער הילף פון „דזשאָינט", האָט זיך אונדזער בילדונגס־אָפּטייל איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן אין די נייע געביטן פון פוילן (אין דזשיוונוּוו, מראָנגאָוואָ, שפּראָטאַווע, אָסטרווו, וועגזשין, ווי אויך הינטער וואַרשע — אין מיכאַלין) זומער־קאָלאָניעס פאַר 3 טויזנט יידישע קינדער און יוגנט. מיט די יוגנט־קאָלאָניעס האָבן דער עיקר אָנגעפירט די רעדאַקציע־מיט־גלידער פון דער פוילישער ביילאַגע „פאָלקס־שטימע". די קאָלאָניעס זענען געפירט געוואָרן לויטן פּרינציפּ פון פולער זעלבסטפאַרוואַלטונג. די פּרעזידיום־מיטגלידער פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון אונדזער פאַרבאַנד און די אָנפירערס פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט פלעגן סיסטעמאַטיש באַזוכן די יוגנט־קאָלאָניעס, אַרויס־טרעטן מיט לעקציעס וועגן יידישער געשיכטע און וועגן אַקטועלע יידישע ענינים, זיך באַטייליקן אין דיסקוסיעס, וואָס פלעגן אַרויסרופן גרויס אינטערעס ביי די יוגנטלעכע, וועלכע האָבן צום ערשטן מאָל זיך צונויפגעטראָפן מיט יידישע פּראָב־לעמען. עס דערמאָנען זיך באַזונדער די דיסקוסיעס אייבער אַזעלכע פראַגן, ווי

*) אַ טייל פון אונדזער יוגנט האָט מיט זיך געבראַכט די דערפאַרונג פון דעם קלוב „קזשיווע קאָלאָ" (בוכשטעבלעך: „קרומער ראָד", אַזוי האָט געהייסן די גאַס אין דער צוריקאויפגעבויטער וואַרשעווער אַלטשטאָט — ביי יידן — „מקום", ווו עס האָט זיך געפונען דער קלוב). דאָרט פלעגן פאָרקומען טיף גרייכנדיקע אָפּהאַנדלונגען אויף פּאָליטישע, עקאָנאָמיש־סאָציאַלע און קולטור־טעמעס, מיט אַ שאַרפער קריטיק לגבי די סטאַלינישע העמונגען. דער דאָזיקער קלוב איז דורך דער גאָמולקאַ־אָנפירונג ליקווידירט געוואָרן.

**) אין אַ שמועס מיטן פוילישן אַמבאַסאַדאָר אין פראַנקרייך, יאַן דרוטאָ (מיינער אַ חבר פון די אומלעגאַלע צייטן), האָט ער די אויפטרעטונגען פון אונדזערע יוגנט־אַנסאַמבלען באַצייכנט אַלס קינסטלערישע דערגרייכונגען פון מלוכה־באַטייט.

די שיידליניע צווישן פּאַסיוון אונטערגעבן זיך און אַקטיוון ווידערשטאַנד אין דער יידישער געשיכטע; „וואָס מיינט: סאָציאַליסטישע לייזונג פון דער יידן־פראַגע"; „צי איז פאַראַן אַ ווידערשפּרוך צווישן געטרייער פּוילישער בירגער־שאַפט און געטריישאַפט לגבי ישראל". די דאָזיקע טעמע איז אויפגעקומען צוליב דעם דעמאָנסטראַטיוון טראָגן מגן־דודס דורך איניקע יוגנטלעכע. שטאַרק ליב געהאַט האָט די יוגנט יידישע לידער. פון גאַר ווייט פלעגט מען הערן זייער געזאַנג. דאָס פאָלקס־ליד „האָבן מיר אַ ניגונדל" איז שיער נישט געוואָרן דער הימן פון אונדזערע יוגנט־קאָלאָניעס.

די נאָענטע באַקאַנטשאַפט אויף די קאָלאָניעס צווישן יידישע יוגנטלעכע פון פאַרשידענע שטעט, האָט געבראַכט צו קעגנזייטיקע באַזוכן, צום באַקענען זיך מיט דער אַרבעט פון די יידישע יוגנט־קלובן און צו... שידוכים — צו דער צופרידנ־קייט פון יידישע עלטערן.

די יידישע יוגנט־קאָלאָניעס זענען זייער פּאָפּולער געוואָרן אין פּוילן. עס פלעגן אַלץ אָפטער זיך ווענדן אָנגענומען צו ווערן אויף אונדזערע קאָלאָניעס יוגנטלעכע פון פּולשטענדיק־אַסימילירטע משפּחות, וועלכע האָבן פריער בכלל נישט געוווּסט וועגן זייער יידישן אָפּשטאַם, אַפילו פּוילישע יוגנטלעכע — קאָלעגן פון אונדזערע חברה, אָפט קינדער פון באַוווּסטע פּאַרטיי־טוערס.

די דריי אויסגערעכנטע פּאָזיציעס צום באַווירקן די יידישע יוגנט האָבן מיט דער צייט פאַרנומען אַן אַלץ גרעסערן אָרט אין דער גאַנצער פאַרבאַנד־טעטיקייט. יוגנט־טוערס זענען געוויילט געוואָרן אַלס מיטגלידער פון די אָרטיקע פאַרוואַל־טונגען, איניקע פון זיי — אין דער הויפּט־פאַרוואַלטונג. עס איז אויפגעקומען די האָפענונג, אַז עס וועלן אויסוואַקסן נייע יונגע טוערס, וועלכע וועלן מיט דער צייט איבערנעמען די אָנפירונג מיט אונדזערע אינסטיטוציעס.

די שווערסטע אויפגאַבע איז געווען צו פאַרגיטיקן מיט קוואַליטאַטיוו פאַר־טיפערטער אַרבעט די פאַרקלענערטע, מער ווי אויף אַ העלפט, יידישע באַפעל־קערונג. מיט דער „צווייטער כוואַליע" איז אַוועק אַ באַטייטנדיקע צאָל יידישע אינטעליגענץ. מיר זענען געשטאַנען פאַר אַ לאַגע, ווען אונדזער ליטעראַרישער זשורנאַל „יידישע שריפטן" איז געבליבן אָן אַ רעדאַקטאָר. קיין ישראל איז אַוועקגעפאָרן דער באַקאַנטער שרייבער לייב אָליצקי, וועלכער איז אַ צייט געווען אַ מיטגליד פון פּרעזידיום פון אונדזער פאַרבאַנד. גאָר שווער געטראָפן האָט אונדז דאָס אַוועקפאָרן פון דעם דיכטער בינעם העלער, וועלכער האָט געהערט צו אונדזער אָנפירנדיקן געזעלשאַפטלעכן קאָלעקטיוו. אַוועקגעפאָרן זענען רע־דאַקציע־מיטאַרבעטערס און דרוקער־אַרבעטערס פון דער „פאָלקס־שטימע", מיט־אַרבעטערס פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, פון פאַרלאַג „יידיש בוך". געדוכט האָט זיך אין אַ געוויסן מאָמענט, אַז מיר בלייבן לחלוטין אָן הילף, קודם־כל אין דער קולטור־אַרבעט.

גיך איז אָבער געקומען די הילף. געבראַכט האָט זי די סאָוועטיש־יידישע רעפּאַטריאַציע.

מיר האָבן מיט פרייד און האָפענונג אויפגענומען דעם גרויסן יידישן בינע־קינסטלער אברהם מאָרעווסקי. פון אַרגענטינע זענען געקומען די באַוווסטע אַקטיאָרן חבל בוזגאַן און רבקה שילער. די באַרימטע אַקטריסע פון יידישע מלוכה־טעאַטער אין מאָסקווע שרה ראָטבוים, האָט מיט זיך פאַרקערפּערט דעם גראַנאַווסקי מיכאָעלס־נוסח. געקומען איז פון ווילנע דער ליטעראַטור־פאָרשער שלמה בעליס, וועלכער איז לכתחילה צוגעטרעטן צו דער אַרבעט אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט און שפּעטער — אין דער רעדאַקציע „פאָלקס־שטימע", אַלס פאַרוואַלטער פון דער ליטעראַטור־אָפּטיילונג. די יידישע קולטור־אַרבעט אין וורצלאַוו האָט אויפגעלעבט און באַקומען אַ נייעם יידישן אינהאַלט אַ דאַנק די אָנגעקומענע פון ווילנע פעדאַגאָגן נח און רחל צוקערמאַן. דער געוועזענער אָנפירער פון יידישן מוזיי אין ווילנע, (וועלכער איז שפּעטער ליקווידירט געוואָרן דורך דער סאָוועטן־מאַכט) יאַנקל גוטקאָוויטש, האָט איבערגענומען די אָנפירונג מיט דער קולטור־אַרבעט פון דער וואַרשעווער אָפּטיילונג פון פאַרבאַנד. עס איז געקומען דער באַקאַנטער פאַרלעגער און איבערזעצער מאַרק ראַקאָווסקי, די יידישע היסטאָריקערס — דאַצענט בנימין נאַדעל און מיכאל טשערניכאָוו (אַסטור), דער קינסטלער רפאל כוואָלעס, דער לענינגראַדער טעאַטער־רעזשיסאָר העניך צייזעל, דער פּראָזאַיִקער מענדל טעמפּל, די אַרטיסטין יוליאַ פּלאָום, דער אַקטיאָר יצחק דאָגים, פון אַמעריקע זענען אַראָפּגעקומען אונדזערע אַלטע גוטע פריינד, סילווע און נייטן סאַמאַראָוו, גרייטע צו אָרגאַניזירן איבעראַנייס יידישע כאָרן.

אונדזער עולם, אַ שטאַרק גיריקער נאָך אַ יידיש וואָרט, איז מאַסנווייז געקומען הערן די רעפעראַטן אויף טעמעס, וואָס האָבן אין די פריערדיקע יאָרן נישט געהערט צו אונדזער אידעיִשן „רעפּערטואַר". קודם־כל זענען עס געווען די רעפעראַטן פון די וויסנשאַפטלעכע מיטאַרבעטערס פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, פון די ניי־געקומענע שרייבערס און היסטאָריקערס, פון קולטור־טוערס. (מ. טשערניכאָווס רעפעראַטן אד"ט „די יידישע קולטור אין דער חשמונאים־עפּאָכע", „דוד המלך און זיין צייט, אין וויסנשאַפטלעכער באַלייכטונג", ב. נאַדעלס לעקציעס וועגן אָפּשטאַם פון שפּראַכן, ש. בעליסעס אַנאַליטיש־טיפע „שמועסן" אויף ליטעראַרישע טעמעס, ב. מאַרקס רעפעראַטן וועגן דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דערנענטערונג פון „מילעניום", י. קאַרמאַנס, ש. הורוויטשס אויספירלעכע אָפּשאַצונגען פון דער לאַגע אין פּוילן, פון אינטערנאַציאָנאַלע געשעענישן).

דער אינטערעס צו דער יידישער טעמאַטיק איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיר זענען נישט געווען בכוח צו באַזאָרגן מיט לעקטאָרן אַלע, דער עיקר די קלענערע יישובים. דעמאָלט איז אויפגעקומען, לויט דער איניציאַטיוו און אונטער דער רעדאַקציע פון שלמה בעליס דער געדרוקטער אין דער „פאָלקס־שטימע" פאָלקס־אוניווערסיטעט — לעקציעס אויף יידיש־היסטאָרישע און ליטעראַרישע טעמעס. פון די אַרטיקלען פאַרבאַנד־אָפּטיילונגען זענען געווען זייער גינסטיקע אָפּרופן. דער מאַטעריאַל פון „פאָלקס־אוניווערסיטעט" איז קאָלעקטיוו געלייענט געוואָרן

אין אַ ספּעציעל באַשטימטן אָונט, וועלכער פלעגט צוציען אַ גרעסערן עולם. די צוקערמאַנס האָבן געשאַפן אין ווראָצלאַוו אַ ליאַלקע־טעאַטער („צאַפּלמענטשעלעך") און אַנדערע שטעט זענען זיי שטאַרק מקנא געווען.

לויטן ביישפּיל פון דער ווראָצלאַווער פאַרבאַנד־אָפּטיילונג, וועלכע האָט באַוויזן גראַד אין די באַדינגונגען פון אַ פאַרקלענערטער צאָל יידן אָנצוווענדן נייע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און טיפערן יידישן אינהאַלט אין דער קולטור־אַרבעט, זענען אין אַ סך שטעט סיסטעמאַטיש איינגעאָרדנט געוואָרן „פּרייטיקצונאַכטסן". אין זייער פּראָגראַם איז אַלס כלל געווען אַ רעפעראַט אויף אַ פּאָליטישער אָדער ליטעראַרישער טעמע און אַ קאָנצערט מיט אייגענע אַמאַטאָרישע כוחות, אָדער מיט אַקטיאָרן פון יידישן און פּוילישן טעאַטער.

דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט האָט גענומען איינאָרדענען אין די גרעסערע שטעט אַרויספאָר־סעסיעס, בעת וועלכע זיינע מיטאַרבעטערס האָבן רעפערירט אויף פאַרשידענע היסטאָרישע טעמעס, הויפּטזעכלעך וועגן דער צייט פון דער היטלערישער אויסראָטונג פון די יידן און דעם ווידערשטאַנד אין די געטאָס און טויטלאַגערן. די אַרויסטרעטונגען פון די פאָרשטייערס פון אינסטיטוט בעת די פּראָצעסן איבער די מערדערס פון אַשוויענטשים, איבער דעם תליון פון אַסטראָווצער געטאָ, קאַפּיטאַן זוויעזשינאַ, איבער דעם מאַסן־מערדער פון סאָביבאָרער לאַגער עס־עס־גענעראַל הילמאַר מאָזער, איבערן געוועזענעם קאָמענדאַנט פון לובלין, און קודם־כל די עקספּערטיזעס פון פּראָפ' בער מאַרק און פּראָפ' אהרון אייזנבאַך בעתן פּראָצעס איבער דעם עס־עס־גענעראַל יורגען סטראָאָפּ, וועלכער האָט דורכגעפירט די אויסראָטונגס־אַקציע בעת דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, האָבן געפונען אַ ברייטן אויסקלאַנג אין פּוילן און אין אויסלאַנד. אויף די עקספּערטיזעס פון די יידישע היסטאָריקערס, אויף זייערע ווערק, האָבן אין אַ גרויסער מאָס זיך געשטיצט די פּוילישע געריכטן בעתן אַרויסטראָגן זייערע אורטיילן. פון אַ ריי אייראָפּעיִשע לענדער האָט מען זיך געווענדעט צו אונדזער אינסטיטוט נאָך מאַטעריאַלן וועגן די פאַרברעכנס פון געשטעלטע פאַרן געריכט נאַצי־מערדערס. די סטאַבילע אויסשטעלונג פון אינסטיטוט וועגן קאַמף און אומקום פון די יידן אין וואַרשעווער געטאָ האָבן געהאַט באַזוכט העכער 100 טויזנט מענטשן.

די טעמאַטיק פון דער פאָרש־אַרבעט פון די יידישע היסטאָריקערס איז באַטייטנדיק אויסגעברייטערט געוואָרן און האָט געגרייכט צו יאָרהונדערטער פאַר דער נייעסטער צייט. עס זענען געפאָרשט און סינטעטיש קאָמענטירט געוואָרן אָפּגעפונענע פּנקסים פון יידישע קהילות. אַ ספּעציעלע גרופּע לאַנג־יאָריקע אַרבעטער־טוערס האָט געזאַמלט מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין רשות פון אינסטיטוט איז איבערגעגעבן געוואָרן דער אָפּגעפונענער אַרכיוו פון לאָדזשער געטאָ. די פּלענער פון אינסטיטוט זענען אויסגעברייטערט געוואָרן. די קאָנטאַקטן מיט יידישע און אַלגעמיינע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין דער וועלט, דער אויסטויש פון מאַטעריאַלן האָט מיטגעווירקט צו אַ קעגנזייטיקער דערנענטערונג.

אַ באַטייטנדיקע אויפֿלעבונג איז געקומען אין יידישן מלוכה־טעאַטער. מען האָט מער נישט געשטעלט אַזעלכע סאָצרעאַליסטישע פּיעסעס, ווי „דאָ רעדט טאַימיר" (אַן איבערגעזעצטע פֿון רוסיש). אין דעם רעפּערטואַר פֿון אונדזער טעאַטער האָבן דעם אויבנאָן פֿאַרנומען דוד בערגעלסאָנס „די ברויטמיל" („דער טויבער"), שמואל האַלקינס „בר כוכבא", אַלטער קאַציזנעס „דעם יידנס אָפּערע", חיים סלאָוועסעס „ברוך פֿון אַמסטערדאַם" און אַנדערע פּיעסעס מיט אַ נאַציאָנאַל־יידישן אינהאַלט. אַ שטרייט האָט ביי אונדז, אין דעם טעאַטער־ראַט, אַרויסגערופֿן אברהם מאַרעווסקיס עקשנותדיקער פֿאַרלאַנג צו שטעלן די שעקספּיר־פּיעסע „דער סוחר פֿון ווענעדיג". ער האָט פֿאַרזיכערט, אַז אין זיין אינטערפּרעטאַציע וועט די שיילאָק־געשטאַלט באַקומען פּונקט אַ פֿאַרקערטן אויסקלאַנג, ווי געוויינלעך. גראָד אין יענער צייט האָט דער אַקאַדעמישער „טעאַטר פּאָלסקי" זיך געגרייט אויפֿצופֿירן די דאָזיקע פּיעסע. מיר האָבן זיך געוווּנדערט צו דער טעאַטער־אָנפֿירונג נישט צו שטעלן די שיילאָק־פֿאַרשטעלונג, וועלכע קאָן אַריינשפּילן אין די הענט פֿון די אַנטיסעמיטן. די דאָזיקע פּיעסע איז אויף דער פּוילישער סצענע נישט געשטעלט געוואָרן. מיר האָבן באַשלאָסן צו שאַפֿן ביים יידישן טעאַטער אַ סטודיע, כדי צו גרייטן אַ יונגן נאָכוווּקס.

שוועריקייטן פֿלעגן מיר אָפֿט באַגעגענען אין דער עקאָנאָמישער אַרבעט. נישט אין אַלע אונדזערע אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון — זייער צאָל איז דערגאַנגען ביז 16 — זענען געווען דערפֿאַרענע אָנפֿירערס. איינֿיקע האָבן איבערגעלעבט פֿינאַנציעלע שוועריקייטן. אויך דער צוזאַמענשטעל פֿון די אַרבעטערס — (אויף 1580 באַשעפֿטיקטע זענען 800 געווען עלטער פֿון 50 יאָר; 790 זענען געווען פּרויען) האָט נישט אומעטום געגעבן די מעגלעכקייט צו העכערן די אַרבעטס־פּראָדוקטיוויקייט. קיין מאַנגל אין אַרבעטס־פּלעצער איז אָבער נישט געווען. הגם די צאָל יידישע אַרבעטערס אין דער גרויס־אינדוסטריע האָט — אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַרויספֿאָרן, מיטן איבערגיין צום האַנטווערק, צוליב גרעסערע פֿאַרדינסטן — זיך שטאַרק פֿאַרקלענערט, זענען אָבער אונזערע קאָנטאַקטן מיט די געבליבענע אין די גרויסע פֿאַבריקן אין ווראָצלאַוו, אין לאָדזש, געוואָרן ענגערע. עס זענען געווען פֿאַלן, ווען אין גרויסע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען האָבן זיך געשאַפֿן קרייזן פֿון קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרבאַנד.

דער קאָלעקטיווער אָנשטרענג נאָך דער „צווייטער כוואַליע", ווען אין אונדזער פֿאַרבאַנד איז געבליבן בלויז אַ דריטל פֿון דער פֿריערדיקער צאָל מיטגלידער (בלויז 4,5 טויזנט) האָט געבראַכט צו אַ באַשטימטן צופֿלוס פֿון נייע כוחות אין אָנהייב פֿון די זעכציקער יאָרן. קודם־כל זענען עס געווען די רעפּאַטריאַנטן פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. גאָר באַזונדער האָט זיך עס געלאָזט אָפּפֿילן אין דער באַציִונג צום יידישן בוך, צו אונדזער פּרעסע. געדוכט האָט זיך אין די יאָרן פֿון מאַסן־אַרויספֿאָר, אַז עס גייט פֿאַרלוירן דער גאַנצער אָנשטרענג צו פֿאַרזיכערן אַ סטאַבילן אָפּנעמער פֿון יידישן בוך. אין גאַנג פֿון באַנייען די אַרבעט, קודם־כל אין קולטור־געביט, האָט זיך איינגעגעבן צוריק אויפֿצושטעלן דעם סיסטעם פֿון יערלעכע

אַבאָנענטן. אין אָנהייב איז פון די פּריוַערדיקע 5000 בוך־אַבאָנענטן געבליבן בלויז 2000. מיר האָבן אָנגעהויבן צו סטימולירן אַ גרעסערע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוו־קייט, כדי אַרויסצורופן אַן אינטערעס צום יידישן געדרוקטן וואָרט. פון יאָר צו יאָר, סוף זומער, האָבן מיר אָנגעהויבן איינצואָרדענען אין וּוראָצלאַוו לאַנד־קאָנ־פערענצן פון די אַקטיוויסטע פאַרשפּרייטערס פון יידישן בוך, אַגיטאַטאָרן פאַר איינשאַפן זיך דורך יעדער יידישער משפחה אַן אייגענע ביבליאָטעק. מיר פּראָק־לאַמירן אַלס ערן־טיטל דעם פּסעוודאָנים פון זיידן מענדעלע — „מוכר ספרימניק״ — פאַר די, וואָס באַוויזן צו פּאָפּולאַריזירן די יידישע קינסטלערישע ווערק. די רעזולטאַטן האָבן לאַנג נישט געלאָזט אויף זיך וואַרטן. 400 יידישע מענטשן זענען פריוויליק געוואָרן מוכר־ספרימניקעס און האָבן דערגרייכט די צאָל פון 2300 יערלעכע אַבאָנענטן און 1000 אינדיווידועלע קויפערס פון באַזונדערע, לויט זייער אויסוואַל, ביכער פון אונדזער פאַרלאַג. נישט קיין לייכטע אַרבעט איז עס געווען. די מוכר־ספרימניקעס פלעגן גיין פון שטוב צו שטוב, איינאָרדענען שכנים־פאַר־זאַמלונגען, אָרגאַניזירן לייענער־גרופּן, אָפּהאַנדלונגען וועגן אַ יידיש בוך ביי אַ היימיש גלעזל טיי. מיר האָבן דורכגעפירט אַ ספּעציעלן דריי־טאָגיקן קורס פאַר אָנפירערס פון די יידישע קלובן און דערביי באַשלאָסן, אַז די אָנפירונג פון יעדן קלוב דאַרף אַרבעטן זעלבשטענדיק. געשטיצט דורך די אַרטיקע פאַרוואַלטונגען פון פאַרבאַנד. געווען איז עס אין הסכם מיט דער איינשטעלונג: וואָס מער זעלב־שטענדיקע געזעלשאַפטלעכע טוערס אין יעדן געביט פון אונדזער טעטיקייט.

כדי צו וויסן גרינטלעך די באַדערפענישן פון אונדזער סביבה, אירע פאַר־לאַנגען, האָבן מיר דורכגעפירט אונטער דער אָנפירונג פון יידישן וויסנשאַפטלער־סאָציאָלאָג, ד״ר י. בראָנשטיין, מיט דער הילף פון אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע טוערס, אַ פאָרשונג ביי 1302 יידישע משפחות אין וואָרצלאַוו. די פאָרשונג האָט באַוויזן, אַז 41% פון די אַלטגעזעסענע יידן און 64% פון די ניי־געקומענע רעפּאַטריאַנטן זענען פיזישע אַרבעטערס. 46% אַרבעטן אין דער מלוכה־אינדוסטריע און אין האַנטווערק, 8% — אין האַנדל און אין דער גאַסטראָנאָמיע, 9% אין דער בילדונג־סיסטעם און 6% אין דער געזונטהייט־דינסט. צווישן די געפאָרשטע זענען 20% געווען קינדער און יוגנטלעכע ביז 20 יאָר. וואָס שייך דער בילדונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז 20% האָבן נישט געענדיקט קיין אָנפאַנג־שול, 25% האָבן געענדיקט אַ גרונט־שול, 20% געהאַט האָבן מיטעלע בילדונג און 18% האָבן געענדיקט הויכשולן. די דאָזיקע פאָרשונג האָט אונדז געדינט ביים באַטראַכטן אונדזערע אַרבעטס־פּלענער און אָנמערקן דיפערענצירטע מעטאָדן לגבי די באַ־זונדערע סביבות.

נישט מיט קיין לייכט האַרץ איז אונדז אויסגעקומען צו באַפרייען דוד ספאָרדן פון זיין אַרבעט אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון אונדזער הויפּט־פאַרוואַלטונג, כדי ער זאָל זיך קענען אָפּגעבן דער רעדאַקציע פון פאַרלאַג „יידיש בוך״ און גלייכ־צייטיק רעדאַגירן און באַוואָרענען דאָס רעגולערע דערשיינען פון דעם חודש־זשורנאַל „יידישע שריפטן״. אַ קורצע צייט האָט אַלס סעקרעטאַר פון דער הויפּט־

פאַרוואַלטונג געאַרבעט לייב דאָמב, אָבער דער אויסגעוואַקסענער פאַרנעם פון זיין אַרבעט אַלס דירעקטאָר פון אונדזער פאַרלאַג, האָט אונדז געצוווּנגען צו זוכן אַן אַנדער קאַנדידאַט אַלס סעקרעטאַר. מיר האָבן פון נידער־שלעזיע אַראָפּגעבראַכט עדוואַרד רייבערן, (וועלכער איז אין וראָצלאַוו, בעתן פאָרלייגן זיין קאַנדידאַטור אַלס סעקרעטאַר פון דער וואָיעוואָדישער פאַרוואַלטונג, דורכגעפאַלן...). געטראַכט האָבן מיר, אַז דער מענטש, וועלכער האָט געהאַט פריִער געאַרבעט אין פּאַרטיי־אַפּאַראַט, וועט העלפן ברענגען אין אָרדענונג אונדזערע פאַרנאַכלעסיקטע ביוראָ־ענינים. קיינער פון אונדז האָט נישט פאַרמאָגט קיין ביוראָ(קראַטישע) קענטעניש, רייבער האָט עס יאָ פאַרמאָגט, ער האָט אָבער דערביי אַריינגעבראַכט טיילווייז דעם פּאַרטייִשן נוסח. דער שווערפּונקט איז פון די געזעלשאַפטלעכע טוערס, פון די פאָרזיצערס פון די אָרטיקע פאַרוואַלטונגען, אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף די סעקרעטאַרן, וועלכע זענען געווען געצאָלטע טוערס, סעקרעטאַרן־באַראַטונגען האָבן גענומען דאָמינירן אין דעם אַרבעטס־אופן פון פרעזידיום פון אונדזער הויפּט־פאַרוואַלטונג. ווי ווייט מעגלעך האָמעווען די ביוראָקראַטישע טענדענץ איז געוואָרן אַ וויכטיקע אויפגאַבע אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט, וועלכע האָט זיך געמוזט שטיצן קודם־כל אויף פרייוויליקער, געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו.

אַהין און צוריק

קיין באַזונדערע שטערונגען אין אונדזער טאָג־טעגלעכער אַרבעט האָבן מיר צו יענער צייט נישט באַגעגנט — נישט מצד די רעגירונגס־אָרגאַנען און נישט מצד די פּאַרטיי־אינסטאַנצן. און דאָך האָבן מיר אָפּגעפילט אויף זיך די ענדערונג, וואָס איז געקומען אין פּוילן צוליב דער סיסטעמאַטישער ליקווידאַציע פון די טיילווייזע דעמאָקראַטישע דערגרייכונגען פון „פּוילישן אָקטאָבער״. דער שאַרפער אָנגריף פון גאָמולקאַן, אין זיין באַריכט־רעפעראַט אויפן 3טן צוזאַמענפאָר פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי (אין מערץ 1959) קעגן יוגאָסלאַוויע, *) האָט בולט באַוויזן דעם צוריקקער צו צייטן... ווען גאָמולקאַ גופא איז באַשולדיקט געוואָרן דורך די פּראָסטאַלינישע עלעמענטן אין סימפּאַטיזירן מיט טיטאָן. אַלץ שאַרפער איז געוואָרן דער אַדמיניסטראַטיווער דרוק קעגן דער שעפערישער פּוילישער אינטעליגענץ, קודם־כל קעגן די שרייבערס, וועלכע האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם אָנוווקס פון דער רעאַקציע, די שאַרפע באַגרענעצונגען מצד דער צענזור א״א.

מיר, אין אונדזער סביבה, האָבן די באַגרענעצונגען נאָך נישט געהאַט אָפּגעפילט. אין דער „פאָלקס־שטימע״ האָבן מיר אַ צייט לאַנג געשריבן אויף אַן אַנדער, ווי אַמאָל, אופן וועגן אויסלענדיש־יידישע פּראָבלעמען. מיר האָבן צום ערשטן מאָל אָפּגעמערקט דעם יאָרצייט נאָך די דערמאָרדעטע יידישע שרייבערס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ביז אַ צייט האָבן מיר אָפּגעשטעלט צו דרוקן די קאָרעספּאָנדענצן פון תל־אביב, וועלכע האָבן אַרויסגעבראַכט רק די שאָטן־זייטן אין דעם לעבן און אין דער פּאָליטיק פון מדינת ישראל. מיר האָבן געדרוקט יצחק גרודבערג־טורקאָווס רעפּאָרטאַזשן, וועלכע האָבן, נאָך זיין באַזוך אין ישראל, דערציילט אמתדיק וועגן דאָרטיקן לעבן, און די רעפּאָרטאַזשן פון יידל קאָרמאַן, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין צוזאַמענפאָר פון מק״י. מיר האָבן דורכגעפירט אַן אינטערוויו מיטן גרויסן פּוילישן געלערנטן און יידנפריינד פּראָפ׳ טאַדעוש קאָטאַרבינסקי, וועלכער האָט אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון דער געזעלשאַפט „פריינד פון העברעישן אוניווערסיטעט״ באַזוכט ישראל. מיר האָבן אויף גאַנצע זייטן געדרוקט

*) גאָמולקאַ האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז „מיט זיין פּראָגראַם האָט דער „פאַרבאַנד פון קאָמוניסטן אין יוגאָסלאַוויע״ זיך געשטעלט מחוץ דער אַלוועלטלעכער קאָמוניסטישער באַוועגונג״.

אַן אינטערוויו מיט משה סנה בעת זיין באַזוך אין פוילן. אַלץ אָפטער פלעגן איניקע פון אונדז קומען אויף אויפנאַמעס אין דער ישראַל־אַמבאַסאַדע *).

קיין ישראל איז געפאָרן דער באַקאַנטער לינק־סאָציאַליסטישער טוער, דער געוועזענער מיטגליד פון „פוילישן קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייונג" ד"ר באָלעסלאַוו דראָבנער. אַ פאַרליבטער אין זיין היימשטאָט קראָקע, האָט ער גע־האַלטן, אַז עס מוזן אויפגעריכט ווערן די דאָרטיקע יידישע אַלטערטימלעכקייטן, קודם־כל די אַלטע שול, אין וועלכער דער נאַציאָנאַלער העלד פון פוילן, טאַדעוש קאָשטשושקאָ, האָט גערעדט צו די יידן און פּראָקלאַמירט זייער גלייכבארעכטיקונג. דער פולשטענדיק אַסימילירטער ד"ר ב. דראָבנער האָט דערביי אַרויסגעוויזן גאָר אַ סך איניציאַטיוו. קיין ישראל איז ער געפאָרן, כדי באַקומען עקספּאָנאַטן פאַר דער אַלטער שול, וועלכע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יידישן מוזיי. אונדזער פּרעזידיום האָט באַאויפטראַגט די דירעקציע פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט צו העלפן מיט דאָקומענטן דעם נייעם מוזיי.

דער אַטאַשע פון דער ישראַל־אַמבאַסאַדע, ה' צבי נצר האָט מיר געגעבן צו וויסן, אַז אויף צוריקוועגס פון אַ באַזוך אין מאָסקווע איז געקומען קיין וואַרשע דער פירער־טעאָרעטיקער פון „אחדות העבודה", יצחק טאַבענקין. איך האָב אין דעם פאַל נישט געפרעגט קיין דערלויבעניש און בין אַוועק צו דער באַשטימטער באַגעגעניש, בעת וועלכער עס איז אויך בייגעווען צבי נצר. כ'בין שטאַרק נייגעריק געווען צו הערן י. טאַבענקינס איינדרוקן פון מאָסקווע. מער פון אַלץ איז מיר געגאַנגען אין אַפּעלירן צו אים, אַלס איינעם פון די אָנגעזעענסטע פירערס פון דער ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג לטובת דעם יידישן ישוב אין פוילן. מיר האָבן געוווסט, אַז אויך צווישן די רעפּאַטריאַנטן זענען פאַראַן נישט ווייניק יידן, וואָס אָריענטירן זיך אַוועקצופאָרן קיין ישראל. „וואָס וועט ישראל אַרויסקומען דערפון, וואָס מיר וועלן איינגעשרומפּן ווערן און אפשר בכלל אויפהערן צו עקסיסטירן?!" — האָב איך געטענהט צו יצחק טאַבענקינען. — צי וועלן די 35 — 30 טויזנט יידן פון פוילן עפּעס וואָס וועזנטלעכס צוגעבן מדינת־ישראל? דאָקעגן וועט זייער אַוועקפאָרן חרוב מאַכן אַן עיקרדיקע פּאָזיציע, וועלכע בלויז מיט איר עקסיסטענץ און באַזונדער מיטן פאַרנעם פון איר אַרבעט, רעדט זי צו די סאָוועטישע יידן, דערמוטיקט זיי צו פאַרלאַנגען זייערע רעכט, זיך שטיצנדיק אויף דעםביישפּיל פון פוילן". איך האָב אים בשעת מעשה דערציילט וועגן פּיל־מאָליקע וועדנדונגען פון סאָוועטישע יידן צו די דאָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען, אָנווייזנדיק דערביי אויף דעם אַלעמען, וואָס די פּוילישע יידן האָבן דערגרייכט.

יצחק טאַבענקין האָט נישט פּאָלעמיזירט מיט מיר. געדוכט האָט זיך, אַז זיין ווינטשן הצלחה אין אונדזער אַרבעט האָט געקלונגען ווי אַ הסכמה אויף מיינע רייד.

מיט אידאַ קאַמינסקי האָבן מיר זיך צונויפגערעדט וועגן איינלאַדן קיין פוילן

*) אַלס פאָרזיצער פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד האָב איך געהאַט אַן אָנזאָג מצד דער אויסלענדישער אָפּטיילונג פון פאַרטיי־צ"ק, אַז בלויז מיט אַ דערלויבעניש פון אויסערן־מיניסטעריום האָב איך דאָס רעכט צו קומען אויף אויפנאַמעס אין דער ישראַל־אַמבאַסאַדע.

די דריי בינע־קינסטלערס פון ישראל, שמואל רודענסקי, שמואליק סגל און אליהו גאָלדענבערג — דעם אינסצעניזאַטאָר און רעזשיסאָר פון שלום־עליכמס „די קליינע מענטשעלעך" אין דער אויספירונג פון דעם דאָזיקן דריילינג. די ביז דעמאָלט קוים באַמערקטע אין ארץ־ישראל אינסצעניזאַציע, איז אויף אַן אויסער־געוויינלעך ענטוזיאַסטישן אופן אויפגענומען געוואָרן אין אַלע שטעט פון פּוילן, ווו יידן זענען מאַסנווייז געקומען הערן דאָס שלום־עליכמדיקע וואָרט פון ישראלדיקע אַקטיאָרן. בעת אַן אויפנאַמע אין פאַרזאַמלונג־זאַל פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, איז דער אויפטריט פון דעם דריילינג אָפּגעשאַצט געוואָרן ווי אַ פולשטענדיק נייער אופן פון אינטערפּרעטירן שלום־עליכמען און ווי די סאַמע נאַטירלעכסטע בריק צווישן די יידן אין ישראל מיט די יידן פון אַלע לענדער. די קינסטלערישע טריומף־רייזע פון „ביידע שמואלס" בראש מיט אליהו גאָלדענבערגן אין פּוילן איז ברייט באַוווּסט געוואָרן אין ישראל און אין אַנדערע לענדער. פון דעמאָלט אָן זענען די „קליינע מענטשעלעך" — לויט דער באַצייכענונג פון דער ישראלדיקער צייטונג „מעריב" — גרויס געוואָרן. מיר האָבן איינגעאָרדנט דעם אויפטריט פון באַוווּסטן „הבימה"־אַקטיאָר שמעון פינקעל אין דעם זאַל פון דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע. געקומען זענען די גרעסטע פּוילישע טעאַטער־מייסטערס צו באַערן דעם קינסטלער פון דער באַ־רימטער „הבימה". מיר האָבן באַזונדערס וואַרעם אויפגענומען דעם גרויסן ישראל־דיכטער אַברהם שלאָנסקי און דעם איבערזעצער פון אַדאַם מיצקעוויטשעס ווערק אויף עברית, יוסף ליכטענבוים. היימיש חבריש האָבן מיר בעת אַן אויפנאַמע געשמועסט מיט אונדזער גאַסט, דעם דיכטער־פּאַרטיזאַן אבא קאָוונער.

לאַנג האָט די דאָזיקע ליניע און דער נייער נוסח נישט אָנגעהאַלטן. בלי ספק האָט געווירקט אויף אונדז די אַלגעמיינע, אַלץ מער שטיקנדיקע אַטמאָספער אין פּוילן. געווען איז אָבער אויך די ווירקונג פון באַשטימטע געשעענישן, לגבי וועלכע יידן אין פּוילן זענען באַזונדער פילבאַר געווען.

אין אַ פּריוואַטן שמועס מיט ד"ר נחום גאָלדמאַן איז אויפגעקומען די פראַגע וואָס אַזוינס דאַרף געטאָן ווערן, כדי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָל מסכים זיין, אַז אַ דאָרטיקע יידישע דעלעגאַציע זאָל האָבן די מעגלעכקייט זיך צו באַטייליקן אין באַגעגענישן מיט יידישע פאָרשטייערס אין אויסלאַנד. אין דער וועלט איז צו יענער צייט פּאָפּולער געווען די באַוועגונג פון פאַרטיידיקערס פון שלום, אַרום וועלכער עס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַ סך פון די סאַמע באַוווּסטע ראַדיקאַלע אינטעלעקטואַליסטן פון פיל לענדער. די אַלוועלטלעכע שלום־קאָנגרעסן (איינער איז פאָרגעקומען אין וואַרשע, פאַר אים זענען אין ווראָצלאַוו זיך צונויפגעקומען שרייבערס, קינסטלערס און וויסנשאַפטלערס פון אַ סך לענדער, וועלכע האָבן געלייגט דעם יסוד פאַר דער מאַסן־באַוועגונג פון פאַרטיידיקערס פון שלום) זענען געוואָרן אַ פאָרום פאַר פאָרשטייערס פון מזרח און מערב. מיר האָבן פאָרגעלייגט דעם פּרעזידענט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס צונויפצורופן אַ יידישן וועלט־קאָנגרעס צו פאַרטיידיקן דעם שלום. געמיינט האָבן מיר, אַז אין אַזאַ פאַל וועט דאָך קומען אַ דעלעגאַציע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אויסגעזען האָט עס, ווי ד״ר גאָלדמאַן וואָלט מיט אונדז מסכים געווען, און דאָך איז קיין שום איניציאַטיוו פון זיין זייט נישט געקומען. מיר האָבן פאַרשטאַנען: אַזאַ קאָנגרעס וואָלט זיכער געדאַרפט רופן צום באַקעמפן דאָס אויפשטעלן די ווערמאַכט אין מערב־דייטשלאַנד. דערמיט וואָלט ד״ר גאָלדמאַן נישט מסכים געווען. דערויף האָבן אים נישט דערלויבט די נאָענטע באַציִונגען מיט אַדענאַוערן, דער אָפּמאַך וועגן „פאַרגיטיקונג״ און די וווּנטועלע אַרויסטרעטונגען בעת אַזאַ קאָנגרעס קעגן דער פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג לגבי מערב־דייטשלאַנד.

אין וואַרשע האָבן מיר זיך געטראָפן מיט דעם אַקטיוון טוער פון דער פראַנצויזישער שלום־באַוועגונג, דעם אַמאָליקן ביוראָ־שעף פון פּרעמיער־מיניסטער לעאָן בלום און אַ צייט לאַנג פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין פראַנקרייך, אַנדרע בלומעל, און מיר זענען מיט אים געקומען צו אַ הסכם וועגן רופן אין פּאַריז אַ וועלט־צוזאַמענפאָר פון יידישע פאָרשטייערס, כדי מאָביליזירן די יידן צום קאַמף קעגן ווידעראויפקום פון דער ווערמאַכט.

די דאָזיקע איניציאַטיוו האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג, קודם־כל אין די לינקע קרייזן. צו דעם צוזאַמענפאָר אין פּאַריז זענען געקומען דעלעגאַטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, פון קאַנאַדע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע, אויסטראַליע, אַרגענטינע, בראַזיל, איטאַליע. פון מזרח־בלאָק זענען געקומען דעלעגאַטן פון רומעניע בולגאַריע און פוילן. אויף אַלע ווענדונגען צום סאָוועטישן שלום־קאָמיטעט זענען קיין ענטפערס נישט געקומען.

אונדזער דעלעגאַציע, וועלכע איז באַשטאַנען פון 4 פאָרשטייערס פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד — אידאַ קאַמינסקי, בער מאַרק, הערש סמאָליאַר, סאַלאָ פישגרונד און אַ פאָרשטייער פון דער רעליגיעזער קהילה — ס. פערבער, האָט גענומען אַ באַזונדער אַקטיוון אָנטייל סיי מיט רעפעראַטן און סיי אין דער דיסקוסיע. אין באַשטאַנד פון דער פראַנצייזישער דעלעגאַציע זענען געווען אויך באַוווּסטע פּאָליטיקערס, וועלכע האָבן קיין שייכות נישט געהאַט צו די לינקע קרייזן (אַנרי טאָרעס, דרייפוס־שמידט א״א). די אָנגענומענע רעזאָלוציעס און ווענדונגען האָבן שאַרף פאַראורטיילט דעם אויפקום פון דער נייער ווערמאַכט אַלס טרעגער פון דייטשן מיליטאַריזם.

די אַרטיקלען אין דער „פאָלקס־שטימע״, הגם מיט דער גאַנצער שאַרפקייט געווענדעט קעגן מערב־דייטשלאַנד, האָבן פאַראורטיילט ישראל צוליבן צושטעלן געווער (גראַנאַטן־וואַרפערס, עוזי־אויטאָמאַטן) פאַר דער ווערמאַכט. פון דעמאָלט אָן האָבן מיר געענדערט דעם טאָן לגבי ישראל און זיך אומגעקערט, אין אַ געוויסער מאָס, צו דעם נוסח פון די פריִערדיקע צייטן. מיר האָבן אָנגעגריפן און דעמאַסקירט דעם שטאַטס־סעקרעטאַר פון דער אַדענאַוער־רעגירונג, גלאָבקע, דעם מיטאויטאָר פון די נירענבערגער אַנטי־יידישע געזעצן.. צו דעם געזעלשאַפטלעכן געריכט איבער גלאָבקען האָבן מיר דעלעגירט קיין מזרח־בערלין דעם וויצע־פאָרזיצער פון אונדזער פאַרבאַנד, אַדוו׳ שמואל הורוויטש און דעם סעקרעטאַר עדוואַרד רייבער. יידל קאָרמאַן האָט צונויפגעשטעלט אַ ספּעציעלע זאַמלונג פון

מאַטעריאַלן און אילוסטראַציעס, וועלכע האָבן באַוויזן דעם נאַצי־פּרצוף פון גלאָבקען. די אויסגאַבע איז פּאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן אין צענדליקער לענדער.

דעם 15טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ דעם 19טן אַפּריל 1958 האָבן מיר באַשלאָסן דורכצופירן אין ברייטסטן מאָסשטאַב. געדאַרפט האָט עס זיין אַ פאָלקס־דעמאָנסטראַציע קעגן די דראָענדיקע געפאַרן מצד דעם נעאָ־נאַציזם, מצד דעם אַלץ מער עזותדיקן אַנטיסעמיטיזם.

ווירקלעך איז עס געווען דער גרעסטער, זינט דעם יאָר 1948 (ווען עס איז אַנטהילט געוואָרן דער דענקמאָל פאַר די יידישע מאַרטירערס און קעמפערס) פייערלעכער אופן אָפּצוצייכענען דעם יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

געוויינלעך פלעגט דער דאָזיקער טאָג אָפּגעמערקט ווערן דורך דעם אויפמאַרש פון יידישע און פוילישע דעלעגאַציעס, וועלכע האָבן געלייגט בלומען־קרענץ ביים דענקמאָל. דערביי האָט פּרעזענטירט דאָס געווער אַן אָפּטייל פון פּוילישן מיליטער צוזאַמען מיט אַן אָרקעסטער. קיין שום רעדעס זענען נישט געהאַלטן געוואָרן. דאָס מאָל האָבן מיר באַשלאָסן דורכצופירן די פייערונג אויף אַן אַנדער אופן. דער אויפמאַרש צום דענקמאָל איז פאָרגעקומען אין די פאַרנאַכט־שעהען. מיט פאַקלען איז באַלויכטן געוואָרן דער גאַנצער חרובער אַרום. פון פּיעדעסטאַל פון דענקמאָל האָט אין 7 שפּראַכן זיך דערהערט אונדזער רוף „צו אַלע מענטשן פון גוטן ווילן" — אין יידיש, עברית, פויליש, רוסיש, ענגליש, פראַנצייזיש און שפּאַניש — צו זיין וואַכזאַם און זיך אַנטקעגנשטעלן די ווידער־אויפגעקומענע נאַצי־כוחות.

צו דער פייערונג זענען געקומען יידישע דעלעגאַציעס פון אַ סך לענדער. די גרעסטע סענסאַציע איז געווען, וואָס צום ערשטן מאָל איז צו דעם דאָזיקן יאָרטאָג געקומען אַן אָפיציעלע דעלעגאַציע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין איר באַשטאַנד איז געווען איינער פון די גרעסטע העלדן אין קאַמף קעגן די היטלערישע אַרמייען, דער צווייפאַל „העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד", גענעראַל־לייטענאַנט דוד דראַגונסקי *), דער רוסישער דיכטער (פון יידישן אָפּשטאַם), יעווגעני דאָלמאַטאָווסקי און דער איינציקער רוס, דער העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, פּאָוולאָוו.

פון ישראל איז געקומען אַ רעפּרעזענטאַטיווע דעלעגאַציע פון געוועזענע געטאָ־קעמפערס און פּאַרטיזאַנערס. איך האָב זיך תיכּף פאַרבונדן מיט צביה לובעטקין. פאַר דער דאָזיקער ווירדיקער און מוטיקער קעמפערין פון וואַרשעווער געטאָ האָבן מיר געהאַט גרויס דרך־ארץ. איך האָב איר איבערגעגעבן וועגן דעם כאַראַקטער און אָרדענונג פון דער פייערונג, ווי אויך די 2 דאָקומענטן — די

*) ערשט אין 4 יאָר אַרום האָב איך, בעת מיין באַזוך אין מאָסקווע, זיך דערוווּסט, אַז דער ווירקלעכער העלד אין דער מלחמה קעגן היטלערן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס פּחדן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן גורל פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער האָט איינער פון די ערשטע אונטערגעשריבן די פּראָוואָקאַטאָרישע ווענדונג צו דער סאָוועטן־רעגירונג וועגן אַרויסשיקן די יידן פון די גרויסע שטעט. דערצו האָט ער נאָך איינגעאָרדנט אַ באַנקעט פאַר זיינע משפּחה־לייט און דערביי פאַרזיכערט, אַז צו זיי וועט עס קיין שייכות נישט האָבן...

ווענדונג „צו אַלע מענטשן פון גוטן ווילן״ און דעם מיליטערישן אַפּעל. צביה האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג צו לייענען די ווענדונג אין עברית. זי האָט אָבער מיט פאַרדראָס באַמערקט, אַז אין דעם טעקסט פון מיליטערישן אַפּעל, וועלכער „רופט אויף״ אַלע יידן, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס אין קאַמף קעגן היטלעריזם, האָט פאַרפעלט די יידישע פּאַלעסטינער בריגאַדע. מיין לאַגע איז געווען אַ גאַנץ קאָמפּליצירטע. ביידע דאָקומענטן זענען געווען באַשטעטיקט דורכן פּרעזידיום פון אונדזער הויפּט־פאַרוואַלטונג און שפּעטער — דורך דער פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג פון פּאַרטיי־צ״ק. צביה איז אָבער געווען גערעכט. איך האָב צוגעשריבן אַזוי ווי זי האָט פאַרגעלייגט און... געמוזט טיילווייז ענדערן אונטערן דרוק פון דער סאָוועטישער דעלעגאַציע.

מיין אַרגומענטאַציע, אַז איך קען נישט ענדערן דעם טעקסט נאָכן באַשטעטיקן אים אין פּאַרטיי־צ״ק האָט אויף די סאָוועטישע דעלעגאַטן נישט געמאַכט קיין איינדרוק. נישט וועלנדיק שאַפן קיין קאָנפליקט האָב איך אין טעקסט פון דער „ווענדונג״, ווו עס האָט זיך גערעדט „קעגן אַנטיסעמיטיזם און יעדן אויסדרוק פון ראַסיזם״ צוגעשריבן דוד דראַגונסקיס פאָרשלאָג: „קעגן נאַציאָנאַליזם״, וואָס ער האָט דערביי געמיינט, איז געווען קלאָר...

אויך אין טעקסט פון מיליטערישן אַפּעל, ווו עס האָט, לויט צביהס פאָרמו־לירונג, זיך געזאָגט: „צו אייך, וואָס האָבן אין די רייען פון דער פּאַלעסטינער יידישע בריגאַדע אָפּגעגעבן דאָס לעבן פאַר דער באַפרייונג פון יידישן פאָלק״ האָבן סיי דוד דראַגונסקי און סיי יעווגעני דאָלמאַטאָווסקי לאַנג מיט מיר געשטריט און פאָרגעלייגט צו פאָרמולירן: „פאַר דער באַפרייונג פון פעלקער״. איך האָב געמוזט איינגיין און דערביי נישט פאַרשטענדיקט זיך מיט דער פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג פון צ״ק, וועלכע וואָלט זיכער מסכים געווען מיט די סאָוועטישע אויסבעסערונגען *).

שטאַרק איז געווען דער אָפּקלאַנג פון ביידע אַקטן — פון דער „ווענדונג״ וועלכע עס האָט געלייענט אין יידיש דער ווידערשטאַנד־קעמפער סאַלאָ פישגרונד, אין עברית — צביה לובעטקין, אין פּויליש — פּולקאָווניק שאַניאַווסקי (פאָרזיצער פון וואַרשעווער „זבאָוויד״־פאַרוואַלטונג), אין ענגליש — אַליק וואַטערמאַן, פאָר־זיצער פון לאָנדאָנער „אַרבעטער־רינג״, אין פראַנצויזיש — אַננאַ ווילנער. אָנטייל־גענומען אין דער רעזיסטאַנס, אין שפּאַניש — דער אַרגענטינער „איקוף״־פאָר־שטייער ראובן סיני און פון דעם מיליטערישן אַפּעל, וועלכן עס האָט בראש

*) ס׳האָט מיך שפּעטער אַרויסגערופן דער פאַרטרעטער פון שעף פון פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטייל פון צ״ק און געגעבן „אַ פאַרציע״ סיי פאַרן ענדערן דעם טעקסט פון די דאָקומענטן און סיי צוליב דעם, וואָס אין מיין רעדע, בעת דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין קולטור־פּאַלאַץ, האָב איך געדענקט וועגן דער פּאַלעסטינער בריגאַדע, אָבער פאַרגעסן וועגן אַנגלאָ־אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם... דערטראָגן האָט וועגן דעם דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון „זבאָוויד״, דער וויצע־קולטור־מיניסטער רושינעק, וועלכער האָט פון מיר פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל אים פריִער „וויזן״ דעם טעקסט פון מיין רעדע. איך האָב אים האַרט געענטפערט, אַז כ׳וועל זיך שוין באַגיין אָן זיין צענזור...

פון אַ מיליטער־אָפּטייל דורכגעפירט דער פוילישער גענעראַל, טשיזשעווסקי אַלס פאָרשטייער פון גענעראַל־שטאַב. יעדעס מאָל נאָכן אויפרופן די באַזונדערע אָפּ־טיילן פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע, אין ביאַליסטאָק, אין קראָקע, אין טשענסטאָכאָוו און אין אַנדערע שטעט, האָט דער מיליטער־אָפּטייל קאָלעקטיוו געמאָלדן: „זיי זענען געפאַלן אויפן פעלד פון רום". און אַזוי אויך בעתן דערמאָנען די יידישע ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציעס אין דער אָקופּירטער אייראָפּע און די פאַלעסטינער יידישע בריגאַדע.

אויף דער אַקאַדעמיע, צו וועלכער עס זענען געקומען מער מענטשן, וויפל עס האָט געקענט אַריינגעמען דער גרעסטער זאַל פון קולטור־פּאַלאַץ מיט זיינע 3000 פּלעצער, איז געווען דער פּרעמיער־מיניסטער יוזעף ציראַנקעוויטש, פאָר־שטייערס פון פאַרטיידיקונג־מיניסטעריום, פון אויסערן־מיניסטעריום. אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט האָט צוגעצויגן די סאָוועטישע דעלעגאַציע, וועלכע איז געזעסן אין פּרעזידיום. יידישע מענטשן האָבן געוואָלט דרינגען, אַז עס קומט אַן ענדערונג אין דער פּאָליטיק לגבי די סאָוועטישע יידן.

לויטן ביישפּיל פון וואַרשע זענען אין אַלע שטעט און שטעטלעך, ווו עס איז נאָר געווען אַ יידישער יִשוב פאָרגעקומען מאַניפעסטאַציעס און אַקאַדעמיעס. די גאַנצע פוילישע פּרעסע האָט געווידמעט דעם יידישן אויפשטאַנד ספּעציעלע אַרטיקלען.

מיט אַן עקסטראַ גיפטיקן אַרטיקל האָט די פּייערונגען לכבוד די געטאָ־אויפשטענדלערס באַגלייט דער יידן־שונא באָלעסלאַוו פּיאַסעצקי אין זיין אָרגאַן „סלאָוואָ פּאָושעכנע". לויט אים „האָבן במשך די לעצטע 18 יאָרהונדערטער יידן ווי אַ פאָלק נישט געקעמפט מיט געווער... ווי לאָקאַטאָרן האָבן זיי זיך נישט צוגעבונדן צו קיין איין דאַך, וועלכער האָט זיי געשיצט".

אין גיכן האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט עפנטלעך צו פאַרלייקענען די ווילדע אינסינואַציעס פון דער פאַראייניקטער פּיאַסעצקי־מאָטשאַר־רעאַקציע אַרויס־הויבנדיק אין ברייטסטן פאַרנעם די קאַמפּס־טראַדיציעס פון די פוילישע יידן.

אונדזער ווידערשטאַנד

שוין אין אָנהייב פון די זעכציקער יאָרן איז אַלץ בולטער געוואָרן די אויספאָרמירונג פון פּאָליטישן בלאָק צווישן די צוויי הויפּט־כוחות פון דער פּוילישער רעאַקציע — צווישן דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער אָנפירונג פון קאָמבאַטאַנטן־פאַרבאַנד „זבאָוויד", בראש מיטן גענעראַל מיעטשיסלאַוו מאָטשאַר, און דער סאָוועטיש־קאַטוילישער אָנפירונג פון „פּאַקס", בראש מיט באָלעסלאַוו פּיאַסעצקין. זייער געמיינזאַמער סטראַטעגישער פּלאַן איז געווען: איבערנעמען די מאַכט פון דער נישט גענוג אַנטשלאָסענער, לויט זיי, אין קאַמף קעגן „רעוויזיאָניזם", גאָמולקאַ־אָנפירונג. זייער געמיינזאַמער וועג צום געווינען די סימפּאַטיע און שטיצע מצד די גרונט־מאַסן פון פּוילישן פאָלק איז געווען: קערעווען דעם פייער קודם־כל אין דער זייט פון די יידישע פּאַרטיי־ און רעגירונגס־קאַדרען, און נאָך דעם — קעגן די יידן בכלל.

אין אונטערשייד צו די „פּאַקס"־לייט, וועלכע האָבן אַלע מאָל געהאַט די פולע אונטערשטיצונג מצד דער סאָוועטישער אָנפירונג, האָט דער גענעראַל מאָטשאַר אויך דעמאָלט, ווי אין דער צייט, ווען ער איז געווען אַ פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדיר, נישט גאָר נושא־חן געווען ביי די סאָוועטישע פאַקטאָרן. ער האָט אין קאַמף קעגן די יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען צווישן די אָנפירנדיקע פּאַרטיי־ און רעגירונגס־קאַדרען, געהאַט מיט חוזק זיי באַצייכנט אַלס „די געקומענע פון מזרח אין אָפיציִרישע מונדירן". די מונדירן זענען, ווי באַוווּסט, געווען סאָוועטישע. ממילא האָבן דערפון זיך געפילט געטראָפן די סאָוועטישע פאַקטאָרן. זיי האָבן אָבער שנעל זיך „איבערגעבעטן", דערקענענדיק די ווירקלעכע שטרעבונגען פון דעם „פּאַקס"־שותּף אין קאַמף קעגן אַנטיסטאַליניסטישן „רעוויזיאָניזם", קעגן די יידישע קאַדרען.

מיר האָבן געפילט די געפאַר וואָס רוקט זיך אָן אויף דער יידישער באַפעלקערונג, בפרט אַז עס האָט זיך סיסטעמאַטיש געמערט די צאָל אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען אין אַ ריי פּרעסע־אָרגאַנען, וועלכע האָבן פאָרגעשטעלט די יידן אַלס פרעמדן אַנטיפּוילישן עלעמענט.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָבן מיר געזען פאַר זיך צוויי עיקרדיקע אויפגאַבן: 1) רעאַגירן אויף פאַרשידענע אופנים קעגן דער אַנטי־יידישער רכילות־טרייבעריי אין דער פּרעסע, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון מאָטשאַר־פּיאַסעצקי־בלאָק; אַנטקעגנשטעלן זייער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע — דעם אמת וועגן דער טויזנט־יאָריקער געשיכטע פון די יידן אין פּוילן. זיך באַמיִען צו ענטפערן אין דער פּרעסע אויף די באַליידיקונגען און ווילדע אויסטראַכטענישן

פון די פען־ראַסיסטן. 2) שטאַרקן די אידעיִש־פּאָליטישע ווידערשטאַנד־פעיִקייט פון די יידן. כדי נישט אַריינפאַלן אין פאַרצווייפלונג און אַנבליק פון דער נישט געשטערטער, שטייגנדיקער אַנטיסעמיטישער אַקציע, סטימולירן אַן אַקטיוון אופן פון רעאַגירן אויף דער אַנטי־יידישער פּראָפּאַגאַנדע דורך פאַרלאַנגען פון די פּאַרטייִשע און רעגירונגס־אינסטאַנצן זיי זאָלן אַרויסטרעטן קעגן דער ראַסיס־טישער פּלאָג.

אין גאַנצן לאַנד האָט מען ברייט אָפּגעמערקט דעם מילעניום — די 1000־יאָריקע עקסיסטענץ פון דער פּוילישער מלוכה. מיר האָבן ביי דער געלעגנהייט איינגעאָרדנט אין לובלין — אין דעם זיצאָרט פון „ועד ארבע ארצות" (אין 16טן — 18טן י"ה), אין דער שטאָט ווו ס'איז אין 1944, אין שכנות פון דעם געוועזענעם אויסראָטונגס־לאַגער מיידאַנעק, געשאַפן געוואָרן דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן — אַ ספּעציעלע סעסיע, געווידמעט דעם נעכטן און היינט פון די פּוילישע יידן.

די געזעלשאַפט פון פאַרבינדונגען מיט פּאָליאַקן אין אויסלאַנד „פּאָלאָניאַ", האָט געגרייט אַ קאָנגרעס פון דעלעגאַטן פון יענע לענדער, ווו עס האָבן עקסיסטירט צענטערן פון דער פּוילישער איינוואַנדערונג. מיר האָבן פּאַרטיידיקט אויף אַ זיצונג פון דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון „פּאָלאָניאַ" *) די נויטיקייט צו באַטייליקן אין דעם קאָנגרעס פאַרשטייערס פון די יידיש־פּוילישע לאַנדסמאַנשאַפטן. צו דעם קאָנגרעס זענען ווירקלעך געקומען פאַרשטייערס פון יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, פון פראַנקרייך, ישראל, קאַנאַדע, ענגלאַנד, אַרגענטינע, בראַזיל, אורוגוואַי א"א. אויף אַ געמיינזאַמער באַראַטונג האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצוברענגען אין אונדזערע אַרויסטרעטונגען די ראָל פון די פּוילישע יידן אין נאַציאָנאַלן באַפרייונגס־קאַמף פון פּוילן, די ראָל פון יידישן אַרבעטער־קלאַס אין די רעוואָלוציאָנערע קאַמפן, די ראָל פון יידן אין דער אַנטוויקלונג פון דערווירטשאַפט און קולטור פון פּוילן, און גלייכצייטיק פאַרלאַנגען הילף פאַר דער נוצלעכער אַרבעט פון די פּילצאָליקע לאַנדסמאַנשאַפטן פון פּוילישע יידן, גאַר באַזונדער אין זייער אָנשטרענג, צוזאַמען מיט דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, צו ברענגען אין אָרדענונג די דעוואַסטירטע יידישע בית־הקברותן און צו שטעלן דענקמעלער צום אָנדענק פון דער אומגעבראַכטער יידישער באַפעלקערונג.

מיר האָבן זיך באַמיט צו גרייכן מיט רעפעראַטן אויף יידישע טעמעס צו ברייטערע פּוילישע קרייזן און אומעטום באַגעגנט גרויס אינטערעס צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן, צו דער פּוילישער טעמאַטיק אין די ווערק פון י. ל. פּרץ, שלום אַש, י. אָפּאַטאָשו, י. זינגער, מ. בורשטיין און ביי די רעוואָלו־ציאָנערע יידישע שרייבערס. אַ גרויסן רושם האָבן אומעטום געמאַכט די פאַר־געלייענטע בריוו פון שלום אַשן, אין אָנהייב פון זיין ליטעראַרישן שאַפן, צו

*) ד"ר ד. ספּאַרד און איך זענען געווען מיטגלידער פון דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון „פּאָלאָניאַ".

זשעראָמסקין און די פּילבאַרע באַציִונג פון גרויסן פּוילישן שרייבער צום יונגן שלום אַש *). די אַרויסטרעטונגען אויף יידישע טעמעס אין בידגאָשטשער קולטור־הויז, פאַר די סטודענטן פון וואַרשעווער ליציי, וועלכער האָט געגרייט פּוילישע קולטור־טוערס, פאַר אַ גרויסן פּוילישן עולם אין וואַלבזשיך, אין ביאַליסטאָק, אין קאַטאָוויץ, (איינגעאָרדנט דורכן אָרטיקן נאַציאָנאַל־ראָט) — די דאָזיקע אַלע אונטערנעמונגען, הגם אַ טראָפּן אין ים פון פּאַראורטיילן און פּשוטער איגנאָראַנץ וואָס שייך דערווירקלעכער געשיכטע פון יידן, זענען דאָך געווען אין אַ באַ־שטימטער מאָס אַן אַנטידאָטום קעגן דער עפּנטלעך פאַרשפּרייטער יידן־שנאה מצד דעם מאָטשאַר־פּיאַסעצקי־בלאָק.

אומדערוואַרט זענען אַרויסגעקומען מיט אַן אייגענער איניציאַטיוו פאַרשטייערס פון דער קאַטוילישער געזעלשאַפטלעכקייט. ס׳האָט זיך צו מיר געווענדעט אַ פאָר־שטייער פונעם קלוב פון קאַטוילישער אינטעליגענץ מיט אַ פאָרשלאָג כ׳זאָל קומען צו זייערער אַ פאַרזאַמלונג און באַטייליקן זיך אין אַ דיסקוסיע וועגן אַן ענין, וועלכער גייט אָן דער יידישער באַפעלקערונג. די קלובן פון קאַטוילישער אינ־טעליגענץ זענען געווען פאַרבונדן מיט דער קלויסטער־היעראַרכיע און זענען ממילא באַגרענעצט געווען דורך דער מאַכט אין זייער טעטיקייט. די דאָזיקע קלובן, ווי דער קאַטוילישער קלער בכלל, זענען געווען קעגנעריש לגבי פּיאַסעצקיס „פּאַקס״. ווען עס האָבן געגומען אַלץ אָפטער זיך באַווייזן אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען אין „סלאָוואָ פּאָוושעכנע״, האָט די אָנפירונג פון וואַרשעווער קלוב פון קאַטוי־לישער אינטעליגענץ באַשלאָסן איינצואָרדענען אַ דיסקוסיע־אָוונט וועגן דער געגעזע און צילן פון אַנטיסעמיטיזם.

מיט גרויס אינטערעס האָב איך אויסגעהערט די גרינטלעכע רעפעראַטן וועגן אָפּשטאַם פון דער יידן־שנאה — פון די אַלט־גריכישע צייטן, בעתן מיטלאַלטער און ביז דער נייער צייט. די רעדנערס זענען געווען פאַרזיכטיק מיט דערקלערן די סיבות פון אַקטועלן פּוילישן אַנטיסעמיטיזם. אין זאַל זענען זיכער געווען „שמעקערס״ פון אינערן־מיניסטעריום. אָבער אין די אַרויסטרעטונגען פון עטלעכע יונגע קאַטוילישע סטודענטן, וועלכע האָבן מיט וואַרעמקייט גערעדט וועגן זייערע יידישע חברים, איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן אַלס ווילדע אויסטראַכטעניש די כלומרשטע ספּעציפיש יידישע נעגאַטיווע אייגנשאַפטן, אויף וועלכע עס ספּעקולירן די אַנטיסעמיטן.

דער מענטש, וועלכער האָט מיר איינגעלאַדן אויף דער פאַרזאַמלונג, האָט מיר צוגעשיקט אַ צעטעלע, אונטערגעשריבן „יאַן״, אין וועלכן ער האָט מיר אינפאָרמירט, אַז זיי האָבן אין פּלאַן נאָך עטלעכע פאַרזאַמלונגען געווידמעט יידן. ער וויל זיך מיט אונדז פאַרשטענדיקן וועגן דעם. דער פּרווו זיך צו פאַרשטענדיקן איז ערשט געקומען מיט יאָרן שפּעטער...

נאָך דעם ווי דער אַלוועלטלעכער שלום־ראָט האָט לויט אונדזער איניציאַטיוו

*) די בריוו מיט קאָמענטאַרן האָט אונדז געגעבן דער באַוווּסטער פּוילישער ליטעראַטור־פאָרשער, פּראָפ׳ פּיגאָן.

פֿראָקלאַמירט דעם 100סטן געבוירנטאָג פֿון שלום־עליכמען אַלס אינטערנאַציאָנאַלע דאַטע, האָבן מיר אויסגעאַרבעט אַ ברייטן פּלאַן ווי אַזוי אָפּצומערקן דעם דאָזיקן יובילײ. מיר האָבן איינגעלאַדן פֿון אַמעריקע שלום־עליכמס טאָכטער מיט איר מאַן, דעם באַוווסטן פּובליציסט בן־ציון גאָלדבערג. אונדזערע אַמאַטאָרישע קונסט־קרייזן האָבן אומעטום געגרייט אַ ספּעציעלן שלום־עליכם־רעפּערטואַר. אונדזער טעאַטער איז געקומען מיט שלום־עליכם־דראַמעס — „שווער צו זיין אַ ייד" און „סענדער בלאַנק". אין דעם גרויסן זאַל פֿון דער וואַרשעווער פֿילהאַרמאָניע האָט דער פּוילישער קאָמיטעט פֿון שלום־פּאַרטיידיקערס איינגעאָרדנט אַ פּייערלעכן אָוונט געווידמעט שלום־עליכמען. דער פּאַרזיצער פֿון פּוילישן שרייבער־פֿאַראיין און גלייכצייטיק מיטגליד פֿון אַלוועלטלעכן ראַט פֿון די שלום־פּאַרטיידיקערס, יאַראָסלאַוו איוואַשקעוויטש, איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ גרינטלעכער אָפּשאַצונג וועגן דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער און אַלמענטשלעכן באַטייט פֿון די ווערק פֿון יידישן קלאַסיקער.

אויף דעם ערשטן אַלפּוילישן קולטור־קאָנגרעס איז דעלעגירט געוואָרן ד"ר דוד ספֿאַרד. ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט אַרויסצוברענגען פֿאַר די אָנגעזע־ענסטע שאַפֿערס פֿון אַלע געביטן פֿון דער פּוילישער קולטור די דערגרייכונגען פֿון דער יידישער קולטור, קודם־כל פֿון דער יידישער ליטעראַטור. פֿאַר אַ סך דעלעגאַטן זענען עס ממש געווען אַנטפּלעקונגען.

מיר האָבן מיטגעווירקט צום אַרויסגעבן אַ ריי ווערק פֿון די יידישע קלאַסיקערס אין דער פּוילישער איבערזעצונג פֿון דעם דיכטער סטאַניסלאַוו וויגאָדסקי און פֿון אַננאַ דרעזנער. מיר האָבן באַאויפֿטראָגט דעם דיכטער אַרנאָלד סלוצקי און דעם ליטעראַטור־קריטיקער שלמה לאַסטיק צוצוגרייטן אין דער פּוילישער שפּראַך אַן אַנטאָלאָגיע פֿון דער יידישער דיכטונג. צו דער איבערזעצונג זענען צוגעצויגן געוואָרן די אָנגעזעענסטע פּוילישע פּאָעטן. דער באַוווסטער פּוילישער דיכטער יעזשי זאַגורסקי האָט איבערגעזעצט אַ באַנד לידער פֿון בינעם העלער *). וואַרצ־לאַווער פּוילישע דיכטערס האָבן איבערגעזעצט די לידער פֿון יעקב זאָנשיין, שטעטשינער פּוילישע פּאָעטן האָבן איבערגעזעצט אַ סך לידער פֿון יידישן דיכטער אליהו רייזמאַן. גרויס דערפֿאָלג האָט ביי די פּוילישע לייענערס געהאַט דער פּאָעטי־זירטער דורך האַראַצי סאַפֿרין יידישער פֿאָלקלאָר. זיינע ביכער זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם לאָדזשער פּוילישן פֿאַרלאַג. דעם יידישן הומאָר האָט פּאָפּולאַ־ריזירט אין זיינע פּוילישע אויסגאַבן דער זאַמלער פֿון יידישן פֿאָלקלאָר אַלעקסאַנדער דראָזשדזשינסקי — געוועזענער מיטגליד פֿון יידישן קאָמיטעט אין קראָקע.

אַ געלעגנהייט אַרויסצוטרעטן קעגן די אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען האָט געגעבן די סעסיע פֿון פּראָנט פֿון נאַציאָנאַלער איינִיקייט, וועלכע איז צום ערשטן מאָל פֿאָרגעקומען אין דעם זיצונגזאַל פֿון פּוילישן סיים און נישט אין זאַל פֿון מיניסטאָרן־ראַט. צו מיין דעמאָלטיקן אַרויסטרעטן האָט געהאַט טענות דער פֿאַר־

*) סיי די אַנטאָלאָגיע פֿון דער יידישער דיכטונג און סיי דער באַנד לידער פֿון בינעם העלער זענען צוליב דער אַנטיסעמיטישער כוואַליע נישט דערשינען.

זיצער פונעם „פראָנט" און פון פוילישן מלוכה־ראַט, אַלעקסאַנדער זאַוואַדסקי. כ'האָב זיך פון דער טריבונע געווענדעט צו אים פּערזענלעך, ער זאָל זיך דער־מאָנען יענעם טאָג, ווען אויפן הויף פון בריסקער תּפיסה האָבן מיר אין פּי̇רן — ער, דער פּאָליאַק זאַוואַדסקי, דער אוקראַי̇נער טאַציאַי, דער ווייסרוס קאָוואַלעווסקי און איך דער ייִד — צוזאַמען זיך באַראַטן וואָס צו טאָן נאָכן אויפברעכן אַלע טירן פון דער תּפיסה. די היטלער־אַרמיי איז געווען 20 קילאָמעטער פון דער שטאָט. ניִשט געווען צווישן אונדז קיין שום אונטערשייד, קיינער האָט ביים צווייטן ניִשט געפרעגט צו וואָס פאַראַ נאַציע ער געהערט. פאַר וואָס איז עס היינט אַנדערש?! ווי קענט איר גלייכגילטיק זיך צוקוקן צו דער שנאה, וואָס ווערט אָפן געפּריידיקט קעגן אונדז, די געראַטעוועטע פון היטלערס פאַרניכטונג!" דער דאָזיקער פּאַסוס איז אויסגעמעקט געוואָרן פון דעם אָפּגעדרוקטן סטענאָגראַם. ביי דעם געקומענעם גאַסט פון אַמעריקע, דעם באַוווּסטן פוילישן שרייבער מעלכיאָר וואַנקאָוויטש האָבן מיינע רייד אָפּגעקלונגען ווי... אָפּאָזיציאָנעלע. אַזוי, בוכשטעבלעך, האָט ער ביי מיר געפרעגט: „וואָס פאַראַ מין אָפּאָזיציע פאַרטרעט איר?"

מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצוטרעטן קעגן די אַלץ אָפטערע אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען אין אייניקע פוילישע צייטשריפטן, וועלכע האָבן זיך פולשטענדיק געשטעלט אין דינסט פון דער פוילישער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער מאַטשאַר־כּנופיה. קודם־כּל האָט זיך געהאַנדלט וועגן ענטפערן אויף דעם אַרטיקל פון דעם רעדאַקטאָר פון דעם וואָכנבלאַט „זשיטשע ליטעראַצקע", וולאַדיסלאַוו מאַכעיעק א"נ „זייער אַ שווערע קאָרעספּאָנדענץ". אין דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט ער געגעבן אַ פולשטענדיק אַנטיסעמיטישע „באַלויכטונג" פון דעם פאַקט, וואָס דער פּוילישער מיליטערישער אַטאַשע אין מערב־בערלין, טיקאָטשינסקי, פון ייִדישן אָפּשטאַם, האָט פאַרלאָזט זיין פּאָסטן און איז אַריבער אויפן מערב. צוקלייבנדיק עטלעכע ייִדישע פאַמיליעס צווישן די פּילצאָליקע פאַלן, ווען פּאָליאַקן אויף פאַראַנטוואָרט־לעכע פּאָסטנס אין אויסלאַנד האָבן ניִשט געוואָלט זיך אומקערן קיין פּוילן, האָט וו. מאַכעיעק „דערקלערט" דעם טיקאָטשינסקי־פאַל ווי אַ רעזולטאַט פון דער „נאַציאָנאַלער ספּעציפיק", ד"ה פון זיין ייִדישן אָפּשטאַם. וו. מאַכעיעק האָט צווישן אַנדערן געשריבן:

„פאַרשידענע שוויאַטלעס, מאָנאַטס, טיקאָטשינסקיס און אַנדערע, וועלכע זענען פּעט געוואָרן אין פּוילן, האָבן קיין מאָל זיך ניִשט געפילט ווי גלידער פון דער נאַציאָנאַלער געמיינשאַפט, זיי האָבן פּשוט ניִשט געהאַט דערצו קיין פאַרבאַדינג און אַזוי לאַנג האָבן זיי געשפּילט די טראַגישע פאַרן פּאָלק שפּיל, ביז זיי האָבן געקאָנט שפּילן און ספּעקולירן אין מאַנטלען פון געשוואָרענע אינטערנאַציאָנאַליסטן".

אויף אַ זיצונג האָבן מיר באַשלאָסן צו געבן אַ קאָלעקטיוון ענטפער אין נאָמען פון פּרעזידיום פון אונדזער הויפּט־פאַרוואַלטונג, פאָדערנדיק, אַז דעם ענטפער זאָל אָפּדרוקן די צייטונג, וועלכע מאַכעיעק רעדאַגירט. דעם טעקסט האָט אָנ־געשריבן מ. מירסקי און איז אונטער דעם טיטל „מיר זענען טיף באַאומרוי̇קט"

אָפּגעשיקט געוואָרן דער רעדאַקציע פון „זשיטשע ליטעראַצקע". געזאָגט האָט זיך, צוו"אַנד אין אונדזער ענטפער:

„זיין (מאַכעיעקס) קאָנצעפּציע דערמאָנט די אַרגומענטן, מיט וועלכע עס האָבן אַלע מאָל זיך באַנוצט די שונאים פון געמיינזאַמען קאַמף פון די פּוילישע און יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן פאַר דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונג.

קיינעם — אויך וולאַדיסלאַוו מאַכעיעקן — איז נישט דערלויבט צו פאַראַלגעמיינערן דעם פאַרראַט פון אַן איינצלנעם לגבי דער גאַנצער נאַציאָנאַלער סביבה, וועלכע האָט פון זיך אַרויסגעגעבן די לעקערטס, באָטווינס, ענגעלס, קאַשעווסקיס, רובינשטיינס, לעוואַרטאָווסקיס און אַנילעוויטשעס".

אונדזער ענטפער איז אין „זשיטשע ליטעראַצקע" נישט אָפּגעדרוקט געוואָרן. מיר האָבן אים באַשלאָסן צו געבן אין דער „פאָלקס-שטימע". די צענזור האָט אונדזער ענטפער קאָנפיסקירט. כ'בין אַוועק מיטן אַן אָנקלאַגע צום פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר פרעסע-ענינים אין צ"ק פון דער פאַרטיי, סטעפאַן אָלשאָווסקי, וועלכער האָט לאַנג גערעדט טעלעפאָניש מיט דער צענזור און נאָך דעם פאָרגעלייגט צו מאַכן געוויסע ענדערונגען, צום אָפּטעמפּן אייניקע פאָרמולירונגען. מיר האָבן עס געפּרוווט טאָן און... אויך דער „ווייכערער" טעקסט איז דורך דער צענזור נישט דורכגעלאָזט געוואָרן. די ווירקונגען פון דער מאָטשאַר-מאַכט האָבן געגרייכט אין אַלץ אַ גרעסערער מאָס.

באַזונדער בולט האָט זיך די אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק אָנגעזען אין קאַטאָוויץ, ווו דער דאָרטיקער „באַלעבאָס" גערעק*) האָט דורכגעפירט אין לעבן דעם פאַר-מלחמהדיקן געזעץ פון דער אַנטיסעמיטקע פּריסטעראָוואַ און פאַרבאָטן די יידישע שחיטה. אויף אונדזער ווענדונג אין מיניסטאָרן-ראַט קעגן דער פאַרגוואַלדיקונג פון די קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט פון די רעליגיעזע יידן, האָט דער פּרעמיער-מיניסטער יוזעף ציראַנקעוויטש געענטפערט, אַז... ער איז אָנמעכטיק, ווייל גערעק פאָדערט פון אים צו פאַרבאָטן די שחיטה אין גאַנץ פּוילן. קאַטאָוויץ, אונטער דער הערשאַפט פון גערעקן, האָט נישט דערלויבט דעם יידישן מלוכה-טעאַטער צו קומען אַהין אויף גאַסטראָלן.

אין אונדזערע באַמיִונגען צו שטאַרקן די אידעיִש-פּאָליטישע ווידערשטאַנד-

*) אין די פאַרטיי-קרייזן האָט מען אים גערופן „טשאָמבע", ווייל ער האָט אין קאַטאָוויץ זיך געפירט אַזוי זעלבסט-הערשעריש, ווי טשאָמבע אין קאַטאַנגאַ.

וועגן גערעקס אַנטיסעמיטישער שטעלונג האָב איך זיך צום ערשטן מאָל דערוווסט בעת איך בין געווען אין אָנהייב פופציקער יאָרן אויף אַ באַזוך אין טשעכאָסלאָוואַקיע. אַ מיטאַרבעטער פון דאָרטיקן פאַרטיי-צ"ק האָט ביי מיר געפרעגט, צי עס זענען דאָ אַ סך אַנטיסעמיטן אין דעם פּוילישן פאַרטיי-אַפּאַראַט. דערביי האָט ער מיר דערציילט וועגן אַ מעלדונג פון סעקרעטאַר פון דעם טשעכיש-טשעשינער פאַרטיי-קאָמיטעט, אַז ביי זיי איז געווען צו גאַסט דער קאַטאָוויצער פאַרטיי-טוער, גערעק (אין יענער צייט — דער פאַרוואַלטער פון דער עקאָנאָמישער אָפּטיילונג פון קאַטאָוויצער וואָיעוואָדישן פאַרטיי-קאָמיטעט), וועלכער האָט מיט פאַרדראָס געפרעגט: „פאַר וואָס זענען דאָ אַזוי פיל יידן אין אייערע פאַרטיי-אָרגאַנען ? !".

פעיִקייט פון די יידן, האָבן מיר קודם־כּל געשטעלט דעם טראָפּ אויף דער יידישער יוגנט און קינדער. פאַר די עלטערע, סיי פאַר די געקומענע פון די לאַגערן און סיי פאַר די רעפּאַטריאַנטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז דער אַנטיסעמיטיזם נישט געווען קיין נאָווינע. אַנדערש איז עס געווען ביי דער יוגנט און ביי די קינדער, זיי האָט יעדער אַנטיסעמיטישער אויסדרוק געקאָנט טרעפן נישט קיין צוגעגרייטע צום שטעלן אַ ווידערשטאַנד. צו אונדזערע שולן און יוגנט־קלובן האָט דערגרייכט דער פּאַראָל: „זייט וויסן וועגן אייער נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט". וועגן דעם האָט אויף די שפּאַלטן פון דער „פאָלקס־שטימע" געשריבן די געוועזענע מיט־אַרבעטערין פון ד"ר יאַנוש קאָרטשאַק, די יידישע פּעדאַגאָגין אידע מערזשאַן. כּדי צו פאַרטיפערן די קענטענישן פון יידישער געשיכטע, האָבן מיר אין דער געביידע פון דער אַמאָליקער מעדעם־סאַנאַטאָריע אין מיעדזעשין, הינטער וואַרשע, דורכגעפירט אַ ספּעציעל קורס פאַר די לערערס פון די יידישע שולן. די פּוילישע ביילאַגע פון דער „פאָלקס־שטימע", ווי דער געדרוקטער „פאָלקס־אוניווערסיטעט" האָבן מיט זייערע מאַטעריאַלן געדינט דער דערקענטעניש פון אונדזער געשיכטע, פאַרשטייט זיך — אין גייסט פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. אָבער שוין גאָרנישט אין דעם גייסט האָבן מיר גענומען דרוקן אין דער פּוילישער ביילאַגע די ספּעציעל באַשטעלטע אַרטיקלען ביים וויסנשאַפטלעכן מיטאַרבעטער פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, אברהם וויין, וועגן תּלמוד. מיר האָבן געוואָלט, אַז אונדזער יוגנט, וועלכע באַגעגנט זיך מיט אַנטיסעמיטישער אינטערפּרעטאַציע פון תּלמוד, זאָל וויסן דעם אמת וועגן דעם דאָזיקן ווערק פון יידישער גייסטיקער שאַפונג.

אַלס כּלל האָט געגאָלטן אין פּוילן (ווי אַמאָל אין סאָוועטן־פאַרבאַנד), אַז קיין שום אַגיטאַציע ווערט נישט געפירט צווישן יידישע עלטערן זיי זאָלן זייערע קינדער שיקן דווקא אין די יידישע שולן, דאָס וואָלט פאַראורטיילט געוואָרן אַלס יידישער נאַציאָנאַליזם. מיר האָבן אָבער געשטרעבט, אַז וואָס מער יידישע קינדער זאָלן לערנען אין אונדזערע אָנפאַנג־שולן און מיטלשולן. האָבן מיר די אַגיטאַציע געפירט אויף פאָלגנדיקן אופן: מיר האָבן אין דער צייטונג און אויף פאַרזאַמלונגען דערציילט וועגן די גרויסע דידאַקטישע און דערציִערישע דערגרייכונגען פון די יידישע שולן. די אַלגעמיין־מלוכהשע בילדונגס־אָרגאַנען האָבן אונטערגעשטראָכן, און מיר האָבן עס פּאָפּולאַריזירט, אַז 72 פּראָצענט שילערס פון דער לאָדזשער יידישער גרונטשול און ליצייַ האָבן פאַרענדיקט דאָס שוליאָר מיט גוטע מיינונגען. געווען איז עס אַ העכערער פּראָצענט ווי אין אַלע פּוילישע שולן. אַזעלכע דער־גרייכונגען האָבן אויך געהאַט אַנדערע יידישע שולן. גרויס איז געווען די שמחה, ווען די פּוילישע טעלעוויזיע האָט געמאָלדן, אַז בעת דעם קאָנקורס, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט 600 טויזנט ליצייַ־שילערס פון גאַנץ פּוילן, האָט דאָס ערשטע אָרט פאַרנומען די לאָדזשער יידישע שילער־רעפּרעזענטאַנץ. יידישע עלטערן האָבן אַזוי אַרום באַקומען די איבערצייגונג, אַז די יידישע שול איז נישט קיין מניעה אָנצוקומען אין הויכע בילדונגס־אַנשטאַלטן, פאַרקערט — אונדזערע קינדער זענען גאָר גוט צוגעגרייט געוואָרן צו דער ווייטערדיקער לערע.

מיר האָבן געווירקט אויף אַ ריי אַרבעט־אונטערנעמונגען, אַז זיי זאָלן ווערן

די אפּוטרופּסים איבער אונדזערע שולן און זאָלן זיי מאַטעריעל העלפן. די וואַר־שטאַטן וועלכע דער „אָרט" האָט געשאַפן ביי אַלע יידישע שולן, כדי געבן אונדזערע קינדער אַרבעט־געניטקייט, זענען דורך די אפּוטרופּסים באַרייכערט געוואָרן מיט אינסטרומענטן און רוישטאָפן.

אין דער מאַסן־אַרבעט אויפן קולטור־געביט האָבן מיר אַלץ מער אָנגעבונדן צו דער דורותדיקער יידישער געשיכטע, וועלכע אונדזער סביבה האָט געגאַרט צו דערקענען. ביי דער אָרגאַניזירטער אין אונדזער פאַרבאַנד און אין די קלובן יידישער, שפּראַכלעך־אַסימילירטער יוגנט, איז אַלץ קענטיקער געווען די שטרע־בונג צו דערגיין צו די וואָרצלען פון אונדזער פאָלקס־זיין, צו די וואָרצלען, וועלכע מיר האָבן גלייך נאָך דער וועלט־מלחמה זיך באַמיט צוריק אויפצולעבן.

דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד פון די יידן אין פּוילן, וועלכער האָט אין רעזולטאַט פון דער „צווייטער כוואַליע" געציילט אין 1957טן יאָר בלויז 4500 מיטגלידער — כמעט אַ דריטל פון דער פריִערדיקער צאָל — האָט געענ־מען וואַקסן. עס זענען צוגעקומען נייע מיטגלידער, דער עיקר פון צווישן די רעפּאַטריאַנטן. די וואַרשעווער אָפּטיילונג האָט שוין געציילט 1250 מיטגלידער; די וראָצלאַווער — 900. עס האָבן ווידער גענומען אַרבעטן די לייענער־קרייזן, די כאָרן, דראַמאַטישע קרייזן. צווישן אָרטיקע פאַרבאַנד־אָרגאַניזאַציעס זענען פאָרגעקומען קולטור־פאַרמעסטן, קאָנקורסן. דער אָרטיקער עולם האָט נישט אָפּ־געפילט די אָנקומענדיקע געפאַרן, די צרות וועלכע האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אויף אונדז, די מענטשן פון דער אָנפירונג פון יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן אין פּוילן.

דער פּילזייטיקער אַנטיסעמיטישער אָנגריף

ווי געזאָגט האָבן מיר אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט קיין שטערונגען נישט באַגעגנט. העכסטנס האָט מען אין דעם אַדמיניסטראַטיוו־סאָציאַלן דעפּאַרטאַמענט פון אינערן־מיניסטעריום געשטרייט מיט אונדזערע טוערס וועגן דער גרייס פון דער רעגירונגס־סובסידיע, וועלכע האָט אונדז דער עיקר געדינט צום דעקן די אַדמיניסטראַטיווע הוצאות פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג און פון די 27 אָרטיקע פאַרבאַנד־אָפּטיילונגען (צוזאַמען האָבן מיר געהאַט 21 געצאָלטע טוערס). דער וווקס פון דער פּילזייטיקער אַרבעט פון אונדזער פאַרבאַנד, קודם־כל אויפן קולטור־געביט איז דערגרייכט געוואָרן אַ דאַנק דער פרייוויליק־געזעלשאַפטלעכער באַטייליקונג פון אַן ערך אַנדערהאַלבן טויזנט אַקטיוויסטן אין די פאַרשידנסטע טעטיקייט־פאָרמען.

אַוודאי האָבן די אַנטשיידנדיקע פּאַרטיי־ און רעגירונגס־אָרגאַנען געוווּסט וועגן אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו אונדזער סביבה, אָבער אויסגעזען האָט עס, ווי זיי וואָלטן געהאַט צוטרוי צו אונדזער אידעיִש־פּאָליטישער פּאָזיציע, אויף וועלכער מ׳קען זיך פאַרלאָזן.

אַזוי האָט עס בלויז אויסגעזען. געווען איז אָבער אַנדערש, און די צייט, דער עיקר די צווייטע העלפט פון די זעכציקער יאָרן, האָט עס אַלץ בולטער באַוויזן. אַ סך שפּעטער האָבן מיר ערשט באַגריפן, אַז דער אָנגריף פון דעם אַנטיסעמיטישן מאָטשאַר־פּיאַסעצקי־בלאָק איז פון פריִער פּלאַנירט געוואָרן אויף אַן אַלזייטיקן אופן, מיט דער אויסרעכענונג אונדז צו טרעפן אין די סאַמע פּילבאַרסטע ערטער.

סוף 1960 איז אין וואַרשע אַרעסטירט געוואָרן דער יידישער דיכטער נפתלי־הערץ קאָן. אין זיין אַרעסט האָבן מיר פריִער פון אַלץ דערזען די מוראדיקע טראַגעדיע פון דעם יידישן פּאָעט, וועלכער האָט מיטן קומען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד קיין פּוילן געהאָפט אויף אַן ענדערונג אין זיין שרעקלעכן לעבנס־גורל. און געווען איז עס דער גורל פון אַ כסדר און אומעטום פאַרפאָלגטן מענטשן.

אַן אָפּשטאַמיקער פון בוקאָווינע איז ער פאַר דער מלחמה, מיט אַ פאַלשן פּאַספּאָרט אויפן נאָמען פון זיין ברודער, אַנטלאָפן קיין פּוילן. די רומענישע סיגוראַנצע (פּאָליטישע פּאָליציי) האָט אים געזוכט, געגרייט אַ פּראָצעס צוליב זיין ראַדיקאַלער שטעלונג, וועלכע איז געקומען צום אויסדרוק אויך אין זיין פּאָעזיע. אין פּוילן איז ער צוגעשטאַנען צו די שרייבערס, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אויף דער ליטעראַטור־זייט פון דער בונדישער „פאָלקס־צייטונג" אונטער מלך ראַוויטשס רעדאַקציע. שפּעטער איז ער איבערגעגאַנגען צו דער לינקער שרייבער־

גרופּע, וועלכע האָט זיך געדרוקט אין דעם זשורנאַל „ליטעראַרישע טריבונע" אונטער דער רעדאַקציע פֿון יצחק דויטשער. ער האָט באַוויזן אָפּצוגעבן צום דרוק אַ זאַמלונג לידער „טראָט צו טראָט", וועלכע איז אָבער קאָנפֿיסקירט געוואָרן. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט געהאַט אַ פּוילישע וויזע בלויז אויף אַ האַלבן יאָר, האָט ער אַקטיוו זיך באַטייליקט אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, איז אַרומגעפֿאָרן מיט רעפֿעראַטן איבער שטעט און שטעטלעך. די פּוילישע „דעפֿענסיווע" (פּאָליטישע פּאָליציי) האָט אים אַרעסטירט. מלך ראַוויטש האָט זיך פֿאַרבונדן מיטן באַוווּסטן פּוילישן שרייבער, דעם מקורב צו פּילסודסקין, קאַדען־באַנדראָווסקי און נפֿתלי־הערץ קאָן איז באַפֿרייט געוואָרן מיטן אָנזאָג צו פֿאַרלאָזן פּוילן. יצחק דויטשער האָט געפּועלט ביי דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע, מ׳זאָל אים אַריינלאָזן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. ער איז אויסגעטױשט געוואָרן אויף אַ קאַטױ־לישן גלח.

בעת די יאָרן פֿון דער סטאַלינישער „רייניקונג" איז נפֿתלי־הערץ קאָן אַרעס־טירט געוואָרן. איך האָב אים באַגעגנט אין אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט נאָכן באַפֿרייען אים און האָב באַוווּנדערט זיין געמיט־צושטאַנד, זיין הומאָרפֿולן דער־ציילן וועגן די לאַגער־יאָרן. בעת די אַרעסטן פֿון די יידישע שרייבערס אין די יאָרן 1948—1949 ווערט ער ווידער פֿאַרשפּאַרט אין אַ לאַגער. אין 1956 קומט ער צוריק אַ פֿולשטענדיק קראַנקער. מיר האָבן זיך באַמיט אים מיט זיין פֿרוי, ד״ר ליזע סערף, און 2 טעכטער, ברענגען קיין פּוילן, הגם ער איז קיין פּוילישער בירגער קיין מאָל נישט געווען. אין דרייען — לייב אָליצקי, דוד ספֿאַרד און איך, ווענדן מיר זיך צום דירעקטאָר פֿון אינסטיטוט פֿאַר פּאַרטיי־געשיכטע, ט. דאַני־שעווסקי, און בעטן אים צו אינטערווענירן, אַז מ׳זאָל נ. ה. קאָנען דערלויבן צו קומען קיין פּוילן.

אַ קראַנקער, מיט צעשרויפֿטע נערוון, טרעט נפֿתלי־הערץ קאָן צו אַרבעטן אין דער „פֿאָלקס־שטימע". ער האָט געוואָלט זיך אַרויסרייסן אַ ביסל אין דער וועלט. איך האָב אים געראָטן דערווייל אָנהייבן פֿון די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער. ער איז אַלס אונדזער קאָרעספּאָנדענט געפֿאָרן קיין טשעכאָסלאָוואַקיע, אונגאַרן און רומעניע. איך האָב אים געוואָרנט ער זאָל נישט רעדן צופֿיל, מער הערן און פֿאַרשרייבן. מיר האָבן געדרוקט זיינע קאָרעספּאָנדענצן. אָבער שוין פֿון אונגאַרן האָב איך באַקומען אַ ידיעה, אַז ער האָט נישט געפֿאָלגט מיין עצה. „ער רעדט צו פֿיל". פֿון רומעניע האָבן מיר שוין קיין שום קאָרעספּאָנדענצן פֿון אים נישט באַקומען. דאָרט האָט מען שוין ביי אים געמאַכט רעוויזיעס. איך גיכן נאָכן צוריק קומען האָבן ביי אים אין דער היים זיך באַוויזן אַגענטן פֿון דער „בעזפּיעקע" (פּוילישע פּאָליטישע פּאָליציי). זיי האָבן געמאַכט ביי אים אַ רעוויזיע, צוגענומען די יידישע שרייב־מאַשין, אַלע מאַנוסקריפּטן, צווישן זיי אַן אַרטיקל „סאָציאַליזם אין שאָטן פֿון דער סיגוראַנצע" און אַנדערע אַרטיקלען, וועלכע דאַרפֿן דינען אַלס באַווייז אַז... ער איז אַ שונא פֿון סאָציאַליזם, ער שרייבט פֿאַר אויסלענדישע פֿיינטלעכע צייטונגען, שטייט אין פֿאַרבינדונג מיט דער ישׂראל־אַמבאַסאַדע, איז

אַ שפּיאָן אין דינסט פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. דערמיט האָט מאַטשאַרס מיניסטעריום געצילט דירעקט אין אונדז, די אָנפירערס פון קולטור־געזעלשאַפט־לעכן פאַרבאַנד.

מיר האָבן געהאַט גרויסן, אַז נפתלי־הערץ קאָן איז קראַנק געוואָרן אין דער פּוילישער תפיסה, אַז ער געפינט זיך אונטער אַ מעדיצינישער (נעוראָלאָגישער) אָבסערוואַציע. די פּוילישע דאָקטוירים באַציִען זיך זייער פריינטלעך צו אים.

אַלס פּאַרטיידיקונג־עדות אויף זיין פּראָצעס זענען מיר אַרויסגעטרעטן אין דרייען — בער מאַרק, דוד ספאַרד און איך. אונדזערע רייד זענען פאַרשריבן געוואָרן דורך אַן אָפיציר פון דער „בעזפּיעקע”, וועלכער האָט זיך געפונען אין די הינטערשטע בענק. די ריכטערס האָבן זיך גערעכנט מיט אונדזערע דערקלערונגען. זייער אורטייל האָט „געדעקט” זיין אָפּגעזעסענע צייט. און דאָס איז געווען די לעצטע תפיסה אין דער מאַרטירער־געשיכטע פון יידישן דיכטער נפתלי־הערץ קאָן, וועלכער איז אין גיכן אָפּגעפאָרן קיין ישראל.

✡

מאַטשאַר איז זיך נוקם געווען פאַרן צעשטערן זיין פּלאַן פאַרצושטעלן אַ מענטשן פון אונדזער סביבה, אַ באַקאַנטן יידישן פּאָעט, אַלס אַגענט פון אימ־פּעריאַליזם. דוד ספאַרד און איך זענען אָוועקגעזעצט געוואָרן אויף דער באַשולדי־קונגס־באַנק אין דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע אונטער דער באַשולדיקונג, אַז מיר האָבן געווירקט צו ברענגען קיין פּוילן נפתלי־הערץ קאָנען; אַז מיר האָבן אָפּגענאַרט די פּאַרטיי־אָנפירונג מיט אונדזער בריוו צו ט. דאַנישעווסקין אין וועלכן מיר האָבן פאַרגעשטעלט נ. ה. קאָנען אַלס באַטייטנדיקן לינקן דיכטער, אין דער צייט... ווען אין דער „ליטעראַרישער טריבונע” איז געווען אַן אַרטיקל פון קאָ־מוניסטישן ליטעראַטור־קריטיקער, ה. זאַלאַטאַוו. וועלכער האָט נישט הויך אָפּגע־שאַצט זיין פּאָעזיע... מיט די דאָזיקע „אַרגומענטן” קעגן אונדז, איז אַרויסגעטרעטן אַלס אָנקלאָגער... שמעון זאַכאַריאַש. איך האָב אים אָנגעקוקט אַ פאַרחידושטער, נישט וועלנדיק גלויבן, אַז אַזוי טיף איז געפאַלן דער מענטש, וועלכער האָט פרעטענדירט אַלע מאָל צו זיין דער פּוסק אחרון אין אַלע אונדזערע פראַגן. איך האָב געוווּסט, אַז ער איז שטאַרק פאַרביטערט געווען קעגן אונדז נאָך פון יענער צייט, ווען זיין פריזענלעך נאָענטער חבר, עדוואַרד אָכאַב, האָט נישט אָנגענומען זיין קאָנצעפּציע וועגן דעם כאַראַקטער פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד. מיר האָבן געוווּסט, אַז ער איז נישט מסכים געווען מיט דער ריכטונג פון אונדזער טעטיקייט נאָך דעם „פּוילישן אָקטאָבער”. באַזונדערס איז ער געווען אויפגעבראַכט צוליבן צוריקברענגען קיין פּוילן דעם „דזשאָינט” און דעם „אָרט”. ער איז אָוועק פון אונדזער סביבה, פרוווּנדיק ווייטער ווירקן דורך געוויסע לייט פון אינעווייניק. אָבער, אַז זיין קרענקלעכע אַמביציע זאָל אים ברענגען צו מסירה, צו ליגנערישע רייד — דערויף האָב איך זיך נישט גערעכנט.

דער אורטייל פון דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע איז געווען: ספּאַרדן און מיר — אַ פאָרוואָרף, מיט פאַרשרייבן אין דער פּאַרטייִשער קאַרטאָטעקע.

מאָטשאַרן האָט זיך אין דעם פאַל איינגעגעבן אַ טייל פון זיין פּלאַן צו צעקריגן צווישן זיך די יידישע טוערס.

☆

צום ערשטן מאָל איז אַראָפּגעקומען צו אונדז אַ קאָמיסיע פון אינערן־מיניס־טעריום צו קאָנטראָלירן אונדזערע פינאַנצן, דערביי האָבן זיי פאַרלאַנגט צו קאָנטראָלירן אויך די צענטראַלע הילפס־קאָמיסיע, וועלכע האָט באַקומען אירע מיטלען בלויז פון „דזשאָינט״. די קאָנטראָלערן האָבן געפאָדערט פון מיר אַ פאַר־מעלע דערלויבעניש דורכצופירן די רעוויזיע. וואָכן לאַנג האָבן זיי דורכגעקוקט פּאַפּירל נאָך פּאַפּירל און זענען געווען ממש פאַרחידושט פון דער אַבסאָלוטער אָרדענונג, וועלכע עס האָט אָפּגעהיט דער גרענעצלאָז ערלעכער הויפּט־בוכפירער, ליבער ברענער.

עס האָבן נאָך נישט באַוויזן אַוועקצוגיין די רעוויזאָרן, ווי צו מיר איז געקומען דער אינסטרוקטאָר פון דעם אַדמיניסטראַטיוו־סאָציאַלן דעפּאַרטאַמענט, פון אינערן־מיניסטעריום, סטאַנקעוויטש (מיינער אַן אַלטער באַקאַנטער פון דער גראָדנער תפיסה) צוזאַמען מיט אַ פאָרשטייער פון פינאַנץ־דעפּאַרטאַמענט. זיי האָבן דער־לאַנגט אַן אָפיציעלע שריפט, אַלס באַפולמעכטיקטע דורכצופירן... אַ נייע רעוויזיע פון אַלע אונדזערע הכנסות און הוצאות. אויף מיין טענה, אַז נאָר וואָס האָט אַ רעווידיר־קאָמיסיע, נאָך וואָכנלאַנגן פאָרשן, פאַרענדיקט איר אַרבעט, נישט געפינענדיק די מינדסטע פינאַנציעלע נאַכלעסיקייטן, האָבן זיי געענטפערט, אַז דאָס גייט זיי נישט אָן. כ׳האָב זיי דערקלערט, אַז קיין הסכמה אויף זייער רעוויזיע וועלן זיי פון מיר נישט באַקומען; אַז כ׳זע אין זייער אויפגאַבע אַ ספּעציעלע רעפּרעסיע קעגן אונדז, און האָב דערביי נאָך געפרעגט, צי וועט באַלד נישט קומען נאָך עמעצער און הייסן פאַרלאָזן די געביידע, ווייל... דער דאַך האַלט ביים איינפאַלן, אַזוי ווי דאָס פלעגט זיין אין פאַרמלחמהדיקן פוילן. אויף סטאַנ־קעוויטשעס פּראָטעסט קעגן דער אַנאַלאָגיע, האָב איך אים געענטפערט... מיט אַ פינף־עטאַזשיקער רוסישער „מאַטושקע״ און געהייסן זיך שנעל אָפּטראָגן.

אַוודאי איז געווען פאָרויסצוזען, אַז טרוקן וועל איך נישט אַרויס פון דעם קאָנפליקט מיט די פאָרשטייערס פון אינערן־מיניסטעריום. גאָר גיך בין איך גערופן געוואָרן אין דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע. און ווידער איז עס געווען שמעון זאַכאַריאַש, וועלכער איז אַרויס מיט אַ מסירה, אַז וויכטיקע פינאַנץ־דאָקומענטן ווערן ביי אונדז נעלם. אַלס „ביישפּיל״ האָט ער געבראַכט, אַז אין אונדזער בוכהאַלטעריע זאָל האָבן פאַרשוואונדן אַ דאָקומענט אויף אַ גרעסערער סומע, וואָס מיר האָבן אויסגעגעבן, כדי צו קויפן אַ דירה פאַר דעם באַרימטן אַקטיאָרן־פּאָרל חבל בוזגאַן און רבקה שילער. איך האָב דערקלערט, אַז איך הער

עס צום ערשטן מאָל און אַז זאַכאַריאַשעס אינפאָרמאַטאָרן זענען פּחדנים, ווייל קיין מאָל האָבן זיי עס אונדז, די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער געזעלשאַפטלעכער באַלעבאַטישקייט, נישט דערציילט. אָבער אין 10 מינוט אַרום וועל איך געניו וויסן ווי דער ענין שטעלט זיך פאָר.

אין וויניקער ווי 10 מינוט האָט מיר ליבער ברענער געוויזן דעם כלומרשט פאַרשווונדענעם דאָקומענט, אין אַ זאַמלונג פון ענלעכע דאָקומענטן. ווער עס זענען געווען זאַכאַריאַשעס (און מאַטשאַרס) דעזאינפאָרמאַטאָרן, האָב איך געוווסט (וועגן זיי — אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל). אָבער אַז דער לאַנג־יאָריקער פּאָליטישער טוער שמעון זאַכאַריאַש. זאָל וואַרפן אַ באַשולדיקונג אין פינאַנציעלע מיסברויכן אויף מענטשן, מיט וועלכע ער האָט יאָרנלאַנג צוזאַמענגעאַרבעט און געוווסט ווי אָפּגעהיט זיי זענען מיטן געזעלשאַפטלעכן גראָשן — דאָס איז געווען בלויז אַ באַווייז, ווי נקמה־גיריק ער איז לגבי דער סביבה, וועלכע האָט געוואַגט פול־שטענדיק זיך באַגיין אָן זיין „פירערשאַפט" *).

☆

געקומען איז אַ סיגנאַל וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז עס דערנענטערט זיך אַ גענעראַלער אָנגריף אויף דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, קודם־כל אויף איר אָרגאַניזירטער געזעלשאַפטלעכקייט.

דאָס מאָל — פון דער שטאָט פּויזן, וווּ מיר האָבן נישט געהאַט קיין אָפּטיילונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, האָט מיר מיין דאָרטיקער „אַלטער חבר" געגעבן צו וויסן: אין דער פּויזנער וואָיעוואָדישער „בעזפּיעקע" איז אַראָפּגעקומען אַ ספּעציעלער שליח פון מיניסטעריום, וועלכער האָט רעפערירט פאַר די אָנפירנ־דיקע פּאָליציי־קאַדרען וועגן די געפאַרן וואָס דראָען די סאָציאַליסטישע מלוכות. די געפאַרן, לויט אים, קומען פון 3 זייטן: פון דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, פון דעם מערב־דייטשן נאַציאָנאַליזם און פון ציוניזם.

אַנטי־ציוניזם איז נישט געווען קיין נאָווינע אין אונדזער אייגענער סביבה. אין הסכם מיט דער אַלגעמיינער טעמפּעראַטור אין לאַנד, אין צוזאַמענהאַנג מיטן „השיבנו באַזאַד" פון דער גאָמולקאַ־אָנפירונג, האָבן אין דער רעדאַגירטער דורך מיר „פאָלקס־שטימע" זיך געמערט קאָרעספּאָנדענצן לויטן אַלטן נוסח וועגן דער פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג און דער לאַגע אין ישראל. אָבער דאָס אַרויס־ברענגען דעם ציוניזם אין דעם זעלבן קאָנטעקסט, ווי די פּאָליטיק פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן און פון מערב־דייטשלאַנד לגבי דעם סאָוועטישן בלאָק — דאָס איז געשען צום ערשטן מאָל. כ'האָב עס אָפּגעפילט ווי אַן אָנגריף לגבי יידן בכלל, ווי אַ פּאָליטישע באַרעכטיקונג פאַר באַדראָען אונדזער אייגענעם ייִשוב.

וואָס טוט מען? האָב איך דאָך אַלע מאָל געהאַט דעם אָנזאָג, בעתן באַקומען

---

*) אויף דעם נאָענטסטן vוטן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר איז ער מער נישט אויסגעווײלט געוואָרן אין דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע.

אַ געהיימע אינפאָרמאַציע (באַלד האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיט אַזעלכע רעפּע־ראַטן זענען פאַרשטייערס פון מאָטשאַרס אינערן־מיניסטעריום אַרויסגעטרעטן אויף ספּעציעלע אינסטרוקטיווע פאַרזאַמלונגען אין אַלע וואָיעוואָדישע „בעזפּיעקע־אַמטן), אַז דאָס זאָל בלייבן בלויז ביי מיר. קומען אויף אַ זיצונג פון אונדזער פּרעזידיום און דערציילן וועגן דעם, וואָלט עס גלייך צוריקגעקומען „ווו מען דאַרף". אָבער שוויגן וואָלט דאָך געהייסן אָפּנעמען די מעגלעכקייט קעגנצוווירקן, אָפּצוווענדן די דראָענדיקע געפאַר. כ'האָב באַשלאָסן צו אינפאָרמירן וועגן דעם אַלעמען בלויז איין מענטשן — דעם סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קאָלעקטיוו פון אונדזער הויפּט־פאַרוואַלטונג, מ. מירסקין.

נישט ביי דער אַרבעט, נאָר ביי מיר אין דער היים זענען מיר ביידע געזעסן און איך האָב מירסקין דערציילט וועגן דעם אַלעמען, וואָס איז מיר דעמאָלט באַוווּסט געוואָרן, צוגעבנדיק מיין אָפּשאַצונג, אַז די דאָזיקע רעפּעראַטן מיט זייער איינשטעלונג זענען די „אידעיִשע" צוגרייטונג צו אַ מלחמה קעגן אונדז, וואָס זאָגט אָן די פאַרניכטונג פון דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן *). מירסקי האָט זיך סקעפּטיש באַצויגן צו מיינע אויספירן. „דו האָסט אַלע מאָל אַ נאַטור איבער־צוטרייבן" האָט ער געזאָגט. און דערביי האָט עס געזאָלט בלייבן.

ניין, דערביי איז עס נישט געבליבן. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן איז אונדזער גאַנצער שמועס אונטערגעהערט געוואָרן. מיין עלטערער זון האָט אונטער מיין שרייבטיש אַנטדעקט אַ דראָט. אַרויסציִענדיק אים איז ער דערגאַנגען צו אַן אונטערהער־אַפּאַראַט. די רעאַקציע מצד מאָטשאַרן איז איניִכן געקומען.

צו יענער צייט איז קיין וואַרשע אַראָפּגעקומען דער לעצטער פון די יידישע קאָמוניסטישע אָנפירנדיקע קאַדרען אין קאַנאַדע, דער רעדאַקטאָר פון דעם „וואָכנבלאַט", יהושע גערשמאַן. איך האָב אים פאָרגעלייגט צו מאַכן אַ שפּאַציר מחוץ דעם האָטעל, אויף דער נייוועלט־גאַס. בעת־מעשה האָב איך גענוי, מיט אַלע איינצלהייטן אים דערציילט וועגן אונדזער לאַגע, וועגן די דראָענדיקע געפאַרן פאַר אַלע אונדזערע דערגרייכונגען ביים בויען אויפסניי דעם יידיש־פּוילישן ייִשוב. איך האָב אים פאָרגעלייגט צו אינפאָרמירן וועגן אַלץ אונדזערע פריינד אין קאַנאַדע און אין די פאַראייניקטע שטאַטן, כדי זיי זאָלן אין נויטיקע פאַלן באַצייטנס רעאַגירן, און נישט נאָך אַלעמען.

און דערביי איז עס געבליבן. גערשמאַן האָט קיינעם פון די אַמעריקאַנער פריינד נישט איבערגעגעבן די באַקומענע פון מיר אינפאָרמאַציע. ס'האָט נאָך דעמאָלט געגאָלטן דער געזעץ, אַז וואָס עס קען ווירקן שלעכט אויף די קאָמוניס־טישע איינפלוסן אין דער יידישער סביבה, דאַרף מען בעסער פאַרשווייגן.

✡

די שטראָף פאַרן אַנטפּלעקן די „סטראַטעגיע" פון מאָטשאַר־פּיאַסעצקי־בלאָק איז גיך געקומען.

---

*) געוועזן איז עס מיט 6 יאָר פריִער, איידער די פאַרניכטונג איז ווירקלעך פאַרגעקומען.

מיר האָבן זיך געגרייט צום פּערטן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון קולטור־געזעלשאַפט־לעכן פאַרבאַנד. די עיקר־דערגרייכונג פאַר די שווערע קריזיס־יאָרן נאָך דעם, ווי גאָמולקאַ איז געקומען צו דער מאַכט, איז באַשטאַנען אין צוריק אויפשטעלן די אויסגעליידיקטע ייִשובים. אַזעלכע זענען געווען נישט ווייניק. אַפילו אין דעם שטעטעלע יאַוואָר, ווו נאָכן אַרויספאָרן קיין ישראל, זענען קיין יידן מער נישט געבליבן, איז צוריק אויפגעקומען אַ ייִשוב. אין שווידניץ, ווו כמעט אַלע יידן זענען אַוועקגעפאָרן, זענען ווידער געווען 120 יידישע משפחות. ס'זענען צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן און באַקומען אַ נייעם טיפערן אינהאַלט יידישע סאָציאַלע און קולטור־אינסטיטוציעס. די צאָל מיטגלידער פון פאַרבאַנד האָט דערגרייכט צו העכער זיבן טויזנט, כמעט צוויי דריטל פון דער אַמאָליקער צאָל. די ברייט פאַרמאָסטענע אַרבעט פון פאַרלאַג „יידיש בוך" אונטער דער ענערגישער אָנפירונג פון לייב דאָמבן, האָט געגעבן קענטיקע רעזולטאַטן. דער טיראַזש פון אונדזערע ביכער האָט דערגרייכט ביז 2000. דאָמב האָט נישט אַנדערש געוואָלט, ווי צום לאַנד־צוזאַמענפאָר זאָל די צאָל מוכר־ספרימניקעס אויסוואַקסן פון 300 ביז טויזנט! פון דער אַרבעט צווישן דער יוגנט האָבן מיר געהאַט קענטיקע רעזולטאַטן. די פאַכשולונג פון „אָרט" האָט אָנגעווענדעט אַלץ נייע פאָרמען צו העכערן די קוואַ־ליפיקאַציעס פון די שוין באַשעפטיקטע, און ממילא צו פאַרגרעסערן זייערע פאַרדינסטן. אַרום די הילפס־קאָמיסיעס האָט זיך קאָנצענטרירט אַ באַטייטנדיקע צאָל יידן, גרייטע אַנטקעגנצוקומען די אַלע, וועלכע האָבן זיך ווירקלעך גענייטיקט אין אויפזיכט.

און דאָך האָבן די דעלעגאַטן פון צוזאַמענפאָר געפילט, אַז בעתן דערעפענען אים, אין דער אָנוועזנהייט פון פאָרשטייערס פון אַדמיניסטראַטיוון אָפּטייל פון צ"ק און פון אינערן־מיניסטעריום, בראש מיטן וויצע־מיניסטער זיגפריד שנעק*) האָב איך געפלאָנטערט מיט דער צונג, געהאַט אַ טעות ביים באַגריסן לויט דער היעראַרכיע די געקומענע געסט. קיינער האָט נישט געוווסט וואָס אַרום מיר און מיט מיר איז די לעצטע צייט פאָרגעקומען.

עטלעכע מאָל האָט מען מיר געהאַט אַרויסגערופן אין צ"ק. ביים באַראַטונג־טיש זענען געזעסן אַלע מיטאַרבעטערס פון גענעראַל וויטאַשעווסקי און פון אַנטשפּרעכנדיקן דעפּאַרטאַמענט אין אינערן־מיניסטעריום, מיטן וויצע־מיניסטער ז. שנעק. אויף זייער אַן איידעלן אופן האָט מען אָפּגעשאַצט מיין אַרבעט אַלס פאָרזיצער פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד און געמאַכט דעם אויספיר: גענוג! ס'צייט אַריינצוציען נייע כוחות, און דערביי האָט מען פאָרגעלייגט איך זאָל אָנרופן אַ קאַנדידאַט אויף מיין אָרט. איך האָב דערקלערט, אַז די פראַגע ווער עס זאָל זיין פאָרזיצער פון אונדזער פאַרבאַנד

*) פון יידישן אָפּשטאַם. ווי מ'האָט דערציילט, פלעגט ער יעדן אין דער פרי געפינען אויף זיין ביוראָטיש „בריוו" מיט דער וואָרענונג, אַז דער „זשיד" זאָל זיך וואָס גיכער אַרויסטראָגן פון מיניסטעריום. לגבי אונדז פלעגט ער אַלע מאָל זיין „פּויפּסטלעכער פאַרן פּויפּסט".

דאַרף געלייזט ווערן דורך דער קומענדיקער, אויסגעוויילטער אויפֿן צוזאַמענפֿאָר הויפּט־פֿאַרוואַלטונג. קיינער וועט נישט וועלן זיך אומקערן צו סטאַלינישע נאַר־מעס, ווען מ׳באַשטימט פֿאָרויס ווער עס דאַרף זיין אויף אַנפירנדיקע פּאָסטנס („מ׳ברענגט אַנפירערס אין די פּאַרטפּעלן״ האָט מען עס באַצייכנט אין פּויליש). אויב מ׳וויל מיך אַראָפּנעמען פֿון דער אַרבעט, דאַרף מען אין דעם איבערצייגן די מיטגלידער פֿון דער נייער הויפּט־פֿאַרוואַלטונג.

נאָך עטלעכע מאָל האָט מען מיך אַרויסגערופֿן אין צ״ק און איך האָב כסדר דערקלערט: איך וועל גערן אָפּטרעטן מיין פּלאַץ אַ צווייטן. אָבער נאָר לויטן ווילן און הסכם פֿון אונדזערע טוערס. אַליין וועל איך עס לויט אַ באַפֿעל, נישט טאָן.

די דעלעגאַטן פֿון צוזאַמענפֿאָר האָבן געגומען פילן, אַז עפּעס וואָס טוט זיך הינטער די קוליסן, באַזונדער נאָך איינער אַ רעדע (וועגן וועלכער עס וועט זיין אַ רייד ווייטער), אין וועלכער מ׳האָט איינגעזען, אַז זי איז אינספּירירט געוואָרן דורך דעם מאַטשאַר־אַפּאַראַט. געגוי וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָבן זיך ערשט דערוווּסט די מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי, וועלכע זענען אויסגעוויילט געוואָרן אין דער נייער הויפּט־פֿאַרוואַלטונג. זיי אַלע זענען לויטן אויפטראַג פֿון דער אַדמיניסטראַטיוו־סאָציאַלער אָפּטיילונג פֿון צ״ק צונויפֿגערופֿן געוואָרן אויף אַ ספּעציעלער פֿאַרזאַמלונג פֿון דער פּאַרטיי־פֿראַקציע. פּאַקטיש זענען עס געווען קרוב 90% פֿון אַלע מיטגלידער פֿון דער הויפּט־פֿאַרוואַלטונג. פֿאָרזיצער פֿון דער פֿאַר־זאַמלונג איז געווען דער סעקרעטאַר פֿון פּאַרטיי־קאָלעקטיוו מ. מירסקי. דעם באַשלוס נישט אויסצווויילן מיך איבעראַנייס אַלס פֿאָרזיצער פֿון דער הויפּט־פֿאַרוואַלטונג האָט רעפֿערירט דער פֿאַרטרעטער פֿון גענעראַל וויטאַשעווסקי — וויעסלאַוו אָטשעפּקאָ *). ער האָט דערביי אָנגערופֿן די קאַנדידאַטור פֿון לייב דאָמבן, וועלכער האָט תיכף דערקלערט, אַז ער איז נישט מסכים און נעמט אַראָפּ זיין קאַנדידאַטור. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע, וואָס האָט ביז יענער צייט קיין פּרעצעדענט נישט געהאַט אין דער פּראַקטיק פֿון קאָמוניסטישע פּאַרטייען. איין רעדנער נאָכן צווייטן האָבן אָפּגעוואָרפֿן דעם באַשלוס, וואָס איז געקומען פֿון צ״ק פֿון דער פּאַרטיי. די דיסקוטאַנטן האָבן דעם באַשלוס באַצייכנט אַלס אַן אומקער צו דער סטאַלינישער פּראַקטיק אָנצוואַרפֿן פֿון אויבן קאַנדידאַטן. באַזונדערס שאַרף איז געווען די רעדע פֿון סעקרעטאַר פֿון דער לאָדזשער פֿאַרבאַנד־פֿאַר־וואַלטונג, דעם אַלע מאָל זייער שטילן, רויִקן שמואל וועב. ער האָט קאַטעגאָריש געפֿאָדערט אָפּצוּוואַרפֿן דעם צ״ק־באַשלוס. זעקס מאָל (כ׳האָב עס גוט פֿאַרגעדענקט) האָט דער פֿאָרזיצער מ. מירסקי, געהאַלטן רעדעס, כמעט נאָך יעדן דיסקוטאַנט, רופֿנדיק נישט צו שאַפֿן קיין קאָנפֿליקט מיט דער פּאַרטיי. דאָס האָט לחלוטין נישט געהאָלפֿן. ביי דער אָפּשטימונג זענען בלויז 4 מענטשן געווען פֿאַרן פֿאָרשלאַג פֿון צ״ק.

אויף דער פּלענאַרער זיצונג פֿון דער ניי־געוויילטער הויפּט־פֿאַרוואַלטונג,

---

*) אין אַ צייט אַרום איז ער געוואָרן דער אינערן־מיניסטער. אומגעקומען בעת אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפֿע.

וואָס איז פאָרגעקומען אויף צו מאָרגנס, בין איך ווידער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער, ש. הורוויטש און ד. ספאַרד אַלס וויצע־פאָרזיצערס און אַלס מיטגלידער פון פרעזידיום — אַלע פון פריערדיקן באַשטאַנד. ווען דער סעקרעטאַר פון פאַרטיי־קאָלעקטיוו האָט פאָרגעלייגט, אַז מ׳זאָל גיין „זיך פאָרשטעלן״ פאַרן פאַרוואַלטער פון דער אַדמיניסטראַטיווער אָפּטיילונג פון צ״ק, פאַר וויטאַשעווסקין, האָב איך זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. אין אונדזער פּראַקטיק איז קיין מאָל נישט געווען אַזאַ מינהג.

אַ צייט האָט זיך די אַרבעט פון אונדזער פרעזידיום געפירט נאָרמאַל, אַזוי ווי דער גאַנצער קאָנפליקט וואָלט פאַרגעסן געוואָרן. געוווּסט האָב איך אָבער, אַז דער פאַקט, וואָס דער באַשלוס וואָס איז געקומען אין נאָמען פון דער העכסטער פאַרטיי־אינסטאַנץ, איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן, וועט זיכער ברענגען צו אַ נייעם אַנגריף קעגן אונדז. און דער אַנגריף איז געקומען. מיט דראָונגען לגבי אונדזער פאַרבאַנד אַלס גאַנצן, מיט שאַנטאַזש לגבי דעם גורל פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג.

מיך האָט אַרויסגערופן צו זיך וויטאַשעווסקי. אין אַ הויכן טאָן האָט ער געטענהט, אַז „מיר וועלן זיך נישט מישן אין אייערע אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים... מיר וועלן אייך נישט אָנוואַרפן קיין ענדערונגען קעגן אייער ווילן... אָבער...״ און דאָ האָט ער פון זיין טישקעסטל אַרויסגענומען צוויי דיקע בענדער מיט דאָקומענטן און טייטלענדיק מיטן פינגער אויף זיי האָט ער אין אַ געהעכערטן טאָן געמאָלדן: „מיר האָבן נישט בדעה צו פאַרשוויייגן דאָס אַלץ, וואָס עס באַווייזן די דאָזיקע זאַמלונגען פון דאָקומענטן״. כ׳האָב אים געענטפערט, אַז הלוואי וואָלטן אומעטום געפירט געוואָרן אַזוי פינקטלעך און ערלעך די פינאַנציעלע ענינים, ווי ביי אונדז, וואָלט צו באַוווּסטע אָפּערעס נישט דערגאַנגען. ער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס מיין איך אייגעם אַ מיניסטעריום, ווו די העכסטע קאָנטראָל־קאַמער האָט גראָד דעמאָלט אויפגעדעקט גרויסע מיסברויכן. איבעריקס האָבן דאָך צוויי עקיפּעס קאָנטראָלערן פון אינערן־מיניסטעריום, וועלכע האָבן זיך באַמיט צו גע־פינען ביי אונדז „עפּעס וואָס״, באַשטעטיקט, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג.

ער האָט מיך אָנגעקוקט פאַרחידושט, ווי איך וואָלט גערעדט „פון וועג״. נישט וועגן דעם האַנדלט זיך! די צוויי בענדער דאָקומענטן באַווייזן קליפּ און קלאָר וויפל... עס קאָסט אַ ייד דער פוילישער מלוכה־קאַסע אין פאַרגלייך מיט דעם, וויפל עס קאָסט אַ פּאָליאַק. ער האָט אַריינגעקוקט אין די דאָקומענטן און אָנגערופן די סומעס, וועלכע האָבן „באַוויזן״, אַז אויף יעדן יידן פאַלט אויס דורכשניטלעך אַ סך מער פוילישע זלאָטעס, ווי אויף אַ פּאָליאַק. כ׳האָב אים בעת־מעשה געפרעגט, צי רעכנט ער אַריין אין דעם חשבון די געלטער פון „דזשאָינט״, וועלכע מיר באַקומען אין זלאָטעס און די מלוכה־קאַסע באַקומט עס אין אַזוי געוווּנטשענע דאָלאַרן. „פאַרשטייט זיך — האָט ער געענטפערט — ווייל פאַר די דזשאָינט־דאָלאַרן צאָלט דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום 3 מאָל אַזוי פיל,

וויפל דער אָפיציעלער רעגירונגס־קורס *). איך האָב אים געפרעגט, צי אין זיין חשבון איז אויך פאַראַן דאָס געבליבענע פאַרמעגן נאָך די דערמאָרדעטע דורך היטלערן יידן, וועלכע די רעגירונג האָט צוגענומען? ער האָט אַן אויפגערעגטער געענטפערט (אין הסכם מיט דערווירקלעכקייט), אַז מיר זענען נישט אָנערקענט געוואָרן אַלס יורשים פון די אומגעקומענע יידן, נישט דערמאָנענדיק דערביי דעם צוגענומענעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן פאַרמעגן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז צוועקלאָז יעדע דיסקוסיע וועגן איינצלנע, אַפילו פרינציפּיעל וויכטיקע פראַגן. געגאַנגען איז אים דאָ אין פאַרווירקלעכן דעם מאָטשאַר־פּלאַן (וויטאַשעווסקי פלעגט זיין אויף אַלע זיצונגען פון דער קאָלעגיע פון אינערן־מיניסטעריום), וועלכער דאַרף דיסקרעדיטירן, פאַרשטעלן די יידן אַלס פּריווילעגירטע און אַזוי אַרום פאַנאַנדערפּעטשן אַן אַנטיסעמיטישע העצע אין גאַנצן לאַנד.

ווען איך האָב עס אויך אַרויסגעזאָגט, האָט וויטאַשעווסקי מיר געענטפערט, אַז „מיך וועסטו אויף דער ווענטקע פון אַנטיסעמיטיזם נישט כאַפּן". כ׳האָב אים דירעקט געפרעגט: „וואָס פאַרלאַנגט איר?" זיין ענטפער איז געווען: „דורכפירן דעם באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט".

ווען כ׳האָב אָבער אויף דער זיצונג פון אונדזער פּרעזידיום איבערגעגעבן דעם שמועס מיט וויטאַשעווסקין, באַצייכענענדיק זיין דראָונג מיט די „פאַקטן" פון די צוויי זאַמלונגען דאָקומענטן „וויפל עס קאָסט אַ ייד" אַלס שאַנטאַזש, כדי איך זאָל אָפּטרעטן, האָט זיך קיינער נישט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט. קיינער האָט נישט געגעבן קיין פאַרשלאָג וואָס ווייטער צו טאָן. דאַן האָב איך פאַרגעלייגט צונויפצורופן אַן עקסטראַ פּלענום פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג, ווייל איך האָב באַשלאָסן צו דעמיסיאָנירן, כדי נישט געבן קיין מעגלעכקייט פאַר רעפּרעסיעס קעגן אונדזער פאַרבאַנד אַלס גאַנצן און שפּייז פאַר אַן אַנטיסעמיטישער העצע אונטער דער לאָזונג: „קעגן פּריווילעגיעס פאַר יידן".

מיין דעמיסיע אַלס פאָרזיצער האָב איך אויף דעם פּלענום מאָטיווירט מיט דער איבערגעלאָדנקייט מיט אַרבעט אַלס שעף־רעדאַקטאָר פון דער צייטונג. דער פּלענום האָט אַן אַ דיסקוסיע גענומען צו קענטעניש מיין דערקלערונג און האָט אויסגעוויילט אַלס פאָרזיצער לייב דאָמבן.

גלייך נאָך דעם איז געקומען די דערקלערונג פון בער מאַרק: היות ער איז איבערגעלאָדן מיט אַרבעט אַלס דירעקטאָר פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, זאָגט ער זיך אָפּ צו זיין אַ מיטגליד פון פּרעזידיום פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד.

פאַר אַלעמען, חוץ פאַר מיר, איז אָבער מאַרקס דערקלערונג געווען אַ פול־שטענדיק אומדערוואַרטע. די באַציִונגען צווישן מיר מיט ב. מאַרקן זענען אָפט

*) לויטן אָפּמאַך מיטן „דזשאָינט" האָט דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום געצאָלט פאַר יעדן דאָלאַר, וואָס איז געווען באַשטימט אויף הילף, אויף קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, 72 זלאָטעס, דאָקעגן אויף אַדמיניסטראַטיווע הוצאות איז דער דאָלאַר גערעכנט געוואָרן בלויז 24 זלאָטעס

געווען שטאַרק אָנגעצויגענע. געהאַנדלט האָט זיך אָבער אַלע מאָל בלויז און אויסשליסלעך אין חילוקי־דעות וועגן פּרינציפּיעלע פראַגן, הויפּטזעכלעך ביים אָפּשאַצן פראַגן וועגן גערטאָ און יידישן ווידערשטאַנד. אָבער גראָד נאָך דעם, ווי איך האָב אויף אַ זיצונג איבערגעגעבן וועגן וויטאַשעווסקיס שאַנטאַזש, האָט בער מאַרק מיר פאָרגעלייגט, אַז מיר זאָלן צוזאַמען אַרויסטרעטן מיט אַ דער־קלערונג, וואָס זאָל דעמאַסקירן דעם דרוק אויף אונדז, אַלס געווענדעטן קעגן דעם פאַרבאַנד אַלס גאַנצן. איך האָב אים אָפּגערעדט פון אַזאַ מין שריט, וועלכער וואָלט בלויז אויסגענוצט געוואָרן דורך דער אַנטיסעמיטישער כנופיה צום באַרעכ־טיקן ווייטערדיקע רעפּרעסיעס קעגן דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. אָבער אַלץ איינס זענען געקומען ווייטערדיקע רעפּרעסיעס.

...אויך קעגן די דערמאָרדעטע ייִדן

פאַר ווען דאָס איז געווען אַן אָפּט איבערגעחזרטע פראַזע, פאַר אונדז, די טוערס פון די ייִדישע קאָמיטעטן, פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, איז עס געווען די באַשײַמפּערלעכסטע, טאָג־טעגלעכע ווירקלעכקייט; די פּוילישע ערד איז אומעטום געווען דורכגעווייקט מיט ייִדיש בלוט. עס דערמאָנט זיך דער פאַל מיטן ספּאָרטפּלאַץ אין שכנות פון דעם ייִדישן בית־עולם אין וואַרשע. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ער שטעלט מיט זיך פאָר איין גרויסן קבר פון אויסגעקוילעטע ייִדן. אויפן וועג קיין ביאַליסטאָק, אין שומאָווער וואַלד (צווישן אָסטראָווע און זעמבּ־ראָווע) האָבן פּויערים אונדז געהאָלפן אַנטדעקן אַ ייִדישן מאַסן־קבר. ביים שטעטל קאָלאַקי האָבן מיר אויפגעזוכט אַ קבר פון העכער טויזנט ייִדן. פון קבר האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט האַלב אָפּגעברענטע קלעצער. אָרטיקע פּויערים האָבן נישט געקאָנט אויפקלערן מיט וואָס פאַראַ טויט זענען די ייִדן אומגעבראַכט געוואָרן, ווייל קיין שיסערייַ האָבן זיי נישט געהערט. און אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס פלעגן דערגיין צו אונדז ידיעות וועגן פעלדער, וועלדער און וועגן, וועלכע האָבן איינ־געזאַפּט דאָס בלוט פון ייִדישע מענטשן.

קודם־כל איז אונדזער אויפגאַבע געווען צו באַצייכענען אַזעלכע ערטער מיט אָנדענק־טאָוולען, וואָס זאָלן דערציילן וועגן דער אויסראָטונג פון אונדזער פאָלק. מיט גרויס געטרײַשאַפט האָבן גלייך נאָך דער באַפרייונג זיך גענומען צו דער דאָזיקער אַרבעט 2 מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די ייִדן אין פּוילן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון היטלערישן טויט — סאַלאָ פישגרונד און מאַרעק ביטער. זיי האָבן אויך געזאָרגט, ביי די שטאַרק־באַגרענעצטע פינאַנציעלע מיטלען, צו ברענגען אין אָרדענונג אייניקע דעוואַסטירטע ייִדישע בית־עולמס. אין דער ערשטער רייִ האָט מען זיך גענומען צו דעם היסטאָרישן גענשער בית־עולם, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ דזשונגל, אַזוי ווילד־פאַרוואַקסן איז ער געווען. מ'האָט אַוועקגעשטעלט אַ וועכטער, וועלכן עס האָט זיך זעלטן איינגעגעבן אויסצוהיטן פון צורויבן די טייערסטע מצבות. מ'האָט געבראַכט אין אָרדענונג די הויפּט־אַליי, וועלכע האָט געפירט צום „אוהל פּרץ”, צו אסתר־רחל קאַמינסקיס קבר, צו די קברים פון ייִדישע שרייבערס, אַרבעטער־טוערס, פאַרטיזאַנערס — געוועזענע אַנטיילנעמערס אין אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ. טיילווייזע הילף האָבן מיר דערביי באַקומען פון דער וואַרשעווער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אָבער די פאַרוויסטונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז דאָס האָט געפאָדערט קאָלאָסאַלע סומעס, כדי יאָר־יערלעך אַרבעטן און ברענגען אין אָרדענונג דעם בית־עולם. מיר האָבן אָפּגעהיט דעם איינציקן אין אייראָפּע בית־עולם, וואָס איז אויפגעקומען אין געטאָ גופא —

אין ביאַליסטאָק. שאַרפֿע שטרייטן זענען אַנטשטאַנען צווישן אונדז און דער דאָר־טיקער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג, וועלכע האָט געוואָלט עקסהומירן די קרבנות פֿון געטאָ, פֿון אויפֿשטאַנד און פֿון די דערמאָרדעטע יידן שוין נאָך דער באַפֿרייונג און אַריבערפֿירן אין אַ צווייט אָרט, ווייל אונדזער בית־עולם, אין צענטער פֿון דער שטאָט, זאָל האָבן געשטערט די דאָרטיקע אורבאַניסטישע פּלענער. אַן אָרדע־נונג איז געמאַכט געוואָרן אויפֿן לאָדזשער בית־עולם, ווו עס איז געשטעלט געוואָרן אַ דענקמאָל פֿאַר די אומגעבראַכטע יידן. מיר האָבן באַשלאָסן נישט צו פֿאַרשיטן דעם מאַסן־קבר, וועלכן די היטלעריסטן האָבן צוגעגרייט פֿאַר די זיבן הונדערט לעצטע לאָדזשער יידן. אין משך פֿון העכער צוואַנציק יאָר איז ס. פֿישגרונד גע־שטאַנען אין פֿאַרבינדונג מיט די לאַנדסמאַנשאַפֿטן אין דער וועלט און מיט די יידישע קאָמיטעטן פֿון טשענסטאָכאָוו, קעלץ, טאַרנאָוו, זאַמאָשטש און פֿון פֿיל אַנדערע שטעט, כדי צו העלפֿן (אויך מיט די מיטלען פֿון „דזשאָינט") ברענגען אין אָרדענונג די בית־עולמס. פֿון צייט צו צייט פֿלעגן אָראָפּקומען פֿאַרשטייערס פֿון לאַנדסמאַנ־שאַפֿטן פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, פֿון אַרגענטינע, פֿראַנקרייך און פֿון אַנדערע לענדער, וועלכע האָבן געהאָלפֿן מיט זייערע מיטלען אַרומצוימען די בית־עולמס, צונויפֿזאַמלען די פֿאַנאַנדערגעוואָרפֿענע מצבות און זיי צונויפֿשטעלן צוזאַמען ווי אַ דענקמאָל. אַזוי האָבן מיר אויך געטאָן מיטן בית־עולם פֿון 18טן יאָרהונדערט אין פּראָגע, ווו העכער 20 טויזנט צונויפֿגענומענע מצבות האָבן עדות געזאָגט וועגן דעם הייליקן אָרט.

מיר האָבן געמאָנט און פֿאַרגעשלאָגן דעם מלוכה־קאָמיטעט צו פֿאַראייביקן דעם אָנדענק פֿון די נאַצי־קרבנות, אויפֿצושטעלן דענקמעלער אין די טויט־לאַגערן, ווו עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן די יידן פֿון פּוילן און פֿון די אָקופּירטע איי־ראָפּעיִשע לענדער — אין אָשוויענטשים (אוישוויץ), אין טרעבלינקע, אין מיידאַנעק, אין סאָביבאָר און בעלזשעץ. די פּראָיעקטן פֿון די דענקמעלער און די טעקסטן פֿון די אויפֿשריפֿטן זענען אַלס כלל פֿאַרגעלייגט געוואָרן דורך אונדז.

די אַנטהילונג פֿון די דענקמעלער פֿלעגט שטענדיק באַגלייט ווערן מיט מאַסן־מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס. צוויי אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס האָבן זיך באַזונדער אויסגעטיילט מיט זייער כאַראַקטער: בעתן אַנטהילן די דענקמעלער אין טרעב־לינקע און אין אָשוויענטשים.

צום באַטייליקן זייך אין דעם פֿייערלעכן אַקט פֿון אַנטהילן דעם טרעבלינקע־דענקמאָל זענען געקומען יידישע דעלעגאַציעס פֿון אויסלאַנד. געקומען איז דער פֿאָרזיצער פֿון לאַנדאַנער „באָאַרד אָף דעפּיוטיס", סער באַרנעט דזשאַנער, וועלכער האָט גערעדט אַ היימישן יידיש, דער סעקרעטאַר פֿון „באָאַרד" בראָקמאַן, אונדזער אַלטער גוטער פֿריינד א. וואַטערמאַן, דער הויפּט־רב פֿון רומעניע, ד"ר מ. ראָזען, דער אַמט־דירעקטאָר פֿון דער ווינער קהילה, וו. קרעל, דער פֿאָרזיצער פֿון וועלט־פֿאַרבאַנד „אָרט", דניאל מייער. גרויסע דעלעגאַציעס פֿון פֿראַנקרייך, מערב־דייטשלאַנד, קובאַ, מעקסיקע, איטאַליע א"א. געקומען איז אויך פֿון ישראל יאַנקל וויערניק, וועלכער האָט איבערגעלעבט דעם טרעבלינקע־גהינום און האָט באַוויזן איבערצוגעבן געניי וועגן דאָזיקן אויסראָטונגס־לאַגער. אויפֿמערקזאַמקייט האָט

צוגעצויגן דער געקומענער פּרעזידענט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס ד״ר נחום גאָלדמאַן צוזאַמען מיט דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון קאָנגרעס גערהאַרד ריגנער, און דעם פאָרשטייער פון קאָנגרעס אין איראָפּע, אַרמאַן קאַפּלאַן. דער יידישער וועלט־קאָנגרעס האָט געהאַט בייגעטראָגן 25.000 דאָלאַר פאַרן אויפבוי פונעם דענקמאָל.

אַלץ איז געווען פאַרויסגעזען בעת דער פייערלעכקייט: די אַריינפיר־רעדע פון פאָרזיצער פון מלוכה־קאָמיטעט צום פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די נאַצי־קרבנות, וויעטשאָרעק (וועלכער איז גלייכצייטיק געווען דער אַמט־דירעקטאָר פון מיניסטאָרן־ראַט. ער, איז אגב געווען דער איינציקער, וועלכער האָט אויפגע־נומען אויף אַ שמועס דעם ד״ר נ. גאָלדמאַן), די רעדעס פון ס. פישגרונד און פון נ. גאָלדמאַן. אומדערוואַרט, ממש אין דער לעצטער מינוט, האָט זיך באַוויזן דער צווייטער נאָך גאָמולקאַן פּאַרטיי־פירער, זענאָן קלישקאָ. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיין קומען איז געווען אַ רעזולטאַט פון צוגעבן חשיבות דעם אַקט אין טרעבלינקע, דעם פאַקט, וואָס צונויפגעקומען זענען זיך צענדליקער טויזנטער מענטשן און מסתמא צוליב דער אָנוועזנהייט פון פּרעזידענט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס און פון פיל רעפּרעזענטאַטיווע פּערזענלעכקייטן פון אַ סך לענדער.

אין יענער צייט פון וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם האָבן מיר אין קלישקאָס קומען געוואָלט זען אַ סימן, אַז ניט אַלע זענען אָנהענגערס פון דעם אַנטיסעמי־טישן נוסח צו נעגירן אונדזער גרעסטן פּאָלקס־אומגליק *).

אַלץ אָפּטער האָט מען זיך אין דער פּוילישער פּרעסע באַמיט צו פאַרווישן דעם בלוטיקן סליאַד נאָך די העכער 3 מיליאָן אויסגעמאָרדעטע פּוילישע יידן. לויטן סאָוויעטישן ביישפּיל האָט מען זיי אַלע אַריינגענומען אין דער אַלגעמיינער צאָל „אומגעבראַכטע פּוילישע בירגערס״. דער בולטסטער ביישפּיל פון אַזאַ מין נעגאַציע האָט געהאַט אָן אָרט גראָד דאָרט, ווו צווישן די 4 מיליאָן קרבנות פון היטלערישן מאָרד זענען 3 מיליאָן געווען יידן פון אַלע אָקופּירטע אייראָפּעיִשע לענדער — אין אָשוויענטשים.

העכער אַ האַלבער מיליאָן מענטשן איז זיך צונויפגעקומען אויף דעם פּלאַץ פון טויטלאַגער. געווען זענען פילצאָליקע דעלעגאַציעס פון אַלע אייראָפּעיִשע לענדער, וועמעס בירגערס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין דעם גרעסטן טויט־לאַגער. געקומען איז אַן אָפיציעלע רעגירונגס־דעלעגאַציע פון ישראל בראש מיטן מיניסטער ד״ר יוסף בורג. צו זיי אַלעמען האָט מיט אַ רעדע זיך געווענדעט דער געוועזענער קאַצעטלער פון אוישוויץ, דער פּרעמיער־מיניסטער פון פּוילן, יוזעף ציראַנקעוויטש.

צוזאַמען מיט ליב דאָמבן זענען מיר געשטאַנען נאָענט פון רעדנער און געהערט זיין יעדן וואָרט — און דאָך האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן, אַז מיט די די אייגענע אויערן האָבן מיר געהערט די רעדע, וואָס האָט מיט קיין איין וואָרט

*) אין דער רעדע פון דעם זעלבן זענאָן קלישקאָ בעת אַ היסטאָריקער־צוזאַמענפאָר אין קראָקע זענען געווען בולטע אַנטיסעמיטישע אַקצענטן.

נישט דערמאָנט די 3 מיליאָן פאַרגאַזטע, דערשאָסענע, פאַרפייניקטע יידן. די געפאַנגענע און אומגעקומענע פון אַלע לענדער האָט ציראַנקעוויטש אויסגערעכנט, אָבער קיין איין וואָרט נישט וועגן יידן. צום ערשטן מאָל איז עס געשען. קיין מאָל האָט ציראַנקעוויטש אין זיינע געלעגנהייט־רעדעס, נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז די אָשוויענטשימער ערד איז דורכגעווייקט מיט יידיש בלוט. גראָד דאָס מאָל, בעתן אויפדעקן דעם גרויסן מאָנומענט, וועלכער איז באַגלייט געוואָרן מיט אויפשריפטן אין יידיש און העברעיש, האָט ציראַנקעוויטש „פאַרגעסן" אַפילו אין זיינע פּילצאָליקע יידישע חברים פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג! מיר האָבן זיך דערפילט געטראָפן דערפון, וואָס מיט קיין וואָרט האָט ער נישט דערמאָנט די אָנוועזנהייט פון דער אָפיציעלער רעגירונגס־דעלעגאַציע פון ישראל, וועלכע האָט חוץ אַלעמען רעפּרעזענטירט די גרעסטע צאָל געראַטעוועטע יידן פון אָשוויענטשים.

גענומען האָט רעדן דער פאָרזיצער פון אינטערנאַציאָנאַלן אוישוויץ־קאָמיטעט, פּראָפ. ראָבערט ווייץ. געווען איז עס אַ ווערדיקער ענטפער פון אַ שטאָלצן ייד אויף דער אומווערדיקער רעדע פון זיין אַמאָליקן לאַגער־חבר, וועלכער האָט „פּלוצים" פאַרגעסן צו דערמאָנען די אַבסאָלוט גרעסטע צאָל דערמאָרדעטע אין דער אוישוויצער טויטפאַבריק, די מיליאָנען יידישע מענער, פרויען און קינדער.

פּראָפ' ווייץ האָט גערעדט אין פראַנצויזיש. זיין רעדע האָט מען אָבער נישט איבערגעזעצט פאַרן גרויסן עולם. אַלס פּראָטעסט פאַרן פאַרלייקענען די יידישע קרבנות אויף דעם אָרט, וווּ זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן, האָט פּראָפ' ווייץ זיך אָפּגעזאָגט ווייטער צו זיין דער פאָרזיצער פון אינטערנאַציאָנאַלן אוישוויץ־קאָמיטעט. לויט זיין ביישפּיל האָבן די יידישע מיטגלידער דערקלערט אַ באָיקאָט קעגן דעם דאָזיקן קאָמיטעט *).

דער אָנגריף אויף דעם אָנדענק פון די מיליאָנען אויסגעמאָרדעטע יידן, וואָס איז געקומען אין אָשוויענטשים, איז געווען דער אָנהייב פון אַ העצע און פאַרלייקענונג פון דעם נאַצי־מאָרד איבערן יידישן פאָלק אין אייראָפּע. אַלס פּרעטעקסט דערצו האָט געדינט דער אַכטער באַנד פון דער „גרויסער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע", אין וועלכן עס איז געווען אַ וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן די היטלערישע לאַגערן. דער אויטאָר פון דער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג, דער פאָרשער יאַנוש גומקאָווסקי, האָט אין הסכם מיט דער ווירקלעכקייט (און מיט דער פעסטשטעלונג פון דעם אורטייל פון אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל אין נירנבערג) קלאַסיפיצירט די היטלערישע לאַגערן אויף קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אויף פאַרניכטונג־לאַגערן. דערביי האָט ער אָנגעוויזן, אַז אין די פאַרניכטונג־לאַגערן, וווּ עס האָבן טאָג און נאַכט „געאַרבעט" די קרעמאַטאָריעס, די גאַז־קאַמערן, זענען דער עיקר אומגעבראַכט געוואָרן יידן, אויך ציגיינער. די דאָזיקע פעסטשטעלונג וועגן אַן אַלגעמיין באַוווסטער לאַגע האָט אַרויסגערופן ממש אַ ווילדן געוואַי, אין דער

---

*) געבראַכן דעם דאָזיקן ווערדיקן יידישן באָיקאָט האָבן חניפה־יידעלעך (אין 1978), וועלכע האָבן אַפילו נישט געווירקט, אַז דער ביולעטין פון אוישוויץ־קאָמיטעט, וועלכער דערשיינט אין עטלעכע שפּראַכן, זאָל אויפהערן פאַרלייקענען, אַז אין דעם גרעסטן טויטלאַגער זענען דער עיקר אומגעבראַכט געוואָרן יידן.

ערשטער ריי מצד דער מאַטשאַרישער „זבאָוויד״־אָנפירונג. ווי קומט עס אַ פּויּלישער געלערנטער באַווייזן, אַז עס איז געווען אַן אונטערשייד אין דער היטלערישער באַציִונג צו יידן, וועלכע מ'האָט געשיקט, לויט יאַנוש גומקאָווסקין, אין פאַרניכטונג־לאַגערן און דער באַציִונג צו פּאָליאַקן און אַרעסטאַנטן פון אַנדערע פעלקער, וועלכע מ'האָט דער עיקר געשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווו עס זענען דאָך געווען שאַנסן צו בלייבן לעבן. מיט אַ שאַרפן אָנגריף אויף גומקאָווסקיס אַרטיקל איז אַרויס דער דירעקטאָר פון דער „הויפּט־קאָמיסיע צום פאָרשן די היטלערישע פאַרברעכנס אין פּוילן", טשעסלאַוו פּיליכאָווסקי. ער האָט אין דעם אָרגאַן פון „זבאָוויד" „זאַ וואָלנאָשטש אי ליוד" אָפּגעדרוקט ממש אַ באַשולדיקונג־אַקט קעגן אויטאָר פון דעם אַרטיקל אין דער ענציקלאָפּעדיע. ער האָט געשריבן אַז די „פאַקטישע, מעטאָדאָלאָגישע, טערמינאָלאָגישע און פּאָליטישע פעלערן אין דעם אַרטיקל זענען אַ רעזולטאַט פון דער וויסנשאַפטלעכער נישט אָרנטלעכקייט (!) פון דעם אויטאָר" און ווייטער — דער גראָבער ליגן, אַז „אין הסכם מיט דער ווירקלעכער זאַכלאַגע, ווי אויך אין ליכט פון פּוילישן און אינטערנאַציאָנאַלן רעכט זענען אַלע (!) היטלערישע לאַגערן, ווי אויך אייניקע לאַגערן פון קריגס־געפאַנגענע געווען אויסראָטונגס־לאַגערן". ממילא קומט אויס, אַז יידן זענען נישט געווען „פּריווילעגירט" ביים אומקומען מאַסנווייז אין די קרעמאַטאָריעס און גאַז־קאַמערן. מיט אַ שאַרפן אָנגריף קעגן דעם ערלעכן פּוילישן געלערנטן איז אַרויסגעטרעטן דער גענעראַל־סעקרעטאָר פון „זבאָוויד" און געוועזענער קאַפּאָ אין אַ היטלערישן לאַגער, קאַזשימיעזש רושינעק *) און באַוויזן האָט זיך זיין שרייבעכץ אין דעם וואָכנבלאַט „פּאָליטיקאַ", וועלכער האָט אַלס כלל זיך אויסגעצייכנט מיט אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן אַפילו אין די ערגסטע צייטן. אויך דער פּרעמיער־מיניסטער און פאָרזיצער פון ראַט פון „זבאָוויד", יוזעף ציראַנקעוויטש, וועלכער האָט פון אייגענער דערפאַרונג געוווּסט, אַז פאַר יידן האָבן די היטלעריסטן געהאַט די גאַז־קאַמערן אין אוישוויץ, איז שאַרף אַרויסגעקומען קעגן דעם אויטאָר פון דער אָפּהאַנדלונג וועגן לאַגערן אין דער ענציקלאָפּעדיע.

די קאַמפּאַניע צו פאַרשווייגן און פאַרלייקענען די ספּעציעלע אויסראָטונג־פּאָליטיק פון היטלעריזם לגבי די יידן, וועלכע איז געפירט געוואָרן דורך דער פּוילישער פּרעסע, האָט בולט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַן אָפיציעל־דירי־גירטער פּאַרטיי־ און רעגירונגס־אַקציע. ווילנדיק — נישט ווילנדיק האָט די דאָזיקע אַקציע געדינט דעם נעאָנאַציזם, וועלכער האָט געהאַלטן פאַר אַ בייזוויליקע אויסטראַכטעניש די אויסראָטונג פון יידן אין קרעמאַטאָריעס און גאַזקאַמערן אויף דער טעריטאָריע פון פּוילן.

נישט געקוקט אויף דעם ברייטסטן פאַרנעם פון דער פאַרלייקענונג־אַקציע, וועלכע איז געפירט געוואָרן דורך דער גאַנצער פּוילישער פּרעסע, אויף דער נאַציאָנאַליסטיש־שאָוויניסטישער ריכטונג פון דער באַשולדיקונג, אַז אין דער

---

*) ק. רושינעק האָט געהאַט געבעטן ביי 2 יידן — מיטגלידער פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון „זבאָוויד", אַז זיי זאָלן ווירקן אויף דעם „נאַצי־יעגער" שמעון וויזענטאַל, אַז ער זאָל נישט שרייבן וועגן רושינעקס קאַפּאָ־מעשים אין לאַגער.

ענציקלאָפּעדיע איז באַליידיקט געוואָרן דאָס פּילגעליטענע פּוילישע פאָלק, האָט אָבער די דאָזיקע קאַמפּאַניע נישט געפונען קיין ברייטערן אָפּקלאַנג צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג. אין פּוילן איז געווען באַוווסט דער ווירקלעכער גורל פון די יידישע אסירים אין די היטלערישע טויטלאַגערן, כדי מיט חשד זיך באַציִען צו דעם טומל אַרום ענציקלאָפּעדיע־ענין.

נישט ווייניק האָט געהאָלפן אַנטפּלעקן דעם אמת דער יידישער היסטאָרי־שער אינסטיטוט מיט זיינע אויסגאַבן אין דער פּוילישער שפּראַך, איבערהויפּט דאָס גרינטלעכע ווערק פון פּראָפ׳ א. אייזנבאַך „די היטלערישע פּאָליטיק פון פאַרניכטן די יידן״ און די וויכטיקע דאָקומענטן־זאַמלונג (אין דייטשן אָריגינאַל און פּוילישער איבערזעצונג) „די עקסטערמינאַציע פון די יידן אויף דער פּוילישער ערד״, וועלכע איז צוגעגרייט געוואָרן דורך די מיטאַרבעטער פון אונדזער אינ־סטיטוט — ט. בערנשטיין, א. אייזנבאַך און א. רוטקאָווסקי.

אָן אַן ערך אַ גרעסערע ווירקונג אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג פון פּוילן האָט געהאַט דער אמת וועגן דער היטלערישער „ענדלעזונג״ פון דער יידן־פראַגע, אַזוי ווי זי איז אויפגעקומען בעת דעם אייכמאַן־פּראָצעס אין ישראל. דער דאָזיקער פּראָצעס, ווי אויך דער אופן ווי אַזוי דער מאַסנמערדער איז געכאַפּט און געמישפּט געוואָרן דורך די יידן, איז אַ צייט לאַנג געווען די טעמע פון טאָג אין פּוילן. די דירעקציע פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט האָט אין צוזאַמענהאַנג מיטן אייכמאַן־פּראָצעס איינגעאָרדנט אַ ספּעציעלע פּרעסע־קאָנפערענץ, צו וועל־כער עס זענען געקומען פאָרשטייערס פון דער גאַנצער פּוילישער פּרעסע, ווי אויך אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן, וועלכע האָבן באַקומען דורך די אויפקלערונגען פון ב. מאַרק, א. אייזנבאַך, ט. בערנשטיין און א. רוטקאָווסקי אַן אויספירלעכע אינפאָרמאַציע וועגן דער אויסראָטונג פון די יידן אונטער דער דירעקטער אָנפי־רונג פון אַדאָלף אייכמאַן. די דירעקציע פון אונדזער אינסטיטוט האָט ערב דעם פּראָצעס איבער אייכמאַנען איינגעאָרדנט אַ ספּעציעלע אויסשטעלונג, וועלכע האָט זיך מער פאַרגעדענקט די טויזנטער באַזוכערס, ווי די ליגנערישע קאַמפּאַניע פון פאַרלייקענען די ספּעציעלע פאַרניכטונג־פּאָליטיק פון היטלעריזם לגבי די יידן.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן אייכמאַן־פּראָצעס זענען מיר אין צווייען — ד. ספּארד און איך, געווען ביים סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־צ״ק, עדוואַרד אָכאַב מיטן פאַרלאַנג, אַז אַ פאָרשטייער פון אונדזער פאַרבאַנד זאָל דעלעגירט ווערן צום פּראָצעס, על כל פנים — אַלס אָבסערוואַטאָר, אויב נישט אַלס מאַנער אין נאָמען פון די פּוילישע יידן.

צום ערשטן מאָל האָט דער שמועס מיט אָכאַבן געהאַט אַ שטאַרק נישט אָנגענעמען כאַראַקטער. ער האָט אונדז געמאָלדן, אַז צום אייכמאַן־פּראָצעס האָט דער סעקרעטאַריאַט פון צ״ק באַשלאָסן צו דעלעגירן בלויז אַ קאָרעספּאָנדענט, דעם רעדאַקטאָר פון דעם יוריסטן־אָרגאַן „רעכט און לעבן״, קאַזשימיעזש קאַנקאָל. אויף אונדזער חידושן זיך וואָס דער באַשלוס האָט איגנאָרירט די דירעקט פאַר־אינטערעסירטע, די יידן, האָט ער אַ ברוגזער געענטפערט, אַז מיר קענען זיך ווענדן צום סעקרעטאַריאַט, אָבער ער וועט אונטערהאַלטן דעם אָנגענומענעם באַשלוס.

דער שמועס האָט נאָך געהאַט אַנדערע מאָמענטן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן חידוש, קענענדיק עדוואַרד אָכאַבס אַלע מאָל פריינטלעכע באַציִונג צו דער יידישער סביבה.

בעת מעשה איז שווער געווען זיך אָנצושטויסן פון וואַנעט עס איז געקומען די ענדערונג אין אָכאַבס באַציִונג צו אונדזער פאַרבאַנד. שווער געווען צו גלויבן, אַז אויך ער האָט זיך אונטערגעגעבן דער אַטמאָספער וואָס די מאַטשאַר־לייט אין דער פאַרטיי־אָנפירונג, אַזעלכע ווי רישאַרד סטשעלעצקי, האָבן געשאַפן. די ווייטערדיקע געשעענישן האָבן באַוויזן, אַז אָכאַב, ווי אייניקע אַנדערע צענטראַלע פאַרטיי־טוערס, האָבן באַוויזן צו פראָטעסטירן קעגן דער אַנטי־יידישער שטעלונג פון דער גאָמולקאַ־אָנפירונג.

פון וואַנעט וועט קומען די הילף?!

קיין ספק האָט שוין נישט געקאָנט זיין, אַז די אַלץ אָפטערע אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען פון וו. מאַכעיעק, ווישנאַצקי, פּראָפּ׳ כאַלאַשינסקי *) אין אַזעלכע צייטשריפטן, ווי „זשיטשע ליטעראַצקע״, „סטאָליצאַ״ און אַ ריי אַנדערע, זענען דערשינען מיטן הסכם פון אָנפירנדיקע פּאַרטייִשע און רעגירונג־אינסטאַנצן. אַנדערש וואָלט דאָך די צענזור עס נישט דורכגעלאָזן. און די צענזור איז אַלע מאָל זיך נוהג געווען צו קאָנסולטירן אַפילו אין ווייניקער וויכטיקע פאַלן מיטן פאַראַנטוואָרטלעכן פון צ״ק פאַר די פּרעסע־ענינים, סטעפאַן אָלשאָווסקי.

שווער געווען מסכים צו זיין מיטן געדאַנק, וואָס האָט אַלץ שאַרפער געעקבערט דעם מוח, אַז שוין נישט בלויז מאָטשאַר און זיין מיטהעלפער אין סעקרעטאַריאַט פון צ״ק, רישאַרד סטשעלעצקי, נאָר אויך מיטגלידער פון דעם פּאָליטביוראָ האָבן געגעבן זייער סאַנקציע פאַרן אָפענעם טרייבן רכילות אויף יידן, פאַר אָפּפרעגן די פּאָזיציע פון די פּוילישע יידן אין באַפרייונגס־קאַמף, פאַרן איבערטרייבן אָן אַ שום מאָס די גרייס פון דער הילף פון פּאָליאַקן פאַר די פאַראורטיילטע יידן בעת דער היטלערישער אָקופּאַציע, פאַר מינימיזירן דעם יידישן אָנטייל אין ווידערשטאַנד־קאַמף קעגן היטלעריזם.

ענטפערן דערויף, אַפילו אין אונדזער אייגענעם אָרגאַן, האָט מען נישט דערלויבט. וואָס בלייבט צו טאָן? מיר באַשליסן זיך צו ווענדן וועגן אַ טרעפונג פון אונדזערע פאָרשטייערס מיטן סעקרעטאַר פון צ״ק וו. וויכאַ, וועלכער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. אונדזער דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון דעם פאָרזיצער לייב דאָמב, דעם סעקרעטאַר עדוואַרד רייבער און דעם פּרעזידיום־מיטגליד מ. מירסקי, וועלכער האָט איבערגעגעבן אַ שריפטלעכן מעמאָריאַל און רעפערירט דעם ענין פון אַנטיסעמיטיזם.

אויף זייער אַ נערוועזן אופן האָט אויף די רייד פון אונדזער דעלעגאַציע רעאַגירט דער סעקרעטאַר פון צ״ק וו. וויכאַ. „איר באַשולדיקט די פּאַרטיי, אַז זי רעאַגירט נישט קעגן אַנטיסעמיטיזם!.. און בכלל — איר זענט צו פילבאַר״ האָט ער אויסגעשריגן אין אַ היסטערישן טאָן. מיט אַ ציניש שמייכל האָט אויפגענומען די רייד פון אונדזערע פאָרשטייערס דער פאַרוואַלטער פון דעם אַדמיניסטראַטיוון אָפּטייל פון צ״ק, וויטאַשעווסקי.

*) אין „טריבונאַ לודו״ האָט דער סאָציאָלאָג פּראָפּ׳ כאַלאַשינסקי פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען: „מענטשן אָן אַ היים״ און „באַאומרויִקנדיקע דערשיינונגען״, פול מיט רכילות און מסירות קעגן די באַוווּסטע געלערנטע, פּראָפּ׳ לעשעק קאָלאַקאָווסקי, פּראָפּ׳ בינאַ אָסאָראָדאָבראַי, פּראָפּ׳ זיגמונט באַומאַן און דאָצענט מאַריאַ הירשאָוויטש.

נאָכן אויסהערן דעם באַריכט פון דער דעלעגאַציע איז פאַר אונדז קלאָר געוואָרן, אַז פון דאַנעט האָבן מיר נישט צו דערוואַרטן קיין שום הילף. אַנשטאָט הילף איז געקומען אַ גוט געצילטער, זייער פילבאַרער קלאַפּ אין אונדזער הויפּט־פאַרוואַלטונג. עס איז געקומען די דירעקטיוו פון די זעלבע צ״ק־פאַרשטייערס, אַז נאָך דעם נאָענטסטן, פינפטן צוזאַמענפאָר פון אונדזער פאַרבאַנד, דאַרפן מער נישט אַריין אין באַשטאַנד פון פּרעזידיום פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג: שמואל הורוויטש, מיכאל מירסקי און ייִדל קאַרמאַן.

ש. הורוויטש איז געווען דער אָנפירער מיט דער קולטור־אָפּטיילונג פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג. ער האָט מיט אַ סך קענטעניש און גרויס איבערגעבנקייט אָנגעפירט מיט דעם וויכטיקסטן געביט פון אונדזער טעטיקייט. ייִדל קאַרמאַן האָט געהערט צו די באַוועגלעכסטע, אָפּעראַטיווסטע מיטגלידער פון פּרעזידיום. ער האָט בעת זיינע רוטעג, נאָך דער שווערער אַרבעט אין דער רעדאַקציע (אַלס פאַרוואַלטער פון דער אויסלענדישער אָפּטיילונג) אַלע מאָל זיך געפונען אין די ווייטסטע ייִשובים מיט רעפעראַטן, שמועסן, אויף אָוונטן פון פראַגן און ענטפערס.

וואָס איז געווען די סיבה פון דערווייטערן דעם עלטסטן צווישן אונדז טוער פון די ייִדישע קאָמיטעטן, מ. מירסקי? איך האָב געפּרוווט דורך מיין „אַלטן חבר״ זיך דערוויסן. געווען זענען צוויי ווערסיעס: 1) אַן אַקט פון נקמה פאַר זיין אַרויסטרעטן מיט דער באַשולדיקונג קעגן וואַקסנדיקן „לעגאַלן״ אַנטי־סעמיטיזם; 2) סיי דער סעקרעטאַר פון צ״ק, וו. וויכאַ, סיי ק. וויטאַשעווסקי זענען אַזוי ווי מ. מירסקי געווען אַסירים אין דעם קאַרטוז־בערעזער קאָנצענטראַציע־לאַגער. אַרומגעגאַנגען זענען קלאַנגען, אַז וו. וויכאַ און ק. וויטאַשעווסקי זענען נישט געווען פולשטענדיק אין אָרדענונג מיט די קאָמוניסטישע נאָרמעס פון אויפפירונג אין לאַגער. זיי האָבן חושד געווען אַז די דאָזיקע קלאַנגען האָט פאַרשפּרייט מ. מירסקי. אין גאַנג איז געלאָזן געוואָרן נאָך אַ קלאַנג — מיטן ציל צו צעקריגן אונדז צווישן זיך — אַז דער פאָרשלאַג פּטור צו ווערן פון מ. מירסקי איז געקומען פון... נייעם פאָרזיצער. לייב דאָמב האָט עס קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט.

די דערווייטערונג פון דעם אַזוי נויטיקן פאַר אונדזער גאַנצער אַרבעט, דעם שטענדיק אַקטיוון בעתן נעמען שטעלונג צו די וויכטיקסטע פּרינציפּיעלע פראַגן, שמואל הורוויטש, איז געווען אַ נקמה־אַקט פאַר זיין אונטערנעמען זיך, אַלס אַדוואָקאַט, צו פאַרטיידיקן דעם קרבן פון דעם מאַטשאַרישן בלוט־בלבול, דעם ייִדישן שאָפער עקערלינג.

ייִדל קאַרמאַן, וועלכער האָט נישט געהאַט אין זיין פאַרגאַנגענהייט קיין „סאָוועטישע שול״ האָט בעת די זיצונגען פון אונדזער פּרעזידיום זיך אָפט דערלויבט אויף זייער שאַרפע אַרויסטרעטונגען קעגן געוויסע פּאַרטיי־דירעקטיוון, וועלכע זענען אַלס כלל נישט אונטערגעלעגן קיין קריטיק. זיין דרייסטער אופן

פון אַרויסבריינגען נעגאַטיווע דערשיינונגען, מיט וועלכע ער פּלעגט זיך אָנטרעפן בעת זיין נאָכאַנאַנדיקן באַזוכן די לאָקאַלע אָפּטיילונגען פון אונדזער פאַרבאַנד, האָבן „שאָקירט״ די טוערס פון דער אַדמיניסטראַטיווער אָפּטיילונג פון פאַר־טיי־צ״ק.

פאַר מיר איז געווען קלאָר, אַז אַן ענלעכער גורל דערוואַרט אויך אַנדערע מיטגלידער פון אונדזער פּרעזידיום, אַז אַנגריפן קעגן אונדז וועלן נישט לאָזן אויף זיך וואַרטן, אַז ווייטער פאַרבינדן אונדזער טעטיקייט מיט יענע צילן, וועלכע כ׳האָב אַלע מאָל געהאַט פאַר זיך, איז אַ האָפענונגסלאָזע אילוזיע, און דאָך...

אָפּטרעטן, „אַריין אין די שטעקשיך״ אָדער... בלייבן אויפן מערב בעת פאַר־שידענע געלעגנהייטן (ווי אייניקע האָבן מיר געראָטן) — דערויף האָט מיר נישט דערלויבט מיין געוויסן, וועלכער האָט אַלע מאָל געהאַט פאַר זיך אַלס קאַטע־גאָרישן אימפּעראַטיוו: נאָר נישט קאַפּיטולירן!

וואָס פאַראַ מעגלעכקייטן זענען אין יענער סיטואַציע געווען זיך אַנטקעגן צו שטעלן דעם אורטייל, וואָס איז אויף אונדז אַרויסגעטראָגן געוואָרן שוין דעמאָלט, ווען אַלע יידן (באַצייכנטע אַלס ציוניסטן) זענען פאַררעכנט געוואָרן ווי שונאים פון דעם „סאָציאַליסטישן לאַגער״, צוזאַמען מיט דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם און מערב־דייטשן נעאָנאַציזם?

נישט בלויז אויף זיצונגען, נאָר אַפילו אין פּריוואַטע, פאַרטרוילעכע שמועסן האָבן מיר זיך די דאָזיקע פראַגע נישט געשטעלט. אָבער געהאַנדלט האָבן מיר אַזוי, ווי מיר וואָלטן צוזאַמען געקומען צום אויספיר, אַז עס בלייבט אונדז בלויז איין וועג — דער טראַדיציאָנעל־יידישער וועג: רייסן קברים...

ווי אַן ענטפער די אַנטיסעמיטן האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג אויפן געגנשער יידישן בית־הקברות אין צוזאַמענהאַנג מיטן הונדערטסטן יאָרטאָג פון פּוילישן יאַנואַר־אויפשטאַנד. אויף דעם דאָזיקן בית־עולם איז געווען אַ הויכע מצבה פון דריי גרויסע שטיינערבלאָקן, איינער אויף דעם אַנדערן — אויף דעם קבר פון דעם יידישן פינאַנץ־מיניסטער פון דער פּוילישער אויפשטאַנד־רעגירונג, הענריק וואַהל. געווען איז צווישן אונדז דער נאָענטסטער גליד פון דער משפחה פון דעם יידישן אויפשטאַנד־קעמפער, דער באַקאַנטער פילם־רעזשיסאָר, מיט דעם זעלבן פאַמיליע־נאָמען: וואַהל*). מער ווי די רייד האָט „גערעדט״ אונדזער אַלעמענס שווייגן ביי דער דאָזיקער מצבה. דאָס שווייגן פון צוואַנציקטע הערצער אין אָנבליק פון דער שענדלעכער פאַרלייקענונג פון אונדזער געשיכטלעכן גאַנג אויף דער פּוילישער ערד.

ווער נאָך איז אַזוי נאָענט געווען דעם געמיט, דעם אָפּפילן און טראַכטן פון פּוילישע יידן אויף דער ערד פון אונדזער גרעסטן פאַלקס־קבר, ווי יצחק־לייבוש פּרץ! דאָס גרייטן זיך אָפּצומערקן דעם 50טן יאָרצייט פון י. ל. פּרץ איז דורך

*) אגב דערציילט די יידישע לעגענדע, אַז דער פּוילישער קיסר „אויף איין טאָג״ איז געווען דער ייד שאול וואַהל.

אונדז פאַרטראַכט געוואָרן אין אַ פּיל גרעסערן פאַרנעם, ווי אַלע מאָל. צום „אוהל־פּרץ" זענען מיר קודם־כל געגאַנגען „רייסן קברים". צו אים האָבן מיר געווענדעט די הערצער און מוחות פון אונדזער יוגנט, וואָס האָט שוין דעמאָלט געוואָלט דערקענען אונדזערע וואָרצלען. מיר האָבן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען געהאָלפן אונדזער יוגנט פון די 4 גרעסערע יישובים — פון וואַרשע, וואָראַצלאַוו, לאָדזש און שטשעטשין אָרגאַניזירן אַ מאַרש „מיטן שליאַך פון יצחק־לייבוש פּרץ". געטראָפן האָבן מיר זיך אַלע צוזאַמען אין פּרצעס געבוירן־שטאָט, זאַ־מאָשטש. געווען זענען מיר אין דער שטוב, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, אויך אין דעם שכנותדיקן בית־המדרש, וועלכער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ביבליאָטעק. פאַרזאַמלט האָבן מיר זיך אויפן פּלאַץ ביים מאַגיסטראַט, וועלכן י. ל. פּרץ האָט וויזיאָנעריש אַרויסגעבראַכט אין זיין גרויס ווערק „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". און געווען זענען מיר אין יענעם אָרט, ווו זאַמאָשטשער יידן זענען אויסגעקוילעט געוואָרן דורך די דייטשן.

אומעטום ווו עס זענען נאָר געווען יידן, זענען די פּרץ־טעג געוואָרן דער באַ־שיימפּערלעכער אויסדרוק פון נאַציאָנאַלן מהות פון דעם יידישן יישוב אין פּוילן. און דאָס האָט אויף דעם סאַמע אמתדיקן אופן אָפּגעמערקט דער גרויסער דיכטער פון אונדזער פאָלק, דער פאַרקערפּערער פון די בעסטע אייגנשאַפטן פון די פּוילישע יידן, יעקב גלאַטשטיין. אונדזערע הערצער האָבן האַסטיקער געקלאַפּט און געשטאַרקט געוואָרן בעתן לייענען זיינע רייד. ער האָט אין „יידישן קעמפער" נומער 1608 געשריבן:

„די 50טע יאָרצייט נאָך י. ל. פּרץ איז אין ערגעץ נישט אָפּגעמערקט געוואָרן מיט אַזאַ יומטובדיקער דערהויבנקייט, מיט אַזאַ חסידיש־התלהבות־דיקן צופאַלן צום קוואַל פון פאָטער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, ווי אין פּוילן.

אַ פּופּציקיאָריקער ליטעראַרישער יאָרצייט ווערט שוין געוויינלעך אַ קולטור־יום־טוב, אָבער דער פּרץ־יאָרצייט אין זיין יידישן פּוילן איז נאָך אַלץ געווען אַ יאָרצייט מיט אמתע יאָרצייט־ליכט, און דער גרויסער נאָמען אַליין האָט געצונדן די ליכט און געזוכט זיין פאָלק.

דערפאַר האָבן די דאָזיקע פּרץ־פייערונגען פון די שטעט און שטעט־לעך, ווו נאָר מען האָט געקאָנט גרייכן צו עטלעכע יידישע משפחות, פאַרמאָגט אין זיך דעם פולן טעם פון טראַגיק, ווי י. ל. פּרץ וואָלט פאַר־שניטן געוואָרן צוזאַמען מיט זיין פאָלק און ווי די רעשטלעך לעבנגעבלי־בענע וואָלטן זיין געדעכעניש געזוכט צו מונטערן און קרעפטיקן דעם וויטערדיקן אויפהאַלט און צוזאַמענהאַלט. דער אופן ווי די יאָרצייט־אָפּהיטונגען זענען דורכגעפירט געוואָרן, מיט אַ סך צוגרייט און מיט ערנסטער פאַרטיפונג אין יידישע שולן, אין קלובן, אין קולטור־אָרגאַני־זאַציעס מוז אַרויסרופן דעם באַוווּנדער פון די גרעסערע יידישע יישובים..."

מיט אַ יאָר שפּעטער בין איך געווען אין ניו־יאָרק, אין דעם קליינעם צימער פון יידיש־אַמעריקאַנער קאָנגרעס, ווו יעקב גלאַטשטיין האָט געאַרבעט (אַריינגע־פירט האָט מיר זיין סעקרעטאַרין, ראַיע זאַק, וועלכע האָט מיט אַ פערטל יאָרהונ־דערט פאַר דעם געאַרבעט מיט מיר צוזאַמען אין דער רעדאַקציע „ביאַליסטאָקער שטערן"). אויף זיך האָב איך דערפילט די וואַרעמע בליקן פון דעם גרויסן דיכטער און וואָרטזאָגער פון דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט געוואָלט אַלץ וויסן וועגן אונדז אין פּוילן און איך האָב אים אַלץ דערציילט — וועגן דאָס געשעענע מיט אונדז, וועגן מעגלעכע צרות, און ווי ריכטיק עס זענען זיינע רייד, אַז די פּרק־פּייערונגען האָבן „פאַרמאָגט אין זיך דעם פולן טעם פון טראַגיק" און גאָר באַזונדער אמתדיק איז זיין פּילן און זען, ווי מיר „וואָלטן זיין געדעכעניש געזוכט צו מונטערן און קרעפטיקן דעם ווייטערדיקן אויפהאַלט און צוזאַמענהאַלט".

עטלעכע מאָל בין איך געווען ביי יעקב גלאַטשטיינען און אַלע מאָל אַוועק אַ דערמוטיקטער פון זיינע רייד, פון זיין חכמה, פון דער וואַרעמקייט, פון דער זאָרג וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן לגבי אונדז. צוזאַמען מיט זיין געטרייען יוגנט־חבר יצחק ראָזנבוים האָבן מיר ביי אים פאַרבראַכט אין אַזאַ היימישער נאָענטקייט, ווי מיר וואָלטן זיך יאָרנלאַנג געקענט. איך האָב באַקומען זיין צוזאָג: ער וועט אַלץ טאָן, אַז יידישע שרייבערס, געזעלשאַפטלעכע טוערס זאָלן זיך איינשטעלן פאַר אונדז.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן בין איך געפאָרן אויף אַ ריין פּריוואַטן אופן. געטראַכט האָט זיך אָבער דערביי וועגן „רייסן קברים" אין די אייגנאַרטיקע אַמעריקאַנער באַדינגונגען. באַגעגענישן האָב איך געהאַט גאָר אַ סך, דער עיקר מיט חברים, פריינד פון דער פּראָגרעסיווער סביבה. געדאַרפט וואָלט איך אָבער דערציילן פאַר אַ גרעסערן עולם וועגן אונדזערע אויפטוען אין פּוילן און געווינען זייער פולע סימפּאַטיע, וועגן וועלכער עס זאָלן זיך דערוויסן אין וואַרשע די אָנפירערס פון דער פּאַרטיי און רעגירונג. אין דעם האָב איך געוואָלט זען אַן אופן פון צוימען דעם אָנוואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם, ווייסנדיק ווי פילבאַר מ׳איז אין די פּוילישע פירנדיקע קרייזן לגבי דער אויסלענדישער עפנטלעכער מיינונג.

קודם־כל האָב איך זיך געמוזט דערוויסן, צי איז געווונטשן, קומענדיק רייך פּריוואַט קיין אַמעריקע, עפנטלעך אַרויסצוטרעטן, צי וועל איך דערמיט נישט איבערשרייטן די נאָרמעס פון גאַסטפריינדלעכקייט, כדי נישט ווערן פאַר דער צייט אַרויסגעבעטן פון לאַנד? כ׳בין אַוועק צום פאָרשטייער פון פּוילן אין דער „אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס" באַהדאַן לעוואַנדאָווסקי און האָב אים זייער אויספירלעך דערציילט אין וואָס עס גייט מיר, בפרט, אַז אין ניו־יאָרק האָט מען אין דער פּראָגרעסיווער סביבה זיך געגרייט צו אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג אין יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און מ׳האָט מיר פאָרגעלייגט, אַז איך זאָל זיין דער גאַסטרעדנער.

באָהדאַן לעוואַנדאָווסקי, דער פאָרשטייער פון פּוילן אין דער אונ"אָ, איז

מיר געווען באַקאַנט. אויף איינער אַ באַראַטונג אין צ״ק פון דער פּאַרטיי, נאָכן „פּוילישן אָקטאָבער״, איז ער זייער שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעם אַנטי־סעמיטיזם, וועלכער האָט זיך מאַסקירט אין אַן אַנטיסטאַלינישן לבוש. זיין רעדע האָט געמאַכט זייער אַ שטאַרקן רושם, באַזונדער ווען ער האָט דערציילט וועגן זיין פּראָלעטאַרישער משפּחה־טראַדיציע: זיין זיידע האָט געהערט צו די פּיאָנערן פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און איז געווען אַ שונא פון אַנטיסעמיטיזם. זיין טאַטע האָט געהערט צו די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און האָט אַלע מאָל באַקעמפּט יעדן אויסדרוק פון קסענאָפאָביע. ער האָט געהאַלטן, אַז דער מאַנגל אין אַקטיוון קאַמף קעגן אַקטועלן אַנטיסעמיטיזם וואַרפט אַ שאָטן אויף דער גאַנצער באַוועגונג.

איך האָב אים געענוי אינפאָרמירט וועגן דער לאַגע אין פּוילן, וועגן די פּלענער פון אַנטיסעמיטישן בלאָק לגבי דער יידישער באַפעלקערונג און וועגן מיין פאַרלאַנג צום ווירקן אין דער ייִדיש־אַמעריקאַנער סביבה לטובת דעם יידישן יישוב אין פּוילן. ער האָט ביי מיר געבעטן מיין אויסלענדישן פּאַספּאָרט, כדי צו זען די אַמעריקאַנער וויזע און לויט איר כאַראַקטער אורטיילן, צי איך מעג עפנטלעך אַרויסטרעטן. ער האָט באַטראַכט די וויזע און מיר דערקלערט, אַז דער ענין זעט אויס צו זיין קאָמפּליצירט. ער האָט מיר געוויזן, אַז אין דער אַמעריקאַנער וויזע זענען פאַראַן 2 שורות בלויז מיט ציפערן. הייסט עס, אַז עפּעס איז פאַרשיפרירט. ערשט דעמאָלט האָב איך זיך געכאַפּט פאַר וואָס די אָנגעשטעלטע פון אַמעריקאַנער עמיגראַציע־אַמט, וועלכע זענען אַרויף אויף דער פּוילישער שיף „באַטאָרי״ בעתן אָנקומען קיין אַמעריקע, האָבן לאַנג באַטראַכט מיין פּאַספּאָרט און כסדר געוואָרפן פאַרדאַכט־בליקן אויף מיר. דער פּוילישער פּאָרשטייער אין דער אונ״אָ האָט מיר געבעטן קומען אַ צווייט מאָל, אפשר וועט ער זיך עפּעס וואָס דערוויסן. און ער האָט זיך דערוווּסט. ביים שוועל פון זיין קאַבינעט האָט ער מיר געמאָלדן, אַז איך קען אַרויסטרעטן ווען און ווו איך וויל, די פאַרשיפרירטע שורות האָבן איבערגעגעבן: „הגם ער פּאָרט פּריוואַט, באַטראַכט אים האַלב־אָפיציעל״.

נאָך דער פאַרזאַמלונג אין ניו־יאָרק בין איך אַרויסגעטרעטן פאַר אַ גרויסן עולם אין טשיקאַגאָ, אין לאָס־אַנדזשעלעס, אין סאַן־פראַנציסקאָ, אין פּעטאַלומאַ, אין פילאַדעלפיע און אין אַנדערע שטעט. נאָך יעדן אַזאַ אויפטריט און נאָך פילצאָליקע אויפנאַמעס האָב איך געשריבן באַריכטן צום אונ״אָ־פאָרשטייער און ער האָט געטריי אויסגעפירט זיין צוזאָג: ער האָט געענוי אינפאָרמירט דעם אויסערן־מיניסטעריום פון פּוילן און דער אויסערן־אָפּטיילונג פון פּאַרטיי־צ״ק, אַז מיינע רעפעראַטן וועגן די אויפטוען פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין פּוילן האָבן געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין דער יידישער עפנטלעכער מיינונג פון אַמעריקע. פון זיך האָט ער צוגעגעבן, אַז אַזעלכע באַזוכן זענען זייער געווונטשן אויך ווייטער.

איך האָב אויך גערעדט אויף גרויסע פאַרזאַמלונגען אין קאַנאַדע (כאָטש אַריינקומענדיק פון ניו־יאָרק קיין מאָנטרעאָל בין איך אויף עטלעכע שעה פאַר־

האַלטן געוואָרן, ווייל קיין קאַנאַדער וויזע האָב איך נישט געהאַט). אין טאָראָנטאָ, ווי אין מאָנטרעאָל האָבן יידן אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס צום יידישן יישוב אין פוילן. פאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב מיט קיין וואָרט זיי נישט געגעבן צו וויסן, אַז אַלע אונדזערע אויפטוען זענען באַדראָט. געגלויבט האָב איך אָבער, אַז זיי וועלן זיין בעסער צוגעגרייט אַרויסצוטרעטן אין אונדזער שוץ, ווען דאָס וועט נייטיק זיין.

אָפּגעשוואומען פון קאַנאַדע קיין פוילן בין איך אָבער מיט אַ ביטער געפיל. מיט קיין איינעם פון אונדזערע גוטע פריינד, נישט מיט י. זאַלצבערגן, נישט מיט ש. ליפשיצן, וועלכע זענען שוין דעמאָלט געווען איבערצייגט, אַז יידיש לעבן וועט נישט אויפגעריכט ווערן אין דעם סאָוועטישן ווירקונגס־קרייז, האָב איך זיך נישט געטראָפן. געטראַכט האָט זיך, אַז אַזאַ באַגעגעניש וואָלט אויסגענוצט געוואָרן דורך אונדזערע שונאים אין פוילן.

דער פּראָטעסט פון דער פּוילישער אינטעליגענץ

די ערשטע, וועלכע האָבן סיגנאַליזירט וועגן דעם פאַרראַט פון דער גאָמולקאַ־אָנפירונג לגבי די שטרעבונגען און צוזאָגן פון „פּוילישן אָקטאָבער״, זענען געווען די פאָרשטייערס פון יונגן דור פּוילישע אינטעליגענץ. די אַסיסטענטן פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, קאַראָל מאָדזעלעווסקי און יאַצעק קוראָן — ביידע אין עלטער פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר — האָבן אין 1965 זיך געווענדעט מיט אַן „אָפענעם בריוו״ צו דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון אוניווערסיטעט. דער דאָזיקער בריוו האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ פּראָגראַם־דאָקומענט. ער האָט אויף אַ גרינטלעכן אופן אַנאַליזירט דעם טרויעריקן צושטאַנד צו וועלכן די גאָמולקאַ־אָנפירונג האָט דערפירט פּוילן, האָט אָנגעוויזן אויף דער דעגענעראַציע, אויף דעם ביוראָקראַטישן צענטראַליזם, אויף דער סאָציאַלער פּאָליטיק פון דער מאַכט, וועלכע האָט זיך פולשטענדיק אָפּגעריסן פון אַרבעטנדיקן פאָלק. דער „בריוו״ האָט אָנגעצייכנט דעם וועג צו אַ סאָציאַליסטיש־דעמאָקראַטישער ענדערונג און אַנטוויקלונג.

דער דאָקומענט פון מאָדזעלעווסקי און קוראָן איז געוואָרן קאָלפּאָרטירט אין גאַנצן לאַנד און האָט געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק מיט זיין טיף־גרייכנדיקן רעאַליסטישן אַנאַליז פון דער סיטואַציע, מיט זיין וואָרענען קעגן דעם תהום, צו וועלכן דאָס לאַנד ווערט געפירט און האָט גערופן צו ווידערשטאַנד.

די גאָמולקאַ־אָנפירונג האָט אַפילו נישט געמאַכט קיין פּרוּוו צו „באַווייזן״, אַז די אויטאָרן פון דעם „בריוו״ זענען נישט גערעכט, צו פּאָלעמיזירן מיט זייערע אַרגומענטן. פולשטענדיק לויטן אַלטן סטאַליניסטישן נוסח — מיט אינסינואַציעס, פּראָדוצירטע דורך דעם אָנפירער פון אָפּטייל פאַר וויסנשאַפט פון צ״ק, אַ. ווערבלאַן — האָט „געענטפערט״ די גאָמולקאַ־אָנפירונג. עס האָט אַ פלייץ געטאָן מיט באַשולדיקונגען קעגן די אויטאָרן פון דעם בריוו אין רעוויזיאָניזם און ציוניזם״ *). ביידע זענען באַלד אַרעסטירט און פאַרמישפּט געוואָרן צו יאָרן תפיסה.

די צייטשריפטן „נאָווא קולטוראַ״ און „פשעגלאָנד קולטוראַלני״, אַרום וועלכע עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די גרעסטע שרייבערס פון פּוילן, זענען ליקווידירט געוואָרן. זיי האָבן צו אָפט און צו דרייסט זיך דערלויבט אויף דרוקן פּאָעזיע, פּראָזע, רעפּאָרטאַזשן, עסייען, סאַטירישע שאַפונגען, וועלכע זענען שטאַרק נישט געפעלן געווען דער קאָנסערוואַטיווער, נאַציאָנאַליסטישער אָנפירונג, קודם־כל די

---

*) אין גאַנג איז געלאָזן געוואָרן דער „אַרגומענט״, אַז מאָדזעלעווסקי איז פון יידישן אָפּשטאַם. זיין מוטער שטאַמט פון יידן.

אָנהענגער פון מאָטשאַריש־פּאָליצייִשן „האַלטן פּאַר דער מאָרדע״*). די דאָזיקע צייטשריפטן זענען אָפּט פּאַראורטיילט געוואָרן דורך די סאָוועטישע פּרעסע־אָרגאַנען, וועלכע האָבן יעדן אויסדרוק פון קריטיק באַצייכנט אַלס רעוויזיאָניזם. פּיל־צאָליקע אַרטיקלען אין דער וואָכנשריפט „פּאָליטיקאַ״ זענען קאָנפיסקירט געוואָרן.

אַ דערשיטערנדיקן רושם האָט אין די קרייזן פון דער אינטעליגענץ געמאַכט דער זעלבסטמאָרד (אָדער מאָרד) פון דעם באַקאַנטן זשורנאַליסט (פון יידישן אָפּשטאַם), הענריק האָלאַנד. ער איז באַשולדיקט געוואָרן... אין שפּיאָנאַזש לטובת מערב־דייטשלאַנד, אין דערציילן „סודות פון קרעמל״ (וועגן סטאַלינען און בעריאַ א״א, בעת פאַרשטייערס פון דער „בעזפּיעקע״ האָבן אים געבראַכט צו זיך אַ היים, כדי דורכצופירן אַ רעוויזיע (נאָך דעם ווי זיי האָבן אים 2 מעת־לעת געפּאַרשט), האָט ער זיך אַרויסגעוואָרפן (אָדער מ׳האָט אים אַרויסגעוואָרפן) דורכן פענצטער פון פערטן שטאָק און ער איז געבליבן ליגן אַ טויטער. אין דעם גאַנצן ענין האָט מען געזען אַ מאָטשאַרישע פּראָוואָקאַציע. דער אַנטי־יידישער מאָמענט האָט דאָ געשפּילט אַ קענטיקע ראָל.

מיט אַ צייט שפּעטער איז ביי זיך אין דער היים דערמאָרדעט געוואָרן דער באַוווסטער זשורנאַליסט, רעדאַקטאָר פון דעם וואָכנבלאַט געווידמעט אויסלענדישע פּראָבלעמען „פאָרום״, י. גערהאַרד. אַלס סיים־דעפּוטאַט איז גערהאַרד געווען דער איינציקער, וועלכער האָט געשטימט קעגן דעם, אַז דער אַנטיסעמיט פּיאַסעצקי זאָל „געוויילט״ ווערן אַלס מיטגליד פון מלוכה־ראַט.

י. גערהאַרד האָט אין דער יוגנט געהערט צום בית״ר. קיין פּוילן איז ער צוריקגעקומען פון פראַנקרייך, גלייך נאָך דער מלחמה, בראש פון די דאָרטיקע פּוילישע באַוואָפנטע כוחות.

מאָטשאַר האָט מיט אַלע מעגלעכע מיטלען געווירקט מ׳זאָל אים אָנזען אין דער פּרעסע, און דאָס אויפן סאַמע אויבן אָן. ווען מיר האָבן אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע אויפלאַגע פון דער „פאָלקס־שטימע״ אין דער ענגלישער שפּראַך, געווידמעט דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, האָבן מיר באַקומען פון פּרעסע־ביוראָ פון צ״ק אַן אַרטיקל פון גענעראַל מיעטשיסלאַוו מאָטשאַר מיטן אָנזאָג עס אומבאַדינגט צו דרוקן אויף אַן אָנגעזעען אָרט. אַזוי האָט אויך זיין קאָלעגע, גענעראַל גזשעגאָזש קאָרטשינסקי אָפּגעדרוקט אין דער „פּאָליטיקאַ״ אַ גרויסן אַרטיקל, ווי אַזוי ער האָט באַפרייט און געבראַכט אין וואַלד די יידן פון אַ שטעטל־דיקן געטאָ. ער האָט פאַרשטייט זיך, פאַרשוויגן דערביי דעם ווייטערדיקן גורל פון די זעלבע יידן, ווען זיי האָבן זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון קאָרטשינסקיס פּאַרטיזאַנערס בעת דייטשן האָבן זיי גענומען אָנגרייפן. דער זעלבער „רעטער״ האָט באַפוילן צו שיסן די יידן.

מאָטשאַר האָט געהאַט פאַרלאַנגט, אַז זיינע „זכרונות״ זאָלן אין דער „נאָווא

---

*) דער פאַרוואַלטער פון דער אַדמיניסטראַטיווער אָפּטיילונג פון צ״ק, ק. וויטאַשעווסקי, האָט באַקומען דעם צונאָמען „גענעראַל גאַזורערל״. אין זיינער אַ רעדע האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט דערפאַר, אַז מ׳זאָל מיט דער קריטיקירנדיקער אינטעליגענץ רעדן מיט... אַ גאַזורערל.

קולטורא״ געדרוקט ווערן דווקא אויף דער ערשטער זייט. בעת אַ זיצונג פון דער רעדאַקציע האָט דער שרייבער סטאַניסלאַוו (יהושע) וויגאַדסקי ענערגיש פּראָטעסטירט, אויסרופנדיק: „די פּאָליציי כאַפּט מענטשן פאַרן גאָרגל און איר ווילט געבן דעם פּאָליציאַנט אויף דער ערשטער זייט!״.

די לאַגע אויפן „אידעאָלאָגישן פראָנט״, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט מאָטשאַרס שותף, דער סעקרעטאַר פון צ״ק, רישאַרד סטשעלעצקי, איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג אַלץ שווערער. אין דער צייט, ווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דערשינען סאָלזשעניצינס „איין טאָג אין לעבן פון איוואַן דעניסאָוויטש״ האָט סטשעלעצקי פאַרבאָטן עס אַרויסצוגעבן אַלס בוך אין פּוילן. בלויז אין „פּאָליטיקאַ״ האָט זיך עס געקאָנט דרוקן אין פאָרזעצונגען. דאַקעגן זענען גוט געזען געוואָרן אַרטיקלען מיט אַן אַנטי־יידישן כאַראַקטער. גרויס כבוד האָט זיך פאַרשאַפט ביי די אָנפירנדיקע אָרגאַנען דער שרייבער אַנדזשיי לאָם, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט „ווספּולטשעסנאָשטש״ („הײַנטצײַטיקייט״). ער האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט „קריטיקירט״ די גרויסע פּוילישע פּאָעטן פון יידישן אָפּשטאַם, טוווים און לעשמיאַן, אַז זייער פּוילישקייט איז נישט קיין עכטע. געווען איז עס פולשטענדיק אין גייסט פון די אַרטיקלען פון דיכטער־אַנטיסעמיט גאַיצי, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אין דער צייט פון דער היטלערישער אָקופּאַציע און אויסראָטונג פון די יידן, אַרטיקלען, וואָס האָבן באַשולדיקט פּוילישע פּאָעטן פון יידישן אָפּשטאַם, אַז זיי האָבן פאַרקריפּלט דעם גאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער פּוילישער ליטעראַטור.

די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון שרייבער־פאַראיין האָט מאָביליזירט אירע כוחות צום באַקעמפן די „רעוויזיאָניסטן״. אין פאָדערגרונט זענען אַרויסגעקומען אַזעלכע שרייבערס, ווי וו. סאָקאָרסקי, גאַוואָרסקי, דאָבראָוואָלסקי און אייניקע אַנדערע, וועלכע האָבן אָפּגעשפּילט די טרויעריקסטע ראָל בעת דעם גענעראַלן אָנגריף קעגן די יידן.

צום קעגנאָנגריף זענען אַרויס נישט בלויז די יונגע, די אָנהענגער פון דער קאַמפּס־פּלאַטפאָרם פון יאַצעק קוראָן און קאַראָל מאָדזעלעווסקי, מיט אַ בריוו צום פּרעמיער־מיניסטער יוזעף ציראַנקעוויטש האָבן זיך געווענדעט 34 אָנגעזעענע, באַוווסטע פּוילישע שרייבערס, וועלכע האָבן פּראָטעסטירט קעגן דער פּאָליטיק, וואָס באַדראָט די פּוילישע קולטור. דער „בריוו פון די 34״ האָט אַרויסגערופן אין דער פּאַרטיי־אָנפירונג ממש אַ ווילדע נקמה־גיריקייט לגבי די גרעסטע שעפערס פון דער פּוילישער ליטעראַטור. לויט אַ פאַראָרדענונג פון דער מאַכט האָבן די נעמען פון די 34 שרייבערס נישט געטאָרט מער דערמאָנט ווערן אין דער פּרעסע. זייערע ביכער האָט מען פאַרבאָטן צו דרוקן. די באַרימטע פּוילישע שרייבערין מאַריאַ דאַמבראָווסקאַ, האָט אויף אַ פּלענאַרער זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג פון שרייבער־פאַראיין כאַראַקטעריזירט די פּאָליציי־מעטאָדן אין קאַמף קעגן די שרייבערס אַלס „מכשפה־געיעג״. עס איז אַרעסטירט און פאַרמישפּט געוואָרן אויף 3 יאָר תפיסה דער סאַטיריקער יאַנוש שפּאָטאַנסקי.

נאָך אַ רעוויזיע אין דער היים פון זײַנע קאַרסאָוו, איז זי אַרעסטירט און פאַר־
מישפּט געוואָרן אויף 3 יאָר תּפֿיסה פאַרן אָנשרײַבן צוזאַמען מיטן היסטאָריקער
שמעון שעכטער דאָס בוך „מ׳האָט נישט ליב קיין דענקמעלער".

קעגן דעם אָנוואַקסנדיקן אויפֿברויז צווישן דער פּוילישער אינטעליגענץ,
קודם־כּל צווישן די פּוילישע שרײַבערס, איז אָרגאַניזירט געוואָרן לויט דער
איניציאַטיוו פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון פּוילישן ליטעראַטן־פאַראיין
אַ פּראָטעסט־אַקציע, כּלומרשט קעגן דער אויסלענדישער ראַדיאָ־סטאַציע „פרײַ־
אייראָפּע" פאַר איר אַרײַנמישן זיך און פאַלש אינפאָרמירן וועגן די ענינים פון
דער שרײַבער־סבֿיבֿה, פּאַקטיש אָבער קעגן דעם „בריוו פון די 34" פּוילישע
שרײַבערס און די ווײַטערדיקע בריוו פון שרײַבערס, פּאַרטיי־מיטגלידער. אין
דער טאָג־פּרעסע זענען געדרוקט געוואָרן די נעמען פון 600 מיטגלידער פון
פּוילישן ליטעראַטן־פאַראיין, וועלכע האָבן פּראָטעסטירט קעגן די דרייסטע,
קעגן די, וועלכע ווילן נישט מסכּים זײַן מיט דעם אַלץ גרעסערן פּרעסע־מאָ־
נאָפּאָל פון מיעטשיסלאַוו מאַטשאַר (וועלכן דער שרײַבער־אַנטיסעמיט, דער
אָנגעהעריקער צו „פּאַקס", זשוקראָווסקי*), האָט „געהאָלפן" אָנשרײַבן זײַנע
זכרונות „די קאָלירן פון קאַמף") און גזשעגאָזש קאַרטשינסקי, וועלכער האָט
אויך אָפּגעדרוקט זײַנע זכרונות. צווישן די 600 פּראָטעסטירערס זענען אויך
געווען די נעמען פון די יידישע שרײַבערס — מיטגלידער פון פּוילישן ליטעראַטן־
פאַראיין. אַ טעלעפאָן־אָפּרוף האָט יעדן איינעם דערמאָנט וועגן „דעם חובֿ" זיך
אונטערצושרײַבן אונטער דעם פּראָטעסט קעגן דעם ווידערשטאַנד־קאַמף פון
די גרעסטע פּוילישע שרײַבערס.

---

*) זשוקראָווסקי האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן (געגנוי — אין יוני 1978) אָנגעשריבן
צום פּאַרזיצער פון פּוילישן שרײַבער־פאַראיין, איוואַשקעוויטש, אַזאַ מין בריוול:
„טײַערער יאַראָסלאַוו, איך וווּנדער זיך, וואָס דו מיט דײַן אויטאָריטעט און נאָמען
ביסט מסכּים מיטצואַרבעטן מיט דער נײַער פאַרוואַלטונג פון פאַראיין, וועלכע באַשטייט
פון נישט דערקוילעטע יידן, וועלכע האָבן זיך צונויפגעלעבט מיט זייערע אויסראָטער".

אַרומגערינגלט מיט פּאַרדאַכט און פּראָוואָקאַציע

געווען איז עס נאָך פאַרן „פּוילישן אָקטאָבער". בעתן קומען קיין ביאַליסטאָק, אין צוזאַמענהאַנג מיטן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין דאָרטיקן געטאָ, האָט מען מיך געוואָרנט, אַז דער יידישער קלוב ווערט סיסטעמאַטיש באַזוכט דורך „שמעקערס". צוזאַמען מיט אַן אָרטיקן טוער בין איך געקומען אין אָוונט אין דעם זייער באַשיידענעם קלוב. מיין באַגלייטער האָט מיר אַריינגערוימט אין אויער: „זע דעם טישל פון לינקס. דער ברונעטער שאַכשפּילער — דאָס איז אַ שליח פון קאָנטער־אויסשפּיר". ביי דעם מיטלסטן טישל איז געזעסן אַ שפּיצל פון דער אָרטיקער „בעזפּיעקע". אין אַ זייט, אויף רעכטס, האָט געהאַלטן אַ צייטונג, איבער וועלכער עס האָט אַריבערגעקוקט אַ שומר פון אַן אַנדער אַמט. „איצט איז דיר קלאָר — האָט מיר מיין באַגלייטער געזאָגט שוין אויף דער גאַס — פאַר וואָס יידן מיידן אויס דעם קלוב".

אויף צו מאָרגנס, אין וואַרשע, האָב איך אַן אויפגערעגטער זיך צעשריגן אין דער נאַציאָנאַליטעטן־קאָמיסיע פון צ"ק, אַז ווייטער אַרבעטן אונטער אַ „שמירה" איז נישט מעגלעך. יידן וועלן קיין צוטרוי נישט האָבן צו אונדז. די מענטשן פון דער נאַציאָנאַליטעטן־קאָמיסיע האָבן מיט אָפּגעווענדטע בליקן אויסגעהערט מיינע רייד. זיי האָבן צוגעזאָגט צו דערציילן „ווו מ'דאַרף" וועגן מיינע טענות.

מיט אַ צייט שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער שעף פון דער וורָאצלאַווער „בעזפּיעקע" האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט פאַר אונדזערן אַ טוער: „מיר האָבן אַן אויג' אויף יעדן באַזוכער פון יידישן קלוב, אָבער צוויי מאָל מער חשד רופן ביי אונדז אַרויס יענע, וועלכע קומען נישט אין דעם יידישן קלוב".

ווען כ'האָב וועגן דעם דערציילט מיין „אַלטן חבר", האָט ער מיט פאַר־וווּנדערונג געענטפערט, אַז כ'לעב ווייזט אויס מחוץ דער ווירקלעכקייט. ער האָט מיר אָנגעגעבן אַלס פאַרטרוילעכן ביישפּיל, אַז בלויז אין דער קאַטאָוויצער וואָיעוואָדשאַפט זענען געווען 90.000 געהיים־אַגענטן, אינפאָרמאַטאָרן פון דער „בעזפּיעקע". בעת מאַטשאַרס אָנפירן מיטן אינערן־מיניסטעריום איז די צאָל פילפאַך פאַרגרעסערט געוואָרן.

צו אונדז אין דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פלעגן אָפט קומען די לייט פון „יידישן רעפעראַט" פון דער זיכערהייט־מאַכט. זיי האָבן געהאַט ביי אונדז זייערע אינפאָרמאַטאָרן (וועגן וועלכע מיר האָבן געוווּסט). זיי פלעגן קומען „זיך קאָנסולטירן" וועגן זייערע ענינים. בעת מאַטשאַרס איבערנעמען דעם מיניס־טעריום האָט מען די אַלע פון „יידישן רעפעראַט" אָפּגעזאָגט. זיי זענען געווען

יידן. אויף זייער אָרט זענען געקומען רייִנראַסיקע אַריער מיט וואָלעכנאָווסקין בראש.

נאָך די ענדערונגען אין דער אָנפירונג פון אונדזער פאַרבאַנד (מיין און ב. מאַרקס דעמיסיע, דאָס דערווייטערן ש. הורוויטשן, מ. מירסקין און י. קאַר־מאַנען), האָט דער אָנפירער פון דעם אַדמיניסטראַטיוו־סאָציאַלן דעפּאַרטאַמענט פון אינערן־מיניסטעריום אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט מיטן נייעם צושטאַנד: „פריער האָט איר זיך געהאַלטן פאַר אַ באַזונדערע פּאַרטיי און מיר דאַרפן אויס־פירערס פון אונדזערע דירעקטיוון" — האָט ער געזאָגט. די מיטאַרבעטערס פון דעם דאָזיקן דעפּאַרטאַמענט זענען אַלס כלל בייגעווען אויף אונדזערע פלענאַרע זיצונגען. ס'איז געווען אַ פאַל, ווען צו אונדז איז געקומען אויף אַ באַזוך אַ דעלעגאַציע פון קובאַ. מיר האָבן דעם אָנפירער פון דער דעלעגאַציע, דעם אַלטן יידישן אַרבעטער־טוער, חיים נאָוואָמאָדי (אַן אָפּשטאַמיקער פון פוילן, פון טשעכאַנאָווצע ביי ביעלסק־פּאָדלאַסקי) איינגעלאַדן אויף אונדזערן אַ פלענום. אין אַ צעטעלע צו מיר האָט חיים אָנגעפרעגט: „צי האָט מען נישט צו אייך קיין צוטרוי?". דער אַלטער אַרבעטער־טוער האָט זיך תיכף אָריענטירט נאָך וואָס עס זענען געקומען אויף אונדזער פלענום די אורחים פון אינערן־מיניסטעריום, לעבן וועלכע עס איז געזעסן אַ מיטאַרבעטערין פון אונדזער הויפּט־פאַרוואַלטונג און וואָרט ביי וואָרט זיי איבערגעזעצט די רייד פון די רעפערענטן און דיסקוטאַנטן.

אַ טיפע איבערלעבונג און דערמוטיקונג איז פאַר אונדז געווען די גרויסע צאָל באַגריסונגס־טעלעגראַמעס צום 20־יאָריקן יובילעי פון דער „פאָלקס־שטימע" וואָס מיר האָבן באַקומען פון יידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד — פון פינסק און פון לוואָוו, פון סלוצק און פון מאָליעוו, פון קעשעניעוו און פון טאַשקענט, פון ראָסטאָוו און פון קויבישעוו, פון פיל ערטער אין סיביר און אין אוראַל, שוין אָפּגערעדט פון פילצאָליקע באַגריסונגען פון ווילנע און פון קאָוונע, פון מינסק און פון גראָדנע — דאָרט האָבן מיר געהאַט אונדזערע קאָרעספּאָנדענטן.

אַ סך טעלעגראַמעס זענען געקומען פון אונדזערע געטרייסטע פריינד — די יידישע שרייבערס, קינסטלערס און קולטור־טוערס פון מאָסקווע, לענינגראַד, קיעוו און מינסק.

די דאָזיקע באַגריסונגען האָבן חוץ דער צופרידנקייט מיט אונדזער צייטונג אויסגעדריקט די בענקשאַפט פון די סאָוועטישע יידן נאָך אַן אייגן יידיש וואָרט, נאָך אַן אייגן געזעלשאַפטלעך לעבן.

☆

פון ד"ר משה סנה האָב איך באַקומען אַן איינלאַדונג צו קומען קיין ישראל, כדי זיך באַטייליקן אין דעם 30־יאָריקן יובילעי פון דעם אָרגאַן פון מק"י, „קול העם". איך האָב די איינלאַדונג איבערגעגעבן לייב דאָמבן מיט דער סקעפּטישער באַמערקונג: „עס וועט זיין נאָך אַ געלעגנהייט צו דערוויסן זיך, אַז מ'האָט נישט צו אונדז קיין צוטרוי".

מיט דער איינלאַדונג פון ד"ר משה סנה איז ל. דאָמב אַוועק אין דער אויס־לענדישער אָפּטיילונג פון צ"ק, ווו ער האָט פאַרגעלייגט, אַז איך, אַלס רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקס־שטימע", זאָל פאָרן קיין ישראל באַגריסן די צייטונג „קול העם". איך האָב קיין רגע נישט געצווייפלט, אַז די אויסלענדישע אָפּטיילונג וועט אָפּוואַרפן דעם פאָרשלאַג. דאָס איז דאָך שוין געווען נאָך דער שפּאַלטונג פון מק"י. אויף צוריקוועגס פון מאָסקווע, נאָך אַן אויפנאַמע ביי די דעה־זאָגערס אין ענינים פון אויסלענדישע קאָמוניסטישע פאַרטייען, סוסלאָוו און פּאָנאָמאַריאָוו, זענען קיין וואַרשע געקומען ד"ר משה סנה און שמואל מיקוניס. צום ערשטן מאָל זענען זיי נישט אויפגענומען געוואָרן דורך אַן אָנפירער פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי. געטראָפן האָבן זיי זיך בלויז מיטן פאַרטרעטער פון פאַרוואַלטער פון דער אויסלענדישער אָפּטיילונג, רענקע, מיט דעם זעלבן, וועלכער האָט לייב דאָמבן קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז פּזפּ"ר שטיצט רק"ח און דעריבער וועט סמאָליאַר נישט פאָרן „באַגריסן דעם אָרגאַן פון דער פּאַרטיי מק"י, מיט וועלכער עס ווערן מער נישט אונטערגעהאַלטן קיין קאָנטאַקטן".

און דאָך... בין איך געפאָרן.

בעת־מעשה האָב איך זיך נישט אָריענטירט ווי אַזוי דאָס איז געשען. כ'האָב געמיינט, אַז אפשר האָט עמעצער פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג אַנדערש געפּסקנט. און געוואָלט האָב איך זען אין דעם אַ סימן, אַז דער באַשלוס צו באָיקאָטירן מק"י, איז נישט קיין ענדגילטיקער. ערשט נאָך מיין אומקערן זיך פון ישראל האָט מיין „אַלטער חבר" מיר אויפגעקלערט, ווי אַזוי דאָס אַלץ איז געשען...

מיין באַזוך אין ישראל אין מערץ 1967, האָט אין מיר אַרויסגערופן אַ געוואַל־דיקע אינערלעכע אויפטרייסלונג. די באַגעגעניש מיטן לאַנד, מיט זיינע אַרבעט־מענטשן, מיט פיל פון זיינע פּאָליטישע טוערס, מיט נאָענטע חברים, האָט מיך געצוווּנגען זיך אַליין שטעלן אין דער לאַגע פון אַ באַשולדיקטן. עס האָט זיך באַשיימפּערלעך אַרויסגעוויזן, אַז אַ האַלבן יאָרהונדערט האָב איך אין וואָרט און שריפט באַקעמפט בלויז אַ סכעמע, אַן אַבסטראַקציע, וואָס האָט אין אַנבליק פון דערווירקלעכקייט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פּשוטע אויסטראַכטעניש לשם גאַנץ קאָנקרעטע פּאָליטישע צילן. איך בין געווען אין אַרבעטס־אונטערנעמונגען, געשמועסט לאַנג מיט אָנפירערס פון קיבוצים און זיך דערביי אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, אַז באַנעמען גרינטלעך די פּילצאָליקע דערשיינונגען פון ישראלדיקן סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן וועל איך אַלס טוריסט נישט בכוח זיין. אוודאי האָב איך ממש געשיינט פון גליק, ווען איך האָב פאַרגליכן דאָס סאָציאַליסטישע לעבן אין די קיבוצים מיט אונדזער קיִעווער קאָמסאָמאָלישן קאָמונע־אידעאַל פון אָנהייב צוואַנציקער יאָרן (וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אוטאָפּיע). באַהערשט בין איך געוואָרן פון דעם געדאַנק, אַז אונדזער שטרעבונג פון די יאָרן 1925—1926 אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אויפצוהערן צו זיין אַ שטענדיקע נאַציאָנאַלע מינדערהייט, נאָר דורך אַ טעריטאָריעלער קאָנצענטראַציע דערגרייכן צו יידישער מלוכהשקייט — די דאָזיקע שטרעבונג האָט באַקומען איר פאַרווירקלעכונג אין ארץ־ישראל.

מיין אינערלעכע אויפטרייסלונג האָט זיך נאָך מערער פאַרשטאַרקט נאָך מיינע באַגעגענישן מיטן פוילישן אַמבאַסאַדאָר, יוזעף פוטאַ, אין וועלכן איך האָב דערזען ממש אַ צעווילדעוועטן אַנטיסעמיט. גאַליק, מיט איראָניע, האָט ער גערעדט וועגן דעם דערפאָלג וואָס מיינע רעפעראַטן האָבן ביי פּילצאָליקע צוהערערס, וועגן דער אויפריכטיקער פריינטשאַפט וואָס עס ווייזן מיר אַרויס פאָרשטייערס פון די פאַרשידנסטע פּאָליטישע ריכטונגען (ער האָט שוין געוווּסט וועגן דעם קורצן שמועס, וואָס איך האָב געהאַט אין דער כנסת מיט משה דיינען). איך האָב געמיינט, אַז פאַרקערט — דאָס וועט האָבן אַ באַטייטונג אין פוילן (אַזאַ ווי בעת מיין באַזוך אין אַמעריקע), כדי צו זען, ווי וויכטיק עס איז אונדזער אַרבעט. און דאָ האָב איך זיך צונויפגעטראָפן מיט אַזאַ שינאה לגבי ישראל מצד אַ דיפּלאָמאַט פון פוילן, וואָס איז פאַר מיר געווען אומדערוואַרט.

צו מיינע דעמלטיקע איבערלעבונגען האָט נישט ווייניק מיטגעווירקט דער דיכטער יעקב פרידמאַן, וועמענס לידער האָבן ביי מיין גאַנצן אַטעיִזם געפונען אַ טיפן אָפּקלאַנג אין מיר. צוזאַמען זענען מיר אַרויס שפּאַצירן נאָך אַ באַזוך ביי דער דיכטערין הדסה רובין. יעקב פרידמאַן האָט שטיל גענומען רעדן צו מיר און זיין יעדעס וואָרט האָט געטראָפן אין מיין געמיט־צושטאַנד. „פאָרט נישט צוריק קיין פוילן. בלייבט אין ישראל. דאָ איז דאָ אַזוי פיל צו טאָן. וואָס דערוואַרט איך דאָרט?" אוודאי האָט יאַנקעוויץ (ווי חסידים האָבן אים האַרציק רירנדיק גערופן) נישט געוווּסט, אַז איך האָב קיין מאָל, אַפילו אין די ערגסטע צייטן אין געטאָ, נישט אָנגענומען קיין באַשלוסן וועגן זיך פערזענלעך, אָפּרייסנדיק מיין אייגענעם גורל פון דעם גורל פון דער געזעלשאַפטלעך־יידישער סביבה, אין וועלכער איך האָב געווירקט. געוווּסט האָב איך אויך, אַז נאָך מיין אומקערן זיך קיין פוילן וועל איך נישט קענען דערציילן וועגן דער טיפער ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין מיר *), בלויז ל. דאָמבן האָב איך געזאָגט, אַז אויב איך וועל אַרויספאָרן, איז נאָר קיין ישראל. דאָס זעלבע האָט ער מיר געזאָגט.

בעת מיין לעצטן וויזיט ביי דעם פּוילישן אַמבאַסאַדאָר אין תל־אביב איז מיר אויסגעקומען ווידער אויסצוהערן פון אים רייד, וואָס האָבן נעגירט די באַשיימפּערלעכסטע דערגרייכונגען פון ישראל, די גרויסע בוי־אַרבעט, די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג, דעם וווּקס פון אַרבעטער־קלאַס, די וווּנדערלעכע דערגרייכונגען פון דער לאַנדווירטשאַפט, דעם טיף פּרינציפּיעלן סאָציאַליסטישן באַטייט פון די קיבוצים — דאָס אַלץ איז לויט אים בלאָף, פּראָפּאַגאַנדע, שפּינוועבס. רעאַל איז בלויז די אכזריותדיקע באַציִונג צו די אַראַבער. אַלס ענטפער אויף מיינע רעפּליקעס האָט ער אַרויסגענומען אַ צייטונג אין אַראַביש, צו וועלכער עס איז געווען בייגעלייגט אַ פּוילישער טעקסט.

— דאָס שרייבט עמיל חביבי, דער רעדאַקטאָר פון דער רק"ח־צייטונג אין

*) מען האָט מיר דערציילט וועגן דעם באַזוך אין ישראל פון באַוווּסטן רוסישן סאָוועטישן שרייבער, קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו, וועלכער האָט מיט טרערן אין די אויגן דערקלערט: „אָבער וועגן דעם אַלעמען וועל איך דאָך נישט קענען שרייבן..."

אַראַביש, וועגן אייער אַרויסטרעטונג אויף דעם יובילייִ־אָוונט אין „הבימה", לכבוד „קול העם".

דער לייטמאָטיוו אין עמיל חביביס אַרטיקל איז געווען די באַשולדיקונג, אַז סמאָליאַרן גייט בלויז אָן דאָס פאַרגאָסענע יידישע בלוט, אָבער אים גייט לחלוטין נישט אָן דאָס פאַרגאָסענע אַראַבישע בלוט. געהאַנדלט האָט זיך וועגן אַ פּאַסוס אין מיין רעדע, אין וועלכער איך האָב דערציילט, אַז בעת אַ באַזוך אין איינעם אַ קיבוץ האָב איך אָנגעטראָפן אויף די קערפּערס פון דערמאָרדעטע יונגע יידישע מענטשן און האָב אויסגעדריקט מיין ווייטיק, זאָגנדיק: „צי מוז נאָך אַלץ פאַרגאָסן ווערן יידיש בלוט?"

איך האָב זיך געזעגנט גאַנץ קאַלט מיט דעם אַמבאַסאַדאָר, באַצייכענענדיק עמיל חביביס אַרטיקל אַלס בייזוויליקן און די ציטאַטן — אַרויסגעריסענע פון קאָנטעקסט פון מיין גאַנצער רעדע.

ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען אויף צו מאָרגנס אין דער פרי, אָנקומענדיק אויפן פליפעלד אין לוד, האָב איך דאָרט געטראָפן דעם פּוילישן אַמבאַסאַדאָר מיט אַ גאַנצער גרופּע זיינע מיטאַרבעטערס. איך האָב געמיינט, אַז זיי אַלע זענען געקומען עמעצן באַגעגענען, אָבער גייענדיק צו דעם עראָפּלאַן, וואָס האָט געדאַרפט אָפּפליען קיין אַטען, כדי דאָרט זיך איבערצוזעצן אויף אַ פּוילישן, האָב איך באַמערקט, ווי דער אַמבאַסאַדאָר שטייגט איין אין דעם זעלבן עראָפּלאַן. קיין טענה צו אים האָב איך נישט געהאַט פאַרוואָס מיט אַ טאָג פריער, בעתן געזעגענען זיך, האָט ער מיר נישט געזאָגט, אַז ער פליט אויך קיין וואַרשע. אפשר טאָרן עס דיפּלאָמאַטן נישט טאָן. אָבער אויפן אַערפּאָרט אין אַטען, ווען ער איז צוגעקומען צו מיר און גענומען שמועסן וועגן גאַנץ זייטיקע זאַכן, האָב איך באַקומען דאָס געפיל, אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק. ווער ווייס, צי ער איז נישט מיין „באַגלייטער", כדי אָפּצוהיטן, אַז איך זאָל נישט נעלם ווערן...

מיין חשד האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר באַרעכטיקט. אין וואַרשע האָט מיר מיין „אַלטער חבר" אינפאָרמירט, אַז דאָס אינערן־מיניסטעריום האָט באַקומען אַ מאַטעריאַל וועגן מיין אויפפירונג אין ישראל און אַז מיט מיר וועט אין גיכן זיך פאַרנעמען די צענטראַלע קאָנטראָל־קאָמיסיע. וואָס שייך דעם אַמבאַסאַדאָרס באַגלייטונג איז עס געווען ווירקלעך אין צוזאַמענהאַנג מיטן באַשולדיקונגס־מאַטעריאַל קעגן מיר.

גאָר גיך בין איך אַרויסגערופן געוואָרן צום פאָרזיצער פון דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע, דעם אַלטן קאָמוניסט און אַרבעטער פון אויבער־שלעזיע (וועלכער איז יאָרן לאַנג געווען אויף עמיגראַציע), ראָמאַן נאָוואַק. ער האָט אָנגעהויבן פון אַ כלומרשטער טענה, פאַר וואָס עס קומט אים אויס זיך צו אָפּט פאַרנעמען מיט מיר. אין מיטן שמועס האָט ער זיך אַנטשולדיקט, ער מוז אויף אַ מינוט אַרויסגיין און... האָט אויפן טיש איבערגעלאָזט דעם גאַנצן באַשולדיקונגס־מאַטעריאַל קעגן מיר, מיטן בפירושן מיין, אַז איך זאָל „כאַפּן אַ קוק" ווער און אין וואָס באַשולדיקט מיר.

חוץ דער רק"ח־אָנקלאַגע וועגן נאַציאָנאַליסטישן, אַנטיאַראַבישן אויסקלאַנג

פון מיין רעדע אַלס איינציקן אויסלענדישן באַגריסער פון „קול העם", איז געווען אַ מסירה, אַז אין תל־אביב האָב איך זיך געטראָפן מיטן „פירער פון אַלוועלטלעכן ציוניזם — ד"ר נחום גאָלדמאַן".

איך האָב נאָוואָקן איבערגעגעבן דעם איבערגעזעצטן אויף פויליש פולן טעקסט פון מיין רעדע צוזאַמען מיט דער דערקלערונג, אַז קיין שום באַגעגעניש מיט ד"ר נחום גאָלדמאַן האָב איך נישט געהאַט. אין יענער צייט איז דער פּאָרזיצער פון יידישן וועלט־קאָנגרעס בכלל נישט געווען אין ישראל.

„היינט פאַרשטייסטו שוין — האָט צו מיר געזאָגט מיין „אַלטער חבר" — ווער און צוליב וואָס האָט געווירקט קעגן דער שטעלונג פון דער אויסלענדישער אָפּטיילונג פון צ"ק פּזפּ"ר און באַפוילן צו דערלויבן דיר פאָרן קיין ישראל און באַגריסן דעם אָרגאַן פון מק"י, וועלכער איז צו יענער צייט געלייגט געוואָרן דורך מאָסקווע אין חרם". יאָ, איך האָב פאַרשטאַנען. די רייזע איז פאַרטראַכט געוואָרן, כדי האָבן אַרגומענטן קעגן מיר, וועגן מיין נאַציאָנאַליזם. בפרט, אַז עס איז געווען קעגן מיר אַ פריערדיקער מאַטעריאַל, וועגן וואָס איך האָב זיך דערוווּסט פון דעם פּאָרזיצער פון דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע.

געווען איז עס אַ מאַטעריאַל פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער מזרח־דייטשער „סאָציאַליסטישער איינהייט־פּאַרטיי" (קאָמוניסטן). ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן פלעג איך צוזאַמען מיט יידל קאַרמאַן איינגעלאַדן ווערן קיין מזרח־בערלין דורכן מיטגליד פון דאָרטיקן פּאָליטביוראָ, דעם פאַראַנטוואָרטלעכן פאַרן „אידעאָלאָגישן פראָנט", פּראָפ׳ אַלבערט נאָרדען. געזאָגט האָט מען, אַז ער איז אַן אָפּשטאַמיקער פון אַ רבנים־משפחה. ער האָט געהאַט אַ באַזונדערן סענטימענט פאַר דער פויליש־יידישער סביבה און פלעגט אונדז געבן אַלע מעגלעכקייטן אַ סך צו זען און שמועסן בעתן באַזוכן מזרח־דייטשלאַנד.

געקומען בין איך קיין בערלין לויט פּראָפ׳ נאָרדענס איינלאַדונג אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם 10טן יאָרטאָג פון דער דייטשער דעמאָקראַטישער רעפּובליק. חוץ אויף אַן אויפנאַמע ביים פּרעזידענט וואַלטער אולבריכט בין איך געווען אויף אַ פייערלעכער באַגעגעניש מיט די קאָרעספּאָנדענטן פון דער אויסלענדישער פּרעסע. פּראָפ׳ א. נאָרדען אַלס גאַסטגעבער איז צוגעגאַנגען און געשמועסט קודם־כל מיט די פאָרשטייערס פון די סאָוועטישע און פון אַ ריי מזרח־אייראָפּעישע צייטונגען, דאַן — צו דער גרופּע מערבדיקע קאָרעספּאָנדענטן. אויף אַ באַזונדער וואַרעמען אופן האָט ער זיך באַגריסט מיט מיר און אין אַ מינוט אַרום אַריינגעפאַלן אין צאָרן און זיך הויך צעשריגן...

איך האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט און ביי אים געפרעגט: „ווי קומט עס, וואָס וואַלטער אולבריכט, האָט בעת זיין וויזיט ביי נאַצערן דערקלערט, אַז ישראל איז אַ פּראָדוקט פון אימפּעריאַליזם. הייסט עס, אַז אַלע, וואָס האָבן געשטיצט דעם אויפקום פון דער יידישער מדינה, צוזאַמען מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד, צוזאַמען מיט פּוילן, צוזאַמען מיט אונדז, יידישע לאַנגיאָריקע קאָמוניסטן, זענען די שליחים פון אימפּעריאַליזם..." דאָס האָט א. נאָרדענען אַרויסגעבראַכט פון די כלים. „איר

קאָמענטירט שלעכט" האָט ער געשריגן. באַלד בין איך געוואָרן דער צענטער פון אַלעמענס פאַראינטערעסירונג.

אויף צו מאָרגן גאַנץ פרי זענען צו מיר אין האָטעל געקומען צוויי יונגע מענטשן, אַ פרוי מיט אַ מאַן, וועלכע האָבן זיך פאָרגעשטעלט אַלס אולבריכטס באַגלייטער בעת זיין וויזיט ביי נאַצערן. זיי האָבן מיר פאַרזיכערט, אַז די ציטירטע דורך מיר מיינונג פון וו. אולבריכטן, אַז ישראל איז אַ פּראָדוקט פון אימפּעריאַ־ליזם, איז קיין מאָל דורכן פּרעזידענט פון דער דד"ר נישט געזאָגט געוואָרן...

אויף מיין פראַגע, צי זענען זיי גרייט צו געבן אַן אָפיציעלן דעמענטי פאַר דער פּוילישער פּרעסע, וועלכע האָט די רעדע פון אולבריכטן ברייט ציטירט, האָבן זיי געגעבן אַן אויסמיידנדיקן ענטפער.

דער גאַנצער קאָנפליקט איז געווי באַשריבן געוואָרן אין אַ דאָקומענט פאַר דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע. קיין בערלין בין איך שוין מער קיין מאָל נישט איינגעלאַדן געוואָרן.

דער סוף פון דעם „אפשר״

פון מאָסקווע איז אָנגעקומען אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי אַן איינלאַדונג פאַר לייב דאָמבן און פאַר מיר צו קומען זיך באַטייליקן אין די גרויסע פייערלעכקייטן לכבוד דעם 50טן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אונדז ביידן האָט מען וועגן דעם אָפיציעל נישט געגעבן צו וויסן. די סיבה: די פּוילישע „געהעריקע אָרגאַנען״ האָבן נאָך נישט געענטפערט, צי זענען מיר ראוי צו פאָרן.

די אויסזיכטן צו קומען קיין מאָסקווע, זיך צו טרעפן מיט אַלטע באַקאַנטע, זיך דערוויסן וועגן די מעגלעכקייטן אויפצולעבן און אויסברייטערן דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־לעבן, האָט געשטאַרקט די האָפענונג, אַז אפשר?! אפשר איז דאָך פאַראַן אַ רעאַלע פּערספּעקטיוו פאַר אַ גרינטלעכער ענדערונג אין דער לאַגע פון די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד? אפשר קענען מיר דאָך עפּעס וואָס מיטהעלפן, באַווירקן? געוויסע סימנים זענען געווען און זיי האָבן זיך געלאָזט טייטשן צום גוטן. אַ שטייגער דער אָפּמאַך וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן אונדזער פאַרלאַג „יידיש־בוך״ און דעם פאַרלאַג פון דער גרויסער סאָוועטישער פּרעסע־אַגענץ „נאָוואָסטי״ וועגן צוזאַמען אַרויסגעבן יידישע ביכער. דערביי זענען פון דער סאָוועטישער זייט באַשטימט געוואָרן אַלס רעדאַקטאָרן די באַוווּסטע און אונדז פּערזענלעך נאָענטע יידישע ליטעראַטור־פאָרשערס רבקה רובין און הערש רעמעניק. שוין דאָס ערשטע בוך, מאַשע ראָלניקס „איך מוז דערציילן״, איז דערשינען מיט אַ טיראַזש פון 10 טויזנט עקזעמפּלאַרן — אַזאַ טיראַזש האָט קיין שום יידיש בוך אין יענער צייט נישט דערגרייכט.

דער גרויסער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטיעל״ האָט גענומען אַרויסגעבן אין יידיש און אין רוסיש די ווערק פון די דערמאָרדעטע יידישע שרייבערס און אויך פון די לעבנגעבליבענע.

די גרויסן פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ זענען אויך געווען דערמוטיקנדיקע. די רעדאַקציע האָט איינגעאָרדנט אַ גרויסע יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ מיטן אָנטייל פון 50 פילאָלאָגן. ס׳זענען אויסגעהערט געוואָרן 13 וויסנשאַפטלעכע רעפעראַטן. אַוודאי האָט עס אונדז פאַרשאַפט נחת און רעאַלער געמאַכט די אויסזיכטן אויף דער צוקונפט.

גרויס באַטייטונג האָבן מיר צוגעגעבן דעם פאַקט, וואָס די אידעאָלאָגישע קאָמיסיע פון צ״ק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט פאַראורטיילט דאָס אַנטיסעמיטישע ווערק פון דעם היטלעריסטישן קאָלאַבאָראַנט טראָפים קיטשקאָ. אַזוינס האָט אין דער פאַרגאַנגענהייט נישט געהאַט קיין פּרע־

צעדענט. געטראַכט האָט זיך דערביי וועגן די היימישע אַנטיסעמיטן — אפשר וועלן זיי באַגרענעצט ווערן אין זייער יידן־פרעסעריי!

די האָפענונגען וואָס עס האָט געוועקט די פאָרשטייענדיקע רייזע קיין מאָסקווע זענען איינציטיק באַגלייט געוואָרן מיטן ווײ, וואָס אונדז וועט נישט באַשערט זיין צו באַגעגענען דעם צוריקגעקומענעם פון לאַגער שמואל האלקין, וועלכער איז קורץ נאָך דעם געשטאָרבן. די ווונד, וואָס איז געבליבן זינט מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם מאָרד פון די גרויסע שעפערס פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, האָט זיך אויפסניי אָפּגערופן. פאַרן זכרון זענען אויפגעקומען די לידער פון ביגעם העלערן וועגן די דערמאָרדעטע, וועלכע ס'איז בשעתו אים אויסגעקומען צו „פאַרהאַלטן אין טישקעסטל", ווייל אין יענער צייט האָט מען אָפּגעזאָגט זיי צו דרוקן אין די „יידישע שריפטן".

געווען זענען אויך ספיקות. זיי האָבן מיט אַ באַזונדער שאַרפקייט געגומען ווירקן אין יענע טעג, ווען ד״ר נחום גאָלדמאַן איז צו אונדז געקומען אין צוזאַ־מענהאַנג מיטן אַנטהילן דעם דענקמאָל אין טרעבלינקע.

מיר זענען זיך צונויפגעקומען אויף אַ שמועס מיטן פּרעזידענט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין אַן ענגן קרייז. די טעמע — די לאַגע פון די סאָוועטישע יידן. ד״ר נ. גאָלדמאַן האָט דערציילט, אַז מיט אַ קורצער צייט פאַר זיין קומען קיין פּוילן האָט ער אין וואַשינגטאָן זיך באַגעגנט מיטן סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר, אַנאַטאָלי דאָברינין. ער האָט פאַר אים אויסגעלייגט די טענות וואָס שייך די נישט דערפילטע האָפענונגען אויף אַ צוריק אַנטוויקלונג פון יידישן לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָברינין האָט אין אַ געוויסן מאָמענט זיך אויפגערעגט און האָט ממש אויסגעשריגן: „זאָגט, סוף כל סוף, וואָס פאַרלאַנגט איר?!". ד״ר נ. גאָלדמאַן האָט אים דערויף געענטפערט: „נישט מער און נישט ווייניקער ווי דאָס, וואָס עס האָבן די יידן אין פּוילן".

וואָס מיינע חברים האָבן בעת־מעשה געטראַכט, ווייס איך נישט. אָבער ביי מיר האָט זיך אין יענער רגע פאַרהאַלטן דער אָטעם. דוכט זיך, אַז ד״ר גאָלדמאַנס ענטפער איז געווען פולשטענדיק אין אוניסאָן מיטן אייגענעם כסדרדיקן טראַכטן וועגן דעם באַטייט פון אונדזער אַרבעט פאַר דער צוקונפט פון גרעסטן יידישן יישוב אין אייראָפּע. און דאָך... צי וועט אַ מאָל זיין קאַטעגאָרישער ענטפער נישט אָנהייבן ווירקן קעגן אונדז? צי וועט עס נישט ברענגען צו אַ סאָוועטישער אינ־טערווענץ ביי דער פּוילישער מאַכט, אַז מיר זאָלן אויפהערן זיין דער מאָנער און לעבעדיקער ביישפּיל פאַר די סאָוועטישע יידן. וועלכע שטרעבן צו אַן אַנטוויקלט יידיש קולטור־לעבן?

מיט אַזעלכע האָפענונגען און ספיקות האָב איך זיך גענומען גרייטן צו אונדזער רייזע קיין מאָסקווע אַלס אָפיציעלע געסט. געדאַרפט האָט מען מיטנעמען, לויט דער ביטע פון אונדזערע פריינד, די סאָוועטיש־יידישע שרייבערס, אַ סך ביכער, וואָס זענען דערשינען אין אַמעריקע, אין פּאַריז, אין ישראל און זענען צו זיי נישט דערגאַנגען. געדאַרפט האָט מען אויך מיטנעמען אויסלענדישע רפואות פאַר קראַנקע חברים.

פּערזענלעך בײַ מיר איז קיין ספק נישט געווען, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט אָנקומען די מעלדונג מיר זאָלן פאָרן קיין מאָסקווע. גראָד איז אַזוי געשען, אַז מיין אייגענע כשרות איז באַוויזן געוואָרן פון צוויי זייטן. אין דעם צענטראַלן אָרגאַן פון צ״ק פון דער קאָמפּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, „קאָמוניסט״ (פון מאַי 1964, נומ׳ 8) איז געווען אָפּגעדרוקט אַ גרויס אַרטיקל וועגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון מערב־ווייסרוסלאַנד. אין דעם אַרטיקל פיגורירט מיין נאָמען, צווישן אַנדערע, אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין ווייסרוסלאַנד. (פאַראַן צווישן די אַכט אויסגערעכנטע נעמען נאָך איין ייד — יאַנקל באַנק פון ווילנע, וועלכער איז געפאַלן אין קאַמף אין דער געגנט פון ביאַליסטאָק).

אַ צווייטער סימן איז געווען אַ בריוו פון שטאַטישן סאָוועט אין מינסק, פון וועלכן כ׳בין געוווּיר געוואָרן, אַז עס ווערט באַטראַכט די פראַגע וועגן געבן מיר ערן־בירגערשאַפט פון דער הויפּטשטאָט פון ווייסרוסלאַנד.

צי האָט געקאָנט זיין אַ צווייפל, אַז קיין שטערונגען צו קומען אַלס אָפיציעלער גאַסט קיין מאָסקווע וועלן נישט זיין?

און דאָך זענען מיר נישט געפאָרן. די שטערונג איז געקומען פון דער פּוילישער זייט. הגם כ׳בין נאָך צו יענער צייט געווען אין דער „נאָמענקלאַטור״ פון צענטראַל־קאָמיטעט, אַלס שעף־רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג, וואָס האָט זיך גערעכנט אַלס פּאַרטיי־אָרגאַן, איז דאָך געפאַלן דער באַשלוס, אַז איך זאָל נישט פאָרן קיין מאָסקווע. דאָס האָט מאַטשאַר מיך געלאָזט גריסן...

באַלד זענען אונדזערע קאָנטאַקטן מיט מאָסקווע, און דאָס האָט געהייסן מיט „סאָוועטיש היימלאַנד״, פולשטענדיק איבערגעריסן געוואָרן. עס האָט זיך נאָך איינגעגעבן, אויף אַ פּריוואַטן אופן איינצולאַדן און האַרציק חבריש אויפצונעמען בײַ אונדז די יידישע שרייבערס פון סאָוועטן־פאַרבאַנד שירע גאָרשמאַן, הירש אָשעראָוויטש, הערשל פּאָליאַנקער, מאיר יעלין. מיר האָבן זיך געפרייט צו האָבן צווישן אונדז אסתר מאַרקיש און געהאַט נישט ווייניק... עגמת־נפש פון דעם ייִנגסטן זון פון פּרץ מאַרקיש, דוד, בעת ער איז געווען בײַ אונדז. אין משך פון עטלעכע טעג איז ער פון אונדז פאַרשוווּנדן און מיר האָבן גענומען טראַכטן, אַז אפשר איז דאָ די „בעזפּיעקע״ פאַרמישט (וועגן דודס שטימונגען האָבן מיר געוווּסט). ווירקלעך איז די פּאָליטישע פּאָליציי געקומען צו אונדז, אָבער כדי זיך צו דערוויסן ווו דער גאַסט פון מאָסקווע איז נעלם געוואָרן... מיר האָבן געפּרוּווט פאַרענטפערן: אַ יונגער בחור, האָט ליב דעם ביטערן טראָפּן, איז אַוועק מיט יונגע פּוילישע שרייבערס...

דעם אמת האָט אָבער געוווּסט די ישראל־אַמבאַסאַדע. זי האָט דוד מאַרקישן נישט געקענט העלפן צו פאַרווירקלעכן זיין פּלאַן: פון פּוילן אָנקומען קיין ישראל... אָן אַנטוישטער איז דוד מאַרקיש געקומען צו אונדז מיט דער ווערסיע: פאַרבראַכט מיט יונגע פּוילישע שרייבערס...

נישט איינגעגעבן האָט זיך אונדז צו האָבן אַלס גאַסט די באַליבטע פרוי פון שמואל האַלקינען, מאַרי, וועלכע איז איינגעלאַדן געוואָרן דורך דעם יידישן מלוכה־טעאַטער צו דער פּרעמיערע פון „בר כוכבא״. נישט איינגעגעבן האָט זיך אונדז,

נישט געקוקט אויף גרויסע באַמיִונגען, אַראָפּצוברענגען קיין פּוילן איינעם פון די בויערס פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, דעם באַרימטן אַקטיאָר און רעזשיסאָר, גאָלדבלאַט. אַפּילו די הילף פון פּוילישן קולטור־מיניסטער האָט אין דעם פאַל גאָרנישט אויפגעטאָן. באַשערט איז אונדז געווען מיט יאָרן שפּעטער זיך צו באַגעגענען מיט אים, ווי מיט אַ סך פון די יידישע סאָוועטישע שרייבערס און קינסטלערס — אין מדינת־ישראל.

די נקמה צוליב דעם יידישן נצחון

„ווו איז פֿאַרשוווּנדן די יידישע נערוועזקייט?" — וויפֿל מאָל עס איז אויסגעקומען צו אָבסערווירן, בעת מיין באַזוך אין ישראל, ווי אַזוי דער עולם האָט רויִק רעאַגירט אויף די אָפּטע ידיעות וועגן יידישע קרבנות פֿון אַראַבישן טעראָר, האָט זיך געשטעלט די פֿראַגע: צי האָט אַזוי טיף געווירקט אויף דעם לעבנס־שטייגער און פּסיכיק פֿון די ישראלים דער אויפֿקום פֿון דער אייגענער מדינה? איינס האָט געשטערט צו זען און דערקלערן די אַלגעמיינע רויִקייט פֿון די מענטשן: דער מאַסנהאַפֿטער אופֿן פֿון האַלטן טראַנזיסטאָרן ביי די אויערן, סיי בעתן גיין אין גאַס, סיי בעתן פֿאָרן אין אויטאָבוס, אָפּגערעדט שוין פֿון די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן אין די שטיבער, וועלכע האָבן הויך איבערגעגעבן יעדע שעה די נייעס. אַזוינס האָב איך אין קיין שום לאַנד נישט געזען. דאָס איז אַ טייל בלויז פֿון ישראלדיקן פּייזאַזש און ער פֿרעגט אָפּ די מיינונג וועגן דער רויִקייט פֿון די בירגער.

ווען צו אונדז זענען דערגאַנגען די ערשטע ידיעות וועגן אָנהייב פֿון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, האָבן מיר עס אויפֿגענומען ווי אַן אומגעריכטע מוראדיקע סכנה. אין די ערשטע טעג זענען צו אונדז אין פֿאַרבאַנד געקומען 2 ישראל־דיפּלאָמאַטן (איינער פֿון זיי — מיין אַלטער באַקאַנטער, צבי נצר) — און דאָס וואָס זיי האָבן דערציילט, האָט פֿאַרשטאַרקט דעם אומרו.

אין אָנהויב איז נישט שווער געווען צו גלייבן אין דער „פֿאָלקס־שטימע" ידיעות, אויפֿן סמך פֿון דער פּוילישער פּרעסע־אַגענטור און פֿון אויסלענדישע קוואַלן, וועגן ווירקלעכן גאַנג פֿון דער מלחמה. ווען די נצחונות פֿון דער ישראל־אַרמיי האָבן אָבער גענומען דאָמינירן, איז אויסגעקומען אין דער צייטונג צו אינפֿאָרמירן אויף אַ באַלאַנסירטן אופֿן. אַזוי, למשל, האָבן מיר די נייעס פֿון דער פּוילישער פּרעסע־אַגענטור דורכגעפֿלאָכטן מיט ידיעות פֿון מערב־אַגענטורן. יידישע מענטשן פֿלעגן בעתן קומען אין רעדאַקציע, אָדער ביים באַגעגענען אין גאַס, דריקן די האַנט פֿאַרן ריכטיקן אינפֿאָרמירן. מענטשן האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז צוזאַמען מיטן געבן, די נאָענטע צו אונדזערע הערצער און באַוווּסטזיין אָפּשאַצונגען, למשל פֿון מק"י, האָבן מיר געמוזט אויך געבן אויסצוגן פֿון רק"ח־דאָקומענט. מיר האָבן גערופֿן צו „שלום אָן אַנעקסיעס". אַזוי לאַנג האָט געדויערט אונדזער אייגענער מאַנעווורירן ביז איך בין נישט אַרויסגערופֿן געוואָרן צום ממונה איבער דער פּרעסע אין צענטראַל־קאָמיטעט, סטעפֿאַן אָלשאָווסקי. און ער האָט שוין געהאַט פֿאַר זיך אַ געוויסן, מוסרישן ראַפּאָרט, וועגן דעם אופֿן ווי אַזוי מיר האָבן אינפֿאָרמירט וועגן גאַנג פֿון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. זיין אָנזאָג איז געווען אַ קאַטעגאָרישער און איינדייטיקער: קיין צוויי צענטערן פֿאַר אויסלענדישער פּאָלי־

טיק זענען אין פּוילן נישטאָ און וועלן נישט זיין. דער איינציקער צענטער — דאָס זענען מיר, און נישט איר, אין דער „פּאָלקס־שטימע".

פון דעמאָלט אָן האָבן מיר שוין געגעבן בלויז די איינזייטיקע ידיעות וועגן גאַנג און באַטייט פון היסטאָרישן יידישן נצחון אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, אַזוי ווי דאָס האָט געטאָן די אָפיציעלע פּוילישע נייעס־אַגענטור און די גאַנצע פּוילישע פּרעסע.

ספּעציעל האָט מען איבער אונדז געוואַכט צו זען, אַז מיר זאָלן אָן שום קיר־צונגען און באַצייטנס געבן די אולטראַ־אַנטיסעמיטישע רעדע פון וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ בעת דעם קאָנגרעס פון די פּוילישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, דעם 19טן יוני, 1967.

מיר זענען געזעסן ביי די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און נישט בלויז געהערט — ממש „געזען" דעם שוים אויף די ליפּן און דעם פאַרקרימטן פון צאָרן פּרצוף פון דעם פּאַרטיי־פירער, וועלכער האָט אַלס נקמה פאַר דעם גרויסן יידישן נצחון אַרויס־געטראָגן אַן אורטייל אויף די יידן אין פּוילן — אַלס „פינפטע קאָלאָנע". דאָס פאַרגלייכן די יידן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אין שוץ פון דער שפּאַנישער רעפּובליק, מיט פראַנקאָס אַגענטן (דעמאָלט איז אויפגעקומען דאָס באַצייכענען די פאַרשטעקטע פראַנקיסטן אַלס „פינפטע קאָלאָנע"), האָט טיף באַליידיקט יעדן ייִדן, אויך ערלעכע פּוילישע מענטשן. זייער אויפרעגונג און שטעלונג האָבן אין יענעם מאָמענט אויסגעדריקט די מיטגלידער פון פּאָליטביוראָ עדוואַרד אָכאַב און אַדאַם ראַפּאַצקי. זיי האָבן תיכף, נאָכן ענדיקן זיין פּאָגראָם־רעדע איבערגעגעבן גאָמולקאַן זייער פּראָטעסט און פאָדערונג: נישט דערלאָזן, אַז אין דער פּרעסע זאָל זיך באַווייזן די אולטראַ־אַנטיסעמיטישע באַשולדיקונג קעגן די יידן אַלס פאַרעטערס, אַלס פאַרשטעקטע „פינפטע קאָלאָנע". גאָמולקאַ איז געצוווּנגען געווען דערויף איינצוגיין מיטן אויסרייד, אַז ער האָט זיין „אָפּשאַצונג" נישט פאַר־שטענדיקט פריער מיט די מיטגלידער פון פּאָליטביוראָ...

אַלץ איינס האָבן די „קאָמענטאַרן" צו גאָמולקאָס רעדע אין דער פּרעסע, אין באַזונדערע בראָשורן, געדעכעט מיט ווילדער שינאה צו יידן. גאָמולקאָס פעלשן די געשיכטע פון אויפקום פון דער יידישער מדינה, זיין דערקלערן, אַז די יידישע באַפרייונגס־מלחמה אין 1948 איז געווען אַן אַגרעסיע קעגן די אַראַבער, האָט געגעבן דעם טאָן פאַר אַ מאַסן־פּראָדוקציע פון אַ „ליטעראַטור" פון אַזאַ מין, ווי דאָס „ווערק" פון מאָטשאַר־אַגענט קאַזשימיעזש סידאָר, „די רעוואָלוציע אונטער די פּיראַמידן".

פון וואַנעט האָט געשטאַמט די אַנטפּלעקטע גרענעצלאָזע אַנטיסעמיטישע רציחה בעת גאָמולקאָס אַרויסטרעטן פאַר די דעלעגאַטן פון דער גרעסטער אין צאָל מאַסן־אָרגאַניזאַציע — די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען?

סיבות זענען געווען עטלעכע און קיין איין פּוילישער היסטאָריקער, אָדער פּאָליטיקער, האָט אַפילו אין די צייטן פון ליבעראַליזירונג פון דער מאַכט אין פּוילן, עס נישט אַרויסגעבראַכט אויף אַן ערלעכן אופן.

קודם כל איז דער אויסבראָך פון גאָמולקאַ־אַנטיסעמיטיזם געווען געווענדעט

אַלס ווירקזאַם געווער צום איבערנעמען די איניציאַטיוו פון מאַטשאַר־פּיאַסעצקי־בלאָק, וועלכער האָט זיך געריסן צו דער מאַכט.

מאַטשאַר איז אין יענער צייט באַפּרייט געוואָרן פון זיין אַמט אַלס „בעז־פּיעקע״־מיניסטער און לויט דעם אָנגענומענעם מעטאָד — „אַרויפגעקאָפּעט״ גע־וואָרן אויף אויבן — אַלס סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט, אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון גאָמולקאַן.

צווייטנס האָט דער אָפּקלאַנג פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, די אַלגעמיינע סימפּאַטיע און אָנערקענונג פון די ברייטסטע שיכטן פון פּוילישן פאָלק פאַר דעם העלדישן ישראל־פאָלק און זיינע נצחונות, באַוויזן, — צום ערשטן מאָל אין אַזאַ פאָרנעם — אַז די פּאַרטיי און די רעגירונג געפינען זיך אין איזאָלאַציע, זענען געקומען אין אַ גרונטיקן ווידערשפּראָך מיט דער אַלפאָלקיש פּוילישער אָפּשאַצונג און באַציִונג צו דעם יידישן קאַמף און נצחון.

די סימפּאַטיע און אָנערקענונג פאַר די גרויסע דערגרייכונגען פון דער ישראל־אַרמיי, האָבן געשטאַמט פון דער אַלגעמיינער באַציִונג צו דעם באַפרייונגס־קאַמף פון פעלקער מצד דעם פּוילישן פאָלק, וועלכער איז אין זיין געשיכטע פיל מאָל אויפגעשטאַנען צום באַוואָפנטן קאַמף פאַר זיין אומאָפּהענגיקייט. בפרט, אַז עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן יידן, וועלכע מ׳האָט געהאַט אַלע מאָל באַטראַכט אַלס ווייניק פעיִקע צום מלחמה־קאַמף. און פּלוצלונג — אַזאַ נצחון!

געשטאַמט האָט אויך די אַלפאָלקישע פּוילישע אָנערקענונג פאַר דער ישראל־אַרמיי פון איר אומדירעקטן שלאָגן און טרעפן אין דעם קריגס־אויטאָריטעט פון דער סאָוועטישער אָנפירונג, וועלכע האָט פּראָוואָצירט און געשטויסן עגיפּטן און סיריע צום אָנגרייפן ישראל. די שינאה צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, די פרייד פון זיין מפּלה אויפן נאָענטן מזרח, האָט עס געבוירן די אַלגעמיין־באַוווּסטע פאָלקישע פאָרמולירונג אין פּוילן: „אונדזערע יידעלעך האָבן באַזיגט די סאָוועטישע אַראַבער״.

דריטנס איז געשען אין יענע טעג דער פאַל, ווען דער גאַנצער שטאַב פון דער פּוילישער מיליטערישער אַוויאַציע האָט אין אַ ספּעציעלן דאָקומענט פאַרן גענעראַל־שטאַב אויסגעדריקט פולע אָנערקענונג פאַר דער סטראַטעגיע, טאַקטיק און קאַדרען פון דער ישראל־אַרמיי. דאָס האָט אַרויסגערופן אַן אומרו נישט בלויז ביי גאָמולקאַן, ביי דער פּוילישער מיליטערישער אָנפירונג, נאָר קודם־כל ביי דער אָנפירונג פון וואַרשעווער פאַקט, פון דער פאַראייניקטער קאָמאַנדשאַפט פון די אַרמייען פון דעם פאַקט. דאָרט איז אויפגעקומען די אַלגעמיינע וואָרענונג, אַז די פּוילישע אַרמיי איז נישט קיין זיכערע. עס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ גרינט־לעכע רייניקונג צווישן די העכערע אָפיצירן, פולשטענדיק לויטן נוסח־מאָסקווע.

די אויסגערעכנטע פאַקטן און סיטואַציעס האָבן עס אין אַ גרויסער מאָס מיטגעווירקט צו דער אַנטיסעמיטישער צערייצטקייט פון גאָמולקאַן און זיינע לייט. די רעאַקציע מצד די קענגערס פון דער דאָזיקער ראַסיסטישער דעגענעראַציע, איז גיך געקומען.

אויף דעם נאָענטסטן פּלענום פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פּזפּ״ר זענען געווען שאַרפע אַרויסטרעטונגען, אַפילו מצד אייניקע קאָנסערוואַטיווע טוערס (ווי למשל די

געוועזענע מיניסטאָרן יוליאַן טאָקאַרסקי און באָלעסלאַוו רומינסקי) קעגן דער אָנגעגליטער יידן־שינאה. דאָס האָט אָבער אין דער מינדסטער מאָס נישט געווירקט, כדי אָפּצוהאַלטן דעם אַנטי־יידישן אָנגריף פון דער גאָמולקאַ־אָנפירונג. די טעראָר־אָרגאַנען האָבן פאַרשטאַרקט זייער ווילדן געיעג נאָך „ציוניסטן" און „רעוויזיאָ־ניסטן". דער בלויזער חשד אין סימפּאַטיע צום קעמפנדיקן ישראל, האָט געבראַכט צו אַ סך מענטשלעכע טראַגעדיעס. געווען זענען פאַלן, ווען מענטשן זענען זיך צונויפגעקומען אויף אַ פאַמיליע־שימחה און דאָרט זענען געווען יידן — איז עס געבוג געווען צו באַשולדיקן, אַז דאָס איז געווען אַ שימחה צוליבן נצחון פון דער ישראל־אַרמיי. אין גאַנץ וואַרשע האָט מען געוווסט, אַז די אָנפירערס פון דער רעדאַקציע פון דעם סאַמע פאַרשפרייטסטן וואָכנבלאַט, „קאָביעטאַ" („די פרוי"), זענען דערוויטערט געוואָרן פון דער אַרבעט און אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פאַרטיי דערפאַר, ווייל... זיי האָבן זיך משמח געווען לכבוד דעם געבוירן־טאָג פון אַ מיטאַרבעטערין. די „בעזפּיעקע" און די קאָנטראָל־קאָמיסיע האָבן אָבער גע־האַלטן, אַז דער יום־טובדיקער צונויפקום איז געווען לכבוד דעם ישראל־נצחון, מאַסקירט דורך אַ כלומרשטן געבוירן־טאָג. ענלעכע פאַלן האָבן געהאַט אַן אָרט אויך אין אַנדערע שטעט און האָבן ביים ברייטערן עולם אַרויסגערופן סיי חוזק פון די איבערגעשראָקענע טעראָר־אָרגאַנען און סיי פאַרזיכטיקייט, כדי נישט אַריינצושפּילן אין זייערע הענט.

אויף אַ שענדלעכן, כוליגאַנישן אופן האָבן די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען איינ־געאָרדנט די „געזעגענונג" מיט די מיטגלידער פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין וואַרשע. נאָכן איבעררייסן די דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיט דער יידישער מדינה זענען אָפּגעקליבן און געשיקט געוואָרן צום פליפעלד „בעזפּיעקע"־לייט, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין ספּעציעל „אַרישן" אויסזען, בראש מיט אַ פּולקאָווניק — אַ פּאָליאַק, לעאָנאַרד לעוואַנדאָווסקי, וואָס האָט לויט זיינע פּנים־שטריכן גע־קאָנט אָנגיין אַלס ייד. די כוליגאַניש־אַנטיסעמיטישע חברותא האָט אויסגעשריגן באַליידיקנדיקע ווערטער און געשפּיגן אין דער זייט פון די ישראל־דיפּלאָמאַטן. געזאָלט האָט עס הייסן, אַז דאָס האָבן כלומרשט יידן דעמאָנסטרירט אויף אַזאַ אופן זייער שינאה לגבי ישראל.

לויט אַ דירעקטיוו פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פּזפּ"ר האָבן אַלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, אַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און קולטור־געזעלשאַפטן, קודם־כל זייערע אָנפירנדיקע אינסטאַנצן, געדאַרפט אָננעמען רעזאָלוציעס, געשטיצטע אויף גאָמולקאַס אַנטי־יידישער רעדע אויף דעם צוזאַמענפאָר פון די פּראָפעסיאָ־נעלע פאַראיינען, וואָס פאַראורטיילן די „אַגרעסיע פון ישראל", דעם ציוניזם, אַלס אינסטרומענט פון אימפּעריאַליזם.

די פּוילישע פּרעסע איז פול געווען מיט אַרטיקלען און מיט רעזאָלוציעס, וועלכע האָבן קוים באַוויזן צו מאַסקירן זייער אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער.

ווי אין אַלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס איז אויף אַ ספּעציעלער פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער פון פּזפּ"ר — מיטאַרבעטערס פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג און פון דער וואַרשעווער פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, געשטעלט

געוואָרן די פראַגע וועגן אָננעמען אַן ענלעכע רעזאָלוציע, וואָס פאַראורטיילט „די אַגרעסיע פון ישראל קעגן די אַראַבישע לענדער".

צו דער פאַרזאַמלונג זענען געקומען פאָרשטייערס פון מיטלשטאָטישן פאַרטיי־קאָמיטעט פון וואַרשע, וועלכע האָבן רעפערירט דעם טעקסט פון אַזאַ רעזאָלוציע.

בעתן אָפּשטימען די רעזאָלוציע האָט זיך נישט אויפגעהויבן קיין איין האַנט פאַר אָננעמען זי. אין דער פּראַקטיק פון דעם מיטלשטאָטישן ראַיאָן־קאָמיטעט פון וואַרשע איז עס געווען דער איינציקער פאַל. וועגן דעם האָט מען תיכף געוווסט „אין די העכערע אינסטאַנצן".

פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פּזפּ"ר, סיי פון דער אַדמיניסטראַטיווער אָפּטיילונג און סיי פון דעם פּרעסע־ביוראָ, האָט מען זיך געווענדעט צו אונדז מיט דער טענה: „פאַר וואָס שוויגט איר?!". מיר האָבן אויף אַ זיצונג פון פּרעזידיום פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג באַשטעטיקט אַ טעקסט פון אַ רעזאָלוציע, וואָס איז פאַרגעלייגט געוואָרן דורך ד. ספּאַרד. פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי איז געקומען דער ענטפער, אַז אַזאַ רעזאָלוציע איז נישט אָננעמבאַר. דעם זעלבן גורל האָט געהאַט אַ צווייטער וואַריאַנט פון אַ רעזאָלוציע, וועלכער איז אויך אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך די אָנפירנדיקע פאַרטיי־אָרגאַנען. מיר האָבן גערופן אַ ברייטערע באַראַטונג, כדי צו אינפאָרמירן וועגן דעם דרוק וואָס ווערט אויף אונדז געמאַכט. מענטשן זענען געזעסן מיט פאַרשטשעמטע מיילער. מיט אונדז צוזאַמען זענען דאָך געווען די לייט, וועלכע האָבן תיכף אינפאָרמירט „ווו מ'דאַרף".

צום ברעכן אונדזער עקשנות האָבן זיך גענומען דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי צוזאַמען מיט דער אָנפירונג פון אינערן־מיניסטעריום. זיי האָבן קודם־כל אָנגעווענדעט די טאַקטיק פון אַרומרינגלען און איזאָלירן אונדז פון די אייגענע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס. פון שטעט און שטעטלעך האָבן מיר באַקומען ידיעות, אַז פאָרשטייערס פון די לאָקאַלע פאַרוואַלטונגען פון אונדזער פאַרבאַנד זענען אַרויסגערופן געוואָרן אין די פאַרטיי־קאָמיטעטן, דאָרט האָט מען זיי געדראָט אויסצושליסן פון דער פאַרטיי פאַרן נישט וועלן פאַראורטיילן די „ציוניסטישע אַגרעסיע". גלייכצייטיק האָט מען אונדזערע אָרטיקע טוערס „איינגעלאַדן" אין דער פּאָליטישער פּאָליציי, וועלכע האָט מיט אַלע מעגלעכע מיטלען געדריקט אויף זיי, אַז זיי זאָלן נישט הערן די נאַציאָנאַליסטן פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג און אַליין באַשליסן צו פּראָטעסטירן קעגן די ישראלדיקע אַגרעסאָרן.

מיר האָבן אָנגעהויבן צו באַקומען ממש טראַגישע בריוו פון אָרטיקע פאַר־באַנד־טוערס. איינער אַזאַ בריוו, פון אַ גרעסערער אָפּטיילונג פון אונדזער פאַר־באַנד, האָט געבעטן ביי אונדז רחמים: „מאַכט אונדז נישט אומגליקלעך. נעמט אָן אַ רעזאָלוציע, אַז נישט, וועט קומען צו אונדז אַלעמען אַ סוף".

מ'האָט גענומען שיקן, דירעקט אויפן אַדרעס פון דער „פאָלקס־שטימע", רעזאָלוציעס פון אונדזערע לאָקאַלע פאַרבאַנד־פאַרוואַלטונגען, פולשטענדיק לויט דעם אַלגעמיין־אָנגענומענעם נוסח פון די פּוילישע אָרגאַניזאַציעס. דער פּרעסע־ביוראָ פון צ"ק האָט זיך כסדר אינפאָרמירט, צי מיר דרוקן די דאָזיקע רעזאָלוציעס. אָפּן איז קעגן אונדז אַרויס דער אָרגאַן פון וואַרשעווער פאַרטיי־קאָמיטעט „טרי־

בונאַ מאַזאָוויעצקאַ״. גראַד דער סעקרעטאַר פון וואַרשעווער פּאַרטיי־קאָמיטעט, קאָטשאָלעק, האָט געפּרוווט רעדן צו די יידן אויף אַ מילדערן אופן. „מיר פאַרשטייען — האָט ער געזאָגט אין זיינער אַ רעדע — די איבערלעבונגען פון די יידישע חברים און זייער באַציִונג צו ישראל, אָבער...״ קאָטשאָלעק איז גיך אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער אַרבעט. אויף זיין אָרט איז געקומען דער כוליגאַנישער אַנטיסעמיט, מיט דער מענטאַליטעט פון אַן עס־עס־מאַן, יוזעף קעמפּאַ. דעמאָלט איז די „טריבונאַ מאַזאָוויעצקאַ״ אַרויס מיט אַן אַרטיקל, געווענדעט קעגן אונדזער פאַרבאַנד, א״נ „ווער זענט איר״. אין דעם העץ־אַרטיקל ווערט צוו״אַנד געשריבן: „מיר ווילן וויסן מיט וועמען מיר ווינען אונטער איין דאַך... וועמען דינט דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד פון די יידן?״ און מיט דריי טעג שפּעטער איז געקומען פון די פאַרסמטע שפּאַלטן פון דעם זעלבן פּאַרטיי־אָרגאַן די דירעקטע דראָונג קעגן אונדז: „ווי לאַנג דאַרפן מיר וואַרטן אויף זייער דעקלאַראַציע!״ נאָך דעם איז דער צענטראַלער פּאַרטיי־אָרגאַן, „טריבונאַ לודו״ (פון 1טן אַפּריל 1968) אַרויס מיט דעם כיטרע־יעזויִטישן אַרטיקל פון הענריק שאַניאַווסקי, אין וועלכן ער שרייבט: „כ׳קאָן אין קיין פאַל נישט פאַרשטיין דאָס שווייגן אין פיל פראַגן מצד דער הויפּט־פאַרוואַלטונג און וואַרשעווער אָפּטיילונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן״.

אין יענע טעג איז פאַר אונדז געווען אַ דערמוטיקונג די שטעלונג פון פוילישע קינסטלערס, וועלכע האָבן אויסגעדריקט זייער סאָלידאַריטעט מיט יידן דורך ווערן מיטגלידער פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, דורך מיטאַרבעטן מיט אים, אָדער מיט זייער קינסטלערישן שאַפן באַוויזן זייער סימפּאַטיע פאַר די פאַרפאָלגטע פוילישע יידן.

בולט האָבן עס דעמאָנסטרירט דער באַוווסטער דיכטער יעזשי פיצאָווסקי, דער קראָקעווער שרייבער אַדאַם וולאָדעק, די באַוווסטע קינסטלערס — די ברידער זשדיסלאַוו און מאַטשיי לאַכור, דער יונגער קינסטלער יעזשי דודאַ־גראַטש, דער באַוווסטער מאָלער ש. קאָבילינסקי, וועלכער האָט מיט גרויס טאַלאַנט געצייכנט אַ סעריע יידישע געשטאַלטן פון די פאַרשווונדענע שטעטלעך. דער באַקאַנטער סאַטיריקער פון טעאַטער „פּאָד עגידאָן״ קאָפּטאַ האָט זיין נאָמען — יאַן, אָפּיציעל, דעמאָנסטראַטיוו געענדערט אויף דעם יידישן נאָמען, וועלכן אַנטיסעמיטן פלעגן אַרויסרעדן מיט חוזק: יונה („יוינע — אידזש נאַ וואָינע״, יונה — גיי אויף דער מלחמה). ביז היינט פיגורירט ער בלויז מיטן יידישן נאָמען — „יאָנאַס״.

נישט דער דרוק וואָס איז אויף אונדז געמאַכט געוואָרן דורך דעם טעראָר־מיניסטעריום, וועלכער האָט אַלץ געטאָן כדי אַנטקעגנצושטעלן אונדז די אָרטיקע טוערס פון אונדזער פאַרבאַנד; נישט די אַלץ אָפטערע פּראָוואָקאַטאָרישע העץ־אַרטיקלען אין דער פוילישער פּרעסע, וועלכע זענען געווען געווענדעט קעגן אונדזער הויפּט־פאַרוואַלטונג, האָבן געווירקט אויף אונדז נאָכצוגעבן די פאָדערונגען פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון פּזפּ״ר און פאַראורטיילן ישראל אַלס אַגרעסאָר. געצוווּנגען דערצו האָט די דירעקטע געפאַר פון פאַרגיסן יידישן בלוט דורך אַן אָרגאַניזירטן פּאָגראָם.

ווי לייב דאָמב האָט מיר איבערגעגעבן, האָט אים אַרויסגערופן אויף אַ בייגאַכטיקער פּריוואַטער טרעפונג, דער מיטגליד פון פּאָליטביוראָ און אויסערן־מיניסטער, אונדזער גוטער פריינד, אַדאַם ראַפּאַצקי. ער האָט געוואָרנט, אַז מאָטשאַר גרייט אַן אויסבראָך פון „צאָרן פון פאָלק" קעגן „די פאַרבינדעטע פון ציוניזם" — די אָנפירערס פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, וועלכע האָבן זיך נישט סאָלידאַריזירט מיטן „גאַנצן פאָלק" ביים פאַראורטיילן די „ישראלדיקע אַגרעסאָרן". אַן אָנפאַל אויף נאָוואָגראָדזקי־גאַס נומ' 5 (אויף דער געביידע, ווו עס האָבן זיך געפונען אַלע יידישע אינסטיטוציעס) קען קומען יעדן טאָג, אָפּוועגנדן די געפאַר איז מעגלעך דורך אַ דערקלערונג לויטן אַלגעמיינעם נוסח.

פאַר מיינע אויגן האָב איך געזען די בעזפּיעקע־לייט אין אַרבעטער־מלבושים, וועלכע האָבן געהאַט געטשאַטעוועט ביי דער טיר פון פאַרזאַמלונג־זאַל פון די מיטגלידער פון פוילישן ליטעראַטן־פאַראיין, בעת איך בין פאַרטאָג פון דאָרט אַוועק. די דאָזיקע לייט זענען אויף אַלץ פּעיִק געווען, וואַרטנדיק אויף אַ באַפעל זיך אָפּצורעכענען מיט די גרעסטע פוילישע שרייבערס, וועלכע האָבן מיט אַ גרויסער מערהייט שטימען פאַראורטיילט דעם אַנטיסעמיטיזם, די רעאַקציאָנערע גאָמולקאַ־פּאָליטיק, וואָס איז געווען געווענדעט קעגן דער פוילישער נאַציאָנאַלער קולטור.

געזען האָב איך פאַר מיינע אויגן די איבערגעטאָענע מאָטשאַר־באַנדיטן, וועלכע האָבן אין טאָג פון 8טן מערץ 1968 זיך אַריינגעריסן אויף דעם הויף פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט און געשלאָגן אומברחמנותדיק סטודענטן און פּראָ־פעסאָרן.

געזען האָב איך פאַר מיינע אויגן די לייט אין מיליציע־מונדירן, וועלכע האָבן מיט העכער צוויי צענדליק יאָר פאַר דעם געהאָלפן מאָרדן די קעלצער יידן.

איך האָב דעמאָלט מסכים געווען אויף לייב דאָמבס פאָרשלאָג אָנצושרייבן דעם טעקסט פון אַ דעקלאַראַציע לויט אַלע כללים פון אָנגענומענעם נוסח. מיין קאָנטע איז אָבער אין צענטראַל־קאָמיטעט געווען אַ שטאַרק דיסקרעדיטירטע. מיינע ביידע זין און מיין שנור זענען געזעסן אין דער מאָקאָטאָווער תפיסה. האָט דאָס פּרעזידיום באַשלאָסן: איבערגעבן צו רעדאַגירן און „אויסבעסערן" דעם פאַר־געלייגטן דורך מיר טעקסט די פּרעזידיום־מיטגלידער, שמואל טענענבלאַט און ישראל פעלהענדלער.

מיט אַ צעבראָכענעם געמיט האָבן מיר אויסגעמיטן צו קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן. גערעדט האָט מען צווישן זיך וועגן פּראַקטישע ענינים, וועגן אַרבעטס־פּראָגן, נישט אָנדייטנדיק מיט קיין וואָרט וועגן די געפאַרן, וואָס האָבן געלויערט אויף אונדז.

מיט אַ טרייסטוואָרט איז געקומען צו מיר מיין „אַלטער חבר" פון דער פּוי־לישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. און געזאָגט האָט ער: „סוף כל סוף האָט אייער ווידערשטאַנד געדויערט לענגער ווי דער ווידערשטאַנד פון דער גאַנצער פּוילישער אַרמיי אין סעפּטעמבער 1939, ווי דער ווידערשטאַנד פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין דער באַלאַגערטער וואַרשע".

געווען איז אָבער אַווירקלעכע טרייסט אין דעם, וואָס קיין טראָפּן יידיש בלוט איז אין יענער געפערלעכער סיטואַציע נישט פאַרגאָסן געוואָרן.

וועגן „קאָמאַנדאָסן“ און „הון־ווײ־בינען“

געוויינטלעך, ווען מיר פלעגן זיך נעמען גרייטן צו אַן אָרדנטלעכן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, זענען די זיצונגען פון אונדזער פרעזידיום און נאָך דעם די פלענומס פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג געווען געווידמעט די עיקרדיקע אַרבעטס־פראַגן, וואָס זענען אויפגעקומען במשך די פאַרגאַנגענע יאָרן. באַצייטנס זענען צוגעגרייט געוואָרן רעפעראַטן, טעזן, פראָיעקטן פון רעזאָלוציעס, פלענער פון באַזונדערע אָרטיקע אָפּטיילונגען פון פאַרבאַנד. מיט דעם אַלעמען איז מען, אַלס כלל, געקומען צו דער נאַציאָנאַליטעטן־קאָמיסיע פון צ״ק, וועלכע האָט צײַטנווייז געגעבן אירע אויסבעסערונגען און רעקאָמענדאַציעס.

לחלוטין אַנדערש האָט עס אויסגעזען בעת מיר האָבן געדאַרפט, אין הסכם מיטן סטאַטוט, צוגרייטן דעם 6טן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון אונדזער פאַרבאַנד. קיין שום דיסקוסיעס האָבן מיר נישט געפירט. דעם סעקרעטאַר איז איבערגעגעבן געוואָרן ער זאָל אָנשרייבן דעם באַריכט אין וועלכן, ווי מיר האָבן פאָרויס געוווּסט, עס וועט אַפילו קיין אָנצוהערעניש נישט זיין וועגן די פראַגן, וואָס האָבן אַלץ שאַרפער זיך געשטעלט פאַר די יידן אין פוילן. די אויסערלעכע רויִקייט בעתן באַשליסן וועגן טערמין און טאָג־אָרדענונג פון צוזאַמענפאָר האָט לחלוטין נישט אַנטשפּראָכן דעםווירקלעכן געמיט־צושטאַנד פון אַ סך צווישן אונדז. די אַנוואַקסנדיקע געשעענישן אין לאַנד האָבן מיר מיט גרויס אומרו אָפּגעפילט, שטעלנדיק פאַר זיך די פראַגע: וואָס פאַראַ גורל דערוואַרט אונדז אין אָנבליק פון דעם אַלץ־שטייגנדיקן, עזותדיקן אָנגריף פון דער נאַציאָנאַליסטישער מאָטשאַר־פּיאַסעצקי־כנופיה. געטראַכט האָט זיך בעת־מעשה, אַז אפשר וועט דער לאַנד־צוזאַמענפאָר באַווירקן אונדזער סביבה זיך נישט אונטערצוגעבן קיין פּאַניק, זיך ענגער באַהעפטן אַרום די יידישע אינסטיטוציעס און אויף צו להכעיס די שונאים — פאַרמערן אונדזערע דערגרייכונגען. פון די אָרטיקע פאַרבאַנד־אָפּטיילונגען זענען די באַריכטן געווען וועגן אַלץ מער יידן, אַפילו ביז מיט אַ צייט ווייטע פון אונדזער סביבה, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו קומען אין אונדזערע קלובן, באַזוכן די לעקציעס און רעפעראַטן. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי מ׳וואָלט זיך גענומען טוליען איינער צום צווייטן, ווי געוויינטלעך ביי יידן, ווען מ׳דערפילט אַן עת־צרה.

ענערגישער ווי שטענדיק האָבן געאַרבעט די הילפס־קאָמיסיעס, ביי דער פולער פאַרשטענדעניש מצד די „דזשאָינט“־אָנפירער, דעם דירעקטאָר דזשאָרדאַן און זיין באַפולמעכטיקטן פאַר פוילן, ד״ר עקיבא כהנא, וועלכע האָבן פון נאָענט

דערקענט די כסדרדיקע פֿאַרערגערונג פֿון דער עקאָנאָמישער לאַגע אין פּוילן און איר אויסווירקונג אויף דער יידישער באַפעלקערונג.

אונדזער הילף ביים באַזאָרגן מיט אַרבעט האָט ענגער פֿאַרבונדן דעם קול־טור־געזעלשאַפטלעכן פֿאַרבאַנד מיט די טאָג־טעגלעכע דאגות פֿון טויזנטער יידישע משפּחות.

ביי דעם אַלעמען האָבן מיר גראָד דעמאָלט דערלעבט אַ שפּאָר ביסל נחת. אַלץ אָנזעעוודיקער זענען געוואָרן די רעזולטאַטן פֿון אונדזער דערציִונגס־אַרבעט צווישן דער יידישער יוגנט. דער וואַרשעווער יידישער יוגנט־קלוב „באַבעל", אָנגעפֿירט דורך ע. לעדערמאַן, האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ לאַבאָראַטאָריע פֿון אַלץ נייע אויפֿטועון און אַרבעטס־פֿאָרמען. פֿון דאָרט האָט געשטאַמט די איניציאַ־טיוו זיך צונויפֿקומען אין קראָקע און דורכפֿירן בלויז מיט די אייגענע יוגנט־כוחות אַ סימפּאָזיום וועגן פּראָבלעמען פֿון דער יידישער געשיכטע. אייגער פֿון די רעפֿערענטן, מיט אַן אָריגינעלער היסטאָרישער קאָנצעפּציע, איז געווען דער יונגער סטודענט פֿון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, הענריק שלייפֿער, וועמענס נאָמען האָט מיט 2 יאָר שפּעטער געדינט דער אַנטיסעמיטישער רעאַקציע אַלס „אַרגומענט" אין זייער ראַסיסטישער העצע.

נאָך דעם דאָזיקן סימפּאָזיום זענען אַלע זיינע אָנטיילנעמערס אַוועק קיין אָשוויִענטשים. ביי דעם גרויסן דענקמאָל, ביי זיינע אויפֿשריפֿטן אין יידיש און העברעיִש, האָט זיך דערהערט די שטימע פֿון די יונגע יידן, וועלכע האָבן זיך דערקלערט אַלס אונדזערע יורשים. זיי האָבן דאָרט אויסגערופֿן: „גלויבט נישט ווען מ'זאָגט אייך, אַז פּוילן איז יודענריין!" געווען איז עס דער ענטפֿער יענע, וועלכע האָבן אַלץ געטאָן, כדי צו פֿאַרמיאוסן דאָס לעבן פֿון די יידן, באַליידיקן אונדזערע נאַציאָנאַלע און בירגער־געפֿילן און אָפּנעמען די דעראָבערטע, אין אַלע פֿרייהייטס־קאַמפֿן, רעכט. און הגם מיט צוויי יאָר שפּעטער איז פּוילן ווירקלעך געוואָרן „יודענריין", האָט אָבער דער בעסטער, דער ווערדיקסטער טייל פֿון דער יידישער יוגנט באַוויזן אַקטיוו זיך צו באַטייליקן אין דעם אָנוואַקסנדיקן קאַמף קעגן דער אָנגרייפֿנדיקער אַנטיסעמיטישער רעאַקציע.

אַלץ שטאַרקער און אָפּטער האָט אין יענער צייט גענומען ווירקן אין פּוילן די אַזוי גערופֿענע „פּליסטער־פּראָפּאַגאַנדע". זי האָט דער עיקר געשטאַמט פֿון דער מאָטשאַרישער סביבה און פֿון אירע פֿאַרבינדעטע פֿון פּיאַסעצקיס „פּאַקס". די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע „פֿון מויל צום אויער" האָט געוווּסט צו דערציילן, אַז עס גרייט זיך אַ „פּאַלאַץ־איבערקערעניש", כדי צו פֿאַרבייטן דעם שוואַכן, וואַק־לענדיקן גאָמולקאַ און זיינע וויכלייביקע העלפֿערס — דעם ממונה איבערן „אידעאָלאָגישן פֿראָנט" זענאָן קלישקאָ און קודם־כל דעם ייד אַרטור סטאַרעוויטש („דעמאַסקירנדיק" דערביי זיין יידישן פֿאַמיליע־נאָמען — שטערן). אויף זייער אָרט וועלן קומען שטאַרקע, נאַציאָנאַל אַנטשלאָסענע טוערס. געוווּסט האָט מען אויך, אַז דער סעקרעטאַר פֿון צ"ק רישאַרד סטשעלעצקי, האָט נאָכן „מאַכן אָרדענונג" אויפֿן אידעאָלאָגישן פֿראָנט, איבערגענומען די וויכטיקסטע מאַכט־פּאָזיציעס — די קאַדרען־פּאָליטיק פֿון צענטראַל־קאָמיטעט. אַלס ערשטע סעק־

רעטאַרן פון וואָיעוואָדישע פאַרטיי־קאָמיטעטן, האָט ער גענומען באַשטימען דעק־לאַרירטע מאָטשאַרלייט. אין דעם האָט מען געזען אַ באַשטעטיקונג, אַז עס ווערן געגרייט קאַדרען און פּאָזיציעס פאַר דער פאָרשטייענדיקער מאַכט־ענדערונג. איינער פון די דאָזיקע מאָטשאַר־קרעאַטורן איז געווען דער ערשטער סעקרעטאַר פון וראָצלאַוו, וולאַדיסלאַוו פילאַטאָווסקי, וועלכער האָט זיך גענומען ליקווידירן די אינסטיטוציעס פון דעם גרעסטן אין פוילן יידישן יִשוב.*)

צוזאַמען מיט סטעפאַן אָלשאָווסקין, וועלכער האָט צו יענער צייט אָנגעפירט מיטן אָפּטייל פון צ״ק פאַר פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע, האָט ריטשאַרד סטשע־לעצקי באַוויזן צו „מאַכן אָרדענונג״, פולשטענדיק אין מאָטשאַרישן גייסט, אין דער געדרוקטער און גערעדטער פּראָפּאַגאַנדע. דער רעדאַקטאָר פון צענטראַלן פּאַרטיי־אָרגאַן „טריבונאַ לודו״, דער אַלטער קאָמוניסט און אָנטיילנעמער אין פּאַרטיזאַנער־קאַמף קעגן נאַציזם, לעאָן קאַסמאַן איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער אַרבעט. אויף זיין אָרט איז געקומען דער פאַרמלחמהדיקער רעדאַקטאָר פון אַ קאַטויליש־אַנטיסעמיטישער אויסגאַבע אין לאָמזשע, סטאַניסלאַוו מאָיקאָווסקי. דער אָרגאַן פון דער פּאָליטישער פאַרוואַלטונג פון דער פוילישער אַרמיי, „זשאָל־ניעזש וואָלנאָשטשי״, האָט אָנגעהויבן אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישן קרייצצוג קעגן ציו־ניזם, וואָס איז פאַרשטאַנען געוואָרן ווי דער סינאָנים פונעם קאַמף קעגן יידן בכלל. מיט ראַסיסטישן שוים האָט ממש געשפּריצט פון יעדער שורה אין דעם אָרגאַן פון דער „דעמאָקראַטישער פּאַרטיי״ — „קוריער פּאָלסקי״. אין רשות פון אַנטיסעמיטישן בלאָק איז אַריבער די פּאָפּולערע אָוונט־צייטונג „עקספּרעס וויעטשאָרני״ בראש מיטן מאָטשאַר־רעדאַקטאָר סאָלובאַ, וועלכער האָט געמוזט פאַרלאָזן די ליבעראַלע וואָכנשריפט „פּאָליטיקאַ״, וואָס האָט זיך נישט אַנגאַזשירט אין דעם אַנטיסעמיטישן מכשפה־געיעג. אין דעם וואָכן־זשורנאַל „סטאָליצאַ״ האָט געוועלטיקט דער שוואַרץ־מאהניק — לעשעק ווישנאַצקי. שעף־רעדאַקטאָר פון דעם אָרגאַן פון די פוילישע יוריסטן „פּראַוואָ אי זשיטשע״ איז געווען דער פריִער דערמאָנטער שליח אויפן אייכמאַן־פּראָצעס, קאַזשימיעזש קאָנקאָל, וועלכער האָט זיין באַזונדער טרויעריקע ראָל אָפּגעשפּילט אין דער שוואַרצער נאַכט פון אַנטיסעמיטישן מכשפה־געיעג**).

*) אין מאָמענט פון שרייבן די דאָזיקע שורות איז ער מאָטשאַרס פאַרטרעטער, אַלס וויצע־פּאָרזיצער פון דער העכסטער קאָנטראָל־קאַמער אין פוילן.

**) זאָלן דאָ אָפּגעמערקט ווערן בלויז אייניקע פון צווישן די באַקאַנטע פוילישע פּענ־מענטשן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו באַטייליקן אין דער אַנטי־יידישער העצע. אַזאַ איז אין יענער צייט געווען דער זשורנאַליסט וויעסלאַוו גורניצקי, וועלכער איז צוליבן אָפּזאָג צו געבן אַן אַנטי־ישראל־קאָמענטאַר, אָפּגערופן געוואָרן פון ניו־יאָרק, ווו ער איז געווען דער קאָרעספּאָנדענט פון דער פוילישער פּרעסע. אַזוי האָט גע־האַנדלט דער דרייסטער זשורנאַליסט קאַראָל מאַלצוזשינסקי. פון דער פּאַרטיי איז אויסגעשלאָסן געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון אויסלענדישן אָפּטייל פון „אַר״ (אַרבע־טער־אַגענץ) טאַדעוש שאַפער, פאַר אָפּזאָגן זיך צו קאָמענטירן די געשעענישן אויפן נאָענטן מזרח לויטן סאָוועטישן נוסח.

דער מאָטשאַר־פּיאַסעצקי־בלאָק האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אַנצוגרייפן די כּוחות, וועלכע האָבן צום אַקטיווסטן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער שוואַרץ־מאהדיקער רעאַקציע. געגאַנגען איז אים אין געפינען אַן אָנשפּאַר צווישן דער יוגנט און צווישן דער אינטעליגענץ. אויף דער זייט פון דעם דאָזיקן בלאָק, אין זיין שטרעבונג איבערצונעמען די מאַכט, האָט זיך געשטעלט דאָס ליטעראַרישע וואָכנבלאַט „זשיטשע ליטעראַצקע”, אין וועלכן עס האָט געפּראַוועט די אָרגיע קעגן „רעוויזיאָניסטן” און יידן — דער רעדאַקטאָר און אויטאָר פון וואָלגאַר־אַנטיסעמיטישע „ווערק”, וולאַדיסלאַוו מאַכעיעק; דער אָרגאַן פון „פּאַרבאַנד פון דער פּוילישער יוגנט” (זמ״פ) „וואָלקאַ מלאָדיך”, האָט אָנגעפּילט זיינע שפּאַלטן מיטן סם פון שטרייכערישער פּראָדוקציע, „אַרגומענטי” א״א. איז עס אָבער ווייניק געווען פאַר דעם מאָטשאַר־פּיאַסעצקי בלאָק, וועלכן עס איז געגאַנגען אין אָרגאַניזירן אַ דיווערסיע קעגן דער שעפערישער פּוילישער אינטעליגענץ, קודם־כּל קעגן די שרייבערס, וועלכע האָבן מיט זייערע קאָלעקטיווע בריוו פּראָטעסטירט קעגן דער רעאַקציאָנערער רעגירונגס־פּאָליטיק. צו דעם צוועק איז ספּעציעל געשאַפן געוואָרן אַ חודש־זשורנאַל, „מיעשענטשניק ליטעראַצקי”, מיט דעם אַנטיסעמיט „אין ווייסע הענטשקעס”, וולאַדזשימיעזש סאָקאָרסקי, אַלס שעף־רעדאַקטאָר. דאָס איז דער זעלבער סאָקאָרסקי, וועלכער האָט זיך געהאַט אָפּגעזאָגט, ווען כ׳האָב לויטן אויפטראָג פון פּאַרטייִשן צענטראַל־קאָמיטעט צו אים, אַלס קולטור־מיניסטער, זיך געווענדעט, ער זאָל באַגריסן אין נאָמען פון דער פּוילישער רעגירונג דעם יידישן קולטור־צוזאַמענפאָר אין וראָצלאַוו. דאָס איז דער זעלבער, וועלכער איז אין דער צייט פון דער מלחמה, דערגאַנגען ביז סטאַלינען מיט זיין מסירה קעגן די יידן — צענטראַלע טוערס פון דעם ביוראָ פון פּוילישע קאָמוניסטן אין מאָסקווע — אַלפרעד לאַמפּע, ראָמאַן זאַמבראָווסקי, יעקב בערמאַן, הילאַרי מינץ א״א, צוליב זייער „ליבעראַלן פּראָגראַם” פאַר פּוילן נאָכן אַריינמאַרש פון דער סאָוועטישער אַרמיי *). דער דאָזיקער זשורנאַל, אונטער סאָקאָרסקיס רעדאַקציע, איז געוואָרן די טריבונע, פון וועלכער עס איז געגעבן געוואָרן די „טעאָרעטישע” באַרעכטיקונג פאַר אַרויסוואַרפן די יידן פון פּאַרטייִשן און רעגירונגס־אַפּאַראַט. פון די שפּאַלטן פון סאָקאָרסקיס „ליטעראַרישער” צייטשריפט איז באַליידיקט געוואָרן דער גאַנצער דור מיטקעמפער פון די דערשאָסענע יידישע קאָמוניסטן, ענגעל און באָטווין, דער דור וועלכער איז באַזונגען געוואָרן דורך דעם רעוואָלוציאָנערן פּוילישן דיכטער וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי אין זיין פּרעכטיק ליד „די לבנה פון פּאַוויע־גאַס”. דאָס האָט וו. סאָקאָרסקי געגעבן אָרט אין „זיין” זשורנאַל פאַר דער געמיינסטער רכילות אויף דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג קעגן היטלעריזם. דער באַטייט פון אַנדזשעי ווערבלאַנס דערקלערן אין סאָקאָרסקי־מאָטשאַרס „ליטעראַרישן”

*) זיין מוסרישע קאַריערע האָט ער אָנגעהויבן נאָך אין די יאָרן 1939—1940, אין דער סאָוועטיזירטער שטאָט קאָוועל. דאָרט האָט ער איבערגעגעבן דער נקוו״ד, אַז דער קאָמוניסט, דער ליטעראַטור־קריטיקער הענריק זאַלאָטאַוו, האָט זיך אויסגעדריקט קריטיש וועגן געוויסע סאָוועטישע פאַראָרדענונגען. אין רעזולטאַט פון וו. סאָקאָרסקיס מסירה איז ה. זאַלאָטאַוו געווען אַ געוויסע צייט אַרעסטירט.

זשורנאַל, אַז „קיין שום געזעלשאַפט וועט נישט טאָלערירן קיין איבערמאָסיקן אָנטייל פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט אין דער מאַכט־עליטע, בפרט אין די אָרגאַנען פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג, זיכערהייט, פּראָפּאַגאַנדע און אויסלענדישע רעפּרעזענטאַנץ" — איז דורך אַלעמען פאַרשטאַנען געוואָרן ווי אַ דעקונג פאַר דער דירעקטיוו צו פּאָגראָמירן די יידישע קאַדרען. צוגלייך דערמיט זענען געקומען סיי דעם זעלבן ווערבלאַנס אַרטיקלען אין סאָקאָרסקיס זשורנאַל און סיי וולאַדיסלאַוו וואָלסקיס אַרטיקלען אין מאַכעיעקס זשורנאַל (דאָס איז דער זעלבער וואָלסקי, וועלכער האָט געדינט אַלס „אינפאָרמאַטאָר" פאַר דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע) וועגן דער... שעדלעכער ראָל פון די יידן אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג פון פּוילן, וועגן דער „שולד" פון די אַמאָליקע פּועלי־ציוניסטן אַלפרעד לאַמפּע און שאול אַמסטערדאַם (העניקאָווסקי) — געוועזענע מיטגלידער פון פּאָליטביוראָ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן, אין נישט דערשאַצן דורך קפּ"פּ די נאַציאָנאַלע פּוילישע פּראַגע. דיריגירט מיט דעם „אידעאָלאָגישן" אַנטי־סעמיטישן אָנגריף האָט גאָמולקאַס פּרעסע־סעקרעטאַר, דער מאָטשאַר־טעאָרעטיקער וואַלערי נאַמיאָטקעוויטש *), וועלכער האָט זיך באַמיט נאָך אַנאַנד צו פאַרוואַרפן אַ בריק צווישן ביידע „צדדים" — צווישן דער גאָמולקישער פּאַרטיי־אָנפירערשאַפט און דעם מאָטשאַר־פּיאַסעצקי־בלאָק.

די געלעגנהייט צו פאַרוואַרפן אַזאַ בריק איז גיך אונטערגעקומען.

דער סטודענט פון היסטאָרישן פאַקולטעט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, דער געוועזענער אַקטיוויסט פון ליקווידירטן קלוב „קזשיווע קאָלאָ", אַדאַם מיכניק, האָט באַקומען די דערלויבעניש פון דער אוניווערסיטעטישער אָרגאַניזאַציע פון יוגנט־פאַרבאַנד (זמ"פּ) איינצואָרדענען אַ רעפעראַט פון דעם פילאָסאָף און שרייבער, פּראָפעסאָר לעשעק קאָלאַקאָווסקי, וועגן צענטן יאָרטאָג פון „פּוילישן אָקטאָבער". געקומען זענען פּראָפעסאָרן און גאָר אַ סך סטודענטן, וועלכע האָבן מיט אָנערקענונג אויפגענומען קאָלאַקאָווסקיס פאַרניכטנדיקע קריטיק לגבי דער פּאַרטיי־אָנפירונג, וועלכע האָט פאַרראַטן דעם צוגעזאָגטן פּראָגראַם פון דעמאָקראַטישע רעפאָרמען, און וועגן דער באַנייטער פּוילישער אויפלאַגע פון סטאַליניזם. לעשעק קאָלאַקאָווסקי איז תיכּף אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי. ווען אויף אַ באַראַטונג פון פּאַרטיי־סעקרעטאַרן פון אַלע אוניווערסיטעט־פאַקולטעטן איז אַרויסגעטרעטן דער סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קאָמיטעט פון עקאָנאָמישן פאַקולטעט, דער אַסיסטענט אַלעקסאַנדער סמאָליאַר מיט אַ פּראָטעסט קעגן אויסשליסן קאָלאַקאָווסקין, איז שנעל געקומען דער באַשלוס, (נאָך אַ קורצער „פאָרשונג" מצד גאָמולקאַס פרוי, זאָפיע, לויטן אויפטראַג פון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע) אויך אים אויסצושליסן. באַלד האָבן זיך באַוויזן פלוגבלעטלעך, פּראָדוצירטע אין דער „בעזפּיעקע" וועגן דער „יידישער פּראָוואָקאַציע". קעגן דעם רעפּרעסיע־באַשלוס לגבי לעשעק קאָלאַקאָווסקין זענען אַרויסגעטרעטן 22 פּוילישע שרייבערס — מיטגלידער פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי, צווישן זיי אַזעלכע באַוווּסטע

---

*) אין מאָמענט פון שרייבן דעם קאַפּיטל איז ער דער פאַרוואַלטער פון דער „אידעאָלאָגישער" אָפּטיילונג פון צ"ק פּזפּ"ר.

ליטעראַטן, ווי יעזשי אַנדזשעיעווסקי, מיעטשיסלאַוו יאַסטרון, יאַן קאָט, אַדאַם וואַזשיק, יוליוש זשולאַווסקי, פּאַוועל הערץ. אַלס פּראָטעסט האָבן זיי אָפּגעשיקט די פּאַרטיי־בילעטן. אויף אַ פּלענום פון שרייבער־פאַראיין איז אַרויסגעטרעטן די גרויסע פּוילישע שרייבערין, מאַריאַ דאָמבראָווסקאַ און האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם מכשפה־געיעג.

שטאַרקע רעפּרעסיעס מצד דער פּוילישער צענזור זענען אויסגעשטאַנען די פּוילישע טעאַטערס. דער מינדסטער חשד וועגן אַ רעפליק בלויז, וואָס קאָן אויס־געטייטשט ווערן ווי אַן אַקטועלע קריטישע אַנצוהערעניש, האָט געבראַכט צום שניידן גאַנצע סצענעס, אָדער בכלל צום פאַרבאָטן גאַנצע פּיעסעס, דער עיקר פון אָריגינעל פּוילישן רעפּערטואַר. אַזוי איז פאַרבאָטן געוואָרן דורך דער צענזור די באַוווסטע פּיעסע פון וויספּיאַנסקין „די נאָוועמבער־נאַכט", וואָס איז געשטעלט געוואָרן אין קאַטאָוויץ, צוליב דעם חשד, אַז עס ווערט דאָרט גערופן צו אַן אַקטועלן אויפשטאַנד; סטאַניסלאַוו וויטקעוויטשעס פּיעסע „גיאָובול וואַהטאַזאַר" צוליב איר פאַראורטיילן טיראַניע; באַלוצקיס באַוווסטע דראַמע „שווערע צייטן" אין „טעאַטער נאַראָדאָווי" ווייל... נישטאָ קיין שווערע צייטן! דער פּחד פאַר יעדן קריטישן געדאַנק, פאַר אַ „פאַרדעכטיקט" וואָרט איז געוועזן אַזוי גרויס, אַז שוין נישט בלויז די צענזור האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרפאַלגן די טעאַטערס, נאָר דער אָנפירנדיקער פּאַרטיי־אַפּאַראַט בראש מיט גאָמולקאַס „רעכטע האַנט", זענאָן קלישקאָ. געוועזן איז אַ פאַל, ווען צוזאַמען מיט משה און חנה סנה, וועלכע האָבן באַזוכט פּוילן, זענען מיר געגאַנגען זען אַ פאַרשטעלונג אין סאַטירע־טעאַטער. ערב דעם אָנהייב פון פּראָגראַם האָט זיך באַוויזן דער סעקרעטאַר פון צ"ק, ז. קלישקאָ מיט זיין טאָכטער. איך האָב משה סנהן אַריינגערוימט אין אויער: „גוט וואָס מיר וועלן היינט זען די פאַרשטעלונג, ווייל מאָרגן וועט זי שוין זיין אַ סך קירצער..." בוכשטעבלעך אַזוי איז טאַקע געשען.

ממש אַ שטורעם איז אויסגעבראָכן, קודם־כל צווישן דער אַקאַדעמישער יוגנט, צווישן דער פּוילישער אינטעליגענץ און האָט געגרייכט צו ברייטע שיכטן פון פּוילישן פאָלק, ווען עס איז באַוווסט געוואָרן, אַז דירעקט פון צענטראַל־קאָמיטעט איז געקומען דער פאַרבאָט ווייטער צו שפּילן אין „טעאַטער נאַראָדאָווי" די קלאַ־סישע דראַמע פון גרעסטן פּוילישן נאַציאָנאַלן דיכטער, אַדאַם מיצקעוויטש — די דראַמע וועגן פאַרקנעכטונג פון פּוילן דורכן צאַריזם און וועגן קאַמף פאַר פריי־הייט — „דזשאַדי". דער פאַרבאָט איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון דעם צווייענדיקן פּחד, וואָס האָט באַהערשט די גאָמולקאַ־אָנפירונג — די שרעק פאַרן פאָלק, פון וועלכן די פּאַרטיי איז אַלץ מער און מער געוואָרן דערווייטערט, אָפּגעפרעמדט פון זיינע דערוואַרטע האָפענונגען אויף דעמאָקראַטיזירן דעם רעזשים; און די שרעק פאַרן „עלטערן ברודער", פאַר דער מעגלעכער רעאַגירונג מצד די סאָוועטישע פאַקטאָרן, וועלכע וועלן די שאַרפע שטעלן פון דער דראַמע, געווענדעטע קעגן צאַריזם, אָננעמען אויפן אייגענעם חשבון. דער סערוויליזם לגבי די סאָוועטישע הערשערס און די מורא פאַר דעם אַקטועלן קאַמפּס־אויסקלאַנג פון אַדאַם מיצ־קעוויטשעס דראַמע, האָט דערפירט די גאָמולקאַ־אָנפירונג צו אָפענעם פאַרראַט

לגבי די גרעסטע ווערטן פון דער פוילישער קולטור. ווירקלעך זענען די מיצקע־וויטש־רייד קעגן צאַריזם אויפגענומען געוואָרן דורך דעם אַלע מאָל איבערגעפולטן טעאַטער־זאַל בעת יעדער פאָרשטעלונג פון „דזשאַדי", געשטעלט דורך איינעם פון די טאַלאַנטפולסטע רעזשיסאָרן פון יונגן דור, דעם מוטיקן און דרייסטן קאַזשימיעזש דעימעק, מיט אַ ציטער אין די הערצער, און ווי אַן אַלוזיע צו דער אַקטועלער לאַגע אין פוילן. בעת יעדער פאָרשטעלונג, ווען דער אַקטיאָר, וואָס האָט פאַר־געשטעלט דעם רוסישן אָפיציר, וועלכער ווענדעט זיך צו אַ רוסישן רעוואָלוציאָנער מיט די ווערטער:

„נישט קיין וווּנדער, וואָס אונדז פאַרשילט מען —
אַ יאָרהונדערט איז עס דאָך שוין,
ווי פון מאָסקווע קיין פוילן שיקט מען אָן
בלויז אַ באַנדע אויסוואָרפן"

— איז אַלע מאָל אין זאַל אויסגעבראָכן אַ שטורמישע אָוואַציע. און אַזוי אויך בעת אייניקע אַנדערע רעפּליקעס אין דער דאָזיקער גרויסער דראַמע, ווי למשל ביי די ווערטער:

„איך ווייס אָבער וואָס הייסט פריי זיין
פון אַ מאָסקוויטישער האַנט.
גזלנים, זיי וועלן די קייטן
אַראָפּנעמען מיר בלויז פון די הענט
און פון די פיס,
אָבער וועלן זיי אַרויפלייגן אויף דער נשמה".

דער פאַרבאָט צו שטעלן „דזשאַדי" האָט געבראַכט דערצו, אַז דער פּראָטעסט קעגן דעם דאָזיקן אַקט פון פאַרראַט לגבי דעם ווערק, וואָס קינדער אין די שולן האָבן געלערנט און פאַרגעדענקט אויף אַ גאַנץ לעבן, האָט זיך אַלץ מער אויס־געברייטערט און איז אַרויס אין גאַס. מיט אַ פּעטיציע צום סיים, וועלכע עס האָבן אויף 75 זייטן אונטערגעשריבן העכער 3000 סטודענטן, פּראָפעסאָרן און מיטגלידער פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע איז אָוועק אַ דעלעגאַציע, וועלכע האָט פאַרלאַנגט צו רעאַגירן אויף דעם אַקט פון קולטור־באַרבאַריזם. די שרייבערס יוליאַ האַרטוויג, וואַנדאַ לעאָפּאָלד, אַליציאַ לישעצקאַ און אַרנאָלד סלוצקי האָבן צונויפגעזאַמלט 231 אונטערשריפטן פון מיטגלידער פון שרייבער־פאַראיין, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט תיכף צונויפצורופן אַן עקסטראַ אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, כדי רעאַגירן קעגן דעם באַשלוס צו פאַרבאָטן מיצקעוויטשעס ווערק. צווישן די אונ־טערגעשריבענע זענען אויך געווען 40 מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, און דאָס מערקווערדיקע — עס האָט אויך אונטערגעשריבן דער פאָרזיצער פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון פאַראיין פון פוילישע ליטעראַטן, יאַראָסלאַוו איוואַשקעוויטש,

װעלכער האָט זיין אונטערשריפט באַגלייט מיט זאָגן: „פאַרפאַלן, עס װעט אונדז אַלע צוזאַמען אויסקומען אויפצועסן די זשאַבע" און... איז תיכף אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד. אַ שטאַרקן קלאַפּ האָט די חניפהדיקע לגבי דעם סאָװעטן־פאַרבאַנד פוילישע פירערשאַפט באַקומען... גראָד פון דער סאָװעטישער זייט גופא. דאָס האָט דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער קאָמפּאַרטיי פון סאָװעטן־פאַרבאַנד, „פּראַװדאַ", אָפּגעדרוקט זייער אַ פּאָזיטיװע רעצענזיע װעגן קאַזשימיעזש דעימעקס אויפפירונג פון „דזשאַדי". דערמיט איז ביי דער דיסקרעדיטירטער גאָמולקאַ־אָנפירונג אָפּגענומען געװאָרן דער עיקרדיקער אַרגומענט ביים פאַרבאָטן די פאָרשטעלונג פון מיצקעװיטשעס װערק.

ביים דענקמאָל פון אַדאַם מיצקעװיטש, אויף דער קראָקעװער פאָרשטאָט אין װאַרשע האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם סטודענטן. צו זיי האָבן זיך פאַר־אייניקט אַ סך מענטשן פון פאַרשידענע שיכטן, כדי אויסצודריקן זייער פאַרביטערונג און פּראָטעסט קעגן דער אָנפירונג פון פּזפּ"ר און איר פאַרלייקענונג־פּאָליטיק לגבי די גרעסטע װערטן פון דער פוילישער קולטור.

דער ענטפער אויף דער דאָזיקער דעמאָנסטראַציע איז געװען פולשטענדיק אין גייסט פון דעם פּאָליציי־פּאָליטיקער מאָטשאַר און זיין אונטערזאָגער־העלפער, פּיאַסעצקי: עס זענען אויסגעשלאָסן געװאָרן פון אוניװערסיטעט די 2 סטודענטן, אַדאַם מיכניק און הענריק שלייפער. הגם די עיקרדיקע מאַסע פּראָטעסטירערס זענען געװען פּאָליאַקן, איז דאָס אויסשליסן גראָד די צװיי סטודענטן דורכגעפירט געװאָרן, כדי צו קערעװען די אויפמערקזאַמקייט פון דער עפנטלעכער מיינונג אין דער זייט פון די יידן.

די באַשולדיקונג קעגן די יידן איז געלאָזט געװאָרן אין גאַנג, קודם־כל, דורך „שאַפונגען" פון די פּראָפּאַגאַנדע־קעמערלעך פון דער פּאָליטישער פּאָליציי. זיי האָבן מיטן געפעלשטן אונטערשריפט „סטודענטן פון װאַרשעװער אוניװערסי־טעט" אַרויסגעלאָזט „בלעטלעך" מיט אַזעלכע אַנטיסעמיטישע פאָרמולירונגען: „מיכניק, בלומשטיין, שלייפער קענען נישט און װעלן נישט לערנען אונדז די טראַדיציעס פון אונדזער פאָלק... מיר װעלן נישט דערלאָזן װילדעװען די אויס־װאָרפן אין אונדזער הויכשול". באַװיזן האָבן זיך אויך געגראַמטע „װערק", װוּ מען האָט גערופן: „כאַפּט די יידן פאַר די פאות — און װאַרפט זיי איבער יענער זייט ים".

קעגן דער דאָזיקער אַנטיסעמיטישער „פּראָדוקציע" זענען אַרויסגעקומען די סטודענטן, װעלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום יאַצעק קוראָן. זיי האָבן אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף אונטער דעם לאָזונג „קעגן דער פאַשיסטישער פּראָװאָקאַציע", װעלכער איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, איז אויסגעקלעפּט געװאָרן אויף אַ סך עפנטלעכע פּלעצער, און מענטשן האָבן געלייענט די אויפקלערונג, אַז צוליב „דעם באַשיימ־פערלעכן ציל זיך אַנטקעגנצושטעלן דער פּראָטעסט־אַקציע פון דער סטודענטישער יוגנט אין דעם ענין ,דזשאַדי', האָט מען זיך באַנוצט מיט דעם טראַדיציאָנעלן געװער פון דער רעאַקציע: מיטן אַנטיסעמיטיזם און מיט פּראָװאָקאַציע. אין אַלע הויכשולן אין לאַנד, זענען אָנגענומען געװאָרן רעזאָלוציעס קעגן אויסשליסן פון

אוניווערסיטעט מיכניקן און שלייפערן. צום רעקטאָר פון וואַרשעווער אוניווערסי־טעט, סטאַניסלאַוו טורסקי (וועלכער איז אין דער לעצטער מינוט, ווען די היט־לעריסטן האָבן אים פאַרוואָרפן אַ שטריק אויפן האַלדז, געראַטעוועט געוואָרן) האָבן זיך געווענדעט די באַוווסטע שרייבערס, פּאַוועל יאַשעניצאַ, יאַן יוזעף ליפּסקי, טאַדעוש קאָנוויצקי, יעזשי אַנדזשעיעווסקי, אַדאַם וואַזשיק און יאַן באָכענסקי; בעת אַן אָפענער פאַרזאַמלונג פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט איז אָנגעקומען אַ גרויסע דעלעגאַציע פון סטודענטן, וועלכע האָבן געפאָדערט אומצוקערן די רעכט צום שטודירן מיכניקן און שלייפערן. אין יענער צייט איז געבוירן געוואָרן אַ ספּעציעלע באַצייכענונג פאַר די סטודענטן, וועלכע האָבן באַוויזן אומעטום צו קומען מיט זייער פּראָטעסט קעגן פאַרבאָט פון „דזשאַדי״, קעגן די רעפּרעסיעס לגבי זייערע קאָלעגן, קעגן אַנטיסעמיטיזם. גערופן האָט מען זיי מיט אָנערקענונג און סימפּאַטיע: „קאָמאַנדאָסן״ (אַזוי הייסן די פּאַראַשוטיסטן אין רויטע בערעטן, וועלכע זענען באַשטימט פאַר באַזונדער וויכטיקע שלאַכט־אָפּעראַציעס). אויפגעקומען איז אויך אַ צווייטע, פולשטענדיק נעגאַטיווע, פאַראַכטנדיקע באַצייכענונג פאַר די, וועלכע האָבן געהאָלפן דער פּאָליציי און דער אַדמיניסטראַציע: — הון־ווייבינען (אַזוי האָבן געהייסן אין כינע די טרויעריק באַרימטע טעראָר־אָפּטיילן בעת דער „קולטור־רעוואָלוציע״ פון מאַאָ טסע־טונגען). די שייד־ליניע איז געווען אַ בולטע פאַר דער עפנטלעכקייט, וועלכע האָט, הגם פּאַסיוו, דאָך מיט פולער סימפּאַטיע נאָכגעפאָלגט דעם קאַמף פון דער בעסטער, אידעיִשער יוגנט פון פוילן, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען אַ טייל פון די אָרגאַניזירטע אין די יוגנט־קלובן פון דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן.

דער דאָזיקער קאַמף האָט פולשטענדיק אַנטשפּראָכן דער דערקלערונג פון די פּיאָנערן פון ווידערשטאַנד, יאַצעק קוראָן און קאַראָל מאָדזעלעווסקי אין זייער „אָפענעם בריוו צו דער פּאַרטיי״ (וועלכער איז מאַסנווייז פאַרשפּרייט געוואָרן, אַלס ערשטע פוילישע „סאַמאיזדאַט״־אויסגאַבע): „ווען ביי דער גאַנצער געזעל־שאַפט ווערט אָפּגענומען די פּערספּעקטיוו, פילט עס אָפּ צום שאַרפסטן די יוגנט״. די ווייטערדיקע געשעענישן האָבן עס צום בולטסטן באַוויזן.

דער אָנהייב פון פראָנטאַלן אָנגריף

מיט זייער אַ שווער געמיט האָבן מיר באַגלייט אויפן גענשער בית־עולם דעם פרי־פאַרשטאָרבענעם בערל מאַרק. געווען איז עס נישט קיין געוויינלעכע לוויה, נאָר אַ דעמאָנסטראַציע פון פּילזייטיקן באַטייט. געקומען זענען גאָר אַ סך יידישע מענטשן, אַרבעטערס פון די קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע האָבן שטאַרק ליב געהאַט צו הערן בערלס רעפעראַטן, זיין פאָלקסטימלעכן, דורכגעפּלאָכטן מיט עכט יידישן הומאָר, לשון. געקומען זענען יידישע סטודענטן, פאַר וועלכע דער אַזוי חבריש־היימישער פּראָפעסאָר, האָט אין זיינע לעקציעס אַנטפּלעקט די ליידן־ און קאַמף־געשיכטע פון יידישן פאָלק. געקומען זענען אַ סך פּאָליאַקן — מענטשן פון אַלע טיילן פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג — פון אַ״ק און פון ג״ל, וועלכע בערל מאַרק האָט אַרויסגעהויבן פאַר זייער העלפן די יידן פון געטאָ; געקומען זענען אינדיווידועל און אין דעלעגאַציעס באַוווּסטע פּוילישע שרייבערס, געלערנטע, מיטגלידער פון דער פּוילישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. דעמאָנסטראַטיוו זענען זיי געקומען, כדי צו געזעגענען דעם יידישן היסטאָריקער אין מאָמענט, ווען די שוואַרצע כוחות פון דער הערשנדיקער גאָמולקאַ־רעאַקציע האָבן זיך באַמיט צו פאַרלייקענען דעם יידישן אָנטייל אין אַלע פרייהייטס־קאַמפן און דעם יידישן אומקום און ווידערשטאַנד בעת דער היטלערישער שחיטה.

נישט ווייט פון דעם „אוהל פרץ" איז אויפגעקומען דער פרישער קבר פון דעם שרייבער, וועלכער איז באַגייסטערט געווען אין זיין שאַפן דורך דעם גרויסן אָנהייבער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

נאָך איין טויט האָט אין יענער צייט מיט אַ באַזונדער ווייטיק זיך אָפּגערופן אין אונדזערע הערצער. עס איז אויסגעגאַנגען דער באַרימטער, אויך ווייט איבער די גרענעצן פון פּוילן, דיכטער און מייסטער פון ווונדערלעכע אַפאָריזמען, פול מיט יידישער חכמה — סטאַניסלאַוו יעזשי לעץ. פון מיר האָט ער געהאַט פאַר־לאַנגט, אַז בעתן דרוקן זיינע אַפאָריזמען אין דער „פאָלקס־שטימע" זאָל זיין נאָמען געגעבן ווערן אין עברית — לץ, מאָטיווירנדיק עס דערמיט, וואָס „כשמו כן הוא". קורץ פאַר זיין טויט, בעת אַ שפּאַציר ביים ווייסלבערג, האָב איך זיך געווענדט צו אים מיט אַ טענה, הלמאי ער, וואָס איז באַקאַנט אין דער וועלט מיט זיין נאָן־קאָנפאָרמיסטישער שטעלונג שווייגט, טרעט נישט אַרויס קעגן צוווילדעוועטן אַנטיסעמיטיזם! ער האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט, מיך שאַרף אָנגעקוקט און אַנטשלאָסן דערקלערט: „ניין, אַ מכּה זיי, זאָלן זיי צעפרעסן ווערן פון זייער גייסטיקן סיפיליס. איך וועל זיי נישט העלפן אויסהיילן..." אין גאַנצן לאַנד איז אָבער אין יענער צייט אַוועק איינער פון זיינע שפּרוכן: „איך ווייס פון וואַנעט

עס שטאַמט די לעגענדע וועגן יידישער רייכקייט. יידן צאָלן פאַר אַלץ...״

און מיר האָבן געצאָלט. מיט דער נישט זיכערקייט אין דעם מאָרגנדיקן טאָג אין אָנבליק פון דער קאָנקורענץ צווישן דער הערשנדיקער גאָמולקאַ־אָנפירונג און די מאָטשאַרישע פּרעטענדענטן איבערצונעמען די מאַכט. די קאָנקורענץ דורך פאַרשאַרפן דעם קאַמף קעגן „רעוויזיאָניזם״ און „ציוניזם״, — איןביידע פאַלן — קעגן יידן.

די גאָמולקאַ־אָנפירונג האָט בולט דערפילט די געפאַר, וואָס עס טראָגט פאַר איר די אָנוואַקסנדיקע פּראָטעסט־באַוועגונג פון די בעסטע פאָרשטייערס פון דער אינטעליגענץ און פון דער יוגנט.

עס האָט זיך דערנענטערט דער טאָג, ווען לויט דער פאָדערונג פון דער מערהייט שרייבערס האָט געדאַרפט פאָרקומען די ספּעציעלע פאַרזאַמלונג, וועלכע, ווי מ׳האָט פאָרויסגעזען, וועט זיך נישט באַגרענעצן מיט נעמען שטעלונג צום פאַרבאָטן די פאָרשטעלונג „דזשאַדי״. אַ צייט פאַר דער באַשטימטער שעה איז דער גרויסער זאַל שוין געווען איבערגעפולט. עס זענען אַפילו געקומען קראַנקע שרייבערס, וועלכע האָבן זעלטן זיך באַטייליקט אין פאַראיין־פאַרזאַמלונגען. געריכט האָט מען זיך, אַז עס וועלן קומען פאָרשטייערס פון די העכסטע פּאַרטיי־אינסטאַנצן. אָרויסגעוויזן האָט זיך, אַז „אויבן״ איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוווייזן גרינגשעצונג צו דער שרייבער־פאַרזאַמלונג. דעלעגירט האָט מען בלויז אַ טשינאָווניק — דעם גענעראַל־דירעקטאָר פון קולטור־מיניסטעריום, אַליין אַ שרייבער — סטאַניסלאַוו וויטאָלד באַליצקין. ער האָט עס געדאַרפט פאַרטיידיקן דעם שענדלעכן באַשלוס. געהאָפט האָט די פּאַרטיי־אָנפירונג אויף דער אַקטיווער אונטערשטיצונג מצד דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון שרייבער־פאַראיין בראש מיט איר סעקרעטאַר, יעזשי פּוטראַמענט, ווי אויך מצד די שרייבערס פון פּיאַסעצקיס „פּאַקס״ און פון דער פּויערים־פּאַרטיי.

די אַטמאָספער איז פון דער ערשטער מינוט אָן געווען אָן אָנגעגליטע. די רעדע פון דעם פאָרשטייער פון קולטור־מיניסטעריום איז נאָך אַנאַנד איבערגעריסן געוואָרן מיט צווישנרופן. בעת ער האָט גערעדט, האָט קיינער אים נישט אַפּלאָדירט. אַ צייט האָט אין זאַל געהערשט אַ טויטע שטילקייט. באַלד האָבן פון אַלע זייטן זיך געהערט אַ סך שטימען וואָס האָבן פאַרלאַנגט זיי צו פאַרשרייבן צום וואָרט אין דער דיסקוסיע. פאַר דעם זענען לויטן פאָרשלאַג פון פּרעזידיום פאָרגעשטעלט געוואָרן די פּראָיעקטן פון 2 רעזאָלוציעס. איינע, געלייענט פון באַוווסטן ליטעראַטור־קריטיקער פון יינגערן דור, אַנדזשיי קיִאָווסקי, און די צווייטע, אין נאָמען פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, האָט געלייענט דער פאַרהאַסטער אין דער שרייבער־סביבה אונטערלעקער, שפּעטער — מחבר פון אַ וווּלגאַר אַנטיסעמיטישן ראָמאַן „דער מיאוסער ענין״ — סטאַניסלאַוו רישאַרד דאָבראָוואָלסקי.

די ערשטע רעזאָלוציע האָט אַלס אויסגאַנגס־פּונקט גענומען דעם פאַרבאָט פון „דזשאַדי״ און האָט אין דעם ווייטערדיקן טייל פאָרגעשטעלט די אומדערטרעגלעכע לאַגע, וואָס די מאַכט האָט געשאַפן פאַר דער קולטור־טעטיקייט און

קינסטלערישן שאַפן, און נישט בלויז לגבי דעם אינהאַלט פון ווערק, נאָר אויך לגבי זייער פאַרשפרייטונג. די רעזאָלוציע האָט גערעדט וועגן דער צענזור, וועלכע איז נישט באַגרענעצט געווען מיט קיין שום געזעצלעכע ראַמען. „דער דאָזיקער צושטאַנד — האָט דערקלערט דער רעזאָלוציע־פראָיעקט — באַדראָט די נאַציאָנאַלע קולטור, נעמט ביי איר אָפ איר אויטענטישן כאַראַקטער”. די רעזאָלוציע האָט צום סוף געפאָדערט פון דער מאַכט, אין הסכם מיט דער דורותדיקער טראַדיציע, טאָלעראַנץ און פרייהייט פון שאַפן. די רעזאָלוציע האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער פאָדערונג אומצוקערן דער פוילישער סצענע מיצקעוויטשעס „דזשאַדי” אין דער אינסצעניזאַציע פון קאַזשימיעזש דעימעק.

די רעזאָלוציע פון דער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע האָט אומדערוואַרט אויסגעדריקט... באַדויערן צוליבן פאַרבאָטן די מיצקעוויטש־פאָרשטעלונג, אָבער גלייכצייטיק האָט זי געשטיצט די קולטור־פאָליטיק פון דער פאַרטיי און פאַראורטיילט די פאָרגעקומענע דעמאָנסטראַציע ביים מיצקעוויטש־דענקמאָל אַלס „אינספירירטע דורכן שונא”. עס איז אויך פאָרגעלייגט געוואָרן (פון זאַל) אַ רעזאָלוציע אין שוץ פון דער סטודענטישער יוגנט. דערביי זענען געקומען אויסרופן: „זאָל לעבן די אַקאַדעמישע יוגנט”! מיט אַ מערהייט שטימען, קעגן דער שטעלונג פון פאַרטיי־סעקרעטאַר, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די אָפשטימונג זאָל זיין אַ געהיימע. דאָס איז געווען אַ דורכברוך אין דער פראַקטיק פון דורכויס אָפענע אָפשטימונגען.

דער ערשטער דיסקוטאַנט איז געווען דער באַוווסטער דיכטער אַנטאָני סלאָנימסקי. ער האָט צווישן אַנדערן געזאָגט: „די איצטיקע פראָפאַגאַנדע האַלט, אַז די אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע אויפרעגונג קעגן אַראָפנעמען פון דער סצענע די פאָרשטעלונג „דזשאַדי”, איז אַ רעזולטאַט פון דער ווירקונג פון עפעס פרעמדע פאַקטאָרן. וועלכע? אַמאָל האָט מען עס געמאַכט איינפאַך. געזאָגט האָט מען אין אַזעלכע פאַלן, אַז אין אַלץ איז שולדיק „די זשידאָ־קאָמונאַ”. אין דער איצטיקער סיטואַציע באַשולדיקט מען אויך די יידן, אָבער דער אַמאָליקער לאָזונג איז נישט באַקוועם. אפשר דאַרף מען שוין איצט עס באַצייכענען אַלס „זשידאָ־אַנטיקאָמונאַ”? דער זאַל האָט רעאַגירט מיט לאַנג־דויערנדיקע אַפלאָדיסמענטן.

אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק האָט געמאַכט די רעדע פון דעם זייער פאָפולערן טאַלאַנטפולן שרייבער־היסטאָריקער, וועמענס ווערק זענען אין פוילן געוואָרן „בעסטסעלערס” — פאַוועל יאַשעניצאַ. ער האָט אָנגעוויזן, אַז „געוויסע פאַקטאָרן, האָבן אין זייער שטרעבונג צו דיסקרעדיטירן די יוגנט, גענומען פאַנאַנדערוואַרפן אין אוניווערסיטעט, ווי אויך צעשיקן אויף פריוואַטע אַדרעסן, פלוגבלעטלעך מיט אַן עקלהאַפטן, אַנטיסעמיטישן אינהאַלט”. פון זאַל זענען תיכף געקומען אויסגעשרייען: „אַ סקאַנדאַל! אַ חרפה! אומדערהערט! לייענט עס איבער! מיר מוזן וויסן!” אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק האָט געמאַכט דער אויסרוף פון דעם פראָזע־שרייבער, יוזעף העז: „זיי ווילן ווידער אָנצינדן די קרעמאַטאָריעס!”. פאַוועל יאַשעניצאַ האָט מיט אויפרעגונג דערקלערט: „די אינספיראַטאָרן פון דער דאָזיקער שענדלעכער שרייבעכץ האָבן געפרווט וואַרפן אַ שאָטן אויף דער אַקאַדעמישער יוגנט, אויסטראַכטנדיק אויף איר, אַז זי איז אַנטיסעמיטיש.

ווער איז עס אַזוי נאַיִוו צו גלויבן אין דעם? עמעצער פּרוווט, צוליב באַוווּסטע אים צילן, אַרויפשטעלן אויף אונדזער פאָלק דעם שטעמפּל פון אַנטיסעמיטן. דאָס פעלן פון טאָלעראַנץ האָט שוין געהאַט זיך אָפּגערופן אויף דער לאַגע פון פוילן נאָך אין די צייטן פון וואָלטערן, ווען ס'איז אָפן אַרויסגעקומען די נישט־טאָלעראַנץ לגבי רעליגיעזע ריכטונגען. אַלס היסטאָריקער ווייס איך גוט וועגן דעם. קיין זאַך קען אונדז היינט נישט ברענגען קיין גרעסערן שאָדן, ווי דאָס שאַפן אין דער וועלט־עפנטלעכקייט די איבערצייגונג, אַז מיר זענען אַ פאָלק פון אַנטיסעמיטן."

מיט גרויס אינטערעס איז אויסגעהערט געוואָרן די רעדע פון פּראָפעסאָר לעשעק קאָלאַקאָווסקי, וועלכער האָט דערקלערט, אַז "דאָס וואָס עקסיסטירט היינט אין פוילן, איז קיין שום סאָציאַליזם נישט. דאָס האָט נישט קיין שום געמיינזאַמעס מיטן מאַרקסיזם."

די רעזאָלוציע פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע האָט פאַרטיידיקט דער "פּאַקס"־שרייבער, זיגמונט ליכניאַק און אייניקע אַנדערע, צווישן וועלכע עס איז נישט געווען קיין איין אָנגעזעענער שרייבער, אין דער צייט, ווען די צווייטע רעזאָלוציע איז פאַרטיידיקט געוואָרן דורך אַזעלכע אויטאָריטעטן, ווי דער פּראָזע־מייסטער יעזשי אַנדזשעיעווסקי, דער באַוווּסטער פּאָעט, מיעטשיסלאַוו יאַסטרון, דער פּאָפּולערער קאַטוילישער שרייבער און באַרימטער פּעליעטאָניסט, סטעפאַן קישעלעווסקי. ער האָט עס געוואָרפן די באַשולדיקונג, אַז "וועגן דעם גורל פון דער קולטור אין פוילן דעצידירן פינצטערלינגען, וועלכע האָבן די אַבסאָלוטע מאָנאָפּאָליסטישע מאַכט".

אַרום האַלבער נאַכט האָט אַלס לעצטער גענומען רעדן דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, יעזשי פּוטראַמענט. זיין לאַגע איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך שווערע. ער האָט געדאַרפט פאַרטיידיקן אַ פּאָליטיק, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט פאַרטיידיקן. זיין רעדע איז כסדר איבערגעריסן געוואָרן מיט חוזק־צווישנרופן, גאָר באַזונדער, ווען ער האָט גענומען דערציילן וועגן... גאָמולקאָס שוואַכקייטן, כדי צו "נעמען דעם עולם" מיט זיין "דרייסטקייט" ביים קריטיקירן אַפילו דעם הויפּט־דעה־זאָגער.

איידער מען איז צוגעטרעטן צום געהיימען אָפּשטימעןביידע רעזאָלוציעס איז פּלוצלונג אַדורך איבערן זאַל אַן אַלגעמיינער אומרו. איינער האָט איבערגעגעבן דעם אַנדערן דאָס שרעק־וואָרט: "גאָלענדזשינוּוו".

גאָלענדזשינוּוו איז פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען דאָס אָרט אין פוילן, ווו עס זענען געשולט געוואָרן ספּעציעלע פּאָליציי־אָפּטיילן צום קאַמף קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג, קעגן אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס און שטרייקן. די דאָזיקע פּראָפּאַשיסטישע פּראַקטיק האָט איבערגענומען דאָס פּאָליציי־מיניסטעריום אין פאָלקס־פוילן. אין גאָלענדזשינוּוו האָט מאָטשאַר באַפוילן צו שולן פּאָליציייִשע שטורעם־אָפּטיילן צום קאַמף קעגן די כוחות, וועלכע האָבן גענומען אַקטיוו זיך אַנטקעגנשטעלן דער אָנגרייפנדיקער רעאַקציע. אין גאַנג פון דער שרייבער־פאַרזאַמלונג, ערב דער אָפּשטימונג, זענען אָנגעפאָרן לאַסט־אויטאָס מיט גאָלענדזשינוּווער קוילער־יונגען, אַלע איבערגעטאָן אין אַרבעטער־קליידער. זיי האָבן

זיך אויסגעשטעלט לעגנאָויס דער געביידע, ווו ס'איז פֿאָרגעקומען די שרייבער־פֿאַרזאַמלונג. געווען איז עס, אין ערשטן מאָמענט, בלויז אַ „פּסיכישע אַטאַקע", כדי אָפּצושרעקן די שרייבערס דערמיט, וואָס „אַרבעטערס" זענען כלומרשט געקומען זיך אָפּצורעכענען מיט די צעבונטעוועטע אינטעליגענטן. געווען זענען ווייניק שרייבערס, וואָס האָבן אונטער דער דאָזיקער ווירקונג פֿאַרלאָזט די פֿאַר־זאַמלונג. די אַבסאָלוטע מערהייט איז געבליבן. זיי האָבן געשטימט און מיט אַ מערהייט פֿון 245 שטימען קעגן 124 איז אָנגענומען געוואָרן די רעזאָלוציע, וועלכע האָט פֿאַראורטיילט דעם הערשנדיקן קולטור־באַרבאַריזם, די באַגרענעצונ־גען לגבי דער ליטעראַטור און קונסט, די רעפּרעסיעס לגבי דער שטודירנדיקער יוגנט. די פֿאַרזאַמלונג האָט נאָך באַוויזן אָנצונעמען אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע, וואָס האָט באַגריסט דאָס טשעכאָסלאָוואַקישע פֿאָלק מיט דעם „פּראַגער פּרילינג" פֿון פֿרייהייט.

בעתן אַרויסגיין פֿון פֿאַרזאַמלונג־זאַל איז יעדער איינער דורכגעשטאָכן געוואָרן מיט די אויגן פֿון די אויסגעשולטע „שמעקערס", וואָס האָבן געזאָלט אויסדריקן כלומרשטן אַרבעטער־צאָרן קעגן די שעפֿערס פֿון דער ליטעראַטור.

די ווירקלעכע אַרבעטערס, וועלכע האָבן מיט זייער פֿאַרגאָסענעם בלוט אין פּויזן דורכגעלייגט דעם וועג צום „פּוילישן אָקטאָבער", האָבן צו יענער צייט נאָך געשוויגן, זיך נישט באַהעפֿט צו דעם ווידערשטאַנד־קאַמף פֿון דער אינטע־ליגענץ און פֿון דער אַקאַדעמישער יוגנט.

די צערייצטקייט פֿון די גאָמולקאַ־הערשער נאָך דער פֿאַרזאַמלונג פֿון די שרייבערס, נאָכן באַצייכענען די מאַכט אַלס אָנגעפּירטע דורך פֿינצטערלינגען, אַלס טרעגער פֿון רעאַקציע, האָט דערגרייכט איר אַפּאָגיי נאָך דעם, ווי עס זענען נאָך אַנאַנד און אויף אַ מאַסנהאַפֿטן אופֿן אַרויסגעטרעטן די סטודענטן פֿון וואַרשע, און לויט זייער בייִשפּיל — די אַקאַדעמישע יוגנט פֿון גאַנץ פּוילן. זיי האָבן זיך שוין נישט באַגרענעצט בלויז צום פּראָטעסטירן קעגן די רעפּרעסיעס לגבי סטו־דענטן, קעגן פֿאַרשווערכן די אוצרות פֿון דער נאַציאָנאַלער קולטור. אין די אויפֿרופֿן, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אין אַלע אוניווערסיטעט־שטעט, איז פּראָטעסטירט געוואָרן קעגן ברעכן די קאָנסטיטוציע פֿון דער מדינה, קעגן ווילקיר פֿון דער פּאָליציי, קעגן דער צענזור, פֿאַר פֿרייהייט פֿון וואָרט.

אַ באַזונדערן אויסדרוק האָבן די דאָזיקע דעמאָקראַטישע לאָזונגען באַקומען דעם 8טן מערץ 1968. מיט 5 טעג פֿאַר דעם איז אין יאַצעק קוראָנס דירה פֿאַר־געקומען אַ באַראַטונג פֿון די אַקטיוויסטע „קאָמאַנדאָסן". דאָרט איז באַשלאָסן געוואָרן צו רופֿן אַ מאַסן־מיטינג אויפֿן הויף פֿון אוניווערסיטעט, כדי צו פּראָ־טעסטירן קעגן די רעפּרעסיעס לגבי די סטודענטן און קעגן פֿאַרבאָטן די פֿאַר־שטעלונג „דזשאַדי". פֿון האַנט צו האַנט האָט געגומען וואַנדערן אַ פֿלוגבלעטל און צום האַלבן טאָג פֿון 8טן מערץ איז דער אוניווערסיטעט־פּלאַץ געווען פֿול מיט אַ יונגן עולם פֿון העכער 1000 סטודענטן און אַ גרויסע צאָל סאָלידאַרע מיט זיי פּראָפֿעסאָרן. דער פֿאָרויס באַשטימטער רעדנער האָט הויך פּראָקלאַמירט: „מיר קעמפֿן פֿאַר דער אומאָפּהענגיקייט פֿון פּוילן, פֿאַר פֿרייהייט, פֿאַר די דע־

מאָקראַטישע טראַדיציעס פון אונדזער לאַנד. גלייכצייטיק קעמפן מיר אין שוץ פון דעם אַרבעטער־קלאַס, ווייל עס איז נישטאָ קיין ברויט אָן פרייהייט, אַזוי ווי עס איז נישטאָ קיין לערע אָן פרייהייט".

אין דער פאַרגעלייגטער רעזאָלוציע איז, צווישן אַנדערן, דערקלערט געוואָרן: „מיר ווילן נישט שווייגן אין אַנבליק פון רעפּרעסיעס. מיר פאָדערן אָפּצורופן די פאַראָרדענונג וועגן דערוויטערן פון אוניווערסיטעט די קאָלעגן אַדאַם מיכניק און הענריק שלייפער. מיר פאָדערן, אַז אין משך פון 2 וואָכן זאָל דער מיניסטער פון בילדונג און הויכשולן, הענריק יאַבלאָנסקי, און דער רעקטאָר פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, איבערגעבן אַ דירעקטן ענטפער דער סטודענטישער געזעלשאַפט־לעכקייט אויף אונדזערע פאָדערונגען". די רעזאָלוציע האָט אויסגעדריקט איר פולע אונטערשטיצונג פאַר די פוילישע שרייבערס: „מיר סאָלידאַריזירן זיך מיט דער שטימע פון די שעפערישע סביבות, וועלכע טרעטן אַרויס צו פאַרטיידיקן די קולטור און די בירגער־פרייהייט".

נאָכן אָננעמען די רעזאָלוציע זענען די פאַרזאַמלטע, אין רייען, אַוועק צו דער געביידע פון רעקטאָראַט. דער פּראָרעקטאָר פּראָפ. ריביצקי האָט גערופן צום פאַנאַנדערגיין זיך. ער האָט צוגעזאָגט אויפצונעמען אַ דעלעגאַציע.

ווען די סטודענטן האָבן זיך גענומען פאַנאַנדערגיין, זענען פּלוצלונג אָנגעקומען די „גאָלענדזשינאָוו־יונגען", שוין נישט מאַסקירט אַלס אַרבעטערס, נאָר מיט גומענע שטעקנס און מעטאַלענע העלמען אויף די קעפּ. אַנטקעגן זיי איז אַרויס דער פּראָפעסאָר־עקאָנאָמיסט, טשעסלאַוו באָבראָווסקי, כדי זיך אַנטקעגנשטעלן דעם פּאָליציי־אָנגריף, האָט ער באַקומען קלעפּ פון די צעווילדעוועטע, אָנגעטרונ־קענע קוילער־יונגען. געשלאָגן האָבן זיי אויך דעם באַוווּסטן היסטאָריקער, פּראָ־פעסאָר סטאַניסלאַוו הערבסט. די פּאָליציי האָט זיך געוואָרפן מיט דער גאַנצער רציחה שלאָגן אויף רעכטס און אויף לינקס סטודענטינס, סטודענטן, פּראָפעסאָרן. זיי האָבן געשלאָגן אַפילו די, וואָס זענען געלעגן צעבלוטיקטע אויף דער ערד. אין פאַרויס צוגעגרייטע אויטאָבוסן זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן צענדליקער אַרעסטירטע סטודענטן. די פּאָליציי האָט באַלאַגערט אַלע אַרויסגענג און יעדן דורכגייענדיקן באַגלייט מיט קלעפּ.

דעם זעלבן טאָג זענען אַרויס אין אַ דעמאָנסטראַציע די סטודענטן פון וואַרשעווער פּאָליטעכניקום. און ווידער איז געקומען צו אַ געשלעג. פיל סטודענטן זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן. די מאַסע האָט באַגעגנט מאַטשאַרס פּאָליציי מיטן אויסגעשריי: „געסטאַפּאָ"! אויף צו מאַרגנס זענען די סטודענטן אַרויס אין אַ דעמאָנסטראַציע אין דער ריכטונג פון דער רעדאַקציע פון דער צייטונג „זשיטשע וואַרשאַווי". צו די סטודענטן זענען צוגעשטאַנען מאַסן מענטשן. די רייען זענען געוואַקסן און דערגרייכט העכער 5 טויזנט מאַן. דאָרט האָט צום ערשטן מאָל זיך דערהערט דער אויסרוף, וועלכער איז נאָך דעם אומעטום איבערגעחזרט געוואָרן: „די פּרעסע זאָגט ליגן!"

דעם זעלבן טאָג איז אַרעסטירט געוואָרן אַדאַם מיכניק און מיט אים צוזאַמען מיין עלטערער זון, אַלעקסאַנדער, וועלכער האָט זיך געפונען ביי אים אין דער

היים. אַרעסטירט זענען ווידער געוואָרן — שוין נאָכן אָפּזיצן עטלעכע יאָר אין תּפיסה, צוליב זייער „אָפּענעם בריוו" — יאַצעק קוראָן און קאַראָל מאָדזעלעווסקי. אַרעסטירט איז געוואָרן באַרבאַראַ טאָרונטשיק, די טאָכטער פון קאָמאַנדיר פון דער דאָמבראָווסקי־בריגאַדע אין שפּאַניע. אין תּפיסה האָט מען אַוועקגעזעצט די סטו־דענטן סעוועק בלומשטיין, הענריק שליפער, לעאָן ספּאַרד. די תּפיסות זענען געוואָרן איבערפולט. באַלד איז באַוווסט געוואָרן, אַז קעגן א. מיכניקן און ה. שליפערן איז צוגעגרייט געוואָרן אַ באַשולדיקונגס־אַקט. זייער „חטא" האָט געזאָלט באַשטיין אין דעם, וואָס זיי האָבן זיך געטראָפן מיטן קאָרעספּאָנדענט פון דער פאַריזער צייטונג „לע מאָנד" — בערנאַרד מאַרגאַריט, און אים איבער־געגעבן דעם „סוד" וועגן דעם אַלעמען, וואָס איז געשען מיט דער פאַרבאָטענער פאָרשטעלונג „דזשאַדי". דערפאַר האָט דאָס געריכט זיי שפּעטער פאַרמשפּט צו 3 און 3 מיט אַ האַלבן יאָר תּפיסה.

אין צווישנצייט איז די פּראָטעסט־באַוועגונג געוואַקסן. די „קאָמאַנדאָסן" האָבן באַוויזן אָנצובינדן קאָנטאַקטן מיט אַלע שטעט, ווו עס זענען געווען הויכשולן און אומעטום איז דער ענטפער פון דער יוגנט געווען דער זעלבער: אַ סוף צום פּאָליציי־ווילקיר! באַפרייען די הונדערטער אַרעסטירטע סטודענטן! פאַר אומ־אָפּהענגיקייט און פרייהייט! אומעטום זענען געווען מאַסן־מיטינגען, דעמאָנסטראַ־ציעס. אין ווראָצלאַוו האָבן די סטודענטן זיך דירעקט געווענדעט צו די אַרבעטערס. דער אַרבעטער־צאָרן, וועלכער איז לויטן באַפעל פון דער גאָמולקאַ־קליקע, דער־טרונקען געוואָרן אין אַ טייך פון בלוט, איז געקומען ערשט מיט 2 יאָר שפּעטער, אין דעצעמבער 1970. אָבער שוין אין 1968 איז דער ענטפער פון דער גאָמולקאַ־רעגירונג געווען: שלאָגן! הרגענען! אַרעסטירן! אָנווענדן רעפּרעסיעס לגבי די סאַמע באַוווסטע שרייבערס, פאַרבאָטן צו דרוקן זייערע ווערק, פאַרבאָטן צו דער־מאָנען זייערע נעמען, סיידן ביים באַצייכענען זיי אַלס „פרעמדע אַגענטן". אויף דעם שרייבער קישעלעווסקי איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ באַנדיטישער אָנפאַל.

אין דער דאָזיקער אַטמאָספער פון טעראָר האָט מאָטשאַר באַקומען די אויבער־האַנט. די גאָמולקאַ־אָנפירונג האָט געפילט די געפאַר אויך פון זיין זייט. און זי איז געקומען צו דעם אויספיר: איבערשטייגן דעם פּאָליציי־גענעראַל מיט דער הילף פון אַ פראַנטאַלן אַנטיסעמיטישן אָנגריף. דעם 19טן מערץ 1968 זענען גערופן געוואָרן קיין וואַרשע פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן און אַקטיוויסטן פון גאַנץ פּוילן. דער גרעסטער זאַל פון קולטור־פּאַלאַץ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט העכער דריי טויזנט צעהיצטע, גרייטע אויף אַלץ, הון־ווי־בינען. די שטימונג אין זאַל, די טראַנספּאַרענטן, פון וועלכע עס האָבן אַראָפּגעשריגן לאָזונגען קעגן די רע־וויזיאָניסטן, קעגן די ציוניסטן, מיטן רוף צו גאָמולקאַן ער זאָל זיין אַנטשלאָסן, דרייסט און אומברחמנותדיק. דאָס בילד, אַזוי ווי עס איז געוויזן געוואָרן אין דער טעלעוויזיע, האָט אויסגעזען ווי אַ קאָפּיע פון אַ היטלערישן פּאַרטייטאָג.

די רעדע פון דעם „פירער" גאָמולקאַ איז געווען פולשטענדיק געשטיצט אויף פּאָליציייִשע מעלדונגען. ער האָט כּסדר „דעמאַסקירט" די יידן — אַז בעת דער באַראַטונג ביי קוראָניען, ערב דעם 8טן מערץ, איז די מערהייט אָנטיילנעמערס

באַשטאַנען פון יידישע סטודענטן; אַז די סטודענטין, וועלכע האָט בראש פון אַ דעלעגאַציע דערלאַנגט אַ פּעטיציע אין סיים, הייסט נישט לאַסאָטאַ, נאָר איר ווירקלעכער פאַמיליע־נאָמען איז הירשאָוויטש. און אַזוי כסדר, לויט די צוגע־גרייטע „אינפאָרמאַציעס" פון די מאָטשאַר־קוואַלן. מיט אַ באַזונדער רציחה האָט ער זיך געוואָרפן אויף די שרייבערס. פון דעם באַרימטן פּאָעט, אַנטאָני סלאָנימסקי האָט ער געמאַכט... אַן אַנטיסעמיט. מיט שוים אויף די ליפּן האָט ער גענומען דיסקרעדיטירן, מיט דער הילף פון פּאָליציי־ראַפּאָרטן דעם שרייבער־היסטאָריקער, פּאַוועל יאַשעניצאַ, וועלכער האָט אַזוי שאַרף פאַראורטיילט דעם אַנטיסעמיטיזם.

נאָך דער דאָזיקער רעדע פון גאָמולקאַן האָט זיך ערשט פאַנאַנדערגעוויגט אַן אומאויפהערלעכער אַנטיסעמיטישער, אַנטירעוויזיאָניסטישער שדים־טאַנץ. מיט 6 טעג שפּעטער האָט מען פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט אַרויסגעוואָרפן די פּראָפעסאָרן לעשעק קאָלאַקאָווסקי, בראָניסלאַוו באַטשקאָ, וולאָדזשימיעזש ברוס, די דאָצענטן, זיגמונט באומאַן, סטעפאַן מאָראַווסקי, מאַריאַ הירשאָוויטש. דעם פּראָפעסאָר סטעפאַן זשולקעווסקי האָט מען אָפּגערופן פון זיין אַמט אַלס סעקרעטאַר פון ערשטן אָפּטייל פון דער פּוילישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. די רייניקונג האָט געגרייכט צו אַלע הויכשולן. מען האָט אָפּגעזאָגט באַוווּסטע געלערנטע און אויף זייער אָרט אַוועקגעזעצט הון־וויי־בינען, וועלכע זענען אין פּוילן באַצייכנט געוואָרן מיטן חוזק־נאָמען, „מאַרץ־דאָצענטן".

פון מלוכהשע און פּאַרטייִשע אינסטיטוציעס זענען אָנגעקומען ידיעות וועגן אָפּגעזאָגטע פאַראַנטוואָרטלעכע, דערפאַרענע טוערס, אָפּט אַזעלכע, וועלכע האָבן אַפילו געהאַט אויסבאַהאַלטן זייער יידישן אָפּשטאַם. אויף אַ פּלענום פון צ"ק, וואָס איז פאָרגעקומען אין יולי 1968, האָט דער געוועזענער באַפולמעכטיקטער פון דער רעגירונג פאַר אויסנוצן אַטאָם־ענערגיע, ווילהעלם ביליג, דערציילט וועגן דער לאַגע אין דעם אינסטיטוט פון אַטאָם־פאָרשונג. דאָרט זענען באַזייטיקט געוואָרן באַוווּסטע ספּעציאַליסטן־געלערנטע אַלס באַשולדיקטע אין ציוניזם. בלויז אין וואַרשע זענען אין משך פון 3 חדשים אַראָפּגענומען געוואָרן פון זייערע פּאָסטנס 483 יידן, אָדער אַזוי גערופענע „פּאָכאָדזעניאָוועצעס" (וועלכע האָבן זיך אַליין געהאַלטן פאַר פּאָליאַקן „פון יידישן אָפּשטאַם"). צווישן די אָפּגעזאָגטע זענען אויך געווען 39 פיזישע אַרבעטערס. דער „יידישער רעפעראַט" פון דער פּאָליטישער פּאָליציי, אונטער דער אָנפירונג פון וויסטן אַנטיסעמיט וואַלעכנאָווסקי*) האָט נאָך אַנאַנד צוגעשטעלט נעמען פון „דעמאַסקירטע" יידן־אָפּשטאַמיקע, אָפּט פון מענטשן, וועלכע האָבן לחלוטין נישט געוואָוסט וועגן וועלכער עס איז שייכות צו יידן.

מיט פאַרשטשעמטע ציין האָבן מיר אויפגענומען די ידיעות פון שטעט און שטעטלעך וועגן דער צעווילדעוועטער אַנטיסעמיטישער אַקציע. עס האָט מער קיין שום זין נישט געהאַט צו אַפּעלירן צו דער פּאַרטיי־אָנפירונג, הגם לייב דאָמב

*) דאָס האָט ער צוגעשטעלט דעם אַנטיסעמיטישן מאַטעריאַל פאַר גאָמולקאַס רעדעס. אַלס באַלוינונג האָט ער שפּעטער באַקומען דעם פּראָפעסאָרן־טיטל און די אָנפירונג מיט אַן „אינסטיטוט פאַר אינערן־פּראָבלעמען" ביים אינערן־מיניסטעריום.

האָט געהאַט אָנגעשריבן אַן אַלאַרמירנדיקן בריוו צו גאָמולקאַן וועגן דער דראָ־
ענדיקער געפאַר אומצוברענגען דעם 1000 יאָריקן יידישן ייִשוב. פאַרשטייט זיך,
אַז קיין שום ענטפער איז נישט געקומען. מ׳האָט אַפילו אין די „הויכע פענצטער״
נישט רעאַגירט, ווען אויף אַ פאַרזאַמלונג אין דעם יידישן לעדער־קאָאָפּעראַטיוו
אין וואַלבזשיך, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון יונגן יידישן קאָמוניסט פון
לוואָוו, נפתלי באָטווין, וועלכער איז פאַרמשפט געוואָרן צום טויט פאַרן דערשיסן
דעם פּראָוואָקאַטאָר צעכנאָווסקי, האָט אַן אָנפירנדיקער טוער, אַ פּאָליאַק, פאַר־
געלייגט צו ענדערן דעם יידישן נאָמען פון דער אונטערנעמונג אויף אַ פּוילישן.
אַ יידישער אַרבעטער האָט דעמאָלט מעשה־חוזק געפרעגט: „אפשר אויפן נאָמען
פון צעכנאָווסקין?״ דער ענטפער איז געווען: „עס קען זיין...״

אָבער דאָס איז ערשט געווען דער אָנהייב פון דעם פראָנטאַלן אָנגריף אויף
די יידן. כדי אים צו שטאַרקן איז געקומען אַ ספּעציעל צוגעגרייטע פּראָוואָקאַציע.
און דאָס מיט יידישע הענט.

פון בירגערס — אונטערטאַנען

אויב אורטיילן לויט די אַרטיקלען, קאָרעספּאָנדענצן, רעפּאָרטאַזשן אין דער „פֿאָלקס־שטימע" און „יידישע שריפֿטן" פון אָנהייב יאָר 1968, ווער אויסקומען, אַז קיין שום געשעעניש, וואָס האָבן אַ דירעקטע שייכות געהאַט צו דער יידישער סביבה אין פוילן, זענען נישט פאָרגעקומען. אין אַ לייט־אַרטיקל האָט דער פאָר־זיצער פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד דער־קלערט, אַז „די אויפגאַבע נומער איינס פאַרן גאַנצן פאַרבאַנד באַשטייט אין שאַפן לערנפונקטן פון יידיש אין אַלע שטעט און שטעטלעך". פאַר אַלע אַרטיקע אָפּ־טיילונגען איז געשטעלט געוואָרן די אויפגאַבע זיך צו גרייטן באַצייטנס, כדי ווי געהעריק אָפּצומערקן דעם 25טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. געשריבן האָט מען וועגן די נייע פאַרלעגערישע פּלענער, וועגן פאַרגרעסערן די צאָל אַבאָנענטן פון יידישן בוך. קיין וואָרט איז נישט געווען און האָט נישט געטאָרט זיין וועגן דער וווירקלעכער לאַגע פון די יידן, וועגן דעם וואַקסנדיקן אומרו צוליב דער נישט געצוימטער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע און פּראַקטיק.

אָרטיקע טוערס פון אונדזער פאַרבאַנד זענען אַליין אָפטער געקומען קיין וואַרשע מיט דער האָפענונג צו דערהערן אַ וואָרט ווי אַזוי מיר, אין צענטער, שאַצן אָפּ די לאַגע, וואָס זעען מיר פאַר, וואָס דאַרף מען טאָן.

וואָס ווייטער פון מיינע טעלעפאָנען (כ'בין זיכער געווען, אַז דאָרט זענען איינמאָנטירט אונטערהער־אַפּאַראַטן), איז אַוועק אַ שטילער שמועס מיט גוטע, געטרייע, אויסגעפּרוווטע יידישע טוערס וועגן דער לאַגע. עפּעס מער טאָן, ווי אַפּעלירן צו דער פּאַרטיי־אָנפירונג, זענען מיר נישט בכוח געווען. די כוואַליע פון שנאה לגבי אַלע יידן (אויך לגבי יענע, וועלכע האָבן זיך באַטראַכט אַלס פּאָליאַקן) האָט גענומען אונדז דערגיין ביזן האַלדז. אין יענער עת־צרה איז אָפּט אויסגעקומען איבערצוגעבן נאָענטע חברים די רייד פון ה. לייוויקן — דעם דיכטער, וועלכער האָט אַזוי ווי ספּעציעל־אונדז, אין אונדזער לאַגע, געוואָרנט:

„פאַרצווייפלונג קען אויפטאָן פאַר דיר נאָר איין זאַך: זי קאָן נעמען קלאַפּן מיט דיין קאָפּ אין דעם האַרטן דיל און צעברעכן נישט דעם דיל, נאָר דעם קאָפּ דיינעם".

אויף אונדזער פאַרצווייפלונג, אַזוי ווי אויף יידישן זעלבסטמאָרד בעת דער היטלער־אָקופּאַציע, האָבן געוואַרט די ביטערסטע שונאים, וועלכע עס איז דאָך געלונגען צו פּראָוואָצירן די אומגעדולדיקסטע און ווייניק פאַרזיכטיקע — די געטרייע, שטאָלצע יידישע יוגנט.

צו מיר איז געקומען זיך אַן עצה האַלטן דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער

אַרבעט צווישן דער יוגנט, שמואל טענענבלאַט. אין יידישן יוגנטקלוב „באַבעל״, וועלכער האָט פון צייט צו צייט איינגעאָרדנט באַגעגענישן מיט אינטערעסאַנטע מענטשן, דאַרף פּאַרקומען אַ צונויפטרעף מיטן הויפּט־רעדאַקטאָר פון דעם ליבע־ראַלן וואָכנבלאַט „פּאָליטיקאַ״, מיעטשיסלאַוו ראַקאָווסקי *). שמואל טענענבלאַט האָט ביי מיר געפרעגט, ווי איך באַצי זיך דערצו. איך האָב אים געזאָגט, אַז אין נאָרמאַלע צייטן איז אַזאַ באַגעגעניש פון אונדזער יוגנט מיט מ. ראַקאָווסקין, זייער אַ געוווּנטשענע. ער איז חוץ רעדאַקטאָר פון דעם אינטערעסאַנטן וואָכנבלאַט, (וועלכע האָט זיך נישט באַשמוצט מיט אַנטיסעמיטיזם) אויך אַ גרינטלעכער קענער פון דייטשן פּראָבלעם (זיין דאָקטאָראַט איז געווען אויף דער דאָזיקער טעמע). אָבער אין דער איצטיקער סיטואַציע קען אַ פאַרזאַמלונג מיטן אָנטייל פון מיע־טשיסלאַוו ראַקאָווסקי ברענגען צו נישט פּאָרויסגעזעענע און פאַר אונדז נישט געווונטשענע רעזולטאַטן. איך האָב דעריבער געראָטן אומבאַדינגט אָפּצולייגן די באַגעגעניש.

עס איז נישט דורך קיין סך צייט און מיט דעם זעלבן ענין איז צו מיר געקומען דער פאַרוואַלטער פון אונדזער בילדונגס־אָפּטיילונג, וועלכער האָט ענג צוזאַמענגעאַרבעט מיט די יוגנט־טוערס. דער ענין האָט מיר אָנגעהויבן אויס־צוזען פאַרדעכטיקט. סוף כל סוף בין איך שוין נישט דער פאָרזיצער פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג און האָב נישט קיין שום רעכט צו באַשליסן, צי אַזאַ פאַר־זאַמלונג זאָל אין יענעם, זייער אָנגעשטרענגטן מאָמענט, פאָרקומען. איך האָב מיין מיינונג איבערגעחזרט און געוואָרנט, אַז די אָרגאַניזאַטאָרן וועלן נעמען אויף זיך גרויס אַחריות פאַר די עווענטועלע רעזולטאַטן.

ווען צו מיר איז מיט דעם זעלבן ענין אויך געקומען דער סעקרעטאַר פון דער וואַרשעווער פאַרוואַלטונג פון אונדזער פאַרבאַנד, — און ווידער אַ מאָל כּלומרשט זיך אַן עצה צו האַלטן — איז פאַר מיר פולשטענדיק קלאָר געוואָרן, אַז „אויסערלעכע כוחות״ זענען שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז אַזאַ פאַרזאַמלונג זאָל פאָרקומען; אַז דערויף זאָלן געבן זייער הסכּמה — סיי איך און סיי ד״ר ספאַרד; אַז גראַד מיט מיעטשיסלאַוו ראַקאָווסקין, און נישט מיט קיין אַנדערן, זאָל פאָרקומען די טרעפונג.

איך האָב זיך געווענדעט דירעקט צו ראַקאָווסקין (איך האָב אים געקענט נאָך פון די צייטן, ווען ער איז געווען אינסטרוקטאָר פון דער פּרעסע־אָפּטיילונג פון צ״ק). איך האָב אים געבעטן, אַז ער זאָל אָפּרופן די פאַרזאַמלונג, זאָל אויסמיידן אַ מעגלעכע געשעעניש, וועלכע קען זיך שלעכט אָפּרופן אויף דער יידישער סביבה. ראַקאָווסקי האָט זיך באַמיט מיך צו באַרויִקן און בוכשטעבלעך מיר פאַרזיכערט: „איך וועל זיך אַן עצה געבן...״

און ער האָט זיך קיין עצה נישט געגעבן.

די אַטמאָספער אין דעם איבערפולטן זאַל פון יידישן קלוב איז פון אָנהייב אָן געווען אָנגעגליטע. עס האָט אויסגעזען, אַז אונדזער יוגנט איז נישט געקומען

*) פון 1981 — וויצע־פרעמיער־מיניסטער פון דער פוילישער רעגירונג.

הערן מ. ראַקאָווסקיס רעפּעראַט וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר האָט געוואָלט אַליין רעדן. אַוועק זענען רייד שאַרפע, צונטער־אַנגעגליטע, וועגן דיריגירטער פון אויבן יידן־שינאה, וועגן פאַשיזם, וואָס הויבט אויף דעם קאָפּ אין פוילן. די שאַרפסטע רעדע האָט געהאַלטן דער מיטגליד פון דער רע־דאַקציע־קאָלעגיע פון דער פוילישער ביילאַגע צו דער „פאָלקס־שטימע", נתן טענענבוים. ער האָט פאַרגליכן דעם פאַרטיי־אָרגאַן, די מאַסן־צייטונג „זשיטשע וואַרשאַווי", צו געבעלסעס אָרגאַן „דאַס רייך". דער עולם האָט דערביי שטאַרק אַפּלאָדירט און מ. ראַקאָווסקי האָט זיך אַזוי ווי פאַרלוירן. זיין קעגנרעאַגירן האָט קיין באַרויִקונג נישט געבראַכט.

דער יוגנט־עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין אַ געהויבענער שטימונג — „אַראָפּגערעדט זיך פון האַרצן". טריומפירט האָט אָבער די אַנטיסעמיטישע דריי־אייניקייט — די גאָמולקאַ־אָנפירונג, דער פּאָליציי־גענעראַל מאָטשאַר און דער סאָוועטישער אַגענט, פּיאַסעצקי. זייער פּראָוואָקאַציע האָט זיך פולשטענדיק איינ־געגעבן. זיי האָבן באַקומען אַ קאָנקרעטע „באַשטעטיקונג" פאַר זייער הויפּט־באַשולדיקונג, אַז אין אַלץ זענען שולדיק די יידן.

דער ערשטער קעגן אונדז, מיט דער אָנווייזונג, אַז דער שטאָב פון דעם „סטודענטן־בונט" אין פוילן געפינט זיך אין יידישן יוגנט־קלוב „באַבעל", איז אַרויס דער אָרגאַן פון פּיאַסעצקיס „פּאַקס" — „סלאָוואָ פּאָווסעכנע". באַלד האָט זיך צערעוועט דער גאַנצער כאָר פון יענע לייט, לגבי וועלכע עס איז גילטיק געווען די סטודענטישע וואָרענונג: „די פּרעסע זאָגט ליגן!" — אָנהייבנדיק פון קאַזשימיעזש קאָנקאָלס „זשיטשע אי פּראַווּאָ" *) און ענדיקנדיק מיטן צענטראַלן פאַרטיי־אָרגאַן, „טריבונאַ לודו", וועלכע האָט זיך נישט געמיאוסט צו באַנוצן די אינפאָרמאַציעס פון שפּיצלעס־פּראָוואָקאַטאָרן, אויך פון דער יידישער סביבה. אַזוי, למשל, האָט געשריבן די „טריבונאַ לודו" (פון 26טן מערץ 1968): „ס'איז באַוווּסט, אַז די דירעקטע אַרויסרופערין פון די געשעענישן איז געווען אַ גוט־אָרגאַניזירטע גרופּע סטודענטן, אָדער געוועזענע סטודענטן פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, דער עיקר פון יידישן אָפּשטאַם, באַקאַנטע אַ לענגערע צייט מיט זייערע רעוויזיאָניסטישע אָנשווּונגען און אַרויסטרעטונגען". און כדי צו באַשטע־טיקן דעם דאָזיקן אַנטיסעמיטישן בילבול האָט די זעלבע צייטונג איבערגעדרוקט אַן איבערגעאַרבעטע ווערסיע פון אַ בלעטל, וואָס איז פּראָדוצירט און פאַרשפּרייט געוואָרן דורך דער פּאָליטישער פּאָליציי, ווי אַ „ווענדונג צו די וואַרשעווער סטודענטן":

„אָט זענען די, וועלכע ווילן מיט אייך אָנפירן... כדי אייך צו פאַר־גרינגערן דעם אויסוואַל, וועלן מיר פאָרשטעלן אייניקע פון זיי:
אַדאַם מיכניק — דער זון פון אָזיאַש שעכטער. די לערע פון פּראָוואָ־

---

*) ק. קאָנקאָל האָט אַלאַרמירט, אַז דאָס האָבן די סטודענטן געפּלאַנט... אַ מלוכה־איבערקערעניש.

קאַציעס און פּאָליטישע מאַכינאַציעס האָט ער גענומען בײַ קוראָניען און מאָדזעלעווסקין, באַוווּסטער אָנפירער פון דער גרופּע. אַ שטענדיקער און פאַרדינסטפולער אינפאָרמאַטאָר פון דעם ראַדיאָ „פרײַ־אייראָפּע“.

אַלעקסאַנדער סמאָליאַר — דער זון פון דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקס־שטימע“, אָרגאַן פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן, אַן אַקטיוויסט פון קלוב „באַבעל“, אַסיסטענט פון דער קאַטעדרע פון פּראָפ׳ וולאָדזשימיעזש ברוס — אין זיין צעשטערערישער אַרבעט העלפט אים מיט זיין ברודער עוגעניוש, אַ סטודענט פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

הענריק שלײַפער — דער זון פון אַ צענזאָר אין דעם הויפּט־אַמט פון קאָנטראָל פון דער פּרעסע, פּובליקאַציעס און פאָרשטעלונגען. דעם 5טן יוני פאַראַיאָרן האָט ער דערלאַנגט אַ סאָלידאַריטעט־דעקלאַראַציע אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע; אַן אַקטיוויסט פון קלוב „באַבעל“. געשעצט דורך די מערב־קאָרעספּאָנדענטן, שטעלט צו אינפאָרמאַציעס פאַר „פרײַ־אייראָפּע“.

אירענאַ גרודזשינסקאַ — די טאָכטער פון וויצע־מיניסטער פאַר וואַלד־אָנגעלעגנהייטן. די שענסטע מיידל אין דער גרופּע. אַ שטענדיקע קליענטין פון די וואַרשעווער קאָמיס־געשעפטן.

עוווניאַ זאַזשיצקאַ — די טאָכטער פון געוועזענעם פּאַרזיצער פון דעם וואַרשעווער נאַציאָנאַל־ראַט. מעגלעך די פּעיקסטע צום גייסטיקן הערשן, ווייל זי איז באַוווּסט מיט איר גרינגשעצונג צו קאָלעגן־סטודענטן, אָפּשטאַמיקע פון אַרבעטערס און פּויערים. ספּעציאַליזירט זיך אין אויסלעשן פּאַפּיראָסן אין דזשעם *).

באַרבאַראַ טאָרונטשיק — די טאָכטער פון ראָמאַנאַ, מיטאַרבעטערין פון אַנשטאַלט פאַר פּאַרטיי־געשיכטע **). נאָך אַ יאָריקן שטודירן אין לאָנדאָן און פּאַריז, באַמיט זי זיך מיט אַ באַזונדערער אַקטיווקייט אָפּאַרבעטן די פאַרפעלטע צייט.

יוזעף דײַטשגעוואַנט — דער זון פון פייגע און שלמה, אַן אַקטיוויסט פון קלוב „באַבעל“, איינער פון קוראָנס און מאָדזעלעווסקיס הויפּטהעלפער, איצט — בראש פון די אָרגאַניזאַטאָרן און אינספּיראַטאָרן פון די אַוואַנטורעס.

קריסטינאַ פּלאַטע — די טאָכטער פון דירעקטאָר פון אַ דעפּאַרטאַמענט אין אויסערן־מיניסטעריום.

קשישטאָף טאָפּאָלסקי — דער זון פון מיניסטער־באַפולמעכטיקטן פון

*) ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז עווא זאַזשיצקאַ בכלל נישט געווען אין פוילן בעת די סטודענטישע אַרויסטרעטונגען.

**) אין דעם פאַל האָט די פּאָליציי נישט אָנגעגעבן דעם נאָמען פון איר טאַטן, דעם געוועזענעם העלדישן קאָמאַנדיר פון דער דאָמבראָווסקי־בריגאַדע אין שפּאַניע — הענריק טאָרונטשיק.

דער רעגירונג פֿאַר דער דעגלאָמעראַציע פֿון דער הויפּטשטאָט. אַ דאַנק דעם טאַטן בייט ער אָפּט די הויכשולן.

קריסטינאַ ווינאַווער — די טאָכטער פֿון אַ ריכטער פֿון העכסטן געריכט, די מאַמע — אַלינאַ גאָלדגאַרב איז אַ רעדאַקטאָר פֿון אַ מלוכה־פֿאַרלאַג."

דער צוקלייב פֿון נעמען האָט געזאָלט רעדן פֿאַר זיך אַליין: אַלע אָפּשטאַמיקע פֿון יידן אויף הויכע פּאָסטנס.

די „טריבונאַ לודו" האָט ביים איבערחזרן די פּאָליציי־ליסטע, בלויז אָנגעגעבן ביי מיין נאָמען, אַז איך בין אַ רעדאַקטאָר סתם פֿון אַ צייטונג, נישט אָנרופנדיק די „פֿאָלקס־שטימע", כדי נישט חושד זיין אין איבערחזרן די בולט־אַנטיסעמיטישע טענדענץ פֿון דעם „בעזפּיעקע"־אויפֿרוף.

אַלינאַ רוס און זשדיסלאַוו אַנדרושקעוויטש, צוויי אויטאָרן פֿון דעם אָרגאַן פֿון יוגנט־פֿאַרבאַנד, „וואַלקאַ מלאָדיך", האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין אַזאַ מין סיסטעמאַטישער ראַסיסטיש־אַנטיסעמיטישער העצע, וואָס האָט פֿולשטענדיק קאָנקורירט מיט די פֿאַרמלחמהדיקע ענדעקעס, ריכטנדיק זיך מיט שטרייכערס ליניע. זיי האָבן, צום ביישפּיל, געשריבן (דעם 31טן מערץ 1968): „צי איז עס אַ צופֿאַל, וואָס טאַקע די דאָזיקע גרופּע, קערעווענדיק זיך מיט דעם מעטריקע־שייכות, בלוט־קרובהשאַפֿט, אין רעזולטאַט, דער עיקר, פֿון זייער יידישן אָפּשטאַם, האָבן געזוכט אַ געמיינזאַמע פּאָן".

אַ גוט־אָרגאַניזירטע, דורך מאָטשאַר, פּיאַסעצקין און גאָמולקאָס פּרעסע־סעקרעטאַר, נאַמיאָטקעוויטש, זשורנאַליסטן־גרופּע, האָט זיך ספּעציאַליזירט אין באַשמוצן יידן, אין מאַכן זיי פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אַלדאָס בייז, וואָס האָט געהאַט אַן אָרט אין פּוילן. צו זיי האָבן קודם־כל געהערט: רישאַרד גאָנטאַזש, וולאַדיסלאַוו מאַכעיעק, דער פֿאַרמלחמהדיקער ענדעק, הראַביק, דער אָפּשטאַמיקער פֿון דער גראַפֿן־פֿאַמיליע קראַשיצקי (געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים „שאַפּראַנסקי"). אַ ספּעציעלע גרופּע אַנטיסעמיטישע ספּעצן האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם אָרגאַן פֿון דער פּאָליטישער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער פּוילישער אַרמיי „זשאָלניעזש וואָלנאָשטשי", וועלכן מ'האָט מיט רעכט אָנגערופֿן דער פּוילישער „שטירמער". מיט אַ באַזונדער אייפֿער האָט זיי אַלעמען צוגעשטעלט גאַנצע פּאָרציעס אַנטי־סעמיטישן סם, דער שעף פֿון דער אָפּטיילונג אין אינערן־מיניסטעריום פֿאַר „יידישע פֿראַגן", טאַדעוש וואַלעכנאָווסקי. דער „מאַטעריאַל" מיט וועלכן קאַזשימיעזש וויטאַשעווסקי האָט נאָך מיט 5 יאָר פֿאַר דעם געהאַט מיך שאַנטאַזשירט מיט דער דראָונג אים צו פֿאַרעפֿנטלעכן, האָט דער „יידן־ספּעץ" ט. וואַלעכנאָווסקי איבערגעגעבן דער פֿאַרשפּרייטער צייטונג „זשיטשע וואַרשאַווי", וועלכע האָט געשריבן, אַז „25 טויזנט מיטגלידער פֿון קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרבאַנד פֿון די יידן אין פּוילן (אַזאַ צאָל מיטגלידער האָט דער פֿאַרבאַנד קיין מאָל נישט געהאַט — ה. ס.) האָבן באַקומען אין משך פֿון די יאָרן 1958—1966 הילף אין דער גרייס פֿון 5 מיליאָן 600.000 דאָלאַר".

גלייכצייטיק מיטן נאָך אַנאַנדיקן „באַווייזן" אין דער פּרעסע און אויף פֿאַר־

זאַמלונגען, ווי אַזוי יידן זענען געווען פּריווילעגירט, איז אָנגעגאַנגען אַ ווילדע רכילות־קאַמפּאַניע ווי געמיין און פּאַרעטעריש די יידן זענען. אין „טריבונאַ ליודו" (פון 5טן אַפּריל 1968) האָט געשריבן זביגניעוו לאַקאָמסקי, אַז „די מיטגלידער פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אין פּוילן זייערע געצאָלטע מיטאַרבעטערס". אין צענטראַלן אָרגאַן פון פּוילישן יוגנט־פאַרבאַנד, „שטאַנדאַר מלאָדיך" (פון 1טן אַפּריל 1968) האָט געשריבן גאַבריעל לעשעק: „די פּוילישע ציוניסטן, וועלכע האָבן פאַרנומען אין זייער צייט וויכטיקע פּאָסטנס אין אונדזער מלוכה־אַדמיניסטראַציע, האָבן זיך פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש". וולאַדיסלאַוו מאַכעיעק האָט דערקלערט אין „זשיטשע ליטעראַצקע" פון 21טן אַפּריל 1968, אַז „די פּאָליאַקן האָבן נישט ליב קיין פאַרשטעלטע פּאַצעטן און קיין געפעלשט בלוט".

אין דער דאָזיקער פאַרפּלייצונג פון בילבולים, ליגנס, באַליידיקונגען און היטלעריש־שטרייכערישע בלוט־אַרגומענטן, האָט זיך באַזונדער אָנגעזען דער בייטראַג פון אייניקע פּוילישע אינטעלעקטואַליסטן. אַ שטייגער פון פאַרזיצער פון דער קאָמיסיע צו פאָרשן די היטלערישע פאַרברעכנס, טשעסלאַוו פּיליכאָווסקי. ער האָט אין „טריבונאַ ליודו" פון 25טן מאַי 1968 געשריבן: „עס בלייבן אָפן (!) אַזעלכע פראַגן, ווי די ראָל פון די יידן אין די באַציִונגען מיט דער היטלערישער מאַכט אין דער ערשטער פאַזע פון דער עקסטערמינאַציע פון פּוילישן פאָלק, אין סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1939; די ראָל פון די אַרעסטאַנטן־יידן אין די היטלעריסטישע לאַגערן אין דער צייט, ווען די אַרעסטאַנטן פון יידישן אָפּשטאַם זענען געווען די „מאַכט" אין די דאָזיקע לאַגערן; די ראָל פון די יודענראַטן און יידישע פּאָליציי, די מיטאַרבעט פון יידן מיט דער געסטאַפּאָ".

אין אוניסאָן מיט דעם דאָזיקן צוקלייב פון ווילדע באַשולדיקונגען פון דעם זעלבן „געלערנטן", וועלכער האָט אַ באַזונדער טרויעריקע יידן־העצערישע ראָל אָפּגעשפּילט אין דעם ענין פון דער גרויסער פּוילישער ענציקלאָפּעדיע" (זע זייט 328) האָט ל. זאַרעמבאַ געשריבן אין „שטאַנדאַר מלאָדיך" פון 8טן אַפּריל 1968, אַז יידן זענען דער עיקר געווען צווישן די, וואָס האָבן פאַרפאָלגט די אַ"ק („אַרמיאַ קראַיאָוואַ" — פּוילישע מאַסן־אָרגאַניזאַציע בעת דער אָקופּאַציע, אָנגעפירט דורך דער פּוילישער עמיגראַנטן־רעגירונג אין לאָנדאָן) „און האָבן געשטעלט פאַר די היטלערישע עקזעקוציע־אָפּטיילן פּוילישע אָפיצירן".

דעם רעקאָרד פון באַשמוצן יידן דורך פאַרשטעלן, אַז שוין אין אורשפּרונג זענען זיי געווען „אונטערמענטשן", האָט געשלאָגן דער געוועזענער אַמבאַסאַדאָר פון פּוילן אין עגיפּטן און איטאַליע, קאַזשימיעזש סידאָר. אין זיין „ווערק" וואָס האָט געדאַרפט דערציילן וועגן דער נאַצער־איבערקערעניש, „די רעוואָלוציע אונטער די פּיראַמידן", האָט ער אַ ספּעציעל אָרט געווידמעט די יידן. ער האָט דאָרט געשריבן, אַז „די יידן שטאַמען פון לאַגער פון די קרעציקע, וועלכן די עגיפּטער האָבן פאַרלייגט אויף דער פּעריפעריע פון זייער מדינה". דער אַקטועלער אויספיר, וואָס עס האָט געדאַרפט אַרויסדרינגען פון סידאָרס „יידן־גענעאַלאָגיע"

(צו וועלכער עס האָט זיך נישט דערטראַכט אַפילו שטרייכער) איז בולט געווען: יידן זענען די קרעץ אויפן קערפּער פון די פעלקער...

„אונטער דער מיטלאַלטערלעכער מויער", אַזוי איז אין אַ ראַדיאָ־רעפּאָרטאַזש כאַראַקטעריזירט געוואָרן אַ יידישער קלוב פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד. דער פאַקט, וואָס אַלע האָבן דאָרט גערעדט יידיש, האָט דער אויטאָר דערקלערט מיט דער ווירקונג פון אינטערנאַציאָנאַלן ציוניזם. „פון די ווענט קוקן אַראָפּ פרעמדע פּנימער" — דאָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן די פּאָרטרעטן פון די יידישע קלאַסיקער מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ.

די גאַנצע פּרעסע האָט געבראַכט די ידיעה, אַז אין וורא‍צלאַוו האָט זיך אָפּגעפונען אַ „געלערנטער", טאַדעוש קאָכמאַנסקי איז זיין נאָמען, וועלכער האָט „באַוויזן", אַז אַלבערט איינשטיינס טעאָריע איז דורך און דורך פאַלש.

פון לעקסיקאָן, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן דער פּוילישער וויסנשאַפט־פאַרלאַג, איז פאַרשוווּנדן דער נאָמען פון דעם וועלט־באַרימטן פּיאַניסט, אַרטור רובינשטיין, אַן אָפּשטאַמיקער פון פּוילן.

מיט אַ פאַרשלאַג אַרויסצוואַרפן פון קבר אין דער אַליי פון די פאַרדינסטפולע אויפן מיליטערישן בית־הקברות, דעם געוועזענעם קאָמאַנדיר פון דער דאָמבראָווסקי־בריגאַדע אין שפּאַניע, הענריק טאָרונטשיק, איז אַרויסגעקומען עפנטלעך דער גענעראַל פּראַנטשישעק קשענזשאַרטשיק.

אויפן מיליטערישן לשון האָט עס די באַצייכענונג: „אַנטוויקלטער אָנגריף אויפן גאַנצן פראָנט" — ווו נאָר עס האָט זיך געפונען אַ ייד.

ביינאַנד מיט די אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען אין דער פּוילישער פּרעסע, אין ראַדיאָ און טעלעוויזיע, זענען אין אַלע שטעט פון פּוילן פאָרגעקומען מאַסן־מיטינגען, בעת וועלכע די אַרטיקע פּאַרטיי־שעפן זענען אַרויס מיט העץ־רעדעס, מיט דראָונגען לגבי די יידן, וועלכע וועלן פּרווון פּראָטעסטירן קעגן דעם אָנגריף אויף זיי. דער שפּעטערדיקער יורש פון גאָמולקאַן, דער זעלבסט־הערשער פון אויבער־שלעזיע, גערעק, האָט פון פאָרויס געוואָרנט, אַז „מיר וועלן זיך נישט לאָזן שאַנטאַזשירן מיט קיין שום דראָונגען, דעריך אויך מיטן כלומרשטן אַנטי־סעמיטיזם" און איז תיכּף איבערגעגאַנגען צום דראָען די יידן, אַז „די שלעזישע וואַסערן זענען נישט געווען און וועלן נישט זיין קיין וואַסערן אויף זייער מיל, אויף דער מיל פון די רעוויזיאָניסטן און ציוניסטן, די דינער פון אימפּעריאַליזם". דאַקעגן וועלן די שלעזישע וואַסערן, לויט גערעקן, דינען צום „צעקרישלען די בּיינער" פון די, וועלכע וועלן זיך אַנטקעגנשטעלן דער צעיושעטער ראַסיסטישער העצע. מיט דעם זעלבן לשון האָבן אויף מאַסן־מיטינגען גערעדט דער ערשטער פּאַרטיי־סעקרעטאַר פון פּויזן, יאַן שידלאַק און דער ערשטער סעקרעטאַר פון בידגאָשטש, סטאַניסלאַוו קראָטשעק —ביידע מאָטשאַר־אָנהענגערס, וועלכע זענען אין גיכן געוואָרן מיטגלידער פון פּאָליט־ביוראָ, אויפן אָרט פון יענע, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט מיטצומאַכן דעם מכשפה־געיעג קעגן יידן.

אַן אָפיציעלע פּאַרטייִשע און רעגירונגס־סאַנקציע פאַר דעם אָנגריף קעגן יידן האָט געגעבן דער דעמאָלטיקער פּרעמיער־מיניסטער (וועלכן מ'האָט מיט חוזק

אָנגערופן דער „אייזערנער קאַנצלער”), יוזעף ציראַנקעוויטש, אין זיין רעדע אין
סיים (דעם 11טן אַפּריל 1968). ער האָט איבערגעחזרט דעם נוסח פון די העץ־
רעדעס פון די מאָטשאַר־פּראָפּאַגאַנדיסטן, וועלכע האָבן נאָכן דראָען די יידן פון
פּאָרויס זיך באַוואָרנט, אַז זיי וועלן נישט לאָזן שאַנטאַזשירן מיטן פאָרוואורף אין
אַנטיסעמיטיזם” און אַז — „ס'איז נישט מעגלעך אין דער זעלבער צייט קיין
לאָיאַליטעט לגבי דעם סאָציאַליסטישן פּוילן און דעם אימפּעריאַליסטישן ישראל”.
ער האָט אונדז אויך פאַרמסרט, אַז... מאירווילנער — דער פירער פון רק”ח,
האָט ביי אונדז נישט באַקומען קיין אונטערשטיצונג.

נאָך ציראַנקעוויטשן איז אַרויסגעטרעטן פּיאַסעצקי, דער פירער פון אַנטי־
סעמיטישן „פּאַקס”, מיטן גאַנץ קאָנקרעטן אויספיר: „די אָנוועזנהייט פון ציוניסטן
אין דעם אַפּאַראַט פון וועלכער עס איז מאַכט איז, ווי עס האָט אַרויסגעוויזן די
איצטיקע דערפאַרונג, זייער שעדלעך פאַר די אינטערעסן פון דער מלוכה און
פון פאָלק”.

דער קאַמף קעגן יידן וואָס איז צייטנווייז מאַסקירט געוואָרן מיט אַנטיציוניזם,
איז געווען די בריק, וואָס האָט געפירט צו אַ פולשטענדיקן צונויפוווקס פון דער
גאָמולקאַ־אָנפירונג מיטן בלאָק פון מאָטשאַרן און פּיאַסעצקין *). די מאָביליזאַציע
פון פּראָפּאַגאַנדע־מיטלען, וועלכע זענען געקערעוועט געוואָרן קעגן יידן, האָט
אָנגענומען אַן אַלץ ברייטערן פאַרנעם און דערביי מיט דער אויסרעכענונג צו
באַווירקן די פאַרשיידנסטע שיכטן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג. מיט אַ באַ־
זונדער אייפער האָט עס געטאָן (און טוט עס ביז היינט) די פּאָליטישע הויפּט־
פאַרוואַלטונג פון דער פּוילישער אַרמיי. אַ סעריע אַנטיסעמיטישע בראָשורן, וואָס
זי האָט אַרויסגעגעבן, צונויפגעשטעלטע לויטן געבעלס־פּרינציפּ אָפּט איבערצו־
חזרן ליגנס, כדי עס זאָל דאָך צושטיין, האָבן פאַרלייקנט פאַקטן און געשעענישן,
וואָס זענען נאָך געווען פריש אין זכרון. אַזוי איז אין דער בראָשור פון ז. דאָמאַ־
ראַנטשיק מיטן „קאָפּ” — „די ישראל־אַגרעסיע אין 1967 — ישראל־זעלנערס —
די הונען פון 20סטן יאָרהונדערט” געשריבן געוואָרן: „דער באַשלוס וועגן צע־
טיילן פּאַלעסטינע אויף אַן אַראַבישער און ישראלדיקער איז אָנגענומען געוואָרן
אין רעזולטאַט פון פאַרגוואַלדיקן די באַשלוסן פון די פאַראייניקטע נאַציעס”. דער
פּאָלקאָווניק אַנטאָני שטשעשניאַק האָט געשריבן אין דער בראָשור „די דאָקטרין
און טעטיקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג”, אַז „די פאַרקלענערטע עמיגראַציע
פון יידן אין די זעכציקער יאָרן איז געקומען אין רעזולטאַט פון אַ דירעקטיוו פון
אַלוועלטלעכן ציוניזם צו בלייבן און ווירקן אין פּוילן. פון דאַנעט שטאַמט די
הילף פון „דזשאָינט”, פון „אָרט” און פון אַנדערע ציוניסטישע פאַקטאָרן”.

דער רעזולטאַט פון די באַמיִונגען, וואָס עס האָבן געמאַכט פּאַרטייִשע און

---

*) אַ באַשטימטע קעגנערשאַפט דערצו האָט בעתן 12טן פּלענום פון צ”ק פּזפּ”ר (דעם
8טן יולי 1968) אַרויסגעוויזן דער „נומער 2” פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג — זענאָן
קלישקאָ, וועלכער האָט אין זיין רעדע אָנגעוויזן, אַז „אין געוויסע פּאַרטיי־אָרגאַני־
זאַציעס, באַזונדערס פון באַאַמטע, ווערט קינסטלעך אויפגעהאַלטן אַן אַטמאָספער
פון קאַמף קעגן ציוניזם... מען אידענטיפיצירט אַ ייד מיט אַ ציוניסט”.

רעגירונגס־אינסטיטוציעס, גאָר באַזונדער דער אַפּאַראַט פון דער פּאָליטישער פּאָליציי צו באַקומען אַן אונטערשטיצונג פון פּוילישע שרייבערס, איז געווען אַ ביז גאָר נישטיקער. אַ שענדלעך ווערק האָט אָנגעשריבן דער באַקאַנטער פון פאַר דער מלחמה דיכטער, אַן אָנגעהעריקער צו פּפּ"ס — סטאַניסלאַוו רישאַרד דאָבראָוואָלסקי. זיין אַנטיסעמיטישער ראָמאַן אונטערן נאָמען „אַ נאַרישער ענין", איז אויפן ניוואָ פון אַ ביליקער בולוואַר־מאַכערייקע, ווו ער שטעלט פאָר די יידן אַלס מענטשן אָן ערע, געוויסנלאָזע, פאַררעטערס פון פּוילישן פאָלק, וועלכער האָט בעת דער 2טער וועלט־מלחמה פאַרגאָסן בלוט פאַר זיי. דעם דאָזיקן אַנטיסעמיט האָבן פּוילישע שרייבערס באָיקאָטירט.

געווילדעוועט ממש האָט דער גראַפאָמאַן און איגנאָראַנט, וולאַדיסלאַוו מאַכעיעק. אין זיינס אַ ראָמאַן אונטערן נאָמען „וואַרטנדיק אויפן לעצטן וואָרט", וואָס איז אין עטלעכע טיילן דערשינען אין די שפּעטערדיקע יאָרן, האָט ער געגעבן אַזאַ כאַראַקטעריסטיק פון דעם ייד כאַצקל: „אפשר ביסטו אויך אַ פרייקאָרפּס? אַזאַ היטלעריודע... און דו וואָלסט געלעקט היטלערן דעם הינטן, ווייל ער איז אַ דייטש". וועגן רישע פונקן שרייבט ער: „איצט זוכט ער גליקן אין לעבן אין ישראל, און אפשר בויט ער סאָציאַליזם אין די קיבוצים פאַר אַמעריקאַנער דאָלאַרן?" וועגן די יידן בכלל שרייבט ער „...מיט דער הילף פון שינאה אַלס איינציקן פּראָגראַם, וואָלטן זיי פאַרוואַנדלט די וועלט אין אַן אויסגעברענטער, טויטער וויסטעניש. ווען וועלן מיר זיך שוין דערקלייבן צו זייער פעל?"

און זיי האָבן זיך דערקליבן! און דערגרייכט זייער ציל: אָן ספּעציעלע געזעצן האָט מען ביי די יידן, וועלכע האָבן געהאַט פאַרבונדן זייער ווייטערדיק לעבן, זייער פּראַצע און געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע אויפטוען מיט דער פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק אָפּגענומען זייערע עלעמענטאַרע בירגער־רעכט. קודם־כל די רעכט זיך צו פאַרטיידיקן קעגן דעם טאָטאַלן, מלוכהש־פאַרטייִשן אַנטיסעמיטיזם. יידן האָבן דערפילט, אַז פון בירגערס פאַרוואַנדלט מען זיי אין אונטערטאַנען. דערויף זענען פּוילישע יידן נישט מסכים געווען.

עס האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון קאָלעקטיוון יידישן ענטפער.

די אויסגעשטרעקטע האַנט מיט הילף

מיר האָבן געפּרוּווט זיך פאַרטיידיקן. צוזאַמען מיט דער פאַרוואַלטונג פון יידישן יוגנט־קלוב „באַבעל", האָבן מיר אָנגעשריבן און פאַנאַנדערגעשיקט צו אַלע רעדאַקציעס און צו די העכסטע פּאַרטיי׳ישע און רעגירונגס־אינסטאַנצן אַ דער־קלערונג, אין וועלכער עס איז געזאָגט געוואָרן:

„די זעלבסטפאַרוואַלטונג און דער אַקטיוו פון דעם יוגנט־קלוב „באַבעל" ביי דער וואַרשעווער אָפּטיילונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פּוילן דריקן אויס זייער אויפרעגונג צוליבן רעדאַקציאָנעלן אַרטיקל אין „סלאָוואָ פּאָווסעכנע" פון 11טן מערץ 1968, וואָס איז געדרוקט ווי אַן אויפרוף „צו די סטודענטן פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט".

אונדזער אויפרעגונג דרינגט אַרויס סיי צוליב דעם אַלגעמיינעם טאָן פון דעם אַרטיקל, וועמענס אַרגומענטאַציע איז אויסגערעכנט אויף אַרויפ־וואַרפן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די לעצטע סטודענטישע אַרויסטרע־טונגען אויף דער יידישער סביבה, און גאָר באַזונדער צוליב דעם פאַקט, וואָס אונדזער קלוב איז אָנערקענט געוואָרן אַלס טרעפפּונקט פאַר די אָרגאַ־ניזאַטאָרן פון די אַרויסטרעטונגען.

...די בולטע טענדענץ ביים אָנגעבן אין דעם דאָזיקן אַרטיקל יידישע פאַמיליע־נעמען און דערביי אָנרופן אונדזער קלוב און אונדזער גרונט־אָרגאַניזאַציע — דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פּוילן, קען מען פאַרשטיין בלויז אַלס ווילן צום אינספּירירן אַנטיסעמיטישע שטימונגען, אין וואָס עס איז, ווייזט אויס, געגאַנגען דעם אויטאָר, אָדער דער רעדאַקציע.

מיט באַדויערן זעען מיר איינצייטיק, ווי אויך אַנדערע צייטשריפטן האָבן פאַרעפנטלעכט די פאַלשע אינפאָרמאַציע וועגן דעם קלוב „באַבעל"."

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט די דערקלערונג איבערגעגעבן בקיצור וועגן דעם כאַראַקטער פון דעם קלוב „באַבעל" אַלס נאָרמאַלן יוגנטקלוב, וואָס ווידמעט אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט אין זיין טעטיקייט דער יידישער קולטור־פּראָבלע־מאַטיק.

צום סוף פון דער דערקלערונג ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז די געבראַכטע אַרגומענטאַציע אין פּיאַסעצקיס אָרגאַן, דערמאָנט גאָר בולט די רכילות קעגן יידן פון דעם סאַנאַציע־אָנ"ר־אַרסענאַל.

קיין איין צייטונג האָט די דאָזיקע דערקלערונג נישט אָפּגעדרוקט. אין דער „פּאָלקס־שטימע" איז איר גאַנצער טעקסט קאָנפיסקירט געוואָרן.

צום פאַרטיידיקן אונדז, אויסדריקן שאַרפן פּראָטעסט קעגן דער אָרגאַניזירטער פון אויבן יידן־שינאה, האָבן זיך געגומען ווירקנדיקע פאַקטאָרן פון אויסן, אין פּוילן גופא — אָנגעזעענע פּוילישע פּערזענלעכקייטן און ביז גאָר וויכטיקע אינסטיטוציעס, אין אויסלאַנד — אַ מאַסן־באַוועגונג פון פּראָטעסט מצד ברייטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, ערטערווייז — אין דער ערשטער ריי — מצד די פּראָגרעסיווע, וועלכע האָבן אין דעם „נוסח פּוילן" געזען אַ פּאָזיציע קעגן דער אַבסאָלוטער דיסקרימינאַציע פון די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

ברייט באַוווּסט איז געוואָרן, אַז דער פאָרזיצער פון מלוכה־ראַט (אידענטיש צום אַמט פון מדינה־פּרעזידענט), עדוואַרד אָכאַב, האָט אַלס פּראָטעסט קעגן דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי־ און רעגירונג־אָנפירונג איבערגעגעבן גאָמולקאַן, אין דער אָנוועזנהייט פון די מיטגלידער פון פּאָליטביוראָ, יוזעף ציראַנקעוויטש און זענאָן קלישקאָ די פאָלגנדיקע דערקלערונג:

„אַלס פּאָליאַק און קאָמוניסט פּראָטעסטיר איך מיט דער טיפסטער אויפרעגונג קעגן דער אַנטיסעמיטישער העצע, וועלכע איז אָרגאַניזירט אין פּוילן דורך פאַרשידענע פינצטערע כוחות, די נעכטיקע אָנ"ר־לייט און זייערע היינטיקע מעכטיקע פּראָטעקטאָרן. אין דער סיטואַציע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין אונדזער פּאַרטיי, בין איך געצוווּנגען אָנצוגעבן מיין פּראָטעסט די פאָרם פון אָפּזאָגן זיך פון דעם מאַנדאַט אַלס מיטגליד פון פּאָליטביוראָ און פון צ"ק פּזפּ"ר.

איינצייטיק גיב איך איבער אַ שריפטלעכן אָפּזאָג פון אַמט פון פאָרזיצער פון מלוכה־ראַט און פאָרזיצער פון אַלפּויילישן קאָמיטעט פון פראָנט פון פּאָלקס־איינהייט."

אין דער געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג געהער עדוואַרד אָכאַבס פרייוויליקע רעזיגנאַציע פון די העכסטע פּאַרטייִשע און מלוכהשע אַמטן, גאָר באַזונדער — די מאָטיווירונג, צוליב דעם הערשנדיקן אַנטיסעמיטיזם — צו די זעלטענע פאַלן. אַלץ בולטער איז געוואָרן דער טיפער פּאָליטישער קריזיס אין דעם מלוכה־סיסטעם פון פּוילן. בפרט, אַז אַ ריי ווייטערדיקע פאַקטן האָבן דערצו מיטגעווירקט און אַנטפּלעקט דעם פּוילונגס־פּראָצעס פאַרן גאַנצן לאַנד.

דער באַוווּסטער שרייבער יעזשי זאַווייסקי, וועלכער איז צום ענגסטן געווען פאַרבונדן מיט דער היעראַרכיע פון קאַטוילישן קלויסטער און איז געווען אַ פאַרזענלעכער פריינד פון הויפּט־אָנפירער פון פּוילישן קאַטאָליציזם, קאַרדינאַל סטעפאַן ווישינסקי, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו זיין ווייטער אַ מיטגליד פון דער פאָרמעל־העכסטער מדינה־אינסטאַנץ — פון מלוכה־ראַט. געווען איז עס אַ פּראָטעסט קעגן דער טעראָריסטישער פּאָליטיק פון דער רעגירונג לגבי דער פּוילישער אינטעליגענץ, לגבי דער אַקאַדעמישער יוגנט, לגבי די יידן. אין גאַנצן לאַנד האָט מען

עס אויפגענומען נישט בלויז ווי אַן אַקט פון פּערזענלעכער ווערדיקער האַנדלונג מצד דעם באַוווסטן שרייבער. געזען האָט מען אין יעזשי זאַווייסקיס דעמיסיע אַן אויסדרוק פון דער שטעלונג, וועלכע איז אויף אַ מאַסנהאַפטן אופן אַרויסגע־בראַכט געוואָרן אין אַלע קאַטוילישע קירכעס פון פּוילן. געוווּסט האָט מען וועגן די שאַרפע אַרויסטרעטונגען פון קאַרדינאַל ווישינסקי, דעם 30טן מאַרץ, אין דער קירכע פון הייליקן יוזעף, און דעם 31טן מאַרץ אין דער קירכע אויף אָקענטשע (אין וואַרשע), ווו ער האָט בוכשטעבלעך געזאָגט: „מיר האָבן גענוג אַזעלכע זאַכן געזען, אַנגעווענדעטע דורך די דייטשן בעת דער אָקופּאַציע פון פּוילן אין דער לעצטער וועלט־מלחמה.״

געוווּסט האָבן מיר וועגן אַ ווענדונג פון די פּוילישע בישאָפן, בראש מיטן קאַרדינאַל סטעפאַן ווישינסקי, צום גאַנצן פאָלק נישט צו לאָזן זיך אָנרעדן דורך יענע, וועלכע וואַרפן די שולד פאַר אַלע שוועריקייטן אויף די יידן. דערמיט איז אין אַ גרויסער מאָס צו דערקלערן, וואָס נישט געקוקט אויף דער ווילדער, נישט באַקאַנטער אין דער טויזנט־יאָריקער געשיכטע פון פּוילן, מאַסנהאַפטער אַנטי־סעמיטישער אַגיטאַציע און דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק, וואָס איז דירעקט געפירט געוואָרן דורך דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי און רעגירונג, איז צו יענער צייט נישט פאָרגעקומען קיין איין מאַסנהאַפטע אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונג, אָפּ־גערעדט שוין פון אַ פּאָגראָם־כאַראַקטער. דאָס האָט אַן איבעריקס מאָל באַוויזן די פולשטענדיקע איזאָלאַציע פון די הערשנדיקע קרייזן, דעם מאַנגל אין ווירקונג אויף די ברייטסטע פּוילישע פאָלקסמאַסן.

דאַקעגן זענען אונדז באַוווּסט געווען אַ סך פאַקטן פון דעמאָנסטראַטיווע אויס־דרוקן פון יידן־פריינדשאַפט. געווען פאַלן, ווען פּאָליאַקן זענען געקומען צו יידן און פאַרזיכערט, אַז אויב עס וועט ווידער נויטיק זיין זיך אויסצובאַהאַלטן, אַזוי ווי בעת דער היטלערישער אָקופּאַציע, וועלן זיי אויפנעמען ביי זיך יידישע משפּחות...

פאַרגעדענקט האָט זיך אַ פאַל אין ווראָצלאַוו. אין אַן איבערגעפּולטן טראַמוויי מיט אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט אַ היים, איז געפאָרן דער יידישער אַרבעטער, אשר גרושקאַ, אַ קליין־וווקסיקער, אַ געלבלעכער, מיט אַ שטענדיקן שמייכל אויף זיין גוטמוטיקן, פול מיט זומער־שפּרענקלעך פּנים. פלעגן מיר דעם דאָזיקן זייער באַשיידענעם האָרעפּאַשניק אַלע מאָל באַגעגענען אין יידישן קלוב, בעת רעפּעראַטן און קאָנפערענצן. ער האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט און כמעט קיין מאָל קיין וואָרט נישט גענומען. געקומען איז ער קיין פּוילן פון פראַנקרייך, כדי „העלפן בויען דעם סאָציאַליזם״. פאַרן סאָציאַליזם האָט אשר אָפּגעגעבן זיין גאַנץ לעבן. ער איז געווען צווישן די ערשטע, וואָס זענען אַוועק קיין שפּאַניע צו קעמפן קעגן פראַנקאָ־פאַשיזם. אין דער ענגשאַפט פון דעם ווראָצלאַווער טראַמוויי, צוגעקוועטשט פון אַלע זייטן, האָט ער פלוצלונג דערפילט אויף זיין אַקסל אַ שווערע האַנט, וואָס האָט אים גענומען ציִען צו זיך. אַ הויכער פּוילישער אַרבעטער מיט גרויע וואָנצן און אַן אויסגעמאַטערט פּנים, האָט אשרן אַ שלעפּ געטאָן און באַפעלעריש געהייסן: „גיי, זעץ זיך אַנידער״. ער האָט אים אָפּגעטראָטן זיין פּלאַץ. אשר האָט זיך אָפּגעזאָגט. „איר זענט עלטער פון מיר... איך קען באַ־

שטיין...״ דער פוילישער אַרבעטער האָט ממש מיט כוח אים צוגעשלעפּט צום פרייען פּלאַץ און הויך, אויפן קול געזאָגט: „ניין, נישט מיר... דאָס זענען די, פון אויבן...״ ביי אשרן האָבן זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן, ווען ער האָט מיר די געשיכטע איבערדערציילט, די געשיכטע, וואָס איז פולשטענדיק כאַראַקטעריסטיש געווען אין יענער צייט פאַר דעם ווידערווילן פון די ברייטסטע מאַסן פאָליאַקן לגבי דעם פאַנאַנדערגעפּענטעטן ווילדן אָנגריף אויף די לעצטע יידן אין פוילן.

...איך האָב באַקומען אַ צעטעלע פון דעם פאָרשטייער פון קלוב פון דער קאַטוילישער אינטעליגענץ, יאַן, וועלכער האָט מיר געהאַט אַמאָל איינגעלאַדן אויף דעם אָוונט, בעת וועלכן עס איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן אָפּשטאַם פון אַנטיסעמיטיזם. ער האָט געוואָלט מיט מיר זיך טרעפן וועגן אַ דרינגענדיקן ענין. ער האָט פאָרגעלייגט, אַז צוזאַמען מיט זייער אָנפירונג, זאָל די הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אַרויסטרעטן מיט אַ פּראָטעסט קעגן די אָנגריפן פון „פּאַקס״־אָרגאַן, „סלאָווא פּאָוושעכנע״, אויף די יידן, אויפן יידישן יוגנט־קלוב „באַבעל״. איך האָב אים צוגעזאָגט איבערצוגעבן דעם פאָרשלאַג דעם פּרעזידיום פון אונדזער הויפּט־פאַרוואַלטונג און... האָב נישט איבערגעגעבן, כדי נישט צו שטעלן אין געפאַר די אויפריכטיקע פריינד פון „קלוב פון דער קאַטוילישער אינטעליגענץ״. זייער פאָרשלאַג וואָלט דורך „געוויסע לייט״ תיכף איבערגעגעבן געוואָרן „ווו מ׳דאַרף״ און געדינט דער מאָטשאַר־פּיאַסעצקישער פּראָפּאַגאַנדע סיי קעגן זיי און סיי קעגן אונדז.

גראָד אין דער גרויסער אַרבעטער־שטאָט לאָדזש, האָט דער פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט פון צ״ק פּזפּ״ר פאַרלייגט אַ ספּעציעלן שנעל־פּראָדוצירנדיקן פאַרלאַג, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן בראָשורן פון דעם געמיינסטן אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער. מאָטשאַר האָט אויסגערעכנט אויף זיין פּאָפּולערקייט אין דער דאָזיקער שטאָט, ווו ער האָט פאַר דער מלחמה געאַרבעט אויף אַ טעקסטיל־פאַבריק און גלייך נאָך דער מלחמה איז ער דאָרט געווען דער שעף פון דער פּאָליטישער פּאָליציי. ער האָט געהאַט זיינע פילצאָליקע געהיים־אַגענטן אין אַלע לאָדזשער פאַבריקן, אַמטן און אינסטיטוציעס. אויף זיי האָט ער זיך געזאָלט שטיצן. אומדערוואַרט האָט ער באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד מצד דעם ערשטן סעקרעטאַר פון לאָדזשער קאָמיטעט פון פּזפּ״ר, מיכאַלינאַ טאַטאַרקוּוונאַ, אַ געוועזענע טעקסטיל־אַרבעטערין. זי האָט פּראָטעסטירט קעגן דער אַנטיסעמיטישער וואָקכאַנאַליע און זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע. דער פּראָפּאַגאַנדע־סעקרעטאַר פון לאָדזשער קאָמיטעט, הערנים דעיניאַק, האָט אָפן דערקלערט: „ביי מיר וועט קיין וואַרשע נישט זיין״.

מיינער אַ פוילישער חבר, אַ מיטאַרבעטער פון דער טאָגצייטונג פון דער פויערים־פּאַרטיי (זס״ל) האָט מיר איבערגעגעבן, אַז פון דערפאַר באַקומען זיי אַלץ מער בריוו מיט אומרויִקע אָנפראַגעס, וואָס עס טוט זיך אין די שטעט, פאַרוואָס פאָרן אַוועק יידן („ווי באַלד יידן פאָרן אַוועק איז דאָך אַ סימן, אַז עס וועט זיין שלעכט, אַז עס וועט זיין אַ מלחמה, אַז עס וועט זיין אַן איבערקערעניש...״)

דורך די שטרענג געהיטע טירן פון דער גרויסער וואַרשעווער געריכט־געביידע האָבן פון דער באַשולדיקונג־באַנק זיך אַרויסבאַקומען „אויף דער פריי״

די רייד פֿון דעם אַרעסטאַנט יאַצעק קוראָן, וועלכער איז צום צווייטן מאָל געמשפּט געוואָרן פֿאַר זײַן העלדנמוט, פֿאַר זײַן רעוואָלוציאָנערער אומבויגזאַמקייט אין קאַמף קעגן דער צענטראַליסטיש־ביוראָקראַטישער, טעראָריסטישער הערשער־קליקע. ער האָט זיך „מודה געווען" פֿאַרן געריכט, אַז דאָס האָט ער אָנגעשריבן דעם אויפֿרוף מיט דעם טיטלקאָפּ: „קעגן דער פֿאַשיסטישער פּראָוואָקאַציע" נאָך דעם, ווי אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט האָט מען פֿאַרשפּרייט אַן אַנטיסעמיטיש לידל. יאַצעק קוראָן האָט אין זײַן רעדע בעתן משפּט איבער אים און דעם צווייטן אויטאָר פֿון זייער היסטאָרישן „אָפֿענעם בריוו" — קאַראָל מאָדזעלעווסקי, דערציילט: „די אויספֿאָרשונגס־אָפֿיצירן האָבן בעתן פֿאַרהער זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט, כּדי אויך ביי מיר, צווישן מײַנע קרובֿים, געפֿינען אַ ייִדישע פֿאַמיליע. ווען זיי האָט זיך ניִשט אײַנגעגעבן צו מאַכן פֿון מיר אַ ייִד, האָבן זיי געוואָלט כאָטש מאַכן פֿון מיר אַן אוקראַיִנער, אַבי צו קענען מיך שטעמפּלען אַלס פֿרעמד־אָפּשטאַמיקן. בעת דער אויספֿאָרשונג זענען געווען אַזעלכע טעג, ווען כ'האָב געוואָלט זיך דערקלערן אַלס ייִד, ווייל עס זענען פֿאַראַן סיטואַציעס, ווען יעדער אָרנטלעכער מענטש דאַרף אָנגעבן, אַז ער איז אַ ייִד".

אין זײַן אַרויסטרעטונג אין געריכט האָט קאַראָל מאָדזעלעווסקי, צווישן אַנדערן, דערקלערט: „דער מיידלשער פֿאַמיליע־נאָמען פֿון מײַן מאַמען און אויך, ווי עס האָט דערקלערט דער פּראָקוראָר, דאָס „פֿעסטשטעלן אָן שום ספֿק" דעם ייִדישן אָפּשטאַם פֿון די איבעריקע באַשולדיקטע, דאַרף זײַן אַ באַווייז פֿון דער אַנדערשקייט אין נאַציאָנאַלן זין... מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט פֿאַרבײַטן די נאַציאָנאַלע קריטעריע מיט גאָר אַן אַנדער קריטעריע (געמיינט — אַ ראַסיסטישע — ה. ס.)... מען רעדט וועגן ברויט, וואָס מען עסט און וואָס פֿאַרבינדט מיטן היימלאַנד. פֿאַראַן אַ סאָרט ברויט, וואָס פֿאַרבינדט שטאַרק: דאָס איז לויט מײַן איבערצייגונג, דאָס תּפֿיסה־ברויט. מיר עסן אים שוין דאָס פֿערטע יאָר, מיט אַ קליינעם איבעררייס. מיר עסן אים צום צווייטן מאָל... דאָס איז אונדזער לעגיטימאַציע, וועלכע איז ניִשט צו פֿאַרגלייכן מיט קיין שום דינסט־לעגיטימאַציע פֿון קיין שום מלוכה־אַמט".

די אינפֿאָרמאַציע־דינסט פֿון צ"ק פּזפּ"ר, וועלכע איז געשטאַנען אין דירעקטער פֿאַרבינדונג מיט די אויספֿיר־אָרגאַנען פֿון אינערן־מיניסטעריום, האָט אַלאַרמירט וועגן דעם אָנוווקס פֿון אָפּאָזיציאָנעלע שטימונגען אין לאַנד, וועגן דער שטייג־

*) שוין אין 1957 האָט אַן אויספֿאָרשונג, וואָס איז דורכגעפֿירט געוואָרן אין דער וואַרשעווער מאָטאָציקלען־פֿאַבריק באַוויזן, אַז 23 פּראָצענט אַרבעטער־משפּחות עסן איין מאָל אין וואָך פֿלייש און קרובֿ 25 פּראָצענט — צוויי מאָל אַ וואָך. מיט צוויי יאָר שפּעטער זענען צום ערשטן מאָל געהעכערט געוואָרן די פּרייזן פֿון פֿלייש; אין 1963 זענען געהעכערט געוואָרן די פּרייזן פֿון גאַז, עלעקטריע, קוילן; אין 1967 איז ווידער פֿאָרגעקומען אַ „רעגולאַציע" פֿון די פֿליישפּרייזן. עס זענען אויך טייערער געוואָרן פֿיש, פּאַפּיראָסן און ס'איז געהעכערט געוואָרן דער אָפּצאָל פֿאַר קאָמוניקאַציע.

דיקער אומצופרידנקייט צווישן די ארבעטנדיקע מאסן פון שטאט און דארף, וועלכע האבן אלץ גרינטלעכער געגומען פארשטיין דעם צוזאמענהאנג צווישן דער טעראריסטישער פאליטיק, וואס איז געווענדעט געווארן קעגן דער אינטעליגענץ, קעגן דער אקאדעמישער יוגנט און קעגן די יידן, מיט דעם אלץ טיפערן עקאנאמישן קריזיס אין לאנד *). די איזאלירטע מאכט האט געזוכט אן אנשפאר פאר איר אנטיפאלקישער פאליטיק דורך ספעקולירן אויף די נאציאנאלע געפילן פון די פוילישע מאסן, דורך אויסשרייען אויף די העכסטע טענער נאציאנאליסטישע, שאוויניסטישע לאזונגען, גענומענע פון פיאסעצקיס פארמלחמהדיקן פאשיסטיש־ראסיסטישן באגאזש. נאך דער „געלעגנהייט", וואס איז דורך דעם אנטיסעמיטישן פראפאגאנדע־אפאראט אויסגענוצט געווארן, כדי צו „באווייזן", אז אין אלץ איז שולדיק די יידישע יוגנט, קודם־כל פון קלוב „באבעל", איז אונטערגעקומען די מעכטיקע פראטעסט־באוועגונג אין דער גארער וועלט קעגן דעם ארגאניזירטן, דורך דעם פארטיי־אפאראט און רעגירונגס־אינסטאנצן, אפיציעל־מלוכהשן אנטיסעמיטיזם. די מאסן־מיטינגען אין די גרעסטע שטעט פון מערב־אייראפע און פון אמעריקע, די צארנדיקע, דעמאסקירנדיקע ארטיקלען אין דער גאנצער יידישער פרעסע, אן אונטערשייד פון פאליטישער ריכטונג (חוץ פון רק״ח אין ישראל און איר פיליאל, אונטער דער פירמע פון „איקוף", אין ארגענטינע), די אנצאליקע פראטעסט־טעלעגראמעס פון אויסלאנד מצד יידישע און נישט יידישע מאסן־ארגאניזאציעס און פערזענלעכקייטן פון דער פאליטישער און אינטעלעקטועלער וועלט, האבן די מאכטהאבער פון פוילן פארגעשטעלט אלס באוועגונג, וואס איז געווענדעט קעגן פוילישן פאלק, קעגן סאציאליזם, אלס ארגאניזירטע דורכן אימפעריאליזם און זיין ציוניסטישער אגענטור.

מיין „אלטער חבר" האט מיר איבערגעגעבן, אז אין אויסערן־מיניסטעריום אין ווארשע האט געהערשט א פולשטענדיקע דעזאריענטאציע נישט וויסנדיק וואס צו זאגן די פוילישע אמבאסאדארן אין פארשידענע לענדער, די פרעסע־אטאשען, וועלכע האבן זיך אנגעפרעגט וואס צו טאן, וואס צו ענטפערן די פילצאליקע יידישע דעלעגאציעס, וועלכע קומען צו די אמבאסאדעס מיט פראטעסטן, מיט פאדערונגען צו מאכן א סוף מיט דעם נאצי־רעצידיוו אין דעם לאנד, וואס איז געווארן דער קבר פון די אייראפעישע יידן. צווישן זיך, מיט די נאענטסטע, פארטרוילעכע מיטגלידער פון אונדזער פרעזידיום, האבן מיר זיך געהאט צונויפגערעדט, אז קיין שום „פארלייקענונג" וועגן דעם ווירקלעכן מצב וועלן מיר נישט

די אלע העכערונגען האבן שווער געטראפן די בודזשעטן פון ארבעטער־משפחות. די אלגעמיינע פרייזן־העכערונג אין 1970 האט איבערגעכאפט די מאס און ס'איז געקומען דער אנטשלאסענער קאמף פון די ארבעטערס אין די באלטישע פארטשטעט. דער ענטפער פון דער גאמולקא־מאכט איז געווען דער זעלבער, ווי פון צאריזם: הונדערטער ארבעטערס זענען געפאלן טויט אדער שווער פארוואונדעט אויף די גאסן פון גדאנסק, גדיניע, שטשעטשין. די תפיסות זענען איבערפולט געווארן מיט ארבעטער־קעמפערס.

געבן. אַ גרונט צו טראַכטן, אַז מ׳קאָן דאָס פון אונדז פאָדערן, האָבן מיר געהאַט. אין צענטראַלן פּאַרטיי־אָרגאַן האָבן זיך באַוויזן עטלעכע „אַפּלייקענונגען" פון יידן, וועלכע האָבן פּאַראורטיילט די „אַנטי־פּוילישע אַקציע" אין דער וועלט. נישט געוווּסט האָבן מיר נאָך, אַז דער פּלאַן לגבי אונדז איז געווען אַ סך מער ווייט־גרייכנדיק.

ביי זיך האָב איך געטראַכט: הייסט עס, אַז די לערע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז נישט געגאַנגען לאיבוד. יידן און נישט־יידן פון אַלע וועלט־טיילן, אַנטיפאַשיסטן, הומאַניסטן זענען אַרויס אין קאַמף צו באַשיצן די לעבנ־געבליבענע פּוילישע יידן. הלוואי וואָלט עס געשען לגבי אונדז, די יידן פון געטאָ, אונטער דער טויטהערשאַפט פון נאַציזם...

געטראַכט האָט זיך אויך וועגן דער עוולה, וואָס ווערט באַגאַנגען דורך יענע רעדנערס און אַרטיקל־שרייבערס, וועלכע האָבן געוועגדעט זייער צאָרן און פּראָ־טעסט קעגן די פּאָליאַקן בכלל, שיִער נישט אַלס גרעסערע אַנטיסעמיטן, ווי די... היטלעריסטן. דאָס האָט שווער געטראָפן די אויפריכטיקע, מוטיקע פּוילישע קעמ־פערס, קעגנערס פון דער אַנטיסעמיטישער גאָמולקאַ־מאָטשאַר־פּיאַסעצקי־כנופיה, וועלכע האָט עס אויסגענוצט אין איר פּראָפּאַגאַנדע אַלס באַווייז, אַז אין אויסלאַנד ווערט געפירט אַ קאַמף קעגן גאַנצן פּוילישן פאָלק. אין יענע טעג האָט די פּוילישע רעגירונג געשאַפן אַ ספּעציעלע פּרעסעדינסט, אַן אַגענץ „אינטערפּרעס", צום באַקעמפן די מאַסן־פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן פּוילישן אַנטיסעמיטיזם. דער גאַנצער פּרעסע־אַפּאַראַט איז אַרויס מיט אַ ווילד־שרייענדיקער העצע קעגן די יידן אין דער וועלט און... זייער אַגענטור אין פּוילן. אין צענטראַלן פּאַרטיי־אָרגאַן „טריבונאַ לודו" (נומ. 82 פון 1968) האָט געשריבן יעזשי אַמעלס: „אין דער דאָזיקער העצע (אין שוץ פון די יידן אין פּוילן — ה. ס.) נעמען אַן אַקטיוון אַנטייל אויך יענע, וועלכע האָבן במשך פון אַ סך יאָרן געגעסן פּויליש ברויט און דאָס מיט פּוטער". און אין דער ברייט־פאַרשפּרייטער צייטונג „זשיטשע וואַרשאַווי" (פון 28טן דעצעמבער 1968) האָט געשריבן דער ספּעץ אין וואַרפן שמוץ אויף די יידן, דער קאָמוניסטישער גראַף איגנאַצי קראַשיצקי, וועגן דער גרויסער פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג פון פּאַריזער יידן אין דעם „מיטיִאַליטע"־זאַל, אַז „זי האָט דערמאָנט די באַקאַנטע פאַרזאַמלונגען פון מיט העכער 30 יאָר צוריק, וואָס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די ברוינע שלעגער־גרופּן „פון אונטערן צייכן פון די היטלערישע שטורעם־אָפּטיילונגען".

אין נאָמען פון דער פּוילישער רעגירונג האָט פּעך און שוועבל געשאָטן דער פּרעמיער־מיניסטער יוזעף ציראַנקעוויטש אין זיין רעדע אין סיים. ער האָט דעם פּראָטעסט אין דער וועלט באַצייכנט אַלס „פּאָליאַקן־פרעסערישע קאַמפּאַניע, וואָס האָט אַוודאי קיין פּרעצעדענט נישט זייט די צייטן פון ביסמאַרקישן „קולטור־קאַמף".

אין יענע טעג איז פולשטענדיק קלאָר געווען, אַז אין דעם פאַל וועט דירעקט קעגן אונדז זיך ווענדן דער צאָרן פון דעם הערשנדיקן אַנטיסעמיטישן בלאָק, וועלכער האָט זיך דערפילט אַרומגערינגלט מיט שינאה פון אינעווייניק, אין פּוילן גופא, און פון אויסנווייניק — אַפילו מצד אייניקע קאָמוניסטישע פאַקטאָרן. בפרט,

אַז אַ סיגנאַל האָב איך באַקומען פון מיין „אַלטן חבר", אַז איך זאָל זיך ריכטן אויף דאָס ערגסטע...

☆

...נישט אַזוי לויט דער שטימע, ווי לויט דער דייטשער אויסשפּראַך האָב איך אין טעלעפאָן דערקענט, אַז דאָס רעדט לאה. ווי קומט זי קיין וואַרשע? פאַרוואָס וויל זי אַזוי דרינגענדיק מיט מיר זיך טרעפן?

מיר האָבן זיך באַגעגנט נאָך דער מלחמה. זי האָט ווי אַ סך דייטשע יידן זיך געראַטעוועט אין ישראל. איר מאַן, אַ באַרימטער קינסטלער, איז געווען צווישן די ערשטע, וואָס זענען נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט פאַרשפּאַרט געוואָרן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. ער איז אַרויס אַ פולשטענדיק קראַנקער. די קינסטלערין לאה גרונדיג האָט געאיילט צו אים. זי איז געבליבן אין מזרח־דייטשלאַנד. איר בילדער־אויסשטעלונג אין וואַרשע (אין 1949) האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק — הן די ישראלדיקע פּייזאַזשן, פול מיט ליכט און חן די בילדער וועגן „דער צייט פון פאַראַכטונג". לאה איז געוואָרן די פאָרזיצערין פון מזרח־דייטשישן קינסטלער־פאַרבאַנד, אַ פּראָפעסאָר אין דער דרעזדענער קונסט־אַקאַדעמיע. זי איז באַרימט געוואָרן מיט אירע פּרעכטיקע אילוסטראַציעס צו קינדער־מעשהלעך און איז געווען די אויטאָרין פון אייניקע ביכער. מיר פלעגן זיך דורכשרייבן. אירע דייטשע בריוו פלעגט זי שרייבן מיט יידישע אותיות לויט אַן עברית־אויסלייג. בעת יעדן מיין באַזוך אין מזרח־דייטשלאַנד פלעגן מיר זיך באַגעגענען און שמועסן וועגן יידישע ענינים.

לאה, ווייזט זיך אַרויס, איז ספּעציעל געקומען פון בערלין קיין וואַרשע, כדי פון מיר, אויף אַ גלויבנסווערדיקן אופן זיך דערוויסן דעם אמת, וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן. אין אָנהייב האָט זי זיך אַרויסגעדרייט פון געבן מיר אַן ענטפער, צי זי האָט פון עמעצן אַזאַ אויפגאַבע באַקומען און פון וועמען, אָבער אין גאַנג פון אונדזער שמועס האָט זי באַשטעטיקט, אַז דאָס האָט דער פּרעזידענט פון דער דייטשער דעמאָקראַטישער רעפּובליק און גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער סאָציאַליסטישער איינהייט־פּאַרטיי (קאָמוניסטן) וואַלטער אולבריכט פאַר־געלייגט איר צו פאָרן קיין וואַרשע און ביי נאָענטע, גלויבנסווערדיקע מענטשן זיך דערוויסן וואָס איז אמת וועגן אָפיציעל־מלוכהשן אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן, וועגן וועלכן עס שרייבט די וועלט־פּרעסע.

אין וואָס איז אולבריכטן געגאַנגען? פאַר קיין יידנפריינד האָבן מיר אים נישט געקענט. לאה האָט אים אָבער פאַרטיידיקט. „ער איז אַן אמתער אינטער־נאַציאָנאַליסט און שונא פון יעדן מין שאָוויניזם. ער וועט זיכער דעם ענין פאַר־שטעלן פאַר אַנדערע פאַרטייען."

געטראַכט האָט זיך בעת־מעשה: אפשר?! — הגם חושד געווען בין איך, אַז וואַלטער אולבריכטן גייט דאָ דער עיקר אין דיסקרעדיטירן גאָמולקאַן, מיט

וועלכן ער האָט געהאַט קאָנפליקטן כמעט בעת יעדן צוגויפטרעף פון די קאָמוניס־טישע פאַרטייען פון וואַרשעווער פאַקט.

איך האָב לאה גרונדיג איבערגעגעבן אַלץ, מיט אַלע איינצלהייטן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער לאַגע פון די יידן אין פוילן. גראָד איר האָב איך צום ערשטן מאָל געזאָגט, אַז ס׳קאָן געמאָלט זיין, אַז אונדז, פוילישע יידן וועט אויס־קומען צו גיין מיט דעם זעלבן וועג, מיט וועלכן עס זענען, בעת היטלערן געגאַנגען צענדליקער טויזנטער דייטשע יידן און זי בתוכם — קיין ארץ־ישראל.

זי האָט אַ דערשראָקענע מיך אָנגעקוקט און שטיל אַרויסגעפּליסטערט:

— צי איז דען מעגלעך אַזאַ פאַרגלייך?

— יאָ, ס׳איז מעגלעך...

די פּלאַנמעסיקע, שנעלע ליקווידאַציע

זאָלבע זעקסט זענען מיר זיך צונויפגעקומען — זעקס אַנטיילנעמערס אין דעם ווידערשטאַנד־קאַמף אין די געטאָס און פּאַרטיזאַנער־וועלדער: מאַרעק עדעלמאַן, דער מיטגליד פון שטאַב פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער געטאָ; פּראָפ. שערפּינסקי (מאַרגוליס), מיטגליד פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער געטאָ, נאָכן אַריבערגיין אויף דער „אַרישער זייט" — שעף פון דער געזונטהייט־דינסט ביים שטאַב פון דער לינקער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג „גוואַרדיאַ־ליודאָוואַ (ג"ל); מ. קשעמינסקי און בערנאַרד באַרג — אַנטייל־נעמערס אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און מאַרעק בוך — מיטגליד פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין ביאַליסטאָקער געטאָ און נאָכן אויפשטאַנד — אין דעם יידישן פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל „פּאַרויס".

צונויפגעקומען זענען מיר זיך, כדי צו באַראַטן ווי אַזוי אָפּצומערקן דעם 25טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. גערעדט האָבן מיר אָבער נישט וועגן דעם, וואָס יעדער איינער פון אונדז האָט בעת־מעשה געטראַכט. און געטראַכט האָט זיך וועגן פאַרגאַנגענע יאָרן, ווען פון דער גאָרער וועלט פלעגן קומען יידישע דעלעגאַציעס, כדי אויפן אָרט, פון וואַנען עס האָט זיך דערהערט דער באַפעל אָנצוהויבן דעם יידישן אויפשטאַנד — אויסדריקן פאַרערונג פאַר די קעמפערס און פאַר אַלע יידן, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די ברוינע מענטשן־שונאים. דאָס מאָל האָבן מיר געוווּסט, אַז פון אויסלאַנד וועט קיין פּוילן מער קיינער נישט קומען. דאָס מאָל האָבן מיר געאַנט, אַז אונדזערע פּלענער וועגן אָפּמערקן אַזאַ „קיילעכדיקע" דאַטע — אַ פערטל יאָרהונדערט פון דעם געטאָ־אויפשטאַנד, וועלן קיין האַפט נישט האָבן. אַנדערע פאַקטאָרן וועלן באַשליסן. מער נישט, כדי צו זיין פאָרמעל אין אָרדענונג לייגט מען פאַר, אַז איך, ווי אַ מיטגליד פון הויפּט־ראַט פון „זבאָוויד" („פאַרבאַנד פון קעמפערס פאַר פרייהייט און דע־מאָקראַטיע") זאָל איבערגעבן אונדזער פאָרשלאַג וועמען מיר לייגן פאָר אַלס רעדנער מצד דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

וועמען טאַקע זאָלן מיר פאָרלייגן? קיין איינער פון די אַנטיילנעמערס אין דער דאָזיקער באַראַטונג איז נישט מסכים געווען צו זיין דער רעדנער. מיך האָט מען אַפילו נישט געפּרוווט פאָרלייגן. אַלע האָבן געוווּסט, אַז שוין מיט אַ יאָר צוריק האָט די פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג פון צ"ק געפּסלט מיין קאַנדידאַטור און דעם צוגעגרייטן דורך מיר רעפעראַט פשוט איבערגעגעבן דורכצולייענען דעם סעקרעטאַר, עדוואַרד רייבערן. יענער ווידער, האָט זיך צוגעאייגנט דעם רעפעראַט

ווי דאָס וואָלטווירקלעך געווען זיינער. געבליבן איז: „זאָל דאָס פּרעזידיום פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג אַליין באַשליסן"...

מען האָט שוין אָבער בכלל נישט געדאַרפט באַשליסן. דער „זבאָוויד" האָט דאָסמאָל פולשטענדיק איגנאָרירט דעם שטענדיקן אָרגאַניזאַטאָר פון דעם היסטאָרישן געדענקטאָג — דעם יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד.

אין דעם גרויסן זאַל פון קולטור־פּאַלאַץ איז פאָרגעקומען די „פייערונג", וועלכע איז פולשטענדיק באַקאַטירט געוואָרן דורך יידן. געוווּסט האָט מען פון פאַרויס, אַז דאָרט וועט מען פאַרשווייַכן דעם אָנדענק פון די יידישע אויפשטענדלערס. אַזוי איז עס ווירקלעך געווען. אין זיין רעפעראַט האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון „זבאָוויד", קאַזשימיערזש רושינעק, גערעדט וועגן די „מיליאָנען פּאָליאַקן, וואָס האָבן איינגעשטעלט דאָס לעבן, כדי צו ראַטעווען די יידן" און וועגן דער „עקסטערמינאַציע פון דער פּוילישער באַפעלקערונג, איינשליסלעך די פּאָליאַקן פון יידישן אָפּשטאַם". זיין רעפעראַט האָט דער געוועזענער סאָציאַליסט און שפּעטערדיקער קאַפּאָ, דורכגעפלאָכטן מיט ציטאַטן פון... מאַטשאַרן. די ישראל־אַרמיי האָט ער פאַרגליכן צו די ברוינע עס־עס־לייט, און דאָס אַלץ אין דעם 25טן יאָרטאָג פון ערשטן אַנטיהיטלעריסטישן אויפשטאַנד אין אייראָפּע!

געוווּסט האָבן מיר, אַז מ'וועט, ווי געוויינטלעך, לייגן קרענץ ביים געטאָ־דענקמאָל און עס וועט זיין אַ מיליטערישע ערן־קאָמפּאַניע. קיינער פון אונדז האָט זיך שוין אָבער אין דעם נישט באַטייליקט.

מיט אַ טאָג פריער איז פּונקט אָנגעפאַלן אַ שניי. ביים דענקמאָל איז געלעגן אַ בינטל האַלב־פאַרפרוירענע בלומען. ווי אַלע מאָל האָט עס מאַרעק עדעלמאַן, ביחידות, באַערט דעם אָנדענק פון זיינע געפאַלענע קאַמפּס־חברים. דאָס מאָל האָב איך נאָכגעטאָן זיין ביישפּיל.

✡

מיך האָט אַרויסגערופן צו זיך דער הויפּטצענזאָר פון פּוילן, שעמעק. ער האָט מיר איבערגעגעבן אַ קאַטעגאָרישן באַשלוס, אַז פון מאָרגן אָן זאָל איך צושטעלן אַלע מאַטעריאַלן, וואָס דאַרפן געדרוקט ווערן אין דער „פאָלקס־שטימע", אין אַ פּוילישער איבערזעצונג. אויף מיין איראָנישער פראַגע, צי לידער און דערציילונגען פון דער ליטעראַרישער זייט דאַרף מען אויך איבערזעצן? — האָט ער שאַרף געענטפערט: אַלץ, אָן אויסנאַם! איך האָב אים דעמאָלט דערקלערט, אַז אַזאַ באַשלוס האָט קיין פּרעצעדענט נישט געהאַט — נישט אין די צאַרישע צייטן און נישט אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן, און אַז אין דער צענזור פעלן דאָך נישט קיין מענטשן, וואָס קענען לייענען יידיש, אַ שטייגער, י. לאַזעבניק... ער האָט אַ שטאַרק אויפגערעגטער האַסטיק אַן עפּן געטאָן אַ שופלאָד און מיר דערלאַנגט אַ פּאַפּיר, מיט אַן אָפיציעלן שטעמפּל, אויבן — מיטן מלוכה־עמבלעם, דירעקט געווענדעט אויף מיין אַדרעס. דאָרט איז געווען אָנגעשריבן די פאַראָרדענונג וועגן דעם, אַז אַלץ וואָס ווערט געשריבן אין יידיש, מוז איבערגעזעצט ווערן אין פּויליש.

ווען איך האָב וועגן דער אַנטיסעמיטישער גזירה איבערגעגעבן ד. ספּאַרדן און ל. דאָמבן, האָבן זיי מיר געוויזן, אַז אויך זיי זענען „איינגעלאַדן“ צום הויפּט־צענזאָר. זיי האָט ער געמאָלדן דאָס זעלבע, וואָס שייך דעם ליטעראַרישן זשורנאַל „יידישע שריפטן“ און דעם פאַרלאַג „יידיש בוך“. מיר האָבן געהאַט פאַר זיך אַן אָפיציעלן באַשלוס, וואָס האָט באַטייט די ליקווידאַציע פון אונדזער ביכער־פאַרלאַג און פון אונדזער פּרעסע.

מיר זענען איין דרייען אַוועק צו דעם אָנפירער פון דער פּראָפּאַגאַנדע־אָפּ־טיילונג פון פּאַרטיי־צ״ק, אַרטור סטאַרעוויטש. ער האָט אויפגענומען אונדזערע פאַרביטערטע רייד מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און האָט זיך תיכף פאַרבונדן מיטן הויפּטצענזאָר. זיי האָבן לאַנג גערעדט און ס׳האָט אויסגעזען, ווי די גזירה וואָלט אָפּגעשריגן געוואָרן, אָבער בלויז אויף עטלעכע טעג. אַ ספּעציעלע זיצונג פון די סעקרעטאַרן פון צ״ק, זענאָן קלישקאָ און וולאַדיסלאַוו וויכאַ, מיטן אָנטייל פון דעם זעלבן אַרטור סטאַרעוויטש, האָט באַשטעטיקט דעם באַשלוס, וואָס עס האָט אונדז איבערגעגעבן דער הויפּטצענזאָר. דאָס האָט איין דער ערשטער ריי באַטייט, אַז דער פאַרלאַג „יידיש בוך“, וועלכער האָט שוין געהאַט גרייט צום דרוק אַ ריי מאַנוסקריפּטן און אויך פולשטענדיק „אויסגעזעצטע“ ביכער, דאַרף זיך תיכף ליקווידירן. מען האָט זיך נישט גערעכנט דערמיט, וואָס 48 צוגעגרייטע צום דרוק ביכער פון אויסלענדישע יידישע שרייבערס, וועלכע האָבן דעם פאַרלאַג באַצאָלט מיט דאָלאַרן, האָט מען געמוזט צוריקשיקן צוזאַמען מיט דער אַזוי נויטיקער אין פּוילן אויסלענדישער וואַלוטע.

דער „פאָלקס־שטימע“ האָט מען געגעבן אַ „הנחה“: דער מיטגליד פון רע־דאַקציע־קאָלעגיע, יוסף גאָלדקאָרן, פלעגט קומען מיטן גאַנצן צוגעגרייטן צום דרוק מאַטעריאַל און מינדלעך איבערגעגעבן אויף פּויליש זיין אינהאַלט. אויך „די יידישע שריפטן“ האָבן געפּרוווט דערפון געניסן, אָבער שוין דער לייטאַרטיקל, וואָס איך האָב אָנגעשריבן, איז אויפן אָרט קאָנפיסקירט געוואָרן. עס האָט אויפ־געהערט צו דערשיינען אונדזער ליטעראַרישע צייטשריפט, וועלכע האָט פון 1946 יאָר אַן געשפּילט אַ באַזונדער וויכטיקע ראָל אַלס טריבונע פון די לעבנגעבליבענע יידישע שרייבערס פון פּוילן, פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, פון רומעניע, ווי אויך פאַר שרייבערס פון אַנדערע לענדער. די „יידישע שריפטן“ האָבן געהאָלפן הויבן דעם קולטור־ניוואָ פון די פּוילישע יידן און האָבן געשאַפן אַ וואַרעמע אַטמאָספער אַרום די יידישע שרייבערס און קינסטלערס.

ווען עס איז פון אויבן געקומען דער באַפעל צו פאַרוואַנדלען די „פאָלקס־שטימע“ אין אַ וואָכנבלאַט, האָט זיך באַוויזן אַזאַ מין אינספּירירטע דערקלערונג:

> „מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענערס, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאַרוואַנדלען די „פאָלקס־שטימע“ אין אַ וואָכנשריפט מיטן אַן אָפּטייל, וואָס איז געווידמעט קולטור און ליטעראַטור און וועט אַזוי אַרום אויך אויספירן די ראָל פון אַ קולטור־פעריאָדיק, הערן אויף די „יידישע שריפטן“ צו דערשיינען“.

גיך איז געקומען דער וויטערדיקער „עטאַפּ“:

מיך האָט אַרויסגערופן צו זיך דער דירעקטאָר פון דעם פאַרלאַג, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די גאַנצע (חוץ די קאַטוילישע) פרעסע אין פוילן, טאַדעוש גאַלינסקי. ער האָט זיך געפילט שטאַרק קרעמפּירט בעת ער האָט מיר געמאָלדן דעם באַשלוס, אַז איך הער אויף צו זיין ווייטער דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקס־שטימע" און דאָס גלייך, פון דעם מאָמענט, ווי איך באַקום די דאָזיקע מעלדונג. קיין שום מאָטיווירונג איז אין דעם דערלאַנגטן מיר צעטל נישט געווען.

צום לעצטן מאָל בין איך געקומען אין דער רעדאַקציע פון דער צייטונג, וועלכע כ'האָב רעדאַגירט אין משך פון קנאַפּע 20 יאָר, כדי איבערצוגעבן מיין פאַרטרעטער און לאַנגיאָריקן (נאָך פון תּפיסה) חבר יאַנקל גוטקאָוויטש, די אומגעהויער שווערע, אין יענע טעג, לאַסט צו רעדאַגירן די צייטונג, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דעם כסדרדיקן פאַרדאַכט פון אויסערלעכע פאַקטאָרן און פון דער „וואַכזאַמקייט" פון זייערע אינעווייניקסטע העלפערס.

פאַר אונדז איז קלאָר געווען, אַז עס ווערט סיסטעמאַטיש דורכגעפירט אַ געווי־אָנגעצייכנטער פּלאַן צו פאַרניכטן אַלץ, וואָס איז יידיש, וואָס איז מיט דער מי, עקשנות און געטריישאַפט פון יידישע מענטשן געשאַפן געוואָרן פון די ערשטע טעג, נאָך דער באַפרייונג, ווען עס האָט נאָך געדויערט אויף די פראָנטן די שלאַכט קעגן די היטלערישע אַרמייען. און דאָך, ווען פון ווראָצלאַוו איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז דער דאָרטיקער ערשטער פּאַרטיי־סעקרעטאַר, וולאַדיסלאַוו פּילאַטאָווסקי, האָט באַפוילן תּיכּף צו פאַרמאַכן דעם יידישן ליציי צוזאַמען מיט דער יידישער גרונטשול, וועלכע האָבן געטראָגן דעם נאָמען פון שלום־עליכם, האָט עס אונדז געטראָפן אין סאַמע האַרץ. די ווראָצלאַווער יידישע שול האָט געהערט צו אונדזערע גרעסטע דערגרייכונגען אין משך פון אַ פערטל יאָרהונדערט. פון דאָרט האָבן מיר געהאָפט צו באַקומען אַ נאָכוווּקס פאַר דער יידישער געזעלשאַפטלעכער און קולטור־אַנטוויקלונג. אַ צאָל אַביטוריענטן פון דעם ווראָצלאַווער יידישן ליציי האָבן מיר געזען צווישן די נייע לערערס, צווישן די אָנטיילנעמערס אין אונדזער פילזייטיקער קולטור־טעטיקייט, צווישן די באַטייליקטע אין דער יידישער אַמאַטאָרן־קונסט, צווישן די אַקטיוויסטן פון די יידישע יוגנט־קלובן. דער דירעקטאָר און די לערערס האָבן די ווראָצלאַווער יידישע שול פאַרוואַנדלט אין אַ לאַבאָראַטאָריע פון נייעם פּעדאַגאָגישן געדאַנק. די הויך־קוואַליפיצירטע ווראָצלאַווער יידישע לערערס האָבן געשפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָל ביים העכערן די קוואַליפיקאַציעס פון די יידישע פּעדאַגאָגן פון אַלע איבעריקע שולן. און מיר האָבן דאָך געפּלאַנט אויסצוברייטערן די שול, שאַפן מעגלעכקייטן פאַר יידישע קינדער פון די קליינע ייִשובֿים צו קומען לערנען קיין ווראָצלאַוו. די שענסטע וואַרשטאַטן פאַר קינדער האָט דער „אָרט" אויסגעבויט ביי דער ווראָצלאַווער יידישער שול.

באַלד איז אויך געקומען דער באַפעל צו ליקווידירן דעם יידישן ליציי און די גרונטשול אויפן נאָמען פון יצחק לייבוש פּרץ אין לאָדזש. די דאָזיקע יידישע שול איז באַוווּסט געווען אַלס איינע פון די פאָרגעשריטנסטע אין דער גרויסער אַרבעטער־שטאָט. די באַווייזלעכקייט פון די שילער איז געווען די העכסטע אין דער געגנט. צווישן די פּעדאַגאָגן זענען געווען אַלטע, פאַרדינסטפולע שול־טוערס

נאָך פון די פאַרמלחמה־צייטן, לערערס פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע („ציש״אָ״).

אייניקע מיטגלידער פון פרעזידיום זענען נאָך געגאַנגען אינטערוועניר̈ן אין דער בילדונג־אָפּטיילונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פּזפּ״ר. אויף אַ קורצער צייט איז דער ליקווידאַציע־באַפעל צוריקגעצויגן געוואָרן. אָבער אויך די לאָדזשער שול האָט קוים דערצויגן ביזן סוף פון שוליאָר. די איבעריקע יידישע שולן — דער ליצייַ און די גרונטשול אויפן נאָמען פון יאַנוש קאָרטשאַק אין ליגניץ, די יידישע גרונטשולן אין שטשעטשין און וואַלבזשיך זענען אין איין צייט ליקווידירט געוואָרן.

מיר זענען אין יענע טעג אַרומגעגאַנגען ווי שאָטנס, פילנדיק אונדזער אַבסאָלוטע אָנמעכטיקייט. מיר האָבן געוווסט, אַז דאָס איז נאָך נישט דער סוף. דער סאָוועטישער מוסטער האָט דאָך באַטייט טאָטאַלע פאַרניכטונג פון אַלץ וואָס איז יידיש. און דאָך האָט זיך געוואָלט גלויבן, אַז אין אַ געוויסן מאָמענט וועט אפשר דער פּאָגראָם אָפּגעשטעלט ווערן.

געקומען איז דער אורטייל אויף דער אינסטיטוציע, וועלכע איז איינע פון די ערשטע געשאַפן געוואָרן, נאָך אין 1944 יאָר, אין לובלין, ווען בלויז אַ קלײנער טייל פון פוילן איז געוואָרן באַפרייט פון דער היטלערישער מאַכט — אויף דעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט. סתם ליקווידירן, אַזוי ווי אונדזער ביכער־פאַרלאַג, אַזוי ווי אונדזערע שולן, איז די אַנטיסעמיטישע פינצטערלינגען נישט געווען באַקוועם. די אינסטיטוציע, וואָס האָט פאַרקערפּערט דעם דורותדיקן יידישן פאָלקס־זכרון, וואָס האָט מיט דער הילף פון טויזנטער און טויזנטער יידישע פאָלקסמענטשן און יידישע אינטעליגענטן זיך באַמיט צו ראַטעווען די רעשטן פון דעם אַלעם, וואָס האָט עדות געזאָגט וועגן דער יידישער טויזנטיאָריקער געשיכטע אויף דער פוילישער ערד, און גאָר באַזונדער — אַלס ערשטע אין דער וועלט — די שאַפונג פון דעם, צו יענער צייט גרעסטן אַרכיוו־מאַטעריאַל וועגן דעם יידישן אומקום און יידישן ווידערשטאַנד, אין וועלכן דער אָפּגעפונענער רינגעלבלום־אַרכיוו האָט פאַרנומען דעם באַטייטונגפולסטן אָרט — די דאָזיקע אינסטיטוציע, מיט וועלכער מיר האָבן זיך אַלע מאָל געגרויסט און האָט געדינט אַלס קוואַל פון וויסן פאַר יידישע היסטאָריקערס אין דער גאָרער וועלט, איז אָנגעגריפן געוואָרן אויף אַ „ספּעציעלן אופן״. פון „יענעם אָרט״ האָט מען באַפוילן דער פוילישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע צוצוגרייטן אַ פּלאַן ווי אַזוי „איידל״, אָן טומל, מאַכן אַ סוף צו דעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, וועמענס געלערנטע האָבן אויף אַ גרינטלעכן אופן אַרויסגעבראַכט דעם פאַרנעם פון דער היטלערישער יידן־אויסראָטונג, זענען אַלע מאָל אַרויסגעטראָטן אויף פּראָצעסן קעגן די נאַצי־מערדערס און האָבן דעמאַסקירט נישט ווייניק פוילישע קאָלאַבאָראַנטן. אַזאַ „איידעלן״ פּלאַן האָט צוגעשטעלט, (ווי מיר האָט איבערגעגעבן „מיין אַלטער חבר״) דער היסטאָריקער, פּראָפ׳ מאַדייטשיק. לויט דעם דאָזיקן פּלאַן, האָט דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט געדאַרפט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ... „יודאַיִסטישן אינסטיטוט״, אין וועלכן עס זאָלן אַרבעטן פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אַן

אינטערעס פאַר יודאַיִסטיק. לויט דעם צוגעשטעלטן פּלאַן האָט מען געדאַרפט צונעמען דעם גרויסן אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסיטוט וועגן דער היטלערישער אויסראָטונג פון די יידן און וועגן דעם יידישן ווידערשטאַנד־קאַמף און אים איבערגעבן צו די אָרטיקע שטאָטישע אַרכיוון. דער בילדער־אוצר פון אינסטיטוט האָט געזאָלט איבערגעגעבן ווערן אַ מלוכהשער קונסט־גאַלעריע. די ביבליאָטעק מיט אירע העכער 50 טויזנט אָפּגעראַטעוועטע, צונויפגעזאַמלטע ביכער האָט געדאַרפט איבערגעגעבן ווערן דער מלוכה־ביבליאָטעק, איבערלאָזנדיק בלויז אַ קליינע צאָל אַלס „האַנט־ביבליאָטעק״.

באַלד איז מען צוגעטרעטן צו פאַרווירקלעכן דעם „איידעלן״ ליקווידאַציע־פּלאַן. אָנמעכטיק זענען מיר געשטאַנען צוזעענדיק ווי מ׳פירט אַרויס פון אינסטיטוט די אַרכיוון פון לאָדזשער געטאָ, פון לובלינער געטאָ, פון קראָקע, וועלכע זענען אָפּגעשיקט געוואָרן צו די אָרטיקע אַרכיוון.

ספּעציעלע עקיפּעס פון בעזפּיעקע־לייט זענען אַראָפּגעקומען, כדי דורכצוקוקן די אַרכיוו־מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער היטלערישער אויסראָטונג־צייט. זיי האָבן געהאַט אַלס אויפגאַבע אָפּצוקלויבן די מאַטעריאַלן וועגן דער יידישער געטאָ־פּאָליציי און יודענראַט, כדי צו באַווייזן, אַז... יידן האָבן אַליין געמאָרדעט יידן און האָבן מיטגעאַרבעט מיט דער געסטאַפּאָ. די אָפּקלייבערס האָבן אויך ספּעציעל געזוכט מאַטעריאַלן וועגן פּאָליאַקן, וועלכע האָבן געהאָלפן אויסבאַהאַלטן יידן, כדי אַרויסקומען מיט דער לעגענדע וועגן מיליאָנען פּוילישע רעטערס און מיט אַן אויסגעטראַכטער צאָל געראַטעוועטע *).

געוואָקסן איז דער פּחד פאַרן גורל פון די אינקונאַבולען מיט וועלכע דער אינסטיטוט האָט זיך געגרויסט. געווען זענען עס שריפטן פון אָנהייב פון דרוקוועזן — די פּירושים פון רד״ק אויפן תנ״ך (פון סוף פופצנטן יאָרהונדערט), דער ספר הרפואות אין יידיש פון ד״ר מאַרקוזע, די זאַמלונג בריוו וועגן שבתי צבי, די בריוו פון משה מענדעלסאָן, פון די שעפערס פון דער השׂכלה. וואָס וועט זיין

*) אין אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט איז פאַראַן אַ דאָקומענט וועגן דער דורכגעפירטער אין חודש מאַי 1945, דורכן צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן, רעגיסטראַציע פון די געראַטעוועטע יידן (איידער עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די עשאַלאָנען מיט רעפּאַטריאַנטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד). די אַלגעמיינע צאָל געראַטעוועטע: 42.662 יידן. פון זיי — ביי 30 טויזנט צוריקגעקומענע פון די היטלערישע לאַגערן. העכער 3 טויזנט יידישע פּאַרטיזאַנערס און סך הכל 9 טויזנט געראַטעוועטע ביי פּאָליאַקן.

אין אַן אינטערוויו, וואָס ד״ר שמעון דאַטנער האָט געגעבן דער אולטראַ־אַנטיסעמיטישער צייטשריפט "W.T.K." („וואָצלאַווסקי טיגאָדניק קאַטאָליצקי״, „וואָצלאַווער קאַטוילישע וואָכן־שריפט״) וועלכע האָט געפירט אַ ווילדע העצע קעגן יידן, האָט ער אָנגעגעבן די פולשטענדיק אויסגעטראַכטע צאָל פון 100 טויזנט יידן, געראַטעוועטע דורך פּאָליאַקן. אויף מיין פראַגע פון וואַנעט ווייסט ער וועגן אַזאַ צאָל, האָב איך קיין ענטפער נישט באַקומען. דער פּרעמיער־מיניסטער י. ציראַנקעוויטש האָט אין זיינער אַ רעדע אָנגעגעבן די צאָל פון עטלעכע צענדליק טויזנט יידן, געראַטעוועטע דורך פּאָליאַקן.

מיט די פיל טויזנטער גבית־עדותן וועגן דער צייט פון דער היטלערישער יידן־אויסראָטונג ?! היינט די 700 קונסט־בילדער — און צווישן זיי פון מאוריצי גאָטליב, פון שמואל הערשנבערג, פון הענריק גליצנשטיין, פון די אומגעבראַכטע אין געטאָ קינסטלערס, מאַרקאָוויטש און געליע סעקשטיין...

ביי יעדער געלעגנהייט פלעגן מיר אַפּעלירן צו נאָענטע מענטשן : ראַטעוועט וואָס עס לאָזט זיך ! מיט יידישע הענט ליקווידירט נישט קיין שום אינסטיטוציע.

שווער געטראָפן האָט אונדז דאָס אָנגעבן זיך אין דעמיסיע פון דירעקטאָר פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, פּראָפ׳ אהרון אייזנבאַך, אַלס ענטפער אויף דער ליקווידאַציע. יאָרן לאַנג האָבן מיר מיט דעם חשובן יידישן היסטאָריקער, דעם נאָענטן חבר פון עמנואל רינגעלבלום, צוזאַמען געאַרבעט. אַלע מאָל געשעצט זיין ערודיציע און ערלעכע שטעלונג לגבי יידישע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. אָבער איבערצייגן אים, אַז גראָד אין דער צייט, ווען מ׳קען אפשר באַשיצן און אָפּראַטעווען די אוצרות פון אינסטיטוט, דאַרף ער נישט אַוועקגיין, האָט זיך נישט איינגעגעבן. געקומען איז אויף זיין אָרט, ד״ר שמעון דאַטנער, און נאָך אים האָט געוועלטיקט דער... מוזיקאָלאָג, ד״ר מאַריאַן פוקס, וועלכער האָט מיט יידישער געשיכטע, ווי מיט יידן בכלל, נישט געהאַט קיין שום שייכות.

איך האָב זיך געפּרוווט דערוויסן ביי „מיין אַלטן חבר״, דעם קרוב למלכות, וואָס עס שטייט אונדז ווייטער פאָר. איז ער דאָס מאָל געווען מער ווי שטענדיק צוריקגעהאַלטן. כ׳האָב געטראַכט, אַז ער וויל אפשר נישט רעדן וועגן אַזוינס, וואָס האָט מסתמא אַ דירעקטע שייכות צו מיר. כ׳האָב אים דאָך פּראָוואָצירט מיט דער פראַגע : „צי דאַרף איך שוין גרייטן וואַרעמע מלבושים ?״, האָט ער געענטפערט, אַז... דערווייל נאָך נישט. כ׳האָב זיך דעריבער נישט געחידושט, ווען כ׳האָב באַקומען אַ מעלדונג, אַז איך דאַרף זיך צושטעלן אין דער קאָנטראָל־קאָמיסיע פון דער פאַרטיי.

ביי אַ לאַנגן טיש זענען געזעסן זעקס מענטשן, אויבן אָן דער זיבעטער, דער פאָרזיצער ל. קעוויטש. זיי אַלע, חוץ דעם פאָרזיצער, האָבן געווענדעט זייערע בליקן אויף מיר, ביי איינציקע — מיט גרינגשעצונג, ביי דער איינציקער פרוי, או. טעקלינסקאַ — מיט נייגער. דער פאָרזיצער האָט זיך אָפּגעריסן פון דעם צוגעגרייטן „ענין״ און אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר גלייכגילטיק וואַסערדיקע אויגן. ער האָט גענומען אויספרעגן, אַזוי ווי אין געריכט, די „פּערסאָנאַליען״. ס׳איז קענטיק געווען, אַז זיי האָבן שוין געהאַט פאַנאַדערגעטיילט צווישן זיך די ראָלן — ווער, פון וועלכער זייט, וועט מיך אָנגרייפן. צווישן זייערע פּילצאָליקע פראַגן, וועלכע האָבן גיכער געקלונגען ווי באַשולדיקונגען, האָבן דעם הויפּטאָרט פאַרנומען : פאַר וואָס האָב איך דעזאָריענטירט די לייענערס פון דער „פאָלקס־שטימע״ און נישט אַרויסגעבראַכט דעם אַגרעסיוון כאַראַקטער פון דער מלחמה פון ישראל קעגן די אַראַבער אין 1967 און האָב צוליב דעם צוועק זיך באַנוצט מיט אויסלענדישע, פּראָ־ישראלדיקע אינפאָרמאַציעס ? 2) פאַר וואָס האָב איך אָפּגעשלעפּט מיט געבן אין דער צייטונג גאָמולקאַס רעדעס, וועלכע מיר האָבן פאַרעפנטלעכט ערשט נאָך דער מאָנונג פון דער פרעסע־אָפּטיילונג פון צענטראַל־

קאָמיטעט? פאַר וואָס האָב איך זיך נישט פאַרשטענדיקט מיט דער אויסלענדישער אָפּטיילונג פון צ״ק און האָב אַליין באַשלאָסן אויפצונעמען פריינדלעך דעם ישראל־מיניסטער, ד״ר יוסף בורג מיט דער דעלעגאַציע, זיי באַגריסט און געגעבן אויף דער ערשטער זייט פון דער „פאָלקס־שטימע״, אין סאַמע אויבן אָן, וועגן זייער באַזוך און 4) ווער האָט מיר געגעבן דאָס רעכט צו פאַרזיכערן, בעת אַ קאָלעקטיווער טרעפונג מיט די פאָרשטייערס פון מק״י, ד״ר משה סנה און שמואל מיקוניס (ווען זיי זענען געקומען קיין וואַרשע נאָך אַ באַזוך אין מאָסקווע), אַז איר אַלע שטיצט זייער שטעלונג, אין דער צייט ווען די פאַרטיי, ווי אַלע קאָמוניסטישע פאַרטייען, האָבן געשטיצט רק״ח.

מיין ענטפער אויף די דאָזיקע און פיל אַנדערע פראַגן האָט פאַרנומען עטלעכע זיצונגען אין משך פון 2 וואָכן, בעת וועלכע כ׳האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי כ׳וואָלט געפאָרשט געוואָרן דורך דער פאָליציי. אַרויסגעפירט פון די כלים האָט זיי מיין ענטפער אויף דער פראַגע, ווי אַזוי איך באַציי זיך צו מיינע זין, וועלכע זענען געזעסן אין דער מאָקאָטאָווער תפיסה. „ס׳איז ביי אונדז אַזאַ משפחה־גורל — האָב איך זיי געזאָגט. — זייער מוטער איז צוויי מאָל „געזעסן״ און דאָס לעצטע מאָל פאַר דער מלחמה — מיט אַן אורטייל פון 12 יאָר תפיסה; איך בין אויך 2 מאָל געזעסן און פיר יאָר אין אַן איינצל־קאַמער. מיינע יאַטן וועט עס נישט שאַטן...״ מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ האָבן זיי אויפגענומען מיינע רייד וועגן דעם אַדוואָקאַט ד״ר הערש סיראָפּ פון נייסאַנץ, וועלכער איז געווען דער פאַר־טיידיקער פון לענינען בעת ער איז אַרעסטירט געוואָרן ביים אָנהייב פון דער 1טער וועלט־מלחמה. דער דאָזיקער ד״ר הערש סיראָפּ איז געווען איינער פון די פירער פון די ציוניסטן אין גאַליציע און לענין האָט פאַר זיין אָפּפאָרן אין דער שווייץ אים אויסגעדריקט טיפע דאַנקבאַרקייט. היינט וואָלט מען דעם דאָזיקן פאַרטיידיקער אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט... ער איז אָבער אומגעבראַכט געוואָרן אין געטאָ.

דעם אורטייל האָט מיר שוין איבערגעלייענט די סעקרעטאַרין אַליין. אין אים איז געשריבן געוואָרן:

„דער באַשליסנדיקער קאָלעקטיוו פון דער וואַרשעווער קאָמיסיע פון פאַרטיי־קאָנטראָל האָט נאָכן באַקענען זיך מיט דעם ענין פון ה. סמאָליאַר און נאָכן דורכפירן מיט אים געשפּרעכן, באַשלאָסן אים אויסצושליסן פון דער פאַרטיי דערפאַר, ווייל אַלס לאַנגיאָריקער פאַרטיי־מיטגליד, וואָס פאַר־נעמט אַ פאַראַנטוואָרטלעכן אָרט אין דער יידישער באַוועגונג אין דער פּוי־לישער פאָלקס־רעפּובליק, לעצטנס — אַלס הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקס־שטימע״ און וויצער־פאָרזיצער פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פּוילן, האָט ער נישט רעאַליזירט די ריכטליניעס און פּאָליטיק פון דער פאַרטיי, סוגערירנדיק, אַז אונדזער פאַרטיי און די מלוכה־מאַכט האָבן אַ נישט ריכטיקע באַציִונג צו ישראל, ווי אויך צו דער יידישער סביבה, באַשולדיקנדיק די פּוילישע

פאָלקס־רעפּובליק, אַז זי טאָלערירט אַנטיסעמיטיזם און דאָס כּלומרשטע פאַרפאָלגן די יידישע נאַציאָנאַלע מינדערהייט אין פּוילן.

גאָר באַזונדער האָט ער אַלס רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקס־שטימע" אויף אַ פּאַרוואָלירטן אופן, אָבער דאָך קענטיק, רעפּרעזענטירט אַ פּראָ־ציוניסטישע און פּראָ־ישראלדיקע ליניע אין דער צייט פון נאָענט־מזרחדיקן קאָנפליקט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין פעלן פון אַ מעריטאָרישער פּאָלעמיק און אַ ווידערשטאַנד קעגן דער רכילותדיקער קאַמפּאַניע קעגן פּוילישן פאָלק, אים באַלעסטיקן מיט פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער עקס־טערמינאַציע פון די יידן בעת דער אָקופּאַציע און פאַר אַנטיסעמיטיזם נאָך דער מלחמה. די „פאָלקס־שטימע" האָט געמאַכט קירצונגען און האָט דורכגעלאָזן שטעלן אין די אינפאָרמאַציעס פון פּאַ"פּ (פּוילישע פּרעסע־אַגענץ), דעזאינפאָרמירנדיק די לייענערס און גלייכצייטיק זענען נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אָדער עס זענען אָפּגעשלעפּט געוואָרן פּובליקאַציעס וועגן ווירקלעכע געשעענישן אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד און פון דער וועלט (די מעלדונג פון דער רעגירונג פון דער פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק וועגן דער ישראל־אַגרעסיע, דער רעפּעראַט פון ח' גאָמולקאַ אויף דעם 6טן קאָנגרעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן, דער קאָמוניקאַט וועגן דער באַראַטונג פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין מאָסקווע). דאַקעגן האָט ער צוגעקליבן אינפאָרמאַציעס און דערקלערונגען פון פאַרשידענע פּאַר־טייען און אָרגאַניזאַציעס, אין וועלכע ישראל איז נישט פאַראורטיילט געוואָרן אַלס אַגרעסאָר.

ה. סמאָליאַר איז גלייכצייטיק מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר פאַרשפּעטיקן מיטן פאַרעפנטלעכן אַ דערקלערונג פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קול־טור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן וואָס שייך דער אַגרעסיע פון ישראל.

דער באַשליסנדיקער קאָלעקטיוו פון דער וואַרשעווער קאָמיסיע פון פּאַרטיי־קאָנטראָל האָט גענומען אין אַכט, אַז ה. סמאָליאַר האָט מיט זיין האַנדלונג געבראַכט באַטייטנדיקע פּאָליטישע שאָדנס אין דער יידישער סביבה, אַנטפּלעקנדיק זיך אַלס נאַציאָנאַליסט און בעת די געשפּרעכן מיט אים האָט ער פאַרנומען אַ נישט קריטישע פּאָזיציע — האָט באַשלאָסן אַזוי, ווי עס איז אויבן אָנגעגעבן געוואָרן".

אונטערגעשריבן: ל. קעוויטש, י. דעמיניעווסקי, י. יאַנטעס, ט. פּע־לעצקי, ע. סימביעראָוויטש און י. שישקאָ.

גלייך אויף צו מאָרגנס האָט מען זיך גענומען, אויפן זעלבן אופן, צו דוד ספאַרדן. אים האָט מען פאָרגעוואָרפן אַ טייל פון די זעלבע באַשולדיקונגען און צוגאָבלעך — אַ ריי ליטעראַרישע „זינד", און דער עיקר זיין משל אין די „יידישע שריפטן", וואָס די צענזור האָט דורכגעלאָזן און אַן אינערלעכער „אינפאָרמאַטאָר" האָט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דאָס איז אַ פּראָ־ישראלדיקע „דעקלאַראַציע".

ד״ר ספּאַרד האָט זיינע ענטפערס געגעבן אויף זיין שטייגער — געמיטלעך, און מיט דינעם הומאָר, אויף וועלכן די לייט פון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע זענען נישט געווען קיין מבינים. דער אורטייל — דער זעלבער: אויסשליסן פון דער פּאַרטיי.

ווען מ׳האָט זיך גענומען צום דריטן — צו לייב דאָמבן, האָט דער ענין זיך שטאַרק פאַרצויגן. אים האָט מען געהייסן שרייבן, געבן שריפטלעכע אויפקלערונגען (לויט די מעטאָדן, וואָס עס האָט געווינטלעך אָנגעווענדעט די קאָגעב״ע) און נאָך אַ לענגערער „אויספאָרשונג״ האָט מען קעגן אים... קיין אורטייל נישט אַרויסגעטראָגן.

„מיין אַלטער חבר״ האָט מיר אין אָנהייב קיין שום אויפקלערונג נישט געוואָלט געבן. גלייך נאָכן אורטייל אויף מיר האָט ער בלויז געענטפערט מיטן רוסישן שפּרוך: „דאָס זענען בלויז די בלימעלעך, די יאַגדעס וועלן נאָך קומען״. וואָס דאָס האָט געזאָלט באַטייטן, האָב איך נישט געוווּסט. ערשט ווען קיין אורטייל אויף לייב דאָמבן איז נישט אַרויסגעטראָגן געוואָרן, האָט מיין חבר מיר דער־ציילט: „די מאַטעריאַלן און באַשלוסן פון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע האָבן געזאָלט דינען דער גענעראַל־פּראָקוראַטור, כדי צונויפשטעלן אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן אַלע דריי און איינאָרדענען אין וואַרשע אַ „צענטראַלן ציוניסטן־פּראָצעס״.

דערצו איז נישט דערגאַנגען. ווייזט אויס, אַז דער „עלטערער ברודער״ איז נישט געווען פאַראינטערעסירט, אַז דער ענין מיט דאָמב־טרעפּערס „רויטער קאַפּעליע״ זאָל עווענטועל אַרויסקומען אין דער עפנטלעכקייט (הגם צו יענער צייט איז אין פראַנקרייך שוין געהאַט דערשינען און געוואָרן זייער פּאָפּולער אַ בוך וועגן דער „רויטער קאַפּעליע״ און אין דער פּוילישער וואָכנשריפט „פּאָליטיקאַ״ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ פראַגמענט פון אים). משפּטן בלויז אונדז ביידע, אין דער צייט ווען ל. דאָמב איז געווען דער פאָרזיצער, וואָלט נישט געגעבן דעם עפעקט, וועלכן די אויטאָרן פון דער פּראָוואָקאַציע האָבן דערוואַרט. ממילא איז צו קיין פּראָצעס נישט דערגאַנגען. גלייכצייטיק האָט מיין „אַלטער חבר״ מיר געוואָרנט: „זיץ אין דער היים, ריר זיך נישט, ווייל פון דאַך קענען פאַלן ציגל״.

אַנטקעגן מיין שטוב האָט אַ צייטלאַנג, אין משך פון גאַנצע מעת־לעתן, דיזשורירט אַ שוואַרצער אויטאָמאָביל.

שׂונאים פון אינעווייניק

סיי לויט די געשטעלטע פראַגן בעת דער אויספאָרשונג אין דער קאָנטראָל־קאָמיסיע, און סיי לויט די באַשולדיקונגען קעגן אונדז דריי — קעגן ספּאַרדן, דאַמבן און מיר — איז באַשיימפּערלעך געווען, אַז דער גאַנצער מאַטעריאַל איז צוגעגרייט געוואָרן דורך די „לייט פון אינעווייניק", פון אונדזער הויפּט־פאַרוואַל־טונג און רעדאַקציע, אָדער אויפן סמך פון זייערע מסירות. וועגן אייניקע פון די דאָזיקע לייט האָט מען זיך בלויז אָנגעשטויסן, אַז זיי שטייען אין דינסט פון דער „בעזפּיעקע". וועגן אַנדערע איז מיר, אַלנפאַלס, באַוווּסט געווען אויף זיכער, אַז זיי זענען מוסרים. זייערע „מאַטעריאַלן" האָבן געדינט דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, גאָר באַזונדער נאָך דער פּראָוואָקאַציע קעגן דער יידישער יוגנט פון דעם קלוב „באַבעל".

מיר האָבן גוט געוווּסט, אַז די יידישע סביבה איז אַלע מאָל געווען אונטער־געמינעוועט פון אינעווייניק, אַז מיר האָבן זיך געפונען אונטער אַ כסדרדיקער אָבסערוואַציע פון דער פּאָליטישער פּאָליציי. מיר פלעגן דעריבער, לויט די מעג־לעכקייטן, זיין פאָרזיכטיק מיט אַ וואָרט בעת זיצונגען און פאַרזאַמלונגען. האָט עס אָבער ווייניק געהאָלפן. די „לייט פון אינעווייניק" האָבן אין זייערע מסירות געוואָלט באַווייזן ווי שטאַרק וואַכזאַם זיי זענען און האָבן דעריבער געבראַקט מיט ליגנס, צושרייבנדיק אונדז רייד און מעשים, וואָס האָבן קיין אָרט נישט געהאַט. איך האָב געהאַט די טרויעריקע פּריווילעגיע צו לייענען עטלעכע קאָפּיעס פון געהיימע ראַפּאָרטן, וועגן אונדז, וואָס זענען צוגעשטעלט געוואָרן דורך „אַגענטן מיט אַ סטאַזש" — וועגן דער האַלטונג סיי פון די מיטגלידער פון אונדזער פּרעזידיום און סיי פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פון דער „פאָלקס־שטימע". די דאָזיקע „ראַפּאָרטן" האָט מיר געגעבן צו לייענען מיין „אַלטער חבר", באַשווערנדיק, אַז כ'זאָל מיט קיין וואָרט זיך נישט אַרויסרעדן וועגן די „אויטאָרן" פון די געמיינסטע מסירות, אַנדערש „דראָט אים דאָס שטריקל".

לשם אילוסטראַציע און צוליב דויערנדיקן אַקטועלן באַטייט וועל איך אָנ־צייכענען בלויז עטלעכע סילועטן פון אַזעלכע שׂונאים פון אינעווייניק.

✡

געווען איז עס אין אַ פרילינגדיקן זונטיק־טאָג. בעת אַ שפּאַציר אין אַ ווייטער אַליי פון דעם גרויסן בעלוועדער־פּאַרק (די „לאַזשענקעס"), האָב איך באַגעגנט דעם אַלטן אַרבעטער־טוער (אַ סברה — נאָך פון די צייטן פון דער סאָציאַל־

דעמאָקראַטיע פון פוילן און ליטע) זיגמונט אָקרענט. ער האָט געאַרבעט אַלס דירעקטאָר פון אַרכיוו פון אינערן־מיניסטעריום און בעתן אָפּגעפינען אַ דאָקומענט, וואָס איז שייך געווען דער פּאָליטיק פון די פאַרמלחמהדיקע פוילישע רעגירונגען לגבי יידן, האָט ער געוויינטלעך טעלעפאָנירט צו מיר. ער האָט זיך אויך אינ־טערעסירט מיט דער אַקטועלער לאַגע אין דער יידישער סביבה.

בעת אונדזער שפּאַציר האָט ער אַזוי ווי זייטיק מיר אַ פראַגע געטאָן: „וואָס טוט ביי דיר אין רעדאַקציע דער ,קוציק׳ ?״

איך האָב אים געענטפערט: „ער איז אַלע מאָל אַן איבערשרייבער״, און אים דערקלערט, אַז דאָס איז אַזאַ איינער, וואָס איז נישט פעיִק קיין אייגענע שורה אָנצושרייבן. ער שרייבט איבער און אייגנט זיך צו גאַנצע זאַצן פון אַרטיקלען, פון רעפּאָרטאַזשן און באַריכטן, וואָס אַנדערע האָבן געשריבן. ער באַנוצט זיך מיט ווערטער, מיט דער שפּראַך, געלקחנט ביי אַנדערע אין שרייבט זיך אונטער מיט פּסעוודאָנימען, מיט איניציאַלן „א. ק.״ (חברה אין רעדאַקציע פלעגן חוזקן, אַז דאָס באַטייט „אַלטער קאַ... ליקע״), און אַ מאָל, אומפאַרשעמט, מיטן אייגענעם נאָמען. ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער קאָרעספּאָנדענטן־אָפּטיילונג און פאַר־נעמט זיך מיט אַוועקהרגענען דעם אָריגינעלן סטיל פון די קאָרעספּאָנדענטן.

אַן איינדרוק האָט עס געמאַכט, ווי זיגמונט אָקרענט וואָלט נישט גאָר אויפ־מערקזאַם אויסגעהערט די כאַראַקטעריסטיק, וואָס איך האָב געגעבן דעם „זשור־נאַליסט״, וועגן וועלכן ער האָט געפרעגט. בעתן אָפּשטעלן זיך לעבן אַ באַנק האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן: „נישט אַלע מאָל איז ער געווען אַן איבערשרייבער. איך ווייס וועגן אַ פאַל, ווען ער האָט אַליין געשריבן און דאָס גאָר יונגערהייט...״

שוין זיצנדיק אויף דער באַנק האָט מיר ז. אָקרענט דערציילט וועגן אַ „פּאַפּיר״, ווו עס זענען אָנגעגעבן געוואָרן אַ סך נעמען און פאַמיליעס פון אָנגעהעריקע צו דער קאָמוניסטישער קינדער־אָרגאַניזאַציע „פּיאָנער״. דעם דאָזיקן צעטל האָט איבערגעגעבן, בעתן געפינען זיך אין אַרעסט אין דער פאַרמלחמהדיקער „דע־פענסיווע״, דער אַקטיוויסט פון „פּיאָנער״, וועלכן מ׳האָט אין זיין סביבה גערופן „קוציק״.

געשען איז אַזוי, אַז די דעפענסיווע האָט פאַרהאַלטן קוציקן ערב זיין אָפּפאָרן אַלס דעלעגאַט אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פון די קאָמוניסטישע קינדער־אָרגאַניזאַציעס אין בערלין. ווי זיגמונט אָקרענט האָט זיך משער געווען, האָט מען אין דער „דעפענסיווע״ אים מכבד געווען מיט קלעפּ, מיט דראָונגען. האָט ער געטאָן, וואָס מ׳האָט אים געהייסן: ער האָט אויסגעגעבן זיינע חברים.

קוציק איז תיכף באַפרייט געוואָרן פון אַרעסט און איז געפאָרן קיין בערלין. וואָס ער האָט געטאָן נאָכן צוריקקומען, צי איז ער ווייטער געווען אין דינסט פון דער „דעפענסיווע״, איז נישט באַוווּסט. ווען כ׳בין אין 1928 יאָר געזעסן אין דער ווילנער לוקישקער תפיסה, האָט מען אַהין געבראַכט עטלעכע מינדעריעריקע טוערס פון דער פּיאָנערן־אָרגאַניזאַציע. איינער פון זיי, סימקע אייכער (שפּעטער — אַ קעמפער אין די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס אין שפּאַניע), האָט מיר, אַלס סעקרעטאַר פון תפיסה־קאָמיטעט פון די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן ,איבערגעגעבן,

אַז בעתן פֿאַרשן אים האָט ער זיך איבערצייגט, אַז די ווילנער „דעפּענסיווע" ווייסט אַלץ וועגן דער פּיאָנערן־אָרגאַניזאַציע. ווי מ'האָט מיר איבערגעגעבן איז קיין ווילנע געקומען קוציק מיט אַ באַריכט וועגן דער בערלינער פּיאָנערן־קאָנפֿערענץ.

זיגמונט אָקרענט האָט נאָך צוגעגעבן, אַז ער האָט וועגן דעם פֿאַל דערציילט דעם פֿאַראַנטוואָרטלעכן פֿאַר דער „יידישער אַרבעט", שמעון זאַכאַריאַש, וועלכער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַז דאָס זענען אַלטע מעשׂיות און עס האַנדלט זיך וועגן אַ סמאַרק — אַ יאַטל.

אין דער מוסרישער ביאָגראַפֿיע פֿון קוציקן איז עס אָבער געווען בלויז אַן אָנהייב. בעת דער מלחמה איז ער אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אַרעסטירט געוואָרן צוליב אַ קרימינעלן ענין. מ'האָט אים גיך באַפֿרייט. מענטשן האָבן זיך גענומען היטן פֿאַר אים. ער האָט שוין זייענדיק אין פּוילן אויסגעמיטן צו פֿאָרן אין אייניקע שטעט פֿון נידער־שלעזיע אַלס שליח פֿון דער רעדאַקציע, ווייל ער האָט מורא געהאַט פֿאַר יידישע פּרויען, וועמענס מענער זענען לויט קוציקס מסירות איינגעזעצט געוואָרן ווי... בונדיסטן אָדער ציוניסטן. די פֿרויען האָבן געזוכט אַ מעגלעכקייט זיך אין אים נוקם צו זיין.

זיין „ספּעציעלע" פֿונקציע בעתן אַרבעטן אין דער רעדאַקציע איז געווען אַלעמען באַקאַנט, הגם וועגן דעם האָט מען גישט גערעדט. מיר איז געווען באַוווּסט, אַז יעדע וואָך שטעלט ער צו (דורך זיין פֿרוי, וועלכע האָט געאַרבעט אין אינערן־מיניסטעריום) „ראַפּאָרטן" — איין מאָל וועגן דער הויפּט־פֿאַרוואַלטונג, וואָס עס האָבן גערעדט און מיט וועמען עס האָבן זיך באַגעגנט די מיטגלידער פֿון פּרעזידיום; אַ צווייטן מאָל — וועגן דער רעדאַקציע „פֿאָלקס־שטימע", שענקענדיק אַ באַזונדער אויפֿמערקזאַמקייט דעם שעף־רעדאַקטאָר. קאָפּיעס פֿון עטלעכע אַזעלכע „ראַפּאָרטן" האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט צו לייענען און האָב באַשלאָסן צו „באַגרענעצן" זיינע שפּיצלישע מעגלעכקייטן. איך האָב פֿאַרגעלייגט, אַז אויפֿן אָרט פֿון קוציקן זאָל מצד דער רעדאַקציע קומען אויף די זיצונגען פֿון דער הויפּט־פֿאַרוואַלטונג, כּדי צו מאַכן אַ כראָניק־נאָטיץ פֿאַר דער צייטונג, אַן אַנדער מיטגליד פֿון אונדזער רעדקאָלעגיע. האָבן זיך באַלד דערהערט אייניקע שטימען פֿון פּראָטעסט קעגן דעם.

מיין „אַלטער חבר" האָט מיר איבערגעגעבן: עס איז אָנגעקומען צו דער „בעזפּיעקע" אַן אָנקלאַגע קעגן מיין יינגערן זון, וועלכער האָט נאָך געלערנט אין דער מיטלשול. בעת די זומער־וואַקאַציעס האָט ער עטלעכע מאָל געאַרבעט אַלס גרופּע־אינסטרוקטאָר צווישן די קינדער אויף די קאָלאָניעס פֿון „אוניאָן" אין פֿראַנקרייך. די אָנקלאַגע איז געווען, אַז אין אויסלאַנד רעדט ער שלעכט וועגן פּוילן... ווען איך האָב מיין זון געפֿרעגט, ווער נאָך פֿון פּוילן איז געווען מיט אים אין דער זומער־קאָלאָניע, האָט ער מיר געענטפֿערט: קוציקס זון...

אין זיין געהיימדינסט האָט קוציק אויסגענוצט זיין גאַנצע משפּחה. ער האָט אַפֿילו אויסגענוצט די „אינפֿאָרמאַציעס" פֿון זיין מינדעריאָריקן זון...

אין די לעצטע יאָרן האָט ער זיך שוין אַפילו נישט קאָנספּירירט מיט זיין שפּיצלערישער טעטיקייט. בעת אַ רעדאַקציאָנעלן סיכסוך, האָט ער מיר אָפן געדראָט מיט איבערגעבן „ווו מ׳דאַרף״.

אין 1968, ווען קיין איין ייד אין פּוילן האָט שוין קיין אויסלענדישן פּאַספּאָרט נישט באַקומען, נאָר בלויז דאָס „פּאַפּירל״, וואָס האָט אָפּגענומען די פּוילישע בירגערשאַפט, האָט קוציק באַקומען אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט, וואָס איז גילטיק געווען פאַר אַלע לענדער אין דער וועלט. נאָענטע פריינד און חברים אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער, ווו ער איז געקומען, האָבן אין יענער צייט נישט געוואָלט האָבן מיט אים קיין שום פאַרבינדונג. דער דאָזיקער מאָטשאַר־שפּיצעל איז געוואָרן דער הויפּט־אַגענט פון דער פּאָליציי אין די טרויעריקע יאָרן, ווען חוץ אַלטע, פאַרשוועכטע שילדן איז פון יידישן לעבן „נוסח פּוילן״ גאָרנישט געבליבן. בלויז קוציק — דער איבערשרייבער און מוסר — איז געבליבן.

✡

אין קאַטאָוויץ האָב איך זיך דערוווּסט, אַז פון ביטאָם איז געקומען אַ יידישער יונגערמאַן, וועלכער באַמיט זיך אַנצוקומען אַרבעטן אין אַ דאָרטיקער הויכשול. געווען איז עס דאָס יאָר 1947 און געטראַכט האָט זיך קודם־כּל (אַלס פאָרזיצער פון דער קולטור־אָפּטיילונג פון צענטראַלן יידישן קאָמיטעט) וועגן צוציִען צו אונדזער קולטור־אַרבעט אינטעליגענטע כּוחות. ביי מיינעם „אַן אַלטן חבר״, וועלכער האָט פאַרנומען אַן אָנפירנדיקן פּאָסטן אין קאַטאָוויצער בילדונגס־אַפּאַראַט, האָב איך זיך געוואָלט דערוויסן עפּעס מער וועגן דעם דאָזיקן מענטשן, איידער איך וועל מיט אים אָנבינדן אַ דירעקטן קאָנטאַקט און אים פאָרלייגן אַריבערצופאָרן קיין וואַרשע. מיין „אַלטער חבר״ האָט מיר אַזוי ווי באַדויערנדיק אָנגעקוקט און האָט מיר געענטפערט מיטן שפּריכוואָרט, וועלכער וואָלט אין יידיש געקלונגען: „במקום שאין איש, איז אַ הערינג אויך אַ פיש״. דער מענטש, וועלכער האָט פּרעטענדירט דווקא צו ווערן אַ לעקטאָר אין אַ הויכשול האָט נישט באַוויזן פאַר דער מלחמה צו ענדיקן דעם אוניווערסיטעט. ס׳האָבן אים געפעלט דערצו אַנדערהאַלבן יאָר. אָבער צוליב דעם מאַנגל אין פאַרטייִשע לעקטאָרן פאַר די הומאַניסטיק־פאַקולטעטן אין די הויכשולן, הויפּטזאַכלעך פון געשיכטע און עקאָנאָמיע, האָט מען אין יענער צייט געשאַפן דעם אַמט (און נישט דעם טיטל) פון געהילפס־פּראָפעסאָרן. ווייזט אויס, אַז אַזאַ מין געהילף איז געוואָרן דער דאָזיקער מענטש.

דאָס אַלץ איז מיר אין יענער צייט ווייניק אָנגעגאַנגען. עס האָבן ביי אונדז געאַרבעט מענטשן בכלל אָן וועלכער עס איז שולבילדונג. דער עיקר — אויטאָדידאַקטן. שווער אָבער איז מיר געוואָרן אויף דער נשמה, ווען דער חבר מיינער האָט מיר גאָר שטיל אַ זאָג געטאָן: „טשעפּע נישט, ס׳איז יעווסיי...״ כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס מיינט ער דערמיט. האָט ער מיט אַ טענה זיך אָנגערופן: „האָסט נישט געלייענט גאָרקיס ,מוטער׳? יעווסיי... דער געהיים־אַגענט״...

מער איז שוין קיין רייד נישט געווען וועגן ברענגען דעם „אינטעליגענטן יונגנמאַן" קיין וואַרשע. ער האָט זיך גוט איינגעאָרדנט אין קאַטאָוויץ, באַקומען אַ סטיפּענדיע, כדי אָנשרייבן אַ פאָרשונגס־אַרבעט וועגן די אַרבעטער־ראַטן אין זעגלעמביער געגנט, כדי אַזוי אַרום באַקומען אַ וועלכן עס איז וויסנשאַפטלעכן טיטל. די סטיפּענדיע האָט ער גענומען און... די אַרבעט קיין מאָל נישט אָנגעשריבן.

אין די חדשים נאָך גאָמולקאַס קומען צו דער מאַכט האָט דער דערמאָנטער סוביעקט געלאָזט פון זיך הערן און באַפּעסטיקן די מיינונג, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ פּאָליציי־אַגענט. עס איז געווען די צייט, ווען צענדליקער טויזנטער יידן האָבן זיך געגרייט אַרויסצופאָרן קיין ישראל. מעגלעכקייטן זענען אַלעמען געגעבן געוואָרן, אָבער די שטעלונג פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי און פון דער רעגירונג איז אין יענער צייט געווען, אַז יידן, איבערהויפּט יידישע אַרבעטערס, דאַרפן נישט אַוועקפאָרן פון פּוילן. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין אַרטיקלען אין צענטראַלן פּאַרטיי־אָרגאַן „טריבונאַ לודו" און גאָר באַזונדער אין דער רעדע פון דעמאָלטיקן פּרעמיער־מיניסטער, יוזעף ציראַנקעוויטש אין סיים. אין דער דאָזיקער צייט האָט אין דער סאַמע פאַרשפּרייטסטער פּאַרטיי־ציייטונג, אין דער קאַטאָוויצער „טריבונאַ ראָבאָטניטשאַ", זיך באַוויזן אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „עקזאָדוס", וועלכער האָט קעגן דער אַלגעמיינער פּאַרטיי־שטעלונג גערופן די יידן צו פאַרלאָזן פּוילן. געווען איז עס אַ פאַל אָן אַ פּרעצעדענט, דער אויטאָר פון דעם אַרטיקל איז געווען דער דערמאָנטער „יעווסיי", וועלכער האָט זיך תיכף פאַרשריבן אַוועקצופאָרן קיין ישראל. פאַר דעם איז ער געקומען קיין וואַרשע. דער קומענדיקער „עולה" האָט זיך געווענדעט גראָד צו די געוועזענע בונדיסטן, מיטגלידער פון אונדזער פּרעזידיום, אַז זיי זאָלן אים געבן קאָנטאַקטן מיט אויסלאַנד... מענטשן האָבן זיך געכאַפּט, אַז עס שמעקט מיט פּראָוואָקאַציע, אַז מיט דעם אַרטיקל „עקזאָדוס", וואָס איז אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט געוואָרן לויט דער באַשטעלונג פון דעם „באַוווּסטן אַנשטאַלט", איז מען אויסן געווען צו שאַפן פאַרן פאַרשוין אַ געהעריקע פּאָזיציע אין ישראל אַלס „קעמפער פאַר עליה".

אין אַ צייט אַרום איז דער „יעווסיי" צוריקגעקומען פון ישראל קיין פּוילן. געשען איז עס נאָך דעם, ווי לויט גאָמולקאַס פאָרשלאַג האָט דער סעקרעטאַריאַט פון צ"ק פּזפּ"ר באַשלאָסן נישט צו דערלויבן קיינעם צוריקקומען קיין פּוילן, חוץ פּוילישע פּרויען, וועלכע „ליידן פון דיסקרימינאַציע אין ישראל". ווער עס האָט אויסגעפּועלט, אַז דער עקזאָדוס־אַגיטאַטאָר זאָל באַקומען די מעגלעכקייט צוריק־צוקומען קיין פּוילן מיט זיין גאַנצער משפּחה — ווייס איך נישט, הגם מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן. און נישט נאָר ער איז צוריקגעקומען, נאָר האָט באַקומען אַ דירה אין וואַרשע און איז געשיקט געוואָרן אַרבעטן... גראָד צו אונדז, אין דער קולטור־אָפּטיילונג פון אונדזער הויפּט־פאַרוואַלטונג.

פולשטענדיק דעמאַסקירט האָט ער זיך פאַר אַלעמען בעת דעם 5טן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פּוילן. אין דער אָנוועזנהייט פון פאָרשטייערס פון דער אַדמיניסטראַטיווער אָפּטיילונג פון צ"ק פּזפּ"ר און פון איבערן־מיניסטעריום, בראש מיטן וויצע־מיניסטער, זיגפריד

שנעק, איז ער אַרויסגעטרעטן מיט אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט אונדז אַלעמען געמסרט, אַז מיר באַנוצן זיך מיט די „דזשאָינט״־געלטער נישט ווי עס דאַרף צו זיין אין הסכם מיטן באַשלוס פון דער פּאַרטיי, דאָס הייסט בלויז אויף קאָנסטרוקטיוו־ווירטשאַפטלעכע צוועקן און אויף סאָציאַלער הילף, נאָר גיבן אויס אויך אויף קולטור־טעטיקייט, און דאָס הייסט דאָך, אַז מיט געלט פון קאַפּיטאַ־ליסטישן אויסלאַנד באַנוצן מיר זיך צו פירן... אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע אַרבעט. דער עולם האָט זיין מוסרישע רעדע אויפגענומען מיט שטוינונג און פּאַרדראָס. מענטשן האָבן נישט געוווסט וואָר עס שטייט הינטער די פּלייצעס פון דעם „דעמאַסקאַטאָר״. איך האָב זיך געווענדעט צו דוד ספּאַרדן, אַז ער זאָל תיכף ענטפערן דעם מוסר. אַליין בין איך שוין געווען דיסקוואַליפיצירט דורך די פּאַרטיי־באַלעבאַטים און מיין וואָרט וואָלט נישט געהאַט דעם נויטיקן עפעקט. דער שטענדיק רויִקער, געלאַסענער, דוד ספּאַרד, וועלכער האָט אַלע מאָל פּאָלע־מיזירט מיט דער הילף פון אַ משל, פון אַ גלייכוואָרט, האָט דאָס מאָל ממש געשטורעמט און געמאַכט פון דעם נפש אַש און בלאָטע.

אין די סוף זעכציקער יאָרן איז דער דאָזיקער פּאַרשוין אַרויסגעפאָרן, שוין נישט קיין ישראל, נאָר קיין פראַנקרייך. אין אָנהייב איז ער אַוועק צו די ציוניסטן, פּאַרלייגנדיק זיין דינסט. נאָך דעם איז ער מיט אָפענע אָרעמס אויפגענומען געוואָרן דורך די „פּראָגרעסיווע״, אַלס לעקטאָר פון טיפּ „איין מעדכען פיר אַלעס״ — אַ גרייטער צו רעדן וועגן אַלץ אין דער וועלט. די שפּאַלטן פון דער לינקער פּרעסע זענען פול געוואָרן מיט זיין שרייבעכץ. ער איז אַ פּיפּיקער קאָמפּיליאַטאָר און פעיִק צו מאַכן דעם איינדרוק פון אַן אַלץ־ווייסער, דער עיקר אָבער אַ מייסטער צו שלעפּן געלט — סיי ביי „דער מאַמעליו״ אין לאָס־אַנדזשעלעס און סיי „גייענ־דיק איבער די הייזער״ אין פראַנקרייך. ער באַנוצט זיך אַלע מאָל מיטן טיטל „פּראָפעסאָר״, וועלכן ער האָט קיין מאָל נישט באַקומען פון דער איינציקער אין פּוילן באַרופענער אינסטאַנץ צו געבן אַזאַ טיטל — פון מלוכה־ראַט. מיר פּערזענ־לעך האָט ער אויף מיין פראַגע, ווו ער איז געווען בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, געענטפערט אַז ער האָט אין אַ דאָרף הינטער ביאַליסטאָק געפּאַשעט בהמות. קומענדיק קיין פראַנקרייך האָט ער צוזאַמען מיטן צוגעשריבענעם זיך פּראָפעסאָר־טיטל, אויך צוגעשריבן זיך אַ ביאָגראַפיע פון אַ ווידערשטאַנד־קעמפער — פריִער אין בריסקער געטאָ, נאָך דעם אין קאָוועל... אין דעם פּאַרבאַנד פון געטאָ־קעמפער און יידישע פּאַרטיזאַנערס אין פּוילן, וועמענס פּאָרזיצער איך בין געווען, איז ער קיין מאָל נישט געווען רעגיסטרירט.

ער איז אַוודאי געווען רעגיסטרירט „אין יענע מקומות״, ווו מ׳האָט זיך באַנוצט מיט זיינע אינפאָרמאַציעס, כדי צו באַקעמפן און פּאַרניכטן די יידישע סביבה.

☆

דער מענטש, וועגן וועלכן עס וועט דאָ זיין אַ רייד, ווייסט נישט ביז היינטיקן טאָג, אַז דאָס האָב איך אים אָפּגעראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. געהאַנדלט האָט

זיך עס אין אַזאַ טויט, מיט וועלכן עס פּלעגן צייטנווייז אומגעבראַכט ווערן פּראָוואָקאַטאָרן, פאַרמשפּטע דורך דער אונטערערדישער אַרבעטער־באַוועגונג.

געווען איז עס נאָך דער שטורמישער פאַרזאַמלונג אין דעם יידישן יוגנט־קלוב „באַבעל", ווען אַ סך פון די אַנטיילנעמערס האָבן, אין אַנבליק פון דער צעיושעטער אַנטיסעמיטישער קאַמפּאַניע, פאַרשטאַנען ווער עס איז געווען פאַראינטערעסירט אין דער פּראָוואָקאַציע און ווער האָט לויט וועמעס באַפעל זי דורכגעפירט. אויפן ערשטן אָרט האָט מען דערזען שמואליקן. אַזוי היימיש האָט מען גערופן דעם אַבסאָלווענט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, וועלכער איז דורך אונדז באַשטימט געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר פון דער פּוילישער ביילאַגע פון דער „פאָלקס־שטימע".

אַן אָפּשטאַמיקער פון אַ יידישער היים (זיין פאָטער איז געווען דער פאָרזיצער פון אונדזער אַ פאַרבאַנד־אָפּטיילונג), האָט ער געלערנט און געענדיקט דעם יידישן ליציי א"נ פון שלום־עליכם אין ווראָצלאַוו. נאָכן ענדיקן זיינע הומאַניסטישע שטודיעס אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט האָבן מיר אים צוגעצויגן צו אונדזער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט ביים אָרגאַניזירן זומער־קאָלאָניעס פון דער יוגנט און יידישע יוגנט־קלובן. מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון אונדזער פאַרבאַנד און אין דער לעצטער צייט — אַפילו אַ מיטגליד פון פּרעזידיום. מיר האָבן געלייגט גרויס האָפענונג אויף אים אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון דער יידישער יוגנט, פון איר אָנטייל אין דעם יידישן קולטור־לעבן.

אין אַ צייט אַרום האָבן מיר זיך דערוווסט פון יידישע סטודענטן, אַז שמואליק איז אַן אָפטער אַריינגייער אין „יענע מקומות". איך האָב אויף אייגענער אחריות געפּרוּווט קאָנטראָלירן, צי דער חשד איז אַ באַרעכטיקטער און האָב באַקומען די זיכערקייט, אַז אַזוי איז עס: שמואליק אַרבעט „אויף ביידע זייטן". די „באַבעל"־פאַרזאַמלונג האָט ער צוזאַמען מיט אַנדערע „מיטאַרבעטערס" אָרגאַניזירט לויטן אויפטראַג פון דער אַנטיסעמיטישער מאַטשאַר־כּנופיה.

צו מיר זענען שפּעטער געקומען 2 יוגנטלעכע, וועלכע האָבן געוואָלט וויסן מיין מיינונג וועגן זייער באַשלוס זיך אָפּצורעכענען מיט שמואליקן. זיי האָבן געוואָלט אַרויפוואַרפן אויף זיין קאָפּ אַ זאַק און אַריינוואַרפן אים אין דער ווייסל. מיך האָט געקאָסט נישט ווייניק מי, כדי זיי אָפּצורייידן דערפון, אויפווייזנדיק, אַז דאָס וואָלט אַריינגעשפּילט אין די הענט פון אונדזערע ערגסטע שונאים, כדי זיך אָפּרעכענען מיט אונדזער גאַנצער סביבה.

נאָך דער „באַבעל"־פאַרזאַמלונג האָט מיך אַרויסגערופן צו זיך דער דירעקטאָר פון דעם צייטונגס־פאַרלאַג „פּראַסאַ", טאַדעוש גאַלינסקי, און האָט מיר פאָרגעלייגט, אַז איך זאָל אָפּזאָגן פון דער אַרבעט אין דער רעדאַקציע דעם זייער פעיִקן יונגן זשורנאַליסט, נתן טענענבוים, וועלכער איז אַרויסגעטרעטן אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג מיט דער באַשולדיקונג, אַז אין דער פּוילישער פּרעסע ווענדעט מען אָן געבעלס־„אַרגומענטן" קעגן די יידן. איך האָב גאַלינסקין דערקלערט, אַז צו טענענבוימען אַלס זשורנאַליסט האָב איך נישט קיין שום טענות. קיין אַדמיניסטראַטאָר בין איך נישט און וועל אים נישט אָפּזאָגן. באַלד נאָך דעם האָט

גאַלינסקי אַרויסגערופן צו זיך שמואליקן צוזאַמען מיט דעם מיטגליד פון דער רעדאַקציע פון דער פוילישער ביילאַגע, יוספן, און זיי האָבן, לויט דעם פאַרלאַנג פון גאַלינסקין (פאַקטיש פון אָלשאָווסקין, דעם פאַרוואַלטער פון דער פרעסע־אָפּטיילונג פון צ״ק *) — אונטערגעשריבן אַ פאָרשלאַג אָפּצוזאָגן נתן טענענבוימען פון דער רעדאַקציע. דערביי האָבן זיי וועגן נתנען, וועלכער איז געווען זייער פעיִק און ערלעך אין זיין שרייבן, אָנגעשריבן די ערגסטע פּאָליטישע כאַראַקטע־ריסטיק.

אין היינטיקן „פוילן אָן יידן” שפּילט שמואליק די ראָל פון אַ יידישן פיר־שפּרעכער מצד דער פּאָליטישער פּאָליציי. אויף אַ באַראַטונג פון די „רעשטלעך” האָט ער אין אָנהייב, מעשׂה־תּקיף, באַפוילן צו זיצן שטיל, נישט צו רעדן וועגן דאָס געשעענע אין די יאָרן 1967—1968; רעאַגירן „ווען מען” דורך די „געהע־ריקע אָרגאַנען”. בעת אַ רעפעראַט פון באַוווסטן שרייבער, אַרטור סאַנדאַוער אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט וועגן דער ראָל פון יידן אין דער אַנטוויקלונג פון דער פוילישער קולטור און ווירטשאַפט, ווען דער רעדנער האָט זיך געקלאָגט, אַז די פוילישע היסטאָריאָגראַפיע פאַרשווייגט די דאָזיקע ראָל, האָט שמואליק מיט אַ קלאַפּ אין טיש, אים איבערגעריסן: „אַ סוף זאָל עס נעמען צו די יידישע נאַציאָנאַליסטישע רייד”. דער פאַרזאַמלטער עולם האָט ממשותדיק דערשפּירט די אָנוועזנהייט פון דער פּאָליטישער פּאָליציי אויף דער פאַרזאַמלונג.

בעת אַן אויפנאַמע פאַר דער ישׂראל־דעלעגאַציע, וועלכע איז אין 1978 גע־קומען קיין פוילן אין צוזאַמענהאַנג מיטן עפענען דעם „יידישן פּאַוויליאָן” אין אָשווענטשים, האָט דער טוער פון דער לינק־סאָציאַליסטישער של״י־באַוועגונג, אַדוואָקאַט מאיר לאַם געפרעגט: „וואָס איז געשען מיט די יידישע טוערס, וועלכע האָבן יאָרן לאַנג אָנגעפירט מיט די יידישע קאָמיטעטן, מיטן קולטור־געזעלשאַפט־לעכן פאַרבאַנד?” געענטפערט האָט שמואליק פולשטענדיק אין גייסט פון דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע אין די סוף זעכציקער יאָרן „וועגן די וואָס האָבן געגעסן פויליש ברויט און דאָס מיט פוטער”. שמואליק האָט אין זיין ענטפער בוכשטעבלעך געזאָגט וועגן די פריִערדיקע יידישע טוערס „אַז ס׳איז געווען ברויט מיט פוטער זענען זיי געווען. אַז ס׳האָט קיין פוטער נישט געסטייעט, זענען זיי אַוועקגעפאָרן”. אַזוי האָט ער געזאָגט וועגן אַלע טוערס פון קולטור־געזעלשאַפט־לעכן פאַרבאַנד, וועלכע זענען אַוועק פון פוילן. געבליבן זענען זיי, די שׂונאים פון אינעווייניק, כדי אָפּצומעקן יעדן זכר דערפון, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין משך פון אַ פערטל יאָרהונדערט אין דעם חרוב־געוואָרענעם לאַנד. די בולטסטע פאַרקערפּערונג פון דער דאָזיקער פונקציע זייערער איז דער פאַל, ווען זיי האָבן איבערגעחזרט די היטלערישע פּראַקטיק און געלאָזט מיטן רויך דעם גרויסן גייסטיקן פאַרמעגן, די מי פון יידישע שרייבערס און יידישע אַרבעטערס ביים

*) אין מאָמענט פון שרייבן דעם דאָזיקן קאַפּיטל איז ער אַ מיטגליד פון פּאָליטביוראָ פון פזפּ״ר און דער „אידעישער” אפּוטרופּוס פון דער אַנטיסעמיטישער אָרגאַניזאַציע „גרונוואַלד”.

אַרויסגעבן העכער 400 יידישע ביכער מיט אַ טיראַזש פון קרוב אַ מיליאָן עקזעמפּלאַרן. לויט זייער באַפעל איז דער גאַנצער ביכער־מאַגאַזין פון פאַרלאַג „יידיש בוך" פאַרניכטעט געוואָרן.

☆

דאָס זענען בלויז עטלעכע סילועטן פון די שׂונאים פון אינעווייניק, וועלכע האָבן מיטגעווירקט צום חרוב מאַכן די רעזולטאַטן פון דעם אָנשטרענג אויפצולעבן דעם יידישן יִשוב אין פוילן.

דער ענדגילטיקער יידישער ענטפער

נאָך דעם אַלעמען, וואָס איז געשען אין די פרילינג־חדשים פון יאָר 1968, האָט די אָנפירונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד כמעט אויפגעהערט צו עקסיסטירן. קיין רייד איז נישט געווען וועגן אַ באַשלוס, אָדער אַפילו בלויז וועגן אַ סוגעסטיע, וואָס זאָל געבן די אָרטיקע יידישע טוערס אַן אָריענטאַציע וואָס עס בלייבט צו טאָן אין דער געשאַפענער לאַגע. ווען כ׳בין אַריין אין צימער פון סעקרעטאַר פון דער הויפט־פאַרוואַלטונג און דאָרט געטראָפן עטלעכע פּרעזידיום־מיטגלידער, זענען זיי אַלע אַנטשוויגן געוואָרן און אויסגעמיטן מיך צו קוקן אין די אויגן. דאָס איז דאָך שוין געווען נאָכן באַשלוס פון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע און מיך האָט מען שוין געהאַלטן פאַר אַ „געוועזענעם". אין אַ צייט אַרום האָט לייב דאָמב געגעבן צו וויסן אין אַ שריפטלעכער מעלדונג, אַז ער זאָגט זיך אָפּ צו זיין דער פאָרזיצער פון דער מער נישט עקסיסטירנדיקער הויפט־פאַרוואַלטונג.

די נאַציאָנאַליטעטן־קאָמיסיע פון פאַרטיי־צ״ק האָט אָבער דאָך געוואָלט איינהאַלטן אין דער געשאַפענער לאַגע, כאָטש אַ שאָטן־אָרגאַן, כדי עס זאָל זיין, ווען די אַנטיסעמיטישע אָנפירונג וועט עס דאַרפן, אַ „יידישער אַדרעס". האָט מען פאַנאַנדערגעשיקט איינלאַדונגען צו קומען אויף אַ באַראַטונג אין דעם יידישן אָפּרו־הויז, אין שרודבאָרוו, הינטער וואַרשע. געציילטע טוערס, און דאָס דער עיקר פון קלענערע שטעט, זענען געקומען קיין וואַרשע. פולשטענדיק דעזאָריענטירטע האָבן זיי ערשט דאָ זיך געכאַפּט, אַז קיין הויפט־פאַרוואַלטונג איז שוין בכלל נישטאָ. קיינער פון די מיטגלידער פון פּרעזידיום איז צו דער דאָזיקער באַראַטונג נישט געקומען, חוץ צוויי, וועלכע זענען געבליבן, כדי קנעכטיש־טריי אויספירן די באַפעלן פון די, וועלכע האָבן ליקווידירט דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן.

צו מיין דערשטוינונג האָט מען עטלעכע מאָל זיך געווענדעט צו מיר איך זאָל קומען אויף דער דאָזיקער „באַראַטונג". נאָך מער, צוליבן וואַרטן אויף מיר, האָט מען מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג געעפנט די זיצונג. דער פאָרשטייער פון דער נאַציאָנאַליטעטן־קאָמיסיע, וולאַדיסלאַוו סקשיפּטשאַק, האָט נאָך דעם כּעסדיק באַפוילן מער נישט צו וואַרטן און האָט דערביי אַרויסגעצישעט אַ דראָונג, אַז איך „וועל נאָך חרטה האָבן".

איייניקע אָנטיילנעמערס אין דער דאָזיקער באַראַטונג, (וועלכע איז אָפּגעקומען מיט סתם רייד וועגן „וויטער אַרבעטן") האָבן אויפגעזוכט דאָמבן, מיך, אין אונדזערע היימען, און איבערגעגעבן מיט אַלע איינצלהייטן די וויסטע בשורה וועגן דער אַנטיסעמיטישער עפּידעמיע, וואָס האָט געבושעוועט אין שטעט און

שטעטלעך, וועגן דער ליקווידאַציע פון אַלץ וואָס איז יידיש. פון אונדז האָבן זיי דערוואַרט אַן ענטפער וואָס צו טאָן. און זיי האָבן דעם ענטפער באַקומען — דעם ענטפער, וועלכער איז דערגאַנגען דורך די אַרטיקע טוערס צו ברייטערע קרייזן און איז געווען אין פולן איינקלאַנג מיט דעם, וואָס יידן האָבן געטראַכט: נישטאָ און עס וועט מער נישט זיין קיין יידיש לעבן אין דעם לאַנד פון אונדזער טויזנט־יאָריקן דויערן. דעם היטלער־אורטייל צו מאַכן פוילן יודען־ריין, האָט אויפגענומען דער פוילישער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, די הערשנדיקע „פאָלקס־מאַכט" בראש מיט גאָמולקאַן, צוזאַמען מיט מאָטשאַרן און פיאַסעצקין.

וואָס שייך די איניציאַטאָרן פון דער „באַראַטונג" אין שרודבאָרוו, כלומרשט אין נאָמען פון דער הויפט־פאַרוואַלטונג, דאַרף מען זיך צו זיי באַציִען ווי צו אוזורפּאַטאָרן, וועלכע אייגענען זיך צו די פירמע פון דעם מער נישט עקסיסטירנ־דיקן פאַרבאַנד. זיי שטעלן מיט זיך פאָר היינטצייטיקע „זובאַטאָווצעס" *).

אַלץ אַפּטער פלעגן אויף אַ פּריוואַטן אופן קומען אין יענע טעג קיין וואַרשע אָרטיקע לאַנגיאָריקע יידישע טוערס, מיט וועלכע מיר פלעגן זיך באַגעגענען און צוזאַמען באַטראַכטן די לאַגע. אויסגעזען האָט עס כמעט אומעטום אויף דעם זעלבן אופן און דערפון — דער אויספיר, אַז די פולשטענדיקע ליקווידאַציע פון אַלץ, וואָס איז יידיש, איז פאַרגעקומען לויט אַ גענוי־אויסגעאַרבעטן צענטראַלן פּלאַן. דאָס האָבן פאַרשטאַנען אַלע יידן. דערפון האָט געשטאַמט דער וועזנטלעכער אונ־טערשייד אין דעם יידישן ענטפער אין פאַרגלייך מיט דער לאַגע נאָכן קעלצער פּאָגראָם און בעת דעם „פוילישן אָקטאָבער". דעמאָלט איז בולט געווען אַ גרינט־לעכע דיפערענציאַציע צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. די גרעסטע מערהייט האָט פאַרלאָזט פוילן און איז אַוועק דער עיקר קיין ארץ־ישראל. די מערהייט פון די געבליבענע האָבן פאַרבונדן זייער וויטערדיקן לעבן מיט זיכערע אויסזיכטן אויף אַ געזעלשאַפטלעכער, ווירטשאַפטלעכער און קולטור־אַנטוויקלונג פון יידישן ישוב אין די ראַמען און לויט די באַרמעס פון דער פוילישער פאָלקס־רעפּובליק.

בעת די ערשטע צוויי עמיגראַציעס האָט געהאַט אַן אָרט אַ קענטיקער פּאָליטיש־אידעיִשער גרענגל צווישן די, וועלכע האָבן אַגיטירט און אַקטיוו מיטגעווירקט צום פאַרלאָזן פוילן און די פאַרשטייערס פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, וועלכע האָבן דירעקט און אומדירעקט זיך באַמיט איינצוהאַלטן אַ צאָלמעסיק־גרעסערן יידישן ישוב.

בעת די ערשטע צוויי עמיגראַציעס זענען געווען אָפיציעלע דערקלערונגען מצד דער פאַרטיי־אָנפירונג און דער פוילישער רעגירונג, קעגן דעם, אַז יידן זאָלן פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

גרינטלעך אַנדערש איז עס געווען אין די סוף זעכציקער יאָרן.

קיין שום וועזנטלעכע דיפערענציאַציע אין דער שטעלונג פון דער יידישער

*) אזוי האָט מען אין אָנהייב פון 20טן יאָרהונדערט גערופן די אָנגעהעריקע צו דער אָרגאַניזאַציע, וואָס עס האָט געשאַפן דער שעף פון דער צאַרישער זשאַנדאַרמעריע, זובאַטאָוו, כדי צו באַקעמפן די סאָציאַליסטישע ווירקונגען צווישן די יידישע אַרבע־טערס, הויפּטזעכלעך פון „בונד".

באַפעלקערונג איז דאָס מאָל מער נישט געווען. דער באַשלוס איז אומעטום געווען כמעט אַן איינהייטלעכער.

קיין שום דערווידערונג אָדער קעגן־אַגיטאַציע, כלומרשט פון אידעיש־פּאָליטישע פּאָזיציעס, איז אין דער יידישער סביבה דאָס מאָל נישט געווען. פאַרקערט, די טוערס פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד האָבן אָפט מיטגעווירקט צום באַפרייען פון ספיקות יענע יידישע משפחות, וועלכע האָבן זיך נאָך געוואַקלט. דער פּערזענלעכער באַשלוס פון די סעקרעטאַרן פון די גרעסטע פאַרבאַנד־אָפּטיילונגען — פון שמואל וועב פון לאָדזש, בראָפמאַן פון וראָצלאַוו (ביידע מיטגלידער פון פּרעזידיום פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג), ישראל ביאַלאָסטאָצקי פון שטשעטשין, דוד רויטנבערג פון ליגניץ, י. יאַקובאָוויטש און ה. גרינפעלד פון וואַלבזשיך, חיים קליגער פון לובלין און פון כמעט אַלע העכער צוויי צענדליק אָרטיקע אָפּטיילונגען פון פאַרבאַנד האָט סטימולירט און געגעבן אַן איינהייטלעכן נאַציאָנאַלן זין דעם יידישן ענטפער *).

נישט געווען דאָס מאָל אַפילו קיין סימן פון אַ פּרווו מצד דער פּאַרטיי און רעגירונג, אַזוי ווי נאָכן קעלצער פּאָגראָם און בעתן „פּוילישן אָקטאָבער", קעגנצווירקן דעם יידישן ענטפער, וועלכער האָט דאָך געהאַט אַ טיף־פּרינציפּיעלן אויסקלאַנג. דער דאָזיקער ענטפער איז דאָך געווען אַן אויסדרוק פון קאָלעקטיווער נעגאַציע פון דעם הערשונגס־סיסטעם אין פּוילן, וועלכער האָט מיט סאָציאַליסטישער פראַזעאָלאָגיע געפּרוווט פאַרדעקן דעם שאָוויניסטישן, אַנטיסעמיטישן תוך.

דער קאָלעקטיווער יידישער ענטפער, וועלכער איז לחלוטין נישט געווען קיין רייך־סטיכישער, איז געווען:

פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וועמענס הערשער האָבן גרינטלעך פאַרניכטעט דאָס צוריק־אויפגעבויטע, נאָכן היטלערישן חורבן, יידישע געזעלשאַפטלעכע, ווירטשאַפטלעכע און קולטור־לעבן.

פאַרלאָזן דאָס לאַנד פון דער שענדלעכסטער אָפיציעל־מלוכהשער דיסקרימי־

---

*) נאָך אין 1967 האָט דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד געהאַט אָפּטיילונגען אין 27 שטעט און שטעטלעך מיט אָפיציעל־רעגיסטרירטע 7400 מיטגלידער, צווישן זיי — 1500 אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע טוערס, מיטגלידער פון די פאַרוואַלטונגען, אָנפירערס פון קאָמיסיעס, ראַטמענער, טוערס פון „אָרט" און פון די דזשאָינטישע הילפס־קאָמיסיעס, אָנפירערס פון אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון, בילדונגס־טוערס, קלוב־ און ביבליאָטעקלייטערס, יוגנט־טוערס א"א. צוזאַמען מיט זייערע משפחות האָבן אין ווירקונגס־קרייז פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד זיך געפונען העכער 20 טויזנט יידן.

אַ צווייענדיקער ליגן איז די „פעסטשטעלונג" פון דניאל קאַץ (אין דער פּאָלקס־שטימע פון 4־טן יולי 1981), אַז „25 יאָר נאָכן דערשטיקן דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, איז געבליבן אין פּוילן ביי 10—11 טויזנט יידן" און אַז „די מערהייט פון זיי האָט נישט געקענט די יידישע שפּראַך... (זענען געווען) אָנגעשלאָסן (?) אין דער פּוילישער קולטור". פון וואַנעט עס שטאַמען די ידיעות ביי אַ מענטשן, וועלכער האָט אַלס טשיקאַווניק זיך געהאַלטן ווייט פון דער יידישער סביבה — ווייס איך נישט, אָבער וואָס ער איז אויסן מיט זיינע ליגנס, איז נישט שווער זיך אָנצושטויסן. וועגן דעם — ווייטער, ביים אָפּמערקן זיינעם אַ דריטן ליגן.

נאַציע לגבי יידישע מענטשן, וועלכע זענען פון זייער אַרבעט אָפּגעזאָגט געוואָרן בלויז דערפֿאַר, ווייל זיי זענען יידן, אָנווענדנדיק דערביי און איבערשטייגנדיק די היטלערישע ראַסן־נאָרמעס.

געווען זענען יידן, דער עיקר יידנאָפּשטאַמיקע, פולשטענדיק אַסימילירטע,*) וועלכע האָבן זייער אויסוואַנדערונג־באַשלוס נישט פֿאַרבונדן מיט קיין נאַציאָנאַלע מאָטיוון. ביי אַזעלכע איז עס געווען אַן אופן פון פּראָטעסט קעגן אָפּזאָגן זיי פון היכע פּאַרטייִשע אָדער מלוכהשע פּאָסטנס, זעלטענער — אַלס פּראָטעסט קעגן דעם טעראָר לגבי דער אינטעליגענץ און שטודירנדיקער יוגנט, קעגן פֿאַרשוועכן די עלעמענטאַרסטע פּרינציפּן פון סאָציאַליזם.

אַ גרויסע ווירקונג אויף צואיילן דעם אַלגעמיינעם באַשלוס צו פֿאַרלאָזן פּוילן האָט געהאַט דער אָנגריף פון די אַרמייען פון וואַרשעווער פּאַקט אויף טשעכאָס־לאָוואַקיע, אויף דעם „פּראַגער פרילינג“, אויף צו פֿאַרניכטן די דעמאָקראַטישע רעפֿאָרמען, וואָס עס האָט גענומען איינפירן די דובטשעק־אָנפירונג. דורך די שטעט פון נידער־שלעזיע, וווּ עס האָט זיך געפונען דאָס רוב פון דער יידישער באַפעלקע־רונג, האָבן אין פולער מלחמה־צוגרייטונג מאַרשירט טאָג און נאַכט, מיליטער־טיילן. דאָס געשפּענסט פון מלחמה איז בולט אויפגעקומען פאַר די אויגן פון די געפּרוווטע יידישע מענטשן, וועלכע זענען מיטן גאַנצן האַרצן געווען מיט די טשעכישע קעמפער קעגן דעם סאָוועטישן אָנגריף אויף דעם פרייהייט־ליבנדיקן פֿאָלק.

ברייט באַוווסט איז געוואָרן, אַז די גאָמולקאַ־אָנפירונג האָט צום אַקטיווסטן געווירקט ביים אָננעמען דעם באַשלוס פון „וואַרשעווער פּאַקט“ אָנצוגרייפן מילי־טעריש טשעכאָסלאָוואַקיע, כדי צו דערשטיקן דעם „פּראַגער פרילינג“. דאָס האָט געווירקט דער פּחד פון דער גאָמולקאַ־אָנפירונג פאַר דער וואַקסנדיקער אָפּאָזיציע אין פּוילן גופא, וועלכע איז דערמוטיקט געוואָרן דורך דעם טשעכאָסלאָוואַקישן ווידערשטאַנד קעגן מאָסקווע. באַוווסט איז אויך געוואָרן, אַז מצד דער סאָוועטישער אָנפירונג זענען געמאַכט געוואָרן פאָרווורפן פון אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער קעגן דער טשעכאָסלאָוואַקישער אָנפירונג צוליב דער ראָל פון אייניקע יידן — פּאָליטישע און קולטור־טוערס, אין דער אַנטוויקלונג פון „פּראַגער פרילינג“.

אין יענע טעג זענען שטאַרק געוואַקסן די רייען ביי די אַמטן, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן דאָס „פּאַפּירל“, וואָס האָט אָפּגענומען די פּוילישע בירגערשאַפט און דערלויבט צו פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. געוואַקסן זענען אויך די רייען ביי דער האָלענדישער אַמבאַסאַדע, וועלכע האָט פֿאַרטראָטן אין פּוילן די ישראל־מדינה און האָט צוזאַמען מיט דער ישראל־וויזע אויך געגעבן מאַטעריעלע הילף (פון יידישע קוואַלן) פאַר יידישע משפּחות, וועלכע האָבן קיין מיטלען נישט געהאַט צום איינשאַפן זיך רייזע־בילעטן.

---

*) אַזעלכע האָט מען אין פּוילן איראָניש באַצייכנט אַלס „פּאָכאָדזעניאָווצי“, ס'הייסט „אָפּשטאַמיקע“, „פּאָליאַקן אָפּשטאַמיקע פון יידן“, אַ באַגריף וואָס איז געווען אַ גילגול פון דער אַמאָליקער באַצייכענונג „פּאָליאַקן פון משהס גלויבן“.

אָונט ביי אָוונט פלעג איך אין יענע חדשים און טעג זיך געפינען אויפן וואַר־שעווער וואָקזאַל, פון וועלכן עס פלעגן אָפּגיין צוגן מיט אַ גרויסער צאָל וואַגאָנען אין דער ריכטונג צום מערב. נישט געווען דער פאַל, אַז כ׳זאָל נישט באַגעגענען צווישן די אָפּפאָרנדיקע נאָענטע באַקאַנטע, חברים פון יאָרנלאַנגער צוזאַמענאַרבעט, חברים פון אַמאָליקן אונטערערד, פאַרהאַרטעוועטע אין קאַמף און אין ליידן. מיר האָבן זיך געזעגנט מיט דער האָפענונג זיך אין גיכן צו טרעפן אויף דעם זעלבן וואַנדערוועג. געווען זענען צווישן די געקומענע זיך געזעגענען אויך פוילישע מענטשן. אַ פולשטענדיק צעוויי׳קטער בין איך צוריקגעקומען אהיים נאָכן גע־זעגענען זיך מיטן נאָענטן חבר, דעם פוילישן דיכטער אַרנאָלד סלוצקי. פאַר־געדענקט האָט זיך מיר דער פּיינלעכער געשריי פון דעם באַוווסטן פּוילישן דיכטער, יעזשי פיצאָווסקי, וועלכער איז נאָכגעלאָפן דעם אָפּגייענדיקן צוג.

אָן אַ וואָרט צו זאָגן איז געווען די געזעגענונג מיט אידאַ קאַמינסקאַ. מיט איר אַוועקפאָרן איז איבערגעריסן געוואָרן דער לעבעדיקער פאָדעם, וואָס האָט פאַרבונדן די פאַרגאַנגענהייט פון דער יידישער טעאַטער־קולטור מיט אירע און אונדזערע באַמיִונגען נאָך דער מלחמה זי ווייטער צו אַנטוויקלען.

אַוועקגעפאָרן זענען ריווע און דוד ספּאַרד. ביי זיי אין דער היים האָט דער טעלעפאָן מיר צו וויסן געגעבן, אַז אויך מיין צווייטער זון איז אַרעסטירט. די ספּאַרדס האָבן געוווסט, אַז נישט געקוקט אויפן אָפּזאָג מיך אַרויסצולאָזן, וועל איך אָוועגדן אַלע „כשרע״ און „טריפה״ מיטלען, כדי נישט צו בלייבן אין „יידנ־ריינעם״ פוילן.

געווען איז אָן אָוונט, ווען כ׳בין געגאַנגען געזעגענען דעם עלטסטן מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן, פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, דעם ווידערשטאַנד־קעמפער און נאָך דער מלחמה — גענעראַל־סעקרעטאַר פון צ״ק פון „בונד״, סאַלאָ פישגרונד. יאָרנלאַנג האָט אין זכרון געלעבט וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקיס אַ סטראָפע, פון אַ ליד: „אַ וויינענדיקן באָלשעוויק ווערסטו געפינען בלויז אין אַ מוזיי״. און דאָ זענען מיר געשטאַנען צוויי לאַנג־יאָריקע טוערס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, מיט פאַר־גלייזטע אויגן און טרערן האָבן געשטיקט, נישט קענענדיק אויסרעדן אַ וואָרט. אונדזער ביידנס וועג האָט געפירט קיין ישראל.

☆

וווהין זענען די יידן געפאָרן?

אין דריי ריכטונגען: קיין ישראל, קיין שוועדן און דענעמאַרק און דורך ווין — קיין איטאַליע, אַלס צייטווייליקן טראַנזיטפונקט.

די יידישע פאָלקס־מענטשן, די יידישע אַרבעטערס, די באַשעפטיקטע אין די יידישע אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון, די אָרגאַניזירטע אין קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד זענען אין זייער מערהייט געפאָרן קיין ארץ־ישראל, אונטערשטרייכנדיק דערמיט בולט די נאַציאָנאַלע מאָטיוון פון זייער פאַרלאָזן פוילן. דער פאַקט, וואָס

פון די 9 מיטגלידער פון פרעזידיום פון דער הויפט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן האָבן 7 באַשלאָסן אויסצוואַנדערן און 5 פון זיי זענען געקומען קיין ישראל, (אַ זעקסטער איז שפּעטער געקומען פון אַמעריקע) האָט סימבאָליזירט די ריכטונג פון קאָלעקטיוון יידישן באַשלוס.

אַ באַטייטנדיקער טייל יידן, אין דער מערהייט אַזוי גערופענע „יידנאָפּשטאַמיקע”, אָבער אויך אַ צאָל יידישע פאָלקסמענטשן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט פאָרן קיין ישראל (צוליב פּאָליטישע און משפחה־מאָטיוון) האָבן באַקומען די מעגלעכקייט אויסצוואַנדערן קיין שוועדן און דענעמאַרק, ווו די רעגירונגען האָבן געשאַפן ספּעציעל גינסטיקע באַדינגונגען (גאָר באַזונדער אין דענעמאַרק) פאַר איינאָרדענען יידישע משפחות, זיי באַזאָרגן מיט וווינונגען, באַשעפטיקונג און מיטלען צום לעבן, און פאַר דער יוגנט מעגלעכקייטן צו לערנען.

אַ קלענערע צאָל יידישע משפחות האָט זיך געלאָזט קיין איטאַליע, ווו דער „דזשאָינט” און האַיאַס האָבן זיי געהאָלפן באַקומען די מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן קיין צפון־אַמעריקע, קאַנאַדע, אויסטראַליע און אַנדערע מערב־לענדער, הויפּט־זאַכלעך צו זייערע משפחות אָדער לאַנדסלייט. די דאָזיקע יידן זענען אַ לאַנגע צייט אויסגעהאַלטן געוואָרן דורכן „דזשאָינט”.

צוזאַמען האָבן פאַרלאָזט פוילן קרוב 25 טויזנט יידן.

לויט דעם חשבון, וועלכן מיר האָבן געמאַכט צוזאַמען מיט לייב דאָמבן אין דער צווייטער העלפט פון 1970, ווען דער מאַסן־אַרויספאָר האָט זיך שוין געהאַט געענדיקט, איז די צאָל געבליבענע יידן, צו וועלכע עס פלעגט גרייכן דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד און די רעליגיעזע קהילה (נישט רעכענענדיק די „פאָכאָדזעניאָוצעס”) געווען 4600. אין זייער מערהייט — מענטשן, וועלכע עס איז לויטן עלטער און געזונט־צושטאַנד שווער געווען זיך צו לאָזן אין וועג. דער גרעסטער טייל האָט געהאַט פאַרזיכערטע עלטער־רענטעס, אָדער גרויסע פּאַרטיי־רענטעס. געבליבן איז אויך אַ קליינע צאָל שטודירנדיקע יוגנט, וועלכע האָט געוואָלט ענדיקן זייער הויכשול־בילדונג. גאָר אַ קליינע צאָל יידן האָט בכלל נישט באַקומען קיין דערלויבעניש אַרויסצופאָרן צוליב זייער פריערדיקן דינסט אין געוויסע מיליטערישע אָדער זיכערהייט־אָרגאַנען. פון צווישן די דאָזיקע מענטשן, וועלכע האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט נישט געהאַט קיין שום שייכות מיט דער יידישער סביבה, האָבן זיך אָפּגעפונען אייניקע, וועלכע מען האָט געשיקט „אַרבעטן” אַלס סעקרעטאַרן פון קרייזן פון געוועזענעם פאַרבאַנד *). געווען זענען דאָס אָפּטמענטשן, וועלכע האָבן נישט געקענט קיין יידיש־וואָרט.

און דאָס איז שוין געווען דער סוף, דער דרייפאַכיקער סוף.

דער ענדגילטיקער סוף פון דעם יידיש־פוילישן יישוב, וועלכער האָט אין משך פון אַ פערטל יאָרהונדערט נאָך דער היטלעריסטישער אויסראָטונג פון די יידן אין אייראָפּע, די 3 מיליאָן פוילישע יידן, זיך געראַנגלט מיט אָן אַ שיער שטערונגען,

*) צו די ליקווידאַציע־באַשלוסן האָט אויך געהערט די „רעאָרגאַניזאַציע”, וועלכע האָט אָנגעשטאָט אָרטיקע (לאָקאַלע) פאַרבאַנד־אָפּטיילונגען געשאַפן בלויז קרייזן.

כדי מיטן אייגענעם אָטעם אויפלעבן די איבערגעשניטענע פאָלקס־וואָרצלען און זיין אַ געטרייער יורש פון דער טויזנטיאָריקער יידיש־פּוילישער שעפערישקייט.

דאָס איז געווען דער סוף פון דער שטרעבונג צו פאַרוואַנדלען דעם ניי־אויפגעקומענעם יידיש־פּוילישן יישוב אין אַ פּאָזיציע, וועלכע זאָל דערמוטיקן די פולשטענדיק דיסקרימינירטע יידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד צו מאָנען, צו פאָדערן זייערע בירגעררעכט, זייער גלייכבאַרעכטיקונג און מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן זייערע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען.

דאָס איז געווען דער סוף פון דעם אָנשטרענג צו שטאַרקן די כוחות פון די אַזוי גערופענע פּראָגרעסיווע, פּראָקאָמוניסטישע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין דער גאָרער וועלט, וועלכע האָבן געליטן אַ מוראדיקע מפּלה צוליב דער ראַסיסטיש־אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

„נוסח פּוילן", וועלכער האָט אין משך פון אַ פערטל יאָרהונדערט געדינט אַלס באַווייז, אַז עס קען און עס דאַרף זיין אַנדערש, ווי דער סאָוועטישער „צוואַנג" צום יידן־פּראָבלעם, איז לויט דער אינספּיראַציע פון מאָסקווע און מיט די פאַר־ברעכער־הענט פון פּוילישן מלוכה־אַנטיסעמיטיזם פולשטענדיק צעשטערט גע־וואָרן. די האָפענונג אויף אַ סאָוועטיש־סאָציאַליסטישער אַלטערנאַטיוו פאַר אַ גענעראַלער, פּאָזיטיווער לייזונג פון יידן־פּראָבלעם איז ענדגילטיק באַגראָבן געוואָרן.

געבליבן איז די איינציקע אַלטערנאַטיוו פאַר דער פאַרזיכערונג פון אַ נאָרמאַ־לער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק — די יידישע מדינה אין ישראל.

נישט ווי קיין קאַפּיטולאַנטן, נאָר ווי יאָרנלאַנגע קעמפערס פאַר יידישע פאָלקס־אינטערעסן, זענען קיין מדינת ישראל געקומען די מענטשן, וועלכע האָבן אויס־געדויערט אויף זייער לעצטער פּאָזיציע מיט דער לעצטער האָפענונג, וואָס איז צעשטערט געוואָרן דורך די שונאים פון אונדזער פאָלק, דורך די שונאים פון די גרויסע אידעען פון פעלקער־פרייהייט און סאָציאַלן יושר.

וועגן צוויי ענטפערס און אַ דריטן

די ליקווידאַציע פון יידישן יישוב אין פוילן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג אין דער יידישער וועלט, אין יידישע געזעלשאַפט־לעכע קרייזן פון די פאַרשידנסטע פּאָליטיש־אידעאָלאָגישע ריכטונגען. קודם־כל אָבער צווישן די אָפּשטאַמיקע פון פוילן, אָרגאַניזירטע אין לאַנדסמאַנשאַפטן, וועלכע האָבן פון צייט צו צייט באַזוכט זייערע געבורט־מקומות, געזאָרגט פאַר ברענגען אין אָרדענונג די דעוואַסטירטע בתי־קברות, צייטנווייז אויך געשטיצט מאַטעריעל געוויסע קולטור־פּראָיעקטן.

מיט טיפן ווייטיק און פּראָטעסט האָבן רעאַגירט אויף דעם אָפיציעל־מלוכהשן אַנטיסעמיטיזם און ליקווידאַציע פון די יידישע אינסטיטוציעס, די לינקע אָרגאַני־זאַציעס און זייערע פּרעסע־אָרגאַנען אין די פאַראייניקטע שטאַטן („מאָרגן־פרייהייט", „יידישע קולטור", „דזשויש קאָרענטס"), אין פראַנקרייך („נייע פּרעסע") און אין אייניקע אַנדערע לענדער. די ליקווידאַציע פון יידישן יישוב אין פוילן האָט אויס־געזען אין די אויגן פון אַ סך פון די אַנפירנדיקע טוערס און איבערהויפּט פון זייערע אָנהענגערס, ווי אַ פולשטענדיקע צעשטערונג פון דער האָפענונג, אַז „נוסח־פוילן" וועט באַווירקן צו דערגרייכן אַן ענדערונג אין דער באַציִונג צו דער יידישער באַפעלקערונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

פאַר יענע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין קאַנאַדע, אַרגענטינע, אורוגוואַי, וועלכע האָבן נאָכן 20סטן צוזאַמענפאָר פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פולשטענדיק איבערגעריסן מיט דער פּראָ־סאָוועטישער אָריענטאַציע, איז דאָס געשעענע אין פוילן געווען אַ פולשטענדיקע באַשטעטיקונג, אַז קיין יידיש געזעל־שאַפטלעך און קולטור־לעבן, אַפילו לויט אָרטאָדאָקסאַל־סאָוועטישע נאָרמעס, קען נישט און וועט נישט געדייען אין די לענדער פון מזרח־ און מיטל־אייראָפּע. דאָרט האָט אַלס כלל גענומען גילטן די איינשטעלונג, אַז יידן זענען נישט קיין נאַציאָנאַלע מינדערהייט, נאָר אַ רעליגיעזע גרופּע. אַזוי איז עס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד נאָכן ליקווידירן אַלע יידישע אינסטיטוציעס, און אַזוי — אין רומעניע, אונגאַרן און מזרח־דייטשלאַנד (בלויז אין בולגאַריע גילטן פאָרמעל צוויי באַזונדערע שאָטן־קערפּערשאַפטן — אַ סעקולערע און רעליגיעזע). אויך אין פוילן, בעת דעם אַלגעמיינעם אַנטיסעמיטישן אָנגריף, זענען געשוינט געוואָרן די יידישע רעליגיעזע קהילות און זייערע אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן געהאַט דאָס רעכט, אַפילו נאָכן פאַרטרייבן דעם „דזשאָינט", צו באַקומען באַשטימטע סובסידיעס פון אויסלאַנד.

אַ גרויסער טייל פון דער מערבדיקער יידישער פּרעסע (אין יידיש, עברית, ענגליש, פראַנצייזיש און שפּאַניש) האָט זיך באַנוצט מיט דעם ענטפער, אַז דאָס

געשעענע אין פוילן האָט מען געקאָנט פאָרויסזען, ווייל ביי קאָמוניסטישע רעזשימען איז קיין יידיש לעבן בכלל נישט מעגלעך און די אַלע יידישע אינסטיטוציעס, וואָס זענען אויפגעקומען אין פוילן נאָך דער מלחמה, זענען געווען בלויז לשם פּראָפּאַגאַנדע, אַ „יעווסעקישער אויפטו" אָן אַ יידישן אינהאַלט. די אַלע „אָרגו־מענטן" האָבן לחלוטין פאַרזען דעם געראַנגל אין משך פון אַ פערטל יאָרהונדערט פון די יידישע פּאָלקס־געטרייע כוחות, לויט זייערע אידעיִש־פּאָליטישע איינ־שטעלונגען, פאַר אַן אַנטוויקלט יידיש לעבן. פאַרשטייט זיך — לויט די נאָרמעס פון רעאַלן פוילן, און נישט לויט דעם, ווי עס האָבן זיך געווונטשן געוויסע קרייזן אין ניו־יאָרק אָדער פּאַריז.

באַזונדערס אָפט איז דאָס געשעענע מיטן פויליש־יידישן יִשוב באַצייכנט געוואָרן אַלס „גירוש פולין". איינזעענדיק מיט רעכט, אַז די יידישע אויסוואַנדערונג פון די סוף זעכציקער יאָרן איז קוואַליטאַטיוו געווען אַנדערש פון די מאַסן־עמיגראַציעס אין די פריִערדיקע יאָרן — נאָכן „קעלצער פּאָגראָם" און בעתן „פּוילישן אָקטאָבער", האָט די באַצייכענונג „גירוש פולין" געזאָלט זיין אַן אַנאַ־לאָגישע צו דעם „גירוש שפּאַניע" בעת דער אינקוויזיציע.

געווען איז נאָך אַ דערקלערונג, וואָס איז דער עיקר געקומען מצד אַלטע פּוילישע קאָמוניסטן און געוועזענע טוערס פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פפ"ס), וועלכע האָבן מיט אויפריכטיקן צער אויפגענומען דאָס מאַסנ־האַפטע פאַרלאָזן פוילן דורך די יידן. אָבער אין דער אויסנאַמלעכער דערשיינונג, ווען די גאַנצע יידישע נאַציאָנאַלע מינדערהייט האָט אָן דער מעגלעכקייט זיך צונויפצורעדן אויף אַן אָרגאַניזירטן, צענטראַלן אופן, באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, האָבן זיי געזען אַן אידעיִש־פּאָליטישן צוזאַמענברעכן זיך פון דער יידישער באַפעלקערונג, אין דער ערשטער ריי — פון די פירנדיקע יידישע טוערס.

די דאָזיקע אַלע ענטפערס האָבן נישט געגעבן קיין ווירקלעכע דערקלערונג פאַר דער איינמאָליקער דערשיינונג אין דער טויזנטיאָריקער געשיכטע פון די יידן אין פוילן — פון דעם דערגרייכטן ענדפונקט אין דער דאָזיקער געשיכטע.

אַוודאי האָבן פון די ערשטע טעג זינט דעם צוריק־אויפקום פון אַן אָרגאַניזירט יידיש לעבן אין דעם באַפרייטן פון דער היטלערישער אָקופּאַציע פוילן, געלויערט געפאַרן, וואָס האָבן באַדראָט דעם אומגעהויערן אָנשטרענג פון די יידישע געזעל־שאַפטלעכע טוערס. געווען איז עס קודם־כל דער צווייִמאָליקער פּרווו מצד דער מאַכט צו סאָוועטיזירן די יידישע אָרגאַניזיר־פאָרמען, קערעווען זיי אין מלוכהש־ביוראָקראַטישע ראַמען: אָנשטאָט יידישע געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפטן — יידישע קאָמיסאַריאַטן ביי די רעגירונגס־אינסטאַנצן. צוויי מאָל איז אונדז געלונגען אָפּצוווענדן די דאָזיקע געפאַר. ערשט צום דריטן מאָל, בעת דער טעראָריסטישער מאַטשאַר־מאַכט, זענען מיר באַזיגט געוואָרן.

צי האָט מען געקענט פאָרויסזען דעם פּראָצעס פון צענטראַליסטיש־ביוראָ־קראַטישער דעגענעראַציע פון פּוילישן מלוכה־אָרגאַניזם גראָד נאָך דעם „פּוילישן אָקטאָבער", וועלכן עס האָבן פּאָזיטיוו אויפגענומען אַפילו יענע יידישע מערב־פאַקטאָרן, וואָס האָבן שפּעטער אַרגומענטירט, לגבי דעם סוף פון דעם יידישן

יישוב אין פוילן, מיט זייער „פּראָוויזאָרישן פון אָנהייב אָן״? יעדער אָביעקטיווער אַנאַליז וואָלט אין דעם געשעענעם מיט די פּוילישע יידן דערזען די בולטסטע ווירקונג פון דעם פּוילוגס־פּראָצעס, פון דעם פאַרראַט פון די פאָלקס־האָפענונגען, אויך פון די יידישע האָפענונגען, אויף דער אָנגעזאָגטער אין אָקטאָבער 1956 ליבעראַליזירונג פון דעם מלוכה־סיסטעם. דאָס כלומרשטע „פּראָוויזאָרן״ איז אין דער ווירקלעכקייט אַ פאַרזען פון דעם נאָך אַנאַנדיקן גערענגל, ביי די ענדערונגען אין דער אַלגעמיינער לאַגע, פאַר איינהאַלטן און אַנטוויקלען אַ יידישן — לויט זיין וועלטלעכן אינהאַלט און געזעלשאַפטלעכע פאָרמען יישוב, וואָס זאָל זיך שטיצן אויף די דורותדיקע פאַרגעשריטענע קולטור־טראַדיציעס.

אויך די באַצייכענונג „גירוש פּוילן״, ווי אַן אַנאַלאָגיע צו דעם „גירוש ספרד״, האָט נישט געהאַט קיין שום דעקונג אין דער ווירקלעכקייט.

אין אונטערשייד צו דער לאַגע פון די שפּאַנישע יידן, וועלכע זענען געצוווּנגען געוועזן דורך אַ מלוכה־פאַראָרדענונג צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, איז אין פּוילן פון די זעכציקער יאָרן נישט דערשינען קיין שום רעגירונגס־אַקט און ס׳איז נישט געוועזן קיין דירעקטע פּראַקטיק פון צווינגען יידן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. די אַנטי־יידישע רעדעס פון גאָמולקאַן און זיינע העלפערס זענען געוועזן ווירקזאַמע פּאָליטישע פאַקטאָרן, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט פאַר אַלע יידן די נויטיקייט פון אַן עפעקטיוון יידישן ענטפער און אַנטשיידונג אין די באַדינגונגען, ווען קיין שום עפנטלעכער ענטפער איז דעמאָלט נישט דענקבאַר געווען. די בולטע דיס־קרימינאַציע, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט (אַזוי ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין רומעניע און אין טשעכאָסלאָוואַקיע) אין אָפּזאָגן יידן פון פאַרנומענע אַמטן, האָט נישט געשאַפן קיין לאַגע, וואָס האָט באַדראָט די פיזישע און מאַטעריעלע עקסיס־טענץ פון דער אַבסאָלוטער מערהייט יידן. באַשעפטיקונג האָט צו יענער צייט געקאָנט האָבן יעדער איינער, חוץ אין דעם פּאַרטייִשן און רעגירונגס־אַפּאַראַט. די מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט דער עיקר געאַרבעט — ווער אין די יידישע קאָאָפּעראַטיוון, ווער אין דער מלוכה־אינדוסטריע און האַנדל, און ווער אין דעם האַנטווערק. אַוודאי האָט דאָס פאַרטרייבן דעם „דזשאָינט״ און די ליקווידאַציע פון „אָרט״ געשאַפן שוועריקייטן פאַר אַ סך יידישע משפּחות, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיט די יידישע קאָאָפּעראַטיוון. אָבער נישט דאָס געשפּענסט פון אַ מעגלעכער אַרבעטלאָזיקייט, פון פאַרערגערן די מאַטעריעלע באַדינגונגען (ווי עס האָט עס אויף אַ רכילותדיקן אופן דערקלערט פאַר דער ישראל־דעלעגאַציע דער פּאָליציייִשער וואָרטזאָגער פון דער „פאָלקס־שטימע״, איבערחזרנדיק די אַנטיסעמיטישע אַרגומענטן פון די זעכציקער יאָרן) האָט עס באַוויגן די אַבסאָלוטע מערהייט יידן אָנצונעמען דעם גורלדיקן קאָלעקטיוון באַשלוס צו פאַרלאָזן פּוילן.

דער ענטפער וועגן „אידעיִש־פּאָליטישן איינברעכן זיך״ פון דער יידישער באַפעלקערונג, פון די אָנפירערס פון יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן, איז פאַקטיש געווען אַ פּרוּוו צו זען נישט די סיבות, נאָר די רעזולטאַטן, נישט די שולדיקע אין דורכפירן דעם פּאָגראָם אויף אַלע יידישע אינסטיטוציעס, נאָר

די דירעקט געליטענע. דער „איינבערעכן זיך"־אַרגומענט האָט געפּרוווט שאַפֿן די אילוזיע, אַז די אַנטיסעמיטישע וויסטע כוואַליע איז אַ פֿאַרבייגייענדיקע, ווייל אין דער פּאַרטיי־אָנפֿירונג גופא זענען געווען אַרויסטרעטונגען קעגן דעם מכשפה־געיעג און בלויז „די יידישע נערוועזקייט און אומגעדולדיקייט" האָט זיך עס אויסגעווירקט, אויך אויף אַלטע יידישע אַרבעטער־טוערס, צו מאַכן דעם ראַדיקאַלן אָפּשייד מיט דער פֿאַרגאַנגענהייט.

די ווירקלעכקייט האָט אָבער אָפּגעלייקנט די אַלע פֿאַרענטפֿערונגען, וועלכע האָבן געזאָלט פֿאַרשטעלן די יידן פֿון פּוילן סיי ווי אַ ווילנסלאָזן אָביעקט פֿון אַנטיסעמיטישן טעראָר, וועלכע זענען דורך זיין ווירקונג געצוווּנגען געווען צו האַנדלען, און סיי ווי אידעיש־פּאָליטישע קאַפּיטולאַנטן, וועלכע האָבן פֿאַרלייקנט די מעגלעכקייט פֿון ווירקלעכער סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג, פֿון פֿעלקער־פֿריינדשאַפֿט, פֿון גרינטלעכן אויסוואָרצלען דעם שאָוויניזם.

די אויבן דערמאָנטע ענטפֿערס האָבן פֿאַרזען דעם כאַראַקטער פֿון די פּוילישע יידן, אַזוי ווי ער איז היסטאָריש געשטאַלטיקט געוואָרן, אַזוי ווי בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער דורך ליידן און קאַמף געפּרוווּט געוואָרן, דעם כאַראַקטער פֿון אַ יישוב, וואָס האָט אין משך פֿון אַלע נאָכמלחמה־יאָרן זיך פֿולשטענדיק אידענטיפֿיצירט מיט דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין די געטאָס און וועלדער, מיט איר העכסטן אויסדרוק — דעם אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ; דעם כאַראַקטער פֿון אַ יישוב, וואָס האָט אין משך פֿון אַ פֿערטל יאָרהונדערט אויסגענוצט אַלע מעגלעכקייטן צו שטאַרקן אין יעדן יידישן מענטשן די שטרעבונג צו דערהאַלטן און מיטווירקן צום אַנטוויקלען אַ פּראָדוקטיוו, יידיש־וועלטלעך קולטור־לעבן.

אין די קאָנקרעטע באַדינגונגען פֿון פּוילן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין באַדינגונגען, וועלכע האָבן פֿון עטאַפּ צו עטאַפּ זיך געענדערט און באַווירקט די יידיש געזעלשאַפֿטלעכע סביבה, איז אָנגעגאַנגען אַן אינערלעכער געראַנגל פֿאַר געשטאַלטיקן דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פֿון דעם יידיש־פּוילישן יישוב. אין פּראָצעס פֿון דעם געראַנגל זענען געווען פֿאַרקריפּלונגען, איבערחזרונגען פֿון סלאָגאַנען, וואָס האָבן זעלטן זיך אָנגענומען צווישן יידישן עולם. דער עיקרדיקער, דויערנדיקער פֿאַקטאָר איז אָבער געווען די באַווירקונג פֿון יידישן מענטשן אין גייסט פֿון נאַציאָנאַלער ווערדע. דערמיט, און קודם־כל דערמיט איז צו דערקלערן, וואָס אין די באַדינגונגען פֿון פֿאַנאַנדערגעפּענטעטער יידן־שינאה, אין דער חשכות־דיקער נאַכט פֿון באַרבאַרישער פֿאַרניכטונג פֿון יידישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, האָט פֿון שטאָט צו שטאָט, קודם־כל אין אַלע 27 יידישע יישובים, וווּ עס האָט געהאַט עקסיסטירט אַ יידיש געזעלשאַפֿטלעך לעבן, דערגרייכט דער פּאַראָל: פֿאַרלאָזט דאָס לאַנד וווּ עס ווילדעוועט די פּויליש־נאַציש בעסטיע!

אַזוי איז עס געווען. אַזאַ איז געווען דער באַרעכטיקטער קאָלעקטיווער ענטפֿער פֿון די לעצטע יידן אויף דער פּוילישער ערד.

☆

מערקווירדיק און גלייכצייטיק סימפּטאָמאַטיש איז דאָס אומקערן זיך צו דעם „צוזאַמענברוך״־ענטפּער אין די באַדינגונגען פון באַנייטן, צעיושעטן אַנטיסעמי־טיזם אין די אָנהייב אַכציקער יאָרן. דער שוין דערמאָנטער דניאל קאַץ האָט זיך דערצו גענומען אין אַן אַרטיקל אין דער „פאָלקס־שטימע״, וואָס הייסט „פאַר־קריפּלטע פאַקטן און פאַרשוויגענע אמתן״. געזאָלט האָט עס זיין אַ פּאָלעמיק מיט איינעם פון די נאַטאָליגער גדולים און אַקטועלע אַנטיסעמיטן, וויקטאָר קלאָשעוויטש. אין דער אמתן אָבער איז אַרויסגעקומען אַן אויטאָ־כאַראַקטעריסטיק פון דעם אויטאָר, וועלכער פאַרקריפּלט די פאַקטן און פאַרשווייגט דעם אמת.

קודם־כל חזרט ער איבער די „גירוש פּולין״־ווערסיע. ער שרייבט: „מיטן אויסנאַם פון עטלעכע פּערזאָן (?!) האָט מען אַלעמען אַרויסגעטריבן, פאַרשטענד־לעך (פאַר וואָס פאַרשטענדלעך?) נישט מיט פיזישן כוח״. און ווי באַלד מ׳האָט אַלעמען אַרויסגעטריבן איז דאָך נישט שייך צו זען אין דער יידישער מאַסן־אויסוואַנדערונג פון פּוילן דעם אַקט פון באַוווסטזיניקן רעאַגירן קעגן דער ראַסיס־טישער אָרגיע פון די פּאַרטיי־ און רעגירונגס־פירערס, אַן אַקט פון ווערדיקן, קאָלעקטיוון ענטפער די פאַרשוועכערס פון די דורותדיקע אידעאַלן פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער פרייהייט. אויך די באַגרענעצונג צו דעם „אויסנאַם פון עטלעכע פּערזאָן״ איז אַ פאַרקריפּלונג פון דעם פאַקט, אַז יעדער איינער, אַן אויסנאַם, וועלכער האָט נישט געוואָלט אויסוואַנדערן, האָט געקאָנט בלייבן. געבליבן זענען דאָך נישט „עטלעכע פּערזאָן״, נאָר אין יעדער שטאָט און שטעטל עטלעכע אַלטע, קראַנקע לייט, וועלכע האָבן זיך נישט אַנטשלאָסן אויסצווואַנדערן, איינהיטנדיק זייערע פּענסיעס, זייערע עלטער־אָדער גאָר נישט קליינע פּאַרטיי־רענטעס.

פאַר די דאָזיקע געבליבענע, אָבער קודם־כל פאַר זיך, פּרוווט ד. קאַץ שאַפן אַן „אידעיִשע״ באַרעכטיקונג פאַרן נישט סאָלידאַריזירן זיך מיטן קאָלעקטיוון יידישן ענטפער קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם פון דער פּאַרטיי־ און רעגירונגס־אָנפירונג. ער איז מחיה־מתים דעם בלבול וועגן אידעיִשן „צוזאַמענגעבראָכן זיך״ און דאָס נאָך דער יאָרנלאַנגער דערפאַרונג, ווען די אַראָפּגעשווענקטע פון דעם פּאָליטישן אויבערפלאַך גאָמולקאַ־אָנפירונג און די קאָרומפּירטע גערעק־קליקע, צוזאַמען מיט זייער יורש — די יאַרוזעלסקי־כונטע, האָבן ווי אַ שטאָפּעט זיך איבערגעגעבן די שׂינאה צו יידן — „אין פּוילן אָן יידן״. ד. קאַץ שרייבט (דעם 4טן יולי 1981), אַז „עס זענען געווען אַזוינע, וואָס האָבן זיך פּסיכיש נישט איינגעבראָכן, האָבן זיך נישט געלאָזט אַרויסטרייבן״. דערפון דער רכילותדיקער אויספיר — אַלע יידן פון פּוילן האָבן זיך פּסיכיש איינגעבראָכן, און נישט מיטן אייגענעם ווילן, נאָר פולשטענדיק אָן ווילן „זיך געלאָזט אַרויסטרייבן״.

מיר קענען זיי, די לייט וועלכע דעקן זייער אידעיִשע פּוסטקייט און אָפּגע־פרעמדקייט פון דער יידישער סביבה מיטן אַרויסשטעלן זיך שיִער נישט אַלס ווידערשטאַנד־העלדן. אָבער מיר האָבן גאָרנישט געהערט וועגן אַזוינע געבליבענע, וועמענס „נישט צוזאַמענברעכן זיך״ האָט באַטייט אַקטיוו באַקעמפן דעם אַנטי־סעמיטיזם, צושטיין צום „קאָמיטעט פאַר פאַרטיידיקן די אַרבעטערס״ (קאָ״ר)

אַזוי ווי דער געטאָ־קעמפער מאַרעק עדעלמאַן, אָדער צו „סאָלידאַרנאָשטש“, אַזוי ווי דאָס האָבן געטאָן די אַמאָליקע „קאָמאַנדאָסן“. פון זיי אַלעמען האָבן די נישט איינגעבראָכענע פון טיפּ ד. קאַץ זיך געפונען מיילנווייט, אַזוי ווייט, אַז מיט זייער רכילותדיקן אויסטייטשן די שטעלונג פון די פוילישע יידן, האָבן זיי אַריינגעשפּילט אין די הענט פון די אַנטיסעמיטן.

אַזוי זעט אויס דער ווירקלעכער אמת אין ליכט פון ווירקלעכע פאַקטן.

די געזעגענונג

אַזאַ איז געווען דער כוח פון געוווינהייט: דאָס אָפּגעזעגענען דאָס יאָר 1968, ווען פוילן האָט געגומען ווערן פּולשטענדיק „יודענריין”, און דאָס באַגעגענען דעם נייעם יאָר, וואָס האָט די מינדסטע אילוזיע נישט געגעבן אויף אַן ענדערונג, איז צום פּאַסיקסטן געווען אויף אַן אופן, וואָס האָט דערמאָנט די אַלטע, אַרעסטאַנטישע יאָרן.

אַ האַלבע משפּחה מיינע איז געווען פאַרשפּאַרט אין דער מאָקאָטאָווער תּפיסה. האָט די צווייטע העלפט משפּחה באַשלאָסן צו באַגעגענען דעם נייעם יאָר „צוזאַמען” מיט די אַרעסטאַנטן — אויף דעם באַקאַנטן תּפיסה־אופן: מיט אַ רונדיקן שפּאַציר אַרום די אויסנווייניקסטע הויכע תּפיסה־ווענט.

ווען דער אָפּהילך פון אַ ווייטן טורעם־זייגער האָט אָנגעזאָגט דעם סוף פון אַלטן, אַזוי פּיינלעכן יאָר, און דעם אָנקום פון נייעם, האָט מען קודם־כּל זיי, הינטער די תּפיסה־ווענט, געווונטשן מיטן אַלט־אַרעסטאַנטישן שפּרוך: אין נייעם יאָר — זאָל זיי אַלע „דינען די פריי”.

נישט געוווּסט האָבן די ווינטשערס, אַז אין דער זעלבער רגע האָט מיין עלטערער זון אויפגעריסן דאָס פענצטערל פון דער תּפיסה־צעל און הויך, אין דער אַרומיקער שטילקייט, איבערגעשיקט זיינע פּילצאָליקע געפאַנגענע קאַמפּס־חברים, צווישן זיי — זיין יִנגערן ברודער*), דעם ווונטש, אַז אַלעמען זאָל אין נייעם יאָר „דינען די פריי”.

און ער האָט מיינע אַרעסטירטע משפּחה־מענטשן געבראַכט די פריי.

לויט דער עצה פון מיינע „אַלטע חברים” — פון פאַרשידענע זייטן — האָב איך געשריבן צו גאָמולקאַן: לאָז אַרויס מיינע קינדער און צוזאַמען מיט זיי וועל איך אויף שטענדיק אָפּגעזעגענען דאָס פּוילנלאַנד.

געדאַרפט האָב איך זיך באַוואָרענען, אַז מיין בריוו זאָל אָנקומען אין גאָמולקאַס הענט. דאָס איז געווען גאָר שווער. זיין שומר, וואַלערי נאַמיאָטקעוויטש, האָט לויט מאָטשאַרס אויפטראַג געוואַכט איבער דער קאָרעספּאָנדענץ און האָט לויט זיין איינזען אָפּגעקליבן, וואָס דער „פירער” מעג און דאַרף לייענען.

האָב איך זיך געווענדעט צום סעקרעטאַר פון צ״ק, אַרטור סטאַרעוויטש, און באַקומען זיין פאַרזיכערונג, אַז ער וועט מיין בריוו איבערגעבן גאָמולקאַן אין די

*) צוליב אַ טעות פון אַ תּפיסה־וועכטער, וועלכער האָט געפירט מיין יִנגערן זון און פאַרגעדענקט, אַז אַ סמאָליאַר זיצט אין אַ נאָענטער צעל, האָט ער געעפנט די טיר און אַזוי אַרום האָט מיין עלטערער זון דערזען, אַז אויך זיין ברודער איז אין תּפיסה.

הענט. כדי אין גאַנצן זיין זיכער האָב איך אַ צווייטן עקזעמפּלאַר פון מיין בריוו איבערגעגעבן דעם מיטגליד פון פּאָליטביוראָ און אויסערן־מיניסטער פון פּוילן, ד״ר סטעפאַן יענדריכאָווסקי — מיינער אַ חבר פון די אומלעגאַלע צייטן.

מיינע בריוו זענען דערגאַנגען צום „אַלטן״ און דאָך איז זיין אינהאַלט באַקאַנט געוואָרן די מענטשן פון אַפּאַראַט.

מיינע משפּחה־מענטשן זענען אַרויס אויף דער פריי, האָבן באַקומען די מעג־לעכקייט אויסצוואַנדערן. בלויז מיר האָט מען דריי מאָל אָפּגעזאָגט (דאָס דריטע מאָל, מיט אַ צושריפט פון אינערן־מיניסטער, אַז כ׳זאָל זיך בכלל מער נישט ווענדן). ווי מ׳האָט מיר איבערגעגעבן, איז מיין מאָטיווירונג נישט געפעלן געוואָרן. כ׳האָב קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז אין פּוילן אָן יידן וויל איך נישט, קען איך נישט און טאָר נישט בלייבן.

און בין נישט געבליבן.

געהייסן האָט עס, אַז איך פאָר בלויז אויף דריי חדשים קיין פּאַריז, אַלס „קאָנסולטאַנט ביים אַרויסגעבן אַן אַנטאָלאָגיע פון יידישער פּאָעזיע״. געשען איז עס דאָס מאָל קעגן דער קאַטעגאָרישער דערקלערונג פון מאָטשאַרן, אַז „סמאָליאַר וועט נישט צוריקקומען״.

צי האָט מאָטשאַרס האַנט געגרייכט אַזש ביז דער פּאַריזער פּאָליציי־פּרעפעק־טור? ווייל נאָכן באַקומען דאָרט די אַרויספאָר־וויזע קיין ישראל, האָט מיר שוין אויף דער גאַס אָנגעיאָגט אַ פּאָליציאַנט, צוגענומען ביי מיר דעם פּאַספּאָרט און אים איבערגעגעבן דעם וויזאַמט, וועלכער האָט איבערגעשטראָכן די פריִער אַרויסגעגעבענע וויזע מיטן אויסרייד, אַז מיין פּאַספּאָרט איז גילטיק בלויז פאַר אייראָפּע.

איז מיר ווידער אויסגעקומען — אָבער שוין צום לעצטן מאָל! — זיך צו באַנוצן, אַזוי ווי אין די אומלעגאַלע צייטן, מיט אַ „פּאַפּירל״. אָבער פאָרן דערמיט האָב איך געקאָנט בלויז מיטן ים.

ערשט אויף דער שיף איז געקומען די אָנטשפּאַנונג און די זיכערקייט, אַז דאָס האָב איך אויף שטענדיק זיך געזעגנט מיט דעם לאַנד פון מיין געבוירן, פון מיינע האָפענונגען און שטרעבן, פון שווערע ליידן און ווייניק פריידן.

געווען איז פאַר דעם נאָך אַן אַנדער געזעגענונג, אַזאַ וואָס האָט זיך פאַר־וואַנדלט אין אַ דעמאָנסטראַציע. דער וואַרשעווער וואָקזאַל איז פול געווען מיט יוגנט און... מיט פּאָליציי־שמעקערס. ס׳איז אָפּגעפאָרן מיין יִינגערער זון מיט זיין משפּחה.

צו דעם רעסטאָראַן־אָרקעסטער איז צוגעלאָפן דער יונגער גראַף פּלאַטער און אויסגעשריגן: „לכבוד געגנעקן (אַזוי הייסט מיין יִינגערער זון) — שפּילט אויף אַגינסקיס „די געזעגענונג מיטן היימלאַנד״!

די נאָגנדיקע בענקשאַפט פון דער מעלאָדיע, וועלכע מ׳פלעגט אַלע מאָל שפּילן אויף יידישע חתונות, האָט ווי אָפּגעשטעלט די אייליקע באַוועגונג און דעם וואָקזאַל־גערויש.

עס איז געקומען די שעה פון געזעגענונג.

אַ וואָרט וועגן אָפּשטאַם און צילן פון סאָוועטישן אַנטיסעמיטיזם

דער אויסבראָך פון אָפענעם מלוכהשן אַנטיסעמיטיזם אין דער פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק אין די יאָרן 1967—1968, איז חוץ דורך זיין אייגענעם, „נאַציאָנאַלן" אָפּשטאַם, געווען באַדינגט דורך דעם אַלגעמיינעם פּאָליטיש־סטראַטעגישן פּלאַן פון די פּאַרטייען און רעגירונגען פון „וואַרשעווער פּאַקט".

דעם 9טן יוני 1967 איז אין מאָסקווע פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון אַלע ערשטע סעקרעטאַרן פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען און די פּרעמיער־מיניסטאָרן פון די רעגירונגען — אָנגעהעריקע צום וואַרשעווער פּאַקט, ווו עס זענען אָנגענומען געוואָרן פּילוייטיקע באַשלוסן וועגן קאַמף קעגן ציוניזם.

אָבער נאָך מיט 5 יאָר פאַר דעם, ווי איך שרייב אין אַ פריִערדיק קאַפּיטל, אין 1962, איז אויף אַ פאַרטרויליכן אופן שוין דערגאַנגען צו מיר די ידיעה וועגן דער גייסטער אָפּשאַצונג און איינשטעלונג וואָס שייך „די געפאַרן וועלכע דראָען דעם סאָציאַליסטישן לאַגער" מצד 3 הויפּט־שונאים: 1) מצד דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם; 2) דעם מערב־דייטשן רעוואַנשיזם און 3) מצד דעם ציוניזם. דעמאָלט טאַקע האָט דער אויטאָר פון די דאָזיקע שורות באַשיימפּערלעך דערזען, אַז עס דערנעענטערט זיך אונדזער סוף.

ווי אַלע מאָל, אין שווערע סיטואַציעס, האָב איך אין יענע טעג זיך געווענדעט צו מיין „אַלטן חבר" ער זאָל מיר דערקלערן פון וואַנעט עס שטאַמט און צו וואָס עס צילט די דאָזיקע פאַרפליכטנדיקע אָפּשאַצונג, אין וועלכער דאָס נייע איז בלויז די מלחמה־דערקלערונג דעם יידישן פאָלק, מאַסקירט דורך דעם „קאַמף קעגן ציוניזם".

דאָס אומדערוואַרטע פאַר מיר איז געווען, וואָס מיין „אַלטער חבר" האָט די עיקר־סיבה, ווי מיר האָט זיך געדוכט, דעם נצחון פון דער ישראל־אַרמיי אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, באַטראַכט בלויז ווי אַ צייטפּרעטעקסט פאַר אַ סטראַטעגיע, וואָס האָט געגרייכט אַ סך פריִער אין צייט און דער עיקר — געווענדעט צו דער נישט געגנוי באַשטימטער צוקונפט.

דאָס שטעלן דעם ציוניזם (אָדער די יידן) אין איין ריי (און שפּעטער אין דער ערשטער ריי) פון די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע, אימפּעריאַליסטישע באַדראָערס פון די לענדער פון וואַרשעווער פּאַקט, איז אַ גרונט־עלעמענט פון דער „פּסיכאָלאָגישער מלחמה", ווי אַן עיקרדיקער פאַקטאָר ביים צוגרייטן די 3טע וועלט־מלחמה.

„מיין אַלטער חבר האָט מיר איבערגעגעבן:

ביי אַלע גענעראַל־שטאַבן פון די מדינות פון „וואַרשעווער פּאַקט" זענען פאַראַן ברייט פאַנאַנדערגעבויטע שטאַבן, וואָס גרייטן צו און ווענדן אָן די מיטלען פון דער „פּסיכאָלאָגישער מלחמה". דער ציל איז דערביי אַ צווייענדיקער: מאָבי־ליזירן און דעמאָביליזירן, די אייגענע אַרמייען און באַפעלקערונג — געבן אָן אידעיִש־פּאָליטישע מאָטיווירונג און צוגרייטונג צו דער קומענדיקער מלחמה; דעם עווענטועלן שׂונא באַווירקן און דעמאָביליזירן, אָנשטעקן אים מיט מיקראָבן פון דעפעטיזם, קערעווענדיק די אומצופרידנקייט אין זייערע לענדער, צוליב די שטייגנדיקע קריגס־בודזשעטן און באַגרענעצונגען אין די טאָג־טעגלעכע באַדער־פעניש, אַלס זייער באַגלייט־דערשיינונג, אין דער זייט פון די אימפּעריאַליסטיש־ציוניסטישע מלחמה־אונטערצינדערס.

מיין „אַלטער חבר" האָט מיר אויספירלעך דערציילט:

אין אַלע מיליטערישע אַקאַדעמיעס פון די מדינות פון „וואַרשעווער פּאַקט", קודם־כּל אין די סאָוועטישע, ווו עס לערנען אויך אָפּגעקליבענע, אָנפּאַרטרויטע קאַנדידאַטן אויף אָנפירנדיקע מיליטערישע פּאָסטנס אין די נאַציאָנאַלע אַרמייען, ווערט אַלזייטיק און גרינטלעך שטודירט דער דעראָבערטער בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה מאַטעריאַל פון דער היטלערישער „אָבערקאָמאַנדאָ דער ווערמאַכט", די דערפאַרונג פון דער דייטשער אַרמיי בעתן גרייטן די מלחמה, איר סטראַטעגיע און געבוי — קודם־כּל אין די יאָרן 1941—1942, ביז איר מפּלה ביי סטאַלינגראַד.

אויף אַ ספּעציעלן קורס וועגן דער „פּסיכאָלאָגישער מלחמה" ווערט אין אַלע מיליטערישע אַקאַדעמיעס פון וואַרשעווער פּאַקט גרינטלעך שטודירט די היטלע־רישע דערפאַרונג פון מאַסן־פּראָפּאַגאַנדע ביים צוגרייטן דעם 2טן וועלט־קריג, גאָר באַזונדער — בעתן אָנגרייפן און אָקופּירן גאַנצע לענדער פון מערב־ און מזרח־אייראָפּע. אויפן ערשטן אָרט האָט אין דער היטלערישער „פּסיכאָלאָגישער מלחמה" פאַרנומען דער ראַסיזם בכלל, דער אַנטיסעמיטיזם קודם־כּל. מיט צוגרייטן דעם נויטיקן מאַטעריאַל צו פירן די „פּסיכאָלאָגישע מלחמה" האָבן זיך פאַרנו־מען גרויסע קאָלעקטיוון דייטשע געלערנטע — היסטאָריקער פון די פאַרשיידנ־סטע עפּאָכעס, עקאָנאָמיסטן, סאָציאָלאָגן, פיזיאָלאָגן, רעליגיע־פאָרשערס, ביבל־קריטיקערס און נאָך און נאָך „ספּעציאַליסטן" אין געביט פון פאַנאַנדערפלאַקערן אַלזייטיקע שׂינאה צו די יידן און באַרעכטיקן זייער פיזישע אויסראָטונג. געגאָלטן האָט דערביי דער געבעלס־מעטאָד: „וואַרפן וואָס אָפטער בלאָטע, כּדי עס זאָל זיך צוקלעפּן" און דער שפּרוך: „אַן אָפט־איבערגעחזרטער ליגן, נעמט זיך אָן".

ביים דערלערנען די היטלערישע פּראַקטיק פון פירן די „פּסיכאָלאָגישע מלחמה", דורך „שעפערישן" זי צופּאַסן און באַרייכערן דורך דער פּאָליטישער און מיליטערישער אָנפירונג פון וואַרשעווער פּאַקט, איז געבוירן געוואָרן דער סאָוועטישער סיסטעם פון אידעיִש־פּאָליטישער באַווירקונג אין דער ריכטונג פון צוגרייטן זיך צו דער פאַרשטייענדיקער „אַנטשיידנדיקער שלאַכט". די אַלזייטיקע פּראָפּאַגאַנדע פון יידן־שׂינאה, וועלכע האָט אויפן היטלערישן ביישפּיל זיך אַרויס־געוויזן אַלס ווירקזאַמסטער מיטל צו מאָביליזירן די אייגענע פאָלקס־מאַסן און

צום אָנשטעקן מיטן באַציל פון ראַסיזם דעם עווענטועלן צווייטן צד, האָט דער־גרייכט צו אַ מדרגה, וואָס באַווייזט אויפן באַשיימפּערלעכסטן אופן דעם אַבסאָלוטן פאַרראַט פון די עלעמענטאַרסטע פּרינציפּן פון סאָציאַליזם.*)

אין דינסט פון דעם שטאַב פון דער „פּסיכאָלאָגישער מלחמה" זענען גע־שטעלט געוואָרן אַ ריי אינסטיטוטן פון דער סאָוועטישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. אַ ספּעציעלע קאָמיסיע ביי דער סעקציע פון סאָציאַלע וויסנשאַפטן ביים פּרעזידיום פון דער סאָוועטישער אַקאַדעמיע, בראש מיט די אַקאַדעמיע־מיטגלידער ב. גאַפוראָוו און וו. קיסיעלאָוו, פאַרנעמט זיך מיט קאָאָרדינירן די אַרבעט ביים צוגרייטן דעם „וויסנשאַפטלעכן" מאַטעריאַל פאַרן שטאַב פון דער „פּסיכאָלאָגישער מלחמה", צום קאַמף קעגן ציוניזם, קעגן מדינת ישראל, קעגן יידישן פאָלק. דערביי נעמען אָן אַקטיוון אָנטייל די יידן־מיטגלידער פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע מ. מיטין, י. מינץ און ב. לייבזאָן.

דער סאָוועטישער אינסטיטוט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די פּראָבלעמען פון אָריענט, שטעלט צו סיסטעמאַטיש זיין פּראָדוקציע פאַר דעם ברייט־פאַרמאָסטענעם פּאָליטיש־פּסיכאָלאָגישן געגנאַציד. אַלץ, וואָס האָט אַמאָל געדינט צום שטודירן די טעאָריע און פּראַקטיק פון סאָוועטישן סאָציאַליזם איז אין אַ גרויסער מאָס איבער־געוועקסלט געוואָרן אויף די רעלסן פון דער אידעיִש־פּאָליטישער צוגרייטונג צו דער קומענדיקער מלחמה, האָבנדיק אַלס עיקרדיקע באַוואָפענונג דעם אַנטיסעמי־טיזם — די „דעמאַסקירונג" פון דער ראָל פון וועלט־יידנטום (נישט באַנוצנדיק אָפט אַפילו דעם ציוניזם־סינאָנים) אין דער קאַפּיטאַליסטישער וואָפן־פּראָדוקציע און האַנדל, אין באַנקוועזן, אין די מאַסן־פאַרבינדונגס־מיטלען — אין דער פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע, מיט דער אַלגעמיינער יידישער שטרעבונג צו באַהערשן די גאַנצע וועלט, אין הסכם דערמיט, וואָס דער דאָקומענט פון דער צאַרישער „אָכראַנקע" — „די פּראָטאָקאָלן פון די זקני־ציון" — האָבן בשעתו „פעסטגעשטעלט" און דינען אַלס גרונטבאַזע פאַר דער אַקטועלער סאָוועטישער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע אין לאַנד און אין אויסלאַנד. דער ערשטער אין פראַנקרייך פּראָצעס קעגן דער פאַרשפּרייטונג פון ראַסיסטישער פּראָפּאַגאַנדע האָט פאַראורטיילט די סאָוועטישע אַנטיסעמיטישע „ליטעראַטור" אַלס פולשטענדיק קאָפּירטע פון די פּאָגראָם־אויסגאַבן פון דער „שוואַרצער מאה" בעתן צאַריזם, ווי דאָס האָבן דערוויזן קאָמפּעטענטע עקספּערטן בעת די געריכט־פאַרהאַנדלונגען אין פּאַריז.

אוודאי איז דאָס דאָזיקע גרייכן צום אָפּגרונט פון ראַסן־שינאה, יודאָפאָביע,

---

*) די פאַרש־אַרבעט פון דער יידישער היסטאָריקערין פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, ד"ר רות אָקוניעוואַ, וועלכע זי האָט באַגלייט מיט איר בריוו צו ברעזשניעוון, באַווייזט אויפן באַשיימפּערלעכסטן אופן די פולסטע אידענטישקייט פון דער היטלעריסטישער „לערע" און די „אַרגומענטן" קעגן יידן אין דער מאַסן־פּראָדוקציע פון סאָוועטיש־אַנטיסע־מיטישער „ליטעראַטור".

אין איר פאַרש־אַרבעט ווייזט אָן ד"ר רות אָקוניעוואַ, אַז די צאָל אַנטיסעמיטישע „ווערק" דערגרייכט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד יאָר־יערלעך פון 23 ביז 44 „פּאָזיציעס", נישט רעכענענדיק דערביי אַלע אויסגאַבן אויף פאַרשידענע שפּראַכן פון די פעלקער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

וואָס פאַרסמט טאָג־טעגלעך הונדערטער מיליאָנען מענטשן מיט די פרעציזסטע מיטלען פון דער היינטצייטיקער פראָפּאַגאַנדע־טעכניק*) נישט געקומען מיט איין מאָל.

אין ווייסרוסלאַנד למשל, איז דורך די קאַנאַלן פון מאַסן־פּראָפּאַגאַנדע איבער־געגעבן געוואָרן די „פּאָעמע" פון מאַקסים לוזשאַנין „טוי אויף רעדער". די שׂינאה צו די לעבנגעבליבענע יידן איז געקומען צום אויסדרוק אין אַזעלכע שורות:

„און מיר האָבן געמיינט — די אַלע
וועלן אומקומען אין דער מלחמה־מיל.
זיי האָבן באַוויזן זיך צו פאַרפעסטיקן
אין אינטענדאַנטור־מאַגאַזינען,
האָבן אָקופּירט טאַשקענט.
איך באַדויער, וואָס זיי אַלע
זענען נישט אומגעקומען אין דער מלחמה.

די אָפיציעל מלוכהשע אָנערקענונג און באַלוינונג פאַר דעם דאָזיקן „פּאָעט", וועלכער באַדויערט, וואָס די נאַציס האָבן נישט באַוויזן אויסצוראָטן אַלע יידן, איז זייער גיך געקומען. ער איז „אויסגעוויילט" געוואָרן אין אויבעררעאַט פון ווייסרוסלאַנד און איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דער... גנזעצגעבערישער קאָמיסיע.

פון יענעם אָנהייב רעוואָלוציע־יאָר 1918, ווען לויטן אויפטראָג פון באָלשע־וויסטישן צ"ק האָט דער קאָמיסאַר פאַר יידישע ענינים, שמעון דימאַנשטיין, צוגעשטעלט אַ פּראָיעקט פון אַ רעגירונגס־דעקרעט וועגן קאַמף קעגן אַנטיסע־מיטיזם, וועלכער איז רעדאַגירט געוואָרן דורך לעוו טראָצקי און איז אויסגעבעסערט געוואָרן מיט אַ צושריפט פון לענינען, אַז „אַקטיווע אַנטיסעמיטן זאָלן געשטעלט ווערן מחוץ דעם געזעץ", ד"ה זאָלן פאַרמשפּט ווערן צום טויט — פון יענער צייט, ווען אַנטיסעמיטיזם איז באַטראַכט געוואָרן אַלס געווער פון דער קאָנטער־רעוואָלו־

*) אַזעלכע אַנטיסעמיטישע פילמען, ווי „די הענדלער מיט נשמות" אָדער „דאָס געהיימע און אָפענע", וועלכער הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „...און די יידישקע קאַפּלאַן האָט געשאָסן אין אונדזער גרויסן פירער, וולאַדימיר איליטש לענין" — דערגייען צו דער גאַנצער באַפעלקערונג פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַ באַזונדער אָרט אין דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע פאַרנעמט די „קינסטלערישע" כאַלטורע־ליטעראַטור, אַזעלכע ווערק, ווי וו. פּיקולס „ביי דער לעצטער גרענעץ־ליניע", אויך פּאָעטישע שוואַרץ־מאַהדיקע „שאַפונגען", וואָס ווערן פאַרשפּרייט אין הונדערטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן.

ציע, ביז אָפּיציעלע, הגם פאַרקאָנספּירירטע רעגירונגס־באַשלוסן *), וואָס דיס־קרימינירן יידן — איז „פאָלג מיר אַ גאַנג״.

דער דאָזיקער „גאַנג״ איז לחלוטין נישט געווען קיין רעזולטאַט פון אַן איינמאָליקער סיבה, ווי עס ווילן עס זען פּאַטאַליסטן, מיסטיקער, וועלכע באַטראַכטן דעם סאָוועטישן אַנטיסעמיטיזם, ווי דעם אַנטיסעמיטיזם בכלל און אין אַלע צייטן אַלס אויסדרוק פון אייביקן יידישן גורל **). ווי אין יעדער געזעלשאַפטלעכער דערשיינונג אַנטפּלעקט זיך אויך דער סאָוועטישער אַנטיסעמיטיזם אין קאָנקרעטע סאָציאַל־פּאָליטישע באַדינגונגען, דורך סיבות, וואָס דערקלערן זיין אויפקום, צילן און אַנטוויקלונגס־ריכטונג.

דער סאָוועטישער מלוכהשער אַנטיסעמיטיזם, הגם פאַרוואַלירט, באַווייזט זיך שוין אין די דרייסיקער יאָרן ווי אַ באַגלייט־דערשיינונג פון דער שטייגנדיקער סטאַליניסטישער רעאַקציע אין דער צייט פון דער אַלגעמיינער קאָלעקטיוויזאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט, פון פאַרניכטן די פּויערישע ווירטשאַפט און דערפירן דאָס לאַנד צו אַ מוראדיקן הונגער. שוין אין די פּראָצעסן קעגן די פירנדיקע טוערס פון באָלשעוויזם, אַנטפּלעקט זיך די אַנטי־יידישע טענדענץ ביים צוקלייבן די באַשולדיקטע, דער עיקר פון יידישן אָפּשטאַם. בפירושע, אָפּן־דעמאָנסטרירטע יידן־שינאה ווייזן אַרויס די סאָוועטישע געריכטס־אָרגאַנען ביים משפּטן אַנטיסעמיטן, וועלכע פאַלן אָן אויף יידן, פּאָגראָמירן זייערע וווינונגען, איזדיעקעווען זיך אויף

---

*) אין דער זאַמלונג דעקרעטן פון דער סאָוועטן־רעגירונג צום 50טן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, איז דער דאָזיקער דעקרעט מיט לעניִנס אונטערשריפט, נישט אַריין.

ביז דעם אָנהייב פון דער עליה פון סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געווען אַ געהיימע פאַראָרדענונג, ווו עס איז גענוי אויסגערעכנט געוואָרן אין וועלכע מלוכה־אַנשטאַלטן איז דער צוטריט פאַר יידן פאַרבאָטן. ווען די דאָזיקע פאַראָרדענונג איז דעקאָנס־פּירירט געוואָרן, האָט מען זי פאַרביטן מיט אַ צווייטער, וועלכע האָט באַגרענעצט די רעכט פון סאָוועטישע בירגער פון אַזעלכע פעלקער, וואָס זענען „לויטן אָפּשטאַם״ פאַרבונדן מיט נאַציאָנאַלע מלוכות אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. אַז דאָס איז געווענדעט נישט קעגן דער קליינער צאָל סאָוועטישע גריכן, נאָר אויסשליסלעך קעגן יידן — איז פולשטענדיק קלאָר געווען.

עס עקסיסטירן אויך פאַרטרויליכע דירעקטיוון, וועלכע באַגרענעצן די מעגלעכקייט פאַר ידישע יוגנטלעכע אָנצוקומען אין הויכשולן. די איינגעשטעלטע סאָוועטישע פּראָצענט־נאָרמע איז פיל קלענער ווי די צאַרישע. דער פּראָצענט יידישע סטודענטן האָט שוין אין 1972 באַטראָפן 1,9, אין דער צייט, ווען די צאַרישע נאָרמע איז געווען 3 פּראָצענט אין די גרויסע אוניווערסיטעט־שטעט און 10 פּראָצענט אין די שטעט פון יידישער מאַסן־קאָנצענטראַציע. דאָס זעלבע קומט פאָר מיט אַרויסשטויסן יידישע וויסנשאַפטלערס פון זייערע פּאָזיציעס: פון 15,4 אין 1958 איז זייער צאָל אַראָפּגעני׳דערט געוואָרן ביז 6,1 פּראָצענט.

**) עס דערמאָנט אַלבערט איינשטיינס ענטפער שלמה מיכאָעלסן: „אַזוי ווי עס איז דאָ שאָטן דאָרט, ווו עס שיינט די זון, אַזוי מוז זיין אַנטיסעמיטיזם דאָרט, ווו עס זענען דאָ יידן״.

דעם מוראַדיקסטן אופן *). דער אַנטיסעמיטיזם פון יענער צייט איז געקומען מצד דער סאָוועטישער ביוראָקראַטיע, אויף וועלכער עס האָט זיך געשטיצט די סטאַ־לינישע טעראָריסטישע דיקטאַטור, וואָס האָט פאַרלוירן דעם אָנהאַלט אין דעם אַרבעטער־קלאַס, צווישן דער געקומענער פון דאָרף פּאַופּעריזירטער יוגנט און צווישן די גרונטמאַסן פון באַרויבטן און פיזיש פאַרניכטעטן פויערטום. די סאָווע־טישע ביוראָקראַטיע האָט אָפן געפּריידיקט שינאה צו די יידישע אינטעליגענטע סאָוועטישע קאַדרען, וועלנדיק פּטור ווערן פון זייער קאָנקורענץ.

דער אָפיציעלער אַנטיסעמיטיזם איז שפּעטער געווענדעט געוואָרן קעגן דער יידישער שעפערישער אינטעליגענץ — קעגן די רוסישע שרייבערס, קינסטלערס, בינע־מייסטערס פון יידישן אָפּשטאַם. דעמאַסקירנדיק אין די צענטראַלע פּאַרטיי־און רעגירונגס־אָרגאַנען, „פּראַוודאַ” און „איזוועסטיאַ” די יידישע פאַמיליע־נעמען פון באַוווסטע פּערזענלעכקייטן, איז דערביי אָפן אַנגעוווענדעט געוואָרן די היטלערישע פּראַקטיק קעגן פּאַרדינסטפולע שרייבערס, וועלכע מ׳האָט בלויז חושד געווען אין אַרויסזאָגן אַ קריטישן געדאַנק אַפילו אויף אַ ריין־ליטעראַרישער טעמע.

דער אַרעסט פון די דאָקטוירים און דער צוגעגרייטער אַנטי־יידישער פּראָצעס האָט געזאָלט זיך אָפּרעכענען מיט דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, וועלכער דער ביוראָקראַטיש־צענטראַליסטישער אַפּאַראַט האָט חושד געווען אין פּראָ־ מערב־דיקער, דער עיקר — פּראָ־ישראלדיקער סימפּאַטיע.

צום ערשטן מאָל ווי אַן עלעמענט פון מיליטעריש־סטראַטעגישן כאַראַקטער, איז דער אַנטיסעמיטיזם אַרויסגעבראַכט געוואָרן ביים סוף פון דער 2טער וועלט־מלחמה. אויף אַ זיצונג פון פּאָליטביוראָ האָט מאַלענקאָוו פאַרגעבראַכט, אַז 80 פּראָצענט בריוו פון קאַפּיטאַליסטישן אויסלאַנד קומען אָן אויף יידישע אַדרעסן. דער אויספיר איז געווען: די יידן וועלן אין דער קומענדיקער מלחמה זיין אויף דער זייט פון די מערב־מלוכות. דאַרף מען אָנווענדן באַצייטנס פאַרזיכטיקייט־מיטלען, קודם־כל זיי באַזייטיקן און נישט צולאָזן אויף קיין שום שליסל־פּאָזיציעס. צו די דאָזיקע אויספירן האָט בעת־מעשה צוגעגעבן סטאַלין זיין אייגענעם קאָמענטאַר, באשר 70 מיליאָן סאָוועטישע בירגערס זענען געווען אונטער דער אָקופּאַציע פון היטלער־דייטשלאַנד און זענען דורך איר באַווירקט געוואָרן. דערמיט דאַרף מען זיך רעכענען און האַנדלען „אויף אַ פאַרזיכטיקן אופן” לגבי די יידן.

אַזאַ איז אין אַלגעמיינע שטריכן די פאַרגעשיכטע פון דעם צושטאַנד, ווען דער אַנטיסעמיטיזם איז געוואָרן דער וויכטיקסטער באַשטאַנדטייל פון דער אַלץ מער אָנגעווענדעטער „פּסיכאָלאָגישער מלחמה” — סיי אינעווייניק, אין די לענדער פון סאָוועטישן בלאָק, און סיי מחוץ אים — אין די לענדער פון מערב־אייראָפּע און פון נאָענטן מזרח. אומעטום גרייכט די „ליטעראַטור” מיט דער אַנטיסעמיטישער אַרגומענטאַציע, פון סאָוועטישער פּראָדוקציע, אַלס באַרעכטיקונג פאַר דעם טעראָר קעגן יידן.

*) זע אויספירלעכער וועגן דעם אין מיין בוך „פון אינעווייניק”, קאַפּיטל 26, זייטן 328 — 320.

נישט צופעליק זענען די הויפּט־טרעגערס פון דער אַנטיסעמיטישער פּראָ־פּאַגאַנדע די מיליטערישע פּרעסע־אָרגאַנען אין די לענדער פון וואַרשעווער פּאַקט. די טאָג־צייטונג „קראַסנאַיאַ זוויעזדאַ" אין מאָסקווע, די טאָג־צייטונג פון דער פּאָליטישער פאַרוואַלטונג פון דער פּוילישער אַרמיי, „זשאָלניעזש וואָלנאָשטשי", ווי אויך דער מאַטשאַר־אָרגאַן — „זאַ וואָלנאָשטש אי ליוד", די מיליטערישע פּרעסע אין די לענדער פון וואַרשעווער פּאַקט איז דער פאַרפּאָסטן פון דער „פּסיכאָלאָגישער מלחמה". דער אַנטיסעמיטישער מאַטעריאַל פאַרנעמט אויף זייערע שפּאַלטן אַן אָנגעזעענעם אָרט.

דער צושטאַנד אין אַלע פּאַרטייען פון וואַרשעווער פּאַקט איז אַזאַ, אַז פּראָ־בלעמען פון אידעאָלאָגישן כאַראַקטער זענען ווי פאַרשוווּנדן. אַ בית־עולם־שטילקייט הערשט אַפילו אין יענע אינטעלעקטועלע קרייזן, ווו עס פלעגן פון צייט צו צייט דיסקוטירט ווערן פּראָבלעמען פון פּרינציפּיעלן באַטייט. היינט זענען דאָרט אַזעלכע באַגריפן ווי סאָציאַליזם, סאָציאַליסטישע דעמאָקראַטיע, סאָציאַליס־טישע בויונג, סאָציאַליסטישע עטיק או"וו אדג"ל אויסגעהוילט פון יעדן אינהאַלט און דינען בלויז פּאַר ווערבאַלן זשאָנגלירן מיט זיי, כדי צודעקן די אידעענ־לאָזיקייט. בלויז איין אידעע ווערט, מיט אַ פאַרפלייצונג פון אָפּגעבליאַקעוועטע באַגריפן, מאַסקירט: דאָס איז די דורותדיקע אידעע פון רוסלענדישן אימפּער־יאַליזם צו פאַרנעמען און באַהערשן אַלץ נייע פּאָזיציעס אין פאַרשידענע וועלט־טיילן. אין דינסט פון דער דאָזיקער אידעע שטייט דער כסדר־ווירקנדיקער שטאַב פון דער „פּסיכאָלאָגישער מלחמה", מיט זיין ראַסיסטיש־אַנטיסעמיטישער אַמוניציע, וואָס דאַרף העלפן צוצוגרייטן די מעגלעכקייט „אָן איין שאָס" צו באַהערשן אויך די הויך־אַנטוויקלטע לענדער פון אייראָפּע.

די דאָזיקע סטראַטעגיע פון סאָוועטישן גענעראַל־שטאַב באַגייטיקן פולקאָם די פּאָליטישע פירער פון וואַרשעווער פּאַקט, אַפילו ווען דאָס שטייט אין פול־שטענדיקן ווידערשפּראַך צו די יאָרן לאַנג געפּריידיקטע פּרינציפּן פון מאַרקסיזם.

די אויבן געבראַכטע אויפקלערונג וועגן אָפּשטאַם און צילן פון דעם אַנטי־סעמיטיזם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער פון וואַר־שעווער פּאַקט, נעגירט נישט די עקסיסטענץ אויך פון אַנדערע פאַקטאָרן, אַפילו פון איראַציאָנעלן כאַראַקטער, וואָס ווירקן און דינען ווי אַ צוגאָבמאַטאַר פאַר דער פאַרדאַרבנדיקער קראַפט פון ראַסיזם, פון שאָוויניזם.

צוויי פון די דאָזיקע פאַקטאָרן איז כדאַי באַזונדער אָפּצומערקן.

ערשטנס — דעם שטילן כאַראַקטער־קאָנפליקט צווישן דער יידישער רעוואָ־לוציאָנערער דינאַמישקייט און דער סלאַווישער פאַמעלעכדיקייט און פּראַקטיציזם. דער דאָזיקער קאָנפליקט איז אַרויסגעקומען, אונטער פאַרשידענע אויסריידן, אין באַזונדער שאַרפע סיטואַציעס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און אין פּוילן, טיילווייז אויך אין די נישט סלאַווישע לענדער — רומעניע און אונגאַרן, ווו דער כאַראַקטער פון די קאַדרען, וואָס זענען געקומען פון דאָרף, שאַפט אַ קאָנפליקט מיט די יידישע שטאָטישע באַגריפן און אייגנשאַפטן. דאָס באַשולדיקן די יידישע קאַדרען אין קאָסמאָפּאָליטיזם, אין ציוניזם איז אין אַ באַטייטנדיקער מאָס אַן אויסדרוק פון

דעם דאָזיקן כאַראַקטער־קאָנפליקט. די אָנגעווענדעטע פּאָליטיק און פּראַקטיק פּטור צו ווערן פון די יידישע קאַדרען, האָט אַלס אידעאָלאָגישע באַגרינדונג אַרויס־געבראַכט נאַציאָנאַליסטישע, ריין־אַנטיסעמיטישע אַרגומענטן. גאָמולקאַ־פּוילן האָט אין דעם געדינט אַפילו אַלס פאָרבילד פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

צווייטנס — די אינדיווידועלע שטעלונג לגבי יידן מצד פירנדיקע פּערזאָנען פון דער הערשנדיקער פּאַרטיי און רעגירונג.

דער דור, וואָס האָט איבערגעלעבט די 2טע וועלט־מלחמה, גאַר באַזונדער די לעבנגעבליבענע יידן, האָבן געהאַט די טרויעריקסטע מעגלעכקייט זיך צו איבער־צייגן, ווי גרויס עס איז געווען די ראָל פון פירנדיקע, דעצידירנדיקע איינצל־פּערזאָנען בעת די שוואַרצסטע יאָרן אין מזרח־ און מערב־אייראָפּע.

די אינדיווידועל־אויסגעדריקטע פיינדשאַפט לגבי יידן מצד פירנדיקע פּער־זאָנען, האָט אָפט איר אָפּשטאַם אין דער קינאה און דעם פּחד פאַר דער קאָנקורענץ מצד די הויך־באַגאַבטע, און פול מיט לעבן־דערפאַרונג און איניציאַטיוו, יידישע אָנפירנדיקע טוערס. אין זיי, בעת זיי פאַרנעמען אַן אייגענע שטעלונג, זעט דער „פירער" עווענטועלע פּרעטענדענטן צו דער אויבערשטער מאַכט־פּאָזיציע. עס איז דער קין־קאָמפּלעקס, וואָס האָט אין אַ גרויסער מאָס געקערעוועט מיט סטאַלינען בעתן אויסראָטן די פירערס פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — די יידן־אָפּשטאַמיקע ל. טראָצקי, א. זינאָוויעוו, ל. קאַמעניעוו, ק. ראַדעק, ג. סאָקאָלניקאָוו און צענדלי־קער אַנדערע.

די גאָמולקאַ־דערקלערונג פאַר מיטגלידער פון דער אונטערערדישער אָנפירונג פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּפּ"ר) בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, אַז „ענדלעך זענען מיר בלויז צווישן אייגענע", און דאָס נאָך דעם, ווי ער איז געקומען אויפן אָרט פון דעם אָרגאַניזאַטאָר פון דער דאָזיקער פּאַרטיי, דעם געוועזענעם מיטגליד פון „השומר הצעיר", פּאַוועל פינדער, וועלכער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ — שטאַמט פון דעם זעלבן קין־קאָמפּלעקס. דאָס האָט זיך באַזונדער געלאָזט אָפּפילן אין גאָמולקאַס רעדע אויפן פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר פון פּפּ"ר און פּפּ"ס, ווען ער האָט דעם דעמאָלטיקן מיטגליד פון פּאָליטביוראָ, יעקב בערמאַן, באַשולדיקט אין... קאָסמאָפּאָליטיזם, און שפּעטער, בעתן פאַרפאָלגן דעם געוועזענעם סעקרעטאַר פון צ"ק, ראָמאַן זאַמבראָווסקי, וועלכער איז דורך די הון־ווײ־בינען באַשולדיקט געוואָרן, אַז ער איז כלומרשט פאַרגעזן געווען צו פאַרנעמען גאָמולקאַס אָרט.

די מאָס פון יידן־שינאה האָט פון גאָמולקאַן אַרויסגערעדט מיט אַ באַזונדערער פאַרביסנקייט בעת זיינע אַנטיסעמיטישע „אויפקלערונגען" נאָך דער 6־טאָגיקער מלחמה און בעת די סטודענטן־קאַמפּן אין 1968טן יאָר.

אַלע אַזעלכע אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען האָבן זייער אינדיווידועלן אָפּ־שטאַם געהאַט אויך אין דער שינאה און קינאה לגבי אינטעלעקטואַלן. עס דערציילט דער געוועזענער מיטגליד פון פּאָליטביוראָ בעת דעם „פּוילישן אָקטאָבער", יעזשי מאָראַווסקי, אַז „גאָמולקאַ האָט נישט באַהאַלטן זיין טיף־איינגעוואָרצלטן אומצוטרוי

צו אינטעלעקטואַלן, דער עיקר צו הומאַניסטן״ *). סטאַלין האָט אָנגעהויבן זיין מאָרדצוג מיט דערהרגענען די יידן־היסטאָריקער סלוצקי און צבי פרידלאַנד פאַר זייער אָרויסהויבן די ראָל פון ראָזאַ לוקסעמבורג. דער זעלבער גורל האָט געטראָפן אַ סך באַוווּסטע געלערנטע־מאַרקסיסטן, דער עיקר יידן. די שׂינאה צו אינטעלעקטואַליסטן האָט אין דער געשיכטע פון דער רוסלענדישער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג געהאַט איר ספּעציעלע באַצייכענונג: „מאַכאַיעווּשטשינע״, לויטן נאָמען פון יאַן וואַצלאַוו מאַכאַיסקי, וועלכער האָט „טעאָרעטיש״ באַגרינדעט, אַז די אינטעליגענץ שטעלט מיט זיך פאָר אַ געפאַר פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג.

פאַרשיידן זענען געווען די אויסדרוקן פון אַנטיסעמיטיזם אין משך פון דער נאָך־מלחמהדיקער געשיכטע פון פוילן אַלס פאָלקס־דעמאָקראַטישע מדינה. פאַר־ענדיקט דעם קאַפּיטל, אין וועלכן עס איז געקומען צום אויסדרוק די האָפענונג אויף אַ באַנייט יידיש לעבן, האָט נישט דער שטייגערישער אַנטיסעמיטיזם, נישט דער קאָנקורענץ־אַנטיסעמיטיזם, אַפילו נישט די שׂינאה צו יידן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין אויפבויען דעם פוילישן מלוכה־סיסטעם אין די ראַמען פון הערשנדיקן סאָוועטישן בלאָק. אומגעבראַכט האָט דעם יידישן יישוב אין פוילן קודם־כל די אַקטיוו געפירטע „פּסיכאָלאָגישע מלחמה״ פון גענעראַל־שטאַב, וועלכע האָט אַלס ציל דעם קאַמף קעגן גאַנצן יידישן פאָלק, קעגן זיין סטראַטעגישער באַזע — מדינת ישׂראל.

דערביישפּיל פון פוילן דאַרף קיינעם נישט לאָזן גלייכגילטיק צו דער וואַקסנדיקער אין דער גאַנצער וועלט שׂינאה צו יידן, וועלכע ווערט „אידעיִש״ געשפּייזט און פּראָוואָצירט דורך דעם שטאַב פון דער „פּסיכאָלאָגישער מלחמה״ און ווערט געפירט אין דער גאַנצער וועלט. קיינער קען נישט אָפּקומען מיט „דערקלערונגען״ וואָס סטימולירן נישט און פאַרפליכטן נישט צו מעשׂים, האַנדליק פאַר אונדזער בליק די אַקטועלע געפאַר פאַר די סאָוועטישע יידן, פאַר די לעבנ־געבליבענע יידן אין מזרח־אייראָפּע און אין די אַראַבישע לענדער.

די לערע פון דעם פערטל יאָרהונדערט געדייען פון יידישן יישוב אין פוילן נאָך דער 2טער וועלט־מלחמה, זיין געראַנגל, זיינע האָפענונגען און אויפטוען, זיין קאָלעקטיווער ענטפער דער אַלץ פאַרדאַרבנדיקער יידן־שׂינאה, דאָס אויסוואַנדערן פון דער מערהייט פוילישע יידן קיין ישׂראל — די דאָזיקע לערע פאַרדינט אַ ספּעציעלן בלאַט אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק נאָך דער 2טער וועלט־מלחמה.

---

*) זע „פּאָליטיקאַ״ נומ׳ 48, פון 28 אָקטאָבער 1981.

PRO DOMO SUA — אַנשטאָט אַ נאָכוואָרט

מיט מײַנע ביכער, װעלכע זענען דערשינען אין ישראל, („װוּ ביסטו חבר סידאָראָװ״, „פֿון אינעװײניק״ און דאָס איצטיקע „אויף דער לעצטער פּאָזיציע, מיט דער לעצטער האָפֿענונג״ — אַלע דרײַ אין יידישן אָריגינאַל און אין עברית) האָב איך געשטרעבט, צװישן אַנדערן, צו פֿאַרענטפֿערן פֿראַגן, (אָפֿט טענות) מיט װעלכע עס האָבן זיך געװענדעט צו מיר, פּריװאַט און עפֿנטלעך (אויך אין דער פּרעסע), פֿילצאָליקע גוטע פֿרײַנד און אויך... נישט אַזעלכע גוטע פֿרײַנד. דער עיקר איז עס געקומען צום אויסדרוק אין אַזעלכע טענות: „פֿאַר װאָס אַזאַ לאַנגער שװײַגן?״, „פֿאַר װאָס זענען די אויספֿירן, קודם־כּל װעגן דער יידישער קאָמוניס־טישער באַװעגונג, נישט געקומען אַפֿילו דעמאָלט, װען עס איז שוין פֿולשטענדיק קלאָר געװען, אַז עס שטייט פֿאַר בלויז פֿאַרניכטונג, אונטערגאַנג?״ „פֿאַר װאָס האָט דער װעג פֿון אַזאַ לאַנגיאָריקן אַנטיציוניסט געפֿירט דווקא קיין מדינת־ישראל?״ — און נאָך אַזעלכע פֿראַגן.

הגם די אויבן דערמאָנטע ביכער, דוכט זיך, פֿאַרענטפֿערן אַ טייל פֿון די דאָזיקע פֿראַגן, װילט זיך ביים סוף פֿון דעם בוך (װעלכן איך באַטראַכט װי דעם לעצטן טייל פֿון אַ טרילאָגיע, װאָס האָט געזאָלט הייסן: „פֿון װאָלגע ביז ירדן איז פֿאָלג מיר אַ גאַנג״), צוגעבן עפּעס װאָס װעגן דערשײַנונגען, װעלכע פֿאַלן אַרויס, געװײנטלעך, פֿון דעם זעפּעלד פֿון מענטשן, װאָס אורטײלן „פֿון אויס־װייניק״ און פֿון „אויבן אויף״ װאָס שייך דער קאָמוניסטישער באַװעגונג, גאָר באַזונדער װעגן איר יידישן טייל.

נישט גרינג איז געװען דעם אויטאָר פֿון די דאָזיקע שורות זיך אַליין צו ענטפֿערן אויף נישט װייניק פֿראַגן, װאָס זענען פֿאַר אים אויפֿגעקומען אין משך פֿון העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט פֿון אַקטיװן קאַמף — אַמאָל בוכשטעבלעך, מיט דער ביקס אין דער האַנט, אָדער אין די שװערסטע באַדינגונגען פֿון אונטער־ערד, תּפֿיסה, געטאָ און צייטנװייז אויף פֿאַראַנטװאָרטלעכע פּאָזיציעס אין יידישן פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. אַלע מאָל אָבער איז די אויסגאַנגס־פּאָזיציע פֿאַר אים געװען דער געזעלשאַפֿטלעכער, אין דעם גרעסטן טייל סיטואַציעס — געזעל־שאַפֿטלעך־יידישער אינטערעס. פֿון דער פֿריסטער יוגנט, געהערנדיק צו יענע, װעלכע װערן ביז הײַנט באַצייכנט אין סאָװעטן־פֿאַרבאַנד, אַלס יִחוּסדיקער דור „קאָמסאָמאָלצעס פֿון די צװאַנציקער יאָרן״, האָב איך באַקומען די דערציִונג, װעלכע האָט מיך לחלוטין באַפֿרייט, בעתן באַטראַכטן פּראָבלעמען און װירקן מיט טאָט פֿאַר זייער פֿאַרװירקלעכונג, פֿון אָנװענדן ריין פּערזענלעכע, פּריװאַט־באַקװעמע קריטעריעס און האַנדלונגען. דערפֿון האָט עס, למשל, געשטאַמט, װאָס ביז מײַן

קומען קיין ישראל האָב איך אַפילו אין מעמואַרן אויסגעמיטן צו שרייבן וועגן זיך אַליין (אָדער דאָס וואָס ווערט אין סאָוועטישן רוסיש באַצייכנט סאַטיריש — אַלס „יאַקאַניע״ — פון וואָרט „יאַ״ — „איך״) *).

אַנדערש איז עס, מיט דער צייט, געוואָרן נאָכן קומען קיין ישראל. נישט זייענדיק מער אַנגאַזשירט אין פּאָליטישן לעבן, האָט אויפגעהערט, אין אַ גרויסער מאָס, צו ווירקן די יאָרן לאַנגע געוווינהייט צו רעדן בלשון „מיר״, כ׳האָב באַקומען די מעגלעכקייט צו באַטראַכטן באַשטימטע פּראָצעסן און דערשיינונגען פון אַ דיסטאַנץ, באַמיִענדיק זיך אָבער דערביי צו זען די פאַרגאַנגענהייט אַזוי, ווי זי האָט אויסגעזען אין איר צייט און אומשטענדן, און נישט לויט דעם היינטיקן בליק אויף איר.

יאָ, נישט גרינג איז מיר עס אָנגעקומען. ווייל, ווי עס האָט זייער אמתדיק אויסגעזונגען מיין חבר, דער דערמאָרדעטער דיכטער, זעליק אַקסעלראָד,

„מיט עמעצן פאַרמעסטן זיך איז אייביק שווער —
מיט זיך אַליין איז טויזנט מאָל נאָך שווערער״
(פון זיין ליד „דער פרילינג איז אַוועק״)

אין רעזולטאַט ווילט זיך פאַרלייגן מיינע בעלי־טענות און פראַגע־שטעלערס זיי זאָלן זיך באַמיִען צו זען נישט בלויז די אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע פּראָצעסן און שטרייטן, וועלכע ליגן פון אויבן אויף, נאָר צו דערקענען און באַנעמען יענע דערשיינונגען, וואָס זענען ספּעציעל־אייגנטימלעך פאַר אַנגעהעריקע במשך פון לאַנגע יאָרן צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, בפרט צו אירע טוערס. עס גייט וועגן אַזעלכע פּסיכאָ־אידעיִשע פאַקטאָרן, ווי קאָמוניסטישע טראַדיציע, מענטאַ־ליטעט, קאָנאָניזירטע האַנדלונגס־פאָרמען (לגבי אייגענע און לגבי קעגנערס), קאָמוניסטישע עטישע נאָרמעס, דיסציפּלין־געזעצן, פירער־פעטישיזם און אַנדערע ענלעכע פאַקטאָרן, וואָס פאַרמירן דעם אָנבליק, דעם אופן פון אויפנעמען דער־שיינונגען און די רעאַקציע אויף זיי מצד אַנגעהעריקע צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

אויף דעם מחבר פון די דאָזיקע שורות האָבן פון די סאַמע יונגע יאָרן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פון דער רוסלענדישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין הסכם מיט זיי האָט ער געשטרעבט, (און האָט די שטרעבונג דערגרייכט), צו ווערן אַ „פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער״. און דאָס האָט פאַרלאַנגט אַזאַ מין אופן פון קערעווען מיט דעם אייגענעם לעבנסגאַנג, וואָס זאָל ברענגען צום אָפּזאָגן זיך פון דעם, וואָס הייסט „פּערזענלעך לעבן״, פּסיכיש זיך צוגרייטן צו שווערע ליידן, צום קענען איבערטראָגן פייניקונגען (בעת אַרעסטן אין דער פּאָליטישער פּאָליציי, אָדער בעת „אַקציעס״ פון פּאָליטישע אַרעסטירטע

*) דאָס האָט בשעתו באַמערקט ד״ר מאַקס וויינרייך (אונטער אַ פּסעוודאָנים) אין זיינער אַ גרעסערער רעצענזיע אין „פאָרווערטס״ וועגן מיין בוך „מינסקער געטאָ״.

אין די תפיסות), צייטנווייז — צו אַ הונגער־לעבן בעת אונטערערדישער אַרבעט *).

אַ וויכטיקער עלעמענט אין דער טראַדיציע איז די באַציִונג צו סטאַזש אין דער באַוועגונג, לויט וועלכן עס מעסט זיך דער צוטרוי צום מיטגליד ביים אָנטרויען אים וויכטיקע אויפגאַבן, אָדער די באַציִונג צו יענע, וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן פייניקונגען אין דער „דעפענסיווע" (פּוילישע פּאָליטישע פּאָליציי), האָבן צו קיין זאַך זיך נישט מודה געווען און קיינעם פון אונטערערד נישט אַרויסגעגעבן. די און ענלעכע עלעמענטן, אין דעם שטייגער און טראַדיציע פון קאָמוניסטן, האָבן אַלס כלל געווירקט צום איינשטעלן אַן אומצערייסבאַרע פאַרבינדונג מיט דער באַוועגונג, האָט פאַרזיכערט אַזאַ מין אויפנאַם־פעיִקייט, וואָס האָט אויסגעשלאָסן קריטיק אַפילו פון דערשיינונגען, וואָס האָבן בולט פאַרלייקנט דעם אידעיִשן יסוד פון דער באַוועגונג.

זאָלן אַלס אילוסטראַציע דערציילן דינען אייניקע פערזענלעכע דערפאַרונגען.

ווי אַן אָנגעהעריקער צו אַ באַטייטנדיקער גרופּע יונגע און עלטערע יידישע טוערס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, זענען מיר אין די יאָרן 1925—1926 אַרויסגעקומען ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן מיט דער אידעע פון אַ סאָוועטישער אַלטערנאַטיוו פאַר אַ פולשטענדיקער, אַלזייטיקער לייזונג פון דער יידן־פראַגע. די אידעע איז געווען: פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ גלייכבאַרעכטיקטער נאַציע אויפן יסוד פון יידישער טעריטאָריעל־מלוכהשער קאָנצענטראַציע. געהאַנדלט האָט זיך וועגן קרים מיט אירע גרויסע, נישט באַאַרבעטע שטחים (פון וועלכע אַ גרויסער טייל האָט פאַר דער רעוואָלוציע געהערט צום באַראָן גינזבורג), מיט איר נאָענטקייט צו די פילצאָליקע יידישע יִשובים אין אוקראַיִנע, מיט איר קלימאַטישער מילדקייט, וואָס וואָלט דערמעגלעכט יידן שנעל זיך איינצובירגערן. ווען אונדזער שטעלונג איז אויף אַן עפנטלעכן אופן אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך דעם פּרעזידענט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, מיכאַיִל איוואַנאָוויטש קאַלינין, איז עס געווען אַ דערמוטיקונג צו זען די פולע מעגלעכקייט פאַר איר פאַרווירקלעכונג.

ווען פּלוצלונג זענען מיט איין סטאַלינישן פעדערשטריך באַגראָבן געוואָרן אונדזערע האָפענונגען און אָנשטאָט זיי איז געקומען די ביטערע־אָפּנאַרערישע איבערוועקסלונג אויף לחלוטין־פרעמדע רעלסן — אויף ביראָבידזשאַן, האָט זיך פּלוצלונג אַזוי ווי געעפנט פאַר מיר אַן אָפּגרונט. עס איז נישט געווען קיין שום ענטפער, ווי אַזוי איז עס מעגלעך געוואָרן איבערצושטרייכן אַזאַ היסטאָרישע פּערספּעקטיוו צום לייזן די יידן־פראַגע, נישט פרעגנדיק דערביי דעם פאָלק גופא

*) עס האָט זיך פאַרגעדענקט אַ טאָג, נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, ווען דער קאָנטאַקט מיט דער פּוילישער פּאַרטיי־אָנפירונג, וועלכע האָט זיך געפונען ביז דעמאָלט אין בערלין, איז איבערגעריסן געוואָרן. אין דרייען — מיטגלידער פון דער צענטראַלער פּאַרטיי־רעדאַקציע פון מערב־ווייסרוסלאַנד — סטעפאַן בערגמאַן, וואַלענטין טאַוולאַי און איך האָבן מיר צוזאַמען פאַרמאָגט... 35 גראָשן צום קויפן זיך אַ טרוקן שטיקל ברויט.

צו וועלכן אַזאַ לייזונג האָט געהאַט אַ שייכות. געווען איז עס דאָך אין אַזאַ צייט, ווען דער סטאַלינישער טעראָר־סיסטעם האָט קוים זיך גענומען אַנטפּלעקן.

דעמאָלט בין איך אַוועק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין רשות פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אין די באַדינגונגען פון אונטערערד אין פּוילן, פון לאַנגע יאָרן אין תּפיסה, טראַגנדיק אויף זיך די אחריות פאַר אַ סך מיטקעמפערס (אַלס סעקרעטאַר פון קאָמיטעט פון פּאָליטישע אַרעסטירטע), איז געלינדערט געוואָרן דער ווייז און פאַרדראָס צוליבן אָפּגעמען די פּערספּעקטיוו פון אַ סאָוועטישער אַלטערנאַטיוו צו לייזן די יידן־פראַגע (אויף וואָס עס האָבן געהאָפט גרויסע מאַסן יידן אויך אין פּוילן און אין אַ סך אַנדערע יידישע ישובֿים).

געשען איז אויך אַזוי, אַז דער תּהום האָט זיך פאַר מיר געעפנט אַ צווייטן מאָל.

געווען איז עס אין יאָר 1934, ווען די „דעפּענסיווע" (פּוילישע פּאָליטישע פּאָליציי) איז אַ צווייטן מאָל געפאַלן אויף מיינע שפּורן און מיר האָט געדראָט ווידער פאַרשפאַרט צו ווערן אין תּפיסה. דעמאָלט איז געקומען אַ באַשלוס מיך אָפּצופירן אויף אַ צייט אין רעזערוו. כ'בין אָפּגעשיקט געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

געקומען בין איך אַהין נאָך 6 יאָר. ווי כ'בין פון דאָרט אַוועק און האָב דערזען פאַר זיך אַזוינס, וואָס איז מיר שווער געווען צו באַגרייפן, ווי אַזוי איז עס מעגלעך געוואָרן צו דערגיין, אין משך פון געציילטע יאָרן, צו אַזאַ מצבֿ, ווען אַפילו די קאַנאָניזירטע באַגריפן פון דער רעוואָלוציע, פון איר לערע און פּראַקטיק, זענען פולשטענדיק דעפאָרמירט געוואָרן. איך האָב גענומען אָפּפילן אַ פרעמדקייט לגבי דעם, וואָס איז פון די יינגסטע יאָרן געווען דער אינהאַלט פון מיין לעבן. שוין אין תּפיסה האָב איך געהערט וועגן דעם שווידערלעכן אופן פון דורכפירן די קאָלעקטיוויזאַציע, וועגן דער רויִנירונג פון דער לאַנדווירטשאַפט און די מאַסן־דעפּאָרטאַציעס פון פּויערים. האָב איך געבעטן מ'זאָל מיך שיקן אין דאָרף, כדי מיט די אייגענע אויגן זען די ווירקלעכע לאַגע און אַזוי אַרום בכוח זיין, נאָכן צוריקקומען קיין פּוילן, דערציילן דעם אמת. איך האָב באַקומען אַן אָפּזאָג מיט דער „עצה": לייען די רעפּאָרטאַזשן און באַריכטן אין דער סאָוועטישער פּרעסע *).

צוזאַמען מיט דער אָנפירערין פון דער פאַרקאָנספּירירטער שול פאַר פּאַרטיי־קאַדרען (ווו איך האָב געפירט אַ סעמינאַר), בין איך געווען אויף אַן אַלשטאַטישער פאַרזאַמלונג פון פּאַרטיי־אַקטיוו אין מינסק. דער נוסח פון פירן די פאַרזאַמלונג און די רעדע פון ערשטן סעקרעטאַר פון צ"ק, נ. גיקאַלאָ, האָבן אויף מיר אַזוי געווירקט, אַז איך האָב זיך דערפילט ווי „אויף אַ פרעמדער חתונה". דאָס אויפ־

---

*) אין יענער צייט איז פאָרגעקומען אַ פּאַרטיי־„טשיסטקע". אַלס אָנגעהעריקער צו דער סאָוועטישער פּאַרטיי בין איך געווען מחויב „געריי ניקט" צו ווערן. די עיקר־טענה איז צו מיר געווען, אַז כ'האָב דווקא געוואָלט, שיִער נישט ווי „אַן אַמעריקאַנער אָבסערוואַטאָר", אַליין אַלץ קאָנטראָלירן, אַרויסווייזנדיק אַזוי אַרום אומצוטרוי צו די באַריכטן אין דער פּרעסע.

שטיין יעדעס מאָל בעתן דערמאָנען דעם נאָמען פון פירער, באַגליית מיט באַציי־כענונגען, וואָס האָבן „געשמעקט" מיט שקלאַפישער הניפה, האָבן אַרויסגעריסן ביי מיר ווערטער, וואָס האָבן אָנגעוואָרפן שרעק אויף מיין באַגלייטערין: „אַזוי פירט מען זיך דאָך אין קלויסטער!" — און נאָך נישט קיין בארויקטער האָב איך שטיל ביי איר געפרעגט: „צי איז צו דער באַצייכענונג ,מאַרקסיזם־לעניניזם' צוגעקומען אויך סטאַליניזם?". די פרוי האָט מיט איר האַנט מיר פאַרשטעלט דאָס מויל און שטיל אַרויסגעפּליסטערט: „שוויג בעסער. אַזוי זאָגן טראָצקיסטן".

צום צווייטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך געוואָלט וואָס שנעלער אַוועק פון דאָרט. אין דעם טאָג־טעגלעכן געדודפטן לעבן פון אַן אומלעגאַלן פאַרטיי־טוער אין פוילן, איז אָפּגעגאַנגען דאָס געפיל פון פאַרצווייפלונג. אַנשטאָט דעם איז געקומען די פאַרענטפערונג: דאָס אַלץ איז אַ רעזולטאַט פון דער איזאָלאַציע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, פון זיין אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט אַ קאַפּיטאַליסטישער וועלט, וואָס גרייט זיך אומצוברענגען דאָס לאַנד פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע *).

ניין, אַפילו אויף קיין רגע איז ביי מיר נישט אויפגעקומען דער געדאַנק צו פאַרלאָזן די פאַרטיי אַפילו בעתן זען אַזוי בולט איר אָפּטרעטן פון דעם אָנהייב־גאַנג אין אָקטאָבער 1917. איך האָב אויפריכטיק געלעבט מיט דער איבערצייגונג, אַז דורך די באַדינגונגען פון צייט און אומגעבונג האָט די רעוואָלוציע פאַרקע־רעוועט אויף אַ זייטיקן וועג. זי מוז צוריק אַרויף אויפן הויפּט־טראַקט, אַזוי ווי כ'האָב אים געזען און אָפּגעפּילט אין די ראָמאַנטישע אָנהייב־יאָרן פון דער רע־וואָלוציע.

אין מיינע לעקציעס אין די תפיסה־קאַמערן פון גראָדנע און בריסק האָב איך זיך באַמיט צו שטאַרקן די דאָזיקע איבערצייגונג ביי מיינע פאַרשפּאַרטע חברים־יידן, פּאָליאַקן, ווייסרוסן, אוקראַינער — מיט דער הילף פון דער דעפיניציע פון פרידריך ענגעלסן, אַז דער געשיכטלעכער גאַנג קומט פאָר אויף אַ ספּיראַלן אופן — נאָכן דערהויבן זיך, לאָזט ער זיך האַסטיק אַראָפּ אויף אַ נידעריקן רינג, כדי נאָך דעם שטייגן פיל העכער. מיין דערציילן, ווי אַזוי בעתן פאָרן אויפן ווייטן מזרח, צום באַגריסן דעם סאָוועטן־צוזאַמענפּאָר אין ביראָבידזשאַן, האָב איך געזען גאַנצע צוגן, וואָס זענען אַראָפּ פון דער אייזנרעלסן־ליניע און אַריינ־געפאַלן אין באַיקאַל, און וואָס פאַר אַן עצה מ'האָט קעגן דעם געפונען: אויס־געבויט אַ זייטיקע רעלסן־ליניע אויף אַ באַרגיקן וועג, אויף וועלכן מ'האָט דעם האַסטיק־לויפנדיקן צוג, אין מאָמענט פון געפאַר, אָפּגעפירט און געהאַמעוועט

*) ווי ווייט רעאַל מיר האָבן געזען די דאָזיקע געפאַר, זאָל אַלס ביישפּיל דינען די אויפגאַבע, וועלכע איך האָב באַקומען אין אָנהייב 1933: אויפנעמען ידיעות אין די געגנטן פון גראָדנע, ווילנע א"א וועגן אַלע קאָמוניסטן און סימפּאַטיקער, וועלכע האָבן געדינט אין פוילישן מיליטער און וועגן די ערטער, ווו זיי דאַרפן זיך מעלדן אין פאַל פון אַ מאָביליזאַציע. אויף מיין פראַגע, צוליב וואָס איז דאָס נייטיק, האָב איך פון אַ מיטגליד פון סעקרעטאַריאַט פון צ"ק באַקומען דעם ענטפער: די מלחמה־געפאַר פאַרן סאָוועטן־פאַרבאַנד איז שטאַרק אויסגעוואַקסן. מיר מוזן אָנהאַלטן אַ פאַר־בינדונג מיט אונדזערע מענטשן אויך בעת דער מלחמה...

אַזוי אַרום זיין לויף צום אָפּגרונט. דער דאָזיקער „משל" האָט איבערצייגט. ביז ס'איז געקומען די סטאַליניִשע פּראָוואָקאַציע קעגן דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך געדעכנט צווישן די קעמפנדיקע און איז דאָך, אין אַנבליק פון דער נאָענטער מלחמה־געפאַר מצד היטלער־דייטשלאַנד, ליקווידירט געוואָרן. אויך אין דעם מאָמענט איז מיר אויסגעקומען, דערשטיקנדיק אין זיך דעם אומ־גלויבן, דערמוטיקן אַנדערע, וועלכע האָבן פאַרלוירן די מאָראַלישע באַרעכטיקונג פאַר אָפּפינצטערן די יונגע יאָרן אין תפיסה. די אויפגעקומענע געפאַר פון פּאַנאַנ־דערפאַלן פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן אין דער לוקישקער (ווילנער) תפיסה, האָט קעגנגעווירקט פון מאַכן אין יענעם מאָמענט אַ גרינטלעכן חשבון הנפש. בפרט, אַז עס זענען אָנגעקומען די מלחמה־יאָרן מיט דער קורצער פּראַקטיק פון די צוויי יאָר אין די סאָוועטיזירטע געביטן, וועלכע האָבן געהערט פריִער צו פּוילן, מיט דער אויפגעקומענער האָפענונג אויף אַן אַנטוויקלט יידיש קולטור־לעבן און מיט דער אַנטוישונג צוליבן איבערחזרן די סאָוועטישע ליקווי־דאַציע־פּאָליטיק, ביזן צוגרייטן און דורכפירן מאַסן־דעפּאָרטאַציעס און אַרעסטן.

די מלחמה — אין די באַדינגונגען פון געטאָ, מיט דער אחריות פאַרן גורל פון יידן, וועלכע זענען לחלוטין נישט גרייט געווען זיך צו ראַנגלען קעגן אויס־ראָטונג־גזר פון די היטלער־מערדער; די יאָרן אין פּאַרטיזאַנער־וואַלד מיט דער פּראַקטיק פון ראַטעווען און נקמה נעמען, האָט בלויז געצייכנטע מינוטן געלאָזן פאַר טרוימען, אַז נאָכן נצחון איבער די ברוינע אויסראָטערס, וועט עס שוין זיין אַנדערש...

אין פּוילן, נאָך דער מלחמה, האָבן מיר פאַרלייגט די פּאָזיציע פאַרן „אַנדערש זיין", פאַר דינען ווי אַ ביישפּיל פאַר די סאָוועטישע יידן זיי זאָלן פאַרלאַנגען זייערע עלעמענטאַרע נאַציאָנאַלע בירגער־רעכט.

די ליקווידאַציע פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, דער אַרעסט, דער טויט־אורטייל אויף די שעפערס פון דער סאָוועטיש־יידישער קולטור, די פּראָ־וואָקאַציעס קעגן אונדז גופא, אין פּוילן — דאָס אַלץ האָט געדאַרפט איבערצייגן, אַז ס'איז געקומען דער סוף צו אונדזערע האָפענונגען. טויזנטער, צענדליקער טויזנטער יידן האָבן אַזוי עס געזען און האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד. און ביז ס'איז נישט געקומען דער אַלץ־פאַרניכטנדיקער אורטייל אויף אַלע פּוילישע יידן — האָט געווירקט די עקשנות נישט אונטערצוגעבן זיך, נישט קאַפּיטולירן. אַוודאי און אַוודאי נישט זוכן פאַר זיך קיין אינדיווידועלע לייזונג — דורך פאַרבלייבן אין ישראל, אין קאַנאַדע, אין אַמעריקע, ווו מיר איז אויסגעקומען צו זיין און אָפּוועגן די פאַרשלאָגן פון גוטוויניקשערס (ווי די עצה פון האַרציק־גוטן דיכטער, יעקב פרידמאַן, ווי דער פאַרשלאָג פון באַוווסטן טרייד־יוניאָן־פירער אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן, איב פיינגלאָס א"א). ווייל צווישן זיך געזעדט: יעדע אינדי־ווידועלע לייזונג וואָלט בלויז פאַרגרעסערט די אַזוי אויך גרעסטע „פּאַרטיי פון געוועזענע" און וואָלט קיין בייטראָג נישט געווען צו דעם קאַמף קעגן דעם געפערלעך אויסגעוואַקסענעם נעאָ־אַנטיסעמיטיזם אין מזרח־איירפּע.

אַ וואָרט וועגן קאָמוניסטישער מענטאַליטעט, וועגן איינגעבירגערטע באַגריפֿן און נאָרמעס.

דער געבראַכטער ביישפּיל מיטן געוועזענעם מיטגליד פֿון דעם פּוילישן פּאָליטביוראָ — דער מענטש וועלכער האָט פֿאַרנומען דעם פֿאַרמעל־העכסטן מלוכה־אַמט, אַלס פֿאַרזיצער פֿון פּוילישן מלוכה־ראַט, עדוואַרד אָכאַב, זיין דעמיסיע אין 1968 פֿון אַלע אַמטן צוליב דעם הערשנדיקן אַנטיסעמיטיזם, איז געווען באַוווּסט בלויז אין פּאַרטיי־קרייזן. ערשט אין 1981 האָט ער געהאַלטן פֿאַר מעגלעך צו פֿאַרעפֿנטלעכן דעם טעקסט פֿון זיין רעזיגנאַציע און די מאָטיווירונג. ווען ער זאָל עס אָבער האָבן געטאָן בשעתו אין דער צייט פֿון דער שטייגנדיקער אַנטיסעמי־טישער העצע, וואָלטן זיכער אויסגעוואַקסן די כוחות צום קאַמף קעגן דעם גאָמולקאַ־מאָטשאַר־פּיאַסעצקי־בלאָק.

די קאָמוניסטישע מענטאַליטעט פֿון נישט אַרויסטראָגן אין דער עפֿנטלעכקייט דאָס אינערלעכע בייז, איז אויסגעוואַקסן ווי אַן אַלגעמיין געזעץ, אַפֿילו פֿאַר אַזאַ ערלעכן מענטשן, ווי עדוואַרד אָכאַב.

אַ וואָרט וועגן קאָמוניסטישער עטיק. מיר איז אויסגעקומען שוין אין אָנהייב פֿון די צוואַנציקער יאָרן אַ סך צו טראַכטן און פּראַקטיש אָנווענדן דעם הויפּט־עטישן געזעץ פֿון קאָמוניזם. דערגאַנגען איז ער צו מיר דורך דעם שמועס, וואָס לענין האָט געהאַט געפֿירט מיט דעם וועטעראַן פֿון דער דייטשער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, קלאַראַ צעטקין. אויף איר פֿראַגע, וואָס, לויט אים, איז קאָמוניסטישע עטיק, האָט לענין געענטפֿערט: „אַלץ וואָס דינט דער רעוואָלוציע איז עטיש".

צווייפֿל אין דעם דאָזיקן געזעץ איז ביי מיר אויפֿגעקומען, ווען כ'האָב זיך דער־וווּסט, אַז מ'האָט געשטעלט אַ מאָנומענט פֿאַרן יינגל פּאַווליק מאָראָזאָוו, וועלכער האָט פֿאַרמסרט דעם אייגענעם טאַטן. אים האָט מען עס באַוויזן אַלס דערציִעריש ביישפּיל פֿאַרן גאַנצן סאָוועטישן יונגן דור. הייסט עס, אַז דער קאָמוניסטישער עטישער אימפּעראַטיוו לאָזט זיך אויסטייטשן און אָנווענדן קעגן אַלמענטשלעכן עטישן געזעץ וועגן שעצן טאַטע־מאַמע! הייסט עס, אַז אין נאָמען פֿון דעם דאָזיקן געזעץ, אין זיין סטאַלינישער אינטערפּרעטאַציע, איז עטיש געווען אויס־צומאָרדן די פּירערס און אָרגאַניזאַטאָרן פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. כ'האָב זיך געפּרוּווט באַפֿרייען פֿון דער דאָזיקער עטישער איינשטעלונג און אין די שווערסטע מלחמה־יאָרן, בעת מ'האָט אין דער שטאָבהייל אין וואַלד, געבראַכט דעם געראַטעוועטן דורך קלויסטער־שוועסטער ייד, רופֿאייזן (שפּעטער קאַרמע־ליטן־גלת, דניאל); בעת הונדערטער יידישע קינדער זענען אַזוי אַרום געראַטעוועט געוואָרן, — האָב איך אָנגעהויבן אַנדערש טראַכטן וועגן רעליגיע בכלל. קעגן דעם ווילן פֿון מיינע נאָענטע חברים, האָב איך אַלע יאָרן פֿאַרטיידיקט דעם געדאַנק וועגן אַן איינהייטלעכער, צוזאַמען מיט דער רעליגיעזער קהילה, יידישער אָרגאַניזאַציע אין פּוילן.

געהערשט האָט אין די קאָמוניסטישע רייען דאָס געזעץ פֿון גראָדליניקייט. כ'האָב פֿון די פֿריִע יוגנט־יאָרן זיך באַמיט אים איינצובירגערן אין זיך, הגם דאָס לעבן איז זייער אָפֿט געווען אין פֿולן קאָנטראַסט דערמיט. דאָס לעבן איז

קיין מאָל נישט גראַדליניק. האָב איך עס געפּרוּווט פּאַרטייטשן אויף אַזאַ שטייגער: אַלע מאָל זאָגן דעם אמת, און ווען דאָס איז נישט מעגלעך — בעסער שווייגן.

אין איין פאַל האָט דער פּאַרטיי־געזעץ באַפוילן צו זאָגן וואָס מער ליגן, אין פאַל פון שטיין פאַרן געריכט. נישט מודה זיין זיך, אַפילו ווען עס זענען דאָ ממשותדיקע באַווייזן, אַלע מאָל פאַרלייקענען. עס זענען געווען איינציקע אויסנאַמען לגבי פירנדיקע טוערס, וועלכע האָבן באַקומען פון צ״ק די אויפגאַבע אָפן אַרויסטרעטן אין געריכט אַלס קאָמוניסטן.

מיט 20 יאָר שפּעטער בין איך בייגעווען אויפן פּראָצעס פון מיין ייִנגערן זון און האָב איבערגעלעבט דעם פולן צוזאַמענבראָך פון דעם דאָזיקן געזעץ. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער וועט אָנווענדן די זעלבע טאַקטיק, ווי איך, בעת איך בין צוויי מאָל געמשפּט געוואָרן: לייקענען שטיין און ביין. כדי צו האָבן אַ פולשטענדיק אָביעקטיווע מיינונג וועגן דער האַלטונג פון מיין זון, האָב איך געבעטן מיין לאַנגיאָריקע פּוילישע חברטע, מאַריאַ (מוטאַ) דזשעוויצקאַ, זי זאָל מיט מיר צוזאַמען זיין בעתן פּראָצעס. זי איז אַמאָל געמשפּט געוואָרן, נאָך זייענדיק אַ סטודענטין און אָנגעהעריקע צו דער ראַדיקאַלער גרופּע פון דער פּוילישער אינטעליגענץ בראש מיט העניריק דעמבינסקי און סטעפאַן יענדריכאָווסקי. פאַרשטייט זיך, אַז געהאַלטן האָט זי זיך בעתן משפט איבער איר, לויט דעם אָנגענומענעם געזעץ: אַלץ לייקענען, מיט אַלע אַרגומענטן זיך קעגנשטעלן דעם פּראָקוראָר.

מיט גרויס שפּאַנונג האָב איך געוואַרט אויף דעם ענטפער פון מיין זון אויף די פראַגן פון ריכטער און... האָב איבערגעלעבט אַ פולשטענדיקע אַנטוישונג. ער האָט דערקלערט אָפן און דרייסט: יאָ, דעם אויפרוף קעגן דער פּוילישער און סאָוועטישער מיליטערישער אינוואַזיע אין טשעכאָסלאָוואַקיע האָט ער אַליין אָנגעשריבן; ער אַליין האָט אים אָפּגעדרוקט און ער איז עס אַרויפגעקראָכן אויפן העכסטן שטאָק פון צענטראַלן סחורה־הויז אין וואַרשע און פאַנאַנדערגעוואָרפן אַלע אויפרופן... איך האָב געפילט, ווי דאָס האַרץ פאַלט מיר אַרויס...

אַכט עדות האָט מען אַרויסגערופן, אַ טייל — אַרעסטירטע סטודענטן. און זיי אַלע, איינער נאָכן אַנדערן, האָבן דערקלערט, אַז בלויז יעדער איינער פון זיי האָט עס געשריבן די אויפרופן, זיי אַליין אָפּגעדרוקט און אַליין פאַרשפּרייט... דאָס געריכט איז געבליבן לחלוטין דעזאָריענטירט. בפרט נאָך, ווען מיין זון האָט אין זיין לעצטן וואָרט מאָטיווירט זיין שטעלונג דערמיט, וואָס די רעגירונג לאָזט זיי נישט קומען צום וואָרט און זי צווינגט זיי צו אונטערערדישע מעשים.

מיין חברטע מוטאַ איז געווען אַנטציקט פון אַזאַ האַלטונג און איך האָב געפילט, ווי עס ענדיקט זיך אין מיר אַרויס די ווירקונג פון געזעץ צו זאָגן ליגן דעם קעגנער.

וועגן נאָך איין, ממש הייליקן, געזעץ: ווי באַלד אַ מענטש האָט אין דער פּאָליטישער פּאָליציי זיך איינגעבראָכן און האָט אַרויסגעגעבן זיינע חברים פון אונטערערד, האָט דער תּפיסה־קאָמיטעט אים געמשפּט, אין גרעסטן טייל — אַרויסגעוואָרפן פון דער „קאָמונע״ און געפּאָדערט פון דער תפיסה־אַדמיניסטראַציע

אים צונעמען פון די קאַמערן, ווו עס זיצן פּאָליטישע אַרעסטירטע. שפּאַצירן פלעגן אַזעלכע באַזונדער. גערופן האָט מען עס „דער הינטישער שפּאַציר".

האָט איין מאָל געטראָפן, אַז אין מיין איינצל־קאַמער האָט מען ערב דער אָונט־ציילונג אַריינגעבראַכט אַ צווייטן אַרעסטאַנט, אַ ווייסרוסישן יונגן פּויער, קרינטשיק האָט ער געהייסן. ווי געוויינטלעך האָבן מיר זיך תיכף געטיילט מיט אַלץ — מיטן ברויט און מיט דער „מאַכאָרקע" און פאַרפירט אַ שמועס. דער בחור האָט מיר דערציילט וועגן זייער אַ גרויסן דורכפאַל, וועגן שרעקלעכע פּייניקונגען אין דער פּאָליציי און דערביי מיר געוויזן די נאָך נישט פאַרהיילטע ווונדן אויף זיין לייב.

ווען מיר זענען דערגאַנגען צו דעם, ווי אַזוי מענטשן האָבן זיך געהאַלטן אין דער פּאָליטישער פּאָליציי, האָט ער לאַנג געשוויגן. פּלוצלונג האָט ער אָנגעהויבן וויינען און איז געפאַלן אויף די קני לעבן מיר און כסדר איבערגעחזרט: „כ'האָב נישט אויסגעהאַלטן... כ'האָב אַרויסגעגעבן..."

אין משך פון לאַנגע שעהען האָבן מיר צווישן זיך נישט אויסגערעדט קיין וואָרט; ערשט ליגנדיק אויף דער ערד (אין קאַמער איז געווען בלויז איין בעט) האָט ער זיך ביי מיר געבעטן: „וואַרפט מיך נישט אַרויס... כ'וועל אויסקויפן מיינע זינד"... כ'האָב אים דערקלערט, אַז דער תּפיסה־קאָמיטעט וועט זיין ענין באַטראַכטן. מיר האָט זיך איינגעגעבן צו איבערצייגן, אַז מ'זאָל אים נישט איבערשיקן אויפן „הינטישן שפּאַציר", מ'זאָל אים אין אונדזער תּפיסה־אָרגאַניזאַציע נישט אַריינגעמען, נאָר אים פאַרפליכטן, אַז ער זאָל ביים אויספאָרשונגס־ריכטער אַלץ אָפּרופן.

מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, גייענדיק אין צענטראַלן שטאַב פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, איז מיר אַנטקעגנגעלאָפן אַ צעשמייכלטער מענטש מיט אַ גרויסן קאָפּ האָר. כ'האָב אים באַלד נישט דערקענט. ער אַליין האָט אויסגעשריגן: „קרינטשיק בין איך. כ'האָב געהאַלטן וואָרט... זעסט! — און ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם גאָלדענעם שטערן אויף זיין ברוסט, אַלס „העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד". „וועגן דיר האָב איך אַלע מאָל געטראַכט בעתן אָנפירן מיט מיין פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל — האָט ער צודריקנדיק מיר צום האַרצן געזאָגט — כ'האָב אַלע מאָל געדענקט מיין צוזאָג".

איינגעבירגערטע באַגריפן האָבן געהאַט אַ לאַנגדויערנדיקע און פּילזייטיקע ווירקונג ביי אונדז אַפילו נאָך דעם, ווי זיי זענען גרינטלעך קריטיקירט געוואָרן. אַ שטייגער — סאָציאַל־פאַשיסטן...

פון דעם דאָזיקן באַצייכענען פירערס פון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָט מען זיך אָפּגעזאָגט נאָכן 7טן קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין 1935. פון דעסטוועגן, ווען אין פּוילן נאָך דער מלחמה האָב איך געדאַרפט צוזאַמענאַרבעטן אין אַ קאָמיסיע פון פּוילישע קאָמבאַטאַנטן מיטן פאַרמלחמהדיקן פירער פון די פּוילישע באַן־אַרבעטער, דעם געוועזענעם מיטגליד פון צענטראַלן אויספירקאָמיטעט פון פּפּ"ס (פּוילישע סאָציאַליסטן), אַדאַם קורילאָוויטש, האָב איך זיך דערפילט שטאַרק אומבאַקוועם. וויפל מאָל איז מיר אויסגעקומען צו שרייבן אין

אונטערערד וועגן דעם דאָזיקן „סאָציאַל־פאַשיסט״, דעם „פאַררעטער פון אַרבעטער־קלאַס״, דעם „שטרייקברעכער״...

כ׳האָב דערזען פאַר זיך אַ מענטש, וואָס האָט שוין מיט זיין אויסערלעכן אויסזען געמאַכט פונקט אַ פאַרקערטן איינדרוק, ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. אַ קליינוווקסיקער, מיט אַ פּאָר מילדע, גוטווינטשנדיקע אויגן, וואָס האָבן געוועקט חברישן צוטרוי. דער דאָזיקער, לויט מיין פריִערדיקער פאָרשטעלונג פעפעעסישער מאָנסטער־באַנק, האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דער צייט פון דער היטלערישער אָקופּאַציע פאַר אַ העלדישן קעמפער און יידן־פריינד. ער איז פאַרשפּאַרט געוואָרן אין אַשוויענטשימער לאַגער. ווי מיר האָבן דערציילט יידישע פרויען מיטן אוישוויץ־נומער, איז קורילאָוויטש געווען פאַר זיי אין לאַגער ממש אַ לייבלעכער טאַטע. ער האָט זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן און האָט זיך באַמיט, איבער זיינע כוחות, צו ראַטעווען.

איך האָב ביי קורילאָוויטשן געבעטן מחילה. ער האָט מיר נישט געלאָזט ענדיקן מיינע רייד. „וואָס הייסט... ווי דען אַנדערש...״ האָט ער געזאָגט. און מיר זענען זיך געוואָרן זייער נאָענט,ווירקלעכע פריינד.

שווער, צום שווערסטן איז געווען בייצוקומען פסיכישע העמונגען.

אין אַ מאָמענט פון גרויס אויפרעגונג, ווען צום דריטן מאָל האָט דאָס פּוילישע אינערן־מיניסטעריום מיר אָפּגעזאָגט די מעגלעכקייט, אַזוי ווי אַלע יידן, צו פאַר־לאָזן פּוילן, בין איך אַוועק צו דער געוועזענער סעקרעטאַרין פון פּאָליטביוראָ פון דער אומלעגאַלער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, צו דער חברטע „יוסטינע״, און אויף דעם קאַטעגאָרישסטן אופן פון איר פאַרלאַנגט... זי זאָל מיר העלפן, אַזוי ווי אין די אומלעגאַלע צייטן, מאַכן אַ פאַלשן פּאַספּאָרט, כדי זיך דורכשמוגלען דורך דער גרענעץ.

„יוסטינע״ האָט מיך אָנגעקוקט, ווי כ׳וואָלט אַראָפּ פון זינען. איצט, אין פאָלקס־פּוילן, אָנווענדן די פּראַקטיק פון די אומלעגאַלע צייטן! משוגע!

כ׳בין אָבער נישט אָפּגעטראָטן, געפאָדערט צו באַנייען די אַלטע קאָנטאַקטן מיט „מאַכערס״ און געפועלט ביי יוסטינען איינצולאַדן עמעצן פון דער אַמאָליקער צענטראַלער פּאַרטיי־טעכניק. אין צווייען האָבן זיי געפּרוווט מיך אָפּרעדן, אָבער ווען איך האָב דערקלערט, אַז כ׳וועל גיין אויף יעדער ריזיקע און וועל אַנטלויפן פון פּוילן, האָבן זיי דאָך צוגעזאָגט מיר צו העלפן.

כ׳בין געהאָלפן געוואָרן, אויף אַן אַנדער אופן.

☆

ביים אַרויסקומען מיט טענות, קודם־כל פון אידעיִש־פּאָליטישן, גאָר באַזונדער פון נאַציאָנאַל־יידישן שטאַנדפּונקט, זאָל קיינער נישט גרינגשעצן יענע העמונגען, יענע נאָרמעס און געזעצן, וואָס גילטן פאַר יעדן איינעם, וועד עס האָט אידעיִש פאַרבונדן זיין לעבן מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג: בייקומען זיי איז אַ שווערער, טיף־רעוואָלוציאָנערער אַקט. אַלס אַזאַ באַטראַכט איך דעם באַשלוס צו

קומען קיין ישראל, אין דעם איינציקן לאַנד, ווו מיר זענען נישט מער קיין נאַציאָנאַלע מינדערהייט, ווו יידן זענען אַ פּולוועריטיקע, טעריטאָריאַלע־מלוכהשע נאַציע מיט טיפע וואָרצלען אין דער פּילטויזנט יאָריקער געשיכטע פון ליידן און קאַמף.

נישט ווי קיין בעל־תשובה, וועלכער איז גרייט איבערצושטרייכן זיין קאַמפּס־פאַרגאַנגענהייט, נאָר ווי אַ רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט זיך דעצידירט צו פאַר־לאָזן דעם וועג, וואָס האָט געפירט צום פאַרראַטן די שטרעבונגען צו סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער דערלייזונג, שטיי איך פאַרן משפט פון די לייענערס פון מיינע דריי ישראל־ביכער.

רשימה פון נעמען

א

אַבראַמאָווסקי — 129.
אַגורסקי ש. — 146.
אַגינסקי — 430.
אַדענאַוער — 302.
אויערבאַך רחל — 94, 103, 186, 189.
אולבריכט וו. — 348, 349, 395.
אויסלענדער נחום — 258.
אורבאַנאָוויטש — 28.
אַטשעפּקאַ וו. — 321.
איגנאַר — 234.
איוואַשקעוויטש י. — 309, 342, 367.
אייזנבאַך אהרון — 137, 185, 213, 295, 330, 403.
אייזנשטאַט ש. — 94.
אייכמאַן — 330.
אייכער סימקע — 407.
איינשטיין אלבערט — 105, 118, 435.
איליטשאָוו ל. — 216, 217, 220.
איסטערמאַן א. — 98, 110, 263.
אַכאַב עדוואַרד — 143, 144, 175, 194, 207, 222, 225, 316, 330, 331, 355, 389, 446.
אַלברעכט יעזשי — 224, 286.
אַלטשולער משה — 260.
אַלטער וויקטאָר — 237.
אַליצקי לייב — 137, 189, 198, 199, 239, 293, 315.
אַלינשטיין א. — 385.
אַלסטער וואַנדאַ — 127.
אַלסטער אַנטאָני — 100, 161, 165, 227, 232.
אַלעף (באַלקאָוויאַק) ג. — 36, 40, 86.
אַלעקסיס רודיע — 103.
אַלשאָווסקי סטעפאַן — 311, 331, 354, 363, 414.
אַמעלס י. — 394.
אַמסטערדאַם ש. 365.
אַנדרושקעוויטש זש. — 383.
אַנדזשעיעווסקי י. — 366, 369, 373.
אַנילעוויטש מרדכי — 118, 311.
אַסובקאַ — מאַראַווסקי ע. — 37
אַפּאַטאַשו י. 99, 118, 307.
אַקסעלראַד זעליק — 441.
אַקרוטני י. — 77, 188.
אַקס מ. — 161.
אַקרענט זיגמונט — 408, 409.
אַרגוב — 135.
אַרעכוואַ פּ. — 209.
אַש שלום — 99, 118, 307, 308.
אַשענדאָרף י. — 137, 188.
אַשעראָוויטש א. — 146.
אַשעראָוויטש הירש — 352.

ב

באַבראַווסקי טש. — 375.
באָומאַן ז. — 377.
באַזשיקאָווסקי ט. — 69, 96.
באַטאַשאַנסקי י. — 134.
באַטווין נפתלי — 106, 311, 364, 378.
באַטשינסקי וולאַדיסלאַוו — 232.
באַטשקאַ ב. — 377.
באַכמוטסקי — 22.
באַכענסקי י. — 369.
באַליצקי פּ. וו. — 371.
באַמזע נ. — 188.
באַנק יאַנקל — 352.
באַקאַל י. 133.
באַרג ב. — 397.
באַרוויטש מיכאל — 185.
באַרנשטיין לעאָן — 156.
באַרנעט דזשענאַר — 326.

בוזגאַן חבל — 294, 317.
בוימקאַליר מרדכי — 13.
בוכאַרין נ. — 138.
בוך מאַרעק — 397.
בולגאַנין נ. — 217.
בורג י. — 327, 404.
בורדאַ אַנדזשיי — 281.
בורשטיין ליובע — 253.
בורשטיין מ. — 307.
ביאַלאָסטאָצקי י. — 418.
בידאַ א. — 152.
בידערמאַן מאַריס — 66, 149, 267.
ביטער מאַרעק (מלך) — 40, 44, 86, 119, 126, 155, 169, 325.
ביין וויליאַם — 173.
ביליג וו. — 377.
בינדער הערי — 362.
ביערוט ב. — 173, 175, 198, 206, 211.
ביענקאָווסקי וולאַדיסלאַוו — 277.
ביענקאָווסקי זביגניעוו — 199.
בלאַכוט וולאַדיסלאַוו — 55.
בלאַשטיין הירש — 259.
בלאַשטשיק — 54.
בלום לעאָן — 302.
בלומעל אַנדרע — 302.
בלומענפעלד דיאַנאַ — 37.
בלומענטאַל נחמן — 185.
בלומענשטיין ס. — 368, 376.
בלינאָווסקי פּ. — 230.
בליץ צאַלעל — 218.
בעליס שלמה — 294.
בערגעלסאָן דוד — 221.
בערגמאַן סטעפאַן — 442.
בעריא ל. — 215.
בערמאַן אַדאָלף — 40, 55, 86, 92, 93, 132, 142, 143, 155, 156, 167, 168, 170, 181.
בערמאַן יעקב — 18, 26, 55, 100, 118, 130, 172, 175, 180, 206, 364, 438.
בערנשטיין טאַטיאַנאַ — 185, 330.
בערלינסקי שלמה — 77.
בראַדערזאָן משה — 244.
בראַון אַנדזשיי — 199.
בראַניעווסקאַ יאַנינאַ — 124.
בראַניעווסקי וול. — 364.
בראָנשטיין י. — 146.
בראָנשטיין י. ד״ר — 297.
בראָנשטיין — בראָן מיכאל — 171.
בראַנדיס קאַזשימיעזש — 200.
ברוידע (ארט) — 248.
בראַפּמאַן ש. — 418.
בראַקמאַן — 326.
בריזלי י. — 97, 121, 142.
ברוס וול. — 377.
בריסטיגער לונאַ — 276.
בריל יאַנקאַ — 260.
ברענער ליבער — 166, 219, 247, 317, 318.

ג

גאַדאַמסקי — 123.
גאַוואַרסקי — 341.
גאַזשאַנסקי אליהו (אליאַשאַ) — 121, 127.
גאַזשדזשיק לעשעק — 226.
גאַטוואַלד — 211, 219.
גאַטליב מאַוריצי — 405.
גאַיאַוואַטשינסקאַ פּאַלאַ — 199.
גאָלדבערג בן־ציון — 309.
גאָלדמאַן נחום — 141, 263, 264, 301, 302, 327, 348, 351.
גאָלדבלאַט — 353.
גאָלדבלום לאַזער — 219.
גאָלדענבערג אליהו — 301.
גאָלדשמיד א. — 166.
גאָלדקאַרן יוסף — 399.
גאָלדשטיין ישראל („לאָלעק״) — 125.
גאָלדשטיין אהרון — 219.
גאָלינסקי טאַדעוש — 216, 400, 413.
גאָמולקאַ וולאַדיסלאַוו („וויעסלאַוו״) — 25, 52, 106, 130, 131, 139, 151, 160, 161, 222, 225, 228, 231, 234, 235, 237, 274, 276, 277, 279, 286, 288, 289, 292, 299, 306, 320, 327, 339, 354, 356, 357, 360, 362, 365, 366, 368, 370, 371, 374, 376, 377, 378, 381, 383, 385, 386, 389, 393, 394, 395, 403, 405, 411, 417, 419, 425, 427, 429, 438, 446.
גאַנטאַזש ר. — 383.
גאַסקינד שאול — 149, 174.
גאַפּוראַוו ב. — 433.

גאָרקי מ. — 410.
גאָרבונאָוו ט. — 27.
גאָרדין יצחק — 225.
גאָרין — 156.
גאָרשמאַן שירע — 261, 352.
גוטהאַרץ כאַסיע — 13.
גוטערמאַן דוד — 161.
גוטערמאַן יצחק — 199.
גוטקאָוויטש יאַנקל 294, 400.
גומקאָווסקי י. 328, 329,.
גורעצקי ב. 84.
גורניצקי וו. — 363.
גיטלער — באַרסקי — 206, 213.
גיקאַלאַ נ. 443.
גלאַבקע — 302, 303.
גלאַטשטיין יעקב — 335, 336.
גליצענשטיין הענריק — 403.
געבעלס י. 386, 413, 432.
געלבאַרד „טשאַיקאַ" — 36.
געלבאַרד קלמן — 121.
געלער סאַלאָמאָן — 268.
גענעק — 430.
גערבער רפאל — 185.
גערהאַרד י. — 340.
גערשמאַן יהושע — 66, 319.
גערע — 237, 238.
גערעק — 311, 385, 427.
גראַדע חיים — 55, 77, 187, 188.
גראַיעק סטעפאַן — 96.
גראַמיקאַ א. — 143.
גראַנאַס ראַמאַנאַ — 224.
גראַנאָווסקי ל. — 240.
גראַנאָווסקי א. — 294.
גראָסמאַן חיה'קע — 40, 96, 161.
גראָסמאַן משה — 186, 187.
גראַפּער וויליאַם — 179.
גרוביאַן מאָטל — 221, 258.
גרודבערג־טורקאָוו יצחק — 149, 179, 199, 299.
גרודזשינסקאַ אי. — 382.
גרושקאַ אשר — 390.
גרינבוים יצחק — 117.
גרינבערג הענריק — 254.
גרינבערג מ. — 156.
גרינפעלד ה. — 418.
גרינשפּאַן כיל — 36.
גרונדיג לאה — 395, 396.

ד

דאָבקין א. — 63.
דאָבראָוואָלסקי סט. ר. — 341, 371, 386.
דאָברינין — 351.
דאַגים יצחק — 299.
דאַטנער ש. — 402, 403.
דאַלמאַטאָווסקי י. — 303, 304.
דאָמבראָווסקאַ מ. — 341.
דאַמב — טרעפּער ל. — 257, 258, 298, 320, 321, 323, 327, 331, 333, 344, 345, 346, 360, 377, 399, 406, 407, 416, 421.
דאָמאַראַנטשיק ז. — 386.
דאַניעל מייער — 326.
דאַנישעווסקי ט. — 315, 316.
דוא־באָגען ג. — 105, 106.
דובטשעק — 419.
דודאַ־גראַטש — 359.
דויטשער י. — 315.
דוניעץ ח. — 146.
דוראַטש אַנגאַ — 172.
דוראַטש יעזשי — 172.
דזשאַרדאַן — 241, 248, 361.
דזשיגאַן ש. — 94, 149.
דזשעוויצקאַ מאַריאַ („מוטאַ") — 447.
דזשעמידאָוו — 280.
דזשערזשינסקי פעליקס — 14.
דזשערזשינסקי יאַן — 14, 15, 17.
דיבאָווסקי סט. — 180.
דייטשגעוואַנט י. — 382.
דימאַנשטיין ש. — 434.
דיין משה — 346.
דימיטראָוו ג. — 136.
דלוסקי אָ. — 110, 123, 126, 175, 224.
דעיניאַק ה. — 391.
דעימעק ק. — 367, 368, 372.
דעמבינסקי ה. — 17, 38, 220, 447.
דעמיניעווסקי י. — 405.
דראַביק — 383.
דראַבנער ב. — 300.
דראַגונסקי ד. — 303, 304.
דראַזנין ד. — 62.

דראָזשדזשינסקי א. — 309.
דרוטאָ יאַן — 292.
דרעזנער אַננאָ — 309.
דרעקסלער נחמן — 268.

ה

האַלבערשטאַט — 148.
האָלאַנד ה. — 340.
האָלאַנד אברהם — 66.
האַלקין שמואל — 220, 221, 296, 351, 352.
האַלפּערין וולאַדימיר — 248.
האַנסאָן — 64.
האַנפּט חיים — 96, 151, 195.
האָפּשטיין דוד — 221.
הורוויטש שמואל — 94, 137, 166, 167, 181, 196, 199, 234, 241, 285, 286, 294, 302, 322, 333.
הושטשאָ יאַן — 199.
היטלער — 442, 445.
הירשאָוויטש־לאַסאָטאָ — 377.
הירשאָוויטש מאַריאָ — 377.
הירשביין פּ. — 99.
הייליקמאַן ט. — 210.
הלאַנד — 58.
העכטקאָפּף — 181.
העלער בינם — 101, 137, 181, 189, 195, 198, 199, 200, 293, 309, 351.
העץ י. — 372.
הערבסט סט. 375.
הערצאָג — 59.
הערץ פּ. — 366.
הערשנבערג שמואל — 403.
הערשנהאָרן ש. — 38, 39, 142, 166.

ו

וואָגלער חנא — 137, 188.
וואָזשיק א. — 366, 369.
וואָטערמאַן א. 66, 304, 326.
וואָיסקאָווסקאָ ר. — 156.
וואָהל העגריק — 334.
וואָהל שאול — 334.
וואָל אהרון — 202, 203.
וואָלסקי וו. — 72, 212, 365.
וואָלטער — 373.
וואָליכנאָווסקי ב. — 279, 280, 344, 377, 383.
וואָלפע ש. — 252.
וואָנקאָוויטש מ. — 310.
וואָסער הערש — 181, 184.
וואָסער חיים — 100.
וואָסערשטרום י. 137, 196, 447.
וואָראָשילסקי וו. — 199.
וואָראָשילאָוו ק. — 217.
וואַרקאָוויצקאָ א. — 198.
וואָלף יוסף — 185.
ווזשאָס אי. — 70, 72.
ווזשעשטש — 59.
וויגאָדסקי ס. — 309, 341.
וויטאָשעווסקי ק. — 152, 224, 280, 281, 320, 321, 322, 323, 324, 333, 340, 383.
וויכאָ וו. — 332, 333, 399.
ווייכערט מ. — 190, 191.
וויין אברהם — 312.
וויינטרויב מ. (גפן) — 148.
וויינרייך מאַקס — 441.
וויינער לעאָן — 103.
ווייסענבערג אי. מ. — 198, 199.
ווייס אַלבערט — 138, 139.
ווייס שמואל — 137.
ווייץ ראָבערט — 328.
ווילנער אַננאָ — 304.
ווילנער (אוניאַן) — 218.
ווילנער מאיר — 386.
ווינאָגראָדסקי י. — 67.
ווינאָווער ק. — 383.
ווינקלער — 127.
וויספּיאַנסקי — 366.
ווישינסקי סטעפאַן — 58, 390.
ווישנאָצקי — 332, 363.
וויעטשאָרעק — 327.
וויערבלאָווסקי ס. — 26, 58.
וויערניק יאַנקל — 326.
וולאָדעק א. — 359.
וועב שמואל — 321, 418.
וועב מאַרעק — 291.
ווערבלאַן א. — 235, 236, 364, 365.
ווערגעליס א. — 258, 260, 261.

ז

זאַגורסקי י. — 309.
זאַוואַדסקי אַלעקסאַנדער — 169, 175, 235, 310.
זאַוואַדסקי סטאַניסלאַוו — 176.
זאַווייסקי י. — 389, 390.
זאַזשיצקי יאַנוש — 176, 224, 277.
זאַזשיצקאַ עוואַ — 382.
זאַזשיצקי (זשעראַן) — 231.
זאַכאַריאַש שמעון — 7, 32, 33, 44, 51, 54, 57, 67, 101, 105, 106, 111, 140, 144, 153, 158, 175, 181, 192, 196, 202, 204, 215, 217, 218, 263, 316, 317, 318, 409.
זאַלאַטאַוו ה. — 316, 365.
זאַלצבערג י. ב. — 66, 101, 218, 267, 269, 338.
זאַלצמאַן ראובן — 55, 66.
זאַלצמאַן משה — 199.
זאַמבראַווסקי ר. — 51, 52, 100, 107, 151, 175, 273, 274, 277, 281, 364, 438.
זאַמענהאָף ל. — 86.
זאַמערשטיין ע. — 36, 39, 40, 72.
זאַנטאַג י. — 115.
זאַנשיין יעקב — 309.
זאַנשיין מרדכי — 191.
זאַפּיאַ (גאַמולקאַ) — 30, 365.
זאַק אברהם — 186, 188.
זאַק שעפּטל — 179.
זאַק ראַיע — 335.
זשאַק נאַטאַן — 136.
זאַרעמבאַ ל. — 384.
זובאַטאַוו — 417.
זוויעזשינאַ — 295.
זינאַוויעוו ג. — 438.
זינגער בערנאַרד — 77.
זינגער י. — 307.
זעליצקי פּ. — 29, 40, 44, 50, 55, 95, 101.
זרובבל י. — 117.
זשדאַנאַוו — 138, 210.
זשולאַווסקי י. — 366.
זשולקעווסקי סט. — 377.
זשוקראַווסקי — 342
זשיץ ג. — 104, 163.
זשעלעזנאָוואַ מ. — 104, 115.
זשעראָמסקי סט. — 30.

ח

חרץ מאיר — 260.
חביבי עמיל — 346, 347.

ט

טאַבענקין יצחק — 100, 148, 300.
טאובענפליגל — 172.
טאַוולאַי וואַלענטין — 442.
טאַטאַר — 171.
טאַטאַרקוווּנאַ מ. — 391.
טאַליאַטי — 216, 219, 274, 275.
טאָמאַס ע. — 67.
טאַמסקי — 138.
טאַנק מאַקסים — 160, 218, 219.
טאַפּאַלסקי ק. — 382.
טאַציאַי — 310.
טאַקאַרסקי י. — 357.
טאַרונטשיק באַרבאַראַ — 376.
טאַרונטשיק הענריק — 382, 385.
טאַרטאַן — 96.
טאַרטאַקאָווער א. 98, 110, 256, 263.
טאַרעז מאַריס — 269, 274.
טאַרעז אַנרי — 302.
טווים י. — 129.
טיטאָ י. — 299.
טורקאַוו יאַנאַס — 37, 40, 41.
טורסקי סט. — 369.
טיקאַטשינסקי — 310.
טייטעל ב. — 252.
טייטלבוים דאָראַ — 67.
טשיזשעווסקי — 305.
טעמפּעל מענדל — 294.
טענענבלאַט שמואל — 291, 360, 380.
טענענבוים נתן — 291, 381, 413, 414.
טענענבוים יוסף — 59.
טענענבוים בנימין — 77, 115, 186.
טעקלינסקאַ או. — 403.
טראַצקי לעוו — 434, 437.
טשאַרני ע. — 240.
טשאַפּניק ל. — 162.
טשו ען לאַי — 172.

טשערניכאָוו מ. — 294.
טשעשינסקי ח. — 284, 285.

י

יאַבלאָנסקי ה. — 180, 375.
יאַוואָרסקאַ ה. — 224.
יאַנאַסאָוויטש יצחק — 77, 188.
יאַנטעס י. — 405.
יאַסטרון מ. — 366.
יאַנקאָווסקאַ ל. — 208.
יאַקובאָוויטש ש. — 418.
יאַרבלום מ. — 134.
יאַרוזעלסקי — 427.
יערי מ. — 121.
יאַראָשינסקי וו. — 229.
יאַשעניצאַ פּ. — 369, 372, 377.
יודין — 218.
יוזשוויאַק פר. — 96, 224.
יונג קלאַראַ — 19.
יונגעריס — 172.
„יוסטינע" — 449.
„יעווסיי" — 410, 411.
יעזשאָוו — 215.
יענדריכאָווסקי סט. — 17, 100, 101, 430, 447.
יעלין מאיר — 352.
יעפּרויקין י. — 134.

כ

כאַריק איזי — 260.
כאַלאַשינסקי — 332.
כוואַלעס ר. — 294.
כּץ שלמה — 84.
כּץ לעאָ — 180.
כּהנא דוד — 111, 132.
כּהנא סעווערין — 54, 55.
כּהנא עקיבא — 248, 361.
כמיעלעווסקי — 281, 282.
כעלכאָווסקי ה. — 229.
כרושטשאָוו נ. — 211, 214, 216, 218, 219, 220.

ל

לאַגאַ־סאָווינסקי — 190.
לאַזאַרעאַנו באַרבו — 133.
לאַזאָווסקי ל. — 137, 159, 181, 197.
לאַזעבניק י. — 44, 95, 111, 132, 135, 142, 152, 153, 155, 163, 169, 175, 177, 196, 201, 263, 398.
לאַכור זשדיסלאָוו, מאַטשיי — 359.
לאַם אַנדזשיי — 341.
לאַם מאיר — 414.
לאַמפּע א. 139, 180, 364, 365.
לאַנגע אַ. — 279.
לאַסטיק ש. — 197, 199, 309.
לאַקאַמסקי ז. — 384.
לובעטקין צביה — 303, 304.
לוזשאַנין מ. — 434.
לוקאַ וואַסילע — 205.
לוקסעמבורג ראָזאַ — 187, 430.
ליבערמאַן — 48, 127.
ליטאַן עני — 182.
ליטווין מ. — 268.
לייבאָוויטש־שערבאַן — 133.
לייבזאָן ב. — 433.
לייוויק ה. — 99, 379.
ליכטענבוים י. — 301.
ליכניאַק ז. — 373.
ליפּמאַן מ. — 182.
ליפּסקי אברהם — 231.
ליפּסקי יאַן יוזעף — 369.
ליפּשיץ נחמה — 257.
ליפּשיץ שלמה — 66, 179, 267, 338.
לעאָפּאָלד וואַנדאַ — 367.
לעבעדיעוו וויקטאָר — 105, 116, 212.
לעדערמאַן ע. — 362.
לעדערמאַן משה — 166.
לעוואַנדאָווסקי באַהדאַן — 335.
לעוואַנדאָווסקי לעאָנאַרד — 357.
לעוואַרטאָווסקי י. — 117, 311.
לעווי (אינזש.) — 156.
לעווי געניע — 142, 191.
לעווי לעאָן — 124, 128.
לעווענטאַל — 263.
לענין — 404, 434, 446.

לענעמאַן ל. — 191.
לעץ סט. י. — 36, 370.
לעקערט ה. — 311.
לערנער גריגאָרי — 268.
לערער — 206, 219.
לעשעק ג. — 384.

מ

מאָא טסע־טונג — 172, 222, 369.
מאַדזעלעווסקי קאַראָל — 339, 341, 369, 376, 382, 392.
מאַדייטשיק טש. — 401.
מאַזור פּ. — 96, 100, 159, 160, 161, 169, 175, 176, 224.
מאַהלער רפאל — 94, 112.
מאַזער הילמאַר — 295.
מאַטושעווסקי ס. — 224.
מאַטווין וול. — 224, 229, 277.
מאַטשאַר מ. — 229, 279, 281, 288, 305, 306, 308, 310, 311, 314, 315, 316, 317, 318, 319, 320, 321, 323, 329, 332, 333, 340, 341, 342, 343, 352, 355, 356, 360, 361, 362, 363, 364, 368, 375, 377, 381, 383, 385, 386, 391, 394, 398, 417, 424, 429, 430, 437, 445.
מאַימאַן — 156.
מאַיאַקאָווסקי וול. — 420.
מאַיקאָווסקי סט. — 363.
מאַכייסקי י. וו. — 439.
מאַכעיעק וול. — 310, 311, 364, 382, 383, 384, 387.
מאַלאַטאָוו וו. — 116, 117, 143, 228.
מאַלאַטשינסקי לייבוש — 231.
מאַלטינסקי חיים — 260.
מאַלטשיק — 207.
מאַלישעווסקי י. — 200.
מאַלענקאָוו ג. — 22, 138, 436.
מאַלצוזשינסקי ק.— 363.
מאַנגער איציק — 115.
מאַניקאָווסקי — 179.
מאַראַווסקי יעזשי — 216, 224, 273, 277, 437.
מאַראַווסקי סטעפאַן — 377.
מאַראַזאָוו פּאַווליק — 446.
מאַרגאַריט ב. — 376.
מאַרגוליס גוטע — 261.
מאַרגענטוי ל. — 199.
מאַרגאַשעס — 64.
מאַרעווסקי א. — 294, 296.
מאַרקוזע — 402.
מאַרקיש פּרץ — 18, 19, 221.
מאַרקיש אסתר — 352.
מאַרקיש דוד — 352.
מאַרקס קאַרל — 211.
מאַרקעוויטש — 284.
מאַרק בער — 37, 61, 62, 96, 99, 101, 132, 135, 148, 177, 181, 185, 186, 189, 196, 197, 199, 294, 295, 302, 316, 320, 323, 324, 344, 370, 373.
מושקאַט זאָפיע — 14.
מושקאַט מאַריאַן — 174.
מושקאַט (בונד) — 166.
מיאַל ק. — 224.
מיטין מ. — 433.
מייער הערשל — 67.
מיכאַעלס שלמה — 104, 105, 107, 299, 435.
מיכניק אַדאַם — 365, 368, 369, 375, 376, 381.
מינץ הילאַרי — 26.
מינץ י. — 433.
מינקאָווסקי — 96.
מיצקעוויטש אַדאַם — 301, 366, 367, 368, 372.
מיקאַלייטשיק סט. — 48, 58, 60.
מיקאַיאַן א. — 217, 228.
מיקוניס ש. — 101, 219, 345, 404.
מירסקי מ. — 37, 40, 62, 132, 135, 141, 148, 156, 175, 181, 195, 196, 197, 199, 215, 217, 220, 264, 310, 319, 321, 332, 333, 344.
מעלאַמעד ח. — 259.
מעלמאַן מאיר — 94.
מענדעלע מוכר ספרים — 197, 385.
מענדעלסאָן — 94.
מענדעלסאָן משה — 402.
מאַרקאָוויטש — 403.
מערזשאַן אידע — 312.

נ

נאָוואָמאָדי ח. — 344.
נאָדעל בנימין — 294.
נאָוואַק זענאָן — , 224.
נאָוואַק ראָמאָן — 347, 348.
נאָוויק פסח — 55, 66, 268.
נאָטעל יעקב — 126, 129.
נאָמיאָטקעוויטש וו. 365, 383, 429.
נאָרדען אַלבערט — 348.
נוטקעוויטש חיים — 232.
נייטער — 96.
ניישטאַט מ. — 97.
נסתר — 221.
נצר צבי — 300, 349, 354.

ס

סאָבטשינסקי וו. — 57.
סאָבעלמאַן יוסף — 291.
סאָבעלמאַן יעקב — 231.
סאַדורסקי — 284.
סאָלזשעניצין — 341.
סאָלובא — 363.
סאַמאַראָוו נ. — 294.
סאַמסאָנאָוויטש י. — 94, 148, 166.
סאַנדאַטש י. — 219.
סאַנדאַוער א. — 199, 414.
סאַנדלער גדליה — 268.
סאַנדעל י. — 96, 185.
סאַפּרין ה. — 300.
סאָקאָלניקאָוו ג. — 436
סאַק י. — 40, 42, 87, 92, 132, 135.
סאָקאָרסקי וו. — 180, 341, 364, 365.
סול אורי — 67, 114.
סולער ח. — 268.
סוצקעווער אברהם — 3, 77, 187, 264.
סוסלאָוו — 220, 345.
סטאַלין — 16, 21, 22, 25, 26, 117, 136, 138, 143, 160, 164, 180, 204, 206, 209, 211, 213, 214, 216, 220, 223, 237, 436, 438, 439, 442, 443.
סטאַנקעוויטש — 317.
סטאַסאָוואַ יע. — 274.
סטאַרעוויטש א. 207, 224, 362, 399, 429.
סטאַשעווסקי ס. — 224.
סטשעלעצקי ר. — 331, 332, 341, 362, 363.
סידאָר ק. 355, 384.
סיגאַל ל. — 64.
סימאָנאָוו ק. — 346.
סימביאַרעוויטש ע. — 405.
סינאַי ר. — 218, 304.
סיקאָרסקי סערגיי — 28.
סיראָפּ הערש — 404.
סלאָבאָדניק וו. 199.
סלאָבאָדקין דוד — 82, 174, 176, 447.
סלאָוועס ח. — 67, 179, 181, 218, 296.
סלאָוו א. — 280.
סלאָנימסקי א. — 199, 200, 372, 377.
סלאָנסקי ר. 205, 206.
סלוצקי א. — 199, 367, 420.
סלוצקי (היסטאָריקער) — 439.
סלושני מ. — 58.
סמאָליאַר הערש — 14, 18, 44, 94, 96, 101, 132, 155, 196, 197, 199, 240, 302, 345, 347, 404, 405, 430.
סמאָליאַר אַלעקסאַנדער — 365, 375, 382.
סמאָליאַר עוגעניוש — 382.
סנה משה — 45, 117, 121, 134, 219, 300, 344, 345, 366, 404.
סנה חנה — 366.
סעקשטיין געליע — 403.
סערף ליזע — 315.
סגל שמואליק — 301.
ספּאַרד דוד — 94, 137, 181, 189, 196, 197, 198, 199, 200, 201, 206, 216, 220, 235, 241, 263, 264, 284, 285, 286, 297, 300, 315, 316, 317, 322, 330, 358, 380, 399, 406, 407, 412, 420.
ספּאַרד ריווע — 420.
ספּאַרד לעאָן — 376.
ספּיכאַלסקי — 227.
סקשיפּטשאַק וולאַדיסלאַוו — 416.
סקשעשעווסקי — 158.

ע

עגיט יעקב — 150, 151, 152, 153, 156, 196, 198, 199, 206, 207, 208, 213.
עגיט קלאַראַ — 206.
עדעלמאַן מאַרעק — 86, 397, 398, 428.

עטינגער שמואל — 121.
עלבערג יהודה — 55, 187.
עלמאַן מ. — 98.
עמיאַט י. — 244, 261.
ענגעל — 311, 364.
ענגעלס פרידריך — 444.
עקערלינג ז. — 283, 284, 285, 286, 287, 288, 289, 290, 333.
עריק מאַקס — 115.
ערליך העגריק — 237.
ערעם משה — 97.
ערענבורג איליא — 23, 142, 164.

פ

פאַגעל מ. — 166.
פאַדייעוו א. — 164.
פאַווין — 66.
פאַטראַסקאַנו ל. — 205.
פלגי יצחק — (פאַלאַקעוויטש איגנאַץ) 124, 125, 128, 129.
פאַליאַנקער ה. — 221, 352.
פאַלקאָוויטש א. — 257, 260, 261.
פאַלק י. — 40, 73, 166.
פאַנאַמאַרענקאַ פ. ק. — 15, 16, 18, 22, 27, 29, 161, 235.
פאַנאַמאַריאַוו — 345.
פאַסטערנאַק לעאָן — 130.
פרנס ה. — 40, 81, 132, 142.
פאַרקאַס — 237.
פאַשקאָווסקי — 279, 287, 288.
פודלאַווסקי לייב — 166.
פוטאַ י. — 346.
פוטראַמענט י. — 200, 371, 373.
פויכטוואַנגער — 118.
פויערמאַן — 148.
פונק רישע — 387.
פוקס חיים־לייב — 77.
פוקס מאַריאַן — 403.
פורצעווא יע. — 216.
פילאַטאַווסקי — 400.
פטאַשינסקי — 279.
פיאַסעצקי באָלעסלאַוו — 276, 277, 283, 284, 285, 286, 287, 289, 305, 306, 308, 314, 319, 340, 356, 361, 362, 364, 368, 371, 381, 383, 386, 388, 391, 393, 394, 417, 446.
פיאַסעצקי באָהדאַן — 283, 284, 287, 288, 289.
פיגאַן — 308.
פידלער (טרוסקער) — 172, 206.
פייגין, פראָפ. — 211.
פייגין (זיכערהייט־מיניסטעריום) — 212.
פיינגלאָס אייב — 67, 445.
פיכמאַן י. — 99.
פילאַטאַווסקי וו. — 363.
פילד (נאָעל, הערמאַן) — 172, 206.
פילסודסקי י. — 315.
פיליכאָווסקי טש. — 300, 384.
פינדער פּאַוועל — 438.
פיניבערג עזרא — 221.
פינקעל ש. — 301.
פינקעלשטיין לעאָ — 78, 186.
פינזאַן מימי — 268.
פיעסטראַק פ. — 260.
פיצאָווסקי י. — 359.
פיקאַן מאַלי — 67.
פיקול וו. — 434.
פישמאַן — 176.
פישגרונד ס. 40, 55, 86, 132, 142, 155, 166, 167, 169, 196, 247, 302, 304, 325, 326, 327, 420.
פלאַטער — 430.
פלאַץ יידל — 81, 245.
פלאום י. — 294.
פלאַצקער לעאָן — 138.
פלאַטאַ — 172.
פלאַטע ק. — 332.
פלאַטאַן סידניי — 63.
פלאַטנער א. — 16, 22, 221, 260, 261.
פעדאַסיוק א. — 27.
פעדערמאַן סיימאַן — 256.
פעטראַן טאַביטאַ — 216.
פעטערזייל י. — 195.
פעטרוסעוויטש ק. — 17.
פעלדמאַן בערקו — 133.
פעלהענדלער י. — 239, 253, 360.
פעלעצקי ט. — 405.
פעפער איציק — 13, 21, 22, 25, 103, 104, 105, 113, 115, 134, 162, 163, 221.
פערבער — 302.
פערדמאַן ש. — 197.

פערלאָ — 62.
פרומקין מ. (אסתר) — 260.
פריד י. — 268.
פרידלאַנד צבי — 439.
פרידמאַן יעקב — 346, 445.
פריזאַמענט — 182.
פריטיצקי ס. — 27.
פריסטעראָווא — 311.
פרנס ה. — 47, 81, 132, 142.
פרץ י. ל. — 188, 199, 307, 308, 334, 335, 336, 385, 400.
פשטשולקאָווסקי — 279.
פשעדבאָרסקי ז. — 268.

צ

צאַנאָווא — 24.
צבר שמחה — 121.
צוקערמאַן יצחק (אַנטעק) — 40, 55, 86, 150.
צוקערמאַן נח — 294, 295.
צוקערמאַן רחל — 294, 295.
צינצינאַטוס א. — 137.
צייזעל ה. — 294.
ציראַנקעוויטש י. — 116, 118, 167, 175, 234, 287, 305, 311, 327, 328, 329, 341, 386, 389, 394.
צעגעלסקי — 223.
צעטקין קלאַראַ — 443.
צעכנאָווסקי — 378.
צעפעלעוויטש ד. — 252.

ק

קאַבילינסקי ש. — 359.
קאַגאַן א. — 137.
קאַגאַנאָוויטש ל. — 21, 25, 228.
קאַגאַנאָווסקי אפרים — 18, 19, 20, 24, 28, 29, 94, 99, 188.
קאַדען־באַנדראָווסקי — 310.
קאָװנער אבא — 301.
קאַזאַקעוויטש עמנואל — 204, 205.
קאַזלאָווסקאַ ה. — 24.
קאַזשעניעווסקי ק. — 199, 200.
קאַט י. — 366.
קאַטאַרבינסקי ט. — 129, 299.
קאַטשאַלעק — 259.
קאַטשערגינסקי ש. — 288.
קאַכמאַנסקי ט. — 385.
קאַלאַדני (קול) מ. — 97.
קאַלאַקאָווסקי לעשעק — 332, 365, 373, 377.
קאַליך י. — 67.
קאַלינאָווסקי — 280.
קאַלינין מ. — 104, 442.
קאַלעשניקאָוו ז. — 36.
קאָמאַר וו. — 123, 124, 125, 171, 226, 227.
קאַמינסקי א. ר. — 325.
קאַמינסקאַ אידאַ — 137, 181, 182, 183, 195, 300, 302, 420.
קאַמינסקי זשאַק — 240.
קאַמפּט (קאַנעט) — 126.
קאַמעניעצקי ה. — 16, 22, 221, 260.
קאַמעניעוו ל. — 438.
קאַן נ. ה. — 244, 314, 315, 316.
קאַנוויצקי ט. — 369.
קאַנינסקי ע. — 51, 226, 227.
קאַנקאָל ק. — 330, 363, 381.
קאַסאָווער — 55.
קאַסטאָוו טראַיטשאַ — 205.
קאַסמאַן ל. — 224, 320, 363, 379.
קאַפּלאַן אַרמאַנד — 98, 327.
קאַפּטאַ י. — 359.
קאַפּטאַל ל. 219.
קאַפּלאַן — 434.
קאַפּראָווסקי י. — 199.
קאַץ דניאל — 418, 427, 428.
קאַציזנע א. — 296.
קאַרטשאַק י. — 312, 401.
קאַרטשינסקי ג. — 172.
קאַרלעבאַך ע. — 65.
קאַרמאַן יידל — 240, 294, 299, 302, 344, 348.
קאַרסאָוו נינאַ — 342.
קאַשטשושקאַ ט. — 300.
קאַשעווסקי — 311.
קובינאַ — 59.
קובאָוויצקי א. — 134.
קוויטקאַ לייב — 221.
קוירק פראַנק — 179.

קולאַגין — 103.
קולבאַק מ. 115, 261.
„קוציק" — 408, 409.
קון בעלאַ — 205.
קליגער ח. — 418.
קוראַן יאַצעק — 339, 341, 368, 369, 382, 392.
קוראַפּיעסקאַ — 171.
קורילאַוויטש אַדאַם — 448, 449.
קורלענדער י. 179.
קופּעל — 287.
קופּערשמיד ל. — 199.
קופּפער א. — 185.
קושניראַוו א. — 221.
קיאַווסקי א. 371.
קיפּניס איציק — 220.
קיטשקאַ ט. — 350.
קיסעליאַוו וו. — 433.
קירשנבלאַט ר. — 101.
קישעלעווסקי סט. — 373, 376.
קלאַשעוויטש וו. — 224, 427.
קלישקאַ זענאַן — 100, 222, 227, 286, 327, 362, 366, 386, 389, 399.
קליינמאַן ש. — 219.
קנובאַוויעץ ב. — 28.
קנאַפּהייס מ. — 77, 188.
קראַטקאַ ז. — 30.
קראַשיצקי י. — 137, 383, 394.
קרוטשקאַווסקי ל. — 199, 200.
קרושעק ס. — 385.
קרינטשיק — 448.
קרישטאַפּאַוויטש מ. — 27.
קעוויטש ל. — 403, 405.
קעלבערמאַן א. 252.
קערלער י. — 245.
קערמיש י. — 185.
קערש י. 98.
קרעל וו. — 326.
קשענזשאַרטשיק ה. — 385.
קשעמינסקי מ. — 397.

ק

ראַגאַזשינסקי ש. — 190.
ראַדקעוויטש סט. — 52, 53, 54.
ראַדען — 103.
ראַדעק קאַרל — 438.
ראַוויטש מלך — 314, 315.
ראַזנבוים יצחק — 335.
ראַזנבערג עטל, יוליוס — 200.
ראַזען מ. — 326.
ראַזענטאַל חיה׳לע — 36.
ראַזענמאַן א. — 142.
ראַטבוים שרה — 294.
ראַטהאַלץ ש. — 191.
ראַטשקאַ — 62.
ראַיסקי א. — 96, 115, 240.
ראַיק לאַשלאַ — 205.
ראַלניק מאַשע — 350.
ראַמקאַווסקי ר. — 206, 212.
ראַפּאַפּאָרט נתן — 29, 86, 96, 103.
ראַפּאַצקי א. — 241, 263, 355, 360.
ראַקאַווסקי מיעטשיסלאַוו — 381.
ראַקאַווסקי מאַרק — 294.
ראַקאַסאַווסקי ק. — 226, 227, 280.
ראַקאַשי מ. — 237.
רובאַשאַוו (שזר) — 100.
רובין רבקה — 350.
רובינשטיין י. — 55, 188.
רובינשטיין א. — 385.
רוד אַניע — 162.
רודענסקי שמואל — 301.
רוזשאַנסקי י. — 212.
רוטקאַווסקי א. — 185, 330.
רויטענבערג ד. 418.
רומינסקי ב. — 224, 357.
רופּאייזן (דניאל) — 444.
רוקח — 65.
רושינעק ק. — 329, 398.
ריגנער גערהאַרד — 327.
ריוועס י. — 204.
רינגעלבלום ע. — 181, 184, 401, 403.
רייבער ע. — 298, 302, 332, 397.
רייזמאַן א. — 309.
רייס א. — 98, 110, 263.
ריפּטין — 121.
ריקאַוו א. — 138.
רעדליך — 280.
רעמעניק ה. — 350.
רענקע — 345.

ש

שבתי צבי — 402.
שדמי נ. — 125.
שאווער מרים — 274.
שאַניאַווסקי — 304, 359.
שאַפּיראָ גרשון — 237.
שאַפּיראָ איזי — 179.
שאַפּיראָ — 37.
שאַפּיר ב. — 166.
שאַף א. — 202, 203.
שאַפּער ט. — 363.
שוביטש — 203.
שוואַרץ — 173.
שוואַרצמאַן אברהם — 95.
שוויאַטלאָ — 212.
שוויערטשעווסקי ק. — 137.
שולדענפריי — 92, 166, 167.
שולקין מ. — 38.
שולשטיין מ. 67, 114, 268.
שומאַכער — 94, 149.
שטאַכעלסקי י. — 220.
שטאַרך ה. — 87.
שידלאַק — 385.
שיינע מרים — 244.
שטיינבערג — 135.
שטערנבערג י. — 221.
שטערן פּ. — 96, 124, 125, 137, 142.
שטראַכמאַן נ. — 94, 137.
שטרייכער — 383, 385.
שטשעשניאַק א. — 386.
שילדקרויט מ. — 58.
שילער רבקה — 294, 317.
שישקאָ י. 405.
שלאַנסקי א. 99, 115.
שלום־עליכם — 177, 301, 309, 385, 400, 413.
שלייען י. — 41.
שלייפער ה. 362, 368, 369, 375, 376, 382.
שלעווין ב. — 67, 114, 268.
„שמואליק" — 413, 414.
שניאור ז. — 99, 118.
שניידערמאַן ש. 55.
שנעק ז. 320, 412.
שנער ה. 94, 103.
שעכטער אַזיאַש — 381.
שעכטער שמעון — 342.
שעמעק — 398.
שערפּינסקי — 34, 397.
שפּאַטאַנסקי — 341.
שקליאַר מ. — 189, 199, 244.
שריפּט ש. — 198.

באַמערקטע פעלערן

אויף זייט 109, פערטע שורה פון אויבן:
אַנשטאָט צייטיקייט, דאַרף זיין: נייטיקייט.
אויף זייט 129, פערטע שורה פון סוף:
אַנשטאָט קאַמפס־גרופּן, דאַרף זיין: קאַמפס־גרוסן.
אויף זייט 200, צוועלפטע שורה פון אויבן:
אַנשטאָט איבערגעגעבן, דאַרף זיין: איבערגעבן.
אויף זייט 289, עלפטע שורה פון אויבן:
אַנשטאָט פאַרהאַסטע דורך די ייִדן, דאַרף זיין:
פאַרהאַסטע דורך זיי — ייִדן.